STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11400

ZSHERMINAL, ODER, NANA'S BRUDER

Emile Zola

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשערמינאל

אדער

נאנא'ס ברודער

א שילדערונג איבער דעם קאמפף פון
דער ארבייטער קלאססע.

— פון —

עמיל זאלא.

פרייז, 40 סענט.

היברו פאבלישינג קאמפאני,
83־85־87 קאנאל סט., ניו-יארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85 Canal Street, New York.

זשערמינאל.

פון עמיל זאָלא.

אויף אַ'ן אָפענע גלייכע שטיק לאַנד, ביי נאַכט, אונטער אַ הימעל אָהן שום שטערען, אין אַ געדיכטע פינסטערניס, וויא טינט, איז אַ מאַן איינער אליין געגאַנגען איבער דיא הויפּט־וועג פון מאַרשיען צו מאָנטסאָן — איבער אַ'ן אויסגעפלאַסטערטע וועג, צעהן קילאָמעטער דיא לאַנג, וועלכע האָט זיך דורכגעשניטען דורך אַ פעלד פון בוריקעס. ער האָט אפילו ניט געקענט זעהן דיא פינסטערע ערד פאַר זיינע אויגען, און ער האָט ניט געפיהלט, סיידען אַז ער איז אַרומגערינגעלט מיט אַ אונגעהייער גרויסע אָפענע פעלד, וואָס ער האָט זיך געקענט אָנשטויסען נאָך דיא שטראָמען פון מערץ־ווינט, וועלכע האָבען געבלאָזען וויא אויף'ן ים, מיט אַ בייסענדע קעלט טראָגענדיג זיך איבער מייל'ען און מיילען פון זומפּ און נאַקעטע פעלד. קיין איינציגער שאָטענדיל פון אַ בוים האָט באַפלעקט דעם ווייטען הימעל. וויא ער איז אַזוי געגאַנגען האָט דיא וועג זיך אויפגעוויקעלט און אויפגעוויקעלט פאַר איהם, אין רעכטען מיטען פון דיא בלענדענדע געדיכטקייט פון דעם פינסטערען תהום.

דער מאַן איז אַרויס פון מאַרשיען צוויי אוהר נאַכמיטאַג. ער איז געגאַנגען מיט גרויסע טריט, ציטערענדיג אין איין סאַמעטענע זשילעטקע און הויזען. אַ קליינער פּעקעלע, איינגעוויקעלט אין אַ געקעסטעלטע פאַציילקע, האָט איהם געשטערט און דערעסען; און ער פלעגט אָפט דאָס האַלטען ביי זיין זייט — דאָ ביי דעם רעכטען, דאָ ביי דעם לינקען זייט — כדי צו קענען ביידע הענט האַלטען אין דיא קעשענעס, — זיינע הענט, וועלכע זיינען פאַרגליווערט און איבערגעלאָזען אָהן אַ טראָפּען בלוט פון דעם שניידענדען ווינט. איין איינציגער געדאַנקען האָט פאַרנומען דעם מוח פון דיעזען אַרבייטער אָהן אַרבייט און אָהן אַ היים — דיא האָפנונג, אַז ווען עס וועט נעהמען טאָגען, וועט דיא קעלט אַ ביסעל שוואַכער ווערען. איבער אַ שטונדע איז ער אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז, צוקומענדיג צוויי מייל דיא ווייט פון מאָנטסאָן, האָט ער אויף דער לינקער זייט דערזעהען רויטע פייערן פון דריי קופּעס קױלען, וואָס האָבען געברענט אַזוי וויא אין דער לופטען. צוערשט האָט ער זיך עפּעס דערשראָקען און דערנאָך האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ שמערצליכער חשק אָנצואוואַרעמען דיא הענט אַ ווײלע.

אַ משופּע'דיגע וועג האָט זיך אַראָבגעצויגען פאַר זיינע אויגען. ווייטער איז אַלץ געוועזן פינסטער. פון דער רעכטער האַנד איז געשטאַנען אַ הויכער ברעטערנער פּלאַנקען, וואָס האָט פאַרצאַמט אַ'ן אייזען־באַהן, און פון דער לינקער האַנט האָט זיך אויפגעהויבען אַ באַרג, פאַרוואַקסען מיט גראָז; און אויף זיין שפּיץ איז געשטאַנען אַ גאַנצער פּלאָנטער פון דעכער, — אַ דאָרף. ער איז אונטערגעגאַנגען נאָך צוויי הונדערט טריט. פּלוצלונג האָט ער נאָך אַ מאָל דערזעהען דיא פייערען, שוין גאַנץ

נאָהענט צו איהם, פון איין זייט פון דעם בארג; און קוקענדיג האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין וויא אַזוי זיי ברענען דאָס אַזוי הויך אַזוי וויא אויפ'ן הימעל, עפּעס וויא גליהענדע לבנות. אָבער גאַנץ נאָהענט צו דער ערד האָט ער דערזעהען נאָך אַ זאַך, וואָס האָט איהם געצוואונגען זיך אָבצושטעלען און זיך ארומצוקוקען. דאָס איז געווען אַ געדיכטע מאססע פון נידעריגע געביידעס און פון צווישען זיי האָט ארויסגעהויבען זיך דער קוימען פון אַ פאַבריק. זאָנדערבאַרע פייערליך האָבען זיך געזעהען דורך דיא שמוציגע פענסטער. פון דרויכען זיינען עטליכע לאַנטערנעס אראָפּגעהאָנגען פון אַ גרויסע פאַררויכערטע הילצערנע ריסטאָוואַניע, און פון דיעזע גרויליגע, אַזוי וויא ניט-דיא-וועלטיגע געביידע, וועלכע איז געווען איינגעוויקעלט אין רויך און אין פינסטערניס, האָט זיך געהערט איין איינציגער קלאַנג—דער לאַנגער, הויכער אָטעם פון דיא ארויסלויפענדע דאַמפּף, וועלכע זעהען האָט מען ניט געקענט.

דער מאַן האָט פערשטאַנען, אַז דאָ איז אַ מינע. איהם איז ווידער אומעדיג געוואָרען אויפ'ן האַ־צען. וואָס איז דיא פּעולה? דאָ וועט ער אויך קיין ארבייט ניט קריגען. אנשטאט צו גיין צו דער ריסטאָוואַניע צו, האָט ער סוף כל סוף זיך אוועקגעלאָזען ארויף-באַרג, צו דעם אָרט, וואו דיא קוילען האָבען געברענט אין ברייטע קעסלען. איינינגע ארבייטער זיינען געצוואונגען געווען צו ארבייטען שפּעט ביי נאַכט, און דיזע זיינען יעצט געווען בעשעפטיגט ביי'ן אָפּראַמען דיא פּסולת און אָפּפאַל. דער מאַן האָט געהערט, וויא מען שטופּט וואַגאָנעס און האָט געזעהן דיא שאָטענס פון דיא ארבייטער לעבען דיא פייערן.

— גוטען אָוועגד! — האָט ער געזאָגט צוקומענדיג צו איינעם פון דיא קעסלען.

אַ פורמאַן איז געשטאַנען מיט'ן פּלייצע צום פייער; דאָס איז געווען אַ קליין־געוואקסענער אלטער מאַן, אין אַ רויטליכען וואָלענעם קאַפּטעל, און מיט אַ'ן אלטען קאַפּטור פון אַ קרוליקענע פעלכיל אויפ'ן קאָפּ. זיין פערד איז געשטאַנען ניט געבענדיג זיך קיין ריהר, ווערענד מען האָט אויסגעליידיגט דיא זעקס וואַגאָנעס, וואָס ער האט צוגעשלעפּט איבער דיא רעלסעס. דיזע ארבייט האָט געטאָן דעם פורמאַן'ס צוהעלפער, אַ פריילינבער יונג, אַ רויטער, אַ געזונטער, וועלכער האָט דיא אָפּפאַל אויסגעשאָטען מיט דעם וואָס ער האָט מיט זיין קרעפטיגע האַנד געדריקט אַ'ן אייזערנעם הויבער. דאָ אויבען איז דער ווינט געווען נאָך שטאַרקער, — אַ פרירענדער ווינט, וואָס זיינע גרויסע שטראָמען האָבען געפּאָכט וויא שאַרפע סערפּעס.

— אַ גוטער אָוועגד! — האָט דער אַלטער מאַן געענטפערט.

עס איז שטיל געוואָרען. דער אונבעקאַנטער, פיהלענדיג, אַז מען בעקוקט איהם דאָ מיט חשד, האָט זיך אָנגערופען מיט'ן נאָמען.

— מען רופט מיר עטיענן לאַנטיע. איך בין אַ מאַשיניסט. קען איך דאָ קריגען ארבייט?

דיא פלאַמען האָבען אויף איהם אַ וואָרף געטאָן אַ שיין, וועלכע האָט געוויזען, אַז ער איז אַ יאָהר איין און צוואַנציג מיט אַ זעהר דונקעלע געזיכטס־פאַרב — זעהר אַ שיינער יונג, און, וויא עס האָט אויסגעוויזען, אַ שטאַרקער קערל, הגם ניט גרויס געוואקסען און ניט דיק.

דער פורמאַן האָט זיך בערוהיגט און האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— ארבייט פאַר אַ מאַשיניסט? — האָט ער געפרעגט — ניין, ניין...... נעכטען זיינען דאָ אויך געווען צוויי מאַשיניסטען נאָכפרעגען נאָך ארבייט. זיי האָבען אויך ניט געקראָגען.

ער האָט עפּעס ווייטער געוואָלט זאָגען, אָבער אַ ווינט־שטראָם האָט אָבגעהאַקט זיינע ווערטער. דאַן האָט עטיענן, אָנווייזענדיג אויף אַ שוואַרצען פלעק לעבען דיא געביידע אונטער'ן באַרג, געפרעגט:

— דאָס איז אַ מינע?

דיזען מאָל האָט דער אַלטעצקער ניט געקענט ענטפערן: אַ געוואַלטיגער הוסט האָט איהם גענומען שטיקען. ענדליך האָט ער אויסגעשפּיגען און פון דעם איז אויף דער ערד געוואָרען אַ שוואַרצער פלעק.

— יאַ, אַ מינע, — האָט ער דאַן געענטפערט, די וואָריי מינע. דער אריינגאַנג איז דאָ דערביי.

דאַן האָט ער מיט אַ'ן אויסגעשטרעקטע האַנט דורך די געדיכטע פינסטערניס אַנגעוויזען אויף דעם דאָרף, וואָס זיינע צונויפגעפּלאָנטערטע דעכער האָט דער יונגער מאַן שוין פריהער געזעהען. די זעקס וואַגאָנעס זיינען איצט שוין געוועזן ליידיג. גאָר אָהן אַ שמייץ האָט דער פערד פון זיך אַליין גענומען גיין, שלעפּענדיג זיך צווישען די רעלסעס. דער אַלטער פוהרמאַן איז שווער נאָכגעגאַנגען מיט זיינע קראַנקע פיס, אין אַ נייעם גוס פון ווינט, וועלכער האָט געהויבען און פאַרקאַסערט די פאָלעס פון זיין קאַפּטעל. אָבער די מינע און דער דאָרף זיינען איהם איצט עפּעס טייער געוואָרען.

עטיען, פאַרגעסענדיג אַנצוּוואַרעמען די הענט ביי'ן פייער, האָט שטאַרק בעקוקט יעדע איינצעלנע טהייל פון די מינע: דעם איינגעפּעכטען דאַך, דעם טורמעל פון די טיפע גריבער, דעם גרויסען צימער פון די הויב-מאַשין, און דעם פּירקאַנטיגען טורעמעל פון די שעפּ-מאַשין. די גאַנצע מינע דאָרטען אונטען, מיט איהרע מויערען און מיט איהר הויכען קוימען, האָט איהם אויסגעוויזען סטראַשנע, עפּעס אַזוי וויא אַ שרעקליכער מין חיה רעה, וואָס ליגט דאָרטען צוגעטייעט, גרייטענדיג זיך איינצושלינגען די גאַנצע וועלט. אלס ער איז אַזוי געשטאַנען און געקוקט, האָט ער געטראַכט וועגען זיין לעבען אין די פאָריגע אַכט טעג, — אַ לעבען אלס אַ טרעמפּ, וואָס שלעפּט זיך אום זוכענדיג אַרבייט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דעם אייזענבאַהן ווערק-שטאַט, וויא ער האָט אַראָבגעלאָזען זיין עלסטען אַ פּאַטש, וויא מען האָט איהם אַרויסגעטריבען פון די שטאָדט לילל, וויא מען האָט איהם געטריבען פון אומעטום. פאָריגען שבת איז ער אָנגעקומען אין מאַרשיענן, וואו מען האָט איהם געזאָגט, אַז ער וועט קענען קריגען אַרבייט אין פאָרזש; דאָרטען האָט ער אָבער אויך גאָר ניט געפנען, און אין סאָנוויללל אויך ניט. דעם זאָנטאָג האָט ער פאַרבראַכט ליגענדיג בעהאַלטען אין אַ שול-הויף ביז אַרום צוויי אוהר פאַר'טאָג, — האָט איהם דער פערוואַלטער אַרויסגעיאָגט. גאָר ניט קיין איינציגען סענט, קיין פּיצעל טרוקענע ברויט האָט ער אפילו ניט בעקומען אויפ'ן וועג. ער גייט ניט וויסענדיג וואוהין, ניט האַבענדיג וואו זיך צו צוטורלען פון די שטורם-ווינטען. יאַ, דאָ איז אַ מינע: די הייצענדיגע לאַטערנעס בעלייכטען דעם אריינגאַנג אין גרוב, אַ טהיר, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אויפגעעפנט; האָט איהם געוויזען די טיגלען און די קעסלען בעגאָסען מיט פאַרברענענדען שיין. איצטער האָט ער שוין פאַרשטאַנען פון וואַנען עס איז אַרויסגעלאָפען די דאַמפּף, וואָס האָט גיסאָפּעט און גיסאָפּעט אָהן אַן אויפהער, אַזוי וויא דער שווערער אָטהעם פון אַ משונה'דיגע סטראַשידלע, וועלכע מען שטיקט.

דעם פוהרמאַן'ס צוהעלפער האָט אפילו קיין קוק ניט געטאָן אויף עטיען'ען און האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּלייצע צו איהם. עטיען האָט זיך איינגעבויגען אויפצוהויבען זיין פּעקעל, וועלכער איז אַראָבגעפאַלען אויף ד'ר'ערד, ווען אַ שווערע הוסטריי האָט געלאָזט וויסען, אַז דער פוהרמאַן איז צוריק געקומען. ער האָט געזעהן, וויא ער גייט לאַנגזאַם דורך די פינסטערניס און וויא נאָך איהם ציהען זיך די 6 וואַגאָנעס איבער אַ נייעם אָנגעפּילט.

— זיינען דאָ שעפּער (זאַוואָדען) אין מאָנטסאָן? — האָט דער יונגער מאַן געפרעגט.

דער אלטער מאן האט א שפיי געטאן מיט שווארצע און האט געענטפערט אין דעם ווינט אריין:

— א, איבער שעפער איז קיין מניעה ניט! האסט בעדארפט זעהען, וואס פאר דריי־פיער יאהרען האט זיך גיטאן! יעדער האט פארדיענט א בכבוד'ען לעבען. עס איז גיוועזן שווער צו געפינען גענוג ארבייטער. קיין מאל האט מען ניט פארדיענט אזוי פיעל.... און דערנאך האט מען אנגיהויבען צו הונגערען. עס איז גיוועזן גאנץ טרויעריג פאר'ן גאנצען לאנד: מי האט אויסגישלאסען פיעלע ארבייטער, און שעפער האט מען צוגישלאסען איינע נאך די אנדערע....

דאן האט ער און עטיענן, ריידענדיג מיט אבגעהאקטע קורצע ווערטער, אנגעהויבען זיך צו בעקלאגען איינער פאר דעם אנדערן. דער יונגער מאן האט דערציילט, וויא ער גייט אום פון ארט צו ארט אומזיסט זוכענדיג ארבייט. צו דען וועט ער פשוט שטארבען פון הונגער? דיא וועגען וועלען באלד זיין פול מיט בעטלער.

— יא, — האט דער אלטער מאן זיך אבגירופען — דאס וועט זיין א גאנץ טרויעריגער סוף. עס איז ניט נאך גאט'ס ווילען נאך, אז גוטע קריסטען זאלען פאלען אין גאס.... זעלטען א טאג אז מיר האבען פלייש.

— וואלט כאטש גיוועזן ברויט!

— אמת, וואלט כאטש גיוועזן ברויט!

זייערע שטימען זיינען פארפאלען געווארן. שטראמען ווינט האבען מיט א יאמער פארשלעפט זייערע ווערטער.

— אן איז מאנטסאן! — האט דער פוהרמאן געזאגט אין דער הויך, זיך אומקערענדיג צו דרום-זייט צו.

און ווידער אויסשטרעקענדיג דיא האנט, האט ער אנגעוויזען אויף זאכען, וואס האבען זיך ניט געלאזט זעהן, און האט זיי אנגערופען מיט דיא נעמען, איינע נאך דיא אנדערע. א, דארטען, אין מאנטסאו, גייען נאך דיא פאוועל צוקער־פאבריקען; דיא פאבריקען אבער פון דיא האטאן קאמפאניע שטייען. ווייטער איז אלץ טויט. חוץ דיא קעססעל־פאבריק פון דיוטעלייל און דיא פאבריק פון שטריק צו מינעס, וועלכע בעלאנגט צו ביענז'ען. דאן האט דער פוהרמאן א ברייטען, האלב־קיילעכדיגען מאך געטאן מיט'ן האנט און האט אנגעוויזען אויף צפון־זייט. דיא מאשין־פאבריק אין סאנווילל האבען ניט בעקומען קיין צוויי דריטעל פון זייערע געוויינליכע באשטעלונגען, האט ער ערקלערט. פון דיא 3 גרויסע שמעלץ־אויוועגס אין פארוש און אין מארשיענן ברענען בלויז 2 און זאגאר אויף דיא גלאז פאבריק פון גאזשבוא האלט דאס ביי א סטריק, ווארום מען רעדט דארטען וועגען ארונטערגעהמען פון דיא ווייזשעס (שכירות).

— איך וויים, איך וויים, איך קום פון דארטען, האט דער יונגער מאן געענטפערט וועגען סאננווילל, פארזש און מארשיענן.

— ביי אונז איז ביז אהער נאך געוועזן וואס צו טאן, — האט דער אלטער פוהרמאן צוגעלייגט — הגם ביי דיא מינעס איז דיא ארבייט פארקלענערט. זעהט אין וויקטואר ברענען בלויז 2 ראנדען קאוק־אויוועגס.

דערביי האט ער א שפיי געטאן, האט צוגעצעפעט דעם פערד צו דיא אויסגעליידיגטע וואגאנס און גענומען נאכגיין נאך זיי.

איצט האט עטיענן שוין פערשטאנען דעם גאנצען ארומיגען געגענד. דיא נאכט־שאטענס זיינען נאך געוועזן טיעף; און דעם אלטען מאן'ס האנט, וועלכע האט אנגעוויזען אויף דיא פאבריקען, האט דעם יונגען ארבייטסלאזען אנגעפילט מיט א זא אימה, — עפעס אזוי וויא ער וואלט דא געוועזן ארומגערינגעלט מיט שרעקענעס!! וואס ציהען זיך ארום איהם ווייט ווייט, אהן א שעור און א גרונט. איז דאס ניט א הונגער־געשריי פון דער געגענד, וועלכער גייט נאך דעם ווינט דורך דיא נאקעטע.

גרויליגע פינסטערע לאנד? די שטורם־ווינטען ווערען בייזער. זיי טראגען, דאכט זיך, דעם טויט פון פראצע, און א הונגער, וואס קלייבט זיך צו פערלענגדען פיעלע מענשען. און מיט בלאנזענדע אויגען סטארעט זיך דער יונגער מאן דורכצודרינגען די פינסטערנעס, און זיין הארץ איז פערקלעמט אי פון א לוסט צו זעהן, וואס ארום איהם טוט זיך, אי מיט א שרעק פאר אלעס, וואס ער וואלט דא דערזעהן. אלעס איז פערניכטעט אין די געהיימניסע פון די פינסטערע נאכט; ער קען בלויז פון ווייטען באמערקען די גרויסע שמעלץ־אויוענס און די קאוק־פייערן. ציילען פון הונדערטע קאוק־אויוועגס ציהען זיך אין דער קרים, בעלויכטען פון רויטע פייערן, ווערענד צוויי טורעמס, פון לינקען זייט, ברענען אזוי וויא ריזיגע פאקעלען. אומעדיג און עלענד — אזוי וויא ביי א שרפה. קיין שטערען שיינט ניט פון דעם בייזען הימעל, — קיין זאך אויסער דיזע נאכט־פייערן פון דיזע לאנד פון קוילען און אייזען.

— איהר זייט אפשר פון בעלגיען? — האט עטיען הינטער זיך דערהערט דעם קול פון דעם פוהרמאן, וואס האט זיך אומגיקעהרט מיט די וואגאנעס.

דיזען מאל האט ער געבראכט בלויז 3 וואגאנס, זא דאס עס איז געווען גרינגער אויסצולײדיגען די משא. א מוטערקע פון א שרויף האט זיך צובראכען און האט די ארבייט פערהאלטען אויף א גוטע פערטעל שעה. אונטען אונטער'ן בערגעל איז געווארען שטילל. די ארבייטער האבען דארטען אויפגעהערט צו טרייסלען די ריסטאוואנע מיט זייערע שטענדיגע שטופענעס. עס האט זיך בלויז געהערט דער ווייטיגער גערויש פון די מינע — דער קלאפ פון א האמער אן אן אייזען.

— ניין, איך בין פון זיד־פראנקרייך — האט דער יונגער מאן גיענטפערט.

דעם פוהרמאנ'ס אונטערהעלפער האט זיך אויסגעלײדיגט די וואגאנעס און האט זיך אנידערגעזעצט אויף דער ערד. ער איז געווען זעהר צופרידען, וואס צוליעב די צובראכענע מוטערקע איז אבגעשטעלט געווארען די ארבייט, און איז פארבליעבען שטיל, וויא פריהער. ער האט בלויז אויפגעהויבען זיינע גרויסע טעמפע אויגען אויף'ן פוהרמאן, וועלכער האט איהם דערעסען מיט זיינע „ניין מאס רייד". אין גרונד פלעגט דער אלטער מאן געוויינליך ריידען גאנץ ווייניג. אום ער זאל זיך צוריידען מיט א'ן אונבעקאנטען מענשען, איז נייטיג געווען, אז יענעמ'ס געזיכט זאל איהם גיפעלען זיין און אז ער אליין זאלל געראד זיין אין אזא מוטה, ווען עס געלוסט זיך שטארק צו האבען א געשפרעך ווענען זיך און ווען אלטע לייט ריידען א מאל אין דערהויך צו זיך אליין.

— און איך בין פון מאנטסאן — האט ער געזאגט. מען רופט מיר באנגעמאר.

— דאס איז אזא צונעמענעס? — האט עטיען געפרעגט פערוואונדערט.

דער אלטער האט זיך פריילעך צולאכט און אנגעוויזען אויף די ווארוי מינע.

— יא, מען האט מיר דריי מאל ארויסגעשלעפט פון אינוויינינ. איין מאל מיט א צובראכענע הויט; איין מאל מיט ערד ביז'ן האלז; און א דריטען מאל מיט א מאגען אזוי פול מיט וואסער וויא ביי א זשאבע. אז מען האט געזעהן, אז דער טויט נעמט מיר ניט, האט מען מיר א נאמען געגעבען באנגעמאר, אויף שפאס.

ער איז נאך פרייליכער געווארען, זיך ווידער צולאכט און פון דעם זיך שטארק צוהוסט. דער פייער־קעסיל, וועלכער האט זיך איצט שטארק צוברענט, האט באלויכטען זיין גרויסע קאפ מיט די גראיע, שיטערע האר, זיין לעבהאפטע בלאסע געזיכט באדעקט מיט בלאיכעבע פלעקען. ער איז געווען נידעריג אין וואוקס מיט אן אונגעהייערע גרויסע האלז. די פיס האבען זיך ביי איהם ארויסגעזעהן און זיינע הענט זיינען געווען אזוי לאנג, אז די פינגער האבען דערגרייכט ביז די קניע. ווייטער איז ער געווען אזוי וויא זיין פערד, וועלכער איז געבליבען אויף די פיס, און האט אזוי וויא ניט געשפירט, אז עס בלאזט נאר א שניידענדער ווינט, — וויא פון שטיין וואלט ער געמאכט געווען; ער האט זיך געהאלטען פונקט וויא ער וואלט אפילו ניט געהאט

קיין חשד, אז עס איז א ביטערע קעלט און אז שטראָמען ווינט פייפען איהם אין דיא אויערן. ווען ער האָט געהוסט, האָט עס געריסען זיין האלז, אז עס איז געווען א רחמנות צו קוקען. ער האָט נאָך א מאָל אויסגעשפיגען—לעבען דעם סאַמע קעסיל,— און דער אָרט איז פון דעם שווארץ געוואָרען.

עטיענן האָט א קוק געטאָן צוערשט אויף איהם און דערנאָך אויף דעם אָרט וואָס זיין אויסשפייען האָט שווארץ געמאַכט.

— איהר האָט לאנג געארבייט אין דער מינע? — האָט ער געפרעגט.

באָננעמאָר האָט א הייב געטאָן ביידע הענד און האָט געענטפערט:

— לאנג? א יאָ! איך בין נאָך ניט אלט געוואָרען קיין אכט יאָהר ווי איך בין שוין ארונטער אונטען אין דיא וואָריי מינע, און איצט בין איך שוין אכט און פופציג. היינט באַרעכענט.. ... וואָס בין איך שוין ניט אויסגעווען! אלערליי ארבייטען האָב איך דאָרטען אונטען געטאָן. צום סוף, צוליעב מיינע פאַרפלוכטע פיס דיא קראַנקע, האָט מען מיר געשטעלט ביי אויסערליכע ארבייט פון אויבען, ביז מען וועט מיר דאַר־פען אין דער ערד אויף אייביג. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז אויב איך וועל ארונטער־גיין אין דיא מינע, וועל איך שוין צוריק קיין לעבעדיגער ניט ארויסגיין. פינף יאָהר האָב איך אזוי אבגעארבייט אויסער דער מינע, ביז מען האָט מיר געמאַכט פאַר א פוהרמאַן. ניט צו פאַרזינדיגען, — פערציג יאָהר ארבייט ביי א מינע, פינף און דרייסיג פון וועלכע זיינען פאַרבראַכט געווען אונטער דער ערד. ניש־קשה הא?

וועהרענד ער האָט אזוי גערעדט, זיינען פון קעסעל אראָפּגעפאלען עטליכע שטיקלעך ברענענדיגע קוילען און זייער פייער האָט הצלל זיין בלאַסע געזיכט בעלויכטען מיט א רויטע שיין.

זיי האָבען מיר געהייסען זיך אָפּרוהען—אויפצוהערען ארבייטען,—האָט ער ווייטער גערעדט — איך קען דאָס אָבער ניט טאָן. איך בין גאָר ניט אזא נאַר, ווי זיי מיינען. איך וועל אָפּאַרבייטען נאָך צוויי יאָהר, ביז איך וועל זיין זעכציג יאָהר אלט, און וועל בעקומען דיא הונדערט זעכציג סענט פענסיע. אז איך זאָל פון זיי אוועקגיין היינט, וואָלטען זיי מיר גינעבען דיא הונדערט־פופציג־סענטיגע פענסיע. איהר פערשטייט? זיי זיינען גענוג ביטערע, דיא גנבים, ניש־קשה! היינט גאָט, א חוץ דיא פיס בין איך נאָך גאַנץ געזונט. איהר פערשטייט, דיא וואסער איז מיר אריין אונטערן לייב, פון דעם וואָס איך האָב זיך איינגעווייקט אין דער מינע. פון דעם האָב איך דאָס טיינע שמערצען אין דיא פיס. עס טרעפט א מאָל, אז איך קען זיך קיין קער ניט טאָן אָהן קולות. אָבער אזוי נעמט מיר נאָך ניט דער שווארץ יאָהר.

א הוסט האָט איהם ווידער פערכאַפּט דעם אָטעם און אונטערבראָכען זיינע רייד.

— צוליעב דעם הוסט איהר דאָס? — האָט עטיענן געפרעגט.

דער אלטער האָט א שטאַרקען שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און ווען ער האָט זיך בעפרייט פון הוסט און שוין געקענט ריידען, האָט ער געענטפערט:

— ניין, גאָר א נייעס! מיט א פאָר מאָנאַט צוריק האָב איך זיך פערקיהלט. איך פלעג קיין מאָל ניט הוסטען; אָבער פון יענסמאָל אָן קען איך פון דעם ניט פטור ווערען.... איך פאַרשטיי אָבער ניט, פאַר וואָס איך שפּיי אזוי פיעל.. זאָנדערבאַר!..

זיין האלז איז איהם ווידער אָנגעפילט געוואָרען און ער האָט ארויסגעשפּיגען מיט שווארצע.

— שפּייט איהר מיט בלוט? — האָט עטיענן ענדליך זיך אדערוואַזשעט איהם צו פרעגען.

באָננעמאָר האָט לאַנגזאַם אָבגעווישט דיא מויל מיט דיא לינקע זייט פון האַנט און האָט געענטפערט.

— עס איז קוילען...... איך האָב גענוג קוילען אין מיין גוף איהם צו הייצען

אזוי לאנג וויא איך וועל לעבען, באטש עס איז שוין פינף יאהר וויא איך בין ניט געוועז אונטען אין קוילען־גרוב. איך האב זיך אנגעגרייט זאפאס, פארשטייט איהר מיר! עס האלט זיך. עס ווערט ניט פארפאלען ביי'ם לעבען.

עס איז געוועז שטיל. דארטען אונטען אין דער מינע האט דער האמער געגעבען זיינע רעגעלמעסיגע קלעפ. דער ווינט האט זיך געטראגען מיט זיין יאמערדיגען געשריי פון הונגער און פערמאטערטקייט, — זיך געטראגען פון דיא טיפעניסען פון דער נאכט. שטעהענדיג פאר דיא פלאמען פון דיא קעסלען, וועלכע האבען געהאט א ווילדען אויסזעהן, האט דער אלטער מאן אליין געדעדט און גערעדט איבערוויקלענדיג אין זיין געדאנקען זיינע פארביגעגאנגענע טעג. אָה, ניט פון נעכטען אן ארבייט ער און זיין משפחה אויף דיזען פלאץ. זיין פאטער און זיידע האבען געארבייט פאר דיא קאמפאניע פון דיא מאנסטאן מינעס פון זייער ערשטען טאג אן, — שוין פון פאר הונדערט־זעקס־יאהרען. זיין זיידע גילליאם מעהיי, א אינגעל פון דרייצעהן יאהר, האט דאס ענטדעקט דעם רייכען קוילען־אוצר אין רעקווילאר. דאס איז געוועז דיא ערשטע מינע פון דער קאמפאניע אין יענעם געגענד. דיזע מינע איז שוין פון לאנג אן פערלאזען. זיא געפינט זיך לעבען צוקער־פאבריק פון פאוועל. אלע ארום האבען איהם געקענט — דעם אינגעל — און דיא ערשטע מינע האט מען זאגאר א נאמען געגעבען גילליאם, נאך איהם נאך. דער אלטער מאן, וועלכער שטייט דא איצט און רעדט, געדיינקט זיין זיידען. א הויך־געוואקסענער מאן איז ער געוועזען, זעהר א געזונטער און א שטארקער, און ער האט געלעבט ביז פינף און זעכציג יאהר. גילליאם'ס זאהן, אונזער פורמאנס פאטער, ניקאלא מאהיי, וועלכער האט געהאט דעם צונאמען „דער רויטער", איז נאך קיין פערציג יאהר ניט אלט געוועזען, ווען ער איז פערשאטען געווארן אין דיא וואריי מינע, בשעת מי האט איהם ערשט אנגעהויבען צו גראבען. דיא ערד איז איינגעפאלען און האט איהם אין גאנצען צוקוועטשט. דיא קוילען־פעלזען האבען אויסגעטרונקען זיין בלוט און איינגעשלונגען זיינע ביינער. דעם פורמאנס צוויי פעטערס און זיינע 3 ברידער האבען שפעטער אויך דארטען פערלארען זייער לעבען.

ער אליין, ווינסען מאהיי, איז געבליבען לעבען און ער און זיינע קינדער און איי־ניקלעך האבען דעם גאנצען לעבען געארבייט אין דיא זעלבע מינע. אין סך הכל הייסט דאס, אז זיין משפחה גראבט שוין דא דיא קוילען הונדערט און זעקס יאהר. וועלכער בורזשוא קען דערציילען פון זיך אזא געשיכטע?

— דאך, ווען עס איז לכל הפחות דא צו עסען — האט עטיען ווידער געמורמעלט.

— דאס זאג איך דאך; כל זמן עס איז דא דיא שטיקעל ברויט, קען מען לעבען.

דער אלטער באנגימאר איז אנשווייגען געווארן. זיינע אויגען האבען זיך א קער געטאן צו דיא געסעלע, וואו איינע נאך דיא אנדערע האבען גענומען שיינען פייערלעך. דער מאנסטאנער ווינער האט געשלאגען פיער — פיער אוהר פאר טאג. — דיא קעלט איז געווארן שטארקער.

— איז דיא קאמפאניע, פאר וועלכע איהר ארבייט, עפעס רייך? — האט עטיען געפרעגט.

דער אלטער מאן האט א הויב געטאן מיט דיא פלייצעס, און דאן זיי צוריק אראבגעלאזען, אזוי וויא דער געדאנק פון געלט וואלט איהם איבערראשט.

— א יא, א יא! ... אפשר ניט אזוי רייך וויא זייערע שכנים, דיא קאמפאניע פון אנזען; אבער מיליאנען איבער מיליאנען האבען זיי יעדענפאלס. זיי קענען שוין אפילו ניט איבערציילען.... נ ינצעהן מינעס, פון וועלכע אין דרייצעהן ווערט געארבייט — דיא וואריי מינע, דיא וויקטואר, דיא גרעווקויר, דיא מיראן, דיא סענטאמא, דיא מאדלען, דיא פייטריקאנטעל און אנדערע, און זעקס, וועלכע מען האט שוין אויסגע־ארבייט און זיינען פערלאזען, וויא דיא רעקווילאר, צום ביישפיעל. צעהן טויזענד אר־

בייטער, לענדער וועלכע ציהען זיך איבער זיבען און זעכציג קאָמטונען, פינף טויזענד טאָן קוילען א טאָג, אַ'ן אייזענבאהן, וואָס באהעפטעט אלע זייערע מינעס; דערצו נאָך פאַבריקען, געביידעס.... אָה, יאָ, זיי האָבען געלד!....

עס האָט זיך דערהערט דער געריוש פון אָנקומענדע וואַגאָנעס, און דער געניטער פערד האָט אָנגעשטעלט דיא אויערען.

דאָס וואָס איז צובראָכען געוואָרען האָט מען שוין פאַרריכט, און דיא ארבייט איז פאָרטגעזעצט געוואָרען. ווערענד באָננימאָר האָט צוגעשפּאַנט דעם פערד אום ווידער זיך אראָפּצולאָזען אראָפּ־באַרג, האָט ער באַמערקט שטיללער־הייט, ריידענדיג צו זיך אליין: „דוא רעדסט צו פיעל, פערפלוכטער פוילער! אז הערר העננבאָ וואָלט דאָס זיך דערוואוסט, וויא פיעל צייט איך פאַרברייננג אין באַלעמוטשען!...."

עטיענן, וועלכער האָט פערטראַכטער־הייט געקוקט אין דיא טיפענעס פון דיא נאַכט, האָט געפרעגט:

— בעלאַנגט דיא מינע צו העננבאָ?

— ניין, — האָט דער אַלטער מאַן ערקלערט. — הערר העננבאָ איז בכּוח דער אַלגעמיינער דירעקטאָר. איהם צאָלט מען אויך שבירות, אזוי וויא אונז.

דער יונגער מאַן האָט געמאַכט אַ'ן אוואַיע און האָט ווידער גענומען קוקען אין דיא אונענדליכע טיעפענעס פון דעם חשך.

— ועמעס דען איז דאָס? — האָט דער יונגער מאַן געפרעגט.

אָבער באָננימאָר איז א ווילע פאַרשטיקט געוועזן פון א שרעקליכען הוסט. ענדליך, ווען ער האָט אויסגעשפּיגען און האָט דיא שוואַרצע פייכטקייט אָבגעווישט פון זיינע ליפען, האָט ער געענטפערט אין דעם ווינט, וועלכער איז נאָך שטאַרקער געוואָרען:

— וויא? צו וועמען בעלאַנגט דיא מינע? מיר ווייסען אויך ניט. צו אימעצען.

און אָנווייזענדיג אין דיא פינסטערנעס מיט'ן האַנט אויף א אונבעשטימטע ווייט־קייט, האָט ער געגעבען צו פאַרשטיין, אז ווייט ערגעץ־וואו וואוינען דיא גבירים, פאַר וועלכע ער, מאהיי, זיין פאָטער, זיין זיידע און זייער גאַנצע משפחה גראָבען דיא מינע שוין העכער וויא הונדערט יאָהר. און זיין שטימע האָט גענומען קלינגען עפּעס מיט א מין רעליגיעזע פורכט, — עפּעס אזוי וויא ער וואָלט דאָ גערעט וועגען א ווייטיגען קדשי קדשים, צו וועלכען מען קען ניט צוקומען, פון וואַנען א פערבאָרגענער אונבע־קאַנטער אונגעזעהענער גאָט טיילט זיי, דיא ארבייטער, אויס זייער חלק.

— וואָלט חאָטש געוועזן גענוג ברויט! — האָט עטיענן צום דריטען מאָל זיך אָבגערופען, בלייבענדיג משמעות ביי זיין איינציגען געדאַנקען.

— געוויס! אז מען וואָלט כאָטש שטענדיג האָבען וואָס צו עסען, וואָלט שוין רעכט געוועזן.

דער פערד האָט זיך געלאָזען גיין. דער פורמאַן איז פערשוואונדען געוואָרען נאָך איהם, מיט דיא שווערע טריט פון א קראַנקען. דער צוהעלפער האָט זיך אַלץ ניט געריהרט פון אָרט. ער איז געזעסען צונויפגעקאָרטשעט וויא א קנויל, מיט דיא מאָרדע צווישען דיא קניע און זיינע גרויסע גראָיע אויגען אָנגעשטעלט אויף דיא לופט.

עטיענן האָט אויפגעהויבען זיין פּעקיל; ער האָט זיך אָבער אַלץ ניט געהיילט צו גיין. ער האָט געפיהלט, וויא זיין רוקען פרירט פון דעם שניידענדען ווינט, ווערענד פון פאָרענט האָט איהם געפּולפערט דער גרויסער פייער פון דעם קעסיל. אפשר וואָלט זיין גלייכער, אז ער זאָל דאָ פּאָרט נאָכפרעגען אויף ארבייט. וואו דען זאָל ער גיין? וואָס וועט פון איהם ווערען אין דיזען שרעקליכען געגענד? איז איהם באַשערט צו פאַלען טויט וויא א הונט הינטער א פּאַרקען, אויסגייענדיג פון הונגער און פון קעלט? אָבער ריא וואָריי מינע, וויא זיא איז יעצט איינגעוויקעלט אין דיא געדיכטע נאַכט, האָט איהם געשראָקען, און ער האָט געקווינקעלט. ביי יעדען בלאָז האָט זיך

געדובט, אז דער ווינט ווערט אלץ שטארקער, — אזוי וויא ער וואלט זיך פארנומען מיט א וואקסענדען צארען איבער אלץ מעהרער און מעהרער לאנד.

קיין איינציגער בליק פון טאגען האט ניט וויים געמאכט דעם טויטען הימעל. דיא הויכע קוימענס האבען געווארפען זייערע פלאמען, דיא קאוק פייערען האבען גע־גליהט רויט; אבער זיי האבען ניט אבגעדעקט דיא אונבעוואוסטקייט, דעם תהום פון דיא פינסטערע נאכט. און דיא ווארי מינע גופא, דארטען אונטען אויפ'ן טיפען גרונד פון דיא גרוב, מיט איהרע מאססע אונגליקליכע ארבייטער, וואס ברעכען זיך און שטעכען זיך דארטען, — דיעזע מינע גופא איז נאך מעהר בעהאלטען פון דיא אויג. זיא סאפעט אזוי שווער; זיא אטעמט, דאכט זיך אלץ געמאטערט און געמאטערט — אזוי וויא זיא וואלט זיך געפלאגט פון דעם, וואס עס איז איהר שווער צו פאר־דאיען דיא בערג מיט מענשען־פלייש, וואס מען שפארט איהר טאג און נאכט אין האלז אריין.

צווייטער קאפיטעל.

צווישען דיא פעלדער פון ווייץ און בוריקעס האט דער דארף דייסאן־קארא געשלאפען אונטער דעם צודעק פון דיא שווארצע נאכט. עס איז קוים מעגליך געוועזן צו זעהען דיא איינצעלנע קליינע הייזעלאך, קוקענדיג אויף זיי, וויא זיי זיינען גע־שטאנען אין צייכען, רוקען צו רוקען אויסגעבויט רעגעלמעססיג, אזוי וויא קאזארמעס און צוטהיילט אויף גלייכע חלקים מיט דיא דריי גרויסע גאססען, וואס האבען דיעזע צייכען דורכגעשניטען. אויף דיא פלאכע שטיקעל לאנד האט זיך איצט בלויז גע־הערט דער יאמער פון דעם ווינט, וועלכער האט געריסען דיא העלצלאך פון דיא אבצאמונגען.

אין מאהיי'ס הויז, נומער 16 אין דעם לעצטען צייל, האט זיך נאך קיינער ניט געריהרט. דיא געדיכטסטע פינסטערנעס האט אנגעפילט דעם איינציגען צימער, אויף'ן ערשטען גארין, — עפעס אזוי וויא דער חשך וואלט וועלען מיט זיין שווערע משא דא איבערראשען דיא שלאפענדע מענשליכע ב שעפעניסען, וועלכע זיינען געלעגען מיט אפענע מיילער, נידערגעשלאגען פון פארמאטערקייט. הגב אויף דרויסען איז געווען א ביטערע קעלט, אין דיא שווערע לופט פון דעם צימער געווען גאנץ ווארים. א פאר שטיקטע לופט איז דאס געווען, וויא געוויינליך, אין איינגע שלעכט ווענטילירטע צימערן, אין וועלכע עס שלאפען עטליכע פערזאן.

דער זייגער אויף דעם צווייטען גארין האט געשלאגען פיער. קיינער האט זיך נאך ניט גענומען ריהרען. א שווערער אטהעם, בעגלייט פון א הויכען דאפעלטען כראפ, האט ניט אויפגעהערט צו הילכען. פלוצלינג האט זיך קאטרין אויפגעכאפט. אין איהר פאר־מאטערקייט און נאך פארשלאפענער־הייט האט זיא, וויא געוויינליך, דורך'ן באלקען איבערצגעציילט דיא פיער קלעפ פון זייגער, ניט זייענדיג נאך אין שטאנד זיך אויפ־צוכען. דאן, מיט א כאל א ווארף טאנדיג איהרע פיס פון בעט, האט זיא אין דער פינסטער גענומען טאפען, ביז זיא האט דערטאפט א שוועבעלע, האט איהר אנגע־ריבען און אנגעצונדען א ליכט. זיא איז אבער נאך געבליבען זיצענדיג אויף'ן ברעג מאטראץ. דיא קאפ איז ביי איהר געווען אזוי שווער, אז זיא איז אנידערגעפאלען אויף הינטען, נאכגעבענדיג א געוואלטיגען לוסט ווייטער צו לייגען זיך אויף'ן קיסען.

דיא ליכט האט יעצט בעלויכטען דעם צימער, וועלכער איז געווען פיער־קאנטיג מיט צוויי פענסטער, און איינע פון דיא דריי בעטען, וואס זיינען אין איהם געשטאנען. א חוץ דיא בעטען איז דארטען געווען א קאמאד, א טיש, צוויי שטולען, און אויפ'ן וואנט איז געהאנגען עפעס א פערדויבערטער פארטרעט. פון נעגעל זיינען אראפגעהאנגען טראנטעס; אויפ'ן טיש איז געשטאנען א קרוג מיט וואסער, און לעבען דעם — א רויטע שיסעל צום וואשען זיך. ווייטער גאר ניט. אין דיא בעט פון לינקען זייט איז געלעגען

זאשאריע, דער עלטסטער זון, א יונג א יאָהר איין און צוואנציג. מיט איהם צוזאמען אין דיא זעלבע בעט איז געלעגען זיין עלף־יאָהריגער ברודערל, זשאנלען.

אין דיא בעט פון דער רעכטער זייט האָבען ארומגעמענדיג זיך געשלאָפען צוויי קליינע קינדער, לענאָר און הענרי — זיא א יאָהר זעכס און ער א יאָהר פיער. קאטרי האָט פארנומען דיא דריטע בעט צוזאמען מיט איהר שוועסטערעל, וועלכע איז געווען אזוי קליין געוואקסען הגם זיא איז שוין געווען נייו יאָהר אלט, אז קאטרין וואָלט איהר גאָר לעבען זיך ניט געפיהלט, ווען ניט דער הויקער, וואָס דאָס קינד האָט געהאט. דיא גלעזערנע טיר איז געווען אָפען און פון דעם צימער וואָלט איהר געקענט זעהן דיא טרעפ אין דעם קליינעם צימערעל אויבען, וואו דער פאָטער און דיא מוטער פון דיעזע פאמיליע האָבען געשלאָפען אין א פערטע בעט, לעבען וועלכע עס איז געשטאנען א וויגעלע מיט דיא קליינינקע עסטעלל, א מיידעל נאָך ניט קיין דריי חדשים אלט.

קאטרין האָט זיך אָנגעטאָן א כח אויפצושטיין. זיא האָט ארייגעשטעלט איהרעביידע הענד אין דיא רויטע האָר, וואָס האָט צוגעדעקט איהר קאָפּ, שטערען און האלז. זיא איז געווען זעכצעהן יאָהר אלט און זעהר מאגער און קליין. דיא העמד האָט איצט צוגעדעקט איהר קערפּער, זא דאס עס האבען זיך ארויסגעזעהען בלויז איהרע פיס און דיא נאקעטע הענט. דיא פיס זיינען ביי איהר געווען בלויליכע, אזוי וויא טאטואירטע און איהרע דארע ארעמס און הענט, וויס וויא מילך, האבען זיך אזוי וויא געפּאסט צו דעם געל־בלאסען פארב פון איהר פּנים, וועלכער איז שוין געווען איבערגעפירט פון שטענדיגען וואשען זיך מיט ביליגע ווייבע זייף. איין לעצטער גענעץ האָט אויפגיעפענט איהר גרויסלעכע מויל, אָנגעפילט מיט פּרעכטיגע ציינער, וועלכע זיינען געשטאנען אין בלייכע קריינקלעכע יאסלעס. איהרע פייכטע גראָיע אויגען, ראנגלענדיג זיך מיט'ן שלאָף מיט א'ן אויסגעמאטערטען אומעדיגען קוק, זיינען אזוי וויא אָנגעפילט געוועי מיט דיא אויסגעמאטערטקייט פון איהר גאנצען קערפּער.

א בורטשער י האָט זיך דערהערט פון אויבען. מעהיי האָט פערשלאָפענער־הייד אויסגעשטאמטלט:

— גאָט מיינער, עס איז שוין צייט אויפצושטיין. האָסט אָנגעצונדען פייער, קאטרין?

— יא פאָטער.... דער זייגער האָט אָקערשט געשלאָגען.

— טאָ מארודע ניט, דו פוילערקע! אז דו וואָלסט אָבער נעכטען געטאנצט א ביסעל וויינינער, וואָלסטו אונז אויפגעוועקט גיכער!.... דאָס איז א פוילערקע!......

און ער האָט אזוי ווייטער געבורטשעט ביז ער איז אנשלאָפען געוואָרען, זא דאָס זיין בייזערע־זיך, וועלכע האָט קאטרינ'ען אייגענטליך ניט אנגעהויבען צו הארען, האָט אויפגעהערט און אנשטאָדט דעם האָט זיך געהערט זיין כראָפּען.

דיא מערבען האָט זיך ארומגעדרייט איבער'ן צימער אין איין העמד און באָרוועס. אָבשטעלענדיג זיך לעבען דיא בעט, וואו דיא קליינע הענרי און לענאָר האָבען געשלאָפען, האָט זיא אויף זיי ארויפגעלייגט דעם צודעק, וועלכען זיי האָבען אין שלאָף פון זיך אראָבגעבריקעט. זיי האָבען זיך ניט אויפגעכאפּט, שלאָפענדיג שטארק און געשמאק. אלזיר, דיא הויקערדיגע מיידעל, וואָס האָט געשלאָפען מיט קאטרין, האָט אויפגעעפענט דיא אויגען און ניט ריידענדיג קיין וואָרט זיך צוגערוקט צו דעם ווארימען אָרט, וואָס איהר עלטערע שוועסטער האָט איבערגעלאָזען.

— שטיי אויף, זאשאריע! און דוא, זשאנעל, אויך! — האָט קאטרין געזאָגט צוגייענדיג צו איהרע צוויי ברידער, וועלכע זיינען געבליבען שטילל, מיט דיא נעזער אין דיא קישענס.

זיא האָט דעם עלטסטען אָנגעכאפּט פאר'ן פלייצע און איהם געגוטען טרייסלען, און, אז ער האָט אָנגעהויבען איהר צו זידלען, האָט זיא פון איהם אראָפּגעכאפּט דיא קאָלדרע. דאָס האָט איהר אָנגעהירט, און זיא האָט פריילי יך צולאכט. קוקענדיג וויא דיא צוויי ברידער איהרע ראנגלען זיך מיט נאקעטע פיס

— דאָס איז א פערדעשע חכמה! לאָז מיר צורוה, זאָג איך! — האָט זאשאריע בייז געשטאמעלט, אויפשטעהענדיג און בלייבענדיג זיצען — איך האָב פיינט דיינע חכמות. זאָג, אז עס איז צייט אויפצושטיין און ווייטער גאָר ניט.

ער איז געווען דאר, שלעכט געבויט, מיט א לאנגע געזיכט בעדעקט מיט א שיטערע בערדעל, און ער האָט געהאט דיא געלע האָר און דעם געל־בלאסען קאָליר פון דער פאמיליע. אזוי וויא זיין העמד האָט זיך ביי איהם ארויפגעקאשערט, האָט ער איהר אראָפּגעצויגען צוריק — ניט ווייל ער האָט זיך געשעמט פאר דיא שוועסטער, זאָנדערן ווייל עס איז איהם געווען קאלט.

— דער זייגער האָט געשלאָגען — האָט קאטרין געזאָגט — שטיי אויף דו פוילער לודער! דער טאטע וועט זיך בייזערן.

זשאנלען, וועלכער איז געלעגען צונויפגעקייקעלט וויא א פעקעלע, האָט אויפגעעפענט דיא אויגען און געזאָגט:

— הער אויף דיינע שטיק! איך וויל שלאָפען, איך קען ניט אויסהאלטען.

זיא האָט זיך נאָך א מאָל צולאכט. ער איז געווען אזוי קליין, — מיט זיינע פיצענקע פיסעלעך מיט גרויסע קניע, אַנגעשוואָלענע פון סקראָפעל, — אז זיא האָט איהם גענומען אויף דיא הענד. ער האָט זיך געבריקעט; זיין בלייכער קריינקליכער פנים וויא ביי אן אפּע — מיט שארפע אויגלעך און גרויסע אויערען — איז געוואָרען רויט פון כעס און פון דעם געפיהל, וואָס ער איז שוואַך זיך צו ראנגלען. ער האָט גאָר ניט גערעדט; אָבער אין הארצען האָט ער געפיהלט, אז ער האָט רעכט.

— א, דו גאָרנישט! — האָט זיא געזאָגט איהם אראָפּלאָזענדיג אויף דער ערד.

אלזיר איז געלעגען מיט דעם ליילאך אריבערגעצויגען ביז איהר פנים און האָט געשוויגען, הגם זיא האָט ניט געשלאָפען. מיט איהרע קלוגע אויגלאך, וועלכע האָבען געהאט א קראנקען אויסדרוק, האָט זיא געקוקט אויף איהרע עלטערע שוועסטער און 2 ברידער, וויא זיי האָבען זיך אָנגעטאָן. ביי דיא שיסעל איז ארויסגעקומען א נייע קריעג. דיא יונגען האָבען דיא מעדכען אָפּגעשטופּט, ווייל זיא האָט זיך צו לאנג געוואשען און זיי האָבען קיין געדולד ניט געהאט צו ווארטען. האלב נאקעטער־הייט האָבען זיי זיך אָנגעטאָן איינע לעבען דיא אנדערע ניט שעמעדיג זיך, — פריי וויא דיא קליינע הינטלאך פון איין מוטער, וואָס וואקסען אויס אין איינעם. קאטרין איז פארטיג געוואָרען פריהער פאר אלעמען. זיא האָט אויף זיך ארויפגעכאפּט איהרע קוילען־ארבעטערשע הויזע, ארויפגעוואָרפען איהר ליינוואנטענע וועסט, ארומגעבונדען איהר בלאָיע שאַלקע ארום קאָפּ, ביז זיא האָט אויסגעזעהן וויא א נידעריג געוואקסענער מאנסבּארשוין. אָן קיין זאך איז ניט געווען צו דערקענען, אז דאָס איז א פרויענצימער א חוץ איהר קאטשקענעם גאנג.

— ווען דער אלטער וועט קומען — האָט זאשאריע געזאָגט מיט גיפט, — וועל איך קוועלען: ער וועט געפינען דיא בעט־געוואנד צרוואָרפען, און איך וועל איהם זאָגען, אז דוא האָסט עס געטאָן.

זייער זיידען האָט ער דאָס געמיינט, דעם אלטען באָננמאָר, וועלכער האָט געארבייט ביי נאכט און געשלאָפען ביי טאָג. דיא בעט האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעקילט. צו יעדער צייט האָט דאָרטען ווער עס איז געבראָפּעט.

ניט ענטפערענדיג אויף זאשאריעס ווערטער האָט קאטרין צוריק צורעכט געמאכט דיא בעט. אין דיא זעלבע מינוט האָט זיך פון דעם אנדערען זייט וואנט דערהערט א גע־רודער. אום איינצושפּאָרען געלט האָט דיא קאָמפּאניע דיא ווענט געלאָזען מאכען אזוי דין, אז דער קלענסטער קלאנג האָט דורך זיי געקענט דורכדרינגען. די ארבייטער האָבען אין דיזע הייזער געוואוינט וויא א פלייציג צו א פלייצע און קיין שום שפּור פון פּריוואט לעבען האָט דאָרטען ניט געקענט זיין, או דיא קינדער האָבען געהערט דאָס וואָס קינדערן ווייניגסטענס, דארפען ניט הערען. פון יענעם זייט וואנט האָט זיך געהערט וויא דיא

טרעפ טרייסלען זיך פון שווערע טריט. דערנאך האט זיך געהערט עפעס אזוי וויא א גרינגער פאל, און נאך דעם א זיפץ וויא פון איינעם וואס בערוהיגט זיך.

גוט! — האט קאטרין געזאגט — לאוואק איז אראפ פון דיא טרעפ און אט איז בוטלופ, וועלכער גייט צוריק צו לאוואק׳ס פרוי.

זשאנ׳ען האט אויסגעסצירעט דיא ציין. אלזיר׳ס אויגלעך האבען גענומען בליפצען. אלע אין-דער-פריה פלעגען זיי זיך אט אזוי אמוזירען ריידענדיג וועגען דיא סודות פון זייערע דריי שכנים: לאוואק, א קוילען גרעבער, זיין פרוי און זייער לאזשירער — א׳ן ארבייטער, וואס האט געארבייט אויסער דיא מינע ביי נאכט. לאוואק׳ס פרוי האט אויף דיזען ארט געלעבט מיט צוויי מענער: מיט איינעם ביי טאג און מיט דעם אנדערן ביי נאכט.

קאטרין האט זיך צוגיהערט און געזאגט:

— פילאמען הוסט.

פיראמען איז געווען לאוואק׳ס עלטסטע טאכטער, א גרויסע מויד א יאהר ניינצעהן, וועלכע איז געווען זאשאריע׳ס ליבאווניצע און האט שוין פון איהם געהאט 2 קינדער. זיא האט געהאט זעהר שוואכע לונגען, באטש זיא האט געארבייט ביין זיפען דיא קוילען און ניט איינעווייניג אין דער מינע.

— אהא, פילאמען — האט זאשאריע גיענטפערט — איהר ארט דאס ניט. זיא שלאפט. זיא שלאפט ביז זעקס אוהר, דיא חזיר.

ער האט געהאלטען אין אנטאן דיא הויזען. אבער פלוצלונג האט ער אויפגעעפענט דעם פענסטער. וויא עס האט אויסגעוויזען, איז איהם עפעס אריינגעפאלען אין זינען. אויף דרויסען איז דיא פינסטערע געסעלע געווען בעלויכטען פון דיא פייערלעך וואס האבען ארויסגעשיינט דורך דיא שפאלטען פון דיא לאדענס. דער ברודער מיט דיא שוועסטער האבען זיך ווידער צוקריגט. ער האט ארויסגערוקט דיא קאפ צו זעהן אויב דער פערוואלטער פון דיא מינע, וועלכע מען האט בעשולדיגט, אז ער בעזוכט פיערראן׳ס פרוי, איז איצט ביי איהר אין שטוב. קאטרין האט דערביי איהם געזאגט, אז פיערראן ארבייט איצטער ביי טאג און ניט ביי נאכט, זא דאס דאנסאר, דער פערוואלטער, קען ביי איהר ניט נעכטיגען. דיא קאלטע לופט איז אריינגעקומען דורך׳ן אפענעם פענסטער. זאשאריע האט בייז גיענטפערט, אז ער וויים בעסער און קאטרין האט פעסט ערקלערט, אז זיא איז גערעכט און אזוי האבען זיי זיך צובייזערט. אין דיזע מינוט האט זיך דערהערט א געשריי פון דיא וויגעלע. דיא קעלט האט אויפגיוועקט דיא דריי-מאנאטדיגע עסטעלל.

פלוצלונג האט זיך מאהיי, דער פאטער פון דער פאמיליע, אויפגעכאפט. דיא קינדער האבען געהערט וויא ער בורטשעט מיט כעס. וואס וויל ער? דאכט זיך ער האט זיך אויסגעשלאפען וויא א פעפער! מאהיי האט זיך געשאלטען און זיך געבויזערט אזוי הויך, אז דאס קינד לעבען איהם איז פון שרעק אנשוויגען געווארען. זאשאריע און זשאנלען האבען לאנגזאם געענדיגט זיך וואשען. זיי זיינען נאך אלץ געווען שלאף, אויסגעמאטערט, פארשלאפען. אלזיר האט איהרע גרויסע ברייט אויפגעפענטע אויגען ניט אראפגעלאזען פון איהרע ברידער און שוועסטער. דיא צוויי קליינע—לענאר און הענרי—זיינען אלץ געלעגען ארומגענומענערהייט, אטעמדיג רעגעלמעססיג, ניט ריהרענדיג זיך און שלאפענדיג געשמאק, אונגעשטערט פון דעם גע-פילדער ארום זיי.

— קאטרין, דערלאנג מיר דיא ליכט! — האט מאהיי אויסגעשריהען.

זיא האט געענדיגט פארשפילעווען איהר וועסטעל און האט ארויפגעטראגען דיא ליכט אין דעם אויבערשטען צימערל, זא דאס איהרע ברידער האבען געמוזט געפינען זייערע זאכען אין דער פינסטער. מאהיי איז ארויסגעשפרונגען פון בעט. קאטרין איז גלייך ארונטער צוריק, אין איהרע וואלענע זאקען, און טאפענדיג איבערין

שטוב, האָט זיא אָנגעצונדען אַ'ן אנדער ליכט און האָט צוגעשטעלט קאווע אין קיך. אַלעמען'ס שיך זיינען געלעגען אונטער'ן אלמער.

— שטיללער דוא! — האָט מאהיי געשריען צו דיא פּיצינקע עסטעלל, וועלכע האָט איהם ביין געמאַכט מיט איהר געשריי.

ער איז געווען נידעריג אין וואוקס, וויא זיין פאָטער, באָננמאָר, און אזוי דיק וויא ער. זיין קאָפּ איז גע ווען גרויס, זיין געזיכט האָט געהאט א בלאָהליכען פארב, און זיינע געלע האָאר זיינען געווען אָבגעשאָרען ביז'ן קאָפּ. דאָס קינד האָט געשריען אלץ העבער און העבער, שרעקענדיג זיך פאר דיא פאָר גרויסע נאַקעטע הענט, וואָס זיינען געווען אָנ־געשטעלט איבער איהר.

— לאָז איהר צורוה! דוא ווייסט דאָך, מיט דעם וועסטו איהר ניט איינעהמען — האָט דיא מוטער גיזאָגט, אויסציהענדיג זיך אין מיטען בעט.

זיא האָט אויך זיך גענומען בעקלאָגען, וואָס מען לאָזט איהר זיך ניט אויסרוהען. קענען זיי דען ניט אוועקגיין צו דער ארבייט אָהן א געפּילדער? אלס זיא איז אזוי געלעגען איינגעטוקעט אין דיא בעט־געוואַנט, האָבען זיך בלויז געזעהן דיא ליניעס פון איהרע פיגור און דיא סכיאָדע פון א לעבלאָזען מין שענהייט, וועלכער איז שוין פארניכטעט געווען פון דיא ניין און דרייסיג יאָהר פון מאַטערנעס און עלענט און זיעבען קינדער, וואָס זיא האָט געבוירען. האלטענדיג דיא אויגען צום באַלקען האָט זיא אָנגיהייבען לאנגזאָם צו ריידע, וועהרענד איהר מאַן האָט זיך אָנגיטאָן. דאָס קינד האָט אלץ ניט אויפגעהערט צו שרייען; אָבער ניט דעם פאָטער, ניט דיא מוטער האָט שוין דאָס איצט ניט געאַרט......

— וואָס וועט זיין, — האָט דיא פרוי געזאָגט — איך האָב דאָך דיר שוין דערציילט, אז איך האָב שוין ניט קיין סענט. און היינט איז נאָך ערשט מאָנטאג — נאָך זעקס טעג איז צו ווארטען ביז דעם 15טען. אזוי קען וויטער ניט גיין. אלע צוזאַמען פארדינט איהר ניט מעהר וויא ניין פראַנק א טאָג. היינט וויא קען איך אויסקומען? מיר זיינען דאָך זאַלבע צעהנט.

— אָ, ניין פראַנק! — האָט מאהיי א בילכ געטאָן. — זאַכאַריע און איך צו דריי פראַנק — איז זעקס; קאַטרין און דער טאַטע — צו צוויי, איז פיער; פיער און זעקס איז צעהן; און זשאַנלען איין פראַנק — איז עלף.

— יאָ, עלף; אָבער וואו איז זאנטאג און יום־טובים אין דער וועלט? דענסמאל פארדינט מען דאָך גאָר ניט. אין אלעמען קומט אויס ניט מעהר וויא ניין פראַנק, פארשטייסט?

ער האָט ניט גלייך געענטפערט, ווייל ער איז געווען פארנומען זוכענדיג זיין לעדערנעם גאַרטיל אויף דער ערד. דאַן שטעלענדיג זיך, האָט ער געזאָגט:

— דוא האָסט וואָס זיך צו בעקלאָגען. אבי איך בין געזונט. זעלטען ווער עס דערלעבט ביז פיער און פערציג יאָהר און איז ניט קראַנק.

— יאָ, אָבער פון דעם האָט מען נאָך ניט וואָס צו עסען. וואָס זאָל איך טאָן? האָסט גאָר ניט ביי זיך?

— איך האָב צוויי סענט.

— האַלט זיי אויף א שנאַפּס. רבונו של עולם, וואָס טוה איך דאָ? דיא זעקס טעג וועלען קיין מאָל קיין סוף ניט נעמען. זעכציג פראַנק זיינען מיר שולדיג מערגראַ. ער טרייבט מיר אוועק פון טיר, ווען איך קום עפּעס נעמען. אייער־נעבטען האָט ער מיר ניט געוואָלט געבען קיין לעבעל ברויט. פון דעסטוועגען וועל איך היינט ניין נאָך א מאָל. וויא וועט אָבער זיין אז ער וועט ווידער אָפּזאָגען?

און דיא פרוי האָט וויטער זיך בעקלאָגט, ריידענדיג מיט א'ן אומעדינגען קול האלטענדיג דיא קאָפּ אויף א'ן אָרט און צייטענווייז צומאַכענדיג דיא אויג פון דיא שיין פון דיא ליכט. זיא האָט געזאָגט, אז אין שטוב איז ניטאָ ניט א פּיצעל, אז עס וועט ניט זיין

וואָס דיא קינדער צו געבען עסען, אז אפילו קיין קאווע איז אויך ניטאָ, און אז הויל וואסער קען מען שוין מעהר ניט טרינקען, ווייל מען ווערט קראנק. צו דען וועט זיא זיך אלץ אזוי מאַטערען, שטענדיג זיך צו שטילען דעם הונגער פון דיא קינדער מיט קרויט? אזוי ריידענדיג, האָט זיא געצוואונגען געוועזן ביסלעכווייז צו ריידען העכער, צו ליעב דיא קליינע עסטעלל, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען. דיזען געשריי איהרען איז געווען אונמעגליך אויסצוהאַלטען. מאהיי האָט איהרע קולות וויא פלוצלונג דערהערט. כמעט ווי א משוגענער האָט ער דיא עופ׳עלע א כאַפּ געטהאָן פון וויגעלע און האָט איהר א וואָרף געטהאָן צו דער מוטער אין בעט אריין, שטאַמ־לענדיג מיט א מילדען כעס:

— נעמ איהר צו, אז ניט וועל איך איהר דערשטיקען. דאס איז א קינד! עס איז דאך ניט צו אויסהאַלטען פון איהר. איהר פעהלט דאכט זיך גאָר ניט, און ליארם מאכט זיא מעהר פון אלעמען.

עסטעלל האָט גענומען זויגען דיא מוטער׳ס ברוסט. פארשוואונדען ווערענדיג אין דיא בעט־געוואנט, בערוהיגענדיג זיך פון דיא ווארימקייט, האָט זיא ניט געלאָזט הערען קיין שום קלאנג א חוץ דעם צמאַק פון איהרע ליפען.

— דיא רייכע לייט פון פיאָליין האָבען דאך דיר געהייסען קומען — האָט מאהיי געזאָגט נאָך א שטיל־שווייגען.

דיא פרוי האָט צונויפגעקאָרטשעט דיא מויל, מיט פעראכטונג.

— איך בין דאָרט געווען, נו; זיי האָבען מיר צוגעזאָגט צו געבען עפּעס קליידער פאר דיא קינדער.... פון דעסטוועגען וועל איך אהין היינט נעהמען לענאָר און הענרי. וואָלטען זיי מיר כאָטש געבען א פינף פראנק!

עס איז ווידער שטיל געוואָרן. מאהיי האָט זיך געענדיגט אָנטאָן. א מינוט איז ער געבליבען שטיין און דאן האָט ער געזאָגט מיט זיין גראָבע שטימע:

— טאָ וואָס־זשע ווילסטו? עס איז דאך פארפאלען. מאך זופּ..... וואָס העלפט דער ריידען? עס איז גלייכער צו זיין אונטען ביי דער ארבייט.

— וואָס דען! — האָט דיא ווייב געענטפערט — פארלעש דיא ליכט. איך וויל ניט זעהן דעם קאליר פון מיינע גידאנקען......

ער האָט פארלאָשען דיא ליכט. זאשאריע און זשאַנלען זיינען שוין ארונטער־געגאנגען. דער פאָטער איז נאכגעגאנגען נאָך זיי, און דיא הילצערנע טרעפּ האָבען גיסקריפּעט אונטער זייערע פיס, וועלכע זיינען געווען אין וואָלענע זאָקען. הינטער זיי, אין דעם דורכגאנג און אין דעם צימער איז ווידער געווען פינסטער. דיא קליינע קינדער האָבען געשלאָפען און אפילו אלזיר׳ס אויגען האָבען זיך אויך צוגעמאכט. אָבער דיא מוטער איז געבליבען מיט אפענע אויגען קוקענדיג אין דיא פינסטערניס, און עסטעלל האָט איהר געצויגען דיא ברוסט פארסקענדיק וויא א קעצעל.

אונטען האָט קאטרין פריהער גענומען איינהייצען דעם אויווען. דיא קאמפאניע האָט יעדער ארבייטער־פאמיליע געגעבען אכט בושעל קוילען — דיא הארטע קוילען, וואָס מען האָט צוזאמענגעקליבען אויף דיא ריילסעס. עס איז געווען שווער זיי אנצו־צינדען, און דיא מעדכען האָט געהאט א שווערע ארבייט אויסצוקלייבען דיא ווייבערע פון זיי. ווען דער פייער איז שוין געווען בעזאָרגט, האָט זיא ארויפגעשטעלט א קעסעלע מיט וואסער און האָט זיך געשטעלט אויף דיא קניע ביי׳ם אלמער.

דער צימער איז געווען ניט קיין קליינער. ער האָט פארנומען דעם גאנצען אונ־טערשטען עטאזש פון דיא הייזעל; ער איז געווען געפארבט גרינלעך, — וויא א גרינער עפּעל, איז געווען זעהר ריין און ציכטיג, און דיא פלאכע שטיינער פון זיין פאדלאָגע זיינען געווען גוט אויסגעוואשען און אויסגעשאָטען מיט זאמד. א חוץ דעם אלמער, וועלכער איז געווען פון פּאָלירטע דעמבע האָלץ, איז דאָרטען געשטאנען א דעמבאָווער

טיש און עטליכע דעמבאָווע שטולען. אויף'ן וואנט זיינען גיהאנגען העלל־פארבינע פאָרטרעטען פון דעם קייזער (נאפאָלעאָן דער דריטער) און קייזערין, וועלכע דיא קאָמפּאניע האט גישאָנקען, און פארטרעטען פון סאלדאטען און הייליגע. אין אלעמען איז דאָס גיוועזן א בעגוסטע מישענינע, וואס האט זיך זאָנדערבאר גיפאסט צו דיא פוסטקייט און נאקעטקייט פ֗ון דעם צימער. ווייטער איז אויף'ן אלמער גישטאנען א רויטע טאקטורענע קעסטעל און א הילצערנער זייגער מיט א גלאָז, וואָס זיין הויכער טיק־טאק האט אזוי וויא אנגעפילט דיא ליידיגקייט פון דעם גאנצען צימער. לעבען דיא טהיר ביי דיא טרעפּ איז גיוועזן נאך א טהיר, צום קעלער. הגם אלץ איז דא גיוועזן ציכטיג און ריין, האָט זיך גיהערט א גרוך פון גיקאכטע ציבעלע, און דאס האט פארגיפטעט דיא ווארימע לופט, וועלכע איז א חוץ דעם שוין גיוועזן שווער אנגילאָדען מיט קוילען־גאז.

קאטרין איז געשטאנען ביי דעם אויפגעעפענטען אלמער און געטראכט. דאָרטען האָט זיא בלויז געפונען איין לעבעל ברויט. קעז איז געוועזן גענוג, אָבער פוטער — זעהר ווייניג, און זיא האָט געדאַרט דעם קאָפּ, וויא צו מאכען מיטאָג מיטצונעהמען פאר אלע פיער'ען. ענדליך איז זיא געפאלען אויף א פּלאן. זיא האָט דיא ברויט צו־שניטען אויף דינע פענעצלעך, און אָנשמירענדיג פוטער אויף איין פענעץ און ארויפ־לייגענדיג קעז אויף דעם אנדערען האָט זיא זיי צונויפגעלייגט אין אייגעם, און אזוי האט זיא געמאכט פיער פוטער־ברויטלעך. באלד זיינען דיא פיער חלקים געלעגען אין א צייל אויף'ן טיש. פאר'ן פאָטער איז געוועזן אנגעגרייט דער גרעסטער חלק, פאר זאשאריען א קלענערער, פאר איהר אליין נאך א קלענערער און פאר זשאנלען'ען דער קלענסטער.

דיא וואסער אין קעסעלע האָט אָנגעהויבען צו זינגען. קאטרין, וועלכע איז געוועזן א גוטע בעל־הבית'טע, האָט פון דעסטוועגען ניט ווילענדיג זיך פארטראכט וועגען דעם, וואָס זאשאריע האט איהר געזאָגט פון דעם פערוואכטער און פיערראָן'ס ווייב. זיא האָט אויפגעעפענט דיא טיר האָט א קוק געטאָן איבער'ן גאס, כאָטש זיא האט דאך אליין געזאָגט, אז איצטער איז ניטאָ וואָס צו זעהן, ווייל פיערראָן ארבייט שוין ביי טאָג און איז ביי נאכט אין דער היים. דער ווינט האט נאך אלץ געבלאָזען. פיעלע שטיקער שיין זיינען פון דיא פענסטער געפאלען אויף דיא אנקעגענדיגע ווענט פון דיא נעסטלע, אין וועלכע עס האָט זיך געהערט א שוואכער גערודער פון דיא אויפשטייענדע פאמיליען. טירען האָבען זיך שוין גענומען עפענען, און דונקעלע ציילען פון ארבייטער האָבען זיך בעוועגט אין דער פינסטער. קאטרין איז געשטאנען און געפראָרען קוקענדיג אויף פיערראָן'ס הויז, הגם פיערראָן האָט געשלאָפען אינעווייניג, ווייל ער האָט ערשט בעדאָרפט גיין צו דער ארבייט זעקס א זייגער. באלד האָט זיך דאָרטען אויפ־געעפענט דיא טיר. קאטרין האָט זיך נייגעריג צוגעקוקט: עס איז אָבער געוועזן פיערראָן'ס טאָכטער דיא קליינע לידיע, וועלכע האט זיך געלאָזען צו דער ארבייט אין דער מינע.

דיא הוזשעריי פון דעם קעסעלע האָט באלד קאטרין דערמאָנט אָן איהר ארבייט. זיא האט זיך א כאפּ געטאָן, צומאכענדיג דיא טיר, און זיא ארייגעלאָפען אין שטוב. דיא וואסער איז איבערגעלאָפען און האָט געלאָשען דעם פייער. קיין קאווע איז ניט געוועזן ארייגצושיטען, און קאטרין האָט זיך געמוזט בעגניגענען מיט דעם, וואָס זיא האָט דיא הייסע וואסער ארויפגעגאָסען אויף דיא איבערגעבליבענע קערינדלעך פון גע־טרונקענע קאווע. דאן האָט זיא ארייגעשאָטען א ביסעל ברוינע צוקער. אין דיעזען מאָמענט איז אריינגעקומען איהר פאָטער מיט איהרע צוויי ברידער.

— צום טייפעל זאָל דאָס גיין! — האָט זאשאריע געזאָגט א זופּ טאָנדיג זיין שאָל קאווע — פון דעם וועלען דיא קעפּ ביי אונז ניט וועה טאָן.

מאהיי האָט א קוועטש געטאָן די פלייצע מיט א מינע פון אונטערטעניגקייט צו יין שלעכטען שיקזאל.

— אבי עס איז הייס, איז גוט.

זשאנכען האָט צוזאמענגעקליבען שטיקלעך ברויט מיט פוטער פון טיש און אריינגילאָזט צו זיך אין שאָל. די פיער זיינען געשטאנען טרינקענדיג די קאווע אין היילענעס.

קאטרין האָט געגאָסען קאווע אין די קענדעלעך, וואָס זיי פלעגען אלע טאָג מיטנעמען צו דער ארבייט.

— נו, א סוף, פארטיג! — האָט דער פאָטער געזאָגט | אזוי וויא די פריצים!...

פון אויבען האָט די מוטער געשריען דורך די טיר, וואָס איז געבליבען אָפען:

— נעמט צו גאָר די ברויט, וואָס איז דאָ. איך האָב א ביסעל לאָקשען פאר די קינדער.

— יע, יע, איך וויס! — האָט קאטרין געענטפערט.

זיך האָט צוגעדעקט דעם פייער, און האָט אויף׳ן אויווען ארויפגעשטעלט איין שאָל מיט קאווע, כדי דער זיידע זאָל עס געפינען הייס, ווען ער וועט קומען פון דער ארבייט, זעקס א זייגער.

דאן האט יעדער פון זיי גענומען זיין פאָר שיך פון אונטער׳ן אלמער, אנגעטאָן אויף זיך א שטריקעל מיט א בלעבענע קענדעלע. און האָט אריינגעשטאָפט זיין פוטער־ברויטעל צווישען העמד און וועסט, הינטער׳ן פלייצע. גלייך נאָך דעם זיינען זיי ארויס־געגאנגען, — די דריי מאנסבילען פאָראויס, און קאטרין, וועלכע האט נאָך געהאט צו פארלעשען די ליכט און א דריי טאָן דעם שליסעל אין טיר — נאָך זיי. אין שטוב איז ווידער געוואָרען שטיל.

— ווארט! לאָמיר גיין צוזאמען — האט אויסגעשריען א מאן, וואָס איז ארויסגעקו־מען פון די נעכסטע הויז.

דאָס איז געווען לאוואק. ער איז געגאנגען מיט זיין זון בעבער, א אינגעל פון א יאָהר צוועלף, זשאנלען׳ס א גוטער חבר.

קאטרין איז איבערראשט געוואָרען, און האט זיך צולאכט הינטער זאשאריע׳ס פלייצע. אז בוטלופ איז שוין געקומען פון דער ארבייט האָט זיא געהערט דורכ׳ן וואנט. זיא האט אָבער געמיינט, אז לאוואק איז שוין אוועק. זעהענדיג, אז לאוואס נייט ערשט ארויס, האָט זיא זיך דעריבער צולאכט: צו דען קומט בוטלופ צו לאוואק׳ס וויב נאָך איידער איהר מאן גייט אוועק פון שטוב?

די פייערלעך, וואָס האָבען געשיינט דורך די לאָדענס, זיינען איינציג־וויז פער־שוואונדען געוואָרען. די לעצטע טיר האָט זיך פארמאכט. די ווייבער זיינען געבלי־שלאָפען מיט די עופ׳עלעך, אין מיטען די בעטען, וואו עס איז געבליבען מעהר פרייער פלאץ. און פון דעם שטילען דאָרף צו דער וואָריי־מינע צו, אונטער די האַסטיגע אָטעם פון דעם ווינט, האָט זיך געצויגען א צייל פון שאָטענס. דאָס זיינען די קוילען־גרעבער געגאנגען צו דער ארבייט, איינגעקאָרצעט, מיט די הענט צונויפגע־ליינט אויף דעם הארצען, און מיט הויקערלעך אויף די פלייצעס פון די פוטער־ברויטלעך, וואָס זיינען ביי זיי דאָרטען געלעגען בעהאלטען. זיי זיינען גיוועזן זעהר לייכט געקליידעט, און דעריבער האָבען זיי געציטערט פון קעלט. און דאָך זיינען זיי געגאנגען ניט היילענדיג זיך, מאַרשירענדיג איבער׳ן וועג, וויא א׳ן ארמיי.

קאפיטעל 3.

עטיענן איז ענדליך צוגעגאנגען צו די וואָריי מינע. ער האָט זיך געווענדט צו די ארבייטער און ארבייטערינען, וואָס ער האָט דאָרטען געטראָפען, און געפרעגט אויב ער קען דאָ קריגען ארבייט. אלע האָבען זיי געשאָקעלט מיט די קעפ, אז ניט, און האָבען איהם געראטען ווארטען אויף דעם פערוואלטער. זיי האָבען איהם

איבערגעלאָזען איינעם אליין אין דיא שלעכט בעלויכטענע געביידעס. פולל מיט שווארצע לעבער, וועלכע האָבען געשווינדעלט דיא אויגען מיט זייער פלאַנטער פון צימערען און פאָדלאָגעס. ארויפגייענדיג אויף פינסטערע, האלב צופוילטע טרעפּ, איז ער געבליבען שטיין אויף א בריקעל, וואָס האָט זיך געטרייסעלט. פון דאָרטען איז ער דורכגעגאַנגען א קעמערעל, וואו מען זיפּט דיא קוילען, און איז אריינגעקומען אין אזא געדיכטע פינסטערניס, אז ער האָט געמוזט גיין טאַפּטענדיג. פּלוצלונג האָט ער דערזעהן א פּאָר גרויסע געלע אויגען, וואָס האָבען דורכגעלעכערט דעם שווארצען תהום. ער איז דאָ געווען אונטער א טורעמול, אין דעם פערוואלטער'ס קאַנטאָר, ביי דיא מויל פון דער מינע.

א קוילען־גרעבער, רישאָם, דער עלטערער", מיט א גרויסע סאָלדאַטסקע פיגור און מיט גראָיע וואָנצעס, איז דאָ לאַנגזאַם געגאַנגען צו דעם קאַנטאָר צו.

— דאַרף מען דאָ אַ'ן ארבייטער — ביי וואָסערע עס איז ארבייט? — האָט עטיען ביי איהם געפרעגט.

רישאָם האָט געעפענט דיא מויל צו זאָגען „ניין"; אבער ער האָט זיך אבגעהאַלטען און, אזוי וויא דיא אנדערע, האָט ער בלויז א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

— וואַרט אויף הערר דאַנסאַר, דעם פערוואלטער.

עס זיינען דאָרטען געווען פיער לאַנטערנעס, און זייער שיין, וועלכע איז געגאַנגען צו דיא מויל פון דיא מינע צו, האָט העלל בעלויכטען איין ברעג פון דעם צימער: דיא אראָפּ־באַרגעדיגע אייזערנע וועג, איבער וועלכע צוויי גרויסע שטייגען האָבען זיך דאָ געגליטשט ארויף און אראָפּ; דיא הענטלעך פון דיא סיגנאַל־אינסטרומענטען און פון דיא פאררוקערס; און דעם אייזערנעם בריקעל, אויף וועלכען דיא שטייגען (עלעווייטאָרס) שטעלען זיך אָפּ. ווייטער אבער איז דער גאַנצער גרויסער צימער געבליבען אין א זאָנדערבאַרע דונקעלהייט, פולל מיט ארומשוועבענדע שאָטענס. אין דעם פערוואַלטער'ס צימערל האָט א קליינער לעמפּעל געברענט, אזוי וויא א דונקעלער שטערען אויף'ן הימעל. אויף דעם אייזערנעם בריקעל האָט גערודערט און געטומעלט אָהן א שיעור. קוילען־וואַגאַנטשיקעס האָבען זיך פארביינגעגליטשט אָהן אַ'ן אויפהער; און אין מיטען פון דיעזען גרויזאַמען גערויש און געפּילדער זיינען אומגעלאָפען און זיך געדרייט אין דרייען דיא וואָס ארבייטען ביי דיא וואַגאַנעס און ביי דיא שטייגען.

אויף א רגע איז עטיען געבליבען שטיין, וויא א נידערגעשלאָגענער, א פארטויבטער, א פארבלענדעטער. דיא שטראָמען קאַלטע לופט, וואָס זיינען אריינגעקומען פון דרויסען, האָבען איהם דורכגענומען ביז דיא ביינער. באלד האָט ער דערזעהן דיא שיינענדיגע געפּוצטע שטאָהל און קופּער פון א דאַמפּף־מאשין, און ער איז אהין צוגעגאַנגען. דיא מאשין איז געווען ביי פינף און צוואַנציג מעטער פון דיא מינע, אין א העכערען צימערל, וואו זיא איז פעסט געשטאַנען אויף א געמויערטען פונדאַמענט, ניי‌ענדיג מיט איהר פולע מאכט — אויף דיא גאַנצע דאַמפּף. דער מאשיניסט איז געשטאַנען מיט דיא האַנד אויפ'ן הענטעל פון מאשין, צוהערענדיג זיך צו דעם סיגנאַל־אינסטרומענט און ניט אראָפּלאָזענדיג דיא אויגען פון דעם אנצייגער. אויף דיזען אָנצייגער איז געווען א גראַבענדיעל, וואָס האָט זיך געצויגען פון אויבען אראָפּ, און איבער דעם האָבען זיך געגליטשט צייכענס, וואָס האָבען פאָרגעשטעלט דיא שטייגען מיט דיא פערשידענע גאַלעריעס פון דער מינע; זאָ דאָס, קוקענדיג אויף דעם, האָט דער מאשיניסט געזעהן, וויא טיף, אויף וועלכע גאַלעריע, יעדע שטייג, אָדער עלעווייטאָר געפינט זיך. ביי דער מאשין זיינען געווען גרויסע שפּולען, ארום וועלכע עס זיינען געווען אנגעוויקעלט דיא שטאַלענע שטריק, וואָס שלעפּען דיא שטייגען. יעדעס מאָל וואָס דיא מאשין איז

נעווען געבראכט אין בעוועגונג פלעגען דיזע שפולען זיך נעמען דרייען מיט אזא האסטיגקייט, אז זיי האָבען אויסגעזעהן וויא קיילעכדיגע שטיקער שטויב, און דיא שטריק פלעגען זיך מיט א טייפלישע גיכקייט וויקלען איבער זיי — פון איין זייט זיך ארויפוויקלען און פון דיא אנדערע זיך אָפּוויקלען.

— היט זיך! — האָבען אויסגעשריען צוויי ארבייטער, וואָס האָבען געטראָגען א גרויסען לייטער.

עטיענן האט אויסגעמיידט א זעץ מיט'ן לייטער. זיינע אויגען זיינען שוין צוגע־וואוינט געוואָרן צו דיא ליכט, און ער האט געקוקט אויף דיא שטאָלענע שטריק, וויא זיי זיינען געפלויגען דורך דיא לופט. עס האט זיך געזעהן מעהר וויא 30 מעטר פון דיזע שטאָלענע שטיינגעס, וועלכע האָבען שנעל זיך ארויפגעצויגען אין דעם טורעמעל אריין, דאָרטען זיך ארויפגעוויקעלט אויף דיא שפולל און דאן פון דעם אנדער זייט פון איהר זיך אראָפּגעוויקעלט און זיך אראָפּגעלאָזען אין דיא מינע אריין. דיא שפולען האָבען זיך געהאלטען אויף א גרויסע אייזערנע פּאָדסטאווקע, געבויט אזוי וויא דער טורעמיל. און דיא שטריק זיינען איבער זיי געפלויגען וויא פויגעלעך, — אָהן שום גערויש, אָהן שום אפּהאלט, געשווינד און גלאַט — כאָטש דאָס זיינען געווען שטריק, וואָס האָבען געקענט אויפהייבען ביי דרייסיג טויזענד פונט מיט דיא גיכקייט פון צעהן מעטר א סעקונדע.

— היט זיך, אום גאָטעס ווילען! — האָבען דיא, וואָס האָבען גיטראָגען דעם לייטער ווידער אויסגעשריען. זיי זיינען נעגאַנגען בעקוקען דיא שפולל פון דער אנדער זייט.

עטיענן איז מיט לאנגזאמע טריט צוריק געגאנגען צו דעם פערוואלטערס צימער. דאָס פליהען פון דיא ריעזיגע שטריק אין דער הויך האָט איהם איבערראשט און צו־שלאָגען דיא געדאנקען; און ציטערנדיג פון קעלט, האָט ער געקוקט, וויא אלץ געהט דאָ צו. דער גערויש פון דיא וואַגאָנטשיקעס האָבען איהם גילעבערט דיא אויערען. לעבען דער מינע האָט געארבייט דער סיגנאל־אינסטרומענט. דאָס איז געווען אזא מין שווערער האמער, וואָס פלעגט זיך א זעץ טאָן אָן אן אייזערנע קלאָטץ, ווען פון אונטען, פון דער מינע פלעגט מען א ציה טאָן א שטריק. איין קלאַפּ פון דעם האמער האָט בעדייט, אז מען דארף אָפּשטעלען דיא מאשין; צוויי קלעפּ — אַז מען דארף דיא שטייגען ארונטערלאָזען, און דריי קלעפּ — אז מען דארף זיי אראָפּלאָזען. דער האמער האָט ניט אויפגיהערט צו קלאַפּען — אזוי וויא דער העמערעל פון א פּאָרזיצענדען, וואָס וויל איינשטילען א טומעל אויף א פערזאמלונג; און דערצו האָט נאָך געקלונגען א גלעקעל; און א חוץ דעם האָט נאָך דורך א טרובקע אלע ווילע זיך געהערט א געשריי פון דיא, וואָס האָבען גערעט צו דעם מאשיניסט איהם צו זאָגען וואָס ער האָט צו טאָן. דיא שטייגען האָבען זיך בעוויזען און צוריק איינגעזונקען געוואָרן, ווידער זיך בעוויזען און וויעדער אראָפּגעזונקען; און, ארויפקומענדיג, זיינען זיי אויסגעליידיגט געוואָרן און גלייך ווידער אָנגעפילט געוואָרן. עטיענן האָט געקוקט א פערוואונדערטער, ניט פארשטעהנדיג וואָס זיינע אויגען זעהן. בקיצור איין זאך האָט ער גיקענט בעגרייפען: דיא מינע האָט איינגעשלונגען דיא מענשען, וואָס זיינען געקומען צו דער ארבייט 20 אָדער 30 מיט א מאָל, און זיא האָט זיי אראָפּגעשלונגען אזוי לייכט, אזוי געשווינט, אז עס איז גאָר ניט גיווען צו בעמערקען וויא זיי ווערן פארשוואונדען.

ארבייטער האָבען זיך אָנגעהויבען אראָפּצולאָזען אום פיער אוהר. זיי זיינען אהין צוגעקומען באָרוועסע, יעדער מיט א לעמפּעל אין האנט, און האָבען געווארט קופּקעלעך־ווייז ביז עס פלעגט זיך אָנקלייבען וויא פיעל מי האָט בעדארפט צו יעדען מאָל אראָפּלאָזען דיא שטייג. דיא שטייג פלעגט זיך ארויסקומען פון דיא אינעווייניגסטע פינסטערניס אָהן א ליאַרם, מיט א שטילען שפּרונג, וויא א נאַכט חיה, און דאן פלעגט מען איהר צופּעסטיגען מיט דיא פּאררוקערם.

דיא שטייג איז גיוועזן צוטיילט אויף פיער אָבטיילונגען, און אין יעדע פון דיזע אַב־טיילונגען זיינען געשטאַנען צוויי וואַגאָנעס מיט קוילען. דיא מוליַנערען (דיא וואָס אַרבייטען ביי דיא וואַגאָנעס) נעמען דיזע וואַגאָנעס ארויס און רוקען אויף זייער אָרט אריין ליידיגע אָדער אַזעלכע, וואָס זיינען פול מיט צוגעשניטענע האָלץ, וואָס מען דאַרף אין דער מינע אַלס שפּאַרעס. דיא אַרבייטער וואָס דאַרפען זיך אַראָפּלאָזען גייען אריין אין דיא אויסגעליידיגטע וואַגאָנעס, צו פינף אין אַ וואַגאָן, און ווען עס קלייבען זיך אַזוי אָן פערציג אַרבייטער, למשל, שרייט מען אויס דורך דיא טרובקע: „פליישׂ!" — אום צו געבען צו וויסען, אַז איצט בעשטייט דיא משא פון מענשען־פלייש; און דאַן נים דיא שטייג זיך אַ וואָרף און ווערט פאַרשוואונדען, איבערלאָזענדיג נאָך זיך נים מעהר וויא דיא אייזערנע שטריק.

— איז עס טיעף? — האָט עטיענן געפרעגט ביי אַ קוילען־גרעבער, וואָס האָט לעבען איהם געוואַרט מיט אַ פאַרשלאָפענעם פּנים.

— פינף הונדערט פיער און פערציג מעטער. אונטען זיינען אָבער דאָ פיער גאַ־לעריעס. דיא ערשטע איז דריי הונדערט מיט צוואַנציג מעטר דיא טיעף.

ביידע האָבען זיי דאָ אַ קער געטאָן דיא אויגען צו דיא שטריק וועלכע האָט ווידער אָנגיהויבען צו לויפען. עטיענן האָט ווייטער געפרעגט:

— און טאָמער רייסט זיך דיא שטריק אָפּ?

— אָה, אַז עס זאָל זיך אָפּרייסען! — האָט יענער זיך אָפּגערופען, און האָט אַ קוועטש געטאָן מיט דיא פּלייצעס.

דיזען קוילען־גרעבער'ס רייהע אַרונטערצוגיין איז געקומען. דיא שטייג האָט זיך ווידער בעוויזען מיט איהר לייכטע אונערמידליכע בעוועגונג. ער איז אריין און זיך צו־זאַמענגעבויגען אויף דיא קניע מיט אַנדערע אַרבייטער. דיא שטייג איז איינגעזונקען געוואָרען און אין פיער מינוט אַרום איז זיא ווידער אַרויפגעקומען, צו נעמען אַ נייע פּאַרטיע אַרבייטער.

אַ האַלבע שטונדע נאָכאַנאַנד האָט דיא שטייג דאָ אַזוי אַלץ געשלונגען און גע־שלונגען מענשען, (אַ מאָל מעהר אַ מאָל ווייניגער. — עס האָט זיך געווענדט צו וועלכע גאַלעריע דיא אַרבייטער האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען) — אָבער אַלץ מיט אַ שטאַרקען אַפּעטיט אַזוי וויא זיא דאָס וואָלט געוועזן דיא מויל פון אַ ריז, וואָס זיין בויך פאָדערט אַ גאַנצען עולם. דיא דאָזיגע מויל האָט געשלונגען און געשלונגען, און איז אַלץ געבליבען שטיל — זשעדנע און שטיל.

עטיענן איז ווידער אַראָפּגעפאַלען ביי זיך און זיך געשראָקען פאַר דער מינע, וויא פריהער, בשעת ער איז געשטאַנען און גערעט מיט באָנעמאָר און געקוקט אויף דיא וואָרי פון ווייטען. אָבער ער ווערט דאָך סיי וויא סיי קיין אַרבייט דאָ נים קריגען — האָט ער זיך געקלערט. ער איז אַרויס און האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען דער געביידע, וואו עס זיינען געשטאַנען גרויסע אויוועגס מיט דאַמפּף־קעסלען. דיא טיר איז געווען אָפען און עס האָבען זיך געזעהן זיעבען אַזעלכע קעסלע און צוויי אויווען. ווייסע דאַמפּף איז געגאַנגען פון אַלע זייטען און עס האָט זיך געהערט אַ הוזשעריי. דער פייער־מאַן האָט געהאַלטען אין שיטען קוילען אין איינעם פון דיא אויווענס. דיא היץ, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דיזען אָפענעם אויווען, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיא האָט דער־גרייכט ביז'ן שוועלל, און עטיענן, זעהענדיג, אַז דאָ קען ער זיך אָנוואַרימען, איז מיט פרייד צוגעגאַנגען נעהנטער. גייענדיג אַזוי האָט ער זיך דאָ אָנגעטראָפען מיט אַנאַנדער קאָמפּאַניע, וואָס איז דורך דיא פינסטערניש פון דיא דויערענדע נאַכט געקומען צו דער מינע. דאָס איז געווען מאַהיי מיט לאַוואַקען. קאַטרין איז שוין געווען אַ ביסעל ווייטער. און אַזוי וויא יעצט, אין איהר קוילען־גרעבערשע קליידער, האָט זיא אויסגע־זעהן וויא אַ שטילער אינגעל, האָט עטיענ'ען זיך שטאַרק פאַרגלוסט ביי דיזען אינגעל

וויא ער האָט געמיינט, צו פּרופּען פּרעגען — צום לעצטען מאָל — צו ער קען דאָ קריגען ארבייט.

— הער נור, פריינד, דאָ איז קיין שום ארבייט ניטאָ ביי קיין זאַך ניט, הא?

זיא האָט אויף איהם א קוק געטאָן עטוואס צושראָקען, ווארים דיזע אונערוואר־טעטע שטימע, וואָס איז פּלוצלינג ארויסגעקומען פון דער פינסטערנעס, האָט איהר איבערראשט. אבער הינטער איהר האָט מאהיי, איהר פאטער, דערהערט דיא פראגע, און אבשטעלענדיג זיך, האָט ער געענטפערט.

— ניין, מען דארף דאָ קיינע ארבייטער — האָט ער געענטפערט. אבער דיעזער יונגער מאַן, וואָס שטארבט מסתמא פון הונגער און פון קעלט אומשלעפענדיג זיך, האָט איהם פאראינטערעסירט. ווען ער איז פון איהם אוועק, האָט ער געזאָגט צו זיינע מיטגייער:

— מיר דארפען זיך פרייען, וואָס מיר זיינען ניט אזוי. היינטיגע צייטען אז מען האָט ארבייט, טאָר מען זיך ניט בעקלאָגען. ניט אלע האָבען אזא גליק.

דיא פּארטיע איז אריין אין דער געביידע און איז גלייך געגאנגען אין דעם ווארט־צימער אריין. דאָס איז געווען א גרויסער מין שטאלל, געטינקעוועט אבי וויא; מיט ציילען אלמערס בייא דיא ווענט. איבער יעדען אלמער איז געהאנגען א בלאט־שלאָס. אין מיטען איז געשטאנען א מין אויוועז אָהן א צודעק פון אויבען. דער אויווען איז געווען אזוי פול אנגעשטאָפּט מיט גליהענדע קוילען, אז שטיקלעך פון זיי האָבען געקנאקט און געהוזשעט אויף דיא ערדענע פּאָדלאָגע. קיין אנדערע בעלייכטונג, א חוץ דעם פייער פון דיזע קוילען, איז דאָ ניט געווען, און דער אָבשלאג פון דיזע בעלייכטונג האָט ארומגעטאנצט איבער דיא געזימסען פון דיא ווענט ביז דעם שווארץ־פערשטויבטען באלקען.

ווען דיא מאהיי־פאמיליע איז אהין אריינגעקומען, האָבען דיא ווארטענדע ארביי־טער אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער. דרייסיג פּארשוין זיינען דאָ געשטאנען, מיט דיא רוקענס צום גליהענדען אויווען, בראטענדיג זיך מיט א צופרידענע מינע אויף דיא פּנים'ער. איידער זיך אראָפּצולאָזען אין דער מינע, פלעגען אלע אהער אריינקומען אום פון דאנע אין זייערע לייבער מיטצונעמען א ביסעל ווארימקייט צו דיא פייכקייט און קעלט פו דיא טיעפענעס פון דיא קוילען גרוב. דיעזע פריה־מאָרגען זיינען זיי אבער געווען בע־זונדער פרייליך, ווארים זיי האָבען געמאכט שפּאָס מיט א ניינצעהן־יעהריגע ארבייטער מעדכע, נאמענס מאָקעט, א לעבעדיגע סחורה, מיט גרויסע בריסט און זייטען, וועלכע האָבען אויסגעפילט איהר וועסטעל און הויזלעך. זיא האָט געוואוינט אין רעקווילאר מיט איהר פאטער, — דער אלטער מאָק, א פערד בעזאָרגער — און איהר ברודער מאָקע, א קוילען־גרעבער.

מאָקעט פלעגט צו דער ארבייט ניט קומען צוזאמען מיט איהר פאָטער און ברודער, הגם זייער ארבייטס־צייט איז געווען דיא זעלבע. גייענדיג צו דער מינע פלעגט זיא — זומער אין דיא ווייץ־פעלדער און ווינטער הינטער וועלכע עס איז וואנט — זיך טרעפען מיט איהרע געליבטע. יעדע וואָך האָט זיא געהאט א'ן אנדערען. זיא האָט שוין אויס־געהאט אלס אזעלכע ליבהאָבער אללע ארבייטער פון דער מינע, — אזוי פלעגען זאָגען איהרע געוועזענע ליובאָווניקעס, ניט קימערנדיג זיך דערביי א האָאר. א מאָל, ווען א נאָגעל־מאכער פון מארשיענן האָט זיך מיט איהר געררייצט, איז זיא שיער ניט געפאלען אין חלשות פון כעס, און האָט געשריען, אז זיא האָט צו פיעל רעספּעקט צו זיך; אז זיא וואָלט זיך געלאָזען אראָבנעהמען א האנט, אויב מען וואָלט געקענט זאָגע, אז מען האָט איהר געזעהן מיט ווען עס איז אויסער א מינען־ארבייטער.

— שוין נישט מעהר מיט דעם גרויסען יונג מאוואָר? — האָט א קוילען־גרעבער צו איהר געזאָגט לאכענדיג. האָסט שוין א'ן עסק מיט דעם קליינעם קערל? ער וועט

דאך מוזען האבען א לייטער. איך האב אייך געזעהן הינטער רעקווילאר. א סמן האסטו — ער איז געשטאנען אויף א שטיין.

— נו, איז דאס דיין עסק ? האט מאקעט זיך אפגערופען אין גוטען מוטה — צו דיר איז מען דאך ניט געקומען בעטען אונז צו העלפען.

און דיזער גראבער שפאס האט פערגרעסערט דיא פרייליכקייט פון דיא ארבייטער, וועלכע האבען אויסגעשטעלט דיא פלייצעס פאראויס, וועהרענד דער פייער פון דעם גרויסען אויווען האט זיי געבראטען. און דיא מעדכען, אויך טרייסלענדיג זיך פאר געלעכטער, איז זיך אומגעגאנגען צווישען זיי, אזוי וויא, אויף שפאס, פיקענדיג זיי דיא אויגען מיט איהר אונאנשטענדיגען קאסטיום, פון וועלכען איהרע בריסט האבען יעצט ארויסגעסטארצעט מיט א'ן אונגאטירליכע גרויס — אזוי וויא דאס וואלט געווען א קערפערליכער פעהלער איהרער.

באלד האט דער געלעכטער אויפגעהערט. מאקעט האט געזאגט מאהייען, אז פלייראנס, דער גרויסער פלייראנס וועט מעהר ניט קומען. מען האט איהם געפונען א טויטען אין בעט. איינינע זאגען, אז ער איז געשטארבען פון א ברוסט-פעהלער און אנדערע אז פון א קווארט שנאפס וואס ער האט אויסגעזופונקען צו גיך אויף א מאל. דערהערענדיג דיא נייעס, איז מאהיי געווען אין א פארצווייפלונג. פלייראנס איז געווען איינער פון זיינע מיטהעלפער, — א וואגאן שטופער — און קיין אנדערען אויף זיין פלאץ האט ער דא ניט. אין איינעם מיט מאהיי האבען געארבייט זאשאריע, ליעוואס און שאוואל. אויב מעהר וויא קאטרין זאל ניט שטופען דיא וואגאנטשיקעס, וועט זייער ארבייט שטארק ליידען. פלוצלינג אבער איז מאהיי'ען אריינגעפאללען א געדאנק אין קאפ.

—ווארט אקארשט! דארטען איז דאך עפעס דא א יונגער מאן, וואס זוכט ארבייט.

אין דיזען מאמענט איז דאנסאר, דער פערוואלטער, פערביינעגאנגען פארביי דיא טיר פון דעם ווארט-צימער. מאהיי האט איהם דערציילט, אז איינער פון זיינע אויסהעלפערס איז געשטארבען, און האט געבעטען ערלויבניס צו נעמען דעם יונגען מאן, וואס פרעגט אויף ארבייט, אויף זיין ארט. דערביי האט ער איהם דערמאנט, אז דיא קאמפאניע אליין וויל דאך ביסלעך־ווייז נעהמען יונגע לייט אלס וואגאנען־שטופערס אויף דעם ארט פון דיא מעדכען, וואס ארבייטען איצט. דער פערוואלטער האט א שמייכעל געטאן, ווארום דיא קוילען־גרעבער אליין האבען דאך ניט געוואלט ליידען, אז מען זאל דיא מעדכען אבשאפען פון דער ארבייט אין דער מינע. זיי האבען זעהר געזארגט אהין, אין דיא טיעפענעסען פון דיא גרוב געלאזען זייערע טעכטער גיין ארבייטען, ניט קימערענדיג זיך, וואס פון דעם האט געליטען זייער מאראל און געזונט. דער פערוואלטער האט א ביסעל נעקווינקעלט, אבער באלד איז ער מרוצה געווארען, בעמערקענדיג פון דערסטוועגען, אז מען וועט מוזען אנפרעגען ביי הערר נעגרעל, דעם אינזשינער.

— גאנץ גוט — האט זאשאריע זיך אבגערופען — דער יונגער מאן איז ניט וויים; עס קען זיין, אז ער איז נאך ניט אפגעגאנגען פון דעם פלאץ, וואו מיר האבען איהם געזעהן.

— ניין; איך האב געזעהן וויא ער האט זיך אבגעשטעלט לעבען דיא קעסלען — האט קאטרין בעמערקט.

— טא גיי'שע רוף איהם, באלוואנסקע צורה דו! — האט איהר פאטער אויסגעשריען.

דיא מעדכען איז ארויסגעלאפען, וועהרענד דיא קאמפאניע ארבייטער, וואס האבען זיך געווארימט, האבען זיך א לאז געטאן צו דער מינע, איבערלאזענדיג דעם אויווען

פאר אנאנדער קאמפאניע. זשאנגלען האט ניט געווארט אויף זיין פאטער, נעמענדיג זיין לאנטערנע איז ער אוועק מיט דיא אנדערע צו דער מינע צוזאמען מיט טהעבי,— א גרויסען, נארישען יונג,—און לידיע—א ווילדע מיידעל פון א יאהר צוועלף.

מאקעט, וועלכע איז געגאנגען פאראויס, האט אויף דיא פינסטערע טרעפ גע־שריען אויף זיי, זיי גערופען פאסקודנע נעדראסטקעס און געסטראשעט זיי אנצופאטשען, אויב זיי וועלען איהר ווייטער קנייפען.

עטיענן איז געשטאנען אין דעם צימער פון דיא דאמפף־קעסלען און גערעט מיט דעם קאטשעגאר, וועלכער האט געהאלטען אין שיטען קוילען אין דיא אויוועגס. דערמאנענדיג זיך אן דיא ביטערע קעלט פון דיא נאכט, וואס ער האט פארבראכט אויף דרויסען, האט איהם אנגעכאפט א סקרוך. און פון דעסטוועגען איז ער געצוואונגען געוועז זיך צו בעשליסען ווייטער זיך אוועקצולאזען. וויא ער האט אזוי געטראכט, האט ער דערפיהלט א האנט אויף זיין פלייצע.

— קומט, עס איז דא ארבייט פאר אייך — האט קאטרין צו איהם געזאגט.

פון אנפאנג האט ער ניט פערשטאנען. באלד אבער האט איהם דורכגעדרונגען א געפיהל פון פרייד און ער האט דיא מעדכען שטארק געדריקט פאר'ן האנד, פון דאנקבארקייט.

— איך דאנק, קאמעראד — האט ער געזאגט — איהר זייט א גאנץ וואוילער יונג, כ'לעבען! —

זיא האט זיך צולאכט און האט איהם בעקוקט אין דיא רויטע שיין, וואס האט זיי יעצט בעלויכטען. זיא האט געהאט שפאס פון דעם, וואס ער מיינט נאך אלץ אויף איהר אז דאס איז א אינגעל. ער האט זיך אויך צולאכט פון פרייד, וואס ער קריעגט ארבייט; או אזוי זיינען זיי א ווייל געשטאנען לאכענדיג איינער צום אנדערן מיט גליהענדע באקען.

מאהיי האט אין דער ווייל אין דעםווארט־צימער זיך איינגעביגען לעבען זיין אלמער, וואס ער האט דארטען געהאט, און האט אויסגעטאן זיינע שיך מיט דיא גראבע וואלענע זאקען. ווען עטיענן איז אריינגעקומען, האבען זיי וועגען אלץ אבגערעט אין קורצען: דרייסיג סענט א טאג; דיא ארבייט איז אפילו א שווערע, אבער ער וועט זיך גיך אויסלערנען. מאהיי האט דעם יונגען מאן געראטען ניט אויסצוטאן זיינע שיך און האט איהם געליהען אין ארטע לעדערנע הימעל, צו בעשיצען דיא קאפ פון א זעץ. מאהיי אליין און זיינע קינדער האבען זיך פון אזעלכע זאכען אויסגעלאכט. זיי זיינען געווען צוגעוואוינט צו דער מינע כמעט פון געבארענשאפט אן. מאהיי האט ארויסגענומען דיא געצייג פון קאסטען, וואו ער האט געפונען צוגעגרייט דעם שופעל פון דעם געשטארבענעם פלייראנס. ווען ער האט פארשלאסען דיא שיך און זאקען און אויך עטיענן'ס פעקעל, איז ער פלוצלונג געווארן אינגעדולדיג.

— וואס איז דא מיט שאוואל'ען דעם גולם? — האט ער בייז געפרעגט — מיר האבען זיך פארשפעטיגט אויף א האלבע שטונדע.

זאשאריע און ליעוואק האבען א קוועטש געטאן מיט דיא פלייצעס און האבען ניט געענטפערט. אין א ווייל ארום האט זאשאריע זיך אפגערופען:

— ווארטען מיר דאס דען אויף שאוואל'ען. ער איז געקומען פריהער פאר אונז און איז גלייך ארונטערגעגאנגען.

— אזוי? טא פאר וואס האסט דו דאס ביז אהער ניט געזאגט? קומט־זשע שוין, קומט גיכער!

קאטרין, וועלכע האט געהאלטען אין ווארימען איהרע פארגליווערטע פינגער בייים אויווען, האט זיך געלאזען נאכגיין נאך דיא קאמפאניע. עטיענן האט איהר גע־לאזען געהן פאראויס און איז אליין געגאנגען הינטער איהר. ווידער איז ער אריינגיקמען.

אין א פלאַנטער פון פינסטערע טרעפ און דורכגאַנגען, איבער וועלכע דיא גאַקעטע פיס האָבען געמאכט א ווייכען קלאַנג. פלוצלונג זיינען זיי צוגעקומען צו א פייערעל, וועלכער האָט בעלויכטען א גלעזערנעם צימער. דאָ זיינען געהאָנגען דיא לאַנטערנעס, בעקוקט און אויסגעריינינגט נאָך פון נעכטען.

יעדער ארבייטער האָט זיך דאָ גענומען זיין לאַנטערנע, וועלכע איז געהאָנגען אונטער זיין נומער. ווערענד דיא ארבייטער האָבען צוגעמאכט זייערע לאַנטערנעס, האָט דער צייט־פערשרייבער, זיצענדיג דאָ ביי א טיש, פערצייכענט דיא שטונדע און מינוט, ווען יעדער האָט זיך אַראָבגעלאָזען. פון ווייטערע פאָרזיכטיגקייט וועגען האָבען דיא ארבייטער געמוזט גיין איינע נאָך דיא אנדערע איינציגווייז, אום אַ'ן איספּעקטאָר זאָל זיי קענען בעקוקען און זעהן אויב ביי יעדען איז דיא לאַנטערנע פאַרמאַכט. פאַר זיין נייעם וואַגאָנען־שטופער האָט מאַהיי געמוזט בעטען איין נייע לאַנטערנע.

— צום טייוועל זאָל דאָס גיין, — וויא ווארים דאָ איז! — האָט קאַטרין אויסגעמורמעלט.

עטיענן האָט בלויז א נייג געטאָן מיט'ן קאָפּ. ווידער האָט איהם גענומען שרעקען דאָס האַרץ פון ארונטערלאָזען זיך אין דיא טיעפע גרוב, אין מיטען יענעם גרויסען צימער, וואָס איז פול מיט לופט־שטראָמען. טאַקי ער האָט זיך געהאַלטען פאַר א בוואַטסקען יונג, אָבער, פון דעסטוועגען, ווען ער האָט דערהערט דעם דונערענדען גערודער פון דיא וואַגאָנען, דיא שווערע קלעפּ פון דעם סיגנאַל־האַמער, דיא פאַרשטיקטע קולות פון דעם שפּראַך־רעהר, ווען ער האָט דאָס אַלץ דערהערט און דערזעהן דיא פליהענדע שטאָלענע שטריק און דיא דאַמפּף־מאַשין, וויא זיא איז געגאַנגען אויף פולע דאַמפּף, — האָט זיך איהם געשטעלט אַ'ן אומאנגענעהמער געפיהל אין האַלז. דיא גרויסע שטייגען האָבען זיך דאָ בעוויזען און דאַ איינגעזונקען — אַזוי וויא א חיה — אַרונטערנעהמענדיג קאָמפּאַניעס ארבייטער, וועלכע דיא מויל פון דער מינע האָט אַזוי וויא איינגעשלונגען. עטיענ'ס רייהע זיך אַראָבצולאָזען איז געקומען. עס איז איהם געווען קאַלט, און ער האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. זאַשאַריע און ליעוואַק האָבען פון זיין שווייגען געלאַכט. זיי זיינען געווען אונצופרידען פון דעם וואָס מען האָט דיזען אונבעקאַנטען יונגען מאַן גענומען. הויפּטזעכליך איז ליעוואַק געווען אין כעס, וואָס מאַהיי האָט ביי איהם ניט אָנגעפרעגט. קאַטרין אָבער איז געווען צופרידען זעהענדיג, וויא איהר פאָטער ערקלערט אַלעס דעם יונגען מאַן.

— זעהט נור — האָט ער צו עטיענ'ען גיזאָגט — איבער'ן שטייג — דאָס איז אום צו פאַרוואָרענען געגען א בראָך. וואָס פרעגט איהר? אויב עס ווירקט גוט? ניט אימער!.... יאָ, דיא מינע איז צוטהיילט אויף דריי אָבטיילונגען, וועלכע זיינען פון אויבען ביז אַראָפּ בעשלאָגען מיט ברעטער.

דאָ האָט מאַהיי זיך פּלוצלינג צושריען:

— וואָס טהוט זיך דאָ? האָסט ווען געהערט מ'ן זאָל האַלטען מענשען אין אַזא קעלט!

רישאַם, דער פאָרמאַן, וועלכער האָט זיך געקליעבען ארונטערצוגיין, האָט דאָס דערהערט.

— היט זיך! וועגט האָבען אויערן — האָט ער זיך אָבגערופען מיט א גוטע מינע — דיא ארבייט מוז דאָך געטאָן ווערן.... שאַ, אָט איז דיא שטייג. קומט אריין!

דיא שטייג, וועלכע איז בעשטאַנען פון אייזערנע שטאַרבעטען מיט א דינע דראָטענע שאַטקע, האָט אויף זיי געוואַרט — צוגעפעסטיגט אויף דיא פאַררוקערס. מאַהיי, זאַשאַריע, ליעוואַק און קאַטרין זיינען אריינגעקראָכען אין דעם אונטערשטען וואַגאָן, און אַזוי וויא אין יעדען וואַגאָנטשיק האָבען געדאַרפט אריינגיין פינף, איז אַהין באַלד

אריין עטיענן אויף. דיא גוטע פלעצער אין דיעזען וואגאן זיינען שוין אָבער געווען פאַר־נומען, און ער האָט געמוזט זיך צוזאַמענקאָרטשען אין דרייען אַזוי נאָהענט צו דער מיידעל, אַז איהר אויסגעשטעלטער עלענבויגען האָט איהם געסטאַרצעט אין זייט. זיין לעמפּעל האָט איהם געשטערט. מען האָט איהם געראַטען איהם צו צוצעפּען צו אַ קנעפּיל פון זיין וועסט. ער האָט אָבער דאָס ניט געהערט און האָט דעם לעמפּעל אַלץ אומגעלומפּערט געהאַלטען אין האַנט. אין דיא אַנדערע וואַגאָנעס, איבער זייערע קעפּ, האָבען זיך אָנגעקליבען אַנדערע אַרבייטער. עטיענן'ען האָט זיך געדוכט, אַז עס געדויערט ווער־ווייסט וויא לאַנג און ער האָט פאַרלאָרען זיין געדולד. ענדליך האָט געגעבען אַ שליידער און זיי אַלעמען צוטרייסעלט, און גלייך איז געוואָרען חשך־פינ־סטער. דיא אַלע זאַכען אַרום עטיענן'ען זיינען פּלוצלינג פאַרשוואונדען געוואָרען און ער האָט געהאַט אַ זאָנדערבאַרען געפיהל פון אַרונטערפאַלען. אַ ביסעלע שיין אין נאָך פון אָנהייב געווען פון אויבען; אָבער באַלד איז דאָס אויך פאַרשוואונדען געוואָרען.

— יעצט לאָזען מיר זיך שוין — האָט מאַהיי געזאָגט.

דיא פיער זיינען זיך אַלע געווען רוהיג. עטיענן אָבער האָט זיך יעדען מאָמענט געפרעגט צו ער געהט אַרויף צו אַראָפּ. ער האָט זיך קיין ריהר ניט געטהאָן. מיט אַ מאָל האָט דיא שטייג זיך געגעבען אַ האַסטיגען טרייסיל. עטיענן האָט זיך דערשראָ־קען. ער האָט גלייך אָבער באַמערקט, אַז דיא שטייג האָט זיך אָבגעשטעלט. פון אונטען זיינען געווען אַרבייטער. ער האָט זיי אָבער ניט געקענט זעהן. אפילו דיא הילצערנע וועגט פון דיזע אַבטהיילונג פון דער מינע האָט ער אויך ניט געקענט זעהן—אַזוי דונקעל איז דאָ געווען.

— דיעזע לאַך האַלט פיער מעטער אין דער ברייט — האָט מאַהיי ערקלערט עטיענן'ען. — דיא רורעס האָט מען בעדאַרפט פאַרריכטען. דיא וואַסער שפּריצט פון אַלע זייטען. האַלט זיך צו, וואָרום מיר קימען באַלד צו צו אַ גאַלעריע, איהר הערט?

עטיענן האָט פּלוצלונג דערהערט, אַז איבער דעם דעקעל פון דיא שטייג קאַפּעט וואַסער — פון אָנהייב לייכט אין באַלד מיט אַ האַסט וויא אַ שלאַגס־רעגען. ער איז באַגאָסען געוואָרען מיט אַ שטראָם איבער דיא שולטערען. ער האָט אַ ציטער געטהאָן. דיא קעלט איז געוואָרען שטאַרק. זיי זיינען געווען אין אַ פייכטען פינסטערן תהום. אַזוי פליהענדיג אַרונטער־צו, האָבען זיי באַלד דערזעהן אַ סך מענשען, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרייט אין דיא שטראַהלען פון לאַנטערנעס. אין אַ רגע זיינען דיעזע אויך פאַר־שוואונדען געוואָרען.

— דאָס איז דיא ערשטע גאַלעריע — האָט מאַהיי געזאָגט. דריי הונדערט און צוואַנציג מעטער. איהר זעהט, וויא שנעל מיר לאָזען זיך?

נאָך דריי גאַלעריעס זיינען אויך פערשוואונדען געוואָרן אין אַן אויגענבליק. דער פאַרטויבענדער רעגען האָט אַלץ געגאָסען אין געגאָסען אין דער פינסטער.

— אָ, וויא פינסטער עס איז! — האָט עטיענן געמורמעלט.

דאָס אַרונטערלאָזען זיך, האָט זיך עטיענן'ען געדוכט, האָט געדויערט עטליכע שטונדען. ער איז געשטאַנען צונויפגעקאָרצעט, ווייל ער האָט זיך שלעכט געשטעלט פון אָנהייב און ער האָט ניט געקענט איבערצובייטען זיין לאַגע, — זאָ דאָס עס האָ־בען איהם געבראָכען דיא ביינער. ווען דיא שטייג האָט זיך ענדליך אָבגעשטעלט אויפ'ן גרונד, פינף הונדערט פערציג מעטער דיא טיעף, איז ער נשתומם געוואָרען הערענדיג, אַז דאָס גאַנצע אַרונטערלאָזען־זיך האָט ביי זיי געדויערט פּונקט איין מינוט. דיא קלאַ־גען פון דיא פאַרוקערס, וועלכע האָבען צוגעפעסטיגט דיא שטייג, און דער געפיהל אַז אונטער זיינע פיס איז שוין ניט קיין תהום זאָנדערן פעסטע ערד, האָט איהם פּלוצלינג פרייליכער גימאַכט אויפ'ן האַרצען. עס איז איהם געוואָרען אַזוי היימליך, אַז ער האָט מיט שפּאַס געזאָגט צו קאַטרין, וויא צו אַ'ן אַלטען בעקאַנטען:

— וואָס האָסטו אונטער דיין הויט, וואָס מאַכט דיר אזוי ווארים? דיין עלענד בויגען האָט מיר דיא גאנצע צייט געסטארצעט אין זייט און עס איז געוועזן ווארים בילעבען.

קאַטרין האָט געלאַכט, וואָס ער איז אזא פלאָקען און מיינט נאָך אלץ אויף איהר, אז זיא איז א אינגעל. וואָס איז מיט איהם, — איז ער בלינד, צו וואָס?

— מיין עלענבויגען האָט דיר מסתמא געשטעקט אין דיא אויגען — האָט זיא געזאָגט מיט אזא געלעכטער, אז דער יונגער מאַן האָט זיך פארוואונדערט, וואָס זיא לאַכט און וואָס זיא מיינט.

דיא שטייג איז אויסגעליידיגט געוואָרען. דיא ארבייטער זיינען אריין אין א צימער אויסגעהאקט אין דיא שטיין־קויל און אונטערגעמויערט. דאָרטען האָבען געברענגט דריי גרויסע לאָמפּען. עטליכע מענשען האָבען געשטופּט וואַגאָנעס אָנגעפּילט מיט קוילען. פון דיא ווענט איז געפאלען א ריח וויא פון א הייל; א גערוך פון ניטר מיט ווארעמע שטראָמעלעך איז אהער צוגעקומען פון א שטאל דערביי. פיער גרויסע לעכער האָבען זיך דאָ אָנגעפאנגען קוקענדיג מיט זייערע פינסטערע אָפענע מיילער.

— אהער! — האָט מאַהיי אויסגעשריען, מיר האָבען נאָך א היבשע שטיק צו גיין. מיר זיינען נאָך ניט אויפ'ן אָרט.

דיא ארבייטער האָבען זיך צוטהיילט אויף גרופּפּען, וועלכע זיינען פערשוואונדען געוואָרען אין דיזע פינסטערע לעכער. פופצעהן מאַן האָבען אקערשט אָנגעפאנגען צו גראָבען אויף דער לינקער האַנט. עטיענן איז נאָכגעגאנגען נאָך מאַהיי, וועלכער איז געגאנגען הינטער קאַטרין, זאַשאַריע און ליעוואַק. דיא לאָך דורך וועלכע זיי זיינען דאָ געגאנגען איז געוועזן גרויס גענוג פאר א גרויסען וואָגען דורכצוגיין, און זיא איז געוועזן דורכגעהאקט דורך אזעלכע פעסטע קוילען־פעלזען, אז בלויז ערטער ווייז איז נייטיג געווען איהר ארומצומויערען אום שטארקער צו מאַכען. איינער נאָך דעם אנדערן זיינען דיא פינף אזוי געגאנגען צוגעלויכטען פון זייערע לאַמטערנעס. עטיענן האָט זיך אלע ווײלע אבגעזעצט דיא קאָפּ, פארצעפּענדיג דיא פיס אָן דיא ריילסעס. אָפט האָט איהם איבערגעשראָקען א פערשטיקטער גערודער, וויא פון א ווייטיגען שלאַנג־רעגען, וועלכער איז דאַכט זיך געגאנגען פון אונטער דער ערד. וועט דיא גאנצע שרעקליכע מאסע איינפאלען? באלד האָט א שיין געטאָן, און דיא פעלזען האָבען גענומען ציטערען. ער האָט זיך צוגעשפּארט צום וואנט, וויא דיא אנדערע פיער האָבען געטאָן. א ווייסער פערד איז פארבייגעגאנגען מיט עטליכע וואַגאָנטשיקעס. הערבער איז געזעסען אויף דעם ערשטען טרייבענדיג דעם פערד, און זשאנלען, א באָרוועסער, איז נאָכגעלאָפען פון הינטען, שטופּענדיג דעם לעצטען וואגאָן.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען. באלד זיינען זיי צוגעקומען צו א וועג, וואָס האָט איבערגעקרייצט זייערע. צוויי אנדערע לעכער האָבען זיך דאָ געעפנט. דיא ארבייטער, וואָס זיינען געגאנגען מיט אונזערע בעקאנטע צוזאמען האָבען זיך דאָ צוטהיילט, צוגייענדיג זיך קופּקעסווייז אין דיא פערשיעדענע טהיילען פון דער מינע. דאָ איז דיא וועג מיט דיא רעלסעס ביי דיא ווענט געוועזן פארבויט מיט קלעצער, וועלכע האָבען אונטערגעשפּארט דעם באלקען. אויבען אין דעם באלקען, וואו דיא קויל־שטיין איז אראָפּגעפאלען, האָבען געסטארצעט שטיקער טאפעל־שטיין און א גרויסע מאססע אנדערע שטיין.

ציילען וואַגאָנטשיקעס, אָנגעלאָדענע און ליידיגע, האָבען ניט אויפגעהערט פארבייצוגיין איינער פארביי דעם אנדערען אָדער איבערקרייצענדיג איינער דעם אנדערן דיא וועג. דיא פערד, וואָס האָבען זיי געשלעפּט דורך דיא פינסטערניס, זיינען געגאנגען עפּעס ניט וויא לעבעדיגע זאכען. ביי'ם וועג איז געלעגען א לאַנגער

שווארצער שלאנג און האט געשלאָפען. א הילצערנער טויערעל האָט זיך לאנגזאם פערמאכט, און וואָס ווייטער זיי זיינען געגאנגען, איז דער וועג געווארען אלץ שמעלער און דער באלקען אלץ נידעריגער, זאָ דאָס זיי האָבען געמוזט גיין מיט איינגעבויגענע רוקענס.

עטיענן האָט זיך שטארק אָבגעזעצט די קאָפּ. ווען ניט די לעדערנע היטעל וואָס מאהיי האָט איהם געליהען, וואָלט ער אפשר צושפּאָלטען זיין שארבען. פון דעסטוועגען האָט ער ניט אויפגעהערט נאָכצוגיין נאָך מאהיי'ס שאָטען, וועלכער האָט זיך געזעהען פון די לאנטערנע שיין. די אנדערע ארבייטער האָבען זיך ניט אָבגעזעצט. זיי זיינען שוין געווען גוט בעקאנט מיט יעדען ווינקעלע, מיט יעדען אָרט וואו עס האָט ארויסגעסטארטשעט א קלאָץ אָדער א שטיין. עטיענן'ען האָט א חוץ אלעס נאָך זעהר געשטערט און געערגערט דאָס וואָס די וועג איז ערטער־וויז געווען גאנץ גליטשיג. אָפּט פלעגט ער אריין אין א לוזשע. אָבער מעהר פון אלץ האָט איהם געוואונדערט, וואָס די לופט האָט זיך רק געביטען. אין דעם אָרט, וואו זיי זיינען ארויס פון דעם שטייג, איז געווען קיהל. אין די גרויסע וועג, דורך וועלכע די וואגאָנען זיינען געגאנגען און דורך וועלכע די גאנצע לופט פון דער מינע איז דורכגעקומען, האָט געבלאָזען א שארפער קאלטער ווינט, ווי א שטורעם. דער־נאָך, ווען זיי האָבען זיך פארקערעוועט אין די זייטיגע לוכטעס, וואו בלויז א טהייל פון די לופט איז צוגעקומען, איז געוואָרען היים און שרעקליך דושנע, שווער ווי בליי. א פערטעל שטונדע זיינען זיי געגאנגען דורך די שמעלערע וועגען ביז זיי זיינען אריינגעקומען אין א מין גרוב, וואו עס האָט געברענט ווי אין א'ן אויווען.

מאהיי האָט זיך פארקערעוועט אין א נייע לוכטע, רעכטס, און ניט אומקערענ־דיג זיך צו עטיענן'ען מיט'ן פנים, האָט ער געזאָגט:

דער גילאָם אָדער! *)

ביי דיזען אָדער האָב'ן זיי דאָס געארבייט.

עטיענן איז נאָכגעגאנגען. גלייך האָט ער זיך אָבגעזעצט די קאָפּ און די עללענבויגענס. דער באלקען איז געווארען אזוי נידעריג, אז מען האָט געמוזט אָפּט גיין צוגעבויגען צו דער ערד. דער וואסער איז געווען טיעף, אז עס האָט דערגרייכט ביז איבער די שיך.

עטיענן'ען האָט פארכאפּט דעם אָטהעם, ווארום די היץ איז נאָך שטארקער געוואָרען. ווען זיי זיינען אָבגעגאנגען נאָך א שטיק, האָט ער געזעהן, ווי ליעוואַק, זאשאריע און קאַטרין ווערען פערשוואונדען אין א שמאָלע עפענונג, אביסעל אין דער הויך, וועלכע האָט זיי אזוי ווי איינגעשלונגען.

— מיר מוזען ארויפגיין! — האָט מאהיי געזאָגט — צעפּעט צו אייער לאנטערנע צו א קנעפּיל און האלט זיך אָן אָן די קלאָץ. מאהיי איז אויך פערשוואונדען געוואָרען. עטיענן האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווי נאָכצוקלעטערן. ער איז געווען א גרינגער. אָבער דאָ איז ער ניט געווען פלינק און ער האָט זיך ארויפגעהויבען מיט גרויס מאטערנעס. פופצעהן מעטער העכער זיינען זיי צוגעקומען צו דעם צווייטען עטאזש. זיי האָבען אָבער געארבייט אויף דעם זעקסטען, אין „העלל", וויא זיי האָבען דאָס גערופען. די עטאזשען זיינען געווען צו 15 מעטער איינער איבער דעם אנדערן, און ארופגיין האט מען געמוזט דורך די זעלבע שמאָלע לוכטע, וועלכע האָט געריבען דעם רוקען און די ברוסט. עטיען האָט געפּיהלט אזוי ווי מען שטיקט איהם; זיינע הענט זיינען געווען צודראָפּעט, זיינע פיס צובייילט און צוקיילט, זיין הויט איז געווען אָבגעריבען און ער האָט געפּיהלט, ווי די בלוט גייט ערטער־וויז.

*) א'ן „אָדער" רופט מען א פּאַך מעטאַל אָדער שטיין, וואָס ציהט זיך אין מיטען פון אנאנדער זאָרט שטיין אין דער ערד. דער איבערזעצער.

באלד האט ער אין א דונקעלע ווענ נעזעהן וויא צוויי מענשליכע באשעפעניסען, אויסמעגנעדרייט אין דרייען, שטופען וואגאנעס. דאס זיינען געווען לידיק און מאקעט, דעם שטאלל־מייסטער'ס טאכטער מיט דיא גרויסע בריסט. עטיענן האט אבער גע־מוזט קלעטערן נאך העכער,—צו דיא העכסטע טייל פון דעם אדער. דיא שוויים, וואס האט זיך פון איהם געגאסען, האט איהם פארבלענדעט דיא אויגען. ער איז אבגעשטאנען פון דיא איבעריגע, וועלכע האבען אזוי פלינק געקלעטערט איבער דעם פעלז, אז ער האט מורא געהאט, דאס ער וועט זיי ניט קענען דעריאגען.

— נו, שוין!—האט קאטרין אויסגעשריען.

באלד האט פון יענעם ברעג וואנט א קול אויסגערופען:

— וואס איז דער מעהר? איהר פארגעסט גאר, אז עס זיינען דא נאך מענשען אויף דער וועלט. איךווארט און ווארט.

דאס איז געווען שאוואל פון מאנטסאן,—א הויכער דארער יונגער מאן, א יאהר 25 מיט א געזיכט, וועלכע האט אבגעשפיגעלט א פעסטען כאראקטער. דערזעהענדיג עטיענן'ן, האט ער געפרעגט מיט פעראכטונג:

— ווער איז דאס? וואס בעדייט עס?

ווען מאהיי האט איהם ערקלערט דיא געשיכטע, האט ער געזאגט דורך דיא ציין:

— נו, דיא יונגען וועלען אזוי אוועקנעמען דיא ברויט ביי דיא מיידלעך!

עטיענן און שאוואל האבען זיך איבערגעקוקט מיט האס אין דיא אויגען, וועלכע ביידע האבען אינסטיקטיוו גלייך גענומען פיהלען איינער צו דעם אנדערן. עטיענן האט זיך געפיהלט אנגעגריפען, הגם מיט'ן געדאנקען האט ער דאס ניט בענומען. עס איז שטיל געווארען. זיי האבען זיך גענומען צו דער ארבייט. ביסלעך־ווייז זיינען אלע עטאזשען געווארען פול מיט ארביימער. דיא מענשען־פרעסערקע, דיא מינע, האט שוין איינגעשלונגען איהר טעגליכע פארציע—נאהענט פון 700 מאן, וועלכע האבען דא איצט געארביים, וויא א גרויסע מאסע בינען, בויערענדיג לעכער אין דיא פערשידענע טיילען פון דער ערד; ביז דיא ערד איז געווארען אזוי פול מיט לעכער און גריבער וויא א שטיקעל האלץ, וואס איז פול מיט ווערים. אין מיטען פון דיא שווערע שטילקייט, נאך וועלכע עס האט זיך אנגעפאנגען דער קראך פון דיא שווערע קוילען־פאכען, האט מען, צולייגענדיג דעם אויער צום וואנט, דא געקענט הערען דיא טריט פון מענשען און דאס פליהען פון דיא שטאלענע שטריק, וואס האט געשלעפט דעם שטייג ארויף און אראפ.

ווען עטיענן האט זיך א קער געטאן, איז עד ווידער אויסגעקומען צוגעדריקט צו קאטרין'ען. דיזען מאל האט ער אבער נאך דיא רונדקייט פון איהר האלז און שול־טערען גלייך בעמערקט, אז דאס איז א מיידעל. דא האט ער אויך גענומען פאר־שטיין פאר וואס איהר לייב איז אזוי ווארעם, וויא ער האט דאס געפיהלט ארונ־טערגיןהענדיג.

— ביסטו אלזא גאר א מיידעל?—האט ער געמורמעלט, נשתומם ווערענדיג.

זיא האט געענטפערט פריילעך און ניט רויט ווערענדיג:

— יא. אבער וויא לאנג עס האט דיר געדויערט צו טרעפען!

דיא פיער קוילען־גרעבער האבען זיך אויסגעצויגען, איינע איבער דעם אנדערען, אויף פערשיעדענע הויכקייטען. צווישען זיי זיינען געהאנגען ריסטאוואנעס, וועלכע האבען צוגעהאלטען דיא אראבגעשלאגענע קוילען. ארבייטענדיג האבען זיי אויסגע־פויזעט אויף דיא קניע און עלענבויגענס. זיי האבען דא געמוזט גראבען דיא קוילען פון וואנט, און אויסדרייענדיג דיא העלזער און אויפהייבענדיג דיא הענד, האבען זיי מיט זייערע שפיציגע העק געגעבען קורצע קלעפ.

זאשאריע האט געארביים פון אונטען. איבער איהם איז געלעגען שאוואל, נאך

העבער—ליעוואק, און נאָר אויבען—מאהיי. מאהיי האָט געליטען מעהר פון אלעמען. דאָ, וואו ער האָט געארבייט, איז געוועזען שרעקליך הייס און דושנע דערשטיקט געווען. זיין לעמפּעל, וועלכער איז געוועזען צוגעצעפּעט איבער איהם, האָט איהם געברענט דיא קאָפּ. פון אויבען האט ניט אויפגעהערט צו קאַפּען וואסער, וועלכע האָט מיט א מין עקשנות געטריפט אין טאקט, האַקטינג פאלענדיג אויף דעם זעלבען פונקט. ער האָט פערבויגען דיא קאָפּ. דיא וואסער איז געפאלען איבער זיין פּנים, אראָבשטראָמענדיג, אָהן אָ'ן אויפהער. אין א פערטעל שטונדע איז ער שוין געוועזען אין גאנצען דורכגענעצט פון דיא וואַסער און פון שוויס. איין טראָפּען האָט איהם אריינגעשפּריצט אין אויג, זאָ דאָס ער האָט פון כּעס זיך געשאָלטען און דאָך האָט ער זיך ניט אָבגעשטעלט און ווייטער געארבייט. ער האט געגעבען אַזעלכע בייזע קלעפּ, אז דיא וואַנט און דער דאָך, צווישען וועלכע ער איז געלעגען, האָבען זיך געטרייסעלט, און ער האט אויסגעוויזען וויא א פליגעלע, וואָס איז אריינגעשפּאַרט צווישען דיא בלעטער פון א בוך און וואָס איז יעדען מאָמענט אין געפאהר צוקוועטשט צו ווערען.

דיא ארבייטער האָבען איינער מיט דעם אנדערן ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. עס האָבען זיך געהערט בלויז דיא קלעפּ פון זייערע געצייג, וועלכע האָבען געקלונגען פארשטיקט, אזוי וויא פון ווייטען. קיין אָבקלאנג איז ניט געווען. דיא פינסטערניס איז דאָ אויך געוועזען א זאָנדערבאַרע, געדיכט פון דיא ארומפליהענדע קוילען־שטויב, שווער פון דיא גאזדלופט, וועלכע האָט זיך געלעגט אויף דיא ברעמען. דיא קנויטען פון דיא לעמפּלעך האָבען דורך זייערע צודעקען פון געדיכט געוועבטע דראָט ארויסגעגעבען א רויטלעכען, שווערען שיין. קיין זאך האָט זיך דאָ דייטליך ניט געזעהען. דיא לוכטע האָט אויסגעקוקט וויא א גרויסער קוימען פול מיט שווארצע סאזשע. דיא דינקעלע שטראהלען פון דיא לעמפּליך זיינען געפאלען אויף דיא שאָטענס פון דיא ארבייטער, וועלכע האָבען זיך ארומגעדרייט הין און צוריק. צייטענווייז פלעגען שטיקלאך אָבגעווייסענע קוילען, אראָבפאלענדיג, פּלוצלונג אָנגעצונדען ווערען וויא א בליץ. גלייך פלעגט ווידער פינסטער ווערן, וועהרענד דיא קלעפּ פון דיא שפּיציגע האמערס פלעגען אלץ זיך הערען, בעגלייט מיט דעם שווערען אָטהעם און דיא קרעכצען פון דיא אויסגעמאטערטע ארבייטער.

זאַשאריע, וועלכער איז געוועזען מיד פון דיא חתונה, אויף וועלכע ער האָט פארבראכט דיא פאָריגע נאכט, האָט באלד אויפגעהערט צו האקען, מיינענדיג זיך, אז ער מוז אונטערשפּארען דיא קוילען־וואנט מיט האָלץ, אין פארגעסענדיג זיך, וואס ער האָט צו טאָן, האט ער גענומען שטיללער־הייט פייפען, קוקענדיג פארטראכט אויף דיא אונדייטליכע שאָטענס. דיא אנדערע קוילען־גרעבער האָבען טאקע אין אמת'ן נעדארפט אונטערשפּאַרען דיא אראָפּהייגענדע וואנט, וועלכע האָט געקענט אראָפּפאלען; זיי האָבען אָבער געזשאלוועט דיא צייט און האבען ניט געקוקט אויף זייער געפאהר.

— העי! — האָט באלד דער יונגער מאן אויסגעשריען צו עטיענן — דערלאַנג מיר האָלץ!

עטיענן, וועלכען קאטרין האָט געלערענט וויא צו ארבייטען, האט געמוזט ארויפשלעפּען דיא האָלץ. דיא האָלץ, צוגעשניטען און פארטיג צום ברויכען, פלעגט אהין ארונטערגעשיקט ווערען פון אויבען יעדען מאָרגען.

— גיכער! האט זאשאריע געשריען, זעהענדיג וויא עטיענן קלעטערט אונגעלומפּערט מיט פיער שטיקער האָלץ אין דיא אָרעמס.

אין דער צייט, וואס זאשאריע האט אונטערגעשפּארט דיא וואנט, האָט מאהיי זיך אָבגערוהט און געווישט דיא שוויס פון פּנים.

— לאָז עס צורוה — האָט ער געזאָגט צו זיין זון — מיר וועלען דאָס בעזאָרגען ואך'ן עסען. גראָב בעסער, — אז ניט וועלען מיר ניט פארטיג ווערען מיט דיא צאָהל וואַגאָנעט, וואָס מיר מוזען האָבען אנגעפילט.

— יא, עס האלט אבער ביי'ן איינפאַלען — האָט זאַשאריע געענטפערט. — זעה נאָר, אָט איז א שפּאַלט. איך האָב מורא עס וועט אראָפּפאַלען.

דער פאָטער האָט א קוועטש געטאָן מיט דיא פּלייצעס. א טהייערע מעשה! א נאָווינע, אז עס פאַלט איין! מען קריכט וויא עס איז סיי וויא סיי ארויס! ער איז ביז געוואָרען און געהייסען זיין זון זיך אומקערען צו זיין פריהערדיגע ארביים. דיא אַנדערע צוויי האָבען אלץ געארבייט. ליעוואַק, ליגענדיג אויף'ן רוקען, האָט געשאָלטען, מיט טויטע קללות: א שטיין האָט, פאַללענדיג, איהם צוהאַקט דעם גראָבען פינגער פון דיא לינקע האנט, און דיא בלוט האָט גענומען פליסען. שאוואל האָט פון היץ אויסגעטאָן דיא העמד און האָט איצט געארבייט נאַקעטער־הייט ביז דיא הויזען. דיא שוויים צוזאַמענגעמישט מיט דיא קוילען־שטויב, האָט געסמאַרצט זייערע אלעמענס לייבער. מאהיי האָט אויך גלייך אנגעהויבען ווידער צו האַקען, מיט'ן קאָפּ צוגעבויגענע צום וואַנט. דיא וואַכער האָט איצט געקאַפּעט גלייך איבער'ן קאָפּ און האָט איהם אזוי וויא געלעכערט דעם שאַרבען.

זעהענדיג, וויא עטיענן קוקט אויף דיא ארבייטער און הערט זיך צו צו זייערע קללות און קרעכצען, האָט קאַטרין צו איהם געזאָגט:

— עס איז ניטאָ, וואָס צו קוקען אויף זיי. זיי שרייען אלע מאָל אזוי. אזא מאָדע איז דאָס ש׳ין.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיא ווייטער זיך גענומען עטיענן׳ען לערנען, וואָס ער האָט צו טאָן. יעדער אָנגעלאָדענער וואַגאָן איז ארויפגעקומען אויבען, ביי'ן מויל פון דער מינע, מיט א ספּעציעלען צייכען, און וועלכען מי האָט געזעהן פון וואָס'ער אבּ־טהיילונג דיא קוילען זיינען געקומען. און עס איז נויטיג געווען, אז בלויז גוטע קוילען זאָלען געלייגט ווערן אין דיא וואַגאָנעס, ווארום אז ניט, האָט מען דאָס אין קאָנטאָר ניט אָנגענומען.

דער יונגער מאָן, וועלכער איז שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו דיא דונקעליהייט, האָט געקוקט אויף קאַטרין׳ס בלייכען, קראַנקליכען פּנים. עס איז איהם אונמעגליך געווען צו טרעפען, וויא אַלט זיא איז. זיא איז געווען אזוי דאַר און קליין, אז זיא האָט אייגענטליך אויסגעוויזען ניט מעהר וויא א יאָהר צוועלף. אָבער נאָך איהרע פרייע מאַנערען נאָך איז געווען דייטליך, אז זיא איז פיעל עלטער. זיא האָט זיך געהאַלטען מיט איא מין סמיעלעקייט און אפּען־הערציגקייט, אז דאָס האָט איהם עפּעס א ביסעל געשעמט, און אין אלעמען איז זיא איהם ניט שטאַרק געפעלען געווען, הויפּטזעכליך צוליעב דעם, וואָס זיא האָט צופיעל אויסגעזעהן וויא א אינגעל. מעהר פון אלץ האָט איהם אָבער געוואונדערט דאָס, וואָס דיעזעס קינד איז געווען אזוי שטאַרק, — א מין נערוועזע, אָבער קינסטליכע גבורה האָט זיא בעוויזען. זיא האָט איהר וואַגאָן אָנגע־פיהלט מיט קוילען גיכער, וויא ער, הויבענדיג איהר שופעל מיט מעהר רעגעלמעסיג־קייט וויא ער; דאן האָט זיא דעם פולען וואַגאָן געשטופּט צו דעם איינגעבויגענעם פלאַץ לאַנגזאַם אָבער גרינג, אָהן שטרויכלונגען און זעהר לייכט גייענדיג אונטער דיא נידעריגסטע טהיילען פון באַלקען. זיין וואַגאָן, ווידער, איז אָפּט אראָפּ פון דיא רעל־סעס, און זיא האָט יעדעס מאָל פון דעם געהאַט שברת לב.

דעם אמת זאָגענדיג, איז דיא וועג, איבער וועלכע דיא וואַגאָנעס האָבען געמוזט געשטופּט ווערען, געווען ניט קיין גרינגע. אין אייניגע ערטער איז זיא געווען אזוי נידעריג פון אויבען, אז עס איז געווען נויטיג זיך צו ליינען אויף אלע פיער און קריכען, — אז ניט האָט מען זיך געקענט צושטויסען דיא קאָפּ. אין אנדערע ערטער, ווידער, זיינען

דיא הילצערנע שפארערם שוין געווען איינגעבויגען און צושפאלטען. דאס אלץ איז געווען נייטיג אויסצומיידען, איבער דיא געפאהר זיך אבצורייבען א זייט אדער גאר צוקוועטשעט צו ווערן פון דיא שטיקער, וואס זיינען א מאל געפאלען פון באלקען.

— ווידער? האט קאטרין געזאגט מיט א שמייכעל.

עטיען'ס וואגאן איז נאך א מאל אראפ פון דיא רעלסעס. — דיעזעס מאל אין דעם שווערסטען דורכגאנג. דיא רעלסעס זיינען געווען צודרייט, און ער האט זיך נאך ניט אויסגעלערנט שטופען דעם וואגאן גלייך איבער זיי. ער האט געשאלטען קללות, איז געווען ווילד פון כעס, און האט זיך געראנגעלט מיט דיא רעדער, וועלכע האבען אויף להכעיס זיך ניט געלאזען איינשטעלען אויף אן ארט.

— ווארט א ווייל! — האט קאטרין געזאגט — מיט בייזען וועסטו גאר ניט אויספיהרען.

זיא האט אבגעשטעלט איהר אייגענעם וואגאן און איז צוגעגאנגען איהם העלפען. פלינק איז זיא צוגעגאנגען, און, א ביסעל אויפהייבענדיג דיא שולטער האט זיא דעם וואגאן לייכט ארויפגעהויבען אויף דיא רעלסעס. עטיען איז געבליבען שטיין א פארוואונדערטער און פארשעמטער, און האט שטאמלענדיג זיך ענטשולדיגט.

זיא האט געוויזען וויא זיך אנצושפארען אן דיא קלעצער פון ביידע זייטען פון דיא גאלעריע, וויא אויסצובויגען דעם קערפער אום צו צוגעבען כח דיא אקסלען און דיא זייטען, שטופענדיג. נאך דעם איז ער מיט זיין וואגאן נאכגעגאנגען הינטער איהר אום צו זעהן, וויא זיא טוט איהר ארבייט. זיא איז געווען אזוי איינגעבויגען, אזוי וויא זיא וואלט געקראכען אויף אלע פיער. זיא האט געשוויצט, געסאפעט, איהרע גלידער האבען געקנאקט פון אנשטריינגונג; און דאך האט זיא ניט ארויסגעלאזען קיין איין קרעכץ, קיין איין בייזען קול אדער קלאגע,—שטופענדיג דעם וואגאן מיט דיא גלייכגילטינקייט, וועלכע קומט פון לאנגע צוגעוואוינטקייט און פון א איבערציינונג, אז אנדערס קען ניט זיין, — אזוי וויא אלע מענשען פון דער וועלט וואלטען אזוי אומגעקראכען אויף אלע פיער און זיך געבראכען און געשטאכען וויא זיא. דיא שיך, וואס עטיען האט געטראגען, האבען איהם געשטערט, און ער האט שטארק געליטען פון דעם, וואס ער האט געמוזט געהן מיט דיא קאפ איינגעבויגען. זיינע יסורים זיינען באלד געווארען אזוי גרויס, אז ער איז אויף א ווילע געבליבען זיצען אויף דיא קניע, זיך אנצונעהמען פאר'ן קאפ און אפצוציהען דעם אטעם.

דיא איינגעבויגענע וועג האט זיך געצויגען דורך דיא פערשיעדענע גאלעריעס. פון אויבען און פון אונטען זיינען דא געשטאנען איינגלאך: דער וואס האט צוגעשיקט דיא וואגאנס — פון אויבען, און דער וואס האט זיי צוגענומען — פון אונטען. דיעזע 12 אדער 13 יעהריגע שטיפערס האבען שטענדיג געשריען, זא דאס אום זיי צו לאזען וויסען, אז מען איז געקומען מיט וואגאנעס, האט מען געמוזט אויסשרייען זעהר הויך אום זיי איבערצושרייען. ווען עס פלעגט אנקומען א פולער וואגאן, פלעגט איין איינגעל אויסשרייען; דאן פלעגט דער אונטערשטער איינגעל אונטען אבלאזען אזא האנט, און דער אנגעלאדענער וואגאן פלעגט זיך אראפלאזען און צו דער זעלבער צייט פלעגט א ליידינער וואגאן ארויפקומען. אונטען פלעגען דיא אנגעלאדענע וואגאנס צוזאמענגעטשעפעט ווערן אין איינעם און פון דארטען פלעגען פערד זיי דאס אוועקשלעפען צו דיא מויל פון דער מינע.

— עי! — האט קאטרין אויסגעשריען.

דיא איינגלעך האבען מסתמא זיך צוגעלייגט, ווארום עס איז ניט געקומען קיין ענטפער אויף איהר אויסרוף. אויף אלע ניין עטאזשען האבען זיך דיא וואגאנעס אבגעשטעלט. פון אנאנדער גאלעריע האט זיך דערהערט א גרילצעדיגער געשריי:

— מאקעט האט עס מסתמא געטאן!

דערביי האט זיך געהערט וויא דארטען האבען זיך עטליכע מענער צולאכט. עטיען האט געפרעגט ווער דאס איז, און קאטרי האט געענטפערט, אז דאס איז לידיק, א קליין מיידעלע, וועלכע קען דיא ארבייט און שטופט איהר וואגאן אזוי גוט וויא א גרויסע, כאטש זיא האט הענטעלעך וויא ביי א לאלקע.

פלוצלונג האט זיך געלאזט הערען דעם אינגעגעל'ס קול, אויסשרייענדיג אז מען זאל זיך נעמען צו דיא וואגאנעס. דער פארמאן איז מסתמא דורכגעגאנגען. אויף אלע ניין עטאזשען האט זיך פון דאס ניי אנגעהויבען דיא בעוועגונג פון דיא וואגאנען; עס האט זיך געהערט דער געשריי פון דיא צוויי אינגלעך און דיא סאפעריי פון דיא אויסגעמאטערטע וואגאנען־שטופערס.

יעדעס מאל, וואס עטיען איז צוגעקומען צו דעם ארט וואו דיא קוילען־גרעבער האבען געארבייט, האט אויף איהם געמאכט א נייעם איינדרוק דיא דושנעקייט און דיא היץ פון דעם פלאץ און דיא שווערע קרעכצען פון דיא גרעבערס, וועלכע זיינען געווען איינגעריכט אין שווארצע בלאטע און האבען אזוי וויא מיט עקשנות אלץ געהאקט און געהאקט אין דיא קוילען־וואנט.

עטיען האט געמוזט מאהיי'ען העלפען ארויסציהען דיא ברעט, אום דיא קוילען, וואס האבען זיך אנגעקליבען, זאלען אראפפאלען דא וואו דיא וואגאנעס זיינען. זאשאריע און ליעוואק זיינען געווען מלא רציחה, ווארום דער ארט וואו זיי האבען געארבייט איז וואס ווייטער אלץ הארטער געווען, זא דאס זייער פראצע איז געווארען אלץ שווערער. שאוואל האט זיך אפגעקערט אום א שטאך־ווארט צו געבען עטיען'ען, וועלכער האט איהם מיט זיין אנוועזענהייט געערגערט און בייז געמאכט.

— קוק אויף דעם נפש! — האט ער געזאגט — ער האט ווייניגער כח וויא א מיידעל!....

דער יונגער מאן האט זיך איינגעהאלטען פון ענטפערן. ער איז געווען אזוי גליקליך צו קריגען דיא קאטארזשנע ארבייט, אז ער האט מקבל באהבה געווען דיא שלעכטע בעהאנדלונג פון דיא ארבייטער אזוי גוט וויא פון דיא פארלייט. ער האט אבער מעהר ארבייטען שוין ניט געקענט. פון זיינע פיס איז געגאנגען בלוט, אלע זיינע גליעדער זיינען ביי איהם געווען וויא צובראכען און דער גאנצער קערפער אזוי וויא געדריקט אין אן אייזערנעם פרעסס. צו זיין מזל איז געווארען צעהן דער זייגער און דיא ארבייטער האבען אבגעשטעלט זייער פראצע אום צו עסען פריהשטיק.

מאהיי האט געהאט א זייגער, אבער ער האט אויף איהם קיין מאל ניט געקוקט. אויף דעם גרונד פון דער מינע — פון דיעזע נאכט אהן שטערען און אהן א הימעל — האט ער צו יעדער צייט געוואוסט וויא שפעט עס איז, במעט אויף'ן מינוט. אלע האבען צוריק אנגעטאן זייערע העמדער און זייערע וועסטען. זיי זיינען אראפגעקראכען פון דיא פאליצעס, אויף וועלכע זיי האבען געארבייט, און האבען זיך אנידערגעזעצט אויף דיא קנאפלען פון זייערע פיס. צו דעם זיינען מינען־ארבייטער שוין אזוי צוגעוואוינט, אז זיי זיצען אזוי אפילו ווען זיי זיינען ניט אין דער מינע און קומען אוים אהן א ביינקעלע אדער א קלעצעל. אזוי זעצענדיג זיך, האט יעדער ארויסגענומען זיין ביטער־ברויטעל, און האט מיט אן ערנסטע מינע א ביס געטאן אין דיא דיקע שטיקעל, מאכענדיג דערביי א בעמערקונג וועגען דער ארבייט. קאטרין, וועלכע איז געבליבען שטייענדיג, איז צוגעגאנגען צו עטיען'ען, עטליכע טריט פון דיא אנדערע, וואו ער האט זיך אויסגעצויגען איבער דיא רעלסען און זיך אנגעשפארט אן דיא האלץ.

— פאר וואס עססטו ניט? — האט זיא איהם געפרעגט מיט א פולע מויל מיט ברויט מיט קעז און מיט דיא איבריגע פון איהר חלק אין האנט.

גלייך האט זיא זיך דערמאנט, אז עטיען האט ארומגעוואנדערט אין דער פינסטער אזא א טעגט און אהן א ברעקיל ברויט.

— וועסטו מיט־עסען מיט מיר ? — האָט זיא דאן געזאָגט.

ווען ער האט זיך ענטזאגט, שווערענדיג זיך, אז ער איז ניט הונגעריג, מיט א שטימע, וואָס האט געציטערט פון דאס גערען פון זיין מאָגען, האָט זיא זיך פרייליך אָפגערופען.

— אָ, דוא מיאוסט זיך צו עסען, ווייל איך האָב שוין געביסען פון דעם !...... שא אָבער ! איך האב דאָך געביסען בלויז פון דעם זייט. קענסט דאָך עסען פון דעם אנדערען ברעג.

זיא האָט דיא פענעצלעך צובראָכען אויף צוויי. דער יונגער מאן האָט צוגענומען זיין חלק און האט מיט געוואָלט זיך איינגעהאלטען פון איינשלינגען דאָס מיט א מאָל. ער האט אראָפּגעלייגט דיא הענט אויף דיא זייטען כדי זיא זאל ניט זעהען, וויא זיי ציטערען ביי איהם. מיט איהר רוהיגע מינע, מעשה גוט בעקאנטע און חבר־לאַפּ, האט זיא זיך געלייגט לעבען איהם מיט'ן פּנים אראָפּ, אנשפּארענדיג דיא מאָרדע אָן איין האנט און לאנגזאם עססענדיג איהר ברויט מיט קעז פון דער אנדערער האנט. זייערע לעמפלעך, וועלכע זיינע געשטאנען צווישען זיי, האט זיי ביידען באלויכטען.

קאטרין האט א ווייִלע איהם באקוקט שווייגענדיג. ער האָט איהר אָנגיהויבען אויס־צוזעהן שיין. זיינע איידעלע געזיכטס־שטריכען און שווארצע וואָנצעס זיינען איהר געפעלען געוואָרען. זיא האָט אָנגעפאנגען צו שמייכלען.

— דו ביסט אלזאָ א מאשיניסט, און מען האט דיר אָבגעזאָגט פון דער ארבייט ביי א'ן אייזען־באהן.... פאר וואס ?

— ווייל איך האב א פאטש געטאָן דעם פאָרמאָן.

זיא איז געבליבען קוקענדיג איבערראשט. איהר בעגריף פון אונטערטעניגקייט, אלץ פאָרטראגענדע געהאָרכזאמקייט, וועלכע זיא האט גערירש'עט פון איהרע עלטערען, איז דאָ פלוצלינג צומישט געוואָרן.

— איך מוז זאָגען דעם אמת, איך בין געוועזן בעזויפען — האָט ער ווייטער געזאגט — און ווען איך טרינק מאכט עס מיר ווילד. איך בין דאן, דאכט זיך, א בעלן אימעצען אויפצועסען א לעבעדיגע...... וויא נור איך טרינק אויס צוויי גלעזעלעך, ווילט זיך מיר שוין זיך שלאָגען.... דערנאָך בין איך צוויי טעג קראנק.

— דארף מען ניט טרינקען — האָט זיא באמערקט מיט א סעריעזען פּנים.

— האָב קיין מורא ניט. איך קען זיך שוין.

דערביי האָט ער א שאָקעל געטאן מיט'ן קאָפּ. ער האט געהאט א שנאה צו בראנ־פען — דיא שנאה פון דעם יעצטען קינד פון א משפחה פון געבאָרענע פיאניצעס, וועלכע האָבען דיא שכרות גע'ירש'ענט פון זייערע עלטערן און זיידעס. דער גע'ירש'ע־טער ברענעדיגער דורשט נאָך שנאפּס איז געוואקסען פון דור צו דור ביז אין איהם איז שוין דיא קראנקהייט געוועזן אזוי גרויס, אז איין טראָפּען האָט אויף איהם געווירקט וויא גיפט.

— פאר מיין מוטער דאגה איך — האָט ער ווייטער געזאָגט נעמענדיג נאָך א ביסען — צוליעב איהר פאָרדריסט מיר, וואָס מי האָט מיך ארויסגעטריבען פון דער אר־בייט. זיא איז אָרים, און פון צייט צו צייט פלעג איך איהר צושיקען עטליכע פראנק.

— וואו איז דיין מוטער ?

— אין פאריז...... זיא איז א נייטעריןּ, אין דיא גוט־ד'אָר שטראסע וואוינט זיא.

ער איז אנשווייגען געוואָרן. ווען ער פלעגט טראכטען וועגען דיזע זאכען, פלעגען זיינע שווארצע אויגען אָפּשפּיגלען אין זיך אנגסט. אויף א ווייִלע האָט ער זיך פארקוקט אויף דיא טיעפע פינסטערנים פון דער מינע. און אין דיזען שווארצען תהום, אונטער דיא משא פון דער ערד, האָט ער ווידער געזעהן זיינע קינדערשע יאָהרען, ווען זיין מוטער איז נאָך געוועזן יונג און מונטער, — וויא זיין פאָטער, וועלכער האָט איה־

אוועקגעווארפען און חתונה געהאט, האט איהר דערנאך צוריק גענומען צו זיך; וויא לעבענדיג מיט צוויי מענער, האט זיין מוטער סוף כל סוף געפטר'טביידען און האט זיך גענומען וואלגערן א שכור'ע, אין ארומגעריסענע אין דיא גאסען. ער האט זיך דער־מאנט דיא גאס. אייניגע איינצעלהייטען זיינען פארגעקומען פאר זיין געדאנקען, — שמוציגע וועש, עקליגע שכור'ע מענער, וואס פלעגען קומען צו זיין מוטער אין הויז, דיא געשלעג, וואס ער פלעגט צווישען זיי זעהן.

— איצט — האט ער פארטגעזעצט שטילערהייד — פון דיא 30 סענט, וואס איך נעהם דא, וועל איך גאנץ ווייניג קענען צושיקען...... זיא וועט שטארבען אין עלענד, דאס איז זיכער.

ער האט מיט פערצווייפלונג א הייב געטאן דיא אקסלען, און ווידער א ביס געטאן אין דיא ברויט מיט דיא קעז.

— ווילסט א טרונק? — האט קאטרין געפרעגט, האלטענדיג איהר קענדעלע ביי דיא ליפען — עס איז קאווע, דאס וועט דיר שעדליך ניט זיין. דו וועסט ראך אפשר דערשטיקט ווערן ווען דו זאלסט עסען הוילע טרוקענע און ניט פארטרינקען.

ער האט זיך ענטזאגט. עס איז איהם געווען אזוי אויך אונאנגענעהם, וואס ער האט ביי איהר צוגענומען א העלפט פון איהר פריהשטיק.

זיא איז אבער פריינדליך צוגעשטאנען צו איהם:

— נו, איך וועל נעהמען דעם ערשטען זופ, אויב דו ביסט אזוי איידעל...... אבער דאן טארסטו שוין זיך מזהר ניט ענטזאגען.... דאס וואלט שוין זיין מיאוס.

און נאך דעם וויא זיא האט א זופ געטאן, האט זיא איהם דערלאנגט דיא קענדעלע. און איז געבליבען זיצענדיג פאר איהם אויף דיא קניע, בעלויכטען פון דיא צוויי לעמפלעך. ווארום האט ער פריהער געמיינט, אז זיא איז ניט שיין? איצט, מיט איהר פאר־שווארצטען פנים בעדעקט מיט קוילען־שטויב, האט זיא איהם אויסגעזעהן זאנדערבאר צויבערליך. אין דיא האלב־דונקעלהייט, וועלכע זי האט ארומגערינגעלט, האבען דיא ציין אין איהר גרויסע מויל געהאט א פארבלענדענטע ווייסקייט. איהרע אויגען זיינען אזוי וויא גרעסער געווארען און האבען געשיינט מיט א גריניליכען גלאנץ, אזוי וויא דיא אויגען פון א קעצעלע. א מאסע רויטליכע האר, וועלכע האט זיך ארויסגע־ראנגעלט פון אונטער איהר קאפטוך, האט איהם געקיצעלט אין אויער, און ער האט געלאכט. איצט האט זיא שוין ניט אויסגעוויזען אזוי יונג. זיא האט געקענט זיין העכער וויא א יאהר פערצעהן, יעדענפאלס.

— אום דיר נאכצוגעבען — האט ער געזאגט טרינקענדיג דיא קאווע און דערנאך אומקערענדיג עס צו איהר.

זיא האט נאך א זופ געטאן, און האט איהם געצוואונגען אויך נאך א זופ צו טאן. זיא וויל זיך מיט איהם טהיילען אויף גלייך, — האט זיא געזאגט. דיא קענדעלע איז אזוי געגאנגען פון איהר צו איהם און פון איהם צו איהר און דאס האט איהם אמוזירט. פלוצלונג איז איהם אריינגעפאלען דיא פראגע: צו זאל ער איהר ניט א כאפ טאן אין זיינע ארעמס און א קוש טהאן אין איהרע ליפען? דיעזע ליפען איהרע — דיקע, בלייך־רויטליכע, און צויבערלעכע פון דיא קוילען־שטויב, וואס האבען בע־דעקט איהר געזיכט, — האבען איהם אנגעפילט מיט א וואקסענדע ליידענשאפט. ער האט עס אבער ניט געסמייעט צו טאן. ער האט זיך עפעס געשעמט פאר איהר. אין דיא שטאדט ליל האט ער געהאט צו טאן מיט איינינע מיידלעך; זיי זיינען אבער געווען פון א נידעריגערען סארט, וויא קאטרין, און ער האט ניט געוואוסט, וויא מען דארף זיך בעגיין מיט א'ן ארבייט־מעדכען, וועלכע וואוינט און ארבייט מיט איהר פאמיליע.

— דו ביסט א יאהר פערצעהן, ניט אמת? — האט ער געפרעגט געבענדיג נאך א ביס.

— פערצעהן? אזוי גאר? איך בין שוין העכער וויא פופצעהן. איך בין אפילו ניט גרויס, אבער דא וואקסען דיא מיידלעך ניט שנעל.

ער האט איהר ווייטער אויסגעפרעגט, און זיא האט אויף אלץ געענטפערט אהן עזות און אהן שעמעדיגקייט. זיא האט געוואוסט אלץ וועגען מענער און פרויען, הגם עטיענן האט אין איהר אליין געפיהלט דיא ריינקייט פון א מעדכען, אין וועלכע דיא צייטיגקייט איז פרויענצימער פון א פערהאלטען געווארען צוליעב דיא שלעכטע לופט און שווערע פראצע. אום צו זעהן אויב זיא וועט זיך פארשעמען, האט ער גענומען ריידען וועגען דיא מעדכען מוקעטט, וועגען וועלכע ער האט אויבען געהערט, אז זיא האט געלעבט מיט אלע קוילע־גרעבער. קאטרין האט אבער גאנץ רוהיג דערציילט וועגען מוקעטט דיא שרעקליכסטע געשיכטען און איז בלויז לעבעדיגער געווארען. און, ווען ער האט געפרעגט אויב זיא האט שוין א געליעבטען, האט זיא געענטפערט, אז זיא וויל ניט אפעסען דיא מוטער דאס הארץ, אבער אז עס וועט שוין זיך מוזען מאכען א געליעבטער, ניט היינט מארגען. עס איז איהר קאלט געווארען, ווארים איהרע קליידער זיינען געווען דורכגענעצט מיט שוויים, זיא האט אבער דאס געטאהן מיט דעם אויסדרוק פון אונטערגעניגקייט, וועלכע דיא קוי־לען־מינע האט אין איהר איינגעפלאנצט.

— עס איז ניט שווער צו געפינען א געליעבטען, ווען מען וואוינט אזוי אין איינעם, ניט אמת?

— נו, וואס דען!

— או קיין שאדען טהוט עס אויך קיינעם ניט.... דעם גלח בייזן מתורה זיין זיך דערציילט מען דאך קיין מעשות ניט.

— דעם גלח? ווערמען ליגט ער אין דער לינקע פיאטע?.... עס איז אבער דא דער שווארצער מענש....

— וועלכער שווארצער מענש?

— אט דער אלטער קוילען־גרעבער, וועלכער קומט פון יענער וועלט שטיקען דיא צולאזענע מיידלעך.

ער האט אויף איהר א קוק געטהאן צו זעהן, אויב זיא מאכט ניט קיין שפאס פון איהם.

— גלויבסטו דען אין אזעלכע נארישקייטען? האסטו קיין זאך ניט געלערענט?

— א, געוויס האב איך געלערענט. איך קען לעזען און שרייבען. דאס קומט גאנץ גוט צוניץ, ווארים דער טאטע און דיא מאמע קענען עס ניט. ווען זיי זיינען געווען קינדער האט מען עס ניט געלערענט.

זיא איז איהם געפעלען געווארן. איהם האט זיך געוועלט איהר ארומנעמען און א קוש טאן אין איהרע דיקע רויטע ליפען. ער האט אבער ווייניג קוראזש געהאט דערצו. עס האט איהם אויסגעוויזען וויא א גוואלט־זאך, און ער האט עפעס געציט־טערט. דיעזע איינגעלשע קליידער איהרע, דיעזע וועסטעל און הייזלעך איבער דיעזע מיידעלשע לייב האבען איהם אי געשטערט צו האבען מיזהר מוטה. ער האט אראבגעשלונגען זיין לעצטען ביסען, פארטרונקען מיט א זופ קאווע און איהר איבערגעגעבען דיא קענדעלע. יעצט איז געווען דיא צייט צו טאן, וואס איהם האט זיך געגלוסט, און ער האט אווארף געטאן א'ן אונרוהיגען בליק אויף דיא ארבייטער פון אונטען. אין דיעזען מאמענט האט זיך א שאטען בעוויזען אויף דער גאלעריע.

שאוואל האט אויף זיי ביידען געקוקט פון ווייטען. ער איז צוגעגאנגען, האט זיך ערקונדיגט, אז מאהע וועט ניט קענען זעהן, און, וויא קאטרין איז אזוי געזעסען אויף דער ערד, האט ער איהר א כאפ געטאן פאר דיא אקסלען, איהר אומגעקעהרט דיא קאפ, און איהר א גוואלטיגען קוש געטאן אין מויל, מאכענדיג זיך, אז ער בעמערקט

עטיענן׳ען אפילו ניט. דער קוש האָט אויסגעוויזען אזוי וויא איינער כאַפּט אריין אין זיינע הענד זיין איינענטהום, — א ענדליכע ענטשלאָסענהייט פון אייפערזוכט.

דיא מיידעל האָט געמאכט א קרומע אויניע.

— לאָז מיך צורוה! — האָט זיא געזאָגט בייז.

ער האָט איהר געהאלטען פאר׳ן קאָפּ, קוקענדיג איהר אין דיא אויגען. זיינע רויטע וואָנצעס און בערדעל האָבען אזוי וויא געגליהט אויף זיין שווארץ־איינגעריכטען פנים, און זיין גרויסער נאָז האָט געסטארצעט אזוי וויא א שנאָבעל פון אן אדלער. ענדליך האָט ער איהר אָבגעלאָזען און איז אוועק, ניט ריידענדיג קיין וואָרט.

א ציטער איז דורכגעגאנגען דורך עטיענ׳ס לייב. עס איז געוועזען דום צו וואר־טען, האָט ער זיך געקלערט. איצטער קען ער איהר שוין ניט ארומנעמען, ווארום זיא וועט מיינען ער איז אזוי וויא יענער. ער האָט זיך געפיהלט וויא אן אָבגעשמיסענער, און איז פשוט געווען אין פערצווייפלונג.

— ווארום האָסטו געזאָגט א ליגען? — האָט ער געפרעגט. — דאָס איז דאָך דיין געליעבטער.

— ניין, איך שווער דיר! — האָט זיא אויסגעשריען. — א האר אויך ניט. א מאָל מאכט ער שפּאס ..... ער איז אפילו ניט קיין היגער. ער איז פון פּא־דע־קאלע, און איז דאָ בלויז זעקס מאָנאט.

ביידע האָבען זיי זיך געשטעלט. מען האָט זיך שוין געקליבען ווידער אָנצופאנ־גען צו ארבייטען. זעהענדיג אז ער איז קאלט צו איהר, האָט זיא געהאט עגמת נפש דערפון. ער איז פיעל שעהנער וויא שאוואל, האָט זיא זיך געטראכט, און זיא וואָלט איהם בילכער געהאלטען. זיא האָט געטראכט וויא צו מאכען ער זאָל ווערען ליעבלי־כער צו איהר, — וואָס פאר א פריינדליכקייט איהם צו בעווייזען, איהם איבערצובעטען; און, אלס דער יונגער מאן איז געשטאנען וויא אן איבערראשטער און בעקוקט זיין לעמפּעל, וועלכער האָט געברענט מיט בלוילעכען גרויסען פלאם, האָט זיא צו איהם געזאָגט מיט א מינע פון גוטע בעקאנטשאפט:

— קום, איך וועל דיר עפּעס ווייזען.

זיא האָט איהם צוגעפיהרט צו דעם עק פון דער לוכטע און איהם געוויזען א שפּאלט אין דיא קוילען־וואנט. פון דארטען האָט זיך געהערט א הוישעריי, אזוי וויא א פּייפעריי פון א פויגעלע.

— לייג צו דיא האנד — האָט זיא געזאָגט — דוא קענסט פיהלען דעם ווינט...... דאָס איז פייער־גאז.

ער איז איבערראשט געווען. איז דאָס דיא שרעקליכע זאך, וואָס מאכט אָן דיא פירכטערליכע עקספּלאָזיאָנען? זיא האָט זיך צולאכט און געזאָגט, אז היינט איז אין דער מינע א סך גאז, און אז דעריבער ברענען דאָס דיא לאָמפּען אזוי בלוי. איהר האָט דיא געפאהר ניט אָנגעהויבען צו קימערן.

— איהר וועט א מאָל אויפהערען צו באלמוטשען, פוילאַקעס איהר? — האָט מאהיי צו זיי בייז אויסגעשריען מיט זיין גראָבען קול.

קאטרין און עטיענן האָבען זיך א כאַפּ געטאָן צו זייער ארבייט און האָבען זיך גענומען אָנלאָדען דיא וואגאָנעס און זיי שטופּען. באלד זיינען זיי ווידער דורכגעווייקט געוואָרען מיט שווייס און זייערע גלידער האָבען ווידער געקנאקט.

דיא קוילען־גרעבער האָבען אויך געטאָן זייער ארבייט. אָפּט פלעגען זיי ניט דערעסען זייערע מיטגענומענע שפּייז אום ניט פארפראָרען צו ווערען, — ווארים, ארבייטענדיג איז דאָך ווארים געווען; און זייערע שניקלעך ברויט מיט פּוטער אָדער מיט קעז, וועלכע זיי האָבען געגעסען אזוי ווייט פון דיא שטראהלען פון דער זון, האָבען זיך געלייגט אין זייערע מאָגענס וויא בליי.

ליגענדיג אויסגעצווינגען אויף דיא זייטען, האָבען זיי גענקלאַפּט אין וואַנט מיט אַלע כחות, ניט האָבענדיג אין זינען קיין זאַך אויסער דעם געדאַנקען וויא אַנצוגראָבען וואָס מעהר וואַגאָנען מיט קוילען. אַלעס אַנדערע אין דער וועלט איז דאָ פערשוואונדען געוואָרען אין דעם ביטערען, בייזען קאַמפף אום פּאַרדינסט. זיי האָבען אויפגעהערט צו פיהלען דיא וואַסער, וואָס האָט געקאַפּעט איבער זייערע לייבער, דיא קראַמפּען וואָס זיי האָבען געהאַט פון זייער ליגען צונויפגעקאָרטשעט און געדרייט אין דרייען, און דיא דושנע פּינסטערנעס אין וועלכע זיי האָבען געדאַרט און געפּוילט, וויא פלאַנצונגען, וואָס זיינען פּאַרוואָרפען אין א הייל. וואָס ווייטער איז דיא לופט געוואָרען אַלץ ערגער, פון דעם רויך פון דיא לאָמפּען און פון דיא פייער־גאַז, פון וועלכע דיא ברעמען זיינען געוועזען אַזוי וויא באַדעקט מיט שפּין־וועבס. יעדער איז געלעגען וויא א קראָט באַגראָבען אין זיין נאָרע און כמעט אָהן א טראָפּען לופט אין זיין אויסגעמאַטערטען קערפּער געהאָרעוועט און געהאָרעוועט אָהן אויפהער.

קאַפּיטעל V.

ניט א קוק טוענדיג אויף זיין זייגער, וועלכער איז געבליבען אין זיין וועסט, האָט מאַהיי געזאָגט:

— כמעט א שטונדע...... איז עס פערטיג, זאַשאַריע?

דער יונגער מאַן איז א ווילע נאָך געבליבען ליגען און א וואָרף געטאָן דיא אויגען צו דיא לעכער, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט נעכטען. באַלד האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַזוי וויא פון א הינטער־פלעט און געענטפערט:

— יאַ, עס וועט זיין גוט דערווייל, מאָרגען וועלען מיר זעהען.

און ער איז צוריק אַוועק צו זיין אַרבייטס־פּלאַץ. לעוואַק און שאַוואַל האָבען אויך זיך גענומען פאַר זייערע שפּיציגע העק. אויף א ווילע האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט, און דאַן, אָפּווישענדיג דיא פּנים'ער מיט דיא נאַקעטע הענט, האָבען זיי באַקוקט דעם פעלז איבער זיי, פון וועלכעז עס האָבען אַרויסגעשטאַרצעט שטיקער טאַפּעל־שטיין. מעהר וויא וועגען זייער אַרבייט האָבען זיי ניט גערעדט.

— נאָך א געלעגענהייט בעגראָבען צו ווערען אונטער דער ערד — האָט שאַוואַל געזאָגט — היינט וואָס אַרט דאָס דיא קאָמפּאַניע?

— זיי האַלטען נאָר אין זינען וויא אונז צו בערויבען, דיא גנבים! — האָט לעוואַק זיך אָבגערופען בייז.

זאַשאַריע האָט געלאַכט. ער האָט פון אַלץ געמאַכט שפּאַס און עס האָט איהם אַמוזירט צו הערען וויא זיי זידלען דיא קאָמפּאַניע. מאַהיי האָט געלאַסען ערקלערט, אַז דיא קאָמפּאַניע האָט גאָר ניט געקענט פאָראויסזעהען און אַז מען דאַרף האָבען יושר און אויף איהר אומזיסט דעם בלבול ניט אַרויפוואַרפען. אַזוי וויא לעוואַק און שאַוואַל האָבען ווייטער געשימפּפט דיא בעלי הבתים פון דער מינע, האָט ער זיך אַנרוהיג אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— שאַ! גענונג אַזוי צו ריידען.

— האָסט רעכט — האָט לעוואַק זיך אָבגערופען מיט א שטילערען קול — עס איז א סכנה.

זיי האָבען אימער מורא געהאַט טאָמער הערען שפּיאָנען אונטער זייערע רייד, — און זיי זיינען געוועזען פאָרזיכטיג, אַזוי וויא דיא קאָמפּאַניעס קוילען־ווענט וואָלטען געהאַט אויערען.

— עס אַרט מיר ניט — האָט שאַוואַל געזאָגט אין דער הויך און מיט סטירדעס — זאָל נאָר דער חזיר'שער דאַנסאַר צו מיר ריידען וויא מיט א פּאָר טאָג צוריק, וועל איך איהם א שליידער טאָן א שטיין אין בויך...... איך שטער איהם ניט צו מאַכען בורע־מורע מיט דיא בלאָנדינקע.

דאָ האָט זאשאריע אויסגעשלאָגן מיט א געלעכטער. דעם פערוואלטער'ס פערהעלטניסע מיט פיעראָן'ס ווייב זיינען געווען א שטענדיגער קוואל פון שפאס אין דער מינע. אפילו קאטרין, פון אונטען, האָט זיך אָנגעשפארט אַז איהר שופעל און האט זיך געטרייסעלט פון געלעכטער. מאהיי אָבער איז בייז געוואָרען. איהם האָט אָנגענומען אַ'ן אימה, וועלכע ער האָט שוין ניט געקענט פארבאָרגען.

— איהר וועט אויפהערען צו ניט? וואַרט ביז איהר וועט זיין אליין, אויב איהר ווילט ריידען וועגען אזעלכע זאכען.

באלד האָבען זיך אויף דער אויבערשטער גאלעריע דערהערט טריט. אין א מינוט ארום האט זיך בעוויזען דער אינזשענער פון דער מינע, דער קליינער נעגרעל, וויא דיא ארבייטער פלעגען איהם רופען צווישען זיך, צוזאמען מיט דאנסאר דעם פערוואלטער.

— וואס האב איך אייך געזאגט? — האט מאהיי אויסגעמורמעלט — ער קומט אימער, אזוי וויא פון אונטער ד'ערד, וויא נור מען דערמאנט זיין נאמען.

פאל נעגרעל, דער פלעמעניק פון העררן הענעבאָ, איז געווען א יונגער מאן פון א יאהר זעכס און צוואנציג. ער איז געווען א שיינער יונג מיט געקרייזעלטע האָר און מיט שווארצע וואָנצעס. ער האָט געהאט א שפיציגען נאז, לעבהאפטע אויגען. דער פריינדליכער אויסדרוק פון זיין געזיכט פלעגט זיך אומוואנדלען אויף א שבריינגע מינע, ווען ער פלעגט ריידען מיט דיא ארבייטער. ער האט געטראגען א קוילען־גרעבערשען קאסטיום און איז געווען באדעקט מיט קוילען־שטויב. אום דיא ארבייטער זאלען צו איהם האָבען מעהר רעספעקט, פלעגט ער זיך מאכען קוראזש צו קלעטערען אזוי, אז ער האָט ריזיקירט צו ברעכען דיא גניק. וואו עס פלעגט זיך מאכען, אז עס פלעגט עפעס איינפאלען אָדער עקספלאָדירען פון דיא גאז, פלעגט ער צולויפען אהין דער ערשטער.

— דאָ איז דאס, העררר דאנסאר, ניט אמת? — האט ער געפרעגט.

דער פערוואלטער, א בעלגיער מיט א שווארצע, גראָבע געזיכט און מיט א גרויסען נאז וויא ביי א בעל תאוה, האט געענטפערט מיט איבערטריבענער העפליכקייט:

— יא, העררר נעגרעל.... דאס איז דער יונגער מאן, וואס זיי האבען היינט צוגענומען צו דער ארבייט.

זיי זיינען ביידע ארויס צו דיא מייל פון דער רוכטע. צוגעהענדיג צו עטיענ'ען האט דער אינזשינער אויפגעהויבען זיין לעמפיל און האט איהם פון ווייטען באקוקט ניט או סריידענדיג קיין וואָרט.

— זאָל ער ארבייטען; אבוואָהל איך האָב פיינט וואָס זיי נעמען צו מענשען, וואָס מען קען ניט און מען ווייס ניט.

מאהיי האט ערקלערט, אז ער האָט עטיענ'ען גענומען נעמען, ווייל אז ניט, וואָלט ער ניט געקענט ארבייטען, און האט אויך דערמאָנט, אז דיא קאָמפאַניע וויל דאָך אויף דעם פלאץ פון דיא מיידלאך האָבען יונגע לייט. נעגרעל האָט אָבער איהם ניט צוגיהערט. ער האָט געקוקט אויף'ן באלקען ביז דיא ארבייטער האבען זיך ווידער גענומען פאר זייערע העק. פלוצלינג האט נערגעל אויסגישריען:

— הערט נור, מאהיי, צו דען ארט אייך ניט, טאָמער ווערט א מענש געהרג'עט? איהר וועט דאָך דאָ אונז פארשיטען וויא הינט.

— אָ, עס איז פעסט — האט מאהיי געענטפערט רוהיג.

— פעסט?!...... סטייטש, דער פעלז זינקט דאָך שוין, און איהר זשאלעוועט דאס אונטערצושפארען, ווייל איהר האָט מורא פאר אייער צייט! אָ, איהר וועט בעסער ריזקירען צו צושפאלטען אייערע קעפ איידער אָפצוגעבען עטליכע מינוט אויף אונטער־

שפּארען דעם פּעלז. שפּארט גלייך אונטער, זאָג איך, איהר הערט? מיט דאָפּעלטע שפּארעס!

דערזעהענדיג דעם בייזען קוק פון דיא קוילען־גרעבער, וועלכע האָבען זיך געטראכט, אז זיי וויסען אליין וואָס פאר זיי איז געפעהרליך און וואָס ניט, איז נעגרעל גלייך אין כעס געוואָרען.

— הפנים, ווע איהר צוברעכט זיך אייערע קעפּ, ליידט איהר שאָדען דערפון? —האָט ער געזאָגט—א האָר אויך ניט! דיא קאָמפּאניע מוז דאַן צאָהלען פּענסיעס ענטוועדער אייך אָדער אייערע ווייבער. זיא קען אייך שוין—דיא קאָמפּאניע אום צו האָבען מיט צוויי וואגאָנען קוילען מעהר זיינט איהר בעלנים אייער לעבען אופּצוגעבען....

הגם מאהיי איז געווען צוקאָכט פון כעס, האט ער פון דעסטוועגען געענטפערט קאלטבלוטיג.

— ווען מען וואלט בעסער געצאָהלט, וואָלטען מיר געקענט זיך פערגינען מעהר צייט אויף אונטערצושפּארען.

דער אינזשיניר האָט א קוועטש געטאָן מיט דיא פּלייצעס און האט ניט געענטפערט. דאַן, צוגייענדיג צו דעם ברעג פון דיא לוכטע, האט ער געזאָגט:

— עס איז נאָך דאָ א שטונדע צייט, נעהמט זיך גלייך צו דער ארבייט—איהר אלע.... אז ניט ווערט איהר בעשטראָפט אויף דריי פראנק.

דיא קוילען־גרעבער האָבען שטילערהייט א בורטשע געטאָן. דיא מיליטער דיסציפלין, וועלכע האט געהערשט אין דער מינע, האָט זיך געפיהלט פון יעדען איינעם —פון דעם פערוואלטער ביז דעם קלענסטען אינגל מיט־העלפער. שאוואל און כעוואק האבען א שאָקעל געטאָן מיט דיא פויסטען. מאהיי האָט זיי אָפּגעהאלטען מיט א קוק פון ווארנונג, ועהרענד זאשאריע האָט א קוועטש געטאָן מיט דיא פּלייצעס מיט א מינע פון אונגעדולד און פערדרוס. עטיענן אָבער האט זיך אזש געטרייסעלט פון כעס. יעדער מאָמענט, וואָס ער האט פערבראכט אין דיעזען גיהנם, האט איהם אנגעפיהלט מיט צאָרן. ער האט א קוק געטאָן אויף קאטרין'ע, וועלכע איז געשטאַנען ביי איהר וואגאָן מיט א'ן איינגעבויגענעם קאָרפּ—דאָס בילד פון געדולד. צו דען מערדערען זיך דיזע מענשען דאָ שטיקלאך־ווייז, רייסענדיג קריעה אין דיזען העלל און ניט בעקומענדיג דערפאר אפילו דיא עטליכע סענט אויף ברויט?

נעגרעל און דאנסאר זיינען אָפּגעגאנגען א שטיקעל און האבען זיך ווידער אָבגעשטעלט, בעקוקען.

— האָב איך דען אייך ניט געזאָגט, אז זיי קימערען זיך פאר קיין זאך ניט? — האָט זיך געהערט דעם אינזשינער'ס שטימע — ווארום גיט איהר ניט אכטונג אויף זיי?

— עס איז מיר שוין נמאס געוואָרען צו זאָגען דאָס זעלבע טויזענד מאָל! — האָט דער פערוואלטער אויסגעשריען.

נעגרעל האָט זיך צושריען אויפ'ן קול:

— מאהיי! מאהיי!

און דאַן, גייענדיג ווייטער, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— ניט נאָר א קוק! אָט אזוי מאכט מען דאָס? איהר זשאלעוועט האָלץ, ווייל איהר זשאלעוועט צייט. איך פארשטיי גאנץ גוט, אז דיא האָלץ קאָסט אונז א סך געלד, און ווען עס וואָלט זיך נור האלטען, וואָלט געווען גוט. עס מוז זיך אָבער צוברעכען, און דאַן וועט דיא קאָמפּאניע מוזען דינגען א גאנצע ארמיי צו פארריכטען.... ניט נאָר א קוק, עס איז שרעקליך!....

שאוואל האָט געוועלט ענטפערן; ער האָט איהם אָבער ניט געלאָזט ריידען.

— ניין, איך פארשטיי, וואָס איהר וועט זאָגען, — אז מיר זאָלען אייך צאָהלען

מעהר. נו, זאָג איך אייך אָ׳, אז איהר וועט אונז צווינגען צו מאכען אַ׳ן ענדערונג. יא, מיר וועלען אייך א טהייל בעצאָהלען פאר׳ן אונטערשפּארע, אָבער מיר וועלען דערפאר ארונטערנעהמען פון דעם געצאָהלט פאר דעם גראָבען. מיר וועלען שוין זעהן, צו איהר וועט געווינען.... און דער.ויילע שפּארט דאָ אונטער אויף׳ן שטעל. מאָרגען וועל איך דאָ זיין און בעקוקען.

מיט דיעזען סטראשונאָק איז ער אוועקגעגאנגען. דאַנסאר, וועלכער איז פאר איהם געווען אזא אונטערטעניגער, איז אויף א ווילע אָבגעשטאנען פון הינטען און האט געזאָגט צו דיא ארבייטער:

— צוליעב אייך האָב איך געהאט אונאנגענעהמקייט. אויב איהר וועט ניט זיין פאָרזיכטיגער, וועל איך אייך בעשטראָפען מעהר וויא מיט דריי פראנק.

ווען ער איז אויך אוועק, האָט מאהיי זיך צושריען:

— גאָט מיינער, וויא אונרעכט דאָס איז! איך האָב ליעב צו זיין געלאסען; אבער זיי קענען דעם רוהיגסטען מענשען מאכען ווילד.... איהר האָט געהערט? פארקלענערען דעם געצאָהלט פאר דיא קוילען און בלויז א טהייל פאר דעם אונטערשפּארע. דאָס איז בלויז א פלאן אונזער פארדינסט צו פערקלענערען. ער האָט מיט דיא אויגען געזוכט אויף וועמען אויסצולאָזען זיין כעס, און, דערזעהענדיג קאטהרין און עטיענ׳ען, האָט ער זיך גענומען בייזערען:

— איהר וועט מיר דערלאנגען האָלץ, צו ניט? דיא געשיכטע האט אייך אמוזירט וויא איך זעה!

עטיענן איז אוועקגעגאנגען נאָך האָלץ. ער איז געווען אזוי צוקאכט אויף דיא בעלי־הבתים, אז ער האט זיך ניט געקימערט, וואס מאהיי שרייט אויף איהם.

לעוואָס און שאוואל האָבען געשאָלטען מיט טויטע קללות, און אפילו זאַשאריע האָט זיך גענומען פאר זיין ארבייט, ביי דער אונטערשפּאר.נג, מלא רציחה. א האלבע שעה האָט מען כמעט גאָר ניט געהערט אויסער דיא קלעפּ פון א האמער אן דיא האָלץ, וועלכע איז איינגעשפּארט געוואָרען. קיין וואָרט האָט מען ניט אויסגערעדט. דיא ארבייטער האָבען בלויז שווער געאָטעמט, און שילטענדיג דיא פעלזען, וועלכע זיי וואָלטען דאכט זיך אויפגעהויבען מיט דיא אקסלען, ווען זיי וואָלטען נור קענען.

— עס וועט זיין גענוג! — האָט מאהיי ענדליך געזאָגט א פארמאטערטער, אָהן כחות.—אנדערהאלבען שעה! א שיינער טאָג־ארבייט, כ׳לעבען. קיין פופציג סענט האָבען מיר ניט פארדיענט. א פיינער לעבען!

עס איז בלויז געבליבען א האלבע שטונדע צו דעם סוף פון דער ארבייטס־צייט, און מאהיי האָט זיך גענומען אָנטאָן. דיא אנדערע האָבען געטאָן דאָס זעלבע. זיי האָבען קאלט־בלוטיג ניט געקענט קוקען אויף דיא לוכטע, און האָבען זיך געהייקט אוועקצוגיין.

זעהענדיג, אז קאטרין ארבייט אלץ, זיינען זיי אויפגערעגט געוואָרען, וואָס זיא איז אזוי געטריי, און האָבען איהר בייז געהייסען אויפהערען.

באלד זיינען אלע זעקס, מיט דיא געצייג אונטער דיא אָרימס, אוועק אהיים, דורך דיא זעלבע לוכטע, דורך וועלכע זיי זיינען געקומען אין דער פריה. גייענדיג האָט עטיענן און קאטרין זיך אָבגעשטעלט מיט דיא קליינע לידיק, וועלכע זיי האָבען אָנגעטראָפען. זיא האָט זיי געזאָגט, אז מאָקעט איז מיט א שטונדע צוריק פערשוואונדען געוואָרען. ביי איהר האָט גענומען גיין בלוט פון נאָז; זיא איז אוועק נאָך וואסער, און מען ווייס ניט וואו זיא איז אהינגעקומען. ווען עטיענן און קאטרין זיינען אוועק ווייטער, האָט לידיק, ניט אכטענדיג וואָס דער רוקען האָט איהר שוין וויי געטאָן, זיך ווידער גענומען שטופּען דעם וואָגאָן מיט איהרע דינינקע הענטלאך.

דיא אונטערשטע גאלעריי איז געוועזן לעער. פון ווייטען זיינען רויטע פייערלעך פערשוואונדען געווארען פון איין זייט פון וועג. עטיענן און קאטרין זיינען שוין מעהר ניט געוועזן פרייליך. זיי זיינען געגאנגען מיט שווערע פארמאטערטע טריט, זיא פאר־אויס און ער נאך איהר.

עס איז געווארען פינסטערער און פינסטערער ביז ער האט קוים געזעהן איהר פיגור, וועלכע איז געוועזן איינגעהילט וויא מיט א וואלקען. ער האט געטראכט וועגען איהר און איז אויפגעבראכט געווארען, פאר וואס האט זיא איהם גענארט, פאר וואס האט זיא איהם ניט מודה געוועזן, אז יענער יונג איז איהר געליבטער? אין דיזען מאמענט איז זיי ביידען אויסגעקומען זיך איינצובייגען צוליעב א נידריגען ארט אין באלקען. אהן אורזאכע האט ער געפיהלט א כעס אויף איהר. אלע ווילע האט זיא זיך אומגעקערט צו איהם, ווארנענדיג איהם וועגען א שטרויכלונג אין גאנג,—אזוי וויא מיט דעם צוועק צו ערוועקען זיין פריינדליכקייט. איהר האט זיך זעהר געוואלט זיין גוטע פריינד מיט איהם. הויפטזעכליך איצט אז זיי גיען בלויז זיי ביידע אין דער פינסטער. באלד זיינען זיי ארויסגעקומען אין דיא אפענע גאלעריע. איהם איז גרינגער געווארען אויפ'ן הארצען פון דעם וואס זיי זיינען שוין מעהר ניט אויג אויף אויג, ווייל פריהער האט איהם געמאטערט א צווייפעל, וויא ער זאל זיך מיט איהר פערהאלטען. איהר ווידער, האט פערדראסען וואס זיי זיינען שוין ארויס פון דעם שמאלען טונעל און זיא האט אהין א ווארף געטאן א טרויעריגען בליק בעדויערענדיג דיא גליקליכע מינוטען, וואס זיא וואלט געקענט האבען און, וואס זיא האט פארלארען.

דיא וועג, אויף וועלכע זיי זיינען איצט געוועזן, האט גערוישט פון נייענדע ארבייטער און פון דיא וואגאנעס וואס זיינען געוועזן געפיהרט פון פערד. לאמפען האבען געשיינט וויא שטערען אין א פינסטערע נאכט. עטיענן און קאטרין זיינען אפט געצוואונגען געוועזן זיך צוצודריקען צום וואנט, איבערצולאזען דיא וועג צו דיא מענשען וויא שאטענס און צו דיא פערד, וואס האבען זיי געאטהעמט אין דיא געזיכטער. זשאנלען, לויפענדיג מיט בארפיסע פיס נאך דיא וואגאנעס, האט עפעס אויסגעשריען צו זיין שוועסטער, אבער צוליעב דעם גערויש פון דיא רעדער האט זיא ניט געהערט, וואס ער זאגט. זיי זיינען ווייטער געגאנגען. זיא איז שטיל געווארען, און אזוי וויא ער האט ניט געוואוסט וויא דיא זייטיגע וועגלעך ציהען זיך, האט זיך איהם געדוכט, אז זיא פארפיהרט איהם ניט אויף דיא געהעריגע וועג. עס איז איהם געווארען אלץ קעל־טער און וואס נעהענטער ער איז צוגעקומען צו דיא מויל פון דער מינע, האט ער אלץ שטארקער זיך געטרייסעלט. אין דיא שמאלע שטרעקע צווישען דיא ווענט האט דער ווינט געבלאזען מיט א געוואלדיגע מאכט. עס האט זיך איהם געדוכט, אז ער וועט קיין מאל ניט ארויסקריכען פון דאנען. באלד אבער האבען זיי ארופגיקלעטערט אויף דיא פ...דלאגע פון דעם הויפטצימער.

שאוואל האט אויף זיי ביידען א קוק געטאן מיט חשד. דיא אנדערע זיינען אויך געוועזן דערביי. אלץ ציטערענדיג פון קעלט, שווייגענדיג און איינהאלטענדיג זייערע בייזע מורמלעריי, וואס האט זיך געריסען אויף דיא ליפען. זיי זיינען געקומען צו פריה, און האבען געמוזט ווארטען ביי א האלבע שטונדע ביז דיא שטייג וועט זיי אויפ־נעהמען. דער אפהאלט איז געוועזן צוליעב א פערד, וואס מען האט בעדארפט ארונ־טערלאזען פון אויבען. דיא פראכט־מענשען האבען געהאלטען אין לאדעוען וואגאנעס, מיט א פערטויבענדען גערויש, און דיא שטייגען זיינען אויפגעשלונגען געוועזן. אייניגע ארבייטער האבען אהן אן אויפהער זיך ארומגעדרייט ארום דיא מויל פון דיא מינע, ציהענדיג דיא סיגנאל־שטריק, דריקענדיג דיא הויבערס, אין א שטראם פון וואסער פון וועלכען זייערע קליידער זיינען געוועזן דורכגעווייקט. פון דיא לאמפען איז גיפאלע־

א רויטע שייז, וועלכע האט נעוויזען דיא שאטענס, וואס האבען זיך ארומגעדרייט, און דיא רויטע שיין האט דער הייל צוגינעבען א'ן אויסזעה פון א שרעקליכע גרוב, — דיא הייל פון א באנדע רויבער ביי דעם ברעג פון א טייך.

מאהיי האט ניפרופט דעם לעצטען מיטעל. ער איז צוגעגאנגען צו פיערראן, וועלכער האט גיארבייט פון 6 אוהר, און גיזאגט צו איהם:

— הערט נור. פאר וואס זאלט איהר אונז ניט ארויפלאזען?

פיערראן, א וואשנער גיזונטער יונג, האט מיט א בייזע מינע גיענטפערט:

— אונמעגליך! בעט דעם פארמאן.... איך וואלט בעשטראפט ווערן.

ווידער האבען אונזערע בעקאנטע געמורמעלט קללות. קאטרין האט עטיענ'ען איינגעראמט א סוד אין אויער:

— כאמיר געהן זעהן דיא פערד-שטאלען. דארטען איז א מחיה.

זיי זיינען אוועק, אז קיינער זאל זיי ניט בעמערקען, ווארום אין דיא שטאלען צו געהן איז גיווען פערבאטען. די שטאלען זיינען גיווען אין דער לינקער האנד, ביי דעם עק פון א קורצע גאלעריע. דאס איז גיווען א שטח פון 25 מעטער אין דער לייננ און פיער אין דער ברייט, אויסגיהאקט אין דעם פעלז מיט א באלקען פון ציגעל. דארטען האבען זיך אויפגעהאלטען צוואנציג פעדד. עס איז אין אמת'ן דארטען גיווען אנגענעהם. אלץ איז גיווען גיהאלטען ריין און אין ארדנונג, און דער ריח פון דיא היי און שטרוי איז געווען פריש, א מחיה. איין לעמפיל האט גיברענט מיט א ווייבען שיין. ווען עטיענן און קאטרין זיינען אהין אריין, האבען איינינע פערד אויף זיי אנגישטעלט זייערע גוטע אויגען, און דאן האבענדיג זיך בערוהיגט, האבען זיי זיך אומגעקערט צו זייער האבער, — צופרידענע, פעטע, געזונטע און געליבטע, גאר ניט וויא דיא מענשליכע ארבייטער, וואס האבען דא אין דער מינע געהארעוועט אין צרות, יסורים, פעראכטונג און ציטערנעס.

ווערענד קאטרין האט גיהאלטען אין לעזען, אין דער הויך, דיא נעמען פון דיא פערשידענע פערד איבער זייערע פערשידענע שטעלכלאך, האט זיא פלוצלינג א פארהאלטענעם גישריי געטאן. זיא האט פלוצלינג פאר זיך דערזעהן אימעצען. דאס איז געווען מוקעט, וועלכער איז אויפגעשטאנען פון א בערגעל שטרוי, וואו זיא האט געשלאפען. עס איז געווען מאנטאג, און זיא איז געווען אויסגעמאטערט פון איהר נעכטיגע שטיפעריי. זיא האט דעריבער זיך אומישנע נעגעבען א זעץ אין נאז ביז עס איז געגאנגען בלוט, און כלומר'שט גייענדיג זוכען וואסער צום נאז האט זיא זיך אריינגע'גנב'עט אין שטאל און זיך געלייגט שלאפען, צוזאמען מיט דיא פערד, אין דיא ווארימע שטרוי. איהר פאטער, דער אלטער שטאל-מייסטער, מאק, האט איהר שטארק ליעב געהאט. און האט איהר ערלויבט דאטען צו שלאפען, ריזיקירענדיג צו האבען א מפה דערפאר.

באלד איז ער אריינגעקומען, דער אלטער מאק. ער איז געווען א נידעריגער א פליכעוואטער און נאך אלץ א דיקלעכער — א גאנץ זעלטענע זאך פאר א מינען־ארבייטער פון פופציג יאהר. דערזעהענדיג דיא אנדערע צוויי, איז ער אין כעס געווארען.

— וואס איז מיט אייך? — האט ער זיך געבייזערט — איך וויל ניט איהר זאלט ברייננען צו שלעפען אייערע געליבטע צו מיר אין שטאל.

מאקעט האט זיך צולאכט. אבער עטיענן איז ארויס אין כעס, און קאטרין איז נאכגעגאנגען נאך איהם.

ווען זיי זיינען צוריק ארויסגעקומען אויף דיא הויפט-גאלעריע, זיינען זשאנלען און בעבער שוין אהין אנגעקומען מיט דיא אנגעלאדענע וואגאנעס, וועלכע זיינען געשלעפט געווארען פון א פערד. זיי האבען זיך אבגעשטעלט ביי דיא שטיינען, און קאטרין איז צוגעגאנגען צום פערד, און האט איהם געגומען גלעטען און ריידען צו

איהם וויא צו א חבר. דאס איז געוועזן באטאיל, דער עלטסטער פיער־פיסינער ארבייטער אין דער מינע,—א ווייסער פערד, וועלכער האט שוין דא פערבראכט זעקס יאהר. זעקס יאהר האט ער אבגעלעבט אין דיזע פינסטערע לאך, פערנעהמענדיג דעם זעלבען ווינקעל פון שטאל, װארפענדיג פון זיך דעם זעלבען שאטען אויף דיא זעלבע וואנט, און קיין מאל ניט זעהענדיג דיא שיין פון טאג. ער איז געוועזן זעהר פעט; זיין פעל האט געבליסצעט מיט א׳ן אויסזעהן פון געזונדקייט; ער האט משמעות דא פערבראכט א פרייליכען לעבען, זייענדיג בעשיצט פון דיא צרות פון דיא אויבערשטע וועלט. צו דיא פינסטערנעס איז ער צוגעוואוינט געווארען. דיא וועג, איבער וועלכע ער איז געגאנגען, איז איהם שוין געוועזן אזוי גוט בעקאנט, אז ער פלעגט אליין מיט׳ן קאפ עפענען דיא ווענטעלאציאנס־טירלאך, און זיך א ביסעל איינבויגען, דארטען, וואו דער באלקען איז געוועזן צו נידעריג. מען וואלט געקענט מיינען, אז ער האט געציילט וויא פיעל מאל ער איז געגאנגען הין און צוריק, ווארום ווען ער פלעגט ענדיגען זיין רעגעלמעסיגע צאל גייענג, פלעגט ער בשום אופן ניט רירען זיך פון ארט צוריק, און מען פלעגט געצוואונגען זיין איהם צו נעהמען צוריק אין זיין שטאל. איצט, אז ער האט שוין גענומען אלט ווערן, פלעגען זיינע אויגען א מאל פערוואלקענט ווערן מיט א׳ן אומעט. ווער וויים, אפשר האט ער דאס דאן אונדייטליך, וויא אין א חלום, זיך דערמאנט אן דעם אלטען פלאץ, וואו ער פלעגט ארבייטען אויף דער ערד—דעם מיל אין מארשען, געבויט ביי דעם ברעג פון דעם סקראפ טייך, ארומגערינגעלט מיט גרינע בוימער וועלכע ווערן צערטליך געבלאזען פון ווינטעלעך. אפשר פלעגען דאס אזעלכע ערינערונגען איהם איינקומען, ווען ער פלעגט אראפלאזען דיא קאפ, און, שטייענדיג אויף דיא קלעצער, ציטערען אויף זיינע אלטע פיס, אומזיסט סטארעוועדיג זיך צו דערמאנען דיא פערגאנגענהייט.

און דערווייל איז דיא ארבייט אין דער מינע זיך געגאנגען וויא פריהער. מען האט געגעבען דעם סיגנאל אראפצולאזען דעם נייעם פערד. א מאל האט מען באטאיל געקען אויך אזוי אראבגעלאזען. און ער האט זיך אויך אזוי דערשראקען און איז אונטערגעקומען ניט טויט ניט לעבעדיג. אויבען, ווען מען האט איהם גענומען ארומבינדען מיט שטריק, האט ער זיך געראנגעלט מיט א ווילדען כח; און דערנאך, ווען ער האט גענומען פיהלען, אז ער פאלט אראב אין דער קופטע, איז ער געווארען וויא א פערשטיינערטער פון אימה. דער נייער פערד איז געוועזן אזוי גרויס, אז ער האט ניט געקענט אריינגיין אין דיא עפענונג פון דיא שטייג, און מען האט איהם געמוזט צוהיינגען צו איהר דעק, און אזוי איהם אראפלאזען. דאס אראפלאזען האט געדויערט פיער מינוט, ווארום, פון פארזיכטיגקייט וועגען, האט מען דיא שטייג געלאזט לאנגזאם גיין. אויף דיזען ארט האט דעם פערד׳ס שרעק געדויערט לייננגער וויא געוויינליך. ענדליך איז ער צוגעקומען צו דער ערד, מיט ברייט אויפגעפענטע אויגען און אזוי וויא א טויטער. דאס איז געוועזן א דריי־יעהריגער פערד, וועלכען מען האט א נאמען געגעבען טראמפעט.

מאק, דער שטאל־מייסטער, איז ארויסגעקומען דעם גאסט צו עמפפאנגען. דאס איז געוועזן זיין פפליכט.

— האלט! — האט ער אויסגעשריען. — ניט בינט איהם נאך אפ!

באלד איז טראמפעט געלעגען וויא א פאק אויף דיא אייזערנע פלאסטערונג. ער האט זיך קיין ריהר ניט געגעבען. אין דיזע טיעפע פינסטערניש, פארהילכט פון אלערליי גערוישען, איז ער געלעגען וויא אין א היהנער־פלעט.

ווען מען האט טראמפעטען אנגעהויבען אבצובינדען, האט באטאיל וועלכען מען האט אסערשט אויסגעשפאנט, אויסגעשטרעקט זיין האלז און האט זיין נייעם

חבר גענומען ארומשמעקען. עס האט זיך אנגעקליבען א קופקע ארבייטער און זיי זיינען געשטאנען און זיך געגלייכווערטעלט איבער דעם עלטערען פערד. נו, וואס פאר א געשמאקען ריח האט ער דערשמעקט? אבער באטאיל איז משמעות געווען צופרידען און איהם האט, וויא עס האט אויסגעוויזען, הנאה געטאן. ער האט דערשמעקט דעם פרישען אנגענעהמען ריח פון דיא פרייע לופט, דעם ריח פון דיא זון און פון לאנקעס, וועלכען ער, באטאיל, האט שוין פארגעסען. מיט א מאל האט ער זיך צולאזט מיט א טיעפען מין בראפעריי, וועלכער האט אויסגעדריקט פרייד און וועלכער האט זיך געענדיגט אזוי וויא מיט א יאמער פון אומעט. דאס איז געווען זיין בעגריסונג, א'ן ערינערונג אן דיא אלטע טעג זיינע, וועלכע האבען איהם צוגעשיקט א פאמיאנטאק, איהם צו טרייסטען אין זיין פינסטערע געפענגניס, פון וועלכע איהם איז באשערט ארויסצוקומען ניט אנדערש וויא א טויטער.

— אה! דער גוטער באטאיל! — האבען דיא ארבייטער געזאגט — ער שמועס'ט דאס מיט זיין נייעם פריינד.

טראמפעט האט זיך פון באטאיל'ס בעגריסונג בערוהיגט. איהם האט זיך אבער נאך אלץ געדוכט, אז אויף איהם זיינען ארומגעבונדען דיא שטריק, און אז זיי קנייפען איהם זיין לייב. ענדליך האט מען איהם געצוואונגען זיך אנידערצושטעלען. ווען ער האט זיך געשטעלט, האבען זיינע פיס ביי איהם געציטערט פון דיא קעלט. ער האט זיך געוואונדערט וואס דא טהוט זיך. אבער דער אלטער שטאל־מייסטער האט באלד אוועקגעפיהרט איהם צוזאמען מיט באטאיל'ען, וועלכע האבען געשלאסען ברידערשאפט.

— איז שוין איצטער א סוף? — האט מאהיי געפרעגט. מען האט אבער נאך בעדארפט אויסלאדעווען דיא שטייגען, און זיי האבען נאך געמוזט ווארטען ביי צעהן מינוט איידער מען וועט זיי קענען ארויפנעהמען. ביסלעכווייז זיינען פון אלע זייטען אנגעקומען ארבייטער נאך דער ארבייט. דארטען זיינען שוין געשטאנען פופציג דורכגענעצטע מענשען ציטערענדיג פון קעלט. פיערראן, כאטש ער האט געהאט א געזיכט פון א גוטהערציגען, האט אנגעפאטשט זיין טאכטער, דיא קליינטשקע לידיק, דערפאר, וואס זיא האט צו פריה אוועקגעלייגט איהר ארבייט. זאשאריע האט אלע ווייל, אזוי וויא ניט איהם מיינט מען דאס, א קניפ געטאן דיא דיקע מאקעט. דיא אונצופרידענהייט מיט דעם, וואס מען איז געצוואונגען צו ווארטען, איז אלץ געוואקסען. שאוואל און לעוואק האבען דיא איבעריגע דערציילט, וויא דער אינזשינער האט געסטראשעט, אז דעם פרייז פאר'ן קוילען־גראבען וועט מען קלענער מאכען און אז פאר דעם אונטערשפארען וועט מען בעצאהלען בלויז א טהייל. דיא ארבייטער האבען דיא נייעס בעגריסט מיט א בייזען אויסרוף. אין דיעזען פינסטערן ווינקעל, זעקס הונדערט מעטער פון דער ווייסער וועלט, האט גענומען שפראצען א מיאטעזש, א רעבעליאן. דיעזע אויסגעמאטערטע, אין קוילען־שטויב איינגעריכטע ארבייטער, ציטערענדיג פון קעלט, האבען בעשולדיגט דיא קאמפאניע, אז זיא הרג'עט אויס א העלפט פון זיי אין דער מינע און אז דיא העלפט, וואס בלייבט לעבען, פארמארעט זיא מיט הונגער אויבען אויף דער ווייסער וועלט.

עטיען האט צוגעהערט.

— ניכער! האט ריש'ם, איינער פון דיא פאר־לייט, אויסגערופען צו דעם וואס האט געלאדעוועט.

ער האט זיך געמאכט, אז ער הערט ניט דיא ארבייטער'ס רייד, ניט ווינשענדיג זיך ארויסצושטעלען פאר א שלעכטען און זיי הייסען אויפהערען. דער בייזער געשפרעך נעגען דיא קאמפאניע איז אבער געווארען העכער און דיא ווערטער, וואס ער האט געהערט, זיינען געווען אזעלכע, אז ער האט שוין זיך געפיהלט פערפפליכטעט זיי

אפצושטעלען. הינטער זיין פלייצע האט מען געזאגט, אז נישקשה, עס וועט אימער אזוי ניט זיין, און אז דיא מינע וועט ווען עס איז עקספלאדירען.

— איהר האט דאך מעהר שכל — האט רישמאן געזאגט צו מאהיי — זעהט, אז זיי זאלען אויפהערען צו ריידען אזוי, וואס העלפט עס? ווען מען איז ניט דער שטארקערער, דארף מען כאטש זיין דער געדולדיגסטער.

אבער מאהיי, וועלכער האט אליין געגען דער קאמפאניע ניט גערעדט, איז פון דעסטוועגען אליין אויך געווען בייז און ער האט דעריבער רישמא'ען ניט געפאלגט. פלוצלינג זיינען אלע אנשווייגען געווארען. דאנסאר מיט נעגרעל'ען האבען זיך אומגעקעהרט פון זייער באקוקען דיא מינע, ביידע באדעקט מיט שוויס. דיא געוואוינהייט צו האבען אבשיי האט דיא ארבייטער געצוואונגען זיך אויסצושטעלען אין א צייל, וועהרענד דיא צוויי זיינען פארבייגעגאנגען, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט. דער אינזשינער איז אריינגעשפרונגען אין איין וואגאן, דאנסאר אין א'ן אנדערע. פייער סיגנאלען זיינען געגעבען געווארען, און דיא שטייג האט זיך אויפגעהויבען אין מיטען פון א בייזע שטילקייט.

אלס עטיענן האט אזוי געהאלטען אין הייבען זיך. צוזאמען מיט דיא אנדערע פיער, ארויף צו, אין דיא שטייג, האט ער זיך בעשלאסען ווייטער צו רייזען איבער'ן לאנד און זוכען אנדערע ארבייט. עס איז שוין בעסער צו שטארבען פון הונגער אויף'ן שטעלל, איידער ווידער ארונטער לאזען זיך אויף'ן גרונט פון דיעזען גיהנם, און דארטען ערשט קיין ברויט ניט פארדינען. ער האט א קלער געטאן וועגען קאטרין. זיא איז איצט שוין ניט געווען לעבען איהם. זיא איז געוועזען איבער איהם. איינגעהילט אין פינסטערניס. ער טאר אבער ניט האלטען אין זינען קיין נארישקייטען, האט ער צו זיך געזאגט. ער האט ניט געקענט אלץ שטיל פארטראגען וויא מאהיי, און, ווען ער וואלט דא פארבליבען, וואלט ער סוף כל סוף דערשטיקען ווען עס איז פון דיא קאמפאניעס אויפזעהער.

פלוצלינג, ווען זיינע אויגען זיינען שוין אזוי צוגעוואוינט געווארן צו דער פינסטערניס, זיינען זיי פארבלענדעט געווארען פון דיא זונן-שיין, אין וועלכע ער איז אריינגעקומען. ווען דיא שטייג איז צוגעפעסטיגט געווארן, איז איהם גרינגער געווארן אויף'ן הארצען. דיא טיר האט זיך אויפגעעפענט, און דיא גרופע ארבייטער איז ארויסגעשפרונגען פון דיא וואגאנעס.

— פארגעס ניט, מאקע — האט זאשאריע שטילערהייד געזאגט צו א יונגען מאן — היינט אבענד, אין דעם וואלקאן.

„דער וואלקאן" איז געווען א קאנצערט גארטען אין דיא שטעטיל מאנסטאן. מאקע, דער זוהן פון דעם אלטען שטאלל-מייסטער, מאק, און דער ברודער פון דיא מיידעל מאקעט, האט געענטפערט מיט א לאך און מיט א וואונס. ער איז געווען א נידעריגער און א דיקלעכער, וויא זיין פאטער און שוועסטער, און האט געהאט דעם אויסזעהן פון א אינגעל, וואס עסט גלייך אוף אלץ, וואס ער קריגט און קימערט זיך ניט וועגען מארגענדיגען טאג.

אין דיעזען מאמענט האט זיין שוועסטער, ארויסשפרינגענדיג פון שטייג, איהם שטיפענדיג א פאטש געטאן אין פלייצע.

עטיענן האט דעם פערוואלטערס קאנטאר קוים דערקענט. ער האט איהר פריהער געזעהן, ווען עס איז געווען פינסטער, און זיא איז בעלויכטען געווארן בלויז פון א לאנטערנע. איצט, ווען אהין האבען דורך דיא פענסטער זיך אריינגעריסען דיא שטראהלען פון דיא זונן, האט זיך געזעהן, אז דער צימער איז געווען זעהר א שמוציגער. בלויז דער דאמפף-מאשין האט געשיינט און געבליצעט. דיא שטאהלענע שטריק, איינגעשמירט אין פעטס, האבען זיך געגליטשט וויא שטיינגעס איינגעטונקט אין טינט;

אוי דיא גרויסע שפּילען פון אויבען, דיא ציטערנדע הילצערנע גיביידע, וועלכע האָט זיי אונטערגעהאַלטען, דיא שטייגען און דיא וואַגאָנעס — דאָס אַלץ האָט פאַרגרעסערט דעם טרויעריגען אויסזעהן פון דעם צימער. דיא פלאַסטערונג האָט זיך רק נעטרייסעלט פון דיא רעדער, וואָס האָבען זיך איבער איהר געקייקעלט אָהן אַן אויפהער, ווערענד פון דיא קוילען, וואָס מי האָט אַלע ווײַלע ארויפגעצויגען, האָט זיך אויפגעהויבען א שוואַרצע שטויב, וועלכע האָט בעדעקט דיא פאַרלאָגע און דיא ווענט.

שאַוואַל, וועלכער איז געגאַנגען זעהן דיא ביכער, אין דעם פערוואַלטער'ס קאַנטאָר, האָט זיך אומגעקעהרט, ווילד בייז. ער האָט געזעהן, אז צוויי פון זייערע וואַגאָנעס מיט קאָהלען האָט מען צוריקגעוויזען: איינעם, ווייל דיא מאָס איז ניט פול און דעם אנדערען, ווייל דיא קאָהלען זיינען ניט קיין גוטע.

— א פיינעם ארבייטס־טאָג האָבען מיר היינט געהאַט! — האָט ער אויסגעשריען — צוואַנציג סענט פאַרלאָרען...... היינט וואָס איז דער הדרוש? אז מען נעמט צו דער ארבייט פוילערס, וואָס ריהרען זייערע הענט, וויא א חזיר זיין עק!

ביי דיא לעצטע ווערטער האָט ער אַן א זייט א קוק געטאָן אויף עטיענ'ען. עטיענן האָט שוין געוועלט אָפּענטפּערען מיט א זעץ אין שאַוואַל'ס פּנים. אָבער גלייך האָט ער זיך געפרעגט: צו וואָס לוינט עס, אז ער וועט דאָך סיי־וויא־סיי דאָ מעהר ניט ארבייטען? דיזער געדאַנק האָט זיין פויסט אָבגעהאַלטען.

— קיינער קען אויף'ן ערשטען מאָל גוט ניט ארבייטען — האָט מאַהיי באַמערקט פון שלום וועגען — מאָרגען וועט ער שוין בעסער טויגען.

דיא ארבייטער זיינען אָבער אַלץ געווען בייז און גערען צוקריגען זיך. ווען זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט אום איבערצוגעבען זייערע לאָמפען צו דעם, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויף דעם, האָט לאַוואַק איהם אָנגעשאָלטען, בעשולדיגענד איהם, אז ער פאַרנאַכלעסיגט זיין ארבייט. ווען דיא ארבייטער זיינען צוגעקומען צום פייער, איז זייער כעס אָביסעל אָבגעגאַנגען. דער פייער איז אָבגעלאָשען געוואָרען אָן דיא ווענט פון דעם גרויסען צימער אָהן פענסטער און האָט איהם אזוי וויא אנגעפילט מיט פלאַמען. אומזערענדיג זיך מיט דיא רויזענס צום הייוען האָבען דיא ארבייטער פאַרגעסען אין אַלץ, און האָבען בלויז געוואוסט, אז עס איז זיי וואַרים.

— איך געה — האָט געזאָגט שאַוואַל ארייַנקלייַגענדיג זיינע געצייג אין קאַסטען און אָנטאָנדיג זיינע שיך.

קיינער האָט ניט געענטפערט. אָבער מאַקעטט איז נאָך איהם נאָכגעלאָפען. דיא אנדערע האָבען געשמייכעלט. זיי האָבען געוואוסט, אז ער איז שוין פאַרטיג מיט איהר. זאַשאַריע האָט א לאַך געטאָן צו זיין שוועסטער.

קאַטרין האָט דערוויַיל שטיל גערעדט צו איהר פאָטער. צוערשט האָט ער געמאַכט א פאַרוואונדערטע מינע; דאַן האָט ער א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אזוי וויא צוזטימענדיג, און צורופענדיג עטיענ'ען, האָט ער איהם דערלאַנגט זיין פעקיל.

— הער נור, אויב איהר האָט ניט קיין סענט אין קעשענע, וועט איהר דאָך שטאַרבען פון הונגער, איידער איהר וועט זיך דערוואַרטען אויף אייער לוין. זאָל איך זעהן פאַר אייך צו קריגען קרעדיט ערגעץ וואו?

דער יונגער מאַן האָט ניט געוואוסט וויא צו טאָן. אין דיזען מאָמענט האָט ער זיך געקליבען צו גייהן פאָדערען דיא דרייסיג סענט, וואָס איהם קומט פאַר דעם טאָג ארבייט, און אוועקצוגעהן פון דאַנען. איצט אָבער האָט ער זיך געשעמט פאַר דיא מיידעל דאָס צו טאָן. זיא האָט פון איהם דיא אויגען ניט אראָבגעלאָזען. עס האָט זיא איהר אויסגעוויזען, אז ער איז אַנגעבלאָזען.

— איהר דאַרפט פאַרשטעהן, אז אויף געוויס קען איך אייך ניט צוזאָגען — האָט מאַהיי ווייטער געזאָגט — אָבער מעהר וויא אָבזאָגען קען מען דאָך ניט.

דאַן איז עטניען מרוצה געוואָרען. ער וועט אָפּעסען אויף דעם חשבון פון דיא קליינגעלט, וואָס איהם קומט, און דאַן אוועקגיין. אָבער דערזעהענדיג, אז קאַטרין פרייט זיך, וואס ער בלייבט, האָט איהם גענומען פאַרדריסען, וואָס ער האָט זיך ניט ענטזאגט. זיא האָט אויף איהם געקוקט און געשמייכעלט פריינדליך, פרייענהיג זיך וואָס זיא העלפט איהם אויס.

ווען דיא ארבייטער האָבען זיך גוט אָנגעוואַרמט ביי'ן אויווען, האָבען זיי גענומען אָנטאָן זייערע שיך און זיינען איינציג־ווייז ארויסגיגאַנגען, לעוואס און דיא מאַהיים זיינען אוועק אין איינעם. אָבער ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם שטעלבעל, וואו מען האָט דיא קוילען סאָרטירט, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט צוליעב א קריעגעריי, וואָס אין דיזען צימער איז איצט פאָרגעקומען.

דער שטעלביל איז געווען א גרויסער, מיט גרויסע באַלקענס, באַדעקט מיט קוילען־שטויב מיט גרויסע פענסטער, דורך וועלכע עס האָט געשטראָמט דיא לופט. אהער פלעגען אָנקומען דיא וואגאָנעס מיט קוילען, וועלכע אינגעלעך פלעגען דאָ אויס־ליידיגען. דיא סאָרטירערס פלעגען דאָ אָבטהיילען דיא גוטע קוילען און זיי אריינ־שטופען אין לוכטעס, זאָ דאָס זיי פלעגען אריינפאַלען אין דיא וואגאָנעס, וואָס זיינען געשטאַנען פון אונטען, אינטער דעם שטעלביל.

פהילאָמען לעוואק, א בלייבע דאַרע מיידעל, מיט א שווינדזוכטיגען פּנים, איינ־געוויקעלט אין א טוך, און מיט הענט שווארץ פון קוילען־שטויב ביז דיא עקענבויגענס, האָט פיערראָן'ס מוטער געהאָלפען סאָרטירען. דיזע אַלטע פרוי — דיא בריל, האָט מען איהר גערופען — האָט געהאט א שם פאר א מרשעת; איהרע אויגען האָבען גע־קוקט וויא ביי א סאָווע, און דיא ליפען זיינען ביי איהר גיווען פארמאכט אזוי שטייף, וויא ביי א קאַרגען דיא בייטיל. אָט ריעזע צוויי האָבען זיך דאָס דאָ געקריעגט. דיא מיידעל האָט דיא אַלטע בעשולדיגט, אז זיא גנב'עט ביי איהר קוילען. וועגען דעם האָבען זי זיך אייביג געריסען און געביסען, ווארום מען האָט זיי געצאָהלט פון קאָרב.

— מאַך איהר א לאָך אין קאָפּ! — האָט זאַשאַריע אויסגעשריען צו זיין מיידעל.

דיא סאָרטירערס האָבען זיך צולאכט. דיא בריל האָט אָבגיענטפערט:

— האַלט בעסער מויל!

זאַשאַריע האָט גיוואָלט צולויפען, און מאהיי האָט זיך געקליבען איהם אָפּצור־האַלטען. אָבער אין דיזען מאָמענט איז אָנגיקומען א'ן אויפזעהער, און דיא סאָרטירער האָבען זיך ווידער גיכאַפּט פאר זייער ארבייט.

אויף דרויסען האָט דער ווינט פּלוצלונג אויפגיהערט; אָבער א קאַלטע פייכט־קייט איז גיפאלען פון דעם גרויען הימעל. דיא קוילען־גרעבער האָבען זיך צושיידט און זיינען אוועק צושאָקלענדיג מיט דיא הענד. א גאנצען טאָג האָבען זיי פער־בראַכט אין דיא שווארצע בלאָטע און יעצט האָבען זיי אויסגיזעהן, וויא ניגערס.

— זעה, אָט איז בוטלופ! — האָט זאַשאַריע גיזאָגט מיט א גילעכטער. לעוואק האָט מיט זיין קוואַרטיראַנט, פאַרבייגייענדיג גערעדט א פּאָר ווערטער. דיזער קוואַר־טיראַנט זיינער, נאמענס בוטלופּ, איז גיווען א גרויס געוואַקסענער קעריל פון א יאָהר פינף און דרייסיג, מיט א'ן עהרליכען, פעסטען געזיכטס־אויסדרוק.

— איז דאָ סופילואי?

— איך רעכען אז יע.

— דיא אלטע איז אלזאָ היינט אין א גוטען מוטה?

— דאַכט זיך אז יע.

אַנדערע גרעבער זיינען אָנגיקומען — א נייער גאַנג מענשען, וועלכע זיינען איינ־ציגווייז איינגעשלונגען גיוואָרען אין דיא מינע. דיא מינע האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּ־גערוהט. טאָג און נאַכט האָבען אין איהר מענשען גיגראָבען און גיגראָבען.

דיא קינדער זיינען אוועק אפריהער. זשאנלען האט ראבערטען פארגעלייגט א פלאן, וויא צו קריגען פאר פיער סענט טאבאק. לידיק איז נאכגעגאנגען א היבשע שטיקעל פון הינטען. קאטרין, זאשאריע און עטיענן זיינען געגאנגען ניט אויסריידענדיג קיין ווארט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם שיינק „א ל'אוואנטאזש", איז מאהיי און לעוואק צו זיי צוגעגאנגען.

— דא איז דאס — האט מאהיי זיך אפגערופען צו עטיענן'ען. — לאמיר אריינגעהן.

אלס זיי האבען זיך אבגעשיידט, איז קאטרין געבליבען שטעהן א ווילע קוקענדיג אויף דעם יונגען מאן מיט איהרע קלארע קריסטאלענע אויגען. דאן, א שמייכעל מאכענדיג, איז זיא אוועק מיט דיא איבעריגע איבער דיא וועג, וועלכע האט געפיהרט צו דיא געסעלע, וואו זיי האבען געוואוינט.

דער שיינק איז געשטאנען אויף דיא איבערקרייצונג פון צוויי וועגען צווישען דיא מינע און דעם דארף. אויף א שילד, וועלכער איז געהאנגען פון אויבען, איז געווען אויפגעשריבען: „ל'אוואנטאזש. א קרעטשמע, געהאלטען פון ראססענער".

פון הינטען איז געווען א שמאלינקער פארצאמטער הייפעלע. דיזע קרעטשמע, וועלכע איז געשטאנען נאהענט לעבען דער מינע, איז דער קאמפאניע געווען גרויס אין דיא אויגען, און זיא האט זיך נעסטארעוועט איהר אפצוקויפען. עס איז אבער געווען א'ן עבירה זייער ארבייט.

— קומט אריין! — האט מאהיי געזאגט צו עטיענן'ען.

זיי זיינען אריינגעקומען אין א קליינעם כמעט ליידיגען צימער מיט ווייסע ווענט. דא זיינען געשטאנען דריי טישלאך מיט א טוץ שטולען מיט א הילצערנעם שיינק־טיש, הינטער וועלכען איז געווען צו זעהן עטליכע פלעשלעך, גלעזלעך, א בלייענער קריגעלע אויף ביער און א בלעכענע קעסטעלע אויף געלד צו האלטען. דאס איז אלעס. קיין איינציגער פארטרעט, קיין פאציצע, קיין שפיגעל־ברעטעל אפילו. אין דעם אויסגעפוצטען אייזערנעם קאמין האט לאנגזאם געברענט א שטיק קויל.

— גיט מיר א שנאפס — האט מאהיי געזאגט צו דיא גרויסע בלאנדע מיידעל, מיט א שווערען געשטופעלטען פנים, וועלכע איז געשטאנען הינטער דעם שיינק טישעל. — איז ראססענער דא?

נעהמענדיג זיך איהם צו געבען דעם שנאפס, האט דיא מיידיל א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ. ווען דיא גלאז איז שוין אוועקגעשטעלט געווארן פאר זיינע אויגען, האט מאהיי דאס גענומען און האט מיט א מאל אין זיך אריינגעגאסען א האלבען, אום אראפצושווינקען דיא שטויב, וואס האט איהם געשטיקט דיא האלז. עטיענן'ען האט ער ניט מכבד געווען. נאך א קונד איז געווען אין שיינק — אנאנדער קוילען־גרעבער אייגענטליך וויא דער שווארץ־יאהר. דיזער איז געזעסען ביי א טישעל און האט געטרונקען זיין גלאז ביער שטילערהייד, אזוי וויא טיעף פארטראכט.

דער מאן, וואס איז געזעסען ביים טישעל, האט געגעבען א וואונק און מען האט איהם דערלאנגט זיין דריטען שנאפס. ער האט בעצאהלט און איז ארויס ניט אויסריידענדיג קיין ווארט.

גלייך נאך דעם איז אריינגעקומען א הויכער און ברייטער מאן פון א יאהר אכט און דרייסיג. ער איז געווען אין גאנצען ארומגעגאלט, און אויף זיין קיילעכדיקע געזיכט איז געלעגען א פרייליכער שמייכעל. דאס איז געווען ראססענער, א קוילען־גרעבער, וועלכען דיא קאמפאניע האט אבגעשאפט דערפאר וואס ער איז מיט דריי יאהר צוריק געווען דער אנפיהרער פון א סטרייק. ער איז געווען א גוטער ארבייטער און א גוטער רעדנער און ער איז שנעל ביי דיא קוילען־גרעבער געווארען דער פיהרער. זיין ווייב האט געהאלטען א קראם, וויא דיא ווייבער פון פיעלע אנדערע ארבייטער, און, ווען

מען האט איהם ארויסגעטריבען, האט ער געעפענט א שיינק פונקט אנקעגען דיא וואָריי מינע,— אלס א סטראשונאק פאר דיא קאמפאניע. זיין שיינק איז געוואָרען דער מיטעלפונקט פון דיא ארבייטער, און ער האט דעריבער געמאכט גוטע געשעפטען. ער האט אין דיא הערצער פון זיינע אמאָליגע חברים ביסלעכווייז אריינגעגאָסען א צאָרן געגען זייערע בעלי בתים, און דורך דעם איז ער רייך געוואָרען.

— דיעזען יונגען מאן האב איך אין דער פריה צוגענומען צו דער ארבייט—האט מאהיי זיך געהייכט צו ערקלערען—איז איינער פון דיינע צוויי ציטערן פריי, און וועכטו איהם געטרויען ביז דעם 15טען?

ראסענער'ס פנים איז גלייך פערוואָלקענט געוואָרען. ער האט א קוק געטהאָן אויף עטיען'ען און האט פעסט געענטפערט:

— עס איז אונמעגליך. ביידע מיינע ציטערן זיינען פערנומען.

עטיען איז ניט איבערראשט געוואָרען. ער האט אויף אזא אנטוואָרט זיך גער־ריכט. איהם האט זיך זעהר שטארק געגלוסט אוועקצוגיין פון דאנען, און דאך האט ער ביי זיך ניט געקענט פועל'ען צו פערלאָזען דעם פלאץ וואו ער וועט ניט בעקומען דיא דרייסיג סענט, וואָס איהם האט געקומט. איינציגווייז זיינען אריינגעקומען אנדערע קוילען־גרעבערס. יעדער האט זיך געמאכט זיין שנאפס און איז שטילערהייט ארויס. דאס איז געווען א מין וואשען דיא האלז אָהן שום פערגניגען אָדער הנאה.

— הערט זיך עפעס נייעס?—האט ראסענער געפרעגט ביי מאהיי'ען, וועלכער האט געהאלטען אין לאנגזאם טרינקען זיין גלאז ביער.

מאהיי האט אָפגעקעהרט דיא קאפ און, דערזעהענדיג לעבען זיך בלויז עטיען'ען, האט ער געזאָגט:

— זיי האבען זיך ווידער געטשעפעט. דיעזען מאל איבער דיא אונטערשפארונג.

אלס מאהיי האט דערציילט, וואס איז פארגעקומען, איז ראסענער'ס פנים זעהר רויט געוואָרען. ענדליך האבען זיינע אויגען אנגעהויבען צו פונקלען וויא מיט פייער, און ער האט געזאָגט מיט האסט:

— אויב זיי וועלען ארונטערנעהמען פון דעם פרייז פאר'ן גראָבען, זיינען זיי לומפען!

עטיען'ס אנוועזענהייט האט איהם עפעס געשטערט. וועהרענד ער האט גערעדט וועגען דיא קאמפאניע האט ער אלץ געקוקט אויף דעם יונגען מאן. ער האט גערעדט וועגען נעגעל, וועגען דעם פערוואלטער, וועגען הענעבא, זיין פרוי פון זיין פלימעניק,— הגם ער האט זיי מיט דיא נעמען ניט אָנגערופען,— און האט געזאָגט, אז אימער אזוי בלייבען וועט דאָס ניט, אז עס מוז קומען א סוף, — אז דיא יסורים זיינען שוין צו גרויסע. ער האט אויך גערעדט וועגען דיא פאבריקען, וואס האבען זיך צו־געמאכט און וועגען דיא ארבייטער, וואָס זיינען אוועק. אין פערלויף פון א מאנאט האט ער אויסגעטיילט מעהר וויא זעקס לאבענס ברויט טעגליך. דעם פאָריגען אבענד האט ער געהערט, אז דעננעילען, דער בעל הבית פון דיא דערבייאיגע מינע, האט מורא, אז ער וועט אויך מוזען צומאכען. און פון לילל האט ער ערהאלטען א בריעף, אז דאָרטען טוט זיך אויך אפ מעשים.

— איך האב דעם בריעף ערהאלטען פון דעם מאן, וועלכען דו האסט דא ביי מיר אנומעלט געזעהן.

מיט א מינוט פריהער איז אריינגעקומען דעם שיינקערס ווייב, — א הויכע דאַרע גוט־הערציגע פרוי מיט א לאנגען נאז און מיט סטארצערינגע באקען־ביינער. זיא איז נאך געווען מעהר ראדיקאל וויא איהר מאן.

— פלושאר'ס בריעף! — האט זיא זיך אָבגערופען — ווען ער וואָלט געווען דער בעל־הבית, וואָלט אלץ בעסער געווען.

דיזע געשפרעכען מיט אָנצוהערענעסען אויף נקמה, האבען עטיען'ען צוהיצט; און

ביי דעם נאָמען, וועלכען זיי האָבען דערמאָנט, האָט ער זיך א כאפּ געטאָן, וויא א'ן איבערראשטער. ניט בעטראַכטענדיג זיך האָט ער געזאָגט:

— איך קען פּלושאר'ען.

זיי האָבען זיך אין איהם איינגעקוקט, און ער האָט ווייטער גיזאָגט:

— יא, איך בין א מאשיניסט, און ער איז געווען מיין פּאָרמאָן. ער איז א פיינער מאָן. איך האָב מיט איהם אָפט געהאט א געשפּרעך.

ראַסענער האָט איהם ווידער באַקוקט, און פּלוצלינג האָט ער צו איהם גענומען פיהלען סימפּאַטיע. ענדליך האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי:

— מאהיי האָט דאָס מיטגעבראַכט דיעזען מאָן. ער איז א וואגאָן שטופּער, און ער וויל דאָ קר ענען א צימער, און פרעגט אויב מיר קענען איהם ניט געטרויען ביז דעם 15־טען.

אין עטליכע ווערטער איז דער עסק געשלאָסען געוואָרען. זיי האָבען געהאט פאר איהם א צימער. דער, וואָס איז דאָרטען איינגעשטאַנען, איז אין דער פריה אוועקגעגאַנגען. דער שיינקער האָט ווייטער גערעדט וועגען דיא מינע, און האָט מיט היץ גע־טענה׳עט, אז ער פאָדערט בלויז מען זאָל געבען דיא ארבייטער דאָס וואָס זיי קומט על פּי יושר. זיין ווייב האָט א קוועטש געטאָן מיט דיא פּלייצעס און האָט געשוויגען.

— גוטע נאַכט! — האָט מאהיי געזאָגט — דיזע אלע דבורים וועלען דיא קאָמפּאַניע ניט שטערען צו טאָן דאָס איהריגע. זיא וועט ארונטערנעהמען פון פּרייז, און עס וועט פאָרט זיין שלעכט.... באַרעכען נור, זינט דוא ביזט פּטור גיוואָרען פון דער מינע ביסטו א געזונטער מענש גיוואָרען.......

— יא, מיר איז פיעל בעססער, — האָט ראַסענער געענטפערט, און גוטען מוטה.

עטיענן האָט מאהיי'ען באַגלייט ביז'ן טהיר און האָט איהם בעדאַנקט. יענער האָט א שאָקעל גיטאָן מיט'ן קאָפּ און איז שטיל ארויס. עטיענן האָט נאָכגעקוקט וויא ער איז געגאַנגען איבער'ן וועג צו דיא געסעלע צו. מאַדאַם ראַסענער האָט איהם געבעטען וואַרטען א ווייל, ביז זיא וועט פאַרטיג ווערן מיט א פּאָר קינדער, און דאַן וועט זיא איהם פיהרען אין זיין צימער. צו זאָל ער דאָ בלייבען צו ניט? — האָט ער זיך ווידער נעפרעגט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און עס איז איהם געוואָרען שווער אויפ'ן הארצען. עס האָט זיך איהם גענומען בייגקען נאָך דיא פרייהייט פון דיא וועג און נאָך דיא וואַרעמקייט און ליכטיגקייט פון דיא זון, וויא אויך נאָך דיא זעלבסטשטענדיגקייט פון דיא וואָס זיינען צו קיינעם ניט פאַרקויפט. עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ער איז שוין דאָ צו פיעל געווען עטליכע יאָהרען, און עס האָט זיך איהם זעהר ניט געגלוסט זיך אומצוקעהרען אין דיא פינסטערע גאַלעריעס אונטער דער ערד. ניין, עס איז צו שווער. זיין הארץ האָט זיך געבונטעוועט נעגען דעם געדאַנקען פון בלינד ווערן אין דיא שוואַרצע גרייבער און דאָרט אין נאַצען אָבגעמעקט ווערן.

וויא ער איז אזוי געשטאַנען און זיך געשלאָגען מיט דער דעה, צו ער זאָל דאָ בלייבען צו ניט, האָט ער פּלוצלינג באַמערקט דיא גרויסע פעלד, וועלכע האָט זיך דאָ געצויגען פאַר זיינע אויגען. ער איז איבערראַשט געוואָרען. ווען דער אַלטער באַננמאָר, מאהיי'ס פאָטער, האָט איהם אויף דיזע פעלד אנגעוויזען פון וויטען אין דער פינסטער, האָט ער גאָר ניט באַמערקט, וויא גרויס זיא איז. פאַר איהם איז איצט דיא וואָריי מינע פון וויטען געלעגען וויא אין א באַרג מיסט. איהרע געמויערטע און הילצערנע געביידעס; איהר זיפ־שטעלבעל מיט זיין דאַך, וועלכער איז געווען באַדעקט מיט דזעגעכץ; איהר טורעם מיט זיין דאַך פון גריפּעל־שטיין; דיא דאַמפּף־מאשין צימער מיט זיין הויכען העל־רויטען קוימען — דאָס אלץ האָט זיך אזוי וויא ארויסגעהויבען פון א דונקעלע, מוטנע לופט. ארום

דיא געביידעס האט זיך געצויגען א ברייטער טראטואר. פון דיא קוילען שטויב האט דאס אויסגעוויזען וויא א'ן אזערע פון טינט. איבער דעם זיינען געווען דיא בריקען. אין איין ווינקעל איז דא געווען פארוואָרפען אזוי פיעל האלץ, אז עס האט אויסגעזעהן אזוי וויא א'ן איינגעפאלענער וואלד.

פון דער רעכטער האנד האט זיך געזעהען און אלטע פארלאָזענע מינע, וויא א ריזען-באררקאדע, — שוין פארוואקסען מיט גראז פון איין זייט, ווערענד פון דעם אנדערען זייט איז זיא געווען צוגעבערענט פון דעם פייער, וואס האט אינוויינינג געטליעעט אין פערלויף פון א יאהר. ווייטער האבען זיך געצויגען אהן א שעור און אהן און ערך דיא פעלדער פון בוריקעס און פון תבואה, הגם אין דיזע צייט זיינען זיי געווען נאקעט. אויך האבען זיך געזעהען זומפען מיט קורצע שטעקעל-גראז; און פון גאנץ ווייטען זיינען געשטאנען בוימלעך, הינטער וועלכע עס איז געווען צו בעמערקען ווייסע פלעקען — דיא סמנים פון דערפער: מארשיען פון צפון זייט, מאנטסאן פון פארינט, און פון מזרח זייט האט דיא וואלד וואנדאם, מיט איהרע נאקעטע בוימער, מיט א פיאלעטענעם פאס, בעצייכענט דעם ארט וואו דער הימעל שיינט זיך ארפצולאזען.

אונטער דעם דונקעלען, טרויעריגען הימעל פון דעם ווינטערריגען נאך-האלבען טאג האט זיך אויסגעוויזען אזוי וויא דיא גאנצע פינסטערנעס פון דיא ווארייי מינע מיט איהר גאנצע מאססע פליהענדע קויל-שטויב וואלט ארויפגעווארפען געווען אויף דיזע אונגעהייערע פלאכע פעלד, באשיטענדיג דיא בוימער, אפשווארצענדיג דיא וועגען מיט דיא שטעגען, בארעקענדיג דיא גאנצע ערד.

עטיען האט זיך ארומגעקוקט, און מעהר פון אלץ האט איהם איבערראשט א קאנאל, וועלכען ער האט פריהער ביי-נאכט גאר נים בעמערקט. פון דיא ווארייי מינע ביז מארשיען האט זיך געצויגען א גלייכער לאנגער קאנאל, וויא א זילבערנע שטיינגע. א שיינער וועג, פון ביידע זייטען מיט צייכען גרויסע בוימער, איז געווען אויפגיהויבען איבער דיא נידעריגערע ערד, און איז אוועק ווייט ווייט אהן א סוף. לעבען דער מינע איז געווען א האפען, וואו שיפעלעך זיינען געווען צוגעטשעפעט, ווארטענדיג מען זאל זיי אנלאדעווען מיט קוילען פון דיא וואגאנעס. דאן האט דער קאנאל זיך א בייג געגעבען דורך דיא זומפען, — אלס א גרויסע וואסער-וועג פון קוילען און אייזען.

עטיען האט איבערגיטראגען זיינע אויגען פון דעם קאנאל צו דעם דערפעל, וועלכער איז געווען געבויט אויף דיא פלאכע פעלד און פון וועלכע ער האט בלויז געקענט זעהן רויטע דעכער. דיזע דעכער האבען זיך געצויגען אין רעגעלמעסיגע לאנגע גלייכע פאסען ביי דעם ברעג פון א'ן אויסגעבויגענקייט אין דיא וועג. דאן האבען זיי זיך אומגיקעהרט צו דיא ווארייי צו, אפשטעלענדיג זיך איבער דעם ליימיגען ארא-בארג ביי צוויי בערג פון ציגעל, וועלכע זיינען דא פאבריצירט געווען. א צווייג פון דיא קאמפאניעס אייזענבאהן איז גיגאנגען ווייטער אונטען. ביי דיא מינעס האט זיא זיך א בייג געטאן צו זיי צו. דיזע טהייל פון דעם אייזענבאהן איז, וויא עס האט אויסגעוויזען, נאך ניט געווען נעענדיגט.

דאס גאנצע בילד האט שוין אויף עטיען'ען ניט גימאכט דעם איינדרוק פון אונבעוואוסטקייט און אונדייטליכקייט, וועלכע עס האט אויף איהם גימאכט אין מיטען נאכט, ווען ער איז גישטאנען לעבען דיא פייערן און איז געווען ארומגערינגעלט מיט אונבעגרייפליכע גערוישע. דיא פייערן זיינען איצט בלאס געווען אין דיא שיין פון טאג. עטיען איז גיבליבען שטיין וויא א צונישמידטער. דיא דאמפף מאשין האט גיסאפעט מיט איהרע מעכטיגע לאנגע אטהעמס, און ער האט יעצט גיקענט זעהן דיא וואלקענס גראָע פארע, וועלכע זיא האט פון זיך געווארפען.

יעצט האט ער זיך שוין בעשלאסען וואס צו טאן. אפשר האט זיך איהם

געגלוסט ווייטער צו זעהן קאטרינ ס שווארצע אויגען; אפשר האט דיא מינע אליין איהם געצווינגען צו זיך; — ער האט אליין ניט געוואוסט. וויא דיא מאשה איז אבער — איהם האט זיך אזוי וויא געבייגט נאך דיא מינע, איהם האט זיך געוועלט אהין ארונטער גו געהן און צו ליידען צוזאמען מיט דיא אנדערע. מיט א ברענענדיגען צארן האט ער איצט געטראכט וועגען דיא קאמפאניע, וועגען דיא אלע פערזאנען, פון וועלכע דער שיינקער האט גירעט, — וועגען דעם פארבאר׳גענעם גאט, וועלכען צעהן טויזענד אויס־געהונגערטע מענשען האבען געגעבען זייערע לעבענס.

צווייטער טהייל.

דיא רעזידענץ פון דיא גרעגוארס, „דיא פיאלעין", האט זיך געפונען א דריי ווערסט פון מאנטסו, צו מזרח־צו, אויף דעם וועג פון זשואסער. דאס איז געווען א גרויסע פיערעקיגע הויז, געבויט אין אנפאנג פון לעצטען יאהרהונדערט אהן א בע־שטימטען סטיל. פון דיא פעלדער, וועלכע האבען זיא אמאל ארומגערינגעלט, זיינען געבליבען בלויז א דרייסיג העקטארס, ארומגערינגעלט מיט א געוועהנליכען פארקען. בעזאנדערס איז דער פלאץ בעקאנט געוועזען מיט זיינע אויבסיגע בעריהמטע פרוכט־בוימער און גארטען־גרינס, דיא בעסטע אין דער געגענד. עס זיינען אבער דארט אויך געוועזען גרויסע בוימער; און דיא רייהע פון אלטע לינדען, בילדענדיג א בלעטער־געוועלב אויף דריי הונדערט מעטער דיא לענג, איז געוועזען איינע פון דיא קוריאזיטעטען פון דיעזע פלאכע לאנד, וואו גרויסע בוימער זיינען געווען געצייהלטע, פון דיא שטאט מארשיען ביז דיא שטאט באני.

דיעזען פריהמארגען זיינען דיא גרעגוארס אויפגעשטאנען ארום אכט אוהר. געוועהנליך פלעגען זיי אויפשטיין מיט א שטונדע שפעטער, שלאפענדיג א סך מיט ליידענשאפט; אבער דער שטורם פון דער נאכט האט זיי צערודערט. און אין דער צייט, וואס איהר מאן איז גלייך אוועק זעהן, אויב דער ווינט האט עפעס ניט אנגימאכט שאדען, איז מאדאם גרעגואר אראפ אין קיך, אין פאנטאפלען און אין א ברייטע פלאנעלענע הויז־קלייד. קורץ, פעט, אלט אין ערך פון אכט און פופציג יאהר, האט זיא דאך גיהאט א שיינעם אויסזעהן אונטער איהרע שיינענד־ווייסע האר.

— מעלאניע, האט זיא געזאגט צו דיא קעכין, וואלט איהר אפשר געמאכט פאמפויקנס, אז דיא טייג איז שוין פערטיג? דיא פרייליין וועט ערשט אויפשטיין אין א האלבע שטונדע ארום, און זיא וועט עס עסען מיט איהר שאקאלאד.... אי, דאס וועט זיין א סורפרייז.

— אה, יא, דאס וועט איהר זיכער גוט איבערראשען.... מיין אויווען ברענט שוין, און ער מוז זיין הייס; און ווייטער וועט מיר האנארין העלפען.

האנארין, א מיידעל פון א יאהר צוואנציג, איין אנגענומענעם קינד און ערצויגען אין דער הויז, האט יעצט געדיענט אלס קאמערמיידעל. אויסער דיעזע צוויי פרויען, זיינען נאך דיא דיענער פון הויז בעשטאנען פון דעם קוטשער פראנסי, וועלכער האט געהאט צו טאן דיא גראבע און שווערע ארבייט, און דעם גערטנער מיט זיין פרוי, וועלכע האבען אויפגעפאסט אויף דעם סאד, דעם גארטען און דיא עופות. און אזוי וויא דאס דיענען איז געווען פאטריארכאליש, גוט־געמיטהליך, האבען זיא אלע געלעבט אין גוטע פריינדשאפט.

מאדאם גרעגואר, וועלכע האט נאך ניטראכט וועגען דעם פאמפושקעס־סורפריז לינענדיג אין בעט, איז פערבליבען, אום צו לייגען דיא טייג אין אויווען. דיא קיך איז געווען איין אונגעהייערע, און נאך דעם ארסענאל פון פאנען, סקאוואראדקעס, טעפ און אלערליי קיך־געשיר, וועלכע האבען זיא אנגעפילט, האט מען פערשטאנען, אז דאס איז דער וויכטיגסטער ארט פון הויז. עס האט גוט געשמעקט מיט גוטע שפייזע. עסענווארג איז געווען איבערפול אין דיא שקאפעס און אויף דיא טישען.

— און זיי וועלען זיין פיין בעצוקערט און מיט זשילע, ניט אמת? האט דיא מאדאם רעקאמענדירט, אוועקגייענדיג אין עס־זאל.

ניט אכטענדיג אויף דעם דאמפף־אויווען, וועלכער האט געווארעמט דיא גאנצע הויז, האט א פייער פון שטיין־קוילען מונטער געברענט אין דיזען זאל. קיין לוקסוס איז דארט ניט געווען, נאר א גרויסער טיש, שטולען און א בופעט פון אקאזשו־האלץ; און בלויז צוויי טיפע פאטעלען האבען אנגעדייטעט וועגען ליעבע צו קאמפארט און לאנגע שטונדען פון גליקליכע רוהע נאך׳ן עסען. אין סאלאן פיר דיא געסט איז מען קיין מאל ניט אריינגעגאנגען, דיא פאמיליע פלעגט שטענדיג פארברייגגען אין דיזען עס צימער.

גראדע איז אריינגעקומען הערר גרעגואר, אנגעטאן אין א דיקען פלושענעם זשאקעט, אויסזעהענדיג נאך זעהר גוט אין זיינע זעכציג יאהרען, מיט א גוטען גרויסען און עהרליכען פנים, מיט געקרייזעלטע שניי־ווייסע האאר. ער האט שוין געהאט געזעהען דעם קוטשער און דעם גערטנער, און זיי האבען איהם געמאלדען, אז קיין ערנסטער שאדען איז ניט געווען, נור א קוימען איז ארונטערגיפאלען. יעדען פריהמארגען האט ער ליעב געהאט ארומצוקוקען זיין „פיאלעין", וועלכע איז ניט געווען צו גרויס, אום איהם צו פערשאפען קאפ־ברעכענים און פון וועלכע ער האט גענאסען אלע פערגניגען פון א בעל־הבית.

— און סעסיל? האט ער געפרעגט, וויא? זיא שטייט דאס טאקע היינט נאר ניט אויף?

— איך פערשטעה עס ניט. האט זיין פרוי געענטפערט. מיר האט זיך אויסגערוכט, אז איך האב זיא געהערט בעוועגען זיך.

דער טיש איז געווען געגרייט פיר דריי, מען האט געשיקט האנארין זעהן, וואס טהוט דיא פרייליין; אבער זיא איז באלד געקומען, קוים איינהאלטענדיג איהר געלעכטער.

— אה, ווען איהר וואלט געזעהן דיא פרייליין!...... זיא שלאפט, אה! שלאפט זיא, אזוי וויא אן ענגעל...... מען קען זיך דאס גאר ניט פארשטעלען, עס איז א פערגניגען זיא צו בעטראכטען.

דער פאטער און דיא מוטער האבען זיך אנגעקוקט געריהרט. ער האט געזאגט שמייכלענדיג:

— ווילסטו געהן זעהן?

— דאס ארימע ליעבע קינד! האט זיא געמורמעלט. איך גיי.

און זיי זיינען צוזאמען ארויפגעגאנגען אין איהר טאכטערס צימער, וואס איז געווען דאס איינציגע לוקסוס־פלאץ אין הויז, בעצוויגען מיט בלויע זייד, אויסגעשטעלט מיט לאקירטע מעבעל, ווייסע מיט בלויע פאסקעס — א קאפריז פון א קינד, וואס דיא עלטערן גיבען נאך אלע זיינע ווינשען. אין דער פולער ווייסקייט פון בעט, אין דעם האלב־שיין, וועלכער האט זיך דורכגעשלאגען דורך דעם אבגערוקטען פארהאנג אין דיא יונגע מיידעל געשלאפען, איהר באק אנגעשפארט אויף איהר נאקעטע האנד. זיא איז ניט געווען שיין, עפעס צו געזונד, צו שטייף, א פאלקאם ענטוויקעלטע פרוי צו אכצעהן יאהר; אבער זיא האט געהאט א הערליכען קערפער, א הויט מילך

און בלוט. דעם צודעק האט זיך אראפגערוקט, און זיא האט געטהעמט אזוי פאמעלאך, אז איהר ענטוויקעלטע ברוסט האט זיך קוים געהויבען.

— דיזער פערפלוכטער ווינט האט איהר ביינאכט געשטערט צו צומאכען דיא אויגען, האט דא מוטער שטיל געזאגט.

דער פאטער האט איהר מיט א מאך פון האנד געהייסען שווייגען. ביידע האבען זיך איינגעבויגען, קוקענדיג מיט ענטציקונג, אין איהר נאקעטקייט פון א יונגפרוי, אוי דיזע מיידעל, וועלכע זיי האבען אזוי לאנג געוואונשען צו האבען, וועלכע זיי האבען געהאט שוין שפעט, ווען זיי האבען שוין מעהר דערויף ניט געהאפט. אין זייערע אויגען איז זיא געוועזען פאלקאמען, גאר ניט פעט, און קיין מאל ניט גענוג געשפייזט. און זיא איז אריין געשלאפען, ניט פיהלענדיג זיי לעבען זיך, גראדע מיט דיא געזיכטער צו איהרען. אבער מיט א מאל האט זיך בעוויזען עפעס א צוג, אזוי וויא א לייכטע וועלכע אויף איהר אונבעוועגליכען געזיכט, און ביידע האבען א ציטער געטאן, טאמער וועט זיא זיך אויפכאפען, און זיי האבען זיך אפגעטראגען אויף דיא שפיץ־פינגער.

— ש׳! האט הערר גרעגואר געזאגט, אריבערשטייגענדיג דיא שוועל. אויב זיא איז ניט געשלאפען, דארף מען זיא לאזען שלאפען.

— וויא פיעל זיא וועט וועלען, דיא טייבעלע, האט דיא מאדאם אונטערשטיצט. מיר וועלען ווארטען.

און זיי זיינען ארונטערגעגאנגען און האבען זיך אריינגעזעצט אין דיא פאטעלע פון עס־צימער, וועהרענד דיא קעכין מיט דיא קאמערמיידעל, לאכענדיג פון דעם שטארקען שלאף פון דער פריילין, האבען געהאלטען געדולדיג דעם שאקאלאד אויף דער פליטע. ער האט גענומען א צייטונג, און זיא האט געשטריקט א גרויסע וואלענע דעק. עס איז געוועזען זעהר הייס, און קיין גערויש האט זיך ניט געהערט פון דער שטומער הויז.

דער פערמעגען פון דיא גרעגוארס, אונגעפעהר פערציג טויזענד פראנק א יאהר איינקונפט, איז אין גאנצען בעשטאנען אין איין אקציע פון דיא יאנטסורמינען. מיט גרויס צופרידענהייט פלעגען זיי דערציילען איהר אורשפרונג, וועלכער האט זיך אנגעפאנגען מיט דיא ענטשטייאונג פון דער קאמפאניע.

ארום דעם אנפאנג פון פאריגען יאהרהונדערט האט זיך אין דער געגענד פון ליל ביז וואלאנסיען, אנגעפאנגען א ווילדע קאכעריי אין זוכען קוילען־מינען. דער ערפאלג פון דיא יעניגע, וועלכע האבען זיך שפעטער פערבונדען אין דער קאמפאניע פון אנזען, האט אלעמען פערדרייט דיא קעפ, אין יעדען דערפיל האט מען געלעכערט דיא ערד, און מינען געזעלשאפטען האבען זיך געבילדעט, און קאנצעסיעס זיינען אויפגעוואקסען אין איין נאכט. נאר צווישען דיא הייסעסטע און איינגעשפארטעסטע זוכער פון יענער צייט האט דער באראן דערומא געוויס געלאזען א געדעכעניס פון שכל און העלדענמוטה. אין פערלויף פון פערציג יאהר האט ער זיך ארומגעשלאגען אהן אויפהער און אהן מיד צו ווערען, צווישען שטענדיגע שטערונגען: ערשטע נוצלאזע אונטערזוכונגען, נייע גריבער, וואס מען האט געמוזט פערלאזען נאך לאנגע מאנאטען ארבייט, איינפאלונגען וואס האבען פערשאטען אלע לעבער און גאלעריעס, פלעצליכע פערפלייצונגען, וועלכע האבען דערטרונקען דיא ארבייטער, הונדערטע טויזענדע פראנק אריינגעווארפען אין דער ערד אריין; און דערצו נאך, דיא צאנקערייען מיט דיא אדמיניסטראציאן, דיא אונגעלומפערטע שרעק פון דיא אקציאנערן, דער קאמפף מיט דיא אדעליגע גוטס בעזיצער, וועלכע זיינען געוועזען ענטשלאסען ניט אנצוערקענען דיא קעניגליכע קאנצעסיעס, אויב מען האט זיך אבגעזאגט פריהער צו פערהאנדלען מיט זיי. ענדליך איז איהם געלונגען צו גרינדען דיא דערומא־קאמפאניע צו גראבען קוילען אין מאנטסו; און דיזע מינען האבען שוין אנגעהויבע

צו געבען א שוואכען פערדיענסט, ווען צוויי קאמפאניעס אין דער נאכבארשאפט, דיא קאמפאניעס פון קוני און פון זשואסעל, האבען איהם שיער ניט געבראכען מיט דעם שרעקליכען אנגריף פון זייער קאנקורענץ. אבער אין 1760 האבען זיך אלע דריי קאמפאניעס פערבונדען אין איינע, און דיא קאמפאניע פון מאנטסו האט זיך דאן געבילדעט אזוי וויא זיא עקזיסטירט יעצט.

און דאס אייגענטהום האט מען פערטהיילט נאך דיא רעכנונגען פון יענער צייט אין צוויי הונדערט אכט און אכציג אקציעס, פון וועלכע יעדע, וועלכע האט געהייסען דעניע, האט בעטראפען צעהן טויזענד פראנק.

דער בארא, איז דאן געוועזן דער אייגענטהימער פון דיא פיאלען מיט דיא דריי הונדערט העקטאר לאנד ארום און אין זיין דיענסט האט ער געהאט אלס א קלערק איינעם האנארע גרעגואר, א יונגער מאן פון דער פראווינץ פיקארדי, דער עלטער־זיידע פון לעאן גרעגואר, דער פאטער פון סעסיל. בשעת דיא דריי קוילען קאמפאניעס האבען זיך פעראייניגט, האט האנארע, וועלכער האט געהאלטען בעהאלטען אין א זאק דיא פופציג טויזענד פראנק, וואס ער האט אפגעשפארט אין זיין דיענסט, ציטערנדיג נאכגענעבען דעם אונצושטערבארען גלויבען פון זיין בעל־הבית אין דיא מינען. ער האט ארויסגעשלעפט צעהן טויזענד פראנק און געקויפט איין דעניע, אלץ אין שרעק צו בערויבען זיינע קינדער אויף דיזע סומע.

זיין זוהן האט טאקע געצויגען א זעהר קליינעם פראפיט פון דיא אקציע, און אזוי וויא ער האט אנגעפאנגען צו לעבען אויף דעם פוס פון א בורזשוא און האט געהאט דיא דומהייט אויפצועסען זיינע פערציג טויזענד פראנק, האט ער טאקע געלעבט זעהר קלעגליך. אבער דיא פראצענטען פון דער אקציע זיינען ביסלעכוויז געשטיגען, און דער גליק האט זיך אנגעפאנגען מיט מאנארע'ס אייניקעל, וועלכער האט געקענט אויספיהרען דעם טרוים, מיט וועלכען זיין זיידע האט איהם אויפגעמונטערט נאך אלס קינד, נעמליך צו קויפען פיאלעין, וועלכע איז אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן פערקויפט געווארען אלס נאציאנאל־אייגענטהים שפאט־ביליג. אבער דיא נאכפאלגענדע יאהרען זיינען געוועזן שלעכטע, און מען האט בעדארפט איבערווארטען דיא רעוואלוציאנערע צוזאמענשטויסען און דעם פאל פון נאפאלעאן באנאפארטע. און ערשט לעאן גרעגואר, דער יעצטיגער אייגענטהימער פון פיאלעין, האט פראפיטירט מערקווירדיג שנעל פון זיין עלטער־זיידע'ס שרעקעדיגע ספעקולאציע. דיא ארימע צעהן טויזענד פראנק זיינען געוואקסען, אויפגעשוואלען צוזאמען מיט דעם ערפאלג פון דער קאמפאניע. אין 1820 האבען זיי געבראכט הונדערט פראצענט, צעהען טויזענד פראנק פערדיענסט; אין 1844 — צוואנציג טויזענד; אין 1850 — פערציג טויזענד. און מיט צוויי יאהר שפעטער האבען זיי שוין געטראגען גאנצע פופציג טויזענד פראנק. דער ווערטה פון דעם דעניע איז שוין געשאצט געווארען אויף דער בערזע ביז א מיליאן פראנק, און איז אלזא הונדערט מאל גרעסער געווארען אין איין יאהרהונדערט.

ווען מען האט גרעגואר'ן פארגעשלאגען צו פערקויפען זיין אקציע בשעת איהר פרייז איז געוועזן א מיליאן פראנק, האט ער זיך דערפון אפגעזאגט מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל. אין זעקס מאנאט ארום איז געוועזן איין אינדוסטריעלער קריזיס, און דיא אקציע איז געפאלען ביז זעקס הונדערט טויזענד פראנק; אבער ער האט אלץ געשמייכעלט, ער האט גאר ניט חרטה געהאט, דען דיא גרעגוארס האבען יעצט געהאט איין אונבעגרענצטען גלויבען אין זייער מינע. זיין אקציע וועט שוין שטייגע — גאט אליין איז ניט געוועזן אזוי זיכער ביי זיי. צו דיזען רעליגיעזען גלויבען האט זיך נאך צוגעמישט א טיפע דאנקבארקייט צו א פאפירעל, וועלכע האט שוין זי יאהרהונדערט געשפייזט א פאמיליע, אז זיא זאל אפילו גיט דארפען לייגען א פ

אין קאַטע וואסער. דאָס איז עפּעס געווען פאַר זיי ווי א געצקע, וואָס זייער ענאָ־איזמוס האָט ארומגערינגעלט מיט פערעהרונג; דאָס איז געווען די בעשיצערין פון הויז, איינוויגענדיג זיי אין זייערע גרויסע בעט פון ווייטאָג און פוילקייט, פעט מאַכענדיג זיי ביי זייער טיש מיט געשמאקע שפּייזען.

אזוי איז עס געגאַנגען פון פאָטער צום זוהן: וואָרום זאָל מען ריזיקירען אונצופרידען צו שטעלען דעם שיקזאל, צווייפלענדיג אין איהם? און אויף דעם גרונד פון דיזער טרייהייט איז געלעגען איין אבערגלויבישער שרעק, די פורכט, אז דער מיליאָן פון דער אקציע זאָל פּלוצלינג ניט צושמאָלצען ווערן, ווען זיי וועלען איהם אוועקלייגען אין א קאַסטען. פאַר זיי איז דער מיליאָן געווען מעהר בעשיצט אין דער ערד, פון וואַנען קוילענגרעבער, דורות פון הונגערנדע און שמאַכטענדע, האָבען גיגראָבען פאַר זיי צו ביסעלעך יעדען טאָג.

דאָס גליק האָט איבערהויפּט ניט פערלאָזען דיזע הויז. נאָך יונגערהייד האָט גרעגואַר חתונה געהאַט מיט די טאָכטער פון איין אפּטייקער פון מאַרשיען, א מיאוסע מיידעל, אָהן א גראָשען, וועלכע ער האָט פערגעטערט און וועלכע האָט איהם געמאַכט זיס און גליקזעליג זיין לעבען. זי האָט זיך איינגעשלאָסען אין איהר הויזווירטהשאַפט, ענטציקט פון איהר מאַן, ניט האָבענדיג קיין אנדער ווילען אויסער זיינעם. קיין מאָל האָבען זיי זיך ניט אונטערשיידעט אין זייערע געשמאַקען; איין אידעאַל פון וואָהלהאַבען האָט צוזאַמענגעשמאָלצען זייערע ווינשען; און אזוי האָבען זיי געלעבט זייט פערציג יאָהר. עס איז געווען א רעגולירטע עקזיסטענץ; די 40 טויזענד פראַנק אויפגעגעסען אָהן שום רעש; די עקאָנאָמיעס אויסגעגעבען פאַר זייער טאָכטער, וואָס איהר שפּעטיגער געבורט האָט א קורצע צייט צושטערט זייערע ווירטהשאַפטליכע רעכנונגען.

און יעצט נאָך האָבען זיי נאָכגעגעבען יעדען איהרען קאַפּריז: א צווייטען רייט־פערד, נאָך צוויי קאַרעטען, טואַלעטען, דירעקט פון פּאַריז. דאָס איז נאָר פאַר זיי נאָך א פרייד.

פּלוצלונג האָט זיך די טיר פון עסס־זאַאַל גיעפענט און א שטאַרקע שטימע האָט אויסגערופען:

— וויא! מי פריהשטיקט גאָר אָהן מיר?

דאָס איז געווען סעסיל, אָקערשט ארויסגעשפּרונגען פון בעט, מיט אויגען אָנגעשוואָלען פון שלאָף. זי האָט בלויז צוזאַמענגעדרייט איהרע האָר און ארויפגעכאַפּט אויף זיך א הויזקלייד פון ווייסע וואָל.

— ניין, ניין! האָט די מוטער גיענטפערט. דו זעהסט דאָך, אז מי וואַרט אויף דיר.... האַ, דער ווינט האָט דיר ניט געלאָזען שלאָפען, מיין אָרימע פייגעלע!

די פריילין האָט ערשטווינט אָנגעקוקט די מוטער.

— וויא, עס האָט געשטורעמט? איך ווייס גאָר ניט דערפון, איך בין געשלאָפען וויא א געהרגעטע די גאַנצע נאַכט.

דאָס האָט זיי אלעמען געשיינט זעהר קאָמיש, און אלע דריי האָבען אָנגיפאַנגען צו לאַכען; און די דיענסטען, וועלכע האָבען דערווייל אריינגעטראָגען דעם פריהשטיק, האָבען אויך אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער — אזוי האָט זיי לוסטיג געמאַכט דער פאַל, אז די פריילין איז זיך אין איין אָטהעם אָפּגעשלאָפען צוועלף שטונדען נאָכאַנאַנד. די ערשיינונג פון די פּאַמפּושקעס אויפ'ן טיש האָט נאָך מעהר צופרידענהייט צוגאָסען איבער די געזיכטען פון די גרעגוארס.

— וויא! פּאַמפּושקעס גאָר! האָט סעסיל עטליכע מאָל אויסגערופען. דאָס איז טאַקע א סורפּריז!.... אָה, דאָס וועט זיין זעהר גוט מיט שאָקאָלאַד.

מען האָט זיך ענדליך געזעצט צום טיש מיט די וואַרעמע פּאַמפּושקעס און

הייסען שאָקאָלאַד, און אַ לאַנגע צייט האָט מען נאָר גערעדט וועגען דעם פּאַמפּושקעס־סורפּריז. מעלאַניע און האָנאָרין זיינען געשטאַנען דערביי געבענדיג ערקלערונגען וויא דיא פּאַמפּושקעס זיינען געמאַכט און געבאַקען געוואָרען; זיי האָבען געקוקט, וויא זייערע בעלי־הבתים שטאָפּען זיך, דיא ליפּען פעט, און האָבען ערקלערט, אַז עס איז אַ פערגניגען צו באַקען זעמעל, ווען מי זעהט, אַז דיא בעלי־הבתים עסען עס אַזוי גערן.

דאָ האָט זיך געלאָזט הערען אַ שטאַרקער בילען פון הינט, און מי האָט עס אָנגענומען פאַר אַ צייכען, אַז דאָס איז דיא פּיאַנאָ־לעהרערין, וועלכע פלעגט קומען פון מאַרשיען יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאַג געבען דער פריילין אונטערריכט אין מוזיק. עס פלעגט אויך קומען אַ פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור, דען איהר גאַנצע בילדונג האָט סעסיל בעקומען צו הויזע, אין אַ גליקליכע אונוויסענהייט פון דער וועלט, וויא אַ קאַפּריזנע קינד, אַרויסוואַרפענדיג דעם בוך דורכ׳ן פענסטער, ווען נאָר עס איז איהר עפּעס לאַנגווייליג געוואָרען צו לערנען.

— דאָס איז הערר דענווילען, האָט האָנאָרין געמעלדעט, אַריינקומענדיג אין זאַאַל.

און נאָך איהר איז אַהין צערעמאָניעס אַריין דענווילען, גרעגואַר׳ס אַ קאָזין, מונטער און געזונד, מיט דעם אויסזעהען פון אַ געוועזענעם קאַוואַלעריע־אָפיציער. אָבגלייך ער איז שוין געווען איבער פופציג יאָהר, זיינען זיינע קורץ געשניטענע האָאָר און זיינע גרויסע וואָנצעס געווען שוואַרץ וויא פּעך.

— יאָ, דאָס בין איך, גוט מאָרגען! שטערט אייך ניט, האָט ער אויך אויסגערעדט מיט אַ געזונטע שטימע.

— האָסטו עפּעס וואָס מיטצוטהיילען? האָט איהם גרעגואַר געפרעגט, אַז דיא פאַמיליע האָט זיך ווידער געזעצט און גענומען צום שאָקאָלאַד מיט דיא פּאַמפּושקעס.

— ניין, גאָר ניט, האָט זיך דער גאַסט געאיילט צו ענטפערן. איך בין נאָר אַרויסגעפאָהרען רייטענדיג, זום זיך אַ ביסעל צו צערשטרייען, און אַזוי וויא איך בין פאַרביי געריטען לעבען אייער טיהר, האָב איך אייך געוואָלט געבען אַ פרישען גוט־מאָרגען.

סעסיל האָט זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט וועגען זשאַנע און לוסי, זיינע טעכטער. זיי האָבען זיך בעפינדען אויסגעצייכענט, האָט ער ערקלערט, דיא ערשטע האָט געהאַלטען אין איין מאָלען, און דיא אַנדערע, דיא עלטערע, האָט זיך געלערנט זינגען ביים פּיאַנאָ פון אין מאָרגענס ביז אָבענדס. אין זיין שטימע איז דאָך געווען עפּעס אַ לייכטער טרייסעל, עפּעס אַ צרה, וואָס ער האָט געזוכט צו בעהאַלטען אונטער אַ שיינענדע פרייליכקייט.

— און אַלעס געהט גוט אין דער מינע? האָט גרעגואַר אַ פרעג געטאָן.

— באַ! איך בין אַ גאַנצען צורודערט, אַזוי וויא מיינע קאָלעגען, פון דיעזען פערפלוכטען קריזיס... אַה, מיר צאָהלען יעצט פאַר דיא גוטע יאָהרען! מען האָט אויפגעבויט צופיעל אייזענבאַהנען, מען האָט געמאַכט צופיעל אַרבייטס־פּלעטצער, מען האָט צו פיעל קאַפּיטאַל אַריינגעלייגט, רעכענענדיג אויף אַ גוואַלדיגע פּראָדוקציאָן. און יעצט שלאָפט דאָס געלד, מען געפינט שוין מעהר ניט צו לאָזען אַלעס אין גאַנג.... צום גליק אָבער, איז עס נאָך ניט אַזוי פערצווייפעלט שלעכט. איך וועל זיך נאָך אַרויסדרייהען.

אַזוי וויא גרעגואַר, האָט ער אויך געהאַט בירושה איין אַקציע פון דיא מאָנטסורמינען. אָבער ער, זייענדיג איין אונטערנעהמענדער אינזשעניער און פלאַנענדיג זיך מיט אַ וואונש צו האָבען אַ קעניגליכען פערמעגען, האָט ער זיך געאיילט צו פערקויפען זיין אַקציע, ווען איהר פּרייז איז געשטיגען ביז אַ מיליאָן פראַנק. זייט מאָנאַטען האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט אַ פּלאַן. זיין ווייב האָט בעקומען פון איהרען אָנקעל דיא קליינע קאָנצעסיע פון וואַנדאָם, וואו עס זיינען געווען אָפען צוויי קוילען־מינען, זשאַן־

בארט און גאסטא=מאריי. אָבער אין אזא נאכלעסיגע; צושטאנד, מיט אזא פעראלטע־טען מאטעריאל, אז דיא קוילען האָבען קוים געדענקט דיא אויסגאבען. נון, ער האָט גענטרוימט צו פעריכטען דיא מינע זשאן=באַרט, אריינצופיהרען נייע מאשיינען און בריי־טער צו מאַכען דיא גרוב, אז מען זאָל ווייטער קענען ארונטערקומען. דאָרטען, האָט ער גיזאָגט, האָט מען גימוזט שעפּען גאָלד. דער פּלאן איז גיוועזן א ריכטיגער; נאָר זיין מיליאָן איז שוין גיוועזן איינגעשלונגען דאָרט, און גראָדע איז אָנגעקומען איין איגדוס־טריעלער קריזיס אין דעם מאָמענט, ווען גרויסע פערדיענסטען וואָלטען בעוויזען, אז ער האָט רעכט. אויסערדעם, זייענדיג א שלעכטער פערוואלטער און אי גוט אי גראָב צו זיינע ארבייטער, האָט ער זיך געלאָזען בערויבען זייט דעם טויט פון זיין פרוי, גיבענ־דיג אויך פולע פרייהייט צו זיינע טעכטער, פון וועלכע דיא עלטערע האָט גערעדט וועגען אריינטרעטען אין א טהעאטער און דיא אינגערע האָט שוין אויפגעמאָלט דריי בילדער, וואָס זיינען ניט אָנגענומען געוואָרען אין דעם פּאריזער סאלאָן פיר בילדער.

— זעהסטו, לעאָן, האָט ער מיט א האלבע מויל געזאָגט, דו האָסט גימאכט א פעהלער, וואָס דו האָסט ניט פערקויפט אין דער זעלבער צייט וויא איך. יעצט פאלט אלעס, און דו קענסט נאָך...... אָבער ווען דו וואָלסט מיר אנפערטרויט דיין געלט, וואָלסטו געזעהען, וואָס מיר וואָלטען אויפגעטאָן אין וואנדאם, אין אונזער מינע.

גרעגואר האָט זיך געלאסען געענדיגט זיין שאָקאָלאד און האָט רוהיג געענטפערט:

— ניעמאלס!.... דו ווייסט גוט, אז איך וויל ניט כפּעקולירען. איך לעב רוהיג. עס וואָלט געווען זעהר דום צו ברעכען זיך דעם קאָפּף מיט זאָרגען וועגען געשעפטען. און וואָס אָנבעלאַנגט צו מאָנטסו, מעג עס נאָך פאלען, מיר וועלען דאָך גענוג האָבען פיר אונזער היונה. מען דארף ניט זיין אזוי זעדנע, צום טייוועל! און ווייטער, הער מיך אויס, דו וועסט זיך א מאָל בייסען דיא פינגער, דען מאָנטסו וועט שטייגען, און דיא קינדער פון סעסיל'ס קינדער וועלען נאָך פון דאָרטען ציהען זייער וויס ברויט.

דענווילען האָט איהם אויסגעהערט מיט א געמאטערטען שמייכעל.

— אויב אזוי, האָט ער מיט א מאָל א זאָג געטאָן, אז איך וועל דיר פאָרשלאָגען אריינצולייגען א הונדערט טויזענד פראַנק אין מיין אונטערנעהמונג, וועסטו זיך אָפּזאָגען?

אָבער, ווארפענדיג א בליק אויף דיא בעאונרוהיגטע געזיכטער פון דיא גרעגוארס' האָט ער בעדויערט, וואָס ער האָט זיך אזוי געאיילט, און ער האָט אָבגעלייגט זיין אב־זיכט צו לייהען געלט אויף שפּעטער. דאָס האָט ער געלאָזען אויף א פערצווייפלונגס־פאל.

— אָה, איך האלט נאָך ניט דערביי! דאָס איז נאָר א שפּאס.... מיין גאָט! פיליכט האָסטו רעכט: דאָס געלט וואָס אנדערע פערדיענען פאר אייך איז אזעלכעס, וואָס מאַכט אם זיכערסטען פעט.

מען האָט אומגעביטען דעם גיזשפּרעך. סעסיל האָט זיך ווידער געווענדעט מיט פראגען וועגען איהרע קוזינען, וואָס זייער בענעהמען זיך האָט איהר אינטערעסירט, ארויסרופענדיג צוגלייך איהר אונצופרידענהייט. מאדאם גרעגואר האָט פערשפּראָכען צו בעזוכען מיט איהר טאָכטער דיא קוזינען, ווען עס וועט נאָר זיין א זאָנענטאָג. אָבער גרעגואר, וועלכער האָט זיך פערטראַכט און זיך ניט צוגעהערט צו דיא רייד, האָט אויסגערעט:

— איך, ווען איך וואָלט געווען אויף דיין פּלאַץ, וואָלט איך מיך מעהר ניט איינ־געשפּארט און וואָלט זיך צוזאמענגעבונדען מיט דיא מאָנטסו קאָמפּאניע...... זיי ווילען דאָס זעהר, און דו וועסט צוריק קריגען דיין געלט.

ער האָט דאָ אָנגעדייטעט אויף דיא אלטע שנאה, וועלכע האָט עקזיסטירט צווי־שען דיא אייגענטהימער פון וואנדאם און פון מאָנטסו. טראָץ דיא קנאפּע וויכטיג־קייט פון דיא וואנדאם=קאָמפּאניע, האָט דאָך איהר מעכטיגע שכנה ניט געקענט פערטראָגען, דאָס דיזער קליינער אָרט, איינגעקלאמערט אין איהרע זיבען און זעכציג

דערפלעך, געהערט ניט צו איהר; און נאכדעם ווי זיא האט אומזיסט געזוכט צו טויטען דעם קליינעם קאנקורענט, האט זיא געמאכט א פערשווערונג צו קויפען איהם פאר א קליינעם פרייז, ווען ער וועט האלטען שמאל. דיא מלחמה איז דערווייל אנ־געגאנגען אהן אויפהער; עס איז געווען א דועל ביז טויט, אבגלייך דיא דירעקטארס און דיא אינזשעניערען פון ביידע קאמפאניעס האבען צווישען זיך פערקעהרט העפליך.

דענוילען'ס אויגען האבען אנגעפאנגען צו פלאמען.

— נימאלס! האט ער פון זייט אויסגעשריען. זא לאנג איך וועל לעבען, וועט מאנטסו ניט האבען וואנדאם...... איך בין נעכטען געווען צו מיטאג ביי הענעבא און איך האב גוט געזעהען, וויא ער שארט זיך ארום מיר. שוין לעצטען הערבסט, ווען דיא גרויסע מאכערס פון אייער קאמפאניע זיינען געקומען, האבען זיי מיר גע־ווארפען ליעבע־אויגעלעך...... יא, יא, איך קען זיי, דיעזע מארקיזען און הערצאגען, דיעזע גענעראלען און מיניסטערס! דאס זיינען רויבער, וואס וועלען ביי אייך צונעהמען ביז דיא לעצטע העמד.

ווע דענוילען פלעגט אנהייבען צו ריידען וועגען דיא הויפט מאכערס פון דיא מאנטסו קאמפאניע, פלעגט ער שוין גיט אזוי לייכט אויפהערען. גרעגואר האט ניט פערטהיידיגט דיא פערוואלטונג פון דער קאמפאניע, דיא זעקס אדמיניסטראטארס נאך דעם טשארטער אדער טראקטאט פון 1760, וועלכע האבען דעספאטיש בעהערשט דיא קאמפאניע און פון וועלכע פינף פלעגען אויסקלייבען א זעקסטען, ווען איינער פלעגט שטארבען, צווישען דיא רייכסטע און מעכטיגסטע אקציאנערען. דיא מיינונג פון דעם בעל הבית פון פיאלעין, וועלכער איז זיך געווען א געמיטהליכער מענש, איז געווען, אז דיעזע הערן האבען מאנכעסמאל איבערגעטראפען דיא מאס אין זייער צו גרויסע ליעבע צו געלט.

מען האט דערווייל געענדיגט עסען, און מעלאניע האט שוין אנגעפאנגען אפ־צורמען דעם טיש. דרויסען האבען דיא הינט וויעדער אנגעפאנגען צו בילען, און האנרין איז שוין אוועק צו דיא טהיר צו, ווען סעסיל, וועמען דיא היץ פון צימער האט געשטיקט, האט זיך אויפגעהויבען און האט געזאגט צו איהר:

— לאז מיר, עס מוז זיין מיין מוזיק־לעהרערין.

דענוילען האט זיך אויפגעהויבען און, קוקענדיג וויא דיא פרייליין איז ארויס, האט ער שמייכלענדיג געפרעגט:

— נו, און וואס איז געוועזען דיא חתונה מיט דעם קליינעם נעגרעל?

— עס איז נאך דערווייל גאר ניט, האט מאדאם גרעגואר געענטפערט. א זאך אין דער לופטען.... מען מוז זיך נאך איבערלייגען.

— אהנע צווייפעל, האט דער געוועזענער קאוואלעריע־אפיציער אויסגעשריען מיט א פרייליכע געלעכטער, איך דיינק, אז דיא טאנטע און דער פלעמעניק...... וואס עס צוטומעלט מיך, איז געמליך, אז מאדאם הענעבא ווארפט זיך אויף נעג־ריל'ס האלז....

אבער דא איז גרעגואר אויפגעבראכט געווארען. צו זאגען אזעלכע זאכען וועגען אזא אנגעזעהענע דאמע, וועלכע איז מיט פירצעהן יאהר עלטער וויא דער יונגער מאן! דאס איז געווען אונערהערט, און ער האט ניט ליעב געהאט, אז מען זאל שפאס מאכען וועגען אזעלכע זאכען. דענוילען, אלץ לאכענדיג, האט איהם געדריקט דיא האנד און האט זיך געזעגענט.

— נאך אלץ ניט דיא לעהרערין, האט געמעלדעט סעסיל אריינקומענדיג. דאס איז גאר דיעזע פרוי מיט איהרע צוויי קינדער, דו ווייסט דאך, מאמע, דעם קוילען־גרעבערס פרוי, וועלכע מיר האבען בעגעגענט...... זאל מען איהר אריינלאזען אהער?

דיא גרעגוארס האבען זיך געשפאגען מיט דער דעה. זיינען זיי געווען זעהר

שמוציג? נײן, ניט זעהר, און זײ וועלען לאזען זײערע הילצערנע שיך בײ׳ן ארײנגאנג. דער הערר און דיא מאדאם האבע זיך אינסטאלירט און אויסגעצויגען אין זײערע גרויסע פאטעלען, אום דיא שפײז צו פערדײיהען. דיא פורכט אומצובײטען דיא לופט האט געווירקט, אז זײ זאלען זאגען:

— לאזט ארײנקומען האנארין.

און דאן זײנען ארײנגעקומען מאהיד און איהרע צווײ קלײנע קינדער, דערפראָרענע, אויסגעהונגערטע, קוקענדיג צומישט און דערשראָקען אין דיזער זאלע, וואו עס איז געווען אזוי ווארעם און וועלכע האט נאך אזוי אפעטיטנע געשמעקט מיט פאמפושקעס.

II.

אין דעם פערמאכטען צימער האבען דיא לאדען מיט שפאלטען ביסלעכווײז דורכגעלאזען דיא גרויע שײן פון פארטאג, וועלכע האט זיך פערשפרײט אויף דער סטעליע; אבער אין דער שטיקענדער לופט פון צימער האבען אללע געשמאק געשלאפען: לעאנארע און הענרי ארומגענומען מיט דיא הענטלאך, אלזיר דעם קאפ צוריקגעווארפען, אנגעשפארט אויף איהר הויקער, וועהרענד דער אלטער באנמאר, וועלכער האט אליין פערנומען דיא בעט פון זאשאריע און זשאנלע, האט געבראפעט, דיא מויל אפען. קײן אטהעם האט זיך ניט געהערט פון דעם צימער, וואו מאהיד איז אײנגעשלאפען לאזענדיג זויגען איהר מיידעלע עסטעל.

אונטען האט דער זײגער געשלאגען זעקס. דרויסען האט זיך געלאזט הערען דער גערויש פון געעפענטע טירען, נאכהער דיא קלאפערײ פון הילצערנע שיך אויף דיא טראטוארען. דאס זײנע געווען דיא זיפערינע, וועלכע זײנען געגאנגען צו דער מינע. און עס איז ווידער געווארען שטיל ביז זיעבען אוהר. דאן האבען זיך דיא לאדען אויפגעעפענט, דיא געגעצען און הוסטען האבען זיך געלאזט הערען דורך דיא ווענט. א צייט האט א מאשינקע צוקאכען קאפע און געגרילצט אהנע ווענען עס איז אויסצואוועקען אין צימער. אבער פלוצלונג האט א געהילך פון פעטש און געשרײען אין דער ווייטענס, אויפגעוועקט אלזיר. זיא האט גײך פערשטאנען וויא עפעס עס איז און איז א בארפוסע אראפ אויסצוועקען איהר מוטער.

— מאמע! מאמע! עס איז שוין שפעט, און דו האסט נאך וויט צו געהן.... זײ פארזיכטיג! דו וועסט נאך דערשטיקען עסטעלן.

און זיא האט גענומען דאס קינד, וועלכע האט זיך געשטיקט אונטער דיא גרויסע בריסט פון איהר מוטער.

— ביטערע יאהרען! האט מאהיי געשטאמעלט, רײבענדיג זיך דיא אויגען. מען איז אזוי אויסגעמאטערט, אז מען וואלט געשלאפען דעם גאנצען טאג, טהו אן הענרי און לעאנארע, איך נעהם זײ מיט; און דו וועסט אויפפאסען אויף עסטעל. איך וויל איהר ניט מיטשלעפען, זיא וועט זיך נאך פערקיהלען אין דיזען הינטישען וועטער.

זיא האט זיך אײלענדיג אבגעוואשען, האט ארויפגעצויגען אויף זיך א בלויע קלײד, איהר רײנסטע, און א דזשעקעט פון גרויע וואל, איף וועלכען זיא האט נעכטען ארויפגעלײגט צווײ לאטעס.

— און וואס איז מיט דער סוף, ביטערע יאהרען! האט זיא א בורטשע געטאן.

און וועהרענד דיא מוטער איז ארונטערגעגאנגען אין קיך, איז אלזיר ארײן אין צימער מיט עסטעל׳ען, וועלכע האט אנגעפאנגען צו שרײען נאר אויף א הויכען קול, אבער אלזיר איז שוין צוגעוואהנט געווען צו דיא גוואלדען פון דיא קלײנע; זיא האט שוין געהאט, צו אכט יאהר, דיא צערטליכע אנוועגדונגען פון א מוטער, אום איהר צו שטילען און צו צערשטרײען. פאוואלינקע האט זיא דיא עופה׳לע ארײנגעלײגט אין דער נאך ווארעמער בעט און האט איהר אײנגעשלעפערט, געבענדיג איהר צו זויגען א

פינגער. און דאָס איז געווען גראָדע אין דער ריכטיגער צייט, דען אין אנדער נעיאָמער האָט זיך אָנגעפאַנגען; און זיא האָט באלד געמוזט זיך אריינמישען צו מאכען שלום צווישען לעאָנאָרע און האָנאָרין, וועלכע האָבען זיך עבען אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דיזע קינדער האָבען זיך ניט געקענט פערטראָגען געמיטהליך, האָבען זיך נאָר אומאָרמט אין שלאָף. דיא מיידעל, אַלט זעקס יאָהר, האָט, גלייך וויא זיא איז אויפגעשטאַנען, אָנגעפאַנגען צו שלאָגען דעם אינגעלע, וואָס איז געווען אינגער פאר איהר מיט צוויי יאָהר און וואָס האָט איהר ניט געקענט דערלאַנגען צוריק. ביידע האָבען געהאַט צו גרויסע קעפּ, עפּעס אזוי וויא אנגעבלאָזען, מיט צופּאַטעלטע געלע האָר. אלזיר האָט געמוזט ארויסשלעפּען דיא מיידעלע פאר דיא פיס, סטראַשענדיג איהר צו שמייסען, אום איהר איינצושטילען. נאָכדעם האָט זיך אנגעפאַנגען דיא טופּענעס מיט דיא פיס ביים וואַשען און ביים אָנטאָן. דיא לאָדענס האָט מען ניט געעפענט, אום ניט צו שטערען דעם שלאָף פון דעם אַלטען באָנמאָר, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו כראָפּען ביי דיזע גוואַלדען פון דיא קינדער.

— עס איז שוין פערטיג! זייט איהר שוין אויף פערטיג דאָרט אויבען? האָט מאַהיד אויסגעשריען.

זיא האָט שוין געהאַט פאַנאַנדערגעעפענט דיא לאָדענס, אויסגעפּאַרקעט דעם פייער, צוגעלייגט קוילען. א האָפנונג איז געווען, אַז באָנמאָר האָט ניט ארונטערגעשלונגען דיא גאַנצע סופּ; אָבער זיא האָט געפונען דיא שיסעל אויסגעלעקט. זיא האָט דאַן אָפּגעקאָכט א ביסעל מאַקאַראָני, וועלכע זיא האָט געהאַלטען אין זאַפּאַס זייט דריי טעג. מען וועט עס אראָפּשלינגען מיט וואַסער אָהן פּוטער. פון נעכטען האָט נאָר ניט געקענט בלייבען, און זיא איז געווען ערשטוינט, ווען זיא האָט געפונען, אַז קאַטערינע האָט, מאַכענדיג זיך עפּעס צום עסען, בעוויזען א וואונדער צו לאָזען א שטיקעלע פּוטער גרויס וויא א נוס. דערפאַר אָבער איז דיזען מאָל געווען פּוסט אויף דיא פּאָליצעס: טאַקע לחלוטין גאָר ניט, אפילו ניט א ברעקעל ברויט, אפילו ניט א ביינדעל צו גריזען. וואָס וועלען זיי יעצט טאָן, ווען מעגרא וועט זיך איינשפּאַרען, זיי מעהר קיין קרעדיט צו געבען און ווען דיא בורזשואַ פון פּיאָלען וועלען איהר ניט געבען א פינף־פראַנק שטיק? אַז דיא מענער און דיא מיידעל וועלען קומען פון דער ארבייט, דארפען זיי דאָך עפּעס עסען; דען מען האָט אונגליקליכער ווייזע נאָך ניט אויסגעטראַכט צו לעבען אָהן עסען.

— קומט דאָך שוין א מאָל אראָפּ! האָט זיא אויסגערופען מיט האַרץ. איך האָב שוין בעדאַרפט זיין אויף דעם וועג.

ווען אלזיר און דיא צוויי קליינע זיינען אריין אין קיך, האָט זיא פאַנאַנדערגעטהיילט דאָס ביסעלע מאַקאַראָני אויף דריי קליינע טעלער. זיא אַליין, האָט זיא געזאָגט, איז ניט הונגעריג.... אָבוואָהל קאַטהערינע האָט שוין געהאַט ארויפגעגאָסען וואַסער אויף דיא אויסגעזאָטענע קאַפע פון נעכטען, האָט זיא נאָך א מאָל ארויפגעגאָסען וואַסער און האָט ארונטערגעשלונגען צוויי גרויסע טאַסען פון דעם קאַפע, וואָס איז געווען אַזוי קלאָר, אַז עס האָט אויסגעזעהען וויא וואַסער מיט איזען ראָסט. דאָס וועט דאָך א ביסעל דערקוויקען דיא נשמה, האָט זיא זיך געטראַכט.

— הער זיך צו, אלזיר, האָט זיא געזאָגט, דוא וועסט לאָזען שלאָפען דעם זיידען, וועסט אויפפּאַסען, אַז עסטעל זאָל זיך ניט צושפּאַלטען דעם קאָפּ, און אויב זיא וועט זיך אויפכאַפּען, אויב זיא וועט זיך שטאַרק צושרייען, — נאַ, אָט האָסטו א שטיקעלע צוקער.... דוא וועסט עס צולאָזען אין וואַסער און דוא וועסט איהר דערפון געבען צו לעפעלעך.... איך וויים, אַז דוא ביסט א גוט און קלוג קינד און וועסט עס ניט אויפעסען.

— און דיא שולע, מאַמע?

— דיא שולע, נו דאָס וועט שוין זיין אויף איין אנדער טאָג.... איך מוז דיך האָבען אין שטוב.

— און דיא סופּ, ווילסטו איך זאָל עס מאַכען, אויב דוא וועסט קומען שפּעט?

— סופּ, סופּ..... ניין, ווארט אויף מיר.

אלזיר, מיט דעם פריהצייטיגען שכל פון א קאליעקע, האָט שוין גאנץ גוט גע־וואוסט וויא צו קאָכען סופּ. זיא האָט אויך פערשטאנען, אז עס איז ניט געוועזן וואָס צו קאָכען, און האָט געשוויגען.

יעצט איז שוין דיא גאנצע געסעל געוועזן וואך, און דיא קינדער זיינען זיך געגאנגען אין שול מיט זייער געוועהנליכען גערויש. אבער א זייגער האָט געשלאָגען, און אלץ א גרעסער־ער אָפּקלאנג פון געשפּרעכען האָט זיך געהערט פון דער לינקער זייט, ביי לאוואק. דער טאָג פון דיא ווייבער האָט זיך אָנגעפאנגען, ארום דיא קאפע טעפּלעך, דיא הענט איינגעשפּארט אין דיא באָקעס, דרייענדיג מיט דיא צונגען אָהן אויפהער, אזוי וויא דיא שטיינער פון מילל. א בלייכע געזיכט, מיט גראָבע ליפּען מיט א צוקוועטשטע נאָז, איז צוגעקומען צו א פענסטער און האָט אויסגעשריען:

— עס איז דאָ נייעס, קום אריין!

— ניין, ניין, שפּעטער, האָט מאהיד געענטפערט. איך מוז אוועקגעהן.

און פירכטענדיג, אז זיא זאָל נאָכגעבען דעם יצר הרע אין דער געשטאלט פון א ווארעמע טאסע קאפע, האָט זיא אונטערגעיאָגט לעאָנאָרע און הענרי און איז מיט זיי אוועק. אויבען האָט באָנמאָר נאָך אלץ געכראָפּעט מיט א רעגעלמעסיגען פייף, וועלכער האָט אזוי וויא איינגעוויגט דיא הויז.

דרויסען האָט זיך מאהיד געוואונדערט, וואָס דער ווינט בלאָזט מעהר ניט. עס איז מיט א מאָל געוואָרען א סליאבאָטע, דער הימעל האָט אָנגענומען עפּעס איין ערד־פאַרב, דיא ווענט האָבען געשוויצט מיט א גרינליכע פייכטקייט, דיא וועגען קלעפּיג פון בלאָטע, א בלאָטע וואָס איז ספּעציעל אין דיא ערטער פון קוילען־מינען, שווארץ וויא סאַזשע, דיק און קלעפּיג צו פערלירען דיא שטיוועל. באלד האָט זיא געמוזט אָנפּאטשען לעאָנאָרע, ווייל דיא קליינע האָט זיך אמוזירט מיט ארויפכאפּען דיא בלאָטע אויף איהרע שיך אזוי וויא אויף א שופעל. פערלאָזענדיג דיא געסע, איז זיא אוועק מיט דעם וועג פון דעם קאנאַל, איבערהאַקענדיג, אום קירצער צו מאַכען דעם גאנג, דורך זייטיגע געסלעך צווישען שטיקער פעלדער. סטאַדאָלעס און סקופּעס האָבען זיך געצויגען ביי דיא זייטען פון דיא זאוואָדען און געווערקשטעלען, הויכע קוימענס האָבען ארויסגעשליידערט פון זיך מאסען סאַזשע, וואָס האָט שווארץ געמאַכט דיזע דאָרף־געגענד, וועלכע איז יעצט פערוויסטעט געוועזן פון דיא קוילען־מינען. הינטער א גרופּע פון טאָפּאָל (פּאפּעל)־בוימער האָט דיא אלטע גרוב ראקיאר געצייגט דעם איינגעפאלענעם טורעם. א קעהר געבענדיג זיך רעכטס האָט מאהיד זיך געפונען אויף דעם גרויסען וועג.

— ווארט נאָר, ווארט נאָר דוא שמוציגער חזיר! האָט זיא אויסגעשריען. איך וועל דיר שוין קייקלען בלאָטע.

יעצט האָט שוין הענרי זיך אמוזירט דערמיט, וואָס ער האָט גענומען א הויפען קלעפּיגע בלאָטע און עס געקנאָטען. ביידע קינדער, געפּאטשט אָהן א־ן אונטערשייד, האָבען אָנגעפאנגען צו געהן אין אָרדנונג. זיי האָבען זיך געשליאָפּעט, שוין אויסגע־מאַטערט פון דיא ארבייט ארויסצושלעפּען זייערע שיך פון דער קלעפּיגער בלאָטע ביי יעדען טראָט.

צו דער זייט פון מארשיען האָט זיך געצויגען א לאנגער גלייכער ברוקירטער וועג, וועלכער האָט אויסגעזעהען וויא א פּאס אויסגעשמירט מיט זעגאכץ, צווישען רויטליכע פעלדער. אָבער פון דער אנדער זייט איז דער וועג ארונטערגעקומען וויא

א שנירעל דורך מאנטסו, וועלכע איז אויפגעבויט געווען אויף דיא זייט פון א ברייטע בערגעל. די וועגען פון דיעזער נארד־געגענד, וועלכע זיינען געמאכט געווארען צווישע די קליינע אינדוסטריע שטעטלאך, פערבויען זיך ביסלעכווייז און שטרעבען צו ווערע איין גרויסער פאבריק פלאץ. דיא קליינע ציגעלנע הייזער, געפארבט מאנכע געל, מאנכע בלאו און מאנכע זאגאר שווארץ, אום גלייך צו געבען דיא פארב, וואס אלע הייזער בעקומען שליסליך אין דיעזער קוילען־געגענד, — זיינען געשטאנען איינע נאך דיא אנדערע ביז צום סוף פון בערגעל. מאנכע גרויסע צוויי שטאקיגע הייזער, דיא וואהנונגען פון אויפפאסערס און פארלייטע, האבען דורכגעבראכען דיא געדריקטע רייהע פון דיא שמאלע פראנטען פון דיא הייזער. א קירכע, געבויט אויך פון ציגעל איז געווען עהנליך צו דעם נייען סארט גוס־אייזענס מיט איהר פיערעקיגען גלאק־טהורעם, וועלכער איז שוין געווען שווארץ פון קוילען־שטויב. און צווישען דיא אלע קליינע געשעפטען און קראמען פון דיעזע שטעטעל פון קוילענגרעבערס האט מען אם מייסטען געזעהען וויין־האנדלונגען, באל־הי זער, ביליארד־פלעצער און אלערליי שיינקען. זיי זיינען געווען אזוי צאהלרייך, דאס אויף דיא טויזענד הייזער פון שטעטעל זיינען געווען איבער פינף הונדערט שיינקען....

ווען מאהיד איז צוגעגאנגען צו דיא געביידעס פון דער קאמפאניע, א גרויסע רייהע פון ווערקשטעלען און סקלאדען, האט זיא זיך בעשלאסען צו נעהמען העגרי און לעאנארע פאר דיא הענד, איינס רעכטס און דאס אנדערע לינקס. פון דער אנדער זייט האט זיך געצויגען דיא הויז פון דירעקטאר, הערר הענעבא. דאס איז געווען א גרויסע זומער הויז, אבגעטהיילט פון וועג מיט גראטעס און א גארטען, אין וועלכען עס האבען געוואקסען קליינע און דארע בוימער. גראדע אין דער מינוט, ווען מאהיד מיט דיא קינדער איז פארביי געגאנגען, האט זיך אבגעשטעלט לעבען טויער א קארעטע, פון וועלכע עס זיינען ארויס א הערר מיט דעם ארדען פון דעם עהרען־לעגיאן און א דאמע אין א פוטערנעם מאנטעל. דאס איז געווען א וויזיט פון פאריז, דען מאדאם הענעבא האט ארויסגעלאזען א פריידע־געשריי דערזעהענדיג זיי אין פארדער צימער.

— געהט דאך, קריעכערס! האט מאהיד אויסגעשריען שלעפענדיג ביידע קליינע פון דיא בלאטע, וועלכע האט אלץ מעהר פערהאלטען זייערע פיסלעך.

ווען זיא איז צוגעקומען צו מעגרא'ס הויז איז זיא געווארן זעהר אויפגערעגט. ער האט געוואהנט גראדע לעבען דירעקטאר, נור א וואנט האט אבגעטהיילט זיין קליינע הויז פון דעם דירעקטאר'ס גארטען. צו דער הייזעל איז געווען צוגעבויט א סקלאד, וועלכער האט געהאט צום וועג א קראם מיט א גאנץ איינפאכע טיר. דארטען האט מעגרא געהאלטען אלעס: ברויט, צוקער, קאפע, ווארשט, פרוכטען, ביער וויין און הויז־געשיר. א מאל איז ער געווען איין אויפפאסער אין ווארעי און האט אנגעפאנגען זיין געשעפט מיט א שיינקעלע; נאכהער האט ער, געשיצט פון זיינע אבער־הערען, פערגרעסערט זיין געשעפט, רואינירענדיג ביסלעכווייז דיא קליינע קרעמערס פון מאנטסו. זיין גרויסע קונדשאפט האט איהם ערלויבט צו פערקויפען ביליגער און צו געבען קרעדיט אויף א לייגערע צייט, וויא אנדערע קרעמערס.

— אט בין איך ווידער דא, הערר מעגרא, האט מאהיד געזאגט מיט א דער־שלאגענעם אויסזעהען, ווען זיא האט איהם דערזעהען שטייענדיג לעבען זיין טיר.

ער האט איהר בעטראכט אהנע צו ענטפערן א ווארט. ער איז געווען קאלט און העפליך און האט זיך געריהמט, דאס ער ענדערט קיין מאל ניט א זאך, וואס ער האט איינמאל בעשלאסען.

— איהר וועט דאך מיך ניט אוועקשיקען מיט ליידיגע הענט וויא נעכטען, האט מאהיד גע'טענה'עט. מיר מוזען דאך וויינינגסטענס ברויט האבען ביז שבת.... עס איז אפילו אמת, אז מיר זיינען אייך שולדיג זעכציג פראנק זייט צוויי יאהר....

און זיא האָט אָנגעפאנגען אויסצושיטען איהר בינטעל צרות, ארויסרייערנדיג מיט אנשטרענגונג קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער. דאָס איז געווען איין אלטע שולד, נאָך פון לעצטען סטרייק אָן. צוואנציג מאָל האָט זיא שוין פערשפראָכען צו בעצאָהלען, אָבער האָט אלין ניט געקענט, אפילו פינף פראַנק אלע צוויי וואָכען איז דיא פאמיליע ניט אין שטאנד געווען צו צאָהלען. און דערצו נאָך האָט זיי איין אונגליק געטראָפען: זיא האָט געמוזט בעצאָהלען צוואנציג פראַנק א שוסטער, וועלכער האָט געטראָשעט צו ארעסטירען זיי. און דאַרום געפינען זיי זיך יעצט אָהן א גראָשען, זאָנסט וואָלטען זיי דערצויגען ביז שבת וויא דיא אנדערע קוילענגרעבער.

מעגרא, דעם בויך אויסגעשטעלט, דיא הענט פארלייגט, האָט געענטפערט, ניין מיט'ן קאָפּ אויף אלע איהרע קלאָגען און ביטען.

— בלויז צוויי לעבלעך ברויט, הערר מעגרא. איך פערלאַנג דאָך ניט פיעל, איך בעט דאָך אפילו ניט קיין קאַפע...... בלויז צוויי לעבלעך צו דריי פונט יעדען טאָג ביז שבת.

— ניין! האָט ער ענדליך אויסגעשריען מיט זיין גאנצען כוח.

זיין פרוי האָט זיך בעוויזען — א שוואכע בעשעפעניס, וועלכע האָט פארבראכט גאנצענע טעג איבער דיא געשעפטס־ביכער פון קראָם, ניט וואגענדיג אויפצוהייבען א קאָפּ. זיא האָט זיך גלייך אָפּגעדרייט אין א זייט א דערשראָקענע פון דיא געבענקטע בליקען, וואָס דיא אונגליקליכע פרוי האָט צו איהר געוואָרפען. מען האָט דערציילט, אז זיא האָט שווייגענדיג נעגעבען איהר בעט צו דיא קוילענגרעבערס מיידלאך.... עס איז געווען א בעקאַנטע זאַך: ווען א קוילענגרעבער האָט פערלאַנגט א בערלענגערונג פון קרעדיט, האָט ער נאָר בעדארפט שיקען צו מעגרא זיין פרוי אָדער טאָכטער, שיינע אָדער מיאוסע, אבי זיי זאָלען זיך ניט וויינערן....

מאהיר, וועלכע האָט נאָך אלץ געבעטען מעגרא, האָט זיך דערפיהלט פערשעמט אונטער דיא בליקען פון זיינע קליינע אויגען, פול מיט שמוציגע תאוה. דאָס האָט איהר בּאלד אין כעס אויפגעבראכט; זיא וואָלט עס נאָך פערשטאַנען איידער זיא האָט געהאט זיעבען קינדער, ווען זיא איז נאָך יונג געווען; און זיא איז אָפּגעטראָטען, מיט געוואַלט א שלעפּ טוענדיג העגרי און לענאָרע, וועלכע האָבען זיך נעקליבען אויפצוקלייבען דיא שאָלען פון ניס אין דער לוושע.

— דאָס וועט אייך קיין גליק ניט ברייננען, הערר מעגרא, געדיינקט דאָס! האָט זיא אויסגעשריען שפּרייזענדיג צו דיא וואָהנונג פון דיא גרעגוארס.

דיא בורזשוא פון פיאָלען זיינען יעצט געבליבען איהר איינציגע האָפנונג. אויב זיי וועלען ניט געבען פינף פראַנק, וועט מען זיך נאָר קענען לייגען און קראַפּירען פון הונגער. זיא האָט גענומען לינקס דעם וועג צו זשואסעל. דיא געביידע פון דיא אדמיניסטראַטאָרס האָט זיך דאָרטען געפונען אויפ'ן ווינקעל פון וועג — איין אמת'ער פּאלאַץ, וואו דיא גרויסע הערען פון פּאריז, דיא פּרינצען, דיא געגעראַלען און דיא מאַכערס פון דער רעגיערונג, פלעגען זיך צוזאמענקומען יעדען הערבסט צו געבען גרויסע באַנקעטען. גייענדיג האָט מאהיר אלץ גערעכענט, וויא זיא וועט אויסגעבען דיא פינף פראַנק: פריהער פאר אלץ ברויט, נאָכהער קאַפע, נאָכדעם א פערטעל פונט פּוטער, א מעסטעל קאַרטאָפעל פיר דעם סוף פון דער פריה און פיר א געקעכץ פון אבענד; ענדליך אפשר א ביסעלע שווייננפלייש, דען דער פאָטער האָט געמוזט עסען עטוואָס פלייש.

דער גלח פון מאנטסו, אַבּע זשואר, איז פארביי געגאַנגען אונטערהייבענדיג זיין מאנטיל מיט דיא אויפמערקזאמקייט פון א גוט־געפיטערטע קאַץ, וועלכע פירכטעט איינצונעצען זיך. ער איז געווען ווייכהערציג און האָט זיך געמאַכט, אז ער בעשעפטיגט זיך ניט מיט קיינע וועלטליכע זאַכען, אום ניט צו ערגערן דיא ארבייטער אָדער דיא בעלי־בתים.

— נוט מאָרגען, הערר מעגראַ, האָט מאהיד צו איהם געזאָגט.

ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, האָט א שמייכעל געטאָן צו די קינדער און האָט זיי געלאָזען זיך שלעפּען אין די בלאָטעס. זיא האָט נאָר ניט געוואוסט פון רעליגיאָן, אָבער איהר איז פּלוצלינג אריין דער געדאנק, אז דער גאָט וועט איהר עפּעס געבען.

און זיי האָבען ווייטער זיך געשלעפּט אין דער שווארצער און קלעפּיגער בלאָטע. עס איז נאָך געבליבען צוויי קילאָמעטערס צו גיין, און די קליינע האָבען זיך אַלץ מעהר געלאָזט שלעפּען. זיי האָבען זיך שוין מעהר ניט אַמוזירט אופ'ן וועג, נאָר האָבען קוים געשלעפּט זייערע פיסלעך. רעכטס און לינקס פון וועג האָבען זיך גע־צויגען די זעלבע טרויעריגע פעלדער, די זעלבע פאבריק־געביידעס, פערשמוצט פון רויך, מיט די אויסגעשטארצטע הויכע קוימענס. קיין בוימעל האָט זיך ניט גע־זעהן אויף די פעלדער ארום ביז צו דער בלויליכער ליניע פון דעם וואנדאם־וואַלד.

— טראָג מיך, מאמע.

און זיא האָט זיי גענומען אויף די הענד איינעם נאָך דעם אנדערן. לוזשעס האָבען ניט געפעהלט אויף דעם וועג, און זיא האָט אלע ווייל געמוזט אויפהויבען די קלייד אויס פּורכט צו קומען צו די בורזשואַס אַ פערשמוצטע. דריי מאָל איז זיא שיר ניט געפאַלען, אזוי גליטשיג איז געוועזען דיזער וועג פון פעטע בלאָטע. און ווען זיי זיינען ענדליך צו געקומען צום אריינגאנג פון גרעגואר'ס הויז, האָבען זיך צוויי גרויסע הינט א וואָרף געטאָן אויף זיי און האָבען אזוי שטארק געבילט, אז די קליינע האָבען זיך פאַרנאַרנדערגעשריען פון שרעק. דער קוטשער האָט די הינט געמוזט איינשטילען מיט א בייטש.

— נעהמט אראָפּ אייערע שיך און קומט אריין, האָט האָנאָרין ווידערהאָלט.

אין דעם עס־צימער זיינען די מוטער און די קינדער געבליבען שטיין ווי צוגעשמידטע, צודולט פון די פּלעצליכע ווארעמקייט, זעהר ניט אויפגעלייגט פון די בליקען פון דעם אלטען הערר און פון די אלטע דאמע, וועלכע האָבען זיך אויסגע־צויגען אין זייערע ווייכע פאטעלען.

— מיין טאָכטער, האָט מאדאם גרעגואר געזאָגט, גיב זיי וואס דו ווילסט.

די גרעגואַרס האָבען געלאָזען די נדבות איבערגעבען צו זייער טאָכטער. דאָס האָבען זיי געהאַלטען פאַר א טהייל פון גוטע ערציהונג. מען האָט בעדאַרפט זיין וואָהלטהעטיג, און זיי פּלעגען אליין זאָגען, אז זייער הויז איז א הויז ווי גאָט האָט געבאָטען. זיי פּלעגען זיך אויך בערימען, אז זיי טהיילען צדקה פאַרזיכטיג, פערנינפ־טיג; און שטענדיג האָבען זיי מורא געהאַט, אז מען זאל זיי ניט אָפּנאַרען און אז זיי זאָלען דעריבער אונטערשטיצען פערדאָרבענהייט און פוילקייט. דארום האָבען זיי קיין מאָל קיין געלט ניט געגעבען, נימאלס! אפילו ניט צוויי סו, דען זיי זיינען געווען זיכער, אז ווי נאָר איין אָרימאַן האָט צוויי סו, וועט ער זיי גלייך פערטרינקען. זייערע נדבות זיינען שטענדיג בעשטאַנען אין זאַכען, בעזאָנדערס אין ווארעמע קליידער פאַר אָרימע קינדער אין ווינטער צייט.

— אָה, די קינדערלעך נעבעך! האָט סעסיל אויסגעשריען, ווי בלוי זיי זיינען פון די קעלט! האָנאָרין, גיב זוך אויף דעם פּעקעל אין שקאף.

די דינסטען האָבען אויך בעטראַכט די אונגליקליכע מיט דעם מיטלייד און מיט די געפיהלען פון פרויען, וואס זיינען זיכער מיט זייערע מאָלצייטען. ווע־רענד האָנאָרין איז אַרויף אויבען נאָך דעם פּעקעל, האָט זיך די קעכין פערגעסען, האָט ארויפגעלייגט די איבערגעבליבענע פּאַמפּושקעס אויף דעם טיש און איז געבלי־בען שטיין מיט אראָפּגעלאָזטע הענט.

— איך האָב געראַדע נאָך צוויי וואָלענע קליידער און וואָלענע שאַלבעלעך, האָט סעסיל פאָרטגעזעצט, אָה, די קליינע וועט שוין זיין ווארעם, איהר וועט זעהן.

מאהיר איז געקומען צו זיך און האט אויסגעשטאמעלט:

— דאנקע זעהר, פריילין.... איהר זייט אלע זעהר גוט......

ט'ערען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען, זיא איז געוואָרן זיכער, אז זיא וועט קריגען די פינף פראנק, און זיא האט נאָר געטראכט, וויא זיא זאָל עס א בעסט טאָן, אויב די בורזשוא וועלען עס איהר אליין ניט געבען. אזוי וויא די קאמערמיידעל איז נאָך ניט ארונטערגעקומען, זיינען אלע געבליבען שטיל עטליכע סעקונדען אין גרויס פערלעגענהייט. דא טענדיג זיך אן די קלייד פון זייער מוטער, האבען די קליינע ברייט געעפענט זייערע אויגען און האבען זיך ניט אראפגעלאָזען פון די פאנפושקעס.

— איהר האט מעהר ניט וויא די צוויי? האט מאדאם גרעגואר געפרעגט, אום צו ברעכען די שטילקייט.

— אָה, מאדאם, איך האב זיעבען שמיק.

הערר גרעגואר, וועלכער האט זיך ווידער גענומען לעזען זיין צייטונג, האט זיך א כאפ געטאָן מיט כעס.

— זיעבען קינדער, אבער וואָרום, ליבער גאָט!

— דאס איז זעהר אונפערנינפטיג, האט די מאדאם בעמערקט.

מאהיר האט נאָר א מאך געטאָן מיט'ן האנד אלס ענטשולדיגונג. וואס זאָל מען טאָן? מען האט דערפון גאָר ניט געטראכט, זיי זיינען זיך צוגעקומען גאנץ נאטירליך. און ווייטער, ווען מען קען פיהרען די הויז, און די פאמיליע וואָלט דאך געמאכט א לעבען, ווען מען וואָלט ניט בעדארפט שפייזען א זיידען, וועלכער ווערט שוין צו שוואך צו דער ארבייט, און ווען פון די אלע זיבען וואָלטען בלויז צוויי אינגעלעך און די עלטערע מיידעל גענוג אלט געוועזן צו ארבייטען אונטען אין די מינען.

— אלזא, איהר ארבייט שוין לאנג אין די מינען? האט מאדאם גרעגואר געפרעגט א שטומער געלעכטער האט בעצווינגען דאס בלאסע געזיכט פון מאהיר.

— אָה, יא, גאנץ געוויס!.... איך האב געארבייט אונטען ביז צוואנציג יאהר. דער דאָקטאָר האט געזאָגט, אז איך וועל שוין פון דאָרטען ניט ארויסניין א לעבעדיגע, ווען איך האב געבאָרען מיין צווייטע קינד, דען די ארבייט, וויא עס שיינט, האט מיר צורודערט די ביינער, און צו דער צייט האב איך טאקע חתונה געהאט.... און איך האב געהאט גענוג וואס צו טאָן אין הויז. אבער פון מיין מאן'ס משפחה, זעהט איהר, זיינען זיי דאָרטען אונטען, זייט אייביגקייט. דאס קומט פון זיידע צום זיידען ביז צום אנפאנג, ווען מען האט געגעבען דעם ערשטען קלאפ אין די קוילען דאָרט אונטען אין ראקיאר.

גרעגואר האט פערטראכטערהייט אנגעקוקט די פרוי און דיזע אָרימע קינדער, מיט זייער וועקסענע הויט, זייערע אבגעבלאקירטע האָר, מיט די סמנים פון שוואכקייט און קרענקליכקייט בירושה, אהן בלוט, מיט די טרויעריגע הינטערליכקייט פון שמאכטענדע און הונגערנדע. עס איז ווידער געוואָרן שטיל, און מען האט מעהר ניט געהערט וויא דאס ברענען פון די שטיינקוילען. דער ווארמער זאל האט געהאט דיזען אויסזעהען פון וואוילטאג, וועלכער מאכט שלעפערן פון בעל הבית'ישען גליק.

— וואס טהוט זיא דאָרטען? האט סעסיל געפרעגט מיט אונגעדולד. מעלאניע, געה ארויף איהר זאגען, אז דער פעקער געפינט זיך אונטען אין שאפע קיקס.

דערווייל'ע האט גרעגואר אויף'ן קול געפינדיגט דעם נאכדענקע, וואס דאס אויסזעהען פון דיזע הונגעריגע האט ביי איהם ארויסגערופען.

— יא, עס גיבט גענוג שלעכטעס אויף דער וועלט, דאס איז אמת; אבער מיין בראווע פרוי, מען מוז אויך זאגען, אז די ארבייטער זיינען נאָר ניט פערנינפטיג....

אנשטאט אפצושפארען, אפצולייגען עפעס אן א זייט, ווי די בויערן טוען, טרינקען נאר די קוילענגרעבערס, מאכען שולדען און ענדיגען דערמיט, וואס זיי האבען ניט מיט וואס צו ערנעהרען זייערע פאמיליעס.

— דער הערר האט רעכט, האט מאהיר געלאסען געענטפערט. ניט אלע מאל גייט מען אויף דעם ריכטיגען וועג. און דאס זאג איך אלע מאל צו די טויגע־ניכטסע. ווע זיי בעקלאגען זיך...... איך האב געהאט מול — מיין מאן טרינקט ניט. ער כאפט אפילו א מאל צופיעל אם זאנטאג, אבער ווייטער טרעפט עס קיין מאל ניט. דאס איז פו זיין זייט נאך דערמיט זעהר פיין, וואס פאר דער חתונה האט ער געטרונקען, זייט מיר מוחל, ווי איי אמת'ער חזיר...... און זעהט דאך, פון דעסטוועגען, ווערט אונז גאר ניט בעסער דערפון, וואס ער איז פעניגפטיג. עס געבען טעג, אזוי ווי היינט, ווען אז איהר וועט אפילו אויסטרייבער, אלע קעסטעלעך פון הויז, וועט איהר ניט געפינען א סמן פון א גראשען.

זי האט געוועלט געבען צו פערשטיין די בורזשוא וועגען די פינף־פראנק שטיק און זי האט פארטגעזעצט מיט א ווייכע שטימע, ערקלערענדיג דעם צרה־דיגען חיב, אנפאנגס נידערשלאגען, אבגעהאקט, אבער נאכהער דייטליך, זעהר דייט־ליך...... מען פלעגט רעגעלמעסיג זיך אויסצאהלען אלע פופצעהן טעג, האט זי גע־טענה'ט; אבער ווי נאר מען בלייבט איין מאל א שטיקעלע בעל חיב, איז מען שיין פערלארען, מען קען שוין קיין מאל ניט צו זיך קומען. די לאך ווערט אלץ גרעסער, און די מענער ווערט איבעל די ארבייט, וועלכע גיט זיי אפילו ניט די מעגליכקייט צו צאהלען קליינע שולדען. גיי טו עפעס! מען איז ווי א פיש אהן וואסער ביז'ן טויט. פון דעסטוועגען מוז מען דאך די לאנגע פערשטיין: א קוילענ־גרעבער מוז דאך עפעס טרינקען, אום אפצושווינקען דעם שטויב; דערפון הייבט עס זיך אן, נאכהער גייט מען שוין ניט ארויס פון שיינק, ווען עס הייבען זיך אן די צרות. און פיקייכט איז דאך ריכטיג ניט בעקלאגענדיג זיך אויף קיינעם — אז די ארבייטער פערדינען ניט גענוג צום לעבען...

— איך האב געגלויבט, האט זיך דא מאדאם גרעגואר אריינגעמישט, אז די קאמפאניע גיט אייך קוילען און וואהנונגען.

מאהיר האט פון דער זייט א בליק געטאן אויף די פלאקערנדע קוילען אין קאמין.

— יא, יא, מען גיט אונז קוילען, ניט פון די בעסטע אפילו, אבער עס ברענט דאך...... וואס אנבעלאנגט צו וואהנונג, קאסט די דירה־געלט אפילו ניט מעהר ווי זעקס פראנק א מאנאט; דאס זעהט דאך אויס א גאר ניט, און פון דעסט ווע־גען איז דאס אפט אזוי שווער צו צאהלען!... אט, למשל, היינט, ווען מען זאל מיך אפילו צושניידען אויף שטיקלעך, וועט מען פון מיר א סו ניט ארויסציהען—וואו עס איז גאר ניט דא, איז טאקע א גאר נישט דא....

דער הערר און די דאמע האבען געשוויגען, בעקוועמליך אויסגעצויגען אין זייערע פאטעלען, אביסעל בייסלעכוויז זייענדיג נעוואָרען גאר ניט אויפגעלייגט און זאנאר צור־רודערט פון דער אויסשטעלונג פון דיזער ארמוטה. מאהיר האט געפערכטעט מאמער האט זי זיי בעליידיגט, און זי האט געזאגט מיט דעם רוהיגען טאן פון א פראק־טישע פרוי:

— אה, איך מיין זיך דערמיט ניט צו בעקלאגען. די זאכען זיינען אזוי, און מען מוז זיי אננעהמען ווי זיי זיינען, דע, ווי פיעל מיר זאלען זיך ניט ארומשלאג־גען, וועלען מיר גאר ניט ענדערן.... דאס בעסטע איז — ניט אמת, מיין הערר און דאמע, צו פרובירען עהרליך דורכצוקומען אין דעם ארט, וואו דער ליעבער גאט האט אונז אוועקגעשטעלט.

הערר גרעגואר האט איהר דא שטארק צוגעשטימט.

— מיט אזעלכע געפיהלען, מיין בראווע פרוי, שטייט מען העכער פאר דעם אונגליק, האט ער צו איהר געזאגט.

האנארין און מעלאניע האבען ענדליך געבראכט דעם פעקעל. סעסיל האט איהם גלייך פאנאנדערגעפאקט און ארויסגענומען צוויי קליידער. זיא האט דערצו צוגעלייגט האלזטיכער און אפילו זאקען און הענטשקעס. דאס וועט אלעס זיין אויסגעצייכענט, האט זיא ביי זיך געטראכט, און זיא האט זיך געאיילט, הייסענדיג דיא דיענסטען אלעס שנעל צוזאמענצובינדען, דען איהר מוזיק־לעהרערין איז גראדע אנגעקומען. זיא האט אויך צוגלייך גישטופט דיא מוטער און דיא קינדער צו דער טיר צו.

— מיר זיינען שרעקליך געענגט, האט מאהיד אויסגעשטאמעלט; ווען מיר וואלטען כאטש געהאט א פינף־פראנק שטיק....

דיא ווערטער האבען איהר געשטיקט, דען דיא מאהידס זיינען געווען שטאלץ און האבען קיינמאל ניט געבעטעלט. סעסיל, זעהר בעאונרוהיגט, האט געקוקט אויף איהר פאטער; אבער יענער האט קורץ און שארף אפגעזאגט אזוי וויא ער וואלט געווען פערפפליכטעט דאס צו טאן.

— ניין, דאס איז ניט אונזער געוואהנהייט. מיר קענען עס ניט טאן.

דאן האט סעסיל, זעהר גערידהרט פון מאהיד'ס פערצווייפעלטען אויסזעהן, געוואלט נאך מיט עטוואס בעגנאדיגען דיא קינדער. זיי האבען אלץ געקוקט אהן אויפהער אויף דיא פאמפושקעס, און זיא האט עס צוטהיילט פאר זיי.

— אט דאס איז פאר אייך, האט זיא געזאגט.

נאכהער האט זיא זיך בעדיינקט און האט געבעטען איהר דערלאנגען איין אלטע צייטונג.

— ווארט, איהר וועט זיך צוטהיילען מיט אייערע ברידער און שוועסטער.

און אונטער דיא גערידהרטע בליקען פון איהרע עלטערן האט זיא געענדיגט ארויס־צושטופען דיא מוטער און דיא קינדער פון הויז. דיא ארימע קליינע, וועלכע האבען קיין ברויט געהאט, זיינען זיך געגאנגען האלטענדיג מיט גרויס כבוד די פאמפושקעס אין זייערע דארע און פערפרארענע הענטלעך.

מאהיד האט געשלעפט איהרע קינדער, ניט זעהענדיג מעהר ניט דיא וויכטיגע פעלדער, ניט דיא שווארצע בלאטע, ניט דעם אומעדיגען פערכמארעטען הימעל. ווען זיא איז צוגעקומען צו מעגרא'ס הויז, איז זיא אהין ענטשלאסען אריין און האט איהם אזוי לאנג געבעטען, ביז זיא האט געקראגען צוויי לעבלעך ברויט, קאפע, פוטער און אפילו דיא זא פיעל געווינשטע פינף־פראנק שטיק. דען מעגרא האט אויך געליהען אויף פראצענט. ניט איהר האט ער געווינשט צו האבען, נאר איהר טאכטער קאטערינע. מאהיד האט עס פערשטאנען, ווען ער האט איהר רעקאמענדירט צו שיקען ווייטער איהר טאכטער נאך שפייז. מען וועט עס שוין זעהן, האט זיא זיך געטראכט. קאטערינע וועט איהם פאטשען, ווען ער וועט זיך צו נאהענט צו איהר צורוקען.

III.

עקף האט געשלאגען דער זייגער פון דער קליינער קירכע אין דעם דערפעל, וואו דער אבע זשואר פלעגט קומען פראווען דיא רעליגיעזע צערעמאניע יעדען זאנטאג. דערביי איז געווען דיא קינדערשולע, פון וואנען עס האבען זיך געהערט היכינע שטימען טראץ דיא צוגעמאכטע פענסטער און טהירען. ווען מאהיד איז אריינגעקומען אין דערפעל, האט זיא זיך גענומען אן א זייט, אום צו גיין קויפען קארטאפעל ביי דיא פרוי פון איין אויפזעהער, וועלכער האט נאך געהאט זיין איינענע גארטען הינטער א גרופע פון טאפאל־בוימער, דיא איינציגע בוימער פון דיזע פלאכע געגענד

היבּיז זיך נעפּונען עטליכע אבגעזונדערטע געביידעס, וועלכע זיינען בּאַשטאַנען פון פיער הייזער, ארומגערינגעלט מיט גאַרטענס. די קוילענגרעבער האָבען אַ נאָמען גע־געבען דיזען ארט „ויידענע־זאַקען“ און זייער אייגענעם דערפעל האָבען זיי גערופען צאָה־ריינע־שולדען“, מ כענדיג דערמיט שפּאָס פון זייער אייגענע ארמוטה.

— אוף! ענדליך זיינען מיר דא! האָט געזאָגט מאהיד, בעלאַגערט מיט פּעק־לאַך, שטופענדיג פאר זיך די קינדער, ביידע פארבלאָטיגט, דורכגעפראָרען, קוים שלעפּענדיג די פּעקלעך.

לעבען פייער האָט עסטעל געגוואלדעוועט מיט אלע כוחות, באַטשע אלזיר האָט איהר געוויגט אין איהרע הענד, ניט האָבענדיג מעהר קיין צוקער, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן. אום צו שטילען די עופה׳לע, איז זיא געפאלען אויף דעם פלאַן נאָכצו־מאכען אזוי וויא זיא וואָלט איהר געבען די ברוסט צום זויגען. א פּאָר מאָל האָט איהר דיזער קונץ געלונגען, אָבער נאָכהער האָט די ברעקעלע נאָך מעהר געשריען און האָט זעהר שארף געביסען די הויט, וואָס די אויסגעדאַרטע אלזיר האָט איהר ארויסגעשטעלט אלס א ברוסט.

— גיב זיא מיר אהער, האָט מאהיד געזאָגט, ווען זיא האָט זיך בעפרייט פון די פּעקלעך; זאָגסט וועט זיא אונז ניט לאָזען א וואָרט אויסריידען.

ווען זיא האָט פאנאנדערגיעפּענט איהר גרויסען בוזעם, האָט זיך די קליינע זשעדנע א כאַפּ גיטאָן זויגען און איז מיט א מאָל אנשוויגען געוואָרען. עס איז אויך מיט א מאָל אזוי שטיל געוואָרען, אז מען האָט געקענט הערען וויא דער אלטער באָנמאָר האָט נאָך אַלץ געכראָפּעט מיט דעם זעלבען רעגעלמעסיגען פייף ווי פריהער. אלעס איז אין הויז צוגעגאנגען אין ארדנונג. אלזיר האָט זיך גוט ספּראוועט, האָט אָנ־געהאלטען דעם פייער, אויסגיקעהרט און גיבּראַכט אין אָרדנונג דעם צימער.

— אָה, אט איז דאָ שפּייז! האָט אלזיר געזאָגט, שמייכלענדיג צו די פּעקלעך. אויב דו ווילסט, מאַמע, וועל איך מאכען דעם סוף.

אָה, דער סוף! האָט מאהיד געזאָגט פערמאַטערט, מען וועט נאָך דארפען קריי־גען גרינס...... ניין, איך וועל עס נאָכהער מאכען פיר די מענער...... דערווײַלע שטעל קאָכען קאַרטאָפּעל, מיר וועלען עס עסען מיט א ביסעל פּוטער...... און קאַפע, האָ? האָ? פערגעס נאָר ניט דעם קאַפע!

נאָר דאָ האָט זיא זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן די פּאַמפּושקעס. זיא האָט אָבער דערזעהן בלויז די ליידיגע הענד פון הענרי און לעאָנאָרע, וועלכע האָבען זיך שוין ארומ־געשלאָגען אויף׳ן פלאָר. זאָלען זיי עס האָבען שטילערהייט אויפגעגעסען אויף׳ן וועג, די נאַשערס! זיא האָט זיי אָנגעפאנגען צו געבען פּעטש, ווערהענד אלזיר, וועלכע האָט ארויפגעשטעלט דעם טאָפּ אויף׳ן אויווען, האָט איהר געזוכט איינצושטילען.

— לאָז זיי, מאַמע. אויב דאָס איז צוליעב מיר, ווייסטו דאָך, אז דיזע זאכען מאכען מיר גאַנץ ווייניג אויס, זיי זיינען דאָך געווען הונגעריג און האָבען געמוזט גיין אזוי ווייט.

אין א שטונדע ארום זיינען די קאַרטאָפּעל שוין געווען אָפּגעקאָכט, און דער קאַפע, געמישט א העלפט מיט ציקאָריע, איז גערונען דורך דעם פילטער מיט דעם גערויש פון גרויסע טראָפּענס. א ווינקעל פון דעם טיש, וועלכער איז געווען פארלייגט מיט די פּעקלעך, איז אפגערייניגט געוואָרען, אָבער מאהיד אליין האָט דאָרטען גיגעסען. די קינדער האָבען זיך בּאַגנוגט מיט זייערע קניע אנשטאָט א טיש; און יעדע ווײַלע האָט הענרי, וועלכער איז געווען א זשעדנער פרעסער, שטילערהייט אלץ געקוקט אויף די חזיר־פּעטס, וואָס זיי פון טאָפּ פיר האָט איהם גערייצט.

מאהיר האָט געטרונקען איהר קאַפע מיט קליינע זופּען, האַלטענדיג איהרע ביידע הענט ארום דעם גלאָז, אום זיי אָנצוּוואַרעמען, ווען באָנמאָר איז ארונטערגעקומען.

נעוועהנליך פלעגט ער אויפשטיין שפעטער און זיין פריהשטיק פלעגט שוין שטיין פארטיג אויף דעם פייער; און היינט האט ער זיך גענומען בורטשען, וואס עס איז קיין סוף ניטא. נאכהער, ווען זיין שנור האט איהם ערקלערט, אז ניט אלע מאל קען מען טאן וואס מען וויל, האט ער שטילערהייט זיך גענומען צו דיא קארטאפעל. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אויפהייבען, אום ארייצוברעקען אין פייער, אז אין שטוב זאל זיין ריינער. און זיצענדיג נאכהער אויף זיין שטול, האט ער געריבען דיא קארטאפעל, דעם קאפ ארונטערגילאזען, דיא אויגען אויסגעסטארצעט.

— אה, איך האב גאר פערגעסען, מאמע, האט אלזיר געזאגט, דיא שכנה איז דא געוועז......

— זיא מאכט מיך קראנק !.... האט איהר מאהיד אונטערבראכען.

זיא האט געטראגען א ביטערן האס געגען דיא לעוואק, וועלכע האט נעבטען זיך נעקלאגט אויף איהרע צרות, אום ניט צו בארגען, און מאהיד האט גוט געוואוסט, אז דיא שכנה האט גראדע אלעס, וואס זיא דארף, ווייל יענער׳ס באָרדער האט איהר פאראוים בעצאהלט פאר צוויי וואכען. אין דעם דערפעל האט מען זיך איינע דיא אנדערע גאר ניט געבארגט.

— יא, דאס דערמאנט מיר, האט מאהיד געזאגט, אז מען דארף אפטראגען דער פיעראן א מילכעלע קאפע, וואס איך האב ביי איהר גענומען אייערנעכטען. אלזיר, ליינ עס אריין אין א פאפירעל, און איך וועל עס איהר טאקע גלייך אפגעבען.

און זיא איז באלד ארוים מיט עסמעל׳ן אויף דער האנט, לאזענדיג דעם אלטען ריבען דיא קארטאפעל, וועהרענד העגרי און לענאר האבען זיך געשלאגען וועגען דיא שטיקלעך שאלעכץ אויף דער ערד.

אנשטאט צו געהן ארום דיא הייזער, האט זיך מאהיד א לאז געטאן דורך דיא גערטנער, אום אויסצומיידען, אז דיא לעוואק זאל איהר ניט צורופען. איהר גארטען איז גראדע אויסגעקומען מיט א זייט צום גארטען פון דיא פיעראנס, און צווישען דיא פארקענס איז גראדע געוועזן א לאך, דורך וועלכע מי האט זיך געזוכט דורכשטופען. דערביי איז געוועזן דער געמיינשאפטליכער ברונען פאר פיער הייזער.

איינס א זייגער האט געשלאגען, און קיינער איז ניט געשטאנען לעבען דיא טירען אדער פענסטער, ווייל דאס איז געוועזן דיא געוועהנליכע צייט פון טרינקען קאפע. ווען מאהיד איז צוגעקומען צום געסעל פון דער אנדער זייט, איז זיא פערוואונדערט געווארן צו זעהן לעבען דער קירכע א העררן און צוויי דאמען. זיא האט זיך אויף א מינוט אפגעשטעלט און האט זיי דערקענט: דאס איז געווע דעם דירעקטארס ווייב, וועלכע האט געצייגט דיא קוילענגרעבערס וואהנונגען צו איהרע צוויי געסט פון פאריז.

— אה, ווארום האסטו זיך גענומען דיא מיהע אפצוטראגען? האט פרוי פיעראן געזאגט, ווען מאהיד האט איהר אפגעגעבען דעם געבארגטען קאפע. איך נייטיג זיך גאר ניט אין דעם.

מאדאם פיעראן איז אלט געוועזן א יאהר אכט און צוואנציג און איז געוועזן פאררעכענט פאר א שיינע פרוי. זיא איז געוועזן א ברונעטע מיט גרויסע אויגען, מיט א שמאלע מויל, מיט א שיינע פיגור, ווייל זיא האט קיין קינדער ניהאט, און דערצו זעהר קאקעט און זויבער וויא א קאץ. ברילע, איהר מוטער, דיא אלמנה פון א קוילענגרעבער, וועלכער איז געטויטעט געווארן אין א מינע, האט געשוורען, נאכדעם וויא זיא האט אוועקגעשיקט איהר טאכטער אין א פאבריק, אז זיא וועט איהר ניט ערלויבען חתונה צו האבען מיט א קוילענגרעבער, און האט דארום ניט געקענט איינשטילען איהר כעס, ווען איהר טאכטער האט גאר צולעצט חתונה געהאט מיט פיעראן, א אלמן, וועלכער האט שוין געהאט א מיידעלע פון אכט יאהר. דאך האט דיא פאמיליע געלעבט גאנץ גליקליך, ניט אכטענדיג אויף דיא פלוידערייען און געשיכטען, וועלכע

האָבען זיך געלאזט הערען װעגען דאָס ניט־װיסענדיג־זיך־מאַכען פון איהר מאַן און װעגען איהרע געליעבטע. קײנע חובת האָבען דיא פיעראָנס ניט געמאַכט, צװײ מאָל אין װאָך האָבען זײ געגעסען פלײש, און דיא הױז איז אזױ רײן געהאלטען געװאָרען, אז דיא פאַנען האָבען געשפּיגעלט. דורך פּראָטעקציאָן האָט זײ נאָך דיא קאָמפּאַניע ערלױבט צו פערקױפען צוקערקעס און לעקעכלעך, װעלכע זײנען געװען אױסגעשטעלט אױף פּאָליצעס אין דיא פענסטער. דאָס האָט בעדײטעט זעקס־זיעבען סו א טאָג פערדיענסט און מאַנכעסמאָל צװעלף סו א זאָנטאָג. און אין דיזען גליק האָבען נאָר אױסגעדריקט זײער אונצופרידענהײט דיא אלטע ברילע מיט איהר כעס פון אײן אלטע רעװאָלוציאָנערין, װינשענדיג צו נעהמען נקמה פון דיא קאָמפּאַניע, און דיא קלײנע לידיע, פּיעראָנ׳ס טאָכטער, װעלכע האָט זעהר אָפט געכאַפּט פּעטש.

— װיא גרױס איז זיא שױן! האָט דיא פּיעראָן אױסגערופען לאָסענדיג דיא קלײנע עסטעל.

— אָה, װאָס פאַר א צרות איך האָב דערבײ, רײד גאָר ניט דערפון! האָט מאַהיד געענטפערט. דו ביסט גליקליך, װאָס דו האָסט קײן קינדער. װײניגסטענס, קענסטו האַלטען רײן דיא הױז.

אָבװאָהל בײ איהר איז אײגענטליך אַלעס געװען אין אָרדנונג און זיא האָט געװאַשען דיא דילען און דיא פענסטער יעדען שבת, האָט זיא דאָך געקוקט מיט דיא אױגען פון אײן אײפערזיכטיגע בעל־הבית׳טע אױף דיזען זאלל, װאו אַלעס האָט געבלאַנקט און װאו עס זײנען נאָך געװען פּוץ־זאַכען, בעגולטע װאַזען, א שפּיגעל, דרײ בילדער אין ראַמען.

— װילסטו טרינקען א גלאָז קאַפע מיט מיר? האָט דיא פּיעראָן געפרעגט.

— נײן, איך דאַנק, איך האָב עבען געטרונקען.

— װאָס מאַכט עס אױס?

און אין אמת׳ן, נאָך א גלאָז האָט גאָר ניט געקענט שאַדען, און בײדע האָבען זיך געזעצט און לאַנגזאַם געטרונקען. צװישען דיא פלאַש מיט צוקערקעס און לעקעלעך האָבען זיך זײערע בליקען אָפּגעשטעלט אױף דיא הױזער געגענאיבער, װאו דיא גאַרדינען אױף דיא פענסטער האָבען געגעבען צו װיסען פון דיא זױבערקײט פון זײערע בעל־הבית׳טעס. בײ דיא לאַװאַק׳ס זײנען זײ געװען זעהר שמוציג, װאָהרע שמאַטעס, אזױ װיא מען װאָלט מיט זײ געפּעט געװישט.

— װיא קען מען עס לעבען אין אזא שמוץ! האָט פּרױ פּיעראָן אױסגערופען.

דאַן האָט שױן מאַהיד אױסגעגאָסען איהר גאַנצען כעס געגען דיא לאַװאַק׳ס, און אָהן אײן אױפהער. אָה, װען זיא װאָלט געהאַט אזא קװאַרטיראַנט װיא בוטעלו, װאָלט זיא שױן ליכטער געװירטשאַפט. װען מען װײס זיך װיא צונעהמען, איז א קװאַרטיראַנט זעהר א גוטע הילפע. נאָר פון דעסטװעגען דאַרף מען מיט איהם קײן ליעבעס פיהרען און ניט לאָזען דעם מאַן שכור׳ן און ארומלױפען נאָך דיא זינגערינס פון דיא קאַפע־קאָנצערטען פון מאַנטסו.

פרױ פּיעראָן האָט געזוכט אױסצודריקען עקעל אױף איהר געזיכט. דיזע זינגערינס — זײ ברײנגען עס אלע קראַנקהײטען; אין זשואַסעל איז געװען אײנע, װעלכע האָט קראַנק געמאַכט א גאַנץ קױלענגרעבער.

— װאָס עס װאונדערט מיך, איז װאָס דו לאָזט דײן זוהן זיך ארומשלעפּען מיט זײער טאָכטער, האָט זיא געענדיגט.

— אָה, װיא קען מען דאָס ניט דערלאָזען!.... זײער גאָרטען איז גראָדע לעבען אונזערן. זומער צײט איז זאַכאַריע שטענדיג געװען מיט זײער טאָכטער פילעמענע הינטער דיא קוסטעס, און זײ האָבען זיך גאָר ניט גיש מט....

דאָס איז געװען דיא געװײנליכע אױסגעלאַסענהײט פון דיא אינגלעך און מײד־

לעך אין דערפעל. זיי האבען זיך ארומגעוואָרפען, וויא זיי פלעגען זיך אויסדריקען, אויף דיא דעכער, אין דיא גערטנער, וויא נור עס פלעגט ווערן אבענד. אלע זיפעריגס האבען דאָ געזינדיגט, ווען זיי פלעגען זיך ניט נעהמען דיא מיהע צו געהן אין דיא פעלדער אָדער אין דיא אלטע מינע ראקיאר. דאָס האָט קיין גרויסע ראָלע געשפּיעלט, דען נאכהער פלעגט מען חתונה האָבען, און נור דיא מוטערס פלעגען אין כעס זיין, ווען דיא אינגלעך האָבען אָנגעפאנגען פיהרען ליעבעס צו יונג, דען א בחור וואָס האָט חתונה ברייננט שוין גאָר ניט אריין אין הויז.

— איך דיין פלאטץ וואָלט איך שוין ליבערסט געמאכט א סוף, האָט פיער־ראָן געזאָגט. דיין זאשאריע האָט שוין מיט איהר צוויי קינדער, און עס וועט נאָך ווייטער אזוי גיין.... יעדענפאלס איז זיין פערדיענסט פאר דיר פערלאָרען.

מאהיד האָט אויסגעשטרעקט דיא הענד מיט א ווילדען כעס.

— איך וועל זיי פערשילטען, ווען זיי וועלען עס נאָך א מאָל טאָן.... דאַרף דען זאשאריע ניט האָבען רעספּעקט פאר אונז? ער האָט אונז געקאָסט געלט, ניט אמת? נור ער מוז עס אונז אָפּגעבען איידער ער גייט זיך פארהייראַטען מיט א ווייב.... וואָס וואָלט פון אונז געוואָרען, זאָג נור, ווען אונזערע קינדער וואָלטען גלייך אָנגעפאנגען צו ארבייטען פאר אנדערע? דאן וואָלט מען גאָר קראַפּירען.

זיא האָט זיך אָבער באלד בערוהיגט.

— דאָס רייד איך נאָך אין אלגעמיינען; האָט זיא געזאָגט, מיר וועלען עס שפּעטער זעהען... דיין קאָפּ איז גאנץ שטארק; דו מאכסט איהם וויא געהעריג.

און נאָך א פערטעל שטונדע פון אנדערע געשעפטען און פלוידערייען, איז מאַהיד ארויסגעלאָפען, שרייענדיג, אז דער כוס פאר דיא מענער איז נאָך ניט פערטיג. דרויסען האָבען זיך שוין דיא קינדער צוריקגעקעהרט פון שולע און אייניגע פרויען האָבען זיך באוויזען לעבען דיא טירען און האָבען געקוקט אויף מאדאם הענעבאָ, דעם דירעקטאָר'ס פרוי, וועלכע האָט געצייגט דעם דערפעל צו איהרע צוויי געסט, טייטענדיג מיט דיא פינגער אויף דיא הייזעלעך ארום. דיזער וויזיט האָט גענומען אויפרוהרען דעם גאנצען דערפעל.

ווען מאהיד האָט שוין געהאלטען ביי'ן אריינגיין, האָט זיא זיך אָנגעשטויסען אָן פרוי לעוואַק, וועלכע האָט זיך א לאָז געטאָן צום פארבייגייענדען דאָקטאָר פון דער קאָמפּאַניע. ער האָט שטענדיג געהאַט צו בעזוכען קראנקע און איז געווען אין הייל־ניס, געבענדיג זיינע רעצעפּטען אויפ'ן וועג.

— העדר דאָקטאָר, האָט זיא געשריען, איך קען גאָר ניט שלאָפען.... איך פיהל מיך ניט גוט. מען מוז דאָך עפּעס טאָן דערצו.

ער האָט זיי אלעמען געדוצט און האָט געענטפערט אָהנע זיך אָפּצושטעלען:

— לאָז מיר געמאכט! דו טרינקסט צו פיעל קאַפע.

— און מיין מאַן, האָט צו איהם מאהיד געזאָגט, האָט אימער שמערצען אין דיא פיס.... איהר מוזט דאָך א מאָל איהם קומען זעהען.

— דאָס איז דיין ארבייט.... לאָז מיר צו רוה!

בײדע פרויען זיינען געבליבען שטיין קוקענדיג וויא דער דאָקטאָר האָט שנעל געשפּרונגען.

— קום דאָך אריין, האָט לעוואַק געזאָגט נאכדעם וויא זיי האָבען זיך אָנגעבלאָזען אָנגעקוקט. דו ווייסט, אז עס איז דאָ נייעס.... און דו וועסט פערזוכען עט־וואָס קאַפע, ער איז נאָך גאָר פריש.

מאהיד האָט מיט זיך געקעמפּט עטליכע מינוט, אָבער נאכהער האָט זיא נאָכגעגעבען. אום דיא לעוואַק ניט צו בעליידיגען, וועט זיא ביי איהר כאַפּען א טראָפּען קאַפּע.

דיא זאלע איז געווען שמוציג ביז נאר, דיא פענסטער און ווענט פערפלעקט מיט פעטס, דער שאפ און דער אלמער פארפולעט און פערבלאביגט, און א שטיקענעס פון איין אונריינע היוז האט פארכאפט אין האלז. לעבען פייער,ביידע איילענבויגענס אויף'ן טיש, דער נאז אריינגעשטעקט אין א שיסעלע, האט בוטעלו, נאך יונג פאר זיינע פינף און דרייסיג יאהר, געענדיגט עסען, וועהרענד דער קליינער אשיל, דאס ערשטע קינד פון פילאמענע, שוין באלד דריי יאהר אלט, איז געשטאנען לעבען איהם און האט איהם אנגעקוקט מיט דעם בעטענדען און שטומען אויסזעהען פון א זשעדנע חיה. דער קווארטיראנט, א זעהר גוטהערציגער, טראגט זיין געזונטען און בייזען אויסזעהען, פלעגט איהם פון ציים צו ציים אריינשפארען אין מויל א שטיקעלע פלייש.

פרוי לעוואק, עלטער מיט א יאהר צעהען פאר דיא מאהיד, האט אויסגעזעהען העסליך; אויסגעדארט, מיט א שפיציגע מארדע, אויף וועלכע עס האבען זיך געזעהען שוין גרויליכע האר, שמוציג געקליידעט, שטענדיג דיא האר צופאטעגט.

— איך האב דיר דאס געוועלט זאגען, האט זיא אנגעפאנגען, אז מען האט נעכטען דיא פיעראן געזעהען ארומשלעפען זיך לעבען „דיא זיידענע זאקען". א מאן האט אויף איהר געוואַרט, און זיי זיינען זיך צוזאמען אוועק צום קאנאל צו.... א, וויא געפעלט דאס דיר פון א פערהייראטהע פרוי?

— באה! האט מאהיד געענטפערט. פריהער איידער פיעראן האט איהם גענומען, פלעגט ער טראגען קראליקעס צו דיא אויפזעהערס, יעצט קאסט עס איהם ביליגער צו בארגען זיין ווייב.

בוטעלו האט דא אויסגעשאסען מיט א ווילדען געלעכטער און האט אריינגעווארפען א שטיקעל ברויט, איינגעטונקט אין סאוס, צו אשילען אין מויל. ביידע פרויען האבען זיך לייכטער געמאכט דיא הארץ אויף פיעראן'ס רעכנונג. זיי האבען איהר ערקלערט פאר א קאקעטקע, וואס איז ניט שעהנער וויא דיא אנדערע, אבער וואס האלט זיך נאר אין איין וואשען און שמירען מיט פאמאדע. שליסליך האבען זיי בעשלאסען, אז דאס איז דעם מאן'ס זאך און אז מן הסתם איז דאס איהם ניט. עס זיינען דא אזעלכע עהרגייציגע מענער, וואס וואלטען געקושט דיא פיס פון זייערע העררן, אום בלויז צו הערען פון זיי א דאנק. און ביידע זיינען נאר אונטערבראכען געווארען אין זייער געשפרעך דורך דעם אריינקומען פון א שכנה, וועלכע האט געבראכט א מיידעלע פון ניין מאנאט, דאס צווייטע קינד פון פילאמענע, וועלכע האט אראנזשירט, אז מען זאל איהר ברייגנען דאס קינד ביי דער ארבייט, וואו זיא פלעגט עס געבען צו זויגען זיצענדיג אויף א קופע קוילען.

— מיין קליינע קען איך אויף א מינוט ניט לאזען, זיא שרייט זיך באלד פאַנאנדער, האט מאהיד געזאגט, קוקענדיג אויף איהר עסטעל, וועלכע איז איינגעשלאפען אין איהרע ארעמס.

נאר מיט א מאל האט לעוואק אויסגעשאסען:

— הער דאך, מען מוז דאך א מאל א סוף מאכען דערפון......

אנפאנגס זיינען ביידע געווען צופריעדען, אז צווישען זייערע קינדער זאל נאך קיין חתונה זיין. אויב זאשאריע'ס מוטער האט געוועלט וואס לענגער קריגען דעם לוין פון איהר זוהן, איז פילאמענע'ס מוטער געווען אויכער זיך ביי דעם געדאנקען, אז זיא וועט פערלירען דיא פערדיענסטען פון איהר טאכטער. קיין זאך האט זיי ניט געיאגט, און דיא לעוואק איז זאגאר מעהר צופרידען געווען צו האלטען פילאמענע'ס קינד, זאלאנג עס איז נאר געווען איינס, וויא א הער אפצולאזען; אבער דאס ערשטע האט אנגעפאנגען צו עסען ברויט און איין אנדערעס איז צוגעקומען, איז עס אויסגעקומען, אז זיא האט נאך צוגעלייגט צו פילאמענע'ס פערדיענסטען, און זיא האט דארום ניט אויפגעהערט מיט כעס צו פערלאנגען, אז עס זאל ענדליך זיין דיא חתונה.

— זאשאריע האט דאך שוין געצויגען זיין צעטעל און וועט שוין קיין סאלדאט.... קיין זיך האלט דאך שוין ניט אפ.... נו ביז וואנען נאך זאל מען ווארטען? האט דיא לעוואק געטענה'ט.

— לאמיר דאס אבלייגען אויף א בעסערע צייט, האט מאהיד געענטפערט אין פערלעגענהייט. דיזע זאכען זיינען זעהר פערדריסיג! האבען זיי דען ניט געקענט ווארטען!.... זעהסטו, איך שווער, אז איך וועל דערשטיקען מיין קאטהערינע, ווען איך וועל זיך דערוויסען, אז זיא האט זיך בענארעשט....

פרוי לעוואק האט נאר א הייב געטאן דיא אקסלען.

— מאך זיך ניט נאריש, זיא וועט דורכמאכען דאס זעלבע וואס דיא אנדערע....

בוטעלו, וועלכער האט גענומען זוכען ברויט אין שקאף און אין אלע ווינקעלעך, האט זיי דא אונטערבראכען:

— וואס איז דאס? האט ער אויסגערופען. אה, דאס איז דאך מאדאם העננעבא מיט א הערר און א דאמע.... אט גייען זיי אריין צו דיא פיעראנס.

ביידע ווייבער זיינען דאן מיט א מאל ארויפגעפאלען אויף פרוי פיערא. אה, אלע מאל איז עס אזוי! וויא נאר דיא קאמפאניע וויל אימעצען ציינען דיא וואהנונגען פון דיא קוילענגרעבער, ברייגגט מען איהם גלייך צו דיא פיעראנס, ווייל דיא קאקעטקע האט קיין אנדער ארבייט, וויא צו סקראבען און פוצען. געוויס דערציילט מען ניט דיא בעזוכער איהרע ליעבעסגעשיכטען מיט דיא אויפזעהערס. מען סען זיין זעהר ציכטיג, ווען מען האט ליעבהאבערס, וואס קריגען דריי טויזענד פראנק א יאהר געהאלט מיט וואהנונגען, בעהייצונגען, ניט רעכענענדיג געשאנקען. און דיא גאנצע צייט, וואס דיא בעזוכער זיינען פערבליבען אין דער הויז אנטקעגען, האבען זיי ניט אויפגעהערט צו באריידען זייער שיינע שכנה.

— אט געהען זיי ענדליך ארויס, האט דיא לעוואק געזאגט. זיי גייען ווייטער.... זעה נאר, מיין ליעבע, איך גלויב, אז זיי גייען צו דיר.

מאהיד איז דא א דערשראקענע געווארען. ווער ווייס, אויב אלזיר האט אפגעווישט דעם טיש? און דער סופ איז נאך אויך ניט געמאכט! און זיא האט שנעל ארויסגערעט „צום ווידערזעהען" און איז ארויסגעלאפען מיט גרויס אימפעט.

צו הויזע איז אלעס געווען אין דער בעסטער ארדנונג. אלזיר, זעהר סעריעז, מיט א טוך ארומגעבינדען, האט זיך גענומען מאכען דעם סופ, זעהענדיג, אז איהר מוטער קומט ניט. זיא האט ארויסגעריסען דיא לעצטע ביסעל גרינס פון גארטען און זיא האט עס גיהאלטען אין ארומוואשען, וועהרענד אויפ'ן אויווען האט זיך געווארעמט א גרויסער קעסעל מיט וואסער פיר דיא וואשונגען פון דיא קוילענגרעבער, ווען דיא געסט האבען געהאלטע ביי'ן אריינקומען. העגרי און לענארע זיינען גראדע געווען רוהיג, זעהר פערנומען מיט צורייסען איין אלטען קאלענדאר. דער אלטער באנמאר האט שווייגענדיג גערויכערט זיין ליולקע.

וויא נאר מאהיד האט זיך א פערסאפעטע אריינגיכאפט, האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיר:

— איהר וועט אונז ערלויבען אריינצוקומען, מיין בראווע פרוי? האט מאדאם העננעבא געפרעגט.

א הויכע בלאנדינע, א ביסעל פעטלעך און שווערלעך אין איהרע פערציג יאהר, האט זיא געשמייכעלט מיט א געצוואונגענע פריינדליכקייט, אום ניט צו לאזען צו פיעל בעמערקען איהר מורכט צו פארפלעקען איהר זיידענע קלייד מיט דעם סאמעטענעם מאנטעל.

— קומט אריין, קומט אריין..... האט זיא ווידערהאלט צו איהרע געסט. מיר

שטערען דאָ סיינעם ניט...... ניט אמת, עס איז דאָ ריין? און דיעזע בראווע פרוי האָט זיעבען קינדער! אַלע אונזערע קוילענגרעבערס וואָהנע אַזוי... איך האָב אייך שוין ערקלערט, אַז דיא קאָמפּאַניע פּערדיענט דיא הייזלעך צו זעקס פראַנק אַ מאָנאַט. אַ גרויסער זאַל אונטען, צוויי צימערן אויבען, אַ קעלער און אַ גאָרטען.

דער הערר מיט דעם אָרדען און דיא דאַמע אין דעם פּוטערנעם מאַנטעל האָבען געסטאַרצעט מיט דיא אויגען, עפּעס אַזוי וויא צוטומעלט פון דיא נייע סצענען פאַר זיי.

— און אַ גאָרטען אויך! האָט דיא דאַמע אויסגערופען. דאָס איז דאָך פאַרטרעפליך.

— מיר גיבען זיי אויך מעהר קוילען, וויא פיעל זיי קענען אויסברענען, האָט דעם דירעקטאָר'ס פרוי פאָרטגעזעצט. אַ דאָקטאָר בעזוכט זיי צוויי מאָל אַ וואָך, און ווען זיי ווערען אַלט, קריגען זיי פּענסיאָנען, אָבוואָהל מען נעהמט פון זייער לוין גאָר ניט אַרונטער דאַפיר.

— אַ ציבערלאַנד! האָט אויסגערופען דער הערר מיט דעם אָרדען, זעהר ענטציקט.

מאהיד האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דערלאַנגען שטולען צו דיא בעזוכער, אָבער זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט. מאַדאַם הענעבאָ האָט שוין אָנגעפאַנגען מיד צו ווערען פון איהר ראָלע צו צייגען חיות, אַ ראָלע, אָן וועלכע זיא האָט זיך אָנגעבאַפּט, אום זיך אַ ביסעל צו צערשטרויען. דער גערוך פון אַרמוטה האָט איהר באַלד גענומען עקלען טראָץ דיא אויסגעקליבענע ריינע הייזער, וואו זיא האָט ריזיקירט אַריינצוקומען. אַלעס וואָס זיא האָט דאָ געטאָן, איז גאָר געווען איבערצוזאָגען האַלבע פראַזען, וואָס עס איז איהר אויסגעקומען צו הערען, זיך גאַנץ ווייניג קימערנדיג וועגען דיעזע מאַסע קוילענגרעבער, וועלכע האָבען געאַרבייט און געליטען לעבען איהר.

— דיא שיינע קינדער! האָט געזאָגט דיא דאַמע, געפינענדיג זיי אין אמת'ן העסליך, מיט זייערע צו גרויסע קעפּ, צופּאַטעלט פון האָר וואָס האָבען געהאַט דעם קאָליר פון שטרוי.

און מאהיד האָט געהאַט צו ענטפערן וועגען זייער עלטער. אויס העפליכקייט האָט מען איהר אויך געשטעלט פראַגען וועגען דיא קליינע עסטעל. עהרענפעסטיג האָט באָנמאָר אַרויסגענומען זיין לולקע פון מויל; נאָר עס איז אַלץ געווען אַ טרויער אויף איהם אַ קוק צו טאָן נאָך זיינע פערציג יאָהר גראָבען אין דיא מינען, דיא פיס איינגעהאַרטעוועט, דער קערפּער איינגעקאָרצעט, דאָס געזיכט אַזוי וויא דיא ערד; און אַזוי וויא אַ שטאַרקער הוסט האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן, האָט ער בעסער בעשלאָסען אַרויסצוגיין דרויסען, דיינקענדיג, אַז זיין שוואַרצער בראַק וועט זשעניערען דיא געסט.

אַלזיר האָט געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג. וואָס פאַר אַ שיינע קליינע בעלהביתטע מיט איהר טוך! מען האָט געזאָגט קאָמפּלימענטען דער מוטער, וואָס זיא האָט אַזאַ גוטע און קלוגע מיידעלע פאַר איהרע יאָהרען, און קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען איהר הויקער. מען האָט גאָר געוואָרפען מיטליידס־געפיהלען אויף דיא אָרימע סאַליקע.

— יעצט, האָט מאַדאַם הענעבאָ געזאָגט, אויב מען וועט אייך פרעגען איבער אונזערע קוילענגרעבער'ס וואוינונגען, וועט איהר שוין קענען ענטפערן...... אַלע מאָל איז עס אַזוי רוהיג וויא איצטער, פּאַטריאַרכאַלע זיטען, אַלע גליקליך און געזונד וויא איהר זעהט, אַ פּלאַץ וואו איהר האָט געמעגט קומען אַ ביסעל זיך ערהאָלען, צוליעב זיינע גוטע לופט און רוהע......

— עס איז וואונדערבאר, עס איז וואונדערבאר! האט מיט ענטהוזיאזמוס גע־שריען דער הערר מיט דעם ארדען.

און זיי זיינע ארויס מיט דעם צופרידענעם אויסזעהן, מיט וועלכען מען גייט ארויס פון א קירכע אויסטעלונגס־מוזעאום, און מאהיר, וועלכע האט זיי בעגלייט, איז גע־בליבען שטיין אויפן שוועל, וועהרענד זיי זיינע זיך געגאנגען ווייטער, ריידענדיג צווי־שען זיך אין דער הויף. דיא גענלטך זיינען געווארן לעבעדיג, און דיא בעזוכער האבען געמוזט דורכקוועטשען זיך דורך גרופען פרויען, וואס דער קלאנג וועגען דעם וויזיט, שנעל איבערגעגעבען געווארן פון איין הויז אין דיא אנדערע, האט צוזאמענ־געבראכט.

גראדע לעבען איהר טיר האט דיא לעוואק אפגעשטעלט פרוי פיעראן, וועלכע איז געקומען צו לויפען אלס נייגיעריגע. ביידע האבען געזוכט אויסצודריקען, אז זיי זיינען אונאנגענעהם איבערראשט. וויא, דיזע לייטע וועלען דארטען בלייבען שלאפען, ביי דיא מאהידס? עס איז דאך גאר ניט אזוי גוט דארטען?

— שטענדיג אהן א גראשען ביי אלע זייערע פערדיענסטען! אה, ווען מען האט חסרונות און אויסגעלאסענע פיהרונגען! האט דיא פיעראן געזאגט.

— איך האב ערשט זיך דערוואוסט, האט דיא לעוואק געענטפערט, אז זיא איז היינט אין דער פריה אוועק בעטלען צו דיא בורשא פון פיאלעין און אז מעגרא, וועלכער האט אבגעזאגט צו געבען ברויט, האט איהר נאך געלד געליהען.... מען ווייסט דאך שוין, ויא אזוי מעגרא הייסט זיך צאהלען...

— מיט איהר?! אה, ניין, מען מוז האבען א קופערנעם יצר הרע.... דאס האט ער שוין אין אויגעל געווארפען אויף קאטערינען.

— אה, הער נאר, וויא געפעלט דאס דיר, אז זיא האט נאך געהאט די חוצפה מיר אקערשט צו זאגען, אז זיא וועט דערשטיקען קאטערינען, ווען יענע וועט זיך פיהרען וויא אנדערע.... אזוי וויא דער גרויסער שאוואל האט מיט איהר שוין, זייט א צייט, ניט אבגעשפיעלט א שטילע חתונה!

— שא! אט גייען זיי.

דאן האבען ביידע, מיט א גאנץ געמיטהליכען אויסזעהן, אהן אונהעפליכע נייגעריגקייט, אנגעפאנגען צו בעטראכטען דיא בעזוכער. נאכהער האבען זיי מיט א וואונק א רוף געטאן מאהיד, וועלכע האט נאך אלץ געהאלטען אין איהרע הענט דיא קליינע עסטעל. און אלע דריי, אונבעוועגליך, האבען געקוקט אויף די בעקליידעטע רוקענס פון מאדאם הענעבא און איהרע געסט, וועלכע האבען זיך פאמעליך אלץ דערווייטערט. ווען דיא בעזוכער זיינען ארויס פון געסעל, האבען דיא ווייבער פאנאנ־דערגעלאזען זייערע צינגער מיט גרויס חשק אויף זייער רעכנונג.

— אה, עס קאסט גענוג, וואס זיי טראגען אויף זייערע פלייצעס! עס איז פילייכט מעהר ווערטה, וויא זיי אליין.

— אה, זיכער!.... איך קען ניט דיא אנדערע; אבער דיא פון דאנען, וואלט איך פאר איהר ניט געגעבען פיער סו, וויא פעט זיא איז. מען דערציילט פון איהר פיינע געשיכטען......

— ע. וואס פאר געשיכטען?

— זיא האט ליעבהאבערס...... דער אינזשענער איז דער ערשטער.

— אט דער קליינינקער און דארינקער!...... אה, ער איז צו קליין, זיא וועט איהם פערלירען צווישען דיא קישענס און קאלדרעס.

— וואס מאכט דאס אויס ווען עס אמוזירט איהר? איך האב קיין צוטרויען, ווען איך זעה א דאמע, וואס בלאזט פון זיך אן, וואס שיינט קיין מאל ניט צו זיי

צופרידען וואו זיא געפינט זיך.... בעטראַכט נאָר וויא זיא דרייט זיך דאָס, ציי־
נענדיג, אז זיא פעראַכטעט אונז. איז דאָס אנשטענדיג?
דיא בעזוכער זיינען זיך דערווייל געגאַנגען זייער וועג, ריידענדיג אַלץ, ווען א
קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען קירכע. א מאַן פון אונגעפעהר אַכט און
פערציג יאָהר איז ארויס פון איהר, אָנגעטאָן אין א רעדינגאָט, מיט א שווארצע גע־
זיכט און א בעפעהלענד־ען אויסזעהן.
— דער דירעקטאָר! האָט דיא לעוואס געזאָגט מיט א האלבע שטימע, אַזוי
וויא ער וואָלט געקענט דערהערן, דורכגענומען מיט דעם שרעק, וואָס ער האָט ארויפ־
געיאָגט אויף זיינע צעהן טויזענד ארבייטער. עס איז אָבער דאָך וואהר, אז זיין ווייב
שטעלט איהם הערנער......
יעצט איז שוין דער גאַנצער דערפעל געווען דרויסען. דיא נייגעריגקייט פון דיא
פרויען האָט געשטיגען, דיא גרופעס האָבען זיך צוגענעהרט און האָבען זיך צוזאַ־
מענגעשלאָגען אין א מענגע, ווערענד באַנדעס אָבגעלאָזענע קינדער האָבען זיך
געדרייט אויף דיא טראָטוארען, מיט אָפענע מיילער און פערשמירטע נעזלעך. ספע־
ציעל האָט מען זיך צוזאַמענגעקליבען לעבען לעוואק'ס טיר. פיעראָן האָט אויס
פאַרזיכטיגקייט געשוויגען, ווען עס זיינען ארום געווען אזוי פיעל אויערן; מיט לאַנגע
מיילער; און מאהיר, איינע פון דיא פערנינפטיגסטע, האָט זיך אויך בעגניגט מיט'ן
קוקען. ווען הענעבאָ האָט אריינגעזעצט דיא דאַמען אין דער קאַרעטע, וועלכע האָט
זיך א לאָז געטאָן צו דער זייט פון מאַרשיען, האָבען אַלע ווייבער מיט א מאָל
אָנגעפאַנגען צו שרייען און צו מאַכען מיט דיא הענט, און עס האָט געקאָכט וויא
אין א קעסעל.
אָבער עס האָט שוין געשלאָגען דריי א זייגער, און א געוויסער טהייל קויל[ענ]־
גרעבער זיינען אוועק צו דער ארבייט, און באלד האָבען זיך בעוויזען דיא ערשטע
קוילענגרעבער צוריק פון דער מינע, דאָס געזיכט שווארץ, דיא קליידער איינגעשמירט
און איינגענעצט. דאַן איז געוואָרען א גאַנצע צומישענעס צווישען דיא ווייבער. אַלע
האָבען אָנגעפאַנגען צו לויפען, אַלע זיינען אין היילענעס אריין צו זיך, אויפגערעגט
און צומישעלט וויא בעלי־הבית'טעס, וואָס צו פיעל קאַפע טרינקען און צו פיטל בא־
לאַמוטסטווע און רכילות־טרייבען האָבען געמאַכט זיי פערשפעטיגען מיט זייער ארבייט.
און מען האָט געקענט הערען ניט איין אונרוהיגען געשריי, וואָס האָט פאָראויס געזאָגט
קריגעריי:
— אה, מיין ליעבער גאָט! און מיין סופּ — דער סופּ איז דאָך נאָך ניט
פאַרטיג!

IV.

ווען מאהיי איז געקומען אהיים, נאָך דעם וויא ער האָט איבערגעלאָזען עטיען
ביי דעם שיינקער ראַסענעיר, האָט ער גיטראָפען וויא קאַטערינע, זאַשאַריע און זשאַנלען
ענדיגען זייער סופּ. צוריקקומענדיג פון דער מינע איז מען אַזוי הונגעריג, דאָס מען עסט
אין דיא נאַסע קליידער איידער מען וואַשט זיך ארום. נאָך ביין טיהר זייענדיג, האָט
ער בעמערקט דיא עסענוואַרג. ער האָט גאָר ניט געזאָגט, אָבער זיין פערזאָרגטער
געזיכט האָט אָפגעלעבט. דעם גאַנצען פריה־מאָרגען איז ער געווען ניעדערגעשלאָגען,
וואָס אין שטוב איז קיין ברעקעל שפּייז ניט געבליבען, וואָס עס איז אפילו קיין ביסעל
קאַפע ניט געווען, און אין דער צייט, וואָס ער האָט געהאַקט אין דיא קוילענגרוב,
האלב דערשטיקט אין דער טיפעניש פון דער ערד, פלעגט איהם דערלאַנגען א שמערצ־
ליכען שטאָך אין הארצען יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט איהם קומען אויף דיא גע־
דאַנקען זיין וויסטע הויז־ווירטהשאַפט. וויא אַזוי האָט דיא פרוי עס געקראָגען? און
וואָס מען געטאָן, ווען זיא זאָל קומען מיט פוסטע הענט? זיינען איהם דורכגעלאָ־

פען דיא גערדאנקסע, נאר ער האט בעשלאסען צו פרעגען איהר נאכהער און דערווייל האט ער אזש געלאכט פון צופריעדענהייט.

קאטערינע און זשאנלען האבען זיך שוין אויפגעהויבען פון טיש, טרינקענדיג זייער קאפע שטייענדיג, ווען־ענד זאשאריע, וועלכער האט נאך ניט געשטילט זיין הונגער מיט דעם סופ, האט אבגעשניטען א לוסטע ברויט, וועלכע ער האט בעשמירט מיט פוטער און געשמאק אריינגעריבען. ער האט גאנץ גוט געזעהען דיא חזיר־פעטס אויף א טעלער, נאר ער האט עס ניט אנגעריהרט, וויסענדיג, אז דאס פלייש איז נאר פאר דעם פאטער, ווען עס איז נאר געווען פאר איינעם. אלע האבען ארונטער־געשווינקט דעם סופ מיט א גרויסע גלאז וואסער, דער קלאהרער געטראנק פון דיא טעג ביין ענדע פון דיא צוויי־וואכיגע לוין־צאהלונגען.

— איך האב ניט קיין ביער, האט מאהיו געזאגט, ווען איהר מאן האט זיך געזעצט צום טיש. איך האב געוואלט איבערלאזען א ביסעל געלד.... נאר אויב דו ווילסט, וועל איך שיקען אלזיר׳ען עס ברענגען.

ער האט איהר אנגעקוקט ערשטוינט. וויא? זיא האט געלד אויף!

— ניין, ניין, האט ער געענטפערט. איך האב שוין געטרונקען, עס וועט זיין גוט אזוי.

און לאנגזאם האט ער זיך גענומען ארונטערשלינגען דעם סופ, צו וועלכען ער האט צוגעלייגט דעם שווינען־פעטס.

ביים פייער האט זיך דערווייל אנגעהויבען דיא וואשענעס אין א האלבע פאס. קאטערינע, וועלכע האט געהאט דיא פריווילעגיע צו וואשען זיך דיא ערשטע, האט עס אנגעפילט מיט לעפליכע וואסער און האט זיך גאנץ געלאסען אנגעפאנגען אויסצוטאן ביז זיא איז געבליבען גאנץ נאקעט. זיא איז געווען צוגעוויינט דערצו זייט זיא איז געווען אכט יאהר אלט און איז אויפגעוואקסען אהנע צו זעהען אין דעם עטוואס שלעכטעס. זיא האט זיך נאר צוגערוקט מיט דעם בויך צום אויווען און האט זיך שטארק געריבען מיט שווארצע זייף. קיינער האט אויף איהר ניט געקוקט, אפילו העגרי און לענארע זיינען ניט געווען נייגעריג צו זעהען, וויא זיא קוקט אויס נאקעטערהייט. ווען זיא האט זיך שוין ארומגעוואשען, איז זיא, אלץ נאקעט, ארויף דיא טרעפ, איבערלאזענדיג איהר נאסע העמד און דיא אנדערע ארבייטס־קליידער אויף דער ערד; און גלייך נאכדעם האט זיך אנגעפאנגען א קריעג צווישען ביידע ברידער: זשאנלען האט זיך צוגעאיילט און איז אריינגעשפרונגען אין פאס מיט דער אויסריד, אז זאשאריע האלט נאך אין ענדיגען עסע; און זאשאריע האט איהם אפגעשטויסען, פערלאנגט צו זיין דער ערשטער, געשריען, אז ער איז נאר גוט געווען צו לאזען קאטערינען זיך אפוואשען פריהער פאר איהם, אבער אז ער וויל זיך ניט טונקען אין דיא מולענעס פון א יונגאטש, וואס נאכדעם וויא ער וואשט זיך אפ, קען מען מיט דיא וואסער אנפילען דיא טינטערס פון דיא שול. זיי האבען ענדליך געשלאסען שלום, וואשענדיג זיך צוזאמען, מיט דעם פראנט צום פייער, און זיי האבען זיך זאגאר געהאלפען רייבען דעם רוקען. נאכהער זיינען זיי ארויף אויבען גאנץ נאקעט אזוי וויא זייער שוועסטער.

— נו, מאכען זיי דאס אן א בלאטע! האט מאהיו געזאגט צוזאמענעהמענדיג דיא קליידער פון דער ערד, אום זיי אויסצוטריקענען. אלזיר, נעהם וויש דאס אויס......

אבער א געטומעל פון דער אנדער זייט וואנט האט איהר איבערגעהאקט דיא רייד. עס האבען זיך געהערט קללות פון א מאן, דאס געוויין פון א פרוי — קלארע צייכענס פון א שלעגעריי.

— דאס כאפט דיא לעוואק איהר פארציע, האט מאהיו רוהיג געזאגט. דאס איז דאך קאמיש, בוטעלו האט געזאגט, אז דער סופ איז פארטיג.

— אָה, פארטיג! האָט מאהיד געענטפערט. איך האָב געזעהען דיא גרינס אויפ'ן טיש אפילו נאָך ניט ארומגערייניג'ט.

דיא געשרייען האבען אלץ געשטילט, און עס איז פאָרגעקומען אזא שטארקער שטופ, אז דיא וואנט האט זיך וויא א טרייסעל געטאָן, און באלד נאָכדעם איז אלעס געוואָרען שטיל. דאן האָט מאהיי, ארונטערשלינגענדיג דיא לעצטע לעפעל סופ, בעשלאָסען גאנץ קאלטבלוטיג:

— אויב דער סופ איז ניט געוועזען פארטיג, לאָ'ט זיך עס פערשטיין.

און נאָכדעם וויא ער האָט פערטרונקען מיט א גראָז וואסער, האָט ער זיך א נעהם געטאָן צו דעם שטיקעל שווייניגעפלייש און שניידט, וואָס ער האָט געגעסען מיט ברויט, ניט ריידענדיג דערביי א וואָרט. נאָר דער גערוך פון פלייש האָט געמאכט אויפהייבען דיא קעפ פון לענאָרע און העגרי, וועלכע האבען זיך געשפיעלט אויף דער ערד, פכוס־קענדיג זיך מיט דעם פארגאָסענעם וואסער. זייערע אויגע האָבען נאָכגעפאלגט מיט זשעדנעקייט יעדען ביסען פון זייער פאָטער, און ער האָט עס ענדליך בעמערקט.

— האבען זיי אויך געהאט זייער חלק? האָט ער געפרעגט.

און אזוי וויא מאהיד האָט באלד ניט געפונען וואָס צו ענטפערען, האָט ער צו־געזעצט.

— דו ווייסט דאָך, אז איך האָב ניט ליעב אזעלכע אונגערעכטיגקייטען. עס נעהמט ביי מיר אוועק דעם אפעטיט, ווען איך זעה זיי ארום מיר, בעטלענדיג א שטיקעל:

— יא, יא, זיי האָבען דאָך שוין געגעסען! האָט זיא מיט כעס א געשריען. קיק נאָר ניט אויף זיי, דו מעגסט זיי געבען דיין חלק און דעם חלק פון אנדערע, וועלען זיי אלץ שפאָרען אין זיך, כאָטשע זיי זאָלען צופלאצט ווערן.... ניט אמת, אלזיר, מיר האָבען אלע געגעסען פלייש?

— געוויס, מאמע, האָט געענטפערט דיא קליינער הויקער, וועלכע האָט אין אזעלכע פעלע געזאגט ליגען מיט דעם מוטה פון א גרויסען פערזאָן.

לענאָרע און העגרי זיינען געבליבען זיצען אהן בעוועגונג, העכסט ערשטוינט אין אויך אויפגעבראכט פון אזא ליגען, ווען זיי פלעגט מען שמייסען, אז זיי פלעגען ניט זאָגען דעם אמת. זייערע קליינע הערצער האבען זיך צוקאָכט און זיי האָבען שטארק חשק געהאט צו פראָטעסטירען און צו ערקלערען, אז זיי זיינען גאָר ניט געוועזען דערביי, ווען אנדערע האָבען געגעסען פלייש.

— טראָגט זיך אָפּ! האָט געשריען מאהיד טרייבענדיג זיי צום אנדערען עק פון זאאל. איהר האָט זיך בעדארפט שעהמען צו קוקען אין דעם טעלער פון אייער טאטען. און ווען ער זאָל אפילו אליין עסען פלייש, ארבייט ער דען ניט?

מאהיי האָט זיי אָבער צוגערופען צו זיך. הענרייען האָט ער ארויפגענומען אויף זיין רעכטע קניע און לענאָרע'ן אויף דער לינקער און האָט זיך מיט זיי געטהיילט, געבענדיג זיי צו קליינע שטיקעלעך, וועלכע דיא הונגעריגע קינדער האָבען פערצעהרט מיט א וועלפישען אפעטיט.

אז ער האָט געענדיגט עסען, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי:

— ניין, גיב מיר יעצט ניט קיין קאַפע. איך וויל מיך אפריהער אפוואשען.... העלף מיר נאָר ארויסצוגיסען דיזע שמוציגע וואסער.

און זיי האָבען ביידע אנגעכאפט דיא האלבע פאס און האבען עס אויסגעליי־דיגט אין דיא רינע נעבען טיר, ווען זשאנלען איז ארויס מיט טרוקענע קליידער, מיט הייזען און א בלוזע, וועלכע זיינען געווען צו גרויס אויף איהם קומענדיג נאָך פון זיינע עלטערן ברודער'ס פאָרטיגע אין פיס. זעהענדיג, וויא ער גנב'עט זיך ארויס פון שטוב, האָט דיא מוטער איהם אפגעשטעלט.

— וואוהין גייסטו?

— אהין.

— וואו אהין?.... הער נאַר, דו מוזט גיין צונויפקלייבען א סאַלאַט פיר היינט אבענד. הערסט? אויב דו וועסט קיין סאַלאַט ניט ברייננען, וועסט זיך אויסרכטען א שווארצין יאָהר פון מיר.

— גוט, גוט, האָט ער געענטפערט און איז זיך אוועק, שלעפענדיג זיינע הילצערנע שיך, מיט דיא הענד אין דיא קעשענעס, אזוי וויא איין אלטער קוילענגרעבער.

באלד נאָכדעם איז אויך ארונטער זאשאריע, אבער ער איז שוין געווען א סך בעסער אנגעטאָן. זיין פאָטער האָט איהם נאָכגעשריען, אז ער זאָל ניט קומען שפּעט, און ער איז ארויס צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ או דו בענקענדיג א יולזע.

דיא האלבע פאַס איז ווידער געווען אָנגעפיהלט מיט לעפּעלכען וואַסער. כאַזיי האָט זיך לאנגזאם גענומען אויסטאָן, און אויף זייטע א וואונק דאָט אלזיר או עס נעש.עפּט העגרי און לענארע. ער האָט ניט ליעב געהאט צו וואשען זיך פאר דער גאנצער פאמיליע אין דיא אויגען, וויא דאָס האָט זיך געפיהרט אין פיעלע הייזער פון דעם קוילענגרעבערס דערפעל.

— וואָס טהוסטו דאָרט אויבען? האָט מאהיד געפרעגט דורך דיא טרעפּ.

— איך פאַריכט מיין קלייד, וואָס איך האָב נעכטען צוריסען, האָט קאַטערינע געענטפערט.

— זעהר גוט.... קום ניט ארונטער, דען דיין פאָטער וואַשט זיך.

דאַן זיינען מאַז און פרוי געבליבען אליין. זיא האָט זיך בעשלאָסען א וועקצר ליינען אויף א שטול עסטעלע'ן, וועלכע האָט, צום וואונדער, ניט פאנאנדערגעשריען זיך, געפינענדיג זיך הפנים זעהר בעקוועם לעבען פייער. ער, גאנץ נאקעט, אָנגעשפּארט אָן דיא האלבע פּאַס, האָט צוערשט איינגעטונקט זיין קאָפּ, וואָס איז געווען אָנגעזייפט מיט דעם שווארצען זייף, וואָס זיין שטענדיגער געברויכט מאכט גילל און פארבלאָז דיא האָר פון דיא קוילענגרעבער. נאכהער איז ער אריין אין פאַס און האָט זיך שטארק געריבען אלע אברים, וואו זיינע הענד זיינען צוגעקומען, וועהרענד זיא איז געשטאנען דערביי.

— הער נאַר, האָט זיא אָנגעפאנגען, איך האָב בעמערקט דיין קוק, אז דו ביסט אריינגעקומען.. דו האָסט זיך גוט געשראָקען, ניט אמת? דו האָסט מורא געהאַט אז עס וועט ניט זיין וואָס צו עסען.... בעדיינק נאַר אז דיא בורזשוא פון פיאלען האָבען מיר אפילו א סו ניט געגעבען! אה, זיי זיינען פריינדליך, זיי האָבען געגעבען קליידער פאר דיא קליינע, און איך האָב מיך געשעמט צו בעטען, דען עס בלייבט מיר עפּעס שטעקען אין האלז, ווען איך דארף בעטען.

זיא האָט זיך אויף א מינוט אָבגעשטעלט, אום אונטערצושפּארען דיא קליינע, אז זיא זאָל ניט אראָפּפאלען, און ער האָט זיך אלץ געריבען דיא הויט ניט איילענדיג זיך צו שטעלען א פראגע זיין פרוי וועגען דיא געשיכטע, וואָס האָט איהם דאָך שטארק אינטערעסירט.

איך מוז דיר אויך זאָגען, אז מעגרא האָט אָפּגעזאָגט, אבער מאַקע אויף נאָר, באַטש גיב איהם א קריינק.... אזוי וויא מען יאָגט ארויס א הונט. דו קענסט שוין פארשטיין אויף וואָס פאר א צרות איך בין געווען.... דיזע וואָלענע קליידער, דאָס ווארעמט טאַקע גאנץ גוט, אָבער אין מאָגען קומט דערפון גאַר ניט אריין, ניט אמת?

ער האָט איהר אָנגעקוקט, אלץ ניט אויסריידענדיג א וואָרט. גאַר ניט אין פיאָלען, גאַר ניט ביי מעגרא — וואָס דען? וויא געוועהנליך האָט זיא איהם גענומען העלפען אָפּוואשען דעם רוקען. ער האָט איבריגענס ליעב געהאט, אז זיא זאָל איהם

ארויסרייבען און ארומוואשען דעם גאנצען קערפער, און זיא האט איהם אזוי געריבען מיט דעם זייף, אז ער האט זיך געמוזט איינשטייפען און אנכאפען אן פאס.

— אלזא, איך האב מיך צוריקגעקעהרט צו מעגרא און האב איהם ... נו, איך האב שוין אין איהם ארייגגערעט.... אז מען דארף האבען א שטיקעל הארץ, אז ער ווט א מאל אויך צרות האבען...... דאס האט איהם נור גענערגערט, און ער האט געווארפען מיט דיא אויגען, אום זיך ארויסצודרייהען פון מיר.

זיא האט איהם געריבען דעם רוקען אזוי שטארק, אז זיא האט קוים געקענט ארויסריידען א ווארט און האט געמוזט אפציהען דעם אטהעם.

— ענדליך, האט זיא פארטגעזעצט, האט ער מיר גוט אנגעשאלטען, נאר ער האט דאך געגעבען.. . מיר וועלען האבען ברויט ביז שבת, און וואס עס איז נאך שענער, ער האט מיר אויך געליהען פינף פראנק. איך האב נאך ביי איהם גענומען פוטער, קאפע או ציקאריע און האב נאך געוואלט נעהמען ווארשט און קארטאפעל אבער ער האט זיך צובייזערט. איך האב דארום אנדערסוואו געקויפט פאר זיעבען סו שווייגעפעטס און פאר אכצעהן סו קארטאפעל, און עס בלייבט מיר אלזא דריי פראנק פינף און זיבעציג סאנטים פיר א ראגו און א פריש־סופ.... אה, וואס זאגסטו? איך גלויב, אז איך האב מיין פריה־מארגען ניט פערלארען.

יעצט האט זיא שוין איהם אויסגעשווישט, און ער, העכסט צופרידען, גאר ניט טראכטענדיג, וויא שווער עס וועט זיין צו צאהלען דעם חוב, האט זיך פאנאנדערגע־לאכט און האט איהר ארומגענומען מיטביידע הענד.

— לאז דאך, דו גרויסע חיה! דו ביסט דאך נאס.... איך האב אבער מורא, אז מעגרא האט עפעס א מיין דערביי....

זיא האט שוין געוואלט דערציילען וועגען קאטערינען, נאר מיט א מאל האט זיא זיך אפגעהאלטען. וואצו נאך דעם פאטער צו בעאונרוהיגען? דאס קען נאך ברייננען צו צאנקערייען און געשיכטען.

— וועלכע א דען? האט ער געפרעגט.

— אידעען אונז צו בערויבען, וואס דען? קאטערינע וועט מוזען גוט דורכזעהען דעם חשבון......

ער האט איהר ווידער ארומגענומען, און דיזעס מאל האט ער זיא שוין ניט אפגעלאזען. אלע מאל פלעגט זיך דיא באדענעס אזוי ענדיגען.... אין אלע אנדערע הייזער איז עס אויך געווען דיא צייט פון נארעשקייטען און תאוה. נאכהער האט ער נאר אנגעטאן דיא הויזען. זיין פערגניגען איז געווען, נאכדעם וויא ער האט זיך ארומ־געוואשען און געהאט, וואס ער האט גערופען זיין דעסערט, צו בלייבען זיצען אזוי האלב נאקעט.

אין זומערצייט פלעגען זיך דיא קוילענגרעבער אזוי אוועקזעצען לעבען דיא טירען. און אפילו יעצט, ניט אכטענדיג אויף דיא קאלטע פייכטע לופט, איז ער ארוים און האט א געשריי געטאן א גראב־ווארט צו א קאמעראד, וועלכער איז אויך ארומגעגאנגען האלב נאקעט.

טרינקענדיג קאפע האט מאהיי, אלץ אהן א העמד, דערציילט זיין פרוי וועגען דעם כעס פון דעם אינזשענער איבער דיא אונטערשפארונגען אין דער מינע. רוהיג און צושאקלענדיג מיט'ן קאפ, האט ער אויסגעהערט דיא קלוגע ראטהען פון זיין פרוי, וועלכע האט ארויסגעציינט איהר פראקטישען שכל אין אזעלכע זאכען. זיא האט איהם שטענדיג ווידערהאלט, אז ער וועט גאר ניט געווינען דורך ארומרייסען זיך מיט דער קאמפאניע. זיא האט איהם נאכהער דערציילט וועגען דעם וויזיט פון דעם דירעקטאר'ס פרוי, און ביידע האבען זיך געפיהלט שטאלץ דערמיט, כאטשע זיי האבען דאס ניט געזאגט.

— קען מען ארונטערגיין? האט קאטערינע געפרעגט שטייענדיג אויבען אויף דיא טרעפ.

— יא, דיין פאטער טריקענט זיך.

דיא יונגע מיידעל איז ארונטער אין איהר זונטאגס־קלייד, איין אלטע האלב־טר בענע בלויע קלייד, שוין אפגעבלאקירט, אויסגעריבען אין דיא קנייטשען. אויף'ן קאפ האט זיא געטראגען א הוט פון שווארצע טול, אהן שום בעפוצונג.

— זעה, זיא האט זיך גאר אויסגעפוצט.... וואוהין גייסטו דען? האט דיא מוטער געפרעגט.

— איך גיי אין מאנסטו קויפען א לענטע פאר מיין הוט.... איך האב אראבגענומען דיא אלטע, זיא איז געווען צו שמוציג.

— דוא האסט אלזא געלד?

— ניין, מוקעט האט מיר פערשפראכען צו באָרגען צעהן סו.

דיא מוטער האט איהר געלאזען אוועקגיין, אבער באלד האט זיא איהר צוריק־גערופען און איהר געזאגט:

— הער, גיי ניט קויפען צו מעגרא.... ער וועט דיך גענויט בערייסען און וועט דיינקען, אז מיר קייקלען זיך אויף געלד.

דער פאטער וועלכער האט זיך צוגערוקט צום אויווען אום זיך שנעלער אויס־צוטריקענען, האט צוגעזעצט:

— זעה זיך ניט ארומצושלעפען ביי נאכט אויף דיא וועגען.

נאכמיטאג פלעגט מאהייו ארבייטען אין גארטען. ער האט שוין פארזייט קארטאפעל, בעבלעך, ארבעס, און היינט האט ער געהאלטען אנגעגרייט דיא זריעה פון קרויט און סאלאדען. דער גארטען פלעגט צושטעלען גענוג סאלאד, אבער קארטאפעל האט שטענדיג אויסגעפעהלט. מאהייו האט גאנץ גוט פערשטאנען גערטנעריי און פלעגט זיך אויסצייכנען מיט זיינע גרינסען. אז ער האט געהאלטען אין פארזייען, איז לעוואק ארוים אין זיין גערטענדעל מיט א לולקע אין מויל צו בעטראכטען, וויא זיין לאזירער בוטעלו האט פארזייט סאלאד, דען ווען בוטעלו וואלט זיך אביסעל ניט בעשעפטיגט מיט גערטנעריי, וואלטען דארטען נור געוואקסען ווילדע גראזען. און דורך דיא אפצאמונג האבען זיי פארפיהרט א געשפרעך. לעוואק, וועלכער איז געווען צורוהערט און אין שלעכטען מוטה פון דיא שלעגעריי מיט דער וויב, האט אינגעזוכט איינצורעדען זיין שכן זיך אריינצוכאפען צו ראסענעיר'ן. נאך א פאר גלעזלעך ווי, וואס האט מען זיך דא אזוי צו שרעקען? מען וועט שפילען אין קעגלען, מען וועט זיך אביסעל צערשטרייען מיט דיא קאמעראדען און נאכהער וועט מען קומען אהיים צום אבענד־שפייז. דאס איז געווען זייער לעבען נאך דיא ארבייט אין גרוב. געוויס איז אין דעם קיין שלעכטס געווען, אבער מאהייו האט זיך איינגעשפארט אויב ער וועט היינט ניט ארומשיטען דעם סאלאד, וועט זיין פריהערע גאנצע ארבייט פער־לארען גיין, האט ער געטענה'ט; אבער אין אמת'ן האט ער זיך צוריקגעהאלטען, ווייל ער האט ניט געוואלט נעהמען אפילו א גראשען ביי זיין וויב פון דיא געבארגטע פינף פראנק.

עס האט געקלונגען פינף, ווען פיערא איז געקומען זעהן אויב איהר לידיע איז אוועק מיט זשאנלען. לעוואק האט געענטפערט, אז וואהרשיינליך איז עס אזוי, דען בעבער אין אויך פערשוואונדען און דיזע באד־יונגען שלעפען זיך אלע מאל ארום צוזאמען. מאהייו האט זיי איבערגעשלאגען דיא רייד מיט זיינע אויסזיכטען אויף א גוטען סאלאד אין באלד נאך דעם האט ער און לעוואק זיך גענומען צו אטאקיר'ען דיא פיערא מיט זעהר גראבע און געפעפערטע ווערטער. איהר האט עס געערגערט, אבער זיא איז פון דעסטוועגען ניט אוועקגעגאנגען, זייענדיג אין הארצען געשמייכעלט פון

דיא ציגישע ווערטער, וועלבע פלעגען זיא מאכען שרייען און זיך שילטען. צו איהר הילפע איז צוגעקומען א דארע פרוי, וואס איהר כ'עס האט עפעס אויסגעזעהען וויא פון א צורייצטע הוהן, און פיעראן איז ענדליך אוועק העבסט אויפגעבראכט, וואס לעוואק האט איהר געוואלט ארומנעהמען און א קניפ טאן אום צו זעהען וויא פעט זיא איז. נאכהער איז ער אליין אוועק אין שיינק, וועהרענד מאהיי האט אלץ פארזייט אין ארטען

עס האט שוין אנגעפאנגען פינסטער צו ווערן, און מאהיד האט אנגעצונדען דעם קאמפ, זעהר אין כעס וואס ניט איהר טאכטער און ניט איהרע זיהן קומען. קיין מאל האט מען ניט געקענט אויספיהרען, אז אלע זאלען עסען צוזאמען דעם אבענדס מאהלצייט, ווען מען האט זיך געקענט צוזאמענקומען און זיצען ביי איין טיש. אין ווייטער האט נאך געפעהלט דער סאלאד, וואס האט ער דען געקענט צוזאמענקלייבען יעצט אין דער פינסטער, דיזער שווארציאהריגער יונג! א סאלאד וואלט אזוי גוט געווען צו דיא געקעכץ, וואס זיא האט געמאכט פון קארטאפעל, ארבעס און גרינס און נאך דערצו אונטערגעפרעגעלט מיט ציבעלעס! דיא גאנצע הויז האט געשמעקט מיט דיא געבראטענע ציבעלעס — דיזער גערוך, וועלכער דרינגט אזוי דורך אפילו דיא ווענט, דאס פון דערווייטענס דערפיהלט מען שוין דעם טעם פון איין ארימע קיך.

ווען מאהיי איז אריין פון גארטען אין הויז, אז עס איז שוין גוט פינסטער געווארען, האט ער זיך גלייך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל, מיט דעם קאפ אנגע-שפארט אן דיא וואנט. ווען ער פלעגט זיך נאר אזוי אנשפארען אבענדס, פלעגט ער גלייך אנטשלאפען ווערן. דער זייגער האט געשלאגען זיעבען, און הענרי און לעאנארע האבען צובראכען א טעלער, איינשפארענדיג זיך צו העלפען אלזירין צו-צוגרייטען טיש, ווען דער אלטער באנמאר איז אריין דער ערשטער, איילענדיג זיך אפ-צועסען און אוועקצוגיין צו דער ארבייט. דאן האט מאהיד אויפגעוועקט איהר מאן, בעטערקענדיג מיט כעס:

— לאמיר שוין גיין עסען.... זיי זיינען גענוג גרויס צו טרעפען אהיים. דאס וואס ערגערט מיר מעהר פון אלץ, איז וואס דער סאלאד איז ניטא.

V

נאכדעם וויא ער האט אפגעגעסען א סוף ביי ראסנעיר'ן, אט עטיען ארויף אין זיין ענגען צימערל אונטערן דאך, געגענאיבער דיא מינע ווארייי, און האט א פאל געטאן אויפ'ן בעט אין דיא קליידער, פערמאטערט ביז גאר. אין פערלויף פון צוויי טעג האט ער מעהר ניט געשלאפען פיער שטונדען. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, איז שוי געווען פינסטערלעך, און ער איז געבליבען זיצען צומישט, ניט וויסענדיג וואו ער געפינט זיך. ער האט זיך געפיהלט זעהר שלעכט, אין קאפ איז געווען א שווער-קייט, אזוי וויא בליי וואלט דארט געווען אנגעגאסען, און ער האט זיך מיט אנשטרענ-גונג געשטעלט אויף דיא פיס, אום ארויסצוגיין כאפען א ביסעל פרישע לופט, איידער ער וועט האבען זיין אבענד-מאהלצייט און זיך לייגען שלאפען ביי נאכט.

דרויסען איז געווען פייכט, אבער ניט קאלט. דיא לופט איז געווען אנגעפילט מיט פארע, און דער הימעל האט פאראויסגעזאגט לאנגע רעגענס. דיא נאכט האט שוין באלד אלעס בעדעקט מיט איהר פינסטערקייט. עטיען איז געגאנגען וואו דיא אויגען האבען איהם געטראגען, ניט האבענדיג קיין אנדער צוועק, וויא א ביסעל צו פערטרייבען זיין שוואכקייט ווען ער איז פארבייגעגאנגען לעבען ווארייי, האט ער זיך אויף א ווייל אבגעשטעלט, אום צו זעהען וויא דיא קוילענגרעבער גייען פון דער ארבייט.

דיא ערשטע האבען זיך בעוויזען ברילע און איהר אייד'עם פיעראן.

זיך אויף איהם געבייזערט, פאר וואס ער האט איהר ניט אונטערשטיצט אין איהר צאנקעריי מיט דעם אויפזעהער וועגען איהר מאס ארבייט.

— אָה, דו אויסגעריבענע שמאטע! האט דיא אלטע געשריען. וויא קען זיך דאס א מאנספערזאָן אזוי ערנידריגען פאר איינעם פון דיא ווערים, וואס פרעסען אונז!

פיעראָן איז איהר געדולדיג נאָכגעגאנגען אָהנע צו ענטפערן. נאכהער האט ער ארויסגערעדט:

— איך האָב מיך אלזאָ בעדארפט שלאָגען מיט דעם אויפזעהער? קיין אנדערע צרות האָב איך הפּנים ניט.

— נו, פאל איהם צו דיא פיס און בוק זיך פאר איהם! האט דיא אלטע געדונערט. אה, צום טייפעל, ווען מיין טאָכטער וואלט מיר געפאָלגט!.... עס איז נאָך ניט גענוג, וואס זיי האָבען געטויטעט מיין מאן, דו וואָלסט נאָך וועלען איך זאָל זיי דאנקען דערפאר. . .. ניין, זעהסטו, איך וועל נאָך האָבען מיין נקמה אָן זיי.

זייערע רייד האָט עטיען ווייטער ניט געקענט הערען. ער האט נאָר נאָכגעקוקט וויא דיא בריל, מיט איהר אָדלער־נאָז און מיט דיא פאנאנדערגעלאָזענע ווייסע האָר, איז האסטיג געגאנגען און האט פייערדיג געמאכט מיט דיא הענד. אָבער באלד האָט ער דערהערט הינטער זיך איין אנדער געשפרעך. ער האט דערקענט זאַשאַריען, וועלכער האָט אויף עפּעס געוואַרט און צו וועמען זיין פריינד מוקע האָט געזאָגט:

— ווסטו קומען? מיר וועלען עפּעס איבערבייסען און נאכהער וועלען מיר אוועק אין וואולקאַן.

— באלד, איך האָב עפּעס דאָ אַ'ן עסק.

— וואס איז עס?

נאָר דאָ האָט מוקע בעמערקט, וויא פילאָמענע קומט צו פון דער ארבייט, און ער האט געזאָגט:

— אהה, אָט דאס איז דער עסק.... גוט, איך גיי אהין פאָראויס.

— אי, יא, איך וועל דיר דעריאָגען.

עטליכע שריט ווייטער האט זיך מוקע בעגעגענט מיט זיין פאָטער, וועלכער איז געבען ארויס פון דער מינע, און ביידע האבען זיך איינפאך געזאָגט: גוט'ן אבענד; דער זוהן איז אוועק מיט דיא גרויסע וועג, וועהרענד דער פאטער האָט זיך געשלעפּט אין דערליינג פון קאנאל.

זאַשאריא האָט אין דער זעלבער צייט געשטופּט דיא מיידעל צו א זייטיגען וועג באַטשע זיא האט זיך געוועהרט. דיזעס מאל האט זיא קיין צייט געהאט, אז זיי האָבען זיך געקרינגט וויא אלטע מאן און פרוי. עס איז גאָר ניט געווען אזוי בריייכך צו זעהען זיך נאָר דרויסען, בעזאָנדערס אין ווינטער צייט, ווען דיא ערד איז נאס און קאלט און ווען מען האט ניט א ביסעל גראז, וואו זיך צו לייגען.

— אָבער ניין, ניט דאס מיין איך...... האט זאשאריע אונגעדולדיג איהר אפגיהאקט דיא רייד. איך האָב דיר עטוואס אנדערעס צו זאָגען.

ער האָט איהר געהאלטען ארום דער טאליע און האט איהר פאמעלעך מיטגעשלעפּט, און ווען זיי זיינען גישטאנען אין שאָטען אויף א זייט־וועג, האָט ער איהר קורץ גיפרעגט, אויב זיא האט געלט.

— צו וואס דאַרפסטו עס יעצט? האָט זיא גיפרעגט.

ער איז דאן א ביסעל צומישט גיוואָרן און האט איהר אָנגיפאנגען צו דערציילען א מעשה וועגען א חוב פון צוויי פראנק, וואס וועט ברייגגען אין פערצווייפלונג זיין פאַמיליע; נאָר זיא האָט איהם אונטערבראָכען:

— דערצייל מיר ניט קיין מעשיות!...... איך האָב געזעהען מוקע. און דו ווערסט זיין ווידער גיין אין וואולקאַן, וואו עס זיינען דאָ דיזע שמוציגע ע צערינגען....

ער האט געמאכט מיט דיא הענט, זיך געשלאגען אין ברוסט, האט געגעבען זיין ערענווארט אז ניין. נאכהער, זעהענדיג, אז זיא שאקעלט אלץ מיט'ן קאפ, האט ער מיט א מאל אויסגירופען:

— נו, קום מיט אונז, אויב דאס אמוזירט דיר...... דו וועסט זעהן, אז דו וועסט מיר גאר ניט שטערען. איך האב זיי אין ד'רערד, דיא טענצערינען! גייסטו מיט?

— און דער קליינער? האט זיא גיפרעגט. קען מען דען עפעס ערגעץ גיין מיט א קינד וואס שרייט שטענדיג? לאז מיר גיין אהיים, איך וועט, אז דארטען איז עפעס גאר ניט פריעדליך.

אבער ער האט איהר ניט אפגילאזט און האט זיך ביי איהר געבעטען רחמים. ער האט דאך ניט געקענט זיך מיאוס מאכען פאר מוקע, וועמען ער האט פערשפראכען צו קומען. א מאנספערזאן קען זיך ניט לייגען שלאפען אלע אבענד וויא א הוהן. זיא האט ענדליך נאכגעגעבען, האט אויפגיהייבען איהר אונטערקלייד, האט איבערגעשניטען מיט'ן נאגעל א פאדים און האט ארויסגישלעפט עטליכע צעהן שטיק פון א ווינקעלע פון דעם אבשניט. אויס פורכט, אז דיא מוטער וועט ביי איהר צונעהמען ארעס, וואס זיא האט גיקענט האלטען אין דיא קעשענע, פלעגט זיא אין דיא אונטערקלייד פארבינדען דיא געלט פון דיא איבערשטונדען, וועלכע עס פלעגט איהר אויסקומען צו ארבייטען.

— איך האב נאר פינף שטיק, דו זעהסט, האט זיא געזאגט. איך וועל דיר געבען דריי.... ניר דו מוזט מיר שווערען, אז דו וועסט צווינגען דיין מוטער, זיא זאל אונז לאזען חתונה האבען. איך האב שוין גענוג פון דיזען לעבען אין לופטען!...... און דערצו נאך ווארפט מיר מיין מוטער אויס יעדען ביסען, וואס איך עס. נו, שווער מיר, אז דו וועסט טאקי טאן וויא איך זאג דיר.

זיא האט גערעדט מיט א געלאסענע שטימע, אהן ליידענשאפט, בלויז אויסגעמאטערט פון אזא לעבען. ער האט געשווארען, געשריען, אז דאס איז דאך א פערשטראכענע, א היילינע זאך; נאכהער, אז ער האט שוין גענומען דיא דריי מטבעות אין האנד, האט ער איהר געקושט, געקיצעלט, געמאכט לאכען און ער וואלט נאך ווייטער געגאנגען און ווארט איהר געבראכט צום ארט, וועלכער איז גיוועזען דערביי און האט געדיענט אלס זייער ווינטער-צימער, ווען זיא וואלט איהם ניט אפגעשטויסען און ערקלערט, אז זיא מוז גלייך גיין א היים. זיא איז זיך אוועק אליין, וועהרענד ער האט אנגעפאנגען צו לויפען, אום צו דעריאגען זיין קאמעראד.

עטיען האט זיי נאכגעפאלגט מיט זיינע אויגען אהנע צו פערשטיין, וואס דא איז איינענטליך פארגיקומען, דיינקענדיג וועגען א געוועהנליכע בעגעגעניס פון א פארעל. דיא מיידלעך זיינען געוועזען פריהצייטיג אין דיא קויל-מינען, און ער האט זיך דערמאנט אן דיא ארבייטערינען פון ליל, אויף וועלכע ער פלעגט ווארטען הינטער דיא קראמען; — דיזע באנדעס פון פערדארבענע פירצעניעהריגע מיידלעך אין דיא אבגעלאזענקייט פון ארמוטה.

אבער נאך א בעגעגעניס האט איהם גאר איבערראשט. ער האט זיך אפגעשטעלט און צוגעהערט.

דאס איז געוועזען דער קליינער זשאנלען, וועלכער האט זיך שטארק געבייזערט אויף לידיע און בעבער, וואס זיינען ניזעסען לעבען איהם אויף שטיינער.

— הא, וואס זאגט איהר?.... איך וועל אייך דערלאנגען נאך פעטש, אויב איהר וועט נאך אלץ ניט זיין צופרידען.... נו, זאגט, ווער פון אונז איז דען געפאלען אויף דעם פלאן?

און אין אמתין, זשאנלען איז געפאלען אויף דעם פלאן. נאכדעם וויא זיי האבען אלע דריי געקליבען איבער א שטונדע סאלאד אין דיא פעלדער לעבען קאנאל, האט

ער זיך בערעכענט, אז דאס אלעס וועט מען גאר ניט קענען אויפעסען אין דער היים און ער איז אוועק אין מאנטסו יאגענדיג לידיע צו קלינגען אין דיא חיזער פון דיא בורזשוא און פארצושלאגען סאלאד צו קויפען. ער האט געזאגט, וויסענדיג עס פון ערפאהרונג, אז מיידלעך קענען פערקויפען אלעס וואס זיי ווילען. אין דער היץ פון דיזען האנדעל איז דער גאנצער סאלאד פערקויפט געווארן, אבער לידיע האט דער־ביי גימאכט עלף סו; און יעצט זיינען זיי גיזעסען מיט ליידיגע הענט און האבען זיך געקריגט וועגען דיא חלוקה.

— דאס איז אונגערעכט! האט אויסגערופען בעבער. מען מוז צוטהיילען פאר דריי גלייך..... אויב דו לאזט פאר זיך זיעבען סו, וועלען מיר צוויי נור האבען צו צוויי סו.

— ווארום עפעס אונגערעכט? האט זיך זשאנלען אפגערופען מיט כעס. איך האב דאך מעהר פאר אייך צוזאמענגעקליבען.

אבוואהל בעבער איז געווען דער עלטערער, פלעגט ער ניט נאר נאכגעבען אין אלעס דעם קליינעם זשאנלען, זאנדערן ער פלעגט זיך זאגאר לאזען פאטשען פון איהם. נור דיעזעס מאל האט איהם דיא אויסזיכט אויף געלד אויסערגעוויינליך אויפגערעגט און געטריבען צו א ווידערשטאנד.

— ניט אמת, לידיע. ער בע׳גנב׳עט אונז? האט ער געזאגט. אויב זשאנלען וועט זיך ניט טהיילען מיט אונז, וועלען מיר אלעס דערצייהלען זיין מוטער.

דא האט איהם גלייך זשאנלען דערלאנגט א זעץ מיט׳ן פוס אונטערן נאז.

— נו, זאג עס נאך א מאל..... און איך וועל גיין זאגען צו אייערע עלטערן, אז איהר האט עס פערקויפט מיין מוטערס סאלאד.... און ווייטער, פערדעשע קאפ, קען איך דען צוטהיילען עלף סו אויף דריי גלייכע חלקים? פרוביר עס, דו גרויסער חכם... נו, האט איהר אייך אייערע צוויי סו, און אייכט זיך עס צו נעהמען, דען איך וועל באלד אלעס אריינלייגען אין מיין קעשענע.

בעבער האט דאן געבען גימוזט צונעהמען, וואס זשאנלען האט איהם דער־לאנגט. לידיע האט גאר ניט געזאגט, דען זיא האט פאר זשאנלענען געפיהלט עפעס א פחד און א צונייגונג אזוי וויא א געשלאגענע פרוי. ווען ער האט געוועלט דער־לאנגען דיא צוויי סו, האט זיא אויסגעצויגען דיא האנד מיט איין אונטערטעניגען שמיי־כעל; אבער ער האט זיך מישב געווען:

— אה, וואס וועסטו טאן מיט דעם געלד?.... דיין מוטער וועט עס דאך ביי דיר היינט אבענד צונעהמען, אויב דו וועסט עס ניט וויסען וויא צו בעהאל־טען.... עס איז בעסער, אז איך זאל עס האלטען פאר דיר.... ווען דו וועסט נייטיג האבען געלד, וועסטו עס מיר זאגען......

און דיא ניין סו זיינען ארונטער אין זיין קעשענע. אום איהר צו פערמאכען דיא מויל, האט ער זיא ארומגענומען לאבענדיג און האט זיך אנגעפאנגען צו קייקלען מיט איהר אויף דעם פעלד. פון זעהען און הערען, וואס עס טהוט זיך ארום זיי, זיינען זיי געווארען פריהצייטיג פערדארבען און אויסגעלאסען. זיי האבען זיך ניט געשפיעלט אין טאטע־מאמע וויא אונשולדיגע קינדער אין זייער עלטער. בעבער, וועלכער פלעגט כאפען פעטש פון זשאנלען, ווען ער פלעגט זיך נאר צוריהרען צו לידיען, פלעגט צוקו־קען מיט קנאה און כעס, וויא דיא צוויי פלעגען זיך אמוזירען, גאר ניט שעמענדיג זיך פאר איהם. דארום פלעגט ער נאר האבען איין געדאנק זיי איבערצושרעקען, שרייענ־דיג אז מען זעהט אלעס.

— אט האט מען אייך געפאקט, א מאן קוקט! האט ער אויסגעשריען.

דיזעס מאל האט ער קיין ליגען ניט גיזאגט, דען עטיען האט זיך גינומען פארט־זעצען זיין וועג. דיא קינדער זיינען אויפגישפרונגען און זיינען זיך צולאפען, און ער איז זיך אוועק מיט דער זייט פון קאנאל, אונטערשמייכלענדיג וועגען דעם שרעק פון

דיא קליינע טוינעניכטסען. געווים איז עס צו פריה פאר זיי; אָבער ער האָט נאָך ערגערע זאכען גיזעהן אין זיין לעבען. אויף'ן הארצען איז איהם אָבער גיוואָרען טרויעריג.

א הונדערט טריט ווייטער האָט ער זיך אָנגישטויסען אויף אנדערע פאָרעלעך. ער איז צוגיקומען צו רעקיאר, און דאָרט, ארום דיא אלטע פערלאָזענע מינע, פלעגען זיך דיא מיידלעך פון מאָנטסו ארומוואנדערן מיט זייערע געליבטע. עס איז גיוועזן פאר זיי דער געוויינליכער אָרט פון צוזאמענקומען, דער אָפּגעווייטערטער און ליידיגער פלאץ, וואו דיא קוילענגרעבערס טעכטער פלעגען ווערן צום ערשטען מאָל מוטערס. דאָרט האבען זיך געוואלגערט גינוג שטיינער און קלעצער, עס זיינען געבליבען אלטע חורבות און פוהרען, און גראָז און קוסטעס האָבען פערכאפּט יעדע ליידיגע שטיקעלע ערד; און דארום האָט זיך יעדע מיידעל גיקענט קריגען איהר בעשטימטען אָרט; און דיא פאָרעלעך פלעגען זיך אויסלייגען אין אלע ווינקעלעך, אָפּט איינע לעבען דיא אנדערע.

א וועכטער האָט פון דעסטוועגען דאָרט גיוואהנט — דער אלטער מוק, וועמען דיא קאָמפּאניע האָט אָפּגיגעבען לעבען דעם אריינגאנג צו דיא אלטע מינע צוויי קאמערלעך, וועלכע זיינען גיוועזן אין שטענדיגע גיפאהר איינצופאלען. דאָרט האָט ער זיך פון דעסטוועגען גאנץ רוהיג גיוואהנט מיט זיין פאמיליע: ער מיט זיין זוהן מוקע אין איין צימער, און זיין טאָכטער מוקעט אין דעם אנדערן צימער. אזוי וויא דיא פענסטער האבען ניט גיהאט קיין איינציגע שויב, האָט ער זיי איינפאך פערשלאָגען מיט ברעטער. מען האָט דארום גאנץ ווייניג גיקענט זעהן אין צימער, אָבער דערפאר איז עס גיוועזן וואַרעם. דיזער וועכטער האָט אייגענטליך גאָר ניט געהיט: ער פלעגט זיך טאָן זיין ארבייט אין וואָרעקס און זיך קיין מאָל ניט באשעפטיגען מיט דיא חורבות פון רעקיאר, וואָס דיא קאָמפּאניע האָט נאָר בענוצט אלס א קוימען פאר דורכלופטערן דיא נעכסטע מינע.

און אזוי האָט דער אלטער מוק גיענדיגט זיינע יאָהרען צווישען דיזע אלע שטיקלעך חתונות. ווען זיא איז נאָך אלט גיוועזן צעהן יאָהר, האָט מוקעט געהאט א ליעבהאָבער. דער פאָטער האָט גאָר ניט גיהאט אויסצוזעצען, דען זיא איז אלע מאָל גיוועזן גיהארבואָם און האָט ניט געוואגט צו ברייגגען איהרע ליעבהאָבערס צו זיך אהיים. נאכהער האָט ער זיך צוגעוויינט דערצו. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט ביי נאכט גיין אין וואָרעקס אָדער קומען פון דאָרט, האָט ער ניט געקענט רוהיקירען, א כראָט אָהנע אָנצוטרעטען אויף א פאָרעל אין דעם גראָז; און נאָך ערגער פלעגט איהם אויסקומען, ווען ער פלעגט דארפען צוזאמענקלייבען האָלץ פאר זיין סופּ: ער האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוויינט צו גיין זעהר פאָרזיכטיג און פלעגט זיך גאָר ניט קימערן וואָס טהוט זיך ארום איהם; אסוראט וויא פליגען אָדער פויגעל זיינען פאר איהם געווען דיא פאָרעלעך. צייטענווייס פלעגט ער דאָך שאָקלען מיט'ן קאָפּ, בע, דויערנדיג שטיקערהייט זיינע אלטע יאָהרען.... אה, דיזע יוגענד! וויא זיא לעבט, וויא זיא אמוזירט זיך! איין זאך נאָר האָט איהם זייט א געוויסע צייט א ביסעל גיערגערט: א פערליעבטע פאָרעל האָט זיך גענומען צוזאמענטרעפען גראדע לעבען דיא וואנט פון זיין חורבה; זיי האָבען איהם אפילו ניט געשטערט אין זיין שלאָף, נאָר ער האָט מורא געהאט, אז זיי זאָלען איהם ניט איינוואָרפען דיא וואנט.

יעדען אבענד פלעגט דער אלטער מוק בעקומען א וויזיט פון זיין פריינד, דעם אלטען באָנמאָר, וועלכער פלעגט רעגעלמעסיג מאכען זיין שפּאצירגאנג פאר אבענד שפּייז. ביידע אלטע פלעגען גאָר ניט ריידען, זיי פלעגען קוים אויסבייטען א פּאָר ווערטער אין דיא האלבע שטונדע, וואס זיי פלעגען צוזאמענזיצען. אָבער עס האָט זיי דאָך צערשטרייט אין פערגאנגענע פערשאפט צו טראכטען וועגען אלטע זאכען, און

וועלכע זיי פלעגען זיך דערמאָנען אָהנע צו זיך צו פיהלען גענייטיגט עפּעס צו ריי־דען. אין רעסיאר פלעגען זיי זיך אנידערזעצען אויף א קלאָץ, זייט ביי זייט, פלעגען אויסמורמלען א וואָרט און נאכהער זיך אָבגעבען צו זייערע טרוימען, מיט דיא קעפּ איינגעבויגען צו דער ערד. זיי האָבען זיך דאן געפיהלט יונג. און ארום זיי האָבען דיא יונגע לייט ארומגעשלעפּט דיא מיידלעך, עס האָבען זיך געהערט געלעכטער און קושען, און א ווארעמער גערוך פון דיא מיידלעך האָט זיך צוזאמענגעמישט מיט דעם גערוך פון דיא גראָז. נאָך מיט דריי און פערציג יאָהר צוריק האָט באָנמאָר גענומען זיין פרוי לעבען דיזע גרובע, א דארע און קראַנקע זיפּערין פון קוילען. אהן דאָס זיינען געוועזן דיא שעהנע, לעבעדיגע צייטען! און דיא אלטע פלעגען פאנאנדער־גיין, אפּטמאָל אָהנע זיך צו זאָגען אפילו גוט־נאכט.

דיזען אבענד אָבער, ווען עטיען איז צוגעקומען נאָהענט צו זיי, האָט דער אַל־טער באָנמאר, זיך אויפהייבענדיג פון קלאָץ צו גיין א היים, געזאָגט צו זיין חבר:

— גוט נאכט, אלטער! זאָג נאָר, האָסטו געקענט דיא רוסי?

מוק איז געבליבען א ווילע שטיל, האָט א קוועטש געטאָן מיט דיא פּליי־צעס, און ארייננגייענדיג נאכהער צו זיך אין צימער, האָט ער גיענטפערט:

— גוטע נאכמ, גוטע נאכט, אלטער!

עטיען האָט זיך אויך געזעצט אויף א קלאָץ. זיין מרה שחורה איז גרעסער גע־וואָרען, און ער האָט אליין ניט געוואוסט ווארום. באָנמאָר, וועמעס איינגעבויגענעם רוקען ער האָט געזעהען זיך דערווייטערן פון איהם, האָט איהם דערמאָנט אָן זיין אָנקומען אין דער פריה און אָן דיא ווערטער, וואָס דער בייזער ווינט האָט ארויס־געריסען ביי דיעזען שוויגעדיגען ארבייטער. אה, וואָס פאר איין ארמוטה! און דיעזע מיידלעך, אלע אויכגעדארט און אויסגעמאטערט, זיי זיינען נאָך אזוי דום צו געבאָרען קינדער — פלייש צו דער ארבייט און צו פּייניגונג! קיין מאָל וועט זיך עס ניט ענדי־גען, ווען זיי וועלען זיך אזוי לאָזען שאפען הונגערנדע נשמות. האָבען זיי דען בעסער ניט בעדארפט אָפּטראָגען זיך ביי יעדע צונעהרונג פון אונגליק? נאָר פיליכט האָבען זיך איהם נעפּלאָנטערט אין קאָפּ דיזע ביטערע געדאנקען, ווייל עס איז איהם געוועזן לאנגווייליג צו זיטצען אליין, ווען אנדערע זיינען זיך אין דער זעלבער צייט געגאנגען זאלבערנאנד אום צו האָבען פערגניגען? דיא דושגע און פייכטע לופט האָט איהם גע־שטיקט, און טראָפּענס רעגען, נאָך זעלטען דערוויילט, זיינען גיפאלען אויף זיינע פיבער־האפטע הענט. יא, אלע מיידלעך זיינען דאָ דורכגיגאנגען, דאָס איז גיוועזן שטארקער וויא דער פערשטאנד....

גראדע וויא עטיען איז אזוי געזעסען פערטראכט, איז א פּאָרעלע צוגעקומען פון מאָנטסו און איז לעבען איהם פארבייגעגאנגען אָהנע איהם צו זעהען. דיא מיידעל, נאָך נאָר א יונגע, האָט זיך געוועהרט, האָט געבעטען מיט א געדריקטע שטימע, וועהרענד ער, אָהן א וואָרט צו ריידען, האָט איהר געשטופּט און געשלעפּט צו א דונקעלען ווינקעל פון איין אלטען שטאל, וועלכער האָט זיך נאָך מיט נסים געהאַל־טען. דאָס זיינען געוועזן קאטערינע און דער לאנגער שאוואל. עטיען האָט זיי אָבער ניט דערקענט און האָט זיי נאָכגעפאָלגט מיט דיא אויגען, אום צו זעהען דעם סוף.

פערלאָזענדיג דעם דערפעל, איז קאטערינע אוועק נאָך מאָנטסו מיט דעם הויפּטוועג. זייט זיא איז אלט געוועזן צעהן יאָהר, זייט זיא האָט זיך ערנעהרט דורך איהר ארבייט אין דער מינע, איז זיא ארומגעגאנגען איבעראל אליין, אין דער פולער פרייהייט פון קוילענגרעבער פאמיליען. און אויב קיין מאנספּערזאָן האָט זיא נאָך ניט געהאט, ווען זיא איז שוין געוואָרען אריבער פופצעהן יאָהר, איז עס נאָר געוועזן, ווייל זיא איז נאָך ניט געוועזן פיזיש גענוג ענטוויקעלט.

זיא איז צוערשט אריין צו א וועשערין, וואו זיא איז געוועזן זיכער צו געפינען מוקעט,

וועלכע האט דא פערבראכט די א צייט, מיט פרויען, וואס פלעגען זיך נעגעזייטיג טראקטירען מיט קאפע א גאנצען טאג. אבער זיא איז זעהר טרויעריג געווארען צו הערען, דאס מוקעט האט אויסגעבראכט איהר גאנצען קאפיטאל אויף טראקטירען און האט שוין ניט געקענט בארגען די פערשפראכענע צעהן סו. אום קאטערינען צו טרייכטען, האט מען איהר פארגעשלאגען א גלאז הייסע קאפע. קאטערינע האט ניט געוואלט, אז מוקעט זאל פאר איהר לייהען די צעה סו — עפעס איין אבערגלויבישע פורכט האט איהר אנגעכאפט, און זיא איז געווען זיכער, אז אויב זיא וועט היינט קויפען די לענטע, וועט עס איהר ברייננען אונגליק.

זיא האט זיך דארום געאיילט צוריקצוגיין אהיים, און זיא איז שוין געווען ביים כוף פון מאנטא, ווען א מאן, שטייענדיג ביי דער טיער פון פיקעט'ס שיינק, האט צו איהר, אויסגערופען:

— ע, קאטערינע! וואוהין גייסטו?

דאס איז גיוהען דער לאנגער שאוואל. זיא איז געווען דערפון ניט צופרידען, אבער ניט ווייל ער איז איהר ניט געפעלען געווען, נאר ווייל זיא האט עפעס גאר ניט פריי־לעך געפיהלט.

— קום דאך אריין עפעס טרינקען, האט ער פארטגעזעצט, א גלעזעלע ליקער ווילסטו?

זיא האט זיך פריינדליך אפגעזאגט דערפון; עס איז שוין באלד גאר פינסטער, און מען ווארט אויף איהר צו הויזע. ער איז אבער צוגעגאנגען צו איהר און האט זיך ביי איהר געבעטען מיט א שטילע שטימע. זיין שטרעבונג איז שוין זייט לאנג געווען צו בעווענען איהר, אז זיא זאל ארויפקומען צו איהם אין צימער אויף דעם ערשטען עטאזש פון פיקעט'ס שיינק, א גרויסער שיינער צימער מיט א גרויסע בעט. האט ער דען אויף איהר א שרעק ארויפגעיאגט, וואס זיא האט איהם אזוי אפגעזאגט? זיא האט איהם לאכענדיג געענטפערט, דאס זיא וועט צו איהם קומען אין א צייט ווען ער וועט זיך גאר דערויף ניט ריכטען. נאכדעם איז זיא, ניט וויסענדיג אליין וואו ם, געקומען צו ריידען מיט איהם וועגען די לענטע, וואס זיא האט ניט געקענט קויפען.

— אבער איך וועל דערפאר בעצאהלען, האט ער איהר פארגעשלאגען.

זיא איז רויט געווארען, פיהלענדיג, אז זיא וועט גוט טאן איהם אפצואגען, אבער פון דער אנדער האנט האט זיך איהר דאך זעהר געוועלט האבען א לענטע. און עס איז איהר אריינגעקומען דער געדאנקען צו לייהען ביי איהם. זיא האט דארום נאכגעגעבען מיט דער בעדינגונג, אז זיא וועט איהם אפצאהלען, וואס ער וועט פאר איהר אויסגעבען. אבער באלד האט זיך אנגעפאנגען איין אנדער שוועריגקייט, ווען ער האט איהר פארגעשלאגען צו גיין צו מעגרא:

— ניין, ניין, האט זיא געזאגט, ניט ביי מעגרא, מיין מוטער האט עס מיר ניט געהייסען.

— זיי דאך קיין קינד ניט, האט ער זיך אפגערופען, דארף מען דערציילען, וואוהין מען גייט? מעגרא האט דאך די בעסטע לענטעס אין מאנטסו.

ווען מעגרא האט זייביידען געזעהען אריינקומען אין זיין מאגאזין, אזוי וויא צוויי פערליעבטע, וואס קומען קויפען חתונה־געשאנקען, איז ער געווארען רויט און ער האט זיי געצייגט די לענטעס מיט דעם כעס פון א מאן, וואס זעהט אז מען לאכט זיך אויס פון איהם. און ווען זיי זיינען ארויס, האט ער זיך געשטעלט לעבען טיר, אום נאכצושפירען, וואוהין זיי גייען אוועק; און ווען זיין פרוי האט איהם עפעס געפרעגט מיט א דערשלאגענע שטימע, איז ער אויף איהר אנגעפאלען, האט אויסגעלאזען זיין כעס צו איהר און האט געשריען, אז ער וועט נעהמען נקמה פון די אלע וואס זיינען אונדאנקבאר, ווען זיי האבען זיך בעדארפט בוקען צו איהם און קושען זייגע שטיוועל.

דער לאנגער שאוואל האט בעגלייטעט קאטערינען. ער איז געגאנגען לעבען איהר מיט אראפגעלאזענע הענד, נאר ער האט איהר אונטערגעשטופט מיט'ן זייט, און זיא האט נאר ניט בעמערקט, וויא ער האט איהר אזוי אנגעפיהרט. זיא האט זיך נאר מיט א מאל ארומגעזעהען וויא ער האט איהר געמאכט פארלאזען דעם גרויסען וועג און וויא ער האט איהר אריינגעפיהרט אין דעם שמאלען וועג פון רע־קיאר. אָבער זיא האט קיין צייט געהאט זיך צו בייזערן: ער האט איהר שוין גע־האלטען פאר דער טאליע און האט איהר בעטויבט מיט ליעבע־ערקלערונגען און לאס־קעס. איז זיא דען אזא בהמה, אז זיא זאל זיך שרעקען פאר איהם? האט ער דען געוועלט שלעכטס טאן אזא קליינע מיידעל, וואס איז וויך וויא זייד און אזוי צערטליך? און ער האט איהר געשושקעט אין אויער און געקושט אין האלז, אז איהר איז אריבער א ציטער איבערן גאנצען קערפער. זיא האט זיך ניט געפונען וואס צו ענטפערן. עס האט זיך איהר געגלויבט, אז ער האט איהר ליעב. לעצטען שבת אבענד, נאכדעם וויא זיא האט אויסגעלאשען דאס ליכט, האט זיא זיך גראדע געפרעגט, וואס וועט זיין, ווען ער וועט זיך צו איהר אזוי צוטשעפען; נאכהער איז זיא איינגעשלאפען און איהר האט זיך געחלומ'ט, אז זיא האט זיך שוין מעהר ניט געוועהרט, פיהלענדיג נאר פערגניגען. ווארום אָבער האט זיא יעצט געפיהלט עפעס אן עקעל און א בעדויערן? אין דער צייט, וואס ער האט איהר געקושט און גע־דריקט צו זיך, האט זיא א דערשראקענע צוגעמאכט דיא אויגען, און דער שאטען פון איין אנדער מאן, פון דעם יונגען מאן, וואס זיא האט געזעהען היינט אין דער פריה, האט זיך דורכגעריסען דורך איהרע ברעמען.

פלוצלונג האט זיך קאטערינע ארומגעקוקט. שאוואל האט איהר שוין פערשלעפט צווישען דיא חורבות פון רעקיאר, און זיא איז מיט שרעק אפגעטראטען עטליכע שריט צוריק.

— אה, ניין, אה ניין! האט זיא ציטער'ענדיג אויסגערעדט. איך בעט דיך, לאז מיך אפ!

דיא פורכט פאר א זכר האט איהר אזוי וויא פעריריקט געמאכט, דיזע פורכט, וועלכע שטארקט דעם אינסטינקט פון פערטהיידיגונג אפילו, ווען דיא מיידלעך ווילען נאכגעבען און פיהלען דעם זיעגרייכען צוטרעטען פון א מאנספערזאן.

— אה, ניין, ניין! האט זיא געשריען. איך האב דיר דאך שוין געזאגט, אז איך בין צו יונג.... שפעטער, ווען איך וועל ווייניגסטענס עטוואס ענטוויקעלטער זיין.

ער האט זיך שטארק געקאכט.

— חיה! האט ער מיט א פערשטיקטע שטימע גיענטפערט. דו האסט דאך אלזא ניט וואס מורא צו האבען.... וואס שרעקסטו זיך אזוי?

און ער האט איהר מיט גוואלט ארומגענומען און אנידערגעשליידערט.... זיא איז געפאלען צווישען אלטע שטריק און שמאטעס, האט זיך שוין ניט געוויינערט, נאכגעבענדיג מיט דיא איינגעבארענע אונמערווארפענהייט פון דיא קוילענגרעבער'ס טעכטער.

עטיען האט זיך דיא גאנצע צייט צוגעהערט אהנע צו געבען זיך א ריהר. נאך איינע וואס ווערט א פרוי פאר דער צייט! נאר מיט א מאל האט ער זיך א לאז געטאן גיין, זעהר אויפגערעגט, עפעס דורכגענומען מיט א געפיהל פון אייפערזוכט און כעס. ער האט זיך ניט זשעניערט און האט געשפרייזט איבער דיא קלעצער, אָבער זיי זיינען געווען צופיעל בעשעפטיגט, אום עס צו בעמערקען. און ער איז געווארען פערוואונדערט, ווען ער האט, נאכדעם וויא ער האט זיך דערוויטערט אויף א הונ־דערט שריט און זיך ארומגעקוקט, דערזעהען וויא זיי האבען זיך שוין אויפגעהויבען און האבען גענומען גיין צו דעם ארט, וואו ער איז געבליבען שטיין. דער מאן האט

ווידער געהאלטען דיא מיידעל ארום דער טאליע, דריקענדיג איהר צו זיך מיט א געפיהל פון דאנקבארקייט און ריידענדיג צו איהר אויפ'ן אויער; און זיא האט זיך גע־שיינט צו איילען, צו גיין וואס שנעלער א היים, זעהר ניט צופרידען מיט זיך.

עטיען האט שטארק חשק געקראגען צו זעהען דיזע פאר. ער האט געפיהלט, אז דאס איז א דומהייט, און ער האט גישטעלט פיס, אום זיך דערווייטערן; אבער זיינע שריט זיינען אלץ קלענער און שוואכער געווארן, און ביי דיא נעכסטע לאנטערנע האט ער זיך אין גאנצען אפגישטעלט און זיך בעהאלטען אין שאטען. ער איז געבליבען וויא א פערשטיינערטער, ווען ער האט דערקענט אין דיא פארביינעהענדע פאר קאַ־טערינען און דעם לאנגען שאוואל. עס האט זיך איהם אנפאנגס ניט געגלויבט: איז עס ווירקליך זיא, דיזע מיידעל אין א דונקעל בלויע קלייד און א הוט? איז זיא דאס דיא זעלבע, וואס ער האט אין דער פריה געזעהען אין איהרע ארבייטסס־הויזען? נאר באלד האט ער ניט געצווייפעלט, און ער האט דערפיהלט א ווילדען חשק צו נעהמען ראכע פון איהר, אהנע צו וויסען ווארום און פעראכטענדיג איהר.

לאנגזאם זיינען קאטערינע און שאוואל פארביינעגאנגען. זיי האבען קיין אהנונג געהאט, אז מען האט זיי אזוי נאכגעשפירט; ער האט איהר אלץ גיהאלטען ארומ־גענומען און געקושט, וועהרענד זיא האט זיך אלץ פערשפעטיגט אונטער זיינע לאס־קעס, וועלכע האבען איהר געמאכט לאכען. בלייבענדיג הינטער, האט עטיען זיי נאכגעפאלגט מיט זיינע בליקען, אויפגעבראכט וואס זיי האבען איהם פערשטערט דעם וועג און זייענדיג געצוואונגען צו זעהען זאכע, וואס האבען איהם אין פערצווייפ־לונג געבראכט. עס איז אלזא געווען אמת, וואס זיא האט איהם אין דער פריה גע־שווארען, אז זיא געהערט נאך צו קיינעם ניט, און ער האט עס ניט געגלויבט און ער האט זיך עס אפגעזאגט צו טאן דאס זעלבע, וואס דער אנדערער! און יענער האט איהר ביי איהם צוגענומען אונטער זיין נאז! דאס האט איהם משוגע געמאכט פאר כעס, און ער וואלט אויפגעגעסען דיזען מאן, זייענדיג אין אזא מערדערישען צו־שטאנד, ווען ער האט זיך קוים גיקענט קאנטראלירען.

ווען דיא פאר זיינען צוגעקומען צו וואריי, האבען זיי אנגעפאנגען צו גיין לאנג־זאמער; זיי האבען זיך צוויי מאל אפגעשטעלט אויף דעם ברעג פון קאנאל און דריי מאל אויף די פעלדער, זייענדיג יעצט זעהר פריילעך און אמווירענדיג זיך מיט ליעב־ליכע צערטליכקייטען. עטיען איז זיי נאכגעגאנגען און האט זיך אויך געמוזט אפ־שטעלען, פירכטענדיג, אז זיי זאלען איהם ניט באמערקען. ער האט זיך געסטארעט צו האבען נאר חרטה אויף איין זאך: וואס ער האט צופיעל צערעמאניעס געמאכט מיט מיידלעך. שליסליך, ווען ער איז צוגעקומען צו ראסענעיר'ס שיינק און האט גע־קענט אריינקומען צו זיך, איז ער זיי דאך נאכגעגאנגען. ער האט זיי בעגלייט ביז דעם דערפעל און איז געבליבען שטיין אין שאטען, ווארטענדיג א פיערטעל שטונדע ביז שאוואל האט געלאזען קאטערינען אריינגיין אין שטוב. און ווען ער איז געווען גאנץ זיכער, אז זיי זיינען שוין ניט צוזאמען, האט ער זיך געלאזט גיין מיט דעם וועג פון מארשיען, טראכטענדיג וועגען גאר ניט, צו פיעל גערדריקט און פערטרויערט, אום צו פערבלייבען אין זיין צימער.

ערשט אין א שטונדע ארום, ווען עס איז שוין באלד געווען ניין א זייגער, האט עטיען זיך צוריקגעקעהרט דורך דעם דערפעל, זאגענדיג צו זיך, אז עס איז שוין צייט אפצורוהען און זיך לייגען שלאפען, אויב ער וויל מארגען אויפשטיין פיער א זייגער צו דער ארבייט. דער דערפעל האט שוין געשלאפען, אין גאנצען שווארץ אין דער פינסטערניס. קיין שיין האט זיך ניט דורכגעשלאגען דורך דיא לאדענס, דאס איז געווען דער סוף פון דעם טאג, ווען דיא קוילענגרעבער זיינען געפאלען שלאפענדיג, פערמאטערט ביז טויט פון דער ארבייט.

ביי ראסענעיר, אין דער בעלויכטענער זאלע, זיינען בלויז דריי טאָג־ארבייטער געזעסען און געטרונקען א פלעשעל וויין. איידער עטיען איז אריין צו זיך, האָט ער געוואָרפען א לעצטען בליק אין דיא דונקעלהייט דרויסען און ער האָט דערזעהן דיא זעלבע אונענדליכע שווארצקייט, וואָס אין דער פריה, ווען דער ווינד האָט געבלאָזען.

דריטער טהייל.

I.

אויף מאָרגען און דיא נעכסטע טעג האָט עטיען פאָרטגעזעצט זיין ארבייט אין דער מינע. ער האָט זיך צוגעוואוינט דערצו, און זיין לעבען איז רעגולירט געווען פון דיזע ארבייט און פיהרונגען, וועלכע האָבען איהם אין אָנפאנג געשיינט צו זיין אזוי שווער. איין פאסירונג האָט נור געבראָכען דעם געוועהנליכען גאנג אין דיא ערשטע פופצעהן טעג; א פיבער האָט איהם אכט און פירציג שטונדען אזוי וויא צוגענעגעלט צום בעט, דיא גלידער וויא צובראָכען, דער קאָפּ צוהיצט, אז ער האָט גערעט פון ווענ. איהם האָט זיך אלץ געדאכט, אין זיין פיעבערהאפטע פאָרשטעלונגען, אז ער שטופט זיין וועגעלע מיט קוילען אויף א שמאָלען וועג און קען אפילו זיין קערפּער ניט דורכשטופּען. דאָס איז אָבער איינפאך געווען דיא ברעכעניש פון איין אָנפאנגער, דער פיבער פון צו שווערע ארבייט, און ער איז באלד געקומען צו זיך.

און איין טאָג האָט געיאָגט דעם אנדערן, וואָכען און מאָנאטען זיינען אזוי פארביינעגאנגען; אקוראט וויא זיינע קאמעראדען איז ער יעצט אויפגעשטאנען ארום 3 אוהר, געטרונקען קאפע און מיטגענומען דיא סענדוויטשעס, וואָס מאראם ראסענעיר פלעגט פאר איהם אבענדס אנגרייטען. ווען ער פלעגט גיין צו דער ארבייט, פלעגט ער רעגעלמעסיג בעגעגענען דעם אלטען באָנמאָר, וועלכער פלעגט געהן אהיים שלאָפען, און קומענדיג צוריק, פלעגט ער זיך צוזאמענטרעפען מיט בוטעלו, וועלכער פלעגט גיין צו דער ארבייט. דיא מאשין, וואָס איהרע גרויסע שטאָלענע טהיילען בעזעצט מיט קופער, האָבען געגלענצט אויבען, אין דעם שאָטען, האָט שוין ביי איהם קיינע געדאנקען ארויסגערופען, און אויך ניט דיא קוימען, וועלכע פלעגען פליהען מיט דיא שווארצע און שטומע פליגלען פון א נאכט־פויגעל, און ניט דיא קאסטענס, וועלכע פלעגען ארויף און ארונטער אָהן אויפהער אונטער דעם שניידענדען קלאנג פון דיא סיגנאלען און דיא קולות פון דיא אויפזעהערס.

דער קאסטען פלעגט זיך אראָפּלאָזען אזוי וויא א שטיין אין א לאָך, און עטיען פלעגט זיך אפילו ניט אומקוקען צו זעהען וויא דיא שיין פון אויבען פערשווינדען; קיין מאָל האָט ער ניט געטראכט פון א מעגליכען ארונטערפאלען, און ער פלעגט זיך געפינען אזוי וויא ביי זיך צו הויזע אין דער פינסטערקייט, אונטער א קלאפּענדען רעגען, אונטען, ווען פיעראָן פלעגט זיי ארויסלאָזען פון קאסטען, פלעגען זיך דיא ארבייטער שטענדיג צוגיין לאנגזאם צו זייער ארבייטס־ערטער. ער האָט שוין געקענט דיא גאלעריעס פון דער מינע בעסער וויא דיא געסלעך פון מאָנטסו; ער האָט שוין גוט געוואוסט, אז דאָ דאַרף מען נעהמען אין א זייט, דאָ איינבייגען זיך און דאָרט אויסמיידען א לוזשע וואסער. ער האָט שוין אזוי אויסשטודירט דיזע צוויי קילאָמעטער אונטער דער ערד, דאָס ער וואָלט געטראָפען זיין וועג אָהן א לאָמפּ, דיא הענט אין דיא קעשענעס. און יעדעס מאָל זיינען געווען דיא זעלבע בעגעגעניסען: איין אויפזעהער וואָס פלעגט פארבייגייענדיג בעלייכטען דאָס געזיכט פון דעם ארבייטער, דער אלטער מוק ברייננענדיג א פערד, בעבער אנטרייבענדיג דעם פערד באטאיל, זשאנלען לויפענדיג נאָך א צוג, און דיא דיקע מוקעט און דיא קליינע לידיע שטופּענדיג דיא וועגלאָך מיט קוילען.

מיט דער צייט האט עטיען אויך וויינינער געליטען פון דיא פייכטקייט און פון דיא שטיקענעס אין דיא לעכער, וואו מי האט געהאלטען דיא קוילען. דער קוימען האט איהם געשיינט יעהר בעקוועם ארויפצוקומען, און ער האט געקענט גיין אין אזעלכע ערטער, וואו ער וואלט פריהער מורא האבען אפילו זיך אנצוריהרען מיט דער האנט. ער האט אהן קריינקענעס אריינגעאטהעמט דעם קוילען־שטויב, האט געזעהן קלאר אין דער פינסטערקייט, האט רוהיג געשוויצט אין זיינע ארבייטס־קליידער, וועלכע זיינען שטענדיג געווען נאס. ער פלעגט זיך אויך שטארק ניט אנשטרענגען ביי דער ארבייט ער איז געווארן אזוי פלינק און געשיקט, דאס דיא אלטע ארבייטער האבען זיך געוואונדערט.

שוין אויף דיא דריטע וואך האט מען איהם גערעכענט צווישען דיא גוטע פיהרערס פון דיא קוילען־וועגעלעך. זיין קליין געוואוקס האט איהם ערלויבט צו קריכען איבעראל, און כאטשע זיינע הענט זיינען געווען קליין און דעליקאט וויא ביי א פרוי, האבען זיי געשיינט צו זיין וויא פון אייזען — אזוי שטארק האבען זיי געטאן זייער ארבייט. ער האט זיך קיין מאל ניט בעקלאגט אפילו ווען ער איז געווען פערמאטערט, זייענדיג צו שטאלץ דערצו. מי האט איהם נאר פארגעווארפען, וואס ער האט ניט פערשטאנען א שפאס און וואס ער פלעגט באלד אין כעס ווערען, ווען מי פלעגט איהם א קלאפ טאן. אין א קורצע צייט האט מען איהם שוין בעטראכטעט וויא איין אמת'ן קוילען־גרעבער.

מאהיי איז בעזאנדערס פריינדליך געווארן צו עטיען'ען, דען ער האט גיאכטעט א גוטען ארבייטער. אויסער דעם האט ער אויך, אזוי וויא אלע אנדערע, עפעס געשפירט, אז דיזער יונגער מאן האט א העכערע בילדונג, וויא ער. ער האט איהם געזעהן לעזען, שרייבען און צייכנען פלאנען פון דער ארבייט און ער האט פון איהם געהערט רייד וועגען אזעלכע זאכען, וואס זיינען פריהער גאר פערבארגען געווען פון איהם. ער איז אויך געווען איבערראשט פון דעם מוטה פון דיזען קליין געוואקסיגען מענש, פון דיא ארט און וויזע, וויא דיזער האט זיך גענומען צו דיא קוילען־ארבייט, אום ניט צו שטארבען פון הונגער. עטיען איז געווען דער ערשטער נייאנגעקומענער זייטיגער ארבייטער, וואס מאהיי האט געזעהן זיך אזוי שנעל צוגעוואוינען צו דער שווערער ארבייט. דארום, ווען עס פלעגט האלטען ביי'ם איינפאלען אין דעם ארט, וואו מאהיי פלעגט האקען דיא קוילען, פלעגט ער אנפערטרויען עטיען'ען צו מאכען דיא אונטערשפארונגען, זייענדיג זיכער, אז עטיען וועט דיא ארבייט ריכטיג מאכען. דיא אויפזעהער פלעגען מאהיי'ן שטענדיג מאכען פארווירפען וועגען דיזע פערפלוכטע אונטערשפארונגען, און ער האט שטענדיג מורא געהאט, אז דער אינזשיניער נעגרעל זאל ניט קומען מיט דעם אויפפאסער דאנסאער, שרייענדיג, שילטענדיג און פאדערנדיג, אז מי זאל אלעס איבערמאכען; און ער האט בעמערקט, אז דיא אונטערשפארונגען, וואס עטיען פלעגט שטעלען, פלעגען מעהר צופריעדען שטעלען דיא אויפפאסער, טראץ דעם וואס זיי פלעגען זיך אימער מאכען אונצופרידען און פלעגען אלץ טענה'ן, אז דיא קאמפאניע וועט ניט־היינט־מארגען אננעהמען ראדיקאלע מיטלען. דיא פערהעלטניסע צווישען דיא ארבייטער און דיא קאמפאניע פלעגען זיך אזוי שלעפען, און דיא אונצופרידענהייט פון דיא ארבייטער פלעגט אלץ וואקסען. אפילו מאהיי אליין, וועלכע איז געווען אזוי געלאסען, האט אנגעפאנגען צו קריצען מיט דיא ציינער.

אנפאנגס זיינען עטיען און זאכאריע געווען עפעס נעגנער. איין אבענד האבען זיי זיך זאגאר געבאטען איינער דעם אנדערן פעטש; אבער זאכאריע, וועלכער איז געווען א בראווער יונג, און האט זיך אויסגילאכט פון אלעס וואס, האט ניט געהאט צו טאן מיט זיינע פערגניגען, איז באלד גוט געווארן, ווען עטיען האט איהם טראקטירט מיט א גלאז וויין, און ער האט זיך נאכהער גימוזט בויגען צו עטיען'ע אלס א העכערע

און געבילדעטע פּערזאָן. לעוואק איז אויך געוואָרן פריינדליך צו עטיען'ען און האָט יירעט איבער פּאָליטיק מיט איהם, ווייל דער יונגער מאַן האָט גיהאַט אידעען, וויא לעוואק פלעגט זיך אויסדריקען. צווישען דיא ארומיגע ארבייטער האָט עטיען שליסליך געפיהלט א שטומע פיינדשאַפט נאָך זייטענס פון דעם לאַנגען שאַוואַל. זיי האָבען זיך ניט געקריגט און זיי האָבען זיך זאָגאַר גיהאַלטען וויא סאַמעראַדען, נאָר זיי פלעגען זיך אויפפּרעסען מיט דיא אויגען יעדעס מאָל, ווען זיי פלעגען צוזאַמען ריידען. קאַטערינע פלעגט זעהר פריינדליך זיין צו עטיען'ען, וועלכער פלעגט איהר צוהעלפען ביי דער ארבייט, און זיא האָט זיך אין גאַנצען אונטערגעגעבען צו שאַוואַלען, וועלכער פלעגט איהר אָפען אומאַרמען. דאָס איז שוין געווען א בעשטימטע זאַך, איין אנערקענטע פּאָר פאָלק, און דיא פאַמיליע האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג. שאַוואַל פלעגט איהר יעדען אבענד פיהרען אויף דיא פעלדער און פלעגט איהר נאָכהער צוריק פיהרען צו איהר היים, וואו ער פלעגט איהר ארומנעהמען פאַר'ן אָבשיעד נעהמען אין דיא אַנוועזענהייט פון דיא שכנים. עטיען פלעגט שפּאַס מאַכען פון איהר וועגען דיזע שפּאַצירען מיט שאַוואַל'ן, זאָגענדיג דערביי, דיא גראָבע ווערטער, וועלכע ווערן געבריכט אין דיא קוילענגרובען צווישען יונגע לייט און מיידלעך, און זיא פלעגט ענטפערן אויף דעם זעלבען שטייגער; אָבער זיא פלעגט שטענדיג ווערן עפּעס צומישט און בלייך, ווען זיא פלעגט בעגעגענען דיא בליקען פון עטיען'ען און שאַוואַל'ן. ביידע יונגע לייט פלעגען אָפּקערען דיא קעפּ, פלעגען אָפט מאָל בלייבען א שטונדע אָהנע צו ריידען א וואָרט, טראַגענדיג א האַס אין הארצען פאַר עטוואַס, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען בעגראָבען אין זיך און איבער וועלכע זיי האָבען זיך געסטאַרעט ניט צו ריידען.

דערווייל איז אָנגיקומען דער פריהלינג. איין טאָג, ווען עטיען איז ארויס פון גרוב, האָט איהם א בלאָז געטאָן אין געזיכט דיא ווייכע לופט פון אפּריל, דער גערוך פון ארויסשפּראָצענדע פלאַנצען. דיא נאַטור האָט אָבגילעבט, און עטיען האָט שוין באַלד מעהר ניט ארומגישפּאַצירט אין דיא ערטער, וואו ער פלעגט שטערען דיא פּערליעבטע פּאָרעלעך, נאָר צווישען דיא בעוואַקסענע פעלדער. אויך דאָרטען פלעגט ער א מאָל טרעפען פּאָרעלעך; אָבער דאָס פלעגט איהם קיין מאָל ניט ערגערן אזוי ווי ער פלעגט טרעפען קאַטערינע'ן מיט שאַוואַל'ן. צוויי מאָל האָט ער זיי געזעהן זיך אראָפּלאָזען אין א פעלד, וואו דיא איינגעבויגענע גראָז זיינען געבליבען דיא שטומע עדות; און איין אַנדערס מאָל, ווען ער איז גיגאַנגען מיט א שמאָלען וועג, האָט ער בעמערקט צווישען דיא גראָז קאַטערינע'ס אויגען, און דאַן איז איהם דיא גאַנצע פרייע געגענד ארום געוואָרן ענג, און ער האָט בעסער פאַרבראַכט דיא אבענדען ביי ראַסעניער'ן אין שיינק.

— מאַדאַם ראַסעניע, גיט מיר וויין... ניין, איך וועל היינטע אבענד ניט ארויסגיין, עס ברענען מיר עפּעס דיא פיס.

און ער פלעגט זיך ווענדען צו א סאַמעראַד, וועלכער פלעגט געוועהנליך זיצען ביי א טיש אין א ווינסעל, מיט דעם קאָפּ צו דיא וואַנט.

— סואַוואַרין, ווילסטו א גלעזעל?

— דאַנקע, איך וויל ניט.

עטיען האָט זיך בעקאַנט געמאַכט מיט סואַוואַרין, וואוינענדיג איינער לעבען דעם אַנדערען. סואַוואַרין איז געווען א מאַשיניסט אין וואָריי און האָט געוואוינט אין א צימער לעבען עטיען'ס. ער האָט שוין געמוזט אַלט זיין א יאָהר דרייסיג. ער איז געווען קליין, דאַר, מיט א דעליקאַטען אויסזעהען, בלאָנדע לאַנגע האָר און א קליינע בערדעל. זיינע ווייסע און שאַרפע ציינער, זיין קליינע מויל און נאָז, דיא ראָזע פאַרב אויף זיין געזיכט האָבען איהם געגעבען דעם אויסזעהען פון א מיידעל און עפּעס א

ווייבקייט, וואָס נאָר דער גרויער אָפּגלאַנץ פון זיינע דונקעלע אויגען האָט פון צייט צו צייט פערראַטען זיין געהיימע פערלאַנגען. ער האָט זיך פערהאַלטען אין יענעם צימער פון איין אָרימען ארבייטער האָט ער נאָר געהאַט איין קאַסטען מיט פּאַפּירען און ביכער. ער איז געווען א רוסע און האָט פון זיך קיין מאָל ניט גערעדט, לאָזענדיג דערציילען וועגען איהם אַלערליי גע־שיכטען. דיא קוילענגרעבער, זעהר מיסטרויעאיש צו אויסלענדער, אָנגעהמענדיג איהם אלס איינעם פון דעם בורזשואַ קלאַס צוליעב זיינע קליינע דעליקאַטע הענט, האָבען אָנפאַנגס גערעכענט, אז ער איז עפּעס בעגאַנגען א מאָרד־טהאַט און האָט זיך נאָ־געזוכט צו בעהאַלטען אלס מינען ארבייטער. אָבער ער האָט זיך געצייגט אזוי ברי־דערליך צו זיי, אָהן שום שטאָלץ, צוטהיילענדיג צו דיא קוילענגרעבער'ס קינדער דאָס קליין־געלט פון זיינע קעשענעס, דאָס זיי האָבען באַלד אָנגענומען דעם קלאַנג, אז ער איז א פּאָליטישער עמיגראַנט. זיי האָבען ניט קלאָר פערשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, נאָר זיי האָבען אין דעם געזעהען א פערצייהונג פון פערברעכען און עפּעס אזוי ווי א חבר'שאַפט אין ליידען.

דיא ערשטע וואָכען האָט עטיען איהם געפונען זעהר קאַלט צו זיך. דאַרום האָט ער זיך נאָר דערוואוסט סואווארין'ס געשיכטע שפּעטער. דיזער רוסע איז געווען דער איננסטער זוהן פון איין אַדעלמאַן אין טולער גובערניע. אין פּעטערסבורג, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין, האָט איהם דיא סאָציאַליסטישע אידעע, וועלכע האָט דאָרטען דורכגענומען דיא גאַנצע רוסישע יוגענד, געמאַכט אויפצוהערען זיין שטודיום און צו נעהמען זיך צו א האַנד־אַרבייט, צו שלאָסעריי, אום זיך צוזאַמענצומישען מיט'ן פּאָלק און איהם צו קענען און העלפען. און פון דיזען האַנדווערק האָט ער עס יעצט גע־לעבט, נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפען נאָך א מיסלונגענעם אָנגריף אויף דעם לע־בען פון דעם רוסישען קייזער. א גאַנצען מאָנאַט האָט ער געלעבט אין א קעלער, גראָבענדיג א מינע אונטער דער גאַס און אָנפילענדיג באָמבעס, ביי דער שטענדיגער געפאַהר אויפצורייסען דיא גאַנצע הויז. אָבגעשטויסען פון זיין פאַמיליע, אָהן געלד, ניט ווערענדיג צוגעלאָזען אין פראַנצויזישע פאַבריקען אלס אויסלענדער, אין וועלכע מ'האָט פערדעכטיגט א שפּיאָן, איז ער געשטאָרבען פון הונגער, ווען די קאָמפּאַניע, פון מאָנטסו האָט איהם אָנגענומען אין א שטונדע, ווען זיא האָט זיך זעהר גענייטיגט אין ארבייטער. זייט א יאָהר האָט ער דאָרטען געשאַפט אלס גוטער ארבייטער, ניכ־טער און שוויינענדיג, ארבייטענדיג איין וואָך ביי טאָג און דיא אַנדערע ביי נאַכט, און ער איז געווען אזוי פּינקטליך, דאָס דיא אויפזעהער פּלעגען איהם אַרויסשטעלען אלס א מוסטער.

— דו האָסט אַלזאָ קיין מאָל ניט קיין דורשט? פּלעגט איהם עטיען פרעגען לאַכענדיג.

און ער פּלעגט ענטפערן מיט זיין ווייכע שטימע, ריידענדיג כמעט ווי א גע־באָרענער פראַנצויז.

— איך האָב נאָר דורשט ווען איך עסס.

עטיען פּלעגט אויך טרייבען שפּאַס מיט איהם וועגען מיידלעך, ער פּלעגט שווע־רען, אז ער האָט איהם געזעהן מיט א זיפּערין אין פעלד. סואווארין פּלעגט נאָר קוועטשען מיט דיא פּלייצעס און קוקען זעהר גלייכגילטיג. א זיפּערין — צו וואָס? א פרוי איז פאַר איהם געווען א קאַמעראַד, אזוי ווי א מאַנספּערזאָן, ווען זיא האָט נאָר געהאַט דעם מיטה פון א מאַן. ניט פרוי, ניט פריינד, ער האָט ניט געוואָלט האָבען קיין פערבינדונג, ער איז געווען פריי פון זיך און פון אַנדערע.

יעדען אָבענד ארום ניין אוהר, ווען אין שיינק פּלעגט ווערן ליידיג, פּלעגט עטיען ריידען מיט סואווארין. ער פּלעגט זיך טרינקען זיין ביער אָדער וויין, און דער רוסע פּלעגט ניט אויפהערן צו רויכענען זיינע סיגאַרעטען, פון וועלכע זיינע קליינע פינגער

זיינען שוין געל געווארען. זיינע פערטראכטע אויגען פלעגען נאכפאלגען דעם רויך עפּעס ווי אין א טרוים; זיין לינקע האנט פלעגט זיך נערוועז באוועגען אין דער לופט, עפּעס טאפּנדיג און זוכענדיג, און ער פלעגט ענדיגען דערמיט, וואס ער פלעגט ארויפנעהמען אויף זיינע קניע א קראליק, וועלכער פלעגט זיך פריי ארומוואנדערן אין שטוב. דיזער קראליק, וועלכען סואווארין האט א נאמען געגעבען פוילען, האט זיך זעהר צוגעבונדען צו איהם און פלעגט אזוי לאנג זיך ארומדרייהען ביי זיינע פיס, ביז ער פלעגט איהר ארויפנעהמען אין זיין שויס. דיא חיה פלעגט זיך דאן אויסציהען, אראפּלאזען דיא אויערן און פערמאכען דיא אויגען, וועהרענד ער פלעגט פערטראכ-טערהייט איהר גלעטען דיא ווייכע האר.

— איהר ווייסט, האט אין אבענד געזאגט עטיען, איך האב בעקומען א בריעף פון פלושאר'ן.

אין שיינק איז דאן, אויסער דיא צוויי קאמעראדען, נאר געוועזען דער בעל-הבית ראסענייר.

— אה, האט דער שיינקער זיך אפּגערופען, צוקומענדיג צו דיא ביידע יונגע לייט, ווי האלט עס יעצט מיט פלושאר'ן?

זייט צוויי מאנאט האט זיך עטיען דורכגעשריבען מיט פלושאר, א מעכאניקער אין ליל, וועמען ער האט געגעבען צו וויסען וועגען זיין ארבייט אין מאנטסו און וועל-כער האט איהם יעצט געזוכט צו בעקעהרען צו זיינע אידעען, האבענדיג אין אויג דיא פּראפּאגאנדע, וואס מען קען מאכען צווישען דיא קוילענגרעבערס.

— עס האלט אזוי ווייט. האט עטיען געענטפערט, אז דיא אסאציאציע מאכט פיינע פארטשריטע; מען שטייט צו פון אלע זייטען.

— וואס זאגסטו וועגען זייער געזעלשאפט? האט זיך ראסענייר געווענדעט צו סואווארין.

יענער, וועלכער האט צערטליך געגלעט דעם קאפּ פון דעם קראליק, האט ארויסגעלאזען א פולע מויל מיט רויך און האט א זאג געטאן זעהר געלאסען:

— נאך נארישקייטען!

אבער עטיען האט זיך צוקאכט. זיין כאראקטער, זיין גאנצער וועזען האט איהם געטריבען צו רעוואלט, צו א קאמפּף פון ארבייט געגען קאפּיטאל, אין דיא ערשטע איינבילדונג פון זיין אונוויסענהייט. עס האט זיך דא געהאנדעלט פון דיא אינטערנאציאנאלע אסאציאציע, פון דיזע בעריהמטע אינטערנאציאנאלע, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין לאנדאן. איז דען דא ניט געוועזען א הערליכע אנשטרענגונג, א קריעגספיהרונג, וואו גערעכטיגקייט וועט ענדליך זיגען? קיינע גרענצען מעהר, דיא ארבייטער פון דער גאנצער וועלט דערלאנגען זיך א הייב אויף, פעראייניגען זיך, אום צו פערזיכערן דעם ארבייטער דאס ברויט וואס ער פערדינט. און וואס פאר א איינפאכע און גרויסע ארגאניזאציאן: ערשטענס דיא סעקציאן, וועלכע פערטרעט דיא געמיינדע; נאכהער דיא פעדעראציאן, וועלכע פערבינדעט דיא סעקציאנען פון איין פראווינץ, און נאכדעם דיא נאציאן און צולעצט, העכער פון אלעס, דיא מענשהייט, פערקערפּערט אין איין אלגעמיינעם ראטה, וואו יעדע נאציאן איז געוועזען פערטראטען דורך א קארעספּאנדירענדען סעקרעטער. נאך אין זעקס מאנאט ציים וועט מען איינגעהמען דיא ערד, מען וועט דיקטירען געזעצע צו דיא פאבריקאנטען, אויב זייא וועלען נאך ארויסווייזען זייער שלעכטיגקייט.

— נארישקייטען! האט סואווארין ווידערהאלט, אייער קארל מארקס וויל נאך אלץ לאזען דיא נאטורקרעפטע ווירקען. קיין פּאליטיק, קיינע קאנספּיראציאנען, ניט וואהר? אלעס אפען פאר דיא וועלט, און איינפאך אום צו העכער דעם טאגעסלוי....

לאז מיך געמאכט מיט אייער עוואלוציאן! צינדט אן א פייער אין דיא פי...

ווינקלען פון דיא שטעדט, שניידט ארונטער דיא פעלקער, מאכט אלעס חרוב, און ווען פון דיזע פערפוילטע וועלט וועט גאר ניט בלייבען, פיליייכט וועט דאן אויסוואקסען א בעסערע וועלט.

עטיען האט זיך פאנאנדערגעלאכט. ער פלעגט זיך ניט אלע מאל צוהערען צו דיא ווערטער פון זיין קאמעראד, צו דיזע טעאריע פון צערשטערונג, וועלכע האט איהם געשיינט נאר אלס טעאטראל. ראסעניער וועלכער איז געווען נאך פראקטישער מיט דעם קלארען פערשטאנד פון א בעל־הבית, האט אפילו זיך ניט אנגעהויבען צו קימערן פון סואווארין'ס טהעאריען. ער האט נאר געוואלט קלאר וויסען, וויא דיא זאך האלט.

— אלזא, דו וועסט פראבירען גרינדען א סעקציאן אין מאנטסו? האט ער געפרעגט.

פלושאר, וועלכער איז געווען דער סעקרעטער פון דיא נארד־פעדעראציאן פון דיא אינטערנאציאנאלע אין פראנקרייך, האט טאקע געשטרעבט צו גרינדען א סעקציע אין מאנטסו. ער האט בעזאנדערס אנגעציינט אויף דיא נוצען, וואס דיא קוילענגרעבער וועלען האבען, ווען זיי וועלען ארויסגיין אויף א סטרייק. עטיען האט גראדע געגלויבט, אז א סטרייק איז זעהר נאהענט: דיא פראגע וועגען אינטערשפארונגען וועט זיך פרידליך ניט ענדיגען, און מען האט נאר געדארפט נאך עפעס א פערלאנג פון דער קאמפאניע, אום אין אלע גריבער זאל מען אפשטעלען דיא ארבייט.

— דאס שווערסטע איז דא וועגען דיא בייטרעגע, האט ראסעניער בעמערקט מיט א פראקטישען טאן. פופציג סאנטים א יאהר פיר דעם אלגעמיינעם פאנד, 2 פראנק א יאהר פאר דיא סעקציאן — דאס איז, דוכט זיך דאך, גאר א קלייניגקייט, און פון דעסטוועגען קען איך וועטען, אז פילע וועלען זיך אפזאגען צו געבען.

— און אויסער דעם, האט עטיען צוגעזעצט, וואס מען וועט מוזען גרינדען א שטיצונגס־קאסע, פון וועלכער מיר וועלען שפעטער מאכען א סטרייק־פאנד.... אבער מיר וועלען וויא עס איז דורכקומען, מיר האבען נאך צייט צו דענקען וועגען דעם. איך אליין בין פארטיג אויף אלעס, אויב דיא אנדערע זיינען פערטיג.

עטליכע מינוט האבען אלע געשוויגען. א קעראסין־לאמפ האט זיך געריכערט אויפ'ן טיש, און דורך דער אפענער טהיר האט מען דייטליך געהערט, וויא דער הייצער פון וואררי האט אריינגעשאטען קוילען פיר דיא דאמפף־מאשין.

— אלעס איז אזוי טהייער, האט אנגעהויבען מאדאם ראסעניער, וועלכע איז אריינגעקומען און האט זיך צוגעהערט צו דיא רייד מיט א פינסטערן פנים. בעדיינקט נאר, אז איך האב בעצאהלט צוויי און צוואנציג סו פאר אייער...... אה, עס מוז פלאצען.

דיא דריי מענער זיינען דיזעס מאל געווען אלע דער זעלבער מיינונג. זיי האבען גערעדט איינער נאך דעם אנדערן, מיט טרויעריגע שטימען, און זייערע קלאגעס האבען זיך אנגעפאנגען צו שיטען. דער ארבייטער קען שוין מעהר ניט אויסהאלטען, דיא רעוואלוציא האט בלויז פערגרעסערט זיינע ליידען, נאר דיא בורזשוא ווערן פעט זייט 1789, און אזוי זשעדנע, דאס זיי לאזען איהם, דעם ארבייטער, ניט איבער אפילו דעם טעלער אפצולעקען. זאל מען אדרבה צייגען, וואס פאר א חלק די ארבייטער האבען געהאט אין דער אויסערגעוויינליכער פערגרעסערונג פון רייכטהום און וואהלהאבען זייט הונדערט יאהר? מען האט זיך נאר פון זיי אויסגעלאכט, ערקלערענדיג זיי פריי. יא, פריי צו שטארבען פון הונגער, און דאס בעהאלטען זיי שוין טאקע גאר ניט. עס ווערט קיין ברויט ניט אין מויל פון דעם, וואס מען שטימט פאר חברה־לייט, וועלכע

לעבען נאכהער א גוטען טאג טראכטענדיג וועגען דיא אונגליקליכע אזוי וויא וועגען א שמאטע. ניין, אויף אזא אדער אנדערן פאסאן מוז מען מיט אזא צושטאנד ענדיגען — זאל עס זיין מיט גוטען, דורך געזעץ, דורך הארמאניע און גוטע פריינדשאפט, אדער וויא ווילדע, פערברענענדיג אלעס און זיך אויפפרעסענדיג איינער דעם אנדערן. דיא קינדער וועלען זיכער זעהען איין ענדערונג, אויב דיא אלטע וועלען עס ניט דער־לעבען, דען דער היינטיגער יאהרהונדערט קען זיך ניט ענדיגען, אז עס זאל ניט אויסברעכען איין אנדער רעוואלוציאן, דיזעס מאל פון ארבייטער, אזא שטורעם, אז עס זאל איבערקעהרען דיא געזעלשאפט מיט׳ן קאפ אראפ און זאל איהר נאכהער אויפבויען בעסער און מיט מעהר גערעכטיגקייט.

— עס מוז פלאצען! האט מאדאם ראסענעיר ווידערהאלט מיט ענערגיע.

— יא, יא, האבען אלע דריי אויסגעשריען, עס מוז פלאצען!

סואווארין האט יעצט געגלעט דיא אויערן פונ׳ם קראליק, וואס האט זיך געלאסעט מיט גרויס פערגניגען. דיא אויגען אנגעשטעלט אין דער לופט, ריידענדיג מיט א האלבע שטימע האט ער אזוי וויא צו זיך געזאגט:

— פארגרעסערן דעם לוין, קען מען עס דען? ער איז דאך בעסטגעשטעלט דורך דעם אייזערנעם געזעץ צו דער קלענסטער סומע, אהן וועלכע מי קען ניט לעבען, גראדע נויטיג, אום דיא ארבייטער זאלען קענען עסען טרוקען ברויט און שאפען קינדער.... אויב דער לוין ווערט גאר קליין, שטארבען דיא ארבייטער אום פון הונגער ביז זייער צאהל פערקלענערט זיך אזוי, אז מי מוז דעם לוין העכער; אויב ער שטייגט צו פיעל, דריקט איהם באלד דיא גרויסע קאנקורענציע ארונטער.... דאס איז דאס באלאנסירען פון פוסטע מאגענס, דיא אייביגע פעראורטהיילונג צו דער קאטארגע פון הונגער.

ווען ער פלעגט זיך אזוי פערגעסען, בעטראכטענדיג דיא פראגע וויא א געביל־דעטער סאציאליסט, פלעגט עטיען און ראסענעיר בלייבען אפהענגיג, זעהר פערזארגט וועגען דיא פערצווייפלענדע בעהויפטונגען, געגען וועלכע זיי האבען גאר ניט געקענט ענטפערן.

— הערט איהר, האט ער אנגעפאנגען מיט זיין געוועהנליכע רוהע, בעטראכ־טענדיג זיי, מי מוז אלעס צערשטערן, זאנסט וועט דער הונגער ארויסשפראצען. יא, דיא אנארכיע, קיין אנדער זאך, דיא ערד בעגאסען מיט בלוט, דורכגערייניגט פון פייער.... נאכהער וועט מען זעהן, וואס עס בלייבט צו טאן.

— דער הערר האט רעכט, האט בעמערקט מאדאם ראסענעיר, וועלכע האט טראץ איהר רעוואלוציאנערע בגייסטערונג, ארויסגעצייגט גרויסע העפליכקייט.

עטיע, וועלכער איז געוועזן אין פערצווייפלונג פון זיין אונוויסענהייט, האט מעהר ניט געוועלט דיספוטירען. ער האט זיך אויפגעהויבען, זאגענדיג:

— קומט שלאפען. דאס אלעס וועט דאך ניט אומענדערן, אז איך זאל ניט אויפשטיין דריי אוהר אין דער פריה.

נאכדעם וויא ער האט פערלאשען דעם שטיקעל סיגארעט, וואס איז צוגע־קלעפט געווארן צו זיינע ליפען, האט סואווארין זארגפעלטיג אנגענומען דעם פעטען קראליק פאר׳ן בויך, אום איהם אוועקצולייגען אויף דער ערד. ראסענעיר האט זיך גענומען צו פערשליסען דיא טיר. זיי האבען זיך צושידעט שווייגענדיג, אין דיא אויער־ען זיי עפעס געקלונגען, און דיא קעפ זייגען געווען אזוי וויא אנגעשוואלען פון דיא וויכ־טיגע פראגען, איבער וועלכע זיי האבען געטראכט.

און יעדען אבענד זייגען געווען אזעלכע געשפרעכען אין דער פוסטער זאלע ארום דעם איינציגען שאפעל ביער, וואס עטיען פלעגט נעהמען א שטונדע אויסצו־ציהען. א סך דונקעלע אידעען, וואס זייגען געווען וויא איינגעשלאפען אין עטיען׳ען

האבען זיך אנגעפאנגען צו בעוועגען און אויסצובריימערן זיך. האבענדיג א פערצעה־רענדע דורשט צו וויסען, האט ער זיך לאנג ניט געקענט בעשליסען צו בארגען ביכער ביי סואווארין, וועלכער האט אונגליקליכער ווייזע געהאט מייסטענס דייטשע אדער רוסישע ווערק. ענדליך האט ער געבארגט א פראנצויזישען בוך איבער קאאפעראַ־טיווע געזעלשאפטען — נאך נארישקייט, וויא סואווארין פלעגט זאגען — און ער האט רעגעלמעסיג געלעזען דיא צייטונג, וואס יענער פלעגט בעקומען, דעם „קאמבאַ" („קאמפף"), אין אנארכיסטישע בלעטעל, וואס איז פובליצירט געווען אין גענף. אויסער דיעזעס, טראָץ זייערע טעגליכע בעגעגעניסען, האט עטיען אלע מאָל געטראָפען דעם רוסע צוריקגעצויגען, קאלט, לעבענדיג עפּעס וויא אין א לאגער, אָהן אינטערעס, אָהן געפיהלע און אָהן אירגענד וועלכע סמנים פון אייגענטהום.

ערשט ארום דעם אנפאנג פון מאָנאט יולי איז עטיען'ס לאגע בעסער געוואָר. אין מיטען פון דיעזען קאנגוויליגע, איינזאמען לעבען האט זיך געטראָפען א סיבה. דיא ארבייטער פון דער מינע גיליאם זיינען צוגעקומען צו איין ערד־שיכט, וואו דיא שטיינקוילען האבען זיך געענדיגט. און דאס האט אנגעמאכט א גאנצע מיטענינג. מען האט געהאלטען אין איין ריידען וועגען דעם פערשוואונדענעם פאס קוילען, איבער געהאקט פון פעלזען שטיינער, פון וועלכע דיא אינזשינערען האבען גאר ניט גע־וואוסט, און אלטע קוילען־גרעבער האבען שוין אנגעשטעלט זייערע נעזער צו געפינען קוילען, אזוי וויא שפירהינט אויף א געיעג. אבער דערווייל זיינען דיא קוילענגרעבער געבליבען אָהן ארבייט, און אפישען פון דער קאמפאניע האבען געלאזט וויסען, אז מען וועט אנפאנגען א נייע גרוב צו בעארבייטען.

איין טאג האט מאהיי בעגלייט פון דער ארבייט עטיענען און האט איהם פאָר־געשלאָגען אריינצוטרעטען אלס קוילען־האקער אויף דעם פלאץ פון לעוואק, וועלכער איז אוועק ארבייטען אין איין אנדער אָרט. דיא זאך איז שוין געווען ארראנזשירט מיט דעם אויפזעהער און דעם אינזשעניער, וועלכע האבען אויסגעדריקט זייער צופריי־דענהייט מיט דעם יונגען מאַן. עטיענען איז דארום נאר געבליבען אנצונעהמען דיעזען שנעלען ארויפשטייגען אויף דיא שטאפעל פון א געניטען קוילענגרעבער, און ער האט זיך געפיהלט גליקליך פון דיא שטייגענדע אכטונג צו איהם זייטענס פון מאהיי. דעם זעלבען אבענד זיינען זיי צוזאמען געגאנגען צו דיא פארמאכטע מינע לעזען דיא אפישען. דיא נייע קוילען־פלעצער האבען זיך געפונען אין דער קוילען־שיכטע פיאָניער, אין דעם נארד־זייט פון דער מינע וואָרייע. זיי האבען געשיינט צו זיין ניט זעהר גוטע פלעצער, דען מאהיי האט געשאָקעלט מיט'ן קאפ בשעת עטיענען האט איהם פאָרגעלעזען דיא בעדינגונגען. אין דער טהאט, ווען זיי זיינען אויף מארגען געקומען בעטראכטען דיא קוילענגרוב, האט מאהיי אנגעצייגט אויף איהר ווייטקייט, אויף דיא שוואכקייט פון דיא ערד ארום, און אויף דיא קנאפע גרעב פון דיא קוילען־שיכטע. נאר מען האט דאך געמוזט ארבייטען, אום צו האבען וואס עסען, און זיי זיינען אוועק דעם קומענ־דען זאנטאג צו דעם אָרט, וואו מען האט געקויפט דיא טהיילען פון דער קוילען־שיכטע אויף אויקציאָן. ביז זעקס הונדערט קוילענגרעבער האבען זיך דארטען צו־זאמענגעדרייינגט, און מען האט נאר געהערט געשרייען פון פרייזען. דיא גאנצע קוילען־שיכטע איז געווען צוטהיילט אויף פערציג חלקים פיר גרופען קוילענגרעבער און העקפערס נאך דעם זעלבען שניידער וויא אין אלע מינען, און מאהיי האט אנגע־פאנגען מורא צו האבען, אז ער וועט קיינע פון זיי ניט קריגען. דיא ארבייטער האבען אלץ אנגעבאטען קלענערע פרייזען פאר צושטעלען א וואגעל קוילען, זייענדיג שטארק איבערגעשראָקען פון דיא קלאגען פון א נאהענטען קריזיס, ווען זיי וועלען גאר בלייבען אָהן ארבייט. דער אינזשעניער נעגרעל האט זיך גאר ניט געאיילט, זעהענ־דיג וויא דיא קוילענגרעבער קאָנקורירען אזוי מיט דיא נידעריגסטע פרייזען, ...נד

דער אויפזעהער דאנסאער האט אנגעזאגט לינען וועגען דיא גרויסע מציאות. מאהיי האט געהאט אויסצושטיין א ביטערן קאמפף מיט א קאנטראקט פאר פיפציג מעטער פון דער קוילען־שיכטע, א אפלאזענדיג איינער נאך דעם אנדערן צו איין סאנטים פער וואגעל אויסגעהאקטע קוילען, און ער האט עס ענדליך געקראגען פאר אזא קלעגליכען פרייז, דאס אפילו דער אויפזעהער רישאם, וועלכער איז געווען אונטער איהם, האט איהם געשלעפט פאר'ן ארבעל, שילטענדיג ישוילערהייט פון כעס און בעמערקענדיג, אז פאר אזא פרייז וועט ער אויך גוט ווא אומזיסט ארבייטען.

ווען זיי זיינען ארויס, האט עטיען געשאלטען אויף וואס דיא וועלט שטייט. ער האט אויסגעשריען גראדע ווען שאוואל און קאטערינע זיינען צוגעקומען פון דיא פענדער.

— אה, צום טייפעל! דאס הייסט דאך איינפאך דערשטיקען.... מען צווינגט דאך איין ארבייטער אויפצועסען דעם אנדערן.

שאוואל איז אויך אין כעס געוואָרן. קיין מאל וואלט ער פון פרייז ניט ארונטערגעלאזט. און זאשאריע, וועלכער איז אונטערגעקומען אויס נייגעריגקייט, האט ערקלערט, אז דאס איז גאר אונערטרעגליך, אבער עטיען דאט איהם שטיל געמאכט מיט א זשעסט, פול מיט פערצווייפעלטען כעס:

— עס וועט קומען אן ענדע דערצו, עס וועט קומען דער טאג, ווען מיר וועלען זיין דיא בעלי־הבתים!

מאהיי, וועלכער האט אלץ געשוויגען, האט זיך דא אזוי וויא אויפגעכאפט פון א טרוים, און האט געזאגט:

— דיא בעלי־הבתים!...... אהי שלימזל! עס וואלט געמיינט וואס פריהער זיין.

II.

עס איז געווען דער לעצטער זונטאג אין יולי, א יום־טוב אין מאנטסו. נאך פון שבת האבען דיא ווייבער געסקראבעט, געריינינגט און געוואשען דיא צימערן, און דעם גאנצער דערפעל האט דיזען זונטאג אויסגעזעהן גאר יום־טוב'דיג אונטער דער ברענענדער זון און אין דער שטיקענדער לופט, וועלכע האט פאראויסגעזאגט רעגען און שטורעם. אלע, פון גרויס ביז קליין, האבען זיך אנגעהויבען שפעטער וויא געוועהנליך, און פון אלע הייזער האט זיך פארמיטאג געהערט א גערוך פון געבראטענע קראליקעס, וועלכער האט אין גאנצען פעריאגט דעם געוועהנליכען שארפען גערוך פון געבראטענע ציבעלעס. אין אלע הייזער זיינען געווען אפען דיא פענסטער, דיא צימערן זיינען געווען פול מיט מענשען. מען האט געהערט פערשיעדענע צורופען איינער צום אנדערן, באזאנדערס ווען מען האט זיך גענומען צו דיא קראליקעס.

ביי מאהיי'ן איז געווען שטילער ווי אין דיא הייזער ארום, דיא פאמיליע איז געווען צוקריגט מיט דיא לעוואקס וועגען דיא חתונה פון זאשאריע און פילאמענע. און דיא פיערא איז נאר אוועק דיזען טאג צו איהר קוזינע, וויא זיא האט געזאגט, אבער דיא שלעכטע צינגער פון דיא ווייבער האבען גאר דיזער קוזינע גיגעבען א בארד און איהר פארגעשטעלט אין דער פערזאן פון דעם אויפזעהער פון וואַ־יי.

אויכער דעם קראליק, וועלכען דיא מאהיי'ס האבען געקראמט אין פערלויף פון א מאנאט, האבען זיי נאך געהאט א פעטע זופ מיט פלייש. גראדע איז נעבען געווען דיא צווייוואכיגע לוין־צאהלונג, און זיי האבען זיך גאר ניט גיקענט דערמאנען פון אזא גרויסען יום־טוב. אפילו אין דעם טאג פון דיא הייליגע בארבע, דיא יום־טוב פון דיא קוילענגרעבער, ווען זיי ארבייטען ניט גאנצע דריי טעג, איז דער קראליק ניט געווען אזוי פעט און געשמאק. דארום האבען צעהן פאר באקציינער, פון דיא קליינע עסטעל, ביי וועלכע דיא צייגער ערשט אנגעפאנגען ארויסצו־

שלאגען, ביז דעם אלטען באנמאר, ביי וועמען עס איז שוין כמעט קיינע ציינער געבליבען אין מויל, געארבייט מיט אזא אימפעט, אז אפילו דיא ביינער זיינען פערשוואונדען געווארען.

נאכ'ן עסען זיינען זיך ביסלעכווייס אלע מענער, דיא יונגע און דיא מיידלעך צוגאנגען אין פערשידענע פלעצער. באלד זיינען נאר געבליבען דיא פרויען מיט זייערע צונגען, געבענדיג זיך דעם פערגעניגען צו טרינקען [illegible] גלאז קאפע נאך דיא אנדערע ארום דיא נאך ניט אבגעראמטע טישען.

מאהיי איז אויך באלד אוועק, און ווען ער איז פארביי געגאנגען דיא קירכע, האט זיך שוין קאטערינע צוזאמענגעטראפען מיט דעם לאנגען שאוואל אויף דעם וועג צו מאנטסו. ער איז גלייך געגאנגען צו ראסענעיר', אום צו כאפען א טרונק און צו פארברייינגען דיא צייט מיט קאמעראדען. לעוואק האט שוין געהאלטען אין שפיעלען קעגעלן, און דיא אלטע באנמאר און מוק זיינען שוויגענד געשטאנען און געקוקט. עטיען איז געזעסען ביי א טיש, טרינקענדיג ביער און זעהר אונצופרידען, וואס סואוואר האט איהם פערלאזען און האט זיך אבגעטראגען אין זיין צימער. מיט יעדען זאנטאג פלעגט זיך דער רוסע פערשפארען אין זיין צימער, וואו ער פלעגט לעזען און שרייבען.

— ראסעניער, האט עטיען אויסגערופען, ברייינג ביער!

און אומקערענדיג זיך צו מאהיי'ן, האט ער געזאגט:

— דו ווייסט, איך צאהל.

יעצט האבען זיי זיך אלע געדוצט. ראסעניער האט זיך אבער גאר ניט גע־איילט. עטיען האט איהם דריי מאל גערופען, און געבראכט דאס ביער האט ענדליך מאדאם ראסעניער. עטיען האט אראפגעלאזען דיא שטימע, אום זיך צו בעקלאגען אויף דאס לעבען אין דעם שיינק. דיא ראסעניערס זיינען געוויס בראווע לייט און האבען גוטע אידעען, אבער דיא ביער איז שלעכט און דעם סופ קען מען אין מויל ניט נעהמען. צעהן מאל וואלט ער שוין אומגעביטען זיין קווארטיר, אויב ער וואלט ביי זיך בעשלאסען צו וואוינען ווייטער פון דער קוילענגרוב. ער וועט אבער זוכען קווארטיר און עסען אין א פאמיליע פון א קוילענגרעבער.

— געוויס, געוויס, האט מאהיי ווידערהאלט מיט זיין רוהיגע שטימע, דיר וועט בעסער זיין אין א פאמיליע.

אבער דא איז זייער געשפרעך אפגעהאקט געווארען פון געשרייען, ווייל לעוואק האט צוווארפען אלע קעגעלן מיט איין קלאפ. דיא שמחה פון אזא פיינעם שפיעל איז נאך פארגרעסערט געווארען מיט דעם אריינקומען פון דער מוקעט. זיא האט שוין א שטונדע ארומגעוואנדערט ארום דעם שיינק. און זיא האט געפאסט מוטה אריינצוקומען, ווען זיא האט דערהערט דיא פרייליכע געשרייען.

— וויא! דו ביסט גאר אליין? האט לעוואק אויסגערופען, און דיינע ליעבהאבערס?

— אה, איך האב זיי פעריאגט, האט זיא לוסטיג געענטפערט. איך זוך יעצט א ניי'ם.

אלע מענער האבען זיך פארגעשלאגען און האבען איהר בעשאטען מיט קיצעלדיגע ווערטער. זיא האט זיך אפגעזאגט, שאקלענדיג מיט'ן קאפ און לאכענדיג העכער פאר אלעמען. איהר פאטער, דער אלטער מוק, האט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף איהר, בעטראכטענדיג אלץ דיא צוווארפענע קעגעל.

— נו, גיי דאך צו איהם, האט לעוואק געזאגט, ווארפענדיג א בליק אויף עטיען. מיר פערשטייען שוין, וועמען דו זוכסט יעצט, מיין פייגעלע. דו וועסט איהם אבער מוזען נעהמען מיט געוואלט.

עטיען האט זיך פאנאנדערגעלאכט. דיא מיידעל האט זיך טאקע געדרייט ארום איהם. ער האט זיך אפגעזאגט, זעהר אמוזירט דערפון, אבער ניט האבענדיג מיז שום נייגונג צו איהר. זיא איז נאך געשטאנען עטליכע מינוט ביי'ן ארויסגאנג־ בעטראכטענדיג איהם מיט איהרע גרויסע אויגען, נאכהער איז זיא לאנגזאם אוועק און איהר געזיכט איז געווארען מיט אמאל זעהר ערנסט.

אין דערזעלבער צייט האט עטיען אנגעפאנגען אין שטילען צו ערקלערען מאהיי'ן וועגען דיא נויטווענדיגקייט פיר דיא קוילענגרעבער צו גרינדען א'ן אונטער־שטיצונגס־קאסע.

— אזוי וויא דיא קאמפאניע בעהויפטעט, דאס זיא לאזט אונז פריי, האט ער ווידערהאלט, וואס האבען מיר דא מורא? מיר האבען דאך נאר איהרע פענסיעס און זיא פערטהיילט זיי וויא זיא וויל. עס וועט זיין זעהר גוט, ווען מיר וועלען האבען א אייגענע אונטערשטיצונגס־קאסע, אויף וועלכע מיר וועלען קענען רעכענען אין פאל פון א נויט.

און ער האט אנגעצייט אויף איינצעלהייטען, דיסקוטירט דעם ארגאניזאציאנס־פלאן און פערשפראכען צו נעהמען אויף זיך דיא גאנצע ארבייט.

— איך בין שוין איינפערשטאנען, האט מאהיי געענטפערט א איבערציינגטער, אבער דיא אנדערע פערשטייען עס נאך ניט.... פרוביר זיי איבעררייד[illegible].

נאכדעם וויא לעוואק האט געוואונען, האט מען אוועקגעווארפען דיא קוגעלען און זיך גענומען צו טרינקען ביער גאר פון דאס נייע. אבער מאהיי האט זיך אפגע־זאגט צו טרינקען א צווייטע גלאז, ערקלערענדיג, אז דער טאג איז נאך ניט צו ענדע. ער האט זיך דערמאנט אן פיעראן, וועלכער האט זיך געווים געפונען אין דעם שיינק לאנפאן, און ער האט בעוואגען לעוואק'ן און עטיענען מיט איהם צו גיין נאך מאנטסו. אויפ'ן וועג האבען זיי זיך געמוזט אפשטעלען און טרינקען ביער מיט קאמעראדען אין פילע שיינקען. פון דיא אפענע טירען האט מען זיי גערופען און זיי האבען זיך ניט געקענט אפזאגען. זיי האבען אויך ניט מורא געהאט זיך אנצושיכורען, וויסענדיג, אז דאס ביער איז געווען שוואך און האט ניט פיל שטארקער געווירקט וויא געוועהנ־ליכע וואסער. אין דעם שיינק לאנפאן האבען זיי ווירקליך געפונען פיעראנען, וועלכער האט שוין אויך א היבש ביסעל ביער אריינגעטרונקען. יעצט האט מען א טרונק געטאן אויף א נייעם קאן, אבער באלד זיינען זיי אלע פיער ארויס אויפזוכען זאשא־ריען, און ווידער האבען זיי זיך געמוזט אבשטעלען אין שיינקען און אלץ טרינקען.

— אה, מען דארף גאר גיין אין וואוקאן! האט אויסגעשריען לעוואק, וועלכער איז שוין געווארען גאר פריילעך.

דיא אנדערע האבען זיך צולאכט, און האבען זיך ניט געקענט בעשליסען וואס צו טאן, אבער נאכהער האבען זיי בעגלייטעט זייער קאמעראד צווישען דיא וואקסענדע מענגע, וועלכע איז זיך צוזאמענגעקומען צוליעב דעם יום־טוב. אין דער לאנגער איינ־נער זאלע פון וואוקאן, אויף א ביהנע פון ברעטער, האבען זיך ארומגעדרייט פינף זינגערינס, דער אפפאל פון דיא שטראסענמיידלעך אין לילע און האבען גע־רייצט דיא מענער מיט זייערע גיינג און „לייבטע" קאסטיומען. פאר צעהן סו פלעגען דיא מענער זיי קריגען הינטער דיא ברעטער פון דיא ביהנע... וויא נאר דיא פיער האבען זיך אנידערגעזעצט לעבען א טיש, האט עטיען גענומען ערקלערען לעוואקען וועגען דיא אונטערשטיצונגס־קאסע. ער האט דערביי ארויסגעצייגט דיא בעגייסטערונג פון נייע בעקעהרטע, וועלכע שאפען זיך א מיסיע און געבען זיך אפ צו א אידעע מיט לייב און לעבען.

— יעדער מיטגליעד, האט ער געטענה'ט, וועט בלויז בייטראגען צוואנציג ס א מאנאט; אבער מיט דיזע בייטרעגע וועט מען אין פיער אדער פינף יאהר האבע

א גאנצען קאפיטאל. און ווען מען האט געלט, איז מען שטארק ביי יעדער גע־לעגענהייט, ניט אמת?...... אה, וואס זאגסטו דערצו?

— איך זאג ניט ניין, האט לעוואק געענטפערט צערשטרויט, מיר וועלען נאך ווענען דעם ריידען.

א גרויסע בלאנדינקע האט איהם גערייצט; און ער האט זיך איינגעשפארט צו פערבלייבען, וועהרענד מאהיי און פיעראן האבען געוועקט אוועקגיין ניט ווארטענדיג אויף די נעכסטע ליעד פון די זינגערינס.

ווען עטיען איז מיט זיי ארויס, האט ער געטראפען די מוקעט, וועלכע האט ווי עס האט אויסגעוויזען, איהם נאכגעפאלגט. זיא האט איהם אלץ בעטראכט מיט איהרע גרויסע אויגען און האט אונטערגעלאכט אזוי וויא זיא וואלט איהם זאגען: „ווילסט?“ עטיען האט שפאס געמאכט און געקוועטשט מיט די פלייצעס, און זיא איז אין כעס געווארען און איז פערשוואונדען אין דער מוננע.

ווען די דריי קוויענגרעבער זיינען צוגעקומען צו דעם שיינק פיקעט, האט דער גערויש פון א גיש ע זיי אפגעהאלטען. זאשאריע האט געטראשעט א וואלאנער נענעלמאכער מיט'ן קולאק, וועהרענד שאוואל, די הענט אין די קעשענעס, האט צוגעקוקט.

— אה, אט איז שאוואל, האט מאהיי רוהיג געזאגט. ער איז מיט קאטערינע.

די גאנצע צייט האט שאוואל ארומגעוואנדערט מיט קאטערינען איבער דעם וועג פון מאנטסו, וואו עס איז צוליעב דעם יום-טוב געווען א גאנצער יריד. די שטענדיגע שווארצע בראטע איז טרוקען געווארען אונטער דער ברענענדער זונן, און א שווארצער שטויב האט זיך געטראגען אין לופטען עפעס וויא א וואלקען. די שענקען פון ביידע זייטען זיינען געווען פול מיט מענשען, און אויף'ן גאס אין אלע ווינקעלעך זיינען געשטאנען קליינע הענדלער, וואס האבען פערקויפט לענטעס, סטיינגעס, שפיגעלעך פאר מיידלעך, מעסערלעך און היטלען פאר אינגלעך און צוקערקעס, לעקעך און פרוכטען פאר אלעמען. עס זיינען אויך געווען אויפגעשטעלט ערטער צום שפיעלען אין קוגעלן, צום הוידען־זיך, צום שיסען, וויא אין א געוויינליכען פאלקס־פעסט; און אויף'ן ווינקעל פון דעם זשואסעל־וועג, גראדע געגענאיבער די געביידע פון דער קאמפאניע־דירעקציאן, איז געווען אפגעצאמט איין ארט פאר א גישלעג פון העהנער: צוויי גרויסע רויטע העהנער, בעוואפענט מיט אייזערנע שפארען, האבען זיך איינע די אנדערע געבלוטיגט און געממת'ט.

שאוואל האט געקויפט קאטערינען א שפיגעלע פאר ניינצעהן סו און א שאל פאר דריי פראנק, און ווען זיי זיינען צוגעקומען צום שיינק פון „די אפגעהאקטע קאפ“, האט איהר שאוואל אריינגעפיהרט, אום דארט צו זעהען דעם וועט־שפיעל פון געזאנג־פייגעלעך, איין אמוזמענט, וואס איז שוין מיט א וואך פריהער אנאנסירט געווען. פופצעהן נענעל־מאכער פון מארשיען זיינען זיך צוזאמענגעקומען, יעדער מיט צוועלף שטייגלעך, אין וועלכע עס זיינען געווען געוויסע זינג־פויגעלעך. דיזע פויגעלעך האבען בעדארפט אין א שטונדע צייט ווידערהאלען זייער געזאנג, די פויגעלע וואס האט מעהר מאל געזונגען, די איז געבליבען די זיעגערין. יעדער נענעל־מאכער איז זיך געשטאנען מיט א גריפעל לעבען זיינע שטייגען און האט פערצייכענט די צאהל פון די געזאנגען פון זיינע פייגעלעך און האט אין דער זעלבער צייט שארף אויפגעפאסט אויף זיינע געגנער. און די פייגעלעך האבען זיך צו ענדע אזוי צוקאכט אין זייער וועט־געזאנג, דאס איינע פון זיי זיינען געפאלען טויט פון צו גרויסע אנשטרענגונג. ענדליך האט איינע געוואונען דעם ערשטען פרייז, וועלכע איז בעשטאנען פון א קאפע מאשינע.

קאטערינא און שאוואל זיינען שוין אפגעשטאנען עטליכע מינוט, ווען זא־

שאַטיע און פילאָמענע זיינען אָנגעקומען. זי האָבען זיך פריינדליך בעגריסט און זיינען געבליבען שטיין צוזאַמען. אבער פלוצלונג איז זאַשאריע אין כעס געוואָרען, ווייל ער האָט בעמערקט, ווי א נעגעלמאַכער, וועלכער איז געקומען אום נייגעריגקייט, וועגען דעם וואָלדשפּיעל פון זיינע קאַמעראַדען, האָט גענומען קאַטערינען. זיא איז נאָך וואָרען זעהר רויט און האָט געשוויגען, ציטערנדיג ביי דעם געדאַנקען פון די שלעגערייען, ווען די אלע נעגעלמאַכער וועלען זיך א וואָרף טאָן אויף שאַוואַל'ן, אויב ער וועט ניט וועלען, אז מען זאָל איהר קנייפען. אבער שאַוואַל האָט נאָר שפּאַס געמאַכט, אז ער האָט זיך דערוואוסט דערפון, און די זאַך וואָלט געווען פערגעסען ווען לעבען דעם שינק פון פּיקעט, וואוהין ביידע פּאָר זיינען נאכהער אוועק טרינקען וואָלט זיך ניט בעוויזען דער זעלבער נעגעלמאַכער אזוי ווי צו להכעיס, לאַכענדיג זאַשאריע'ן אין פּנים.

— דאָס איז מיין שוועסטער, דו שווין! האָט זאַשאריע אויסגעשריען אויסער זיך פון כעס. דאָנער־וועטער! איך וועל דיר שוין לערנען א ביסעל רעספּעקט צו איהר!

ער האָט זיך א לאָז געטאָן אויף איהם מיט אויסגעשטעלטע קולאַקעס, אבער מען האָט זיי ניט דערלאָזען צו א געשלעג. שאַוואַל האָט אלץ געטענה'ט צו זאַשאריע'ן:

— אבער לאָז דאָך געמאַך, דאָס איז דאָך מיין זאַך.... און איך זאָג דיר, אז איך האָב איהם אין דר'ערד!

ווען מאהיי, עטיען און פּיעראָן זיינען אָנגעקומען, האָבען זיי געפונען קאַטערינען און פּילאָמענען אין טרערען און האָבען זיי בערוהיגט. אין דער מענגע האָט מען יעצט געלאַכט פון דעם נעגעל־מאַכער, וועלכער איז דערווייל פערשוואונדען. אום נאָך מעהר צו בערוהיגען די קאַמפּאַניע, האָט שאַוואַל, וועלכער איז געווען א בעל־בית אין דעם שיינק פּיקעט, געשטעלט ביער פאר אלעמען, און אלע האָבען געמיטהליך געטרונקען און פערבראַכט די צייט. אבער זאַשאריע איז ווידער אויפגעבראַכט געוואָרען אויף דעם נעגעלמאַכער, אז ער האָט דערזעהן זיין חבר מוקע. ער האָט איהם צוגערופען און האָט אויסגעשריען:

— איך מוז דעם קערל צורעכט מאַכען! שאַוואַל, פּאַס אויף אויף קאַטערינען און פּילאָמענען. איך קום באַלד צוריק.

און ער איז אוועק, וועהרענד מאהיי האָט געשטעלט ביער פאר די קאַמפּאַניע אויף זיין רעכנונג. אלע האָבען עס געפונען פאר זעהר אנשטענדיג, וואָס זאַשאריע נעהמט זיך אזוי אָן פאר זיין שוועסטער; אבער פּילאָמענע האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, דענקענדיג, אז ביידע יונגע לייט זיינען געוויס אוועק אין וולקאַן.

די אבענדען פון די ימים־טובים פלעגען זיך ענדיגען מיט א באַל אין דעם „פריילעכען יונג“ ביי די אלמנה דעזיר. זיא איז שוין געווען אלט א יאָהר פופציג, קיילעכדיג ווי א פאַס, אבער זיא איז נאָך געווען אזוי לוסטיג, אז זיא האָט געהאַט זעקס ליעבהאבער, צו איינעם פאר יעדען אבענד אין מיטענוואָך און אלע צוזאַמען יעדען זונטאָג. זיא פלעגט רופען די קוילענגרעבער איהרע קינדער און זיא פלעגט זיך בערימען, וואָס קיין זיפּערין פלעגט ניט שוואַנגער ווערען איידער זיא פלעגט ניט א ביסעל פרייליך געמאַכט ווערען ביי איהר אין שיינק. דער טאַנץ־זאַל איז געווען בעפּוצט מיט פּאַפּירענע בלומען, וועלכע האָבען זיך געצויגען פון די ווינקלען ביז זיי האָבען זיך אין מיטען זאַל געענדיגט אין א קראַנץ. די סטעליע איז געווען אזוי ניעדריג, אז די דריי מוזיקאַנטען, וואָס זיינען געזעסען אויף א קליינע בינה, האָבען זיך אָנגעשלאָגען די קעפּ. און די בעלייכטונג איז בעשטאַנען פון פיער קעראָסין לאַמפּען, וועלכע זיינען געווען אָנגעשלאָגען אין די פיער ווינקלען פון זאַל.

דיעזען אבענד האט מען ישוין געטאנצט זון פינף אוהר ביי דעם שיין, פון דיא ווייז אבער ערשט נאך זיעבען יזאט דיא זאאל אנגעפאנגען פול צו ווערן. דרויסען האט געבלאזען א שטארקער ווינט, וועלכער האט אנגעזאגט אויף א נאהענטע שטורם און האט אריינגעבלאזען אין זאל א שווארצען שטויב, וועלכער האט פארשמוצינט און געבלענדעט דיא אויגען. ביי דעם שיין פון דיא לאמפען אין מיטען פון דעם שטיי־קענדען שטויב האט מען געהערט א טראסקעריי פון דיא מוזיקאנטען און געזעהען א דרייענעם פון פיגורען, פון וועלכע עס האט זיך געהערט א שטארקער גערוך פון שווייס.

עס איז געווארען ארום אכט א זייגער ווען מאהיד איז אין דעם טאנץ־זאל אריינגעקומען, האלטענדיג עסטעלין ביי דער ברוסט, בעגלייטעט פון אלזיר, העגרי און לענארע. זיא איז גלייך געקומען אהין צו געפינען איהר מאן, זייענדיג זיכער איהר מאן צו טרעפען. מיר וועט האבען אבענד־מאלצייט שפעטער, דען קיינער האט נאך ניט געוועלט עסען נאך דיא קאפע און ביער, מיט וועלכע מי האט אנגעפיהרט דעם מאגען. א דריטע ווייבער זיינען געקומען, און מ האט זיך געשושקעט, ווען מי האט דערזעהען וויא הינטער מאהיך האט זיך אוועקגעזעצט לעבען פרוי לעוואק, וועלכע איז אריינגעקומען צוזאמען מיט איהר אין דער בעגלייטונג פון בוטלו, וואס האט מיטגעפיהרט פילאמענע'ס צוויי קינדער. און ביידע מחותן'עסטעס האבען נישיינט צו זיין איינפערשטאנען און פרייליך, דען זיי האבען צווישען זיך גערעט. אויפ'ן וועג האבען זיי זיך צוזאמענגעטראפען און האבען געהאט א הייסען געשפרעך, נאך וועלכען מאהיד האט געמוזט צושטימען צו דער חתונה פון זאשאריע, זעהר פערצווייפעלט פון דעם פערלוסט פון איהר זוהן'ס פערדינסטען, אבער פיהלענדיג, אז זיא קען איהם מעהר ניט האלטען ביי זיך, אז זיא זאל דערמיט ניט טאן א גרויסע אונרעכט צו דיא לעוואקס. זיא האט דארום זיך געמאכט הארץ און האט גערעט פריינדליך צו פרוי לעוואק, זייענדיג אלץ פערזארגט, וויא אזוי זיא וועט יעצט אין שטאנד זיין צו פיהרען איהר ארימעווירטהשאפט.

— זעץ זיך דא, האט זיא געזאגט צו פרוי לעוואק, אנצייגענדיג אויף א טיש לעבען דעם וואו מאהיי, פיעראן און עטיען האבען געטרונקען ביער.

— מיין מאן איז גאר ניט מיט אייך? האט פרוי לעוואק גיפרעגט.

זיי האבען איהר גיענטפערט, אז ער וועט באלד קומען, און אלע זיינען אנשווייגען געווארען אין דער דריקענעס און שטיקענעס פון דעם פלאץ. בעמערקענדיג איהר מוטער און איהרע קינדער, האט פילאמענע ביי זיך בעשלאסען צו צוקומען, און זיא האט נישיינט צו זיין זעהר צופרידען, ווען זיא האט זיך דערוואוסט, אז ענדליך וועט זיא זיין א בעל־הבית'טע פאר זיך. מאהיי האט גיווארפען א פיל־זאגענדען בליק אויף זיין פרוי. האט זיא ענדליך נאכגעגעבען? און ער איז געווארען זעהר ערנסט, ער אייך איז בעזארגט גיוועזן פון זיין חיונה, פירכטענדיג פאר טעג פון הונגער.

אין מיטען זאל האט מען אלץ געטאנצט, א רויטליכער שטויב האט זיך געטראגען אין לופטען; און ווען דיא טאנצערס זיינען שטיין געבליבען, האט פון זיי געשלאגען א פארע אזוי וויא פון פערמאטערטע פערד.

— דו דערמאנסט זיך? האט לעוואק געזאגט, צובייגענדיג זיך צו מאהיו'ס אויער, דו האסט געשווארען, אז דו וועסט דערשטיקען קאטערינען, אויב זיא וועט זיך בענארעשען......

שאוואל האט גראדע צוגעפיהרט קאטערינען צום טיש, וואו די פאמיליע איז געזעסען.

— בא, האט מאהיד אויסגעשטאמעלט מיט א ניעדערשלאגענע מינע, עס רעדט זיך נאר אזוי.... אבער דאס בערוהיגט מיך, וואס זיא קען נאך קיינע קינדער האבען.... אה, אין דעם בין איך זיכער.... עס האט נאך געפעהלט אז זיא זאל שוואנגער ווערן און האבען א קינד — וואס וואלטען מיר דאן עסען?

דאַ האָט דיא מוזיק א קלאפּ געטאָן א פּאַרקא, און וועהרענד דיא טענצערס האָבען געסאַפּעט אין שטוב, האָט מאַהיי שטילערהייט מיטגעטהיילט זיין פּרוי א פּלאַן. ווארום זאָלען זיי ניט נעהמען א קוואַרטיראַנט, עטיענען צום ביישפּיעל, וועלכער זוכט קעסט אין א פאמיליע? זיי וועלע האָבען פּלאַץ, דען זאַשאַריע פערלאָזט דאָך זיי, און דאָס געלט, וואָס זיי וועלען פערלירען פון איין זייט, וועלען זיי געווינען פון איין אַנדער זייט. מאַהיד׳ס געזיכט איז בעלויכטען געוואָרען; געוויס איז עס א גוטע איד.ע, און מען דאַרף דיא זאַך באַלד אראנזשירען. זיא האָט שוין געפּיהלט, אַזוי ווי זיא וואָלט זיך געראַטעוועט פון הונגער, און זיא איז גאַר א לעבעדיגע געוואָרען און האָט געהייסען שטעלען ביער פאַר אַלעמען.

עטיען האָט אין דערזעלבער צייט געזוכט צו בעקעהרען פּיעראָנען, וועמען ער האָט ערקלערט זיין פּלאַן פון איין אונטערשטיצונגס־קאַססע. יענער האָט שוין געוועלט צוזאָגען צוצוטרעטען, ווען עטיען האָט געהאַט דיא אונפאָרזיכטיגקייט איהם ארויסצו־זאָגען זיין ריכטיגען צוועק.

— און ווען מיר וועלען ארויסגיין סטרייקען, פערשטייסט דו דאָך דיא ניצליכ־קייט פון אזא קאַססע? מיר האָבען דאַן דיא קאָמפּאַניע אין ד׳רערד, דען מיר האָבען דאָך געלט צו האַלטען זיך דיא ערשטע טעג.... אה, וואָס זאָגסטו? דו וועסט אריינטרעטען?

פּיעראָן האָט אראָפּגעלאָזען דיא אויגען, בלייך ווערענדיג, און ער האָט אויס־געשטאַמעלט:

— איך וועל נאָכדענקען...... ווען מען פיהרט זיך אויף גוט, איז עס דיא בעסטע הילפס־קאַססע.

דאַן האָט זיך מאַהיי געווענדעט צו עטיענען און האָט איהם פאָרגעשלאָגען צו ווערען ביי איהם א קוואַרטיראַנט, פּראָסט און אָהן דריידלאַך, ווי איין עהרליכער מאַן. דער יונגער מאַן האָט אויך אזוי אָנגענומען דעם פאָרשלאַג, ווינשענדיג זעהר צו וואוינען אין דעם קוילענגרעבערס דערפעל, אום צו האָבען מעהר פאַרקעהר מיט דיא כאַרעדען. מען האָט דעם עסק אָפּגעפּטר׳ט אין דריי ווערטער, און מאַהיד האָט ערקלערט, אז מען וועט אונטעראיילען דיא חתונה.

גראַדע זיינען אָנגעקומען זאַשאַריע מיט מוקע און לעוואַק. אלע דריי האָבען מיטגעבראַכט א גערוך פון דיא מיידלעך פון וואולקאַן. זיי זיינען געווע זעהר בעזאָ־פען, צופרידען מיט זיך זעלבסט, שטופענדיג איינער דעם אַנדערן; מיט׳ן עלענבויגען און אונטערלאַכענדיג. ווען זאַשאַריע האָט זיך דערוואוסט, אז מ׳וועט איהם ענדליך חתונה מאַכען, האָט ער זיך אזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, אז עס האָט איהם אָנגעפאַנגען צו שטיקען. פיליאָמענע האָט נידערגעשלאָגען בעמערקט, אז זיא גלייבט בעסער צו זעהען איהם לאַכען ווי וויינען. בוטעלו האָט זיך אָפּגערוקט פון זיין גיזעס, אום צו געבען א העלפט צו לעוואַק׳ען, ביי וועמען דאָס הארץ איז אזוי צוגאַנגען פון דעם, וואָס אלע זיינען געווען צוזאַמען, אין פאַמיליע, דאָס ער האָט געהייסען שטעלען ביער און האָט אויסגעשריען:

— אה, דאָנערוועטער, מען אמוזירט זיך ניט אזוי אָפט!

ביז צעהן א זייגער זיינען זיי אלע געבליבען אין טאַנץ־זאַל. ווייבער פלעגען אלע ווייל קומען, אום אוועקצושלעפּען זייערע מענער, און באַנדעס קינדער האָבען זיך נאָכגעשלעפּט. מ׳ האָט ניט אויפגעהערט צו טאַנצען, ניט אכטענדיג אויף דיא היץ, וועלכע האָט איינפאַך געקאָכט דיא טענצערס אין שווייס, און אויף דיא שטיקענדע שטויב, וועלכע איז אזוי געדיכט געוואָרן, אז מען האָט קוים געקענט דערקענען א מענשען, און דאָס האָט געגעבען מוטה צו דיא שטיפּערס אונטערצושטעלען פיס, אז דיא טענצערקעס זאָלען פאַלען. און אין אלע ווינקעלעך פון דיזען זאַל האָט מען אין זיך געגאָסען טייבען ביער.

ווען דיא לעוואק'ס און מאהיי'ס זיינען אוועק אהיים, האט עטיען מיטגעפיהרט שאוואל'ען צו כאפען נאך א טרונק ביי ראסענעיר'ן.

— איך שטיי צו! האט שאוואל אויסגעשריען, ווען עטיען האט איהם ערקלערט דעם פלאן וועגען דער אונטערשטיצונגס־קאסע. ארבייט טיכטיג אין דעם, דו ביסט א וואוילער יונג!

ביי עטיען'ען האבען דיא אויגען געפלאמט פון צו פיעל ביער טרינקען, און ער האט אויסגערופען:

— יא, לאמיר זיך האלטען אלע צוזאמען אין שלום...... זעהסטו איך וועל אלעס אפגעבען פיר דיא גערעכטיגקייט, דאס טרינקען און דיא מיידלעך. עס איז נאר דא איין זאך וואס ווארמט מיין הארץ — דאס איז דער געדאנקען, אז מיר וועלען צושמעטערן דיא בורזשוא.

III

אין מיטען אויגוסט האט זיך עטיען אריבערגעקליבען צו מאהיי. זאשאריע האט געקראגען א הייזעל ביי דער קאמפאניע, אז ער האט חתונה געהאט.

דיא ערשטע צייט האט זיך עטיען געפיהלט עפעס שעמעדיג און זשענירט געגענאיבער קאטערינען. איבעראל האט ער פערטראטען דעם פלאץ פון דעם עלטערן ברודער, שלאפענדיג אין איין בעט מיט זשאנלען לעבען קאטערינעס בעט. ער פלעגט זיך דארפען אויסטאן און אנטאן לעבען איהר או זעהען ווי זיא ווארפט פון זיך ארונטער דיא קליידער. ער פלעגט זיך שטענדיג פיהלען אויפגערעגט, ווען ער פלעגט זעהן דיא בלייכע ווייסקייט פון איהר קערפער. ער פלעגט זיך מאכען ניט זעהענדיג, נאר ביסלעכווייז האט ער אויסגעקוקט אלע טהיילען פון איהר קערפער. אבער אויב ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען ניט צו קוקען אויף איהר, ווען זיא פלעגט זיך לייגען שלאפען, האט ער אויסגעמידען מיט אלע ווערטליך, שפאסען און טאפענס מיט דיא הענט. דיא עלטערן זיינען געווען אין נעבסטען צימער, און ער האט געהאט צו איהר א געפיהל פון פריינדשאפט און פערביסענעס כעס, וועלכער האט איהם ניט דערלאזען צו בעהאנדלען איהר ווי א מיידעל, וואס מען ווינשט צו האבען. דיא גאנצע שעמעדיגקייט פון דער פאמיליע האט זיך נאר איינגעדריקט ביי'ן ארומוואשען זיך נאך דער ארבייט: קאטערינע פלעגט יעצט זיך וואשען בעזונדער אין אייבערסטען צימער, וועהרענד דיא מענער פלעגען זיך וואשען, אין קיך איינער נאך דעם אנדערן.

און נאך דעם ערשטען מאנאט האבען זיך שוין עטיען און קאטערינע געשיינט ניט צו זעהן, ווען זיי פלעגען ארומגיין אויסגעטאנענער־הייט פאר'ן לייגען זיך שלאפען איידער דאס ליכט איז אויסגעלאשען געווארן. זיא האט זיך אויפגעהערט צו איילען און האט אנגעפאנגען צו פלעכטען איהרע האר נאך איהר פריהערע געוואהנהייט, זיצענדיג אויף דעם ברעג בעט, דיא הענט אין לופטען, דיא העמד ניט בעדעקענדיג אפילו דיא קניע; און ער, אהן הייזען, פלעגט א הר אפט דערלאנגען א קעמעל צו דער האנד און זוכען שפילקעס, וואס זיא פלעגט פארלירען. דיא געוואהנהייט האט געטויטעט דיא שאנדע צו זיין נאקעט; זיי האבען עס געפונען גאנץ נאטירליך צו זיין אזוי, דען קיין שלעכטעס איז דערפון ניט ארויסגעקומען, און עס איז ניט געווען זייער שולד, אז עס איז נור געווען איין צימער פאר זיי אלעמען. אבער מאנכעס מאל פלעגען זיי זיך גאר אנדערש אנהייבען צו פיהלען, ווען זיי פלעגען גאר ניט דענקען וועגען עטוואס זינדיגעס. א מאל, ווען ער פלעגט דערזעהן דיא ווייסקייט פון איהר קערפער, פלעגט עפעס איהם א טרייסעל טאן, אז ער פלעגט זיך מוזען אפקעהרען אויס פורכט, אז ער זאל איהר ניט ארומנעהמען. און א מאל, אהנע שום אורזאכע, פלעגט זיא ווערן שעמעדיג, זיך שנעל ארייגלייגען אין בעט און איינוויקלען אין דעקטוך, עפעס אזוי ווי זיא וואלט געפיהלט, אז עטיען נעהמט איהר ארום מיט זיינע הענד.

און ווען דאָס ליכט איז שוין אויסגעלאָשען געוועזען, פלעגען זיי דאָן ניט איינשלאָפען און טראַכטען איינער וועגען אנדערן טראָץ דיא מידקייט פון דער ארבייט. דאָס פלעגט זיי מאַכען אונרוהיג און אַנגעבלאָזען אויף מאָרגען, דען זיי האָבען בעסער געגליכען דיא רוהיגע אבענדען, ווען זיי פלעגען זיך בעטראַכטען אלס קאַמעראַדען.

עטיען האָט זיך נאָר געהאַט צו בעקלאָגען אויף זשאַנלען, וועלכער פלעגט זיך וואַרפען אין שלאָף וויא אין א חיץ־קריינק. דיא אנדערע קינדער פלעגען שלאָפען גאַנץ רוהיג, און ביי נאַכט פלעגט מען נאָר הערען דאָס רעגעלמעסיגע כראָפען פון מאהיי אָדער מאהיד. אין אלגעמיין האָט זיך עטיען געפיהלט בעסער וויא ביי ראַסענעיר'ן. דיא בעט איז געוועזען א בעסערע און א ריינערע, און דער סוף איז אויך געוועזען א בעסערער. ער האָט נאָר געליטען, וואָס פלייש איז געוועזען א זעלטענהייט, אָבער נאָר פינף און פערציג פראַנק א מאָנאַט האָט ער מעהר ניט געקענט פערלאַנגען. דיזעס געלט האָט אָבער געהאָלפען דער פאַמיליע וויא עס איז דורכצוקומען, איבערלאָזענדיג שטענדיג קליינע חובות אויף שפּעטער, און מאהיד האָט געצייגט איהר דאַנקבאַרקייט צו איהם, וואָס זיא פלעגט אלע מאָל אויפפּאַסען, אז זיין וועש זאָל זיין ריין און גאַנץ.

דאָס איז געוועזען דיא צייט, ווען עטיען האָט פערשטאַנען דיא אידעען, וועלכע האָבען זיך ארומגעטראָגען אין זיין קאָפּ. ביז דאַן איז עס נאָר ביי איהם געוועזען איין אינסטינקטיווע אונצופריעדענהייט. אלערלייא קאָפּברעכענדע פראַגען האָבען זיך ביי איהם געפּלאָנטערט: וואָרום זיינען דיא אָרעמע און דיא אנדערע רייך? וואָרום זיינען דיא אָרימע שטענדיג אונטער דיא פיס פון דיא רייכע אָהנע האָפנונג ווען עס איז ערלייזט צו ווערען? און זיין ערשטער שריט איז געוועזען צו פערשטעהן זיין אייגענע אונוויסענהייט. א געהיימע שאַנדע, א בעהאַלטענע הארצקלעמעניש האָבען איהם זייט דאַן געגריזשעט: ער האָט גאָר ניט געוואוסט, ער האָט ניט געוואַגט צו ריידען וועגען זאַכען, וואָס זיינען איהם אַזוי טהייער געווען — דיא גלייכהייט פון אלע מענשען, דיא גערעכטיגקייט, וועלכע האָט געפאָדערט, אז מענשען זאָלען זיך טהיילען מיט דיא גוטס פון דער ערד. און ער האָט זיך גענומען צום שטודירען, אָבער אָהן סיסטעם, אַזוי וויא אלע אונוויסענדע וואָס קריגען א ליעבע צו וויסענשאַפט. יעצט האָט ער זיך אָפּט איבערגעשריעבען מיט פּלושאַר'ן, שוין מעהר וויסענדיג, זעהר בעגייסטערט פון דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג. ער האָט געהייסען איהם צושיקען ביכער, וואָס זייער אינהאַלט, וועלכען ער האָט ניט געקענט גרינדליך פערשטעהן, האָט איהם נאָך מעהר געמאַכט אויפגערעגט און בעגייסטערט. איבערהויפּט האָט אויף איהם אַזוי געווירקט א מעדיצינישער בוך „דיא היגיענע פון א קוילענגרעבער", אין וועלכען א בעלגישער דאָקטאָר האָט אויסגערעכענט אלע אורזאַכען, פון וועלכע קוילענגרעבער שטאַרבען פאַר דער צייט. ער האָט אויך דורכגעלעזען ביכער איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וואָס ער האָט שווער פערשטאַנען, אנאַרכיסטישע בראָשורען, וועלכע האָבען זיינע געדאַנקען צערמישט, אלטע נומערן פון צייטונגען, וועלכע ער האָט נאָכהער געהאַלטען אלס אונבעשטרייטבאַרע ארגומענטען אין מעגליכע דיסקוסיאָנען. סואוואַרין פלעגט איהם באָרגען ביכער, און דאָס ווערק איבער קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען האָט איהם געמאַכט טרוימען א גאַנצען מאָנאַט איבער איין אלוועלטליכע אסאָציאַציע וואָס וועט פערניכטענדיג געלד בעגרינדען דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבען אויף ארבייט. דיא שאַנדע פאַר זיין אונוויסענהייט איז אַזוי ביסלעכווייז שוואַכער געוואָרען, און ער האָט זיך אנגעפאַנגען צו האַלטען שטאָלץ, וויא נאָר ער האָט אנגעפאַנגען צו פיהלען, אז ער דענקט.

אין פערלויף פון דיא ערשטע מאָנאַטען האָט עטיען געפיהלט די בעגייסטערונג פון נייבעקעהרטע, דאָס הארץ פול מיט האַס געגען דיא אונטערדריקער, האָפענדיג

מיט ענטציקונג אויף א נאָהענטען נצחון פון דיא אונטערדריקטע. ער איז נאָך ניט געקומען אזוי ווייט, אז ער זאָל זיך פון זיין לעזען אָהן א סיסטעם קענען אויסארבייטע א סיסטעם. דיא פראקטישע פאָרדערונגען פון ראַסענעיר זיינען ביי איהם געווען צו־זאמענגעמישט מיט דיא צערשמעטערנדע טעאָריען פון סואווארין, און ווען ער פלעגט ארויסגיין פון ראסענעיר'ס שיינק, וואו ער פלעגט כמעט יעדען טאָג אויסגיסען זיין הארץ נעגען דיא קאָמפאניע, פלעגט ער וואנדערן אין א טרוים, וואו ער האָט בייגע־וואהנט וויא דיא פעלקער ווערן ראדיקאל אויסגעבעסערט, אז דאָס זאָל אפילו ניט קאָסטען א טראָפען בלוט און א צובראָכענע שויב. די מיטעל, וויא אזוי דאָס אויס־צופיהרען, זיינען געווען גאַנץ דונקעל, ער האָט געוועלט בעסער גלויבען, אז דיא זאכען וועלען פון זיך אליין גוט גיין, דען זיין סאָף פלעגט ווערן צוטומעלט, וויא נאָר ער פלעגט וועלען זיך פאָרשטעלען א פלאן פון איבערבויען דיא געזעלשאפט. ער פלעגט זיך א מאל ארויסציינען פול מיט גימעסיגקייט און ווידערשפרוך, ער פלעגט מאנכעס מאָל זאָגען, אז מי דארף ארויסיאָגען דיא פאליטיק פון דער סאָציאלער פראגע, א פראזע וועלכע ער האָט ערגעץ גילעזען און וועלכע האָט איהם געשיינט צו זיין גוט צו זאָגען דיא קאלטבלוטיגע קוילענגרעבערס, צווישען וועלכע ער האָט געלעבט. יעצט פלעגט מען זיך אויף יעדען אָבענד לייגען מיט א שטונדע שפעטער שלאָפען ביי מאהיי. עטיען פלעגט שטענדיג אָנפיהרען דעם זעלבען געשפרעך. זייט ער האָט זיך אויסגעבילדעט, האָט איהם אלץ מעהר געקריינקט דער צוזאמענגעדריינג פון'ם דערפעל. זיינען דען דיא קוילענגרעבער חיות, וואָס מי האָט זיי אזוי צוזאמענגעדריקט אין מיטען פון פעלדער, אז איינער האָט ניט גיקענט אויסטאָן א העמד אז די שכנים זאָלען ניט זעהן זיין נאקעטע לייב! און וויא שעדליך דאָס איז פאר דיא געזונדהייט און וויא אינגלעך און מיידלעך ווערן דורך דעם פערדאָרבען!

— צום טייפעל! האט מאהיי גיענטפערט, ווען מי וואָלט גיהאט מעהר געלד, וואָלט געווען א ביסעל גראמער... אָבער עס איז דאָך אמת, אז עס איז גאָר ניט גוט צו וואוינען איינער אויף דעם אנדערן. דאָס ענדיגט זיך טאקי מיט שכור'ע מענער און שוואנגערע מיידלעך.

אין דיא געשפרעכען, וואָס עטיען פלעגט אנפיהרען ביי דיא מאהיים, פלעגט יעדער זיך זאָגען זיין ווארט, ווערענד דער קעראָסין־לאמפ האָט נאָך ערגער געמאכט דיא לופט פון זאאל, וועלכע איז שוין געווען פארשטונקען מיט דעם גערוך פון גיבראָטענע ציבעלעס. „געוויס, דאָס לעבען איז גאָר ניט א פרעהליכע זאך. מי הארעוועט וויא אָן אָקס ביי איין ארבייט, וועלכע איז א מאָל געווען א שטראָף פאר קאָטאָר־זשניקעס, און אָפט לאָזט מען דאָרט איינפאך ארויס דיא נשמה, און דאָן האָט מען אפילו קיין שטיקעל פלייש ביי'ם אָבענד־שפייז. מי האָט נאָר צו עסען אזוי פיעל, אום ניט צו קראפירען פון הונגער, און מען איז נאָך איבער'ן קאָפ אין חובות. און ווען עס קומט דער זאָנטאג, שלאָפט מען פון אויסגעמאטערטקייט. ניין, ניין, דאָס לעבען איז גאָר קיין פערגעניגען ניט."

— וואָס עס ערגערט מיך, פלעגט זיך מאהיד אריינמישען, איז וואָס מען זאָגט זיך, אז עס קען גאָר אנדערש ניט זיין.... ווען מען איז יונג, בילדעט מען זיך איין, אז דאָס גליק וועט קומען, מען האָפט, און נאכהער קומט שטענדיג דיא ארמוטה און מען בלייבט איינגעשלאָסען אין איהר... איך ווינש קיינעם קיין שלעכטעס ניט, אָבער מאנכעסמאָל מאכט מיך דיזע אונגערעכטיגקייט ווילד.

נור דער אלטער בונמאר, ווען ער פלעגט זיין ביי דיזע געשפרעכען, פלעגט ער פערוואונדערט אויפעפענען זיינע אויגען, דען אין זיין צייט פלעגט מען גאָר ניט דיינקען וועגען אזעלכע זאכע: מען איז געבאָרען געוואָרען צווישען דיא קוילען און מען

פלעגט זיי האקען אהנע זיך צו קימערן וועגען עטוואס אנדערס, וועהרענד יעצט טראגען זיך עפעס דיא קוילענגרעבער ארום מיט עהרגייציגע שטרעבונגען.

— מען דארף אויף קיין זאך ניט שפייען, פלעגט ער א זאג טאן. א גוטע גלאז ביער איז א גוטע גלאז ביער...... דיא אויפפאסערס זיינען אפט קאליקעס, אבער עס וועלען דאך אלע מאל זיין אויפפאסערס, ניט אמת? עס איז נוצלאז צו ברעכען זיך דעם קאפ מיט'ן דיינקען וועגען דעם.

אבער עטיען פלעגט דא ווערן א'ן אויפגעקאכטער. וויא, דאס דענקען זאל איהם זיין פערבאטען דעם ארבייטער! אבער דיא אומשטענדען וועלען זיך ענדערן, ווייל דער ארבייטער הייבט אן נאכצודיינקען. אין דיא פריהערע צייטען פלעגט דער קוילענגרעבער לעבען אין זיין גרוב וויא א חיה, וויא א מאשינע ארויסצושלעפען קוילען פון אונטער דער ערד. דארום האבען טאקע דיא רייכע, וועלכע רעגירען, איהם געקענט לייכט איינשפאנען אין יאך; אבער יעצט ווערט ער אויפגעוואכט אין דיא טיפענעס פון דער גרוב, און ער זשערמיכט (שפראצט) אין דער ערד וויא א אמת'ע פלאנץ, אין איין מארגען וועט מען זעהן, וואס ער וועט ארויסוואקסען אין פעלד: יא, עס וועלען ארויסוואקסען מענשען, א מחנה מענשען, וועלכע וועלען איינפיהרען גערעכטיגקייט. זיינען דען אלע מענשען ניט גלייך זייט דער רעוואלוציאן? אזוי וויא אלע וואטירען צוזאמען, דארף דען דער ארבייטער בלייבען דער שקלאוו פון פאבריקאנט? דיא גרויסע קאמפאניעס מיט זייערע מאשינען צוקוועטשען אלעמען, און מען האט אפילו ניט קענען זיי דיא נאראנטיעס פון אמאליגע יאהרען, ווען דיא ארבייטער פון איין פאך פלעגען זיין פערבונדען און פלעגען וויסען, וויא זיך צו פערטהיידיגען.

מאהיי איז שוין געווען פון עטיען'ס רייד צורודערט, אבער ער האט נאך זיך אלץ געשראקען פאר דיא קאמ אניע.

— וויא מען דערלאנגט זיך נאר א ריהר, האט ער בעמערקט, ניט מען דיר גלייך דעם וועג. דער אלטער האט רעכט. דער קוילענגרעבער וועט שטענדיג האראווען אהנע דיא האפענונג צו עסען א שטיקעל פלייש פון צייט צו צייט.

— און ווען דאס, וואס דיא גלחים דערציילען, וואלט כאטשע געווען אמת, האט זיך מאהיד אריינגעמישט, ווען דיא ארימע פון דער וועלט, וואלטען געווען דיא רייכע אויף יענער וועלט!.....

א געלעכטער האט אונטערבראכען איהרע רייד, אפילו דיא קינדער האבען שפאס געמאכט, דען אלע זיינען געווארען אונגלויביג אונטער דעם גייסט פון אונזער צייט, פירכטענדיג פאר דיא שדים פון דער מינע, אבער אויסלאכענדיג זיך פון דעם פוסטען הימעל.

— אהה, יא, דיא גלחים! האט מאהיי אויסגעשריען. אויב זיי וואלטען אין דעם געגלויבט, וואלטען זיי וויינינגער געגעסען און מעהר געארבייט, אום זיך צו פערזיכערן דארטען א גוטען פלאץ...... ניין, ווען מען איז טויט, איז מען טויט.

מאהיד האט שטארק געזיפצט.

— אה, מיין גאט! אה, מיין גאט!

נאכהער, אראפלאזענדיג דיא הענד אויף דיא קניע זעהר נידערגעשלאגען, האט זיא אויסגעשריען:

— דאן איז עס אמת, מיר זיינען פערלארען....

אלע האבען זיך בעטראכט. דער אלטער באנמאר האט געבראקעט, און מאהיי האט פארטראכטערהייט געצויגען זיין ליולקע, וועלכע איז שוין לאנג געווען פארלאשען. אלזיר האט זיך צוגעהערט, זיצענדיג צווישען הענרי און לענארע, וועלכע האבען געשלאפען לעבען טיש, אבער בעזאנדערס האט קאטערינע, דאס געזיכט אנגעשפארט

און דיא הענה, קיין ווארט ניט כעריהערט פון עטיען'ס רייד. זיא האט פון איהם דיא אויגען ניט אראפגעלאזען, וועהרענד ער האט אויסגעדריקט זיין האס צו די הערשער און זיין גלויבען אין א בעסערע צוקונפט. ארום האבען שוין אלע געשלאפען, און מען האט מעהר ניט געהערט וויא דיא געוויין פון א קליין קינד אדער א קריגעריי מיט א פערשפעטיגטען שכור.

— וואס פאר אידעען איהר האט עס! האט עטיען געזאגט צו דיא מאהיד. נייטיגט איהר זיך דען אין גאט און אין זיין גן עדן, אום צו זיין גליקליך? קענט איהר דען אליין זיך ניט שאפען גליק אויף דער ערד?

און בעגייסטערט האט ער ווייטער גערעדט וועגען א גליקליכע צוקונפט, ווען דיא פינסטערקייט וועט פערזשווינדען און גערעכטיגקייט וועט הערשען אויף דער וועלט. ער האט געשילדערט מיט ברענענדע ווערטער זיינע טרוימען וועגען א געזעלשאפט, וואו יעדער וועט זיך לעבען פון זיין ארבייט און וועט זיך האבען זיין חלק אין דיא געמיינשאפטליכע זאכען. דיא פערפוילטע ארדנונג איז פערשוואונדען, א נייע מענש-הייט, אויסגעריינינגט פון דיא פערברעכען, ביקרעענדיג איין פאלק פון ארבייטער, האט איהר אויפגאבע צו בעפרייען יעדען נאך זיין ארבייט

אנפאנגס האט מאהיד זיך געסטארעט ניט צו הערן, דערשראקען פאר דיזען רייצענדען טרוים. ניין, ניין, דאס איז צו הערליך, מען דארף זיך ניט אריינלאזען אין אזעלכע געדאנקען, דען זיי וועלען נאכהער מאכען דאס לעבען נאך אבשייליכער און מען וואלט אלעס אויסגעמארדעט, אום צו זיין גליקליך. ווען זיא האט געזעהן, וויא מאהיי'ס אויגען ווער אנגעצונדען, וויא ער ווערט בעגייסטערט פון עטיען'ס רייד, האט זיא געקראכען פארכט, האט געשריען און איבערגעשלאגען עטיענען.

— הער איהם ניט, מיין מאן! דו זעהסט דאך, אז ער דערציילט אונז שיינע מעשיות.... וועלען זיי דיא בורזשויא ווען עס איז מרוצה זיין צו ארבייטען וויא מיר?

אבער ביסלעכווייז האט עטיען'ס בעגייסטערטע שילדערונג געווירקט אויף איהר אויך. זיא האט שוין צוגעשמייכעלט, טראכטענדיג מיט האפנונג וועגען דיא גליקליכע צוקונפט. עס איז דאך געווען אזוי זיס צו פערגעסען כאטשע אויף איין שטונדע דיא טרויעריגע ווירקליכקייט! ווען מען לעבט וויא בהמות, מוז מען עפעס האבען א ווינקעלע פון איינבילדונג, וואו מען טרייסט זיך און מען מאכט זיך פערגניגען פון זאכען, וועלכע מען בעזיצט ניט. דיא אידעע פון גערעכטיגקייט האט איהר בעזאנדערס בעגייסטערט, און דאס האט איהר בעוואגען איינצושטימען מיט עטיענען.

— אט דא האט איהר רעכט! האט זיא געזאגט. ווען א זאך איז גערעכט, קען איך זיך לאזען צוהאקען דאפיר.... יא, עס וועט זיין גירעכט, אז מיר זאלען אויך לעבען וויא מענשען.

— דאנער וועטער! האט מאהיי אויסגירופען. איך בין ניט רייך, נאר איך וואלט געגעבען פינף קראנק, אום ניט צו שטארבען איידער איך וועל דאס אלעס זעהען...... וואס פאר איין איבערקעהרעניש! וועט עס באלד זיין און וועט מען עס אויספיהרען?

און עטיען האט ווידער אנגעפאנגען צו ריידען. דיא אלטע געזעלשאפט פלאצט, זיא קען מעהר ניט אויסהאלטען וויא עטליכע מאנאט, האט ער איינפאך בעהויפטעט. און וועגען דיא מיטעל, וויא אויפצובויען דיא נייע געזעלשאפט, איז ער געווען נאך מעהר צופלאנטערט, ניט פירשטענדיג פאר דיא אונוויסענדע צוהערער אריינלאזען זיך אין אזעלכע ערקלערונגען, וועלכע ער האט אליין ניט פערשטאנען.

און דיא מאהייס האבען גישיינט צו פערשטיין, האבען צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און דיא ווונדערבארע לייזונגען אנגענומען מיט דעם בלינדען גלויבען פון נייע בעקעהרטע, עהנליך צו דיא קריסטען פון דיא ערשטע צייטען פון דער קירכע, וועלכע האבען ערווארטעט דאס אנקומען פון א פאלקאמענע געזעלשאפט אויף דעם בארג מיסט

פון דיא פארציימיגע וועלט. דיא קליינע אלזיר האט געשלונגען דיא ווערטער און האט זיך פארגעשטעלט דאס גליק, אין דער פארמע פון א זעהר ווארעמע הויז, וואו דיא קינדער שפיעלען זיך און עסען ווען און וויפיעל זייא ווילען. קאטהערינע, אהנע זיך צו בעוועגען, דאס געזיכט אלץ אנגעשפארט אן דיא הענט, איז געזעסען מיט דיא אויגען אויסגעשטעלט אויף עטיענען, און ווען ער פלעגט אנשווייגען ווערען, פלעגט איהר א ציטער אריבערגיין אזוי וויא אין א פיבער. אבער מאהיד האט א בליק געטהאן אויף'ן זייגער און האט אויסגעשריען:

— ניין אוהר! קען מען דען זיך אזוי פערריידען.... מיר וועלען דאך ניט קענען אויפשטעהן אין צייט.

און אלע האבען זיך אויפגעהויבען פון ארט מיט א געדריקטע הארץ, צורודערט. עס האט זייא געשיינט, אז זייא זיינען רייך, און מיט א מאל זיינען זייא אראפגעשלידערט געווארען אין ארמוטה. דער אלטער באנמאר, וועלכער האט בעדארפט אוועקגיין צו דער ארבייט, האט זיך געבייזערט, אז דיעזע אלע רייד מאכען ניט בעסער דעם סוף; און דיא אנדערע זיינען זיך צוגאנגען צו דיא בעטען, בעמערקענדיג דיא פייכטקייט פון דיא ווענט און פיהלענדיג דיא געשטיקטע לופט. און ווען קאטהערינע האט זיך געלייגט אין בעט, פערלעשענדיג פריהער דאס ליכט, האט עטיען נאך לאנג געהערט, וויא זיא האך זיך פיבערהאפט געווארפען פון איין זייט אויף דיא אנדערע איידער זיא איז איינגעשלאפען.

אפט פלעגען שכנים קומען הערען דיעזע געשפרעכען. לעוואק האט זיך בעזאנדערס צוגעכאפט צו דיא אידעען פון טהייכלען־זיך, און פיעראן פלעגט זיך אויס פארזיכטיגקייט גלייך אפטראגען, וויא נאר מען פלעגט אנהייבען צו אטאקירען דיא קאמפאניע. א מאל פלעגט אויף א מינוט קומען זאשאריע, אבער פאליטיק האט ער ניט פערטראגען און ער פלעגט ליבערסט גיין אין א שיינק כאפען א גלאז ביער. וואס אנבעלאנגט צו שאוואל, פלעגט ער נאר פארדערן בלוט. כמעט יעדען אבענד פלעגט ער פערבלייבען א שטונדע בייא דיא מאהיים; אבער דערצו האט איהם מעהר גע־צויגען א בעהאלטענע אייפערזוכט, דיא פורכט, אז מען נעהמט צו זיין קאטהערינע. דיעזע מיידעל, וועלכע האט איהם שוין אנגעפאנגען צו דערעסען, איז איהם טהייער געווארען זייט א מאן איז געשלאפען לעבען איהר און האט איהר גענומען צונעהמען פון איהם.

עטיען'ס איינפלוס איז דערווייל אלץ געוואקסען, און ער האט ביסלעכווייז רע־וואלוציאנירט דעם גאנצען דערפעל. דאס איז געווען א שטילע, לאנגזאמע פראפא־גאנדע; אבער זיא איז געווען זיכער דערמיט, וואס דיא אכטונג צו עטיען'ען איז אלץ געוואקסען. טראץ איהר פארזיכטיגקייט און מיסטרויען פון א שפארזאמע בעל־הבית'טע, האט מאהיד איהם בעהאנדעלט מיט אכטונג אלס א יונגען מאן, וואס צאהלט רעגעל־מעסיג, טרינקט ניט און שפיעלט ניט אין קארטען. דעם נאז שטענדיג איינגעגראבען אין ביכער, און בייא דיא שכנים האט זיא איהם געמאכט א רעפוטאציע פון א גע־בילדעטען מאן, מיט וואס דיא ווייבער האבען זיך בענוצט, אום צו איהם צו צושטעהן, ער זאל זיי שרייבען בריעף. ער איז געווארען זייערער א מין סעקרעטער, און זייא פלעגען פרעגען זיין ראטה אפילו וועגען פאמיליען־זאכען.

דארום האט ער אויך געקענט נאך אין מאנאט סעפטעמבער גרינדען זיין הייס געווינשטע אונטערשטיצונגס־קאסע. זיא איז נאך געווען גאנץ קליין און שוואך, און דיא מיטגלידער זיינען נאר געווען דיא קוילענגרעבער פון דעם דערפעל; אבער ער האט גע־האפט, אז דיא ארבייטער פון אנדערע קוילענגרעבער וועלען אויך צושטעהן, אויב דיא קאמפאניע, וועלכע האט נאך דערווייל געקוקט און געשוויגען, וועט איהם ניט שטערען. מען האט איהם אויסגעקליבען אלס דעם סעקרעטער פון דער קאסע, און ער האט

גאר געפראגט א קליינע געהאלט פאר דיזע ארבייט. דאס האט איהם געמאכט זאגאר רייך. אויב א פערהייראטהער קוילענגרעבער קען ניט אויסקומען מיט דעם לוין, איז א בחור, וואס טרינקט ניט, אין שטאנד צו שפארען געלט.

און אין עטיענען איז פארגיסומען א לאנגזאמע אומענדערונג. אינסטינקטען פון ספאקעטירען און וואהלהאבען, וועלכע זיינען געווען איינגעשלאפען אין זיין ארימקייט, האבען זיך ערוועקט און האבען איהם געטריבען צו קויפען וואלענע קליידער און זיך אנצוטאן שעהן. ער האט זיך געקויפט א פאר פיינע קאמאשען, און מיט א מאל איז ער געווארן דער פראנט און דער אנפיהרער פון דערפעל, און אלע האבען זיך גע־קליבען ארום איהם. דאס האט געקוויקט זיין אייטעלקייט, און ער האט זיך געפיהלט מיט טויזענד קעפ העכער דורך דיזע ערשטע פערגניגען פון פאפולאריטעט. אנפיה־רען אנדערע קאמאנדירען, ווען מיט אזא קורצע צייט צוריק איז ער נאך געווען איין אונטערשטופער ביי דער ארבייט — דאס האט איהם אנגעפילט מיט שטאלץ און האט פארגרעסערט זיין טרוים פון א נאהענטע רעוואלוציאן, וואו ער וועט שפילען א ראלע. זיין אויסזעהן האט זיך אומגעביטען, ער איז געווארן זעהר ערנסט, האט ליעב געהאט מען זאל איהם הערען, וועהרענד זיין וואקסענדע אמביציע האט אויפגיבלא־זען זיינע טהעאריען און האט איהם געטריבען צו רעוואלוציאנערע טהאטען.

דערווייל האט זיך אלץ גענעהערט דיא ווינטער צייט. נאך דיא רעגענס און בלאטעס זיינען געקומען פרעסט, און אין יעדע הויז האט דער אויווען ניט אויפגע־הערט צו ברענען אנפיכעגדיג דיא לופט מיט א שטיקענדען גערוך פון ברענענדע שטיינקוילען, און צו גלייכער צייט איז אויך דיא ארמוטה פון דיא איינוואהנער גע־שטיגען.

— הער נאר, האט מאהיד גיזאגט צו איהר מאן, אזוי וויא דו גייסט נאך מאנטס אפצונעהמען דיין לוין, ברייגג מיר א פונט קאפע און דריי פונט צוקער.

ער האט פארנייט מיט א דראטווע זיינע שיך, אום צו ערשפארען פאריכטען זיי ביי א שוסטער.

— גוט! האט ער געענטפערט, ארייגגיטאן אין זיין ארבייט.

— איך וועל דיר אויך בעטען ארייגצוגיין צום קצב...... א שטיקעלע קאלב-פלייש וויא מייגסטו? עס איז דאך שוין אזוי לאנג, אז מיר האבען ניט אנגעזעהען א שטיקעל פלייש.

דיזעס מאל האט ער שוין אויפגיהייבען זיין קאפ.

— דו מייגסט אודאי, אז איך האב אפצונעהמען טויזענדער און הונדערטער.... דיא היינטיגע צוויי-וואכיגע צאהלונג איז זעהר א מאגערע דורך זייער פערפלוכטען אפ־האלטען שטענדיג דיא ארבייט.

ביידע זיינען אנשווינען געווארען. דאס איז געווען א שבת נאכמיטאג ענדע נאוועמבער. מיט דער אויסרייד, אז צוליעב דיא צאהלונג פון לוינען קען מען ניט ריכטיג אנגיין מיט דער ארבייט, האט דיא קאמפאניע אפגעשטעלט דיזען שבת דיא ארבייט אין אלע מינען. פירכטענדיג פאר דעם אינדוסטריעלען קריזיס, וועלכער איז אלץ שאר־פער געווארען, און ניט וועלענדיג נאך ווייטער פערגרעסערען איהר גרויסען זאפאס קוי־לען, האט זיא זיך בענוצט מיט דיא קלענסטע פריטשעפקעס צו לאזען איהרע צעהן טויזענד ארבייטער ארומגיין ליידיג.

— דו ווייסט, אז עטיען ווארט אויף דיר ביי ראסעניער, האט מאהיד אנגעפאנ־גען. נעהם איהם מיט זיך, ער וועט שוין זיין פלינקער פאר דיר ארויסצופלאנטערען זיך, אויב מען וועט אייך ניט ריכטיג רעכענען דיא ארבייטסשטונדען.

מאהיי האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

— און רייד דאך מיט דיא הערדען וועגען דיין פאטער. דער דאקטאר איז איין

האָר מיט דער קאָמפּאַניע...... ניט אמת, אַלטער, אז דער דאָקטאָר האָט א טעות, אז איהר קענט ניט ארבייטען? האָט זיא זיך געווענדעט צו באַנמאָר'ן.

זייט צעהן טעג איז ער שוין געוועזן אַזוי וויא צוגעשמידט צום שטול, דיא פיס פערשטיינערט, וויא ער האָט געזאָגט. זיא האָט נאָך א מאָל איהם געמוזט שטעלען דיא זעלבע פראַגע, און ער האָט זיך געבייזערט:

— געוויס וועל איך ארבייטען! מען ווערט נאָך ניט קאַפּוט, ווען מען האָט שמערצען אין דיא פיס. דאָס איז אַלעס אויסגעטראַכט, אום מיר ניט צו געבען דיא פּענסיע פון הונדערט אכט און פערציג פראַנק.

מאָהיד האָט א טראַכט געטאָן וועגען דיא עטליכע פראַנק פון דעם אַלטען, וועלכע זיא וועט שוין וואהרשיינליך קיינמאָל ניט זעהען, און זיא האָט מיט אנגסט און פערצווייפלונג אויסגישריען:

— מיין גאָט! מיר וועלען דאָך באַלד אויסשטאַרבען, אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין.

— ווען מען איז טויט, פיהלט מען קיין הונגער ניט, האָט מאָהיי זיך אָבגירופען.

ער האָט אריינגעקלאַפּט נעגעל אין זיינע שיך און האָט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגיין. דער דערפעל פון „צוויי הונדערט פערציג“ האָט בעדאַרפט קריגען דיא געהאַלט ארום פיער א זייגער. דאָרום האָבען זיך דיא קוילענגרעבער ניט געאיילט און זיינען זיך לאַנגזאַם צוגאַנגען, נאָכגיפאָלגט פון דיא ווייבער, וועלכע האָבען זיך ביי זיי געבעטען צו קומען באַלד א היים. פיעלע פרויען האָבען גענעבען זייערע מענער קאָמיסיעס עפּעס צו ברייגנען, אז זיי זאָלען זיך ניט פאַרגעסען אין דיא שיינקען.

עטיען איז אוועק צו ראַסענעיר'ן ערפאַהרען נייעס וועגען דיא קאָמפּאַניע. עס האָבען זיך ארומגעטראָגען בעאונרוהיגענדע קלאַנגען. מען האָט דערציילט, אז זיא איז אַלץ מעהר און מעהר אונצופרידען מיט דיא אונטערשפּאַרונגען אין דיא גריבער. זיא האָט בעשאָטען דיא קוילענגרעבער מיט שטראָף-געלט דערפאַר, און א צוזאַמענשטוים האָט נע'שיינט צו זיין אונפערמיידליך. דאָס איז אָבער נאָר געוועזן איין אויסרייד, און אונטער ד'זע אויסרייד זיינען געוועזן בעהאַלטען וויכטיגע אורזאַכען.

גראָדע ווען עטיען איז אריינגעקומען, האָט א קאַמעראַד, וואָס איז עבען אָנגעקומען פון מאָנטסו, דערציילט, אז אַן אפישע איז געוועזן אָנגעקלעפּט לעבען דער קאַסע, אָבער ער האָט ניט גוט געקענט פערשטיין, וואָס אנדערע האָבען געלעזען. א צווייטער איז אריינגעקומען, נאָכהער א דריטער, און יעדער האָט אנדעריש דערציילט. עס איז יעדענפאַלס זיכער געוועזן, אז דיא קאָמפּאַניע האָט עפּעס פעסט בעשלאָסען.

— וואָס זאָגסטו וועגען דעם? האָט געפרעגט עטיען, אנידערזעצענדיג זיך לעבען סואוואַרין. דער רוסע האָט זיך ניט געאיילט צו ענטפערן און האָט לאַנגזאַם צוזאַמענגעדרייט א סיגאַרעט.

— איך זאָג, אז מען האָט עס לייכט געקענט פאָראויס זעהן: דיא קאָמפּאַניע וויל אייך צודריקען אין גאַנצען.

ער אַליין האָט בעזעסען גינוג אינטעליגענץ צו פאַנאַנדערגלידערן דיא לאַגע. ער האָט עס ערקלערט מיט זיין גילאַסענעם טאָן. דיא קאָמפּאַניע איז געדריקט פון קריזיס און מוז פאַרקלענערן דיא אויסגאַבען, אום ניט צו באַנקראָטירען. און נאַטירליך וועלען דיא ארבייטער זיך מוזען צוזאַמענשנורעווען דיא בייכער, און מען וועט ביי זיי ארונטעררייסען פון לוין אונטער אירגענד וועלכע פּריטשעפּקע. זייט צוויי מאָנאַט זיינען דיא אָנגיהאַקטע קוילען גילעגען לעבען דיא גריבער, און כמעט אַלע פאַבריקען זיינען ניותן נעשלאָסען. אָבער אַזוי וויא דיא קאָמפּאַניע האָט ניט געוואַגט אָבצושטעלען דיא ארבייט אין גאַנצען, פירכטענדיג פאַר דעם גרויסען שאָדען דורך דיא אונטהעטיגקייט פון דיא מאַשינען און ארבייטס-מאַטעריאַל, האָט זיא גיטראַכט וועגען איין אנדער מיטעל.

פיליכט וועגען א סטרייק, וועלכער וועט זיך ענדיגען מיט דער נידערלאגע פון די ארבייטער, און זיא וועט זיי דאן קענען צאהלען קלענערע פרייזען. דערצו נאך איז די קאמפאניע אויך גיוועזן בעאונרוהיגט וועגען דיא נייע אונטערשטיצונגס־קאסע, וועלכע האט א מאל גיקענט ווערן א געפאהר פאר איהר, וועהרענד א סטרייק וועט איהר נאך נוצען ברייגגען דערמיט, וואס זיא וועט דערוויילע קענען אפוצען איהרע גרויסע זאפאסען קוילען.

ראסענער האט זיך צוגיזעצט לעבען עטיען'ען, אוןביידע האבען זיך צוגיהערט צו סואווארין'ס ערקלערונג מיט אנגסט. מען האט געקענט ריידען אפען, דען אויסער מאדאם ראסענייר איז שוין קיינער ניט געווען.

— וואס פאר א געדאנק! האט ראסענייער באמערקט. ווארום זאל זיא עס טאן? דיא קאמפאניע האט קיין אינטערעס ארויסצורופען א סטרייק, און דיא ארבייטער אויך ניט. דאס בעסטע איז זיך אויסצוגלייכען.

דאס איז געווען זעהר פערנינפטיג. ער איז אימער געווען פיר פערנינפטיגע פאדערונגען. זייט עטיען איז אזוי שנעל פאפולער געווארן, האט ער בעזאנדערס גירעט וועגען לאנגזאמען פארטשריט, ערקלערענדיג, אז מען וועט גאר ניט קריגען, ווען מען פערלאנגט אלעס מיט א מאל. אונטער זיין גוטהערציגקייט פון א גוט־געשפייזטען האט געשטעקט א בעהאלטענע אייפערזוכט, וועלכע איז נאך פערשטערקט געווארן דורך דעם, וואס זיין שיינק איז פערלאזען געווארן פון דיא ארבייטער, וועלכע פלעגען קומען מעהר צו הערען וויר צו טרינקען; און עס פלעגט מאנכעס מאל טרעפען, אז ער האט פערטהיידיגט דיא קאמפאניע, פארגעסענדיג זיין כעס און שנאה פון א'ן ענטזאגטען ארבייטער.

— אלזא, ביסטו געגען א סטרייק? האט מאדאם ראסענעיר גיפרעגט.

און אז ער האט ענערגיש גיענטפערט יא, האט זיא איהם גימאכט שווייגען:

— אה, דו האסט קיין הארץ ניט, לאז ריידען דיזע הערען.

עטיען האט גיטראכט, דיא אויגען אויסגעשטעלט אויף דעם שאפעל ביער, וואס זיא האט אוועקגעשטעלט פאר איהם. ענדליך האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ.

— עס איז זעהר מעגליך, וואס דער קאמעראד דערציילט, און מען וועט זיך מוזען בעשליסען אויף א סטרייק, אויב מען וועט אונז צווינגען דערצו... פלושאר האט מיר נעראדע געשריבען זעהר פערנינפטיגע זאכען וועגען דעם. ער איז אויך געגען סטרייקס, דען דער ארבייטער ליידעט דערפון אזוי וויא דער פאבריקאנט, אהנע צו געווינגען עטוואס וויכטיגעס. נאר ער זעהט אין דעם א'ן אויסגעצייכענטען מיטעל צו בעוועגען דיא קוילענגרעבער אריינצוטרעטען אין זיין גרויסע מאשינע.... אט האט איהר זיין בריעף, האט עטיען גיענטפערט.

פלושאר, וועלכער איז פערצווייפעלט גיוועזן פון דעם מיסטרויען צו דיא אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאציאציע זייטענס פון דיא קוילענגרעבערס פון מאנטסו, האט טאקי גיהאפט, אז זיי וועלען צוטרעטען אין מאסען, ווען זיי וועלען גיצוואונגען זיין צו קעמפפען מיט דיא קאמפאניע. טראץ זיינע אנשטרענגונגען האט עטיען ניט גיקענט צושטעלען אפילו איין מיטגליד פון דיא אינטערנאציאנאלע, און ער אליין האט מעהר אויסגינוצט זיין איינפלוס פיר דיא אונטערשטיצונגס־קאסע, וועלכע איז בעסער אויפגינומען גיווארן. אבער דיזע קאסע איז נאך גיוועזן אזוי ארים, אז זיא האט זעהר שנעל גימוזט פוסט ווערן, וויא סואווארין האט עס פאראויסגיזאגט; און דיא קוילענגרעבערס וועלען דאן אונפערמיידליך מוזען אנקומען צו דיא אינטערנאציאנאלע, אום זייערע ברידער פון אלע לענדער זאלען זיי קומען צו הילפע.

— וויא פיעל האט איהר אין אייער קאססע? האט איהם ראסענייר גיפרעגט.

— קוים דריי טויזענד פראנק, האט עטיען גיענטפערט. און איהר ווייסט, אז

געבעטען האט מיך דיא קאמפאניע גירופען. אהה, זיי זיינען זעהר העפליך, זיי האבען מיר ווידערהאלט, אז זיי וועלען ניט שטערן זייערע ארבייטער צו האבען אונטערשטיצונגס־קאסען; אבער איך האב גוט פערשטאנען, אז זיי ווילען האבען דיא קאנטראלע... יא, מיר וועלען אויך האבען א קאמפף פון דיזער זייט.

דער שיינקער האט זיך גינומען ארומגיין, פייפענדיג מיט א פערעכטליכע מינע דריי טויזענד פראנק! וואס קען מען מאכען דערמיט? עס וועט ניט קלעקען אויף זעקס טאג ברויט, און אויב מען זאל רעכנען אויף אויסלענדער, אויף דיא ענגלענדער, כעט מען זיך גלייך לייגען און אראפשלינגען דעם צונג. ניין, דיזער סטרייק איז צו דום!

דאן האבען זיך צום ערשטען מאל גילאזט הערען ביטערע און שארפע ווערטער כער צווישען עטיען און ראסעניער, וועלכע פלעגען געוויינליך קומען צו א פערשטענדניס צוליעב זייער האס צום קאפיטאל.

— נו, און דו, וואס זאגסטו? האט עטיען ווידערהאלט, זיך ווענדענדיג צו סואווארין.

דיזער האט גיענטפערט מיט זיין געוויינליכען פערעכטליכען אויסדרוק:

— סטרייקס? נארישקייטען!

נאכהער, ווען זיינע צוהערער האבען געשוויגען, זייענדיג אין כעס, האט ער מיט א ווייכערען טאן צוגיזעצט:

— נאך אלעם זאג איך ניט ניין, אויב דאס אמוזירט אייך: דאס רואינירט איינינע, עס טויטעט אנדערע, און שטענדיג ווערט א געוויסע צאהל אומגיבראכט... אבער אויף אזא שטייגער וועט מען מוזען ווארטען א טויזענד יאהר, איידער מען וועט אומענדערן דיא וועלט. הייבט בעסער אן מיט אויפרייסען דיא קאטארגע, וואו איהר קראפירט אלע! און מיט זיין קליינע האנט האט ער אנגעצייגט אויף דיא מינע גאריי, וואס איהרע געביידעס האט מען גיזעהן דורך דיא אפענע טיר. אבער א טראגי־קאמישער צופאל האט דא אפגיהאקט דיא רייד: דער גרויסער און פעטער קראליק, וועלכער האט זיך אדוואזישעט ארויסצוגיין אין דרויסען, איז אריינגישפרונגען מיט גרויס שרעק, אנטלויפענדיג פון דיא שטיינער, וואס אינגלעך האבען אויף איהם גיווארפען, אזוי ער איז גלייך צוגילאפען צו סואווארין, אז ער זאל איהם בעשיצען און נעהמען אויפ׳ן שויס. און ווען סואווארין האט אנגיהויבען צו גלעטען דיא חיה, איז ער אריינגיפאלען אין דיא טרוימערייען, וועלכע ער פלעגט שטענדיג האבען, ווען ער פלעגט אנריהרען איהרע ווייכע און ווארעמליכע האר.

כמעט אין דער זעלבער צייט איז אריינגעקומען מאהיי. ער האט גאר ניט גע־וועלט טרינקען, טראץ דיא העפליכע אנבאטונג פון מאדאם ראסענייר, וועלכע פלעגט פערקויפען ביער עפעס אזוי וויא זיא וואלט עס גישאנקען, און ער איז אוועק מיט עטיענען נאך מאנטס׳.

אין דעם צאהלונגס־טאג האט מאנסטו אויסגעזעהען וויא אין א יום־טוב. פון אלע דערפלעך פלעגען זיך צוזאמענקומען דיא קוילענגרעבער. און אזוי וויא דיא קאנטאר פון קאסירער [illegible] געווען קליין, פלעגען זיי שטיין דרויסען אין גרופען, פערשטעלענדיג דעם וועג ארום. הוזירער, קאראבעלניקעס, קליינע הענדלער פלעגען זיך צוזאמענקומען און אויסשטעלען זייערע פערשידענע סחורות. אבער בעזאנדערס האבען אין אזא טאג געלייזט דיא שיינקען, דען דיא קוילענגרעבער פלעגען כאפען א טרונק, ווארטענדיג צו קריגען דעם לוין, און דערנאך פלעגען זיי דערגיסען, קומענדיג אפצאהלען דעם חוב. און זיי זיינען שוין געווען גאנץ פערגניגט, ווען זיי פלעגען דעם גאנצען פערדיענסט ניט איבערלאזען אין וואולקאן.

וואס נעהנטער מאהיי און עטיען זיינען צוגעקומען צום קאסיר׳ס קאנטאר, האבען

זיי אלץ מעהר דערשפּירט צווישען דיא גרופּעס קוילענגרעבער עפּעס א דריקענדע פּערצווייפלונג. עס איז שוין ניט געווען דיא געוועהנליכע זאָרגלאָזיגקייט ביי'ן קריגען דעם לוין און פּערטרינקען עס, און צאָרניגע ווערטער זיינען געפלויגען פון מויל צו מויל.

— עס איז טאקע אמת? האָט מאַהיי געפרעגט ביי שאַוואלען, ווענען ער האָט בעגעגענט לעבען פּיקעט'ס שיינק. דיא קאָמפּאַניע האָט אונז טאקע געמאַכט נאָך א צרה?

אָבער שאַוואל האָט נאָר א בורטשע געטאָן מיט ווילדען כעס, וואָרפענדיג א בליק אָן א זייט אויף עטיען'ען. זייט א געוויסע צייט איז ער אוועק ארבייטען מיט אנדערע קוילענגרעבער, פּלאַצענדיג פון קנאה צו עטיענען, וועלכער איז אין אזא קורצע צייט געוואָרען א גאַנצער בעל־דעה און ביי וועמען דער דערפעל האָט געלעקט דיא שטיוועל, וויא ער פלעגט זיך אויסגעדריקען. זיין פיינדליכקייט צו עטיענען איז נאָך פערשאַרפט געוואָרען דורך אייפערזוכט: ער פלעגט זיך שוין ניט צוזאַמענקומען מיט קאַטערינען, אז ער זאָל איהר ניט בעשולדיגען מיט דיא גרעבסטע ווערטער אין שפּיעלען א ליעבע מיט עטיענען; און נאַכהער פלעגט ער איהר אויסמאַטערן מיט לאַסקעס, קריגענדיג צו איהר עפּעס א ווילדע לײדענשאַפט.

אויף דיא ביינק אין דעם קליינעם צימער פון דעם קאַסירער האָבען א זעקס קוילענגרעבער גיוואַרט, ווערענד דער קאַסירער האָט געצאָהלט איינעם, וואָס איז געשטאַנען לעבען דער גראַטע, וועלכע האָט אָפּגעצאַמט דיא קאַסע, האַלטענדיג זיין היטעל אין דער האַנד. איבער א באַנק לינקס איז געווען אויף'ן וואַנט אָנגעקלעפּט א געלע אפישע, און דאָ זיינען עס פאַרביינגעגאַנגען דעם גאַנצען טאָג דיא קוילענגרעבער. זיי פלעגען אריינגיין זאַלבע־נאַנד אָדער זאַלבע־דריט, פלעגען בלייבען שטיין א געוויסע צייט און נאַכהער אוועקגיין, אָהנע צו זאָגען א וואָרט, דערלאַנגענדיג א טרייסעל מיט דיא פּלייצעס אזוי וויא מען וואָלט זיי איבערגעבראָכען דעם רוקען.

ווען מאַהיי און עטיען זיינען אהין אריינגעקומען, זיינען גראָדע צוויי קוילענגרעבער געשטאַנען לעבען דיעזער אפישע, איינער א יונגער מיט א פערגרעבטען אויסזעהן, און דער אַנדערער איין אויסגעדאַרטער אַלטער.ביידע האָבען ניט געקענט לעזען, דער יונגער האָט עפּעס געמאַכט מיט דיא ליפּען, ווערענד דער אַלטער האָט נאָר נאַריש און צומישט געקוקט. פיעלע זיינען אזוי אריינגעקומען, אום נאָר צו זעהן דיא אפישע, אָהנע צו פערשטייהן, וואָס דאָרטען איז געדרוקט.

— לעז אונז עס איבער, האָט מאַהיי, וועלכער איז אויך ניט געווען א גרויסער בקי אין לעזען, געזאָגט צו עטיענען.

דאַן האָט עטיען אנגעפאַנגען צו לעזען אויף'ן קול. דאָס איז געווען א'ן אָנקונדיגונג צו דיא ארבייטער פון אלע מינעס, אז צוליעב דעם, וואָס דיא ארבייטער מאַכען ניט ריכטיג דיא אונטערשפּאַרונגען אין דיא גריבער, און זעהענדיג, אז דיא געלד־שטראָפען זיינען נוצלאָז, האָט דיא קאָמפּאַניע בעשלאָסען אָנצונעהמען א נייע סיסטעמע פון צאָהלען פאַר האַקען קוילען. פון יעצט אָן וועט זיא צאָהלען פאַר דיא אונטערשפּאַרונגען בעזונדער, זיך ריכטענדיג נאָך דעם, וויא נויטיג עס איז דיא ארבייט בעסער צו מאַכען. דער פּרייז פאַר א וועגעלע קוילען וועט דארום נאַטירליכערווייזע פערקלענערט ווערן נאָך דיא ערווייטערונג און צושטאַנד פון דער שיכטע שטיינקוילען. און מיט א זעהר פערפלאָנטערטע און דונקעלע רעכענונג האָט דיא קאָמפּאַניע געזוכט צו בעווייזען, אז דיא פערקלענערונג אין דעם פּרייז פאַר אויסגעהאַקטע קוילען וועט אויסגעגליכען ווערן דורך דיא צאַהלונג פאַר אונטערשפּאַרונגען. שליסליך האט דיא קאָמפּאַניע ערקלעהרט, אז וועלענדיג געבען יעדען איינעם צייט צו איבערצייגען זיך אין דיא נוצען פון דיא נייע סיסטעם, וועט זיא נור דיעזע סיסטעם איינפיהרען פון דעם נעכסטען ערשטען דעצעמבער.

— קענט איהר דאָרטען ניט לעזען אביסעל שטילער — האָט דער קאַסירער אויסגעשריען, מען קען זיך דאָך גאר ניט צוזאַמען ריידען.

עטיען האט אבער געענדיגט דאס לעזען, ניט אכטענדיג אויף דעם קאסירערס געשרייען. זיין שטימע האט געציטערט, און ווען ער האט געענדיגט, האבען נאך אלע געקוקט מיט אויסגעסטארטשעטע אויגען אויף דיא אפישע.

— דאנער וועטער! האט מאהיי אויסגעשריען.

ער און עטיען האבען זיך אנידערגעזעצט, האבען אראפגעלאזען דיא קעפ און ווערענד אנדערע קוילענגרעבער האבען זיך גערוקט צו דיא אפישע, האבען זיי זיך פארטיעפט אין איבערעכנונגען. וואס, מען מאכט חוזק פון זיי? מען וועט קיין מאל ניט קענען דעקען דיא אונטערשפארונגען מיט דיא צעהן סאנטים, וואס דיא קאמפאניע וויל ארונטערנעהמען פון יעדען וועגעלע קוילען. דיא קאמפאניע וויל נאר מאכען עקאנאמיעס אויף דיא רעכנונג פון דיא ארבייטער.

— דאנערוועטער! דאנערוועטער! האט מאהיי געשריען, אויפהייבענדיג דעם קאפ. מיר וועלען זיין אקסען, אז מיר וועלען עס אננעהמען.

אין דיזער מינוט איז גראדע געקומען דיא רייהע פון מאהיי אפצונעמהען דעם לוין פאר זיך און פאר זיינע מיטהעלפערס, וויא עס האט זיך געפיהרט ביי דער קאמפאניע. נאכהער פלעגען שוין דיא הויפטארבייטער פערטהיילען דעם לוין צווישען זיך, און דאס האט ערשפארט ארבייט און צייט פאר דיא צאהלערס.

— מאהיי און מיט העלפערס, האט געזאגט דער הילפס-קאסירער, גרוב פילאניער, נומער זיעבען.

און ער האט געזוכט אויף דער ליסטע, וועלכע פלעגט צוזאמענגעשטעלט ווערען נאך דיא ביכלעך פון דיא קוילענגרעבער, וואו דיא אויפפאסערס פלעגען יעדען טאג אלעס פערצייכנען, און נאכהער האט ער נאך א מאל געזאגט:

— מאהיי און מיטהעלפערס, גרוב פילאניער, נומער זיעבען.... הונדערט פינף און דרייסיק פראנק.

— ענטשולדיגט, מיין הערר, האט מאהיי אויסגעשטאמעלט, אין גאנצען צומישטיט איהר זיכער, אז איהר האט קיין טעות ניט?

ער האט געקוקט אויף דאס ביסעל געלט אהנע דאס אנצוריהרען, און א קאלטער ציטער איז איהם אריבער איבערן קערפער. ער האט אפילו ערווארטעט א מאגערן לוין, אבער עס האט ניט געקענט זיין אזוי קליין, און דער בוכהאלטער האט געמוזט שלעכט רעכענען. ווען ער וועט אפצאהלען דעם חלק פון עטיען און פון דעם קאמעראד, וועלכער האט געארבייט אויף שאוואל'ס פלאץ, וועט העכסטענס בלייבען פופציג פראנק פאר איהם, זיין פאטער, קאטערינען און זשאנלען.

— ניין, איך האב קיין טעות ניט, האט דער בוכהאלטער געזאגט, מען מוז ארונטער רעכנען צוויי זונטאגס און פיער טעג, וואס מען האט אויך ניט געארבייט, און אייך קומט אלזא בלויז פאר ניין טעג ארבייט.

מאהיי האט שטילערהייד און לאנגזאם געמאכט דיא רעכנונג, און ביי איהם איז אלץ אויסגעקומען, אז ער זאל קריגען מעהר.

— און פערגעסט ניט, האט דער בוכהאלטער צוגעזעצט, אז מען האט אייך ארונטערגערעכענט צוואנציג פראנק שטראף פאר שלעכטע אונטערשפארונגען.

מאהיי האט א פערצווייפעלטען מאך געטאן מיט'ן האנט. צוואנציג פראנק שטראף! אזוי איז שוין דיא רעכנונג ריכטיג....

— נו וועט איהר שוין נעהמען דאס געלד? האט דער קאסירער אונגעדולדיג אויסגעשריען. איהר זעהט דאך, אז אנדערע ווארטען... אויב איהר ווילט ניט, זאגט עס.

און ווען מאהיי האט מיט א ציטערנדע האנט גענומען דאס געלד, האט צו איהם דער בוכהאלטער געזאגט:

— ווארט, איך האָב דאָ פערצייכענט אייער נאָמען. טוסען מאהיי, ניט אַזוי?... דער הערר סעקרעטאר וויל אייך זעהען.

מאהיי איז א צוטומעלטער אריינגעפיהרט געוואָרען אין דעם רייך מעבלירטען קאבינעט פון דעם סעקרעטער. עטליכע מינוט האָט ער געהערט וויא דער סעקרעטער האָט צו איהם גערעדט, אָבער איהם האָט עפּעס געקלונגען אין דיא אויערען, און ער האָט שליסליך נאָר פערשטאַנען, אז עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען זיין פאָטער, וועגען וועמעס פענסיע פון הונדערט פונפציג פראנק פאר פערציג יאָהר ארבייט מען וועט נאָכפאָרשען און בעשליסען. נאָכהער האָט דעם קוילענגרעבער געשיינט, אז דיא שטימע פון סעקרעטער איז געוואָרען גרעבער און שאַרפער. דער סעקרעטער האָט איהם פאָרגעוואָרפען און בעשולדיגט, דאָס ער בעשעפטיגט זיך מיט פּאָליטיק, און האָט דערביי אריינגעמישט עטיענען און דיא אונטערשטיצונגס-קאַסע. ענדליך האָט איהם דער סעקרעטער געראַטהען זיך ניט אריינצומישען אין אַזעלכע משוגעת און צו פערבלייבען א גוטער ארבייטער וויא פריהער. מאהיי האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער ער האָט נאָר געקענט ארויסריידען ווערטער אָהן א צוזאַמענהאַנג, האָט געקנייטשט צווישען זיינע ציטערנדע פינגער זיין היטעל און איז ארויס שטאַמלענדיג.

— געוויס הערר סעקרעטער... איך פערזיכער דעם הערר סעקרעטער...

ווען ער האָט זיך געפונען דרויסען לעבען עטיענען, וועלכער האָט אויף איהם געוואַרט, האָט ער אויסגעשאָסען:

— איך בין א בהמה! איך האָב בעדאַרפט ענטפערן... עס איז ניטאָ וואָס צו עסען, און דאָ מוסרט מען דיך נאָך. ער איז אויפגעבראכט געגען דיר, ער האָט מיר געזאָגט, אז אונזער נאַנצער דערפעל איז פערפעסטעט... און וואָס זאָל מען טהאָן, מיין גאָט? איינבויגען דעם רוקען און נאָך א דאַנק זאָגען... ער האָט רעכט, דאָס איז פערנינפטיגער.

מאהיי איז אַנשווינגען געוואָרען, קאָכענדיג זיך פון כעס און האָבענדיג אין דער זעלבער צייט פורכט. עטיען האָט געטראַכט מיט א פערפינסטערטען פנים. זיי האָבען ווידער געהאַט דורכצוגיין גרופּעס קוילענגרעבער, וועלכע האָבען פערלייגט דעם וועג. דיא פערצווייפלונג איז געוואַקסען, א פערצווייפלונג פון א פרידליכע בעפעלקערונג, א שטילקייט וויא פאר א שטורם. מאנכע וואָס האָבען געקענט א ביסעל רעכנען, האָבען אויך אויסגעפונען, אז דיא קאָמפּאַניע פעררדיענט נאָך אלעמען מיט צוויי סאַנטים מעהר, און דערפון האָבען אלע גערעט און דאָס האָט אלעמען אין פערצווייפלונג געטריבען. אָבער בעזאָנדערס זיינען אין דיזער מינוט אלע אויפגעבראכט געווען געגען דיא מאָגערע צאָהלונג, געגען דיא אָפּשטעלונגען פון דער ארבייט און געגען דיא שטראָפען. עס האָט זיך גענעהערט צו א הונגער-אויפשטאַנד; אין פיעלע הייזער האָט מען שוין ניט געהאַט וואָס צו עסען, און וויא וועט מען דורכקומען, אז מען וועט נאָך פערקלענערן דעם לוין? אין דיא שיינקען האָט מען אָפען אויסגעלאָזען דעם כעס צו דער קאָמפּאַניע און דיא אויפרעגונג האָט אזוי געטריקענט דיא גאָרגלען, אז דאָס ביסעלע געלט איז געבליעבען אויף דיא קאָנטאָרקעס.

אויף דעם וועג פון מאָנטסו ביז דעם דערפעל האָבען עטיען און מאהיי ניט אויסגערעדט א ווארט. ווען מאהיי איז אריין אין הויז, האָט זיין פרוי גלייך בעמערקט, אז ער איז געקומען מיט ליידיגע הענט.

— אָה, וויא גוט דו ביסט! האָט זיא אויסגעשריען. און קאַפע, צוקער און פלייש? א שטיקעלע קאַלבפלייש וואָלט אונז נאָך ניט רואינירט.

ער האָט גאָר ניט געענטפערט. עס האָט איהם געשטיקט, אז ער האָט קיין ווארט ניט געקענט ארויסריידען, טרערען, וועלכע ער האָט געוואָלט ארונטערדריקען, האָבען זיך געריסען פון זיין גאָרגעל צו דיא אויגען, און באַלד האָבען אויף זיין געזיכט, פערשוואַרצט און פאַרהאַרטעוועט פון שווערע ארבייט, זיך בעוויזען טראָפּענס, וועלכע זיינען אלץ

שנעלער געפלאָסען פון זיינע אויגען. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזען אויף א ביינקעל, געוויינט וויא א קליין קינד און ארופגעלייגט זיינע פופציג פראנק אויף'ן טיש.

— אָט האָסטו עס, האָט ער אויסגעשטאמעלט, דאָס איז פאר אונזער אלעמענס ארבייט!...

מאהיד האָט א קוק געטאָן אויף עטיענען, וועלכער איז געשטאנען ארונטערגע־לאָזען דעם קאָפּ, און דאַן האָט זיא זיך אויך צו וויינט. וויא זאָלען ניין נפשות לעבען מיט פופציג פראנק פופצעהן טעג? איהר עלטערער זוהן האָט איהר פערלאָזען, און דער אל־טער האָט שוין דיא פיס ניט געקענט שלעפּען, דאָס איז דאָך באלד דער הונגער־טויט.... אלזיר האָט זיך א וואָרף געטאָן דער מאמען אויפ'ן האלז מיט א ביטערן געוויין, עסטעל האָט זיך פאנאנדערגעשריען, און לענאָרע און הענרי האָבען געיאָמערט.

און פון גאנצען דערפעל האָבען זיך באלד געלאָזט הערען אזעלכע ביטערע געוויין און פערצווייפלונגס־געיאָמער. אין יעדער פאמיליע האָט מען געקלאָגט וועגען דיא קליינע צאָהלונג. דיא טירען האָבען זיך געעפענט, און דיא ווייבער האָבען געיאָמערט און געליא־רעמט אין דרויסען אזוי וויא זייערע קלאגעס וואָלטען זיך ניט געקענט איינהאלטען אי דיא הייזער. א קליינער און געדיכטער רעגען איז געגאנגען, אָבער זיי האָבען איהם ניט געפיהלט, זיי האָבען זיך איינע דיא אנדערע גערופען א'ן געצייגט דאָס ביסעלע געלט צו דערהאלטען דיא נשמה.

— זעהט, אָט דאָס האָבען זיי איהם געגעבען, קען מען דען עס אויסהאלטען?

— אָבער בעטראכט, איך האָב דאָך אפילו ניט מיט וואָס צו בעצאָהלען פאר ברויט!

— און איך! איך וועל דאָך מוזען פערקויפען דיא העמדער פון לייב.

מאהיד איז אויך ארויס וויא דיא אנדערע ווייבער. עטליכע האָבען זיך ארומגעקלי־בען לעבען דיא הויז פון פרוי לעוואק, וועלכע האָט אם שטארקסטען געיאָמערט, ווייל איהר מאַן, דער שכור, איז אפילו ניט געקומען. זיא האָט פערשטאנען, אז ער וועט אפילו דאָס לעצטע ביסעל געלט איבערלאָזען אין וואולקאן מיט דיא זינגערקעס און טענצערקעס. פילאָמענע האָט געהיט איהר שוויגערפאָטער, אום זאשאריע זאָל ניט אריינגעהמען זיין חלק אין דיא הענט. נור דיא פרעראָן האָט געשיינט צו זיין רוהיג, דען איהר מאַן האָט שוין שטענדיג געפונען א מיטעל, מען ווייסט ניט וויא אזוי, אז אויף זיין ביכעל זאָלען זיין פערשריבען מעהר שטונדען וויא ביי דיא אנדערע ארבייטער. אָבער דיא אלטע ברולע האָט עס געהאלטען פאר א נידערטרעכטיגקייט, האָט געשאָלטען איהר איידעם און נאָך מעהר די קאָמפּאניע, אויסשטעלענדיג איהר אויסגעדארטען פויסט אין דער ווענדונג פון מאָנטסו.

— און נאָך היינט אין דער פריה, האָט זיא געשריען ניט אָנרופענדיג דעם דירעק־טאָר ביי זיין נאָמען, האָב איך געזעהען זייער קעכין אין א קארעטע! יאָ, אין א קארעטע מיט צוויי פערד, פאָהרענדיג נאָך מארשיען, אום דאָרט פיש צו קריגען!

און דיא געשרייען און געוואלדען זיינען נאָך העכער געוואָרען. אז א דיענסט זאָל פאָהרען אין א קארעטע צום מארק — דאָס האָט זיי צורייצט ביז גאָר. ווען דיא ארבייטער שטארבען פון הונגער, פאָהרט מען אין קארעטעס קויפען פיש! אָבער דיזע שינדערס וועלען ניט אלע מאָל עסען פיש — עס וועט אויך זיין א יום טוב ביי דעם אָרימען עולם. און דיא אידעען, וואָס זיינען פארזייט געוואָרען פון עטיענען, האָבען זיך פערברייטעט אין דיזער מהומה. דאָ האָט זיך אויסגעדריקט דיא אונגעדולד צו זעהען דיא פערשפּראָכענע גאלדענע צייט, דיא איילעניש צו האָבען א חלק פון גליק און ארויסצורייסען זיך פון דער אָרמוטה, וועלכע איז געווען פערמאכט איבער זיי וויא א טרונע. דיא אונגערעכטיגקייט ווערט שוין צו גרויס, און די ארבייטער וועלען מוזען פערלאנגען זייער רעכט, דען מען רייסט ארויס זייער ברויט פון מויל. דיא ווייבער וואָלטען געוועלט גלייך מאכען דיא אטאקע און אריינטרעטען אין דיזע אידעאלע אָרדנונג, וואו עס וועלען קיינע אונגליקליכע זיין. עס איז שוין געווען כמעט פינסטער, און דער רעגען האָט שוין שטארק נעגאָסען, און דיא יאָמער־

געשרייען און טויטע קללות פון די ווייבער האבען זיך נאך אלץ געטראגען צווישען די נעוואלדען און געפילדער פון דיא קינדער, וועלכע האבען זיך געשארט ארום זייערע מאמעס.

דעם זעלבען אבענד איז אין שיינק פון ראסענעיר בעשלאסען געווארען ארויסצוטרעטען אויף א סטרייק, ווען מען וועט נאר איינפיהרען דיא נייע סיסטעם. ראסענעיר האט נאר ניט אויסגעזעצט דאגעגען, און סואווארין האט עס אנגענומען אלס דעם ערשטען שריט.

V.

א וואך איז אזוי פארבייגעגאנגען אין ארבייט און אין דער ערווארטונג פון א צוזאמענשטוים. ביי דיא מאהייס האט מען שוין פאראויס געוואוסט, אז דיא נעכסטע צאהלונג וועט נאך זיין א קלענערע וויא דיא פריהערע, און מאהיד האט זיך געקאכט און געבייזערט, טראץ איהר געוועהנליכע געלאסענהייט און פראסטען שכל. האט דען איהר טאכטער ניט ארומגעדרייט זיך א גאנצע נאכט? און אויף מארגען איז זיא געקומען אזוי פערמאטערט, אזוי קראנק, אז זיא האט ניט געקענט גיין צו דער ארבייט. קאטערינע האט געוויינט, האט געשריען, אז עס איז ניט איהר שולד, דען שאוואל האט איהר ניט געלאזט אוועקגיין, סטראשענדיג איהר צו שלאגען, ווען זיא וועט פרובירען אנטלויפען. ער איז געווארען ווילד פון אייפערזוכט, ער האט ניט געוואלט דערלאזען, אז זיא זאל, וויא ער האט זיך איינגערעדט, לעבען מיט עטיענען. מאהיד איז געוועזען אויסער זיך פון כעס, און נאכדעם וויא זיא האט פערבאטען קאטערינען צו זעהען זיך מיט אזא בעסטיע, האט זיא געשווארען, אז זיא וועט געהען נאך מאנטסו איהם פאטשען. אבער נאך אלעמען איז עס דאך געוועזען א פערלארענער טאג ארבייט, און דיא מיידעל האט זיך ניט אפגעזאגט פון איהר געליעבטען.

צוויי טאג שפעטער האט פאסירט א געשיכטע מיט זשאנלען, וועלכער איז גאר אוועק מיט לידיען און בעבער'ן אין וואלד, וואו זיי האבען פערבראכט דעם טאג אין דיא שווידערליכסטע אויסגעלאסענהייט. זשאנלען האט דערפאר געקראגען געשמיסען פאר אלע קינדער פון דערפיל אין דיא אויגען, אבער א טאג ארבייט איז ווידער פערלארען געגאנגען.

אין דער נייער קוילענמינע פון מאהיי, איז דיא ארבייט צוגעגאנגען זעהר שלעכט און שווער. אין דער גרוב פילאניער איז דיא שיכטע קוילען געווארען אזוי דין, אז דיא האקערס האבען זיך געמוזט בייגען אין דרייען. זיא איז דערצו נאך געווארען זעהר פייכט, און מען האט שטענדיג געקענט בעקומען אזא שטראם וואסער, וואס זאל פערשווינקען דיא גריבער און דיא מענשען. עס האט שוין געטראפען, אז ווען עטיען האט אריינגעזעצט א שפיז אין דער שיכטע, האט עס איהם א זעץ געטאן א קוואל פון וואסער אין געזיכט; אבער דאס איז געווען א קליינער קוואל, און דיא גרוב איז דערפון געווארן בלויז פייכטער און אונגעזונטער. ער האט גאנץ ווייניג געזארגט וועגען דיזע געפאהרען און אנפעלע, אזוי וויא זיינע קאמעראדען. מען האט געלעבט אין דעם קנאלגאז, אין דיזען שרעקליכען גאז פון קוילענמינען, וועלכער האט אומגעבראכט אזוי פיעל קוילענגרעבער. מאנכעס מאל, ווען דער פלאם פון דער מינען-לאמפע פלעגט בלייכער ווערען, וויא געוועהנליך, פלעגט מען וועגען דיזען מערדערליכען גאז דיינקען, און א קוילענגרעבער פלעגט צושפארען זיין קאפ צו דער שיכטע, אום צו הערן דעם קליינעם גערויש פון דעם גאז. אבער דיא שטענדיגע געפאהר זיינען געווען דיא ערד-שיטונגען, דען חוץ דעם מאנגעל אין אונטערשפארונגען, וועלכע זיינען אימער געמאכט געווארן אין איילעניש, האט זיך דיא ערדע, וועלכע איז געווען דורכגענעצט, ניט געקענט צוזאמענהאלטען. דריי מאל א טאג האט מאהיי בעדארפט בעפעסטיגען דיא אונטערשפארונגען.

עס איז געווען ארום האלב-דריי, און דיא ארבייטער האבען זיך שוין געקליבען ארויפצוגיין. ליגענדיג אויסגעצויגען, האט עטיען געהאלטען אין ענדיגען דאס צוהאקען פון א שטיק שיכטע, ווען א וויטליבער קנאק וויא פון א דונער האט א טרייסעל געטאן דיא גאנצע מינע.

— וואָס איז דאָס ? האָט ער אויסגעשריען אָפּשטעלענדיג זיין ארבייט. ער האָט געמיינט, אַז דיא גאַנצע גאַלעריע איז איינגעפאלען הינטער איהם. אָבער מאהיי האָט זיך אָנגעפאַנגען צו גליטשען אראָפּ, שרייענדיג :

— עס איז אַ'ן ערדשיטונג.... שנעלער! שנעלער!

אַלע האָבען זיך אַ לאָז געטאָן, לויפענדיג און שפּרינגענדיג איינער נאָך דעם אַנדערן דורך דיא לאַנגע און שמאָלע גאַלעריעס, איינגעבויגענדיג דיא פּלייצעס אזוי וויא זיי וואָלטען געקראָכען אויף אַלע פיער, און פון צייט צו צייט האָבען זיי איינער צום אַנדערען געריפען און נאָכגעפרעגט, אין וועלכען אָרט דיא ערד האָט זיך אראָפּגעשאָטען. ווען זיי זיינען צוגעלאָפען צו דעם אַרויסגאַנגס-קוימען, זיינען זיי אהין אריינגעשפּרונגען, פאַלענדיג איינער אויף דעם אַנדערן, ניט קימערנדיג זיך וועגען פערלעצונגען און וואונדען.

זשאַנלין איז ניט געוועזען צווישען דיא אנטלאָפענע פון דער גרוב. ער איז זיך געגאַנגען הינטער דיא וועגעלעך און מאַנבעסמאַל, ווען ער האָט ניט מורא געהאט צו בעגעגענען איין אויפּפּאסער, פלעגט ער זיך אַרויפבאפּען אויף דעם לעצטען וועגעלע, וואָס מען האָט איהם פערבאָטען צו טאָן, ווייל ער האָט דערביי געקענט איינשלאָפען.

שלעפּענדיג זיך אין דיא לוּשעס נאָך דיא וועגעלעך, האָט זשאַנלין אין איין פלאַץ בעמערקט וויא דיא האָלץ האָט זיך שטארק איינגעבויגען אונטער דעם דרוק פון דיא פייכטע ערד און קאַפּענדע וואסער. גראַדע אין דער מינוט איז צו דיזען אָרט צוגעקומען אַ קוילענהאַקער מיט דעם נאָמען בערלאָק, און צו־נעמענעס שיקאַ, וועלכער האָט זיך געאיילט צו קומען אַ היים, וואו זיין ווייב איז געלעגען געוואָרען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אום צו בעטראַכטען דיא אונטערשפּארונגען און מיט אַ מאָל, ווען זשאַנלען האָט זיך געוועלט אַ לאָז טאָן, אום צו דעריאָגען דעם צוג פון דיא וועגעלעך, האָט זיך געלאָזט הערען אַ שרעקליכער קראַך, און דער מאַן און דער אינגעל זיינען פערשאָטען געוואָרען....

אַ דיקער שטויב איז פון דעם פאַל פאַרטראָגען געוועזען אין דיא זייטיגע גאַלעריעס, און פון אַלע זייטען האָבען זיך דיא ארבייטער, פאַרטויבטע און פערבלענדעטע, גענומען לויפען מיט זייערע לעמפּעלעך אין דיא הענד, וועלכע האָבען גאַנץ ווייניג בעלויכטען דיא שפּרינגענעס פון שוואַרצע מענשען אין דיא פינסטערע גריבער. ווען עטליכע ארבייטער האָבען זיך דיא ערשטע אָנגעשלאָגען אָן דעם באַרג ערד אויף זייער וועג, האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו שרייען און צו רופען זייערע קאַמעראַדען. פון דער אַנדער זייט זיינען אויך צוגעקומען ארבייטער, און מען האָט באַלד אויסגעפונען, אַז דער דאַך איז דורכגעבראָכען געוואָרען אויף אַ צעהנדליג מעטערס. דער שאָדען איז געוועזען אַ קלייניגקייט, אָבער דיא הערצער פון דיא אַרומיגע האָבען זיך שמערצליך אַ טרייסעל געטאָן, ווען קרעכצען פון אַ שטערבענדען האָבען זיך געלאָזט הערען פון אונטער דעם באַרג ערד.

— זשאַנלען איז אונטען! זשאַנלען איז אונטען! האָט געשריען בעבער, וועלכער איז געקומען צו לויפען איינער פון דיא ערשטע.

מאהיי, וועלכער איז באַלד צוגעקומען צום אונגליקס אָרט מיט זאַשאריע און עטיען, האָט געברענט פון כעס און פערצווייפלונג און האָט זיך געשאָלטען אויף וואָס דיא וועלט שטייט. קאַטערינע, לודיע און מוקעט, וועלכע זיינען צוגעלאָפען, האָבען געיאָמערט פון שרעק. מען האָט זיי געוועלט אָפּטרייבען, אָבער זיי, אין גאַנצען צומישט פון דיא שרעקליכע סצענע, זיי האָבען נאָך מעהר געיאָמערט ביי יעדען קרעכץ פון דיא פערשאָטענע.

באַלד איז געקומען צו לויפען דער אויפּפּאסער רישאָם, וועלכער איז געוועזען זעהר אומרוהיג וואָס ניט דער אינזשיניער נעגרעל, ניט דער עלטסטער אויפּפּאסער דאַנסאַער זיינען געוועזען אין דער מינע. צושטעלענדיג דעם אויער צו דיא שטיינער, האָט ער זיך צוגעהאָרכט, און ער איז געקומען צום שלוס, אַז דיא קרעכצען קומען ניט פון אַ קינד, נאָר פון אַ דערוואַקסענעם מענש. מאהיי האָט ניט אויפגעהערט צו רופען זיין קינד, אָבער

אומזאָנסט. דער זעלבער קרעכץ האָט אלץ געלעכערט דיא הערצער; מען האָט געשריגען צום שטארבענדען, מען האָט געפרעגט זיין נאמען, אבער נאָר דער קרעכץ איז געווען דער אנטוואָרט.

— לאָמיר זיך צואיילען צו דער ארבייט! האָט געשריען רישאָם, וועלכער האָט אָרגאַניזירט דיא רעטונג; ריידען וועלען מיר שפּעטער.

פון ביידע זייטען האָבען דיא קוילענגרעבער אטאקירט דעם באַרג ערד מיט לאָפּעטעס און העק. שאוואל האָט געארבייט אָהנע צו ריידען א וואָרט לעבען מאהיי און עטיען, וועהרענד זאשא־יע האָט אויפגעפּאסט אויף דיא אָפּראַמונג פון דיא ערד. דיא צייט פון ארויסגיין איז שוין אָנגעקומען, און אלע זיינען געווען הונגעריג; אָבער קיינער האָט ניט געדיינקט אוועקצוגיין זאָלאנג קאמעראדען געפינען זיך אין לעבענסגעפאהר. מען האָט זיך אָבער בערעכענט, אז אין דערפיל וועט הערשען א גרויסער שרעק, אויב קיינער וועט זיך ניט בעוויזען, און מען האָט פאָרגעשלאָגען אוועקצושיקען דיא פרויען. אָבער ניט קאטערינע, און ניט מוקעט, ניט אפילו דיא קליינע לידיע האָבען ניט געוועלט אָפּטרעטען פון אָרט, צונעשמידט דורך דעם וואונש צו וויסען, ווער עס ליגט בעגראָבען, און העלפענדיג אָפּצוראמען דיא ערד. דאן האָט לעוואק אָנגענומען דיא שליחות צו בערוהיגען דיא ווייבער אין דערפיל.

אלע האָבען געארבייט אזוי פלייסיג און טיכטיג, דאָס אין איין שטונדע האָט מען אויפגעטאָן דיא ארבייט פון א טאָג. א העלפט ערד וואָלט שוין אָפּגעראמט געווען, ווען נייע שטיינער וואָלטען ניט ארונטערגעפאלען דורך דיא לאָך אין דאך. מאהיי האָט געארבייט מיט אזא ברענענדען צאָרן, דאָס ער האָט זיך מיט א שרעקליכע מינע אָפּגעזאָגט, ווען איינער איז צוגעקומען צו געבען איהם צייט זיך אָפּצורוהען א מינוט.

— פּאמעלעך, האט רישאָם קאָמאנדעוועט. מיר קומען׳ צו.... מען קען זיי נאָך צוהרג׳ענען.

דיא קרעכצען האבען זיך אלץ דייטליכער געהערט און האבען אנגעציינט דיא רעטערס, וואו מען דאַרף גראָבען, און יעצט האט עס געשיינט, אז־דער קרעכצענדער אָטהעמט אונטער דיא לאָפּעטעס. אבער פּלוצלונג איז אונטער דעם באַרג שטיל געוואָרען, און אלע האבען זיך אָנגעקוקט שווייגענדיג, און א שוידער איז זיי אריבער אזוי וויא זיי וואָלטען געפיהלט דיא קעלט פון טויט אין דער פינסטערניס. זיי האבען אבער פאָרטגעזעצט זייער ארבייט, בעגיסענדיג זיך מיט שוייס און קוים אָטהעמדיג. באלד האט מען אָנגעטראָפען אויף א פוס, און מען האט אנגעפאנגען אָפּצושארען דיא ערד מיט דיא הענד, לויז מאכענדיג איין אבר נאָך דעם אנדערן. דיא קאָפּ פון דעם אונגליקליכען איז געבליבען גאנץ, און אונטער דעם שיין פון דיא לאָמפּען האט מען איהם גלייך דערקענט, און דער נאמען שיקאָ איז איבערגעגאנגען פון מויל צו מויל. זיין קערפּער, וועלכער איז געווען איבערגעבראָכען פון דיא שטיינער, איז נאָך געווען ווארעם.

— וויקעלט איהם איין אין א קאָלדרע און לייגט איהם אַרוף אויף א וועגעלע! האָט דער אויפפאסער קאָמאנדעוועט, און יעצט לאָמיר זיך נעהמען אויסצוגראָבען דעם אינגעל — שנעל!

דיא לאָפּעטיזס און העק האָבען זיך ווידער פיבעריש געהויבען אין דער לופטען, און באלד איז דורכגיבראָכען געוואָרן א דורכגאנג אין דעם באַרג, און פון דער אנדער זייט האָבען זיך אין דער זעלבער מינוט גילאָזט הערען געשרייען, אז מען האט געפונען דעם אינגעל אין אומאכט, מיט צובראָכינע פיס, נאָך אָטהעמענדיג. מאהיי האט זיך אנידערגיזעצט, אום בעסער ארויפצונעהמען אויף דיא הענד זיין פערחלש׳טען זוהן, און האט איהם גינומען טראגען מיט לאנגזאמע שריט. אויף יעדען וועגעלע האט א לעמפּעל אויסגיזעהן עפּעס וויא א רויטער שטערן אין דער פינסטערניס. נאָך מאהיי׳ן האבען זיך געשלעפּט די פופציג קוילענגרעבער איינע נאָך דיא אנדערע, און יעצט האבען זיי זיך געפיהלט אויס־

געמאטערט אז זיי האבען קוים דיא פיס געקענט טראגען, שלאָנדערנדיג אין דיע געדיכטער און פעטער בלאטע. כמעט א האלבע שטונדע האט גידויערט ביז זיי זיינען צוגיקומען צום ארויסגאנג.

רישאָם, וועלבער איז צוגיקומען דער ערשטער, האָט געהייסען לאָזען א לײדיגען קאָסטען, אין וועלבען פיעראָן האָט אריינגעשטופט צוויי וועגעלעך. אין איינע איז אריין מאהיי, האלטענדיג אויף דיא קניע זיין זוהן, וועהרענד אין דיא אַנדערע האָט עטיען צוזאַמענגעהאַלטען מיט דיא הענט דעם צובראָכענעם קערפער פון שיקאָ. ווען מען האָט אין צוויי מינוט ארום דערלעבט צו זעהן דיא שיין פון א פערוואָלקענטען הימעל, האָט מען אריינגעטראָגען דעם טויטען און זשאנלען אין דעם צימער פון דיא אויפפאסערס, וואו א גרויסער פייער האָט דעם גאנצען יאָהר ניט אויפגעהערט צו ברענען. נאָר מאהיי און עטיען האָבען געקראָגען דיא ערלויבניס אריינצוקומען אין דיזען צימער, און דרויסען האָבען זיך צוזאמענגעקליבען ארבייטער און ארבייטערינען, וועלכע האָבען זיך איבערגערעט מיט שטילע, פערשטיקטע שטימען.

ווען דער דאָקטאָר, וועמען מען האָט גראדע שנעל געפונען, האָט געוואָרפען א בליק אויף שיקאָ, האָט ער א זאָג געטאָן:

— אראָפּ פון מארק!.... איהר קענט איהם ארומוואשען.

צוויי ארבייטער האָבען אויסגעטאָן און מיט א שוואם געוואשען דעם קערפער, וועלבער איז געוועזען שווארץ פון קוילען און שמוציג פון דעם שוויס ביי דער ארבייט.

דער דאָקטאָר אין אין דער זעלבער צייט צוגעגאנגען צו זשאנלען, און האָט געזאָגט

— דער קאָפּ איז ניט געריהרט, דיא ברוסט אויך ניט...... נאָר דיא פיס זיינען צוקוועטשט.

ער אליין האָט אָנגעפאנגען אויסצוטאָן דעם אינגעל מיט דיא געשיקטקייט פון א געניטע ווארטערין, און מען האָט באלד געקענט זעהן דעם קליינעם אויסגעדארטען קערפערל, בעשמוצט מיט שווארצע שטויב, מיט געלע ערד, און בעפלעקט מיט פאסען בלוט. מען האָט ניט געקענט זעהן דעם פערוואונדעטען אָרט ביז מען האָט דעם אינגעל ארומגעוואשען, און דאַן, אונטער דער שוואם, האָט ער אויסגעוויזען נאָך מאָגערער, דיא לייב איז געוועזען אזוי בלייך און דורכזיכטיג, אז מען האָט געקענט ציילען דיא ביינער. עס איז געוועזען א טרויער אויף איהם צו קוקען, אויף דיזען אויסגעצערטען קינד פון אויסגעמאטערטע און נויטליידענדע דורות קוילענגרעבער.

ווען זשאנלען איז אָפּגעמינטערט געוואָרן, האָט ער ארויסגעלאָזען א וויטאָג-געשריי. לעבען דעם מאטראַץ אויף דער ערד, וואו זיין אויסקאליעטשעטער זוהן איז געלעגען, איז מאהיי געשטאַנען מיט פערבראָכענע הענט און האָט שטיל געקוקט אויף איהם, וועהרענד פון זיינע אויגען האָבען זיך געגאָסען ביטערע טרערען.

— דאָס ביזטו דער פאָטער? האָט זיך דער דאָקטאָר געווענדעט צו איהם. וויי דאָך ניט, דו זעהסט דאָך, אז ער איז ניט טויט ... העלף מיר בעסער.

זשאנלען'ס ביידע פיס זיינען געוועזען צובראָכען, אָבער דיא רעכטע פוס האָט נאָר בעאונרוהיגט דעם דאָקטאָר, דען מען האָט איהם געמוזט אָפּשניידען.

אין דיזער מינוט זיינען געקומען נעגרעל און דאַנסאער. דער אינזשיניער האָט אויסגעהערט דעם בעריכט פון אויפּפּאסער רישאָם מיט א פערצווייפעלטען אויסזעהן און ער האָט אויסגעשאָסען: אימער דיזע פערפלוכטע אונטערשפּארונגען! האָט ער דען הונדערט מאָל ניט ווידערהאָלט, אז מענשען וועלען דורך דעם דערהרג'עט ווערן! און דיזע בהמות ריידען נאָך פון א סטרייק, ווען מען וועט זיי צווינגען צו מאכען גוטע אונטערשפּארונגען! דאָס ערגסטע איז דאָ, וואָס דיא קאָמפּאניע וועט נאָך דארפען בעצאָהלען דערפאר — אָה, הענעבאָ וועט זיין צופרידען!

— ווער איז ער? האָט דאנסאַר געפרעגט, שטייענדיג לעבען דעם טויטען, וועמען מען האָט שוין אָנגעפאַנגען ארומצו־וויקלען מיט א שטיק טוך.

— שיקאָ, איינער פון אונזערע גוטע ארבייטער, האָט גיענטפערט איין אויפפאסער. ער לאָזט איבער א פרוי מיט דריי קינדער... אָרימער קערל!

דאָקטאָר וואנדערהאַגען האָט געהייסען מען זאָל זאָפאָרט אָבשיקען דעם פערוואונדעטען זשאנלען צו זיינע עלטערן. עס האָט שוין געשלאָגען זעקס א זייגער, אין דרויסען איז שוין געווען דונקעל. דער אינזשיניער האָט געהייסען אָפפיהרען דעם טויטען אויף דעם וואָגען, וועלכער פלעגט געברויכט ווערען אין אזעלכע אונגליקספעלע, און וועהרענד מען האָט דעם אינגעל ארויפגעלייגט אויף דיא טראַגע, האָט מען דעם טויטען מיט דעם מאַטראַץ אריינגעשפּאַרט אין וואָגען.

ווען דיא טיר פון דעם אויפפאסערס צימער האָט זיך געעפענט, איז געוואָרען טויט־שטיל צווישען דיא מענגע, וועלכע האָט זיך צוזאמענגעקליבען דרויסען. עס האָט זיך באלד געבילדעט א פּראָצעסיאָן: דער וואָגען פאָרויס, דיא טראַגע נאכהער און פון הינטען האָבען זיך געשלעפּט מענער, פרויען און קינדער אויף דעם וועג צום דערפעל.

עטיען האָט געראַטהען מאהייען צו שיקען פריהער קאַטערינען אָנזאָגען דיא טרויעריגע בשורה דער מוטער; און מאהיי א נידערגעשלאָגענער און צומישט׳ער, האָט נאָר א מאך געטאָן מיט׳ן קאָפּ, און דיא יונגע מיידעל האָט זיך באלד געלאָזט לויפען מיט אלע כוחות. אָבער אין דערפעל האָט מען שוין געוואוסט, אז דער טרויער וואָגען, וועלכער איז אזוי גוט בעקאנט געווען אלעמען, קומט צו, און דיא ווייבער זיינען ארויסגעלאָפען וויא משוגענע, פול מיט אנגסט און שרעק. עס איז אלזאָ דאָ א טויטער — ווער איז ער? דיא געשיכטע וואס לעוואַק האט דערציילט, האָט זיי בערוהיגט, אָבער יעצט האָט זיי אָנגעכאַפּט א טויט שרעק; זיי האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, אז ניט איינער איז דערהרג׳עט געוואָרען, נאָר פיעלע, און אז דער וואָגען וועט דיא טויטע ברייגען איינעם נאך דעם אנדערן.

קאַטערינע האָט געטראָפען איהר מוטער אזוי דערשראָקען וויא דיא אנדערע פרויען, און וויא נאָר זיא האָט געעפענט דעם מויל, האָט מאהיד אויסגעשריען:

— אה דער פאָטער איז טויט!

אומזיסט האָט קאַטערינע געשריען, אז דער פאָטער לעבט און זשאנלען איז פערוואונדעט — מאהיד האָט איהר שוין ניט געהערט און איז געפלויגען אנטקעגען דעם וואָגען. דערזעהענדיג דעם וואָגען, וועלכער האָט פערקירעוועט לעבען דער קירכע, איז זיא געוואָרען טויט־בלאַס און האָט זיך אָבגעשטעלט, אום ניט אנידערצופאלען אין חלשות. לעבען דיא טירען זיינען געשטאַנען פרויען, שטום פון אנגסט, אויסציהענדיג זייערע העלזער, וועהרענד אנדערע זיינען נאָכגעגאַנגען, ציטערנדיג ביי דעם געדאַנקען, לעבען וועלכע הויז דער וואָגען וועט זיך אָפּשטעלען.

הינטער דעם וואָגען, לעבען דער טראַגע, האָט מאהיד דערקענט איהר מאַן, און ווען מען האָט דיא טראַגע אוועקגעשטעלט לעבען איהר טהיר און זיא האָט דערזעהען איהר קינד מיט צובראָכענע פיס, איז אין איהר פאָרגעקומען אזא פּלעצליכע ענדערונג, אז זיא האָט אויסגעשריען מיט כעס, אָהנע צו פערלירען איין טרער:

— אה, אזוי איז עס! יעצט קאַליעטשעט מען שוין אונזערע קינדער!.... ביידע פיס איבערגעבראָכען, מיין גאָט! וואָס זאָל איך יעצט מיט איהם טאָן?

— שווייג! האָט זיך אָפּגערופען דער דאָקטאָר, וועלכער איז געקומען, אום איבערצובינדען זשאנלען׳ס פוס, וואָלסטו דען בעסער געוועלט, אז ער זאָל בלייבען אין גרוב?

אָבער מאהיד איז נאך מער אין כעס געוואָרען. וועהרענד די קינדער האָבען געקלאָגט און געיאָמערט, העלפענדיג ארויפצוטראָגען דעם פערוואונדעטען און דערלאַנגענדיג דעם דאָקטאָר די זאַכען, וואָס ער האָט פערלאַנגט, האט זיא ניט אויפגעהערט צו

שילטען איהרע קלאָגעדיגע יאָהרען און צו פרעגען, וואו וועט זיא יעצט נעהמען געלט צו שפייזען קאליקעס. דער אַלטער איז נאָך ניט גענוג געווען — האָט נאָך דער יונגער פערלאָרען די פיס! און זיא האָט אַלץ געשאָלטען און געטענה'ט, וועהרענד פון דער אַנ־דער הויז האבען זיך געלאָזט הערען שרעקליכע הערצרייסענדע געיאָמערן: דאָס האָבען די פרוי און די קינדער פון שיקאַ געקלאָגט איבער זיין טויטען קערפּער....

עס איז געווען אַ פינסטערע און נאַסע נאָוועמבער נאַכט, און אין טרויער האָט זיך דער דערפעל געלייגט שלאָפען נאכדעם וויא די אויסגעמאַטערטע קוילען־גרעבער האָבען ארונטערגעשלונגען זייער סוף, און דיא שטילקייט איז נאָר איבערגעריסען געוואָרען פון דיא געשרייען, וועלכע האָבען זיך געטראָגען פון שיקאָ'ס הויז.

דעם דאָקטאָר איז געלונגען אויסצומיידען איין אָפּעראַציע, און זשאַנלען איז גע־בליבען מיט צוויי פיס, נאָר ער האָט געמוזט צוהינקען. נאָך איין אונטערזוכונג האָט זיך די קאָמפּאַניע בעשלאָסען צו בעפרידיגען די פאַמיליע מיט גאַנצע פופציג פראַנק, נאָר זיא האָט פערשפּראָכען צו קריגען פאַר דעם יונגען קאַליקע אַ בעשעפטיגונג אונטערן פרייען הימעל, ווען ער וועט קענען אָנפאַנגען ארבייטען. אָבער די פאַמיליע איז פון דעסטוועגען נאָך די'זען אונגליקספאַל נאָך אָרימער געוואָרען, דען מאַהיי איז אַזוי צורודערט געוואָרען, דאָס ער האָט געקראָגען אַ פיבער און איז אָבגעלעגען עטליכע טעג קראַנק.

עס זיינען אַזוי אַוועק דריי וואָכען. עס איז געווען זאָנטאָג, און אָבענדס האָט עטיען געזעדט וועגען דעם קומענדען ערשטען דעצעמבער, ווען די קאָמפּאַניע האָט געוואָלט איינ־פיהרען איהר נייע ארבייטס־סיסטעם. מען האָט געוואַרט ביז צעהן אוהר אויף קאַטערי־נען, וועלכע איז אַוועק מיט שאַוואַל'ן; אָבער זיא איז אַלץ ניט געקומען, און מאַהיד האָט מיט כעס פערשלאָסען די טיר אָהנע צו זאָגען אַ וואָרט.

עטיען האָט לאַנג ניט געקענט איינשלאָפען, זעהר צוטראָגען פון די ליידיגע בעט, וואו אַלזיר האָט אַזוי ווייניג פּלאַץ פערנומען. אויף מאָרגען איז קאַטערינע אויך ניט געקו־מען, און ערשט נאָכמיטאָג, ווען מען האָט זיך שוין אומגעקעהרט פון דער ארבייט, האָבען די מאַהאייס זיך דערוואוסט, אַז שאַוואַל האָט מיט געוואַלט פערהאַלטען קאַטערינען, ער האָט איהר געמאַכט אַזעלכע ווילדע סצענען, אַז זיא האָט זיך געמוזט בעשליסען צו פער־בלייבען לעבען מיט איהם צוזאַמען. אום אויסצומיידען פאָרווירפע, האָט ער זיך פלוצלונג אָפּגעזאָגט פון זיין פּלאַץ אין וואָרייא און איז אַוועק ארבייטען אין זשאַן־באַרט, אין דער מי־נע פון דעם קאַפּיטאַן דענוילען, און זיא האָט איהם נאָכגעפאָלגט אַלס זיפּערין. זיי זיינען אָבער געבליבען וואוינען אין מאַנטסו ביי פּיקעט'ן אין שיינק.

מאַהיי האָט אָנפאַנגס גערעדט פון פּאַטשען שאַוואַל'ן און ברייננגען צו שלעפּען זיין טאָכטער פאַר די האָר, אָבער נאכהער האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנד: צו וואָס? וואָס וועט עס נוצען? מען קען ניט אָפּהאַלטען מיידלעך פון ליעבע, ווען זיי ווילען אַזוי. עס איז שוין גלייכער צו וואַרטען געדולדיג ביז זיי וועלען חתונה האָבען. אָבער מאַהיד האָט זיך אַזוי לייכט ניט געקענט בערוהיגען.

— האָב איך איהר דען געשלאָגען, ווען זיא האָט זיך אָנגעפאַנגען ארומשלעפּען מיט שאַוואַל'ן? האָט זיא געשריען צו עטיען, וועלכער האָט איהר אויסגעהערט, שוויי־גענדיג, זעהר צוטראָגען און בלייך. זאָגט נאָר, איהר, וואָס איהר זייט דאָך אַ פערנינפ־טיגער מענש.... מיר האָבען איהר געלאָזען פריי — ניט אמת? — ווייל, מיין גאָטט! אַלע מיידלאַך גייען שוין דורך דעם זעלבען וועג ... איך אַליין בין געווען שוואַנגער, ווען איך האָב חתונה געהאַט, אָבער איך בין ניט אנטלאָפען פון מיינע עלטערן, קיין מאָל האָב איך ניט בעגאַנגען אַזאַ נידערטרעכטיגקייט וויא אַוועקצוטראָגען פאַר דער צייט מיין לוין צו אַ מאַן, וועלכער האָט עס ניט בעדאַרפט. אָה, דאָס איז געמיין, זעהט איהר! און דאַרף ווירקליך קיינע קינדער האָבען.

און באַלד נאָכדעם האָט זיא אָנגעפאַנגען אויסצורעכענען איהר בינטעל צרות:

ויא זאשאריע האט חתונה געהאט, וויא דער אלטער באנמאר זיצט מיט צודרייטע פיס, ויא זשאנלען וועט נאך צעהן טאג מוזען ליגען אין בעטל און נאכהער היגקען זיין גאנצען לעבען און ענדליך—דער לעצטער קלאפ—וויא קאטערינע איז אנטלאפען מיט דעם לאנגען שאוואל. מעהר וויא דער פאטער ארבייט ניט פאר דיא פאמיליע, און וויא אזוי זאלען זיעבען נפשות, ניט רעכענענדיג דיא קליינע עסטעל, לעבען פון דעם פאטערס דריי פראנק א טאג? עס בלייבט טאקע נאר אלעמען צוזאמען אנצוטאן א שטיין אויף'ן האלז און אריינצוואוארפען זיך אין וואסער.

— עס קומט גאר ניט ארוים פון דיינע קלאגען, האט מאהיי ענדליך געזאגט מיט א פערשטיקטע שטימע, עס קען נאך פיליכט ערגער זיין.

עטיען, וועלכער האט געהאלטען אויסגעסטארצעט דיא אויגען אויף דיא פאדלאגע, האט מיט א מאל אויפגעהויבען דעם קאפ, און האט אויסגערופען אזוי וויא פערלארען אין א בילד פון דער צוקונפט:

— אה, עס איז שוין צייט, עס איז שוין צייט!

פיערטער טהייל.

I.

דעם זעלבען טאג האבען דיא הענעבאס געהאט איינגעלאדען צו זיך אויף א מיטאג דיא גרעגוארס און זייער טאכטער סעסיליע. נאכ'ן עסען האט דער אינזשעניער נעגרעל געזאלט מיטנעהמען דיא דאמען אויף א בעזוך אין דער מינע סענט-טהאמאס, וועלכע איז געווארען בעפוצט צוליעב דעם, אבער דער שפאציר איז נאר געווען איין אויסרייד, דען דער בעזוך איז אויסגעטראכט געווארען פון מאדאם הענעבא, אום צו צואיילען דיא חתונה פון סעסיליע און נעגרעל.

און פלוצלונג האט אין דעם זעלבען מאנטאג ארום פיער אוהר אין דער פריה אויסגעבראכען א סטרייק. ווען דיא קאמפאניע האט דעם ערשטען דעצעמבער איינגעפיהרט איהר נייע סיסטעם פון לוינען, זיינען דיא קוילענגרעבער געבליבען רוהיג און שטיל. צום סוף פון דיא צוויי וואכען, אין דעם טאג פ'ן צאהלען, האט קיינער פון זיי קיינע פאדערונגען געמאכט. אלע בעאמטע, פון דעם דירעקטאר ביז דעם לעצטען אויפפאסער, האבען שוין געגלויבט, אז דער נייער לוין איז שוין אנגענומען פון דיא ארבייטער, און זייער ערשטוינונג איז דארום געווען גרויס, ווען אין דער פריה איז מיט א מאל געווארען א סטרייק, וועלכער האט גלייך בעוויזען, אז ער ווערט פלאנמעסיג און ענערגיש אנגעפיהרט.

ארום פינף אוהר האט דאנסאער אויפגעוועקט דעם דירעקטאר, אום איהם צו לאזען וויסען, אז קיין איינציגער ארבייטער איז ניט ארונטער אין דער מינע װארײ. דער דערפעל „צוויי הונדערט פערציג" האט געשלאפען עפעס וויא אין א יום-טוב, ווען ער איז דורכגעגאנגען זעהען וואס דארטען טהוט זיך. און וויא נאר דער דירעקטאר האט זיך אויפגעכאפט און האט נאך ניט אויסגעריבען דיא אויגען, זיינען צו איהם פון אלע זייטען געקומען קוריערען, און דעפעשען זיינען געפאלען אויף זיין שרייב-טיש וויא האגעל. אנפאנגס האט ער גערעכענט, אז דער סטרייק איז נאר אויסגעבראכען אין דער װארײ-מינע; אבער דיא לאגע איז פון מינוט צו מינוט געווארען ערנסטער: אין דער מורו-מינע—א סטרייק, אין דער קרעווקער-מינע—דאס זעלבע, און אין דער מאדלין-מינע זיינען נור דיא פערד-פיהרער געקומען צו דער ארבייט. אפילו אין וויקטואר און פויטרי-קאנסעל, דיא צוויי בעסטע און גוט דיסציפלינירטע מינען, זיינען א דריטעל פיילענגרעבער ניט געקומען צו דער ארבייט. נור אין סענט טהאמאס האט קיין ענ-
ירונג פאסירט, אזוי וויא דיא דארטיגע ארבייטער וואלטען קיין פערקעהר געהאט
אנדערע. ביז ניין אוהר האט העגעבא דיקטירט דעפעשען צו דיא פערוואלטער

פון דער קאמפאניע, צום פרעפעקט פון ליל, מעלדענדיג דיא נייעס און פערלאנגענ־דיג בעפעהלע און א ראטה, וויא צו האנדלען. ער האט אוועקגעשיקט דעם אינזשעניער נעגרעל צו בעזוכען דיא מינען ארום, אום צו האבען גענויע נאכריכטען.

מיט א מאל האט ער זיך דערמאנט וועגען דעם ארגאנזשירטען מיטאג פאר דיא גרע־גוארס, און ער האט שוין געוואלט שיקען א קוטשער אנזאגען דארטען וועגען דיא אונער־ווארטעטע שטערונג, ווען ער האט זיך עפעס בעטראכט און איז געבליבען שטיין וויא א מענש אהן ווילען, וויא גאר ניט דער זעלבער, וואס האט קורץ און שארף עבען פארבעריי־טעט א גאנצען פלאן, וויא צו פיהרען א מלחמה מיט דיא סטרייקערס. ער איז ארויפגע גאנגען אין זיין פרוי׳ס פראכטפאלען טואלעט צימער, וואו א קאמערמיידעל האט גיקעמט דיא האר פון דיא מאדאם.

— אה, זיי סטרייקען נאר, האט זיא רוהיג געזאגט, ווען ער האט איהר נאכגעפרעגט וועגען דעם מיטאג פאר דיא גרעגוארס. וואס מאכט עס אונז אויס ?... מיר וועלען דאך צוליעב דעם ניט אויפהערען צו עסען, ניט אמת ?

און זיא האט זיך איינגעשפארט. וויא פיעל ער האט איהר ניט ערקלערט, אז דער מיטאג וועט זיין געשטערט, אז דער בעזוך אין סענט־טהאמאס וועט ניט קענען שטאט־פינדען, האט זיא נור געפונען איין ענטפער: צו וואס זאל מען פערלירען א פארטיגען מיטאג ? און דעם בעזוך וועט מען דאך קענען נאכהער אפלייגען, אויב דיעזער שפאציר וועט ניט זיין זיכער.

—און אויסער דעם אלעם ווייסט איהר דאך, האט זיא געזאגט, ווען דיא דינסטמיידעל איז ארויסגעגאנגען, וואדום איך וויל אויפנעהמען דיעזע בראווע לייט. דיעזע חתונה דארף אייך אינטערעסירען מעהר וויא דיא נארישקייט פון אייערע ארבייטער.... ענדליך, אזוי וויל איך, און בריינגט מיר ניט ארויס פון געדולד.

ער האט איהר בעטראכט, פיהלענדיג א לייכטען ציטער איבער זיין קערפער, און זיין פעסטע און שטרענגע געזיכט פון א מאן מיט דיסציפלינע האט אויסגעדריקט דיא געהיימע שמערצען פון זיין צובלוטיגטע הארץ. זיא איז געזעסען מיט איהר נאקעטע פלייצע און ברוסט, וועלכע האבען שוין געצייגט יאהרען, אבער וועלכע האבען נאך געקענט צוציהען א מאן. איין סעקונדע האט איהם אנגענומען דער ברוטאלער וואונש איהר ארומצונעהמען, אנצושפארען זיין קאפ אן איהר ברוסט אין דיעזען לוקסוס־צימער, וואו דער גערוך פון דיא טייערסטע פארפומען האט איהם גערייצט; אבער ער האט זיך צוריק געהאלטען, דען זייט צעהן יאהר האבען זיי שוין געלעבט אפגעזונדערט.

גוט, האט ער געזאגט ארויסגייענדיג, זאל בלייבען וויא דו ווילסט.

דער דירעקטאר הענעבא האט גיהאט געגוג צרות איידער ער איז געקומען צו זיין גרויסען אמט. ער איז געווען איין ארימער יתום, און ער האט ניט ווייניג געהונגערט איידער ער האט גיענדיגט דיא מינען שולע אלס אינזשעניער. נאך דריי יאהר ארבייט אין דער מינע פון סענט־באר איז ער געווארען איין אינזשעניער איבער א גאנצע אפטהיי־לונג פון מינען אין דעם דעפארטמענט פון פא־דע־קאלע, און דאן האט ער חתונה געהאט מיט דיא טאכטער פון א זעהר רייכען וועבער־פאבריקאנט פון דער שטאדט אראס. אין פערלויף פון פופצעהן יאהר האט דיא פאר געלעבט אין דער זעלבער קליינער פראווינץ־שטאדט אהנע דאס אירגענד וועלכע פאסירונג זאל שטערן זייער מאנאטאנעס און לאנג־וויילינען לעבען, אפילו ניט דיא געבורטה פון א קינד. זי איז אבער ביסלעכווייז אלץ מעהר אויפגעבראכט געווארען געגען איהם, וויל ער האט גענומט א בייטען גאנץ שווער פאר זיין ניט גרויסע געהאלט און האט ניט בעפרידיגט איהר אייטעלקייט. אלס רייכע טאכטער געוואהנט נאר אויסצובריינגען געלד, האט זיא זיך גאנץ אנדערש פארגעשטעלט איהר מאן און איהר פערהייראטען לעבען. ער איז געווען איבערגעבען זיין ארבייט, האט טריי און עהרליך געדיענט דער קאמפאניע און איז געשטאנען אויף זיין פאסט ווי א סאלדאט;

און איהר אונצופריעדענהייט מיט איהם איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען זיא האָט איהם אויך פהיזיש אָנגעפאַנגען ניט צו פערטראָגען. ער האָט איהר פערגעטערט, איז געווען פול מיט ליידענשאַפט צו איהר, אָבער זיי האָבען דאָך גילעבט אָפגיזונדערט. און זיא האָט זיך אויפגעזוכט א געליעבטען, פון וועלכען ער האָט גאָר ניט געוואוסט.

ער האָט בעשלאָסען צו פערלאָזען פאַ-דע-קאַלע און האָט גיפונען א שטעלע אין פאַריז, האָפענדיג, אז זיין פרוי וועט דערפאַר זיין דאַנקבאַר צו איהם; אָבער דאָס האָט נאָך זייער פאַמיליען-לעבען פיעל ערגער געמאַכט. זיא האָט זיך אריינגעוואָרפען מיט ליידענשאַפט אין אַלע פערגניגען פון דער גרויסער שטאָדט און זיא האָט כמעט אָפען גילעבט מיט א גיליעבטען, וואָס האָט איהר שיער ניט געבראַכט צו זעלבסטמאָרד, ווען ער האָט איהר פערלאָזען. דיעזעס מאָל האָט שוין הענעבאָ ניט גיקענט בלייבען אין אונוויסענהייט וועגען דעם סקאַנדאַל, אָבער, נאָך א שטירמישע סצענע, האָט ער גימוזט נאָכגעבען זעהענדיג וויא לייכטזיניג זיא שאַפט זיך פערגניגען, וואו זיא קריגט עס נאָר. נאָך דיעזער ליעבעס-געשיכטע האָט ער עס אָנגינומען צו זיין דירעקטאָר פון דיא מאָנטסו-מינען אין דער האָפנונג, דאָס זיא וועט בעסער ווערען צו איהם אין דיעזע שוואַרצע און טרויעריגע געגענד.

זייט דאַן האָבען זיי פערבראַכט דיא צייט אזוי לאַנגווייליג און אָנגעבלאָזען, וויא איידער זיי זיינען אָבגעפאָהרען נאָך פאַריז. אָנפאַנגס האָט דיא דאָרף-רוהע אויף איהר געווירקט אזוי וויא זיא וואָלט זיך עפּעס ארויסגעריסען פון א שטורם אויף א ים; אָבער נאָכהער איז איהר געוואָרען אַלץ לאַנגווייליגער, און זיא האָט געזוכט זיך צו שאַפען איין אינטערעס אין אויספוצען, נאָך איהר געשמאַק, דיא קוואַרטיר פון דירעקטאָר, וועלכע זיא האָט ערקלערט פאַר אבשייליך. ווען דיא לוקסוס-זאַכען האָבען איהר אויך דערעסען, האָט זיא זיך אָנגעפאַנגען צו בעקלאָגען אויף איהר אונגליקליכען שיקזאַל און האָט בעשולדיגט איהר מאַן, דאָס ער האָט אבזיכטליך איהר פערשלעפּט אין א וויסטעניס און איהר געבראַכט אַלס אָפּפער צו זיינע פערציג טויזענד פראַנק א יאָהר געהאַלט, וועלכע האָבען דאָך קוים געקלעקט צו פיהרען דיא ווירטשאַפט פון דיא הויז. האָט ער דען ניט געקענט טאָן וויא אַנדערע און פערלאַנגען א טהייל פון געשעפט, בעקומען אַקציעס און ספּעקולירען? און זיא האָט דאַרויף גרויס געוויכט געלייגט מיט דיא חוצפה און האַרטהערציגקייט פון א פרוי, וועלכע האָט מיטגעבראַכט א גרויסען נדן. ער האָט אויף זיך אימער געטראָגען דיא מאַסקע פון א קאַלטען פערוואַלטער, אָבער ער איז שטענדיג ארומגעגאַנגען מיט א וויטאָג אין האַרצען, פערצערט פון א ווילדע תאוה צו איהר, איינע פון דיעזע שפּעטיגע תאוות, וועלכע איבערוועלטיגען אזוי און וואַקסען מיט דער עלטער. ער האָט איהר קיין מאָל ניט בעזעסען וויא א געליעבטער, און שטענדיג האָט זיך געטראָגען איהר געשטאַלט פאַר זיינע אויגען און שטענדיג האָט איהם געפּייניגט דער וואונש צו האָבען איהר איין מאָל אזוי וויא זיא ניט זיך אָפּ צו אַנאַנדערען. יעדען אין דער פריה האָט ער געטרוימט איהר איינצונעהמען אַבענד, אָבער ווען זיא פלעגט אויף איהם קוקען מיט איהרע קאַלטע אויגען, ווען ער האָט געפיהלט, אז ער איז איהר אין גאַנצען וויעדערווערטיג, פלעגט ער אפילו אויסמיידען אָנצוריהרען איהר האַנט. דאָס איז געווען א וויטאָג אָהן מעגליכע היילונג, בעהאַלטען אונטער א קאַלטע און שטרענגע מאַסקע

אין זעקס מאָנאַט ארום, ווען דיא וואָהנונג איז שוין געווען אויסמעבלירט, וויא מאַדאַם הענעבאָ האָט געוועלט, איז איהר וויעדער געוואָרען טויט-לאַנגווייליג, און זיא האָט זיך בעקלאָגט, אז דיא איינזאַמקייט וועט איהר טויטען און אז זיא ווינשט שוין בעסער צו ענדיגען איהר אונגליקליכען לעבען. גראַדע אין דער צייט איז אין מאָנטסו אָנגעקומען דער אינזשעניער פאָל נעגרעל. זיין מוטער, איין אלמנה פון א קאַפּיטאַן, האָט געלעבט פון א גאַנץ קליינע איינקונפט און האָט זיך געמוזט בענוגענען מיט ברויט און וואַסער, אום ער זאָל קענען שטודירען אין דער פּאָליטעכנישער שולע. ער האָט

זיך אבער דארטען גאר ניט אויסגעצייכענט, און זיין אנקעל, הענעבא, האט איהם אנ־גענומען אלס אינזשעניער אין דער וואריי־מינע. דער דירעקטאר האט איהם אויך בע־האנדעלט ווי א פאטער, האט איהם געגעבען א צימער און געשפייזט ביי זיך, וואס עס האט געגעבען דעם יונגען מאן די מעגליכקייט צו שיקען זיין מוטער די העלפט פון זיינע דריי טויזענד פראנק יעהרליכע געהאלט. מאדאם הענעבא האט גלייך אנגענומען די ראלע פון א גוטע טאנטע, דוצענדיג איהם און זארגענדיג וועגען זיין וואהל זיין. די ערשטע פאאר מאנאטען האט זיא איהם בעשאטען מיט ראטהען וועגען די קלענ־סטע זאכען און האט איהם בעהאנדעלט וויא א קינד; אבער דערביי האט זיא זיך אויך ארויסגעצייגט אלס פרויענצימער און האט איהם דערציילט איהרע סודות. נענ־רעל, וועלכער איז נאך געוועזן יונג, אבער זעהר פראקטיש און מעהר קלוג וויא עהרליך, האט איהר אלץ מעהר אמוזירט, און איין אבענד האט ער זיך געפונען אין איהרע ארעמס. זיא האט זיך געמאכט, אז זיא גיט זיך אפ צו איהם אויס גוטסקייט, טענה'נ־דיג, אז איהר הארץ איז שוין אפגעשטארבען און אז זיא וויל בלויז בלייבען זיין פריינדין. זיא איז טאקע ניט געוועזן אייפערזיכטיג און האט שפאס געמאכט וועגען זיינע ליע־בעס מיט די ארבייטערינען, וועלכע ער האט כלומרשט ערקלערט פאר עקעלהאפט, און פלעגט זיך בלאזען אויף איהם, וואס ער דערציילט איהר ניט געשיכטעלעך וויא אנדע־רע יונגע לייט. נאכהער האט זיא זיך אנגעהויבען שטארק צו בעשעפטיגען מיט דעם גע־דאנק איהם חתונה צו מאכען און זיא האט גיטרוימט וויא איהם צו געפינען א רייכע כלה.

צוויי יאהר זיינען אזוי פאראיבער. איין אבענד האט הענעבא געהערט עפעס טריט פון בארוועסע פיס און האט געקראגען פערדאכט. דיעזע ליעבעס געשיכטע פון זיין פרוי ביי איהם אין הויז, לעבען זיין שלאף צימער, צווישען דיעזע מוטער און דיע־ען זוהן—דאס האט איהם שרעקליך נעקריינקט. אבער גראדע אויף מארגען האט זיא איהם דערציילט וועגען איהר פלאן חתתונה צו מאכען נעגרעל'ן מיט סעסיליע גרע־גואר, און זיא האט דערפון גערעט מיט אזא היץ, אז ער איז רויט געווארען, וואס ער האט אויף איהר געקענט האבען אזא פערדאכט.

ווען הענעבא איז דעם מארגען, ווען דער סטרייק האט אזוי פלוצלונג אויסגע־בראכען, ארויס פון זיין פרוי'ס ט'אלעט־צימער, האט ער געטראפען נעגרעל'ן, וועלכער איז געוועזן עפעס אר פריילין אויפגעלייגט פון די געשיכטע מיט דעם סטרייק.

— נו, וואס הערט זיך? האט הענעבא געפרעגט.

— איך האב בעזוכט די קוילענגרעבער'ס דערפלעך און זיי שיינען מיר צו זיין דארטען זעהר פערנינפטיג...... איך גלויב, אז זיי וועלען דיר שיקען א דעפוטאציע.

אבער אין דער מינוט האט מאדאם אויסגעשריען פון איהר צימער.

— ביזטו עס, פאל? ..... קום דאך שנעל ארויף צו דערציילען מיר די נייעס....

זיינען זיי דען משוגע צו מאכען בונטען, דיזע לייטע וואס זיינען אזוי גליקליך!

און דער דירעקטאר האט זיך געמוזט אפזאגען נאכצופרעגען דעם יונגען מאן, דען זיין פרוי האט דעם שליח פערלאנגט צו זיך, און ער האט זיך אוועקגעזעצט לעבען זיין שרייבטיש, וואו עס איז שוין ווידער געלעגען א פאק דעפעשען.

ווען די גרעגוארס זיינען ארום עלף א זייגער אנגעקומען, האבען זיי זיך ניט ווייניג פערוואונדערט, וואס דער דיענער היפאליט, וועלכער איז געשטאנען אלס שומר לעבען דעם דירעקטארס הויז, האט זיי שנעל געשטופט צום אריינגאנג, נאכדעם וויא ער האט געווארפען אונרוהיגע בליקען אויף ביידע זייטען פון דעם וועג, וועלכער האט זיך געצויגען לעבען די הויז. מען האט די גרעגוארס אריינגעפיהרט אין דעם דירעקטאר'ס קאבינעט, וואו הענעבא האט זיך ענטשולדיגט, וואס ער נעהמט זיי דארט אויף, ערלקערענדיג, דאס אזוי וויא די פענסטער פון סאלאן קומען אויס צו דער גאס, איז עס בעסער ניט אויפצורייצען די ארבייטער.

דערזעהענדיג אז זיי האבען אויסגעשטעלט אפענע מיילער נאך זיין ערקלערונג, האט ער אויסגעשריען:

— וויא! איהר ווייסט גאר ניט?

און ווען גרעגואר האט דערהערט, אז א סטרייק האט פלוצלונג אויסגעבראכען, האט ער קאלטבלוטיג א קוועטש געטאן מיט דיא פלייצעס. אי עס וועט גאר ניט זיין, דיא קוילענגרעבער זיינען דאך געמיטליכע מענשען! מאדאם גרעגואר האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ צו איהר מאן'ס רייד, זייענדיג אויך זיכער אין דיא אונענדליכע געדולד פון דיא קוילענגרעבער, וועהערענד סעסיליע, וועלכע איז געווען זעהר אויפגעלייגט דיזען פריה-מארגען, האט זיך לייכטזיניג צוגעשמייכעלט ביי דעם ווארט סטרייק, וועלכע האט איהר דערמאנט אן איהרע וויזיטען ביי דיא קוילענגרעבער און וויא זיא האט דארטען געטהיילט נדבות.

מאדאם הענעבא איז דערווייל אריינגעקומען, אנגעטאן אין א שווארצע זיידענע קלייד און בעגלייטעט פון נעגרעל'ן.

— נו, זאגט, איז עס ניט א פערדראס! האט זיא אויסגעשריען נאך ביי דער טיר, אזוי וויא זיי וואלטען ניט געקענט אבווארטען, דיזע לייטע!... איהר ווייסט, פאל זאגט זיך דאך אפ אונז צו פיהרען אין דער מינע סענט-טהאמאס!

— אה, מיר וועלען בלייבען דא, האט גרעגואר געמיטהליך און העפליך געענטפערט, מיר וועלען דא אויך האבען גענוג פערגניגען.

וועהרענד הענעבא האט גיענדיגט לעזען דיא דעפעשען און רעדיזשירען אייניגע אנטווארטען, האט זיין פרוי ערקלערט דיא געסט, אז זיא האט זיך ניט בעשעפטיגט מיט דיזען קאבינעט, וועלכער איז געבליבען בעדעקט מיט אלטע רויטע אביצעס און מיט דיא אלטע מעבעל און קעסטלעך פאר פאפירען. דריי פערטעל שטונדע זיינען אזוי פארביי־גיגאנגען, און מען האט שוין זיך גיקליבען זעצען צום טיש, ווען דער דינער האט גיטעלדעט אז הערר דענוילען איז גיקומען.

—אה, איהר זייט גאר דא? האט דענוילען אויסגירופען, ווען ער איז אריינגיקומען און האט דערזעהען דיא גרעגואַרס.

אין גלייך האט ער זיך גיווענדעט צום דירעקטאר:

ענדליך האט עס טאקע גיפלאצט, האט ער גיזאגט. איך האב עס עבען ערפאהרען פון מיין אינזשעניר. ביי מיר זיינען אלע קוילענגרעבער גיקומען צו דער ארבייט, אבער דאס איז דאך איין אנשטעקענדע זאך...... נו, וואס הערט זיך אייגענטליך ביי אייך?

ער איז גיקומען צו פליהען רייטענדיג, און זיין אונרוהיגקייט האט זיך ארויסגיצייגט אין יעדער מינע זיינע.

הענעבא האט איהם אנגיפאנגען צו ערקלערן גענוי דיא לאגע, אבער באלד האט דער דינער גילאזט וויסען, אז דער מיטאג איז פערטיג, און דער דירעקטאר האט גע־זאגט צום קאפיטאן:

—קומט אויך עסען, איך וועל אייך ביי'ן דעסערט דאס איבריגע ערקלערן.

—גוט, וויא איהר ווילט, האט דענוילען גלייך גיענטפערט, אזוי פערנומען מיט דעם סטרייק, דאס ער האט פערגעסען צו בעטען ערלויבניס ביי דיא ווירטהין. ער האט זיך אבער באלד גיכאפט און האט גיבעטען ענטשולדיגונג ביי מאדאם הענעבא.

ווען מען האט זיך גיזעצט צום טיש און זיך גינומען צו דיא פארשפייזע, האט מאדא הענעבא גיזאגט מיט א שמייכעל:

—איהר זועט מיך ענטשולדיגען, איך האב אייך גיוואלט געבען אוסטערס.... איהר ווייסט דאך, אז יעדע מאנטאג קומען זיי אן פון אסטענדע און מארשיע, און איך האב גיוואלט שיקען אהין דיא קעכין אין א קארעטע אבער זיא האט מורא גיהאט, אז דיא קוילענגרעבער וועלען איהר פערווארפען מיט שטיינער......

א הילכינער גילעכטער האט אונטערבראָכען איהרע רייד. אלע האָבען גיפונען דיא נעשיכטע זעהר קאָמיש.

— שא! האט הענעבאָ גיזאָגט, קוקענדיג אונרוהיג דורך דיא פענסטער אויפ'ן וועג. דיא לייטע דארפען נים וויסען, אז מיר האָבען נאָך נעסט היינט.

— אָט איז א שטיקעל וואורשט, וועלכע זייא ווע‍לען נים האָבען, האט גרעגואר בעמערקט, עסענדיג דיא פאָרשפייז מיט אפעטיט.

אלע האָבען זיך ווידער צולאכט, אָבער שוין א ביסעל שטילער.

דיא נעסט האָבען נעמיטהליך געגעסען אין דעם רייכען זאל, וואו זילבערנע געשיר האָבען ארויסגעשיינט פון דיא גלעזערנע אלמערס און א גרויסער הענגלייכטער האט בעלויכטען דיא טייערסטע אָביצעס, דיא טעפּיכען, דיא בילדער אויף דיא ווענט און דיא פאלמען און אנדערע פרעכטינע פלאנצען אין דיא ווינקלעך. דרויסען איז דיא קעלט פון דעצעמבער־טאג נאָך פערגרעסערט געוואָרען פון א בייסענדען נאָרד־ווינט; אָבער קיין בלאָז איז נים אריינגעקומען אין דעם זאל, וואו עס האט געהערשט איין אנגע־נעהמע ווארימקייט, דורכגענומען מיט דעם גערוך פון אנאנאסען, וועלכע מען האט צוגעגרייט צום דעסערט.

— וואָלט נים געווען א פלאן אראָפּצולאָזען דיא פאָרהאנגען? האט בעמערקט נענרעל, וועמען עס האט זעהר אמוזירט דער געדאנקען צו שרעקען דיא גרעגוארס מיט דעם סטרייק.

דיא דיענסטמיידעל, וועלכע האט געהאָלפען צו בעדיענען דיא עסערס, האט עס אנגענומען 'פאר א בעפעהל און האט אראָבגילאָזען דיא פאָרהאנגען, און דאן האָבען אלע אנגעפאנגען צו מאכען שפּאס און גלייכווערטלען זיך אהן אן ענד. מען פלעגט נים נעהמען א גלאָז אָדער א גאָפּעל אין האנד אָהן קאָמישע פאָרזיכטיגקיים, מען פלעגט בעגריסען יעדע געריכט אזוי וויא מען וואָלט עס מיט גוואלט ארויסגעריסען פון דעם שונא'ס מויל; אָבער אונטער דיזע אלע שפּאסען און גלייכווערטלעך האט דאָך גע־שטעקט א טיעפע פורכט, וועלכע פלעגט זיך פעררעטעריש ארויסציינען דורך אונרוהיגע בליקען, וואס דיא עסערס האָבען פון צייט צו צייט גיוואָרפען אויפ'ן וועג, אזוי וויא א מחנה פון הונגערנדע וואָלטען דרויסען געוואַרט צו פערנעהמען זייערע פלעצער ביי'ן טיש.

— דערצו האט עס גימוזט קומען, האט אויסגערעדט דענווילען, דיא צו גרויסע אינדוסטריעלע טהעטיגקייט פון דיא לעצטע יאָהרען האט עס געמוזט פיהרען דערצו בעדיינקט נאָר, וואס פאר אונגעהייערע קאפּיטאלען זיינען אריינגעלייגט געוואָרן אין אייזענבאהנען, קאנאלען, פאָרטען און אלערליי ספּעקולאציאָנען. אָט ארום אונז האט מען אויפגעבויט צוקער־פאבריקען, אזוי וויא דיא פראָווינץ וואָלט נידארפט ארויסגעבען דריי מאָל אזוי פיעל צוקער־בוריקעס.... און עס איז גאר קיין וואונדער נים, וואס יעצט איז דאָ אזוי ווייניג געלד. מען מוז ווארטען ביז מען וועט בעקומען דעם פּראָצענט אויף דיא אויסגינעבענע מיליאָנען, און דערווייל זיינען אלע גישעפטען טויד׳ט.

הענעבאָ איז דערמיט נים איינפערשטאנדען גיוועזן און ער האט בעהויפּטעט, אז דיא נוטע יאָהרען האָבען פערדאָרבען דיא ארבייטער.

— בעטראכט נאָר, האט ער אויסגערופען, אז דיא ארבייטער האבען געקענט פער־דיענען אין אונזערע גריבער ביז זעקס פראנק א טאָג, צוויי מאָל אזוי פיעל וויא יעצט! און זיי האבען פיין געלעבט. האָבען זיך צוגעוויינט צו לוקסוס... היינט איז עס זיי, נאטירליך, זעהר שווער צוריק צו קומען צו דעם איינפאכען לעבען פון א מאָל.

— הערר גרעגואר, האט מאדאם הענעבאָ אונטערבראָכען, נעהמט נאָך פון דיזע פיש, נים אמת זיי זיינען א גוטער דעליקאטעס?

— אָט איז עס דען אונזער שולד, האט דער דירעקטאָר פאָרטגעזעצט; מיר ליי־

דען דאָך אויף זעהר שוואַרק.... זייט דיא פאבריקען פערמאכטען זיך איינע נאָך דיא אנדערע, ווייסען מיר גאָר ניט וואו אהינצוטאָן זיך מיט אונזערע אָנגעזאמעלטע קוילען, און אום זיך צו קענען האלטען, מוזען מיר פערקלענערן דיא אויסגאבען. און דאס ווילען דיא אַרבייטער ניט פערשטיין.

עטליכע מינוט האבען אלע געשוויגען. דיא דיענער האבען דערלאַנגט געבראָטענע טויבען, וועהרענד דיזע דיענסטמיידעל האט אָנגעגאָסען פון דעם בעסטען שאַמבערטין-וויין.

— אין אינדיען איז געווען א הונגער, האט ווידער דערנילען אָנגעפאנגען ריידענדיג שטיל אזוי וויא צו זיך אליין, און אמעריקא האט אויפגעהערט צו בעשטעלען אייזענזאכען, און דאס האָט דערלאַנגט אַ טויט-קלאַפּ אונזערע גיסערייען.... אַ טרייסעל פון דערוויטענס איז גענוג צו שאָקלען דיא גאנצע וועלט.... און אונזער אימפעריע איז געווען אזוי שטאָלץ מיט דיזען הייסען פיעבער פון אינדוסטריע!

ער האָט זיך אַ נעהם געטאָן צו זיין חלק פון דיא געבראָטענע טויבען, און נאכהער אויפהייבענדיג דיא שטימע האָט ער פאָרטגעזעצט:

— דאָס ערגסטע איז דאָ, וואָס מען מוז פערגרעסערן דיא פּראָדוקציאָן, אום צו קענען פערקלענערן דיא אויסגאבען; אנדערש בלייבט נאָר צו פערקלענערן דעם ארבייטערס לוין, און די ארבייטער האָבען רעכט צו זאָגען, אז זיי אליין צאָהלען פאר אלעמען.

דיזע אָפענע רייד האָבען ארויסגערופען א דיסקוסיאָן, מיט וואָס דיא דאמען האָבען זיך גאָר ניט אמוזירט. יעדער איז אויסער דעם געווען פערטאָן אין עסען. א דינער איז אין מיטען אריינגעקומען און האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער האט זיך צוריק געהאלטען.

— וואָס איז עס? האָט הענעבאָ געפרעגט. אויב דאָס זיינען דעפּעשען, ברייננט זיי צו מיר.. איך וואַרט אויף אנטוואָרטען.

— ניין, מיין הערר, דאָס וואַרט הערר דאַנסאער אין פאָרצימער, נאָר ער האָט מורא אייך צו שטערען.

דער דירעקטאָר האָט זיך ענטשולדיגט און געהייסען אריינרופען דעם אָבער-אויפפּאַסער. וועלכער האָט געמעלדעט, אז דיא קוילענגרעבער האלטען זיך רוהיג און קלייבען זיך צו שיקען א דעפּוטאַציע; פּיליכט וועלען זיי טאקע באלד קומען.

— גוט, האָט הענעבאָ געזאָגט: איך פערלאַנג יעצט פון אייך אַ בעריכט יעדען פריהמאָרגען און יעדען אבענד.

און וויא דאנסאער איז ארויסגעגאנגען, האָט מען ווידער אָנגעפאנגען צו שפּאסען און זאָגען גלייכגילטיג אן מען האט זיך גענומען צו דיא ווייטערע געריכטען, ערקלערענדיג, אז מען דארף ניט פערלירען א מינוט, ווען מען וויל ניט, אז דיא קוילענגרעבער זאָלען קומען ענדיגען דעם מאָהלצייט. אָבער דיא פרעהליכקייט איז נאָר געוואָרן אָהן א גרענעץ, ווען אויף דעם פערלאנג פון נעגרעל צו דערלאַנגען איהם א שטיקעל ברויט האָט דיא דיענסט מיידעל געענטפערט: „יא, מיין הערר" מיט אזא שטילען און דער שראָקענעם טאָן, אזוי וויא היינטער איהר וואָלט געשטאַנען א באנדע אום איהר צו שענדען און צו ערמאָרדען.

— אָה, איהר מעגט ריידען, האָט מאדאם הענעבאָ מיט א גנעדיגען שמייכעל געזאָגט צו איהר, זיי זיינען נאָך ניט געקומען.

דער דירעקטאָר, וועמען מען האט געבראכט א פאַק בריעף און דעפּעשען, האָט געוואָלט לעזען איין בריעף אין דער הויך, דאָס איז געווען א שרייבען פון דעם קוילענגרעבער פּיעראָן, אין וועלכען ער האָט מיט חניפות ערקלערט, דאָס ער האָט געמוזט צושטיין צו דיא סטרייקערס, אז מען זאָל איהם ניט שלאָגען, און ער האָט צוגעזעצט, דאָס ער האָט אפילו ניט געקענט זיך אָפּזאָגען צו זיין אין דער דעפּוטאציע, אָבוואָהל אין הארצען איז ער געגען דעם.

— אָט האָט איהר אייך דיא פרייהייט פון אַרבייט! האט הענעבאָ אויס־געשריען.

דאָס האָט צוריק אַרויפגעפיהרט דיא רייד אויף דעם סטרייק, און מען האָט גע־פרעגט דעם דירעקטאָר׳ס מיינונג וועגען דעם.

— אָה, האָט ער געענטפערט, מיר האָבען אַזעלכע סטרייקס געזעהען.... עס וועט אָנהאַלטען א וואָך, העכסטענס צוויי וואָכען, אַזוי וויא דאָס לעצטע מאָל. זיי וועלען זיך משמח זיין אין דיא שיינקען, און נאָכהער, ווען זיי וועלען שוין ניט אויסהאַלטען דעם הונגער, וועלען זיי צוריק קומען צו דער אַרבייט.

דענויילע האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— איך בין ניט אַזוי רוהיג.... דיעזעס מאָל שיינען זיי צו זיין גוט אָרגאַניזירט, האָבען זיי דען ניט איין אונטערשטיצונגס־קאַסע?

— אָה, קוים דריי טויזענד פראַנק — וואָס קענען זיי דערמיט מאַכען?.... איך רעכען, אַז א געוויסער עטיען לאַנטיע איז זייער פיהרער. ער איז א גוטער אַרבייטער און איך וועל גאָר ניט צופרידען זיין, ווען איך וועל איהם מוזען אָפּזאָגען פון דער אַר־בייט, אַזוי וויא אַמאָל דעם בעוואוסטען ראַסענייר, וועלכער פערגיפטעט נאָך ביז היינט דיא אַרבייטער פון וואָרעי מיט זיינע אידעען און ביער.. אָבער עס מאַכט ניט, אין א וואָך אַרום וועלען א העלפט אַרבייטער אַרונטערגיין אין דיא מינען, און אין צוויי וואָכען אַרום וועלען שוין אַלע צעהן טויזענד זיין דאָרטען.

אין דעם איז דער דירעקטאָר געוועזען איבערצייגט. דיא איינציגע זאַך וואָס האָט איהם פּערזענליך אונרוהיג געמאַכט איז געוועזען דיא מעגליכקייט, אַז דיא פערוואַלטער פון דער קאָמפּאַניע זאָלען איהם מאַכען פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם סטרייק און אַרונטערזעצען פון זיין אַמט. זייט א געוויסע צייט האָט ער געשפּירט, אַז ער איז ניט מעהר אין גנאַדע ביי דיא פערוואַלטערס, און יעצט האָט ער אויפגעהערט צו עסען און האָט זיך גענומען צו לעזען דיא דעפּעשען פון פּאַריז, קלערענדיג וועגען יעדען וואָרט.

דיא דאַמען האָבען פון זייער זייט אָנגעפאַנגען צו ריידען. מאַדאַם גרעגואַר האָט בעדויערט דעם שיקזאַל פון דיא אָרימע לייט. וועלכע וועלען יעצט הונגערן, און סעסיל האָט שוין ערקלערט, וויא זיא וועט פערטהיילען צעטעלעך אויף ברויט און פליישׁ. אָבער מאַדאַם הענעבאָ האָט זיך פערוואונדערט, דערהערענדיג, וויא מען רעדט נאָר פון דיא אַרמוטה פון דיא קוילענגרעבער. זיינען זיי דען ניט געווען גליקליך? דיא קאָמפּאַניע האָט דאָך זיי געגעבען קוואַרטיר, מעדיצין און שפּייז! אין איהר גלייכגיל־טיגקייט צו דיא אַרבייטער האָט זיא געוואוסט פון זייער לעבען און לאַגע נאָר דאָס. וואָס זיא האָט געהערט און אויסגעלערנט, אום צו פערוואונדערן איהרע בעזוכער פון פּאַריז, און זיא האָט געענדיגט דערמיט, דאָס זיא האָט אַליין געגלויבט אין דעם און איז געוואָרען אויפגעבראַכט פון דיא אונדאַנקבאַרקייט פון דיזע אַרבייטער צו דער גוטער קאָמפּאַניע.

נעגרעל האָט אין דער זעלבער צייט אַלץ געזוכט צו שרעקען גרעגואַר׳ן.

— איך בין גאָר ניט אַזוי איינגעגלויבט וויא מיין אָנקעל, האָט ער געזאָגט, איך האָב מורא פאַר ערנסטע אונרוהען .. דאַרום, העדר גרעגואַר, ראַטה איך אייך טאַקע צו פערריגלען גוט אייער הויז, דען מען קען אייך בעראַבעווען.......

גרעגואַר האָט גראַדע, שמייכלענדיג גוטמוטהיג, געדעט צו זיין פרוי וועגען זיין סימפּאַטיע צו דיא אָרימע קוילענגרעבער.

— מיך רויבען! האָט ער אויסגעשריען מיט גרויס פערוואונדערונג. און וואָרום וועט מען מיך דען בערויבען?

— זייט איהר דען ניט איין אַקציאָנער פון מאָנטסו? איהר טהוט דאָך גאָר ניט איהר לעבט דאָך פון דעם אַנדערנס אַרבייט; קורץ, איהר זייט דאָך דער נידערטרעכ־

טינער קאפּיטאל, און דאָס איז שוין נענוג.... זייט זיכער, אז אויב דיא רעוואָלוציאָן וועט זיענען, וועט מען אייך צווינגען אָבצוגעבען אייער פּערמעגען אזוי וויא גענגב'עט געלט.

דאָ האָט גרענואר מיט א מאָל פּערלאָרען דיא לייכטהערציגקייט פון א קינד און דיא גליקזעליגקייט פון איין אונגעשטערטען געוויסען, אין וועלכע ער האָט געלעבט.

— גענגב'עטע געלט...... מיין פּערמעגען! האָט דען מיין עלטער-זיידע ניט פּערדיענט, און שווער פּערדיענט דאָס געלד, מיט וועלכע ער האָט געקויפט דיא אַק־ציע? האָבען מיר דען ניט ריזיקירט דיא גאנצע צייט אין דיא אַלע אונטערנעמונגען? מאַך איך דען יעצט א שלעכטען געברויך פון מיין חלק אין דיא פּערדיענסטען פון דער קאָמפּאַניע?

מאַדאַם הענעבאָ, וועלכע איז בעאוּנרוהיגט געוואָרען, דערזעהענדיג וויא די מוטער און דיא טאָכטער זיינען בלאס געוואָרען פון שרעק, האָט זיך דאָ שנעל אריינגעמישט און האָט אויסגערופען:

— פּאָל מאַכט נאָר שפּאַס, מיין הערר!

אָבער גרענואר איז שוין געוואָרען אויסער זיך און האָט געשריען:

— אה, געוויס, דאס איז זיכער, אז עס זיינען דאָ אַקציאָנערען, וואָס מאַכען אָן צרות. צום ביישפּיעל, מען האָט מיר דערציילט, אז מיניסטערס האָבען בעקומען אלס לאַפּקע אַקציעס פון מאָנסטו פאר דיא הילפע וואָס זיי האָבען געגעבען דער קאָמ־פּאַניע. אונזער גרעסטער אַקציאָנער, דער הערצאָג, וועמען איך וויל דאָ ניט אָנרופען מיט'ן נאָמען, פיהרט א לעבען, וואָס איז א שאנדע פאר אונז אלעמען; ער וואַרפט מיליאָנען צו אויסגעלאַסענע פרויען און וויים שוין ניט, וואָס פאר תענוגים און לוקסוס־זאַכען זיך צו שאַפען.... אָבער מיר, וואָס לעבען רוהיג און שטיל אזוי וויא דיא עהר־ליכע לייט וואָס מיר זיינען, מיר וואָס ספּעקולירען ניט, וואָס זיינען צופרידען און בע־גנוגענען זיך דערמיט וואס מיר האָבען, געבענדיג א טהייל צו דיא אָרימע...... גייט דאָך גייט! אייערע ארבייטער דאַרפען טאַקע זיין רויבער פון דיא שאָסעען, אום ביי אונז צו גנב'ענען אפילו א שפּילקע!

נעגרעל אליין האָט איהם געמוזט בערוהיגען, כאָטש אין הארצען האָט ער גע־קוואָלען פון זיין כעס.

מען האט אנגעפאנגען צו ריידען וועגען פּאָליטיק. טראָטץ אלעם, ציטערנדיג פאר דיא סאָציאלע פראגע, האָט זיך גרענואר אלץ נאָך ערקלערט פאר א ליבעראל און האט בעדויערט, דאס דיא צייטען פון לואי פיליפּס קעניגרייך זיינען פאָראיבער; אבער דענוילען האט זיך אָפען אויסגעשפּראָכען פאר א שטארקע רעגיערונג און האט ערקלערט, אז נאפּאָליאָנס אימפּעריע גליטשט זיך ארונטער א בארג פון געפעהרליכע נאכגעבונגען צו דעם פּראסטען פאלק.

— דערמאָנט זיך אן דיא רעוואָלוציאָן פון 1789 יאהר, האָט ער געזאָגט. דיעזע רעוואלוציאָן איז נאָר מעגליך געווארען דורך דעם אדעל, דורך זיין צושטיין צו דיא נייע פּערדערונגען, דורך זיין אננעהמען דיא נייע אידעען.... און דיא בורזשואזיע מאכט יעצט נאָך דעם זעלבען דומען שפּיעל מיט איהר ארויסטרעטען פארין ליבעראליזמוס, מיט איהר שטרעבונג צו פּערניכטונג, מיט איהרע חניפות צו פאלק.... יא, יא, איהר שארפט אליין דיא ציינער פון דעם אונגעהייער, אום ער זאל אונז אויפפרעסען. און ער וועט אונז אויפפרעסען, איהר מעגט שוין זיכער זיין אין דעם.

דיא דאַמען אָבער האָבען געוואָלט אומבייטען דעם געשפּרעך און האָבען זיך געווענדעט צו דעם געוועזענעם קאַפּיטאַן מיט א פראגע וועגען זיינע טעכטער. ער האָט זיי געענטפערט, אז לוסי לערנט זיך נאָך אלץ זינגען ביי א פריינדין און אז זשאַנע מאָלט נאָך אַלין דעם קאָפּ פון א בעטלער; אָבער דאָס האָט ער געזאָגט מיט א צוטראָגענעם אויסזעהען, אוים העפליכקייט, און האָט זיינע אויגען ניט אראָפּגעלאָזען

פון דעם דירעקטאָר, וועלכער איז געווען אזוי פערטיעפט אין לעזען דיא דעפּעשען, דאָס ער האָט זיך אין גאַנצען פערגעסען אַן דיא געסט. הינטער דיזע פּאַפּירען האָט דעגווילען געפיהלט דיא אַנוועזענהייט פון פּאַריז, דיא בעפעהלע פון פּערוואַלטערס, וועלכע וועלען בעשליסען דעם שיקזאַל פון סטרייק. דארום האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון צו פרעגען:

— ענדליך, וואָס רעכענט איהר צו טאָן?

הענעבאָ האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך און האָט געזאָגט:

— דאָס וועלען מיר נאָך זעהען.

— אָה, איהר קענט ווארטען, איהר האָט געזונטע ביינער, האָט דעגווילען געטראַכט אויף'ן קול. אבער איך, איך וועל רואינירט ווערן, ווען דער סטרייק וועט אויך צוקומען צו מיין מינע. עס האָט מיר גאָר ניט געהאָלפען, וואָס איך האָב בעגייעט מיין מינע, איך קען דאָך ניט קאָנקורירען.... אָה, ביי מיר איז גאָר ניט יום־טוב'דיג, איך פערזיכער אייך.

דיזע אָפענע רייד, וועלכע האָבען זיך ארויסגעריסען ביי דעגווילען, האָבען געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם דירעקטאָר. ער האָט זיך גוט צוגעהערט, און אַ פּלאַן האָט זיך ביי איהם אויסגעארבייט: אין פאַל, אַז דער סטרייק וועט זיך ניט אזוי גוט ענדיגען, וויא ער האָט גערעכענט, ווארום זאָל מען זיך דאָ ניט בענוצען, אום מען זאָל אין גאַנצען רואינירען דעם קאַפּיטאַן און נאָכהער ביי איהם אָבקויפען זיין מינע פאַר אַ קלייניגקייט? דורך דעם וואָלט ער זיכער צוריק געוואונען דעם גוטווילען פון דיא פערוואַלטער, וועלכע האָבען שוין זייט יאָהרען געשטרעבט אָפּצוקויפען דיא זשאַן־בארט מינע.

— אָה, אויב זשאַן־בארט מאַכט אייך אזוי פיעל צרות, האָט ער לאַכענדיג געזאָגט, ווארום זאָלט איהר אונז ניט פערקויפען דיא מינע?

אָבער דעגווילען האָט שוין פערדראָסען, וואָס ער האָט זיך בעקלאָגט, און ער האָט אויסגעשריען מיט היץ:

— נימאָלס!

מען האָט זיך צולאַכט פון זיין אויפרעגונג און מען האָט גאָר אין גאַנצען פערגעסען אַן דעם סטרייק, ווען דיא דיענער האָבען דערלאַנגט דעסערט. אַלע האָבען גירעדט וועגען דיא אַנאַנאַסען און אַנדערע טהייערע פרוכטען און וועגען דעם, וויא מען קען זיי אַם בעסטען צופּערטיגען, וועהרענד דיא דיענער האָבען אָנגעגאָסען רהיין־ווין, אום אייבערצובייטען דעם שאַמפּאַניער־ווין, וועלכער איז ערקלערט געוואָרען פאַר צו איינפאַך ביי אַזאַ געלעגענהייט.

און דיא חתונה פון נעגרעל און סעסיליע האָט געמאַכט אַ בעשטימטען פאָרטשריט אין דער לוסטיגקייט און צופרידענהייט ביי דעם דעסערט. מאַדאַם הענעבאָ האָט געוואָרפען אויף דעם יונגען אינזשיניער אַזעלכע פיעל־רייד־ענדע בליקען, דאָס ער האָט זיך געפונען געצוואונגען צו צייגען זיך פריינדליך צו דיא גרעגוּאַרס, און ער האָט געזוכט מיט גלייכגילטיגקייט צו פערטרייבען דעם שרעק, וואָס ער האָט אויף זיי ארויפגעיאָגט מיט זיינע פריהערע רייד וועגען רויב פון דיא קוילענגרעבער.

אַ דיענער האָט שוין דערלאַנגט קאַפע, ווען דיא דיענסטמיידעל איז אריינגעלאָפען אַ פערסאָפּעטע און האָט מיט שרעק אויסגעשריען:

— מיין הערר, מיין הערר, זיי זיינען דאָ!

דאס איז געווען דיא דעפּוטאַציע פון דיא סטרייקענדע קוילענגרעבער. דיא טיערען האָבען אַ קלאַפּ געטאָן, און אַ הויך פון שרעק איז אריין אין דעם עסזאַאַל.

— לאָזט זיי אריין אין סאַלאָן, האָט דער דירעקטאָר געזאָגט.

ארום דעם טיש האָבען דיא עסערס זיך ארומגעקוקט מיט אונרוהע, און אַלע האָבען געשוויגען. נאָכהער האָבען זיי ווידער געוואָלט אָנפאַנגען צו מאַכען שפּאַס: מען

האט זיך כלומרשט ארייגעלייגט שטיקלעך צוקער אין דיא קעשענעס און מען האט גערעדט פון בעהאלטען דאס געשיר; אבער דער דירעקטאר איז געזעסען פערפיסטערט, און דאס לאכען איז געבליבען אויף דיא ליפען, און מען האט זיך נאר געשוויקעט, ווי דיא טריט פון דיא דעלעגאטען, וועלכע מען האט אריינגעפיהרט אין סאלאן, וואבען זיך געלאזט הערען אפילו אויף דעם דיקען טעפיך.

מאדאם הענעבא האט געזאגט צו איהר מאן מיט א שטילע שטימע:

— איך האף, אז איהר וועט פו דעסטוועגען טרינקען אייער קאפע.

— געוויס, געוויס! האט ער געענטפערט. זאלען זיי ווארטען!

אבער ער איז געווארן זעהר נערוועז און האט אנגעשטעלט זיינע אויערן צו הערען דעם מינדעסטען גערויש, מאכענדיג זיך אזוי וויא ער האט נאר אין זינען געהאט צו טרינקען קאפע. נאר ער האט דאך ניט אויסגעהאלטען און האט זיך פלוצלינג א הייב געטאן פון ארט, ערקלערענדיג, אז דער קאפע איז צו הייס און אז ער וועט עס טרינקען שפעטער. ארויסגייענדיג האט ער צוגעלייגט זיין פינגער צום מויל, אום מען זאל זיין שטיל און פארזיכטיג, און אלע זיינען געבליבען זיצען לעבען טיש שטום, ניט וואגענדיג אפילו זיך א ריהר צו טאן און זיך גוט צוהארכענדיג צו דיא געשפרעכען אין דעם סאלאן.

II

אין דעם אבענד פאר דעם סטרייק, אויף א פערזאמלונג ביי ראסענעיר'ן אין שיינק, האבען עטיען און עטליכע קאמעראדען אויסגעוועהלט דיא דעלעגאטען, וועלכע זאלען גיין צום דירעקטאר. ווען מאהיד האט זיך דערוואוסט, אז איהר מאן איז אויסגעוועהלט געווארען אלס דעלעגאט, איז זיא געווען אין פערצווייפלונג און האט איהם געפועגט, אויב ער וויל איהר לאזען גיין בעטלען מיט דיא קינדער. מאהיי אליין האט עס אויך ניט אנגענומען מיט'ן גוטען ווילען. אין דיעזער ערנסטער מינוט, טראץ זייער ארמוטה און טראץ דיא אונגערעכטיגקייט פון דער קאמפאניע, זיינען זיי דאך ביידע אריינגעפאלען אין דיא אלטע אונטערוואָרפענהייט פון זייער פאמיליע, ציטערענדיג פאר דער קאמפאניע און זייענדיג צופרידען נאך נידריגער צו בויגען דעם רוקען. געוועהנליך פלעגט ער זיך אין בעל־הבית'ישע זאכען פערלאזען אויף דעם פראקטישען פערשטאנד פון זיין פרוי; אבער דיעזעם מאל איז ער אויף איהר אין כעס געווארען, כאטשע ער האט זיך ניט וויניגער נערשראקען פאר איהר.

— אה, לאז מיך צורוה, דו הערסט! האט ער אויסגעשריען, לייגענדיג זיך שלאפען און אומקערענדיג זיך מיט'ן פנים צו דער וואנט. עס פעהלט נאך, אז איך זאל אפשטיין פון מיינע קאמעראדען.... איך טהו מיין פפליכט.

זיא האט זיך אויך געלייגט, און ביידע האבען אווארט ניט גערעדט. נאכהער, נאך א לאנגען שווייגען, האט זיא געענטפערט:

— דוא האסט רעכט, גיי אהין. אבער, מיין ארימער מאן, מיר זיינען שוין קאפוט.

עס האט געקלונגען צוועלף, ווען מען האט געגעסען מיטאג ביי דיא מאהיים. דען אום איינס א זייגער האבען זיך דיא דעלעגאטען געזאלט צוזאמענטרעפען ביי ראסענעיר'ן אום צוזאמען צו גיין צום דירעקטאר. מען האט נאר געהאט קארטאפעל צו שטילען דעם הונגער. אזוי וויא נור א שטיקעלע פוטער איז געשטאנען אויפ'ן טיש, האט עס קיינער ניט אנגעריהרט. מען האט עס געלאזען אויף דעם אבענדשפייז.

— דו ווייסט, אז מיר רעכענען אויף דיר, אז דו זאלסט זיין דער פארשפרעכער, האט עטיען פלוצלונג געזאגט צו מאהיי.

דער קוילענגרעבער איז געבליבען וויא א פערשטיינערטער און דער צונג איז אזוי וויא צוגעוואקסען צו זיין גומען.

— אה, ניין! דאס איז שוין צופיעל! האט מאהיד אויסגעשריען. איך קען נאך צו־

שטימען, אז ער זאל זיין א דעלעגאט, אבער איך קען ניט דערלאזען, אז מען זאל איהם אננעהמען פאר דעם אנפיהרער.... און ווארום זאל ער עס גראדע זיין און ניט אנאנדערער?

דאן האט איהר עטיען אנגעפאנגען צו ערקלערען מיט היץ און זיין גאנצע רעדעקראפט. מאהיי איז גערעכענט פאר דעם בעסטען ארבייטער אין דער מינע, ער איז פון אלעמען געליעבט און געאכטעט, און מען ברייננט איהם אלס ביישפיעל פון קלארען פערשטאנד. דארום וועלען דיא פאדערונגען פון דיא ארבייטער בעסער אויסגעהערט ווערן, ווען מאהיי'ס מויל וועט זיי אויסשפרעכען. אנפאנגס האט מען בעשלאסען, אז ער, עטיען, זאל זיין דער פארשפרעכער, אבער נאכהער האט מען זיך בערעכענט, אז ער איז אין מאנטסו נאר א קורצע צייט און אז מען וועט בעסער אויסהערען איינעם, וואס שטאמט פון דור דורות פון קוילענגרעבער. ענדליך, דיא קאמעראדען האבען אנפערטרויט זייערע אינטערעסען צו דעם געאכטעט סטען פון זיי, און ער דארף זיך ניט אבזאגען, דאס וועט זיין א פיינהייט פון זיין זייט.

מאהיד האט אין פערצווייפלונג געבראכען מיט דיא הענט.

— ניי, ניי, מיין מאן! האט זיא אויסגעשריען. ברייננ זיך אלס קרבן פאר אנדערע. זאל זיין אזוי, איך בין מרוצה.

— אבער איך וועל עס קיין מאל ניט קענען, האט מאהיי געשטאמעלט, איך וועל נאך אנריידען נארישקייטען.

עטיען, פול מיט פריידע, וואס ער האט איהם בעוואנגען צו ריידען, האט איהם געקלאפט איבערן פלייצע און האט געזאגט:

— דו וועסט ריידען, וואס דו פיהלסט, און דאס וועט זיין גאנץ גענוג.

דער אלטער באנמאר, וועמעס פיס זיינען נאך אלץ געשוואלען געווען, האט זיך צוגעהערט און געשאקעלט מיט'ן קאפ. עס איז געווען שטיל. ווען מען פלעגט עסען קארטאפעל, זיינען דיא קינדער געווען זעהר רוהיג און גאר ניט אויפגעלייט צום שפילען זיך. אראפשלינגענדיג א קארטאפעל, האט דער אלטער נאכהער לאנגזאם אויסגערעדט:

— זאג וואס דו וועסט וועלען, און עס וועט זיין דאסזעלבע וויא דו וואלסט גאר ניט געזאגט..... אה, איך האב שוין גענוג געזעהען אזעלכע זאכען אין מיין לעבען! מיט א יאהר פערציג צוריק האט מען אונז ארויסגעווארפען פון דעם דירעקטאר'ס קאבינעט, און נאך מיט שווערדען פון סאלדאטען אלס צוגאב! היינט וועט מען אייך פילייכט אויפנעהמען, אבער זיי וועלען אייך אזוי פיעל ענטפערן אט וויא דיזע וואנט.... צום טייפעל, זיי האבען דיא בייטעל, און זיי האבען אונז אין דר'ערד!

עס איז ווידער געווארן שטיל. מאהיי און עטיען האבען זיך אויפגעהויבען, איבערלאזענדיג דיא פעראומערטע פאמיליע ביי דיא אויסגעליידיגטע טעלער. ארויסגייענדיג האבען זיי זיך צוזאמענגעטראפען מיט פיעראן און לעוואק, און אלע צוזאמען זיינען זיי אוועק צו ראזענעיר'ן, וואוהין דיא דעלעגאטען פון דיא ארומיגע דערפלעך זיינען זיך צונויפגעקומען. דארטען האבען דיא צוואנציג דעלעגאטען בעשטימט, וואס פאר פאדערונגען זיי זאלען שטעלען דער קאמפאניע, און זיי זיינען אוועק נאך מאנטסו, אונטערגעיאגט פון א שארפען נארד-ווינט, וועלכער האט געקעהרט דעם שאסע.

עס האט געשלאגען צוויי אוהר, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום דירעקטאר'ס הויז. דער דיענער האט זיי געלאזט ווארטען, פארמאכענדיג דיא טיר פאר זיי; נאכהער איז ער געקומען און האט זיי אריינגעפיהרט אין סאלאן, אויפחייבענדיג דערביי דיא פארהאנגען, אום צו בעלייכטען דעם פראכטפאלען זאאל. אז דיא קוילענגרעבער זיינען געבליבען אליין, האבען זיי זיך געפיהלט עפעס ניט וויא ביי זיך אין טעלער, און קיינער האט ניט געוואגט זיך אנידערצוזעטצען. זיי האבען זיך אויסגעפוצט, אבגעגאלט און אנגעטאן אין זייערע יום-טוב'דיגע קליידער; אבער דיא רייכקייט פון זאל און דיא טייערע מעבעל האבען עפעס ביי זיי אפגענומען דעם מוטה, און זיי זיינען געשטאנען צוזאמען,

דרייענדיג זייערע היטלעך אין דיא הענט און וואַרפענדיג בליקען אָן זייט אויף דיא מעבעל און בעפוצונגען. אויף דעם טייערן טערקישען טעפּיך זיינען זיי געשטאַנען אזוי וויא אויף שפּילקעס, און דיא וואַרעמקייט פון דעם צימער האָט זיי פערכאַפּט דעם אָטהעם נאָך דעם לאַנגען וועג אונטער א בייסענדען קאַלטען ווינט.

ענדליך, אין פינף מינוט ארום, האָט זיך בעוויזען דער דירעקטאָר, פאַרשפּילעט אין זיין מונדיר אויף א מיליטערישען שטייגער, און האָט גיזאָגט :

— אה, אָט זייט איהר !.... איהר רעוואָלטירט גאָר, וויא עס ווייזט אויס....

אָבער ער האָט זיך באַלד אונטערבראָכען און האָט גענענדיגט מיט א טאָן פון שטרענגע העפליכקייט :

— זעצט זיך, איך בין זעהר גערן מיט אייך זיך צוזאַמענצורייזען.

דיא קוילענגרעבער האָבען זיך אומגעדרייט און געזוכט שטוהלען מיט דיא אויגען. מאַנכע האָבען זיך צוגעזעצט ביין ברעג פון דיא ווייכע שטולען, אָבער אַנדערע האָבען זיך אָפּגעהאַלטען פאַר דיא בעפּוצטע זיידענע צודעקען און זיינען געבליעבען שטיין.

א ווײַלע האָבען אַלע געשוויגען. דער דירעקטאָר, וועלכער האָט צוגערוקט זיין פאָטעל צום קאַמין, האָט זיי בעטראַכט און געציילט אין גדאַנקען, סטאַרענדיג זיך צו דערמאָנען זייערע געזיכטער. ער האָט דערקענט פּיעראָן'ען, וועלכער האָט זיך פאַררוקט פון הינטען, און זיינע אויגען זיינען געבליבען אויסגעשטעלט אויף עטיען'ען, וועלכער איז געזעסען גראַדע געגענאיבער איהם.

— נו, וואָס האָט איהר צו זאָגען ? האָט ער געפרעגט.

ער האָט ערוואַרטעט, אז עטיען זאָל נעהמען דאָס וואָרט, און ער איז אזוי איבעראַשט געוואָרען צו זעהן, וויא מאַהיי איז ארויסגעטראָטען פאָראויס צו ריידען, דאָס ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון אויסשרייען :

— וויא ! איהר, א גוטער ארבייטער, וועלכער האָט זיך שטענדיג ארויסגעצייגט אזוי פערנינפטיג, איין אַלטער איינוואָהנער פון מאָנטסו, וועמעס פאַמיליע ארבייט שוין אין דיא מינען זייט דעם ערשטען קלאַפּ פון האַק — איהר !.... אה, דאָס איז ניט גוט, עס קריינקט מיר אייך צו זעהן אַלס אָנפיהרער פון דיא אונצופרידענע !

מאַהיי איז געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזענע אויגען. נאַכהער האָט ער אָנגעפאַנגען מיט א פערשטיקטע און טרייסלענדיגע שטיממע.

— הערר דירעקטאָר ! דיא קאַמעראַדען האָבען מיך טאַקע נאָר דארום אויסגעקליבען אַלס פאָרשפּרעכער, ווייל איך בין א שטילער מענש, וועמען מען קען גאָר נישט אויסוואַרפען. דאָס דאַרף אייך בעווייזען, אז דאָ האַנדעלט עס זיך ניט פון א בונט פון שרייערס און פון היץ־קעפּ, וואָס זוכען נאָר צו מאַכען אונאָרדנונגען. מיר פערלאַנגען נאָר גערעכטיגקייט, מיר זיינען מיד צו קראַפּירען פון הונגער, און אונז שיינט, אז עס איז שוין צייט אזוי איינצופיהרען, אז מיר זאָלען האָבען וועניגסטענס ברויט יעדען טאָג.

זיין שטיממע איז געוואָרען אַלץ פעסטער. ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האָט פאָרטגעזעצט קוקענדיג גלייך אויף דעם דירעקטאָר.

— איהר ווייסט גוט, אז מיר קענען ניט אָננעהמען אייער נייע סיסטעם.... מען בעשולדיגט אונז, אז מיר מאַכען שלעכט דיא אונטערשפּאַרונגען אין דיא גריבער. דאָס איז אמת, מיר גיבען ניט אָפּ דיא נייטיגע צייט פאַר דיזע ארבייט; אָבער ווען מיר זאָלען עס גוט טאָן, וועט אונזער פערדיענסט נאָך פאַרקלענערט ווערן, און אזוי וויא עצט קלעקט עס ניט צו ערנעהרען זיך, וועט דאַן איינפאַך זיין א סוף פון אונז, און מיר וועלען פאַלען וויא פליגען. צאָהלט אונז מעהר, וועלען מיר מאַכען בעסערע אונטערשפּאַרונגען; מיר וועלען לייגען דיא האָלץ אין א פּאַסענדע פאַר אונז צייט, אנשטאַט וואָס מען הייסט אונז עס טאָן אין דער צייט פון קוילען־האַקען, דיא איינציגע צייט ווען מיר פערדיענען. אַנדערס קען עס ניט איינגעפיהרט ווערן, מען מוז צאָהלען

פאַר אַרבּייט, אום זיא זאָל געטאָן ווערן, און וואָס האָט איהר דאָ אויסגעטראַכט? א זאַך, וואָס מיר קענען עס אפילו ניט בענעהמען! איהר פאַרקלענערט דעם פּרייז פאַר א וועגעלע קוילען און נאכהער ווילט איהר אונז כלומרשט בעפרידיגען דערמיט, וואָס איהר וועט צאָהלען בעזונדער פאַר אונטערשפּארונגען. ווען דאָס וואָלט טאַקע געווען אזוי, וואָלטען מיר אלץ בעגנב'עט געוואָרען, דען דיא אונטערשפּארונגען פערנעהמען דאָך מעהר צייט. אָבער דאָס וואָס ערגערט אונז אזוי, וואָס ברייננט אונז ארויס פון געדולד, איז, וואָס דאָס איז ניט אמת: דיא קאָמפּאַניע בעפרידיגט גאָר ניט, זיא לייגט איינפאַך אריין אין קעשענע צוויי סאַנטים פון יעדען וועגעלע — און דאָס איז אַלעס!

— יאַ, יאַ, דאָס איז אמת! האָבען אונטערגיכאַפּט דיא אַנדערע דעלעגאַטען, זעהענדיג, אז הענעבאָ האָט מיט כעס א מאַך געטאָן מיט'ן האַנד, אזוי וויא ער וואָלט זיך געקליבען צו אונטערברעכען.

אָבער מאַהיי אַליין וואָלט איבערגיהאַקט דעם דירעקטאָר'ס רייד. ער האָט זיך יעצט פאַנאַנדערגיכאָזען, און דיא ווערטער זיינען עפּעס געקומען פון זיך זעלבסט. ער האָט זיך אַליין געוואונדערט הערענדיג דעם קלאַנג פון זיינע ווערטער, אזוי וויא א פרעמדער וואָלט מיט זיין מויל געשפּראָכען. דאָס האָבען זיך ארויסגעריסען דיא אַלע געדאַנקען און צרות, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען אין זיין קאָפּ און הארצען און וואָס זיינען געפלויגען מיט דעם אָטהעם. ער האָט דערציילט פון זייער אלעמענס ארמוטה, וויא דיא פרויען און קינדער קלאָגען פון הונגער אין דער היים. ער האָט געשילדערט דיא לעצטע צאָהלונגען, וויא דער לוין איז אויפגיגעסען גיוואָרען פון שטראָפען און פון פערקירצונגען פון אַרבייט און וויא ער איז מיט טרעהרען גיבראַכט געוואָרען צו דיא פאַמיליעס. האָט מען טאַקע בעשלאָסען זיי גאָר אין גאַנצען אויסצוראָטען?

— דאַרום, העדר דירעקטאָר, זיינען מיר דאָס געקומען אייך זאָגען, האָט מאַהיי גענענדיגט, אז ווען שוין יא קראַפּירען פון הונגער, ווילען מיר שוין בעסער גאָר ניט אַרבייטען; מיר וועלען דאָך ניט זיין אויסגעמאַטערט ... מיר האָבען פערלאָזען דיא גרובער, און מיר וועלען ניט צוריקגיין צו דער אַרבייט סיידען דיא קאָמפּאַניע וועט אָננעהמען אונזערע בעדינגונגען. זיא וויל פערקלענערן דעם פּרייז אויף יעדען וועגעלע און צאָהלען פאַר דיא אונטערשפּארונגען בעזונדער, און מיר ווילען, אז עס זאָל בלייבען בייי'ן אַלטען און מען זאָל אונז נאָך געבען פינף סאַנטים מעהר פאַר יעדען וועגעלע.... יעצט בלייבט צו זעהען, אויב איהר זייט פאַר גירעכטיגקייט...

צווישען דיא דעלעגאַטען האָבען זיך געלאָזט הערען אויסרופען:

— דאָס איז ריכטיג.... ער האָט אויסגעדריקט אונזער אַלעמענס געדאַנקען... מיר פערלאַנגען נאָר וואָס עס איז גערעכט.

אַנדערע האָבען געשוויגען, אָבער האָבען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דער פּרעכטיגער סאַלאָן, מיט זיינע טייערע בעפּוצונגען איז אזוי וויא פערשוואונדען געוואָרען. דיא קוילענגרעבער האָבען אפילו ניט געשפּירט דיא ווייכע טעפּיכען, וועלכע זיי האָבען געטופּעט מיט זייערע שווערע שטיוועל.

— לאָזט מיר דאָך ענטפערן, האָט אויסגעשריען דער דירעקטאָר, זעהר אויפגעבראַכט. פריהער פאַר אַלץ, איז עס ניט ריכטיג, אז דיא קאָמפּאַניע פערדיענט צוויי סאַנטים אָן יעדען וועגעלע... לאָמיר עס אויסרעכענען.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען איין אונרוהיגע און צומישטע דיסקוסיאָן. זוכענדיג צו צעטהיילען דיא אַרבייטער, האָט זיך דער דירעקטאָר געווענדעט צו פּיעראָן, וועלכער האָט געשטאַמעלט און געזוכט אויסצומיידען וואָס עס איז צו ענטפערן. לעוואַק האָט זיך ארויסגעציינט זעהר היציג, פערפּלאָנטענדיג אַלע פּונקטען און בעהויפּטענדיג זאַכען פון וועלכע ער האָט גאָר ניט געוואוסט.

— אויב איהר וועט ריידען אלע מיט א מאָל, האָט דער דירעקטאָר אויסגעשריען, וועלען מיר קיין מאָל צו קיין ענד ניט קומען.

ער איז ווידער געוואָרען קאַלט, שטרענג און העפליך, וויא אלע מאָל, אַלס דירעקטאָר, וואָס גיט בעפעהלע און פערלאַנגט, אַז זיי זאָלען ריכטיג און פּינקטליך אויסגעפיהרט ווערען. זייט דיא דעלעגאַטען זיינען אריינגעקומען, האָט ער ניט אויפגעהערט צו וואַרפען בליקען אויף עטיענען און האָט געטראַכט וויא אַזוי צו צווינגען דעם יונגען ארבייטער עפּעס צו זאָגען. ער האָט דארום אָבגעלאָזען דעם וכוח איבער דיא צוויי סאָנטים און האָט אָנגעגריפען דיא אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער אסאָסיאַציע:

— ניין, ניין, איהר מוזט עס געשטעהן, איהר פאָלגט נאָך אַבשייליכע אונטערהעצונגען. א פּעסט בלאָזט יעצט אויף אַלע ארבייטער און פערדאַרבט דיא בעסטע פון זיי...... אָה, איך דאַרף גאָר ניט, אַז מען זאָל זיך מודה זיין, איך זעה גאַנץ גוט, אַז מען האָט אייך אומגעביטען, אייך, וואָס איהר זייט געווען אַזעלכע רוהיגע.... ניט אמת? מען האָט אייך פערשפּראָכען מעהר פּוטער וויא ברויט, מען טרייבט אייך אַריין אין דיא רייהען פון דיעזע בעריהמטע אינטערנאַציאָנאַלע, דיעזע אַרמיע פון באַנדיטען, וואָס זייער טרוים איז דיא צעַרשטערונג פון דיא געזעלשאַפט......

— איהר האָט א טעות, הערר דירעקטאָר, האָט איהם עטיען אונטערבראָכען. קיין איינציגער קוילענגרעבער פון מאָנטסו איז נאָך ניט געוואָרען א מיטגליעד, אָבער אויב מען וועט זיי טרייבען דערצו, וועלען דיא ארבייטער פון אַלע מינען צוטרעטען.... דאָס הייננט אָפּ פון דער קאָמפּאַניע.

פון דיזער מינוט איז דער קאַמפּף נאָר פאָרגעקומען צווישען דעם דירעקטאָר און עטיענען, אַזוי וויא דיא אַנדערע קוילענגרעבער וואָלטען גאָר דערביי ניט געווען.

— דיא קאָמפּאַניע איז א פערזאָרגערין פאַר איהרע ארבייטער, און איהר בעגייט איין אונרעכט סטראַשענדיג איהר, האָט דער דירעקטאָר געזאָגט. דיעזעס יאָהר האָט זיא אויסגעגעבען דריי הונדערט טויזענד פראַנק צו בויען וואָהנונגען פאַר קוילענגרעבערס, און דיעזע וואָהנונגען ברייננען איהר ניט איין אפילו צוויי פּראָצענט. איך רייד שוין ניט פון די פּענסיע, קוילען און מעדיצין וואָס זיא גיט...... איהר, וואָס איהר שיינט צו זיין אינטיליגענט, וואָס איהר זייט אין עטליכע מאָנאַט צייט געוואָרען איינער פון אונזערע געשיקטעסטע ארבייטער, וואָלט איהר דען ניט בעסער געטאָן צו פערברייטען דיזע וואָהרהייטען אנשטאָט צו האָבען פערקעהר מיט פּערזאָנען פון שלעכטע רעפּוטאַציאָן? יאָ, איך מיין טאַקע ראַסענעיר'ן, פון וועלכען מיר האָבען געמוזט פּטור ווערען, אום ניט צו זאַראַזשען אונזערע גריבער מיט דיא סאָציאַליסטישע צופוילטקייט.... מען זעהט אייך שטענדיג ביי איהם, און דאָס האָט ער זיכער אייך געשטופּט צו גרינדען דיא אונטערשטיצונגס־קאַסע, וועלכע מיר וואָלטען איופגענומען גוטמוטהיג ווען זיא וואָלט ווירקליך געווען א שפּאַר־קאַסע, אָבער אין וועלכע מיר שפּירען א געוועהר געגען אונז, א רעזערוו־פאָנד צו צאָהלען דיא אויסגאָבען פון א קריעג...... און ביי דיעזער געלעגענהייט מוז איך אייך זאָגען, אַז דיא קאָמפּאַניע וויל האָבען א קאָנטראָלע איבער דיעזע קאַסע.

עטיען האָט איהם געלאָזט ריידען, דיא אויגען אויסגעשטעלט אויף דעם דירעקטאָר, דיא ליפּען בעוועגט פון א נערוועזע אויפרעגונג. ביי דיא לעצטע ווערטער האָט ער א שמייכעל געטאָן און האָט קאַלטבלוטיג געענטפערט:

— דאָס איז אַלזאָ א נייע פאָדערונג פון דיא קאָמפּאַניע, דען דער הערר דירעקטאָר האָט ביז יעצט קיין קאָנטראָלע פערלאַנגט.... און אונזער וואונש איז, אַז דיא קאָמפּאַניע זאָל זיך טאַקע וואָס וועניגער בעשעפטיגען מיט אונז, און אנשטאָט צו שפּיעלען דיא ראָלע פון א פערזאָרגערין, זאָל זיא נאָר זיין גערעכטיג, געבענדיג אונז וואָס עס קומט אונז — אונזער פערדיענסט, וועלכען זיא נעמט צו. איז עס דען עהרליך צו לאָזען דיא ארבייטער שטאַרבען פון הונגער ביי יעדען קריזיס, אום צו רעטען דיא פערדיענסטען פון די אקציָ־

אָנערען...... דער הערר דירעקטאָר קען זיך ריידען וואָס ער וויל, אָבער דיא נייע סיסטעם איז א פערדעקטע פערקלענערונג פון לוין און דאָס רעגט אונז אזוי אויף, דען אויב זיא דאַרף מאַכען עקאָנאָמיעס, טהוט זיא זעהר שלעכט ארויסשלעפענדיג אלעס פון דעם ארבייטער.

— אהא! אָט, זיינען מיר 'געקומען! האָט דער דירעקטאָר אויסגערופען. איך האָב ערוואַרטעט דיזע בעשולדיגונג פון אויסהונגערן דיא קוילען-גרעבער און לעבען פון זייער שוויים. וויא אזוי קענט איהר זאָגען אזעלכע נארישקייטען, איהר וואָס איהר האָט שוין בעדאַרפט וויסען דיא אונגעהייערע ריסקען פון קאפּיטאל אין דער אינדוסטריע, אין דיא מינען, צום ביישפּיעל? א מינע, ריכטיג איינגעריכטעט, קאָסט יעצט פון אַנדערהאַלבען ביז צוויי מיליאָן פראַנק, און וויא שווער איז עס ארויסצוקריגען באַטשע א קליינעם פּראָצענט פון אזעלכע איינגעשלוּגענע סומען! כמעט א העלפט פון דיא מינען-געזעלשאַפטען פון פראַנקרייך באַנקראָטירען יעצט... איבריגענס, איז עס נאַריש צו בעשולדיגען אין גרויזאמקייט דיא יעניגע קאָמפּאַניעס וואָס האָבען ערפאָלג. ווען זייערע ארבייטער ליידען, ליידען זיי אליין אויך. דיינקט איהר דען אז דיא קאָמפּאַניע האָט ניט צו פערלירען אזוי פיעל וויא איהר ביי דעם יעצטיגען קריזיס? זיא איז דער אויבערהאַר איבער דעם לוין, זיא מוז פאָלגען דיא קאָנקורענץ, אום ניט רואינירט צו ווערען. טרעט ארויס גענען דיא פאַקטען, אָבער ניט גענען איהר...... אָבער איהר ווילט עס ניט הערען, איהר ווילט עס ניט פערשטעהן!

— ניין, האָט עטיען געענטפערט, מיר פערשטייען עס גאַנץ גוט, אז עס איז ניט מעגליך צו פערבעסערן אונזער לאַגע זאָ לאַנג עס וועט גיין וויא יעצט, און דאַרום ווילען זיך טאַקע דיא ארבייטער פעראייניגען א מאָל, ניט היינט מאָרגען, אום איינצוריכטען דיא געזעלשאַפט, אז עס זאָל יא קענען זיין בעסער פאַר זיי......

עטיען האָט גערעדט שטיל און רוהיג, אָבער מיט אזא בעגייסטערטע איבערצייגונג און אזא איינגעהאַלטענעם האַס צו דיא קאַפּיטאַליסטען, דאָס ער איז געוואָרען טויט שטיל, ווען ער האָט געענדיגט. אלע האָבען זיך עפּעס געפיהלט ניט דאָס וואָס פריהער. דיא דעלעגאַטען, וואָס האָבען ניט געקענט פערשטיין דיא בעדייטונג פון עטיען'ס נבואה, אז דיא ארבייטער וועלען אליין איינריכטען דיא געזעלשאַפט צו זייער גונסטען, האָבען געפיהלט, אז ער האָט געפאָדערט זייער חלק אין דעם גוטס, וואָס זיי האָבען געזעהן ביי דעם דירעקטאָר. און זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו וואַרפען בליקען אָן א זייט אויף דיא וויכע און טייערע מעבעל, אויף דיא פּראַכטפאָלע אָביצעס און דראַפּירונגען פון זאַל און אויף יעדע שטיקעלע בעפּוצונג, וואָס דיא קלענסטע פון זיי וואָלט אָפּגעצאָהלט א מאָנאַט שפּייז פון א קוילענגרעבער.

הענעבאָ, וועלכער האָט זיך א ביסעל פערטראַכט, האָט זיך מיט א מאָל אויפגעהויבען, אום צו ענדיגען דיא אונטערהאַנדלונג. אלע האָבען איהם נאָכגעמאַכט. עטיען האָט פאַמעלעך א ציה געטאָן מאַהיין פאַר'ן ארבעל, און יענער האָט געזאָגט מיט א שטימע, וועלכע איז שוין ווידער געווען געבראָכען און איינגעשראָקען:

— אלזאָ, הערר דירעקטאָר, דאָס איז אלעס וואָס איהר ענטפערט אונז.... מיר ווילען אלזאָ גיין זאָגען אונזערע קאַמעראַדען, אז איהר וועיזט צוריק אונזערע פאָדערונגען...

— איך, האָט הענעבאָ אויסגעשריען, איך וועיז גאָר ניט צוריק!.... איך ארבייט פאַר געהאַלט אזוי וויא איהר, און איך האָב דאָ ניט מעהר דעה פאַר אייך. מען גיט מיר בעפעהלע, און מיין ראָלע איז נאָר צו זעהען, אז זיי זאָלען אויסגעפיהרט ווערען. איך האָב אייך געזאָגט, וואָס איך האָב גערעכענט פאַר נייטיג אייך צו זאָגען, אָבער איך וועל מיך היטען פון עטוואָס צו בעשליסען... שטעלט מיר צו אייערע פאָדערונגען, און איך וועל זיי איבערגעבען צו דיא פערוואַלטערס און אייך מיטטהיילען דיא אנטוואָרט.

ער האָט גערעט מיט דיזער וואן פון א הויכען בעאַמטען, אויסמיידענדיג אויפצורעגען דיא קוילענגרעבער זאָגענדיג צו מאַכען דעם איינדרוק, דאָס ער איז א שטעקען אין פרעמדע הענט. דיא קוילענגרעבער האָבען איהם יעצט אַנגעקוקט מיט מיסטרויען, זיך פרעגענדיג וואָס ער איז אַזוינס, וואָס פאַר איין אינטערעס ער האָט צו זאָגען ליגענס און וויפיעל ער האָט געקענט גנב'ענען שטעלענדיג זיך אַזוי צווישען זיי און דיא אמתע בעלי-הבתים. פילייכט איז ער גאָר איין אינטריגאַנט, דיעזער מאַן, וואָס מען באַצאָהלט וויא איין ארבייטער און וואָס לעבט אַזוי גוט.

עטיען האָט ווידער געוואָלט מוטה אַרויסצוטרעטען.

— זעהט איהר, הערר דירעקטאָר, עס איז צו בעדויערען, וואָס מיר קענען נימ דירעקט פערטהיידיגען אונזער זאַך; מיר וואָלטען געקענט ערקלערען פיעלע זאַכען און מיר וואָלטען געפונען בעווייזע, אַן וועלכע איהר קענט זיך נאַטירליכער ווייזע פערגעסען.... ווען מיר וואָלטען נור געוואוסט וואוהין זיך צו ווענדען......

דער דירעקטאָר איז נאָר ניט אין כעס געוואָרען, ער האָט זאָגאַרא שמייכעל געטהאָן.

— אָה, צום טייפעל, דיא זאַך ווערט גאָר פערפלאָנטערט וויא באַלד איהר האָט צו מיר קיין צוטרויען...... מען דאַרף זיך ווענדען אָט דאָרטען......

דיא דעלעגאַטען האָבען נאָכגעפאָלגט מיט דיא אויגען זיין אויסגעצויגענע האַנד צו איינע פון דיא פענסטער. וואו איז עס, דיזער דאָרטען? געוויס איז עס פאַריז. אָבער זיי האָבען עס אויף זיכער ניט גיוואוסט און זיי האָבען זיך דערשראָקען פאַר דיא ווייטקייט, וואו איין אונבעקאַנטע געטליכקייט טראָנט און בעהערשט דאָס לאַנד. קיינמאָל וועלען זיי דיעזען גאָט ניט זעהען, זיי האָבען איהם נאָר געפיהלט וויא א משא, וועלכע האָט פון דער ווייטענס געדריקט דיא צעהן-טויזענד קוילענגרעבערס פון מאָנטסו. און ווען דער דירעקטאָר האָט גערעדט, האָט עס געשיינט אַזוי וויא הינטער איהם שטעהט דיעזע קראַפט, מאַכענדיג וואונדער.

אַלע זיינען ביי זיך אַראָפּגעפאַלען. עטיען אַליין האָט א מאַך געטאָן מיט דיא פלייצעס, אום אויסצודריקען, אַז עס בלייבט טאַקע קיין אַנדער זאַך צו טאָן, וועהרענד דער דירעקטאָר האָט פריינדליך געקלאַפּט איבער מאַהייס פלייצע, פרעגענדיג ביי איהם וועגען דעם צושטאַנד פון זשאַנלען.

— אָט דאָס איז געווען פאַר אויך א ביטערע לעהרע, האָט דער דירעקטאָר צו איהם געזאָגט, און פון דעסטוועגען פערטהיידיגט איהר נאָך דיא שלעכטע אונטערשפּאַרונגען!.... דיינקט נאָך, מיינע פריינדע, און איהר וועט אויסגעפינען, אַז דער סטרייק איז איין אונגליק פאַר אַלעמען. אין א וואָך אַרום וועט איהר שוין שטאַרבען פון הונגער. וואָס וועט איהר טאָן?.... איך רעכען אָבער אויף אייער פערנונפט, און איך בין זיכער, אַז איהר וועט שפּעטסטענס קומען צו דער ארבייט נעכסטען מאָנטאָג.

אַלע זיינען אַוועק, איינער נאָך דעם אַנדערען וויא א סטאַדע, דיא רוקענס איינגעבויגען, ניט ענטפערענדיג א וואָרט אויף דעם דירעקטאָר'ס האָפנונג. אום זיי זאָלען זיך ניט קענען אָפּנאַרען מיט אומזיסטע ערוואַרטונגען, האָט דער דירעקטאָר געהאַלטען פאַר נייטיג זיי נאָכצושרייען, אַז זייערע פאָדערונגען וועלען זיכער צוריקגעוויזען ווערען פון דיא פערוואַלטערס.

— בעדיינקט זיך גוט, אייקער איהר גייט טאָן נאַרישקייטען, האָט ער איבערגע'חזר'ט, זעהר בעאונרוהיגט פון זייער שווייגען.

אין פאָרדערצימער האָט זיך פּיעראָן נידעריג געבויגען צום דירעקטאָר, וועהרענד נעוואַק האָט בראַווירט אָנטועענדיג זיין היטעל. מאַהיי האָט עפּעס געזוכט א וואָרט צו זאָגען פאַר'ן אַוועקגיין; אָבער עטיען האָט איהם א ציה געטאָן פאַר'ן ארבעל, און אַלע זיינען אַרויס אין א שטילקייט, וועלכע האָט קיין גוטעס פאָרויסגעזאָגט. נאָר דער קלאַפּ פון דיא טיר האָט צושטערט דיא שטילקייט.

ווען דער דירעקטאָר איז אריין אין עס־זאַל, האָט ער געפונען זיינע געסט שטום און אָהן בעוועגונג לעבען זייער קאַפע און ליקער. אין צוויי ווערטער האָט ער ערקלערט די לאַגע דעם קאַפּיטאַן דענוילען, וועמעס געזיכט איז פינסטער געוואָרען. נאָכהער, ווען דער דירעקטאָר האָט געטרונקען זיין קאַלטען קאַפע, האָט מען זיך געסטאַרעט צו ריידען וועגען אַנדערע זאַכען. אָבער די גרעגוארס האָבען ווידער אָנגעפאַנגען צו ריידען וועגען סטרייק, זייענדיג זעהר פערוואונדערט וואָס עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ געזעץ, אַז אַרבייטער זאָלען ניט טאָרען סטרייקען. פאָל נעגרעל האָט געזוכט צו בערוהיגען סעסיליען, בעהויפּטענדיג אַז מען ערוואַרט זשאַנדאַרען.

II.

פופצעהן טעג זיינען רוהיג פאַרבייגעגאַנגען, און מאָנטאָג פון די דריטע וואָך האָבען די ליסטען פון דער קאָמפּאַני אָנגעצייגט נאָך אויף אַ פערקלענערונג אין די צאָהל אַרבייטער, וואָס זיינען אַרונטער אין די גריבער. מען האָט גערעכענט, אַז דיעזען טאָג וועט מען קענען אָנפאַנגען אַרבייטען, אָבער די איינגעשפּאַרטקייט פון די פּראָוואַלטערס ניט נאָכצוגעבען, האָט געבראַכט די קוילענגרעבער אין פערצווייפלונג. אין די מינען וואו מען האָט נאָך אָנפאַנגס געאַרבייט, פלעגען יעדען טאָג אַלץ ווייניגער קוילענגרעבער קומען, און דער סטרייק איז ביסלעכווייז געוואָרען איין אַלגעמיינער.

אין דער מינע וואָרעי האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, און אַלעס אַרום האָט עפּעס אויסגעזעהן וויסט און טרויעריג. די מאַשינע צום אַרונטערלאָזען אין גרוב האָט מען נור געהייצט אין דער פריה פיר די אויפפּאַסערס אויף די פערד און פיר אויפזעהערס, וועלכע האָבען יעצט געפּראַצעוועט ווי געוועהנליכע אַרבייטער, פאַררייכטענדיג די אונטערשפּאַרונגען און גאַלעריעס, אַז עס זאָל ניט פערשאָטען ווערען. נור דער גערויש פון דער וואַסער פּאָמפּע האָט זיך שטענדיג געהערט, דען זאָנסט וואָלט די גאַנצע מינע פערפלייצט געוואָרען.

געגענאיבער דער מינע, אין דעם דערפעל פון „צוויי הונדערט פערציג", איז אויך ניט ווייניגער טויט־שטיל געווען. דער פּרעפעקט פון ליל איז געקומען, און זשאַנדאַרען זיינען די ערשטע טעג געווען אויסגעשטעלט אויף די וועגען, אָבער די סטרייקערס האָבען זיך געהאַלטען אַזוי רוהיג, אַז די געזעצליכע מאַכט האָט זיך צוריקגעקעהרט, פון וואַנען זיא איז געקומען. קיין מאָל איז נאָך דער דערפעל ניט געווען אַזוי רוהיג און אָנשטענדיג ווי יעצט. אום זיך אָפּצוהאַלטען פון גיין אין שיינק, זיינען די מענער געשלאָפען גאַנצע טעג, און די ווייבער האָבען פיעל ווייניגער געשוואַצט, טרינקענדיג זייערע וואַסערדיגע קאַפע. אפילו די קינדער, וועלכע האָבען געשיינט צו פערשטיין די ביטערע לאַגע פון זייערע עלטערן, האָבען זיך געהאַלטען אַזוי רוהיג, אַז זיי פלעגען אַרומלויפען באָרוועס און פלעגען זיך אַרומשלאָגען אָהן געשרייען. אַלע האָבען גערעדט פון איין בעפעהל און אַלע האָבען געוועלט אויספיהרען איין בעפעהל: צו זיין רוהיג און פערנינפטיג.

אין מאַהייס הויז פלעגען זיין שטענדיג אַ סך מענשען. אַלס סעקרעטער פון דער אונטערשטיצונגס־קאַסע האָט עטיען צוטהיילט די דריי טויזענד פראַנק צווישען די נויטליידענדע; נאָכהער האָט ער געטהיילט דאָס ביסעל געלט, וואָס פלעגט אַריינקומען פון סובסקריפּציאָנען און קאָלעקציאָנען. אָבער היינט זיינען שוין אויסגעשעפּט געוואָרען אַלע מיטלען, און דער הונגערטויט איז געשטאַנען פאַר אַלע קוילענגרעבערס אויגען אין זיין פולער שרעקליכקייט.

דער קרעמער מעגראַ, וועלכער האָט פערשפּראָכען צו געבען אין קרעדיט פופצעהן טעג, האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט צו געבען אירגענד וועלכע עסענוואַרג נאָך די ערשטע אַכט טעג פון סטרייק. געוועהנליך פלעגט ער פאָלגען די בעפעהלע פון דער קאָמפּאַניע, און די קוילענגרעבערס האָבען אָנגענומען, אַז די קאָמפּאַניע האָט איהם

געהייסען זיי אויסצוהונגערן. מעגרא פלעגט זיך בענעהמען וויא א קאפריזנער טיראן, ער פלעגט געבען אדער אפזאגען א ברייטעל, וויא עס פלעגט איהם געפעללען ווערען דיא מיידעל, וואס מען פלעגט שיקען נעהמען. דיא מאהיים פלעגט ער גאר ניט געבען, אום זיי צו בעשטראפען פאר וואס ער האט נאך ניט געהאט קאטערינע'ן.

צו אלע צרות איז עס נאך געווארן זעהר קאלט, און דיא ווייבער האבען מיט שרעק נעקוקט, וויא עס ווערט ביי זיי אלץ וויינינער קוילען, דען זיי האבען געוואוסט, אז דיא קאמפאניע וועט זיי מעהר קיין קוילען ניט געבען זאלאנג זייערע מענער ארבייטען ניט. דיא אויסזיכט איז געווען צו פריהרען און צו קראפירען פון הונגער.

ביי דיא מאהיים האט שוין אלעס געפעהלט, ביי דיא לעוואקס האט מען נאך געהאט צו דערהאלטען דיא נשמה אויף דיא צוואנציג פראנק, וואס דער קווארטיראנט בוטעלו האט געליהען. נאר דיא פיעראנס האבען נאך געהאט געלט; אבער אום צו ווייזען, אז זיי הונגערן וויא דיא אנדערע, און בעזאנדערס אום מען זאל ביי זיי ניט קומען בארגען, האבען זיי גענומען אויף קרעדיט ביי מעגרא, וועלכער וואלט אפגעגעבען זיין גאנצען מאגאזין פאר דיא פיעראן, ווען זיא זאל נאר א טרייסעל טאן איהר קליידעל. פיעלע פאמיליעס האבען זיך שוין שבת געלייגט שלאפען אהן אבענדשפייז; און דאך, ניט אכטענדיג אויף דעם הונגערטויט ביי זייערע טהירען, ניט אכטענדיג אויף קעלט, האט מען קיינע קלאגען געהערט, און אלע האבען געפאלגט מיט זעלבסטאויפאפפערונג דיא בעפעהלע פון דיא פיהרערס פון דעם סטרייק. זיי האבען דאך געהאפט אויף א זיעג, אויף בעסערע צייטען; דאס איז עפעס געווען וויא א רעליגיעזער גלויבען, דיא בלינדע איבערגעבענהייט פון א פאלק פון גלויביגע. ווייל מען האט זיי פערשפראכען א צייט פון גערעכטיגקייט, זיינען זיי געווען בערייטוויליג צו שמאכטען, אום אויסצוקעמפפען דאס אלוועלטליכע גליק. דער הונגער האט צוהיצט זייערע קעפ, און א ברייטערע און שענערע צוקונפט האט זיך קיין מאל ניט געעפענט פאר דיא אויגען פון דיזע שמאכטענדע. ווען זייערע אויגען האבען געפינטעלט פון שוואכקייט, ווען דיא פוסטקייט פון זייערע מאגענס האט צומישט זייערע געדאנקען, האבען זיי געזעהען דיא ערפילונג פון זייער טרוים, אזוי וויא טאקע אין דער ווירקליכקייט, מיט א פאלק ברידער, ארבייטענדיג צוזאמען און עסענדיג צוזאמען — דיא אמת'ע גאלדענע צייט!

דיא קאסע איז געווען אויסגעשעפט, דיא קאמפאניע האט ניט נאכגעגעבען, יעדער טאג האט געבראכט נייע צרות און ליידען, — דיא סטרייקערס האבען דאך געהאפט, האבען מיט פעראכטונג געשמייכעלט ווענען דעם נאהענטען הונגערטויט. אויב דיא ערד וועט זיך שפאלטען אונטער זיי, וועט זיי א נס רעטען. דיזער גלויבען האט געדיענט אנשטאט ברויט און האט אנגעפיללט דיא בייכער, און ווען דיא מאהייס און אנדערע קוילענגרעבער האבען אנגעפאנגען צו פיהלען הונגערקרעמפפען נאך זייערע וואסערדיגע סופען, פלעגען זיי זיין עפעס אין איין ענטציקונג, אין דער בעגייסטערונג פאר א בעסערען לעבען, וועלכע מאכט מארטירערס.

זייט דעם אנפאנג פון סטרייק איז עטיען געווען דער אלגעמיין אנערקענטער פיהרער. אויף דיא פערזאמלונגען און אין געשפרעכען יעדען אבענד פלעגט ער ריידען וויא א נביא און פלעגט אלץ דייטליכער ערקלערען דיא לאגע, וואס מעהר ער האט אלץ געלעזען. ער פלעגט פארברייננגען גאנצענע נעכט אין לעזען און האט געפיהרט א גרויסע קארעספאנדענץ. ער האט זיך אבאנירט אויף דעם „וואנזשוויר" (נקמה־נעהמער), איין אנארכיסטישע צייטונג פון בעלגיען, און דיזע צייטונג, וועלכע האט זיך דיא ערשטע אריינגעכאפט אין דעם קוילענגרעבער'ס דערפעל, האט צו עטיענען צוגעצויגען איין אויסערגעוועהנליכען אכטונג פון זיינע קאמעראדען.

זיין וואקסענדע פאפולאריטעט האט איהם יעדען טאג אלץ מעהר אויפגערעגט. פיהרען א גרויסע קארעספאנדענץ, דיסקוטירען איבער דעם שיקזאל פון דיא ארבייט

אין אלע ווינקעלעך פון דיא פראווינץ, געבען עצות צו דיא קוילענגרעבערס פון זשאררי, איבערהויפט ווערן א מיטעלפונקט, פיהלען וויא מענשען דרייען זיך ארום איהם — דאס אלעס איז געווען א שטענדיגער קוואל פאר אייטעלקייט פאר איהם, דעם געוועזענעם מעכאניקער, דעם שטיינקוילען־האקער. ער איז ארויף מיט איין שטאפעל העכער, ער איז אריינגעטראטען אין די פערהאסטע בורזשואזיע מיט א צופרידענהייט, וועלכע ער האט זיך זעלבסט ניט מודה געווען. נאר איין זאך האט איהם געקריינקט, און נעמליך דיא אנערקענונג, אז ער איז ניט גענוג געבילדעט, וואס עס האט איהם געמאכט אונזיכער און אראבגעפאלען ביי זיך, ווען ער פלעגט זיך טרעפען מיט א פיין־געקליידעטען מאן.

אין געוויסע מאמענטען פלעגט ער ווערן אונרוהיג וועגען זיין פיהרערשאפט און פלעגט מורא האבען, אז ער איז פיליכט גאר ניט דער פאסענדער מאן דערצו. פיעל־לייכט האט מען גאר בעדארפט האבען איין אדוואקאט, א געלעהרטען, וואס זאל זיין פעהיג צו ריידען און צו האנדלען אהנע צו קאמפראמעטירען דיא קאמעראדען? אבער באלד פלעגט ער זיך אליין אויפהייבען דאגעגען און פלעגט צוריק קריגען זיין מוטה און פערטרויען אין זיך. ניין, ניין, קיינע אדוואקאטען! זיי זיינען אלע קאנאליעס, זיי בענוצען זיך נאר מיט זייער קענטשאפט, אום פעט צו ווערן אויף דעם פאלקס רעכנונג. זאל זיין וויא עס וועט זיין — דיא ארבייטער מוזען אליין זיך ספראווען מיט זייערע אנגעלעגענהייטען. און זיין טרוים פון א פאלקס פיהרער האט איהם גענומען איינוויגען: מאנטסו לעבען זיינע פיס, פאריז אין א ווייטען טומאן — ווער ווייס? איין טאג גאר ווערן א דעפוטאט, אויף דער טריבונע פון א רייכען זאאל, צושמעטערנדיג דיא בורזשוא אין דער ערשטער רעדע פון איין ארבייטער אין פארלאמענט!

זייט עטליכע טעג האט זיך עטיען געפונען אין א פערלעגענהייט. פלושאר האט געשריבען איין בריעף נאך דעם אנדערן, פארשלאגענדיג צו קומען אין מאנטסו, אום א ביסעל אויפצומונטערן דיא סטרייקערס. עס האט זיך געהאנדעלט צו ארגאניזירען א ספעציעלע פערזאמלונג, און דער צוועק איז געווען צו געווינען מיטגליעדער פאר דיא אינטערנאציאנאלע אונטער דיא קוילענגרעבערס, וועלכע האבען ביז יעצט געהאט א מיסטרויען צו איהר. עטיען האט געפירכטעט פאר דעם גערודער, וואס אזא פערזאמלונג וועט אנמאכען; אבער ער וואלט דאך דערלאזען, אז פלושאר זאל קומען, ווען ראסעניער וואלט ניט אזוי העפטיג ארויסגעטראטען געגען דעם. טראץ זיין מאכט, האט עטיען זיך דאך געמוזט רעכענען מיט דעם שיינקער, וועמעס לייסטונגען פאר דיא קוילענגרעבער זיינען שוין געווען פון פריהער און וועלכער האט געהאט א סך פריינדע צווישען זיי. דארום האט זיך עטיען געשלאגען מיט דער דעה, ניט וויסענדיג וואס צו ענטפערען.

גראדע איז מאנטאג פיער אוהר נאכמיטאג אנגעקומען א נייער בריעף פון ליל, ווען עטיען האט זיך געפונען אליין מיט דיא מאהיד אין דעם אונטערסטען צימער. מאהיי, א ן גאנצען צורודערט און נידערגעשלאגען פון געצוואונגענע ארבייטסלאזיגקייט, איז אוועק כאפען פיש מיט דער רעכנונג, אז טאמער וועט ער האבען דעם מזל צו כאפען א גוטען פיש, וועט ער עס פערקויפען און פאר דעם געלד קויפען ברויט. דער אלטער באנמאר און דער קליינער זשאנלען זיינען גלאט ארויס צו בעוועגען א ביסעל זייערע שוואכע פיס, און אלזיר מיט דיא צוויי קליינע קינדער זיינען אוועק צוזאמענקלייבען ביי דיא מאשינען פון דיא מינעס שטיקלעך האלב איבערגעברענטע קוילען. זיצענדיג לעבען דעם אויווען, וואס מען האט זיך ניט ערלויבט צו הייצען וויא געהעריג, האט מאהיד געקארמעט איהר קליינע עסטעל.

ווען עטיען האט צוזאמענגעלייגט דעם בריעף, האט זיא געפרעגט:

— ניט עס עפעס גוטע נייעס? וועט מען אונז שיקען שטיצע?

ער האט גיענטפערט ניין מיט א שאקעל פון קאפ, און זיא האט פארטגעזעצט:

— דיזע וואך ווייס איך גאר ניט, וויא מיר וועלען דורכקומען. נאר מען מוז זיך האלטען, וויא מען וועט קענען... ווען מען פיהלט זיך גערעכט, ניט אמת? האט מען קוראזש און מען געווינט שליסליך.

יעצט איז זיא שוין געוועזען פיר דעם סטרייק. עס וואלט געוויס געוועזען בעסער, ווען מען וואלט נעצוואונגען דיא קאמפאניע צו זיין גערעכט, אהנע צו פערלאזען דיא ארבייט; אבער אז מען האט שוין אויפגעהערט ארבייטען, האט מען שוין ניט בעדארפט אויפהערען צו סטרייקען ביז מען וועט קריגען גערעכטיגקייט. וועגען דיזען פונקט איז זיא געוועזען אזוי פעסט וויא א בארג. בעסער קראפירען פון הונגער איידער צו עוקלערען זיך פאר אונגערעכט, ווען מען האט רעכט.

— אה! האט עטיען אויסגעשריען, ווען עס וואלט עפעס אויסגעבראכען א באלערא, וואס וואלט אפגעראמט דיא אלע אויסבייטער פון דער קאמפאניע!

— ניין, ניין, האט זיא גיענטפערט, מען דארף ניט ווינשען דעם טוידט ווע מען עס איז. דערפון וועט אונז אויך נאר ניט בעסער ווערען, עס וועלען זיך געפינען אנדערע. איך ווינש נאר, אז זיי זאלען האבען מעהר געפיהל פון גערעכטיגקייט, און איך ערווארט עס, דען איבעראל געפינען זיך בראווע מענשען... איהר ווייסט דאך, אז איך האלט גאר ניט מיט אייער פאליטיק.

זיא פלעגט געוויינליך בלאמירען זיינע צו היציגע ווערטער און פלעגט איהם אויפווארפען, אז ער וויל פיהרען קריעג. ווען מען פערלאנגט צו קריגען ריכטיג בעצאהלט פאר דיא ארבייט, דאס איז גוט און ניט מעהר וויא רעכט; אבער צו וואס זיך בעשעפטיגען מיט זייטיגע זאכען, מיט דיא בורזשוא און דיא רעגיערונג? וואצו זיך מישען אין פרעמדע אנגילעגענהייטען, ווען קיין גוטעס קען דערפון ניט ארויסקומען? זיא פלעגט איהם אבער דאך אכטען, ווייל ער איז קיין מאל ניט געוועזען שכור און פלעגט רעגעלמעסיג צאהלען דיא פינף און פערציג פראנק פאר קעסט. ווען א מאן פיהרט זיך אויף גוט, קען מען איהם אלעס אנדערעס מוחל זיין.

עטיען האט גענומעןריידען פון א רעפובליק, וואס וועט געב'ן ברויט פאר אלעמען; אבער מאהיד האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, דען זיא האט זיך דערמאנט אן דיא רעוואלוציאן פון 1848 יאהר, ווען עס איז גאר קיין ארבייט געוועזען און זיא מיט איהר מאן האבען נאך דיא ערשטע טעג פון זייער חתונה געליטען שטארק פון הונגער. זיא האט מיט א געדריקטע שטימע דערציילט וועגען יענע בי טערע צייט פאר א'הר.

— קיין צובראכענער גראשען! קיין פיצעלע צו לייגען אין מויל, און אלע מינען זיינען טויט.... כאטש גיי מיט דער טארבע.... מען האט קראפירט פון הונגער, גוראדע וויא יעצט.

אבער אין דער מינוט האט זיך געעפענט דיא טיהר, און זיי זיינען וויא פערשט'ינערט געווארען פון פערוואונדערונג, ווען זיי האבען דערזעהן פאר זיך קאטערינען. זייט זיא איז אנטלאפען מיט שאוואל'ען, האט זיא זיך ניט בעוויזען אין דערפעל. זיא איז געוועזען אזוי צומישט, דאס זיא האט פארגעסען צו פערמאכען דיא טיהר און איז געבליבען שטיין שטום און ציטערנדיג מיט אלע גלידער.

— וואס קומסטו אהער? האט מאהיד אויסגעשריען, ניט פערלאזענדיג אפילו איהר שטוהל; איך וויל דיך ניט קענען, גיי!

קאטרין האט דאן געזוכט צו געפינען א פאר ווערטער.

— מוטער, דאס איז צוקער און קאפע .... יא פיר דיא קינדער.... איך האב עפעס אנגעקליבען פון מיינע איבערשטונדען, איך האב געטראכט וועגען דיא קליינע....

און זיא האט ארויסגעשלעפט פון איהרע קעשענעס א פונט קאפע און א פונט צוקער, וואס זיא האט געפאסט מוטה אוועקצולייגען אויפ'ן טיש.

דער סטרייק אין וואָרוי האָט איהר געמאַכט עגמת נפש, וועהרענד זיא האָט געארבייט אין זשאַן־באַרט, קאַפּיטאַן דענווילעןים קוילענגרוב. אונטער דעם אויסרייד צו געבען עפּעס פאַר דיא קינדער, האָט זיא געוועלט אויסהעלפען דיא עלטערן. אָבער דאָס האָט ניט ווייטער געמאַכט איהר מוטערס האַרץ, און מאַהיד האָט צו איהר געזאָגט;

— אנשטאָט אונז צו ברייננען צוקער, וואָלסטו בעסער געטאָן, ווען דו וואָלסט פערדיענט פאַר אונז ברויט.

און זיא האָט צו איהר אויסגעלאָזען אלע צרות, אלעס, וואָס זיא האָט זיך געקליבען זייט אַ מאָנאַט צו זאָגען קאַטערינען. אוועקלויפען מיט אַ מאַן, ווען מען איז אלט זעכצעהן יאָהר און ווען דיא פאַמיליע געפינט זיך אין דער ביטערסטער נויט! מען האָט טאַקע נור בעדאַרפט זיין דיא נידריגסטע בעשעפענים, איין אויסגעראַטעטעס קינד! און ווען איהר וואָלט איהר נאָך געהאַלטען צוגעבונדען! אָבער ניין, זיא איז דאָך געווען אזוי פריי וויא די לופט. מען האָט דאָך נאָר פון איהר פערלאַנגט, אַז זיא זאָל קומען אהיים נעכטיגען.

— זאָג, וואָס רופעט דיך אזוי אין דיין עלטער.

קאַטערינע איז געשטאַנען וויא אַ גלאָמפּ לעבען טייש און האָט זיך צוגעהערט, דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען. אַ ציטער איז אריבער דורך איהר דאַרען און ווייניג ענטוויקעלטען קערפּער, און זיא האָט געענטפערט מיט געהאַקטע ווערטער:

— אָה ווען דאָס וואָלט נאָר פון מיר אָפּגעהאַנגען! אזוי ווי דאָס אמוזירט מיר!... דאָס איז ער... ווען ער וויל, בין איך דאָך געצוואונגען נאָכצוגעבען, ניט אמת? ווייל, זעהסטו, ער איז דאָך שטאַרקער... וויים מען דען, וויא אזוי מען פאַלט אריין? אָבער עס איז פאַרפאַלען, מען קען שוין ניט צוריקגיין, דען איין אנדערער איז דאָך אויך ניט בעסער... ער מוז דאָך שוין מיט מיר חתונה האָבען.

זיא האָט זיך פערטהיידיגט אָהן אויפרעגונג, מיט דיא ליידענדע נאָכגעבונג פון מיידלעך, וואָס לעבען מיט מענער נאָך יונגערהייט. און איז עס ניט געווען אַ געוועהנליכע זאַך מיט אלע מיידלעך? זיא האָט נאָר קיין מאָל אנדערש ניט געטרוימט, וויא צו ווערן פערגעוואַלדיגט פון אַ יונגען קוילענגרעבער און נאָכהער צו לעבען מיט איהם אין דיזעלבע געהאַקטע צרות וויא אלע ווייבער.

זיא איז נאָר רויט געוואָרען פון שאַנדע און זיא האָט נאָר געציטערט, ווייל זיא האָט געדעכענט, אַז עטיען קען איהר פעראַכטען און ווייל זיין אנוועזענהייט האָט איהר נידערגעשלאָגען.

עטיען האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין געזעס, כלומרשט אום דורכצוטרייסלען דעם האַלב־פערלאָשענעם פייער; אָבער אין אמת׳ן אום ניט צו שטערען דעם געשפּרעך צווישען דיא מוטער און דיא טאָכטער. זייערע בליקען האָבען זיך דערביי בעגעגענט, און עטיען האָט געפונען, אַז קאַטערינע איז בלייך, אויסגעצערט, אָפּגעבלאַקירט, אָבער דאָך שיין; און ער האָט דערשפּירט עפּעס אַ זאָנדערבאַרען געפיהל: זיין כעס, וואָרום זי האָט אויסגעקליבען שאַוואַל׳ן, איז אוועק, און ער האָט איינפאַך געוואָלט, אַז זיא זאָל זיין גליקליך אפילו מיט שאַוואַל׳ן. איהם האָט זיך נאָך געוועלט זאָרגען וועגען איהר, אוועקגיין אין מאָנטסו צווינגען שאַוואַל׳ן איהר בעסער צו בעהאַנדלען. אָבער זיא האָט נאָר גיזעהן מיטלייד אין זיין צערטליכקייט צו איהר און האָט זיך ניט אנדערש פאָרגעשטעלט אַז ער מוז איהר פעראַכטען, וואָס ער קוקט אויף איהר אזוי. און דיא האַרץ האָט איהר אזוי אַ דריק געטאָן, אַז עס האָט איהר געשטיקט און זיא האָט מעהר ניט גיקענט אויסשטאַמערן אפילו אַ פּאָר ענטשולדיגונגס־ווערטער.

— אזוי איז גוט, דו טוסט גוט וואָס דו שווייגסט, האָט מאַהיד געזאָגט אָהן אויפהערציגקייט. אויב דו קומסט אהער צו פערבלייבען, קום אריין; אויב ניט, טאָ טראָג דיך גלייך אָפּ און האַלט זיך פאַר גליקליך, וואָס מיינע הענט זיינען פערנומען, אנסט וואָלט איך דיר מכבד געווען מיט אַ בריק אין......

און גרארע אין דערזעלבער סעקונדע, אזוי וויא דער סטראשונאק פון דיא מד טער וואלט געמוזט אויסגעפיהרט ווערן, האט קאטערינע געקראָגען פון הינטען אזא האסטיגען און שטארקען בריק, אז זיא איז געבליבען צומישט פון שרעק און ווייטאג. דאס האט געטאָן שאוואל, וועלכער איז אריינגעשפרונגען דורך דיא אָפענע טיר או האט ארויסגעציינט, וואס פאר ווילדע חיה ער איז.

— אהה, שלעפּערקע! האט ער אויסגעשריען, איך בין דיר נאָכגעגאנגען, איך האב געוואוסט, אז דו וועסט קומען אהער זיך דורכלופטערען.... און דו צאהלסט נאך צו דערפאר, א! דו טראקטירסט איהם נאך מיט קאפע פאר מיין געלט!

מאהיד און עטיען זיינען געבליבען אויף זייערע ערטער וויא גלאָמבס. שאוואל האט דערוויילע מיט א שרעקליכען אויסזעהען געטריבען קאטערינען צום טיר.

— וועסטו ארויסגיין, דאָנערוועטער!

און אזוי וויא זיא האט זיך געזוכט צו רעטען אין א ווינקעל, איז ער אָנגעפאַלען אויף דיא מוטער.

— א גוטער געשעפט צו היטען דיא הויז, ווערהרענד דיא טאָכטער, דיא שלעפּערקע, ווארפט דאָרט מיט דיא פיס אין דער הויך אין אויבערסטען צימער!

ענדליך האט ער אָנגעכאפּט קאטערינען פארן האנד און האט איהר געשלעפּט צום טיר. צוקומענדיג צום טיר, האט ער זיך אומגעקעהרט צו דיא מאהיד, וועלכע איז געזעסען אזוי וויא צוגעשמיט צום שטול. זיא האט זאָגאר פארגעסען צו בעהאלטען איהר ברוסט. עסטעל איז איינגעשלאָפען אויפ'ן שויס, און מאהיד'ס גרויסע ברוסט איז געהאנגען פריי און נאקעט אזוי וויא ביי א מעלקעדיגע קוה.

— און ווען דיא טאָכטער איז ניטא, דיענט דיא מוטער, האט שאוואל אויס געשריען. ניי, ציינ איהם דיין קערפּער! ער האט א קופערנעם יצר הרע, דיין שמוציגער קווארטיראנט!

עטיען איז אויפגעשפרונגען און האט געוואָלט פּאטשען שאוואל'ן; אָבער דיא פורכט, אז דער גאנצער דערפעל וועט זיך צוזאמענלויפען ביי דעם געוויש פון דעם געשלעג, האט איהם אָפגעהאלטען פון ארויסרייסען קאטערינען פון שאוואל'ס הענט. דער כעס האט איהם אָבער געשטיקט, און ביידע זיינען געבליבען שטיין געזיכט צו געזיכט מיט שרעקליכע בליקען. דאָ האט ארויסגעפלאצט דער אלטער האס און איר פערזוכט, וואס איז זייט א צייט געווען אונבעוואוסט און פערבאָרגען. יעצט האט עס אויסגעוויזען אזוי וויא איינער דארף אויפפרעסען דעם אנדערן.

— היט זיך! האט עטיען אויסגערעט, דיא ציינער צוזאמענגעדריקט; איך וועל דיך טויטען.

— פּרובּיר! האט שאוואל געענטפערט.

זיי האבען זיך אָנגעקוקט עטליכע סעקונדען אזוי נאָהענט, דאס זייער הייסער אָטהעם האט געברענט זייערע געזיכטען. און צושיידט האט זיי קאטערינע, וועלכע האט אָנגעכאפּט שאוואל'ן פאר'ן האנט און האט איהם מיט טרערען אין דיא אויגען אוועקגעשלעפּט. זיא האט שנעל געשפּריזט, האבענדיג מורא צו ווארפען א בליק הינטער זיך.

— וואס פאר א בעסטיע! האט עטיען געזאָגט, צומאכענדיג מיט א טראסק דיא טיר און ציטערנדיג אזוי פון כעס, דאס ער האט זיך געמוזט אנידערזעצען.

מאהיד איז אלץ געזעסען אויף איהר שטול אָהן א ריהר צו טאָן זיך. זיא האט נאר א מאך געטאָן מיט'ן האנט, און ביידע האבען אין דער שטיל געטראכט יעגעס ניט פרעהליכע זאכען, וועלכע זיי האבען זיך ניט אויסגעזאָגט.

— דאס איז עס א ביסעל א שוויין, האט זיא ענדליך געזאָגט. טאקע נור א שמוציגער חזיר קען האבען אזעלכע עקעלהאפטע געדאנקען.... איך האב איהם אזאַ אין דו"ערד! עס האט נאר ניט נעפאסט צו ענטפערן דערויף.

נאכהער האָט זיא אָפען צוגעזעצט, קוקענדיג גלייך אויף עטיענען:

— איך האָב געוויס מיינע חסרונות, אָבער ניט דיעזען.... נור צוויי מאנספערזאָנען האָבען מיך ווען עס איז אָנגעריהרט, א וועגעלע-טרייבער א מאָל, ווען איך בין אלט געוועזן פופצעהן יאָהר, און נאכהער מאַהיי. אויב ער וואָלט מיר פערלאָזען, אזוי וויא דער ערשטער— באַ! ווער ווייס וואָס עס וואָלט ארויסגעקומען? איך בין גאָר ניט אזוי שטאָלץ דערמיט, וואָס איך האָב מיך אזוי גוט אויפגעפיהרט מיט מיין מאן נאָך דער חתונה, דען ווען מען האָט קיין שלעכטעס ניטאָן, איז עס אָפט נור דערפאר, וואָס דיא געלעגענהייט האָט געפעהלט...... אָבער, און איך זאָג, וואָס איך ווייס, איך קען שכן׳טעס וואָס וואָלטען דאָס זעלבע ניט געקענט זאָגען וועגען זיך, ניט אמת?

— דאָס איז גאנץ ריכטיג, האָט עטיען געענטפערט אויפהייבענדיג זיך פון זיין שטול.

גלייך נאָכדעם איז ער ארויס, און זיא האָט גינומען וויעדער מאכען א שטיקעל פייער אין אויווען נאכדעם וויא זיא האָט אוועקגיליינט דיא קליינע עסטעל שלאָפען אויף צוויי בייגקלעך. אויב מאַהיי וועט עפעס כאפען א פיש און עס פאו קויפען, וועט מען דאָך קענען מאכען א סוף, האָט זיא זיך געטראכט.

דרויסען איז שוין גיוואָרען פינסטער. א קאַלטע נאכט האָט זיך פאָראויסגיצייגט, און עטיען איז גיגאנגען מיט איין אראָפגילאָזענע קאָפּ, ארומגינומען מיט טרויעריגע און פינסטערע גידאנקען. דאָס איז שוין מעהר ניט גיוועזן א כעס געגען שאוואַל׳ן און א מיטלייד צו דיא אָרימע געשלאָגענע מיידעל. דיא ברוטאלע סצענע איז אָפּגעמעקט געוואָרען און האָט איהם ארויפגיפיהרט אויף דיא גידאנקען פון אלעמענס ליידען, וועגען דיא אונגערטרעגליכע צרות דורך ארמוטה.

ער האָט געזעהן דעם דערפּעל אָהן ברויט; דיא פרויען און דיא קליינע קינדער, וואָס האָבען שוין ביי נאכט מעהר ניט גיגעסען, דיא גאנצע בעפעלקערונג, וועלכע האָט גיקעמפפט ניט אכטענדיג אויף דיא פוסטע מאַגענס. און דער צווייפעל, וועלכער פלעגט א הין אמאָל בעאונרוהיגען און אנגסט פערשאפען, האָט זיך אויפגיכאפט אין איהם און האָט איהם גיפייניגט, אין דיעזער טרויעריגער און פינסטערער נאכט, פיעל שטארקער וויא ווען עס איז פריהער. וואָס פאר א שרעקליכע פעראנטוואָרטליכקייט ער האָט גענומען אויף זיך! זאָל ער נאָך ווייטער טרייבען צום קאמפּף, זאָל ער נאָך ווייטער מאכען ווידערשטאנד, ווען עס איז ניטאָ ניט קיין געלט און ניט קיין קרעדיט? און וואָס וועט זיין דער סוף, ווען קיין הילפע וועט ניט קומען און ווען דער הונגער וועט ארונטערהאקען דעם מוטה?

מיט א מאָל האָט זיך איהם פאָרגישטעלט א סצענע פון איין אונגליקליכע נידערלאגע: קינדער, וואָס שטארבען פון הונגער, פרויען, וואָס יאָמערן און קלאָגען, וועהרענד דיא מענער, גיבראָכענע און אויסגימוטשעטע, גייען ארונטער ארבייטען אין דיא מינען. ער איז אליין גיגאנגען, זיינע פיס האָבען זיך גישלעפּט איבער בלאָטעס און שטיינער, און דער גידאנק, אז דיא קאָמפּאניע וועט ארויס אלס זיעגער און אז ער וועט ברייגגען אזוי פיעל צרות און שמערצען זיינע קאמעראַדען, האָט איהם פערשאפט אונערטרעגליכע הארצקלעמענעס.

ווען ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ, האָט ער דערזעהן פאר זיך דיא געביידעס לעבען דער וואָריי-מינע. אלעס איז געווען וויסט און טרויעריג. דיא פערלאָזענע געביידע, אין מיטען פון דיא פוסטע פלעצער ארום, האָבען אויסגעזעהן עפּעס וויא א ווינקעל פון א צושטערטע פעסטונג. וויא נאָר דיא מאשין פלעגט אויפהערען איהר ארבייט פון ארויפשלעפּען דיא אויסגעהאקטע קוילען, אזוי פלעגט אלעס אפּשטארבען. אין דיעזער נאכט האָט זיך ניט געזעהן קיין לאמטערנע און קיין שטימע האָט זיך ניט געהערט; אפילו דער רעגעלמעסיגער קלאַפּען פון דער פּומפּע האָט זיך געהערט עפעס אזוי וויא פון ווייטען און האָט נאָר וויא אָנגעצייגט אויף טויט און פערניכטונג.

עטיען האט זיך ארומגעקוקט, און דאס הארץ האט איהם געקלאפט ווי א מיט א האמער. אויב די קוילענגרעבער הונגערן, פערלירט דאך די קאמפאניע מיליאנען. ווארום זאל זי זיין די שטארקסטע אין דיזער מלחמה פון ארבייט געגען געלט? יעדענפאלס וועט דער זיעג איהר קאסטען טייער. מען וועט נאכהער צעהלען די מתים.

און א געפיהל פון קריעג ביז צום ביטערסטען סוף האט איהם דורכדרונגען, א שרעקליכער בעגעהר צו ענדיגען מיט די ארמוטה אפילו אום דעם לעבענס פרייז. עס איז שוין בעסער, אז די קוילענגרעבער זאלען אפשטארבען מיט א מאל אנשטאט אויסצוגייו ביסלעכווייז. זאכען, וואס ער האט געלעזען און ניט גוט פערשטאנען, זיינען איהם דא ארויף אויף די געדאנקען: די ביישפילען פון פעלקער, וואס האבען אונטערגעצונדען זייערע שטעט, אום אבצוהאלטען דעם שונא; אונדייטליכע געשיכטען, ווי מוטערס האבען געראטעט זייערע קינדער פון שקלאפעריי, שפאלטענדיג זייערע קעפ אן שטיינער, ווי מענער זיינען ליבערסט אויסגעגאנגען פון הונגער איידער צו עסען דאס ברויט פון טיראנען. דאס האט איהם בעגייסטערט, און א טיעפע פריידע האט איהם אנגעכאפט און האט פאריאגט זיין פריהערען אומעט, זיין פריהערען צווייפעל, מאכענדיג זיך איהם שעמען פאר די שוואכהייט און פייגהייט מיט עטליכע מינוטען צוריק. און אין דיזען אויפוועקען זיך פון זיין גלויבען, זיינען אויך ארייגעבראכט געוואָרען אטהעמס פון שטאלץ, וועלכע האבען איהם נאך העכער פארטראגען; און ער האט זיך געקוויקט מיט דער פריידע צו זיין דער אנפיהרער, צו זעהען ווי מען פאלגט איהם ביז זיך מקריב צו זיין, און מיט דעם טרוים פון די פערגרעסערונג פון זיין מאכט אין דעם טאג פון זיין נצחון. ער האט זיך שוין פארגעשטעלט א סצענע פון איינפאכע גרויסקייט, ווי ער וועט זיך אפזאגען פון מאכט, ווי דאס פאלק וועט נעהמען די רעגירונג אין יינע הענד, און ווי ער, עטיען, וועט זיין דער אנפיהרער.

און פון דיזען טרוימען איז ער נאר ארויסגעריסען געוואָרען מיט א ציטער, ווען ער האט דערהערט לעבען זיך די שטימע פון מאהיי, וועלכער האט איהם דערציילט פון זיין מזל, ווי ער האט געכאפט א טייערן העכט און האט איהם פערקויפט פאר דריי פראנק. מען וועט אלזא האבען א סוף. אבער עטיען האט געלאזען זיין קאמעראד אליין גייען אהיים, ערקלערענדיג איהם, אז ער וועט באלד אונטערקומען, און ער איז אריין אין ראסעניער׳ס שענק, וואו ער האט געווארט ביז דער לעצטער בעזוכער וועט אוועקגיין, אום דעם שיינקער איינפאך מיטצוטהיילען, אז ער וועט שרייבען פלושארן צו קומען. עטיען האט ענדליך געפאסט א בעשלוס וועגען דיזען פונקט, און ער האט געוואלט ארגאניזירען א פריוואט-פערזאמלונג, דען דער זיעג האט איהם געשיינט צו זיין זיכער, אויב די קוילענגרעבער וועלען מאסענהאפט אריינטרעטען אין די אינטערנאציאנאלע געזעלשאפט.

די פריוואט פערזאמלונג צום עמפפאנג פון פלושארן, א פארשטייער פון די אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאציאציאן, האט מען ארגאניזירט אין דעם שיינק פון די אלמנה דעזירע, וועלכע האט געשאסען מיט פייער אויף די קאמפאניע, זייט די קוילענגרעבער, איהרע קינדער, ווי זי פלעגט זיי רופען, האבען געליטען אזוי פיעל הונגער און צרות, און בעזאנדערס זייט איהר שיינק איז אזוי פוסט געוואָרען. נאך קיין מאל איז ניט געווען אזא ניכטערער סטרייק, דען די שיכורים פלעגען זיך איינשפארען צו הויז, אום צו פאלגען דעם בעפעהל צו פיהרען זיך רוהיג און אנשטענדיג.

מאנטסו, וועלכע איז אין די יום טוב טעג געווען ווי א בינשטאק, איז יעצט געווען טרויעריג און וויסט. אויפ׳ן וועג, וואו ביער פלעגט זיך גיסען, האט מען מעהר ניט געזעהען, ווי די בלייכע געזיכטער פון די שיינקערס, וועלכע פלעגען אויסקוקען אויף א קונד. אפילו אין וואולקאן איז געווען וויסט, און די מיידלעך האבען געשלאפען און געגענעצט, ניט האבענדיג קיינע קונדען, אבוואהל זיי האבען פערקלענערט דעם

פרייז אויף העלפט.... עס איז געווען עפעס אזוי וויא א חורבן און א טרויער־צייט.

— צום טייוועל! האט געשריען די אלמנה דעזירע, זיך א קלאפ טאנדיג מיט די הענד אן דיא זייטען. דאס זיינען אלץ שולדיג דיא זשאנדארען. זאלען זיי מיך ארייג־זעצען אין געפענגניס, אבער איך מוז זיי עפעס אפטאן!

פאר איהר זיינען אלע בעאמטע, אלע בעפעהלס־געבער געווען זשאנדארמען — א ווארט וואס זיא האט געברויכט אין אלגעמיינען, אום אויסצודריקען איהר פעראכטונג צו דיא פיינדע פון פאלק. און זיא האט מיט בעגייסטערטע פריידע אויפגענומען דעם פאר־שלאג פון עטיען און אנגעבאטען איהר טאנץ־זאל אומזיסט. זיא האט אפילו אנגענומען צו צושיקען איינלאדונגען, וויא דאס געזעץ האט עס פערלאנגט. און ווען דאס געזעץ וועט ניט אזוי ריכטיג געהאלטען ווערן — איז אויף איהר דאגה, זיא וועט שוין וויסען וואס צו ענטפערן.

אויף מארגען האט איהר עטיען געבראכט פופציג בריעף, וועלכע ער האט געגע־בען קאפירען אין קוילענגרעבערס דערפיל דיא יעניגע, וואס קענען שרייבען, אז זיא זאל זיי אונטערשרייבען. דיזע בריעף האט מען צושיקט צו אלע דעלעגאטען פון דיא פער־שידענע מינען און צו זיבערע און אנפערטרויטע ארביימער, אום כלומרשט צו פערהאנד־לען דיא פראגע וועגען דיא פארטזעצונג פון סט־ייק; אבער אין אמת'ן האט מען געווארט אויף פלושאר'ן און מען האט גערעכענט אויף זיין רעדע און ווירקונג, אז דיא קוילענגרעבער זאלען אין מאסען צושטיין צו דיא אינטערנאציאנאלע.

ווען עס איז געקומען דאנערשטאג, דער טאג ווען פלושאר האט געזאלט קומען גאנץ פריה, איז עטיען געווארען זעהר אונרוהיג, זעהענדיג אז יענער איז ניט געקומען צו דער בעשטימטער צייט. וואס האט דארט געקענט פאסירען? ער איז געווען זעהר פערזארגט, וואס ער האט זיך ניט געקענט צוזאמענריידען מיט פלושאר'ן איידער דיא פערזאמלונג וועט זיך אנפאנגען. שוין ארום ניין א זייגער אין דער פריה איז עטיען אוועק נאך מאנטסו מיט דער האפנונג, פיל־ייכט איז פלושאר געקומען גלייך אהין, ניט אפשטעלענדיג זיך אין ווארייי.

— ניין, איך האב ניט געזעהען אייער פריינד, האט געענטפערט דיא אלמנה דעזירע אויף עטיען'ס פראגע. אבער קומט אריין, זעהט וויא אלעס איז שוין צוגעגרייט.

און זיא האט איהם אריינגעפיהרט אין טאנץ־זאל. דיא בעפוצונג איז געבליבען דיא זעלבע, דיא פאפירענע גירלאנדען האבען נאך אלץ אונטערגעהאלטען א קראנץ פון פאפירענע בלומען, און אויף דיא וועגט זיינען געווען אנגעשלאגען בעגולדעטע קאר־טען מיט דיא נעמען פון דיא הייליגע פון דער קאטוילישער קירכע. דיא ענדערונג איז נאר געווען, דאס אנשטאט דיא ביהנע פאר דיא מוזיקאנטען, האט מען אוועקגע־שטעלט א טיש מיט דריי שטולען, און דיא ביינק האט מען אויסגעשטעלט וויא פאר א פערזאמלונג.

— אויסגעצייכענט, האט עטיען ערקלערט.

— און איהר ווייסט, האט זיא צוגעזעצט, איהר זייט אזוי וויא ביי זיך אליין. שרייט ווי־א היעל אייער הארץ געלוסט.... דיא זשאנדארמען וועלען מוזען אריבערטרע־טען מיין קערפער, אויב זיי וועלען קומען.

כאטשע ער איז געווען זעהר פערטראגען און בעאונרוהיגט, האט ער זיך דאך ניט געקענט איינהאלטען פון א ברייטען שמייכעל קוקענדיג אויף איהר קיילעכדיגע וויא א פאס פיגור מיט אונגעהייערע בריסט, יעדע פון וועלכע האט געמוזט האבען א בעזונ־דערן מאן, אום ארומגענומען צו ווערן; און דארום האט מען טאקע געזאגט, אז פון איהרע זעקס געליעבטע האט זיא זיך יעדע נאכט גענומען א פאר.

אבער אין דער מינוט איז, צו עטיען'ס שטוינען, אריינגעקומען ראסענעיר און

דער בעגלייטונג פון סואווארין, און, ווען דיא אלמנה איז ארויס פון זאל, האט ער אויסגעשריען:

— וויא! איהר זייט שוין געקומען!

סואווארין, וועלכער האט געארבייט ביי נאכט אין ווארייי, וויל דיא מאשיניסטען האבען ניט געסטרייקט, איז געקומען אויס נייגעריגקייט. וואס אנבעלאנגט צו ראסע־נעיר'ן, איז ער עפעס ניט געוועזען אויפגעלייגט זייט א פאר טעג, און זיין קיילעכדיגע פיגורע האט פערלארען איהר לוסטיגקייט.

— פלושאר איז נאך ניט געקומען, און איך בין זעהר אומרוהיג, האט עטיען בעמערקט.

דער שיינקער האט געקוקט אן א זייט און האט אויסגערעדט צווישען דיא ציין:

— דאס וואונדערט מיך ניט, און איך ערווארט איהם גאר ניט.

— וואס מיינסטו?

דא האט ראסענעיר געפאסט מוטה און קוקענדיג עטיענען גלייך אין דיא אויגען אריין, האט ער געזאגט:

— זעהסטו, איך האב איהם אויך געשריבען, און אויב דו ווילסט, וועל איך דיר זאגען, אז אין דיעזען בריעף האב איך איהם שטארק געבעטען ניט צו קומען.... יא, איך דיינק, אז אונזערע זאכען דארפען מיר אליין אויפטאן, אהנע זיך צו ווענדען צו פרעמדע.

עטיען, אויסער זיך פאר כעס, ציטערנדיג מיט אלע אברים, דיא אויגען אנגעשטעלט אויף דעם שיינקער, האט ווידערהאלט:

— דו האסט עס געטאן! דו האסט עס געטאן!

— יא איך האב עס געטאן, גאנץ געוויס! און דו ווייסט דאך, אז איך האב צוטרויען צו פלושאר'ן. דאס איז א יונג מיט ביינער און א דורכגעריבענער, און מען קען זיך אויף איהם פערלאזען, אבער, זעהסטו, איך האלט גאר ניט פון אייערע אידעען. פאליטיק, רע־גירונג און דאס אלעס—דאס האב איך אין ד'רערד! דאס וואס איך וויל, איז, אז דיא קוי־לענגרעבער זאלען בעסער בעהאנדעלט ווערען. איך האב צוואנציג יאהר געארבייט אין דיא גריבער, און איך האב דארט אזוי געשוויצט און געשמאכטעט פון הונגער, אז איך האב מיר געשווארען צו קריגען ערלייכטערונגען פאר דיא ארימע טייוועלס, וואס פייני־גען זיך נאך דארטען; און איך פיהל עס גאנץ גוט, אז איהר וועט גאר ניט דערגרייכען מיט אייערע פלענער און געשיכטען, אז איהר וועט נאך ערגער מאכען דעם שיקזאל פון דעם ארבייטער.... ווען ער וועט געצוואונגען ווערען פון הונגער ארונטערצוגיין אין גרוב, וועט מען איהם נאך מעהר שטיקען, און דיא קאמפאניע וועט איהם צאהלען מיט שמיץ אזוי וויא איין אנטלאפענעם הונד, וואס מען יאגט אריין אין זיין לאך.... און דאס וויל איך ניט דערלאזען, פערשטייסטו!?

ער האט גערעדט מיט א הויכע שטימע, דעם בויך ארויסגערוקט, שטייענדיג פעסט אויף זיינע גרויסע פיס; און זיין גאנצע נאטור פון איין איבערלייגטען און געדולדיגען מאן האט זיך ארויסגעצייגט אין זיינע ווערטער, וועלכע ער האט זיך ארויסגערעדט גלאט און פלייסיג, אהן שום אנשטרענגונג. איז עס ניט א דומהייט צו גלויבען, אז מיט איין קלאפ קען מען אומבייטען דיא גאנצע וועלט, שטעלען דיא ארבייטער אויף דעם פלאץ פון דיא יעצטיגע בעלי הבתים און צוטהיילען דאס געלד אזוי וויא מען טהיילט קארטאפעל? מען וועט נאך דארפען טויזענדער און טויזענדער יאהרען איידער מען וועט עס קענען אויספיהרען פראקטיש. דארום זאל מען איהם צו רוהע לאזען מיט דיא נסים! דער בעס־טער און קליגסטער וועג, ווען מען וויל זיך ניט ברעכען האלז און אקען, איז צו גיין גלייך, צו פערלאנגען מעגליכע רעפארמען, צו פערבעסערן דיא לאגע פון דיא ארבייטער אונטער אלע אומשטענדען.

עטיען האט איהם געלאזען רעדען, שטיקענדיג זיך פון כעס, און נאכהער האט ער אויסגעשריען:

— צום טייפעל! דו האסט דאך גאר קיין בלוט ניט אין דיינע אדערן!

נאך א מינוט, וואלט ער איהם דערלאנגט א פאטש; אבער ער האט זיך בעמעכטיגט, און אום זיך צו בערוהיגען, האט ער אנגעפאנגען צו שפרייזען איבער'ן זאל, אויסלאייענדיג זיין ביטערע הארץ צו די ביינקלעך, וועלכע זיינען איהם געשטאנען אין וועג.

— מאכט דאך וויינינגסטענס צו דיא טהיר, האט סואווארין רוהיג בעמערקט; עס איז דאך ניט נייטיג, אז מען זאל אייך הערען.

נאכדעם וויא ער איז אליין אוועק צומאכען דיא טיהר, האט ער זיך קאלטבלוטיג אנידערגעזעצט אויף איינעם פון דיא שטוהלען אויף דער ביהנע און האט זיך צוזאמענגעדרייט א סיגארעט, קוקענדיג אויףביידע געגנער מיט זיינע ווייכע און שלויע בליקען, דיא ליפען צוגעמאכט מיט א שמייכעל.

— ווען דו וועסט זיך ערגערן, וועט עס אונז צו גאר ניט פיהרען, האט ראסעניער געזאגט. איך האב אנפאנגס געדיינקט, אז דו ביזט זעהר פערנינפטיג. עס איז געוועזען זעהר גוט פון דיין זייט צו רעקאמענדירען דיא קאמעראדען צו האלטען זיך רוהיג, צו צווינגען זיי צו פערבלייבען צו הויזע, צו געברויכען דיין איינפלוס פיר דיא אויפהאלטונג פון ארדנונג. אבער יעצט ווילסטו אונז מיט א מאל אריינשליידערען אין א מיש־מאש!

נאך יעדען ארומלויפען איבער'ן זאל דורך דיא ביינק האט זיך עטיען אפגעשטעלט לעבען שיינקער, האט איהם אנגעכאפט פאר דיא פלייצעס און געטרייסעלט; שרייענדיג איהם גלייך אין געזיכט אריין:

— אבער דאנערוועטער! איך וויל געוויס זיין רוהיג. יא, איך האב זיי דיסציפלינירט און איך ראטה זיי נאך יעצט צו האלטען זיך אין ארדנונג, אבער פון דעסטוועגען דארף מען פון אונז ניט מאכען חוזק און ארומטאנצען אויף אונזער געדולד.... דיר איז גוט, וואס דו קענסט בלייבען קאלטבלוטיג, אבער איך, זעהסטו, איך האב מינוטען, ווען איך פיהל, אז מיין קאפ שפאלט זיך.

און ער האט אנגעפאנגען צו דערציילען, וואס ביי איהם אין הארצען טהוט זיך, אזוי וויא ער וואלט זיך מתודה געוועזען פאר א גלח. ער האט שפאס געמאכט פון זיינע איינבילדונגען, פון זיין רעליגיעזען טרוים וועגען א וועלט, וואו גערעכטיגקייט וועט אכיין קומען און דיא מענשען וועלען ווערען וויא ברידער. א גוטער מיטעל, כלעבען, צו זיצען מיט צוזאמענגעלייגטע הענד און ווארטען, אויב מען וויל ניט זעהען מענשען לעבען וויא וועלף ביז דעם ענד פון דער וועלט. ניין! מען מוז זיך אריינמישען און קעמפפען, זאנסט וועט דיא אונגערעכטיגקייט פערבלייבען אייביג, און דיא רייכע וועלען אימער זויגען דאס בלוט פון דיא ארימע. דארום קען ער זיך יעצט ניט פערגעבען דיא נארישקייט, וואס ער האט א מאל געזאגט, אז מען מוז פעריאגען דיא פאליטיק פון דער סאציאלער פראגע. ער האט דאן גאר ניט געוואוסט, אבער זייט דעם האט ער געלעזען, שטודירט. יעצט זיינען זיינע אידעען אויף א פעסטען באדען, און ער האט זיך בעריהמט, אז ער האט שוין א סיסטעם. פון דעסטוועגען האט ער זיין סיסטעם שוואך ערקלערט, ווארפענדיג פראזען, וועלכע האבען אויסגעדריקט א צומישענעם פון דיא פערשידענע טעאריען, וואס ער האט אנגענומען און נאכהער פערווארפען.

פריהער פאר אלץ האט ער אויסגעדריקט דיא לעהרע פון קארל מארקס, אז קאפיטאל איז דער רעזולטאט פון רויב און אז דיא ארבייט האט דאס רעכט און דיא פפליכט צוריקצונעהמען דעם גערויבטען רייכטהום. אין דער פראקטיקע האט ער זיך אנפאנגס אנגעכאפט אן דיא פאנטאזיע פון פרודהאן וועגען א געגענזייטיגען קרעדיט, וועגען א גרויסען וועקסעל־באנק, וואס זאל אפשאפען אלע פערמיטלער און פאקטארס; נאכהער האט ער זיך אנגעכאפט אן לאסאל'ס קאאפעראטיווע געזעלשאפטען, וואס זאלען זיין אונטערשטיצט פון שטאאט און זאלען ביסלעכווייז אומוואנדלען דיא גאנצע ערד אין איין אינדוסטריעלען פונקט, אז ער איז געווארען אפהענדיג פאר דיא שווירינקייט

פון דעם קאָנטראָל איבער אזא אונגעהייערע אָרגאניזאציאָן; און שליסליך איז ער געקומען צום קאָלעקטיוויזמוס, פערלאנגענדיג, אז אלע פּראָדוקציאָנס־מיטעל זאָלען געהערן צו דער געזעלשאפט. אָבער אויך דאָס איז פאר איהם געווען דונקעל; ער האָט ניט געוואוסט, וויא אויסצופיהרען דיזען נייעם טרוים, זייענדיג נאָך אלץ געשטערט פון זיין פּראָסטען שכל און אונזיכערהייט, ניט וואגענדיג צו מאכען אַבּסאָלוטע בעהויפּטונגען פון א גלויביגען סעקטאנט. און ער האָט איינפאך געענדיגט'זיינע רייד, אז מען מוז אפריהער פערכאפּען דיא רעגירונג און נאכהער וועט מען זעהן, וואָס עס בלייבט צו טאָן.

— אָבער וואָס איז מיט דיר געוואָרען? וואָרום טרעטסטו אריבער צו דיא בורזשוא? האָט עטיען היציג געפרעגט דעם שיינקער, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבען איהם נאָך זיין ווילדען ארומלויפען איבערן זאל. דו האָסט דאָך אליין געזאָגט: עס מוז פּלאצען!

דער שיינקער איז א ביסעל רויט געוואָרען.

— יא, איך האָב עס געזאָגט, האָט ער געענטפערט. און אויב עס וועט פּלאצען, וועסטו זעהן, אז איך וועל ניט זיין מעהר פייג וויא אנאנדערער.... אָבער איך זאָג זיך אָפּ צו געהן צוזאַמען מיט דיא יעניגע, וואָס פערפּלאָנטערן דיא זאך אום אויסצופישען זיך א פּאָזיציאָן....

דיזעס מאָל איז שוין עטיען רויט געוואָרן. ביידע האָבען מעהר ניט געשריען, זיי זיינען געוואָרן בייז און פערביטערט, דורכגענומען מיט א קעלט פון אויפערזוכט. דיזעס האָט זיי אין דער ווירקליכקייט געטריבען אויף געגענזייטיגע ווענען. וואָרפענדיג איינעם אין רעוואָלוציאָנערע פערצווייפלונג, שטופּענדיג דעם אנדערן אין געמאכטע געמעסיגקייט, אוועקטראָגענדיג זיי בייזען אויסערהאלב זייערע אמת'ע אידעען אין דעם בלינדען שיקזאל פון ראָלען, וואָס מען קלייבט אליין ניט אויס. און סואוואַרין, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו זייער קריגעריי, האָט געלאָזט זעהן אויף זיין געזיכט פון א בלאָנדען מיידעל א שווייגענדע פעראכטונג, דיא נידערשלאָגענדע פעראכטונג פון א מאן, וואָס איז בערייט צו אָפּפּערן זיין לעבען אָהן שום גערויש, אין דונקעלהייט, אָהנע צו זוכען צו קריגען דעם נאָמען מארטירער.

— אָט אזוי דיינקסטו עס וועגען מיר? האָט עטיען געפרעגט. דו ביזט אויפּערזיכטיג?

— אויפערזיכטיג, אויף וואָס? האָט ראסעניער גיענטפערט. איך שטעל זיך ניט ארויס פאר א גרויסען מאן, איך זוך ניט צו בילדען א סעקציע אין מאָנסטו, אום צו ווערן איהר סעקרעטער....

עטיען האָט איהם געוועלט איבערשלאָגען דיא רייד, אָבער דער שיינקער האָט פאָרטגעזעצט:

— זיי דאָך אויפריכטיג! דו האָסט דאָך אין ד'רערד דיא אינטערנאציאָנאלע, דו ברענסט נאָר צו ווערען ביי אונז דער ערשטער, צו ווערן דער העררר קאָרעספּאָנדענט מיט דעם בעריהמטען פעדעראל־ראטה.

עטליכע מינוטען האָבען ביידע געשוויגען, נאכהער האָט עטיען, ציטערנדיג פון ערגערניס און אויפרעגונג, געזאָגט:

— גוט.. איך האָב געגלויבט, אז מען קען גענען מיר גאָר ניט אויסזעצען. איך האָב אלע מאָל זיך בעראטהען מיט דיר, ווייל איך האָב געוואוסט, אז דו האָסט דאָ געקעמפּפט לאנג פאר מיר. אָבער אזוי וויא דו קענסט ניט ליידען ווען עס איז לעבען זיך, וועל איך פון יעצט אָן אליין האנדלען....און איך לאָז דיר טאקי גלייך וויסען, אז דיא פערזאמלונג וועט דאָך שטאטפינדען, אפילו ווען פּלושאר וועט ניט קומען, און אז דיא קאמעראדען וועלען דאָך צושטעהן צו דיא אינטערנאציאָנאלע, טראָטץ דייר.

— אָה, צושטיין, צושטיין, האָט דער שיינקער געענטפערט, דאס איז מעג־ליך...... מען וועט זיי נאָך אָבער דארפען מאַכען צאָהלען דיא בייטרעגע.

— עס הייבט זיך גאר ניט אָן. דיא אינטערנאַציאָנאַלע גיט צייט דיא ארבייטער וואס זיינען אין סטרייק. מיר וועלען צאָהלען שפּעטער, און יעצט וועט זיא אונז קומען צו הילף.

ראַסענעיר איז ביי דיזע ווערטער מיט א מאָל אין כעס געוואָרן.

— נו, מיר וועלען עס נאָך זעהן! האט ער אויסגערופען. איך וועל זיין אויף דיין פערזאמלונג און איך וועל אויך ריידען. יאָ, איך וועל ניט לאָזען מען זאָל פערדרייהען א קאָפּ מיינע קאמעראַדען און איך וועל זיי ערקלערען, וואו זייערע וואהרע אינטערע־סען ליגען; און מיר וועלען זעהן, וועמען זיי וועלען הערען, מיך, וועמען זיי קענען זייט דרייסיג יאָהר, אדער דיך, וואס האט דאָ אַלעס איבערגעקעהרט אין וויינינגער וויא א יאהר צייט...... ניין! ניין! קיינע געשפּרעכען מעהר, יעצט בלייבט נאר צו זעהן, ווער וועמען וועט צודריקען!......

און ער איז ארויס פון זאל, דערלאַנגענדיג אַזא קלאַפּ מיט'ן טיר, דאס דיא פּאַפּירענע גירלאַנדען זיינען ארונטערגעפאלען פון אויבען און די קארטען אויף דיא ווענט האבען א שפּרונג געטאָן.

סואוואַרין האט זיך אַלץ רוהיג געדרייט זיין סיגארעט, זיצענדיג לעבען טיש נאָכדעם וויא עטיען איז א מינוט ארומגעגאַנגען שווייגענדיג איבער'ן זאאל, האט ער זיך אויסגערעדט דיא הארץ. ער האט זיך פערטהיידיגט, דאס ער האט געזוכט פּאָפּולאַריטעט, ער האט זאָגאר ניט געוואוסט, וויא אזוי דאס אַלעס איז געקומען: דיא פריינדליכקייט פון דערפעל, דאס צוטרויען פון דיא קוילענגרעבער און דער איינפלוס, וואס ער האט יעצט איבער זיי. ער האט זיך ווילד געערגערט, וואס מען קען איהם בעשולדיגען, אז ער זוכט נאר אויס אמביציע אריינצוטרייבען דיא קאמעראַדען אין א זומפּ און, שלאַגענדיג זיך מיט'ן פויסט אין ברוסט, האט ער געשוואָרען, אז ער מיינט עס אַלעס עהרליך, וויא א ברודער צו ברידער.

פּלוצלונג האט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבען דעם רוסע און האט אויסגעשריען:

— וויסטו, ווען איך וואָלט וויסען, אז איך וועל קאסטען איין טראָפּען בלוט מיינעם א פריינד, וואָלט איך גלייך אנטלאָפען נאָך אמעריקא!

סואוואַרין האט א מאַך געטאָן מיט דיא פּלייצעס, און א פערעכטליכער שמייכעל האט זיך ווידער בעוויזען אויף זיינע ליפּען.

— אָה, בלוט! האט ער אזוי וויא צו זיך געזאָגט. וואס מאַכט עס אויס? דיא ערד נייטיגט זיך אין דעם.

עטיען, וועלכער האט זיך אָנגעפאַנגען א ביסעל צו בערוהיגען, האט זיך אני־דערגעזעצט לעבען טיש געגענאיבער דעם רוסע. סואוואַרין'ס בלאָנדע געזיכט, וועמעס טרוימענדע אויגען פלעגען מאַנכעסמאָל טראָגען א ווילדען רויטליכען אויסזעהען, האט בעאונרוהיגט עטיענען און האט אויסגעאיבט אויף זיין ווילען עפּעס א זאָנדערבאַרע ווירקונג.

— וואס וואָלסטו געטאָן אויף מיין פּלאַץ? האט עטיען געפרעגט, זעהענדיג אז סואוואַרין זיצט אַלץ פערטראַכט און שוויינט. האָב איך דען ניט רעכט, וואס איך וויל, אז מען זאָל עפּעס אויפטאָן? ניט אמת, דאס בעסטע איז אז מען זאָל צושטיין צו דיא אינטערנאַציאָנאַלע?

סואוואַרין האט לאַנגזאם ארויסגעלאָזען א פולען אָטהעם רויך און האט געענט־פערט מיט זיין געוועהנליכען און גלייבטען אויסדרוק.

— אָה, נאַרישקייטען!.... דערווייל בלייבט נאָך אַלץ ביי'ם אַלטען, אָבער דיא אינטערנאַציאָנאַלע וועט באַלד א ניי טאָן... ער בעשעפטיגט זיך מיט איהר....

— ווער איז עס ?

— ער !....

סואוואַרין האָט אויסגערעדט דיזען וואָרט מיט א האַלבע שטיממע, מיט דעם אויסזעהען פון רעליגיעזע בעגייסטערונג, וואַרפענדיג זיין בליק אויף דיא מזרח זייט. דאָס האָט ער גערעדט פון דעם לעהרער, פון באַקונין דעם אויסראָטער.

— נור ער אליין קען דערלאנגען דעם ריעזען קלאַפּ, האָט ער פאָרטגעזעצט, וועהרענד אלע דיינע געלעהרנטע זיינען פייגלינגע מיט זייער עוואָלוציאָן.... אין ווייניגער וויא דריי יאָהר צייט וועט דיא אינטערנאַציאָנאַלע, אונטער זיין פיהרונג, פערניכטען דיא אַלטע וועלט.

עטיען האָט אויסגעשטעלט דיא אויערען און האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט. ער האָט געברענט צו לערנען, זיך צו בילדען, צו פערשטיין דיעזע לעהרע פון פערניכטונג, איבער וועלכע סואוואַרין פלעגט נאָר ארויסריידען דונקעלע פראַזען אזוי וויא ער וואָלט פאַר זיך וועלען בעהאַלטען דיא געהיימניסע.

— ערקלער מיר דאָך ענדליך...., וואָס איז אייער צוועק ?

— אלעס פערניכטען.... קיינע נאַציאָנען מעהר, קיינע רעגירונגען, קיין אייגענטהום, קיין גאָט, קיין רעליגיאָן.

—איך הער דאָס גוט, אָבער צו וואָס פיהרט דאָס אייך ?

— צו דער אורשפּרינגליכער קאָמונע אָהן פאָרמען, צו א נייער וועלט, צו דיא בענייערונג פון אַלעס.

— און דיא אויספיהרונגס-מיטעל ? וויא אזוי רעכענט איהר דערצו צוקומען ?

— דורך פייער, דורך גיפט, דורך שפּיזען. דער באַנדיט איז דער ריכטיגער העלד, דער ראַכנעהמער פאַר'ן פאָלק, דער רעוואָלוציאָנער אין דער טהאַט, אָהן אין ביכער געשעפּטע פראַזען. מען מוז, דאָס א גאַנצע רייהע פון שרעקליכע אַטענטאַטען זאָל ארויפיאָגען א שרעק אויף דיא הערשער און אויפוועקען דאָס פאָלק.

ריידענדיג אזוי, פלעגט סואוואַרין ווערן שרעקליך. א בלינדע בעגייסטערונג האָט איהם אויפהייבען פון זיין שטול, א מיסטישער (געהיימניספאָלער) פלאַם האָט אָפּגעשיינט פון זיינע אויגען, און זיינע קליינע הענד האָבען געדריקט דיא ברעגעס פון טיש ביז צום צוברעכען. א דערשראָקענער האָט איהם עטיען אָנגעקוקט, און אויף דיא געדאַנקען זיינען איהם ארויף דונקעלע געשיכטען, פון וועלכע ער האָט פריהער ווייניג געהערט, געשיכטען וויא מען האָט אונטערגעמינעוועט דעם צאַר'ס פּאַלאַץ, וויא מען האָט געשטאָכען שעפען פון זשאַנדארן, וויא איינער האָט געשיקט מיט דיא אויגען א לעצטען קוס צו זיין געליעבטע, וועלכע מען האָט געהאַנגען אויף א עפענטליכען פלאַץ.

— ניין ! ניין ! האָט געזאָגט עטיען, א ווילדען מאַך טוענדיג מיט דיא האַנד, אזוי וויא ער וואָלט אָפּיאָגען פון זיך דיא שרעקליכע בילדער. מיר זיינען נאָך ניט געקומען דערצו ביי אונז. מאָרד, אונטערצינדונג — ניעמאַלס ! דאָס איז שוידערליך, דאָס איז אונגערעכט, אַלע קאַמעראַדען וועלען זיך א הייב טאָן, אום צו דערשטיקען דעם שולדיגען.

ער האָט אַלץ ניט פערשטאַנען סואוואַרין'ס טעאָריען, זיין פערשטאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בעגעהמען דיעזען כמארען טרוים פון אויסראָטונג, פון ארונטערהאַקען דיא מענשהייט אזוי וויא מען שניידט ארונטער גראָז פון א פעלד. און נאָכהער — וויא וועט מען שאַפען דיא פעלקער ? ער האָט פערלאַנגט איין ענטפער.

— ערקלער מיר דיין פּראָגראַם, האָט ער געזאָגט. מיר ווילען וויסען, וואוהין מיר גייען.

דאַן האָט סואוואַרין געמיטהליך געענטפערט, פערטיעפט מיט זיינע בליקען אין דער ווייטקייט.

— יעדער רעזאָנירען וועגען דיא צוקונפט איז א פערברעכען, ווייל עס פערהינדערט דיא ריכטיגע צערשטערונג און פערהאַלט דעם גאַנג פון די רעוואָלוציאָן.

דאָס האָט געמאַכט עטיענען זיך פאַנאַנדערלאַכען, טראָצדעם וואָס דיזע אנטוואָרט האָט אויף איהם א קעלט ארויפגעבלאָזען. ער האָט צוגעגעבען, אז עס איז דאָ עטוואָס גוטעס אין דיזע אידעען, וועלכע האָבען איהם צוגעצויגען צו זיך מיט זייער שרעקליכע איינפאַכקייט, נאָר דאָס וואָלט געהייסען איבערלאָזען א פרייען פּלאַץ פאַר ראַסענעיר'ן, אויב מען זאָל דיא קאַמעראַדען פּרעדיגען אזעלכע זאַכען. מען דאַרף זיין פּראַקטיש.

דיא אַלמנה דעזירע האָט זיי פאָרגעשלאָגען א מיטאָג, און זיי האָבען עס אָנגענומען. נאָך'ן עסען האָט ס'אַהאַרין זיך אויפגעהויבען, אום אוועקצוגיין, אָבער עטיען האָט איהם געבעטען צו פערבלייבען אויף דיא פערזאַמלונג.

— צו וואָס? איך זאָל ווידער אייך הערען רעדען נאַרישקייטען!.... איך האָב שוין גענוג געהערט. גוטען אבענד.

און ער איז אוועק מיט זיין גוטמוטהיגען און פערטרוימטען אויסקוק, רויכערנדיג א סיגאַרעטע.

עטיען איז געוואָרען אַלץ אונרוהיגער. עס איז שוין געווען איינס א זייגער, און פלושאַר איז נאָך אַלץ ניט געקומען. ארום האַלב נאָך איינס האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו בעווייזען דיא דעלעגאַטען, און ער האָט זיי אַליין געמוזט אויפנעהמען, אום איבערצופאַסען אז דיא שפּיאָנען פון דער קאָמפּאַניע זאָלען זיך ניט ארייננכאַפּען. ער האָט פאָרזיכטיג נאָכגעקוקט יעדען איינלאַדונגס־בריעף, בעטראַכטענדיג שאַרף דיא געזיכטער פון דיא אָנגעקומענע. עס איז גענוג געווען ער זאָל איינעם קענען, אום מען זאָל איהם גלייך ארייןלאָזען אין זאַל. ווען עס האָט געשלאָגען צוויי, האָט זיך בעוויזען ראַסענעיר, וועלכער האָט זיך אָבגעשטעלט צו ענדיגען רויכערן זיין לולקע און צו ריידען אביסעל. דיא גע־מאַכטע גלייכגילטיגקייט און ארויספאָדערנדע רוהע פון דעם שיינקער האָבען שטאַרק צורודערט עטיען'ס נערווען, און נאָך מעהר, וואָס מאַנכע פוסטע יונגען און שפּאַס־טרייבער, וויא זאַשאַריע און מוקע, זיינען געקומען א ביסעל אָפּלאַכען, און אַנדערע האָבען זיך גאָר געבייזערט אויף דעם סטרייק, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן מיט זיך אין דיעזען געצוואונגענעם ארומגיין־ליידיג; און צוזאַמענקלייבענדיג זיך לעבען דיא שיינקטישען און אויסגעבענדיג זייערע לעצטע גראָשענס אויף ביער, האָבען זיי זיך לוסטיג געמאַכט, אָפּגעלאַכט פון דיא קאַמעראַדען, דיא איבערצייגטע, וואָס קלייבען זיך צוזאַמען צו שלינגען זייערע צונגען.

נאָך א פערטעל שטונדע איז פאָריבער געגאַנגען, און אין זאַל איז מען געוואָרען אונגעדולדיג. דאַן האָט עטיען אין פערצווייפלונג א מאַך געטאָן מיט'ן האַנט און האָט זיך שוין בעשלאָסען אריינצוגיין אין זאַאַל, אָבער אין דער מינוט האָט דיא אלמנה דעזירע, וועלכע האָט ארויסגעשטעלט איהר קאָפּ דרויסען, אויסגעשריען:

— אָט איז ער, אייער העררן!

און עס איז טאַקע געווען פלושאַר. ער איז אָנגעקומען אין א וועגעלע, געפיהרט פון א קליינעם אויסגעדאַרטען פערד. ער איז גלייך אראָפּגעשפּרונגען, אָנגעטאָן אין א שוואַרצען ראָק און אויסגעפּוצט וויא איין ארבייטער אין יום טובים. זייט 5 יאָהר האָט ער זיך ניט צוגעריהרט צו א פייל, און ער האָט געזעהן צו זיין אָנשטענדיג געקליידעט, שיין פריקאַמט, איבערנעהמענדיג זיך זעהר שטאַרק מיט זיינע ערפאָלגען אלס אָגיטאַטאָר. אָבער זיינע גליעדער זיינען געבליבען פערהאָרעוועט פון דער פריערינע ארבייט אין דיא פאַבריקען, און זיינע נעגעל וואָס זיינען צוגעסען געוואָרען פון אייזען האָבען שוין מעהר ניט געוואַקסען. ער איז געווען זעהר טהעטיג און האָט בעפרידיגט זיין אמביציע, ארומפאָהרענדיג איבער דער פּראָווינץ און אָגיטירענדיג פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלע.

— אַ, איך נים אַן בעם אויף מיר! האָט ער געזאָגט פאַרכאַפּענדיג [illegible]

די‌א פארווירפע און פראגען, נעכטען האב איך נעהאט צו ריידען אין דער פריה און פרעאי און ביי נאכט אין וואלענסעי. היינט האב איך געמוזט זיין אין מארשיעי און האב קוים צייט געהאט צו קומען אהער. איך בין אויסגעמאטערט, איהר קענט עס וויסען נאך מיין שטימע, אבער עס מאכט ניט, איך וועל דאך ריידען.

ער האט שוין געהאלטען ביי'ן ארייננייין אין זאל, ווען ער האט זיך אן עפעס דערמאנט און זיך אומגעקעהרט צוריק.

— צום טייוועל! און די‌א קארטען האב איך פערגעסען! מיר וואלטען שעהן אויסגעזעהען.

און ער איז צוגעגאנגען צום וואגען און האט ארויסגענומען פון זיין קאסטען א קליינע שווארצע קעסטעלע, וועלכע ער האט ארונטערגענומען אונטער'ן פאכווע.

עטיען, גאר אפגעלעבט און שטראהלענדיג פון פריידע, איז געגאנגען נאך איהם, וועהרענד ראסענעיר, זעהר צורודערט, האט ניט געוואגט צו דערלאנגען איהם די‌א האנט. פלושאר האט אבער אליין אנגעכאפט זיין האנט און האט צו איהם שנעל געזאגט: „וואס פאר איין אייגפאל! ווארום זאל מען ניט האלטען דיזע פערזאמלונג? מען דארף שטענדיג מאכען פערזאמלונגען, ווען מען קען נאר".

אזוי וויא פלושאר האט זיך געאיילט, ווייל ער האט נאך געדעכענט צו זיין אבענד אין זשאטעל, האט מען זיך גלייך גענומען אפצוהאלטען די‌א פערזאמלונג, און די‌א טיר האט מען פערשלאסען, אום צו זיין וויא ביי זיך צו הויז, וואס עס האט ארויסגערופען פיעלע שפאסווערטלאך ביי זאשאריע, מוקע און אנדערע לוסטיגע חברה.

א הונדערט קוילענגרעבער זיינען געזעסען אויף די‌א בייגקלאך אין דעם ענגען זאל, וואו געררוכען פון דעם לעצטען באל האט זיך געלאזט פיהלען. עס האבען זיך געהערט שטילע געשפרעכען, און ווען איינער פלעגט אריינקומען, פלעגען זיך פיעלע ארומקוקען. ווען פלושאר איז אריין, האבען אלע אויסגעשטעלט אויף איהם די‌א אויגען, און עס איז קענטיג געוועהן, אז זיין שווארצער ראק האט זיי ערשטוינט און עפעס קאלאמוטנע געמאכט.

אויף דעם פארשלאג פון עטיענען האט מען זיך גענומען צו וועהלען א פארזיצענדען און א סעקרעטער פון דער פערזאמלונג. ער האט פארגעשלאגען נעמען, און די‌א איבריגע האבען צוגעשטימט, אויפהייבענדיג די‌א הענט. פלושאר איז אויסגעוועהלט געווארען אלס פארזיצענדער, און מאהיי און עטיען אלס געהילפס-פארזיצענדע.

פלושאר האט מיט איין אנגעשטרענגטע שטימע בעדאנקט די‌א פערזאמעלטע פאר די‌א גוטע אויפנאהמע, האט זיך ענטשולדיגט, וואס ער האט פערשפעטיגט, ערקלערענדיג אז ער איז זעהר בעשעפטיגט און אויסגעמאטערט, און האט נעגעבען דאס ווארט צו ראסענעיר'ן, וועלכער האט פערלאנגט דער ערשטער.

דער שיינקער האט זיך אנידערגעשטעלט אויף א שטול, אום צו ריידען, און איז געוועזען זעהר אויפגערעגט. זיין איינפלוס איבער די‌א קוילענגרעבער איז געקומען פון דעם וואס ער האט גערעדט זעהר פלייסיג און גוטמוטהיג, און פון זיין געשליפענעם מויל זיינען געפלאסען ווערטער שטונדענלאנג, אהן שום אנשטרענגונג פון זיין זייט. ער איז געשטאנען פעסט, האט ניט זשעסטיקולירט, האט אונטערגעשמייכעלט, און די‌א צוהערער פלעגט ער אזוי וויא דערטרינקען אין דעם ים ווערטער און זיי ארייגקלאפען אין קאפ, אז זיי האבען אלע געשריען: „יא, יא, דאס איז ריכטיג, דו האסט רעכט"! אבער דיזעס מאל האט ער ביי די‌א ערשטע ווערטער זיינע געפיהלט א פערביסענע אפאזיציאן. דארום האט ער גערעדט זעהר פארזיכטיג. ער האט נור נעטענה'ט וועגען די‌א פארטזעצונג פון סטרייק, ווארטענדיג אויף אפלאדיסמענטען, אום נאכהער צו קענען אטאקירען די‌א אינטערנאציאנאלע. געוויס, די‌א עהרע פערבאט אונז נאכצוגעבען די‌א פארדערונגען פון דער קאמפאניע, אבער וואס פאר צרות האבען דערפאר! וואס פאר

א שרעקליכע צוקונפט, אויב מען וועט נאר דארפען ווייטער פארטזעצען דעם קאמפף! און אויסמיידענדיג זיך אויסצושפרעכען דירעקט פאר אונטערגעבען זיך, האט ער אבגעשוואכט דעם מוטה, צייגענדיג אויף דיא פאמיליעס, וואס שטארבען שוין פון הונגער און פרעגענדיג, אויף וועלכע מיטעל רעכענען דיא אנהעננער פון ווידערשטאנד. דריי אדער פיער פון זיינע פריינד האבען פרובירט פאר־משען בראוואָ, אבער דאס האט נאך אויפפאלענדער געמאכט דיא קאלטע שטילקייט פון דיא פערזאמעלטע, און דיא אונצופרידענהייט מיט זיינע רייד איז אלץ געוואקסען. דאן, שוין ניט האפענדיג מעהר זיי צו בעקעהרען אויף זיין זייט, האט ער לויז געלאזען זיין גאנצע כעס, און האט זיי אנגעהויבען צו שילדערן אונגליקען, אויב זיי וועלען זיך לאזען פארדרייען א קאפ פון אויפהעצונג, וואס קומען פון דער פרעמד. צוויי דריטעל פון דיא צוהערער האבען זיך דאן אויפגעהויבען פון זייערע ערטער, זעהר אויפגעבראכט, און האבען איהם ניט געוועלט מעהר לאזען ריידען, ווייל ער האט זיי בעליידיגט, בעהאנדלענדיג זיי וויא קינדער וואס זיינען ניט פעהיג אליין זיך צו פיהרען. אבער ער, כאפענדיג אלע ווייל א טרונק ביער פון דעם קריגעל, וואס דיא אלמנה דעזירע האט אוועקגעשטעלט פאר דיא רעדנער, האט דאך גערעדט אין דעם געטומעל, שרייענדיג מיט היץ און מיט אלע כוחות, אז ער איז ניט פון דיא יעניגע, וואס מען וועט אפהאלטען צו טאן זיין פפליכט.

פלושאר האט זיך אויפגעהויבען, אבער ניט האבענדיג קיין גלעקעל, האט ער געקלאפט מיט'ן פויסט איבערן טיש, רופענדיג צו ארדנונג. ווען ער איז געווארען א ביסעל שטילער, האט דיא פערזאמלונג צוריקגעצויגען דאס ווארט פון ראסענעיר'ן. דיא דעלעגאטען, וואס האבען פארגעשטעלט דיא מינעס און דיא פערהאנדלונג מיט דעם דירעקטאר, האבען געווירקט אויף די אנוועזענדע, אז זיי זאלען ארויסטרעטען געגען ראסענעיר'ן.

— דו האסט עס אין ד'רערד! דו האסט וואס צו עסען! האט געוואלדעוועט לעוואק, אויסשטעלענדיג זיין פויסט צו ראסענעיר'ן.

עטיען האט זיך איינגעבויגען, הינטער דעם פארזיצענדען'ס רוקען, אום צו בערוהיגען מאהיי'ן, וועלכער איז געווען אויסער זיך פון כעס דורך דעם שיינקערס צבועצקע רעדע.

— בירגער, ערלויבט מיר צו נעהמען דאס ווארט. האט פלושאר אויסגערופען.

און מיט אמאל איז אין זאאל טויט־שטיל געווארען. זיין שטימע האט געהילכט הייזעריק און וויא מיט א זעג; אבער ביסלעכווייז האט ער איהר אויפגעהויבען און האט גערעדט פייערדיג. ער האט בעזאנדערס געזוכט צו צייגען דיא גרויסקייט און דיא גליקען פון דיא אינטערנאציאנאלע. ער האט ערקלערט איהר צוועק—דיא בעפרייאונג פון ארבייטער קלאס; ער האט אנגעצייגט אויף איהר הערליכע ארגאניזאציאן: צו ערשטען דיא געמיינדע, העכער דיא פראווינץ, נאך העכער דיא נאציאן און נאר אויף'ן שפיץ דיא מענשהייט. זיינע הענט האבען זיך לאנזאם בעוועגט אזוי וויא אויסשטעלענדיג דיא עטאזשען, אנצייגענדיג דעם אונגעהייערען טעמפעל פון דיא צוקינפטיגע וועלט. נאכהער האט ער ערקלערט דיא אינערליכע פיהרונג, האט פארגעלעזען דיא סטאטוטען, האט גערעדט פון דיא קאנגרעסען, פון דיא וויכטיגע ראלע וואס דיא אינטערנאציאנאלע שפיעלט אין דער וועלט, וויא זיא האט זיך אנגעפאנגען פון דיסקוסיאנען איבער לוינען און אטאקירט יעצט דיא גאנצע געזעלשאפטליכע געביידע, שטרעבענדיג צו דיא אפשאפונג פון דיא לוין־סיסטעם אין גאנצען. קיינע נאציאנען מעהר, דיא ארבייטער פון דיא גאנצע וועלט צוזאמענגעבונדען אין דעם אלגעמיינעם שטרעבען צו גערעכטיגקייט, אפראמענדיג דיא בורזשוא־פוילענעס, גרינדענדיג ענדליך א פרייע געזעלשאפט, וואו דער יעניגער וואס וועט ניט ארבייטען, [illegible] ניט געניסען.

אלע האָבען צוגעשאָקעלט מיט דיא קעפּ, און איינינע האָבען אויסגעשריען :

— בראוואָ ! גאַנץ ריכטיג. אַט אַזוי וועט עס זיין !

פלושאר האָט זיך צוהיצט און האָט ווייטער גערעדט. ער האָט אויסגערעכענט דיא איינגענומענע פעלקער, האָט בעוויזען וויא פון אלע זייטען שטיימט מען צו צו דיא אינטערנאציאָנאַלע און האָט פאָראויס געזאָגט, אז אין דריי יאָהר ארום וועלען דיא אַרבייטער איינגעהמען דיא וועלט. און ווען מען וועט זיין דיא זיעגער, דיא בעלי בתים, וועט מען דיקטירען דיא געזעצע געגען דיא קאַפּיטאַליסטען, און זיי וועלען פיהלען דעם שאַרף פון דעם מעסער.

— יאָ, יאָ !.... מען וועט זיי אַרונטערהאַקען ! האָבען דיא צוהערער געשריען.

מיט אַ מאַך פון האַנד האָט ער פערלאַנגט רוהע. יעצט איז ער איבערגעגאַנגען צו דער פראַגע וועגען סטרייקס. אין פּרינציפּ איז ער געווען געגען זיי, דען דאָס איז אַ צו לאַנגזאַמער מיטעל, וועלכער פערשאַרפט נאָך פיעלייכט די צרות פון דעם אַרבייטער-אָבער וואָס-טענדיג אויף עטוואָס בעסערס, ווען אַ סטרייק ווערט אַ נויטווענדיגקייט, מוז מען עס טאָן, דען אַ סטרייק האָט דיעזע מעלה, וואָס דער קאַפּיטאַל ווערט דאַדורך געשטערט און אין אונאָרדנונג געבראַכט. און אַזאַ פאַל האָט ער געצייגט דיא אינטערנאַציאָנאַלע אלס פערזאָרגערין און רעטערין פון דיא סטרייקערס און האָט געבראַכט ביישפּיעלע : אין פּאַריז, אין דער צייט פון דעם בראָנזען-אַרבייטער סטרייק, האָבען דיא פאַבריקאַנטען מיט אַ מאָל נאָכגעגעבען אויס שרעק, דאָס דיא אינטערנאַציאָנאַלע וועט שיקען הילפע צו דיא סטרייקערס ; אין לאָנדאָן האָט דיא אינטערנאַציאָנאַלע געמאַכט געווינען אַ סטרייק פון קוילענגרעבער דורך דעם, וואָס זיא האָט אָפּגעשיקט אויף איהר רעכנונג אַ געוויסע צאָהל בעלגישע אַרבייטער, וואָס דיא קאַפּיטאַליסטען האָבען געבראַכט צו פיהרען. עס איז גענוגענד צו צו שטיין צו דיא אינטערנאַציאָנאַלע, אום דיא קאָמפּאַניעס זאָלען ציטערן מען טרעט דאַן אַריין אין דער גרויסער אַרבייטער אַרמיע, ענטשלאָסען צו שטאַרבען איינער פאַר דעם אַנדערן, איידער צו פערבלייבען דיא שקלאַפען פון דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט.

אַפּלאָדיסמענטען האָבען איהם אונטערבראָכען. ער האָט אָבגעווישט מיט אַ טיכעל דעם שוויס, אָבזאָגענדיג זיך פון אַ גלאָז ביער, וואָס מאַהיי האָט איהם דערלאַנגט, און ווען ער האָט געוועלט פאָרטזעצען זיין רעדע, האָבען איהם נייע אַפּלאָדיסמענטען אונטערבראָכען.

— יעצט איז דיא צייט ! האָט עטיען שנעל גיזאָגט, דיא קאַרטען !

און ער האָט אַרויסגענומען פון אונטערן טיש אַ קליין שוואַרצע קעסטעלע.

— קאַמעראַדען ! האָט ער אויסגערופען איבערהילכענדיג דעם גערויש. אָט זיינען דיא מיטגליעדער קאַרטען. זאָלען דיא דעלעגאַטען צוקומען אַהער, איך וועל זיי עס געבען, און זיי זאָלען עס צוטהיילען צו דיא קאַמעראַדען...... נאָכהער וועט מען שוין אַלעס אויסרעגולירען.

ראַסעניער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער בּיהנע און האָט נאָך אַ מאָל פּראָטעסטירט. עטיען האָט זיך אויך געקאָכט, וועלענדיג האַלטען אַ רעדע, און עס איז געוואָרן אַ גרויסע צומישעניס. לעוואַק האָט אויסגעשטעלט זיינע קולאַקעס אַזוי וויא זיך צו שלאָגען. מאַהיי איז געשטאַנען און האָט גירעדט, כאָטשע קיינער האָט אַ וואָרט נים גיקענט הערען.

פלוצלונג האָט זיך דיא קלענערע טיר פון זאַאל געעפענט, און דיא אלמנה דעזירע האָט אויסגעשריען אויף'ן קול :

— שוויינט דאָך אום גאָטעס ווילען !.... זשאַנדאַרמען זיינען דאָ !....

פיער זשאַנדאַרען האָבען זיך ווירקליך בעוויזען, אָבער זיי זיינען נאָר געקומען אלס בעגלייטער פון דעם פּאָליציי-קאָמיסאַר, וועלכער האָט געוואָלט מאַכען אַ פּראָ

טאָקאָל און פאַנאַנדעריאָגען דיא פערזאמלונג אין נאָמען פון געזעץ און אָרדנונג. דיא אַלמנה דעזורע האָט זיי שוין א מינוט פינף אַמוזירט ביי'ן טהיר, ענטפערנדיג זיי, אז זיא איז ביי זיך, אז זיא האָט א רעכט צוזאַמענצורופען איהרע פריינד אויף איין אונטערהאַלטונג; אָבער דיא זשאַנדאַרמען האָבען איהר אָפּגעשטויסען אָן א זייט, און זיא איז דאַן צוגעלאָפען צו ווארנען „איהרע קינדער".

— איהר מוזט אַנטלויפען דורך דאַנען, האָט זיא אויסגערופען, אָנצייגענדיג אויף א טירעל צו א קעמעריל. א לומפּינער זשאַנדארם היט דעם הויף. עס מאַכט אָבער ניט אויס, דער קעמערל עפענט זיך צו דיא גאַסעל.... איילט זיך אָבער!

דער קאָמיסאַר האָט שוין געקלאַפּט אין טיר, און אַזוי וויא מען האָט איהם ניט געענטפערט, האָט ער געסטראַשעט איהר אויפצוברעכען. א פעררעטהער האָט וואהר־שיינליך געמעלדעט וועגען דיזע פערזאמלונג, דען דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט געשריען, אַז זיא איז איין אונגעזעצליכע און אז א גרויסע צאָהל קוילענגרעבער געפינען זיך אין זאַל אָהן איינלאַדונגס קאַרטען.

אין זאַל איז דיא מהומה געוואָרען נאָך גרעסער. מען האָט ניט געקענט אַזוי גלאַט אַנטלויפען, דען מען האָט נאָך ניט געשטימט ניט וועגען צוטרעטען צו דיא אינטערנאַציאָנאַלע, ניט וועגען פאָרטזעצען דעם סטרייק. אַלע האָבען זיך צומישט און גערעט צוזאַמען. דער פאָרזיצענדער איז ענדליך געפאַלען אויף דעם פּלאַן צו שטימען דורך יא און ניין אין הייכענעס. העכט האָבען זיך א הויב געטאָן, און פיעלע דעלעגאַטען האָבען שנעל אויסגערופען, אַז זיי טרעטען צו אין נאָמען פון זייערע קאַמעראַדען, און אויף אזא שטייגער זיינען דאָס דיא צעהן טויזענד קוילענגרעבערס פון מאָנטסו געוואָרען מיטגלידער פון דיא אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער אַסאָסיאַציאָן.

אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך אָנגעפאַנגען צו שטופּען פון זאַל. אום צו בעשיצען דיא קוילענגרעבער, האָט זיך דיא אַלמנה געשטעלט לעבען דער טיר, וואָס דיא זשאַנדאַרען האָבען געבראָכען מיט זייערע שווערדען. שפּרינגענדיג איבער דיא ביינק, האָבען זיך דיא קוילענגרעבערס ארויסגעכאַפּט דורך דיא טירעל צום קעמערל און דורך דיא קיך. ראַסענער האָט זיך אַבגעטראָגען איינער פון דיא ערשטע, און לעוואַק האָט איהם נאָכגעפאָלגט, פערגעסענדיג אָן זיין בעליידיגען דעם שיינקער און טראַכטענדיג, וויא מיט איהם גוט צו ווערן און צו קריגען ביי איהם א שאָפּעל ביער. נאָכדעם וויא ער האָט צוגענומען דיא קליינע קעסטעל, איז עטיען געשטאַנען און געווארט אויף פּלושאַר'ן און מאַהייַ'ן, וועלכע האָבען עס געהאַלטען פאַר איין עהרע ארויסציַיין דיא לעצטע.

גראַדע ווען זיי זיינען ארויס, האָט דער שלאָס זיך אָפּגעריסען, און דער קאָמיסאַר האָט זיך אָנגעשטויסען אָן דיא אַלמנה, וועלכע האָט נאָך אַלץ פאַרבאַריקאַדירט דעם איינגאַנג מיט'ן בויך.

— איך וויים ניט, וואָס איהר האָט אויסגעפיהרט, צוברעכענדיג ביי מיר אַלעס, האָט זיא געזאָגט צום קאָמיסאַר. איהר זעהט דאָך יעצט אַליין אַז קיינער איז ניטאָ.

דער קאָמיסאַר, א לאַנגזאַמער און נעלאַסענער מענש, וועלכער האָט פיינט געהאַט סקאַנדאַלען און דראַמען, האָט איהר פ'ן יוצא וועגען גיסטראַשעט אַריינצוזעצען אין גיפענגניס און איז זיך אוועק מיט זיינע זשאַנדאַרמען אונטער דיא היכבענדע געלעכטער פון זאַשאַריע און מוקע, וועלכע זיינען ענטציקט געוואָרען פון דעם שפּיצעל, וואָס זייערע קאַמעראַדען האָבען אָפּגיטאָן דיא אָרדנונגס־היטער.

דרויסען איז עטיען, וועלכער איז גיוועזען גישטערט פון דיא קעסטעלע מיט דיא קאַרטען, האַסטיג גילאָפען, און מיט א מאָל איז איהם ארויף אויף דיא גידאַנקען, דאָס ער האָט ניט גיזעהן פּיעראָן'ען אויף דיא פערזאַמלונג. לויפענדיג, האָט איהם מאַהיי גיענטפערט, אַז פּיעראָן האָט זיך געמאַכט קראַנק, אום זיך ניט צו קאָמפּראָמיטירען.

עטיען און אנדערע האָבען גיוועלט פערהאַלטען פלושאַר'ן, אָבער ער האָט ער־קלערט, אז ער מוז גלייך אַפּפּאָהרען נאָך זשואַסעל; און דאַן האט מען צו איהם געשריען: „גליקליכע רייזע!" און מען איז גילאָפען דורך מאָנסו.

עטיען און מאהיי זיינען ביי'ם לויפען גיווען העכסט צופרידען, דען זיי זיינען יעצט, ווען דיא קוילענגרעבער זיינען אין מאַסען צוגישטאַנען צו דיא אינטערנאציאָנאלע, גיווען זיכער אין א זיעג; זיי האָבען ניט געצווייפעלט, אז ווען דיא אינטערנאציאָנאלע וועט אָנפאַנגען צו שיקען שטיצע, וועט דיא קאָמפּאַניע זיך בעטען ביי זיי אָנצופאַנגען דיא ארבייט. אָבער אין דיזע האָפנונג איז אויך גיווען אריינגעמישט עפּעס נאָך, עפּעס נאָך פינסטערעס און בייזעס, א שטרעבונג צו געברויכען געוואַלט.

V.

נאָך צוויי וואָכען זיינען פארביינגעלאָפען. מען האָט געהאַלטען ביי דיא ערשטע טעג פון יאַנואר, ווען דיא קעלט האָט אַלעס ארומגענומען. דיא צרות אין קוילענ־גרעבערס דערפעל זיינען נאָך געוואַקסען, און מען איז פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער. פיער טויזענד פראַנק, וואָס דיא אינטערנאציאָנאלע האָט צוגעשיקט פון לאָנדאָן, האָבען ניט געקלעקט אויף דריי טעג ברויט. און נאָכהער איז שוין קיין שטיצע מעהר געקומען. דיא אָפּגעשטאָרבענע האָפנונג אויף דיא אינטערנאציאָנאלע האָט אַלעמען נידערגעשלאָגען. אויף וועמען זאָל מען יעצט רעכענען, ווען זייערע אייגענע ברידער האָבען זיי פערלאָזען? זיי האָבען זיך געפיהלט וויא פערלאָרענע אין דיזען ווינטער, אָפּגע־זונדערט פון דיא גאַנצע וועלט.

אין דעם דערפעל פון „צוויי הונדערט פערציג" זיינען אַלע מיטעל שוין געווען אויסגעשעפּט. עטיען און דיא אַנדערע דעלעגאַטען האָבען זיך געבראָכען דיא קעפּ וויא צו שאַפען שטיצע פאַר דיא הונגערנדע: מען האָט געקליבען נדבות, געמאַכט קאָלעקציעס אין דיא ארומיגע שטעט, אפילו אין פאַריז גופא, מען האָט אָרגאַניזירט אונטערהאַלטונגען; אָבער דאָס אַלעס האָט גאַנץ ווייניג איינגעבראַכט. דיא עפענט־ליכע מיינונג, וועלכע איז אָנפאַנגס געווען אויפגערעגט, איז געוואָרן גלייכגילטיג נאָכ־דעם וויא דער סטרייק האָט זיך געצויגען אָהן אַ ענד, רוהיג, אָהן שום רוהעשטע־רונגען און אויפרעגענדע פאַסירונגען. דיא מאָגערע שטיצע איז קוים גענוג געווען צו העלפען דיא אָרימסטע פאַמיליען. אַלעס איז אוועק צו דיא פּראָצענטניקעס און קוי־פערס פון אַלטע זאַכען: דיא מעבעל, דיא מאַטראַצען, דיא קיך־געשיר. איין צייט האָבען זיך דיא קוילענגרעבערס שוין געפיהלט גערעטעט, דען דיא קליינע הענדלערס, וועלכע זיינען פערשלונגען געוועזען פון מעגרא מיט זיין גרויסע קראָם, האָבען אָנגע־פאַנגען צו געבען אין קרעדיט, אום צו קריגען זייערע פריהערע קונים; אָבער זיי האָבען עס ניט געקענט אויסהאַלטען מעהר וויא א וואָך, און יעצט איז שוין ניט געווען אין ערגעץ וואָס צו קריגען אין קרעדיט און אויך גאָר ניט צו פערקויפען. עס איז נאָר גע־בליבען צו לייגען זיך אין א ווינקעל און קראַפּירען פון הונגער.

עטיען וואָלט זיין הויט פערקויפט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין געהאַלט אלס סעקרעטער און איז אוועק אין מאַרשיען פאַרזעצען זיינע טוכענע ראָק און הויזען, גליקליך דאָס ער וועט מיט דער געלט קענען שטיצען דיא מאהייס, נאָר דיא שטיוועל האָט ער געלאָזט, אום צו האָבען פעסטע פיס, וויא ער האָט געזאָגט. זיין פערצווייפלונג איז געווען, וואָס דער סטרייק האָט ארויסגעפּלאַצט צו פריה, ווען דיא אונטערשטיצונגס קאַסע האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך אָנצופילען. אין דעם האָט ער געזעהן דיא איינ־ציגע אורזאַכע פון דעם אונגליק, דען דיא ארבייטער וועלען זיכער בעזיעגען דיא פאַברי־קאַנטען, ווען נאָר זיי וועלען האָבען אָבגעשפּאָרט גענוג געלט צו מאַכען ווידערשטאַנד און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דיא ווערטער פון סואַוואַרין, וועלכער האָט בעהויפּטעט.

אז דיא סאמפאני האט אבזיכטליך געטריבען צום סטרייק, אום צו פערניכטען דיא אונ־טערשטיצונגס קאסע.

ער האט נים געקענט צוזעהען דעם צער פון דיא קוילענגרעבערס אהן ברויט און אהן בעהייצונג, און ער פלעגט אוועקגיין און וואנדערן ווייט איבער דיא פעלדער אהן צוועק. איין אבענד, ווען ער איז געגאנגען א היים און איז פארביינעגאנגען לעבען דיא אלטע מינע רעקיאר, האט ער בעמערקט ביי'ן ברעג פון וועג איין אלטע פרוי אין אהנמאכט. זיא איז געפאלען פון שוואכקייט אויס לאנגען הונגער, דאס האט מען אן איהר לייכט געקענט דערקענען; און נאכדעם וויא ער האט איהר אויפגעהויבען, האט עטיען אנגעפאנגען צו צורופען א מייד'ל, וואס האט זיך בעוויזען אויפ'ן וועג.

— אה, דאס ביזטו! האט ער אויסגער פען דערקענענדיג אין דער מיידעל דעם אלטען מוק'ס טאכטער, מוקעט. העלף מיר א ביסעל, מען מוז איהר געבען עפעס טרינקען.

מוקעט, וועלכער איז געוועזען געריהרט ביז צו טרערען, איז שנעל אריינגעלאפען צו זיך, אין דער האלב איינגעפאלענער חורבה, וואס איהר פאטער האט זיך פערנומען צווישען דיא ארומיגע חורבות, און זיא איז באלד ארויסגעלאפען מיט ברויט און א ביסעל שנאפס. דיא עטליכע טראפען בראנפען האבען אפגעלעבט דיא אלט פרוי, און אהנע צו ריידען א ווארט, האט זיא זיך גענומען זשעדנע צו קייען דאס שטיקעל ברויט דאס איז געוועזען דיא מוטער פון א קוילענגרעבער, און זיא איז געפאלען אויפ'ן וועג, קומענדיג פון זואסעל, וואוהין זיא איז אוועק לייהען עטליכע סו ביי א שוועסטער; אבער זיא האט עס נים געקראגען.

ווען זיא האט איינגעשטילט דעם הונגער מיט דיא ברויט, האט זיא זיך אוועקגע־שלעפט אזוי וויא א צודולטע.

עטיען איז געבליבען אליין מיט מוקעטען אין דעם פעלד ארום דיא אלטע און פוסטע מינע.

— נו, און דו ווילסט גאר נים אריינגיין צו מיר כאפען א גלעזעל? האט זיא איהם כוסטינ געפרעגט.

און אזוי וויא ער האט נים געוואוסט, וואס צו ענטפערן, האט זיא געפרעגט:

— אלזא, דו שרעקסט זיך נאך אלץ פאר מיר?

ער איז איהר נאכגינאנגען, צוגעצויגען פון איהר גילעכטער. דיא ברויט, וואס זיא האט גיגעבען דער אלטער מיט אזא פולער און גוטער הארץ, האט איהם בעוואגען צו פיהלען א פריינדשאפט צו איהר. זיא האט נים גיוואלט איהם אויפנעהמען אין איהר פאטער'ס ציממער און האט איהם אריינגעפיהרט אין איהר אייגענעם, וואו זיא האט באלד אנגיגאסען צוויי גלעזלעך ליקער. איהר צימער איז גיוועזען זעהר ציכטיג, און ער האט איהר גימאכט א קאמפלימענט וועגען דעם. ביי דעם אלטען מוק איז אללעס צוגינאנגען כמעט וויא פריהער, און עס האט גאר נים געפעהלט: מוק האט פארטגע־זעצט זיין ארבייט פון פערד־אויפפאסער אין ווארוי, און זיא, אום נים צו בלייבען זיצען מיט ליידיגע הענד, האט זיך גינומען וואשען וועש, פון וואס זיא האט פערדיענט אג־דערהאלב פראנק א טאג. מען קען זיך טרייבען שפאס און פיהרען ליעבעס מיט מענער, האט זיא בעמרקט, אבער מען דארף פון דעסטוועגען נים זיין א פויכענצערין.

— זאג, האט זיא מיט א מאל זיך געווענדעט צו איהם, ארומנעהמענדיג איהם, ווארום ווילסטו מיך נים ליעב האבען?

ער האט זיך נים געקענט איינהאלטען פון לאכען מיט איהר צוזאמען, אזוי האט איהם אמוזירט איהר שעלמישע פראגע.

— אבער איך ליעב דיר זעהר, האט ער גיענטפערט.

— ניין, ניין, נים אזוי וויא איך וויל.... דו ווייסט, איך שטארב פון ליידענ־שאפט צו דיר. אה, דאס וועט מיר אזוי פיעל פענגינגען מאכען!

זייט זעקס מאָנאַט האט זיא עס ביי איהם פערלאַנגט. ער האָט זיא בעטראַכט, וויא זיא האָט איהם ניהאַלטען אריינגינומען, איהר געזיכט אויפגעהויבען צו איהם מיט אזא אויסדרוק פון הייסע ליעבע, דאָס ער איז געוועזן גערירהרט. איהר פעטע גרויסע פיגור איז גאָר ניט געוועזן שעהן, אָבער איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט אזא פלאַם, און זיא האָט עפּעס אזוי אָפּגעלעבט, ציטטערענדיג פון ליידענשאַפט, דאָס זיא האָט אויסגעזעהען פריש און יונג. ער האָט דאַן שוין ניט געקענט מעהר אָפּזאָגען זיך.

— אָה! דו זאָגסט זיך ניט אָפּ! האָט זיא אויסגערעדט, ענטציקט; דו ווילסט!

און זיא האָט זיך אָפּגינגעבען צו איהם מיט דיא צערטליכקייט און ליידענשאַפט פון א בתולה, אזוי וויא זיא וואָלט גאָר קיין מאַן פריהער ניט געקענט. און ווען ער האָט געהאַלטען ביי'ן צוועקגיין, איז זיא גיוועזן פול מיט דאנקבארקייט צו איהם, האָט איהם געדאנקט און געקושט דיא הענט.

עטיען איז געוועזן א ביסעל פארשעהמט פון דיזען צופאַל. קיינער האָט זיך ניט געריהמט מיט מוקעט'ס ליעבע. און גייענדיג אהיים, האָט ער זיך געשוואָרען, אז דאָס זאָל אויך זיין דאָס לעצטע מאָל. אָבער דאָך האָט ער זיא בעטראַכט אלס א בראווע מיידעל און האָט געפיהלט א פריינדשאַפט צו איהר.

ווען עטיען איז אריינגעקומען, אין דערפעל האָט מען איהם איבערגעגעבען אזעלכע נייעס, וועלכע האָבען איהם באַלד געמאַכט פערגעסען אָן דיא ליעבע פון מוקעט. עס איז ארומגעגאַנגען א קלאַנג, אז דיא קאָמפּאַני וועט פיעלייכט עטוואָס נאָכגעבען, ווען מען זאָל וויעדער שיקען דעלעגאַטען צום דירעקטאָר. דיא אויפפאַסערס האָבען פערשפרייט דיעזען קלאַנג, און דיא וואהרהייט איז געוועזן, אז דיא קאָמפּאַניע האָט אויך שטאַרק געליטען דורך דעם קאַמפּף. פון ביידע זייטען האָט דער סטרייק געבראַכט צרות און רואינע. וועהרענד דיא ארבייטער זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער, איז דער קאַפּיטאַל אויך אויסגעגאַנגען. יעדער טאָג פון סטרייק האָט אָפּגעקאָסט דער קאָמפּאַניע הונדערטע טויזענד פראַנק. א מאַשינע, וואָס בלייבט אָהן בעוועגונג, איז א טויטע מאַשינע; און אלע אינסטרומענטען און מאַטעריאַלען זיינען מיט יעדען טאָג פערדאָרבען געוואָרען, און דער קאַפּיטאַל, וואָס איז געוועזן אריינגעלייגט אין דער מינע, איז איינגעשלונגען געוואָרען אזוי וויא וואַסער וואָס פליסט אין זאַמד.

נאָכדעם, וויא דיא קאָמפּאַניע האָט אויספערקויפט דיא זאַפּאַסען קוילען און האָט שוין מעהר ניט געקענט בעפרידיגען איהרע קויפערס, האָבען דיא לעצטע אָנגעפאַנגען צו מעלדען, אז זיי וועלען זיך מוזען ווענדען צו דיא קוילען-קאָמפּאַניעס פון בעלגיען. אָבער דאָס וואָס עס האָט בעזאָנדערס געשראָקען דיא קאָמפּאַניע און וואָס זיא האָט מיט אלע מעגליכקייט געזוכט צו בעהאַלטען, דאָס זיינען געוועזן „דיא צושטערונגען און ערד-איינפאַלונגען אין דיא גאַלעריעס און אין דיא גריבער, וואו מען האָט געהאַקט דיא קוילען. דיא אויפפאַסערס זיינען ניט אין שטאַנד געוועזן צו פערריכטען דיא גאַלעריעס, און דיא אונטערשפּאַרונגען האָבען זיך געבראָכען אין פערשיעדענע פּלעצער, און ערד-פערשיטונגען האָבען זיך געטראָפען יעדע שטונדע. דיעזער שאָדען איז געוואָרען אזוי גרויס, אז עס האָט געמוזט נעהמען מאָנאַטען צו פערריכטען, אום צו קענען זיך נעהמען צום האַקען קוילען.

צווישען דיא קוילענגרעבערס האָט מען דערציילט פערשידענע געשיכטען. אין קרעווקעיר זיינען דיא גאַלעריעס פערשאָטען געוואָרען אויף דריי הונדערט מעטער, פארהאַקענדיג דעם וועג צו דער מינע סענט-טאָם; אין מאַדליין ווערט דיא מינע פערגאָסען מיט וואַסער. איין פריהמאָרגען האָט מען לעבען דיא פּאַילען, דעם נוטבעזיץ פון דיא גרעגוארס, געפינען דיא ערד געשפּאָלטען דורך דעם שטירצען פון א גאַלעריע פון דער מירו-מינע, און אויף מאָרגען האָט זיך א שטיק ערד ארונטערגע-

לאָזען אין וואָריי, צוטרייסלענדיג אזוי א ווינקעל פון דעם קוילענגרעבערס דעָפּעל דאָס צוויי הייזער זיינען שיער ניט איינגעפאלען.

עטיען און דיא אנדערע דעלעגאטען האָבען זיך געשלאָגען מיט דער דעה צו זאָלען זיי געהן צום דירעקטאָר, ניט וויסענדיג פאָרויס דיא אבזיכטען פון דיא קאָמפאניע. דאנסאער, וועמען זיי האָבען נאָכגעפרעגט, האָט אויסגעמיידעט צו געבען א בעשטימטע אנטוואָרט. ער האָט זיי נור פאָרזיכערט, אז דיא קאָמפאניע בעדויערט זעהר דעם קאמפף און וועט אלעס מעגליכעס טאָן, אום זיך אויסצוגלייכען. דיא דעלעגאטען האָבען ענדליך בעשלאָסען צו גיין צום דירעקטאָר הענעבאָ, אום צו האָבען דאָס רעכט אויף זייער זייט, דען זיי האָבען ניט געוואָלט, אז דיא קאָמפאניע זאָל נאָכהער קענען זאָגען, דאָס זיי האָבען זיך ניט געוואָלט בענוצען מיט א געלעגענהייט צו שליכטען דעם סטרייק. אָבער פאָר'ן אוועקגיין האָבען זיי זיך געשוואָרען גאָר ניט נאָכצוגעבען און בלייבען פעסט ביי זייערע ערשטע פאָדערונגען, וועלכע זיי האָבען געהאלטען פאר דיא איינציג גערעכטע.

דאָס צוזאמענקומען מיט דעם דירעקטאָר האָט שטאטגעפונען אין דעם טאג, ווען ביי דיא קוילענגרעבערס האָט געהערשט דיא שרעקליכסטע נויט. דיא אונטערהאנדלונג איז שוין ניט געווען אזוי געמיטהליך וויא דיא ערשטע. מאהיי האָט ווידער געשפּראָכען און האָט ערקלערט, אז דיא קאמעראדען האָבען איהם געשיקט פרעגען, אויב דיא קאָמפאניע האָט עטוואָס נייעס פאָרצושלאָגען. אָנפאנגס האָט הענעבאָ זיך געמאכט, אז ער איז זעהר איבעררראשט פון דער פראגע, דען קיין נייען בעפעהל האָט ער ניט בעקומען און דיא זאך קען זיך גאָר ניט ענדערן זאָ לאנג דיא קוילענגרעבער וועלען זיין איינגעשפּאַרט און פאָרטזעצען דעם בעדויערנסווערטהען קאמפף. און דיזע פאָליטע רייד פון דעם דירעקטאָר האָבען געמאכט אזא שלעכטען איינדרוק אויף דיא דעלעגאטען, דאָס ווען זיי וואָלטען אפילו געקומען מיט דער אבזיכט זיך אויסצוגלייכען, וואָלטען זיי זיך דערפון אָפּגעזאָגט. נאכהער האָט הענעבאָ געוועלט זוכען איין אויסוועג פיר געגענזייטיגע נאכגעבונגען און האָט זיי געזאָגט, דאָס ווען זיי וועלען אָנעהמען צו קריגען בעצאהלט פאר דיא אונטערשפּארונגען בעזונדער, וועט ער זעהען צו פועל'ן ביי דיא קאָמפאניע זיא זאָל זעהען צו געבען זיי מעהר אויף א וועגעלע קוילען, דיא צוויי סאנטים, וועלכע דיא קאָמפאניע האָט, נאָך דיא בעשולדיגונג פון דיא קוילענגרעבערס, געוועלט צונעהמען פאר זיך. ווען דיא דעלעגאטען האָבען זיך דערפון אָפּגעזאָגט און זיינען בעשטאנען אויף זייערע פאָדערונגען צו בלייבען ביי דער אלטער סיסטעם און צו קריגען פינף סאנטים געהעכערט אויף יעדען וועגעלע קוילען, האָט ער זיך מודה געווען, אז דיא קאָמפאניע איז צופרידען אָנצונעהמען זיין פאָרשלאג און האָט זיי צוגערעט אין נאמען פון זייערע הונגערנדע פרויען און קינדער עס אָנצונעהמען. דיא אויגען אראָפּגעלאָזען, דיא הערצער פאָרביטערט, האָבען זיי אלץ געענטפערט ניין און ניין, און מען איז זיך גראָב און פיינדליך פאָרנאנדערגעגאנגען. הענעבאָ האָט אין כעס געקלאַפּט מיט דיא טהירען. עטיען, מאהיי און אנדערע דעלעגאטען זיינען זיך געגאנגען, קלאַפּענדיג מיט זייערע היל צערנע שיך, פערקלעמט, צורודערט פון דעם שטומען כעס פון בעזיעגטע, וועלכע ווערן געטריבען צום ביטערסטען ענד.

ארום צוויי א זייגער האָבען דיא ווייבער פון זייער זייט געמאכט א רייזע נאָך מאָנטסו און האָבען זיך בעגעבען צום קרעמער מעגראַ. עס איז זיי נאָר געבליבען דיא איינציגע האָפנונג צו צווינגען דיזען הארטהערציגען קרעמער זיי צו געבען איין מאָל קרעדיט. דער פלאן איז געקומען פון מאהיד, וועלכע האָט אָפט צו פיעל גערעבענט אויף דיא גוטהערציגקייט פון מענשען. זיא האָט צוגערעדט דיא לעוואק און דיא אלטע ברילע מיטצוניין; אָבער דיא פיעראָן האָט זיך אָפּגעזאָגט, דערציילענדיג אלע, אז זיא קען ניט פערלאָזען איהר מאן, וועמעס קראנקהייט ווערט גאָר ניט ג...

היילט. אנדערע ווייבער זיינען אליין צונעשטאנען, און זייער צאָהל איז נעוואַקסען ביז צוואַנציג. ווען דיא בורזשוא פון מאָנטסו האבען זיי דערזעהן אָנקומענדיג, פערפינסטערט, פערהונגערט, אָפּגעריסען, האבען זיי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ מיט איין אויסדרוק פון זאָרג און אונרוהע. פיעלע טירען האָבען זיך צונעמאַכט, און איין דאמע האָט זאָנאר בעהאַלטען איהר זילבער-געשיר.

ביי מעגרא איז פאָרגעקומען א הערצרייסענדע סצענע. אָנפאַנגס האָט ער זיי אריינגעלאָזט, שפּאַסענדיג און מאַכענדיג זיך אזוי, וויא ער וואָלט געגלויבט, דאָס זיי זיינען געקומען איהם בעצאָהלען דיא חובות. נאכהער, ווען מאהיד האָט איהם ערקלערט דעם צוועק פון זייער קומען, האָט ער זיך געמאַכט, אז ער איז זעהר א כעס. וואָס! וויכען זיי מאַכען חוזק פון איהם? נאָך קרעדיט! זיי ווילען איהם לאָזען לויפען מיט א טאָרבע — ניין, קיין פּיצעלע ברויט, קיין ברערעל קארטאָפּעל וועט ער זיי מעהר ניט געבען! דיא פרויען האבען איהם אויסגעהערט מיט עניות, האָבען זיך ענטשולדיגט פאַר דיא אלטע חובות, האָבען איהם געקוקט אין דיא אויגען, אויב מען וועט איהם קענען ווייכער מאַכען, און איהם אלץ געבעטען רחמים. ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו מאַכען שפּאַס, צו גלייכווערטלען זיך, און האָט פאָרגעשלאָגען זיין גאַנצע קראָם צו דיא אַלטע ברילע, אויב זיא וועט איהם נאָר נעהמען פאַר א ליעבהאַבער. אָבער באלד איז ער געוואָרען גראָב און האָט זיי אָנגעפאַנגען צו טרייבען אין גאַס. אזוי וויא זיי האבען ניט געוועלט ארויסגעהן און האבען זיך אַלץ געבעטען, האט ער איינע זעהר גראָב בעהאַנדעלט, און דיא אנדערע, שטעהענדיג אויף'ן טראָטואר, האבען איהם געשימפּפט און געשאָלטען, ווערהרענד מאַהיד, אויפהייבענדיג דיא הענט אין קופּטען, האָט אין היטץ פון איהר ברענענדען כעס גערופען דעם טוידט אויף איהם, שרייענדיג אז אזא נפש דארף נאָר ניט לעבען אויף דער וועלט.

דער צוריקקעהר אין דערפעל איז געוועזן וויא א לויה. ווען דיא פרויען זיינען אריינגעקומען מיט ליידיגע הענד, האָבען דיא מענער געוואָרפען פינסטערע בליקען און אראָפּגעלאָזען דיא קעפּ. עס איז געקומען דער סוף, דער טאָג וועט זיך ענדיגען אָהנע צו האָבען עפּעס אין מויל, און דיא נעכסטע טעג וועלען ניט בעסער זיין אין דיזער קעלט. זיי האָבען אָבער ניט געדיינקט פון נאָכגעבען. דיזער הונגער האָט זיי נאָך געמאכט מעהר איינגעשפּארט, שטום און געדולדיג, וויא בהמות אין יאָך, ענטשלאָסען ליבערסט צו שטאַרבען אין זייערע לעכער, וויא זיך אונטערצוגעבען. און ווער וואָלט דער ערשטער געוואַגט צו רעדען וועגען אונטערגעבונג? מען האָט געשוואָרען צו האַלטען זיך צוזאַמען, און אלע וועלען זיך האלטען, אזוי וויא מען טהוט עס, ווען איינער ווערט פערשאָטען אין דער גרוב. צו צרות זיינען זיי שוין געוויינט געווען, אין דיא גריבער האָבען זיי געהאט א גוטע שולע פיר געדולד און ליידען. זיי האָבען זיך געקענט צוזאַמענשנורען דעם מאָגען אכט טעג, ווען מען האָט געשלונגען קוילען, פייער און וואסער זייט קינדהייט אָן; און זייער טרייהייט איז נאָך פערדאָפּעלט געוואָרן דורך א מין סאָלדאטען-שטאָלץ, זייענדיג שטאָלץ מיט זייער מלאכה און זייענדיג צוגעוויינט, דורך זייער טעגליכען קאַמפּף מיט געפאהר און טוידט, צו בראַווירען מיט זעלבסט-אויפאָפּפערונג.

ביי דיא מאהיים איז געוועזן דער אבענד א שרעקליכער. אללע האָבען געשוויגען זיצענדיג לעבען דעם אויסגעהענדען פייער, וואו דיא לעצטע ביסעלע האלב-געברענטע קוילען האָט זיך געטליעט. נאכדעם, וויא מען האָט אויספערקויפט דיא בעטגיוואַנט, האָט מען מיט א פּאָר טעג צוריק זיך בעשלאָסען צו פערקויפען דעם וואַנט זייגער פאַר דריי פראנק, און דער צימער האָט געשיינט וויא טוידט זייט דער געוועהנליכער טיק-טאַק פון זייגער האָט אויפגעהערט צו לאָזען זיך הערען. יעצט איז נאָר געבליבען אלס לוקסוס זאָך איין טעסטעלע פון ראָזע-קאַרטאָן, איין אלטער געשאַנק פון מאהיי, א זאך וואָס

מאהיד האָט בעטראכט וויא א טהייערע ציהרונג.ביידע גוטע שטולען זיינען שוין אויך פערקויפט געוואָרן, און דער אַלטער באָנמאָר און דיא קינדער האָבען זיך צוזאמענגעשאַרצעט אויף איין אַלטען צופוילטען באנק, וואָס מען האָט אריינגעבראכט פון גאָרטען.

— וואָס זאָל מען טאָן? האָט פון צייט צו צייט אויסגעשריען מאהיד, זיצענדיג לעבען אויווען.

עטיען איז געשטאנען און האָט בעטראכט דיא פּאָרטרעטען פון קייזער נאפּאלעאָן און פון דיא קייזערין עווגעניע, וועלכע זיינען געוועהן צוגעשלאָגען צום וואנט. ער וואָלט זיי שוין לאנג ארונטערגעריסען, ווען ניט דיא פאמיליע, וועלכע האָט זיי בעטראכט אלס א בעפּוצונג. דארום האָט ער ארויסגערעט, דיא ציינער צוזאמענגעדריקט פון כעס:

— אפילו א גראָשען האָט מען ניט פון דיזע בעסטיעס, וועלכע קוקען זיך צו וויא מיר שטאַרבען פון הונגער!

— זאָל איך פיליכט אוועקטראָגען דיא קעסטעלע? האָט זיך מאהיד, בלייך פון שמערצען און אויפרעגונג, געווענדעט צו איהר מאַן.

מאהיי, וועלכע איז געזעכען אויפ'ן ברעג טיש, דיא פיס אראָפּגעהאָנגען און דעם קאָפּ ארונטערגעלאָזען, האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און האָט געענטפערט:

— ניין, איך וויל ניט.

מיט מיהע האָט זיך מאהיד אויפגעהויבען און האָט געמאכט עטליכע שריט איבער'ן צימער. גרויסער גאָט! איז עס מעגליך צו קומען צו אזא אָרימקייט און צו ווערען אזוי ארויסגעריסען! קיין פּיצעלע ברויט אין שטוב, קיין זאך צום פערקויפען און אפילו קיין שום אויסזיכט צו קריגען ברויט! און דער פייער גייט נאָך אויך אויס און זיא האָט אויסגעלאָזען איהר ביטערע הארץ צו דיא קליינע און הונגעריגע אלזיר, וועלכע איז געקומען מיט ליידיגע הענט, מעלדענדיג, אז דיא קאָמפּאניע האָט פערבאָטען צו קלייבען שטיקלעך קוילען ארום דיא מינעס. ווארום האָט זיא דען ניט געהערט דיא קאָמפּאניע וויא דיא קאץ? ווער קען דאָס פערוועהרען איינעם צו קלייבען שטיקלעך קוילען אויפ'ן וועג? דיא קליינע האָט מיט טרערען אין דיא אויגען און א פערקלעמטע הארץ דערציילט, אז א מאַן האָט איהר געיאָגט און געסטראשעט צו פּאטשען; אָבער זיא האָט פערשפּראָכען צו גיין מאָרגען אהין און צו לאָזען זיך אפילו שלאָגען.

— און דיזער שווארציאָהר זשאנלען? האָט מאהיד געשריען. וואו שלעפּט ער זיך דאָס ארום? ער האָט געזאָגט ברייגען כאָטש עפּעס, און מען וואָלט כאָטש דאָס געקייט וויא בהמות. ער וועט נאָך היינט אויך ניט קומען, נעכטען האָט ער שוין ניט גענעכטיגט צו הויז. איך וויים ניט, וואָס ער טהוט, נאָר ער זעהט מיר עפּעס אוים אזוי וויא זיין מאָגען איז פול.

— פיליכט זוכט ער זיך עפּעס אוים אויף דיא וועגען, האָט עטיען געזאָגט.

זיא איז געוואָרען אויסער זיך און האָט אויסגעצויגען דיא הענט.

— ווען איך וואָלט עס וויסען! .... אה, מיינע קינדער זאָלען בעטלען! איך וועל שוין בעסער זיי טויטען און נאכהער זיך זעלבסט .....

מאהיי האָט זיך מיט א קרעכץ אראָפּגעלאָזען אויף א ווינקעל פון טיש. לענאָרע און העגרי, פערוואונדערט, וואָס עס איז ניטאָ א פּיצעלע צו עסען, האָבען געכליפּעט, וועהרענד דער אַלטער באָנמאָר איז געזעסען שווייגענדיג און האָט פילאָזאָפיש געדרייט מיט'ן צונג אין זיין מויל, אום אָפּצונאררען זיין הונגער. קיינער האָט מעהר א וואָרט ניט געזאָגט און אַללע האָבען זיך געפיהלט, אזוי וויא דיא לעצטע מינוט איז געקומען.

עטיען איז געשטאנען עטליכע מינוט מיט א געדריקטע הארץ, און האָט זיך ניט געקענט בעשליסען אויף עפּעס.

— וואָרט אויף מיר, האָט ער אויסגערעדט, איך וועל אריבערגיין אין א פּלאַץ ברייגען עטוואָס.

ער האָט זיך דערמאָנט [illegible] דיא מוקעט און איז אוועק צו איהר. זיא האָט געוויס געמוזט האָבען ברויט [illegible] וועט זיין גינוג גוטהערציג צו געבען עטוואָס. עס האָט איהם אפילו ניערגערט, [illegible] ער מוז גיין צו איהר, אָבער מען קען דאָך ניט פערלאָזען פריינדע אין אזא [illegible] און ער וואָלט נאָך געחנפ'עט זיך צו איהר, ווען מען וואָלט עס דארפען.

— איך וועל אויך גיין [illegible]עס זוכען, האָט גיזאָגט מאהיד, איך קען דאָ דיא צרות ניט צוזעהן.

ווען זיא איז גיוועזען אין דרויסען, האָט זיא זיך א מינוט אָפּגעשטעלט און געקלערט, וואָס זיא זאָל דאָ טאָן. נאכהער איז זיא אריין צו דיא לעוואקס.

— זאָג מיר, איך האָב דאָך דיר געבאָרגט א ברויט אייערנעכטען, קענסטו מיר ניט אָפּגעבען ?. ..

אָבער זיא איז געבליבען שטיין מיט אן אָפענע מויל, דען אלעס וואָס זיא האָט געזעהן אין צימער, האָט אָנגעצייגט אויף ניט ווייניגער הונגער און נויטה, וויא ביי איהר אליין. פרוי לעוואק איז געזעסען, דיא אויגען אויסגעגלאָצט אויף דעם אויסגעגאנגענעם פייער, ווערהענד איהר מאן האָט געבראָפּעט אויף'ן טיש, ליגענדיג מיט א פוסטען מאָגען און אָנגעשכור'ט פון דיא נענעלמאַכער. בוטעלו איז געשטאנען לעבען וואנט און האָט זיך מאשינאל געריבען דיא פּלייצע מיט דעם אויסזעהן פון א גוטען קערל, וואָס האָט אָפּגעגעבען זיינע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר גראָשען און וואָס וואונדערט זיך, דאָס ער מוז זיך אויך איינשנורעווען דעם מאָגען.

— אָה, א ברויט, מיין פריינדין, האָט לעוואק געענטפערט. און איך האָב עס געטראכט צו גיין צו דיר באָרגען!

איהר מאן האָט אָנגעפאנגען צו קרעכצען אין זיין שלאָף פון ווייטאָג אין בויך, און זיא האָט צוגעדריקט זיין געזיכט צום טיש און האָט אויסגעשריען:

— שוויינ, שווין! זאָל דיר טאקע ברענען אין דיא קישקעס!...... אנשטאָט צו לאָזען זיך טראקטירען מיט שנאַפּס, האָסטו דען ניט געקענט בעטען לייהען א פראנק ?

און זיא האָט איהם גערודעלט און זיך לייכטער געמאכט דיא הארץ מיט קללות אין דעם אָבגעלאָזענעם און שמוציגען צימער, וואו עס האָט זיך געלאָזט פּיהלען איין אונערטרעגליכער גערוך. זאָל אלעס פּלאצען — עס מאכט שוין איהר ניט. איהר זוהן בעבער איז פערשוואונדען זייט אין דער פריה, און זיא האָט געשריען, אז זיא וועט זיין צופרידען, ווען ער וועט שוין גאָר ניט צוריק־קומען. גענענדיגט האָט זיא דערמיט, אז זיא וועט גיין שלאָפען, וויינינסטענס וועט זיין ווארימער. און זיא האָט מיטגערופען דעם קווארטיראנט בוטעלו.

— קום! דאָס פייער איז אויסגעגאנגען, און עס איז ניט נייטיג אָנצוצינדען א ליכט צו זעהען דיא ליידיגע טעלער. וועסטו ענדליך גיין? איך זאָג דאָך דיר, אז מיר גייען שלאָפען...עס וועט דאָך ווארימער זיין. זאָל דיעזער שכור קראַפּירען דאָ פון קעלט אליין.

ווען מאהיד איז אַרויסגעגאנגען, האָט זיא איבערגעשניטען דעם וועג, אום אריינצוגיין צו פּיעראָנס. פון דאָרט האָט זיך געהערט א געלעכטער. ווען זיא האָט אָנגעקלאַפּט, איז מיט א מאָל שטיל געוואָרן, און עס איז פּאָריבער א פּאָר מינוט, איידער מען האָט געעפענט דיא טיר.

— אָה, דאָס ביזטו, האָט אויסגעשריען פרוי פּיעראָן, מאכענדיג זיך, אז זיא איז זעהר פערוואונדערט. איך האָב גערעכענט, אז דאָס איז דער דאָקטאָר. און זיא האָט אָנגעצייגט אויף איהר מאן, וועלכער איז געזעסען לעבען א גוטען פייער.

— אָה, עס ווערט איהם גאָר ניט בעסער, האָט זיא פאָרטגעזעצט. אזוי זעהט ער, דאכט זיך, ניט שלעכט אויס, אָבער ער האָט עפּעס א צרה אינעווייניג. און דארום מוז מען אָנהאַלטען א גוטען פייער, און מען ברענט וואָס מען האָט.

פיעראָן האָט טאַקע נאָר ניט אויסגעזעהען וויא א קראַנקער. אומזיסט האָט ער זיך געסטאַרעט צו צייגען, אז ער איז עפּעס ניט געזונט און אז ער ליידעט — זיין פעטער קערפּער און צופרידענער פּנים האָבען געגען דעם גערעדט. מאהיד האָט איבריגענס דערפיהלט ביים אריינקומען א שטאַרקען גערוך פון א געבראַטענעם קראַליק, און זיא איז געוועזען זיכער, אז מען האָט צונענומען דיא טעלער פון טיש איידער מען האָט איהר אריינגעלאָזען. ברעקליך זיינען נאָך געבליבען אויפ'ן טיש, וואו אין רעכטען מיטען איז געשטאַנען א פערנעסענע פלאַש וויין.

— דיא מוטער איז אוועק נאָך מאַנטסו פּרובירען קריגען א לעבעל ברויט, האָט פרוי פיעראָן געזאָגט, און מיר קומען דאָ אָפּ....

אָבער איהר שטימע איז אָבגעהאַקט געוואָרען, ווען זיא האָט דערזעהען מאהיד'ס בליק אויף דיא פלאַש וויין. נאָר באַלד האָט זיא זיך נעכאַפּט און האָט דערציילט אַ'ן אויסגעטראַכטע מעשה, אז דיא בורזשוא פון פּיאָלען האָבען עס געשיקט דיא פלאַש וויין פאַר איהר קראַנקען מאַן, פאַר וועמען דער דאָקטאָר האָט פאַרשריעבען באָרדאָ-וויין; און זיא האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזען אין דאַנקבאַרקייט און שבחים צו דיזע בראַווע בורזשוא און בעזאָנדערס צו דער פריילין סעסיליע, וועלכע איז נאָר ניט שטאָלץ און צוטהיילט אליין נדבות ביי דיא ארבייטער אין דיא הייזער.

— אהא, יאַ, איך קען זיי! האָט זיך מאַהיד אָפּגערופען מיט א פערקלעמטע האַרץ.

עס האָט איהר געקרענקט, וואָס דיא בורזשוא האָבען גראָדע געטראָפען מיט זייערע נדבות צו דיא וויינינג בעדירפטיגע. וויא אזוי האָט זיא זיי עס ניט געזעהען? פיליכט וואָלט זיא דאָך ביי זיי עפּעס געקראָגען.

— איך בין צו דיר געקומען, האָט ענדליך מאהיד זיך בעשלאָסען צו זאָגען, צו זעהען, אויב ביי דיר איז אויך אזוי שלעכט וויא ביי אונז...... האָסטו פיליכט א שטיקעל ברויט?

— אָה, גאָר ניט, האָט פּיעראָן געענטפערט מיט א געמאַכטען טרויער, קיין פּיצעלע מעהר.... אויב דיא מוטער וועט גאָר ניט ברענגען, וועלען מיר זיך מוזען לייגען שלאָפען נים געגעסען.

אין דיזער מינוט האָט זיך געלאָזט הערען א געוויין פון קעלער, און דיא פּיעראָן איז אין כעס געוואָרען און האָט געקלאַפּט מיט'ן פויסט אין טיהר. דאָס איז דיזע שלעפּערקע אָן הולטאַיקע ליזיע, וועלכע זיא האָט איינגעשפּאַרט, אום איהר צו בעשטראָפען, פאַר וואָס זיא איז געקומען א היים ארום פינף א זייגער נאָך א גאַנצען טאָג ארומשלעפּענים אין דיא פעלדער. מען האָט איהר גאָר ניט געקענט אויסבעסערן, האָט דיא פּיעראָן געענדיגט, זיא פערשווינדעט יעדען טאָג.

מאהיד איז אלץ געשטאַנען, נים וויסענדיג וואָס צו טאָן. דער גרויסער און לוס-טיגער פייער האָט איהר געוואַרעמט דיאביינער און האָט איהר דורכגענומען מיט קנאה, און דער געדאַנקען, אז דאָ עסט מען קראַליקען האָט איהר נאָך מעהר געבויערט אין מאָגען. נעוויס, האָט זיא זיך געטראַכט, דיא אַלטע האָט מען אוועקגעשיקט און דיא קליינע האָט מען פאַרשפּאַרט, אום דיא פּאָר זאָלל זיך קענען פריי לאָזען וואוילגיין און אויפפרעסען א קראַליק. אהה, וואָס מען זאָל דאַרט ניט זאָגען, נאָר ווען א פרוי פיהרט זיך אויף שלעכט, ווערט אין הויז אין בעסער.

— נוטצ נאַכט! האָט זיא פּלוצלינג געזאָגט און איז ארויס.

דרויסען איז געוועזען פייכט און קאַלט, און דער שיין פון דער לבנה איז געוועזען פאַרדעקט פון דיא וואָלקען. אנשטאָט אריבערצוגיין דעם גאָרטען, וועלכער האָט אָבגעטהיילט פּיעראָן'ס הויז פון איהרע, איז זיא געגאַנגען ארום דורך דיא געסעל, נים וואַנענדיג אריינצוקומען צו זיך מים פוסטע הענט. אבער אללע הייזער זיינען געוועזען ארומגערינגעלט וויא מיט א פינסטערע כמארע, און ארום און ארום האָט דער

הונגער געטאנצט אין זיין גאנצע שרעקליכקייט. צו וואס נאך אנקלאפען? עס איז געווען איבעראל ארמוטה אין קאמפאניע. זייט וואכען האט מען שוין געהונגערט, און אפילו דער גערוך פון געבראטענע ציבעלעס, וועלכער פלעגט נאך פון וויטענס אנציינען אויף דעם דערפעל, איז פערשוואונדען. עס איז יעצט נאר געווען א וויסטער גערוך פון פייכטקייט און פוסטקייט. עפעס טרויעריגע קלאנגען האבען זיך געהערט, פערשטיקטע טרערען, קרעכצען און קללות. עס האט אויסגעזעהען אזוי וויא דער הונגער וויל אלעמען איינשלעפערן אויף אויביג.

ווען מאהיד איז פארביינגעגאנגען לעבען קירכע, האט זיא בעמערקט איינעם שנעל נייענדיג. זיא האט דערקענט דעם גלח זשואר פון מאנטסו, וועלכער פלעגט קומען יעדע זאנטאג פראווען דיא צערעמאניע אין דער קירכע פון דערפעל, און זיא האט זיך צוגעאיילט איהם צו בעגעגענען. ער איז נעגאנגען, אויסזעהענדיג פעט און צופרידען, זוכענדיג צו לעבען אין פרידען מיט אלעמען. דיא קירכע האט ער בעזוכט ביינאכט, אום זיך ניט צוזאמענטרעפען מיט די קוילענגרעבער און זיך ניט קאמפראמענטירען פאר די קאמפאניע. מען האט דערציילט אין דערפעל, אז מען האט איהם שוין בעלוינט מיט א העכערע שטעלע.

— הערר פאסטאר! הערר פאסטאר! האט מאהיד אויסגעשטאמעלט.

אבער ער האט זיך אפילו ניט אפגעשטעלט און, שפרייזענדיג, האט ער גע־ענטפערט:

— גוטען אבענד, גוטען אבענד, מיין גוטע פרוי.

ווען מאהיד האט זיך ארומגעקוקט וויא א צומישטע, האט זיא זיך געפונען לעבען איהר הויז. זיא האט שוין מעהר קיין כוח געהאט צו שלעפען דיא פיס, און זיא איז אריין צו זיך.

אין צימער האט זיך וועהרענד דער צייט קיינער ניט גערירט פון ארט. מאהיי איז אלץ געשטאנען אנגעשפארט אן טיש, און דער אלטער באנמאר און דיא קינדער האבען זיך געטולעט אויפ'ן באנק, אום עס זאל זיי זיין ווארימער. ווען דיא טיר האט זיך געעפענט, האבען דיא קינדער אויסגעשטעלט זייערע פארוויינטע אויגען, אבער דערזעהענדיג דיא מוטער מיט ליידיגע הענט, האבען זיי גלייך אראפגעלאזען דיא קעפלאך, קרעפטענדיג זיך ניט צו וויינען, מען זאל אויף זיי ניט שרייען. מאהיד האט זיך אראפגעלאזען אויף איהר פלאץ לעבען דעם אויסגעהענדען פייער. קיינער האט איהר גאר ניט געפרעגט, און עס איז געווען שטיל וויא אין א קבר. וואס וועט העלפען דער ריידען? מען וועט זיך נאר אפמאטערן, און אלע זיינען גע־זעסען און נידערשלאגען געוואַרט, טאמער וועט עטיען עפעס ברייננען. דאס איז געווען דיא לעצטע האפנונג; אבער דיא מינוטען האבען זיך אזוי לאנג געצויגען!

ווען עטיען איז געקומען צוריק, האט ער געטראגען אין א טיכעל א דוצענד געקאכטע און קאלטע קארטאפעל.

— אט דאס איז אלעס, וואס איך האב געקראגען, האט ער געזאגט.

ביי סוקעט האט אויך געפעהלט ברויט, דיא קארטאפעל זיינען געווען איהר גאנצע מיטטאג שפייז, און זיא האט זיי איהם מיט געוואלט אריינגעשפארט, קושענדיג איהם אין דערזעלבער צייט מיט ליידענשאפט.

— דאנקע, האט עטיען געענטפערט, ווען מאהיד האט איהם דערלאנגט זיין חלק. איך האב שוין דארטען געגעסען.

דאס איז געווען א ליגען. מאהיי און מאהיד האבען זיך אפגעזאגט פון א קארטאפעל, אום צו לאזען מעהר פאר דיא קינדער, וועלכע האבען זיך א ווארף געטאן אויף דיא קאלטע קארטאפעל וויא הונגעריגע וועלף. אבער דער אלטער באנמאר האט זשעדנע געקוקט זיין חלק, מען האט נאך געמוזט ביי איהם צונעהמען א קאר־טאפעל פיר אלזיר.

דאן האט עטיען איבערגעגעבען דיא נייעס, וואס ער האט אויפ', ווען ערפאהרען: דיא קאמפאניע איז אזוי אויפגעבראכט געווארן פון דעם לאנגען און מוטהיגען ווידערשטאנד פון דיא סטרייקערס, דאס זיא קלייבט זיך אפצוגעבען דיא ארבייטער־ביבלעך צו דיא מעהר בעוואוסטע סטרייקערס. דאס האט בעדייטעט, אז זיא וויל מלחמה, אז זיא וויל טרייבען דיא ארבייטער צו פערצווייפלונג. נאך א וויכטיגערער קלאנג האט זיך פערשפרייט צווישען דיא ארבייטער, נעמליך, אז דיא קאמפאניע בעריהמט זיך, דא. זיא האט געווירקט אויף א גרויסע צאהל סטרייקערס אנצופאנגען ארבייטען. מארגען האט מען שוין געזאלט ארונטערגיין צו דער ארבייט אין דיא מינעס וויקטואר און פוטרי־קאנטעל. דיא מאהייס זיינען געווארען פערצווייפעלט.

— דאנערוועטער! האט מאהיי אויסגערופען, אויב עס זיינען דא פעררעטהער, וועט מען זיך שוין מיט זיי אפרעכנען!

און, אויפשטעלענדיג זיך אין זיין גאנצע לייננ, האט ער אויסגעשריען מיט א שטימע, אין וועלכע אלע זיינע שמערצען האבען אפגעקלונגען:

— מארגען ביי נאכט אין וואלד!.... אזוי וויא מען לאזט אונז ניט זיך צוזאמענריידען אין א זאאל, וועלען מיר זיך צוזאמענגעקומען אין א וואלד!

דיזער אויסגעשריי האט אויפגערודערט דעם אלטען בונמאר. דאס איז געוועזען דער אלטער קריעג־געשריי פון דיא קוילענגרעבער, וועלכע פלעגען זיך פערזאמלען אין וואלד, אום צו בעשפרעכען, וויא זיי זאלען זיך וועהרען געגען דיא סאלדאטען פון קעניג.

— יא, יא, אין וואנדאם! האט ער אונטערגעכאפט. איך וועל אויך זיין, אויב מען וועט אהין גיין!

מאהיד האט דראהענד אויסגעשטעלט איהרע קולאקעס און האט אויסגערופען:

— מיר וועלען אהין גיין! עס מוז קומען איין ענד צו דיא אלע אונגערעכטיגקייטען און געמיינהייטען.

עטיען האט בעשלאסען, אז וועגען דיא פערזאמלונג אין וואלד זאל מען געבען צו וויסען אין אלע קוילענגרעבערס דערפלעך און אז זיא זאל פלאין נעהמען איבערמארגען. אבער דא איז אויך דיא ליכטעל אויסגעגאנגען, און מען איז געבליבען ארומגערינגעלט פון פינסטערקייט און קעלט. עס איז ניט געוועזען קיין קוילען, קיין בעלייכטונג אין הויז, און מען האט אין דער פינסטער געמוהט אנטאפען דעם ארט, וואו מען האט זיך געקענט לייגען שלאפען אין דער פייכטער קעלט, וועלכע האט דורכגענומען אלע אברים. דיא קינדער האבען געוויינט.

VI

זשאנלען האט שוין גיקענט גיין, אבער זיינע צובראכענע פיס זיינען געוועזען אזוי שלעכט צוזאמענגיבונדען, דאס ער איז גיגאנגען הינקענדיג רעכטס און לינקס. ער האט זיך אבער ביסלעכווייז אזוי צוגעוואוינט דערצו, דאס ער האט שוין גיקענט לויפען מיט דיא זעלבע שנעלקייט וויא פריהער, ווען ער האט עס בעדארפט אין זיינע גנבה'שע אונטערנעהמונגען מיט זיינע שטענדיגע מיטהעלפערס, בעבער און לידיע. ער איז געוועזען דער קאפ, דער פלאנמאכער, און זיי — דיא הענד, דיא אויספיהרערס.

אין דעם זעלבען אבענד, ווען זיינע עלטערן האבען זיך געלייגט שלאפען אין קעלט פערהונגערטערהייד, איז זשאנלען גישטאנען בעהאלטען הינטער א פארקען געגענאיבער א קליינע קרעמעל, וואו אין אלטע פרוי, כמעט א בלינדע, האט גיהאלטען אויסגישטעלט א דריי־פיער זעקלעך מיט בעבלעך און לינזען, פערשווארצט פון שטויב; און ער האט שוין א פאר מאל געשיקט בעבער'ן צו נעהמען אין געפאנגענשאפט איין אלטע און פערשימעלטע טרוקענע פיש, וועלכע איז געהאנגען איבער מיר. אבער יעדעס מאל איז דער שליח גישטערט געווארן פון פארבייגייער, און זשאנלען האט זיך גיערגערט און גישאלטען דיא גאנצע וועלט.

א רייטער האָט זיך מיט א מאָל בעוויזען, און דיא קינדער, דערקענענדיג אין איהם דעם דירעקטאָר הענעבאָ, האָבען זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד לעבען פארקען. אָפט האָט מען דעם דירעקטאָר געזעהען אזוי אָרומפאָהרענדיג איבער דיא וועגען, זייט דעם סטרייק, צייגענדיג מוטה, אום זיך אליין צו איבערצייגען אין דעם צושטאנד פון דיא אומגעגענד. און קיין מאָל האָט ניט פאסירט, דאָס מען זאָל איהם נאָכוואָרפען א שטיין. ער פלעגט נאָר בעגעגנען שוויינענדע, וועלכע פלעגען זיך שלאָגען מיט דער דעה, צו זיי זאָלען איהם בעגריסען, און עפטערס פלעגט ער זיך אָנשטויסען אויף פאָרלעך, וועלכע האָבען זיך געקימערט פון פאָליטיק און דעם צושטאנד פון סטרייק, וויא פון א פאר-א-יאָהריגע שניי, און האָבען זיך אָנגעטאָן זייער פערגניגען אין אלע ווינקעלעך.

באלד נאָכדעם זיינען צוגעקומען נאָך צוויי מענשען, און זשאנלען האָט ארויסגעלאָזען נאָך א קללה, ווען ער האָט דערהערט דיא שטימע פון זיין ברודער זאזשאריע, וועלכער האָט דערציילט זיין לוסטיגען קאמעראד מוקע, וויא אזוי ער האָט ענטדעקט ביי זיין ווייב א פינף פראנק שטיק, איינגענייט אין איהרע א קליידעל. מוקע האָט דאן פאָרגעשלאָגען צו שפּיעלען מאָרגען אין קעגעלן און צו פארברייננגען די צייט אין שיינקען און זאשאריע האָט עס אָנגענומען. וואָס דרייט מען זיי דאָרטען א קאָפּ מיט א סטרייק! שוין בעסער צו פארברייננגען דיא צייט וויא מען קען, ווען מען פערדיענט סיי וויא סיי גאָרניט. און זיי האָבען פארקירעוועט, ווען עטיען, וועלכער איז געקומען פון דער אנדער זייט, האָט זיי אָפּגעשטעלט און גענומען ריידען מיט זיי.

— וועלען זיי זיך טאקע דאָ לייגען שלאָפען? האָט זשאנלען געקריצט מיט דיא ציינער אין פערצווייפלונג. אָט איז נאָכט, און דיא אלטע קלייבט זיך איינצופּאקען איהרע זעקלעך.

נאָך א קוילענגרעבער איז צוגעקומען, און עטיען איז אוועק מיט איהם, און זשאנלען האָט זיך מיט אינטערעס צוגעהערט, וויא עטיען האָט ערקלערט, אז מען האָט גענוזט אָפּלייגען דיא פערזאמלונג אין וואלד אויף מאָרגען, אום צו האָבען מעהר צייט צו לאָזען אלע קאמעראדען וויסען וועגען דעם.

און ווען דער וועג איז נאכדעם פריי געוואָרען, האָט זשאנלען נאָך א מאָל ארויס געשיקט בעבער'ן אויף געיעג נאָך דיא געטריקענטע פיש, און דיעזעס מאָל איז עס צוגעגאנגען אָהן שטערונגען, און בעבער האָט זיך מיט איין שפּרונג אָנגעכאפּט אָן די פיש, האָט אָפּגעריסען דיא שטריקעל מיט זיין געוויכט און האָט זיך א לאָז געטאָן לויפען, וויא דיא פיס האָבען איהם געטראָגען, נאָכגעפאָלגט פ'ן זשאנלען און לידיע. דיא אלטע האָט עפּעס דערהערט איין אונגעוועהנליכען גערויש און איז ארויס א פערוואונדערטע, ניט פערשטייענדיג, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען און ניט קענענדיג זעהן אפילו דיא יונגע גנבים אין דער פינסטער.

דיזע באָדיונגען און קעשעניקעס זיינען געוואָרען א שרעק פון דיא קרעמערס און בורזשוא אין דער גאנצער אומגעגענד, און זשאנלען איז שטענדיג געווען דער קאפּיטאן, ארומהינקענדיג איבער אלע וועגען און אויסקוקענדיג מיט דיא אויגען פון א הונגעריגען וואָלף, וואו און וואָס מען קען צוגנב'ענען. און דיא קרעמערס האָבען אומזיסט בעשולדיגט אין דעם דיא סטרייקערס.

דעם גרעסטען חלק פלעגט ער זיך אליין צונעהמען. לידיען פלעגט ער שלאָגען וויא עפּעס א געזעצליכע ווייב, און בעבערן, וועלכער איז געווען פיעל שטארקער פאר איהם, פלעגט ער שיקען אין דיא אונאנגענעהמסטע און געפעהרליכסטע ערטער, און יענער פלעגט איהם פאָלגען און אָפּגעבען אלעס, ציטערנדיג פאר פעטש, וועלכע דער הינקעדיגער קליינער טייוועל פלעגט איהם ניט זשאלעווען. ער האָט זיי ביידען פערכאפּט און האָט דערציילט אלערליי געשיכטען און ליגענס, האָט זיך זעהר אמוזירט פון

זייער דומהייט און גלויבינקייט. ווען ער פלעגט ביי זיי צונעהמען, וואס ער האט גע־וואלט, פלעגט ער זיך אפטראגען אין א פערבארגענעם ארט, וואו ער האט זיך געמאכט זיין רויבער־נעסט און וואס ער האט פון זיי געהאלטען אין געהיים.

דיזען אבענד האט ער זיך מיט זיי אזוי בעגאנגען:

— גיב עס מיר! האט ער געזאגט צו בעבערן, ארויסרייסענדיג ביי איהם דיא פיש, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער אלטער און פערלאזענער מינע רעקיאר.

בעבער האט פרובירט פראטעסטירען.

— איך וויל עס, איך האב דאך עס צוגענומען, האט ער גיזאגט.

— הא, וואס!? האט זשאנלען גיענטפערט. יא, דו וועסט עס האבען, ווען איך וועל דיר געבען, אבער זיכער ניט היינט אבענד.... מארגען, אויב עס וועט בלייבען.

און ער האט צוגישטופט לידיען צו בעבערן, האט זיי אויסגישטעלט אין איין ליניע, אזוי וויא סאלדאטען אויף דער וואך, און ארונטערלויפענדיג הינטער זיי האט ער אויסגעשריען:

— יעצט זאלט איהר אזוי בלייבען שטיין פינף מינוט און זאלט ניט וואגען זיך ארומצוקוקען .... דאנערוועטער! אויב איהר וועט זיך נאר אומקעהרען, וועט אייך דער טייוועל אויפפרעסען.... און נאך דיא פינף מינוט זאלט איהר זיך גיין אהיים, און אויב בעבער וועט אויף'ן וועג אנריהרען לידיען, וועל איך עס וויסען, און איך וועל אייך ביידען פאטשען.

און ער האט אויף זיי ארויפגעיאגט אזא שרעק פאר איהם, דאס זיי זיינען ווירקליך געבליבען שטיין און האבען ניט געוואגט צו ווארפען א בליק הינטער זיך, וועהרענד ער איז מיט וואונדערבארע שנעלקייט פאר אזא הינקעדיגען אפגעשפרונגען אן א זייט און איז באלד פערשוואונדען אין דעם פערבארגענעם ארט, וואו ער האט זיך געמאכט א גאנצע קווארטיר, אום זיך צו טראקטירען מיט א סעודה מיט דיא גערויבטע עסענווארג.

אין דער זעלבער צייט איז עטיען אויף צוגעקומען צו רעקיאר. מיט א טאג פריהער האט איהם מוקעט רחמים געבעטען נאך א מאל צו קומען צו איהר, און ער איז געקומען, שעמענדיג זיך אפילו פאר זיך, אבער ניט ווילענדיג געהערענדיג דיזע מיידעל, וועלכע האט איהם איינמאך פערגעטערט, און איז צוגעצויגען געווארען צו איהר, אבוואהל ער האט זיך דאס ניט געוואלט מודה זיין. ער האט זיך געטראכט, אז דיזעס מאל מוז זיא זיך פון איהם שיידען, און ער וועט איהר ערקלערן, אז ער מוז עס טאן, אום זיך ניט צו קאמפראמעטירען פאר דיא קאמעראדען. ניט אין אזא צייט קען ער זיך ערלויבען צו פיהרען ליעבעס און זיך מאכען פערגניגען, ווען דיא קאמע־ראדען קראפירען פון הונגער. אבער ער האט איהר ניט געפונען צו הויז און ער איז געבליבען שטיין ווארטענדיג אויף איהר. מיט א מאל האט ער עפעס דערהערט א גערויש לעבען דעם אריינגאנג אין דער אלטער מינע און באלד נאכדעם האט ער דערזעהן דעם שיין פון איין אנגעצונדענע שוועבעלע. און גרויס איז געווען זיין פער־וואונדערן, ווען ער האט דערקענט זשאנלענען, וועלכער האט זיך רוהיג אנגעצונדען א ליכט און איז פערשוואונדען אונטער דער ערד.

עטיען איז זעהר נייגעריג געווארען צו וויסען, וואו דער הינקעדיגער זשאנלען איז פערשוואונדען געווארען, און ער האט זיך אויף אנגעפאנגען ארונטערצולאזען אין דער לאך, וואס איז נאך געבליבען ניט פערשאטען אין דער אלטער מינע רעקיאר. דיא קאמפאניע האט שוין זייט צעהן יאהר זיך געקליבען צו פארשיטען דעם ארונטער־גאנג צו דער אלטער מינע, אבער זיא האט אלץ געווארט ביז זיא וועט מאכען א קופער־אויסגאנג פיר דיא מינע וואָרוי, און דערווייל האט זיא בענוצט דעם אונטערסטען טהייל פון דער אלטער מינע פאר דער מאשין, וועלכע האט געטריבען לופט אין דיא

נייע גאַלעריעס. דער אויבערשטער טהייל איז געבליבען שטאַרק פערנאַכלעסיגט, דיא טרעפּלעך זיינען געוועזען צופוילט און בעוואַקסען מיט שימעל, און דער אריינגאַנג איז געוועזען פאַרוואַרפען מיט אַלערליי אָבפאַל און האָט אויסגעזעהען זעהר העסליך.

זשאַנלען האָט גאָר ניט געהערט, וויא עטיען קריכט איהם נאָך, ריזעקירענדיג ביי יעדען טריט זיך אויסצוגליטשען און ארונטערצופאַלען אויף א טיפענים פון א פינף הונדערט מעטער, און עטיען האָט נאָר געזעהען פאַר זיך דעם אָפשיין פון זשאַנלען'ס ליכט און דעם אונגעהייערן שאָטען פון דעם אינגעל, וועלכער האָט זיך געצעפּעט מיט דיא הענט, מיט דיא פיס און מיט דער מאָרדע וויא איין אַפּע, ווען טרעפּלעך האָבען אויסגעפעהלט. דיא לייטערס, פון זיבען מעטער יעדערע, האָבען זיך געצויגען איינע נאָך דיא אַנדערע, מאַנכע נאָך צימליך שטאַרק, אַנדערע האָבען זיך געשאָקעלט און געקרעכצט אונטער דיא פיס, נאָהענט זיך איבערצוברעכען, און דיא טרעפּלעך זיינען געוועזען אַזוי בעדעקט מיט שטויב און פייקענעס, דאָס מען איז געגאַנגען אויף זיי וויא אויף מאָך. וואָס ווייטער ארונטער, איז אַלץ וואַרעמער און שטיקענדער געוואָרן אין דיזער ווישטער און שרעקליכער לאָך, וועלכער האָט געדיענט אַלס א מין רעהר פאַר דיא מאַשינע, און ווען דיא מאַשינע וואָלט געאַרבייט, וואָלט מען דאָ געוויס צובראָטען געוואָרען.

— וואוהין קריכט ער דאָס, דער קליינער טייוועל? האָט זיך עטיען געפרעגט קוים אָטהעמדיג און בעגאָסען מיט שוויס.

צוויי מאָל איז ער שוין שיר ניט ארונטערגעפאַלען, אויסגליטשענדיג זיך אויף דיא פייכטע און צופוילטע האָלץ. זשאַנלען האָט זיך אַלץ מעהר איינגעטיעפט אין דער ערד, אָבער עטיען איז דאָך נאָכגעגאַנגען, טראָץ דיא היץ, וועלבע האָט איהם געשלאָגען אין קאָפּ און איז געוועזען אונערטרעגליך. זיי האָבען זיך אראָבגעלאָזען אויף דרייסיג מעטערס, וואָס האָט צוזאַמען געמאַכט א לייגג פון אונגעפעהר צוויי הונדערט מעטערס.

זשאַנלען האָט זיך דאַן פערקירעוועט אין א גאַלעריע, און עטיען האָט שוין געמיינט אַז דער אינגעל וויל זיך אריינכאַפּען אין דעם שטאָל פון דער מינע; אָבער דער וועג אהין איז גראַדע געוועזען פאַרלייגט דורך איין ערד-פאַל, און דער אינגעל האָט ווייטער אָנגעהויבען צו קריכען און צו קלעטערען, דער וועג איז נאָך דאָ געוועזען ערגער וויא אין דעם ארונטערגאַנג, און אַזוי שמאָל אין מאַנכע פלעצער, דאָס עטיען האָט קוים געקענט דורכקריכען, פּויזשענדיג אויף אַלע פיער. מאַסען פלעדערמייז, דערשראָקענע פון דעם שיין, האָבען זיך געטראָגען אין לופטען, און געוויינליבע מייז און ראַטען זיינען געפלויגען צווישען דיא פיס און איבערן קערפּער.

— צום טייוועל! וואו זיינען מיר דאָ? האָט עטיען ניט איין מאָל צו זיך געזאָגט, קוים שלעפּענדיג זיך.

ענדליך, נאָך א קילאָמעטער פון אַזאַ האַלזברעכענים, איז דיא גאַלעריע געוואָרען א ביסעל ברייטער, און ביידע זיינען אריין אין איין אָרט, וועלכער איז נאָך געוועזען גאַנץ שטאַרק און געררוּמיג. עס האָט אויסגעזעהען וויא א נאַטירליכער הייל. פון ווייטענס האָט עטיען געזעהען, וויא דער אינגעל האָט אוועקגעשטעלט דאָס ליכטעל אויף צוויי שטיינער און האָט זיך גענומען צו זיין ווירטהשאַפט. אין א ווינקעל האָט ער זיך געהאַט געמאַכט א געלעגער פון היי, און פון שטיקער האָלץ איז געוועזען צוזאַמענגעשטעלט א מין טיש, אויף וועלכען עס האָט זיך געפונען אַלערליי עסענוואַרג: ברויט, קאַרטאָפעל, וואורשט, צוקער און אפילו צוויי פלעשלעך שנאַפּס. דאָס האָט עפּעס אויסגעזעהען וויא א הייל פון א באַנדיט. זייט וואָכען האָט זיך זשאַנלען אָנגעקליבען פערשידענע זאַכען, זאָגאַר אַזעלכע, וואָס האָבען איהם גאָר ניט געקענט נוצען, וויא זייף און שוה-וואַקס. דאָס האָט ער פּשוט געגנב'עט אויס לוסט צו גנבה.

— אָה, דו האָסט אין דר'ערד דיא גאַנצע וועלט! האָט עטיען אויסגעשריען

ווא נאָר ער האָט אָבגעצויגען דעם אָטהעם. דו מאַכסט זיך דאָ סעודות, ווען דיינע עלטערן און שוועסטער און ברידער גייען אויס פון הונגער!

זשאַנלען איז אַ צוטיטערטער געוואָרען, און עס האָט איהם געוואָרפען וויא אין אַ קדחת; אָבער ער איז גיך צו זיך געקומען, ווען ער האָט דערקענט עטיענען.

— ווילסטו עסען ביי מיר? האָט ער געפרעגט. איך האָב דאָ אַ פיש, וואָס איך גיי אָפּבראָטען...... דו וועסט עס באַלד זעהען.

און ער האָט זיך גענומען ארומרייניגען און צונרייטען דיא פיש מיט אַ גוטען נייעם מעסער, וועלכער האָט אויך געקענט דיענען פאַר אַ קינזשאַל.

— דו האָסט אַ פיינעם מעסער, האָט עטיען בעמערקט.

— דאָס איז אַ געשאַנק פון לידיען, האָט זשאַנלען געענטפערט, אָבער ער האָט פאַרגעסען צוצוזעצען, אַז זיא האָט עס אויף זיין בעפעהל צוגע'גנב'עט ביי אַ הענדלער אין מאָנטסו.

נאַכהער, אַלץ רייבענדיג דיא פיש, האָט ער מיט שטאָלץ געזאָגט:

— ניט אמת, אַז עס איז גוט ביי מיר?.... דאָ איז אַ ביסעל ווארעמער וויא אויבען און מען פיהלט זיך דאָ גאָר נישקשה'דיג.

עטיען האָט זיך אַנידערגעזעצט, זעהר פעראינטערעסירט מיט דעם איינגעל, וועלכער האָט זיך ארויסגעציינט אַזוי פלינק, געשיקט און מוטהיג אין זיין פערדאָר־בענהייט און גנבה'שע שטיק. עס איז ווירקליך געווען אַ ווארעמער און בעקוועמער בעהאַלטונגס־פּלאַץ, וואו דיא טעמפּעראַטור איז שטענדיג געווען דיא זעלביגע, סיי זומער, סיי ווינטער.

— אַלזאָ, דו האָסט גאָר קיין פורכט צו זיין דאָ? האָט עטיען געפרעגט.

זשאַנלען האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— פורכט פאַר וואָס? איך בין דאָך איינער אַליין.

ער האָט שוין צוגעפּערטיגט דיא פיש און דאַן האָט ער געמאַכט אַ פייער פון שטיקלאַך האָלץ און האָט גענומען בראָטען. נאַכהער האָט ער צושניטען אַ ברויט אויף צווי טהייל, און דיא מאָהלצייט איז געווען פערטיג.

עטיען איז געווען צו הונגעריג, אום זיך אָפּצוזאָגען פון זיין חלק.

— יעצט וואונדער איך מיך גאָר ניט, וואָס דו ווערסט פעט, ווערהענד מיר ווערן אויסגעצעהרט. ווייסטו, אַז עס איז אַ שווייגעריי און אַ געמיינהייט אַזוי זיך צו בעגיין? און דיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער—טראַכסטו דען גאָר ניט פון זיי?

— באַ! ווארום זיינען דיא אַנדערע אַזוי דום? בעגנב'ענען אונז דען ניט דיא בורזשואַ? דו זאָגסט עס אַליין אַלע מאָל. נו, ווען איך האָב צוגעלאַטכענט אָט דיזע ברויט ביי מעגראַ, בין איך געווען זיכער, אַז דאָס איז איינער פון דיא, וואָס ער איז אונז שולדיג.

עטיען איז געבליעבען מיט איין אָפענע מויל, צומישט. ער האָט בעטראַכט דיזען הינקעדיגען איינגעל מיט זיינע גרינע אויגען, גרויסע אויערן, קלוגען פנים און ווילדען אויסזעהען.

— און לידיע, האָט עטיען געפרעגט, ברייגנסטו איהר אַ מאָל אהער?

— דיא קליינע, אָה, ניין! האָט זשאַנלען געענטפערט מיט אַ פערעכטליכען געלעכטער. דיא ווייבער האָבען צו לאַנגע צינגער.

און ער האָט אָפּגעלאַכט פון לידיען און בעבערן און האָט ערקלערט, וויא דום זיי זיינען און וויא ער מאַכט מיט זיי וואָס ער וויל, און האָט געענדיגט:

— עס איז בעסער צו זיין אַליין, מען איז אימער איינפערשטאַנדען.

עטיען האָט אויפגעגעסען זיין חלק און האָט פאַרטרונקען מיט אַ ביסעל שנאַפּס שלאָגענדיג זיך אַלץ מיט דער דעה, צו זאָל ער נעהמען דעם איינגעל פאַר דיא אויערן

און אוועקשלעפּען איהם אהיים, הייסענדיג איהם אויפהערען צו גנב'ענען און סטראשענדיג איהם אלעס צו דערציילען דעם פּאַטער. בעטראַכטענדיג אָבער דיזען פּערבאַרגענעם פּלאַץ, איז איהם אריין דער געדאַנק, מאַמער, ווער ווייס, וועט איהם און זיינע קאַמעראַדען א מאָל אויסקומען זיך צו בעהאַלטען דאַ, ווען דאַרטען אויבען וועט עס האַלטען שמאָל. און ער האָט דארום נעהייסען דעם אינגעלשווערען, אז ער וועט שוין מעהר ניט נעכטיגען אויסער הויז, און נעהמענדיג א שטיקעל ליכט, האָט ער זיך גענומען צו גיין ארויף, איבערלאַזענדיג זשאַלענען צו ברייננען אין אָרדנונג זיין ווירטהשאַפט.

מוקעט איז אין דער צייט גיזעסען אויף א קלאָץ און האָט געוואַרט מיט פּערצווייפלונג אויף עטיענען. וויא זיא האָט איהם דערזעהן, איז זיא איהם ארויפגעשפּרונגען אויף'ן האלז און האָט איהם ליידענשאַפטליך אָנגעפאַנגען צו קושען. און וויא מיט א מעסער אין הארצען וואָלט ער איהר געשטאָכען, ווען ער האָט איהר געזאָגט, אז ער האָט בעשלאָסען זיך מעהר ניט צו זעהן מיט איהר. ווארום ? וואָס פאַר א פעהלער האָט זיא בעגאַנגען ? ליעבט זיא איהם דען ניט ? זיינען געווען איהרע טענות; און ער, פירכטענדיג נאָכצוגעבען און אריינצוגיין אין איהר צימערל, האָט איהר ארויסגעפיהרט צום דרויסען און דאָרטען האָט ער איהר איידעל און דעליקאַט ערקלערט, אז זיא קאָמפּרעמענטירט איהם אין דיא אויגען פון זיינע קאַמעראַדען און שעדיגט איהם אין פּאָליטישע זאַכען. זיא האָט זיך שטארק געוואונדערט: וואָס האָט זיא צו טאָן מיט פּאָליטיק ? זיא האָט עס ביי זיך פערטייטשט, אז ער שעמט זיך מיט איהר; אָבער זיא האָט זיך דערפון ניט בעליידיגט, האָט עס זאָגאַר געפונען פאַר גאַנץ נאַטירליך און האָט איהם פאָרגעשלאָגען, אז ער זאָל איהר פּאַטשען פאַר אלעמען אין דיא אויגען, אום מען זאָל דיינקען, דאָס זיי האָבען זיך צושיידט. זיא האָט זיך רחמים ביי איהם געבעטען איהר ניט צו פערלאָזען, צו קומען איהר זעהן אין געהיים, כאָטשע אויף פינף מינוט פון צייט צו צייט. ער איז געווען מעהר געריהרט, אָבער ער האָט זיך אלץ ענטזאָגט. ער מוז אזוי האנדלען, האָט ער געטענה'ט; אָבער פאַר'ן אוועקגיין, האָט ער איהר דאָך געוועלט ארומנעהמען, און שפּרייזענדיג אזוי, זיינען זיי צוניקומען צו דיא ערשטע הייזער פון מאָנטסו. דיא לבנה האָט גראָדע געשיינט זעהר קלאָר, און ווען זיי זיינען זיך פארביינגעגאַנגען געארמט לעבען א הויז, איז א פרויענגעשטאַלט פּלוצלונג אָבגעשפּרונגען אָן א זייט.

— ווער איז עס ? האָט עטיען געפרעגט.

— דאָס איז קאַטערינע, האָט מוקעט געענטפערט, זיא קומט פון זשאַן־באַר.

קאַטערינע איז זיך אוועק מיט איין אראָפּגעלאָזענע קאָפּ, קענטיג זעהר אויסגעמאַטערט, און עטיען האָט איהר נאָכגעקוקט, אין פערצווייפלונג, וואָס זיא האָט איהם געזעהען מיט מוקעט, און מיט א געדריקטע הארץ פון א געפיהל, וואָס ער האָט זיך אליין ניט ערקלערט.

— ווילסטו, אז איך זאָל דיר עס זאָגען ? האָט מוקעט אויסגעשטאַמעלט, ווען זיי זיינען זיך צוגאַנגען, איהרע אויגען פול מיט טרערען. אויב דו ווילסט מיך ניט, דאַן ליעבסטו איין אַנדערע.

אויף מאָרגען, וויא נאָר עס האָט אָנגעפאַנגען דונקעל צו ווערן, האָבען זיך דיא קוילענגרעבערס א לאָז געטאָן פון אלע ווינקעלעך און דערפלעך צום וואלד וואַנדאַם. דיא ווייבער האָבען אויך געהאַלטען פאַר נייטיג צו זיין אויף דער פערזאַמלונג, פון וועלכער עס איז געווען אָפּהענגיג זייער שיקזאל, וויא זיי האָבען געדיינקט, און זיי האָבען מיטגענומען זייערע קינדער. דונקעלע שאָטענס האָבען זיך געטראָגען אויף דיא וועגען, און ווען דיא קוילענגרעבערס זיינען געגאַנגען אפילו אין גרופּען, האָבען זיי אויך נאָר ניט גערעט. יעדער איז געווען פערטאָרנט און בעזאָרג־

רוהינט ווענען דעם סוף פון דיזע פערזאמלונג, וועלכע האט קיין נוטעס פון רעזיגנאנט.

דער דירעקטאר העננעבא, וועלכער איז גראדע געפאהרען צו זיך אהיים נאך זיין געוועהנליכען אַרומרייטען א בער דיא אומגעגענד, האט זיך צוגעהערט צו דיא גערוישען, וואס האבען זיך געלאזט הערען אין דער פינסטער. ער האט אויך בעגעגענט פארעלעף, וועלכע האבען אפילו דיזע געלעגענהייט אויסגענוצט, אום אפצוגיין אן א זייט און זיך צו פערשאפען דעם איינציגען פערגניגען, וואס זיי האבען נאך געקענט האבען. אין דיזע דומקעפ, האט ער זיך געטראכט, בעקלאגען זיך נאך אויף דאס לעבען, ווען זיי קענען זיך אזוי פריי און אונגעשטערט האבען דעם איינציגען גליק פון ליעבע! ער וואלט צופרידען געווען צו קראפירען פון הונגער, אבי נור ער זאל קענען אנפאנגען צו לעבען מיט א פרוי, וואס זאל איהם ליידענשאפטליך צודריקען צום הארצען און זיך אפגעבען צו איהם אין גאנצען. זיין אונגליק איז געווען אהן טרייסט, און ער איז מקנא געווען דיא אונגליקליכע פארעלעף. מיט אן אראפגעלאזענע קאפ איז ער לאנגזאם געפארען אהיים זעהר צוטראגען פון דיא גערוישען, אין וועלכע עס האט זיך איהם געדוכט, אז ער הערט נאר אפקלאנגען פון קושען.

מעהר וויא דריי טויזענד קוילענגרעבער האבען זיך שוין צוזאמענגעקליבען אין א פלאץ פון וואלד, וואו דיא בוימער זיינען אויסגעהאקט געווען, און נייע ארבייטער זיינען נאך אלץ צוגעקומען. מענער, פרויען און קינדער האבען זיך צוזאמענגעדריינגט אין דער פינסטער און קעלט, און פון דעם וואלד האט זיך געטראגען א גערויש אזוי וויא פון עפעס א שטורם.

דער אפענער פלאץ אין וואלד איז געגאנגען בארג-אראפ, און אויף דעם אייבערשטען פונקט זיינען געשטאנען עטיען, ראסענעיר און מאהיי. א צאנקעריי האט זיך אנגעפאנגען צווישען זיי, און זייערע אפגעהאקטע ווערטער האבען זיך געטראגען אין לופטען. דיא ארום שטייענדע קוילענגרעבער האבען זיך צוגעהערט: לעוואק מיט צוזאמענגענדריקטע קולאקעס, פיעראן מיט דעם רוקען צו דיא פיהרער, זעהר צוטראגען, וואס ער האט נאך ניט געפונען קיין אויסרייד זיך בעצייטענס אפצוטראגען, אז דיא קאמעראדען זאלען איהם ניט רופען אפען פעררעטהער. דיא ביידע אלטע, באנמאר און מוק, זיינען געשטאנען איינער לעבען אנדערען, זעהר פערטיעפט עפעס אין געדאנקען און הינטער זיי האבען זיך צוזאמענגעקליבען זאשאריע, מוקע און אנדערע לוסטיגע יונגע חברה, וועלכע זיינען געקומען נור שפאס צו מאכען. דיא פרויען האבען זיך פערזאמעלט אין בעזונדערע קופקעס. מאהיד האט זיך, שווייגענדיג, צוגעהערט צו די טויטע קללות פון לעוואק. פילאמענע האט ניט אויפגעהערט צו הוסטען, געשטיקט פון א פערקעלטונג דעם גאנצען ווינטער. נור מוקעט האט זארגלאז געלאכט, צוהערענדיג זיך, וויא די אלטע ברילע האט גערודעלט איהר טאכטער און איהר איידעם פיעראן, בעשולדיגענדיג איהר, אז זיא לעבט מיט אויפזעהערס און מאכט זיך הולאנקעס, ווערענד די קאמעראדען הונגערן.

דיא צאנקעריי איז ארויסגעקומען דורך ראסענעיר'ן, וועלכער האט געוועלט, אז מען זאל רעגעלמעסיג אויסקלייבען א פאזיצענדען און א סעקרעטער פון די פערזאמלונג. נאך זיין דורכפאלען ביי דעם מיטינג פון די דעלעגאטען, האט ער זיך געשוואוירען צוריקצוקריגען זיין פערלארענעם איינפלוס אויף די קוילענגרעבער און צו ווידקען געגען עטיענען, און יעצט האט ער עס גערעכענט פאר דעם ניגסטיגען מאמענט אויסצופיהרען, דען ער האט שוין פאר זיך געהאט ניט דיא דעלעגאטען, נאר דיא מאססע. זעהנדיג, אז די רייסעריי נעהמט קיין ענדע ניט, האט זיך עטיען מיט א מאל געשטעלט אויף איין אונטערגעהאקטען בוים און האט אויסגעשריען מיט זיין גאנצע קראפט:

— קאמעראדען! קאמעראדע!

דער גערויש פון די פערזאמעלטע האָט זיך געענדיגט עפּעס וויא אין א זיפץ, און וועהרענד מאהיי האָט זיך נאָך אלץ ארומגעריסען מיט ראַסענעיר'ן, האָט עטיען געשריען אויף דעם העכסטען טאָן:

— קאַמעראַדען! אזוי וויא מען ערלויבט אונז ניט צו ריידען, אזוי וויא מען שיקט נעגען אונז זשאַנדאַרמען, אקוראט ווי מיר וואָלטען געוועזען באַנדיטען, מוזען מיר זיך דאָ צוזאמענריידען! דאָ זיינען מיר פריי, דאָ זיינען מיר ביי זיך, קיינער וועט אונז ניט קומען שטערען און מאַכען שווייגען, אזוי וויא מען מאַכט דאָ ניט שווייגען דיא פויגלעך און חיות.....

א דונער פון בראַוואָס און אפּלאָדיסמענטען האָט איהם געענטפערט, און פילע האָבען אויסגעשריען:

— יאַ, יאַ, דער וואַלד געהערט אונז.... רייד!

עטיען האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען דיא האַנט און האָט אָנגעפאַנגען צו ריידען, אָבער זיין שטימע האָט שוין ניט געדונערט, ער האָט אָנגענומען דעם קאַלטען טאָן פון א סעקרעטער, וועלכער גיט אָפּ א בעריכט. ער האָט ערקלערט דעם אנפאַנג און דעם גאַנג פון דעם סטרייק — אלץ פאַקטען, וויא דיא קאָמפּאַניע האָט געטריבען צום סטרייק און וויא זיא וויל זיי נור אויסהונגערן און פערשקלאַווען. ער האָט אויך געזוכט צו ערקלערן, אז דיא אינטערנאַציאָנאַלע, וועלכע פיהרט א וועלט-קאַמפּף און האָט אזוי פיעל צו טאָן, קען זיך מיט זיי אליין ניט אָפּגעבען, און מיט א מאָל האָט ער אויפגעהויבען זיין שטימע און האָט געזאָגט:

— אונטער אזעלכע אומשטענדען, קאַמעראַדען, מוזט איהר היינט אבענד פאַסען א בעשלוס. ווילט איהר פאָרטזעצען דעם סטרייק? און אויב יאַ, וואָס רעכענט איהר צו טאָן, אום צו בעזיגען דיא קאָמפּאַניע?

א טויטע שטילקייט האָט יעצט געהערשט אין דער מאַסע, און מען האָט נאָר געפיהלט איהר פערצווייפעלטען אָטהעם אין דער פינסטער.

אָבער עטיען האָט אליין אָנגעפאַנגען צו געבען איין אַנטוואָרט אויף זיין פראַגע. יעצט האָט ער שוין ניט גערעדט וויא א סעקרעטער פון דיא אינטערנאַציאָנאַלע אסאָסיאַציע, נאָר וויא א פאָלקס-פיהרער, וויא איין אַפּאָסטעל וואָס ברייננט דיא וואהרהייט. ער האָט געזוכט אויפצוהייבען זייער מוטה, און זיי אריינצובריינגען א רע-וואָלוציאָנערען גייסט. וויא! זייט א מאָנאַט ליידעט מען אזוי פיעל צרות און הונגער, און יעצט זאָל מען נאָך דאַרפען צוריקגיין אין דיא גריבער, מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ, וויא שקלאַווען, און ווידער בלייבען אָרעם און עלענד! און ער האָט געצייגט, וויא דיא קוילענגרעבערס ווערן עקספּלואַטירט, אויסגעזויגט ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט, און וויא זיי אליין שטייען אוים אלע צרות פון דיא קריזיסען. אָבער דיזעס מאָל איז עס צו פיעל, עס קומט דיא צייט, ווען דיא אויסגעבויטעטע, דיא בערויבטע וועלען איינפיהרען גערעכטינקייט אויף דער ערד.

ער איז געבליבען מיט זיין האַנט אין לופטען, און דיא מענגע, דערהערענדיג דעם וואָרט גערעכטינקייט, האָט א ציטער געטאָן און האָט אויסגעשאָסען אין אפּלאָדיסמענטען. מאַנכע האָבען אויסגעשריען:

— יאַ, גערעכטינקייט.... עס איז שוין צייט.... גערעכטינקייט!

עטיען האָט זיך אלץ מעהר געהיצט. ער האָט ניט געהאַט דעם גלאַנצען צינגעלע און דיא פליסענדע רעדע-קראַפט פון ראַסענעיר. צייטענווייז האָט איהם געפעהלט דער ריכטיגער וואָרט, און ער האָט זיך געדרייט ארום א פראַזע, זוכענדיג אין אויסגאַנג; אָבער אין דער צייט פלעגט איהם אריינפאַלען עפּעס א פיינער געדאַנק, א בילד פון לעבען, מיט וועלכען ער פלעגט נעהמען דיא צוהערער. און מיט זיין לעבעדינקייט, אויפריכטינקייט און בעוועגונגען פלעגט ער ווירקען אויף דיא מאַסע. מען

האָט איהם ניט נעהאַלטען פאַר א גרויסען רעדנער, נאָר אַלע האָבען זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דעם, וואָס ער פלעגט זאָגען.

— דיא לוין־סיסטעם איז א נייע פאָרמע פון שקלאַווערייַ, האָט ער פאָרטגעזעצט מיט א הילכענדע שטימע. דיא מינע געהערט צום גרעבער, אַזוי וויא דער ים צום פישער, וויא דער ערד צום בויער.... געדיינקט עס! דיא מינע געהערט צו אייך, צו אייך אַלעמען, וועלכע האָבען איהר זייט א יאָהר הונדערט בעשווייַנקט מיט שוויים און בלוט, לעבענדיג אין צרות און נויט.

און דאָ האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאָזען וועגען דיא געזעצע איבער דיא מינעס, וויא אַזוי דיא קאָמפאַניע האָט אַלעס פערכאַפּט, און האָט געזוכט צו בעווייזען, וויא אַזוי דיא אַרבייטער קענען אַליין אַלעס פערוואַלטען צו זייער אייגענעם נוצען, וויא אַזוי א קאָלעקטיוויסטישע געזעלשאַפט — עטיען׳ס ליעבלינגס־טהעמא — קען אויפגע־בויט ווערן. יעצט איז איהם אַליין שוין אַלעס קלאָר געוואָרען. אָנפאַנגענדיג מיט געדאַנקען, וויא אַזוי צו פערבעסערן דיא אַרבייטער׳ס לאַגע און וויא צו רעפאָרמירען דיא לוין־סיסטעם, איז ער נויטוועגדיגער ווייזע געקומען צו דעם שלוס, אַז מען מוז דיא לוין סיסטעם אין גאַנצען אָפּשאַפען. זיין קאָלעקטיוויזמוס, וועלכער איז נאָך ביי׳ן אָנפאַנג פון סטרייק געווען דונקעל, געבויט מייסטענס אויפ׳ן געפיהל, איז ביי איהם אויסגעאַרבייט געוואָרען אין א פאָלנעם פּלאַן, וויא דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט דאַרף איבערגעבויט ווערען. יעדען פונקט פון זיין פּראָגראַם האָט ער געקענט דייטליך פאַנאַנדערלייגען און וויסענ־שאַפטליך דיסקוטירען. ווען דאָס פאָלק וועט פערכאַפּען דיא רעגירונגס־מאַכט, וועט איינגעפיהרט ווערען ריכטיגע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע גלייכהייט, וועלכע וועט גאַראַנטירט ווערען דורך דיא אונאָבהענגיגקייט פון יעדען איינעם, ווייל דיא מיטעל פון פּראָדוקציאָן וועלען זיין קאָלעקטיווע (געמיינשאַפטליכע) אייגענטהום. אַלעס מוז איבערגעבויט ווערען, דיא גאַנצע געזעלשאַפטליכע געביידע מוז פון אָנפאַנג ביז צו ענדע אויפגעשטעלט ווערען נאָך דיא סאָציאַליסטישע פּרינציפּען. עטיען האָט שוין פערגעסען אָן זיינע פריהערע צווייפעל און אָן זיינע פּראַקטישע אָנווענדונגען געגען א פאָלקאָמענע אומענדערונג פון דיא היינטיגע געזעלשאַפט, און ער האָט גערעדט פון זיין קאָלעקטיוויסטישע סיסטעם וויא עפּעס פון א מאַשינע, וואָס איהר יעדער שרייפעל איז איהם בעקאַנט געווען און וואָס ער וואָלט געקענט צוזאַמענשטעלען אין צוויי שטונדען אָהן שום שוועריגקייטען.

— יאָ, אונזער רייהע איז געקומען, האָט ער צולעצט אויסגעשריען, און מיר וועלען יעצט זיין די בעל־הבתים איבער אַלע רייכטהימער!

בראַוואָס און בעגייסטערטע אויסרופען האָבען פאַרהילכט דעם וואַלד. דיא לבנה האָט זיך יעצט בעוויזען און האָט בעלויכטען דיזע מאַסע אויסגעהונגערטע מענער פרויען און קינדער, וועלכע האָבען ניט געפיהלט דיא קעלט און זיינען געווען דורכ־גענומען מיט דיא הייסע ווערטער פון דעם רעדנער און מיט אונבעשטימטע, נאָר זיססע האָפנונגען. דיזע פערזאַמלונג האָט דערמאָנט אָן דיא פערזאַמלונגען פון די ערשטע קריסטען, וועלכע האָבען געוואַרט אויף דיא הערשאַפט פון גערעכטיגקייט און ברודערליעבע. פיעלעס פון דעם, וואָס עטיען האָט געזאָגט, האָט דיא מאַסע ניט דערהערט און ניט פערשטאַנען, נאָר ביי זיי אין הערצען האָט זיך דאַרום מעהר צופלאַקערט דיא האָפנונג אויף בעסערע צייטען, אָה, וואָס פאַר א טרוים! זיין דיא בעלי בתים, אויפהערען צו שקלאַווען און צו הונגערן, ענדליך געניסען פון לעבען!...... און עס האָט א הילך געטאָן:

— יאָ! דאָנערוועטער, אונזער צייט איז געקומען!.... טויט צו דיא עקספּלואַטאַטאָרס!....

דיא ווייבער האבען זיך נאך מעהר צוהיצט און צוקאכט, וויא דיא מענער. אפילו דיא קאלטבלוטיגע און געלאסענע מאהיד איז געווארען אויסער זיך, האט געליארעמט און געשאלטען מיט טויטע קללות אויף דיא קאמפאניע. דיא אלטע ברילע האט אויסגעזעהען וויא א מכשפה און איז געשפרונגען וויא א משוגענע. מוקעט איז אזוי אויפגערעגט געווארען, אז זיא האט געשריען ליעבע ווערטער צום רעדנער.

עטיען האט יעצט געגאסען דעם גאנצען פערגניגען פון פאפולאריטעט. ער איז עס געוועזן דער פיהרער, דיא נשמה פון דיזע מאסע, און אויף זיין ווארט האבען אלע אויסגעקוקט און אלעמעס הערצער האבען געקלאפט. אפילו סואווארין, ווען ער וואלט בעטראכט דיזע פערזאמלונג פאר עפעס רעכטעס און וואלט געקומען אין וואלד, וואלט אויך צופרידען געוועזן מיט דיא הייסע רייד פון זיין שיללער. נאר ראסענעיר איז געוועזן אונצופרידען. ער האט געקוועטשט מיט דיא פלייצעס פון פעראכטונג און כעס.

— דו וועסט דאך מיר לאזען ריידען? האט ער אויסגעשריען צו עטיענען.

— רייד, מיר וועלען זעהן, אויב זיי וועלען דיך אויסהערען, האט עטיען איהם געענטפערט, אראפשפרינגענדיג פון אפגעהאקטען בוים.

ראסענעיר האט געמאכט מיט דיא הענט, אז ער וויל ריידען און אז מען זאל שטיל זיין; אבער דער גערויש האט ניט אויפגעהערט. מען האט איהם איינפאך ניט געוואלט הערען. ער איז געוועזן וויא א געטשקע, אין וועלכע מען הערט אויף צו גלויבען און וואס איהר אנוועזענהייט רופט ארויס א כעס ביי איהרע פריהערע אנבעטער. זיין פלייסיגע רעדע קראפט, זיינע גלאטע און געשליפענע רייד, וועלכע האבען אזוי לאנג צוגעצויגען זיינע צוהערער, זיינען יעצט בעטראכט געוועזן פאר קרייטעכער, אום איינצושלאפען פיינלינגע. אומזאנסט האט ער געזוכט איבערצושרייען דעם גערויש און געטומעל. ער האט נאך אלץ געוועלט אויספיהרען זיין שבועה צו ריידען גענגען עטיענען און אפקיהלען דיא מאסע; ער האט גערעט וועגען דיא אונמעגליכקייט צו ענדערן דיא וועלט דורך געזעצע און וועגען דיא נויטווענדיגקייט צו לאזען דער סאציאלער עוואלוציאן איהר צייט. מען האט אבער אין דיא ערשטע רייהען, וואו מען האט נאך איהם געקענט א ביסעל הערען, פון איהם שפאס געמאכט און איהם איבערגעשלאגען דיא רייד מיט אויסרופען, און מען האט באלד אויף איהם א שליידער געטאן א שטיקעל פעראערגע בלאטע, און א פרוי האט אויסגעשריען מיט א קוויטש-שטימע.

— ארונטער מיט דיא פעררעטער!

ער האט אבער אלץ גערעדט, ער האט ערקלערט, אז דיא מינע קען ניט זיין דאס איינענטהום פון ארבייטער, און אז עס איז בעסער צו מאכען דעם ארבייטער פאר א פעראינטערעסירטען אין דער אונטערנעהמונג, אז ער זאל האבען א פערדיענסט פון געשעפט.

— ארונטער מיט דעם פעררעטהער! איז געוועזן דער ענטפער פון דער מאסע, און שטיינער האבען אנגעפאנגען צו פליהען ארום איהם אין לופטען.

דאן איז ער געווארען בלייך וויא דער טוידט, און זיינע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרערען. דאס איז געוועזן דער קראך פון זיין לעבען, דאס נידערשטירצען פון צוואנציג יאהר עהרגייציגען איינפלוס איבער זיינע קאמעראדען אונטער דער אונדאנקבארקייט פון דער מענגע. ער האט עס ניט געקענט אריבערטראגען און, שאקלענדיג זיך וויא א שכור'ער, אהנע קראפט ווייטער צו ריידען, מיט א צובראכענע האדץ, איז ער אראפ פון בוים.

— דאס מאכט דיך לאכען, האט ער אויסגעשטאמעלט, ווענדענדיג זיך צו עטיענען. לאך, איך ווינש דיר נאר, אז דאס זעלבע זאל דיר טרעפען.... און דאס וועסטו ניט אויסמיידען, דו הערסט!

און ער האט א מאך געטאן מיט'ן האנד אזוי וויא ער וואלט דערמיט געוועלט

צוריקווארפען פון זיך די פעראנטווארטליכקייט פאר די אונגליקען, וואס ער האט פאראורזאכט, און איז אוועקגעגאנגען, בעגלייטעט נאר פון פייפערייען.

באלד נאך דעם איז מען ניט ווייניג פערוואונדערט געווארען, ווען דער אלטער באנמאר איז ארויף אויפ'ן בוים און האט אנגעפאנגען צו ריידען. ביז דער מינוט איז ער געשטאנען לעבען זיין חבר מוק, און ביידע אלטע האבען געשוויגען, פערטראכט ווי געוויינליך וועגען אמאליגע צייטען און יאהרען. עס האט איהם הפנים מיט א מאל אנגענומען א לוסט צו ריידען דורך געוויסע ערינערונגען, וועלכע האבען געהאט אזא ווירקונג אויף איהם. אז ער פלעגט ריידען זיי קענען ריידען שטונדען לאנג. די גע־דאנקען אן יענע צייטען האבען אין איהם אפגעלעבט, און ווייטער זיינען פון זיך אליין געקומען אויף זיינע ליפען. צרום איז געווארען טויט שטיל, און אלע האבען זיך צוגע־הערט צו דיזען אלטען מאן, גלייך ווי א מת אונטער דעם שיין פון דער לבנה. ער האט גערעדט אהן צוזאמענהאנג מיט די יעצטיגע אומשטענדען, וועגען זיין יוגענד. ער האט דערציילט, ווי אזוי זיינע צוויי אנקעלס זיינען צוקוועטשט געווארען אין דער מינע ווארי, ווי צוויי זיינע ברידער איז געשטארבען פון ערקעלטונג ביי דער ארבייט און ווי אזוי מען האט זיך פינף מאל פערזאמעלט אין דעם זעלבען וואלד, ווייל דער קעניג האט ניט געוואלט פערקלענערן די ארבייטס־שטונדען. ערבי האט ער ניט פערלאזען זיין געדאנקען, אז די ארבייטער איז געווען שלעכט און עס וועט זיי אימער זיין שלעכט. יעדעס מאל פלעגען קומען די סאלדאטען פון קעניג, און די געשיכטע האט זיך געענדיגט מיט שיסעריי.

— מיר פלעגען הויבען די הענט אט אזוי. מיר פלעגען שווערען ניט ארונטער־צוגיין אין די גריבער... אה, איך האב געשווארען, איך האב געשווארען!.... האט דער אלטער געטענה'ט.

די מאסע האט זיך אלץ צוגעהערט און איז ביסלעכווייז געווארען אלץ מעהר צורודערט און דערשראקען פון זיינע טרויעריגע רייד וועגען אלטע צרות. און צטיען! וועלכער האט עס בעמערקט, איז ארויפגעשפרונגען אויפ'ן בוים, האלטענדיג ביי'ם זייט דעם אלטען. אין די ערשטע רייהען פון די צוהערער האט ער דערזעהען שאַ־וואלען, און דער געדאנקען, אז אויך קאטערינע דארף דא זיין, האט אין איהם ער־וועקט א נייעם פלאן, האט איהם אויפגערעגט צו צייגען איהם, ווי ענטוזיאזטיש ער ווערט אויפגענומען פון דער מאסע.

— קאמעראדען! האט ער אויסגערופען, איהר האט געהערט, וואס איינער פון אונזערע אלטע האט אייך דערציילט.... אט וואס ער האט אויסגעליטען און וואס אונזערע קינדער וועלען האבען צו ליידען, אויב מיר וועלען ניט מאכען א סוף פון די גנבים און מערדערס.

און ער האט אנגעפאנגען צו רעדען מיט אזא היץ געגען די בעשטייענדע ארדנונג און מיט אזא געפיהל פון רעכע, ווי נאך קיין מאל ניט פריהער. מיט איין האנד האט ער אונטערגעהאלטען דעם אלטען באנמאר, עפעס אזוי ווי א פאהנע פון ארמוטה און אונגליק, אויפרייצענדיג צו ראכע; און אין קורצע פראזען האט ער דערציילט די געשיכטע פון דער פאמיליע מאהיי אנצייגענדיג ווי זי איז אויס־געצערט און אויסגעהונגערט געווארען פון דער קאמפאניע אין די מינען אין פער־לויף פון הונדערט יאהר און ווי די אקציאנערען זיינען אנגעשטאפט געווארען מיט געלד און לעבען אין וואוילטאג פון די קוילענגרעבערס שוויס. איז אזא צושטאנד ניט שרעקליך? איז עס ניט א הימעלשרייענדע אונגערעכטיגקייט? און דאן האט ער אנגעפאנגען אויסצורעכענען די קראנקהייטען, וואס קומען דורך די שטענדיגע ארבייט אין די מינען; דער שווארצער בראנכיט, סקראפולען, דער שטיקענדער אטהעם און דער פאראליזירענדער רעמאטיס. די קאמפאניע ווינט

זיי אוים ביי דער העלישער ארבייט, וואָס איז א מאָל געווען דיא ערנסטע שטראָף פאר קאַטאָרזשניקעס, און דערביי שטאַרבען זיי נאָך אוים פון אלערליי קראַנקהייטען, און ווען עס טרעפט שוין אזא זעלטענהייט, אז א קוילענגרעבער דערלעבט ביז זעכ־ציג יאָהר, ווערענדיג פון קינדוויז אָן פערפינסטערט אין דיא גריבער, וואָגט נאָך די' קאָמפּאַני איהם מעהר ניט צו געבען ווי הונדערט פינפציג פראַנק פענסיע א יאָהר! ער האָט דערביי אָנגעציינט אויף באָנמאָר'ן און דערציילט וויא דיזער אלטער מינענ־שקלאוו שפייט מיט קוילען און קען קוים ריהרען דיא אָנגעשוואָלענע און האלב־פּאַ־ראַליזירטע פיס. אָבער דער קוילענגרעבער איז שוין ניט דיא גראָבע, אונוויסענדע בעשעפענים פון א מאָל, אין דיא גריבער זשערמירט (שפּראָצט) אוים איין ארמיע, וועלכע וועט מאַכען פלאַצען דיא ערד! יאָ, דיא ארבייט וועט פערלאַנגען א רעכנונג ביי'ן קאַפּיטאַל, ביי דיזען שרעקליכען גאָט, וואָס זיצט דאָרט ערגעץ בעהאַלטען אין זיין גאָלד־טעמפּעל און זויגט אוים דיא בלוט און דעם מאַרך פון דיא ארבייטער, וועלכע שפייזען איהם. מען וועט אַהין זיך א לאָז טאָן, מען וועט זיך פאר איהם ציי־גען אונטער דעם שיין פון רויטע ליכט, מען וועט דערטרינקען אין בלוט דיזע בלוט־דורסטיגע חיה!

ווען ער האָט געענדיגט ריידען, איז ער געבליבען שטיין מיט דיא הענט אין לופט, אָנצייגענדיג אויף דעם בלוטיגען שונא דאָרט — וואו האָט ער אליין ניט גע־וואוסט. דיעזעס מאָל זיינען דיא בעגייסטערטע געשרייען פון דער מאַסע געווען אזוי גוואַלדיג, דאָס דיא בורזשוא פון מאָנטסו האָבען עס דערהערט און האָבען געוואָרפען דערשראָקענע בליקען אויף דער זייט פון דעם וואַלד וואַנדאַם.

עטיען האָט זיך געוועלט בענוצען מיט דיעזע בעגייסטערונג, אום צו בעשליסע, דיא פראַגע וועגען סטרייק.

— קאַמעראַדען! האָט ער אויסגעשריען, וואָס איז אייער בעשלוס?.... וועט איהר שטימען פאָרטצוזעצען דעם סטרייק?

— יאָ, יאָ! האָט עס פון אלע זייטען געהילכט.

— און וואָס פאר מיטעל וועט איהר אָננעהמען?.... מיר וועלען זיכער פער־לירען, אויב דיא פייגלינגע וועלען מאָרגען ארונטערגיין צו דער ארבייט.

— טויט צו דיא פייגלינגע! איז געווען דער אויסגעשריי פון דער מאַסע.

— איהר בעשליסט אלזאָ זיי צו רופען צו טאָן זייער פפליכט, צו האַלטען זייער שבועה.... אָט וואָס מיר וועלען אלזאָ קענען טאָן: מיר וועלען צוקומען צו דיא מינען, מיר וועלען צורופען דיא פעררעטער און מיר וועלען ציינען דער קאָמפּאַניע, אז מיר זיינען אלע וויא איין מאַן און אז מיר וועלען גיכער שטאַרבען וויא נאָכגעבען.

— יאָ, יאָ! צו דיא מינען!

דיא גאַנצע צייט וואָס עטיען האָט גערעט, האָט ער קאַטערינען געזוכט מיט דיא אויגען אין דער מענגע ארום איהם. ער האָט איהר ניט געקענט בעמערקען: אָבער ער האָט געזעהען שאַוואַל'ען, וועלכער האָט זיך צוגעהערט, קוועטשענדיג מיט דיא פּלייצעס, אויפגעפרעסען פון אייפערזוכט, פערטיג זיך צו פערקויפען פאר א ביסעלע פון דיא פּאָפּולאַריטעט, וואָס עטיען האָט געהאַט.

— און, קאַמעראַדען, אויב עס זיינען דאָ שפּיאָנען צווישען אונז, האָט עטיען אויסגעשריען, זאָלען זיי זיך אין אכט נעהמען.... מען קען זיי...... יאָ, איך זעה דאָ קוילענגרעבער פון וואַנדאַם, וועלכע האָבען נאָך ניט פערלאָזען דיא מינעס.

— דאָס מיינסטו מיך הפּנים? האָט שאַוואַל זיך אָפּגערופען מיט טראָץ.

— דיך אָדער אַנאַנדערן...... נאָר אַזוי וויא דו האָסט זיך אָפּגערופען, האָסטו דו דאָך געמעגט פערשטיין, אז דיא יעניגע, וואָס עסען, האָבען נאָר ניט צו טאָן מיט דיא יעניגע, וואָס הונגערן.... דו אַרבייטעסט דאָך אין זשאן־בארט......

— אָה, ער אַרבייט! האָט איינער אויסגעשריען מיט א געלעכטער, ער האָט א פרוי וואָס ארבייט פאַר איהם.

די בלוט האָט א שלאָג געטאָן שאוואל׳ן אין געזיכט און ער האָט אויסגערופען:

— דאָנער־וועטער! איז עס דען שוין גאָר פערבאָטען צו אַרבייטען?

— יאָ, האָט עטיען געענטפערט מיט היץ, ווען די קאַמעראַדען שטייען אויס אַלע צרות פיר אַלעמעס אינטערעסען, איז עס פערבאָטען צו זיין אייגענניציג און צ שטעלען זיך אויף די זייט פון די באַסעס. ווען דער סטרייק וואָלט געווען אַן אַלגע מיינער, וואָלטען מיר שוין לאַנג געווען די בעלי־הבתים...... האָט דען אפילו איי מאן פון וואַנדאַם געמעגט גיין צו דער אַרבייט, ווען די אַרבייטער פון מאָנטסו זיינע אין סטרייק? דער טויט־קלאַפּ וועט זיין, ווען מען וועט אָפּשטעלען די אַרבייט אי דער גאַנצער אומגעגענד, ביי דענווילען׳ען אזוי גוט ווי דאָ...... הערסטו? אין דע מינע זשאַן־באַרט זיינען נאָר דאָ פעררעטהער, איהר זייט דאָרטען אַלע פעררעטהער!

ארום שאוואל׳ן אין די מענגע געוואָרן אויפגעקאָכט; פילע האָבען אויסגעשטע זייערע פויסטען, און עס האָבען זיך אָנגיפאַנגען קללות: „צום טויט! צום טויט! שאוואל איז בלייך געוואָרן, אָבער אין זיין וואונש בייצוקומען עטיען׳ען איז איהם מי א מאָל ארויפגעקומען א געדאַנק.

— הערט דאָך מיך אויס! האָט ער א געשריי געטאָן. קומט מאָרגען נאָך זשא באַרט, און איהר וועט זעהן אויב איך וועל אַרבייטען!.... מיר זיינען מיט אייך, מ האָט עס מיך געשיקט אהער אייך זאָגען. מען מוז די גאַנצע אַרבייט אָפּשטעלען. מ מוז אויסלעשען דעם פייער פון די דאַמפּף־מאַשינען, זאָלען די מעכאַניקער אויך סטריי קען! יאָ, זאָלען די פּאָמפּען אויפהערען צו אַרבייטען און זאָל דאָס וואַסער פאַרניכ די גריבער— אַלעס זאָל צו גרונדע גיין!

מען האָט איהם ווילד אַפּלאָדירט, און פון דיזער מינוט אָן האָט שוין עטיען אויך נ געקענט קאָנטראָלירען די מאַסע. פילע האָבען זיך ארויפגעכאַפּט אויף דעם בוים, שרייענד אין דעם געטומעל ארום, מאַכענדיג מיט די הענד און פאַרשלאָגענדיג ווילדע פּלענער. זייער קעפּ צורודערט און צוהיצט פון דעם הונגער־פיבער, האָבען געברענט און געטרוימט פון פייער און בלוט, דורך וועלכע עס וועט קומען דאָס אַלגעמיינע גליק. עס איז געווען איין אויסבר פון בלינדען גלויבען, די אונגעדולד פון א רעליגיעזע סעקטע, וועלכער איז מיאוס נעווא צו וואַרטען אויף א וואונדער און וועלכע בעשליסט דיזען וואונדער אליין ארויסצורופען.

אַלע האָבען געליאַרעמט און פערלאַנגט ראַכע. מאַהיד האָט זיך געפּונען לעב מאַהיי, און ביידע, פערלירענדיג זייער קלאָרען און פּראַקטישען פערשטאַנד, אויפג רייצט פון די פערצווייפלונג דורך דעם הונגער אין דעם לאַנגען סטרייק, האָבען או טערשטיצט לעוואַקען, וועלכער האָט געוואַלטעוועט, אז מען דאַרף אָפּהאַקען די קע פון די אינזשיניערען. באַנמאַר און מוק האָבען געשריען צוזאַמען און האָבען עפּע געפּאָרדערט, וואָס מען האָט ניט פערשטאַנען. אויס שפּאַס האָט זאַשאַריע פערלאַנג די פערניכטונג פון קירכען, ווערענד מוקע האָט געקלאַפּט מיט א שטעקען אן די ערד, בלויז אום גרעסער צו מאַכען דעם טומעל. די ווייבער האָבען זיך אזוי צוקאָכט אז אפילו מוקעט האָט געשריען, דאָס מען זאָל א סוף מאַכען פון די זשאַנדאַרמען

— קאַמעראַדען! קאַמעראַדען! האָט עטיען געשריען מיט א הייזעריגע שטימ אין גאַנצען אויסגעמאַטערט, און מיט צרות איז איהם ענדליך געלונגען א ביסעל איינ צושטילען די צוהיצטע און צו־ווילדעטע מאַסע.

— קאַמעראַדען! האָט ער אויסגערופען, ווען מען האָט איהם געקענט הערען. מאָר גען דאַרפען מיר זיין אין זשאַן־באַרט. וועט איהר אהין קומען?

— יאָ, יאָ! נאָך זשאַן־באַרט! טויט צו די פערעטהער! האָט געדונערט אין וואַלד דער ענטפער פון דער מאַסע.

פינפטער טהייל.

I.

ארום פיער א זייגער אין דער פריה איז דיא לבנה פערשוואונדע, און עס איז געוואָרן א פינסטערניס צום אָנטאפּען. ביי דענוילען׳ען האָבען נאָך אַלע געשמאק גע־שלאָפען הינטער דיא פעררינגעלטע טירען און פארמאכטע לאָדענס, באָטשע פון דער מינע האָט זיך געטראָגען איין אונגעוועהנליכער גערויש. דענוילען אליין, וועלכער האָט פערבראכט דעם גאַנצען טאג אונטען אין דער מינע און איז גיוועזן אויסגעמאַרטערט, האָט געכראָפּעט ווען עס האָט זיך איהם וויא געחלומ׳ט, דאָס מען רופט איהם. ער האָט זיך אויסגעטשובעט און האָט ווירקליך דערהערט א שטימע. דאָס האָט איהם איינער פון דיא אויפפאסערס גערופען, שטייענדיג אין גאָרטען אונטער דעם קאַפּיטאַן׳ס פענסטער.

— וואָס האָט געטראָפען ? האָט דענוילען געפרעגט צולויפענדיג צום פענסטער.

— מיין הערר, עס איז א בונט ! א העלפט פון דיא קוילענגרעבעס ווילען מעהר ניט ארבייטען און לאָזען דיא אנדערע ניט ארונטערגעהן אין דער מינע.

דענוילען איז נאָך גיוועזן פארשלאָפען און האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דער אויפ־פאסער האָט גימעלדעט.

— צווינגט זיי דאָך ארונטערצוגיין, צום טייוועל ! האָט ער אויסגעשטאַמעלט, ציטערנדיג פון דיא קעלט, וועלכע האָט איהם ארומגענומען ביי׳ן געעפענטען פענסטער.

— עס דויערט שוין א גאַנצע שטונדע, מיין הערר ! האָט דער אויפפאסער גע־מאָלדען, דאן האָבען מיר בעשלאָסען אייך אליין צו רופען. נאָר איהר אליין קענט מיט זיי עפּעס מאַכען.

— גוט, האָט דער קאַפּיטאַן קורץ געענטפערט און האָט זיך שנעל אָנגעפאַנגען אָנצוטאָן, זעהר בעאונרוהיגט און פערזאָרגט. ווען ער איז ארויסגעגאַנגען פון זיין שלאָפצימער, איז ער ניט ווייניג איבערראשט געוואָרען צו זעהען זיינע צוויי טעכטער אָנגעטאָן אין ווייסע מאָרגען־קליידער, וועלכע זיי האָבען אויף זיך אין היילעגעם ארויפ־געכאַפּט.

— פאָטער, וואָס גייט דאָ פאָר ? האָבען זיי ביידע געפרעגט.

— ניכטס וויכטיגעס, האָט ער שנעל געענטפערט, אום זיי צו בערוהיגען. עס שיינט, אז עטליכע קוילענגרעבער בונטעווען זיך דאָרטען. איך גיי אַהין.

אָבער זיי האָבען זיך צושריען, אז זיי ווילען איהם ניט לאָזען אוועקגיין אָהנע עפּעס ווארעמעס צו טרינקען, אז ער מוז עפּעס עסען, זאָנסט וועט ער האָבען א שלעכטען מאָגען. ער האָט דערפון ניט געוואָלט הערען און געשריען, אז יעדע מינוט איז טייער און אז ער מוז זאָפאָרט אוועק.

— הער, פאפא, האָט דיא אינגערע געזאָגט הייגענדיג זיך אויף זיין האַלז, דו מוזט וויינינסטענס אויסטרינקען א גלעזעל רום און עסען א פּאָר ביסקוויטען, זאָנסט וועל איך דיר ניט אָפּלאָזען, און דו וועסט מיך מוזען מיטשלעפּען.

ער האָט געמוזט נאָכגעבען, שרייענדיג, אז דיא ביסקוויטען ווילען איהם דער־שטיקען. זיי האָבען איהם אריינגישלעפּט אין עס־צימער, און וועהרענד איינע האָט אָנ־געגאָסען א גלעזעל רום, איז דיא אַנדערע געלאָפען זוכען ביסקוויטען. זייער מוטער איז גישטאָרבען, ווען זיי זיינען גיוועזן נאָך קינדער, און זיי האָבען זיך ערצויגען אליין, כמעט דינג אַלעס וואָס זיי האָבען געוואָלט, דען זייער פאָטער איז געוועזן צו בעשעפטיגט און האָט זיי אַלעס נאָכגיגעבען. דיא עלטערע, לוסי, א גרויסע און שיינע ברונעטקע פון א יאָהר צוויי און צוואנציג, האָט געטרוימט צו ווערען א זינגערין און איין אקטריסע, וועה־רענד דיא אינגערע, זשאנע, קוים אלט נײַנצעהן יאָהר, קליין, געוויקסיג, אָבער זעהר גראציעז, מיט גאָלדענע האָר, האָט זיך פארקאָכעט אין מאַלעריי. אָבער ווען זייער

פאַטערס גישעפטען זיינען גיוואָרען פערפלאַנטערט און מען האָט גימוזט פערקלענערן די אויסגאַבען, זיינען זיי מיט א מאָל גיוואָרען שפּאָרזאַמע בעל־הבית'עס און האָבען זיך אַרומגעריסען ווענען יעדען גראָשען מיט דיא קרעמערס און הענדלערס. זייערע קליידער האָבען זיי אַלץ איבערגעזייט און איבערגעניצעוועט, אום צו בעהאַלטען וויא מעגליך, דאָס דיא גישעפטען פון זייער פאַטער ווערען אַלץ ערגער און פערפלאָנטערטער אין חובות.

— עסס, פאַטער, האָט לוסי אַלץ איבערגעחזר'ט.

נאָר, בעמערקענדיג, וויא ער איז צוטראָגען און פערפינסטערט, איז זיא א דערשראָקענע געוואָרען.

— עס איז אַלזאָ עפּעס זעהר ערנסטעס, ווען דו ביסט אַזוי פערזאָרגט?.... זאָג עס אונז, מיר ווילען בלייבען דאָ מיט דיר, מען וועט זיך שוין בעגיין אָהן אונז דאָרטען אויפ'ן מיטאָגשפּייז.

דאָס האָבען זיי געמיינט איין איינלאַדונג פון מאַדאַם הענעבאָ, דעם דירעקטאָר'ס פרוי, וועלכע האָט געזאָלט קומען אין א קאַרעטע מיטנעהמען פריהער זייער קוזינע סעסיל און נאָכהער זיי, אום אַוועקצופאָהרען נאָך מאַרשיען, דאָרט אָפּעסען אין א ויעסטאָראַן און נאָכהער בעזוכען דיא פאַבריקען און פאַרברענגען דיא צייט.

— געוויס ווילען מיר בלייבען מיט דיר! האָט דיא איינגערע צוגעזעצט.

— וואָס פאַר אַ'ן אונזין! האָט ער זיך בייז אָפּגערופען, איך פערזיכער אייך, אַז עס איז גאָר נישט. טהוט מיר דיא געפעלינקייט און לייגט זיך צוריק אין אייערע בעטען, און אַרום ניין אוהר טהוט זיך אָן, וויא דאָס איז אָפּגעמאַכט געווען.

ער האָט זיי אין היילענעס געקושט און איז אַוועק. זשאַנע האָט זאָרגפעלטיג פאַרפּראָבט דיא פלעשעל, וועהרענד לוסי האָט פערשלאָסען דיא ביסקוויטען. דאָס צימער האָט געהאַט דיא קאַלטע זויבערקייט פון אַ'ן עס זאַל, וואו מען עסט זעהר קאַרג, און ביידע האָבען זיך בענוצט מיט דעם פריהער אויפשטיין, אום צו בעטראַכטען, אויב אַלעס איז אויפ'ן פּלאַץ און אויב עס איז דאָ פאַר וואָס צו שרייען אויף דיא דיענסט־מיידעל.

וועהרענד דעגוילען איז נעגאַנגען מיט שנעלע טריט צו דער מינע דורך זיין גאָרטען, האָט ער געטראַכט ווענען דיא שלעכטע לאַגע, וויא ער איז אַריינגעפאַלען, פערקויפענדיג זיין אַקציע פון מאָנטסו און אַריינשטעקענדיג דאָס געלד אין דער מינע זשאַנבאַרט, וועלכע האָט איהם וויינינ איינגעבראַכט, טראָץ אַלע נייע איינפיהרונגען און נייע מאַשינען. און יעצט, ווען עס וועט נאָך ביי איהם אויסברעכען א סטרייק, איז ער גאָר קאַפּוט.

שוין אַרום דריי א זייגער אין דער פריה איז שאַוואַל געקומען צו דער אַרבייט. ער איז געוועזען איינער פון דיא ערשטע, אום צו האָבען צייט איבערצורייד'ען זיינע קאַמעראַדען, אַז זיי זאָלען אויך סטרייקע, פאָדערענדיג פינף סאַנטים מעהר אויף א וואַגעלע קוילען, און זאָלען זיך האַלטען צוזאַמען מיט זייערע קאַמעראַדען פון מאָנטסו. זיינע רייד האָבען געווירקט, און באַלד איז ענטשטאַנען צווישען דיא פיער הונדערט אַרבייטער פון דער מינע זשאַנבאַרט א צאַנקערייַ און א גרויסער געטומעל. דיא יעניגע, וואָס האָבען געוועלט אַרונטערגעהן אין דער מינע אַרבייטען, זיינען געשטאַנען באָרפוס, האַלטענדיג זייערע לאָמפּען אין האַקגעצייג; וועהרענד אַנדערע, נאָך אין זייערע היצערנע שיך, מיט מאַנטלען איבער דיא פּלייצעס ווענען דיא גרויסע קעלט, האָבען פאַרשטעלט דעם וועג צו דיא גרוב, און דיא אויפפאַסערס זיינען הייזעריג געוואָרען, דאָ שרייענדיג דאָ בעטענדיג, אַז מען זאָל ניט סטרייקען און וועלענדיג מאַכען אָרדנונג און איינשטילען דיא אונצופרידענע.

שאַוואַל איז נאָך מעהר אין כעס געוואָרן, ווען ער האָט דערזעהען קאַטערינען

אין הויזען און אין א וועסט, דער קאָפּ ענג ארומגעבונדען מיט א בלויע טיכעל. אויפ־שטייענדיג, האָט ער איהר גראָב בעפוילען צו בלייבען שלאָפען; אָבער זיא, זעהר פער־צווייפעלט פון דיזען פלעצליכען אויפהערען צו ארבייטען, האָט איהם דאָך נאָכגעפאָלגט, דען ער פלעגט איהר קיין מאָל ניט געבען א גראָשען, און זיא פלעגט אָפט מוזען צאָהלען פאר איהם אויך. וואָס וועט זיא טאָן, ווען זיא וועט אויפהערען צו פערדינען? און א שרעק האָט איהר אָנגעכאַפּט, דער שרעק פאר איין עפענטליכע הויז אין מארשיען, וואו עס פלעגען זיך פערקויפען דיא ארבייטערינען אָהן א היים און אָהן ברויט.....

— דאָנערוועטער! האָט ער אויסגעשריען. וועלכער שווארציאָהר האָט דיר אהער געבראַכט?

זיא האָט ארויסגעשטאַמעלט, אַז זיא האָט ניט מיט וואָס צו צאָהלען רענט און וויל ארבייטען.

— אלזאָ, ווילסטו, הייסט עס, מיר נעהן אנטקעגנען, דו חיה!.... געה שוין אוועק, זאָנסט כאַפּסטו א גוטען ברוך הבא פון מיין שטיוועל ....

זיא האָט זיך מיט פחד אָפּגעטראָגען אָן א זייט, אָבער זיא איז דאָך ניט אוועק, וועלענדיג וויסען מיט וואָס דיא זאַך וועט זיך דאָ ענדיגען.

דענוילען איז דאַן אָנגעקומען, און מיט א שנעלען בליק האָט ער געזוכט ארומצו־נעהמען דיא גאַנצע סצענע, שוואַך בעלויכטען פון דיא קוילענגרעבערס לאַנטערנעס, און לעזען אויף איהם דיא בעקאַנטע געזיכטער פון דיא קוילענגרעבערס, וויא ווייט עס האַלט מיט דעם סטרייק. ער האָט זיך געטראַכט, דאָס איין וואָרט פון איהם וועט זיין גענוג, אַז אַלע זיינע קוילענגרעבער זאָלען אראָפּ צו דער ארבייט

— וואָס איז דאָס? וואָס האָט דאָ מיט אייך פּאַסירט, מיינע קינדער? האָט ער געפרעגט מיט א פולע שטימע. ערקלערט עס מיר, און מיר וועלען זיך אויסגלייכען.

געוויינליך פלעגט ער זיך ארויסצוגיין איינפאַך און פאָטערליך צו זיינע לייט, פאָרדערנדיג פון זיי פונדעסטוועגען א סך ארבייט. אלס א מיליטערישער מאַן, איז ער געוועזן געוויינט צו בעפעהלען און צו זיין שטרענג, אָבער ער האָט דאָך זיך נעגעבען דיא מיהע צו נעהמען זיינע לייט מיט גוטמוטהיגע רייד, און אָפט פלעגען איהם דיא קוילענגרעבער דערפאַר ליעבען, אָבער בעזאָנדערס האָבען זיי איהם גע־אַכטעט אלס א מוטהיגען און טאַפּפערן מאַן ער איז שטענדיג געוועזן מיט זיי אין דיא ערשטע רייהען, ווען איין אונגליקספאַל פלעגט אָנמאַכען א שרעק. צוויי מאָל, נאָכ־דעם וויא דער קנאַלגאַז האָט א דונער געטאָן, האָט מען איהם ארונטערגעלאָזען אויף א שטריק, וועלכע איז געוועזן ארומגעבונדען אונטער זיינע אָרעמס, אין דער צייט, ווען דיא בראַווסטע קוילענגרעבער האָבען זיך אָפּגעשראָקען ארונטערצוגיין.

— לאָזט מיר זעהען, האָט ער אָנגעפאַנגען. איך האָף, אַז איהר וועט מיר ניט מאַ־כען חרטה האָבען, וואָס איך האָב מיך געמאַכט פֿעראַנטוואָרטליך פאַר אייך. איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דיא שטיצע פון זשאַנדארמען. רעדט רוהיג, איך העהר אייך.

אַלע האָבען אָבער געשוויגען, אָפּטרעטענדיג איהם דעם וועג, ניט וואַגענדיג ארויסצוריידען, וואָס זיי האָבען אייגענטליך געוואָלט. ענדליך האָט שאַוואַל געזאָגט:

— אָט אַזוי איז, מיין הערר, מיר קענען מעהר ניט ארבייטען, ביז מען וועט אונז העכערן פינף סאַנטים אויף א וועגעלע קוילען.

דענוילען האָט געמאַכט א מינע, אַז ער איז זעהר פערוואונדערט.

— וואָס הייסט פינף סאַנטים! האָט ער אויסגערופען. און וואָרום פערלאַנגט איהר עס? איך בעקלאָג זיך דאָך ניט אויף אייערע אונטערשפּאַרונגען, איך וויל דאָך אייך ניט פאָרשרייבען א נייע סיסטעם פון לוין, וויא דיא קאָמפּאַניע פון מאָנטסו!

— עס איז פּלייכט אַזוי; אָבער דיא קאַמעראַדען פון מאָנטסו האָבען דאָך

רעכט, זיי זאָגען זיך אָפּ פון דיא נייע לוין־סיסטעם און פערלאַנגען פינף סאַנטים מעהר, ווייל ביי יעצטיגע ארבייט קען מען אנדערש ניט אויסקומען. מיר ווילען פינף סאַנטים מעהר — איז עס ריכטיג קאמעראדען?

— יא! האָבען זיך אָפּגערופען פיעלע שטימען, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א געטומעל פון דאָס נייע. ביסלעכווייז האָבען זיך אַלע צוזאַמענגעדרענגט אין איין אַלץ ענגערן קרייז.

א פּלאַם האָט זיך אָנגעצונדען אין דענוויכען'ס אויגען; אָבער זיינע מיליטערישע הענט האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט, אום ניט נאָכצוגעבען דעם גרויסען חשק צו כאַפּען אײנעם פאַר'ן קאָלנער. ער האָט זיך איינגעהאַלטען און פּרובירט צו ווירקען מיט ווערטער.

— איהר ווילט פינף סאַנטים מעהר, האָט ער געזאָגט, און איך גיב צו, אז אייער א־בייט איז עס ווערטה. אָבער איך קען זיי דאָך אייך ניט געבען, דען איך וועל דאַן זיין איינפאַך רואינירט.... פערשטעהט עס דאָך, אז איך מוז פריהער עקזיס־טירען, אום איהר זאָלט קענען עקזיסטירען. קוים וואָס איך האַלט זיך, און דיא קלענסטע פערגרעסערונג אין דיא אויסגאַבען וועט מיך מאַכען באַנקראָט... מיט צוויי יאָהר צוריק, איהר געדיינקט עס דאָך, אין דער צייט פון דעם לעצטען סטרייק האָב איך נאָכגעגעבען, ווייל דאַן האָב איך עס נאָך ג קענט טאָן. אָבער יענע פער־העכערונג איז דאָך געווען א רואינע פאר מיר, דען אין דיעזע צוויי יאָהר שלאָג איך זיך, וויא א פיש אָהן וואסער.... יעצט וועל איך שוין ליעבערסט מיט אלעם גלייך שלאָגען כפּרות אנשטאט, ניט צו וויסען דעם נעכסטען מאָנאַט, וואו זאָל איך נעהמען געלט אייך צו צאָהלען.

שאוואל האָט אויסגעשאָסען מיט א פערעכטליכען געלעכטער, הערענדיג וויא דער מינען־איינעמטהימער שילדערט אזוי אָפען דעם צושטאנד פון זיינע געשעפטען. דיא אנדערע האָבען אויך ניט געגלויבט, ניט קענענדיג בעגעהמען, דאס א מינען־איינגע־מהימער זאָל ניט מאַכען מיליאָנען פון דיא ארבייטער.

דאַן האָט זיי דענווילען ערקלערט, אז ער האָט צו קעמפּפען געגען דיא גרויסע קאָמפּאַניע פון מאָנטסו, וועלכע איז צו יעדער מינוט פערטיג איהם אויפצופרעסען א לעבעדיגען. זייער שרעקליכע קאָנקורענץ צווינגט איהם צו מאַכען עקאָנאָמיעס, וואָס עס איז פאר איהם נאָך מעהר נויטוועגדיג, ווייל דיא טיעפקייט פון דער מינע זשאַן־באַרט פערגרעסערט דיא קאָסטען פון קוילען־גראָבען. און ער האָט זיי געשילדערט, וואָס פאר צרות זיי וועלען האָבען און וויא זיי וועלען אויך ווערען שקלאַפען פון דער מאָנטסו קאָמפּאַניע, ווען ער וועט מוזען באַנקראָטירען דורך זייער פערלאַנג צו העכערען דעם לוין.

— און אזוי איז עס, מיינע ליעבע! האָט ער געענדיגט; איך האָב געוועלט אייך איבערצייגען מיט איין אָפענע ערקלערונג. מען פערלאַנגט דאָך ניט פון א מענשען, ער זאָל זיך זעלבסט דערשטיקען, ניט אמת? און ווען איך זאָל אייך געבען דיא פינף סאַנ־טים אָדער איך זאָל אייך לאָזען סטרייקען, איז עס אזוי גוט, וויא איך וואָלט מיך נעהמען אָפּשניידען דעם האַלז.

צווישען דיא קוילענגרעבער האָט זיך אָנגעפאַנגען א גערודער, ווען ער האָט אויפ־געהערט צו ריידען. א טייל פון זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, און מאַנכע זיינען צוגעגאַנגען צום ארונטערגאַנג.

— וויינינגסטענס לאָזט יעדען פריי האַנדלען נאָך זיין ווילען, האָט איינער פון דיא אויפּפאַסערס אויסגעשריען. ווער זיינען דיא יעניגע, וואָס ווילען ארבייטען?

קאַטערינע איז צוגעגאַנגען איינע פון דיא ערשטע, אָבער שאוואל איז געוואָ־רען א צוקאָכטער און האָט איהר א שטויס געטאָן צוריק, אויסרופענדיג:

— מיר האָבען אלע איין מיינונג, נור פייגלינגע און פעררעטהער פערלאָזען זייערע קאמעראדען!

נאָכדעם האָט שוין אויסגעזעהען, אז א שלום איז אונמעגליך. עס האָבען זיך ווידער אָנגעפאנגען געשרייען, מען האָט זיך אָנגעהויבען צו שטופען צו און צוריק צו שטופען פון דעם ארונטערגאנג, ריזיקירענדיג ארונטער צופאלען און צוקוועטשט צו ווערן. איין מינוט האָט דענוילען געוואָלט אליין איינהאלטען דיא מענגע, איינשטעלען דיא שרייערס מיט געוואלט; אָבער עס איז געוועזען אומזיסט, און ער האָט זיך געמוזט צוריקציהען. און ער איז געבליבען זיצען איין אויסגעמאטערטער און נידערשלאָגענער אין זיין קאָנטאָר, אזוי פערצווייפעלט פון דעם פארפאל, דאָס ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ענדליך האָט ער זיך בערוהיגט און האָט געהייסען איינעם פון דיא אויפפאסערס רופען שאוואל'ן, און ווען דיזער איז געקומען, האָט דענוילען אלע זייטיגע מענשען ארויסגעשיקט.

דעם קאפיטאן האָט זיך געוואָלט אויספאָרשען, וואָס פאר א סאָרט מענש שאוואל איז, און פון דיא ערשטע ווערטער האָט ער שוין דערשפירט, אז ער האָט צו טאָן מיט איינעם, וואָס ווערט נאָר אָנגעטריבען פון אייטעלקייט און אייפערזוכט. דאן האָט דענוילען גענומען איהם שמייכלען, זיך מאכענדיג, אז ער איז זעהר פערוואונדערט, וואָס אזא גוטער ארבייטער מאכט אָן מהומות און פערערגערט נאָר זיין לאגע, און בעהויפטענדיג, אז ער האָט פון א געוויסע צייט געוואָרפען אויף איהם אַ'ן אויג, אום איהם צו געבען א בעסערע בעשעפטיגונג; און געענדיגט האָט ער, פאָרשלאָגענדיג איהם אָהן שום צערעמאָניעס א פלאץ פון איין אויפפאסער אין דער צו־קונפט. שאוואל האָט זיך גוט צוגעהערט צו דיא רייד, און א גאנצע אומ־נדערונג איז פאָרגעקומען אין איהם. ער האָט זיך געטראכט: אויב ער וועט זיך איינשפארען צו מאכען א סטרייק, וועט ער דאָך שליסליך נאָר בלייבען איין אונטערהעלפער פון עטיען'ען, וועהרענד דאָ האָט ער א געלעגענהייט צו ווערן אַ'ן אויפפאסער. און א געפיהל פון אייטעלקייט האָט איהם דורכגענומען און האָט איהם וויא אָנגעשיכור'ט. און דערצו נאָך האָט ער זיך בערעכענט, אז דיא מאָנטסו סטרייקערס, וואָס האָבען פערשפראָכען צו קומען זיינען נאָך ניטאָ; זיי האָט עפּעס געוויס פערהאלטען, פיליכט זשאנדארמען, און פאר איהם איז דאָס געווען דיא בעסטע צייט זיך אונטערצוגעבען. ער האָט דארום פערשפראָכען איינצושטילען דיא קאמעראדען און זיי צו צוריידען, אז זיי זאָלען ארונטערגיין צו דער ארבייט.

דענילען איז געבליבען אין זיין קאָנטאָר, און אפילו דיא אויפפאסערס זיינען געשטאנען אָן א זייט, צוהערענד ג זיך, וויא שאוואל טענה'ט מיט דיא ארבייטער, אז זיי זאָלען אויפגעבען דעם סטרייק. א גאנצע שטונדע האָט ער געשריען, שטייענדיג אויף א וועגעלע און גיט אכטענדיג אויף דיא פייפערייען אין פערעכטליכע אויסגעשרייען פון דיא ארבייטער, וועלכער זיינען געשטאנען פיר דעם סטרייק; און אכציג פון זיי זיינען טאקע אוועק, איינשפארענדיג זיך אויף דעם בעשלוס, וואָס ער האָט זיי פריהער צוגערעדט אָנצונעהמען.

באלד נאָכדעם האָט זיך ארום דער מינע אָנגעפאנגען א פיבערהאפטע טהעטיגקייט. דיא מאשינע האָט געפייפט, און דיא ארבייטער האָבען זיך געשטופט וואָס גיכער ארונטערצולאָזען זיך אין דער מינע, אום צו דעריאָגען דיא פערלאָרענע צייט.

— דאָנערוועטער! וואָס שטייסטו דאָ וויא א גלאָמפּ? האָט שאוואל אויסגעשריען צו קאטערינען, וועלכע האָט געוואַרט אויף איהר רייהע. ווילסטו א מאָל ארונטערגיין און ניט פוילען דאָ!

ארום ניין אוהר, ווען מאדאם הענעבאָ איז מיט סעסיל צוגעפאָהרען אין דער קאַרעטע צום קאַפּיטאַן, האָט זיא שוין געפונען לוסי און דשאַנע פאַרטיג; ניט קר קענדיג אויף זייערע טואַלעטען, וואָס זיינען געווען שוין צוואַנציג מאָל איבערגעניצע־וועט, האָבען זיי אויסגעזעהען עלעגאַנט. אָבער דעניוילען איז געווען פערוואונדערט, דערזעהענדיג נעגרעל, וועלכער איז געפאָהרען רייטענדיג הינטער דער קאַרעטע.

— וויא! געהערען דען הערען אויך צו דער פּאַרטיע?

מאדאם הענעבאָ האָט דאַן ערקלערט אין איהר מוטערליכער וויזע, אז מען האָט זיי דערצעהלט, דאָס דיא נאַסען זיינען פול מיט פערדעכטיגע פּערזאָנען און דאריבער האָט זיא מיטגענומען א בעשיצער. נעגרעל האָט געלאַכט און בערוהיגט דיא דאַמען: „ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר דיא שרייערס, אונטער וועלכע עס געפינט זיך ניט אפילו איינער, וואָס זאָל האָבען מוטה,א וואָרף צו טאָן מיט א שטיין אין א פענסטער!" דעניוילען האָט מיט פרייד דערצעהלט, וויא ער האָט אין זשאַן־באַרט אונטערגעריקט דעם אויפשטאַנד. איצט איז ער שוין רוהיג, און וועהרענד דיא פריילענס זיינען אריינגעשטיגען אין דער קאַרעטע, וואָס איז געשטאַנען אויף׳ן וועג צו וואַנדאַם, האָבען זיך אלע געפרייט מיט׳ן שיינעם וועטער און האָבען ניט געזעהן דעם שרעקליכען וואָלקען, וואָס האָט געדאַרפט באַלד אָנקומען און ניט געהערט דעם גערויש פון דער מאַרשירענדער מאַסע, וואָס איז געוואַקסען אלץ העכער און שטאַרקער ווייט אַרום.

— אלזאָ, אזוי איז דאָס בעשלאָסען, האָט ווידערהאָלט מאדאם הענעבאָ.—היינט ביי נאַכט עסט איהר ביי אונז און נעהמט צוריק די פריילינס. מאדאם גרעגואַר האָט מיר אויך צוגעזאָגט אָפּצונעהמען סעסיל.

— רעכענט אויף מיר, האָט געענטפערט דעניוילען.

דיא קאַרעטע איז אוועקגעפאָהרען אין דיא ריכטונג צו וואַנדאַם. זשאַנע און לוסי האָבען זיך איבערגעבויגען פון דער קאַרעטע, אום נאָך א מאָל א שמייכעל צו טאָן צום פאָטער, וועלכער איז געשטאַנען ביי׳ם וועג; נעגרעל איז גראַציעז נאָכגעריטען נאָך דער קאַרעטע. זיי זיינען ארויסגעפאָהרען פון וואַלד און האָבען זיך געלאָזט פאָהרען מיט׳ן וועג, וואָס פיהרט פון וואַנדאַם קיין מאַרשיען. צוקומענדיג נאָהענט פון טאַרטאַרעט, האָט זשאַנע געפרעגט ביי מאדאם הענעבאָ, אויב זיא האָט ווען געזעהען דיא „גרינע זייט"; און דיא לעצטע האָט זיך געמוזט מודה זיין, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיא וואָהנט שוין אין דער געגענד פינף יאָהר, איז זיא נאָך קיין איינציג מאָל ניט געווען אין דיזען אָרט. זיי האָבען זיך פערקירעוועט פון וועג אהין טאַרטאַרעט, וועלכער איז געלעגען ביים ברעג וואַלד, איז געווען א ליידיגער לאַנדשטריך און אויף איהם האָט קיין זאַך ניט געוואַקסען, ווייל אינעווייניג, אין בויך פון דער ערד, האָט געברענט פון הונדערטער יאָהרען א פייער. דער אורשפּרונג פון דעם פייער איז פערלאָרען אין א לעגענדאַרער צייט; דיא קוילענגרעבער פון דער געגענד דערציילען אזא געשיכטע: א מאָל זיינען דיא ווייבער, וואָס האָבען געאַרבייט אין דיא מינען, געווען זעהר אויסגעלאַסען און גאָט האָט זיי געשטראָפט און א פייער האָט ער אָנגעשיקט אין דער מינע און דאָס פייער האָט פערכאַפּט דאָרט׳ן אלע אויסגעלאַסענע ווייבער און עד היום פּרעגלען זיי זיך דאָרטען אין יענעם העלל. דיא בעלזען, וואָס האָבען זיך געפונען אויף דעם פלאַץ האָבען זיך בעדעקט מיט אַלון וויא מיט א פעל; דיא שפּאַלטען פון דער ערד זיינען בעדעקט געוואָרען מיט בלומען פון שוועבעל. דיא טאַפּפערע, וואָס האָבען געוואָגט אריינקוקען אין דיא לעכער פון דער ערד, האָבען געשוואָרען, אז זיי האָבען אליין מיט זייערע אויגען געזעהען דיא פלאַמען, אין וועלכע דיא זינדיגע נשמות האָבען זיך געבראָטען. אויף דער ערד פון אויבען פלעגען זיך אָפּט בעוויזען קליינע פלאַמען און א הייסע פּאַרע פלעגט זיך שטענדיג פון דאָרטען ארויס־רייסען און ברייגנען מיט זיך דעם ריח פון דעם טייוועל׳ס קיך. און גלייך מיט

דעם פערפלוכטען ארט האט זיך נעצויגען דיא „גרינע זייט“, מיט איהרע אייביג גרינע בערגלאך און מיט איהרע בוימער, אויף וועלכע עס האבען קיין מאל ניט אויפגעהערט צו שפראצען בלעטער, און מיט איהרע פעלדער, אויף וועלכע מען האט געשניטען דריי מאל אין יאהר. דיא „גרינע-זייט“ איז געווען א נאטירליכע אראנזשעריע, אייביג געווארעמט פון דעם אונטעראירדישען פייער. דער שניי האט זיך דא קיין מאל ניט געהאלטען און אין דיזען דעצעמבער טאג האט דאס אויסגעזעהען וויא א ריעזיגער גרינער פלאץ, וואו דער פראסט האט ניט געהאט קיין שליטה.

פון דיא גרינע זייט איז דיא קארעטע ווייטער געפאהרען איבער'ן גרויסען וועג. געגרעל האט געלאכט פון דער לעגענדע און ערקלערט, אז פון דעם, וואס דיא שטויב פון דיא קוילען רייבען זיך, ברעכט אפט אויס אין דיא מינען א פייער, וואס קען ברענען אהן א סוף, ווען מען זאל דאס ניט אויסלעשען. ער האט אנגערופען א בעלגישע מינע, אין וועלכע עס האט אויסגעבראכען א פייער און וועלכע מען האט אויסגעלאשען מיט דעם, וואס מען האט אהין אריינגעצויגען א פלוס. פלוצים איז געגרעל אנשווייגען געווארען; איבערן וועג האבען זיך געצויגען גאנצע ראטעס פון קוילענגרעבער. זיי זיינען געגאנגען שטיל, און געקוקט מיט האס אויף דער רייכע קארעטע, צוליעב וועלכע זיי האבען געמוזט אבטרעטען פון וועג. דיא ראטעס האבען געהאלטען אין איין וואקסען, און דיא פערד האבען געמוזט געהן אין טריט איבער דעם קליינעם בריק אויף דעם טייבעל ליר־קקארפ. וואס אזוינס איז פארגעקומען, וואס דיא קוילענגרעבער גייען אין אזעלכע מאסען איבער דיא גרויסע וועגען? דיא פרייליינס האבען זיך דערשראקען; געגרעל האט אנגעהויבען צו פיהלען אונרוהען. וואס טהוט זיך דא ארום? אלע האבען פרייער אבגעאטהעמט, ווען זיי זיינען אנגעקומען אין מארשיען. דיא גרויסע אויוועגס האבען ארויסגעשפייט א שווארצען רויך, וועלכער איז געפאלען אין דער לופט וויא א שווארצער רעגען און טונקעל געמאכט דעם העלען שיין פון דער זון.

II.

אין דער זשאן־בארט מינע האט קאטערינע שוין א שטונדע געשלעפט איהר טאטשקע און איז געווען אזוי דורכגעווייקט פון שוויים, אז זיא האט זיך געמוזט אויף אין אויגענבליק אבשטעלען אום אבצואווישען איהר געזיכט.

שאוואל, וועלכער האט מיט זיינע קאמעראדען געהאלטען אין האקען דיא קוילען, האט זיך פערוואונדערט, וואס ער הערט ניט דאס פאהרען פון דער טאטשקע. דיא לאמפען האבען געברענט דונקעל און צוליעב דעם שטויב פון דיא קוילען האט ער קיין זאך ניט געקענט זעהן.

— וואס איז דארטען? האט ער אויסגעשריען.

קאטערינע האט איהם געענטפערט, אז זיא ווערט צוגאסען פון שוויים און דאס הארץ שפרינגט איהר ארויס פון בוזים.

— נארעשע בהמה! האט ער איהר געענטפערט מיט כעס: טהו וויא מיר טהוען און וואַרף ארונטער דאס העמד!

זיי האבען זיך יעצט געפונען זיבען הונדערט און אכט מעטער טיעף צום נארד, אין דער ערשטער שיכטע פון דעם דעזירע — אדער, דריי קילאמעטער ווייט פון דעם אויסגאנג. ווען דיא קוילענגרעבער פלעגען ריידען פון דיזער מינע פלעגען זיי בלייך ווערען און ריידען מיט שטיקע שטימען אקוראט וויא זיי וואלטען גערעדט פון א גיהנם; דאס רוב פלעגען זיי א שאקעל טאן מיט'ן קאפ און גאר ניט וועלען ריידען פון דער גליהענדער טיעפער העל. וואס ווייטער דיא גאלערייען זיינען געגאנגען צום נארד, זיינען זיי אלץ נעהנטער געקומען צום טארטארעט און אלץ נעהנטער צו דעם אונטער־אירדישען פייער. דיא טעמפעראטור אין דער טיעפעניס, וואו זיי האבען יעצט געאר־

בּיים, איז אין דורכשניט געווען 45 גראד. זיי האָבּען זיך איצט געפונען אונטער׳ן נעם פּייער, וואָס פּערבּייגייהענדע פלעגען א מאָל זעהען אויבּען זיך דורכרייסען, ווארפענדי שוועבּעל און שטיקענדע גאזען פון דעם טייוועלס קיך.

קאטהערינע, וועלכע האָט שוין נעהאט איהר קליידעל פון זיך אראָבּגעוואָרפען, האָט נאָך א קורצען ישוב הדעת אויף אויסגעטאָן דיא הייזען און אראָבּלאָזענדיג דאָס העמד האָט זיא זיך מיט דעם אונטערגיבּונדען אונטערן בּוזים וויא מיט א קליידעל, און האָט זיך ווייטער גענומען צו דער ארבּייט.

— איצט וועט דאָס געהן בּעסער, האָט זיא גיזאָגט אין דער הויך.

צו איהר שטיקענעס האָט זיך נאָך צוגעמישט אן אונבּעשטימטע אנגסט. אין דיא פינף טעג, וואָס זיי האָבּען דאָ געארבּייט, האָט זיא שטענדיג גיטראכט פון דיא געשיכטען, מיט וועלכע מען פלעגט איהר שרעקען אין דיא קינדערשע יאָהרען: זיא האָט געטראכט פון דיא ארבּייטערינען, וואָס בּרענען שוין הונדערטע יאָהרען אונטער׳ן טארטארעט פאר אזעלכע עבירות, וואָס מען טאָר גאָר ניט בּריינגען פאר׳ן מויל. זיא איז שוין גרויס גענוג, אז זיא זאָל אין אזעלכע נארישקייט ניט גלויבּען; נור דאָך וואָס וואָלט זיא געטאָן, ווען פלוצים זאָל זיך א מיידעל בּעווייזען פון דער קוילען־וואנד רויט וויא אן אייוועז און מיט צוויי גליהענדע קוילען אנשטאָט א פּאָר אויגען? דער גידאנק אליין האָט נאָך מעהר געטריבּען פון איהר דעם שוויים.

קאטערינע האָט געפיהרט דיא טאָטשקע אכטציג מעטער ווייט פון דעם אָרט, וואו מען האָט געהאסט דיא קוילען, און דאָס איבּערגעגעבּען צו א׳ן אנדער ארבּייטערין, וועלכע האָט פון איהר זייט געפיהרט אכטציג מעטער ווייטער, און דאָרטען האָט דער איבּערנעהמער צוגענומען דיא קוילען און צוזאמען מיט דיא קוילען פון דיא העפּערע גאלערייעס עקספּעדירט ארויף מיט דער הויבּ־מאשין.

— דוא האָסט זיך געמאכט גאנץ בּעקוועם, האָט געזאָגט דיא פרוי, א מאָגערע אלמנה פון א יאָהר דרייסיג, ווען זיא האָט דערזעהן קאטערינען אין איין העמד. איך קען דאָס ניט טאָן; דיא שקצים רייצען מיר מיט זייערע פּאסקודנע רייד.

— עה, איך קימער זיך זעהר ווייניג וועגען דיא מאנסבּיל; איך לייד צופיעל פון דער היטץ, האָט געענטפערט קאטערינע.

זיא האָט גינומען א ליידיגע טאָטשקע און איז געגאנגען אָנפילען איהר מיט קוילען. דיא היץ איז דאָ גיווען שרעקליך, ווארום אויסער דעם וואָס דער טיפער גאנג, וואו קאטהערינע׳ס ארבּייט איז פאָרגעקומען, האָט זיך געפונען אין שכנות מיט דעם ארטארעט איז געווען נאָך א׳ן אורזאכע, וואָס האָט געמאכט דיא היץ אונערטרעג־ליך. דער גאנג איז אויסגעקומען נעבּען א׳ן אמאָליגער גאלעריע פון דער גאסטאָן־מאריע מינע, וואו מיט צעהן יאָהר צוריק האָט אויסגעבּראָכען א פייער און אנגיצונדען דעם קוילען־אָדער, און אום דאָס פייער זאָל זיך ניט פאַרנעהמען ווייטער, האָט מען איהם געשטעלט אלס א גרענעץ א קאלך־וואנד, רעכענענדיג אז מיט׳ן אוועקנעהמען דיא לופט בּיי׳ם פייער, וועט עס אויסגעלאָשען ווערן; נור דאָס פייער האָט אָהן צוויי־פעל בּעקומען לופט פון אנדערע אונבּעקאנטע ריכטונגען און געהאלטען אין בּרענען: דיא איבּערגעצאָמטע קאלך־וואנד איז געווען אָנגעבּרענט וויא דיא ציגעל פון א הייס אויווען, און דיא טאָטשקעס האָט מען געדארפט שלעפּען פּערבּיי דער וואנד, וואָס האָט זיך געצווינגען א׳ן ערך פון הונדערט מעטער לאנג, אין א היטץ פון זעכציג גראַד.

אָבּער בּאלד נאָך צוויי מאָל שלעפּען דעם וועגעלע, האָט קאטערינע ווידער גע־פיהלט אז זיא ווערט דערשטיקט פון היטץ. צים גליק איז דער וועג אין דעם דעזירע־אָדער גיווען בּרייט און געראָם. דיא קוילען גרעבּער האָבּען דאָ געקענט ארבּייטען שטייענדיג גלייך, נור זיי וואָלטען ליעבּערסט גיווען גיארבּייט מיט א׳ן איינגעבּויגענעם רוקען, אבּי צו האָבּען אביסעל פרישע לופט.

— דו שלאפסט שוין ווייטער? האט שאוואל א נישריי גיטאן אזוי גיך, וויא ער האט אויפגיהערט צו הערען קאטערינעס בעוועגונגען. — ווער האט דאס מיר אזא פויגלע בהמה אנגיהאנגען אויפ'ן האלז? וועסטו שוין א מאל אנפיהלען דיין טאטשקע, צו ניט?

קאטערינע איז געשטאנען אנגעשפארט אויפ'ן שאוועל און געקוקט מיט נארענע אויגען, וויא זיי האבען געהאקט דיא קוילען. א חלשות געפיהל איז איהר צוגעפאלען, און זיא האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהר. פאר'ן רויטליכען שיין פון דיא לאנטערנע האט זיא געזעהען, וויא זיי שטייען נאנץ נאקעט, וויא חיות, שווארץ און שמוציג פון קוילען און שוויס, און זייער נאקעטקייט איז איהר נאר ניט געווען אויפפאלענד. דיא ארבייט איז געווען א פינסטערע, און דיא ארבייטער האבען אויסגעזעהען וויא מאלפעס מיט אויסגעשטרעקטע רוקענס. דיא ארבייטער האבען קאטהערינען בעסער געזעהען, זיי האבען אויף א רגע אבגעשטעלט זייער ארבייט און גענומען שיטען המצאות, פאר וואס זיא האט אראבגענומען איהרע הייזען.

— זעה אקארשט, דו זאלסט קיין קאטער ניט כאפען!

— זיא האט גוטע פאלקעס. זאג, שאוואל, האט זיא ניט גענוג פאר צוויי?

— מען מוז זעהן, הייב אויף דאס העמד העכער, העכער!

גלייכגילטיג פון דיא המצאות, האט זיך שאוואל ווייטער אויף איהר אנגעווארפען:

— וועט עס א מאל נעהמען א סוף? אויסצוהערען דיא שווינערייען קענסטו שטיין ביז מארגען און דיר ווגט קיין מאל ניט מיאוס ווערען.

קאטערינע האט זיך מיט מיה ענטשלאסען איהר טאטשקע ווייטער אנצופיהלען. איהרע בארפיסע פיס האבען זיך געקרימט, וויא זיי וואלטען גיזוכט א פלאץ, וואו אנצושפארען זיך. זיא האט זיך בעוועגט לאנגזאם, איהרע הענד אויסגישטרעקט, איהר גאנצע קערפער אריבערגעבויגען. ווען זיא איז גיקומען נעבען דער הייסער וואנד האבען זיך איהרע יסורים פון היטץ ווייטער אנגעהייבען; דער שוויס האט זיך געקייקעלט פון איהר גאנצען קערפער אין גרויסע טראפען וויא א גאס־רעגען. זיא האט נאך ניט אויסגייעט צו מאכען א דריטעל וועג און זיא איז שוין גיווען גיבאדען אין שוויס, מיט שווארצען קויט בעדעקט און דיא אויגען האבען איהר גיבלענדעט דאס שמאלע העמד, וויא אויסגיוואשט אין טינט. האט זיך איהר צוגעקלעפט צום לייב און ביי יעדען מאל אויפהייבען א פוס, האט זיך עס פערקאשערט ביז דיא לענדען; און זיא האט דערפון געפיהלט אזוי שלעכט, אז זיא האט ווייטער געמוזט אבשטעלען איהר ארבייט.

וואס איז דאס מיט איהר היינט? קיין מאל האט זיא זיך ניט געפיהלט אזוי פערמאטערט. דאס מוז זיין צוליעב דיא שלעכטע לופט. אין דעם ווייטען גאנג איז ניטא וואו אבצופרישען זיך. פון דיא קוילען פלעגען זיך אהער אריינכאפען פערשידענע גאזען, איינגע מיט א שטילען זשימען וויא פון א קוואל, און מאנכעס מאל אזוי שטארק, אז זיי פלעגען שיער דיא לאמפען אויסלעשען, שוין ניט רעדענדיג פון דיא שלעכטע געריכען, וואס האבען שטענדיג געשלאגען דיא ארבייטער אין דיא נעזער. דא האט געקענט זעהר גוט דיא שלעכטע לופט אדער דיא טוידטע לופט, וויא דיא גרובענארבייטער פלעגען איהר רופען; אונטען שטיקענדע שווערע גאזען, אויבען לייכטע גאזען, וועלכע האבען זיך לייכט געקענט אנצינדען און פערניכטען אלע ווערקפלעצער פון א מינע און פערברענען הונדערטער מענשען. פון איהרע קינדערשע יאהרען אן האט זיא גענוג פון דער לופט איינגעשלונגען, און עס האט איהר געוואונדערט, וואס איצט איז איהר אזוי שווער צו פערטראגען דיא לופט, וועלכע האט איהר נעהוזשעט אין דיא אויערן און געשטיקט אין האלז.

אזוי וויא זיא האט ווייטער ניט געקענט גיין, האט זיא געפיהלט, אז זיא מוז אין גאנצען בעפרייט ווערן פון העמד. עס האט איהר פערשאפט שטארקע יסורים; דיא

קלענסטע פאלדען פון דעם לייוואנד האבען איהר געשניטען און געברענט. א רגע האט זיא זיך אבגיהאלטען און געוואלט ווייטער שלעפען, נור זיא איז געווען געניטהיגט זיך אויסצוגלייכען, און בעשליסענדיג אז ביים איבערגעבען דיא מאטשקע וועט זיא דאס העמד אויף דאס ניי אנטאן, האט זיא א ריס געטאן פון זיך דאס העמד צוזאמען מיט'ן שנור מיט אזא פיבערהאפטע בעוועגונג, פונקט וויא זיא וואלט געהאט ברעה ארונטער צורייסען פון זיך אין איין גאנג דיא הויט אויף. נאקעט, ערנידעריגט ביז צום גראד פון א בהמה, וואס קריכט אין דיא בלאטעס און זוכט איהר ערנעהרונג, האט קאטער רינע געארבייט, מיט בעדעקטע לענדען פון שוויס, און פערשוויצט ביז'ן בויך וויא א בעל העגלה'ש פערד, און קריכענדיג אויף אללע פיער האט זיא קוים אוועקגישלעפט איהר טאטשקע.

נור צו איהר פערצווייפלונג האט זיא בעמערקט, אז כאטשע זיא איז נאקעט, ליידעט זיא דיא זעלבע יסורים פון היטץ. וואס נאך זאל זיא פון זיך אראבווארפען? דאס הוזשען אין דיא אויערן האט איהר פשוט געמאכט טויב, עס האט זיך איהר געדוכט, אזוי וויא מען וואלט איהר מיט צוויי אייזערנע שטאנגען געפרעסט איהרע שלייפען. און זיא איז געפאלען אויף דיא קני'ע. דיא לאנטערנע, וואס איז געשטאנען צווישען דיא קוילען אין איהר טאטשקע, האט געשיינט צו האלטען ביי'ם אויסלעשען זיך און אין איהרע פערפלאנטערטע געדאנקען האט זיא געהאלטען נור איין וואונש, ארויסדרייען דעם קנייטעל פון לעמפיל. צוויי מאל האט זיא זיך אויפגעהויבען צו פערריכטען דאס לעמפיל און ביידע מאל, ביי'ם אננעהמען דאס לעמפיל האט זיא בעמערקט וויא דאס פייער ווערט בלייכער, פונקט וויא איהם גייהט אויך אוים דער אטהעם.

פלוצים איז דאס לעמפיל פערלאשען געווארען און אלץ איז פערזונקען געווארען אין פינסטערניס. אין קאפ האט איהר גערוישט וויא אין א מיהל, דאס הארץ האט איהר אויפגעהערט צו קלאפען. צובראכען פון גרויס מיעדינקייט, מיט אבגעשטארבענע גליעדער, האט זיא זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און איז געלעגען וויא א טוידטע אין דער שטיקענדע לופט.

— איך גלויב, אז זיא איז ווידער פויל, האט זיך געהערט שאוואל'ס בייזע שטימע פון דאס ניי.

ער האט זיך צוגעהערט פון דעם ארט, וואו ער איז געשטאנען און האט נים גע- הערט דעם גערויש פון רעדער.

— הע, קאטערינע, פערדאמטע שלאנג!

זיין שטימע האט זיך פערלארען אין דער ווייטקייט פון דער פינסטערער גאלע- ריע; אבער קיינער האט נים געענטפערט.

— זאל איך דיר העלפען גיין? האט ער ווייטער אויסגעשריען.

קיינער האט זיך פון דעם געשריי בעוועגט; דיא זעלבע טוידטע שטילקייט. ער איז אין כעס ארונטערגעלאפען מיט'ן לאטערנע מיט אזא האסט, אז ער האט זיך שיער נים איבערגעקולעט איבער קאטערינעס קערפער, וואס איז געלעגען אויסגעצויגען איבער'ן וועג. ער האט איהר בעטראכט מיט פערוואונדערונג. וואס איז איהר דען? זיא מאכט זיך דאך נים כדי זיא זאל זיך קענען אונגעשטערט אביסעל אויסשלאפען? ווע ער האט ארונטערגעלאזט צו איהר געזיכט דיא לאטערנע, איז זיא שיער נים אויסגעלא- שען געווארען. ער האט איהר אויפגעהויבען אין דער הויך און ווייטער ארונטערגעלאזט. ענדליך האט ער פערשטאנען: דיא לופט איז געווארען שטיקענד. דער כעס איז איהם גלייך אריבער און זיין פלאץ האט פערנומען ערגעבענהייט צו דער געפאהר. ער האט א געשריי געטאן, מען זאל איהם דערלאנגען זיין העמד; ער האט ארומגע- נומען דיא נאקעטע און אונמעכטיגע מיידעל און האט איהר אויפגעהויבען אזוי הויך,

וויא ער האט נור געקענט. ווען מען האט איהם געבראכט זיינע און איהרע קליידער און אריבערגעווארפען איבער זיינע אקסלען, איז ער מיט איהר אוועקגעלאפען, האלטענדיג איהר אין איין האנד און אין דער צווייטער —ביידע לאמפען. דיא טיעפע גאלערייען האבען זיך געצויגען ווייט. ער איז געלאפען לינקס און רעכטס אום צו געפינען פרישע, קאלטע לופט, וואס דער ווענטילאנטאר האט אריינגעבראכט אין דיא מינע, אבצוראטעווען קאטערינען פון טויט. פלוצים האט ער דערהערט א גערויש וויא פון א קוואל. ער האט זיך אפגעשטעלט. דאס זיינען געווען די וואסער־אדערן, וועלכע האבען זיך דורכגעבראכען דורך דעם שטיין. שאוואל איז צוגעקומען צו א'ן אמאליגען ארויסגאנג פון דער גאסטאן־מאריע מינע. דיא לופט האט דא געבלאזען וויא אין א שטורמווינד; דא איז געווען אזוי קיהל, אז א קעלט איז איהם איבערגעלאפען איבער אלע ביינער, ווען ער האט אנידערגעליינט אויף'ן באדען זיין געליבטע, וועלכע האט זיך נאך אלץ געפונען אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד מיט פערמאכטע אויגען.

— הער, קאטערינע!.... דאנערוועטער!...... האלט זיך א ביסעל, אז איך זאל כאטש קענען אייננעצען דאס העמד אין וואסער.

ער האט זיך דערשראקען, אלס ער האט איהר דערזעהן אזוי אונמעכטיג. ער האט איינגעטונקט דאס העמד אין וואסער און אבגעוועצט איהר דאס געזיכט. טיעף אונטער דער ערד איז קאטערינע דא געלעגען מיט איהר שוואכען קערפער, אויף וועלכען דיא פארמען פון ווייבליכקייט זיינען נאך ניט צייטיג געווען, וויא טוידט און בעגראבען. א קעלט איז איבערגעלאפען איבער איהר קינדליכע ברוסט, איבער'ן בויך, איבער דיא זייטען פון דיזען בעדויערנסווערטען קינד, וואס איז פאר דער צייט ענטעהרט געווארן. זיא האט געעפענט איהרע אויגען און אויסגעשטאמעלט:

— מיר איז קאלט.

— אה! דאס איז גוט! האט שאוואל אויסגעשריען ערלייכטערט.

ער האט אויף איהר ארויפגעווארפען דאס העמד און געשאלטען אין טאטען אריין פאר דיא מאטערנעס, וואס ער האט געהאט ביים אנטאן איהר דיא הויזען, ווייל זיא אליין האט גאר ניט געקענט צוהעלפען. זיא איז נאך געווען אין גאנצען א צודולטע־ האט ניט געוואוסט, וואס מיט איהר איז דער מעהר און פאר וואס זיא איז נאקעט. ווען זיא איז געקומען צו זיך, האט זיא זיך פערשעהמט. וויא אזוי האט זיא געוואגט אויסצוטאן זיך אין גאנצען נאקעט? און זיא האט איהם אויסגעפרעגט: האט איהר יעמאנד געזעהן אזוי נאקעט גאר אהן א טיכעל איבער'ן נאקעטען לייב? ער האט זיך איבער דעם לוסטיג געמאכט און דערציילט איהר. אז ער האט איהר געטראגען פערביי אלע קאמעראדען. ענדליך האט ער איהר גיגעבען דאס ווארט, דאס ער איז מיט איהר אזוי געשווינד גילאפען, אז דיא קאמעראדען האבען ניט געקענט בעמערקען, אויב זיא איז קיילעכדיג אדער פיערעקיג.

— אבער יעצט ווער איך שיער דערפרוירען. האט ער אויסגעשריען און זיך גענומען אנטאן.

קיין מאל האט זיא איהם ניט געזעהן אזוי פריינדליך צו זיך. געוויינליך פלעגט ער איהר ענטפערן מיט צוויי גראבהייטען פאר איין גוט ווארט עס וואלט אזוי גוט געווען צו לעבען אין שלום. אין איהר מיעדקייט האט איהר דורכגעדרונגען א געפיהל פון צארטליכקייט. זיא האט איהם א שמייכעל געטאן און געזאגט אין דער שטיל:

— גיב מיר א קוש!

ער האט איהר א קוש געטאן און אנידערגעליינט זיך נעבען איהר און אבגעווארט ביז זיא וועט האבען כח צו גיין ווייטער.

— זעה, עס איז ניט געווען גוט פון דיין זייט, וואס דו האסט פריהער געשריען. איך האב ניט געקענט גיין, אויף מיינע נאמנות, איך האב ניט געקענט. איהר האט ביי אייער ארבייט וויינינער צו ליידען פון דער היטץ. ווען דו זאלסט ווימען, ווי מען בראט זיך לעבען דער קאלכוואנד!

— געוויס איז אונטער דיא ביימער אנגענעהמער, האט ער געענטפערט. פאר דיר איז דא זעהר ניט גוט צו ארבייטען, מיין אָרימע מיידעל, איך האב דאס שוין גוט בעמערקט.

זיא איז געווען אזוי גערירט פון זיין גוטסקייט, אז זיא האט זיך גלייך גינומען בריהען.

— אָה, דאס איז נאר היינט, האט זיא געזאגט; איך בין אזוי שוואך, און דיא לופט איז אזוי פערפעסטעט.... נאר דו ווערסט זעהען, אויב איך בין פויל! אז מען מוז ארבייטען, מוז מען, ניט אמת? איך וועל בעסער דעם טויט בעקומען און דיא ארבייט ניט אוועקווארפען.

עס איז געווארען שטיל. ער האט איהר ארומגענומען און צוגעטולעט צו זיין ברוסט, זיא זאל זיך ניט צוקיהלען.

אבוואהל זיא האט זיך געפיהלט שטארק גענוג צו גיין צוריק צו דער ארבייט, האט זיא זיך אין גאנצען פערגעסען, ליגענדיג צוגעטולעט צו איהם.

— איך וואלט וועלען דו זאלסט זיין צו מיר א ביסעל פריינדליכער, האט זיא פארטגעזעצט אין דער שטיל. — מען פיהלט זיך אזוי גליקליך, ווען מען האט זיך א ביסעל ליעב.

און זיא האט אנגעהויבען שטיל צו וויינען.

— איך ליעב דאך דיר, אז ניט, צו וואס האב איך דיר גענומען צו זיך! האט ער אויסגעשריען.

זיא האט נור געענטפערט מיט א שאקעל פון קאפ. דיא מענער נייען זיך אפט צונויף מיט ווייבער בלויז נור אום צו האבען זיי, און קיממערען זיך נישט, אויב דאס ווייב איז אויך גליקליך. טרערען האבען איהר גערונען פיעל גיכער, זיא איז יעצט געווען פערצווייפעלט, ווען זיא האט געטראכט, וואס פאר א שיינעם לעבען זיא האט געקענט פיהרען, ווען זיא וואלט זיך צוזאמענגעגאנגען מיט אן אנדערן, וועלכער וואלט איהר שטענדיג געהאלטען ארומגענומען. אן אנדערן? און פון דיא טיעפעניס פון איהרע געפיהלען איז ארויסגעשוואומען דאס בילד פון יענעם אנדערן. נור דאס איז א זאך וואס איז פערפאלען; זיא וואלט יעצט געווען צופרידען צו לעבען מיט דעם. ווען ער זאל איהר אזוי נראב ניט בעהאנדלען.

— זיי כאטשע פון צייט צו צייט אזוי גוט, וויא יעצט, האט זיא געזאגט.

א געוויין האט אונטערבראכען איהרע ווערטער; און ער האט איהר גענומען קר שען פון דאס ניי.

— זיי ניט נארעש, האט ער געזאגט. איך שווער דיר, אז איך וועל זיין גוט. איך בין ניט ערגער פון אן אנדערן, גלויב מיר!

זיא האט אויף איהם געקוקט און געשמייכעלט צו איהם מיט טרערען אין דיא אויגען. אפשר איז ער גערעכט, און עס איז ניטא קיין גליקליכע פרוי. און כאטשע זיא האט זיין שבועה ניט געגלויבט, האט זיא זיך אין גאנצען איבערגעגעבען צו דער שמחה, וואס ער איז יעצט גוט. מיין גאט, ווען דאס זאל געדויען לייגנער! זיי האבען זיך נאך א מאל ארומגענומען און כאנג ניט ארויסגעלאזט איינער דעם צווייטען ביז זיי זיינען איבערגעשראקען געווארען פון יעמאנדס טריט. דריי קאמעראדען וועלכע האבען זיי געזעהען פריהער פארביילויפען, זיינען יעצט צו זיי צוגעקומען צוזעהען וואס עס הערט זיך.

אלע צחאמען האָבען זיך נעלאָזט גיין צוריק. עס איז געווען שוין באלד צעהן אוהר און זיי האָבען זיך געזעצט אין א קיהל ווינקעל עסען פריהשטאק בעפאָר זיי וועלען זיך אומקעהרען צו זייער ארבייט אין שוויצען. זיי האָבען אקאָרשט אָבגעגעסען זייערע סענדוויטשעס און פערזופּט מיט קאַפּע פון זייערע פלעשער, נאָר פּלוצלינג האָבען זיי דערהערט א ליארם פון דיא ווייטע ארבייט פּלעצער און זיי האָבען זיך שטארק בעאונרוהיגט דערפון. וואָס איז דאָרטען? פּיקייכט ווייטער עפּעס א'ן אומגליק? זיי האָבען זיך אויפגעהויבען אין געלאָזט זיך לויפען. אויף'ן וועג האָבען זיי בעגעגענט מענער ווייבער, קינדער: קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס איז געשעהן און יעדער האָט געשריען; עס האָט געמוזט געשעהן א גרויס אומגליק. פּלוצלינג איז געוואָרן א גוואלדיגער אויפרוהר; דערשראָקענע שאָטענס האָבען זיך ארויסגעשאָטען פון דיא גאלעריען, דיא לאָנטערנעס האָבען געשפּרונגען הין און צוריק אין דער פינסטערניס. וואו איז דאָס? פאר וואָס זאָגט מען נאָר ניט?

נאָר באלד האָט זיך בעוויזען א'ן אויפזעהר און געשריען:

— מען האָט איבערגעשניטען דיא קאבעל! מען האָט איבערגעשניטען דיא קאָבעל! (דראָטענעם שטריק).

א שרעק איז דורכגעלאָפען דורך אלעמענס גליעדער. א משוגע'נער געלאָף האָט זיך אָנגעפאנגען דורך דיא פינסטערע גאלעריען. אלע האָבען פערלוירען דיא קעפּ. צו וואָס האָט מען איבערגעשניטען דיא הייבעל? ווער האָט דאָס איבערגעשניטען, ווערהענד דיא לייטע געפינען זיך נאָך אין דיא מינען? דאָס איז שרעקליך.

א צווייטער אויפזעהר איז דורכגעלאָפען, און זיינע געשרייען האָבען געהילכט איבער דיא גאלעריען:

— דיא ארבייטער פון מאָנטסאָו האָבען איבערגעהאקט דיא קאבעל! נייט אלע ארויס!„

ווען שאוואל האָט דאָס בעגריפען, האָט ער צוריק געהאלטען קאטערינען. רער געדאנק, אז אויבען וועט ער בעגעגענען דיא ארבייטער, האָט איהם אונטערבראָכען דיא פיס. אזוי, איז דיא באנדע דאָך געקומען אהער, און ער האָט געדיינקט, אז זיא איז אין דיא הענד פון דיא זשאנדארמען! א'ן אויגענבליק איז איהם איינגיפאלען ארויסצוגיין דורך דיא גאסטאָן־מאריע־מינע; נור ער האָט זיך דערמאָנט אז דורך דאָרטען קען מען שוין מעהר ניט גיין. ער האָט געגומען שילטען, נור באלד אויפגיהערט און ניוואָלט בעהאלטען זיין שרעק. ער האָט אלץ גע'חזרט, אז לויפען איז גיטאָ וואָס, וויל אין דער מינע וועט מען זיי זאָ וויא זאָ ניט איבערלאָזען.

דיא שטימע פון א'ן אויפזעהער האָט זיך ווייטער דערהערט:

— אלע ארויס! צו דיא לייטערס! צו דיא לייטערס!

אין שטופּעניש האָט מען שאוואל'ן אויך מיטגעשלעפּט. ער האָט קאטערינען געשטופּט פאר זיך און בעשולדיגט איהר, אז זיא גייט ניט גיך גענוג. וויל זיא דען בלייבען אליין אין דער מינע און שטארבען פאר הונגער? ווארום דיא רויבער פון מאָנטסאָו קענען נאָך דיא לייטערס צוברעכען נאָך איידער דיא מענשען וועלען פון דאָרטען ארויסגיין. דיזע ווערטער האָבען געמאכט אלעמען אויסער זיך: עס האָט זיך אָנגעפאנגען א משוגה'דיג לויפען איבער דיא גאלעריען; יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער אין לויפען. עטליכע האָבען געשריען, אז דיא לייטערס זיינען צובראָכען, אז קיינער וועט שוין פון דאָנען ניט קענען ארויסגיין. און ווען זיי זיינען אלע אין צושראָקענע גרופּען צוגעקומען צום פּלאץ פון ארויפצוג, איז געוואָרן צווישען זיי א מהומה. אלע האָבען זיך געלאָזט צו דער שאכטע, וואו דיא לייטערס זיינען געשטאנען. פאר'ן קליינעם מהירל איז געוואָרען א געדרענגעניש; אין אלטער שטאַל־קנעכט, וועלכער האָט דיא פּערד צוריקגעפיהרט אין שטאַל, האָט מיט פעראכטונג געקוקט אויף דעם אלעמען. ער איז

געווען געוואָהנט צו צוברייננען נעכט אין דער מינע און איז געווען זיכער, אז מען וועט איהם ענדליך ארויפנעהמען.

— ניכער, שטייג ארויף פאר מיר! האָט שאוואל געזאָגט צו קאַטערינען; אזוי אַז איך זאָל דיר קענען צוהאלטען, דו זאָלסט ניט פאלען.

אָהן אָטהעם, פע מאַטערט פון לויפען א שטיק וועג דריי קילאָמעטער לאנג, בענאָסען מיט שוויים, האָט זיא זיך געלאָזט מיטשלעפען פון ד. ר מאַסע און ניט בעגריפען וואָס דאָ טהוט זיך. ער האָט זיא אָנגענומען ביי דער האנד אזוי שטייף, אז ער האָט איהר שיער ניט צוקוועטשט; זיא האָט א געשריי געטאָן פון ווייטאָג און טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין דיא אויגען. אזוי גיך האָט ער פערגעסען זיין שבועה; זיא וועט קיין מאָל ניט זיין גליקליך.

— נו, גיי דאָך! האָט ער געברומט.

גור זיא האָט שטארק מורא געהאט אז אויב זיא וועט גיין פאר איהם, וועט ער איהר דיא גאנצע צייט גראָב בעהאנדלען, דארום האָט זיא זיך ניט געריהרט פון אָרט, וועהרענד דיא קאַמעראַדען האָבען זיי ביידען געשטופט אָן א זייט. דאָס רינענדיגע וואַסער פון דיא שאכטעס איז געפאלען אין שווערע טראָפענס ארונטער אויף דיא ברעטער פון דעם ארויפגאנג, וואָס איז געלעגען איבער א גרוב צעהן מעטער טיעף פול מיט שמוציגע וואסער, האָבען געציטערט אונטער דיא שווערע פיס פון דער גרויסער מאַסע. גראדע אויף דעם זעלבען פלאַץ מיט צוויי יאָהר צוריק, ווען דער קאבעל איז איבערגעריסען געוואָרן, איז דיא פלאַטפאָרמע ארונטערגעפאלען אין דער גרוב און צוויי ארבייטער זיינען דערטרונקען געוואָרן. יעצט האָבען זיך אלע דערמאָנט פון דעם אונגליקספאל; אז א צו גרויסע מאַסע וועט זיך אָנזאַמלען אויף דיא ברעטער קענען אלע געפינען זייער טויט אין דעם גרוב.

— פערפלוכטער, גראָבער קאָפּ! האָט שאוואל געשריען אויף קאַטערינען. געהם אייך א מיתה משונה, וועל איך פון דיר פּטור ווערן!

און ער האָט גענומען קלעטערן פאָראויס און זיא נאָך איהם.

פון אונטען ביז ארויף אויבען זיינען געשטאַנען הונדערט און צוויי לייטערס, יעדער זיבען מעטער הויך. דיא לאָך, וואו דיא לייטערס זיינען געשטאַנען, איז געווען אזוי שמאָל, אז קריכענדיג האָט מען זיך מיט דיא פּלייצעס געריבען אין דיא ווענטלאָך. דיא לאָך האָט אויסגעזעהן וויא א גרויסער קוימען, זיבען הונדערט מעטער הויך; א פּייכטע, פינסטערע ענדלאָזע לאָך. דיא לייטערס זיינען געשטאַנען איינער אויף דעם צווייטען אזוי רעגעלמעסיג, וויא דיא גאָרענס פון א געביידע. ביי א שטאַרקען מענשען האָט געדארפט נעהמען ביי א האלבע שטונדע ארויפשטייגען אויף אלע לייטערס, וועלכע מען האָט נור געברויכט אין א נויטה אדער אין א אונגליקספאל.

פון אָנפאנג איז קאַטערינע מונטער ארויפגעשטיגען, איהרע פיס זיינען געווען געוואָהנט צו טרעטען אויף שטיקלאך קוילען, וואָס זיינען געווען צושפרייט אויפ'ן וועג; זיי האָבען אויך ניט געליטען פון דיא אייזען, מיט וועלכען דיא טרעפּ פון דיא לייטערס זיינען געווען בעשלאָגען, אום זיי זאָלען זיך ניט אָבניצען גיך. איהרע אויסגעארבייטע הענד פון שלעפען דיא טאַטשקעס האָבען מוטהיג געכאַפּט דיא דיקע סלופעס פון דיא לייטערס. זיא האָט זאָגאר אין דעם געפונען א צערשטרייאונג און האָט פערגעסען איהר קומער ביי דיזען אונערוואַרטעטען ארויפשטייגען. דיזער לאַנגער שלאַנג פון מענשען, צו דריי אויף יעדען לייטער, האָט זיך אזוי וויט געוויקעלט, אז דער אָנפאנג האָט שוין געדארפט זיין אויבען, ווען דיא ענדע איז געשטאַנען נאָר אונטען, אָבער זיי זיינען נאָך ניט געווען אזוי וויט. דיא ערשטע האָבען קוים דורכגעמאַכט א דריטעל וועג. קיינער האָט ניט גערעדט; דיא פיס האָבען זיך מיט א דומפּפען גערויש געקייקעלט ארויף. דיא לעמפּלאַך, וואָס דיא קוילענגרעבער האָבען געטראָגען מיט

זיך, האבען געשיינט וויא בלאנזענדיגע שטערען אין א לאנגער ליניע, וואס האט געהאלטען אין איין וואקסען.

קאטערינע האט געהערט הינטער זיך, וויא א יונגעל האט געציילט דיא לייטערס. דאס האט איהר ארויפגעבראכט אויפ'ן געדאנק אויך צו ציילען דיא לייטערס. זיי זיינען ארויפגעשטיגען אויפ'ן פופצעהנטען לייטער און דערגרייכט צו א'ן אבשטיינס־גאלעריע. אין דעם אויגענבליק האט זיא אנגעטראטען שאוואלען אויפ'ן פוס. ער האט אנגעהויבען צו שילטען און האט געשריען, זיא זאל וויטער זעהען, וויא זיא גייט. דיא גאנצע צייל איז געבליבען מיט א מאל שטיין און איז געווארען אונבעוועגליך. וואס איז דארטען? וואס קומט דארטען פאר? און יעדער האט אנגעהויבען צו פרעגען און צו שרעקען זיך. דיא אנגסט איז געווארען וואס וויטער גרעסער פון אויבען ביז אראב; דאס אונבעקאנטע הינדערניס דארטען אויבען האט פעראורזאכט וואס וויטער מעהר שרעק. יעמאנד האט געזאגט, אז מען וועט מוזען צוריק ארונטערשטייגען, וויל דיא לייטערס זיינען צובראכען. אלע האבען זיך דערפאר געשראקען, אז מען זאל אין מיטען ניט בלייבען שטיין. באלד איז געגאנגען א צווייטע ערקלערונג פון מויל צו מויל: איינער פון דיא קוילענגרעבער איז פון דיא לייטערס ארונטערגעפאלען. געגווי האט מען קיין זאך ניט געוואוסט; פון געשריי האט מען קיין זאך ניט געקענט הערען. וועט מען דא מוזען נעכטיגען אויף דיא לייטערס? האט איינער דעם צווייטען געפרעגט. ענדליך, ניט בעקומענדיג קיין ערקלערונג, האט זיך דער צייל וויטער אנגעהויבען צו ריהרען מיט דער זעלבער לאנגזאמער און שווערער בעוועגונג, מיט'ן זעלבען ראלענדען גערויש פון דיא טריט און דעם טאנץ פון דיא לאמפען. דיא צובראכענע לייטערס האבען געמוזט זיין העכער.

ביי דעם צוויי־און־דרייסיגסטען לייטער האט קאטערינע דערפיהלט וויא איהרע הענד און פיס ווערען וויא אבגענומען. אנפאנגס האט זיא געפיהלט א לייכטען שטעכען אין דיא הויט, זיא האט שוין אויפגעהערט צו פיהלען דיא בעריהרונג פון אייזען און האלץ אונטער איהרע פיס און הענד. א וואקסענדער ברענענדיגער שמערץ האט ערהיצט איהרע מוסקולען, און פאר שרעקעניש האט זיא זיך דערמאנט אן דיא אלטע געשיכטעס, וועלכע איהר זיידע באנמאר פלעגט דערצעהלען פון יענער צייט, ווען עס זיינען נאך ניט געווען קיין עלעווייטארס און קליינע צעהן־יעהריגע מיידלאך פלעגען אויף זייערע פלייצעס שלעפען דיא קוילען איבער דיא לייטערס, וואס זיינען געווען אנגעשפארט אן דיא וואנד. ווען איינע פלעגט זיך אויסגליטשען, אדער א שטיק קאהל פלעגט ארויספאלען פון א קארב, פלעגען קינדער ארונטער־פאלען. דיא קרעמפפען אין איהרע גלידער זיינען געווארען אוניערטרעגליך; זיא האט אנגעהויבען צו צווייפלען, אויב זיא וועט דערגרייכען ביז ארויף.

זיי זיינען ווידער א פאר מאל געבליבען שטיין, און דאס האט איהר געגעבען דיא מעגליכקייט אביסעל אבצורוהען זיך. נור דער שרעק, וואס האט זיך יעדעס מאל פערשפרייט פון אויבען אונטער, האט איהר אין גאנצען צוטומעלט. דער אטהעם פון דיא מענשען, וואס האבען זיך געפונען אונטער און איבער איהר, האט זיך צוזאמענגעגאסען. פון דעם ענדלאזען ארויפשטייגען האט איהר, וויא אלע אנדערע, געשווינדעלט און ארויסגערופען א'ן איבעל. זיא איז שיער ניט דערשטיקט געווארען, און צומישט פון דער פינסטערניס, פערצווייפעלט פון שטענדיגען אבקלאפפען זיך אן דיא וואנטלאך פון דער לאך. א קעלט איז איהר געלאפפען איבער'ן לייב צו ליעב דער פייכקייט; איהר לייב איז געווען בעגאסען פון שוויס, און פון פייכקייט זיינען אויף איהר געפאלען אייז קאלטע טראפפענס. מען איז איצט אלץ נעהנטער געקומען צום ארט פון אונטעראירדישען וואסער: דיא טראפפענס זיינען דא געפאלען אזוי געדיכט, אז מען האט מורא געהאט, זיי זאלען ניט אויסלעשען דיא לאמפען.

שאוואל האט א פאר מאל אנגערופען קאטערינען, נור ער האט קיין ענטפע־נים בעקומען. וואס טהוט זיא דארטען אונטער איהם? האט איהר דען דיא צונג אבגענומען? זיא קען דאך איהם ענטפערן, אויב זיא האלט זיך נאך. דאס ארויפשטיי־גען געדויערט שוין א האלבע שטונדע, אבער עס גייט צו אזוי שווער, אז ער האלט נאך ערשט ביי דעם ניין און פופצינסטען לייטער. עס בלייבען נאך דריי און פערציג לייטערס. קאטערינע האט ענדליך ארויסגעשטאמעלט, אז זיא האלט זיך נאך. ער האט איהר ווי־דער אויסגעזידעלט, ווען זיא האט איהם געזאגט, אז זיא איז פערמאטערט. דיא אייזען פון דיא שטאפעל האבען איהר צושניטען דיא פיס; איהר איז געווען, וויא מען וואלט איהר דיא פיס ביז דיא ביינער דורכגעזעגט. יעדעסמאל, ווען זיא האט אויסגעשטרעקט דיא הענד אנצונעהמען דיא סלופעס פון לייטער, האט איהר געדוכט, אז זיי וועלען זיך אראב־גליטשען; זיי זיינען געווען אזוי צורייצט און פערשטיינערט, אז זיא האט ניט געקענט א ריר טאן מיט א פינגער; און איהר האט אלץ געדוכט, אז דיא כחות וועלען איהר ניט אויסהאלטען און זיא וועט ארונטערפאלען; איהר האט אויסגעוויזען וויא איהרע פלייצעס זיינען אבגעריסען אין דיא פיס ארויסגענומען פון זייער ארט. איבערהויפט האט זיא געליטען דערפון, וואס דיא לייטערס זיינען ניט געשטאנען אנגעבויגען, נור ווענקרעכט, און זיא איז געווען גענויטהינט אנצושטריינגען דיא גאנצע קראפט פון דיא הענד ביי דעם קלעטערען און איהר בויך האט זיך שטארק געריבען אן דעם האלץ. דער סאפען פון דעם עולם האט זיך איצט געהערט העכער, וויא דאס ראלען פון זייערע טריט; א שרעקליכער כארכלען, וואס האט זיך צעהן מאל מעהר פערשטארקערט דורך דיא ענגקייט פון דעם דורכגאנג, האט זיך אויפגעהויבען פון דער טיעפעניס און דער־גרייכט ביז'ן סאמע אויבען. יעצט האט מען שוין געקענט הערען א קרעכצעניש, ווערטער האבען גענומען הויפען פון מויל צו מויל: א אינגעל האט אן א ווינקעל פון א'ן אב־שטיינס־גאלעריע צושפאלטען דעם מוח.

און קאטערינע האט אלץ גיקלעטערט העכער. יעצט איז מען פארביינגעגאנגען, פערביי דעם אונטעראירדישען וואסער. דיא נעדיכטע טראפענס פון פייכטקייט האבען אויפגיהערט, א טומאן האט זיך פערשפרייט און געדיכטער געמאכט דיא לופט, וועלכע איז נאך מעהר פערדארבען געווארן פון דעם אלטען אייזען און פייכטען האלץ. זיא האט פער'עקשנ'ט נאך אלץ געהאלטען אין ציילען: איין־און־אכציג, צוויי־און־אכציג, דריי און אכציג — נאך נייגצעהן! דיא ציפער, וואס זיא האט געהאלטען אין איין ווידער־האלען, צוזאמען מיט איהר רעגעלמעסיגען קלעטערן, האבען איהר אביסעל אויפגע־האלטען. זיא האט שוין פערלארען דאס בעוואוסטזיין פון איהרע בעוועגונגען. ווען זיא האט געווענדט איהר בליק ארויף, האט זיא געזעהן וויא דיא לעמפלאך דרעהען זיך אין א ספיראל פארמע, וויא א פראפפען־ציהער. דאס בלוט האט אין איהר געפליסט; זיא האט געפיהלט, אז זיא שטארבט, אז דער קלענסטער בלאז קען איהר אראבשליי־דערען. דאס ערגסטע איז געווען, וואס דיא, וועלכע האבען געקלעטערט נאך איהר, האבען זיך גישפארט. דער גאנצער זייל האט זיך גישטופט ארויף, געטריעבען פון ערמיעדונג און פון דער לוסט צו זעהן נאך א מאל דיא זונן. דיא ערשטע זיינען שוין גיוועזן אויבען, דאס האט גיהייסען, אז דיא לייטערס זיינען ניט צובראכען; דאך, דער גידאנק, אז כע האט זיי נאך גיקענט צוברעכען און איבערלאזען דיא איבריגע אונטען און דיא אויבערשטע וועלען זיך פוילען א פינגער צוצולייגען פאר זייער הילף, האט זיי פשוט משוגע גימאכט. און ווען אללע זיינען גיוועזן גיצוואונגען וויטער צוליעב א געוויסען הינדערניסע צו בלייבען א ווילע שטיין, האבען זיך גיהערט טוידטע קללות. זיי האבען פארטגיזעצט זייער ארויפשטייגען און זיינען גיקראכען איינער איבער'ן צווייטען כדי וואס גיכער צו דערגרייכען אויבען.

און דאן איז קאטערינע ארונטערגעפאלען.... זיא האט פערצווייפעלט א גישריי

נימאן צו שאוואלען אום היקף. ער האט איהר ניט געהערט; ער האט זיך ניבארעט מיט א קאמעראד און געשטויסען איהם אין דיא זייטע, אום ער זאל קענען פריהער ארויסגיין. און זיא איז ניפאלען ווייטער און מען האט אויף איהר ניטראטען. יעצט, נעפינענדיג זיך אין אונמאכט, האט זיא ניהאט א חלום: איהר האט זיך גידוכט, אז זיא איז איינע פון יענע קליינע ארבייטערינען פון א מאל, און א שטיק קייל איז ארויסגיפאלען פון א קארב און האט איהר געטראפען און אראבגיווארפען; איהר אינטער אין דער טיעפעניס פון דער מינע, אזוי וויא א פוינעלע, גיטראפען פון א שטיין.

נאך פינף לייטערס זיינען פערבליבען ארויפצושטייגען. דער ארויפשטייג האט שוין געדויערט באלד א שטונדע. קיין מאל האט זיא ניט אויסגיפונען, וויא אזוי זיא האט דערגרייכט ארויף, פערהאלטען פון דער דריינגענדער מאסע אין דער ענגעניס פון דעם דורכגאנג, געטראגען אויף דיא אקסלען. פלוצלונג האט זיא זיך געפונען אין דעם בלענדענדען שיין פון דער ליכטיגער זון, צווישען א שרייענדער צארניגער מאססע.

III.

פאר'ן שוואכען, ציטערדיגען שיין פון פריהמארגען האט מען שוין געקענט בעמערקען א בעוועגונג אין דיא ארבייטער דערפער, א בעוועגונג, וועלכע האט זיך האסטיג פערשפרייט איבער אלע וועגען פון דעם געגענד. נור ניין וואו זיי האבען פריהער אבגערעדט האבען זיי ניט געקענט; דיא נאכריכט האט זיך פערשפרייט, אז דראגונער און זשאנדארמען דרייהען זיך ארום איבער דיא פעלדער. מען האט דערצעהלט, אז ביי נאכט זיינען זיי אנגעקומען פון דער שטאט רוע. מען האט בעשולדיגט ראססעניע, דאס ער האט זיינע קאמעראדען פערראטהען מיט דעם, וואס ער האט דירעקטאר הענגעבא געלאזט וויסען פון זייערע אבזיכטען; אן ארבייטערין האט געשווארען, אז זיא האט געזעהן, וויא א דיענער האט נעטראגען דיא טעלעגראמע אין טעלעגראף־אפיס. דיא ארבייטער האבען אויסגעשטעלט זייערע קולאקעס און פאר'ן שוואכען שיין פון דעם פריהמארגען האבען זיי ארויסגעקוקט פון אונטער זייערע פענסטער לאדענס, אויב דיא סאלדאטען קומען שוין אן.

האלב אכט אין דער פריה — דיא זון איז ערשט אויפגעגאנגען — האט זיך פערשפרייט א'ן אנדער נאכריכט, וואס האט בערוהיגט דיא אונגעדולדיגע. דיא סאלדאטען זיינען נאר געגאנגען אין מאנעוורע, וואס זיי האבען שוין געטאן א פאר מאל צייט דער סטרייק האט זיך אנגעפאנגען, וויל דער פרעפעקט פון ליללע האט געבעטען דעם גענעראל, ער זאל זיי פיהרען דורך דעם פלאץ כדי צו שרעקען דיא סטרייקערס. דיא סטרייקערס האבען געהאסט דעם פרעפעקט, וועלכען זיי האבען בעשולדיגט, אז ער האט זיי גענארט אין א פערשפרעכונג צו זיין א פערמיטלער צווישען זיי און דיא באסעס. דיא פערמיטלונג איז בעשטאנען נור אין דעם, וואס דיא טרופען האבען איינע אכט טאג מארשירט דורך מאנטסו, אום צו האלטען דיא ארבייטער אין צאם. און ווען דיא דראגונער און זשאנדארמען האבען אין דער גיך דורכגעריטען דורך דיא געפרוירענע גאסען פון דיא דערפער און האבען זיך צוריק אומגעקעהרט נאך מארשען, האבען דיא ארבייטער גילאכט פון דעם נארישען פרעפעקט מיט זיינע נארעשע סאלדאטען, וועלכע וואלטען זיך צולאפען, ווען דיא זאך וואלט געווארען הייסער. ביז ניין א זייגער האבען זיי זיך פערהאלטען רוהיג אין זייערע הייזער און אויף דיא גאסען און האבען נאכגעקוקט, וויא דיא לעצטע זשאנדארמען האבען אוועקגעריטען. דיא בירגער פון מאנטסו זיינען נאך געשלאפען אין זייערע ווייטע בעטען. מאדאם הענעבא איז אוועקגעפאהרען אין איהר קארעטע פון דירעקציאנס־געביידע; דעם דירעקטאר איז וואהרשיינליך געוועזען ביי זיין ארבייט, ווארום דאס הויז איז געוועזען שטיל און פערשפארט, וויא אויסגעשטארבען. קיין מינע איז ניט געוועזען מיליטעריש בעוואכט; אין אזא געפעהרליכע שטונדע איז דאס

נעווען שרעקליך ניט פארזיכטיג, דיא נאטירליכע דומהייט פון יעדע קאטאסטראפע, אלע פעהלער, וואס א רעגיערונג קען בעגיין, ווען מען דארף פעראייניגען ראבח מיט כהאט. עס איז געווען גיין א זייגער, ווען דיא קוילען-גרעבער האבען זיך געלאזט גיין אויפ'ן וועג צו וואנדאם, וואו זיי האבען געכטען אבגערעדט צו בעגעגענען זיך אין וואלד.

עטיען האט באלד פערשטאנען, אז ער וועט אין דזשאן בארט ניט געפינען אלע דריי טויזענד קאמעראדען, אויף וועלכע ער האט גערעכענט. פיעלע האבען געגלויבט, אז מען האט דיא זאך אבגעלייגט, און דאס ערגסטע איז געווען, דאס דיא צוויי אדער דריי קאמפאניעס, וועלכע זיינען געווען שוין אונטערוועגס, וואלטען דיא גוטע זאך אין גאנצען איבערגעפיהרט, ווען ער זאל ניט ווערען דער אנפיהרער. א הונדערט מענשען, וועלכע זיינען ארויס פארטאג, האבען זיך געמוזט בעהאלטען צווישען דיא בוימער אין וואלד אום צו ווארטען אויף דיא איבריגע. סואווארין, צו וועמען עטיען האט זיך געווענדעט פאר א ראטה, האט נור א ציה געטאן מיט דיא אקסלען: צעהן ענטשלאסענע חברה'לייט טויגען פיעל מעהר וויא א גאנצע מחנה, האט ער געזאגט, און ער האט זיך ווייטער פערטיעפט אין בוך, וואס איז געלעגען נעבען איהם אויפען; ער האט ניט געוואלט האבען צו טאן מיט דעם. עס וועט ווידער אויס, אז דיא זאך וועט ווערען געפיהרט פאל, און אבגעשוואכט, וועהרענד דיא איינפאכסטע זאך וואלט געוועזען אונטערצושניידען מאנכט־סו, האט ער בעמערקט צו ראסינעיר, ווען עטיען איז צוועקגעגאנגען. ראסינעיר איז געזעסען זעהר בלייך נעבען איינערנעם אויווען, זיין ווייב, וועלכע האט אין איהר אייביג שווארצען קלייד אויסגעזעהן געוויקסיגער, האט איהם אויסגעזידעלט מיט שארפע נור העפליכע ווערטער.

מאהיי האט געזאגט, אז מען דארף האלטען ווארט, אזא פערזאמלונג איז הייליג. נור דיא נאכט האט אין אלעמען אבגעשוואכט דעם פיבער, ער האט איצט מורא געהאט, עס זאל ניט געשעהן אין אומגליק און האט ערקלערט, אז זייער פפליכט איז צו געפינען זיך אויפ'ן ארט פון פערזאמלונג אום אונטערצושטיצען דיא קאמעראדען אין זייער גוטען רעכט. מאהיד האט צוגעשאקלט אויף דעם מיט'ן קאפ. עטיען האט זעלבסט־געפעליג ווידערהאלט, אז מען מוז האנדלען רעוואלוציאנער, נור מען זאל ניט אומבריינגען מענשליכע לעבענס. פאר'ן ארויסגיין האט ער צוריקגעוויזען דעם חלק ברויט און דיא פלאש בראנפען, וואס מען האט איהם נעכטען איינגעטהיילט; נור פריהער האט ער אויסגעטרונקען דריי גלעזלאך איינע נאך דיא אנדערע, אלס א סגולה פאר קעלט. ער האט אויך א ביסעל מיטגענומען אין זיין פעלד־פלאש אין זאפאס. אלזיר איז געבליבען אבטונג צו געבען אויף דיא קינדער. באנעמאר איז ליגען געבליבען אין בעט; נעבען איז ער צו פיעל ארומגעלאפען, און דיא פיס האבען איהם דעריבער וויה געטאן.

צוליעב פארזיכטיגקייט זיינען זיי ניט געגאנגען אלע צוזאמען. זשאנלען איז שוין לאנג פערשוואונדען געווארען. מאהיי און זיין ווייב זיינען געגאנגען מיט זייטיגע וועגלעך אין דיא ריכטונג פון מאנטסו, וועהרענד עטיען איז אוועק אין וואלד צו טרעפען זיך מיט דיא קאמעראדען. אונטערוועגס האט ער אנגעיאגט א מחנה ווייבער צווישען וועלכע ער האט דערקענט דיא ברילע און דיא לעוואק; זיי האבען געגעסען קאשטאנעס וואס דיא מוקעט האט געבראכט, און פערשלונגען אויך דיא שאלעכצס, כדי דאס זאל זיך לייכטער האלטען אין מאגען. עטיען האט קיינעם ניט געטראפען אין וואלד. דיא קאמעראדען זיינען שוין געווען אין זשאן־בארט. ער האט גענומען לויפען האסטיגער און איז אנגעקומען אין זשאן־בארט גראדע אין דעם אויגענבליק, ווען לעוואק מיט נאך א הונדערט מענשען האבען איינגעדרונגען אין דעם ווערקהויז. פון אלע זייטען, זיינען אנגעקומען דיא גרובענארבייטער; מאהיי און זיין ווייב זיינען שוין געשטאנען אין מיטען נאס. צווישען דיא ווייבער, וואס זיינען געשטאנען אין קליינע קופקעס, איז געווען א מישענינע. זיי זיינען געווען אהן א פיהרער, אהן וואפען און האבען זיך אלע

נעשטופט צו איין פונקט. עטיען האט דערזעהן זשאנלען, וויא ער האט זיך ארויפגע־כאפט אויף א פארענץ פון בריק און האט זיך דארט אנידערגעזעצט אזוי וויא ער וואלט געזעסען אין א טהעאטער. עטיען האט נאך ניכער אנגעפאנגען צו לויפען און איז אריין אין ווערק־הויז מיט דיא ערשטע. דארט זיינען נאך קוים געווען דריי הונ־דערט מענשען.

זיי האבען זיך אבגעשטעלט, דערזעהנדיג דענווילן אויף'ן אויבערשטען טרעפ, וואס האט געפיהרט אין אויפנאמס זאל.

— וואס ווילט איהר? האט ער געפרעגט מיט א הויכען קול.

נאכדעם וויא ער האט געזעהן דיא קארעטע, פון וועלכער זיינע טעכטער האבען איהם צוגעשמייכעלט, איז געווארען פערשוואונדען, איז אויף איהם אנגעפאלען א אומבעשטימטע אונרוהע, און ער האט זיך צוריקגעקעהרט אין דער מינע. דארט האט ער אלץ געפונען אין ארדנונג; דיא ארבייטער זיינען גיווען אונטען און דער טראנס־פארט פון דיא קוילען איז געגאנגען וויא געוועהנליך. ער האט זיך ווידער בערוהיגט און געפלוידערט רוהיג מיט'ן אבע־אויפזעהער, ווען מען האט איהם געמעלדעט, אז דיא סטרייקער קומען. ער איז צוגעלאפען צום פענסטער און דערזעהענדיג דיא וואק־סענדע מחנה, וואס האט פערפלייצט דעם וועגהויף, האט ער דערפיהלט זיין הילפ־לאזיגקייט. וויא וועט ער פערטהיידיגען דיא געביידע, וואס איז אפען פון אלע זייטען? ער האט קוים געהאט ארום זיך צוואנציג ארבייטער, אויף וועלכע ער האט זיך געקענט פערלאזען. ער איז פערלארען.

— וואס ווילט איהר, האט ער ווידערהאלט בלייך פון איינגעהאלטענעם כעס און געמינטערט זיך צו מאכען א רוהיגע מינע.

צווישען דיא סטרייקער האט זיך אנגעהויבען א שטופענים און א ברומען. ענדליך איז עטיען ארויסגעטראטען און געזאגט:

— מיין הערר, מיר זיינען ניט געקומען אייך שלעכטס צו טאן, נור די ארבייט מוז אומעדום אפגעשטעלט ווערן.

דענווילען האט איהם מכבד גיווען מיט דעם צורוף בהמה.

— ווילט איהר דאס מיר גוטעס טאן מיט דעם, וואס איהר ווילט שטערן דיא ארבייט? דאס איז גראדע אזוי גוט, וויא איהר וואלט אין מיר אונטער מיין רוקען ארויסגעשאסען א ביקס ... יא; מיינע לייט זיינען אין דער מינע און וועלען פון דארט ניט ארויסגיין, סייען איהר וועט מיר פריהער אומברייננגען.

זיין גראבער עגטפער האט ארויסגערופען א געשריי. מאהיי האט קוים איינגע־האלטען לעוואקע, וועלכער האט זיך מיט כעס געריסען ארויס, עטיען האט אלץ גע־האלטען אין אונטערהאנדלען מיט דענווילען און געוואלט איהם איבערצייגען אין דיא נויטוועניגקייט פון זייער רעוואלוציאנערען טהאט. דענווילען האט זיך געשט־צט אויף דעם, אז יעדער האט דאס רעכט צו ארבייטען, איברינגענס וויל ער גאר איבער אזעלכע נארעשקייטען ניט דיסקוטירען; ער וויל זיין בעל הבית אין זיין אייגענעם הויז און מאכט זיך נור פארווירפע דערפאר, וואס ער האט ניט עטליכע זשאנדארמען, אום דיא גאנצע באנדע לומפען פערגאנדטרצוטרייבען.

— יא, דאס איז מיין פעהלער; איך בין ווערט דעם שטעקען. קענען אזעלכע חברה וויא איהר זיים איז פאראן נור איין זאך: געוואלט. דיא רעגירונג רעדט זיך איין, אז אייך קען מען געווינען מיט נאכגעבענ־ס־ן, נור איהר וועט איהר לייגען אין דער ערד, ווען זיא וועט אייך געבען וואפען אין דיא הענד.

עטיען האט געשוידערט פאר כעס, נור ער האט זיך איינגעהאלטען.

— מיין הערר, האט ער געזאגט מיט א געשטיקטע שטימע, איך בעט אייך, איהר זאלט געבען דעם בעפעהל, מען זאל אייערע ארבייטער ארויספיהרען פון דער מינע;

איה ועט מיט דעם פערמיידען א'ן אונגליק, ווארים אויב איהר וועט דאס ניט טאן ענטפער איך ניט פאר קיינע קאמעראדען.

— ניין, לאזט מיך צורוה! איך קען אייך נאר ניט! איהר געהערט ניט צו מיין מינע, איהר האט מיט מיר ניט וואס צו טענה'ן.... נור רוביער שלעפען זיך אזוי ארום איבער'ן לאנד, אום צו גראבעווען הייזער.

הויכע געשרייען, האבען יעצט פערטויבט זיין שטימע; דיא ווייבער בעזאנדערס האבען איהם געזידעלט. ער אבער האט זיך אלץ ניט אונטערגעגעבען און האט געפיהלט א'ן ערלייכטערונג, וואס ער רעדט מיט זיי מיט אזא שטאלץ און גרויסקייט. אזוי וויא א צרה האט געמוזט געשעהן, האט ער גערעכענט פאר פיינ ארייגצולאזען זיך מיט זיי אין אומזיסטיגע איבעררעדעניסען. דאך איז דער צאהל פון דיא סטרייקער אלץ געוואקסען; אן ערך פון פינף הונדערט מאן האבען זיך יעצט געשטופט צו דער טהיר, און ער איז גע־ווען אין געפאהר צוטראטען צו ווערען ווען זי'ן אויבער־אויפזעהער האט איהם האסטיג אבגעריסען

— אום גאטעס ווילען, הערר!.... עס וועט קומען צו בלוטפערגיסונג. וואס פאר א גוטס וועט דערפון ארויסקומען, אז מענשען וועלען אומזיסט פערלירען זייער לעבען?

דענווילען האט זיך נאך אלץ געווערט; ער האט פראטעסטירט מיט'ן לעצטען געשריי, וואס ער האט א שליידער געטאן צו דער מענגע:

— באנדיטען! איהר וועט דאס האבען צו געדיינקען, ווען דיא מאכט וועט זיין אויף אונזער זייט.

מען האט איהם אוועקגעפיהרט; אויף דיא טרעפ איז געווארען אזא גידרענגע, אזא מהומה, אז דיא פארענצען האבען זיך אויסגבויגען. אם מייסטען האבען זיך גע־שטופט דיא ווייבער און האבען געשריען און געטריבען דיא מענער דיא טהיר איינ־צוזוען אהן א שלאס, פערשפארט בלויז מיט א ריגעל, און פון שטופענים האט זיא ענד־ליך נאכגעגעבען און געעפענט זיך. דיא טרעפ זיינען געווען צו שמאל, דיא מענגע איז געשטאנען צונויפגעשפארט, און עס וואלט גענומען זעהר לאנג, ביז זיי וואלטען אלע ארייגגעדרונגען, ווען דיא הינטערשטע סטרייקער זאלען ניט געווען איינפאלען צו גיין דורך אנדערע עפענונגען. יעצט האבען זיי זיך א שאט געטאן פון אלע זייטען, פון דיא באראקען, פון הייץ־הויז און אין ווייניגער וויא פינף מינוטען, האט דיא גאנצע מינע געהערט צו זיי; זיי האבען פערפלייצט אלע דריי עטאזשען און געשרייען, געליאר־עמט און גע'מעקירט, פערשכור'ט פון זיעג, וואס זיי האבען געהאט איבער'ן באס, וועלכער האט זיך זיי גענגען געשטעלט.

מאהיי, וואס איז געווען דער ערשטער ביים ארייגרייסען זיך, האט געזאגט צו־שראקען צו עטיען:

— זיי זאלען איהם אכארשט ניט הרג'ענען.

עטיען איז אויך צוגילאפען, און ווען ער האט בעגריפען, אז דענווילען געפינט זיך אין דעם אויפזעהער'ס אפיס, האט ער געענטפערט:

— וואס נאך? וואלט דאס דען געווען אונזער שולד? אזא משוגע ער קאפ!

נור ניט קוקענדיג אויף דעם, איז ער געווען שטארק בעזארגט. ער איז נאך געווען צו רוהיג צו לאזען זיך פארפיהרען פון דעם אויסגעבראכענעם כעס. אלס א פיהרער האט שטארק געליטען זיין שטאלץ, וואס דיא מענגע האט ניט געאכטעט זיין אויטאריטעט און איז אין גאנצען ארויס פון דיא כלים. ער האט אומזיסט געפאדערט, אז דיא מענגע זאל זיך האלטען קאלטבלוטיג, אומזיסט האט ער געשריען, אז מען זאל די געגנער ניט געבען קיין אויסרייד און מען זאל אהן נוצען קיין שאדען ניט מאכען.

— צו דיא הייץ־קעסלען! האט געשריען דיא אלטע ברילע, לאמיר אויסלעשען דאס פייער!

לעוואק, וועלכער האט געפונען א פייל, האט מיט איהר געטרייסעלט אין דער קופט, וויא מיט א שווערד, און האט בעהערשט דיא מהומה מיט זיין שרעקליכען געשריי.

— לאמיר אפשניידען דיא קייבעל! לאמיר אפשניידען דיא קייבעל!

באלד האבען אלע אין איין קול ווידערהאלט דיזען קול. מאהיי און עטיען גור האבען געגען דעם פראטעסטירט, אבער זייער קול איז פערלארען געגאנגען אין טומעל. ענדליך האט זיך עטיען געלאזט הערען:

— קאמעראדען, אין דער מינע זיינען פאראן מענשען!

דער לארעם איז דערפון נאך שטארקער געווארען; פון אלע זייטען האבען זיך געהערט געשרייען.

— אזוי איז נאך בעסער! זיי האבען זיך ניט געדארפט ארונטערלאזען אונטען!... א מצוה אויף זיי, אויף דיא פעררעטער!... יא, יא, זאלען זיי טאקע בלייבען דארטען!... איבריגענס, האבען זיי דארטען לייטערס!

און אלס דער געדאנקען וועגען דיא לייטערס האט זיי נאך מעהר איינגעשפארט אין זייער פלאן, האט עטיען פערשטאנען, אז ער מוז נאכגעבען. אויס פורכט פאר נאך א גרעסערען אונגליק, איז ער צוגעלאפען צו דער מאשין; ער האט געוואלט ארויפציהען דיא קאסטענס, כדי דיא איבערגעהאקטע קייבעלס זאלען אויף זיי ניט ארויפפאלען און מיט זייער משא צושמעטערען זיי. דער מאשיניסט און דיא איבריגע ארבייטער, וואס האבען געארבייט אויבען, זיינען פערשוואונדען. עטיען מיט דער הילף פון לעוואק און נאך צוויי אנדערע האבען ארויפגעצויגען די קאסטענס און פערשטעקערט זיי אין דער זעלבער מינוט, ווען עס האט זיך דערהערט דאס קריטשען פון א פייל, וואס האט איבערגעהאקט דיא שטאהלענע קייבעל. עס איז געווארען שטיל; דאס גערויש פון פייל האט געשיינט צו מאכען פול דיא גאנצע מינע; אלע האבען אויפגעהויבען דיא קעפ און האבען געקוקט און זיך צוגעהערט שטארק צורודערט. מאהיי, וואס איז געשטאנען אין דער ערשטער רייהע, איז געווען פול מיט א גרויזאמער פרייד אזוי וויא דיא ציין פון דער פייל וואלט זיי אלעמען בעפרייט פון אן אונגליק, דערמיט וואס זיי זעגען דורך דיא קייבעל פון איינע פון דיא אונגליקס־לעכער און האקען אב דעם וועג אהין.

ברילע איז דערווייל ארונטער דיא טרעפ פון דעם בארקאן און ניט אויפגעהערט צו שרייען:

— מען מוז דאס פייער אויסלעשען! צו דיא קעסלען! צו דיא קעסלען!

א קאמפאני ווייבער האבען איהר נאכגעפאלגט. מאהיד איז זיי נאכגעלאפען, אום זיי ניט צו דערלאזען צו צושטערען אלץ, אקוראט וויא איהר מאן האט געוואלט אויפהאלטען זיינע חברים־מאנסביל פון מאכען אומזיסטע שאדען. זיא איז געווען דיא בעזאנענסטע פון צווישען זיי אלעמען; מען קען פאדערן גערעכטיקייט און ניט מאכען קיין שאדען, האט זיא געזאגט. ווען זיא איז אריין אין הייץ־הויז האבען שוין דיא ווייבער נעהאט פערטריבען דיא צוויי הייצערס; דיא ברילע איז געשטאנען איינגעבויגען מיט א גרויסען שויפעל אין דיא הענד ביי איינעם פון דיא גרויסע אויווענס און האט פון איהם ארויסגענומען דיא ווייס־גליהענדע קוילען, וועלכע זיא האט געשליידערט אויף דער ציגעלנע דילע, וואו זיי האבען געהאלטען ווייטער אין ברענען און האבען ארויסגעגעבען פון זיך א שווארצען רויך. פאר דיא פינף דאמפף קעסלען זיינען געווען צעהן אויווענס. אלע ווייבער האבען זיך מיט א ווילדען כעס א ווארף געטאן צו דער צערשטערונגס ארבייט; דיא לעוואק האט געהויבען איהר שאוועל מיט ביידע הענד, דיא מוקעט האט איהר קליידעל פערקאשערט ביז איבער דיא קניע, כדי צו פערהיטען איהר פון אנצינדען זיך. פון שיין פון בייער זיינען דיא פרויען געווען בלוט־רויט, און בעגאסען מיט א שוויס, מיט צופלאנטערטע האר, האבען זיי אויסגעזעהן וויא מכשפות. דער בארג פון דיא הייסע קוילען איז געוואק

סען אלץ העבער און העבער, דער סופיט פון דעם גרויסען זאל האט שיער ניט געפלאצט פון דער שרעקליכער היטץ.

— גענוג! האט אויסגערופען דיא מאהיד. דיא געביידע וועט פערברענט ווערן.

— דאס וועט זיין נאך בעסער! האט גיענטפערט דיא ברילע. ווייניגסטענס וועט דאס זיין א פאלקאמענע ארבייט..... דאנגער־וועטער! איך האב זיי געזאגט, אז איך וועל זיך נוקם זיין פאר מיין מאנ'ס טוידט!

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך דערהערט דיא קוויטשעדיגע שטימע פון ושאנלען.

— פאסט אויף! איך לעש אויס דאס פייער! איך לאז ארויס אין גאנצען!

ער איז געוועזען איינער פון דיא ערשטע, וואס האבען זיך אריינגעריסען. ער האט זיך דורכגעשטופט דורך דער מאסע, ענטציקט פון דעם טהמעל, און געזוכט וואס מעהר שלעכטס אנצוטאן; איהם איז ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנקען דיא ווענטילאטארס צו עפענען און דעם דאמפף ארויסצולאזען. דער דאמפף האט זיך ארויסגעריסען מיט א פירכטערליכען שאס; דיא פינף קעסלען האבען זיך אויסגעליידיגט מיט א שטורמישען ברויזען און צישען, וועלכעס האט פערטויבט דיא אויערען. דיא קוילען זיינען בלויס געווארן, דיא ווייבער האבען אויסגעזען וויא טאנצענדע שאטענס, נור דער אינגער האט זיך געזעהן; ער איז ארויפגעקלעטערט אויף דער גאלעריע, און מען האט איהם געזעהן דורך דיא ווייסע דאמפף־וואלקען וויא ער — דאס גרויסע מויל ביז דיא אויערן — האט זיך געסצירעט פון פערגניגען, וואס איהם איז געלונגען אנצומאכען דעם שטורם.

א פירטעל שטונדע איז פערגאנגען. מען האט א פאר עמער וואסער ארויפגעגאסען אויף דיא קוילען, אום זיי אין גאנצען אויסצולעשען; דיא גיפאהר פון א פייער איז דערפון דערמיט אריבער, נאר דער כעס פון דער מענגע איז ניט געשטילט געווארען, וואס ווייטער איז ער אלץ מעהר אויפגיברענט געווארען. דיא מאנסבילדער זיינען געקומען מיט האמערס, האבען זיך ארונטערגילאזט אונטען, דיא ווייבער האבען געכאפט אייזערנע שטאנגען און האבען גירעדט, אז מען זאל דיא דאמפף־קעסלען און דיא מאשינען צוברעכען און דיא גאנצע מינע צערשטערען.

עטיען, ווען מען האט וועגען דעם געגעבען צו וויסען, איז גיקומען צו לויפען מיט מאהיי. ער איז אויך אנגעשטויס'ט געווארען פון דעם גליהענדען פיבער פון ראכע, דאך האט ער בעשווארען זיינע קאמעראדען זיי זאלען זיך רוהיג האלטען, וויא באלד ווייטערדיגע ארבייט אין דער מינע איז יעצט אונמעגליך צוליעב דיא איבערגעהאקטע קייבעל און דאס אויסגילאשענע פייער. נאר מען האט איהם ווייטער ניט גיהערט און דיא מענגע האט גיהאלטען אין איבערשרייען איהם, ווען פון דעם קליינעם טהירל פון דער לייטער־שאכטע האבען זיך בעוויזען קעפ פון דיא ארויפשטייגענדע.

— ניעדער מיט דיא פעררעטהער!.... דיא מיאוסע פייגלינגע!.... ניעדער מיט זיי!......

עס האבען זיך אנגעהויבען צו בעוויזען דיא ארבייטער פון דער מינע. פון אנפאנג זיינען זיי נישטאנען און געפינטעלט מיט דיא אויגען פון דעם העלען שיין פון דעם טאג, נאכדעם האבען זיי זיך גינומען ביסלעכוויז ציהען א הינטער צום ברייטען וועג צו מאכען פיס.

— נידער מיט דיא פיינלינגע! נידער מיט דיא פאלשע קאמעראדען!

דיא גאנצע מענגע סטרייקער זיינען זיך צוזאמענגעלאפען. אין וויינער וויא אין פינף מינוט איז קיינער ניט פערבליבען אין געביידע; דיא פינף הונדערט סטרייקער, וואס זיינען געקומען פון מאנטסו, האבען זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייהען און געצוואונגען דיא סקעבס פון וואנדאם דורך צוגיין דורך דיא צוויי רייהען. און ביי יעדען מאל, ווען פון דעם טהירל פון דער לייטער־שאכטע, האט זיך בעוויזען א נייער סקעב אין

זיינע צוריסענע קליידער מיט [illegible]ערשמוצטען געזיכט פון קוילען, האָבען זיך דיא גרויזאמע זידלעריי און שפעטעריי [illegible]געפאנגען פון דאס נייע. אה, ביי דיזען זיינען דיא פיס דריי צאָהל גרויס און אויף זיי [illegible] גלייך דער הינטערטהייל; דיזען האָבען די נאכטמיידלאך פון וואולקאן דיא נאָז [illegible]געגעסען; יענעם איז געראנען פון דיא אויגען וואקס, אז מען האָט מיט דעם געקענט בעזאָרגען צעהן קלויסטערס; דאָ גייט א גרויסער אָהן א הינטערטהייל; לאנג איז ער וויא א תענית. איצט האָט זיך פון טהירל בעוויזען א ארבייטעריך, גרויס וויא א ריעז. דער בוזים אין בויך און דער בויך איז דעם הינטערן; זיא האָט ארויסגערופען א פירכטערליכען געלעכטער. מען האָט איהר געוואָלט ארומטאפען: דיא לצנות זיינען געוואָרן אלץ הארטער, אלץ גרויזאמער, און עס האָט געשמעקט מיט קלעפ. דער צונג פון דיא אונגליקליכע האָט זיך אויסגענומען, און זיי זיינען געגאנגען שטיל ניט ענטפערנדיג א וואָרט אויף דיא זידלערייען און אומקוקענדיג זיך מיט שרעק נאָך דיא ערוואַרטעטע קלעפ. זיי האָבען זיך זעהר געפרייט, ווען זיי האָבען געזעהן דיא מינע ווייט הינטער זיך און האָבען זיך געקענט לאָזען לויפען.

— איי, צום טייוועל! וויפיעל זיינען אייערע דאָרטען געוועזן? האָט געברענט עטיען.

ער איז גיוועזן ערשטוינט, זעהענדיג אז דיא סקעבס האלטען אין איין ארויפשטייגען נאָר אָהן א סוף און עס האָט איהם גערגערט דאָס בעוואוסטזיין, אז דאָ גייט ניט אום עהרליכע ארבייטער, וואָס זיינען געטריבען געוואָרען פון הונגער אָדער פון דיא דראָהונגען פון דיא אויפזעהער צו גיין צוריק ארבייטען אין דער מינע. מען האָט איהם אין וואלד אָבגענאַרט: אלע ארבייטער פון זשאַן־בארט זיינען געגאנגען סקעבען. דערזעהענדיג אויפ'ן שוועל שאוואל'ן, איז ער צו איהם צוגעלאָפען מיט א געשריי:

— א בראָך אויף דיר! אהער האָסטו דאָס אונז גערופען אויף א פערזאמלונג!

קללות האָבען זיך גענומען שיטען פון אלע זייטען; ס'איז גיוואָרען א שטופעריי און דיא סטרייקער האָבען געוואָלט ארויפוואַרפען זיך אויפ'ן פעררעטהער. וויא! נעכטען האָט ער מיט זיי געשוואָרען, און איצט געפינט מען איהם מיט דיא סקעבס אין דער מינע! וואָס! ער טרייבט מיט זיי קאטאָוועס?

— נעהמט איהם! וואַרפט איהם ארונטער אין דער שאַכטע!

שאוואל איז בלייך גיוואָרען פאר שרעק און, שטאמלענדיג, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו פערענטפערן. עטיען האָט איהם איבערגעריסען אין מיטען ריידען; ער איז גיוועזן אויסער זיך פאר כעס.

— דו האָסט געוואָלט אונז אָפּטאָן, און דו וועסט עס געדיינקען.... פאָרווערטס, מארש, לומפ!

נור אָין אנדער געשריי האָט פערטויבט זיין שטימע. קאטערינע האָט זיך בעוויזען, געבלענדט פון דער העלער זון, דערשראָקען פון דער ווילדער מענגע, וועלכע האָט איהר ארומגערינגעלט. דיא פיס צושלאָגען נאכ'ן ארויפשטייגען אויף הונדערט און צוויי לייטערס, מיט פערבלוטיגטע הענד, האָט זיא געוואָלט א רגע אָברוהען, נור מאהיד האָט איהר דערזעהען און מיט אן אויסגעשטרעקטע האנד האָט זיא זיך א וואָרף געטאָן אויף איהר.

— דו אויך, צויג?.... דיין מוטער שטארבט פאר הונגער און דו פערראַטהסט איהר צוליעב דיין ליובאָווניק!......

מאהיי האָט איהר אָבגעהאלטען פון צו געבען קאטערינען א פאטש און האָט זיין טאָכטער גענומען טרייסלען און זידלען פאר איהר אויפפיהרונג. ביידע האָבען פערלאָרען דיא קעפ און האָבען געשריען העכער פון אלע קאמעראדען.

קאטערינעס אנבליק האָט נאָך מעהר ערביטערט עטיען און ער האָט ווידערהאָלט:

— פארווערטס! צו דיא אנדערע מינען! און דו, שמוציגער שוויין, וועסט אויך מיט אונז מיטגיין!

שאוואל האט קוים צייט געהאט ארויסצונעהמען זיינע אלטע שיך פון באראק און ארויפווארפען זיין וואלענעם רעקיל אויף זיינע פערפרווירענע פלייצעס. אלע האבען איהם געריסען און געצוואונגען איהם גיין אין מיטען, קאטערינע האט אויך אין דער גיך אנגעטאן איהרע אלטע שיך און פארשפילעט דעם מאנסבילשען ר... ל, וועלכען זיא האט געטראגען צייט דיא העלט האט זיך אנגעפאנגען, און איז נאכגעכאפן איהר געליעבטען; זיא האט איהם ניט געוואלט פערלאזען, וויל זיא איז געווען איבערצייגט, אז מען וויל איהם אומברייגגען.

אין צוויי מינוט איז אין זשאנבארט געווארען פוסט. זשאנלען האט געבלאזען מיט אלע כחות אין א הארן, וואס ער האט ערגעץ געפונען, און געמאכט אזעלכע קולות, פונקט וויא מען וואלט בעדארפט צונויפזאמלען א גאנצע סטאדע אקסען. דיא ווייבער, דיא ברילע, דיא לעוואק, דיא מוקעט האבען פערקאסערט זייערע קליידער, אום בעסער צו קענען לויפען, וועהרענד לעוואק האט געפאכט מיט א האק וויא א קאפעלמייסטער מיט זיין שטעקיל. אנדערע קאמעראדען האבען זיך צונויפגעקליבען אין א גרויסע קאמפאניע, וואס האט שוין יעצט דערגרייכט ביז טויזענד קעפ און האבען זיך א שאט געטאן אהן א שום ארדנונג אזוי וויא א טייך, וואס טרעט ארויס פון דיא ברעגעס, איבער אלע גאסען. דער וועג וואס האט געפיהרט פון דעם ווערקפלאץ איז געווען צו שמאל, און זיי האבען צונומען דיא פלייטען.

— צו דיא מינען! ניעדער מיט דיא פעררעטער! אוים ארבייט!

זשאנבארט איז פלוצים פערזונקען געווארען אין א טיעפע שטילקייט. מען האט קיינעם געזעהן, קיין זאך געהערט. דענעוילען האט פערלאזט דעם אויפזעהערס צימער און געלאזט זיך אליין גיין, ניט דערלאזענדיג, אז יעמאנד זאל איהם בעגלייטען, אום צו זעהן, וואס דיא סטרייקערס האבען דארטען אבגעטאן. ער איז געווען בלייך, זעהר רוהיג. צוערשט איז ער געבליבען שטיין ביי דעם עלעוויטאר, האט אויפגעהויבען דיא אויגען און בעטראכט די איבערגעהאקטע קייבעלס; דיא שטיקלאך פון דער איבערגעהאקטער שטאלענער קיט זיינען ארונטער געהאנגען אהן נוטץ; דער ביס פון דעם פייל האט איבערגעלאזט א פרישע וואונד, וועלכע האט זיך ארויסגעזעהן פון דיא פערשווארצטע שמיר־פעטס. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו דער מאשין און האט איהר בעטראכט וויא זיא איז געשטאנען וויא א פערוואונדעטער ריעז, ער האט בעריהרט דעם אבגעקיהלטען מעטאל און האט א ציטער געטאן גלייך וויא ער וואלט זיך צוגעריהרט צו א טוידטען. דערנאך איז ער ארונטערגעגאנגען צו דיא קעסלען, ער איז לאנגזאם פערביי־געגאנגען פערביי דיא פערלאשענע אויווענס, וועלכע זיינען געשטאנען מיט אפענע מיילער און פערגאסען מיט וואסער, ער האט מיט'ן פוס א שטויס געטאן דעם דאמפף קעסעל, וועלכער האט ארויסגעלאזט א פוסטען קלאנג. אלץ איז געווען צו ענדע; זיי האבען איהם רואינירט. ווען ער זאל אפילו קענען פערריכטען דיא אויווענס און לאזען אנצינדען דאס פייער: וואו וועט ער געפינען ארבייטער? נאך צוויי וואכען סטרייק, און ער איז פעפאלען. און זייענדיג אזוי זיכער אין זיין אונגליק, האט ער ניט געהאט קיין האס צו דיא באנדיטען פון מאנטסו; ער האט געפיהלט דיא אלגעמיינע שולד, דיא שולד פון אלע, דעם הונדערטיאהריגען פעהלער. אהן צווייפעל, זיי זיינען געווען חיות; אבער חיות וואס האבען ניט געקענט לייענען און שרייבען און זיינען געשטארבען פאר הונגער.

IV.

אונטער דעם פערצווייגטען ווינטער הימעל, איבער דיא פלאכע פעלדער, וואס זיינען געוועזען איינגעוויקעלט אין זייער ווייסע ווינטער-קלייד, האט זיך געצויגען דיא מענגע או פערשפרייט זיך איבער דיא ריבע-פעלדער. ביים פעלד, וואס מען האט גערופען „אקסענגאפעל", האט עטיען איבערגענומען דעם בעפעהל איבער דער מענגע. ער האט געזאגט וואס צו טאן און ארגאניזירט דעם מארש. זשאנלען איז געשפרונגען פאראוס און געמאכט מיט'ן הארן מושונה'דיגע קולות. אין דיא ערשטע רייהען האבען מארשירט דיא ווייבער, איינגע בעוואפענט מיט שטעקענס. דיא מאהיד מיט ווילד-פלאמענדע אויגען, וועלכע האבען געשיינט צו זוכען דיא פערשפראכענע שטאדט פון גערעכטיגקייט; דיא ברילע, דיא לעוואק, דיא מוקעט זיינען געגאנגען גיך, גלייך וויא סאלדאטען, וואס ציהען אין קריג. ווען עס זאל קומען צו א צוזאמענשטוים, וועט מען זעהן, אויב דיא זשאנדארמען וועלען וואגען צו שלאגען ווייבער. הינטער זיי זיינען געגאנגען דיא מענער מיט דיא אונרעגעלמעסיגקייט פון א סטאדע. וואס ווייטער האבען זיי זיך אלץ מעהר צושפרייט, האלטענדיג אייזערנע שטאנגען, צווישען וועלכע האט זיך מעהר פון אלע ארויסגעוויזען דיא איינציגע האק פון לעוואק, און דער שארף האט געגלאנצט אין דער זון. אין מיטען האט מארשירט עטיען, וועלכער האט ניט אבגילאזט שאוואל'ן פון דיא אויגען און גיצוואונגען איהם גיין פאר איהם. נאך איהם איז גיגאנגען מאהיי מיט א פינסטערע מינע, קוקענדיג פון צייט צו צייט אויף זיין טאכטער קאטערינע, וועלכע איז געוועזען דיא איינציגע פרויענצימערשע פערזאן צווישען דיא מענער און וועלכע איז בכיון געגאנגען נאך איהר געליעבטען, כדי עס זאל איהם קיין צרה ניט געשעהן. פילע זיינען גיגאנגען אהן היטלען, און דער ווינד האט זיך געשפיעלט מיט זייערע האר. מען האט נור גיהערט דאס קלאפען פון דיא הילצערנע שיך, וואס האט דערמאנט אין ארויסגעלאזטע סטאדע, וואס גייט נאך דעם ווילדען טרובען פון זשאנלען.

א נייער געשריי האט זיך דערהערט:

— ברויט! ברויט! ברויט!

עס איז געוועזען מיטאגצייט; דער הונגער פון דיא לעצטע זעקס וואכען פון סטרייק האט ערוואכט אין דיא ליידיגע בייכער, נאך מעהר צורייצט פון לויפען איבער בערג און טהאל. דיא פאר קליינע שטיקלאך ברויט פון דער פריה און דיא קאשטאנען פון דער מוקעט זיינען שוין לאנג געוועזען פערדייעט; דיא מאגענס האבען געשריען, און דיא הונגער ליידען האבען נאך מעהר פערשטארקט דעם כעס צו דיא פעררעטהער.

— צו דיא מינען! אויס ארבייט! ברויט!

עטיען, וועלכער האט זיך אין דער פריה אבגעזאגט פון זיין טהייל עסען, האט דערפיהלט א'ן אונערטרעגליכער צופערייי, אזוי וויא דיא ברוסט וואלט איהם צוריסען געווארען. ער האט זיך ניט בעקלאגט, נור פון צייט צו צייט האט ער ארויסגענומען זיין פעלדפלאש און א זופ געטאן א ביסעל בראנפען. ער האט געגלויבט, אז דאס טהוט ער ניט צוליעב הונגער, נור צוליעב קעלט און דיא בראנפען האט איהם געזאלט געבען דיא מעגליכקייט צו דערגרייכען ביז'ן ציעל. דיא באקען האבען זיך צוהיצט; אין דיא אויגען האט זיך אנגעצינדען א פלאם. נור ער איז נאך געוועזען בעזאנען און געוואלט פערמיידען אוננוצליכע צערשטערונגען.

ווען מען האט דערגרייכט דעם וועג, וועלכער האט געפיהרט צו זשואזעל, האט א מיינער פון וואנדאם, וועלכער האט זיך איינגעשלאסען צו דער מחנה, געוואלט אויס ראכע צו זיין באס ציהען דיא גאנצע מחנה רעכטס שרייענדיג:

— נאך נאסטאן־מאריע! מען מוז דיא פאמפע אפהאלטען! זשאן־בארט מוז פערטרונקען ווערען!

דיא מעננע האט זיך א נעהב נעטאן רעכטס, ניט קוקענדיג אויף עטיען'ס פראָ־טעסט, ניט צו פערהינדערן דאס אויספאמפען פון דעם וואססער פון דער מינע. צו וואס זאל מען דיא נאלעריע צושטערען? דער נעדאנק האט געפלאנצט זיין ארבייטער־געוויסען, ניט קוקענדיג אויף זיין פערביטערונג נעגען דיא באָסעס. אויך מאהיי האט דאס נעפונען פאר אונגערעכט. אז מען זאל זוכען נעהמען ראכע פון א מאשין. נור דער קוילענגרעבער האט פארטגעזעצט זיין ראכע־געשריי, און עטיען האט איהם געמוזט איבערשרייען.

— נאך מירו! האט ער געשריען, דארטען זיינען פאראן נאך פעררעטהער אין דיא מינען!

מיט א בעוועגונג פון דער האנד האט ער דיא מחנה צוריק אראבגענומען לינקס, וועהרענד זשאנלען איז ווידער געגאנגען דער ערשטער און נאך שטארקער געבלאזען אין זיין הארען. עס איז געווארען א מישענינע. נאסטאן־מאריע איז דאס מאל געבליבען גערעטעט.

דיא פיער קילאמעטער, וואס זיי איז נאך פערבליבען ביז מירו, זיינען זיי אין א האלבע שטונדע דורכגעלאפען איבערן פלאכען פעלד. דער קאנאל האט דא דורכגע־שניטען דיא פעלדער וויא מיט א לאנגען באנד פון אייז. נור דיא נאקעטע בוימער, וואס האבען זיך געצוינגען פאזע קאנאל און וואס זיינען פון פראסט פערוואנדעלט גע־ווארען אין ריעזיגע רעהריגע לייכטער, האבען א־נטערגעבראכען דיא גלאטקייט און איינפאכקייט פון ארט, וועלכער האט זיך ווייט, ווייט פערלארען אין האריזאנט וויא אין א גרויסען ים. מאנטסו און מארשיען זיינען נילעגען אין א טהאל פערבארגען, און וויא ווייט דאס אויג האט ניקענט זעהן איז געווען א'ן אונענדליכע וויסטעניס.

צוקומענדיג צו דער מינע, האבען זיי דערזעהען א'ן אויפזעהער, וועלכער איז געשטאנען אום זיי צו באגעגענען. אלע האבען גוט גיקענט דעם פאטער קוואנדיע, דעם עלטסטען אויפזעהער פון מאנטסו, א'ן אלטער מאן מיט ווייסע האר און א ווייסע הוט, נאהענט צו זיעבעציג יאהר, א וואהרער וואונדער פון געזונדקייט צווישען דיא קוילענגרעבער.

— וואס ווילט איהר, היצלעס? האט ער אויסגעשריען.

דיא מחנה איז געבליבען שטיין. דא האבען זיי געהאט צו טאן ניט מיט קיין באס, זאנדערן מיט א קאמעראד; פנים צו פנים מיט דעם אלטען ארבייטער, האט זיי צוריקגעהאלטען א געוויסער רעספעקט.

— אין דער מינע זיינען פאראן ארבייטער, האט עטיען געזאגט, זאלען זיי ארויס־קומען.

— יע, אין דער מינע זיינען פאראן ארבייטער, האט געענטפערט דער פאטער קוואנדיע, דארטען געפינען זיך א זעקס טוץ; דיא איבריגע האבען זיך געשראקען פאר אייך, יונגאטשעס. נור איך זאג אייך אן, אז קיין איינציגער וועט ניט ארויסקומען, איהר האט דא צו טאן מיט מיר!

עס האבען זיך אנגעהויבען צו הערען געשריען אין דער מעננע; דיא מענער האָ־בען זיך אנגעהויבען צו שטופען, און דיא ווייבער זיינען נעגאנגען פאראויס. דער אויפזעהער האט געשווינד פערלאזט דאס בריקעל, וואו ער איז געשטאנען און האט פערהאקט דעם טויער.

מאהיי האָט זיך דאָ אריינגעמישט.

— הער אויס, אַלטער, דאָס איז אונזער רעכט. וויא וועלען מיר קענען מאַכען אַן אַלגעמיינעם סטרייק, אויב מיר וועלען ניט צווינגען אונזערע קאַמעראַדען צו האַל־טען מיט אונז?

א רגע איז דער אַלטער געבליבען שטיל. זיין אונוויסענהייט אין זאַכען פון פער־איינינונג איז געווען פּונקט אַזוי גרויס וויא דיא קוילענגרעבערס. און ענדליך האָט ער געענטפערט:

— איך לייקען דאָס ניט אָב, דאָס איז אייער רעכט אָבער איך מוז טאָן, וואָס מען הייסט מיר...... איך בין דאָ איינער אַליין. דיא א בייטער דאַרפען פערבלייבען אין מינע ביז דריי אוהר און זיי וועלען דאָרטען פערבלייבען ביז דריי אוהר.

דיא לעצטע ווערטער זיינען בעגלייטעט געוואָרען מיט זידלעריי. מען האָט זיך אויף איהם פערמאָסטען מיט דיא פויסטען; דיא ווייבער האָבען איהם געשריען אין דיא אויערען; זייער אָטהעמען איז איהם געפאַלען אויפ׳ן געזיכט. אָבער ער איז געבלי־בען שטיין ניט געריהרט, דער קאָפּ אויפגעהויבען, דיא האָר און באָרד וויס וויא שניי; זיין קוראַזש און מוטה האָבען געגעבען זיין שטימע אַזאַ קראַפט, אַז זיא האָט זיך קלאָר ארויסגעהערט פון דעם גרויסען טומעל

— אויף מיינע נאמנות, איהר וועט ניט אריינקומען!... אַזוי וויא איצט איז טאָג, איך וועל בעסער אַ מיתה איינגעהמען איידער איך לאָזען צוריהרען זיך צום קייבעל!.... שטופּט זיך ניט ווייטער, איך וועל זיך פאַר אייך אין דיא אויגען ארונטער־וואַרפען אין דער מינע.

א ציטער איז דורכגעלאָפען דורך דיא מענגע און זיא איז אָבגעטראָטען. דער אַל־טער האָט פאָרטגעזעצט:

— ווער איז אַזאַ חזיר אום דאָס ניט צו פערשטיין?..... איך בין נור אַזאַ אר־בייטער וויא איהר. מען האָט מיר געהייסען היטען דיא מינע און איך היט איהר.

ווייטער האָט דער פערשטאַנד פון דעם עהרליכען פאָטער קוואַנדיע ניט גע־גרייכט. ער איז געשטאַנען, וויא אַ סאָלדאַט ביי זיין פפליכט, דיזער אַלטער מיט׳ן בעשרענקטען קאָפּ און בעטריבטע אויגען פון דעם פאַרברייננגען אַ האַלבען יאָהר־הונ־דערט אין די פינסטערע מינען. די קאַמעראַדען האָבען איהם בעטראַכט געריהרט; זיינע ווערטער האָבען זיך אָבגעהילכט אין זיי: דאָס איז געווען דיא סאָלדאַטסקע געהאָרב־זאַמקייט, דיא ברידערליכקייט און דיא ערגעבונג אין געפאַהר. ער האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען נאָך אונענטשלאָסען און ער האָט ווידערהאָלט:

— איך שפּרינג פאַר אייערע אויגען אין דער מינע!

א שטאַרקער שטויס איז דורכגעגאַנגען דורך דער מענגע. אַלע האָבען זיך צו איהם אומגיקעהרט מיט דיא רוקענס און האָבען זיך געלאָזט גיין מיט׳ן גלייכען וועג, וועלכער האָט זיך געצויגען אָהן א׳ן ענדע צווישען דיא פעלדער.

— נאָך מאַדעליין! נאָך קרעווקעיר! אויס ארבייט! ברויט! ברויט!

אין מיטען שטופעניש איז געוואָרען אַ מהומה. שאַוואַל האָט זיך געוואָלט בע־רוצען מיט דער געדרענגעניס און אַנטלויפען. עטיען האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד און אָנגעזאָגט איהם, אַז ער וועט איהם צוברעכען דיא ביינער, אויב ער וועט דיינקען צו פערראַטהען זיי. שאַוואַל האָט זיך געוועהרט און פּראָטעסטירט מיט כעס:

— וואָס איז דאָס אַזוינס? איז מען מעהר ניט פריי?.... שוין זייט אַ שטונדע וויא איך פריהר; איך מוז מיך וואַשען, לאָז מיר אָב!

ער האָט זעהר געליטען פון דעם קוילענשטויב, וואָס דער שוויס האָט אָנגע־קלעפּט אויף זיין לייב. זיין געשטריקטער וואָלענער רעקיל האָט איהם ווייניג געשיצט פון קעלט.

— פאָרוועַרטס, אז נים וועלען מיר דיר אַרומוואַשען, האָט נעענטפערט עטיען.

זיי זיינען נאָך אלץ נעלאָפען מיט׳ן גלייכען וועג. עטיען האָט זיך ענדליך געווענדעט צו קאַטעַרינען, וועלכע האָט זיך שטייף געהאַלטען. איהם איז געווען ביטער צו זעהען איהר נאָהענט פון זיך אזוי עלענד, פערפ־וירען אין איהר אָבגעניצטען מענער רעקעל און אין איהרע פערשמירטע הויזען. זיא האָט גידארפט זיין טוידט־מיד, נור זיא איז נאָכגילאָפען.

— דו קענסט ניין! האָט ער ענדליך געזאָגט צו איהר.

קאַטערינע האָט געשיינט נים צו הערען. ווען איהרע בליקען האָבען זיך בעגעגנעט מיט עטיען׳ס, האָט אין איהרע אויגען אויפגעפלאַמט א פאָרוואורף. נור זיא איז נים אָבגעשטאַנען. צו וואָס האָט ער געוואָלט, זיא זאָל פערלאָזען איהר מאַן? שאַוואַל איז געווען צו איהר גוט; ער האָט איהר אפילו צייטענווייז געשלאָגען, אָבער דערפאַר איז ער איהר מאַן, דער וועלכער האָט איהר דער ערשטער בעזעסען; און זיא איז געווען בייז דאריבער, וואָס מעהר וויא טויזענד מענשען זיינען אָנגעפאַלען אויף איינעם. זיא האָט איהם געוואָלט פערטהיידיגען, אויב נים אוים ליעבע, אָבער אוים שטאָלץ.

— גיי אוועק! האָט ווידערהאָלט מאַהיי מיט כעס

דער בעפעהל פון איהר פאָטער האָט אביסעל אָבגעשוואַכט איהר ליכע. זיא האָט נעציטערט. טרערען זיינען צוגעטראָטען צו איהרע אויגען. נור נים קוקענדיג אויף איהר שרעק, האָט זיא באלד ווידער פערנומען איהר פלאַץ נעבען שאַוואַל און איז מיטגעלאָפען. מעהר האָט זיך קיינער פון יעצט אָן וועגען איהר נים געקימערט.

דיא מחנה איז איבערגעגאַנגען דעם וועג קיין זשואַזעל, איז נור א רגע געגאַנגען נאָך קראַן און האָט זיך אראָבגענומען צום וועג, וואָס האָט געפיהרט קיין קאָני. אין דער ריכטונג האָבען זיך געזעהן אויפ׳ן האָריזאָנט קוימענס פון פאַבריקען, ווערקשטאַטען געמויערטע פון ציגעל מיט ברייטע, שטויביגע פענסטער, און האָבען זיך געצויגען פוןביידע זייטען וועג איינער נאָכ׳ן צווייטען. זיי זיינען פערבי געגאַנגען צוויי דערפער מיט נידעריגע הייזלאך פון אַרבייטער, דעם דאָרף פון דיא „הונדערט און אכטציג" און דעם דאָרף „זעקס און זיעבציג". אויפ׳ן טרובען פון האָרן און געשריי פון דער מענגע זיינען ארויסגעקומען דיא פאַמיליען פון דיא דערפער, מענער, ווייבער, קינדער— און האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער מחנה קאַמעראַדען און זיינען מיטגעלאָפען. ווען די מחנה איז צוגעקומ׳ן צו דער מאַדעליין־מינע, האָט זיא געצעהלט ביז פופצעהן הונדערט קעפּ. דיא גאַס האָט זיך דאָ איבערגעהאַקט, און דיא סטרייקער האָבען געמוזט ארומגיין דעם בערגעל, איידער זיי האָבען געקענט צוקומען צו דער מינע.

דער זיינער איז געווען ערשט צוויי. נור דער אויפזעהער, וועלכער האָט זיך דערוואוסט פון דעם אָנקומען פון דיא סטרייקער, האָט געאיילט ארויסצולאָזען דיא אַרבייטער פון דער מינע נאָך איידער דיא מחנה וועט אָנקומען. ווען דיא מענגע האָט דערגרייכט דיא מינע, האָבען דיא לעצטע צוואַנציג אַרבייטער געהאַלטען ביי׳ם פערלאָזען דעם עלעוויטאָר. זיי זיינען אוועקגעלאָפען, מען האָט זיי נאָכגעוואָרפען מיט שטיינער. צוויי האָט מען געכאַפּט און אנגעשלאָגען, א דריטער האָט איבערגעלאָזט א׳ן ארבעל אין דיא הענד פון זיינע פערפאָלגער. דער געיעג נאָך דיא אנטלאָפענע אַרבייטער האָט געראַטעוועט דיא מינען; מען האָט נים אָנגעריהרט נים דיא קייבעל און נים דיא קאַסטענס. דער מבול האָט זיך א גאַס געטאָן צו דער נעקסטער מינע.

דיא מינע קרעווקעיר איז געלעגען קוים פינף הונדערט מעטער ווייטער פון דער מאַדעליין. אויך דאָ איז דיא מענגע אָנגעקומען, ווען דיא אַרבייטער האָבען געהאַלטען ביים ארויפשטייגען מיט׳ן עלעוויטאָר. דיא ווייבער האָבען געכאַפּט א׳ן אַרבייטער

און איהר אזוי אָנגעפּאטשט, אז איהרע הויזען האָבען געפּלאַצט און עס האָבען זיך ארויסגעזעהען די הינטערבאַקען, וואָס האָט געמאַכט די מענער לאַכען. די אינגלאַך האָבען געקראָגען אָנגעפּאטשט איבער די מיילער, עטליכע ארבייטער האָבען בײ'ם לויפען געכאַפּט א שטויס אין זייט, א קלאַפּ אין דער נאָז. און אין דער וואַקסענדער גרויזאַמקייט און אין אָנגעשפּארטער בעדירפניס נאָך ראַכע, וועלכע האָט פערשכור'ט אלעמען, האָבען זיך בלויז געהערט די געשרייען: „טוידט די סקעבס!“ דאָס איז געווען דער האַס פון דער שלעכט בעצאָהלטער ארבייט, דאָס איז געווען דער געשריי פון מאָגען, וואָס האָט געגאַרט א שטיקעל ברויט. מען האָט אָנגעהויבען איבערהאַקען די קייבעל, נור די פייל האָט ניט גענומען; עס האָט געדויערט צו לאַנג, מען איז געלאָפען ווייטער, שטענדיג ווייטער. בײ די קעסלען האָט מען צוּבראָכען א ווענטילאַטאָר; פון וואַסער, וואָס איז געלאָפען מיט פולע צעבערס אין אויוען אריין, האָבען די אײַזערנע אויווענס געהאַלטען בײ'ם פּלאַצען.

ווען זיי זיינען ווידער ארויס אין דרויסען, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו בעראַטהען, צו זאָגען זיי גיין נאָך סענט־טהאָמאַס, אין דיזער מינע האָט געהערשט גוטע דיסציפּלין; דער סטרייק האָט איהר ניט בעריהרט; מעהר ווי זיעבען הונדערט לייט האָבען דאָרטען היינט געארבייט. די סטרייקער זיינען געווען דאריבער שטאַרק ערביטערט; זיי האָבען זיך בעשלאָסען צו מאַכען די סקעבס א ברוך הבא מיט בייטשען אום צו זעהן ווער איז שטאַרקער. נור א קלאַנג האָט זיך ארומגעטראָגען, אז אין סענט טהאָמאַס געפינען זיך זשאַנדארמען,—יענע זשאַנדארמען, איבער וועלכע מען האָט זיך אין דער פריה אזוי לוסטיג געמאַכט.

פון וואַנען האָט מען זיך דאָס דערוואוסט? קיינער האָט דאָס ניט געקענט זאָגען. נור ניט קוקענדיג אויף דעם, האָבען זיי זיך שטאַרק געשראָקען און האָבען בעסער בעשלאָסען צו גיין נאָך פּוטרי־קאַנטעל און האָבען זיך אוועקגעלאָזט מיט א גרויסען טומעל. קלאַפּענדיג מיט זייערע הילצערנע שיך, האָבען זיי זיך געצויגען אין גרויסע מחנות איבער'ן וועג. נאָך פּוטרי קאַנטעל! נאָך פּוטרי־קאַנטעל! דאָרטען געפינען זיך גיווים ביז פיער הונדערט פייגלינגע: מיט זיי וועט מען זיך קענען רעכענען! א דריי קילאָמעטער ווייט פון דאַנען איז געלעגען די מינע, בעהאַלטען הינטער א בערגיל, ניט ווייט פון דעם סקאַרפּ־פּאַס. זיי האָבען שוין אָנגעפאַנגען אראָבצושטייגען פון דעם גיפּסענעם בערגיל פון יענער זייט וועג קיין באַני, אלס א שטימע — מען האָט ניט געוואוסט וועמעס זיא איז — האָט אויסגערופען: פיליכט זיינען גאָר די זשאַנדארמען אין פּוטרי־קאַנטעל. פון איין ענדע פון דעם גרויסען זייט מענשען ביז צו דער צווייטער איז געגאַנגען פון מויל צו מויל, אז די זשאַנדארמען זיינען אין פּוטרי־קאַנטעל און אן אונבעשלאָסענהייט האָט געמאַכט זייער גאַנג לאַנגזאַמער; א שרעק האָט זיי בעהערשט אין די פראַגע, כאָטש וואָס האָבען זיי דעם גאַנצען וועג פון זייער מאַכט זיך ניט אָנגעשטויסען אויף זשאַנדארמען, איז יעדען איינעם ארויף אויפ'ן זינען. די שטראָפלאָזיגקייט פון זייער ברעכען און צושטערען האָט זיי בעאונרוהיגט בײ דעם געדאַנקען פון אונטערדריקונג, וואָס זיי האָבען געפיהלט נאָהענט.

א נייער בעשלוס, וואָס מען האָט ניט געוואוסט פון וואַנען ער איז געקומען, האָט די מענגע ווייטער געטריבען צו א נייע מינע.

— נאָך לאַ וויקטואַר! נאָך לאַ וויקטואַר!

זיינען דען אין לאַ וויקטואַר ניטאָ קיין דראַגונער אָדער זשאַנדארמען? דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. נור אלע האָבען געשיינט צו זיין בערוהיגט. זיי האָבען זיך אומגעקעהרט, האָבען זיך א לאָז געטאָן צו באָמאָנט איבער די פעלדער, אום ניכער צו ערגרייכען דעם וועג; זיי האָבען איינגעבראָכען דעם צאַם און זיינען אריבער

דיא רעלסען. יעצט האָבען זיי זיך גענעהנט צו מאָנסו; דער וועג האָט זיך אראָבגעלאָזט צו דיא גרויסע ריבענפעלדער, וועלכע האָבען זיך געצויגען וויט ביז צו דיא שווארצע הייזער פון מארשיען.

זיי האָבען יעצט געדאַרפט מאכען א מארש פון פינף קילאָמעטער, נור דער כעס האָט זיי געטריבען מיט אזא האַסטיגקייט, אז זיי האָבען ניט געפיהלט זייער טוידטליכע מיעדקייט, זייערע צומאַטערטע פיס. דער צייל סטרייקער איז וואָס וויטער אַלץ לעננער געוואָרן, פערשטאַרקט דורך דיא פּאַמעראַדען, וועלכע זיי האָבען אויפ'ן וועג אין אללע ארבייטער־דערפער צו זיך צוגעצויגען. ווען זיי זיינען אויף דער מאַגאַש־בריק איבער־געגאַנגען דעם קאַנאל און צוגיקומ'ען צו לא־וויקטואַר, האָבען זיי שוין געצעהלט מעהר וויא צוויי טויזענד קעפּ. דער זייגער איז שוין געווען נאָך דריי, און אין דער מינע איז שוין קיינער ניט געבליבען. אין זייער ענטוישונג האָבען זיי גענומען מאכען פוסטע סטראַשונקעס; זיי האָבען זיך גימוזט בענוגענען דערמיט, וואָס זיי האָבען מיט ציגעל בעוואָרפען דיא נור־וואָס אָנגעקומענע ערד־ארבייטער. זיי האָבען זיך צושפּרייט אין קליינע קופּקעס און גענומען אונטער זייער הערשאַפט דיא ניבניידעס. זייער כעס האָבען זיי אויסגעלאָזען צו אַלץ, וואָס זיי איז געקומען אונטער דיא הענד. א פולער מאָס פון גיפטיגער נקמה האָט אין זיי געפּלאצט. דער הונגער, וואָס זיי האָבען געליטען יאָהרען לאַנג, האָט ביי זיי ארויסגירופען א ווילדען בעגעהר צו צערשטערונג.

עטיען האָט באַמערקט הינטער א שפּייכלער, וויא עטליכע ארבייטער האָבען אָנגעלאָדען א וואָגען מיט קוילען.

— ווילט איהר אוועקגעהן פון דאַנען גאַנצע, האָט עטיען געזאָגט, טאָ מאַכט פּליטה, קיין שטיקעל קויל וועט פון דאַנען ניט ארויסגעפיהרט ווערן!

אויף זיין בעפעהל זיינען אָנגעלאָפען ביז הונדערט סטרייקערס; דיא ארבייטער האָבען קוים געהאַט צייט צו אַנטלויפען. אייניגע מענער האָבען אויסגעשפּאַנט דיא פערד און אוועקגעטריבען זיי כּ[illegible] ש[illegible], אַנדערע האָבען זיך ארויפגעוואָרפען אויפ'ן וואָגען און האָבען איהם איבערגעקערט.

לעוואַק האָט געוואָלט מ'ט'ן האַק פערניכטען דיא טרעפּ פון בריק, נור ער האָט זיך אומזיסט געמאַטערט. ער האָט זיי ניט געקענט בייקומען און איהם איז ארויף אויפ'ן געדאַנקען אויפצורייסען דיא שינען און דיא טרעקס פון איין זייט ווערקהויף ביז דעם צווייטען. צו דיעזער ארבייט האָבען זיך באַלד גענומען דיא גאַנצע מעננע סט[illegible]קער. בעוואָפענט מיט זיין אייזערנעם שטאַנג, האָט מאהיי אויפגעריסען דיא אייזערנע שינען, וועהרענד די ברילע האָט געפיהרט דיא ווייבער אין דיא לאָמפּע־קאַמער; מיט זייערע שטעקענס האָבען זיי דאָרט אָנגעטאָן א גרויסען חורבן; באַלד האָבען שערבּלאָך פון דיא לאָמפּען בעדעקט דעם גאַנצען באָדען. דיא מאהיד האָט אויף פערלאָרען דיא קאָנטראָל איבער זיך און האָט אויך געשלאָגען, געבראָכען וויא דיא לעוואַק. זיי האָבען געבראָדזשעט ביז זיא קנעכלאָך אין אייל; דיא מוקעט האָט געוואַשט דיא הענד און איהרע קליידלעך און האָט געלאַכט, וואָס זיא איז געווען אַזוי איינגעשמירט. שאַנטען האָט פאַר שפּאַס אויסגעגאָסען א לאָמפּ אייל אויף איהר פּלייצע.

נאָר דיא אַלע פערוויסטונגען האָבען זיי ניט גענוצטיגט, דיא מאָגענס האָבען געשריען נאָך העכער און דורך דעם טומעל האָט זיך געהערט אין אוגאויפהערליכער געשריי:

— ברויט! ברויט! ברויט!

אין לא־וויקטואַר האָט זיך געפונען א געוועזענער אויפזעהער, וועלכער האָט יעצט געהאַלטען א קלייטעל. ער איז, אָהן צווייפעל, פאַר שרעק אַנטלאָפען, ווייל אין קלייטעל איז קיינער ניט געווען. ווען דיא ווייבער האָבען זיך צוריקגעקעהרט און דיא מענער זיינען פערטיג געוואָרען מיט'ן צערשטערען דיא שינען, האָבען זיי זיך

גענומען צום קלייטעל און האָבען עס אויפגעבראָכען. קיין ברויט האָבען זיי ניט געפונען; אויסער צוויי שטיקער רויהען פלייש און א זאַק קארטאָפעל איז דארט קיין זאַך ניט געוועזען, נאָר דערפאר האָבען זיי געפונען 50 פלאַש בראָנפען, וועלכע זיינען פערשוואונדען געוואָרען וויא א טראָפען וואסער אין זאמד.

עטיען האָט ווייטער אָנגעפילט זיין פעלד־פלאַש. א שלעכטע שכרות, א שכרות פון א הונגעריגען האָט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אָנגעצונדען זיינע אויגען, און וויא א וואָלף האָט ער געביסען זיינע בלייכע ליפען. און פלוצים האָט ער בעמערקט, וויא שאוואל איז אין דעם טומעל פערשוואונדען געוואָרען. מיט קללות האָט ער ארויסגעשיקט עטליכע מענשען צו זוכען דעם אַנטלאָפענעם; מען האָט איהם געפונען מיט קאטערינען בעהאלטען אונטער א קופע האָלץ.

— הא, חזיר איינער! דו האָסט מורא צו קאָמפּראָמעטירען זיך! האָט געשריען עטיען. אין וואלד ביזטו דאָס געוועזען, דו, וועלכער האָט געפאָדערט דעם סטרייק פון די מאשיניסטען, אום די פּאָמפּען זאָלען שטיל שטיין, און איצט פּראָגסטו זיך אָב.... אזוי, וועלען מיר זיך יעצט אומקעהרען נאָך גאסטאָן־מאריע; איך וויל אז דו זאָלסט דאָרטען אליין די פּאָמפּע צוברעכען. דו הערסט, הונד? דו וועסט די פּאָמפּע צוברעכען!

ער איז געוועזען שכור; ער אליין האָט יעצט געטריבען זיינע לייטע צו צערשטערען די פּאָמפּע, וועלכע ער האָט מיט א פּאָר שטונדען צוריק גערעטעט.

— נאָך גאסטאָן־מאריע! נאָך גאסטאָן־מאריע!

אלע האָבען איהם אפּלאָדירט און זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען, ווערהענד שאוואל, וועלכען מען האָט אָנגעכאפּט ביי די אקסלען און געטריבען פאָרווערטס, האָט נאָך אימער געבעטען; מען זאָל איהם ערלויבען ארומצוואשען זיך.

— גיי דאָך שוין אוועק! האָט מאהיי געשריען צו קאטערינען, וועלכע האָט ווידער אָנגענומען איהר פריהערדיגען פּלאַץ.

נור יעצט האָט זיא זיך אפילו ניט אָבגעשטעלט, זיא האָט נור א וואָרף געטאָן איהרע פלאמענדע אויגען אויף איהר פאָטער און איז געלאָפען ווייטער.

און ווידער האָט זיך די מענגע גענומען ציהען איבער די פלאכע פעלדער. זיי זיינען ווידער געגאנגען צוריק איבער די לאנגע, גלייכע וועגען, איבער די ווייט פערשפּרייטע פעלדער. עס איז געוועזען פיער א זייגער; די פערנייענדע זון אויפ'ן האָריזאָנט האָט געוואָרפען אויף דער שוואַרק פערפרוירענער ערד לאנגע שאטענס פון דער מענגע, וועלכע האָט זיך אלץ גערוקט פאָרווערטס און געמאַכט פאר כעס מיט די הענד.

זיי האָבען אויסגעמיידעט מאָנטסו און האָבען ערדייכט דעם וועג פון זשואזעל און פארבייגעגאנגען אונטער די מויערן פון פּיאָליין. די גרעגוארס זיינען ערשט געהאט אוועקגעגאנגען, וואו זיי האָבען געדארפט מאכען א וויזיט דעם נאָטאריוס בעפאָר זיי וועלען גיין עסען צום דירעקטאָר הענעבאָ, וואו זיי האָבען געדארפט טרעפען זייער טאָכטער. די בעזיצונג האָט געשיינט צו שלאָפען מיט איהרע פערלאָזענע לינדען־אלעע, מיט איהר ווינטערדיג ליידיגן געמיזע־גאָרטען און אויבס־גאָרטען. אין הויז האָט זיך קיין זאַך ניט געריהרט, די געשלאָסענע פענסטער, אָנגעוואַרעמט פון אינוויניג, זיינען געוועזען פערצויגען מיט א פייכטקייט. די טיעפע שטילקייט האָט געמאכט דעם איינדרוק פון געמיטליכקייט און וואָלהאבענהייט, פון די גוטע בעטען און דעם גוטען טיש און דעם פערגונפטיגען גליק אין וועלכען עס האָט געוונען דאָס לעבען פון די בעזיצער.

די מענגע סטרייקער האָט געוואָרפען ניט אבשטעלענדיג זיך פינסטערע

בליקען אויף דיא טהירען, אויף דיא ארויסגעצאמטע מויערן און פון דאס ניי האט זיך אנגעפ נגען דער געשריי:

— ברויט! ברויט! ברויט!

נור דיא הינט האבען אויף דעם געשריי געענטפערט מיט זייער בייזען בילען. א פאר גרויסע דענישע הינט מיט רויטע האר האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער און אויפגעריסען די מיילער. אויסער דיא צוויי דיענסטען, דיא קעכין מעלאניע און דיא שטוב-מיידעל האנארין האט זיך אין הויז קיינער ניט געפונען. זיי האבען זיך דערשראקען פאר דעם געשריי און געאיילט זיך צו פערבארגען אונטערן פארהאנג פון איינעם פון דיא געשלאסענע פענסטער, און ציטערענדיג נאכגעקוקט וויא דיא ווילדע האבען זיך פערביינעצווינען. זיי האבען זיך אראבגעלאזט אויף דיא קניע און געריבט זיך אויפ'ן טוידט, ווען זיי האבען דערהערט, וויא א שטיין האט א קלאפ געטאן אין א דערבייאינע פענסטער און אויסגעשלאגען א שויב. נור דאס איז געווען א שפאס פון זשאנלען, ער האט מיט דעם געזאגט א גוטען טאג צו דיא דירעקטארס. יעצט האט ער ווייטער גענומען בלאזען אין הארן, און דיא מענגע איז פערלארען געווארען אין דער ווייטקייט מיט דעם איינציגען געשריי:

— ברויט! ברויט! ברויט!

אין גאסטאן-מאריע זיינען זיי אנגעקומען נאך אין א גרעסערע מאסע. יעצט זיינען זיי געווען איבער צוויי טויזענד פינף הונדערט, וועלכע האבען אלץ געש דיגט, אלץ געבראכען מיט דער מאכט פון א רייסענדען שטראם. מיט א שטונדע פריהער זיינען דא געווען זשאנדארמען, און אפגעגארט פון דיא בויערן, זיינען זיי אוועק ווייטער נאך סענט טהאמאס, און פון אייליגעס האבען זיי פערגעסען איבערצולאזען עטליכע סאלדאטען צו בעוואכען די מינע. אין וויינינגער וויא אין א פערטעל שטונדע איז דאס פייער געווארן צרוואָרפען, די קעסלען אויסגעליידיגט און דיא געביידעס פערוויסט. נור אם מייסטען האבען זיי זיך געציעלט צו דער פאמפע. זיי האבען זיך ניט בעגנוגענט מיט דעם, וואס זיא איז שטיין געבליבען מיט'ן לעצטען אטהעם-צוג פון דאמפף; מען האט זיך אויף איהר ארויפגעווארפען וויא אויף א לעבעדיגע פערזאן, וועלכע מען וויל טויטען.

— דו דארפסט דער ערשטער אנהייבען, האט עטיען געזאגט צו שאוואל, גע בענדיג איהם דעם האמער אין דער האנד; פארווערטס! האסט אזוי געשווארען וויא מיר אלע.

שאוואל האט זיך מיט א ציטער א ציה געטאן א הינטער. אין שטופעניש איז איהם דער האמער ארויסגעפאלען פון האנד, ווערענד זיינע קאמעראדע — אהנע לייננער צו ווארטען — האבען זיך גענומען צו דער פאמפע מיט אייזערנע שטאנגען, און וואס נור עס איז זיי געקומען צו דער האנד. אייניגע האבען צובראכען זייערע שטעקענס אויף דער מאשין, דיא שרויפען זיינען אבגעשפרונגען, דיא שטאלענע און קופערנע רייפען האבען זיך אראבגערוקט וויא אבגעריסענע גליעדער פון א מענשען. א שטארקער זעץ מיט א שפיציגע האק האט צובראכען דעם ציגונגעם קערפער פון דער מאשין, און דאס וואסער האט זיך ארויסגעריסען מיט א גארגלען, וואס האט דערמאנט אן דעם כארכלען פון א שטערבענדען מענשען.

דאס איז געווען דיא ענדע; דיא מענגע איז ווידער ארויסגעלאפען אין דרויסען ווילד, משוגע, שטופענדיג זיך אונטער עטיען, וועלכער האט נאך אלץ ניט געוואכט א-כאזען שאוואל'ן.

— טוידט דעם פערועטהער! ווארפט איהם אין דער מינע!

דער אונגליקליכער איז געווען בלייך וויא דער טויט און האט געשטאמעלט —

מיט דער אידיאָטישער איינגעשפּאַרטקייט פון א פיקסער אידעע — מען זאָל איהם נאָכגעבען זיין בעדלאַנג און לאָזען איהם זיך איינוואַשען.

— וואַרט, דאָ איז דער צעבער, אויב דו מוזט דאָס האָבען, האָט געזאָגט דיא לעוואַק.

דאָ איז געווען א קאַליושע וואָס האָט זיך געצויגען פון דער פּאָמפּע און איז געווען בעדעקט מיט דיקען ווייסען אייז. מען האָט איהם צוגעשטופּט אהין, אויפגעבראָכען דאָס אייז און געצוואונגען איהם אריינצושטעקען זיין קאָפּ אין דעם קאַלטען וואַסער.

— טונק דיך אונטער! האָט ווידערהאָלט דיא בריקע. טונק דיך אונטער צום שוואַרץ יאָהר, אויב דו ווילסט זיך אין גאנצען ניט אויסבאָדען!.... נאַ, יעצט זויף; יאָ, יאָ, זויף וויא דיא בהמות מיט'ן מויל אין וואַסער!

ער האָט געמוזט טרינקען, שטעהענדיג אויף אלע פיער. דיא מענגע האָט דערפון גרויזאַם געלאַכט. איין פרוי האָט איהם געריסען ביי דיא אויערען, א צווייטע האָט איהם אין פּנים א שליידער געטהאָן מיט א שטיק פרישע בהמישע מיסט, וואָס זיא האָט אויפגעהויבען פון וועג. זיין אלטער רעקיל איז יעצט אראָבגעהאַנגען פון זיין לייב אין פּאַסען. מיט קעלבערנע אויגען האָט ער פון ציט צו צייט געקוקט און א זייט און געפּרופט אנטלויפען.

מאַהיי האָט איהם אונטערגעשטויסען; אויך דיא מאַהיד האָט צו איהם, וויא דיא איבריגע ווייבער, אויסגעלאָזט איהר כעס; זיא האָט זיך מיט דעם מענשען גערעכענט פאַר איהר אלטען כעס; און אפילו דיא מוקעט, וועלכע איז אימער געבליבען גוטע פריינד מיט איהרע געוועזענע ליבהאָבער, איז געווען אויפגעבראַכט אויף איהם, האָט איהם געזידעלט און געהייסען, מען זאָל איהם אויסטאָן דיא הויזען, אום צו זעהן, אויב ער איז נאָך א מאַנסביל.

עטיען האָט איהר געהייסען שווייגען.

— גענוג! עס איז ניט נייטיג, אז אלע זאָלען זיך דאָ שפּארען.... ווען דו ווילסט, וועלען מיר ביידע דיא זאַך אָבמאַכען.

ער האָט צונויפגעדריקט זיינע קולאַקעס; אין זיינע אויגען האָט געברענט א מערדערישער פייער; דיא שכרות האָט זיך פערוואַנדעלט אין א לוסט צו מאָרד.

— ביזטו פאַרטיג? איינער פון אונז ביידען דארף בלייבען אויפ'ן אָרט.... גיט איהם א מעסער; איך האָב מיינעם.

קאַטערינע האָט איהם אָנגעקוקט; זיא איז גיוועזן צומאַטערט און צושראָקען.

זיא האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט איהר דערצעהלט פון לוסט צו מאָרד, ווען ער איז עטרונקען; נאָכ'ן דריטען גלעזעל איז ער גיוועזן פאַרטיג; דאָס איז גיוועזן דיא טרויריגע ירושה פון זיינע שכורים־עלטערן. פּלוצים האָט זיא זיך אויף איהם א וואָרף געטאָן און גענומען איהם שלאָגען מיט ביידע הענד, שרייענדיג מיט א הייזעריג קול:

— פייגלינג! פייגלינג! פייגלינג!......איז דיר נאָך ווינציג דיא שלעגטס, וואָס דו האָסט געטאָן? ווילסטו נאָך איהם, וואָס האַלט זיך קוים אויף דיא פיס, אויך הרג'ענען?

זיא האָט זיך געווענדעט צו איהרע עלטערן און צו אלע אנדערע.

— איהר זייט פייגלינגע! פייגלינגע!......הרג'עט מיך אויך מיט איהם צו גלייך! איך וועל אייך אויסדראַפּען דיא אויגען, אויב איהר וועט איהם נור אָנריהרען! הא, דיא פייגלינגע!

און זיא האָט זיך אנידערגעשטעלט פאַר איהר מאַן און האָט איהם פערטהיידיגט, פערגעסענדיג אָן דיא קלעפּ און אן איהר גאנצען יאָמער־לעבען, און געזאָגט נור אין

געדאַנקען, אַז זיא איז געוועזען זיינע און זיא געהערט צו איהם און עס איז אַ שאַנדע פאַר איהר, ווען מען בעליידיגט איהם.

עטיען איז פון קאַטערינעס קלעפּ בלייך געוואָרן. אין דער ערשטער מינוט האָט ער איהר געוואָלט אָנידערוואַרפען, נור נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָבגעווישט דאָס געזיכט, וויא איינער וואָס ניכטערט זיך אויס פון אַ שכרות, האָט ער געזאָגט צו שאַוואַל אין דער מיטען פון דער טיעפער שטילקייט:

— זיא האָט רעכט, עס איז גענוג.... זעה, טראָג זיך אָב!

שאַוואַל האָט זיך געלאָזט לויפען, און קאַטערינע נאָך איהם. דיא מענגע האָט זיי נאָכגעקוקט מיט אָפענע מייל און געזעהן, וויא זיי האָבען זיך אַראָבגענומען אויף אַ קרומען וועג און זיינען פערשוואונדען געוואָרען. נור דיא מאַהיד האָט געמורמעלט:

— זיי האָבען אונרעכט: מען האָט איהר געדאַרפט האַלטען דאָ; ער וועט געוויס ערגעץ פעררעטהען.

דיא מענגע האָט ווייטער אָנגעהויבען מאַרשירען. עס איז שוין באַלד געוועזען פינף אוהר. דיא בלוטרויטע זון, וואָס איז געשטאַנען טיעף אַריינגערוקט אין האָריזאָנט, האָט איינגעטונקט דיא אונגעהייער גרויסע עבענע אין אַ גליהענדען פייער. אַ פערבייפאָרענדער דאָרף־הענדלער האָט זיי מיטגעטיילט, אַז דיא דראַגונער זיינען אוועקגעריטען אין דער ריכטונג פון קרעווקעאַר. זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק און דורך דיא רייהען האָט זיך דערהערט אַ בעפעהל:

— נאָך מאָנסו! צו דער דירעקציאָן!...... ברויט! ברויט! ברויט!

V.

הערר הענעבאָ האָט זיך געשטעלט לעבען פענסטער פון זיין קאַבינעט, אום צו זעהן, וויא דיא קאַרעטע, וועלכע האָט געפיהרט זיין פרוי נאָך מאַרשיען צום פריהשטיק, פאָהרט אָב. ער האָט אַ ווייל נאָכגעקוקט דעם יונגען אינזשענייר נעגרעל וואָס איז געריטען פאַזע וואָגען, און איז באַלד רוהיג אָבגעטראָטען פון פענסטער און געזעצט זיך פאַר'ן שרייב טיש. דאָס הויז האָט געשיינט צו זיין פוסט, ווען זיין פרוי און פלימעניק האָבען עס ניט בעלעבט מיט זייער גערוישפולען עקזיסטענץ. דער קוטשער איז געפאָהרען מיט דער דאַמען; ראָזע, דיא נייע קאַמערמיידעל, איז געוועזען פרייגעלאָזט ביז פינף אוהר; אויסער היפּפּאָליט דעם קאַמערדינער, וועלכער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין פאַנטאָפּעל איבער דיא צימערען, און דיא קעכין, וועלכע איז געוועזען פון פאַר טאָג בעשעפטיגט מיט'ן צוגרייטען דעם דינער, וואָס דיא הערר־שאַפטען האָבען געגעבען דיזען אָבענד, איז מעהר קיינער ניט געוועזען. הערר הענעבאָ האָט געהאָפט, אַז אין דער טיעפער שטילקייט פון דעם ליידיגען הויז וועט ער קענען דעם גאַנצען טאָג אַרבייטען אונגעשטערט.

באַטשע היפּפּאָליט האָט געקראָגען דעם בעפעהל קיינעם ניט אַריינצולאָזען האָט ער דאָך אַרום 9 אוהר געמעלדעט זיין ווירטה, אַז הערר דאַנסאַער איז געקומען מיט נייעס. פון איהם האָט ערשט דער דירעקטאָר ערפאַהרען וועגען דער נעכטיגער פערזאַמלונג אין וואַלד. דיא איינצעלהייטען, וואָס דער אויבעראויפזעהער האָט איהם געגעבען, זיינען געוועזען אַזוי גענוי, אַז דער דירעקטאָר, אויסהערענדיג וואָס ער האָט איהם דערצעהלט, האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אויבער־אויפזעהערס ליעבע־אינטריגע מיט פרוי פיראָן, אַ געשיכטע וואָס איז געוועזען אַזוי בעקאַנט איבעראַל, אַז יעדע וואָך פלעגט ער בעקומען עטליכע אַנאָנימע בריעף, וואו מען האָט איהם דערצעהלט פון זיין אויבער־אויפזעהערס אויסגעלאַסענקייט. וואַהרשיינליך האָט פיראָן זיך אַרויס־געריעדט פאַר'ן ווייב, און דער סוד איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם אויבער־אויפזע־הער אין דער זעלבער בעט. הענעבאָ האָט זיך דערווייל בענוצט מיט דער געלעגענהייט

און געמאכט איהם אויפמערקזאם, אז ער ווייס אלץ און אנגעזאגט איהם ער זאל זיין פארזיכטיג, כדי עס זאל ניט ארויסקומען דערפון קיין ערגערניס. דע־שראקען פון דיא אונערווארטעטע פארווירפע, האט דאנסאער גענומען ציהען צוריק, האט עפעס געשטאממעלט און ענטשולדיגונג, פיהלענדיג אבער, אז זיין גרויסע נאז האט איהם ארויסגעגעבען דערמיט, וואס זיא איז פלוצלינג שטארק רויט געווארען. ער האט געמאכט זיין ראפארט קורץ און האט זיך געפיהלט גליקליך, וואס ער האט זיך אזוי גרינג אבגעקויפט, דען געוועהנליך איז דער דירעקטאר געווען זעהר שטרענג, ווען א בעאמטער האט זיך אין דער מינע ערלויבט פערפיהרען אינטריגעס מיט א שיינער ארבייטערין. ווייטער האבען זיי גערעדט פון דעם סטרייק; זיי האבען בעטראכט דיא פערזאמלונג אין וואלד אלס א בעריהמעריי פון גרויסע מיילער; קיין ערנסטער געפאהר איז ניט געווען. יעדענפאלס וועלען זיך דיא ארבייטער־דערפער פערהאלטען שטיל א פאר טאג דורך דעם איינדרוק פון פורכט, וואס דיא מיליטער האט אין דער פריה איינגעפליסט מיט זייער מארשען.

ווען הערר העננעבא איז געבליבען ווייטער אליין, האט ער געטראכט צו שיקען א דעפעשע צום פאליציי־פרעפעקט. נאר נאך א קורצען נאכדיינקען האט ער זיך בערעכענט, אז עס לוינט ניט אומזיסט ארויסצוציינען א בעוויז פון בעאונרוהיגונג. ער האט זיך שוין ניט געקענט פערצייהען דערפאר, וואס ער האט ארויסגעוויזען אזוי ווייניג פאראויסזיכט און געזאגט אומעדום און זאגאר געשריבען צו דיא פערוואלטונג, אז דער סטרייק וועט העכסטענס געדויערן צוויי וואכען. צו זיין גרויסע איבערראשונג געדויערט שוין דער סטרייק כמעט צוויי מאנאט; און ער איז דעריבער געווען פערצווייפעלט, האט זיך געפיהלט מיט יעדען טאג קלענער, קאמפראמעטירט און געפונען זיך גענייטיגט ארויסצווייזען זיך עפעס מיט א גרויסע זאך, וואס זאל אומקעהרען איהם דאס צוטרויען פון דיא פערוואלטונג. ער האט פערלאנגט מען זאל איהם זאגען, וויא זיך צו האלטען אין פאל, אויב דיא סטרייקער וועלען בעפאלען דיא מינען. דער ענטפער האט זיך פערשפעטיגט; ער האט געווארט אז דיא פארנאכט'גע פאסט וועט דאס איהם ברייגגען. און ער האט זיך געטרייסט דערמיט, וואס איהם וועט נאך פערבלייבען גענוג צייט ארויסצושיקען טעלעגראמען, אום צו בעקומען גענוג מיליטער אויף צו בעזעצען דיא מינען, אויב דיא פערוואלטונג וועט דאס פאדערן. נאך זיין מיינונג וועט דאס ברייגגען צום קאמפף, בלוט־פערגיסונג, טוידט און פערוואונדונג. אזא פעראנטווארטליכקייט האט איהם צומישט, טראטץ זיין שטענדיגער ענערגיע.

ביז עלף אוהר האט דער דירעקטאר רוהיג געארבייט אין דעם הויז, וואו דיא שטילקייט איז נור איבערגעריסען געווארען פון היפפאליט'ס גיהרען מיט דער בארשט איבער דיא צימערן פון ערשטען שטאק. דאן זיינען געקומען — איינער נאך דער צווייטער — צוויי דעפעשען: דיא ערשטע האט איהם געלאזט וויסען פון דעם איבערפאל פון דיא סטרייקער פון מאנטסו אויף דיא מינע זשאן־בארט; דיא צווייטע האט איהם געמעלדעט פון דעם דורכשניידען פון קייבעל, פון דעם אויסלעשען פון דעם פייער און פון גאנצען חורבן. ער האט גאר ניט פערשטאנען. וואס האבען דיא סטרייקער געהאט צו טאן ביי דענווילען אין זשאן־בארט, זיי האבען זיך דאך געדארפט האלטען ביי דיא מינען פון דער קאמפאניע? איבריגענס, פון זיינעטוועגען האבען זיי געקענט גאנץ וואנדאם פערוויסטען; דאס איז נאך בעסער פאר זיינע פלענער.

נאך האלבען טאג האט ער אליין געפריהשטיקט אין גרויסען עסס־צימער, בעדיענט פון היפפאליטען, וועלכער איז ארייגגעקומען און ארויסגעגאנגען שטיל אין זיינע פאנטאפעל. דיזע איינזאמקייט האט נאך שטארקער געמאכט זיין שרעקליכע זארג; ער האט דערפיהלט, וויא עס ווערט איהם קאלט אין הארצען, ווען א'ן אויפזעהער איז ארייגגעלאפען צו איהם און דערצעהלט פון דיא סטרייקערס מארש נאך מיר ו גראדע נאך

דעם — ער האט געהאלטען ביי'ם אויסטרינקען די קאפע — האט ער ערפאהרען דורך א דעפעשע, אז אויך די מינען פון מאדעליין אין קרעווקער זיינען געווען אין געפאהר. דא איז ער פאלשטענדיג געקומען אין א פערלעגענהייט. ער האט ערווארטעט די פאסט צוויי אוהר; זאל ער שוין ארויספאדערן מיליטער? אדער זאל ער בעסער האבען געדולד א ווייל און אבווארטען ביז ער וועט וויסען די אבזיכטען פון די פערוואלטונג? ער איז צוריק אריין אין זיין קאבינעט, אום צו לעזען דעם בריעף, וואס נעגרעל האט נעכטען ביי נאכט אויף זיין פערלאנג אנגעשריבען צום פראספעקט. נור ער האט דעם בריעף ניט געפונען און האט געטראכט אז פיעלייכט האט דער יונגער מאן איבערגעלאזט דעם בריעף ביי זיך אין צימער, וואו ער פלעגט אפט שרייבען ביי נאכט. ער האט זיך געלאזט געהן אין יענעם'ס צימער, אום דארטען אבצו־זוכען דעם בריעף.

ווען הענעבא איז אריינגעקומען אהין, איז ער געווארען איבערראשט צו זעהן, אז דער צימער איז נאך ניט געווען אויפגערוימט; וואהרשיינליך האט מען זיך פערגעסען אדער היפפאליט איז געווען צו פויל. אין צימער האט געהערשט א פייכטע ווארעמקייט, די פערשטיקטע ווארימקייט פון א גאנצע נאכט, נאך פערשטארקט פון דער אונפערמאכטער עפנונג פון די דאמפף־הייצונג; און נאך האט איהם גע־געבען א האק דער גערוך פון דעם שמעקעדיגען וואסער, וואס איז געשטאנען פול אין וואש־שיסעל. אין צימער האט געהערשט א גרויסע אונארדנונג. קליידער זיינען גע־ווען צרווארפען אומעדום, נאסע האנדטיכער זיינען געהאנגען איבער די שטוהלען; דאס בעט איז געווען ניט פערבעט און א לייליך איז אראבגעהאנגען ביז צום קארפעט. אנפאנגס האט ער זיך דערצו ניט שטארק צוגעקוקט; ער איז צוגעגאנגען צום טיש, וואס איז געווען בעדעקט מיט פאפירען און אנגעהייבען דארטען צו זוכען דעם בריעף. יעדעס פאפירעלע האט ער דורכגעקוקט צוויי מאל; דער בריף איז ניט געווען. וואו צום טייפעל האט איהם דער פערדרייהטער נעגרעל געקענט לייגען?

הערר הענעבא האט זיך געשטעלט אין מיטען צימער און גענומען קוקען אויף יעדע שטיקעל מעבעל בעזונדער. פלוצים האט ער בעמערקט אין אפענעם בעט א העלע זאך, וואס האט געבלישטשעט ווי א פונק. ער איז מעכאניש צוגעגאנגען צום בעט און האט אויסגעשטרעקט זיין האנד. צווישען צוויי פאלדען פון דעם לייכעך איז געלע־גען א קליין גאלדען פלעשעלע. ער האט באלד דערקענט דאס קליינע פארפיום־פלעשעלע וואס זיין פרוי פלעגט שטענדיג טראגען מיט זיך. ער האט ניט געקענט פארשטיין, ווי קומט אהער דאס פלעשעלע; ווי קומט עס אין נעגרעל'ס בעט? פלוצים איז ער שרעק־ליך בלייך געווארן: זיין פרוי איז דא געשלאפען.....

— פערצייהעט! האט היפפאליט געמורמעלט, עפענענדיג די טיר. איך האב געזעהן דעם גנעדיגען הערר ארויפקומען אהער.....

דער דינער איז אריינגעקומען און האט צושראקען געקוקט אויף די אונארדנונג וואס האט געהערשט אין צימער.

— גאט מיינער! דער צימער איז נאך ניט אויפגערוימט. ראזע איז אוועקגעגאנ־גען און האט אויף מיר איבערגעלאזט דאס גאנצע הויז.

הערר הענעבא האט פערבאהאלטען דאס פלעשעלע אין זיין האנד און האט עס געקוועטשט מיט אזא קראפט, אז ער האט שיער ניט צובראכען.

— וואס ווילט איהר? האט געפרעגט הענעבא דעם דינער.

— גנעדיגער הערר, דא איז ווידער געקומען א מאן...... ער איז געקומען פון קרעווקער און האט געבראכט א בריעף.

— גוט; לאזט מיך אליין. זאל ער אויפווארטען.

זיין פרוי איז דא געשלאפען! נאכדעם, ווי ער האט פערשפארט די טהיר,

האט ער נעעפענט דיא האנד און האט ווידער א מאל בעטראכט דאס פלעשעלע, פון וועלכער עס איז איהם פון שטארקען קוטשען פערבליבען א רויטער צייכען אויף דיא האנט. פלוצים האט ער בעגריפען, וואס ער האט געזעהן: דיעזע שוויינעריי געהט אן אין זיין הויז שוין כאנאטען לאנג. ער האט זיך ערמאנערט אן זיין אמאליגען פערדאכט, ווען ער האט געהערט דעם גערויש פון בארפיסע פיס ביי נאכט אונטער דיא טהירען. דאס איז געווען זיין וויב, וועלכע זיא אהער ארויפגעקומען, אום דא צו שלאפען.

ער האט זיך אראבגעלאזט אויף א שטוהל אנטקעגען בעט און האט עס בעטראכט מיט שטארע אויגען; ער איז אזוי געזעסען אונבעוועגט וויא טויט א היבשע ווילע, א גרויש האט איהם אויפגעוועקט; מען האט געקלאפט אין דער טהיר און געפרובט איהר עפענען. ער האט דערקענט דעם דיענערס שטימע.

— גנעדיגער העררן!.... אה, גנעדיגער העררן! איהר האט זיך פערשפארט....

— וואס ווייטער?

— דיא זאך שיינט צו זיין זעהר וויכטיג; די ארבייטער מאכען אן חורבות. נאך צוויי מענער ווארטען אונטען. אויך דעפעשען זיינען אנגעקומען.

— לאז מיך צורוה! איך וועל באלד קומען.

דער געדאנק אז היפפאליט האט געקענט געפינען דאס פלעשעלע ביים אויפראמען דעם צימער, האט געמאכט דעם דירעקטארס בלוט פרירען. נור מסתמא וויים ער שוין דערפון; ער האט שוין צוואנציג מאל געקענט געפינען אין בעט סימנים פון זיין ווייבס ליעבע מיט'ן פלימעניק, איהרע האר אויפ'ן קישען, פלעקען אויף דיא קיילכער, און פאר וואס וויל ער איהם ניט לאזען דא זיצען? דאס איז נור צוליעב שלעכטקייט. איז ער ניט איין מאל געשטאנען אונטער דער טהיר מיט א אויפגעוועקטען הערצן פון זיין ווירטין'ס אויסגעלאסענהייט.

העררן הענעבא האט זיך ניט גערידהרט. ער האט נאך אלץ בעטראכט דאס בעט. זיין מיט ליידען אנגעפילטע פערגאנגענהייט איז ארויסגעשוואומען אין זיין מארך: זיין חתונה מיט דיזער פרוי, דיא גייסטיגע און לייבליכע מיספערשטענדניסע, וועלכע האבען זיך באלד ארויסגעוויזען צווישען זיי; דיא ליבהאבער, וואס זיא האט געהאט און ער האט נאר ניט חושד געווען; נאכדעם יענער, וועלכען ער האט צעהן יאהר לאנג געדולדעט וויא א שלעכטען ריח פון א קראנקען; נאכדעם זייער קומען אין מאנטסו, זיין אונזיניגע האפנונג, אז זיא וועט דא בעסער ווערן; נאכדעם לאנגע מאנאטען אין גאנצען פערגעסען, דאס פיהלען, אז דער עלטער קומט אלץ נעהענטער און אז דאס וועט זיא איהם אבגעבען צוריק. דאן איז געקומען איהר פלימעניק, דיזער פאול, וועמען זיא איז געווארען א צווייטע מוטער און וועמען זיא האט שטענדיג דערציילט פון איהר טויטען הארץ, וואס איז געלעגען בעגראבען אונטער אש. און ער — דער נארישער מאן — האט נאר ניט פאראויס געזעהן; ער האט דיזע פרוי פערגעטערט וועלכע איז געווען זיינע, נור וועלכע אנדערע מענער האבען בעזעסען, און נור ער אליין האט ניט געקענט בעזיצען. ער האט איהר געליעבט מיט א שענדליכער ליידענשאפט; ער וואלט געווען גיפאלען פאר איהר אויף דיא קניע, ווען זיא זאל איהם געוועזען געבען דאס, וואס איהר איז פערבליבען פון דיא אנדערע. נור זיא האט דאס געשענקט דעם איינגעל.

א קלונג, וואס האט זיך פלוצים דערהערט פון דערווייטענס, האט איהם גימאכט ערציטערן. ער האט געוואוסט דעם קלונג, ער פלעגט גיגעבען ווערן אויף זיין אייגענעם בעפעהל, ווען דער פאסטאליאן פלעגט אנקומען. ער האט זיך אויפגעהויבען, און געגען זיין ווילען האבען זיך ביי איהם ארויסגעריסען פון ערביטערונג גראבע ווערטער.

— איך פייף אויף זייערע דעפעשען און אויף זייערע בריף!

זיין כעס איז שטארקער געווארען. א גוואלדיגע בעדירפניס האט איהם אנגע־כאפט צו צוטרעטען עפעס א שטינקעדיגע זאכע. דיזעס ווייב איז א שטראסען־פרוי. ער האט געזוכט שלעכטע ווערטער, איהם האט געדוכט, אז ער טהוט איהר מיט דעם עפעס שלעכטעס. איהר פלוצליכער איינפאל צו מאכען חתונה פאל מיט סעסיל און דער רוהיגער שמייכעל, מיט וועלכען זיא האט דאס גערעדט, האט איהם אין גאנצען ארויסגעבראכט פון זיך. איז אין דער אויסגעלאסענהייט ניט גילעגען קיין שום ליידענשאפט, קיין שום אייפערזוכט? איז דאס געווען ביי איהר ניט מעהר וויא א לאס־טערהאפטעס שפיעלכעל, דיא געוואהנהייט צו האבען א מאן, א צייטפערטרייבונג, וואס מען פערגינט זיך, וויא מען פערגינט זיך א נאכשפייז? און ער האט דיא גאנצע שולד ארויפגעווארפען אויף איהר, ער האט ענטשולדיגט דעם אינגעל, וועלכען זיא האט מיט איהר ווידער ערוואכטען אפעטיט געביסען, וויא מען בייסט א גרינע פרוכט, וועלכע מען גנב'עט צו אויפ'ן וועג. וועמען וועט זיא עסען, וואו וועט זיא פערזינקען ווען זיא וועט שוין מעהר ניט געפינען קיין פלימעניקעס, וועלכע זאלען זיין אזוי פראק־טיש אנצונעהמען אין דער פאמיליע דעם טיש, דאס בעט און דאס ווייב?

היפפאליט האט שטיל גענומען קלאפען אין טיהר און ריידען פון דעם שלי־סעל־לאך.

— גנעדיגער הערר, דיא כאסט.... אויך איז דאנסאערט ווידער דא און מעל־דעט, אז מען מארדעט ...

— גוט, איך קום שוין. כאפט אייך דער רוח!

וויא וועט ער זיך מיט זיי בעגיין, ווען זיי וועלען זיך אומקעהרען צוריק פון מארשיען? ער וועט זיי ארויסטרייבען וויא שטינקענדע חיות, ער וועט זיי ארויסניין אנטקעגען מיט א בייטש און וועט זיי זאגען, אז זיי זאלען טראגען ערגעץ אנדערש דעם גיפט פון זייער פאארונג. פון זייער אטהעמען און זיפצען איז דיא פייכטע וואַ־רעמקייט פון דיזען צימער אזוי שווער; דער דורכדרינגענדער גערוך, וואס ערשטיקט איהם שיער, — דאס איז דער מאשוסגערוך, וועלכער האט ארויסגעשטראמט פון זיין ווייב'ס לייב: דאס איז ווידער איהר פערדארבענער געשמאק, א לייבליכע בעדירפניס נאך שארפע גערוכען; ער האט געזעהען דיא נארעריי פון זיין ווייב און דיא נאך פולע טעפ און וואשבעקען, און דיא פערנאנדערגעווארפענע לייליכער, און דיא מעבעל און אין גאנצען צימער, וואס איז געווען אבגעטונקט אין לאסטער. ער האט זיך פאר כעס א ווארף געטאן אויפ'ן בעט און גענומען עס שלאגען מיט ביידע פויסטען. אם מייסטען האט ער אויסגעלאזט זיין כעס צו יענע פלעצער, וואו ביידע זיינען געלעגען. זיין כעס איז נאך שטארקער געווארען דורך דעם בעריהרען; פון דיא צו־קניטשטע לייליכער און ווייכע קישענס, וועלכע האבען צוגענומען זיינע קלעפ אזוי שטיל, וויא זיי וואלטען זיך געפוילט צו ענטפערן אויף זיי נאך א מידע ליעבע־נאכט.

פלוצים האט ער דערהערט היפפאליט'ס טריט. א געפיהל פון שאנדע האט איהם געצוואונגען זיך איינצוהאלטען. ער האט אבגעווישט דעם שטערען און געזוכט שטילער צו מאכען זיין קלאפענדער הארץ. פאר'ן שפיעגעל האט ער בעטראכט א ווילע זיין געזיכט און האט עס כמעט וויא ניט דערקענט—אזוי האט עס זיך אין דער קורצער ווילע געענדערט. נאכדעם וויא ער האט מיט מאטערנים ארויפגעצויגען אויף זיך א רוהיגע מינע, איז ער אראבגענאנגען אונטען.

אונטען האבען אויף איהם געווארט פינף סטאפעטען, אויסער דאנסאערט. זיי האבען איהם געבראכט ערנסטע ראפארטען וועגען דעם צוג פון דיא סטרייקער איבער דיא מינען. דער אויבעראויפזעהער האט איהם דערצעהלט לאנג און ברייט, וואס עס איז געשעהן אין דער מיר מינע און וויא זיא איז געראטעוועט געווארען

דורך דעם פּאַטער קוואנדיע'ס טאַפּפּערע האַלטונג. הענעבאַ האָט איהם אויסגעהערט און צונעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אָבער ער האָט איהם ניט פערשטאַנען, זיינע געדאַנקען זיינען געווען אויבען אין צימער. ענדליך האָט ער זיי אָבגעלאָזט און געזאָגט, אז ער וועט זעהן צו טאָן אַלץ וואָס מעגליך איז. ווען ער איז ווייטער געבליבען אַליין, האָט ער זיך געזעצט פאַר'ן שרייב־טיש, אָנגישפּאַרט דעם קאָפּ אויף דיא הענד און געשיינט איינצושלאָפען מיט אָפענע אויגען. דיא פּאָסט איז געלעגען פאַר איהם; ענדליך האָט ער זיך בעשלאָסען אויסצוזוכען צווישען דער פּאָסט דעם ערוואַרטעטען בריעף פון דעם פערוואלטונגס־ראַטה. אָנפאַנגס האָבען דיא שורות געשפּרונגען פאַר זיינע אויגען, און ער האָט קיין זאַך פערשטאַנען, ענדליך אָבער האָט ער בעגריפען, אז דיא קאָמפּאַניע האָט גאָר ניט נעגען קליינע אונרוהען און גיט איהם אָנצוהערענים, אז ער זאָל זיי ניט סטאַפּען, נור ווען דיא צייט וועט קומען, זאָל ער דעם סטרייק שטיל מאַכען מיט מיליטער. יעצט האָט ער זיך אויפגעהערט צו שלאָגען מיט דער דעה; ער האָט אַרויסגעשיקט דעפּעשען אין אַלע זייטען, צום פּרעפעקט פון ליל, צום קאָמאַנדיר פון דיא סאָלדאַטען פון ד'עיי, צו דער זשאַנדאַרמערי אין מאַרשיען. דערפון איז איהם אַ ביסעל גרינגער געוואָרן; ער האָט זיך געקענט פערשפּאַרען און ער האָט זאָגאַר אַרויסגעלאָזען אַ קלאַנג, אז ער ליידעט פון גיכט. דעם גאַנצען נאָכמיטאַג איז ער געזעסען פערבאָרגען אין זיין אַרבייטס־צימער, האָט קיינעם ניט אַריינגעלאָזט צו זיך און בענוגעט זיך מיט דעם, וואָס ער האָט געלעזען דיא בריעף און דעפּעשען, וואָס זיינען וואָס ווייטער אַלץ צאָהלרייכער געוואָרען. אויף אַזאַ אופן האָט ער געקענט פון דערווייטענס נאָכפאָלגען דעם צוג פון די סטרייקער, פון מאַדעליין נאָך קרעווקאַר, פון קרעווקאַר נאָך לאַ־וויקטואַר פון לאַ־וויקטואַר נאָך גאַסטאָן־מאַריע. פון דער אַנדערער זייט האָט מען איהם געמעלדעט די פערלעגענהייט פון די זשאַנדאַרמען און דראַגונער, וועלכע האָבען אונטערוועגס פערבלאָנזעט אַזוי, אַז זיי זיינען אויסגעקומען מיט'ן רוקען צו דיא אָנגעגריפענע מינען. איהם איז געווען אַלץ איינס, זאָלען זיי זיך דאָרטען שלאָגען, זאָלען זיי דאָרט ברעכען; ער האָט איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין ביידע הענד מיט דיא פינגער פאַר דיא אויגען און האָט זיך פערזונקען אין דער טיפע שטילקייט פון דעם ליידיגען הויז, אין וועלכען ער האָט קיין זאַך געהערט אויסער פון צייט צו צייט דעם גערויש פון דיא טעפּ אין קיך, וואו עס זיינען געגאַנגען פּאָרבערייטונגען צום מיטאָג.

דיא נאַכט האָט אָנגעהויבען צו צופאַלען, און אין צימער האָט אָנגעהויבען צו ווערען דונקעל. עס איז געווען פינף אוהר, ווען אַ ליאַרעם האָט הערען הענעבאַ, וואָס איז געזעסען וויא בעטויבט איבער זיינע פּאַפּירען, געמאַכט פלוצים אויפשפּרינגען. ער האָט געגלויבט, אז דיא ביידע אויסוואורפען האָבען זיך שוין אומגעקעהרט. נור דער געטומעל איז געוואָרן אַלץ גרעסער און אין דעם אויגענבליק, ווען ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט ער דערהערט אַ שרעקליכען געשריי:

— ברויט! ברויט! ברויט!

דאָס זיינען געווען דיא סטרייקער, וואָס זיינען בעפאַלען מאָנטסו, וועהרענד דיא זשאַנדאַרמען האָבען גאַלאָפּירט צו דער וואָריי־מינע, וואו מען האָט זיי געזאָגט געפינען זיך יעצט דיא סטרייקער.

צוויי קילאָמעטער פון דיא לעצטע הייזער פון מאָנטסו, דאָרטען וואו דער וועג האָט זיך אַ ביסעל פערקרימט און וואו דער הויפּט־וועג און דער וועג קיין וואַנדאַם האָבען זיך פערנאַנדערגענומען, האָט מאַדאַם הענעבאַ און דיא פריילענס געזעהן, וויא דיא סטרייקער זיינען פאַרביינגעגאַנגען. זיי האָבען דעם טאָג זעהר פריילּיך פערבראַכט אין מאַרשיען, וואו זיי האָבען געהאַט אַן אַנגענעהמען פריהשטאַק ביים דירעקטאָר פון דיא אייזענפאַבריקען, דערנאָך אַן אינטערעסאַנטען בעזוך אין דיא פאַבריקען און אין

דער דאבייאינער גלאָדפאבריק ; דערמיט האָבען זיי פארבראכט דעם גאנצען נאָכמיטאג, און ווען זיי האָבען ענדליך גענומען פאָהרען צוריק אהיים, איז סעסיל איינגעפאלען, אז מען זאָל זיך אָבשטעלען אין א פארמע, וואָס האָט זיך געפונען פאזע וועג אום צו טרינקען א גלאָז מילך. דיא דאמען זיינען ארויסגעגאנגען פון דער קארעטע, און נעגרעל איז גאלאנט אראָבגעשפרונגען פון פערד; וועהרענד דיא פארמערקע, גאנץ צומישט פון דעם פאָרנעהמען בעזוך, איז דיענסטווילינ צוגעלאָפען און געוואָלט דעקען פאר זיי דעם טיש. נור לוסי און זשאנע האָבען געוואָלט זעהן וויא מען מעלקט דיא קיה; זיי זיינען אוועק מיט דיא גלעזער אין דיא הענד צו דיא קיה-שטאללען: דאָס דאָרפישע פערגניגען איז געוועזען פאָלשטענדיג ; זיי האָבען דאריבער אזוי פיעל געלאכט, אז זיי האָבען זיך אריינגעקייקעלט אין דיא שטרוי.

מאדאם הענעבאָ — מיט דער מינע פון א מוטער — האָט פאמעלעך געזופט דיא מילך, ווען א זעלטזאמער, דומפפער ליארם איז געקומען פון דערוויטענס און האָט איהר בעאונרוהיגט.

— וואָס איז דאָס ? האָט זיא גיפרעגט.

דער שטאל, וואָס איז געוועזען געבויט פאזע וועג, האָט געהאט א ברייטען טהויער. דיא פרייליינס האָבען שוין געוואָלט ארויסשטעקען דיא קעפ פון דעם טהויער און זיינען שטארק פערוואונדעט געוואָרען, דערזעהענדיג לינקס אויף דעם וועג פון וואנדאס א דונקעלע מאסע, וועלכע האָט זיך געצויגען אין זייער זייט.

— צום שווארץ יאהר ! האָט געברומט נעגרעל, וועלכער איז אויך ארויסגעגאנגען. איז דאָס טאקע מעגליך, אז דיא גרויסע מיילער זיינען טאקע געוואָרען געפעהרליך ?

— אפשר זיינען דאָס ווידער דיא קויילען-גרעבער, האָט געזאָגט דיא בויערין. זיי זיינען שוין צוויי מאָל דאָ פאָריבער געגאנגען. וויא עס ווייזט אוים, שמעקט דאָס ניט גוט : זיי זיינען דאָ דיא גאנצע בעל הבתים.

זיא האָט יעדעס וואָרט ארויסגערעדט מיט פאָרזיכט און האָט נאָכגעקוקט, וואָס פאר א ווירקונג איהרע ווערטער מאכען אויף זייערע געזיכטער ; און ווען זיא האָט דערזעהן זייער ארעמענס שרעק און דיא טיעפע אנגסט וואָס דיא בעגעגניש האָט געמאכט אויף דיא גיזעלשאפט, האָט זיא זיך געאיילט צו צוגעבען :

— אָה, דיא נידערטרעכטיגע לומפען !

ווען נעגרעל האָט דערזעהען, אז עס איז שוין צו שפעט אריינצושטייגען אין קארעטע און צו פאָהרען נאָך מאָנטסו, האָט ער געהייסען דעם קוטשער אריינפיהרען דיא קארעטע אין הויף און בעהאלטען איהר הינטער א שטאלל. אויך זיין רייט-פערד האָט ער געהייסען דאָרטען צובינדען. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געפונען מאדאם הענעבאָ און דיא פרייליינס אויסער זיך פאר שרעק. זיי זיינען געוועזען פארטיג נאָכצוגיין דיא בויערין, וועלכע האָט זיי אָנגעבאָטען צו בעהאלטען זיי אין איהר וואָהנונג. נור ער איז געוועזען דער מיינונג, אז דער פלאץ אין דיא היי איז פיל זיכערער און קיינער וועט זיי דאָ ניט זוכען. נור דער טהויער האָט זיך ניט געקענט פערשליסען און האָט געהאט אזעלכע גרויסע לעבער, אז מען האָט זיי געקענט זעהען פון דער גאַס.

— מוטה, מוטה ! האָט ער געזאָגט, מיר וועלען אונזער לעבען וואָלוועל ניט פארקויפען.

דיזער שפאס האָט נאָך פארגרעסערט זייער שרעק. דער ליארם איז וואָס א ווייילע אלץ גרעסער געוואָרען, מען האָט נאָך גאָר ניט געזעהען ; נור איבערן ליידיגען וועג האָט געשיינט צו בלאָזען א שטורם-ווינד, וואָס איז געוועזען עהנליך אויף יענע ווינטען, וואָס נייהען פאראויס א שטארקען שטורם.

— ניין, ניין, איך וויל ניט קוקען, האָט סעסיל געזאָגט און פערבעהאלטען זיך אין דעם היי.

מאַדאַם הענעבאָ איז געווען זעהר בלייך; און ברענענדיג מיט כעס געגען דיא לייטע, וואָס האָבען איהר פערדאָרבען דעם פערגניגען, האָט זיא זיך געהאַלטען אָן א זייט און געוואָרפען בייזע בליקען, ווערענד לוסי און זשאַנע — ניט קוקענדיג אויף זייער מורא — זיינען געלעגען נעבען דיא שפּאַלטען פון טהייער; אום צו זעהען אַלץ, וואָס קומט פאָר.

דער דונערנדער געריש איז אַלץ געקומען נעהענטער, דיא ערד האָט געציטערט. פריהער פון אַלעמען איז געלאָפען זשאַנלען און האָט אַלץ געבלאָזען אין זיין האָרן.

— נעהמט אַריס אייערע פלעשעלאך פערפיומע, מיינע דאַמען, דער שווייס פון פאָלק געהט דאָ אַריבער, האָט געזאָגט נעגרעל, וועלכער האָט, ניט קוקענדיג אויף זיינע רעפּובליקאַנישע איבערציינגונגען, געליעבט צו מאַכען שפּאַס פון פאָלק אין דער געגענוואַרט פון דאַמען.

נור זיין וויץ איז פאַרלאָרען געגאַנגען אין דעם דונער פון דיא געשרייען. דיא ווייבער זיינען אָנגעקומען, כמעט טויזענד אין צאָהל, מיט צולאָזטע האָר, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, דורך וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזעהן דיא נאַקעטע לייב, דיא נאַקעטקייט פון ווייבער וואָס זיינען פערמאַטערט געוואָרען צו ברייגגען מעהר הונגערליידער אויף דער וועלט. איינינע האָבען געהאַלטען דיא קליינע קינדער אויף דיא הענד און געהויבען זיי אין דער הויך אַזוי וויא א פלאַג פון טרויער און ראַכע. אַנדערע — דיא איינגערע מיט א קריגעריישען אויסזעהן — האָבען געפּאַטשט מיט זייערע שטעקענס; ווערענד דיא עלטער — שרעקליכע געשטאַלטען — האָבען אַזוי הויך געשריען, אַז זייערע מאָגערע נאַרגען זיינען שיער ניט צוריסען געוואָרען. דערנאָך זיינען געקומען דיא מענער, צוויי טויזענד צורייצטע פון כעס. דיא מאַסע איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט ניט געקענט אונטערשיידען זייערע פערשמירטע הויזען און צוריסענע רעקלאַך. זיי האָבען אַלע געהאַט דעם זעלבען ערד־פאַרביגען קאָליר. דיא אויגען האָבען געברענט, מען האָט נור געזעהן דיא לעכער פון זייערע שוואַרצע מיילער, וועלכע האָבען געזונגען דיא מאַרסעליעזע, פון וועלכען דיא ווערטער האָבען זיך פאַרלאָרען אין דעם ווילדען געשריי, אין דעם קלאַפּען פון דיא האָלצערנע שיך איבער דער האַרט געפרוירענע ערד. איבער דיא קעפּ האָט זיך געצויגען וויא א וואַלד אייזערנע שטאַנגען, צווישען וועלכע האָט זיך געזעהן איין איינציגע האַק, וואָס האָט געשיינט צו זיין דער פאָהן פון דיא סטרייקער און האָט געגלאַנצט אונטערן העלען הימעל, וויא דער מעסער פון דער גילאָטינע.

— וואָס פאַר א שרעקליכע געזיכט! האָט געשטאַמעלט מאַדאַם הענעבאָ.

נעגרעל האָט א ברום געטאָן פון צווישען דיא ציינער:

— דער טייוועל זאָל מיך נעהמען, אויב איך זעה דאָ איין בעקאַנטען פּנים. פון וואַנען האָבען זיך דאָ גענומען דיא באַנדיטען?

און ווירקליך; דער כעס, דער הונגער, דיא צוויי מאָנאַטען מיט ליידען, דער יעצטיגער משוגענער גאַנג פון איין מינע צו דער צווייטער — האָבען דיא שטענדיג רוהיגע געזיכטער פון דיא קוילענגרעבער פון מאָנטסו געגעבען דאָס אויסזעהן פון ווילדע חיות. אין דיעזען אויגענבליק איז אונטערגעגאַנגען דיא זון; דיא לעצטע שטראַהלען — פון א דונקעלער פּורפּור־פאַרב — האָבען איינגעטונקט דאָס פעלד אין א בלוט־רויטען שיין. דער וועג האָט געשיינט וויא א שטראָם פון בלוט; דיא ווייבער, דיא מענער זיינען פערביי געלאָפען און האָבען געשיינט וויא בעגאָסען פון בלוט, וויא קצבים ביי דער אַרבייט.

— אַה, וויא שיין! האָבען געמורמעלט לוסי און זשאַנע, ביי וועמען דיא פירכט־פערליבע קאַרטינע האָט אויפגערייצט איהר קינסטלערישען גישמאַק.

דאָך האָבען זיי זיך דערשראָקען און זיינען צוגעלאָפען צו מאַדאַם הענעבאָ. דער געדאַנק, אַז א בליק פון צווישען דעם צובראָכענעם פּלאַנקען קען זיין גענוג, אַז מען

יאָל זיי טוידטען, האָט געמאַכט פרירען זייער בלוט. אויך נעגרעל, וואָס איז שטענדיג געוועזען מוטהיג, האָט געפיהלט, וויא זיין בלוט איז אנטלאָפען פון זיינע באקען; דיא מורא, וואָס איז אויף איהם אָנגעפאַלען, איז געוועזען שטאַרקער פון זיין ווילען; דאָס איז געוועזען א שרעק, וואָס פאַלט צייטענווייז אויף אונז אָן און מיר אליין ווייסען ניט, פון וואנען ער האָט זיך גענומען. סעסיל איז געלעגען אין דער היי און האָט מורא געהאַט א ריהר צו טאָן זיך. דיא אנדערע האָבען ניט געקענט אָבקעהרען דיא אויגען און האָבען געגען זייער ווילען געקוקט אויפ'ן וועג.

דאָס איז געוועזען דאָס בלוטיג־רויטע געספענסט פון דער רעוואָלוציאָן, וועלכע וועט זיי אויף אזא פירכטערליכען אופן אָבראַמען פון דער וועלט אין איין בלוטיגען אָבענד פון דיעזען יאָהרהונדערט. יאָ, אין איין שיינעם אָבענד וועט דאָס פריינגעלאָזטע, אָבגעפּייניגטע פאָלק אזוי לויפען איבער דיא גאַסען טריפענדיג פון דיא בלוט פון דיא בורזשוא, וועט ארומטראָגען אָבגעהאַקטע קעפּ און וועט צושיטען דאָס גאָלד פון דיא אויסגעליידיגטע קאַסטענס. דיא ווייבער וועלען שרייען, דיא מענער וועלען עפענען דיא מיילער אזוי וויא וועלף, אום אלץ צו צורייסען. יאָ, עס וועלען זיין דיא זעלבע שמאַטעס, דאָס זעלבע קלאַפּען פון דיא אונגעלומפּערטע הילצערנע שיך, דיא זעלבע שרעקליכע מאַסע מיט שמוציגע לייבער, פּערפּעסטעטען אָטהעם און וועט אויסראַמען דיא אַלטע וועלט מיט זייער באַרבאַרישען שטופּען און יאָגען. אלץ וועט אוועק גיין מיט פייער, אין דיא שטעדט וועט ניט בלייבען א שטיין אויף א שטיין, מען וועט זיך צוריק אומקעהרען צום ווילדען לעבען אין דיא וועלדער, נאָך דיא פייערן, נאָך דעם גרויסען בושצווינג, ווען דיא אָרימע וועלען אין איין נאַכט שענדען דיא ווייבער פון דיא רייכע און אויסטרינקען זייערע וויינען. און עס וועט איין גראשען ניט בלייבען פון אלע רייכטהימער, קיין טיטעל פון ערוואָרבענע שטעלונגען ביז צו דעם טאָג ווען עס וועט פיעלייכט ערבליהען א נייע ערד (*). יאָ, דאָס איז געוועזען, וואָס עס איז אדורכגעלאָפען דעם וועג וויא א ווינד, וועמעס בלאָזען האָט וויא אָנגעריהרט זייערע געזיכטער.

(*) מיר גיבען דאָ דיא איבערזעצונג פון זאָלא'ס שילדערונגען ריכטיג, וויא ער האָט זיי געשריבען; אָבער מיר זיינען מיט זיי נאַטירליך גאַר ניט איינפערשטאַנדען. ניין, טויזענד מאָל ניין! דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וועט ניט ברייגגען פערוויסטונג, וועט ניט זיין א באַרבאַריי, וויא זאָלא און אַנדערע שטעלען זיך עס גאַנץ פאַלש פאָר. דיא אונגליקליכע און אויסגעהונגערטע קוילענגרעבער, וועלכע זאָלא אליין פערצייכנט אין אַנדערע ערטער פון זיין מערקווירדיגען ראָמאַן, אָנצייגענדיג אויף דיא עלענדע ארמוטה און אונוויסענהייט, אין וועלכע מען האָט זיי געהאַלטען דור דורות — אפילו דיא זעלבע קוילענגרעבערס האָבען דאָך שליסליך גאָר צוגעטראָטען מילדע מיטעל, דיא ערטער פון זייער קאַטאָרזשנע ארבייט און אונגליק, און האָבען קיין זייטיגען מענשען ניט אָנגעריהרט, קיין זייטיגע זאַך ניט צערשטערט. האָבען זיי דען מיט א פינגער געריהרט דיא בויערן־הויז, וואו דעם דירעקטאָר'ס פרוי און פלעמעניק האָבען זיך בעהאַלטען? איז דען זיי אפילו אין זינען געלעגען עפּוואָס שלעכטעס צו טאָן דיא פאַרמערס? זאָלא ווידערשפּרעכט זיך דאָ אליין; ער נעהמט אָן זיינע איינבילדונגען וועגען דעם סאָציאַליזמוס פאַר עפּעס זיכערעס. און ווען דיא צוהיצטע קוילען־גרעבערס, וועלכע האָבען געבראָכען און גיבושעוועט אויס הונגער און פערצווייפלונג — אין אזא לאַגע וועט יעדער מענש צורייצט און ווילד — וואָלטען ניט געוועזען אזוי פאַרגרעבט און אונוויסענד, וואָלטען זיי דאָס אויך ניט געטאָן. עס איז א פעסטגעשטעלטער פאַקט, אז וואָס געבילדעטער דיא אַרבייטער זיינען, אלץ וויניגער פיהרען זיי זיך אויף, וויא דיא קוילען־גרעבער פון מאַנטסו וועהרענד סטרייקס; און וואָס אָנבעלאַנגט צו דיא סאָציאַליסטישע ארבייטער, זאָ גיהערען זיי אונצווייפעלהאַפט צו דיא געבילדעטסטע און פאָרטגעשריטענסטע מענשען. ניט צו פערוויסטונג און באַרבאַריי וועט דער סאָציאַליזמוס פיהרען, נאָר צו גלאַנץ און אמת'ע ציוויליזאַציע. — דיא איבערזעצער.

אן אונגעהייערע געשריי האט זיך אויפגעהייבען און האט איבערגעהילכט די מא־סאליע:

— ברויט! ברויט! ברויט!

לוסי און זשאנע האבען זיך פון שרעק צוגעטולעט צו מאדאם הענעבא, וועהרענד נעגרעל האט זיך געשטעלט פאר זיי, וויא ער וואלט זיי וועלען בעשיצען מיט זי'ן לייב. וועט זיך היינט ביי נאכט די אלטע וועלט איבערקערען? דאס, וואס זיי האבען יעצט געזעהן האט נאך מעהר שטארק געמאכט זייער שרעק. די מאסע איז שוין געווען פאר בער, נור עטליכע פון די פערשפעטיגטע זיינען נאכגעלאפען, צווישען זיי איז אויך געווען די מוקעט. זי האט זיך אלע ווילע אבגעשטעלט אום צו זעהן, אויב יעמאנד פון די בירגער שטייט ניט ביי די טהירען פון זייערע גארטענס אדער צו קוקען זיי ניט ארויס פון די פענסטער פון זייערע הייזער; און אזוי וויא זי הנדינג די בירגער פון דערווייטענס, האט זי זיי ניט געקענט שפייען אין צורה, האט זי זיי געוויזען דאס, וואס וויא איהר האט געשיינט, וועיזט בעסער ארויס איהר פעראכטונג צו זיי. אהן צווייפעל האט זי יעצט אויך בעמערקט איינעם פון די בירגער, דען פלוצלונג האט זי פערקאשערט איהרע קליידלאך און בעוויזען איהר גרויסען הינטער טהייל, וועלכער האט געשיינט ביים לעצטען אויפפלאקערן פון דער זון. אין דיזען אונטערטהייל איז גארניט געווען עטוואס אונמאראלישעס, די סצענע איז געווען מעהר טרויעריג וויא לעכערליך.

אלץ איז פערשוואונדען; דער שטראם האט זיך אוועקגעצויגען קיין מאנטס דורך די שמאלע וועגען פערביי די נידריגע און העל געפארבטע הייזער. נעגרעל האט געהייסען ארויספיהרען די קארעטע, נור דער קוטשער האט ניט געוואלט קאווירען, אז ער וועט די ווירטהין און די פריילינס בריינגען אהן הינדערניסע א היים, ווען די סטרייקער האבען פערנומען דעם וועג און דאס ערגסטע איז געווען דאס, וואס קיין אנדער וועג איז ניט געווען.

— מיר מוזען אבער דאך קומען א היים, דאס עסען ווארט אויף אונז, האט געזאגט מאדאם הענעבא, זייענדיג אויסער זיך פון אנגסט. די שמוציגע לומפען האבען ניט געפונען קיין אנדער טאג זיך צו בונטעווען נור גראדע דאמאלס, ווען איך האב געסט. מען דארף זיי נאך די פארשיווע לייט טאן גוטס!

לוסי און זשאנע האבען ארויסגעצויגען סעסיל פון היי; זי האט זיך געווערט מיינענדיג, אז דער צוג פון די סטרייקער איז נאך ניט אריבער און האט אלץ געטענה'ט, אז זי וויל ניט קוקען. ענדליך האבען זיי ווייטער פערנומען זייערע פלעצער אין דער קארעטע און נעגרעל איז איינגעפאלען, אז מען זאל זיך אומקעהרן א היים דורך די געסלאך פון רעקיאר.

— פאהר לאנגזאם, האט ער געהייסען דעם קוטשער, ווארום דער וועג איז זעהר שלעכט.

ווען גרופען פון דער באנדע וועלען דיר שטערן דארטען ווייטער ארויסצוגעהן מען זיך אויף'ן גרויסען וועג, זאלסטו זיך אבשטעלען נעבען דער אלטער מינע, און מיר וועלען צו פוס גיין דורך דער קליינער טהיר פון גארטען און וועט שוין ערגעץ אבזוכען א פלאץ פא'ן וואגען און די פערד.

מאדאם הענעבא און די פריילינס זיינען אבגעפאהרען. די מאססע סטרייקערס איז שוין געווען ווייט און האט זיך געצויגען נאך מאנטסו. די דארטיגע בעפעלקערונג איז געווען אין איינע ציטערניס, זינט זיי האבען די זשאנדארמען און דראגונער געזעהן דורכגיין צוויי מאל. שרעקליכע געשיכטעס זיינען געגאנגען פון מויל צו מויל; מען האט גערעדט פון אנגעקלעפטע אויף די ווענט אפישען, וואו מען האט געטראשעט די בירגער אויפצושניידען זיי די בייכער. קיינער האט די אפישען

ניט געליינגט, נור דאָך האָט יעדער איינער ציטירט גאַנצע זעצע פון זיי. בעזאָנדערס האָט זיך געשראָקען דער נאָטאַריאוס, איהם איז דיא נשמה אוועק אין דיא פּיאַטעס פאַר מורא; ער האָט בעקומען אַן אַנאָנימען בריעף, וואו מען האָט איהם מיטגעטהיילט, אַז ביי איהם אין קעלער האָט מען אריינגעשטעלט אַ פאַס פּולווער, וועלכע וועט איהם אויפרייסען אין לופטען, אויב ער וועט זיך ניט ערקלעהרען פאַר'ן פאָלק.

דיא גרענואַרס, וואָס זיינען געווען ביים נאָטאַריאוס צו בעזוך, האָבען געהאַלטען אין ריידען וועגען דעם אַנאָנימען בריעף און געזעהן אין איהם נור אַ שפּאַס פון אַ ליץ, ווען דיא מאַסע סטרייקער זיינען אָנגעקומען און אָנגעוואָרפען אַ טויטשרעק אויפ'ן הויז. דיא גרענואַרס האָבען געהאַלטען אין איין לאַכען. זיי האָבען אָבגעקאַשערט עטוואָס דעם פאָהרהאַנג, האָבען אַרויסגעקוקט צום דרויסען און ערקלערט אַז קיין בייז וועט דאָ ניט געשעהן. דער זייגער האָט געשלאָגען פינף; זיי האָבען נאָך גראַדע גענוג צייט געהאַט צו וואַרטען ביז דיא גאַס וועט ליידיג ווערען אום איבערצוגיין צו הענעבאָ, וואו זיי האָבען בעשטימט צו זיין צו מיטאָג און וואו סעביל וואַרט שוין געוויס אויף זיי. אין מאָנטסו אָבער האָט קיינער, וויא עס האָט געשיינט, ניט געהאַט אַזעלכע פריילעכע האָפנונגען; דער עולם האָט גענומען לויפען אָהן אַ נשמה איבער דיא גאַסען, טהיר און טויער זיינען פערהאַקט געוואָרען. זיי האָבען געזעהן וויא מעגראַ האָט האַסטיג צוגעהאַקט דיא לאַדענס, וואָס זיינען געווען בעוואָרענט מיט אייזערנע שטאַנגען; ער איז געווען אַזוי בלייך און דיא הענד האָבען איהם אַזוי געציטערט, אַז זיין קליינע און שוואַכע פרוי האָט געמוזט אויפהייבען דיא ישלעסער.

דיא מאַסע איז געבליבען שטיין פאַר דעם דירעקטאָר'ס הויז און עס האָט זיך געלאָזט הערען דער געשריי:

— ברויט! ברויט! ברויט!

הערר הענעבאָ איז געשטאַנען ביים פענסטער, ווען היפּפּאָליט איז אריינגעקומען צושליסען דיא לאַדענס, כדי מען זאָל דיא שויבען ניט אויסשלאָגען. ער האָט אויך פערמאַכט אַלע לאַדען פון אונטערשטען עטאַזש; עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון דיא ריגלען און און דאָס צושליסען פון דיא לאַדענס. דאָס ברייטע פענסטער פון קיך, וואָס האָט זיך געפונען ין דעם אונטערשטען עטאַזש, האָט מען אָבער ניט געקענט צושליסען; און פון גאַס האָט מען געקענט זעהען דאָס העלל ברענענדע פייער, אויף וועלכען עס האָבען זיך געקאָכט און געבראָטען פערשידענע מאכלים.

הערר הענעבאָ, וועלכער האָט געוואָלט זעהען אַליין, וואָס עס קומט פאָר, איז מעכאַניש אַרויפגעגאַנגען אויף'ן צווייטען עטאַזש און אריינגעגאַנגען אין זיין פּלימעניקס צימער, פון וואַנען מען האָט אַם בעסטען געקענט זעהען אַזוי ווייט ביז דיא פאַבריקען פון דער קאָמפּאַניע. הענעבאָ איז געשטאַנען פערבאָרגען אונטער'ן פאָרהאַנג און האָט פון דאָרטען בעטראַכט דיא מענגע. נור דער צימער האָט איהם אויף דאָס ניי עררעגט, כאָטש דער טואַלעט־טיש איז געווען געבראַכט אין אָרדנונג און דאָס בעט אונטער דיא אַראָבגעלאָזטע פאָרהאַנגען האָט אויסגעזעהן גאַנץ אונשולדיג. זיין גרויסער כעס פון נאָכמיטאָג, דיא בייזע קלעפּ וואָס ער האָט אין דער שטילער איינזאַמקייט אריינגעשלאָגען אין בעט האָבען זיך יעצט געענדיגט, און ער האָט זיך דערפיהלט שרעקליך מיעד. ער אַליין איז יעצט געווען וויא דער צימער, אויפגעראַמט, אָבגעקיהלט און אויסגערייניגט פון דעם פריהערדיגען שמוץ און צוריקגעקומען צו זיין שטענדיגער אַנשטענדיגער האַלטונג. וואָס פאַר אַ נוצען וועט ברענגען אַ סקאַנדאַל? האָט זיך ביי איהם דען עפּעס געענדערט? זיין פרוי האָט איינפאַך מיט איין ליעבהאָבער מעהר; דאָס, וואָס דעם ליעבהאָבער

האט זיא אויסגעקליבען אין איהר איינענער פאמיליע, איז עס גאר ניט אזא שלעכטע זאך; עס איז פיליכט אזוי בעסער; דיא שאנדע איז ווייניגסטענס ניט אזוי אפען. ער האט אויף זיך אליין מיט־לייד געקראגען, ווען ער האט זיך דערמאנט אן זיין אונזיננינגען אייפערזוכט. וויא לעכערליך איז גיוועזן צו שלאגען דאס בעט מיט דיא פויסטען! אזוי וויא ער האט יענעם ליעבהאבער געדולדעט, אזוי וועט ער אויך דיזען דולדען. מען וועט איהם עטוואס מעהר פעראכטען: דאס איז אלץ. א שרעקליכע ביטערניס האט איהם פערגיפטעט דאס מויל — דאס געפיהל פון הכל הבל, דער אייביגער שמערץ פון דאזיין, דיא שאנדע פאר זיך אליין, וועיל ער האט נאך אלץ דיא פרויליעב געהאט און האט נאך איהר אלץ גיגלוסט, ניט אכטענדיג אויפ׳ן שמוץ, אין וועלכען ער האט איהר גילאזט פערזינקען.

אונטער דיא פענסטער האט אויסגיבראכען א נייער גישריי:

— ברויט! ברויט! ברויט!

— אייזלען! האט הענעבא געמורמעלט צווישען דיא ציינער.

ער האט גיהערט, וויא זיי האבען איהם אויפגעווארפען זיין פעטקייט, וויא זיי האבען איהם אנגערופען גראב־בייכיגער־טאג־גנב, שמוציגער שוויין, וואס האט זיך מיט גוטע זאכען פערדראבען דעם מאגען, וועהרענד דיא ארבייטער שטארבען פאר הונגער. דיא ווייבער האבען דערזעהן, וואס עס טהוט זיך אין קיך, און עס האט זיך אויסגיבראכען א שטורם פון זידלערייע נעגען דעם גיבראטענעם פאזאן און דיא סאאוסען, דער פעטער גערוך פון וועלכע האט זיי איבערגידרייט דעם מאגען. הא דיא שמוציגע בורזשואי! מען וועט זיי שוין אזוי אנפילען מיט שאמפאניער און טרופעלען, אז דיא גידערים וועלען אין זיי צופלאצט ווערען.

— ברויט! ברויט! ברויט!

— אייזלען! האט וויעדערהאלט הענעבא, בין איך דען גליקליך?

א כעס האט זיך אין איהם אנגעצונדען נעגען דיעזע לייט, וועלכע האבען דאס ניט בעגריפען. ער וואלט זיי אבגעגעבען זיין פעטקייט פאר זייער דיקער הויט, פאר דער לייכטיקייט, מיט וועלכער זיי האבען זיך געפאארט און זיינען זיך זארגלאז פערנאנדערגעגאנגען. פאר וואס האט ער זיי ניט געקענט זעצען ביי זיין טיש און אנפילען זיי מיט זיין פאזאן, וועהרענד ער וועט זיך ערגעץ אין א ווינקעל פערגניגען האבען מיט מיידלאך ניט קוקענדיג, ווער האט זיי געליעבט פאר איהם! ער וואלט אלץ אבגעגעבען: זיין ערציהונג, זיין רייכקייט, זיין לוקסוס, זיין מאכט אלס א דירעקטאר, ווען ער זאל כאטשע איין טאג קענען זיין וויא דער ערגסטער פון דיעזע עלענדע, וואס זיינען געוועזן אונטערטהעניג אונטער איהם: א פרייער בעל הבית איבער זיין לייב, א געניגענדער לומפ צו קענען זיין ווייב צוברעכען דיא ביינער און צו זוכען זיין פערגניגען ביי דיא שכנות. ער האט אויך געווינשט צו ליידען הונגער, צו האבען א ליידיגען בויך, דעם מאגען צוזאמענגעצויגען פון קרעמפפען, וועלכע מאכען היים אין מוח און שווינדלען פאר דיא אויגען: פיעלייכט וואלט דאס פערשלאגען זיין אייביגען שמערץ. אה, אום נור צו קענען לעבען וויא א חיה, גאר ניט צו בעזיצען און מיט דער העסליכסטער און שמוציגסטער ארבייטארין ארומצושלעפען זיך אין דיא קארן און זיך בעפרידיגען!

— ברויט! ברויט! ברויט!

ער האט פערלארען דאס געדולד און האט אויסגעשריען:

— ברויט? אייזלען איינע! איז דען ברויט אלץ?

ער האט געהאט צו עסען און האט דאך געקרעכצט אונטער אייביגע ליידען. זיין צושטערטעס פאמיליען־לעבען, זיין גאנץ פערוויסטעס לעבען: עס האט איהם

אָנגעהויבען צו ווארגזן אין האלז. ווען מען האָט ברויט, האָט מען נאָך ניט אלץ ערריכט. ווער איז דער נאר, וועלכער זוכט דאָס עררישע גליק אין דער צוטהיילונג פון רייכטהום? דיא לייריג־קעפיגע רעוואָלוציאָנערען קענען דיא געזעלשאַפט אומווארפען און אויפבויען א נייע, האָט העננעבא געטראכט, זיי וועלען אָבער קיין נייע פרייד ניט קענען געבען דער מענשהייט און וועלען ניט פערמינדערן איין איינציג שמערץ מיט דעם, וואָס זיי וועלען יעדען פערטהיילען ברויט. יא, זיי וועלען נור דאָס אונגליק מעהר פערשפרייטען אויף דער וועלט, אפילו דיא הינד וועלען אָנהייבען צו בילען, ווייל מען האָט זיי ארויסגעריסען פון דעם רוהיגען צופרידענשטעלען דיא אינסטינקטען און אויפגעהויבען זיי צו הויכקייט פון אונבעפרידיגטע ליידענשאפטען. ניין, דאָס איינציגע גליק איז גאָר ניט צו זיין; אָדער אז מען איז שוין עפעס, איז בעסער צו זיין א בוים, א שטיין, נאָך וויניגער: א זעמדעלע אויף וועלכען דער מענש טרעט מיט דיא פיס.

און אין דיזער פערביטערונג פון זיינע ליידען, זיינען איהם ארויסגיטראָטען טרערען אין דיא אויגען און אראָבגירונען איבער זיינע באקען. דער וועג איז שוין גיווען פערצויגען מיט א דונקעלן שלייער, ווען דיא שטיינער האבען אָנגיהויבען צו פליהען אין דעם פאסאד פון דעם הויז. אָהן צאָרן געגען דיזע הונגעריגע און נאָר בייז פון דער ברענענדיגער וואונד פון זיין הארצען, האָט ער געשטאמעלט מיט טרערען אין דיא אויגען:

— דיזע אייזלען! דיזע אייזלען!

דאָך דער געשריי פון דיא ליידינגע מאָגענס האָט איבערגעשריען אלעס. דער געשריי האָט זיך אויפגעהויבען מיט דער מאכט פון א שטורם, בעהערשענדיג אלעס:

— ברויט! ברויט! ברויט!

ערניכטערט פון קאטערינעס קלעפ האָט עטיען ווייטער מארשירט אן דער שפיצע פון זיינע קאמעראדען. דאָך, ווען ער האָט נעגענע דעם בעפעהל מיט זיין הייזעריגע שטימע צו גיין קיין מאָנטסו, האָט ער ביי זיך אינעווייניג געהערט אַן אנדער שטימע, דיא שטימע פון פערנונפט, וועלכע האָט געפרעגט ערשוינט: צו ליעב וואָס טוט מען דאָס אלץ? צלין, וואָס ער האָט געטאָן, איז ארויס ניט אזוי, וויא ער האָט געהאט בדעה. און וויא אזוי איז דאָס געשעהן, אז ער, וועלכער איז געגאנגען קיין זשאן בארט צו האנדלען איבערלייגט און צו פערהיטען פון אַן אונגליק, האָט דעם גאנצען טאָג מיטגעהאָלפען אין אלע גוואַלדטהאטען און יעצט וועט ער דעם טאָג פערענדיגען מיט'ן אָנפאלען אויף'ן דירעקטאָר'ס הויז?

און דאָך האָט ער זיי געוואָלט איינהאלטען! אָנפאנגס האָט ער געהאט אין זינען צו פערהיטען דיא פאבריקען פון דער קאָמפאניע, וועלכע דיא קאמעראדען האָבען געוואָלט צושטערען. און יעצט, ווען דיא ערשטע שטיינער האבען אָנגעהויבען פליהען אין הויז אריין, האָט ער נאָכגעזוכט אויף וואָס אָבצופיהרען דעם כעס פון דער מאססע, אום צו פערהיטען פון א גרעסערן אונגליק. נור ער האָט גאָר ניט געקענט מאכען. און וויא ער איז געשטאנען אליין און מאכטלאָז אין מיטען דער גאס, האָט ער פלוצים דערהערט, וויא יעמאנד רופט איהם, א מאן וואָס איז געשטאנען אויפ'ן שוועל פון טיכאָנס שיינק, פון וועלכען דיא בעל הבית'טע האָט זיך געאיילט צו פערהאקען דיא לאָדענס און האָט נור דיא טהיר געלאָזט אָפען.

— יא, איך בין דאָס, הערר!

דאָס איז געוועזען ראסענעיר. א דרייסיג ווייבער און מענער, כמעט אלע פון דעם דאָרף „צוויי הונדערט און פיערציג", וועלכע זיינען אין דער פריה פערבליבען אין דער היים און זיינען יעצט געקומען נאָך נאָכמיטאג צו קריגען פרישע נייעס, האָבען ביים ארייינקומען פון דיא סטרייקער אין מאָנטסו אָנגעפילט דעם שיינק. זאַשאַרי

אין נעזעסען מיט פהילאָמען ביי א טישעל, ווייטער איז געזעסען פיראָן מיט זיין פרוי, מיט'ן רוקען צו דער טהיר, כדי צו פערבאָרגען זייער נעזיכטער. קיינער האָט דאָ נעטרונקען; מען האָט דאָ נור אויסגעזוכט אַן אָרט צום זיצען.

עטיען האָט דערקענט ראַסענעיר'ן און האָט זיך אָבגעקעהרט, אלס דער לעצטער האָט צו איהם געזאָגט:

— ניט אמת, דיר איז ניט אנגענעהם צו זעהן מיר? איך האָב דיר געוואָרנט. יעצט פאנגען זיך אָן די צרות. איהר קענט יעצט פערלאַנגען ברויט. מען וועט אייך געבען בליי.

עטיען האָט זיך אָבגעקעהרט און געזאָגט:

— איך קען ניט ליידען די פיינלינגע, וואָס זיצען מיט צוזאַמענגעלייגטע הענד און קוקען צו, וויא מיר שטעלען איין אונזער לעבען.

— ווילסטו דען דאָ אויך מאכען אַ פּאָגראָם? האָט ראַסענעיר געפרעגט.

— איך וועל בלייבען מיט מיינע קאַמעראַדען ביז צו דער ענדע און וועל—אויב אזוי איז בעשערט—מיט זיי גיין צו גרונד.

עטיען האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער מענגע אין פערצווייפעלטער שטימונג און איז געווען גרייט צו שטארבען מיט איהר צוזאַמען. אויף דער גאַס האָט ער דערזעהן דריי קינדער ווארפען שטיינער; ער האָט זיי א שטארקען זעץ געטאָן מיט'ן פוס און געזאָגט, אום אין איין גאַנג זאָל דאָס דיענען א וואָרענונג פאַר די קאַמעראַדען, אז קיין זאַך וועט ניט ארויסקומען פון ברעכען די שויבען.

באַבער און לידיע, וואָס האָבען זיך געפונען אין זשאַנלין'ס געזעלשאַפט, האָבען זיך פון איהם אויסגעלערענט צו ווארפען מיט שטיינער. זיי האָבען געשליידערט מיט שטיינער און געהאַלטען אַ וועט, וועמעס שטיין וועט מאכען מעהר שאַדען. לידיע האָט געמאכט אַן אומגליקליכען וואָרף און דער שטיין איז אריינגעפאַלען צווישען דער מענגע און געשפּאַלטען א פרוי'ס ציממער דעם קאָפּ, און ביידע אינגלעך האָבען זיך געהאַלטען אין די זייטען פון לאַכען. באַנמאַר און מוק זיינען געזעסען אויף א באַנק און זיך צוגעקוקט צו זיי. באַנמאַר'ס געשוואָלענע פיס האָבען איהם מיט גרויס שוועריגקייט געבראַכט צו שלעפּען אהער; עס איז שווער געווען צו דערגיין, וואָס פאַר א מין נייגירדע האָט איהם געבראַכט אהער, דען ער האָט ווידער געהאַט זיין ערד קאָלאָר'דיגע נעזיכט וויא אין יענע טעג, ווען מען האָט פון איהם ניט געקענט ארויסציהען א וואָרט.

עטיענען האָט מעהר קיינער ניט געפאָלגט. טראָץ זיינע בעפעהלע, האָט מען געהאָנעלט מיט שטיינער, און ער איז געשטאַנען ערשטוינט און ערשראָקען ביים אַנבליק פון די ווילדע חיות, וועלכע ער האָט אראָבגעלאָזט פון קייט; עס איז געווען זעהר שווער צו ברייגען זיי אין בעוועגונג, נור אזוי גיך וויא מען האָט זיי שוין געבראַכט אין בעוועגונג, זיינען זיי געוועזען שרעקליך אין זייער כעס. דאָס איז געווען דאָס אַלטע פלעמישע בלוט, דיק און רוהיג, עס האָט געדאַרפט דויערן מאָנאַטען לאַנג אום צו ערוואַרעמען זיך, נור ווען עס איז שוין איין מאָל וואַרעם געוואָרן, האָט זיך עס פאַר קיין זאַך ניט געוואָלט אָבשטעלען, עס האָט קיין זאַך געוואָלט הערען ביז די חיה איז שכור געוואָרן פון איהר אייגענע גרויזאַמקייט. אין זיין זידליכער היימאַט איז די מענגע גיכער אויפגעפלאַמט געוואָרן, אָבער ראַשער זיך אויסגעלאָשען. ער האָט זיך געמוזט באָרען מיט לעוואַק אום אויסצורייסען ביי איהם די האַק; ער האָט ניט געוואוסט, וויא אָבצוהאַלטען די מאַהיים, וועלכע האָבען מיט ביידע הענד געוואָרפען שטיינער. בעזונדערס האָבען איהם געשראָקען די ווייבער, די לעוואַק, די מוקעט און די אַנדערע, וועלכע זיינען געווען אָנגעפילט מיט א מערדערישען צאָרן, האָבען געסקריטשעט מיט די ציינער

און אויסגעשטעלט זייערע נעגעל פון די פינגער, און אויפגעהויבען דאבײ א וואהרען בילען פון הינד. זיי זיינען געווען אונטער דער קאמאנדע פון די אלטע אריכע, וועלכע האט מיט איהר הויכער און מאגערער געשטאלט זיי אלעמען בעהערשט.

נור פלוצים איז געוואָרען שטיל; א קורצע איבערראשונג האט געמאכט אויף איין אויגענבליק רוה, וועלכע עטיען האט מיט זיין גאנצען בעטען ניט געקענט אויספיהרען. עס איז געווען גאנץ איינפאך: די גרעגוארס, וועלכע האבען זיך בעשלאָסען צו נעהמען אבשייד פון דעם נאָטאריוס און אריבערגיין צום דירעקטאָר געגענאיבער, האבען געשיינט אזוי רוהיג און האבען אויסגעזעהען אזוי, וויא זיי וואלטען געגלויבט, אז דער גאנצער בעפאל איז נור א שפאס פון זייערע בראווע קוילענגרעבער, וועלכע האבען שוין העכער א יאהרהונדערט געגעהרט זיי. דאס האט אוי ערשטווינט די סטרייקער, אז זיי זיינען געבליבען שטיין שטיל און אויפגעהערט צו ווארפען שטיינע, אום ניט צו טרעפען די גראווע אלטע לייט, וואס זיינען אזוי פלוצים ערשיענען אין גאס. זיי האבען זיי געגעבען צייט אריינצוגיין אין גארטען, ארויפשטייגען אויפ׳ן באלקאן און אנצוקלינגען אין דער פערשפארטער טהיר, וועלכע האט זיך ניט אזוי גיך געעפענט. די קאמער־פריילין ראזע איז ערשט א היים געקומען און געלאכט די בייזע ארבייטער אין געזיכט, פון וועלכע זיא האט פיעל געקענט, ווייל זיא איז געווען א געבוירענע פון מאנטסו. זיא האט אנגעהויבען צו קלאפען אין טהיר מיט די פויסטען ביז היפפאליט איז געקומען און געעפענט איהר אין העלפט. עס איז שוין טאקע געווען צייט. די טהיר האט זיך קוים פערמאכט הינטער די גרעגוארס, אלס דער שטיין־האגעל האט זיך אנגעפאנגען פון דאס ניי. די מענגע איז צו זיך געקומען פון איהר ערשטוינען און האט גענומען שרייען נאך שטארקער וויא פריהער:

— טויט דער בורזשוא! עס לעבען די סאציאליסטען!

ראזע האט דאס אלעס געשיינט שפאס צו מאכען; זיא האט ניט אויפגעהערט צו לאכען און געזאגט צו דעם ערשראקענעם קאמערדיענער:

— זיי זיינען ניט אזוי שלעכט; איך קען זיי.

הערר גרעגואר האט מיט זיין געוואהנטער פארזיכטיגקייט אויפגעהאנגען זיין הוט אויפ׳ן הייגער; און העלפענדיג זיין פרוי אויסטאן דעם מאנטעל, האט ער געזאגט:

— געוויס, אין גרונד זיינען זיי ניט שלעכט; ווען זיי וועלען זיך גענוג אנשרייען, וועלען זיי מיט א בעסערען אפעטיט עסען סאפער.

אין דיזען אויגענבליק איז הערר הענעבאָ ארונטערגעקומען פון דעם צווייטען עטאַק. ער האט גיזעהען די גאנצע סצענע און איז ארונטערגיגאנגען צו עמפפאנגען די געסט. פון די אלע ליידען, וואס האבען איהם געפייניגט דעם גאנצען טאג, איז ער פערבליבען א בלאסקייט אויף זיין געזיכט. דער מאן אין איהם איז געווען געפייניגט; עס איז מעהר ניט געבליבען דער אנשטענדיגער בעאמטער, וועלכער איז געווען ענטשלאסען צו ערפילען זיין פפליכט.

— די דאמען זיינען נאך ניט געקומען, האט ער גיזאגט צו זיינע געסט.

צום ערשטען מאל זיינען די גרעגוארס געוואָרען אונרוהיג. סעסיל איז נאך ניט געקומען צוריק! וויא וועט זיא א היים קומען, אויב דער שפאס פון די ארבייטער וועט נאך לאנג דויערן?

— איך האב גידיינקט די הויז אבצורייניגען, האט גיזאגט הערר הענעבאָ. צום אונגליק בין איך אליין אין דער היים און וויים ניט, וואוהין איך זאל שיקען מיין דינער ער זאל מיר ברייגגען סאלדאטען, וועלכע זאלען פון דאנען די מאססע פערטריבען.

ראָזע האָט אויף דאָס זיך ווואָגט אריינצושטעלען איהר בעמערקונג:

— אה, גנעדיגער הערר, זיי זיינען גאָר ניט אזוי שלעכט.

דער דירעקטאָר האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און דרויסען איז דער טהומעל אַלץ געוואַקסען — מען האָט געהערט די טיבע קלעפּ פון די שטיינער און די מויערנע וואַנד פון הויז.

— איך בין אויף דיא לייטע גאָר ניט אין כעס, איך ענטשולדיגע זיי זאָגאַר; מען דאַרף זיין אזוי נאַרעש וויא זיי אום צו גלויבען, אז מיר ווילען זיי אונגליקליך מאַכען, נור איך בין פעראַנטוואָרטליך פאַר דיא רוהע... עס איז מערקווירדיג, מען זאָגט מיר, אז אויף דיא וועגען זיינען פאַראַן זשאַנדאַרמען און קיין איינציגען פון זיי קען איך ניט קריגען פון אין דער פריה.

ער האָט אַליין איבערגעריסען זיינע ווערטער און איז צוגעגאַנגען צו מאַדאַם גרעגואַר און געזאָגט:

— איך בעט אייך, מאַדאַם, שטייט דאָ ניט לייגער, גייט אריין אין זאַל.

נור דיא קעכין, וואָס איז בעצווייפעלט ארויפגעקומען פון קיך, האָט איהם אָבגעהאַלטען איניגע מינוט. זיא האָט ערקלערט, אז זיא קען אויף זיך ניט נעהמען דיא פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם היינטיגען מיטאָג, ווייל דער בעקער האָט ניט געבראַכט דיא נייטהיגע געבעקס, מסתמא אויס שרעק פאַר דיא סטרייקער. זיא האָט זיך פאַרגעשטעלט, אז זיי זיינען איהם בעפאַלען אויף'ן וועג און אַוועקגעראַבעוועט דיא בעשטעלטע קוכענס אום אָנצופילען זייערע ליידיגע מאָגענס. אַלענפאַלס וואָלט זיא בעסער דעם מיטאָג אריינגעשמיסען אין אויווען איידער דערלאָזע, אז דיא רעוואָלוציאָן זאָל איהם פערדאַרבען.

— האָט א ביסעל געדולד, האָט געזאָגט העננעבאָ. דערוויילע איז נאָך גאָר ניט פערלאָרען, דער בעקער קען נאָך קומען.

צוריקקעהרענדיג זיך צו מאַדאַם גרעגואַר, אום צו העלפען איהר עפענען דיא טהיר פון זאַל, איז ער געוואָרען איבערראַשט צו זעהען אויף א שטוהל אין קאָרידאָר א מענשען, וועלכען ער האָט ביז יעצט אין דער וואַקסענדער דונקעלהייט ניט בעמערקט.

— דאָס זייט איהר, מעגראַ! וואָס טהוט איהר דאָ?

מעגראַ האָט זיך אויפגעהויבען, און זיין דיקע, בלייכע און צושראָקענע געזיכט האָט זיך ארויסגעוויזען. ער האָט יעצט מעהר ניט געהאַט דעם אויסזעהן פון א רוהיגען, דיקען מענשען; ער האָט ערקלערט אין אן אונטערטהעניגען אופן, אז ער איז געקומען צום הערן דירעקטאָר צו בעטען ביי איהם שוטץ און הילפע, אויב דיא רויבער וועלען בעפאַלען זיין קראָם.

— איהר זעהט דאָך, אז איך אַליין בין אויך ניט זיכער און איך האָב דאָ קיינעם, האָט העננעבאָ געזאָגט. איהר וואָלט בעסער געטהאָן, ווען איהר וואָלט פערבלייבען צוהויזע און היטען אייערע סחורה.

— אָה, איך האָב דיא קראָם פערשפּאַרט מיט אייזערנע שטאַנגען און האָב צו הויזע איבערגעלאָזט מיין פרוי.

דער דירעקטאָר האָט פערלאָרען זיין געדולד און האָט ניט בעהאַלטען זיין פעראַכטונג. א שיינע וואַך איז דיא אָבגעשוואַכטע און פון שלאָגען אויסגעמאָגערטע פרוי!

— איך קען אייך גאָר ניט העלפען; טהוט אייך, וואָס איהר קענט. איך ראַטה אייך צו גיין גלייך א היים, ווייל דיא קערלס פאָדערען שוין ווידער ברויט. איהר הערט?

אין דרויסען האָט זיך דער טומעל ווידער אָנגעהויבען און מעגראַ האָט זיך געדוכט, אז ער הערט וויא מען שרייט אויס זיין נאָמען. אומקעהרען זיך צוריק אהיים האָט ער גערעכענט פאַר אונמעגליך; זיי וועלען איהם צוריסען אין שטיקער. פון דער צווייטער זייט האָט איהם געפלאָגט דער געדאַנק וועגען דעם חורבן, וואָס מען קען

איהם מאכען צו הויזע. ער האט איינגעפרעסט זיין געזיכט אין דיא שויב פון דער טיהר, און דער שווייס איז איהם ארויסגעטראטען אויפ'ן לייב, און ער האט געציטערט מיט אלע גלידער, טראכטענדיג וועגען אונגליק, וועהרענד דיא נרעגווארס האבען זיך ענטשלאסען אריינצוגיין אין זאל.

הענעבא האט זיך געמאטערט צו האלטען רוהיג און געזעהען צו ערפילען זיינע פפליכטען אלס ווירטה. ער אליין האט געבעטען דיא געסט צו נעהמען פלאץ. דאס פערשפארטע, פערהאמערטע צימער, וואו עס האבען געברענט צווייא לאמפען, זאנאר עס איז נאך ניט געווען גוט פינסטער, איז פול געווארען מיט שרעק ביי יעדען נייען געשריי, וואס האט אהער דערגרייכט פון גאס. דער שרעקליכער געשריי פון דער מענגע איז געוואקסען א ביסעל פערטויבט דורך דיא פארהאנגען און קארפעטס, אבער דאס האט געמאכט נאך מעהר אונרוהיג, וויא אין אונבעשטימטע, פורכטבארע דראהונג, און דאך האט מען זיך געמאטערט צו פירציהען א געשפרעך, אין וועלכען מען פלעגט אלץ ארויסקומען צום אונבעגרייפליכען אויפשטאנד. הערר הענעבא איז געווען ערשטוינט, וואס ער האט דאס פאראויס ניט ארויסגעזעהן. דיא פאליציי האט ניט געטוינט, אם מייסטען איז ער געווען בייז אויף ראססיניאר, וועמען ער האט געהאלטען פאר שולדיג דורך זיין שלעכטען איינפלוס, נור וואהרשיינליך וועלען דיא זשאנדארמען אנקומען; עס איז אונמעגליך, אז זיי זאלען איהם אזוי פערלאזען. דיא גרעגווארס האבען געהאט נור איין זארג, דאס איז געווען וועגען זייער טאכטער; דאס ליעבע קינד איז געווען אזוי שרעקעדיג; פילייכט האט זיך דיא קארעטע אומגעקעהרט צוריק נאך מארשיען, ווען זיי האבען דערזעהן דיא מענגע? נאך א פיערטעל שטונדע איז אריבערגעגאנגען אין ווארטען, און וואס ווייטער, איז געוואקסען אונערטרעגליכער דורך דעם געשריי פון דער גאס, דורך דיא קלעפ פון שטיינער אין דיא לאדענס, וואס האט געקלונגען וויא דאס פויקען פון א באראבאן. זיי האבען מעהר ניט געקענט אויסהאלטען; הערר הענעבא האט געזאגט, אז ער וועט ארויסגיין צו פערטרייבען דיא גרויסע מיילער און גיין אנטקעגען דער קארעטע. אין דער מינוט איז היפפאליט אריינגעלאפען, שרייענדיג:

— גנעדיגער הערר! גנעדיגער הערר! מען מארדעט דיא גנעדיגע פרוי!

דיא קארעטע האט ניט געקענט דורכפאהרען דורך דעם קליינעם געסיל רעקיאר צוליעב דיא סטרייקער. נעגרעל האט זיך פעסט געהאלטען ביי זיין געדאנקען: דורכגיין דיא הונדערט מעטער, וואס האבען זיי געשיידעט פון דעם הויז צו פוס און אנקלאפען אין קליינעם טהירל, וואס האט געפיהרט אין גארטען. דער גערטנער אדער עמיצער אנדערש וועט זיי דערהערען און וועט זיי עפענען. אנפאנגס איז דיא זאך געגאנגען גאנץ גוט; מאדאם הענעבא און דיא פרייליינס האבען שוין געקלאפט אין טהירל, ווען א פאר ווייבער האבען זיך דערפון דערוואוסט און א וואורף געטאן זיך אין געסיל. און דאמאלסט האט אנגעהויבען צו גיין שלעכט. דאס טהירל האט זיך ניט געעפענט, און נעגרעל האט זיך אומזיסט געמאטערט אויסצוברעכען עס מיט זיין אקסעל. דיא מחנה ווייבער איז אלץ גרעסער געווארען, און ער האט אנגעהויבען מורא צו האבען, אז מען זאל זיי דא ניט צוטרעטען, און אין פערצווייפלונג האט ער זיך ענטשלאסען פור צו יהרען דיא דאמען דורך דעם הויפט־איינגאנג. און אום צו ערדייכען דיא טרעפ, האט ער געמוזט פירטיגיין דורך דיא גאנצע מחנה בעלאגערער. נור ווען זיי זיינען געקומען אין גודרענגעניס, האבען זיי זיך שוין מעהר ניט געקענט ארויסרייסען. פון אלע זייטען האבען זיך צו זיי א שאט געטהאן דיא סטרייקער אליין נאך ניט בעגרייפענדיג, וואס דא טהוט זיך, און ערשטוינט נור צו זעהן דאמען אין מיטעלטען צווישען זיי. אין דיעזען אויגענבליק איז זייער צומישונג געווען אזוי גרויס,

אז עס איז געשעהן איינע פון יענע צופאלען, וואס בלייבען אייביג אונערקלעהרליך. לוסי און זשאנע האבען דערגרייכט ביז צו דיא טרעפ און אריינגעשטופט זיך אין דער טהיר וואס דיא קאמער־פרייליין האט געהאלטען האלב אפען. אויך מאדאם הענעבא איז נעלונגען זיי נאכצוגיין; הינטער זיי איז ענדליך אויך אריין נעגרעל און בעמאכט דעם ריגעל הינטער זיך, איבערציינגט אז סעסיל איז פריהער אריין. נור זיא איז דא ניט געווען. זיא איז אונטערוועגס פערשוואונדען געווארען, אנגעכאפט פון אזא שרעק, אז אנשטאט נאכצוגיין זיי, איז זיא אריין צווישען דיא סטרייקער.

באלד האט זיך אנגעפאנגען דאס געשריי:

— עס לעבע דיא סאציאלע רעוואלוציאן! טוידט דיא בורזשוא!

אזוי וויא זיא האט געטראגען א וואואל, האבען איהר איינינע, וואס זיינען געשטאנען פון דערווייטענס, אנגענומען פאר מאדאם הענעבא. אנדערע האבען איהר אנגענומען פאר א פריינדין פון דער דירעקטארין, פאר דיא יונגע וייב פון א געוויסען אבריקאנט, וועלכען דיא ארבייטער האבען שטארק פיינד געהאט. איבריגענס האט דאס קיין אונטערשייד ניט געמאכט; איהר זיידענע קלייד, איהר פוטער, איהר הוט מיט פעדערן האבען ערביטערט דיא מעננע. זיא האט געשמעקט מיט פערפיומע, זיא האט געטראגען א זייגער און געהאט דיא גלאטע הויט פון א ליידיג־גייהערין, וואס האט זיך קיין מאל ניט אנגעריהרט אן קוילען.

— ווארט! האט אויסגעשריען דיא אלטע ברילע. מיר וועלען דיר בעפיינען מיט שפיצען ארום האלז!

— דיזע חצוף'עס גנב'ענען דאס אלץ ביי אונז! האט געזאגט דיא לעוואק. זיי טולען זיך אין פוטערס, ווענדענד מיר פריהרען.... קאמיר זיא אויסטאן, זאל זיא אויך וויכען, וואס דאס לעבען איז!

דיא מוקעט איז צוגעלאפען.

— יא, יא, מען מוז איהר שמייסען!

און אין זייער ווילדען כעס האבען זיך דיא ווייבער געשטופט צו איהר, האבען איהר געוויזען זייערע שמאטעס און געוואלט ארונטערייסען א שטיקעל פאר זיך פון דיא רייכע לייט. איהר אונטער־טהייל איז געווים ניט שעהנער פון אנדערע ווייבער'ס, האט זיך געהערט פון צווישען דער מעננע. צווישען זיי געפינען זיך פיעלע, וואס אונטערן טהייערען פוץ זיינען זיי כמעט אין גאנצען פערפוילט. דאס אונרעכט האט שוין געדויערט לאנג גענוג. מען וועט זיי צווינגען אזוי צו קליידען זיך, וויא דיא ארבייטערינען — דיא אייגענע בלאסענע וואס האבען געוואגט צו צאהלען 50 סו פאר וועש פון איין אונטער־קליידעל!

ארומגערינגעלט פון דיזע שרעקליכע פרויען, האט דיא ארימע סעסיל געציטערט; איהרע פיס האבען זיך אזוי אונטערגעהאקט, און זיא האט געשטאמעלט איין מאל נאך'ן צווייטען:

— ליעבע דאמען, איך בעט אייך, טהוט מיר ניט קיין שלעכטס!

פלוצים האט זיך ביי איהר ארויסגעריסען א שרעקליכער געשריי: קאלטע הענד האבען איהר ארומגיכאפט ביי דעם האלז. דא איז געוועזן דער אלטער באנמאר, צו וועלכען מען האט איהר אין געדרענגניש צוגעשטופט און וועלכער האט איהר אנגיכאפט ביים האלז. ער האט אויסגעזעהן וויא פערשכורט פון הונגער, פערדומט פון זיין לאנגען עלענד און פלוצים ארויסגעריסען פון זיין לאנגער אונטער־ווארפענהייט, און וועלכער ער איז געוועזן פערזונקען העכער וויא א האלבען יאהר־הונדערט. עס איז שווער צו בעשטימען, וואס פאר א לוסט אבצורעכענען זיך האט איהם אנגעכאפט. נאכדעם וויא ער האט אין זיין לעבען מעהר וויא א טוץ קאמעראדען אבגעראטעוועט פון טוידט און האט דאביי ריזיקירט זיינע אייגענע ביינער אין דיא עקספלאזיאנען און

ערדאיינפאלונגען, האט ער זיך יעצט געלאזט פיהרען פון אן אונבעקאנטען אינס־טינקט, וועלכער האט איהם וויא מיט א צויבער צוגעצויגען צום ווייסען האלז פון דעם מיידעל. און אזוי וויא היינט איז געווען איינער פון יענע טעג, ווען ער האט ניט גע־דערט, האט ער נור צוזאמענגעפרעסט זיינע פינגער מיט דער רוהיגער מינע פון א קראנקער חיה, ביי וועלכער עס האט אויפגעקלעבט עפעס אן ערהייטערונג.

— ניין ניין! האבען געהילכט דיא ווייבער; ארויס מיט'ן הינטערטהייל! ארויס מיט'ן הינטערטהייל!

ווען ביים דירעקטאר אין הויז האט מען זיך דערוואוסט, וואס עס קומט פאר אין דרויסען, זיינען הערר העננעבא און נעגרעל ארויסגעלאפען כוטהיג פון הויז, אום צו קומען סעסיל צו היליף. נור דיא מעננע האט זיך אזוי געשפארט צום טהירל פון גארטען, אז עס געווען אונמעגליך דורך־צושטופען זיך. עס האט זיך אנגעהויבען א קאמפף, און דיא גרעגוארים האבען זיך בעוויזען צושראקענע אויף דיא טרעפ.

— לאזט איהר אב, אלטער! דאס איז דאך דיא מיידעל פון פיאלען, האט מאהיד געזאגט צום זיידען, דערי ענענדיג סעסיל, פון וועלכער איינער פון דיא ווייבער האט ארונטערגעריסען דעם וואאל.

עטיען איז געווען אין כעס, וואס דיא ראכע האט מען אויסגעלאזט צו א קינד און האט אנגעווענדעט אלע זיינע כחות אבצוראטעווען דעם אפפער. ער איז געפאלען אויף א פלאן: פאכענדיג מיט דער האק, וואס ער האט ארויסגעריסען ביי לעוואק פון דיא הענד, האט ער געשריען:

— קומט צו מיגרא! דארטען איז דא ברויט! לאמיר צורייסען מיגרא'ס קלייט!

און מיט אלע כחות האט ער גענומען האקען אין דער טהיר פון קלייט. איינינע קאמעראדען זיינען איהם נאכגעגאנגען: לעוואק, מאהיי און נאך אנדערע. נור דיא ווייבער האבען ניט אבגעלאזט; פון באנמאר'ס הענד איז סעסיל ווידער אויי גע־פאלען אין דיא ווינד צו דיא ברילע. געפיהרט פון זשאנלען, זיינען לידיע און בעבער אויף אלע פיער ארונטערגעקראכען אונטער סעסיל'ס קליידער, אום צו זעהן דעם הינטערן פון דיזער דאמע. זיי האבען אזוי שטארק געשלעפט איהר פאר דיא קליידער אז זיי האבען זיי שיער ארונטערגעריסען, נור פלוצלונג האט זיך בעוויזען א רייטער און שטארק געטריבען זיין פערד און געשלאגען מיט'ן בייטש דיא יעניגע, וואס זיינען ניט גיך גענוג אבגעשפרונגען פון וועג.

— הא, איהר פערפלוכטע הינד! איהר ווילט נאך אונזערע טעכטער שמייסען!

דאס איז געווען קאפיטען דענוילאן, וואס איז געקומען צום דינער. ער איז ראש ארונטערגעשפרונגען פון פערד, האט ארומגעכאפט סעסיל ביי דער טאליע און האט אזוי געשיקט געפיהרט דאס פערד, אז ער האט איהם גע־דיענט, וויא א לעבעדיגע וואנד; אזוי האט ער דורכגעשניטען דיא מעננע, וועלכע איז מיט מורא אבגעטראטען פאר דיא קאפיטעס פון פערד. נעבען טהירל פון גארטען האט נאך דער קאמפף אלץ אנגעהאלטען, נור ער האט זיך דורכגעשטופט, דערביי האבען א פאאר געכאפט גוטע קלעפ. דיזע אונגעהאפטע אונטערשטיצונג האט בעפרייט העננעבא און נעגרעל פון א גרויסער געפאהר. וועהרענד נעגרעל האט געטראגען דיא אונמאכטיגע סעסיל אין הויז, האט דענוילען, וועלכער האט מיט זיין גרויסען קערפער אין גאנצען פערשטעלט דעם דירעקטאר, געקראגען, שטייענדיג שוין אויף דיא טרעפ, מיט א זא שטיין אין פלייצע, אז עס האט איהם שיער ניט אבגעריסען דעם אקסעל.

— גאנץ רעכט, האט ער געשריען; צוברעכט מיר דיא ביינער, נאכדעם וויא איהר האט מיינע מאשינען צובראכען!

ער האט געשווינד פערהאקט דיא טהיר. א האגעל פון שטיינער האט זיך גיטר מען שיטען אויף איהר.

— וואָס פאר משוגע'נע מענשען! האָט ער אויסגערופען. נאָך צוויי מינוטען האָבען זיי מיר געקענט צושפּאַלטען דעם מוח וויא א ליידיגען ארבוז. דיא לומפּען זיינען טויב צו יעדען פערנונפטיגען וואָרט; עס בלייבט נאָר ניט איבער צו טאָן וויא צו צוטרעטען זיי.

און זאָל האָבען דיא גרעגוארס געוויינט, זעהענדיג וויא כעציל איז געקומען ווידער צו זיך. עס איז איהר קיין בייז ניט געשעהן. זיא האָט אפילו ניט געהאַט קיין שרעק, נור דער וואָאל איז ביי איהר פערלאָרען געגאַנגען. נור זייער שרעק איז געוואָרען גרעסער, ווען זיי האָבען דערזעהען זייער קעכען מעלאַניע, וועלכע האָט זיי דערציילט, וואָס איז פאָרגעקומען ביי זיי אין דער היים. זיא איז אהער געקומען צו לויפען כמעט וויא משוגע פאר שרעק. דער איינציגער שטיין, מיט וועלכען זשאַנלען האָט צובראָכען א פענסטער, האָט איהר אויסגעוויזען וויא א קאַנאָן, וואָס האָט צובראָכען דעם גאַנצען מויערנעם הויז. דיא פאָרשטעלונגען פון הערר גרעגואר זיינען צושמעטערט געוואָרען; מען האָט געוואָרגען זיין טאָכטער, געשענדעט זיין הויז; איז דאָס טאַקע אמת, אז דיא קוילען-גרעבער זיינען אויף איהם אין כעס, וואָס ער אן ערענטליכער מענש, לעבט פון זייער ארבייט.

דיא קאַמערדינערין, וועלכע האָט אריינגעטראָגען א האַנדטוך איינגעטונקט אין קעלניש וואסער, האָט ניט אויפגעהערט צו טענה'ן.

— עס איז לעבערליך, דיא מענשען זיינען ניט שלעכט.

מאדאם הענעבאָ איז געזעסען זעהר בלייך און האָט ניט געקענט קומען צו זיך פון שרעק; א שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהרע ליפּען נור דאמאָלס, ווען מען האָט בעדאנקט נעגרעל. אם מייסטען האָבען סעסיל'ס עלטערן געדאַנקט דעם יונגען מאַן, זיין חתונה מיט סעסיל איז יעצט געווען אָן אָבגעמאַכטע זאַך. הערר הענעבאָ האָט דאָס אלץ שטילערהייד בעאָבאַכטעט; זיינע אויגען האָבען געוואַנדערט פון זיין פרוי צו איהר ליבהאָבער, וועלכען ער האָט נאָך אין דער פריה געשוואָרען צו טוידטען, און דאן צום מיידעל, וועלכע וועט איהם באלד פון איהם בעפרייען. ער האָט זיך ניט געאיילט; איין איינציגע זאָרג איז איהם געבליבען, דאָס זיין פרוי וועט פיליכט ארונטערזינקען ביז צו א לאקיי.

— און איהר, מיינע ליעבע קינדער? האָט זיך דענווילען געווענדעט צו זיינע טעכטער; האָט מען אייך נאָר ניט געטשעפּעט?

לוסי און זשאַנע זיינען אויסגעשטאַנען גרויסע שרעק, נור זיי זיינען געווען גאַנץ צופרידען וואָס זיי האָבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהן דעם גאַנצען שוישפּיעל און האָבען געלאַכט מיט פערגניגען.

— צום טייוועל! האָט דענוילען פאָרגעזעצט; דאָס איז א שיינער טאָג!.... ווען איהר ווילט האָבען נדן, מוזט איהר איהם אליין פערדיענען און ריכט זיך, אז איהר וועט מיר אויך דארפען ערנעהרען.

אזוי האָט ער געשפּאַסט; נור זיין שטיממע האָט דערביי געציטער־ט. און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעפיללט מיט טרערען, ווען זיינע טעכטער האָבען זיך אריינגעוואָרפען אין זיינע אָרעמס.

הערר הענעבאָ האָט זיך צוגעהערט וויא דענוילען האָט דערציילט פון זיין חורבן, און א פלוצליכער געדאַנק האָט געמאַכט זיין געזיכט פריילּיכער. יעצט וועט וואַנדאם געווים איבערגיין צו דער קאָמפּאַני; דאָס איז געווען דיא בלאָהנונג, אויף וועלכער ער האָט געהאָפט. דאָס וועט איהם ווידער שטעלען אין א בעסערע ליכט אין דיא אויגען פון דער קאָמפּאַני. ביי יעדען אונגליק אין זיין לעבען, פלעגט ער זיך אלץ מעהר סטארען וואָס פּינקטליכער צו ערפילען דעם וואונש פון דער קאָמפּאַניע; אין זיין דיענסט האָט ער געזוכט א טרייסט צו דיא צרות, וואָס ער האָט באַגעגענט אין לעבען.

דיא געזעלשאפט איז ביסלעכווייז רוהיג געווארען; א מאטער פרידען האט געהערשט אין זאל, בעלויכטען פון צוויי לאמפען און פערבארגען צווישען דיא דיקע קארפעטס און פארהאנגען, וואס האבען ניט דערלאזט אריינקומען דעם גערויש פון דרויסען. וואס איז דען געשעהן אין דרויסען? דיא שרייער האבען געשוויגען; דיא שטיינער האבען אויפגעהערט צו האגלען אויף דיא וועגד פון הויז. עס האבען זיך נור געהערט שטארקע דומפפע קלעפ, ווי מען הערט אפט אין א וואלד. זיי האבען געוואלט וויסען, וואס דאס בעדייט און האבען זיך צוריק אומגעקעהרט אין קארידאר אום א קוק צו טאן צום דרויסען דורך דיא גלעזערנע פענסטער פון טיר. אפילו דיא פרויען זיינען ארויפגעגאנגען אויפ'ן ערשטען שטאק, אום א קוק צו טאן אויף דער גאס פון דיא פערהאקטע פענסטער־לאדענס.

— זעהט איהר דארטען דעם לומפ ראסענעיר שטיין אויפ'ן שוועל פון זיין שיינק? האט געזאגט הענעבא צו דענוילען. איך האב געוואוסט, אז ער האט אין דעם א האנד.

נור דאס איז ניט געווען ראסענעיר, זאנדערן עטיען, וועלכער האט מיט דער האק אויסגעשלאגען דיא טהיר פון מעגרא'ס קלייט. ער האט צוזאמענגערופען דיא קאמעראדען. האט דען דיא סחורה אין קלייט ניט געהערט צו דיא קוילענגרעבער? האבען זיי דען ניט געהאט א רעכט צוריק צונעהמען זייער גוטס פון דיזען גנב, וועלכער האט זיי עקספלאאטירט אזא לאנגע צייט און געלאזט זיי הונגערן אויף דעם בעפעהל פון דער קאמפאניע? ביסלעכווייז האבען דיא סטרייקער פערלאזט דעם פלאץ ארום דעם דירעקטאר'ס הויז און ארומגעזאמעלט זיך ארום דעם קלייט אום צו צוטראגען איהם. דער געשריי: ברויט! ברויט! ברויט! האט געדונערט פון דאס ניי. אט טהיר דיזער טהיר וועט מען געפינען ברויט, א צארן פון הונגער האט זיי געטריבען, ווייטער האבען זיי ניט געקענט ווארטען, זיי איז געקומען צו ליגען זיך אויף דער גאס און שטארבען. זיי האבען זיך געשטופט צו דער טהיר מיט אזא אימפעט, אז עטיען האט מורא געהאט צו פערוואונדען אימיצען ביי יעדען קלאפ מיט דער האק אין טיר.

פערלאזענדיג דעם פאדער־צימער פון דעם דירעקטאר הענעבא, האט זיך מעגרא פערקליבען אין קיך; דארטען האט ער גאר ניט געהערט, נור ער האט ניט אויפגעהערט צו שרעקען זיך, אז מען בעפאלט זיין קלייט. ער איז ווידער ארויפגעגאנגען אויבען און פערבעהאלטען זיך הינטער דיא וואסער פאמפע; דארטען האט ער דערהערט, וויא דיא טהיר פון זיין קלייט האט געקראכט און וויא דיא סטרייקער האבען געשריען און גערופען זיין נאמען. יעצט איז דאס ניט געווען מעהר א חלום; אויב ער האט דאס ניט געזעהען, האט ער דאס געהערט מיט זיינע אייגענע אויערען. יעדער האק האט איהם געטראפען אין הארצען; נאך א קליין ברעטעל איז מסתמא פערבליבען; נאך פינף מינוט, און דיא קלייט וועט זיין אין זייערע הענד. שרעקליכע בילדער האבען זיך גענומען מאלען אין זיין קאפ; דיא רויבער פאלען אריין און צוברעכען דיא שופלאדען, צוריסען דיא זעק; אלץ איז אויפגעפרעסען און אויפגעזאפען. דאס הויז אין גאנצען צורשבראכען; מען לאזט פאר איהם קיין זאך ניט איבער, מען האט אפילו ניט איבערגעלאזט א שטעקען צו געהן פון דארף צו דארף בעטען נדבות. ניין, ער וועט ניט דערלאזען, אז זיי זאלען איהם אזוי אונגליקליך מאכען; ער וועט בעסער דערביי פערלירען זיין לעבען. אונטער דער צייט, וואס ער איז דא געשטאנען הינטער דיא פאמפע האט ער בעמערקט אין א זייטיגע פענסטער פון זיין הויז זיין ווייב'ס בלייכע און צו־שראקענע, בלייכע געזיכט, מיט דער שטומער מינע פון אן ארימער, דערשלאגענער בעשעפעניש. זיא האט אהין געוויזען פאראויס געזעהלט דיא קומענדע פעטש. הינטער

זיין הויז איז געשטאנען א שפייכלער, צו וועלכען מען האט געקענט צוקומען פון דאנען אריבערקריכענדיג דעם פארקען פון דער דירעקטארס גארטען. דער געדאנק, אז דורך דעם גארטען וועט ער דארפען מאכען זיין וועג אהיים, האט איהם געמוטשעט און ער האט זיך אליין געמאכט פארווירפע, פאר וואס ער האט פערלאזט דיא היים. אפשר וועט ער נאך צייט האבען צו פערשטעלען דיא טהיר פון קלייט מיט מעבעל, אז זיי זאלען ניט קענען אריינדרענגען זיך אינערוויינינג. ער האט אויסגעטראכט נאך העלדישע מיטלען וויא צו פערטהיידיגען זיך, ער וועט פון אויבען גיסען אויף דיא בעלאגערער מיט זידענדען אייל, מיט ברענענדען פעטראליום. נור זיין קארגשאפט האט געקעמפפט מיט זיין פורכט; ער האט מיט אלע קרעפטען געזוכט צו בעקעמפפען זיין פייגהייט און פלוצים, ווען צו איהם האט דערגרייכט א שטארקער קלאפ פון א האק איבער דער טיהר, האט ער זיך ענטשלאסען. דיא קארגשאפט האט געזיגט; ער און זיין ווייב וועלען זיך אנידערלייגען אויף דיא זעק און וועלען בעסער שטארבען איידער לאזען נעהמען איין לעביק ברויט.

גלייך וויא ער איז אריבערגעקראכען איבער'ן פארקאן און איז ארויפגעקומען אויפ'ן דאך פון זיין שפייכלער, האט איהם דיא מענגע דערזעהן, און עס האט זיך דערהערט א געשריי:

— קוקט ... קוקט ... דער קאטער איז דארטען אויבען.... כאפט דעם קאטער! כאפט דעם קאטער!

אין זיין שטארקער גייציגקייט איז ער, ניט קוקענדיג אויף זיין פעטקייט, גאנץ פלינק אריבערגעקראכען דעם פארקאן און איז געלעגען אויפ'ן דאך אויסגעצויגען און געזוכט צו דערלאנגען דאס פענסטער, נור דאס איז איהם געוועזען שווער; זיין בויך איז איהם געשטאנען אין וועג, און ער האט זיך אויסגעריסען דיא נעגעל פון דיא הענד. נור דאך וואלט ער דערקלעטערט ביז'ן פענסטער, ווען איהם זאל ניט געווען בעפאלען א שרעק, אז ער וועט פערווארפען ווערען מיט שטיינער, דען דיא סטרייקער אונטען, וועלכע ער האט מעהר ניט געקענט זעהען, האבען געהאלטען אין איין שרייען:

— כאפט דעם קאטער! כאפט דעם קאטער!

פלוצים האט ער מיט ביידע הענד אבגעלאזט דיא ציגעל. ער איז ארונטערגעפאלען וויא א קויל פון דאך אויפ'ן פארקאן און פון פארקאן גלייך אויף דער גאס, וואו ער האט זיך געגעבען אזא שטארקען זעץ אן א שטיין, אז דער קאפ איז איהם צושפאלטען געווארען און די געהירען האבען זיך ארויסגעגאסען. ער איז געוועזען טויט. זיין ווייב איז געשטאנען בלייך און צושראקען ביים פענסטער און האט נאך אלץ ארויסגעקוקט.

פון אנפאנג האט דער צופאל שטארק צומישט דיא סטרייקער. עטיען האט אויפגעהערט צו קלאפען און זיין האק איז איהם ארויסגעפאלען פון האנד. מאהיי, לעוואק און אלע אנדערע האבען פערגעסען אן דעם קלייט און געקוקט אויפ'ן מויער, לעבען וועלכען עס האט זיך לאנגזאם געצויגען א בלוטיגער פאדים. דאס געשריי האט אויפגעהערט; עס איז געווארען א טויטע שטילקייט אין דער וואקסענדער דונקעלהייט.

נור באלד האט זיך דער געפילדער אנגעהויבען פון דאס ניי. דיא ווייבער זיינען זיך צוזאמענגעלאפען וויא אנגע'שכורטע ביי'ם אנבליק פון בלוט.

— מיר האבען דאך א גוטען גאט! אה, שוויין, יעצט ביזטו קאפוט!

זיי האבען ארומגערינגעלט דעם ווארעמען קערפער און האבען איהם געזידעלט און געלאכט פון איהם און האבען אויסגעלאזט זייער לאנג איינגעהאלטענעם צארן פון זייער עלענדען לעבען צו דעם טויטען.

— איך בין דיר געווען שולדיג זעכציג פראנק; יעצט האסטו דיין געצאהלט, דו גנב! האט געזאגט מאהיי, איינע פון די צארניגסטע. דו וועסט זיך שוין מעהר ניט אבזאגען צו בארגען מיר...... ווארט, ווארט, איך וועל דיר נאך מעהר אנשטאפען!

מיט איהרע צעהן פינגער האט זיא אנגעקראצט א ביסעל ערד, האט דערפון אנגענומען, פולע הויפענס און אנגעשטאפט איהם דאס מויל.

— נא, פרעס!..... פרעס וויא דו האסט אונז געפרעסען!

דיא זידלערייען האבען זיך בענייערט, וועהרענד דער טויטער איז געלעגען אויפ'ן רוקען אונבעוועגליך און גיקוקט מיט זיינע שטארע אויגען אויפ'ן הימעל, פון וואנען דיא נאכט האט זיך אראבגילאזט. דיא ערד, מיט וועלכע מען האט איהם אנגישטופט א פולען מויל איז גיווען דאס ברויט, וואס ער האט זיך אבגעזאגט צו געבען. פון היינט אן וועט ער נאר אזא ברויט עסען. עס האט איהם קיין גליק ניט גיבראכט, וואס ער האט דיא ארימע ארבייטער אויסגעהונגערט.

פאר דיא ווייבער איז דאס אלץ גיוועהן קארג, זיי האבען גיוואלט אויף איהם קיהלען זייער צארן. זיי האבען גיזוכט נאך עפעס א גרויזאמקייט, אום צו נעהמען פון איהם ראכע.

עס האט זיך דערהערט דיא הייזעריגע שטימע פון דיא אלטע ברעלע.

— מען מוז איהם אויסשניידען, וויא א קאטער!

— יא, נעהמט דעם קאטער!.... ער האט צו פיעל געזינדיגט, דער שווין!

דיא מוקעט האט איהם גלייך ארונטערגעצויגען דיא הויזען, וועהרענד דיא דיא לעוואק האט איהם אויפגעהויבען דיא פיס. דיא ברילע האט איהם פארנאנ־דערגעשפרייט דיא קניע און א גענומען מיט איהרע דארע הענד דיא טויטע מענליכקייט.

זיא האט אנגעשטרענגט אלע איהרע קרעפטען און גענומען עס רייסען און ענד־ליך מיט שמחה אויסגעשריען:

— איך האב דאס! איך האב דאס!

דער עקעלהאפטער צובלוטיגטער גליד איז בענגענט געווארן פון דיא ווייבער מיט שימפף־ווערטער און קללות.

— לומפ, דו וועסט שוין מעהר אונזערע טעכטער דיא בייכער נישט אנ־פיללען!

— דיא ווייבער וועלען שוין מעהר מיט זייער לייב דיר דיינע חובות ניט צאהלען; דו וועסט אונז שוין מעהר ניט קריגען פאר ברויט!

— איך בין דיר שולדיג זעקס פראנק; ווילסטו איך זאל דיר בעצאהלען מיט זיך? איך בין פארטיג אויב דו קענסט נור!

דיזער שוידערליכער שפאס האט ארויסגירופען א'ן אונגעהייערן געלעכטער. זיי האבען איינע דיא אנדערע בעוויזען דיא שטיק פלייש וויא פון א בייזע חיה, פון וועלכער יעדע האט געהאט צו ליידען און וועלכע זיי האבען ענדליך צר־טראטען, און זיא איז יעצט געלעגען פאר זיי און זיי האבען מיט איהר געקענט טא וואס זיי האבען געוואלט. זיי האבען אויף דעם געשפיגען און ווידערהאלט מיט צאר־ניגער פעראכטונג:

— ער קען שוין מעהר ניט! ער קען מעהר ניט! ער איז מעהר קיין מאנסביל ניט. מען וועט איהם אזוי ארייגשטעקען אין דער ערד .... געה, פויל דארטען מיאוסקייט!

דיא בריקע האט ארויפגעטאן דאס שטיק פלייש אויף איהר שטעקען, און ארומ־געטראגען עס וויא א פאהן און איז מיט דעם ארויסגעלאפען פאראוים אין גאס און

די וויבער נאך איהר. טראפען בלוט זיינען דערפון ארונטערגערונען, די שטיק פלייש איז אראבגעהאנגען פון שטעקען, ווי א שטיק אבפאל אין פענסטער פון א קצב. אויבען אין פענסטער איז נאך אלץ געשטאנען מעגרא'ס פרוי אונבעוועגליך; אין דעם לעצטען שיין פון דעם פערזינקענדען טאג האט זיך איהר בלייכע געזיכט אונטער דער פערפינסטערטער שויב פערצויגען אין א שמייכעל. זיא, די נישלאגענע, וועלכע איז יעדע שטונדע געווען בעטראגען, וועלכע איז פון מארגען ביז שפעט אין אבענד געווען געבויגט איבער איהרע ביכער, האט געלאכט, זעהענדיג ווי די וויבער מיט דעם אבגעריסענעם שטיק פון דער בייזער חיה אויף א שטעקען, זיינען אוועקגעלאפען.

די שרעקליכע סצענע האט זיך אבגעשפיעלט אין א טויטע שטילקייט. ניט עטיען, ניט מאהיי, אויך ניט די אנדערע האבען צייט געהאט אריינצומישען זיך. די מאנסלייט זיינען געשטאנען ביי דער סצענע ווי צומישטע און האבען זיך ניט געקענט א ריהר טאן. פון דער טהיר פון טיזאן'ס שיינק האבען זיך בעוויזען איינינע קעפ, ראסעניער בלייך פאר כעס, זאכארי און פהילאמענע צוטומעלט פון דעם וואס זיי האבען געזעהן. דיביידע אלטע, באנעמאר און מוק, זיינען געבליבען ערנסט און האבען נור געשאקעלט מיט די קעפ. נור זשאנלען האט זיך געווערטעלט, האט געשטופט בעבע מיט'ן עלענבויגען און געצוואונגען לידיען ארויפצוקוקען. די פרויען און פריילינס פון אונטער די לאדענס פון די פענסטער האבען אויסגעשטרעקט די העלזער; זיי האבען ניט געקענט זעהן די סצענע, וואס איז פארגעקומען אונטער מעגרא'ס מויער און האבען איבערהויפט אין דער דונקעלהייט ניט געקענט זעהן דייטליך.

— וואס האבען זיי דארטען געטראגען אויף'ן שפיץ שטעקען? האט געפרעגט סעסיל, וועלכע איז אזוי סמעלע געווארען, אז זיא האט ארויסגעקוקט צו דער גאס.

לוסי און זשאנע האבען ערקלערט, אז דאס מוז זיין עפעס א פעלביל פון א הינטעל.

— ניין, ניין, האט געמורמעלט מאדאם הענעבא; זיי האבען מן הסתם צושלעפט די וואורשט־קראם, עס זעהט אוים, ווי א שטיק שווייגען־פלייש.

אין דיזען אויגענבליק האט זיא א ציטער געטאן און איז גלייך אנשווינען געווארן. מאדאם גרענואר האט איהר א טראט געטאן מיט'ן פוס. ביידע זיינען געשטאנען שטיל ווי די וואנד און אין שמארקער אויפרעגונג. די פריילינס זיינען שטארק בלייך געווארען און האבען שוין מעהר קיין זאך ניט געפרעגט. זיי האבען נור מיט גרויסע אויגען נאכגעקוקט די בלוטיגע ערשיינונג אין דער נאכטיגער דונקעלהייט.

עטיען האט דאס פון ניי אנגעהייבען צו האקען מיט דער האק, נור דאס עקעלהאפטע געפיהל האט איהם מעהר ניט געוואלט פערלאזען. מעגרא'ס טויטער און אויסקאליעטשעטער קערפער איז געווען א הינדערניס אויף דער גאס און א שוץ פאר'ן קלייט. פילע זיינען אבגעטראטען, אזוי ווי זיי וואלטען שוין זאט געווארען. מאהיי איז געווען פערזונקען אין ערנסטען שווייגען ווען ער האט פלוצים דערהערט א שטימע, וועלכע האט איהם שטילערהייד געזאגט אין אויער אריין, אז ער זאל אנטלויפען, ער האט זיך אומגעקוקט און דערקענט קאטערינען, וועלכע איז נאך אלץ געווען איינגעהילט אין דעם אלטען מענער־רעקיל, שווארץ און פערסאפעט. ער האט איהר אבגעשטופט און ניט געוואלט איהר הערען און נאך פערמאסטען זיך צו געבען איהר א קלאפ. זיא האט געמאכט א פערצווייפעלטע מינע, א רגע איז זיא געבליבען שטיין און דערנאך צוגעלאפען צו עטיען.

— אנטלויף! ראטע זע זיך! די זשאנדארמען קומען!

אויך ער האט איהר אבגעשטופט און אנגעזידעלט; ער האט נאך געפיהלט

די שאנדע פון דיא פעטש, וואס זיא האט איהם ניט לאנג געגעבען. אבער זיא איז ניט אבגעטראטען; זיא האט איהם געצוואונגען אוועקווארפען דיא האק; און כאפענדיג איהם פאר בײדע הענד, האט זיא איהם געגוויטהט נאכצוגײן איהר.

— איך זאג דיר, דיא זשאנדארמען זײנען דא!...... הער מיר אויס! שאוואל האט זײ אבגעזוכט און געהרט זײ צוהער. אויב דו ווילסט וויסען, האט דאס מיר אבגעקעלט און איך בין געקומען אהער...... אנטלויף! איך וויל ניט, זײ זאלען דיר כאפען!

און זיא האט איהם אבגישלעפט גראדע אין דעם אויגענבליק, ווען דער שווערער גאלאפ פון דער ווײטענס האט גימאכט די גאסע ציטערן. באלד האט זיך דערהערט א געשרײ: „דיא זשאנדארמען! דיא זשאנדארמען!“ עס האט זיך אנגעהויבען אן אל־געמײנעס אנטלויפען — אזא משונה'דיג לויפען, אז אין צוויי מינוטען איז דיא גאס געוואָרען פרײ און רײן, וויא אויסגערײניגט פון אן אורגאן. נור מעגראס קערפער האט געבילדעט א דונקעלען פלעק אויף דער ערד. לעבען שײנק איז אויסער ראסענייער קײנער ניט געבליבען, ער איז געוועזען ערלײכטערט און האט פרײ געאטהעמט, פרײ־הענדיג זיך, וואס דיא שווערדען האבען געהאט אזא לײכטען זיג; דערווײל זײנען אין דעם פערלאזטען און אבגעלײדיגטען מאנסטו אין דער שטילקײט פון דיא פער־שלאסענע הײזער געלעגען דיא שפיסבירגער און מורה געהאט א ריהר צו טאן זיך, באדענדיג זיך אין אנגסט־שווייס און קלאפענדיג מיט דיא צײנער פאר שרעק. דאס פלאכע פעלד איז געוועזען אײנגעווייקעלט אין דער געדיכטער נאכט, נור דיא קוימענס פון דיא פאבריקען האבען געפלאמט אונטער דעם פערכמורעטען נאכט־הימעל. דער שווערער גאלאפ פון דיא זשאנדארמען איז געקומען אלץ נעהענטער; זײ האבען זיך בעוויזען אין א דונקעלער מאסע אזוי, אז מען האט זײ אײנעם פון צווייטען ניט געקענט אונטערשײדען. און הינטער זײ איז ענדליך אנגעקומען דער וואגען פון דעם בעקער פון מארשיען; א אינגעל איז ארויס־געשפרונגען פון וואגען און געבראכט הענגבאס קעבען דאס, וואס זיא האט בעשטעלט.

זעקסטער טהייל

I.

דיא ערשטע העלפט פון מאנאט פעברואר איז אריבער; דיא שרעקליכע קעלט האט נאך שווערער געמאכט דעם הארטען, אונערבארעמדיגען ווינטער פאר דיא עלענדע און ארימע. עס זײנען ווידער אנגעקומען דיא בעאמטע: דער פרע־פעקט פון ליל, דער שטאאטס־אנוואלט פראקוראר און א גענעראל. דיא זשאנדאר־מען זײנען געוועזען ניט גענוג; א גאנצער רעגימענט סאלדאטען איז אנגעקומען און פערנומען מיט זײערע פאלאטקעס דעם וועג פון באמאנט ביז מארשיען. זײ האבען בע־וואכט דיא מינען; נעבען יעדער מאשין זײנען געשטאנען סאלדאטען. דאס הויז פון דירעקטאר, דיא פאבריקען פון דער קאמפאניע, זאגאר אײניגע הײזער פון בירגער, זײ־נען געוועזען ארומגערינגעלט מיט ביקסען. אויף דיא גאסען האט מען מעהר ניט וויא גע־הערט דיא טריט פון דיא וואכען. אויפן בערגעל פון ווארײ איז געשטאנען א שטענ־דיגע וואך; עס האט אויסגעזעהן אזוי וויא אויף דיא פלאכע פעלדער וואלט געווען א מלחמה. א שנײדענדער ווינט האט ניט אויפגעהערט צו בלאזען. און, וויא אין א צײט פון קריעג, האט זיך אלע צוויי שטונדען געהערט דאס פעלד־געשרײ:

— ווער איז דא? וואס איז דער אבלאז נאכצייכען?

דיא ארבײט האט זיך ערגעץ ניט אנגעהויבען; אין גענענטהייל, דער סטרייק האט זיך נאך פערשארפט: קרעווקער, מירו, מאדרעלין האבען געשטעלט זײערע פאס

דערונגען אזוי וויא דיא ווארייטימינע האבען דאס געטאן; אין פעטרי־קאנטיל און לא־וויקטאר זיינען מיט יעדען טאג אלץ ווינציגער ארבייטער ארונטערגעפאהרען; אין סענט־טאמאס, וואס איז ביז יעצט געבליבען אונבעריהרט פון סטרייק, האבען דיא ארבייטער אנגעהויבען צו קומען אלץ ווינציגער. זיי האבען געשטעלט אנטקעגען דער מאכט פון דיא קאמפאניע א שטומע הארטנאקיגקייט; דיא קוילען־גרעבער זיינען געווען ערבי געדט, דיא ארבייטער דערפער זיינען געלעגען פוסט און וויסט צווישען דיא ריבען־פעלדער. קיין ארבייטער האט זיך ניט געריהרט; מען פלעגט זיי נור בעגעגנען איינציגווייז; זיי פלעגען דורכגיין מיט אראבגעלאזטע קעפ און מיסטרויאישע בליקען פארביי די פאבריקע. אונטער דיזער טיעפער שטומער שטילקייט און דיזער פאססיווער הארטנעקיגקייט, וועלכע האט זיך אנגעשטאנען אין דיא געוועהר פון דיא סאלדאטען, איז געלעגען א געמאכטע אונטערגעבענהייט, א געצוואונגענע און געדולדיגע געהארכזאמקייט פון ווילדע חיות, וועלכע זיינען איינגעשפארט אין שטייגען און לאזען ניט אראב דיא אויג פון זייערע וועכטער און זיינען פארטיג ארויפשפרינגען איהם אויפ'ן האלז אזוי גיך וויא ער וועט זיך צו זיי אומקעהרען מיט'ן רוקען. דיא קאמפאניע פון וועלכער דער סטרייק האט געמאכט א תל, האט גערעדט דערפון, אז זיא וועט אימפארטירן ארבייטער פון נעבען דער בעלגישער גרענעץ, נור זיא האט דאס ניט געוואגט צו טהון, און אזוי איז דער קאמפף פון דיא קוילען־גרעבער וואס זיינען געבליבען איינגעשלאסען אין זייערע הייזער אלץ אנגעגאנגען מיט דיא טויטע מינע, בעוואכט פון סאלדאטען.

נאך יענע שרעקליכע טעג איז מיט א מאל איינגעטראטען א טיעפע רוהיגקייט אונטער וועלכע עס איז געווען פערבארגען אזא ציטערניס, אז מען האט מורא געהאט ארויסבריינגען אויף דער צונג דעם שאדען און דיא גרויזאמקייטען, וואס מען האט דאמאלס געמאכט. דיא אנגעפאנגענע אונטערזוכונג האט געגעבען דעם בעריכט אז מעגרא האט געפונען זיין טויט דורך א פאלל; נור וויא אזוי זיין קערפער איז געווארען אזוי מיאוס קאלעטשעט, האט מען ניט געקענט אויסגעפינען. דיא קאמפאניע האט פון איהר זייט געמאכט א שווייג פון דיא היזקות, וואס זיא האט געליטען, אויך דיא גרעגוארס האבען ניט געדיינקט אריינצומישען זייער טאכטער אין א סקאנדאל פון א פראצעס, וואו זיא וואלט בעדארפט פיגורירען אלס עדות. דאך האט מען א פאר מענשען ארעסטירט, וויא געוועהנליך דיא נארעשטע און אונשולדיגסטע, וועלכע האבען פון גאר ניט געוואוסט צו זאגען. דורך א טעות האט מען אויך ארעסטירט פיעראן און געבראכט איהם א געבונדענעם ביז מארשיען, און דאס האט געגעבען זיינע קאמעראדען א סך שפאס צום לאכען. אויך ראססענער איז אבגעפיהרט געווארען אין דער בעגלייטונג פון צוויי זשאנדארמען. דיא דירעקציאן האט זיך בעגנוגט דערמיט, וואס זיא האט פוילע ארבייטער אבגעזאגט; דיא ביכלאך פון דיא ארבייטער זיינען אומגעקעהרט געווארען פון דער דירעקציאן אין מאסען, מאהיי האט אויך בעקומען דאס זייניגע אויך לעוואק און פיער און דרייסיג אנדערע סטרייקער אין דעם דארף פון דיא „צוויי הונדערט און פיערציג“ אליין. דיא גאנצע שטרענגקייט איז געווען געריכטעט געגען עטיען, וועלכער איז צייט פון דיא נאכט פון טומעל פערשוואונדען געווארען און פון וועלכען מען האט קיין שפור ניט געקענט געפינען. שאוואל האט אין זיין מסירה נור אנגעגעבען עטיען'ס נאמען און האט מעהר קיינעם ניט אריינגעמישט. דאס האט ער געטאן צוליעב קאטערינען וועלכע האט איהם געבעטען ניט אריינצומישען נעמען כדי איהרע עלטערן זאלען ניט ווערן בעשטראפט. דיא טעג זיינען געגאנגען; מען האט געפיהלט, אז נאך ניט אלץ איז אריבער און מען האט מיט פערקלעמטע געמיטער געווארט אויף דער ענדע.

ציים יענע שרעקען האבען דיא בירגער פון מאָנטסו גהאַט צושטערט נעבט, זיי פלעגען זיך אויפכאפפען פון מיטען שלאָף און עס האָט זיי געדוכט, אז זיי הערען א קלינגען, וואָס זאָגט אָן אז עס וועט קומען שטורם, און צו זייערע נעזער האָט וויא דערגרייכט א ריח פון פולווער. איבערהויפט האָט זיי צומישט דאָס פרעדיגען פון זייער נייען פאסטאָר, אבבע ראַנוויע, א דאַרער, מיט גליהענדע אויגען, וועלכער האָט פערנומען דעם פלאַץ פון אבבע זשואר, וואָס איז געוועזען אן אויסגעפאַסעוועטער און זאנפטער מאַן און געוואָלט לעבען מיט דער גאַנצער וועלט בשלום. דער נייער פאסטאָר אָבער האָט ניט בעזעכען די פערשווינגנהייט פון זיי פאַרגרנגער. ער האָט גיהאַט אפילו די עזות צו פערטיידיגען די שרעקליכע רויבער, וואָס האָבען געשענדעט די גאַנצע געגענד. ער האָט געפונען ענטשולדיגונגען פאר די שלעכטע מעשים פון דיא סטרייקער; ער האָט שטאַרק אָנגעגריפען דיא בורזשוא און האָט זיי צוגעשריבען דיא גאַנצע שולד. דיא בורזשאַזי, וואָס האָט צוגענומען פון דער קירכע איהרע אלטע פריהייטען און פערנומען זיי פאר זיך, האָט געמאַכט פון דיזער וועלט א פערפלוכטען אָרט פון אונגערעכטיגקייט און ליידען. דיא בורזשואזיע האָט געבראַכט צו אלע צרות און פיהרט צו א פירכטערליכע קאַטאַסטראָפע דורך איהר גאָטלאָזיגקייט און דורך דעם, וואָס זיא וויל זיך ניט אומקעהרען צו דיא ברי־דערליכע פון דיא ערשטע קריסטען. ער האָט געוואָגט דיא רייכע צו דראָהען; ער האָט זיי געוואָרענט, אז אויב זיי וועלען נאָך לייגער טויב בלייבען צו גאָטס'ס שטיממע, וועט זיך גאָט געוויס שטעלען אויף דער זייט פון דיא אָרימע; ער וועט ביי דיא אונגלויבינע רייכע אוועקנעהמען דעם איי־גענס און צוטהיילען דאָס צווישען דיא נידערגעשלאָגענע. דיא גלויבינע זיינען פער־ציטערט געוואָרען; דער נאָטאַריאוס האָט ערקלערט, אז דאָס איז דער ערגסטער סאָרט סאָציאליזמוס; עס האָט זיך זיי אלעמען געדוכט, אז זיי זעהען שוין דעם פאסטאָר אלס פיהרער פון דיא סטרייקער, פאָכענדיג מיט'ן צלם און נידערוואַרפענ־דיג מיט שטאַרקע קלעפ דיא בירגערליכע געזעלשאַפט פון זייט דיא ערשטע רעוואָ־לוציאָן אין 1789.

ווען מען האָט דיא אלע זאכען דערציילט הענעבאָ, האָט ער זיך בעגנוגענט מיט דעם, וואָס ער האָט א ציה געטאָן מיט דיא אַקסלען און בעמערקט:

— אויב ער וועט אונז צו פיעל דערעסען, וועט אונז דער בישאָף פון איהם בעפרייהען.

אין דער צייט, ווען דער שרעק האָט דורכגענומען דיא געגענד פון איין זייט ביז צו דער צווייטער האָט זיך עטיען אויפגעהאַלטען איז דער אלטער פערלאָזענער מינע אין רעקיאָר, אין זשאַלען'ס א פערבעהאַלטעניס. דאָרט איז ער געוועזען פערבאָרגען; עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלען, אז ער געפינט זיך אזוי נאָהענט; דיא געוואַנט־קייט צו בעהאַלטען זיך אין אַזאַ אָרט, וואו מען האָט איהם יעדע רגע געקענט געפינען, האָט געפיהרט דערצו, אז קיינעם איז ניט איינגעפאַלען צו זוכען איהם דאָרטען. דיא שאַכטע איז געוועזען אזוי אלט און פערלאָזען, אז עס איז געוועזען געפעהרליך צו קומען צום גרוב, וואָס איז געוועזען אָנגעפיהלט מיט זאַכען, וואָס דער קליינער זשאַנלען האָט אָנגעגנב'עט. ער האָט דאָרטען געהאַט פון כל טוב; ער האָט געהאַט בראַנפען, א שטיק פון דעם געראויכערטען פיש און פערשידענע שפייז. דאָס בעט פון היי איז געוועזען פאָרטרעפליך; ער האָט ניט געשפירט קיין לופט־צוג אין דער טעמ־פעראַטור, וואָס איז געוועזען אָנגעוואַרעמט וויא אין א באָד. ער האָט נור געהאַט צו ווייניג ליכט. זשאַנלען, וועלכער איז געוועזען זיין פערזאָרגער און פּאָרזיכטיג און שוויי־געדיג וויא א ווילדער, וואָס איז גליקליך מיט דעם וואָס ער קען ארומפיהרען דיא

זשאנדארמען ביי דער נאז. ער האט איהם אלץ נעבראכט, אפילו פאמאדע, נור א בינטעל ליכט האט ער איהם ניט נעקענט פערשאפען.

נאכ'ן פינפטען טאג האט עטיען נעברויכט דאס ליכט נור ביים עסען, אין דער פינס ער האט ער עפעס דיא ביסען ניט נעקענט ארונטערשלינגען, דיא אונענדליכע פאלשטענדיגע אימער גלייך שווארצע נאכט האט איהם פערשאפט גרויסע ליידען. ער איז וויינינער צופריעדען נעווען מיט דעם, וואס ער נעפינט זיך אין דער זיכערהייט און איז פערזארגט מיט ברויט און ווארעמקייט: קיין מאל איז איהם דיא נאכט ניט נעווען אזוי שווער; עס האט איהם נערוכט, אז דיא נאכט וועט צערדריקען אפילו זיינע געדאנקען. און יעצט האט ער געלעבט פון גנבה. טראץ זיינע קאמוניסטישע טהעאריען, האט אין איהם ערוואכט א געפיהל, וואס האט איהם נעצופט דערפאר; ער האט זיך בענונענט מיט טרוקענעם ברויט און קלענער געמאכט זיין פארציע. נור וואס זאל ער טאן? ער מוז דאך לעבען; זיין אויפגאבע איז נאך ניט נעווען ערפילט. איהם האט נעדריקט נאך א צווייטע שאנדע, איהם האט נעפייניגט זיין נעוויסען פאר זיין שכרות, פאר וואס ער האט נענאסען אין זיין ליידינען מאגען בראנפען, אום צו פערהיטען זיך פון קעלט, און דערנאך האט דאס איהם נעטריבען מיט א מעסער אין האנד געגען שאוואלין. דאס האט אין איהם אויפגעוועקט א שרעק פאר עפעס אן אונבעקאנטעס, דאס איז נעווען א שרעק פאר יענע שלעכטס, וואס איז איהם איבערגעגאנגען בירושה פון דור דורות, דיא משונעת פון שכרות; איין טראפען אלקאהאל איז נעווען גענוג, אום אריינצוגעבען איהם א לוסט צו מארד. וועט ער ענדיגען זיין לעבען אלס מערדער? נעפינענדיג זיך אין דער טיעפער שטילקייט אונטער דער ערד אין זיכערהייט, איז ער, אזוי וויא אנגעזעטיגט פון דיא גוואלדטהאטען, געלעגען צוויי טעג אין א דומפפען שלאף פון א חיה, וואס האט זיך איבערגעגעסען און ליגט שטיל און קען זיך ניט ריהרען. ער האט זיך נעפיהלט ניט גוט; ער איז נעווען וויא צו שלאגען, אין מויל איז איהם נעווען ביטער, דער קאפ פוסט וויא נאך א גרויסן "הולאנקע. אזוי איז פערגאנגען א וואך; דיא מאהייס, וועלכע האבען נעוואוסט פון זיין פערבארגענעם ארט, האבען איהם קיין ליכט ניט נעקענט שיקען; ער האט זיך ענדליך געמוזט אבזאגען פון ליכט אפילו ביים עסען פון זיינע קארגע מאלצייטען.

עטיענען פלעגט יעצט אויסקומען שטונדען-לאנג צו ליגען אויסגעצויגען אויף זיין הייבעט. אין זיין קאפ האבען זיך נעמישט אונדייטליכע גדאנקען, פון וועלכע ער האט נעדיינקט, ער איז פריי. דאס איז נעווען א נעפיהל, אז ער שטייט העכער פון זיינע קאמראדען, א בענייסטערונג פאר זיינע אייגענע פערזאן, וועלכע איז גיוואקסען אלץ גרעסער, וואס מעהר ער האט ניטראכט, היא ווייט ער שטייגט איבער זיינע קאמעראדען אין קענטניסע. קיין מאל האט ער אזוי פיעל ניט נאכגעדאכט; ער האט זיך נעפרעגט, פאר וואס האט ער ניהאט אזא עקעל צו דיא מינען? און ער האט זיך אליין מורא ניהאט צו ענטפערן, איהם איז ניוועין מיאוס פון דיא ערנידרינג דיא קוילען-גרעבער זיינען, וויא גראב זייער אינסטינקטען, וויא פערפעסטעט דיא לופט איז פון זייער עלענד. טראטץ דיא מוטשענינע וו ס דיא פינסטערקייט האט איהם פערשאפט, האט ער נעציטערט פאר דער שטונדע, ווען ער וועט זיך דארפען אומקעהרען צו דער ארבייטער דארף. וואס פאר א'ן אבשטויסענדען אנבליק עס מאכען דיא עלענדע, וואס וואהנען אין דעם גרויסען שטאל! ניטא צווישען זיי קיין אייצינער, מיט וועמען מען זאל קענען ריידען ערנסט פון פאליטיק; א לעבען פון אמת'ע חיות, שטענדיג דיא זעלבע ערשטיקענדע לופט, אנגעצויגען מיט א גישטאנק פון ציבעלעס! ער האט זיי געוואלט אביסעל אויסמענשלען, פארבעסערן זייער לאגע און ערציהע

אין זיי דיא גוטע מאנערען פון דער בירגער־קלאסע, ער האט פון זיי געוואלט מאכען לייט, אבער וויא לאנג וועט דאס געדויערן! און ער האט ניט געפיהלט מעהר מוטה אין זיך אבצו־ווארטען דעם זיעג אין דער הונגער־קאלחשע. דיא אייטעלקייט צו זיין זייער פיהרער, צו טראגען זייער זארג, צו דענקען פאר זיי, האט איהם ביסלעכוויז פערלאזט, און אויף דעם ארט האט ארויסגעשפראצט דיא נשמה פון קליין בורזשוא, וועלכען ער האט אזוי פעראכטעט.

זשאנלען האט איהם איין אבענד געבראכט א שטיק ליכט, וואס ער האט ארויסגעגנב'עט פון א שטראסענהענדלערס קלאנטערנע. דאס איז געוועזען פאר עטיען א גרויסע ערלייכטערונג. ווען זיינע געדאנקען פלעגען זיך איהם אנהייבען מישען אין קאפ אזוי אז איהם פלעגט דוכטען ער גייט אראב פון זינען, פלעגט ער אויף אן אויגענבליק אנצינדען דיא ליכט; נור וויא עס פלעגט איהם עטוואס לייכטער ווערען, פלעגט ער אויסלעשען דיא ליכט, וואס איז איהם געוועזען אזוי נויטהיג וויא ברויט. ער האט נור געהערט דאס ארומלויפען פון דיא מייז, דאס קראכען פון דיא אלטע ברעטער, דאס שטילע גערויש פון א שפין, וואס האט געוועבט איהר נעטץ. אין קוקענדיג מיט אפענע אויגען אין דער ווארעמער פינסטערקייט, איז ער צוריקגעקומען צו זיינע פיקסע אידעען: וואס טהוען דארטען אויבען דיא קאמעראדען? ווען ער זאל זיי יעצט פערלאזען, וואלט דאס איהם געשיינט צו זיין דיא גרעסטע פיינהייט. ווען ער איז אזוי געלעגען בעהאלטען איז דאס נור געוועזען דארום, ער זאל בלייבען פריי, אום זיי צו קענען ראטהען וויא צו האנדלען. דיא לאנגע צייט וואס ער האט פערבראכט אין דיינקען, האט געגעבען זיין עהרגייץ א בעשטימטע ריכטונג: ביז עפעס בעסערס וועט קומען, וואלט ער געוואלט זיין אזוי וויא פלושאר, אוועקווארפען דיא ארבייט און אבגעבען זיך נור צו פאליטיק, איינער אליין אין א ריינעם צימער, אונטער'ן אויסרייד, אז קאפ־ארבייט שלינגט איין דאס גאנצע לעבען און פאדערט א סך רוהע.

ווען אין אנהייב פון דער צווייטער וואך האט איהם זשאנלען דערציילט, אז דיא זשאנדארמען דיינקען, דאס ער איז אנטלאפען נאך בעלגיען, האט עטיען געוואגט ארויסקריכען פון זיין לאך, ווען עס האט אנגעהויבען צו ווערען פינסטער. ער האט געוואלט אליין איבערצייגען זיך אין דעם, וואס עס קומט פאר. ער האט געוואלט זעהן, אויב דיא קאמעראדען וויכען נאך לייגנער אנהאלטען דעם סטרייק. ער האט געהאלטען דיא שפיעל פאר פערלארען; נאך פאר'ן סטרייק האט ער געצווייפעלט אין אן ערפאלג; ער האט נור נאכגעגעבען דער מאכט פון דער טהאטזאכע, — און יעצט נאכדעם וויא דער סטרייק האט איהם אנגעשכורט, איז ער צוריקגעקומען צו זיינע ערשטע געדאנקען און אויפגעגעבען דיא האפנונג, אז זיי וועלען קענען צווינגען דיא געזעלשאפט אונטערצוגעבען זיך. נור ער האט זיך אליין אין דעם ניט געוואלט מודה זיין; אויף איהם איז אנגעפאלען א שרעק, ווען ער האט געדיינקט פון דעם יאמער פון א נידערלאגע, פון יא פעראנטווארטליכקייט, וואס אויף איהם וועט פאלען פאר דעם אונגליק. דאס ענדע פון דעם סטרייק — האט דאס דען ניט בעדייטעט אויף דאס ענדע פון זיין ראלע, דיא פערניכטונג פון זיין עהרגייץ, דאס צוריקזינקען צום לעבען פון א חיה אין דער מינע און צו דער ווידערליכקייט פון דעם ארבייטער־דארף? און ער האט זיך מיט אלע קרעפטען בעמיהט אויף'ן גאנץ ארדענטליכען וועג, ניט זייענדיג קיין נידעריגער היפאקריט, זיך אליין איינצורעדען, אז אנהאלטען דעם סטרייק ווייטער איז מעגליך. אז דאס קאפיטאל וועט זיך אליין צושטערען און וועט זיך מוזען אונטערגעבען אונטער דעם העלדמוטהיגען זעלבסטאפפער פון דער ארבייט.

אין דער ווירקליכקייט איז דיא גאנצע געגענד געוועזען רואינירט. ווען ער

פלעגט ארומבלאָזען ביי נאכט אין דיא פינכטרע געגענדען וויא א וואָלף וואָס האָט פערלאָזט זיין וואלד, האָט איהם געדוכט, וויא ארום און ארום הערט ער'א קראַבען פון דעם חורבן. ארום און ארום אין דיא גאסען האָט ער געזעהען דיא פאבריקען זיינען טוידט, דיא געביידעס זיינען געשטאנען אונטערן פלייכען הימעל וויא חורבות. אם מייסטען האָבען געליטען דיא צוקערפאבריקען. צוערשט האָבען זיי פערקלענערט דעם צאָהל פון דיא ארבייטער און ענדליך האָבען זיי דיא גאנצע ארבייט אָבגעשטעלט. דיא שטריק פאבריק בלייז, וואו מען האָט געמאכט דיא שטריק פאר דיא מינען, איז דורכ'ן סטרייק אין גאנצען רואינירט געוואָרען. אין מארשיען און אומגעגענד איז דיא לאגע געוואָרען וואָס פון טאָג שווערער: דיא גלאָזפאבריק גאזשבוא האָט איינגעשטעלט איהרע ארבייט און אויפגעהערט צו הייצען איהרע אויווענס; דיא טישלער־פאבריקען האָבען אוועקגעשיקט דיא גרעסטע טהייל ארבייטער. דער סטרייק פון דיא קוילענגרעבער פון כאָנטסו, וואָס איז ארויסגעקומען פון דעם אינדוסטריעלען קריזיס, וועלכער האָט שוין אנגעהאלטען זייט צוויי יאָהר און וואָס איז ווייטער אלץ שלימער געוואָרן, האָט דעם קריזיס נאָך מעהר פערשארפט און געמאכט נעהענטער דער צוזאמענברוך. צו דיא אורזאכען פון דעם נויטשטאנד: וואָס פון אמעריקא זיינען קיין אָרדערס ניט אָנגעקומען און וואָס עס איז געווען איבער־פראָדוקציאָן, איז נאָך צוגעקומען דער אונערווארטעטער קוילענמאנגעל אין דיא עטליכע פאבריקען, וואָס האָבען נאָך געארבייט; דיא נאחרונג פאר דיא דאמפף־מאשינען, וועלכע דיא מינען האָבען שוין מעהר ניט געגעבען, דאָס האָט בעדייטעט דעם לעצטען טוידט־שלאָג. דיא קאָמפאניע האָט ארויסגעשעפט נאָר דיא קוילען, און אין מאנאט דעצעמבער האט זיא אויסגעליידיגט דעם לעצטען זאפאס. א שרעק האָט זיך פערשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד, איין קראַך האָט געצויגען נאָך זיך דעם צווייטען, דער מסחר איז געלעגען טויט, און עס איז פארגעקומען אזא רייהע קאטאסטראָפען, אז דער אפקלאנג האָט זיך געהערט אין די ארומליגענדע שטעדט, וואו אנטלאָפענע באנקירען האָבען אונגליקליך געמאכט מאסען פאמיליען.

ציטענווייז פלעגט זיך עטיען אָבשטעלען ביי א ווינקעל פון א גאס אין דער אייזקאלטער נאכט, אום צו האָרכען וויא די חורבות פאלען. ער האט מיט חשק געשלונגען די פינסטערניס — א פרייד פלעגט איהם אָננעהמען, און איהם האָט א שיין געטאָן א האָפנונג, אז דער אויפברעכענדער טאָג וועט בעשיינען א וועלט ווען דיא אַלטע אָרדנונג וועט זיין פערניכטעט און קיין פערמעגענס וועט פערבלייבען און אללע מענשען וועלען זיין גלייך. דאָך אין דער גאנצער מהומה האָבען איהם אם מייסטען אינטערעסירט דיא מינען פון דער קאָמפאניע. ער איז געגאנגען ווייטער, און שיער פערבלענדעט פון דער פינסטערניס, האָט ער בעקוקט איין מינע נאָך דער אנדערער און האָט זיך געפיהלט גליקליך, ווען ער פלעגט ענטדעקען אויף איינע פון דיא מינען א נייען שאָדען. גאנצע שטיקער ערד, ביי הונדערטע מעטער לאנג און גאסען זיינען איינגעפאלען, און דיא קאָמפאני האָט דיא אייגענטהימער בעצאָהלט פיעל זיי האָבען געבעטען, אום צו פערהיטען דעם לארעם, וואָס האָט געקענט דערפון ארויסקומען. דיא מינע פון קרעווקער און מאַדעלאן זיינען אלץ מעהר פערשאָטען געוואָרן; מען האָט דערצעהלט פון צוויי אויפוועהר, וואָס זיינען פערשאָטען געוואָרן אין דער מינע לאַוויקטואר. פעטער־קאנטעל איז פון א וואסער אויסברוך פערשוואומען געוואָרן. אין פענט־טהאָמאס האָט מען געמוזט אונטערבויגען א גאנצע גאלעריע, אום זיא זאָל ניט ארונטערפאלען. אזוי זיינען דיא קאָסטען געוואָרן פון שטונדע צו שטונדע גרעסער און דיא לעכער זיינען ברייטער געוואָרן אין דיא הכנסה פון דיא אקציאָנערען, און אויב דער סטרייק זאָל נאָך לענגער אָנהאלטען, וועט ער פארשלינגען דיא פערדיענסטען פון א גאנצען יאָהר הונדערט.

צוקוקענדיג זיך צו דיא אַלע מפּלות פון דיא קאָמפּאַניע האָט עטי'ן ווייטער אָנגעהויבען צו האָפען; ער האָט געגלויבט, אז נאָך א דריטער מאַנאַט סטרייק וועט טויטשלאָגען דיא בעסטיע, דיא אָבגעפרעסענע חיה. ער האָט געוואוסט, אז צוליב דעם סטרייק האָט זיך אָנגעהויבען א גרויסע אויפרעגונג אין דיא פּאַריזער צייטונגען; עס האָט זיך אָנגעהויבען א שאַרפע פּאָלעמיק צווישען דיא אָפיציעלע און אָפּאָזיציאָנעלע צייטונגען, מען האָט שטאַרק געשילדערט דיא שרעקען פון מאָנטסו און זיך געסטאַרעט מיט דעם צו שאַדען דער אינטערנאַציאָנאַלע, פאַר וועלכער דיא מלוכה האָט געקראָגען מורא, כאָטשע אָנפאַנגס האָט זיא זיך געשמעלט פריינדליך צו איהר. דיא פערוואַלטונג פון דער קאָמפּאַניע האָט ניט געוואָגט צו מאַכען זיך לייגנער טוב און האָט געשיקט צוויי מיטגלידער אויף'ן פּלאַץ פון סבּריק, אום צו מאַכען דאָרטען אַ'ן אונטערזוכונג; נור זיי האָבען דאָס געטאָן אָהן חשק און ניט געקימערט זיך וויא אזוי דאָס וועט זיך ענדיגען. זיי האָבען זיך אזוי ווייט וועגען דעם ניט געקימערט, אז אין דריי טעג ארום האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק מיט דער ערקלערונג, אז דיא זאַך שטעהט גאַנץ גוט. פון דער צווייטער זייט האָט מען עטיע'ן פערזיכערט, אז ווען דיא געשיקטע פון פערוואַלטונגסראַטה זיינען געווען אין מאָנטסו, האָבען זיי געהאַלטען אָפטע מיטינגען און ארויסגעוויזען א פיבערהאַפטע טהעטיגקייט און שטאַרק א יינגעטאָן זיך אין דיא געשעפטען, נור וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען איז געבליבען א סוד־זאַך. עטיען האָט זיי בעשולדיגט, אז זיי האָבען זיך נור געמאַכט רוהיג; זייער גיכער אָבפאָהרען האָט ער אָנגערופען משוגענע אנטלויפען און איז געווען זיכער אין א גיכען זיעג.

דיא קומענדע נאַכט איז עטיען ווייטער געווען אין א פערצווייפלונג. דיא קאָמפּאַניע איז צו שטאַרק, אז מען זאָל איהר קענען אזוי גיך צושלאָגען; זיא קען מיליאָנען פערלירען און דערנאָך ארויסזויגען זיי פון דיא ארבייטער מיט דעם, וואָס מען וועט פערקירצען זייער לוין. ווען ער איז אין דער נאַכט צוגעקומען צו זשאַן־באַר, האָט ער זיך איבערצייגט אין דיזער וואַרהייט, נאָכדעם וויא אַ'ן אויפעהער האָט איהם דערציילט, אז דיא קאָמפּאַניע פון מאָנטסו האַלט אין קויפען וואַנדאַם. ביי דעגווילען אין הויז — אזוי איז געגאַנגען דיא רייד — איז איינגעטראָטען א נויט, וועלכע האָט געקענט אויפוועקען מיטלייד — דיא שרעקליכע נויט פון געפאַלענע רייכע. דער פאָטער איז געווען קראַנק און פערעלטערט געוואָרען פון זאָרגען וועגען געלד. דיא טעכטער האָבען זיך ארומגעריסען מיט דיא קליינע געשעפטס־לייט, וועלכע האָבען געליפערט עסענוואַרג אין הויז, און געסטאַרעט זיך ארויסראַטעווען זייערע העמדער פון דיא קרעדיטאָרס. מען האָט ווייניגער געליטען אין דיא אויסגעהונגערטע דערפער פון דיא ארבייטער, וויא אין דעם בורזשוא־הויז, וואו מען האָט געגעסען ביי פערשלאָסענע טהירען, כדי מען זאָל ניט זעהען דאָס מען טרינקט ביים טיש וואַסער אנשטאָדט וויין. אין זשאַן־באַרט האָט מען דיא ארבייט אויף דאָס ניי ניט אָנגעפאַנגען; אין גאַסטאָן־מאַריע האָט מען געדאַרפט אריינשטעלען א נייע מאַשינע, און טראָץ דעם, וואָס מען האָט זיך דאָס געאיילט צו טאָן, האָט זיך דאָס וואַסער אריינגעריסען אין שאַכט, און דאָס האָט פעראורזאַכט גרויסע קאָסטען אויצופּאָמפּען עס. דעגווילען האָט זיך ענדליך געווענדעט צו דיא גרעגוארס און געבעטען, זיי זאָלען איהם אויסלייהען הונדערט טויזענד פראַנק, און אָבוואָהל ער האָט ערוואַרטעט, אז זיי וועלען איהם אָבזאָגען, האָט דאָס איהם אין גאַנצען ארויסגעבראַכט פון זיך. זיי האָבען איהם פערזיכערט, אז זיי טהוען דאָס נאָר פון פריינדשאַפט וועגען, אום צו פערשפּאָר'ן איהם אן אומזיסטיגען קאַמפף. זיי האָבען איהם געראַטען צו פערקויפען זיין מינע. נור ער האָט נאָך אַלץ דערפון ניט געוואָלט הערען און דענקען; איהם האָט אין כעס געבראַכט דער געדאַנק, אז ער

זאָל זיין דיא בפרה־הינדעל פון דעם גאנצען סטרייק. ער האט געפיהלט, אז דאָס גאנצע בלוט שפארט איהם אין קאָפּ און עס פערכאפּט איהם דער אָטהעם און האָט געוואָרט, אז ער וועט דערפון קריגען דעם טויט. נור וואס האָט ער געקענט העלפען? ער האָט זיך געמוזט צוהערען, וואָס מען באָט איהם. מען האָט איהם בעשווינדעלט, מען האָט ארונטערגעזעצט דעם ווערט פון זיין רייכער סחורה, פון זיינע נייע איינגעריכטעטע מינען, צו וועלכע עס האָט נור געפעהלט דאָס קאפּיטאל צו ארבייטען. ער וועט דארפען זיין צופרידען, אויב ער וועט דערפון קענען ארויכשלאָגען אזוי פיעל, אז ער זאָל קענען דעקען זיינע חובות. צוויי טעג לאנג האָט ער זיך געוועהרט געגען דיא פערוואלטער, וואס זיינען געקומען נאָך מאָנטסו. דיא רוהנקייט, מיט וועלכער זיי האָבען אויסגענוצט זיין אונגליק, האָט איהם אזוי ארויסגעבראכט פון זיך, אז ער האָט אויסגעשריען מיט א דאָנערנדע שטימע: „קיין מאָל ניט!“ און דערביי איז ער געבליבען. זיי האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט אין פאריז, אום דאָרטען געדולדיג אויפצרוואַרטען, ביז איהם וועלען אויסגיין דיא כחות. עטיען האָט גוט פערשטאַנען, אז דיא קאָמפּאַניע וויל אויסנוצען דעניוילעון'ס אונגליק, אום ארויסצושלאָגען פון איהם זייערע הזיקות; און ער איז ווידער ארוים פון זיך ביי'ם אָנבליק פון דער שרעקליכער קראפט פון גרוים קאפּיטאל, וועלכעס איז אזוי שטארק, אז אין קאמפּף געווינט עס נאָך פון א נידערלאגע, איינפרעסענדיג דיא טויטע קערפּער פון דיא קלענערע אונטערנעהמער, וועלכע פאלען ביי זיין זייט.

צום גליק האָט איהם אויף מאָרגען זשאנלען געבראכט א גוטע נאכריכט. אין דער וואָריי־מינע האָט געהאלטען ביי'ם איינפאלען אלץ, וואָס דאָרטען איז געוועזען אויסגעבויט. דאָס וואסער האָט דורכגעגרונען דורך דיא לעכער, און מען האָט זיך געאייכט צו ברייגען א גאנצע מחנה טשעסלארעס צו פעררייכטען דעם שאָדען.

ביז יעצט האָט עטיען אויסגעמיידעט דיא וואָריי־מינע, מורא האָבענדיג פאר דער וואך, וואָס איז געשטאנען דאָרטען אויפ'ן בערגעל און געקענט זעהן ווייט, ווייט ארום. מען האָט דיא וואך ניט געקענט אויסמיידען, זיא איז געשטאנען אזוי וויא אין דער לופטען געבען פלאג פון רעגימענט. יעגען דריי אוהר אין דער פריה האָט זיך דער הימעל פערדונקעלט. ער איז אוועק צו דער מינע, וואו קאמעראדען האָבען איהם אנגעוויזען, וויא שלעכט דיא מינע איז ארומגעבויט; זיי האָבען זאָגאר געזאָגט, אז מען דארף פון דאָס ניי ארומבויען און דאָס וועט פערהאלטען דיא ארבייט אויף גוטע דריי מאָנאט. לאנג איז ער ארומגעקראָכען און זיך צוגעהערט צו דיא קלעפּ, וואָס דיא טשעסלארעס האָבען געמאכט מיט זייערע האמערס. דיא וואונד, וואָס זיי האָבען געמוזט פערבינדען, האָט איהם געפרייט.

ווען ער האָט זיך פאר טאָג אומגעקעהרט א היים, האָט ער דערזעהען דיא וואך אויפ'ן בערגעל. יעצט וועט זיא איהם זיכער בעמערקען. פאָרטזעצענדיג זיין וועג, האָט ער געטראכט וועגען דיא סאָלדאטען, וועלכע מען האָט ארויסגעשלעפּט פון מיטען פאָלק און בעוואפענט געגען דעם פאָלק. וויא לייכט וואָלט געוועזען דער זיעג פון דער רעוואָלוציאָן, ווען דיא ארמעע וואָלט צו איהר פלוצים צוגעשטאַנען! עס וואָלט געווען גענוג, אז דער ארבייטער און דער פויער אין דיא קאזארמעס זאָלען זיך דערמאָנען, פון וואַנען זיי קומען ארוים. דאָס איז געווען דער גרעסטער געפאהר, דער גרעסטער שרעק, וואָס פערורזאכט א דינקשאפּעריי ביי דער בורזשוא, ווען אזא געדאנק פער'גנב'עט זיך זיי אין דיא מוחות. אין צוויי שטונדען וואָלטען זיי געוועזען אויסגעראָטעט, אויסגעראמט, מיט אלע פערגניגענס און אבשייליכקייטען פון זייער אונגערעכטען לעבען. א קלאנג האָט זיך ארומגעטראָגען, אז גאנצע רעגימענטען זיינען אָנ־

געשטעקט מיט סאציאליזמוס. איז דאס אמת? וועט דיא גערעכטיגקייט קומען פון דיא קויכען, וואס דיא בורזשוא האבען צוטהיילט צווישען דיא סאלדאטען? און פלויים האט ביי איהם ערוואכט א נייע האפנונג, אז דער רעגימענט, וועלכער בעוואכט דיא מינען, וועט איבערגיין צו דיא סטרייקערס, וועט אויסשיסען אלע בורזשוא און דיא קאמפאניע און וועט איבערגעבען דיא מינען צו דיא ארבייטער.

ערשט יעצט האט ער זיך ארומגעזעהן, אז פערטראכטערהייד איז ער געגאנגען גלייך צום בערגעל. פאר וואס זאל ער מיט דעם סאלדאט ניט אנפאנגען א געשפרעך? האט ער זיך גיכרעגט. דאס איז געוועזען א מיטעל צו בעקענען זיך מיט זיינע אנזיכטען. מיט א גלייכגילטיגע מינע איז ער נעהענטער צוגעקומען צום סאלדאט און געמאכט זיך וויא ער זוכט שפענער. דער סאלדאט איז אויף וואך און איז געשטאנען אונבעוועגליך.

— וואס פאר א שלעכטער וועטער, קאמעראד, האט ענדליך געזאגט עטיען. איך דיינק, עס וועט אויספאלען א שניי.

דער סאלדאט איז געוועזען א קליינער, בלאנדער, מיט א זאנפט-בלאסען געזיכט, אין גאנצען בעדעקט מיט זוממער-שפרינקלעך. מען האט אין איהם געזעהן, אז ער איז נאך א רעקרוט.

— יא, איך דיינק אויך, האט ער א מורמעל געטאן.

און ער האט לאנג געקוקט מיט זיינע בלויע אויגען צום הימעל, פון וואנען עס האט גענומען שפראצען דער טאג, וועלכער האט [illegible] צו זיין דונקעל און נעבעליג.

— וויא נארעש דאס איז, האט עטיען אנגעפאנגען, וואס מען שטעלט אייך אנידער דא, וואו עס ווערט אייך פערפרוירען דער מארך אין דיא ביינער. מען וואלט געקענט דיינקען, אז מען ערווארטעט א מחנה קאזאקען וועט אונז בעפאלען.... אויסער דעם איז דא אימער א שארפער ווינד.

דער קליינער סאלדאט האט זיך ניט בעקלאגט, כאטשע ער האט געציטערט פאר קעלט. ניט ווייט פון איהם איז אבער געוועזען א הייזעל פון גרויסע שטיינער, אין וועלכער דער אלטער באנעמאר פלעגט זיך בעהאלטען אין דיא שטורמישע נעכט; נור אזוי וויא דער סאלדאט האט געהאט א בעפעהל ניט צו פערלאזען דעם שפיץ בערגיל, האט ער פון זיין ארט ניט אבגעטראטען, טראצדעם וואס זיינע הענד זיינען געווען אזוי שטייף פון פראסט, אז ער האט ניט געפיהלט דעם ביקס אין דיא הענד. ער האט געהערט צו דער וואכע פון זעכציג מאן, וועלכע האבען בעוואכט דיא וואריי-מינער; און אזוי וויא ער האט געדארפט זיין זעהר אפט אויף דער וואך, זיינען איהם שיער דיא פיס אבגעפרוירען. דיא דיסציפלין פון דיא סאלדאטען האט דאס געפאדערט. א פאסיווע געהארכזאמקייט האט איהר שליסליך איינגעשלעפערט; ער האט געענטפערט אויף דיא פראגען מיט געשטאמעלטע ווערטער, וויא א פערשלאפען קינד.

אומזיסט איז געווען עטיען'ס מיה צו פיהרען א געשפרעך איבער פאליטיק. ער האט געענטפערט יא און ניין און האט געשיינט גאר ניט צו פערשטעהן. דיא קאמעראדען זאגען, אז דער קאפיטאן איז א רעפובליקאנער; ער קערט נאר ניט וועגען אזעלכע זאכען, איהם איז אלץ גלייך. ווען מען הייסט איהם שיסען — שיסט ער, ווייל ער וויל ניט ווערען בעשטראפט. עטיען האט זיך צו איהם צוגעהערט, איבערגעפילט מיט דער שנאה, וואס דאס פאלק טראגט געגען דיא בעוואפענטע מאכט, געגען יענע ברידער, ביי וועלכע מען בייט אויס דיא הארץ אויף א פאר רויטע הייזען.

— וויא הייסט איהר?

— זשול.

— פון וואנען שטאמט איהר?

— פון פלאַגאַף, ווייט פון דאַנען.

דאַביי האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנד און אָנגעוויזן אויף איין זייט פון האָריזאָנט. דאָס איז אין בריטאַן, און מעהר האָט ער ניט געוואוסט צו זאָגען. זיין קליין, בלאַס געזיכט איז וויא בעלעבט געוואָרן, ער האָט אָנגעפאַנגען צו לאַכען.

— איך האָב דאָרט א מוטער און א שוועסטער, זיי ערוואַרטען מיך זיכער. אַך! דאָס וועט ניט אַזוי גיך געשעהן. ווען איך בין געגאַנגען צום דיענסט, האָבען זיי מיך א לאַנגע שטיק וועג בעגלייט. מיר האָבען פון אונזער שכן לעפּאַמעק געליהען דאָס פערד; ביים פאָהרען איבער דיא טהאָלען פון אדריען האָט דאָס פערד שיער ניט צובראָכען דיא פיס. מיין קאַזין שאַרל האָט אונז ערוואַרטעט מיט וואורשט; נור עס איז געבליבען שטעקען אין גאָרגעל. דיא ווייבער האָבען צופיעל געוויינט. גאָט מיינער! גאָט מיינער! עס איז זעהט ווייט ביז אַהיים!

זיינע אויגען זיינען פייכט געוואָרן פון טרערען, נור ער האָט געשמייכעלט. דאָס וויסטע שטיקעל ערד פון פלאַגאַף, דער ווילדער שפּיץ פון בארג ראַץ, אויף וועלכען עס בלאָזען שטאַרקע שטורעמס, האָבען איהם געשיינט, וויא געבלאָזען אין דיא ליכט פון דער זון אין דער ראַזיגסטער צייט פון יאָהר ווען דיא פעלדער זיינען בעדעקט מיט בליהונג.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָט ער געזאָגט, אויב איך וועל ניט בעקומען קיין שטראָף, וועט מען מיר אין צוויי יאָהר אַרום אָבלאָזען אויף צוויי מאָנאַט אַהיים?

דאַן האָט עטיען גערעדט פון פּראָווענס, וועלכע ער האָט פערלאָזט נאָך אַלס קינד. דער טאָג איז געוואָרען אַלץ העלער און העלער. שניי האָט אָנגעהויבען צו פאַלען פון פאַרכמורעטען הימעל. ענדליך איז ער געוואָרען אונרוהיג, ווען ער האָט דערזעהן זשאַנלען, ארומקריכענדיג איבער דיא דערנער אין פעלד נאָהנט ערשטווינט, וואָס ער זעהט עטיען נעבען סאָלדאַט. דאָס אינגעל האָט צו איהם געווינקט, ער זאָל אַרונטערקומען פון בערגיל. וואָס האָט איהם גענוצט דער טרוים צו ווערען א גוטער ברודער מיט'ן סאָלדאַט? לאַנגע יאָהרען זיינען געווען נייטיג דערצו. זיין אומזיסטיגע פּראָבע האָט איהם געמאַכט טרויעריג, פּונקט וויא ער וואָלט פריהער געווען זיכער אין אַן ערפאָלג. פּלוצים האָט ער פערשטאַנען זשאַנלינ'ס ווינקען, מען איז געקומען אומבייטען דיא וואך, ער האָט זיך געאיילט צו גיין זיין וועג און זיך ווידער בעגראָבען אין דער מינע, ווידער א מאָל טיעף בעקימערט פון דער זיכערהייט אין א נידערלאַגע פאַר דיא אַרבייטער; וועהרענד דאָס אינגעל איז נעבען איהם געלאָפען און בעשולדיגט דאָס שמוציגע „מעשען קנעפּיל“ דעם אָפיציר, אַז ער זאָל האָבען געהייסען דיא וואך צו שיסען אויף דיא קוילענגרעבער.

זשול איז געשטאַנען אונבעוועגליך אויף'ן שפּיץ בארג, דיא אויגען פערלאָרען אין דעם געדיכטן פאַלענדען שניי. דער קאַרפּאָראַל איז געהענטער צוגעקומען מיט זיינע סאָלדאַטען. זיי האָבען זיך אומגעביטען מיט דיא סיגנאַלען.

און עס האָט זיך געהערט, וויא דיא שווערע טריט האָבען זיך ערווייטערט, אָבהילכענדיג וויא אין א לאַנד פון א פיינד.

צוואָר עס איז אַלץ העלער געוואָרען, נור אין דיא דערפער האָט זיך נאָר ניט גערירט; דיא קוילענגרעבער האָבען זיך פערצערט אין שטילען כעס, קוקענדיג אויף דיא סאָלדאַטען, וועלכע זיינען זיי געזעסען אויפ'ן קאַרק.

II

דער שניי האָט געשאָטען שוין צוויי טאָג. דיזען מאָרגען האָט ער אויפגעהערט, און אַן אייזיגער פראָסט האָט אָנגעכאַפּט דאָס אונגעהייער גרויסע ווינטער־פעלד, דאָס שוואַרצע לאַנד מיט דיא שוואַרצע גאַסען מיט דיא בוימער און מויערען,

געשאָטען מיט קוילען-שטויב, זיינען יעצט געוואָרען אין גאנצען ווייס דער דאָרף פון דיא צוויי הונדערט און פיערציג אין געלעגען בעגראָבען אונטער'ן שניי, אין גאנצען פערשוואונדען. קיין רויך האָט זיך ניט בעוויזען פון דיא קוימענס. אין דיא הייזער איז מעהר ניט געווען קיין פייער; זיי זיינען געווען אזוי קאַלט, וויא דיא שטיינער אויף דער גאס און דער שניי, וואָס האָט בעדעקט דיא דעכער איז ניט צושמאָלצען געוואָרען. עס האָט אויסגעזעהען וויא דער גייסט פון א טויטען דאָרף, איינגעהילט אין זיינע תכריכים. נור דיא מיליטער פאַטראָלען האָבען איבערגעלאָזט אין דיא גאסען דיא קויטיגע שפורען פון זייערע טריט.

ביי מאהיי אין הויז איז דער לעצטער שאָוועל שטויב-קוילען שוין פון נעכטען אויסגעגאנגען; פון צוזאַמענקלייבען עטליכע שטיקלאַך קוילען אויף'ן בערגעל איז ניט געווען צו דיינקען צוליעב דעם שלעכטען וועטער, און וועלכען זאָגאר דיא שוואלבען האָבען ניט געקענט אַבזוכען א שטרויעלע. אלזירע האָט זיך איינגע'עקשנ'ט און גע־וואָלט צוזאַמענקלייבען א פאָר קוילען אונטער'ן שניי מיט איהרע קליינע הענטלאַך און האָט זיך דערפון שטארק צונעקיהלט. דיא מוטער האָט איהר איינגעוויקעלט אין אַן אלטע קאָלדרע, ביז עס וועט קומען דער דאָקטאָר, וועלכען זיא האָט שוין צוויי מאָל געזוכט אוןביידע מאָל ניט געטראָפען. דאָס דיענסט מיידעל האָט איהר פערשפּראָכען, אז דער דאָק־טאָר וועט קומען אין דאָרף נאָך איידער דער טאָג וועט פערשווינדען, און איצט האָט זיא אויף איהם ארויסגעקוקט פון פענסטער. דאָס קינד האָט אויבען ניט געוואָלט פערבלייבען און איז געזעסען נעבען איהר אויף א שטוהלכ'ל, ניט ווייט פון קאַלטען אויווען, און זאָגאר עס האָט געשווידערט פאַר קעלט האָט עס דאָך געגלויבט, אז דאָ איז בעסער. דער אלטער באָנעמאָר, וועלכער האָט ווידער געליטען פון זיי פיס־קראַנקהייט איז געזעסען אנטקעגען איהר און האָט געשיינט צו שלאָפען. לעאָנאָרע און הענרי האָבען זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט. זיי האָבען זיך ארומגעשלעפּט איבער דיא גאסען מיט זשאנלען און האָבען געבעטעלט. מאהיי איז ארומגעגאנגען איבער'ן שטוב מיט שווערע טריט הין און צוריק, אָנקלאַפּענדיג זיך יעדעס מאָל אָן דער וואַנד מיט דער שטומפיגקייט פון א חיה, וואָס זעהט ניט מעהר וויא דיא ווענט פון איהר שטייג. אויך דער קעראָסין איז אויסגעגאנגען; נור טראָץ דער נאַכט האָט דיא ווידערשיין פון שניי אָנגעפילט דיא הויז מיט א מאַטע ליכט.

יעצט האָט זיך דערהערט פון דרויסען א קלאַפּעריי פון הילצערנע שיך; דיא לעוואַק האָט מיט כעס א שטויס געטאָן דיא טיר און פון שוועל א געשריי געטאָן צו מאהיי:

— אזוי ביזטו דאָס דיא, וואָס האָט געזאָגט, אז איך צווינג מיין באָרדער צו געבען מיר צוואנציג סו יעדעס מאָל, ווען ער שלאָפט מיט מיר?

דיא מאהיי האָט געצווינגען מיט דיא אקסלען און געזאָגט:

— לאָז מיך צורוה; איך האָב גאָר ניט געזאָגט.... ווייטער, ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?

— מען האָט מיר דערצעהלט, אז דו האָסט דאָס געזאָגט. דו דאַרפסט ניט וויסען, ווער...... אויסער דעם האָסטו אויך געזאָגט אז דו הערסט וויא מיר טרייבען אונזערע שווייגערייען אונטער דער וואַנד און אז אויף מיר איז א בארג שמוץ, ווייל איך ליג שטענדיג אויפ'ן רוקען ... ווערסטו וואגען מיר צו זאָגען אין דיא אויגען אז דו האָסט דאָס גאָר ניט געזאָגט.

דאָס אייביגע רכילות־טרייבען פון דיא ווייבער האָט שטענדיג געפיהרט צו אייזעלכע קריגערייען, אם מייסטען האָבען זיך געקריגט דיא פאַמיליען, וואָס האָבען געוואוינט א טהיר נעבען א טהיר. צווישען זיי פלעגען יעדען טאָג פאָרקומען קריי־

נעריייען און איבערבעטונגען. נור קיין מאל האבען זיי ניט ארויסגעוויזען אזוי פיעל ביייזקייט וויא איצטער. פון סטרייק און האט דער הונגער דעם כעס שארפער געמאכט, זיי האבען געפיהלט א בעדירפניס דורך צו פאטשען זיך; און אויסגעהיין צווישען צוויי רכילות ניצעס האט זיך שטענדיג געענדיגט מיט א בלוטיגען געשלעג, פון זייערע מענער.

דערוייכע איז אונטערגעקומען לעוואק און האט געשלעפט מיט געוואלד בוטעלו.

— אט איז דער קאמעראד; זאלל ער זאגען, צו ער צאהלט מיין וויב צוואנציג סו, כדי זיא זאל מיט איהם שלאפען.

דער באדער האט פערבארגען זיין פערלעגענהייט אונטער זיין גרויסע באָרד און געשטאמעלט:

— אה ניין .. נאר ניט.....קיין מאל ניט!....

יעצט האט לעוואק אויפגעהויבען זיין פויסט נעגען מאהיי.

— הער נור, מיר געפעלט דאס ניט! אז מען האט אזא וויב, צוברעכט מען איהר דיא ביינער....גלויבסטו אין דעם, וואס זיא האט געזאגט?

— נאט אין הימעל! האט אויסגעשריען מאהיי מיט כעס, פאר וואס מען האט איהם געשטערט זיינע מרה־שחורה'דיגע געדאנקען. וואס ווילט איהר ווייטער מיט אייערע רכילות? איז דען קארג צרות דא אהן דעם? לאז מיך צורוה, וואוים איך וועל דיר געבען קלעפ. און ווייטער: ווער האט דאס דיר געזאגט, אז מיין וויב האט עס געזאגט?

— ווער האט דאס געזאגט!....דיא פיררא'ן האט דאס געזאגט......

מאהיד האט אויסגעבראכען אין א הייזעריג געלעכטער און צוגייענדיג צו דער לעוואק, האט זיא געזאגט:

— איז דאס דיא פעררא'ן?... זעהר גוט; איך קען דיר זאגען, וואס זיא האט מיר געזאגט. זיא האט געזאגט, אז דו שלאפסט מיט דיינע ביידע מיידען אין איין צייט.

יעצט איז ניט געוועזען מעהר מעגליך צו מאכען א פשרה. יעצט זיינען אלע אריין אין צארן; דיא לעוואקס האבען פארגעווארפען דיא מאהייס, אז דיא פיעררא'ן האט פון זיי דערציילט נאך ערגערע זאכען; אז זיי האבען קאטערינען פערקויפט און אז זיי האבען זיך איינער פון אנדערען אנגעשטעקט, אפילו דיא קליינע קינדער — מיט א קראנקהייט, וואס עטיען האט מיט זיך געבראכט פון וואולקאן.

— דאס האט זיא געזאגט! דאס האט זיא געזאגט! האט געשריען מאהיי. גוט, איך אליין וועל אהין גיין, און ווען זיא וועט דאס מיר זאגען אין דיא אויגען וועל איך איהר צורה בעקאנט מאכען מיט מיינע הענד.

ער איז ארויסגעלאפען; דיא לעוואקס זיינען איהם נאכגעגאנגען, אום צו זיין עדות, ווערענד בוטעלו, א פיינד פון קריגערייען, האט זיך גערוקט א היים. אויך דיא מאהיד, וואס איז געוועזען ארויסגעבראכט פון זיך, האט זיי געוואלט נאכגיין, נאר אלזירע א קרעכץ האט איהר צוריקגעהאלטען. זיא האט דעם פערפרוירענעם קערפער פון דער קליינער בעסער צוגעדעקט מיט דער קאלדרע און איז ווידער צוגעגאנגען צום פענסטער, אום ארויסצוקוקען מיט פערוואלקענטע אויגען אין דרויסען. דער דאקטאר איז נאך אלץ ניט געקומען!

פאר דער טיהר פון דיא פיערא'ן'ס זיינען געשטאנען מאהיי און דיא לעוואקס און גערעדט צו פיעררא'ן'ס קליין מיידעלע. דיא טיהר איז געוועזען פערשלאסען; א דינער שיין פון ליכט איז געפאלען דורך א שפאלט פון לאדען פון פענסטער. אויף דיא פראגען, וואס מען האט געמאכט דאס מיידעלע, האט זיא אנפאנגס געענטפערט

פערלענעז; נייך, איהר פאטער איז ניט צו הויזע; ער איז אין וואש־הויז, ער איז גיגאנגען העלפען דער באבע ברילע ברייגנען דאס גרעט א היים. דערנאך איז דאס מיידעלע אין גאנצען צומישט גיוואָרען און האט ניט געוואוסט זאגען, וואס איהר מוטער מהוט, ענדליך האט זיא ארויסגיפלאצט מיט א ביטרע בייזען גילעכטער, און האט געזאגט אלץ, וואס זיא האט גיוואוסט: דיא מאמע האט איהר ארויסגעווארפען, וויל דער אויפזעהער דאנסאערט איז דא, און זיא וויל ניט זיין גישטערט מיט איהם אין ריידען. הערר דאנסאערט האט ארוסגעשלינדערט פון פריה אן מיט צוויי זשאנדארמען איבערן דארף און האט זיך בעמיהעט צונויפצוזאמלען דיא ארבייטער. אם מייסטען האט ער גערעדט מיט דיא שוואכע, האט געלאזט וויסען איבעראל, אז אויב מען וועט מאנטאג ניט גיין צו דער ארבייט, איז דיא געזעלשאפט ענטשלאססען אראבצוברייגנגען ארבייטער פון בעלגיען; ווען דיא נאכט איז צונעפאלען, האט ער דיא זשאנדארמען אוועקגעשיקט, וויל ער האט דיא פיערראן געטראפען אין דער היים אליין, און איז ביי איהר פערבליבען, אום, זיצענדיג ביים ברענענדיגען קאמין, צו טרינקען א גלעזעל קארטענעם בראנפען.

— שטיל, מיר וועלען זיי זעהען! האט געמורמעלט לעוואק מיט א מאוס׳ען געלעכטער. מען וועט זיך שפעטער צוזאמענריידען.... אוועק פון דאנען, דו נאר נישט!

דאס מיידעלע איז א פאר טריט אבגעטראטען, וועהרענד ער האט צוגעלייגט איין אויג צום שפאלט פון לאדען. ער האט אינטערוויילעכטס ארויסגעלאזט שטילע געשרייען, וויל דער רוקען האט איהם וויה געטהאן. יעצט האט דיא לעוואק אויך אריינגעקוקט, נור זיא האט באלד ערקלערט, אז עס עקעלט איהר. מאהיי האט איהר אבגעשטופט, אום ער זאל אויך קענען ארומקוקען. דיא שוישפיעל האט זיך בעצאהלט, האט ער געזאגט, און זיי האבען ווידער אנגעהויבען אויף דאס ניי איינער נאך דעם צווייטען, וויא אין א קאמעדיע. דיא שטוב האט געפינקעלט פון ריינקייט. דורך א גוטען קאמין־פייער איז דארט געווען היימיש און ליכטיג; אויף׳ן טיש זיינען געשטאנען קייקס, א פלאש און גלעזער. מיט איין ווארט: דיא אונטערהאלטונג אין געווען גרויסארטיג. דאס, וואס דיא מענער האבען יעצט געזעהן, האט זיי יעצט זעהר פערביטערט. אונטער אנדערע אומשטענדען וואלטען זיי דאריבער זעקס מאנאט געלאכט. עס איז געווען צו קאמיש, וויא זיי האבען זיך דא געשטאפט ביז׳ן האלז. נור איז דאס ניט געווען א שווינעריי צו האבען זייער פערגנינגען ביי א גרויסען פייער, שטופענדיג זיך מיט ביסקוויקטס און בראנפען, וועהרענד דיא קאמעראדען האבען ניט געהאט קיין ברעקעל ברויט און א שטיקעל קויל?

— אט נעהמט דער פאטער, האט אויסגעשריען דיא מיידעלע, און איז אוועקגעלאפען.

פיערראן איז רוהיג אנגעקומען פון וואש־הויז מיט׳ן בינטעל וועש אויף דיא אקסלען. מאהיי איז גלייך צו איהם צוגעלאפען און אנגעהויבען ריידען צו איהם.

— הער נור אויס, מען האט מיר דערצעהלט, אז דיין פרוי האט געזאגט, אז איך האב מיין קאטערינען פערקויפט און מיר האבען זיך איינער פון צווייטען זיך אנגעשטעקט.... און וואס טהוט זיך ביי דיר אליין אין הויז? וואס צאהלט דיר דער הערר, וואס ניצט יעצט ווידער אום דאס לייב פון דיין פרוי?

וויא בעטויבט פון דעם פלעצליכען אנגריף האט פיעררואן אזוי גיך ניט פערשטאנען, וואס מאהיי מיינט. זיין פרוי ערשראקען פון טומעל אויף דער גאס האט האלב געעפענט דיא טהיר אום צו זעהן, וואס עס טהוט זיך. זיי האבען איהר דערזעהען מיט אן אפען לייבעלע, דאס קלייד פערקאסערט ביז׳ן גארטעל, וועהרענד

אונטער איהר איז געשטאנען הערר דאַנזאָערט, וועלכער האָט משונה געשווינד נאָ־צוינגען אויף זיך דיא הויזען. דער אויבער־אויפזעהער איז אנטלאָפען, ציטערנדיג פאַר אַנגסט, אז דאס וועט דערגרייכען צום דירעקטאָר'ס אויערען. יעצט האָט זיך אָנגעהויבען א גרויליכער סקאנדאל, געלעכטער, קללות.

— דוא זידעלסט שטענדיג דיא אנדערע, דאָס זיי זיינען שמוציג, האָט געזאָגט דיא לעוואק צו דער פּיערראָן; עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דיא אליין ביזט זויבער, ווען דיא לאָזט זיך דיא אויפזעהער דיך ריין העבלעווען.

— יאָ, יאָ, דיר שטייט דאָס טאקע אָן צו ריידען וועגען פרעמדע, האָט געזאָגט לעוואק. דיא הור האָט געזאָגט, אז מיין פרוי שלאָפט מיט מיר און דעם באָרדער צוזאמען!.... יאָ, יאָ, מען האָט מיר דערצעהלט, אז דו האָסט דאָס געזאָגט.

דיא פּיערראָן איז געבליבען גאנץ רוהיג, אויסהערענדיג דיא אַלע זידלערייען. זיא האָט געפיהלט, אז זיא איז דיא שעהנסטע און דיא רייכסטע צווישען זיי אלעמען און האָט זיי פעראכטעט.

— וואָס איך האָב געזאָגט, האָב איך געזאָגט, לאָזט מיך צורוה!.... וואָס קימערן אייך מיינע אנגילעגענהייטען? אייך קריכען ארויס דיא אויגען פון קנאה, פאר וואָס מיר האָבען געלד אין באנק. איהר קענט אייך זאָגען, וואָס איהר ווילט: מיין מאן ווייס גאנץ גוט פאר וואָס הערר דאַנזאערט איז ביי אונז געווען.

אין דער ווירקליכקייט איז הערר פּיערראָן ארויס פון זיך און האָט אָנגעפאנגען צו פערטהיידיגען זיין פרוי. יעצט האָט זיך אָנגעפאנגען א קריעג מיט איהם. מען האָט איהם גערופען: פעררעטהער, שפּיאָן, בלוטהונד פון דער קאָמפּאניע; מען האָט איהם בעשולדיגט אז ער פארשפּארט זיך, אום צו געניסען פון דיא גוטע ביסען, וואָס קומען איהם צו דערפאַר, וואָס ער פערראטה זיי צו דער קאָמפּאניע. ער איז זיי קיין ענטפער ניט שולדיג געבליבען און האָט בעהויפּטעט, אז מאהיי האָט איהם געסטראשעט דערמיט, וואָס ער האָט צו איהם אין הויז אריינגעשמוגעלט צוויי ביינער, געלייגט אין א קרייץ איינער אויפ'ן צווייטען, און א מעסער. און דיא גאנצע קריג האָט זיך גיענדיגט, וויא אַלע אנדערע ווייבער־צאנקערייען, מיט א געשלעג צווישען דיא מאנסלייט. מאהיי און לעוואק האָבען זיך געוואָרפען מיט דיא פויסטען אויף פּיערראָן און מען האָט זיי געדארפט צונעהמען.

ווען דיא ברילע איז גיקומען פון וואש־הויז צוריק, איז פון איהר איידעם'ס נאָז גערונען בלוט וויא פון אַ'ן עמער. ווען מען האָט איהם דערצעהלט, וואָס דאָ איז פאָרגיקומען, האָט זיא בלויז געזאָגט:

— דער חזיר פערשווארצט מיר דאָס פּנים!

דיא גאס איז ווידער געוואָרן לוידינג; קיין שאטען האָט ניט בעפלעקט דיא מאַע ווייסקייט פון דער שניי. דער דאָרף איז ווידער פערזונקען געוואָרן אין א שטיל־קייט פון א בית הקברות און האָט געהונגערט ביי א קעלט, וואָס האָט א דורך געדרונגען דיא ביינער.

— איז דער דאָקטאָר געקומען? האָט מאהיי געפרעגט, צושליסענדיג דיא טהיר.

— ער איז ניט געקומען, האָט געענטפערט זיין ווייב, נאָך אַלץ שטייענדיג ביים פענסטער.

— האָבען זיך דיא קינדער שוין אומגעקעהרט אהיים?

— זיי זיינען נאָך ניט געקומען.

מאהיי האָט ווייטער אנגעהויבען זיין שווערען גאנג פון איין וואנד צו דער אנדערע, אין כעס, וויא אַן אָקס געטראָמפען פון א טוידטליכען קלאַפּ. דער אלטער באָנעמאָר איז געזעסען שטאַר און שטייף אויף זיין שטוהל, ניט אויפהייבענדיג

דעם קאָפּ. אלזירע האָט אויך גאָר ניט גערעדט און האָט זיך געמאַטערט איינ־צוהאַלטען זיך ניט צו ציטערען, אום ניט צו פערשטאָפּען קלעמענים איהרע עלטערן. אָבער טראָטץ איהר ווילען, האָט זיא געציטערט פון צייט צו צייט אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט דאָס ציטערן פון איהר שוואַכען דאַרען קערפּערל געקענט הערען פון אונטער איהר קאָלדרע וועהרענד זיא האָט מיט איהר גרויסע, אָפענע אויגען געקוקט אויף דער סטעליע, אויפ'ן מאַטען ווידערשיין פון דעם ווייסען גאָרטען, וועלכער האָט בעלויכטען דיא הויז וויא דיא שיין פון דער לבנה.

עס איז געוועזען דער לעצטער קאַמפּף מיט'ן טוידט. דיא שטוב איז געוועזען אין גאַנצען ליידיג, און דער דלות האָט געפייפט אין אַלע ווינקעלע. נאָכדעם וויא מען האָט אַרויסגעצויגען דיא וואָלל פון דיא מאַטראַצען און פערקויפט עס צו א הענדלערקע האָבען זיי מיט'ן זעלבען וועג געלאָזט גיין דיא לייליכער; דערנאָך זיינען פערשוואונדען געוואָרען דיא וועש און אַלץ פאַר וואָס מען האָט געקענט קריגען עפּעס געלד. איין אָבענד האָבען זיי פערקויפט דעם אַלטענס גאָזטיכעל פאַר צוויי סו. טרערען זיינען פערגאָסען געוואָרען ביים שיידען זיך מיט יעדע שטיקעל בעל הבתישקייט. דיא מוטער האָט ניט אויפגעהערט צו יאָמערן, וואָס זיא האָט געמוזט אוועקטראָגען אין איהר פאַרטוך א שאַכטעל פון ראָזע קאַרטאָן־פּאַפּיער, דאָס אַמאָליגע געשענק פון איהר מאַן, פיהלענדיג וויא א מוטער, וואָס דאַרף אוועקטראָגען איהר קינד, אום אונטערצו־וואַרפען עס אונטער א פרעמדען טויער. זיי זיינען געוועזען נאַקעט; זיי האָבען מעהר קיין זאַך ניט געהאַט צו פערקויפען, אויסער זייער לייב, נור דאָס איז שוין געוועזען אַזוי עלענד, אַז קיין מענש וואָלט דערפאַר קיין פעני ניט געגעבען. זיי האָבען זיך שוין מעהר קיין מיהע געגעבען עפּעס צו זוכען; זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי האָבען שוין מעהר קיין זאַך ניט, אַז זיי קענען שוין מעהר ניט האָפען אויף א שטיקעל ליכט, א שטיקעל קויל אָדער א קאַרטאָפעל. זיי האָבען ערוואַרטעט נור דעם טוידט און זיי האָט נור באַנג געטאָן פאַר דיא קינדער. עס האָט זיי פערדראָסען אויף דער איבריגער גרויזאַמקייט, וואָס האָט געבראַכט א קראַנקהייט אויף דיא קליינע און ניט געלאָזט איהר אַזוי דערוואַרגען ווערען.

— ענדליך איז ער דאָ, האָט געזאָגט פרוי מאַהיי.

א שוואַרצער שאָטען האָט פערביי־געצויגען פאַר דעם פענסטער, און דיא טהיר האָט זיך געעפענט; נור דאָס איז ניט געוועזען דער דאָקטאָר; זיי האָבען דערקענט דעם נייעם גלח אַבבע ראַנוויע, וועלכעס וויא עס האָט געשיינט, איז ניט געוואָרען איבעראַשט, טרעפענדיג דיא הויז אַזוי טוידט, אָהן ליכט, אָהן פייער, אָהן ברויט. ער איז שוין געוועזען אין דריי הייזער און איז געגאַנגען פון כאַמיניע צו פאַטיליע, אום איינצואוואַרבען אַרבייטער, אַזוי וויא דאַנסוער האָט געטאָן מיט זיינע זשאַנדאַרמען. ער האָט באַלד אָנגעהויבען מיט זיין ערדענטער, פיבער־האַפטער גנב'ישער שטימע.

— פאַר וואָס זייט איהר מיינע קינדער, ניט געוועזען היינטיגען זונטאַג צום עבעט? איהר טהוט ניט גוט; דיא קירכע אַליין קען אייך ראַטעווען...... פער־שפּרעכט מיר דעם נעכסטען זונטאַג צו קומען.

מאַהיי האָט איהם אָנגעקוקט און האָט ווייטער פאָרטגעזעצט זיין שווערן גאַנג, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט. זיין ווייב האָט געענטפערט דעם גלח:

— צום געבעט, הער גלח? צו וואָס? דער ליבער גאָט קימערט זיך זעהר ווייניג וועגען אונז. וואָס האָט מיין קליינע איהם געטאָן, וואָס דער פיבער קוועלט איהר אַזוי? קאַרג צרות האָבען מיר געהאַט; ער האָט איהר געדאַרפט קראַנק מאַכען אין א צייט, ווען מיר קענען איהר ניט געבען אפילו א ביסעל וואַרעמע זופּ.

דער פּריסטער איז געבליבען שטיין און האָט געהאַלטען פאַר זיי א לאַנגע רעדע. ער האָט אויסגענוצט דעם סטרייק, דעם שרעקליכען עלענד, דיא ערביטערטע

ראכע פון הונגער; ער האט דאס געטאן מיט דער הייסקייט פון א מיסיאנער, וועלכער פרעדיגט צווישען ווילדע פאר דעם רוהם פון רעליגיאן. ער האט געזאגט, אז דיא קירכע איז מיט דיא ארימע, זיא וועט ברייננען דיא גערעכטיגקייט צום זיעג, גאט'ס צארן אויף דיא אונגערעכטיגקייט פון דיא רייכע. און באלד וועט קומען דער טאג, ווארום דיא רייכע האבען זיך געזעצט אויף גאט'ס ארט און רעגירען אהן גאט, נאכדעם וויא זיי האבען גאטס מאכט צו זיך אין דיא הענד גענומען. אויב דיא ארבייטער ווילען, אז דיא גיטער פון דער ערד זאלען עהרליך געטהיילט ווערען, דארפען זיי זיך איבערגעבען צו דיא גלחים, אזוי וויא דאס פאלק האט זיך איבערגעגעבען צו דיא אפאסטאלען נאך יעזוס'ס טויט. וואס פאר א מאכט וועט דער פאפסט האבען, איבער וואס פאר א חיל וועלען דיא גלחים האבען צו קאמאנדירען, ווען דיא ארבייטער וועלען זיך זיי איבערגעבען! אין איין וואך וועט מען קענען אויסראמען דיא וועלט פון דיא שורקען, דיא אונווירדיגע הערען בעריאגען. ענדליך וועט קומען דער וואהרער רייך פון גאט; יעדער וועט בעלוינט ווערען נאך זיינע פערדינסטען, דאס געזעץ פון דער ארבייט וועט רעגולירען דאס אלגעמיינע גליק.

פרוי מאהיי, וועלכע האט זיך צו איהם צוגעהערט האט געמיינט, אז זיא הערט עטיענען, ווען ער פלעגט דערצעהלען, אז אין גיכען וועט זיך זייער עלענד ענדיגען. נור צו דיא גלחים האט זיא געהאט א מיסטרויען.

— וואס איהר דערצעהלט אונז דא, הערר פריסטער, איז זעהר שיין. נור ווייט איהר שוין מעהר ניט האנד אין האנד מיט דיא בורזשוא?.... אלע אונזערע פריהערדיגע פריסטער פלעגען עסען ביי'ם דירעקטאר אין שרעקען אונז מיט'ן טייוועל אין גיהנם, ווען מיר האבען געבעטען ברויט.

ער האט אנגעהויבען פון דאס נייע און גערעדט פון דעם אונגליקליכען מיס־פערשטענדניס, וואס הערשט צווישען פאלק און דער קירכע. יעצט האט ער פון הינטען ארום אנגעפאנגען צו זידלען די שטעטדיגע פריסטער, וועלכע לעבען אין וואוילטאג אין געהען האנד אין האנד מיט דער ליבעראלער בורזשואזיע און ווי־לען גאר ניט איינזעהען, אז דאס איז דיא זעלבע בורזשואזיע, וואס האט אוועק־גערויבט פון דיא פריסטער דיא הערשאפט פון דער וועלט. דיא בעפרייאונג וועט קומען פון דיא דארף־פריסטער; זיי וועלען זיך אלע אויפהויבען, אום מיט דער היכף פון דיא ארעמע און עלענדע ווידער צו בנשאפען דעם קריסטליכען רייך; איהם האט שוין בעצייטענס געדוכט, אז ער שטייט אן דער שפיצע; ער האט אויסגעגלייכט זיינע אקסלען און איהם האט געדוכט, אז ער איז א פיהרער, א רע־וואלוציאנער פון דעם עוואנגעליאום. דיא אויגען האבען זיך איהם אנגעצונדען מיט אזא ליכט, אז זיי האבען ליכטיגער געמאכט דעם גאנצען צימער, דיא פייע־ריגע רעדע האט איהם אזוי אוועקגעטראגען אין א'ן אנדער וועלט, אז ער האט אנגעהויבען צו ברויכען א מיסטישע שפראך, און דיא ארעמע לייט האבען גאר ניט פערשטאנען.

— עס איז ניט נייטיג אזוי פיעל צו ריידען, האט איהם מאהיי איבערגעריסען. ווען איהר זאלט אונז געוועזן ברייננען א ברויט, וואלט איהר בעסער געטאן.

— קומט זאנטאג אין קירכע, גאט וועט זארגען פאר אלץ, האט דער פריסטער געזאגט.

ער איז ארויס פון שטוב און אריין צו דיא לעוואקס. און אזוי איז ער געגאנגען פון שטוב צו שטוב, פון דארף צו דארף צווישען דיא הונגעריגע און עלענדע, אהן א נדבה, מיט ליידיגע הענד, אליין אן ארימער טייוועל, וואס האט געגלויבט, אז דאס ליידען וועט ענדליך ברייננען צום טריאומף פון דער קירכע.

מאהיי איז נאך אלץ ארומגעגאנגען הין און הער איבער'ן צימער. עס האבען זיך

נור געהערט זיינע שווערע טריט, פון וועלכע די ברעטער פון וואנד האבען געצי־טערט. צייטענוויז האט זיך געהערט א גערויש, דאס האט דער אלטער באנעמאר געשפיי׳ט אויפ׳ן קאלטען אייוועז, און ווייטער די קלעפ פון די טריט. אלזירע איז איינגעשלאפען און האט גערעדט פון היץ. זי האט געלאכט און געגלויבט, אז איהר איז ווארים און זי שפיעלט זיך אין שיין פון דער זון.

— יעצט גליהט זי אין פיעבער, האט געמורמעלט די מאהיי, טאפענדיג דעם קינד׳ס בעקלאף. אויפ׳ן שוויין איז שון מעהר ניטא וואס צו ווארטען. די רויבער האבען [illegible] פערבאטען איהם צו קומען.

זי האט גערעדט פון דעם דאקטאר און פון דער קאמפאניע. פלוצלונג האט זיך ביי איהר ארויסגעריסען א געשריי פון פרייד, ווען זי האט דערזעהן, ווי די טהיר האט זיך ווייטער געעפענט. נור איהרע הענד זיינען ווידער ארונטערגעפאלען, און זי איז געבליבען שטיין מיט א פינסטערן געזיכט.

— גוטען אבענד! האט געזאגט עטיען אין דער שטיל, פערמאכענדיג די טיר.

ער איז אפט אזוי געקומען ביי נאכט. די מאהיי׳ס האבען אויפ׳ן צווייטען טאג געוואוסט, וואו ער האט זיך בעהאלטען, נור זיי האבען דערפון קיינעם ניט גע־זאגט; אין דארף האט קיינער ניט געוואוסט, וואו ער איז הינגעקומען. דאס גע־היימניס האט איהם ארומגערינגעלט אזוי ווי מיט א לעגענדע; מען האט נאך אלץ געגלויבט אין איהם. געהיימניספאלע בעריכטע האבען זיך ארומגעטראגען וועגען איהם. ער וועט קומען מיט א׳ן ארמיי און מיט קאסטען פול מיט געלד. מען האט איהם אלץ ערווארטעט דורך א וואונדער; ער איז פאר זיי געווארען א׳ן אידעאל; ער האט זיי געדארפט אריינפיהרען אין דער שטאדט פון גערעכטיגקייט, וועלכע ער האט זיי צוגעזאגט. איינינע האבען דערצעהלט, אז זיי האבען איהם געזעהן אין א קארעטע אין דער געזעלשאפט פון דריי העררען, פאהרענדיג אויפ׳ן וועג פון מארשיען; נור מיט דער צייט איז געקומען דאס מיסטרויען. איינינע שפאסמאכער האבען איהם בעשולדיגט, אז ער ליגט בעהאלטען אין א קעלער, וואו די מוקעט ווארעמט איהם. דען זיין נאהענטקייט מיט איהר איז געווארען בעוואוסט און דאס האט איהם געשאדט. דאס פאלק איז צו איהם קאלט געווארען. די ארבייטער זיינען געווארען פערצווייפעלט, און די צאהל פון די איבערצייגטע איז אלץ קלענער געווארען.

— וואס פאר א הינטיש וועטער! האט ער געזאגט, און ביי אייך איז ניטא קיין נייעס? עס גייט אלץ ערגער און ערגער? מען האט מיר געזאגט, אז דער קליינער נעגרעל איז געפאהרען אין בעלגיען ברייננען סקעבס פון בארינאזש. אויב דאס איז אמת, זיינען מיר קאפוט.

א גרויל האט איהם אנגעכאפט, ווען ער איז אריינגעטראטען אין די אייז קאלטע, פינסטערע שטוב. ער האט א לאנגע צייט געדארפט קוקען ביז ער איז געוואוהנט געווארען מיט דער פינסטערניס און דערזעהן די אונגליקליכע. ער האט געפיהלט א׳ן עקעל פון א׳ן ארבייטער וואס שטייט דורך זיין בילדונג און זיין עהר־גייץ העכער פון זיין קלאס. וואס פאר א׳ן עלענד! ער האט ניט געקענט פערטראגען דעם געשטאנק פון די לייבער וואס זיינען געווען אלע צונויפגעווארפען אין איין קופע, און דער אנבליק פון דיעזע לײדען האט אין איהם ערוועקט אזא מיטלייד, אז ער האט אנגעהויבען צו זוכען ווערטער צו ראטהען זיי אונטערצוגעבען זיך.

נור מאהיי האט זיך געגען איהם אנידערגעשטעלט און האט אויסגעשריען:

— סקעבס פון בארינאזש! דאס וועלען זיי ניט וואגען! אויב זיי ווילען זעהן זייערע גרובען פערוויסטעט, זאלען זיי נור די בעלגישע ארבייטער ברייננען!

עטיען האט ערקלערט מיט א פערלעגענער מינע, אז מען קען זיך ניט ריהרען:

דיא פאלדאטען וועלכע בעוואכען דיא מינע, וועלען אויך בעוואכען דיא בעלגישע ארבייטער. און מאהיי האט אויסגעשטעלט זיינע פויסטען, זיינענדיג ארויסגעבראכט פון דערפון, וואס מען האט געפיהלט דיא ביקסען אונטערן רוקען. זיינען דען דיא קוילענגרעבער שוין נים מעהר דיא בעל הבתים אין זייערע אייגענע הייזער, אז זיי דארפען ארבייטען וויא קאטארזשניקעס, געצוואונגען פון געלאדענע געוועהר? ער האט ליעב געהאט זיין גרוב און ער האט שטארק געליטען, וואס ער האט שוין צוויי מאנאט נים געארבייט. איהם איז געווארען רויט פאר דיא אויגען, ווען ער האט געדיינקט פון דעם בזיון, וואס מען האט זיי געשראקען מיט סקעבס און ווען ער האט זיך דערמאנט, אז מען האט איהם צוריק אומגעקערט זיין ארבייטס־ביכעל, האט איהם אויף דעם געבראכען זיין הארץ.

— איבריגענס, ווייס איך נים פאר וואס בין איך אזוי אין כעס געווארען. איך געהער דאך שוין נים מעהר צו זיי.... און ווען זיי וועלען מיך פון דאנען פערטרייבען, וועל איך קענען אויף דער גאס אוועקפגר'ען.

— הער אויף! האט געזאגט עטיען, אויב דו ווילסט, וועלען זיי מארגען צוריקנעהמען דיין ארבייטער־ביכעל. מען זאגט נים אב קיין גוטען ארבייטער.

ער האט זיך אליין איבערגעריסען, דערהערענדיג וויא אלזירע האט געלאכט פון היץ. ביז יעצט האט ער נור געזעהן דעם שאטען פון דעם אלטען באנעמאר. דיא פרייד פון דעם קראנקען קינד האט איהם ארויסגעבראכט פון זיך. דער עלענד איז שוין געווען צו גרויס, ווען דיא קליינינקע זיינע גינאנגען צום גרונד. ענדליך האט ער זיך ענטשלאסען צו זאגען מיט א ציטערדיג קול:

— הער נור! כענגער אנהאלטען קען דאס נים....

פרוי מאהיי, וועלכע איז ביז יעצט געזעסען אונבעוועגליך, איז מיט א מאל אויפגעשפרונגען. זיא האט איהם געשריען אין געזיכט אריין, געזאגט איהם „דו" און געהאלטען זיך, וויא א מאנסביל:

— וואס זאגסטו? .... וואס זאגסטו?.... אה, דו זאגסט דאס? נאט אין הימעל!

ער האט איהר געוואלט ערקלערן, נור זיא האט איהם נים געלאזט אויסריידען ווארט.

— דו זאלסט עס נים בריינגען פאר דיין מויל, אז נים רייס איך דיר אויס מיט מיינע פינף פינגער דאס פנים, כאטשע איך בין א פרויענצימער.... וויא! צוויי מאנאט זאלען מיר דארבען, מיין גאנצע בעל־הבית'שקייט פערקויפט, ווערן אלע קראנק, און דאס אלץ אומזיסט, פאר גאר נישט? און דיא אונגערעכטיגקייט זאל זיך אנהייבען פון דאס ניי?...... הא! ווען איך טראכט נור פון דעם, דערשטיקט מיך שיער מיין בלוט. ניין ניין! איך וועל ניבער אלץ פערברעכען, צורייסען, איידער אונטערגעבען זיך.

מיט א דראהענדער בעוועגונג האט זיא אנגעוויזען אויף מאהיי, וואס איז געשטאנען אין דער פינסטער.

— הער! ווען איין מאן וועט זיך אומקעהרען צוריק צום גרוב, וועל איך זיין דיא יעניגע, וואס וועט איהם בעגעגענען אויפ'ן וועג איהם אנצושפייען אין פנים און אנרופען איהם: פיינטלינג!

עטיען האט איהר נים געזעהן, נור ער האט געפיהלט דיא היץ וויא פון דעם הייסען אטהעם פון א צורייצטע חיה; און ער איז צוריקגעטרעטען דערשראקען פון דער ווילדער משוגעת, וואס איז געווען זיין ארבייט. ער האט זיא געפונען אזוי פערענדערט, אז ער האט זיי מעהר נים דערקענט. זיא איז א מאל געווען אזא איבערגעליינטע, זיא פלעגט איהם מצכן פארווארפען פאר זיין האסטינקייט, פלעגט

זאָגען, מען טאָר קיינעם דעם טוידט ניט ווינשען. יעצט אבער האָט זיא פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערען. און דאָס איז געווען זיא, וואָס האָט געזאָגט, אז מען דאַרף אלץ צושמעטערן. ניט ער האָט יעצט גערעדט פון פּאָליטיק, נור זיא; מיט איין קלאַפּ האָט זיא געוואָלט אויסטוידטען אלע בורזשואַ; זיא האָט דאָס געפאָדערט די רעפּובליק און די גילאָטינע, אום צו בעפרייען די ערד פון די רייכע גנבים, וואָס זיינען פון דעם ארבייטערס פּאַצע פעט געוואָרען.

— יאָ, מיט מיינע צעהן פינגער וועל איך זיי שינדען.... עס איז שוין גענוג דענק איך, אונזער צייט איז שוין געקומען, דו אַליין האָסט דאָס געזאָגט .. ווען איך דערמאָן זיך, אז דער פאָטער, דער זיידע, דער עלטערזיידע און אלע אונזערע אבות האָבען געליטען אזוי וויא מיר ליידען און אז אונזערע זיהן און אונזערע אייניקלעך וועלען אויך אזוי ליידען, ווער איך ווילד און משוגע און וואָלט געקענט כאַפּען א מעסער.... מיר האָבען דאַמאָלס ניט גענוג געטאָן. מיר האָבען ניט געטערט איבערלאָזען אין מאָנטסו א שטיין אויף א שטיין, און עס טהוט מיר נור באַנג. וואָס איך האָב ניט דערלאָזט דעם אלטען צו דערוואַרגען די טאָכטער פון דעם בורזשואַ.... לאָזען זיי דען ניט מיינע עופה׳לעך דערוואָרגען ווערען פון הונגער?

איהרע ווערטער האָבען געקלונגען וויא די קלעפּ פון א האַק. דער געשלאָסענער האָריזאָנט האָט זיך ניט געוואָלט עפענען און אין דעם פערדרייטען קאָפּ פון צרות האָט זיך פערוואַנדעלט דער אידעאַל, וואָס האָט שוין מעהר ניט געקענט פערווירקליכט ווערען, אין גיפט און אין גאַל.

— איהר האָט מיר שלעכט פערשטאַנען, האָט עטיען קוים אויסגערעדט, וועלענדיג כאַפּען זיינע ווערטער צוריק. מען מוז קומען צו א פערשטענדניס מיט דער קאָמפּאַניע. איך ווייס, אז די גרובען האָבען געליטען גרויסע שאָדענס פון דעם סטרייק. די קאָמפּאַניע וועט געוויס איינשטימען צו קומען צו איין פערגלייכונג.

— ניין, קיין זאַך ניט! האָט זיא געברומט.

לעאָנאָר און הענרי זיינען אריינגעקומען מיט ליידיגע הענד. א העררהאָט זיי געשיינקט צוויי סו, נור אזוי וויא דאָס שוועסטערל האָט אלע ווייליע געשטופּט דאָס ברודערל, זיינען די צוויי סו ארונטערגעפאַלען אין שניי, און וויל זשאַנלען האָט זיי געהאָלפען זוכען, האָט מען עס ניט געקענט געפינען.

— וואו איז זשאַנלען?

— ער איז אנטלאָפען געוואָרען, ער האָט געזאָגט, ער האָט עפּעס צו טאָן.

עטיען האָט זיך צוגעהערט צו דיזער ערצעהלונג מיט א ווייטאָג אין הארצען. א מאָל איז די מאַהיי געווען גרייט צו שלאָגען די קינדער פאַר גיין בעטלען און יעצט שיקט זיא זיי אַליין אויסשטרעקען די האַנד.

יעצט איז דער יאָמער אין דער פינסטערער שטוב געוואָרען נאָך גרעסער. די קליינע האָבען זיך אומגעקעהרט א היים הונגעריגע און האָבען געבעטען עסען. פאַר וואָס עסט מען ניט? האָבען זיי געפרעגט. זיי האָבען זיך גענומען דרייען ארום שטוב און וואָרטשען און אַנגעטראָטען דער שטערבענדער שוועסטער אויף די פיס, אז זיא האָט גענומען קרעכצען פון פיין. די מוטער איז געוואָרען אויסער זיך און האָט זיך אויף זיי א וואָרף געטאָן אין דער פינסטער. זיי האָבען גענומען שרייען נאָך העכער, אז זיי ווילען עסען, און די מוטער האָט מעהר ניט אויסגעהאַלטען, האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין, ארומגענומען אלע קינדער, די קראַנקע אויך און האָט לאַנג, לאַנג געוויינט, טענה׳דיג דאָס הונדערטסטע מאָל די זעלבע ווערטער: „רבונו של עולם, פאַר וואָס נעהמסטו אונז ניט צו צו זיך? האָב רחמנות און מאַך מיט אונז א סוף און נעהם אונז צו צו זיך!” דער זיידע איז

נעזעסען אונגעוועגט אויף זיין אָרט און האָט אויסגעזעהן, ווי א אַן אַלטער בוים, וועלכען עס האָבען געבויגען און געקריממט רעגען און ווינד, ווערהרענד דער פּאָטער האָט אַלץ שפּאַצירט איבער'ן צימער הין און האָט צוריק און ניט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ.

יעצט האָט זיך דיא טהיר געעפענט; דאָס מאָל איז דאָס געווען דער דאָקטאָר.

— צום־שוואַרץ־יאָהר! האָט ער אויסגערופען.... איהר וועט אייערע אויגען ניט איבער־פיהרען פון א שטיקעל ליכט!.... ניכער, ניכער, איך האָב קיין צייט.

צום גליק האָט ער געהאַט ביי זיך שוועבעלאַך; דער פּאָטער האָט געמוזט זעקס שוועבעלאַך אָנצינדען איינע נאָך דער אַנדערער און צולייכטען, כדי ער זאָל קענען בעטראַכטען דיא קראַנקע. בעפרייט פון דער דעקע, האָט דיא קראַנקע גענומען ציטערן פאַר'ן פלאַקערנדען שיין פון דיא שוועבעלאַך; זיא איז געווען אויסגעדאַרט ווי א פייגעלע וואָס שטאַרבט אין שניי, און מעהר ווי איהר הויקער האָט זיך ניט געזעהען. זיא האָט געלאַכט, דאָס איז געווען דאָס משוגה'דיג לאַכען פון א שטאַרבענדע: דיא אויגען זיינען געווען ווייט אָפען, דיא דאַרע הענטלאַך האָבען זיך געקריממט אויף איהר הערצעל. און אַלס דיא מוטער, שיער ניט דערשטיקט פון שלוכצען, האָט גע־געפרעגט, צו עס האָט א זין, אַז איהר — אַז פאַר איהר — אַז דאָס איינציג קינד וואָס האָט איהר געהאָלפען אין שטוב, אַז אַזא גוטע און קלוגע קינד ... דאָ האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריען מיט כעס:

— זיא נייט אויס!.... זיא שטאַרבט פון הונגער! און זיא איז ניט דיא איינציגע; איך האָב דאָ געזעהן נאָך איינע אַזא ... איהר רופט מיר אַלע, אָבער איך קען גאָר ניט טאָן. איהר דאַרפט פלייש אום געזונד צו ווערן.

מאַהיי האָט אַרויסגעלאָזט פון האַנד דיא שוועבעלע, ווייל זיינע פינגער האָבען זיך צוגעבערנט. אין דיא פינסטערניס האָט זיך אַראָבגעלאָזט ווייטער אויף דיא קליינע נאָך וואַרימע טויטע. דער דאָקטאָר איז אוועק. עטיען האָט מעהר ניט געהערט ווי דאָס וויינען פון דער מאַהיי אין איהר טענה'ן:

— גאָט, נעהם מיך צו! יעצט פאַלט דער גורל אויף מיר!...... גאָט, האָב רחמנות און נעהם צו מיין מאַן מיט דיא קינדער און זאָל ווערן א סוף.

III.

זאָנטאַגס־אָבענד א זייגער אַכט איז סואוואַרין געזעסען אַליין און ראַסענעיר'ס סאַלאָן אויף זיין געוועהנליכען פּלאַץ, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד. קיין איינציגער קויהלענגרעבער האָט מעהר ניט געהאַט דיא צוויי סו, וואָס מען האָט געדאַרפט דאָרטען צאָהלען פאַר א גלאָז ביער. קיין מאָל איז ניט געווען אַזוי ווייניג געסט אין דיא סאַלונס. פרוי ראַסענעיר איז געזעסען אומעדיג נעבען בופעט, ווערהרענד ראַסענעיר איז געשטאַנען נעבען קאַמין און מיט א נאַבדיינקליכער מינע געקוקט אויפ'ן רויטליכען רויך פון דיא קוילען.

פּלוצים האָבען זיך אין דער טיעפער שטילקייט דערהערט דריי שטילע קלעפּ אין פענסטער. סואוואַרין האָט א דריי געטאָן דעם קאָפּ. ער האָט דערקענט עטיען'ס צייכען, מיט וועלכען יענער פלעגט איהם אַרויסרופען, ווען ער האָט איהם דורכ'ן פענסטער געזעהן, ווי ער זיצט פאַר'ן טיש און רויכערט א פּאַפּיראָס. נור איידער דער מאַשיניסט האָט דערגרייכט צו דער טהיר, האָט איהר שוין ראַסענעיר געעפענט און, דערקענענדיג פאַר'ן שיין פון פענסטער, ווער דאָס איז, האָט ער צו איהר געזאָגט:

— וואָס איז, דו האָסט מורא, איך זאָל דיך ניט אַרויסגעבען?... איהר וועט דאָ א סך בעקוועמער קענען ריידען, ווי אין גאַס.

עטיען איז אריינגעגאנגען. פרוי ראסענער האט איהם העפליך אנגעבאטען א גלאז ביער, נור ער האט זיך ענטזאגט. דער שיינקער האט גערעדט ווייטער:

— איך האב שוין לאנג פערשטאנען, וואו דו בעהאלטסט זיך. ווען איך וואלט געווען א שפיאן, וויא דיינע גוטע פריינד זאגען, וואלט איך שוין מיט אכט טאג צוריק געקענט שיקען צו דיר דיא זשאנדארמען.

— דו דארפסט זיך ניט פערענטפערן, האט געזאגט עטיען, איך וויים, אז דו האסט קיין מאל אזא ברוים ניט געגעסען.... מען קען האבען פערשידענע אנזיכטען און מען קען איינער דעם צווייטען שעצען.

ווייטער א מאל איז געווארען שטיל. סאווארין האט זיך ווייטער געזעצט אויף זיין שטוהל מיט'ן רוקען צו דער וואנד. זיינע אויגען האט מען ניט געקענט זעהן צוליעב דעם רויך פון זיין פאפיראס; אבער זיינע פינגער האבען געציטערט אין א פיעבער פון אונגעדולד. ער האט מיט זיין האנד געפיהרט איבער'ן קניע, זוכענדיג דאסווארעמע פעלכיל פון דעם קראליק, וואס איז היינט ניט געווען נעבען איהם. ער האט זיך געפיהלט ניט גוט, איהם האט עפעס געפעהלט און ער האט ניט געוואוסט וואס.

עטיען האט זיך אנידערגעזעצט פון צווייטען זייט טיש און האט ענדליך געזאגט:

— מארגען פאנגט מען אן אין דער ווארריי גרוב צו ארבייטען. דער קליינער גענעראל איז אנגעקומען מיט דיא בעלגיער.

— מען האט זיי אויסגעלאדען אנהייב אבענד, האט געמורמעלט ראסענער, זאל נור ווידער א מאל ניט אויסברעכען קיין געשלעג.

יעצט האט ער אנגעהייבען רעדען מיט א העכערען קול:

— איך וויל ניט אנפאנגען מיט דיר ווייטער א קריעג, נור איהר וועט האבען א שלעכטען סוף, אויב איהר וועט זיך לייגער איינשפארען..... איהר האט דא דיא זעלבע געשיכטע, וויא דיא פון דיין אינטערנאציאנאל. פארגעסטערן האב איך אין ליל, וואו איך בין געווען צוליעב מיינע א געשעפט, געטראפען פולשאר'ן; זיין רעדעל האט זיך, וויא עס שיינט, אויך איבערגעדרייט.

און ער האט אנגעהויבען צו דערציילען דיא איינצעלהייטען. דיא אינטערנאציאנאלע האט מיט איהר פראפאגאנדא, וואס האט געמאכט דיא בורזשוא ציטערן, געוואונען דיא ארבייטער פון דער גאנצער וועלט. און יעצט ווערט זיא מיט יעדען טאג מעהר צובראכען דורך דעם אינערוויינינגסטען קאמפף פון איהרע פיהרער, דורך זייער אייטעלקייט און עהרגייציגע שטרעבונגען. צייט דיא אנארכיסטען טריאומפירען, צייט זיי האבען פערטריבען דיא עוואלוציאניסטען, וועלכע זיינען א מאל געווען דיא פיהרער, שאקעלט זיך דיא גאנצע געביידע; זייער ערשטער ציעל צו רעפארמירען דעם לוין סיסטעם, איז צוליעב דעם קריג פון דיא סעקטע, אין גאנצען פערגעסען געווארען; דיא שארפזיניגע און קינסטליך געמאכטע בענדער זיינען פון האס געגען דיסציפלין אין גאנצען צוריסען געווארען, און מען קען יעצט פאראוים זאגען, וואס וועט זיין דיא ענדע פון דער ריעזענהאפטער בעוועגונג, וועלכע האט געשיינט צו זיין אין שטאנדע מיט איין בלאז אוועקצובלאזען דיא אלטע פערפוילטע געזעלשאפט.

פלושארד איז פון הארצקלעמענים קראנק געווארען, האט ראסענער פארטגע־זעצט. צום אונגליק האט ער פערלארען זיין קול, נור דאך רעדט ער, און וויל אפילו ריידען אין פאריז. ער האט מיר דריי מאל געזאגט, אז אונזער סטרייק איז פערלארען.

עטיען האט ארונטערגעלאזען דעם קאפ און געלאזט איהם רעדען. מיט א פאר טאג צוריק האט ער גערעדט מיט קאמעראדען און האט דערפיהלט ביי זיי א

פארבארגענע האט געגעבן זיך, מיט וואס דאס פאלק בעצאהלט געוועהנליך, ווען מען דארף ליידען א נידערלאגע. ער האט רוהיג געשוויגען. ער האט ניט געוועלט זיך מודה זיין פאר א כענישעי, וועלכער האט איהם דאס אלץ פאראויס געזאגט, אז זיינע איינהייגענער וועלען דיא ערשטע ווארפען אין איהם מיט שטיינער, ווען דער סטרייק וועט זיין פערשפילט.

— געוויס, דער סטרייק איז פערלארען, האט ער ענדליך געזאגט. איך וויס דאך אזוי גוט ווי פלושארד. מיר האבען ניט געוואלט ארוס אין סטרייק; מיר האבען געוואוסט, אז מיר וועלען גאר ניט קענען מאכען נעגען דער קאמפאניע, נור מען נארט זיך אליין אב, און נאכדעם ווי מען פערלירט, קלאגט מען און מען וויינט נראדע ווי מען וואלט דאס פריהער ניט געוואוסט.

— אויב דו דיינקסט, אז דאס שפיעל איז פערלארען, פאר וואס ברייננסט דו ניט דיינע קאמעראדען צום שכל ? האט געפרעגט ראסיניער.

דער יונגער מאן האט אויף איהם שארף א קוק געטאן:

— לאז מיך צורוה; עס איז גענוג. דו האסט דיינע אידעען, איך האב מיינע. איך בין אהער אריינגעקומען צו וויזען דיר, אז איך רעספעקטיר דיר, נאר איך דיינק, אז ווען מיר וועלען פאלען פון הונגער פאר דער זאך פון דעם פאלק, וועלען מיר ברייננען מעהר נוצען, ווי מיט אייער גאנצע קלוגע פאליטיק... אך! ווען איינער פון דיא שווייניש סאלדאטען וואלט מיר געשאסען, ווי גוט וואלט געווען אזא ענדע!

זיינע אויגען זיינען פייכט געווארען פון דער אויסגעשריי, אין וועלכען האט זיך געהערט דער געהיימער וואונש פון א בעזיעגטען, וואס וויל אין טויט בעגראבען זיינע ליידען.

— גוט געזאגט! האט ערקלערט מאדאם ראסענעיר און א ווארף געטאן א בליק, פול מיט פעראכטונג אויף איהר מאן.

סואווארין איז נאך אלץ געזעסען פערטראכט און געשיינט גאר ניט צו הערען. נור פ וצים האט זיין בלאנדע, מיידעלשע געזיכט, מיט א דינער נאז און שפיציגע ציינדלאך, אנגענומען א ווילדען אויסדרוק. עס האט אויסגעוויזען, ווי פאר זיינע אויגען האט יעצט א שוועב געטאן א גאנצע מחנה מיט בלוטיגע ערשיינונגען. ער האט זיך יעצט גענומען צוהערען און געענטפערט ראסענערין וועגען דער אינטער־נאציאנאלע.

— אלע זיינען פיינדליגע. מען וואלט געוועזן געקענט מאכען פון זייער מאשין דאס שרעקליכסטע ווערקצייג פון צערשטערונג, נור דאס האט מען בעדארפט וועלען, און קיינער האט ניט געוואלט און דאריבער איז דיא רעוואלוציאן ווידער דער־ווייטערט.

ער האט גערעדט ווייטער און געקלאגט זיך אויף דיא נארישקייט פון מענ־שען. אין רוסלאנד שטייט אויך אלץ אויף איין ארט; דיא פרישע נאכריכטען פון דארטען האבען איהם געמאכט פערצווייפעלט. זיינע אמאליגע קאמעראדען זיינען מייסטענס געווארען פאליטיקער; דיא שרעקליכע ניהיליסטען, פאר וועלכע גאנץ איירא פא האט געציטערט, זיינען ניט מעהר ווי דיא זיהן פון גלחים, און קליינבירגער, וועלכע קענען ווייטער ניט דיינקען ווי פון זייער נאציאנאלער בעפרייאונג. זיי מיינען, אז דיא גאנצע וועלט וועט בעפרייט ווערען מיט דעם, וואס זיי וועלען אבראמען פון ווענ איין דעספאט. און ער האט ווידערהאלט זיין אלטעסווארט: נאלע נארישקייטען!.... זיי וועלען קיין מאל ניט מאכען איין שריט פארווערטס מיט זייערע נארישקייטען!

און באלד האט ער אנגעהויבען מיט א שטילערע שטימע דערציילען זיי מיט

ביטערע ווערטער זיינע אמאליגע חלומות פון ברידערליכקייט. ער האט אויסגעוואר־פען זיין פערמעגען, זיין ראנג, און האט זיך אוועקגעלאזט צווישען דיא ארבייטער, נור דאריבער וויל ער האט געהאפט, דאס ענדליך וועט דאך קומען דיא צייט פון בעפרייאונג, ווען ארבייטער וועלען ארבייטען געמיינזאם און וועלען געניסען דיא פרוכט פון זייער ארבייט. א לאנגע צייט פלעגט ער צוטהיילען זיין געלד צווישען דיא קינדער פון דיא קוילענגרעבער. ער האט געפרובט צו ווערען איינס מיט דיא ארבייטער און קריגען זייער צוטרויען דורך זיין ריכטיגע, פינקטליכע האלטונג, נור דאס האט איהם קיין מאל ניט געלונגען, ער איז זיי געבליבען א פרעמדער. היינט אין דער פריה איז ער נאך מעהר פארביטערט געווארען פון א נאכריכט, וואס ער האט געלייענט אין א ציטונג.

זיין שטימע האט זיך געענדערט.

א הוטמאכער פון מארסעל האט געוואונען דעם גרויסען געווינס פון 100 טויזענד מארק און האט באלד ערקלערט, אז פון יעצט אן וועט ער לעבען פון רענטע...... יא, דאס איז אייער אידעע, פראנצויזישע ארבייטער האט ער גע־זאגט און געקוקט גלייך אויף עטיען. געפינען א"ן אוצר און שטילע הייד אליין, אין א ווינקעל איהם פערלעבען. איהר שרייט געגען דיא רייכע, נור אז איהר אליין ווערט רייך, ווילט איהר זיך ניט טהיילען מיט דיא ארמע...... איהר וועט קיין מאל ניט ווערטה זיין קיין גליק, אזוי לאנג וויא איהר וועט וועלען פערניכטען דיא בורזשוא נור דארום צו פערנעהמען זייערע פלעצער.

ראסענער האט אויסגעבראכען אין א געלעכטער. ד"ר נעדאנק, אז דער הוטמאכער פון מארסעל האט זיך בעדארפט אפזאגען פון דעם גרויסען געווינס, האט איהם געשיינט צו נאריש. סואוואַרין איז בלייך געווארען; זיין געזיכט האט אויסגעזעהען שרעקליך, און ער האט אויסגעשריען מיט אזא כעס, וואס האט גע־קענט נאנצע פעלקער אויסראטען.

— איך אלעמען וועט מען אפקאכען און אויסראטען. עס וועט אויסשטיין דער יעניגער, וואס וועט אייער געשלעכט פון פייגלינגע און ענאאיסטען אין גאנצען פערניכטען. זעהט איהר מיינע הענד? ווען מיינע הענד זאלען דאס קענען, וואָל־טען זיי געכאפט דיא ערד און אזוי לאנג געטרייסעלט איהר, ביז זיא וואלט צר־פאלען אויף שטיקלאך כדי איהר זאלט בלייבען ליגען אונטער דיא חורבות.

— גוט געזאגט! האט געזאגט פרוי ראסענער מיט איהר העפליכער און איבערצייגטער מינע.

עס איז ווייטער געווארען שטיל. עטיען האט באלד ווייטער אנגעהויבען צו ריידען פון דיא בעלגישע ארבייטער און אויסגעפרעגט סואווארען, וואס עס טהוט זיך יעצט אין דער וואָרייַמינע, נור דער מאשיניסט איז געוועזען פערטראכט און קוים געענטפערט. ער האט נור געוואוסט, אז מען האט צוטהיילט קוילען צווישען דיא סאלדאטען, וואס בעוואכען דיא מינע, און ער האט ווייטער אנגעהויבען צו שפילען נערוועז מיט דיא פינגער איבער דיא קניע; ענדליך האט ער זיך ארומגע־זעהען, אז איהם פעהלט דאס זיידענווייכע בערוהיגענדע פעל פון קראליק.

— וואו איז פאלאן? האט ער געפרעגט.

דער ווירט פון שיינק האט א קוק געטאן אויף זיין פרוי און האט זיך ווייטער צולאכט:

— פאלאן קינט יעצט א ווארעמע, האט ער געענטפערט.

צייט זשאנלען האט געשלאגען דעם קראליק, האט עס אנגעהויבען צו קריינקען און היינט האבען זיי בעשלאסען איהם צו שלאכטען און אפבראטען מיט קארטאפעל.

— יא און ניט לאנג האסטו דערפון גענאסען א פיסעל און געלעקט די פינגער.

סואווארין האט ניט גלייך פערשטאנען; באלד איז ער זעהר בלייך געווארען און א עקעל האט צוזאמענגעצויגען זיין געזיכט, און געגען זיין שטארקען ווילען האבען זיך איהם צוויי טרערען געשטעלט אין די אויגען.

דא מהיר האט זיך האסטיג געענדעט, און שאוואל האט אריינגעשלעפט קאטערינען. ער האט זיך שוין ארומגעשלעפט איבער אלע שיינקען פון מאנטסו טרינקענדיג ביער און בעריהמענדיג זיך, און מיט א מאל איז איהם איינגעפאלען צו בעזוכען ראסענעארס שיינק, אום צו בעוויזען די קאמעראדען, אז ער האט פאר זיי קיין מורא ניט. ער איז אריינגעגאנגען און געשריען צו קאטערינען:

— דו וועסט דא טרינקען א גלאז ביער, זאג איך דיר, און וועל צוברעכען דעם קאפ דעם ערשטען, וואס וועט אויף מיר קרום א קוק טאן.

קאטערינע איז בלייך געווארען, דערזעהענדיג עטיענען. שאוואל האט בייז א שמייכעל געטאן.

— פרוי ראסענעאר, צוויי גלעזער ביער!.... מיר וועלען טרינקען, פאר וואס די ארבייט הויבט זיך אן מארגען.

די ווירטהין האט אהן ווערטער אנגעגאסען; איהר ביער איז געוועזען פאר יעדען איינעם. עס איז געווארען שטיל; קיינער, ניט דער שיינקער, ניט זיינע געסט האבען זיך א ריהר געטאן.

— איך קען מענשען, וועלכע האבען געזאגט, אז איך בין א שפיאן, האט אנגעפאנגען שאוואל מיט א גרויסען טאן, און איך וויל זיי זאלען דאס מיר זאגען אין פנים אריין, כדי איך זאל זיך קענען מיט זיי אברעכענען.

קיינער האט ניט געענטפערט. די מענער האבען אבגעקעהרט די קעפ און געקוקט אויף די וואנד.

— עס זיינען פאראן נגבים, וואס האבען מורא פאר'ן שיין פון טאג און עס זיינען פאראן מענשען, וואס זיינען ניט אזוי. איך האב זיך גאר ניט צו באהאלטען; איך האב דענולען'ס שכוציגען שטיבעל איבערגעלאזט און איך גיי מארגען ארבייטען אין דער ווארייִ-מינע מיט צוועלף בעלגיער, איבער וועלכע איך וועל זיין דער אויפזעהער, ווייל מען אכטעט מיר, און אויב עמיצען געפעלט דאס ניט, זאל ער דאס זאגען און מיר וועלען דערפון ריידען.

זעהענדיג, אז מען ענטפערט איהם מיט פערעכטליכען שווייגען, איז ער בייז געווארען אויף קאטערינען.

— וועסטו טרינקען? קלאפ צו פאר'ן קראפירען פון אלע שוויינען, וואס ווילען ניט ארבייטען.

זיא האט צוגעקלאפט; איהר האנד האט דאבייא אזוי געציטערט, אז דאס גלאז איז איהר שיער ניט ארויסגעפאלען. ער האט ארויסגענומען פון קעשענע א פולע האנד מיט זילבער און האט עס צושפרייט אויפ'ן שיינקטיש.

די האלטונג פון די אנוועזענדע האט איהם אזוי אויפגעבראכט, אז ער איז איבערגעגאנגען צו דירעקטע בעליידיגונגען.

— אזוי, ביי נאכט קריכען די מייז ארויס פון די לעכער און נאר ווען די זשאנדארמען שלאפען, בעגעגנט מען די באנדיטען!

עטיען האט זיך ענטשלאסען, אבער רוהיג אויפגעהויבען.

— הער נור, דו האסט מיר דערעסען; האט ער געזאגט.... יא, דו ביזט א שפיאן; דיין געלד שטינקט מיט פערראט און עס עקעלט מיר צו ריהרען זיך צו

דיר. נור זאָל זיין, עס איז שוין לאַנג צייט, אז איינער פון אונז זאָל דעם צווייטען אויפעסען.

שאוואל האָט צונויפגעקוועטשט דיא פויסטען.

— מען מוז דיר אסך ריידען, אום דיר צו דערוואַרעמען א ביסעל, פערפלוכטער פייגלינג. דו ווייסט מיר בעצאָהלען פאר אייער גאַנצע שווייניש האנדלונג מיט מיר.

קאַטערינע האָט זיי ביידען געוואָלט אָבהאַלטען, נור זיא האָט באלד פערשטאַנען, אז דאָס איז אומזיסט, אז דאָס איז א נויטווענדיגקייט. זיא האָט זיך אָנגעשפארט אָן א וואַנד און האָט מיט איהרע גרויסע אויגען מיט שטומען שרעק געקוקט אויף דיא צוויי מענער, וואָס זיינען צוליעב איהר פארטיג געווען איינער דעם צווייטען טויטען.

פרוי ראַסענער האָט זיך בעגעגענט מיט דעם, וואָס זיא האָט צוגענומען דיא גלעזלאך, זיי זאָלען ניט צובראָכען ווערן. זיא האָט זיך גלייך ווידער אַנידערגעזעצט און האָט זיך רוהיג צוגעקוקט. ראַסענעער האָט זיך געוואָלט אריינמישען, זאָגענדיג אז ער קען ניט צו זעהן, וויא צוויי קאַמעראַדען ווארגען איינער דעם צווייטען אָבער, סואוואַרין האָט איהם מיט גוואַלד אָבגעשלעפט און געזאָגט:

— דאָס איז ניט דיא זאַך.... איינער איז איבריג; דער שטאַרקערער מוז בלייבען ביי'ם לעבען.

ניט וואַרטענדיג, אז עטיען זאָל אָנהויבען, האָט שואַל גענומען וואַרפען מיט דיא פויסטען אין דער לופט און ניט אויפגעהערט צו זידלען.

— איך וועל דיר דיין נאָז צוברעכען, איך וועל דיר דיין צורה צורייסען, און דאַמאַלס וועלען מיר זעהן, אויב מיידלעך וועלען דיר נאָכלויפען.

שטום מיט צונויפגעקריצטע ציינער האָט עטיען געקעמפט. זיין קליינע פיגור געשטאַלט האָט געלעבט און ער האָט זיך געסטאַרעט צו האַלטען מיט קלעפ אויף יענע פלעצער, וואָס זיינען ניט געווען פערדעקט.

— געטראָפען! האָט אויסגעשריען שאוואַל — געבענדיג עטיען א קלאַפ אין אַקסעל. עטיען האָט איינגעהאַלטען א שמערצליכען געשריי, ער האָט געענטפערט מיט א שטאַרקען קלאַפ אין שאוואַל'ס ברוסט, פון וועלכען שאוואַל איז שיער ניט אומגעפאַלען. א מינוט איז ער געבליבען שטיין אָהן אָטהעם, און ניט קענענדיג מעהר הערשען איבער זיך, האָט ער א ציעל געטאָן מיט דעם שוך אין עטיען'ס בויך.

— נעהם דאָס! האָט ער א געשריי געטאָן. לאָמיר א מאָל זעהען דיינע געדערים.

עטיען איז צו דער צייט אָבגעשפרונגען און אויסגעמיידט דעם קלאַפּ, נור ער איז אזוי אויפגעבראַכט געוואָרען פון שאוואַל'ס אונאָרענטליכען פייטען, אז ער האָט אויסגעשריען:

— שווייג, בהמה! און נעהם צו דיא פיס. איך וועל דיר מיט א שטול צוברעכען דעם קאָפּ!

יעצט איז דער קאַמפף געוואָרען ערנסטער. ראַסענעער האָט זיך יעצט געוואָלט אריינמישען, נור א בליק פון זיין ווייב האָט איהם אָבגעהאַלטען. האָבען דען געסט קיין רעכט ניט צו פייטען זיך אין שענק? סאוואַרין האָט רוהיג געדרעהט א פאַפּיראָס, נור ער האָט בעסטענדיג אויף זיי געקוקט. קאַטערינע איז אַלץ געשטאַנען ביי דער וואַנד. זיא האָט געצויגען און געריסען איהר קלייד און געמאַטערט זיך איינצוהאַלטען פון שרייען, זיא זאָל מיט דעם ניט שאַדען איינעם פון זיי ביידען.

שאוואַל איז באַלד געבליבען אָהן כחות; ער האָט זיך שוין געבאָדען אין שווייס

און געשלאָגען גלאט אין דער וועלט אריין. עטיען, זאָגאר ער איז געווען אויפגע־בראכט, איז נאָך געווען גינוג קאלט, אום אויסצומיידען דיא שטארקע קלעפּ. איין קלאפּ האט איהם געטראָפען אין אויער און צושפּאָלטען איהם, א צווייטער האט איהם אָבגעריסען א שטיק הויט פון האלז, און דאָס האט איהם אזוי געשמארצט, אז ער האט זיך א שטארקערען וואָרף געטאָן אויף שאוואל. שאוואל האט אויסגעמיידט דעם קלאפּ, וואָס האט איהם געצאָלט פאלען אויף׳ן ברוסט, נור ער האט איהם געקראָגען אין געזיכט, גלייך אויף דער נאָז און אין איין אויג. פון דער נאָז איז איהם ארויס א שטראָם בלוט, דאָס אויג איז בלוי געוואָרן און געשוואָלען. פארבלענדט פון שטראָם בלוט, פערטויבט פון קלאפּ אין קאָפּ, האט ער וויא א בלינדער אָנגע־הויבען צו פאָכען מיט דיא הענד אין דער לופט, ווען א צווייטער קלאפּ האט איהם געטראָפען גלייך אין ברוסט און געגעבען איהם דעם רעסט. עס האט זיך דערהערט א קראך, שאוועל איז אנידערגעפאלען וויא א פלאכע.

עטיען האט געווארט.

— הייב זיך אויף, האט ער געזאָגט. אויב דיא ווילסט, קענען מיר אָנהייבען פון דאָס ניי.

שאוואל האט ניט געענטפערט; ער איז געלעגען גאנץ בעטויבט. באלד האט ער זיך אָנגעהויבען צו בעוועגען און אויסגלייכען דיא גליעדער. מיט מאטערניס האט ער זיך אויפגעהויבען און איז געבליבען שטיין אויף דיא קניע, זוכענדיג עפּעס אין דיא קעשענעס. פּלוצים האט ער זיך אויפגעהויבען און מיט א ווילדען געשריי א וואָרף געטאָן זיך אויף זיין געגנער.

נור קאטערינע האט דערזעהן און אָהן איהר ווילען האט זיך איהר פון הארצען אויסגעריסען א ווילד געשריי:

— גיב אכטונג! ער האלט א מעסער!

עטיען האט קוים צייט געהאט אבצוטויסען דעם ערשטען קלאפּ מיט זיין ארם. דיא וואָלענע שטאָף פון זיין רעקיל איז געווען דורכגעשניטען. ער האט שאוואל׳ן אנ־געכאפּט ביים ארם און צווישען זיי האט זיך אָנגעהויבען א קאמפּף אויף טויט און אויף לעבען, דען עטיען האט געוואוסט, אז ווען ער לאָזט איהם אָב, איז ער פערלאָרען. שאוואל האט מיט אלע קרעפטען געזוכט דיא האנד פריי צו מאכען און עטיען האט שוין צוויי מאָל געפיהלט אויף זיין לייב דעם קלינג פון דעם מע־סער. ער האט געוואוסט, אז ער מוז אנשטרענגען אלע זיינע כחות און ער האט אזוי שטארק גענומען קוועטשען שאוואלס האנד, אז דאָס מעסער איז ארויסגע־פאלען. זיי האָבען זיך ביידע געוואָרפען אויף דער פּאָדלאָגע, אום דאָס מעסער צו כאפּען און געכאפּט האט עס עטיען. מיט דיא קניע איז ער ארויפגעטראָ־טען אויף שאוואל און פערמאכט זיך ארייננשטעכען דאָס מעסער איהם אין האלז.

— פערדאמטער, פערדאמטער! האט ער אויסגעשריען. איך וועל דיר דער־שטעכען!

א ווילדע שטימע האט זיך אויפגעהויבען אין איהם און האט איהם בעטויבט. דאָס איז געווען א פּלוצליכער לוסט צום מאָרד, א בעדירפניס צו בלוט. נאָך קיין מאָל האט ער אזוי שטארק ניט געליטען פון אזא מין אָנפאל. און דאָך איז ער ניט געווען שכור. ער האט מיט זיך געקעמפּפט געגען זיין געערבטער קראנקהייט און ענדליך האט ער זיך בעזיעגט און דאָס מעסער א שליידער געטאָן הינטער זיך, מור־מעלנדיג מיט א גראָבען קול:

— שטיי אויף און גיי!

יעצט איז ראסענער אונטערגעלאָפען, נור ער האט כמעט ניט געהאט צוטרעטען צו נאָהענט, ער זאָל ניט קריגען קיין קלאפּ. ער האט ניט געוואָלט, אז אין זיין הויז

זאל איינער דעם צווייטען קוילען. און ער איז אזוי אריין אין כעס און אזוי זיך צושריען, אז זיין ווייב האט איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז ער שרייט שטענדיג צו שפעט. סואווארין, וועלכען דאס מעסער איז שיער ניט געפאלען אין פוס אריין, האט זיך ענדליך בעשלאסען אנצוצינדען זיין סיגארעט און ביי זיך געפרעגט: איז דאס אלעס? קאטערינע האט נאך אלץ געקוקט. זיא איז געשטאנען זעהר נאהענט נעבען דיא צוויי מענער, וו ס זיינען ביידע געבליבען לעבען.

— ניי! האט עטיען ווידערהאלט; גיי, אז ניט מאך איך פון דיר אן ענדע!

שאוואל האט זיך אויפגעהויבען און אבגעווישט מיט דער האנט דאס בלוט, וואס האט נאך אלץ שטארק גערונען פון נאז; און מיט זיין אויסגעשמירטער געזיכט אין בלוט און אונטערגעשלאגענע בלויע אויגען האט ער זיך ארויסגערוקט מיט כעס פון זיין נידערלאגע. קאטערינע איז איהם מעכאניש נאכגעגאנגען. דא האט ער צו איהר אויסגעלאזט זיין כעס און בענאסען איהר מיט א גאנצען מבול זידלערייען.

— ניין, ניין! האט ער געשריען. אז דו ווילסט איהם האבען, טא שלאף מיט איהם, שמוציגע בהמה! דיין פוס זאל מעהר ניט ארויפטרעטען אויף מיין שוועל אויב דיין לייב איז דיר טייער.

ער האט א קלאפ געטאן מיט דער טיהר. אין דער ווארעמער שטוב איז וויי־טער געווארען אזוי שטיל אז מען האט נור געהערט דאס טראסקען פון דיא ברע־נענדיגע קוילען. אויף דער פאדלאגע איז נור געוועזען צו זעהען אן איבערגעקעהרטען שטוהל און טראפען בלוט אין זאמד.

IV

נאכדעם וויא זיי האבען פערלאזט ראסענער'ס שיינק, זיינען עטיען און קא־טערינע געגאנגען איינער נעבען צווייטען. דאס וועטער איז געוועזען זעהר שלעכט, דער שניי האט נור וואס אנגעהויבען צו לאזען און איז געוועזען זעהר שמוציג. דיא לבנה האט מען קוים ארויסגעזעהען פון הינטער דיא וואלקענס. עס איז געוועזען שטיל, מען האט נור געהערט דאס קאפען פון דיא דעכער.

עטיען האט ניט געוואוסט וואס צו זאגען דעם ווייב, וואס מען האט איהם אזוי פלוצלינג אנגעווארפען אויפ'ן האלז. דער געדאנק, מיטצונעהמען איהר צו זיך אין שאכטע האט איהם געשיינט אונזיניג. ער האט איהר געוואלט פיהרען אין דארף צו איהרע עלטערן, נור זיא האט דערפון ניט געוואלט הערען. ניין, ניין; זיא קען זיך צו זיי יעצט ניט ווייזען, נאכדעם וויא זיא האט זיי אזוי מיאוס פערלאזט. און קיינער פון זיי ביידען האט מעהר א וואורט ניט גערעדט. אנפאנגס זיינען זיי געגאנגען צו דער ריכטונג פון דער וואריימינע, דערנאך האבען זיי זיך גע־נומען רעכטס און געגאנגען צווישען באהנ און קאנאל.

— דו מוזט דאך ערגעץ שלאפען, האט ער געזאגט ענדליך. ווען איך זאל האבען א שטוב, וואלט איך דיר גערן מיטגענומען....

ער האט זיך אין מיטען אבגעשטעלט. ער האט זיך ערינערט זיינע און איהרע פערגאנגענהייט, וויא זיי זיינען איינער פאר'ן צווייטען אויסגעגאנגען נור, צוליעב זייער שעמעדיגקייט האבען זיי זיך ניט פערבונדען. איז ער נאך אימער ניט גלייכגילטיג צו איהר? האט ער זיך געפרעגט. דיא ערינערונג וועגען דיא פעטש, וועלכע ער האט א מאל פון איהר געקריגען, האט איהם יעצט מעהר גערייצט וויא ערצירענט. דיא אידעע מיטצונעהמען איהר אין זיין נארע האט יעצט געשיינט גאנץ נאטירליך און לייכט אויסצופיהרען.

— זאג, וואו זאל איך דיר פיהרען?

זיא איז איהם נאכגעגאנגען לאנגזאם און שווער. איהרע הילצערנע שיך

האבען זיך אלע ווילע אויסגעגליטשט. מיט אן אראבגעלאזטען קאפ האט זיא געמורמעלט:

— איך האב צרות גענוג, קריינק מיר ניט מעהר. צו וואס וועט דיין פערלאנגען אונז פיהרען, אז איך האב א ליעבהאבער און דו א געליעבטע?

זיא האט געמיינט דיא מוקעט. זיא האט געגלויבט, אז ער לעבט מיט יענע מיידעל, וויא א קלאנג האט זיך גענומען פערשפרייטען שוין צייט צוויי וואכען. ער האט איהר געשוואוירען, אז דאס האט מען אויף איהם אויסגעטראכט; זיא האט נור געשאקעלט מיט'ן קאפ און דערמאנט איהם יענעם אבענד, ווען זיא האט זיי ביידען געטראפען קושען.

— איבער אזעלכע נארישקייטען! האט ער ווידער אנגעהויבען, בלייבענדיג שטיין, מיר וואלטען ביידע אזוי גוט געקאנט לעבען.

זיא האט זיך צונויפגעקארטשעט און גיענטפערט.

— בעדויער עס ניט, דו האסט ניט פיעל פערלארען, אז דו זאלסט וויסען וויא דאר איך בין, ניט דיקער וויא א שטיקעל פוטער פאר צוויי סו און דאביי אזוי שלעכט געבויט, אז איך וויל קיין מאל ניט ווערן קיין פרוי, קיין מאל ניט.

און זיא האט פארטגעזעצט אין א פרייערן טאן; זיא האט זיך בעשולדיגט, וואס זיא האט זיך אזוי לאנגזאם ענטוויקעלט, גלייך וויא דאס וואלט געוועזען איהר שולד. כאטש זיא האט שוין געלעבט מיט א מאן, איז איז זיא אלץ קלענער געוואָרען און צוריק געזונקען צו דיא רייהע פון קינדער. ווען מען קען ווייניגסטענס האבען א קינד האט מען כאטש אן ענטשולדיגונג.

— ארימע קליינע! האט עטיען געזאגט שטיל ערגריפען פון גרויס מיטלייד.

זיי האבען זיך יעצט געפונען אין טיעפען שאטען פון בערגע. א טיעף שווארצער וואלקען האט פערבמארעט דיא לבנה; זיי האבען שוין מעהר איינער דעם צווייטען ניט געזעהען, זיי האבען נור גיפיהלט דאס אטמען. זייערע ליפען האבען געזוכט יענעם קוש, נאך וועלכען זייער פערלאנגען האט זיי א מאל מאנאטען לאנג געקוועלט. פלוצים איז ארויסגעשוואומען דיא לבנה פון אונטער דיא וואלקענס, הויך איבער זייערע קעפ, הויך איבער'ן בערגיל פון וואריי, אויף וועלכען דער סאלדאט איז געשטאנען. און נאך איידער זיי האבען זיך גיקושט, האט זיי געשיידט דאס גיפיהל פון שעמעריי, יענע שעמעריי פון א מאל, צו וועלכע עס האט זיך צוגעמישט צארן, עפעס אבשטויסענדעס און צו דערזעלבער צייט פול פריינדשאפט. זיי האבען זיך געלאזט גיין ווייטער, קריכענדיג ביז דיא קנעכיל אין בלאטע.

— אלזא בלייבט דאס אזוי, דו ווילסט ניט? האט גיפרעגט עטיען.

— וואס? דו נאך שאוואל? און נאך דיר א'ן אנדערער?... ניין, דאס עקעלט מיר; איך געפין דאביי קיין שום פערגניגען ניט, צו וואס זאל איך דאס טאן?

זיי האבען גישוויגען און זיינען געגאנגען ווייטער ניט צו ריידען א ווארט.

— ווייסטו ווייניגסטענס וואו דו גייסט? האט ער ווידער גיפרעגט. איך קען דאך דיר אין אזא נאכט ניט לאזען אויף דער גאס.

זיא האט געענטפערט איינפאך;

— איך גיי א היים, שאוואל איז מיין מאן; איך האב קיין אנדער פלאץ ניט צו שלאפען אויסער ביי איהם.

— נור ער וועט דיך טויט שלאגען!

זיא האט געשוויגען און גלייכגילטיג א ציה געטאן מיט דיא אקסלען. ער וועט איהר שלאגען און ווען ער וועט מיעד ווערען וועט ער אויפהערען. איז דאס דען ניט בעסער וויא ארומשלעפען זיך איבער דיא גאסען וויא א הור? איבריגענס צו קלעפ איז זיא געוואהנט און זיך צום טרייסטען האט זיא געזאגט אז ניין מיידלאך

פון צעהן מאכען ניט בעסער וויא זיא. ווען איהר ליעבהאבער וועט א מאל איהר הייראטען וועט זיין גאנץ שיין פון זיין זייט.

עטיען און קאטערינע האבען זיך צוריק גענומען צום וועג נאך מאנטסו. זיי זיינען געגאנגען שטיל. ער האט מעהר ניט געפונען פון וואס מיט איהר צו ריידען, כאטשע איהם האט טיעף בעקימערט איהר אומקעהרען זיך צוריק צו שאוואל. איהם האט געבראכען דאס הארץ, נור וואס האט ער געקענט טאן? זיין לעבען איז געווען א לעבען פון אין אנטקאפענעס, א נאכט אהן א מארגען, יעדע מינוט האט איהם דיא קויל פון א סאלדאט געקענט אנידערלייגען טויט, פיעלייכט איז קליגער אויסצושטיין דיא צרות וואס מען האט און ניט קריכען אין נייע. און ער האט איהר בעגלייט ווייטער צו איהר ליעבהאבער'ס שטוב. ניט ווייט פון דארטען איז זיא געבליבען שטיין און געזאגט:

— גיי ניט ווייטער, ווען ער וועט דיר דערזעהן וועט זיך ווידער אנהויבען א העסליכע געשיכטע.

דיא גלאקען פון קלייסטער האבען געשלאגען עלף אוהר; דער שיינק, נעבען וועלכען זיי זיינען געשטאנען, איז געווען געשלאסען, נור דורך דיא שפאלטען פון טהיר האט זיך געזעהן ליכט.

— זיי געזונט! האט זיא געמורמעלט.

זיא האט איהם געגעבען דיא האנד און ער האט איהר געהאלטען אזוי לאנג ביז זיא האט געמוזט ארויסרייסען. זיא איז גלייך אריין ניט אומצוקעהרען דעם קאפ דורך דער קליינער טהיר פון איהר שטיבעל, נור ער איז נאך אלץ געשטאנען אויף זיין ארט מיט דיא אויגען געריכטעט צום הויז און פול מיט שרעק פאר דעם, וואס דארט קען טרעפען. ער האט אויסגעשפיצט דיא אויערן און מיט ציטערניס זיך צוגעהערט צו וועט ער ניט הערען דיא געשרייען פון דער געשלאגענער ווייב. דיא שטיבעל איז געבליבען דונקעל און שטיל. ער האט נור געזעהן וויא איין פענסטער פון דעם ערשטען שטאק איז געווארען ליכטיג און זעהענדיג, אז דאס פענסטער האט זיך געעפענט און א קליינער שאטען האט זיך ארויסגעבויגען, איז ער צוגעגאנגען נעהענטער.

קאטערינע האט צו איהם געזאגט אין דער שטיל:

— ער איז נאך ניט געקומען אהיים. איך לייג זיך שלאפען...... איך בעט דיר, גיי אוועק.

עטיען איז אוועק. דער שניי האט שטארק געלאזט. פון דיא דעכער האט געגאסען עמער־וויז. עס איז געווען זעהר פינסטער. אנפאנגס האט ער זיך געלאזט געהן צו דער שאכטע, וואו ער איז געווען בעהאלטען, ער איז געווען קראנק פון ערמידונג און טרויער און ער האט געוואלט פערשווינדען אונטער דער ערד און מעהר פון דארטען ניט ארויסקריכען. פלוצים האט ער זיך דערמאנט אן דער וואריי־מינע; ער האט זיך דערמאנט אן דיא בעלגישע ארבייטער, וועלכע וועלען זיך מארגען ארונטערלאזען צו דער ארבייט און אין זיינע קאמעראדען פון דיא ארבייטסדערפער וועלכע זיינען געווען פול מיט כעס נעגען דיא סאלדאטען און פעסט ענטשלאסען ניט צו צולאזען פרעמדע צו זייער מינע. — און ער האט זיך יעצט געלאזט גיין אהין מיט'ן קאנאל און געבראדשעט אין דיא טיעפע בלאטעס פון דעם צושמאלצענע שניי.

ווען ער איז צוגעקומען צום בערגעל איז דיא לבנה פלוצים ארויסגעשוואומען פון אונטער דיא וואלקען און געניטען שיינען זעהר העל. ער האט אויפגעהויבען דיא אויגען צום הימעל, וואו דיא וואלקען זיינען געווארען צוריסען פון שטורם אין ווייסע שטיקער. זיי האבען זיך אזוי געיאגט איבער'ן הימעל, אז דא האט דיא לבנה

נעשיינט העל און דא איז זיין גאנצען געווארען פערשטעלט. זיין בליק איז נעפאלען אויפ'ן סאלדאט, וואס האט מארשירט איבער'ן בערגעל הין און צוריק. ער האט בעמערקט הינטער'ן סאלדאט א שווארצען שאטען, וואס האט אויסגעזעהען ווי א חיה, וועלכע ווארט אויף א גוטע געלעגענהייט ארויפצואווארפען זיך אויף איהר אפפער: עטיען האט זיך דעם לאנגען דאזיגען קערפער דערקענט זשאנלען. דער סאלדאט אויף דער וואך האט איהם ניט געקענט זעהן. דער יונג האט געוויס געהאט אין זינן אבצוטאן א שלעכטע זאך, דען ער איז געוועזען שטארק אויפגעבראכט געגען דיא סאלדאטען און האט שטענדיג געפרעגט, ווען וועט מען פטור ווערען פון דיא מערדער, וועלכע זיינען געשיקט געווארען צו זיי אום צו הרג'ענען מענשען.

עטיען האט א ווילע געטראכט, צו זאל ער איהם ניט אברופען, כדי ער זאל ניט קענען טאן עפעס א נארישקייט. ער האט געזעהן, ווי דער יונג איז געשטאנען אויף אלע פיער און געוועזען פארטיג ווי א שפרונג צו טאן. דיא לבנה איז דאמאלס געוועזען פארבארגען אונטער א וואלקען, פלוצים האט זיא זיך ווידער בעוויזען און זשאנלען איז נאך אלץ געשטאנען אין זיין פריהערדיגער פאזיציע. דער סאלדאט איז יעדען מאל צוגעגאנגען ביז צום שטיינערנעם הייזעל און דערנאך געלאזט זיך גיין צוריק. פלוצים — ווען דער וואלקען האט ווידער פערדונקעלט דיא לבנה — איז זשאנלען ווי א ווילדע קאץ ארויפגעשפרונגען דעם סאלדאט אויף דיא פלייצע און, האלטענדיג זיך פעסט, האט ער ארייגעשטאכען דאס אפענע מעסער דעם סאלדאט אין האלז. דיא האלזטוך איז געוועזען צו דיק און דער יונג האט געמוזט שטופען דאס מעסער מיט אלע זיינע קרעפטען און צודריקען מיט'ן גאנצען געוויכט פון זיין קערפער. ער האט שוין פון לאנג געקוילעט היהנער, וואס ער פלעגט גנב'ענען פון דיא פאכטען. דיא שרעקליכע סצענע האט זיך אבגעשפילט אזוי גיך, אז עס האט זיך געהערט ניט מעהר ווי אין אונטערגעדריקטער געשריי אין דער שטילקייט פון דער נאכט און דער פאל פון ביקס אויף דער ערד. דיא לבנה האט שוין ווידער העל געלויכטען.

פערגליווערט פון שרעק איז עטיען אלץ געשטאנען און געקוקט. דער געשריי וואס ער האט געוואלט ארויסלאזען, איז איהם פערשטארבען אין ברוסט. דאס בערגעל אויבען איז געוועזען ליידיג. קיין שאטען האט זיך מעהר געזעהען. ער איז ארויפגעלאפען אויבען און געפונען זשאנלען אויף אלע פיער נעבען טויטען קערפער, וואס איז געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען מיט אויסגעשפרייטע הענד. קיין טראפען בלוט האט זיך געזעהען, דאס מעסער האט נאך אלץ ביז א העלפט געשטעקט אין האלז.

מיט א שרעקליכען קלאפ האט ער א שטויס געטאן דעם יונג צו דער ערד.

— צו וואס האסטו דאס געטאן? האט עטיען געפרעגט אויסער זיך.

זשאנלען האט זיך אויפגעהויבען און איז אויף דיא הענד און דיא פיס אוועקגעקראכען ווייטער, אויסבויגענדיג ווי א קאץ זיין מאגערען רוקען. זיינע גרינע קאטצענע אויגען האבען געברענט, זיינע גרויסע אויערען און ארויסגעשפרונגענע קינ־ב ק האבען געציטערט פון דער אנשטרענגונג ביי דעם מארד.

— דאנער־וועטער! צו וואס האסטו דאס געטאן?

— איך ווייס ניט, אזוי האט זיך מיר געוואלט.

דאס איז געוועזען זיין איינציגער ענטפער. שוין צוויי טעג ווי ביי איהם איז געבוירען געווארען אזא חשק. עס האט איהם געטשעט, דער קאפ האט איהם וויי געטאן גראדע אונטער דיא אויערען פון פיעל טראכטען וועגען דעם. האט מען געדארפט שוינען דיא שווייניגע סאלדאטען, וועלכע האבען בעלאסטיגט דיא קוילענגרעבער ביי זיי אין דער היים? פון דיא אנאטאמישע רעדען אין וואלד און פון

דיא געשרייען, וואס עס האט געהערט ארום דיא מינען, אז אזין זאל מען פערזוכטען און טיידטען, זיינען אין זיין קאפ פערבליבען נור עטליכע ווערטער, וועלכע ער האט שטענדיג ווידערהאלט איינס נאך דעם אנדערן, אקוראט ווי דיא נאסע יונגען, וואס שפיעלען זיך אין „רעוואלוציאן”. און ער ווייס ניט וויא; קיינער האט איהם דערצו ניט אנגערעדט, איהם איז דאס אליין אויפגעקומען אויפ'ן געדאנק, וויא א שטיינער איהם פלעגט איינפאלען צו גיין גנב'ענען ציבעלע אין פעלד.

עטיען האט איהם א צווייטען זעץ געטאן מיט כעס. ער האט געציטערט אז דיא וואך ביי דער ווארריי־מינע האט געהערט דעם געשריי פון סאלדאט; יעדעס מאל וואס דיא לבנה איז ארויסגעשוואומען פון אונטער דיא וואלקען, האט ער געקוקט מיט אנגסט אין דער ריכטונג פון דער מינע. נור קיינער האט זיך ניט גערירט. ער האט זיך צוגעהערט צום שטילשטייענדיגען הארצען פון סאלדאט און געטאפט זיינע הענד, וואס האבען אנגעהויבען צו ווערען פערשטארבט. פון מעסער האט מען שוין מעהר ניט געזעהען, וויא דאס הענטעל, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט מיט שווארצע בוכשטאבען דאס ווארט: ליעבע.

פון האז האבען זיך זיינע אויגען געווענדט צום געזיכט און ער האט דערקענט דעם קליינעם סאלדאט זשול, דעם רעקרוט, מיט וועלכען ער האט א מאל גירעט. און א גרויס מי לייד האט איהם אנגענומען ביים אנבליק פון דעם בלאנדען געזיכט בעשפריצט מיט זומערשפרינקלאך. זיינע בלויע אויגען זיינען געווען ווייט אפען מיט יענעם בליק, מיט וועלכען ער האט ניט לאנג געזוכט אויפ'ן האריזאנט זיין ווייטע היים. וואו איז געווען זיין היים, וואס ער האט דאמאלס געזעהען אין זיין פאנטאזיע? דארט לעבען ים זיינען אפשר געשטאנען צוויי פרויען, דיא מוטער און דיא שוועסטער אין צוהאלטענדיג מיט דיא הענד ביי דיא טישעכצם, דער ווינד זאל זיי ניט אוועקטראגען, האבען זיי געקוקט אין דער ווייטענס אזוי וויא זיי וואלטען געקענט זעהן, וואס דער סאלדאט טהוט אין דיזער שטונדע דארט, דארט הונדערטער מיילען ווייט. זיי וועלען לאנג, לאנג אויף איהם ווארטען. וויא שרעקליך איז דאס צו צוזעהען, וויא די ארימע שלאכטען אוים איינער דעם צווייטען פאר דיא רייכע

נור דער קערפער האט מען ערגעץ בעדארפט בעהאלטען. אנפאנגס האט עטיען געטראכט אריינצואווארפען איהם אין קאנאל, דערנאך האט ער זיך בעטראכט, אז מען וועט איהר דארט געפינען. מינוטען זיינען פערגאנגען; וויא זאל ער דא טאן. מיט א מאל איז איהם איינגעפאלען, ער זאל דעם קערפער בעגראבען אין דער אלטער מינע, וואו ער האט זיך דיא גאנצע צייט בעהאלטען.

— קום אהער, האט ער גירופען זשאנלען.

— ניין, דו וועסט מיך שלאגען, א חוץ דעם האב איך נאך עפעס צו טאן. א גוטע נאכט!

ער האט אבגירעדט מיט בעקע און לאידי זיך צובעגעגנען ביי דער ווארריי מינע אונטער א קופע האלץ אין א גרוב, וואס זיי האבען דארט צורעכט נימאכט. זיי האבען געוואלט צוזעהן, וויא דיא בעלגישע ארבייטער וועלען בעווארפען ווערן מיט שטיינער ביים ארייגשטייגען אין דער מינע.

— קום אהער, זאג איך דיר, אז ניט וועל איך רופען די סאלדאטען און זיי וועלען דיר אבשניידען דעם קאפ, האט עטיען געזאגט.

ווען זשאנלען האט זיך בעשלאסען צו צוגיין, האט עטיען צוזאמענגעקייקעלט זיין טיכעל און פערבונדען שטארק דעם סאלדאט'ס האלז און ניט גערירט דאס מעסער, כדי בלוט זאל ניט אנהייבען צו רינגען. דער שניי האט שטארק געלאזט און דעריבער איז ניט פארבליבען קיין סליאד פון א קאמפף. קיין פלעק בלוט איז ניט פערבליבען.

— נעהם איהם פאר דיא פיס.

זשאנכען האט אנגענומען דעם סאלדאט ביי דיא פיס, עטיען ביי דיא אקסעלען, דעם ביקס האבען זיי איהם פעסט געמאכט אויף'ן פלייצע און זיי האבען זיך לאנגזאם אראבגעלאזט מיט זייער לאסט אויף'ן בערגיל. צו זייער גליק האט זיך דיא לבנה דאמאלס ווידער בעהאלטען אונטער א וואלקען. נאר ווען זיי זיינען צוגעקומען צום קאנאל איז דיא לבנה ארויס און איהר פולער קלארהייט און עס איז געווען א וואונדער, וואס דיא סאלדאטען, וועלכע זיינען געשטאנען אויף דער וואך האבען זיי ניט געזעהן. זיי זיינען געגאנגען ווייטער שטיל און אבגעשטעלט זיך נור אום אבצורוהען א ווילע. ניט ווייט פון א געסיל האבען זיי דערהערט א גערויש פון וועלכען ביי זיא איז דאס בלוט קאלט געווארען אין דיא אדערן. זיי האבען קיינע צייט געהאט בעהאלטען זיך אונטער א מויער אום ניט אריינצופאלען אין דיא הענד פון א פאטראל. ווייטער האבען זיי זיך אנגעשלאגען אן א מאן, נור יענער איז געווען אזוי שכור, אז ער האט גאר ניט געקענט זעהן און איז פון זיי אוועק מיט קללות. ענדליך זיינען זיי אנגעקומען צו דער אלטער מינע. זיי זיינען געווען דורכאויס בעדעקט מיט שוויים און אזוי צושראקען, אז עס האט זיי געקלאפט א צאן אין א צאן.

עטיען האט ריכטיג פאראויס געזעהן, אז עס וועט זיין זעהר שווער ארונטערצוטראגען דעם טויטען קערפער אין דער מינע. ער האט זשאנלען ניט ערלויבט אנצוצינדען דאס שטיקעל ליכט, וויל ער האט עס זעהר געזשאלעוועט, נור ווען זיי האבען ארונטערגעבראכט דעם קערפער צום ערשטען אבשטיינס פלאץ, האט ער דעם אינגעל געהייסען גיין אבזוכען דאס שטיקעל ליכט און אליין איז ער געבליבען זיצען נעבען קערפער מיט א קלאפענדען הארצען.

ווען זשאנלען איז צוריקגעקומען מיט'ן ליכט, האט זיך עטיען מיט איהם בעראטען; דער אינגעל האט געוואוסט יעדען שפאלט אין דער אלטער מינע. זיי זיינען געגאנגען ווייטער און געשלעפט דיא לייכע איבער דיא אייגנע גאלערייען ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א פלאץ, וואו זיי האבען געמוזט קריכען אויף דיא קניע אום צו גיין ווייטער. דארטען האבען זיי געפונען א ווינקעל, וואו דיא סטעליע איז געווען אונטערגעשפארט מיט האלץ און עס האט אויסגעזעהן וויא א לאנגער קאסטען. אהין האבען זיי אריינגעלייגט דעם סאלדאט צוזאמע מיט זיין געוועהר. ניט קוקענדיג אויף'ן געפאהר, אז זיי האבען דארטען אליין געקענט פערשאטען ווערן, האבען זיי גענומען מיט דיא אבסאצען קלאפען איבער'ן האלץ ביז זיי האבען עס איינגעווארפען און דיא סטעליע האט אנגעהייבען איינצופאלען און זיי האבען קוים געהאט צייט צו אנטלויפען. ווען עטיען האט זיך אומגעקוקט האט שוין דיא סטעליע גיהאט אין גאנצען פערשאטען דעם סאלדאט און מען האט דארט נור געקענט זעהן א קופע ערד.

ווען זיי האבען זיך אומגעקעהרט צו עטיענס נארע, האט זיך זשאנלען אויסגעצויגען אויף'ן היי און מיט א פערמאטערטער שטימע געזאגט:

— זאלען דיא ממזרים ווארטען, איך וועל א ווילע שלאפען.

עטיען האט דאס ליכט אויסגעלאשען. ער איז געווען צובראכען, נור שלאפען האט ער ניט געקענט; טרויריגע געדאנקען האבען איהם געשלאגען אין קאפ וויא מיט האמערס. נור אם מייסטען האט איהם געפאלגט איין פראגע און אויף איהר האט ער ניט געפונען קיין ענטפער: פאר וואס האט ער שאוואלען ניט געהרג'עט, ווען ער האט יהם געהאט אונטער זיין מעסער? און פאר וואס האט דאס אינגעל געהרג'עט דעם סאלדאט, וועלכען ער האט ניט געקענט און האט אפילו זיין נאמען ניט געוואוסט. דאס האט אומגעווארפען אלע זיינע רעוואלוציאָ־

נערע אידעען: איז ער א פיינלינג? דאָס איינגעל האָט אָנגעהייבען צו כראָפּען. זיין געגענוואַרט איז עטיענען געווען דערווידער. פּלוצים האָט ער א ציטער געטאָן. אויף איהם איז אָנגעפאלען א שרעק, איהם האָט געשיינט וויא פון אונטער דער ערד הערט זיך א געוויין. דאָס בילד פון דעם קליינעם סאָלדאט, מיט זיין געוועהר, וועלכער איז דאָ געלעגען בעגראָבען אונטער דער ערד, האָט ארויסגערופען א קעלט אויף זיין רוקען און דיא האָר האָבען זיך איהם געשטעלט קאפּויר. דאָס איז געוועז נאַרעש, נור איהם האָט געדוכט, אז דיא גאנצע מינע ווערט אָנגעפּיהלט מיט שטרמען, ער האָט ווידער געמוזט אָנצינדען דאָס ליכט און האָט זיך ערשט בערוהיגט דאַן, ווען פאַר'ן מאַטען שיין פון ליכט האָט ער דערזעהען דיא ליידיגע גאלעריע.

נאָך א פיערטעל שטונדע איז ער געזעסען קוקענדיג אויפ'ן ליכט אין פערזונקען אין געדאַנקען. ענדליך איז דאָס שטיקעל ליכט אויסגעגאַנגען און עס איז ווידער געוואָרען פינסטער. איהם איז אויף דאָס ניי דורכגעלאָפען א קעלט איבער'ן לייב און איהם האָט אָנגעכאַפּט א לוסט אָנצוקלאַפּען דעם איינגעל פאַר וואָס ער כראָפּעט אזוי היך. זיין נאָהענטקייט איז איהם געוואָרען אזוי אונערטרעגליך, אז ער האָט געמוזט ארויפגיין אויבען און איהם האָט אויסגעדוכט אזוי וויא א פינסטערער שאָטען וואָלט איהם נאָכגעלאָפען איבער דיא גאלערייען.

ארויפקומענדיג אויבען, האָט ער שטארק גענומען אָבכאַפּען דעם אָטהעם. איהם איז ארויף א געדאַנק, אז ווען איהם פעהלט מוטה צו הרג'ענען, זאָל ער אליין שטאַרבען. דער געדאַנק האָט איהם ערשיינט וויא א לעצטע שטראַהל פון האָפנונג. ווען ער זאָל געפינען א בראַווען טוידט צו שטאַרבען פאַר דער רעוואָלוציאָן, וואָלט זיין רעכנונג געווען געענדיגט. עס מאַכט ניט אויס, וואָס איהם איז געווען באַשערט אין לעבען צו גוטעס צו שלעכט, אויב זיינע קאַמעראַדען וועלען אָנפאלען אויף דיא בעלגישע סקעבס, וועט ער זיין אין דער ערשטער רייהע און וועט האָפען, אז ער וועט קריגען א טויטליכען קלאַפּ. מיט פעסטע טריט האָט ער זיך געלאָזט געהט צו דער וואָריי־מינע אום צו זעהן, וואָס דאָרטען טהוט זיך. פון דעם אויפזעהערס צימער, וואו דער מיליטער־וואַך האָט זיך געפונען, האָט זיך געהערט א גרויסער ליאַרעם. עס איז שוין געווען צוויי א זייגער. דעם סאָלדאַט'ס פערשווינדען האָט אָנגעמאַכט א גרויסען רעש; מען האָט אויפגעוועקט דעם קאַפּיטאַן און נאָך א קורצער אונטערזוכונג איז מען געקומען צום שלוס, אז ער איז אַנטלאָפען. עטיען איז געשטאַנען אין שאָטען און האָט זיך צוגעהערט. דערביי האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס דער יונגער סאָלדאַט האָט איהם דערצעהלט, אז דער קאַפּיטאַן איז א רעפּובליקאַנער. ווער ווייס? אפשר וואָלט מען איהם געקענט איבעררייידען, אז ער זאָל איבערגעהן צום פאָלק? דאָס וואָלט געווען א סיגנאַל אויסצוראָטען דיא בורזשואַ, און ער האָט אויף דאָס ניי אָנגעהויבען צו טרוימען; ער האָט שוין מגהר ניט געטראַכט פון שטאַרבען. שטונדען לאַנג איז ער געשטאַנען אין בלאָטע און געציטערט וויא אין פיבער פון דער נייער האָפנונג אויף א מעגליכען זיעג.

ביז פינף א זייגער האָט ער ארויסגעקוקט אויף דיא בעלגישע ארבייטער. ערשט איצט האָט ער בעמערקט, אז דיא געזעלשאַפט איז געווען כיטרער און האָט אריינגעפיהרט דיא סקעבס נאָך נעכטען אין דער מינע און זיי האָבען דאָרט גענעכטיגט. ער האָט דערפון געגעבען צו וויסען דיא פאַר קאַמעראַדען, וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעלט צו היטען דיא מינע, און זיי האָבען יעצט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. דער זייגער האָט געשלאָגען זעקס, דער מונטער הימעל האָט אָנגעהויבען אין איין זייט רויטליך צו ווערען, פון דערווייטענס האָט זיך בעוויזען דער פּריס־

טער. יעדען מאָנטאג פריה פלעגט ער פרעדיגען אַז א קליינע קאַפּעלע, וועלכע איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט פון דער מינע.

— גוט מאָרגען, מיין פריינד, האָט ער אויסגערופען מיט א שטאַרקע שטימע בעטראַכטענדיג דעם יונגען מאַן מיט זיינע פלאַמענדע אויגען.

עטיען אָבער האָט ניט געענטפערט. פון דערווייטענס האָט ער דערזעהען א פראָווענציאַלער איז פאַרבייגעגאַנגען. ער איז אריבערגעלאָפען צו איהר, דערקענענ־דיג אין איהר קאַטערינען.

פון האַלבער נאַכט אָן האָט זיך קאַטערינע ארומגעשלעפּט איבער די בלאָ־טיגע גאַסען. ווען שאַוואַל איז א היים געקומען און האָט איהר געפונען אין בעט, האָט ער איהר מיט א פּאַטש אין באַק ווידערגעשטעלט אויף די פיס. ער האָט צו איהר געשריען, זיא זאָל גלייך ארויס דורך דער טהיר, אז ניט וועט זיא ארויס־פליהען דורכ'ן פענסטער; און זיא איז ארויס פון טהיר, וויינענדיג און האַלב אָנ־געטאָן, פערפּאַלגט פון שאַוואַל וועלכער האָט איהר געשלאָגען פון הינטען מיט די פיס. האַלב בעטויבט פון דער ברוטאַלער בעהאַנדלונג, האָט זיא זיך געזעצט אויף א שטיין נעבען שטוב און איז געווען איבערצייגט, אז ער וועט איהר צוריקרופען און ניט לאָזען איהר ווערען א פערפרוינערע אין נאַס.

זיא איז אַזוי געזעסען א פּאָר שטונדען און פיהלענדיג, אז אַזוי קען זיא פערפרוירען ווערע, האָט זיא זיך אויפגעהויבען און איז אוועק פון מאַנטסו, דער־נאָך האָט זיא זיך צוריקגעקעהרט און געוואָלט אָנקלאַפּען אין טהיר אָדער רופען איהם פון פענסטער, נור זיא האָט ניט געפונען דערצו מוטה. ענדליך האָט זיא זיך ווייטער געלאָזט גיין און געוואָלט קומען צו די עלטערען, נור ווען זיא איז געקומען אין דאָרף, האָט איהר אָנגעכאַפּט אזא שאַנדע, אז זיא האָט גענומען לויפען צוריק מיט אַלע כחות, און שרעק אז יעמאַנד וועט איהר דערקענען, אָבוואָהל דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען פערזונקען אין שלאָף. פון דאַמאַלס אָן האָט זיא ארומגעבלאָנזעט, ציטערנדיג פאַר שרעק, אז מען וועט איהר כאַפּען און אוועקשיקען אַלס א נאַכט־פויגעל נאָך מאַרשיען און מען וועט איהר איינשפּאַרען אין יענעם עפענטליכען הויז, פאַר וועלכען זיא האָט שוין מאָנאַטען לאַנג געציטערט. צוויי מאָל איז זיא שוין צו־געקומען צו דער וואָרייי־מינע און יעדעס מאָל האָט זיא זיך דערשראָקען פאַר'ן ליאַרם, וואָס די סאָלדאַטען האָבען געמאַכט, און איז צוריק אוועקגעלאָפען. דאָס קליינ־געסיל איז געווען פול מיט שכורים, נור זיא האָט זיך יעדעס מאָל אומגעקעהרט אָהּ אין דער האָפנונג צו בעגעגנען יענעם, וועלכער האָט איהר מיט עטליכע שטונדען צוריק ארויסגעוואָרפען.

שאַוואַל האָט דיזען פריהמאָרגען געדאַרפט אָנהויבען ארבייטען אין דער וואָריי מינע, און זיא האָט איהם דאָרטען געוואָלט בעגעגנען, אָבוואָהל זיא האָט גע־וואוסט, אז דערפון וועט גאָר נישט ארויסקומען און אז צווישען זיי איז אַלץ גע־ענדיגט. אין זשאַנבאַרט האָט מען מעהר ניט געאַרבייט און שאַוואַל האָט זיך געשוואָרען, אז ער וועט איהר דערהרג'ענען, אויב זיא וועט וואַגען צו געהן אַרבייטען אין דער וואָריי־מינע, וואו ער האָט מורא געהאַט, זיא זאָל איהם דאָרט ניט מאַכען קיין צרות. וואָס זאָל זיא יעצט טאָן? וואו זאָל זיא יעצט געהן? ליידען הונגער און אריבערטראָגען אַלע גראָבהייטען פון דיא מאַנער, וועלכע זיא וועט באַגעגנען? א פערמאַטערטע ביז צום טויט האָט זיא געבראָדזעט ביז די קניע אין וואַסער און אין בלאָטע און האָט מורא געהאַט צוזעצען זיך אויף א שטיין אָבצורוהען א רגע.

עס איז געוואָרען טאָג. קאַטערינע האָט פון דערווייטענס דערזעהען דעם רוקען פון שאַוואַל, וועלכער האָט זיך פאָרזיכטיג פער'גנב'עט פון הינטער'ן בערגיל.

דאביי האט זיא אויך דערזעהן לידיע און בעקע, וועלכע האבען ארויסגעשטעלט זייערע געזלאך פון אונטער דיא האלץ, וואו זיי זיינען געלעגען בעהאלטען. דיא גאנצע נאכט זיינען זיי דארטען געלעגען ארומגענומען מורא האבענדיג צו גיין אהיים, וויל זשאנלען האט זיי געהייסען ווארטען אויף איהם. דיא גאנצע צייט וואס ער איז געלעגען און געשלאפען אין עטיען'ס נארע, זיינען זיי דא גערוהיג און שטילערהייד זיך געקושט און זיך קיין ריהר ניט געטאן, כדי ער זאל זיי דער פאר ניט שלאגען.

זיי האבען זיך אזוי געלאבט מיט'ן קושען און ארומנעהמען איינער דעם צווייטען, אז זיי האבען פערגעסען אפילו יענעם יום טוב, ווען זיי האבען געגעסען קייקס און געטרונקען וויין.

פלוצים האט זיך דערהערט דאס בלאזען פון א טרומייט, קאמערינג איז געווארען אויפגעציטערט, זיא האט אויפגעהויבען דעם קאפ און דערזעהן פון דערווייטענס דיא מיליטער־וואך אנקומען. עטיען איז צו איהר צוגעלאפען; בעבע און לידיע זיינען ארויסגעשפרונגען פון זייער לאך און דארט ווייט, פון דארף פאר'ן וואקסענדען ליכט פון טאג, האט זיך בעוויזען א מאסע מענער און פרויען וואס האבען געשריען מיט כעס און געמאכט מיט דיא הענד.

אלע אריינגאנגען צו דער ווארי־מינע זיינען געווארען געשלאסען; דיא זעכציג סאלדאטען זיינען געווען געשטאנען מיט דיא געוועהר אין דיא הענד נעבען דער איינציג פריי־געבליבענע טהיר. דער קאפיטאן האט זיי צושטעלט אין צוויי רייהען מיט דיא פלייצעס צו דער וואנד, כדי מען זאל זיי ניט קענען אנגרייפען פון הינטען.

דיא סטרייקער, וואס זיינען אנגעקומען פון דיא דערפער, האבען זיך אנפאנגס געהאלטען פון דערווייטענס, זיי זיינען געווען זעהר ווייניג, אפשר דרייסיג, און האבען צווישען זיך גערעדט מיט כעס.

דיא מאהיי, וועלכע איז אנגעקומען פון דיא ערשטע, ניט פארקאמט, מיט א נאזטיכעל ארויפגעווארפען אויפ'ן אפ אין דער ניך, האט געטראגען איהר שלאפענדיג קינד אויף דיא הענד און האט ווידערהאלט מיט א פיעבערהאפטע שטימע:

— מען זאל קיינעם ניט אריינלאזען און קיינעם ניט ארויסלאזען! מיר מוזען זיי דארטען אלעמען כאפען!

איהר מאן האט איהר צוגעשטימט. דאן איז אנגעקומען דער אלטער מוק און מען האט איהם ניט געוואלט צולאזען צו דער מינע. ער האט זיך געווערט און געזאגט אז זיינע פערד ווילען עסען און זיי ווייסען ניט פון קיין רעוואלוציאנען. א חוץ דעם איז דארטען דא א טויט פערד, און מען ווארט נור אויף איהם, אום מען זאל עס ארויפשלעפען. ענדליך האט איהם עטיען בעפרייט פון דיא סטרייקער, און דיא סאלדאטען האבען איהם דורכגעלאזט. באלד האט זיך געעפענט א ברייטע טיר און מען האט ארויסגעשלעפט אויף א גרויסע טאטשקע דאס געשפארט'ע פערד. דיא ארבייטער האבען עס ארויסגעווארפען אויפ'ן שניי. דאס האט ארויסגערופען צווישען דיא סטרייקער אזא טומעל, אז זיי האבען ניט געשטעלט דיא ארבייטער צוריק צו קעהרען אין דער מינע און צו פערשליסען הינטער זיך דיא טויערן. זיי האבען באלד דערקענט דאס פערד.

— דאס איז טראמפעטל! האבען זיי גערעדט צווישען זיך.

דיא ארבייטער זיינען געשטאנען נעבען קערפער פון דעם טויטען פערד, און איין פרוי האט שטילערהייד געזאגט:

— נאָך איינער האָט זיך ארונטערגילאָזט אין דער מינע! און קיינער שטערט זיי ניט!

פון דאָרף איז דערווייל אָנגיקומען א נייע מחנה סטרייקער. פאראויס איז געגאנגען לעוואק אין דער בעגלייטונג פון זיין ווייב און באָרדער און האָט גע־שריען:

— טוידט דיא בעלגיער! מיר דארפען ביי אונז ניט קיין פרעמדע! א טויט! א טוידט!

אלע האָבען זיך א וואָרף גיטאָן; עטיען האָט זיי קוים איינגיהאלטען. ער איז צוגעגאנגען צום קאפיטאן, א יונגען מאן קוים 28 יאָהר, מיט א פערצווייפעל־טען נאָר דאָך ענטשלאָסענעם אויסדרוק אויף׳ן געזיכט, און האָט איהם ערקלערט, וואס דאָ איז פאָרגיקומען. ער האָט גיזוכט צו געווינען איהם אויף דער זייט פון דיא ארבייטער און בעאָבאכטעט דיא ווירקונג פון זיינע ווערטער. צו וואס וועט נוצען דיא אומזיסטע בלוט־פערגיסונג? האָבען דען דיא ארבייטער ניט גערעכט? אלע מענשען זיינען ברידער. ביי דיא ווערטער „רעפובליק" האָט דער קאפיטאן נערוועז א מאך גיטאָן מיט דער האנד. ער איז געבליעבען ערנסט און פלוצים האָט ער זיך אָנגערופען:

— מאכט פלאץ! צווינגט מיך ניט צו טאָן מיין פפליכט!

דריי מאָל איז עטיען צוגעגאנגען צום קאפיטאן. דיא קאמעראדען האָבען געוואָרטשעט. עס האָט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז העננעבאָ איז דאָ אין אָפיס, און דיא ארבייטער האָבען צווישען זיך גערעדט, אז עס וואלט געווען גוט איהם ארונטערצושליידערען מיט׳ן קאָפּ ארונטער, אום צו זעהען, אויב ער וועט אליין ברעכען דיא קוילען. נור דער קלאנג איז געווען א פאלשער. אין אָפיס זיינען נור געווען נעגרעל און דער אויבער־אויפזעהער, וועלכע האָבען זיך אויף א רגע בעוויזען אין פענסטער. און ווען עס האָט זיך דערהערט א געשריי צווישען דיא ארבייטער זיינען זיי אָבגעטראָטען, און אויף זייער אָרט האָט זיך בעוויזען דאס בלייכע געזיכט פון סואווארין. ער איז איין טאָג ניט אָבגעטראָטען פון זיין מאשין דיא גאנצע צייט פון סטרייק. ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט און איז אלץ מעהר פערזונקען אין זיין פיקסער אידעע, וועלכע האָט ארויסגעפינקעלט ווי א שטאָלענער נאָגע[ל] פון זיינע בלאסע אויגען.

— מאכט פלאץ! האָט ווידערהאָלט דער קאפיטאן אין דער הויך. איך וויל נאָר ניט הערען; איך האָב דעם בעפעהל דיא מינע צו בעוואכען און איך וועל איהר בעוואכען.... שפּאַרט זיך ניט אזוי נאָהענט, ווייל איך וועל אייך מוזען אָבשטויסען.

טראָץ זיין פעסטע שטימע, איז ער געווען זעהר בלייך און איז וואס ווייטער געוואָרען אונרוהיגער, זעהענדיג, אז דיא מחנה סטרייקער וואקסט און וואקסט. מיטאָג־צייט האָט מען איהם בעדארפט איבערבייטען; נור אויס מורא, אז ער וועט ביז דאמאלס זיך ניט קענען האלטען, האָט ער געשיקט א גאָסען־אינגעל אין מאָנטסו און פערלאנגט פערשטאַרקערונג.

הויכע געשריען האָבען איהם געענטפערט:

— טויט דיא פרעמדע! טויט דיא בעלגיער! מיר ווילען זיין אליין דיא בעל־הבתים אין אונזער הויז.

עטיען האָט זיך צוריקגעצויגען אין פערצווייפלונג. עס איז מעהר ניט געבליבען, ווי צו שלאָגען זיך און צו שטארבען. און ער האָט דיא קאמעראדען מעהר ניט אָבגיהאלטען. דיא סטרייקער האָבען זיך צוגישטופּט ביז צו דער טהיר. זיי זיינען געווען מעהר ווי פיער הונדערט. דיא ארומיגע דערפער האָבען זיך אויס־

געליידיגט, אלע זיינען געקומען צו לויפען מיט דעם זעלבען געשריי. מאהיי און כער וואק האָבען מיט כעס געשריען צו דיא סאָלדאטען:

— גייט אוועק! מיר האָבען צו אייך גאָר ניט! גייט אוועק!

— מיט אייך האָט דאָס גאָר ניט צו טאָן! האָט דיא מאהיי צוגעגעבען. לאָזט אונז פיהרען אונזער געשעפט אליין.

דיא לעוואק האָט געשריען נאָך האַסטיגער.

— מוזען מיר אייך פריהער ?ויפעסען, איידער מיר וועלען ארונטער גיין? מען הייסט אייך אָבראָמען דעם פּלאַץ!

עס האָט זיך אַפּילו געהערט דיא דינע שטיממע פון לידיע, וועלכע האָט זיך דורכגעשטופּט מיט בעבע און האָט איהם מיט אַ קוויטשיג קול געזאָגט:

— דיא וואורשט סאָלדאטען!

קאטערינע איז געשטאַנען פון דערווייטענס און האָט זיך צוגעהערט צום נייען טהומעל, אין וועלכען איהר פינסטער מזל האָט איהר אריינגעשלעפּט. האָט זיא דען נאָך ניט גענוג געליטען? וואָס פאר א פערברעכען איז זיא בעגאַנגען, דאָס זיא זאָל קיין מאָל ניט האָבען קיין רוה? ערשט נעכטען האָט זיא גאָר ניט בעגריפען, וואָס עס טוט זיך; זיא האָט געטראַכט, אז זיא האָט שוין גענוג קלעפּ און דאַרף ניט זוכען קיין נייע; איצט אָבער איז איהר דאָס הארץ געשוואָלען געוואָרען פון אַ בעדערפניס צו האַסען; זיא האָט זיך דערמאָנט, וואָס עטיען פלעגט דערצעהלען אין דיא לאַנגע ווינטער אבענדען; זיא האָט זיך געמאַרטערט צו פערשטיין, וואָס ער רעדט איצט צו דיא סאָלדאטען. ער האָט זיי אָנגערופען קאַמעראַדען; ער האָט זיי געזאָגט, אז זיי שטאַמען אויך פון פאָלק און דארפען זיך האלטען ביים פאָלק און שיצען עס געגען דיא אויסבייטער.

אין דער מענגע האָט זיך אָנגעהייבען אַ שטאַרקע שטופּעניש. און אַלטע פרוי האָט זיך געוואָרפען פאָראויס. דאָס איז געווען דיא ברילע, שרעקליך אויסגעמאָגערט, האַלז און ארמען נאַקעט. זיא איז געקומען צו לויפען מיט אזא ווילדער האַסט, אז דיא גרויע האָר זיינען איהר געפאַלען איבער דיא אויגען און האָבען איהר שיער ניט בלינד געמאַכט.

— דאָנערוועטער! איך בין אויך דאָ! האָט זיא געשטאַמעלט אָהן אָטהעם. מיין איידעם, דער פערדעמער האָט מיך געהאלטען איינגעשפּאַרט אין קעלער.

און זיא האָט זיך געוואָרפען צו דיא סאָלדאטען און געשאָטען מיט טויטע קללות פון איהר שווארץ מויל:

— איהר הינט! איהר לומפּען, וואָס לעקען דיא שטיוועל ביי זייערע אָלטסטע און האָבען נור מוטה געגען דיא אָרעמע לייט!

דיא אנדערע האָבען זיך אָנגעשלאָסען צו איהר און עס האָבען זיך גענומען שיטען קללות און בעליידיגונגען. איינינגע האָבען געשריען: „הורריי פאר דיא סאָלדאטען! ווארפט דעם אָפיציר אין דער מינע אריין!“ נור באַלד האָבען זיך גענומען הערען דיא קולות: „נידער מיט דיא רויטע הויזען!“ דיא סאָלדאטען, וועלכע זיינען געבליבען אונבעוועגליך מיט שטומע געזיכטער ביי דיא אויפפאָדערונג צו ברידערליכקייט, צו דעם פריינדשאַפטליכען אויפרוף, האָבען בעהאלטען דיא זעלבע גלייכגילטיגקייט אונטערן האָגעל פון זידלערייי. דער קאַפּיטאַן וואָס איז געשטאַנען אונטער זיי, האָט ארויסגעצויגען זיין שווערד. און אזוי וויא דיא מענגע האָט זיך גענומען שטופּען נאָך שטארקער און צוגעשטופּט דיא סאָלדאטען צו דער וואַנד, האָט ער קאָמאַנדירט: „לאָזט אראָפּ דיא באַיאָנעטען!“ דיא סאָלדאטען האָבען געפאָלגט און אַ דאָפּעלטע רייהע פון שטאָלענע שפּיזען האָט זיך אויסגעשטעלט געגען דיא סטרייקער.

— הא, דיא לומפען! האט אויסגעשריען דיא ברילע, אפטרעטענדיג.

נור באלד האבען זיי זיך צוריקגערעהרט, פעראכטענדיג אין זייער בענייסטע־רונג דעם טויט. דיא ווייבער האבען זיך א ווארף געטאן: דיא מאהיי און דיא לעוואק האבען אויסגערופען:

— שטעכט אונז! שטעכט אונז! מיר פאדערן אונזער רעכט.

נים קוקענדיג אויף דיא געפאהר זיך צו צושניידען דיא הענד האט לעוואק אנגעכאפט דריי באיאנעטען, וועלכע ער האט געצויגען צו זיך אום אויסצורייסען זיי, און מיט א פערצעהנפאכען כח פון כעס האט ער זיי שטארק צו בויגען. זיין בארדער, וועלכען עס האט שטארק פערדראסען, וואס ער איז מיט זיי מיט־געגאנגען, איז רוהיג געשטאנען פון דערווייטענס און צוגעקוקט זיך, וואס דער אנדערער טהוט.

— פארווערטס, אויב איהר האט מוטה! האט אויסגערופען מאהיי. פארווערטס, לאזט אונז טאקע א מאל זעהן!

און ער האט געעפענט זיין יאק, האט פארנאנדערגענומען זיין העמד און האט אויסגעשטעלט זיין נאקעטע הארץ, בעוואקסען מיט האאר און פערשווארצט פון קוילען. ער האט זיך געשפארט נעגען דיא שטאלענע שפיצען און האט געצוואונגען זיי צוריקצור־וויכען. ער איז געווען שרעקליך אין זיין אטוואגע. איינער פון דיא שפיצען איז איהם אריין אין ברוסט; ער איז דערפון וויא משוגע געווארן און האט זיך אנגעשטריינגט, ער זאל איהם אריין נאך טיעפער, כדי ער זאל הערען זיינע זייטען פלאצען.

— פיינלינגע, איהר וואגט עס נים.... אונטער אונז זיינען פאראן נאך צעהן טויזענד!...... איהר קענט אונז הרג'ענען, אבער עס וועלען קומען צעהן טויזענד אנדערע.

דיא לאגע פון דיא סאלדאטען איז געווארען קריטיש, ווייל זיי האבען געהאט א שטרייגען בעפעהל צו בענוצען דיא וואפען נור אין פאל אויב זיי וועלען זיך אנדערש נים קענען בעגעהן. אבער וואס האבען זיי דא געקענט טאן, ווען דיא סטרייקערס זעלבסט האבען זיך אנגעשטאכען אויף דיא ביקסען? דיא סטרייקער זיינען אלץ געהענטער צוגעטראגען, און דיא סאלדאטען זיינען צוגעשפארט געווארען צו דער וואנד און האבען נים געקענט ווייטער אבטרעטען. זיי האבען זיך געהאל־טען גאנץ גוט נעגען דער וואקסענדער מחנה סטרייקער און האבען געפאלגט אלץ וואס דער קאפיטאן האט זיי געהייסען. ער איז געשטאנען מיט צוזאמענגעביסענע ליפען און מורא געהאט, אז דיא סאלדאטען וועלען לייכגער נים אויסהאלטען און וועלען זיך ארויפווארפען אויף דיא סטרייקער. א יונגער מאנערער סערזשאנט האט אנגעפאנגען צארניג צו בליצען מיט דיא אויגען, נעבען איהר איז געשטאנען א'ן אלטער סאלדאט, וועלכער האט שוין דורכגעמאכט א צוואנציג מלחמות, און ער איז שטארק בלייך געווארען, זעהענדיג וויא מען צוקרימט זיין באיאנעט וויא א שטרוי. און אנדערער, א רעקרוט, וואס האט נאך געשמעקט מיט פעלד ארבייט, איז יעדעס מאל רויט געווארען הערענדיג דיא זידלערייי ווערטער: לומפ און הונד. מען האט געראפען האבען דיא גאנצע מאכט פון דער מיליטערישער דיסציפלין אום זיי איינצוהאלטען.

א צוזאמענשטויס האט געשיינט צו זיין אונפערמיידליך, ווען פלוצלונג איז צווישען דיא סאלדאטען ערשינען דיא אויפזועהער רישאם. ער איז געוועזן זעהר אויפ־גערעגט און האט געשריען:

— דאנער־וועטער! דאס איז שוין צו נארעש! אזעלכע דומהייטען טאר מען נים דערלאזען!

און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צווישען דיא באַיאָנעטען און דיא ארבייטער.

— קאמראדען, הערט מיך אוים! איהר ווייסט, אז איך בין אן אַלטער ארבייטער און האָב קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו זיין איינער פון אייערע און איך שווער אייך ביים הימעל, אז ווען מען וועט זיין צו אייך אונגערעכט, וועל איך זיין דער ערשטער צו זאָגען דער קאָמפּאַניע דיא וואהרהייט נור יעצט איז דאָס צו פיעל! עס פיהרט צו גאָר נישט. עס יועט אייך גאָר ניט ארויסקומען דערפון וואָס איהר וועט אויסזידלען דיא סאָלדאַטען און וועט קריגען דיא ביינער צושפּאָלטען.

דיא מענגע האָט איהם אויסגעהערט און גענומען זיך שלאָגען מיט דער דעה. צום אונגליק האט זיך נעגרעל ווידער בעוויזען ביים פענסטער. ער האָט מורא געהאט אז מען וועט דיינקען דאס ער האט געשיקט דעם אויפזעהער. ער האט אנגעהויבען צו ריידען, נור זיין קול איז פערלארען געגאנגען אין דעם שרעקליכען טומעל פון דיא סטרייקער. מיט א ציה פון דיא אקסלען איז ער צוריק אבגעטראטען פון פענסטער. יעצט האט רישאם אימזיכט אנגעווענדט זיין גאנצע מיה; מען האט איהם מעהר ניט געהערט, מען האט איהם חושד געווען; נור ער איז געווען איינגעשפּארט און איז געבליבען צווישען זיי.

— דאָנערוועטער! האט ער אויסגעשריען; איהר קענט מיר פּלעטען מיין קאָפּ, נאָר איך וועל אייך ניט פערלאָזען אזוי לאַנג וויא איהר בלייבט אזוי נארעש.

ער האָט זיך גיווענדט צו עטיען און גיבעטען איהם ער זאָל איהם העלפען זיי ברייננען צום שכל, נור יענער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האנד וויא ער וואָלט מיט דעם גיזאָגט, אז ער קען דערצו גאָר ניט העלפען. עס איז שוין געווען צו שפּעט. דיא סטרייקער האָבען יעצט גיציילט מעהר וויא פינף הונדערט. זיי זיינען ניט אלע גיווען אויפגירעגטע פון דיא בעלגיער סקעבס — צווישען זיי האט זיך אויך געפונען א גרויסע צאָהל נייגיריגע און גלאט אזעלכע וואָס זיינען גיקומען מאכען שפּאס. פון דערווייטענס זיינען גישטאַנען זאשארי מיט פילאָמינע און תּאָבען זיך צוגיקוקט וויא אין א טהעאטער. זיי זיינען גיווען אזוי רוהיג אז זיי האָבען אפילו מיטגעבראכט דיא קינדער. א נייע מחנה איז דערווייל אנגיקומען און צווישען זיי איז געווען מוקע און מוקעט. ער איז באלד צוגעגאנגען צו זיין פריינד זאשארי און האָט איהם לוסטיג א קלאפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און זיא האט זיך פריילאך א לאָז געטאן צו דער ערשטער רייהע פון דיא ערגסטע שרייער.

דער קאַפּיטאַן האט יעדע מינוט גיקוקט אויף'ן וועג נאָך מאַנטסו. דיא פערשטאַרקונג איז ניט געקומען. ער האט געוואוסט אז זיינע זעכציג מאן קענען לייגער ניט אויסהאַלטען און איהם איז אריין א געדאנק צו ווירקען אויף דיא איינבילדונג קראפט פון דיא סטרייקער. ער האט גיגעבען א בעפעהל אָנצוּ אָרען דיא געוועהר. נור דאָס האט ניט געהאָלפען. דיא זידלעריי און שפּעטעריי איז געוואָרן נאָך שטאַרקער.

— קוקט, קוקט אויף דיא גנבים! זיי קלייבען זיך גיין שיסען אין ציעל! האבען נישפּאָט דיא ווייבער.

דיא מאהיי, האלטענדיג ביים ברוסט עסטעללעים קליין קערפּערל, וואס האט זיך אויפגיכאפּט און גיוויינט, איז צוגיטראָטען אזוי נאָהענט, אז דער סערזשאַנט האט איהר גיפרעגט וואָס זיא דארף דאָ מיט איהר קליין ווערימל.

— וואָס קימערט דאָס דיר? האט זיא גיענטפערט. שיס אויף'ן קינד אויב דו האסט מוטה!

דיא מענער האבען מיט בעראַטונג גישאָקעלט מיט דיא קעפּ. זיי איז אויף׳ זינגען ניט ארויף, אז מען קען אויף זיי שיסען.

— זיי האבען נאָר קיין קוייען ניט מיט זיך! האָט גיזאָגט לעוואק.

— וואָס זיינען מיר קאָזאַקען? האט אויסגעשריען מאהיי. איהר וועט ניט שיסען אויף פראַנצויזען, א נכפה אויף אייך!

אַנדערע האבען גיזאָגט, אז דיא וואָס האבען מיטגעמאכט דעם קרים־קריעג׳ האָבען קיין מורא ניט פאר בליי. איין שאָס פון דיא ביקסען האט זיי אַלעמען גע־קענט אויסלייגען. אין דער ערשטער רייהע איז גיווען מאָקעט אזוי וויא משוגע. זיא האט נעגלויבט, אז דיא סאָלדאטען ווילען דורכלעכערען ביי דיא פרויען דיא לייבער. זיא האט זיי שוין געזידעלט מיט דיא נידרינגסטע ווערטער. פלוציס, ווען איהר האָבען פארפאַהלט מעהר ווערטער צום זידלען, האט זיא זיך צו זיי אומגיקערט מיט׳ן רוקען און אויפגיהויבען דיא קליידלאַך.

— נאַט אייך, דאס איז פאַר אייך! דאָס איז נאָך צו ריין פאר אייך, חזרים איינע!

זיא האט זיך אָנגעבוינגען און גענדרייט זיך אזוי, אז יעדער זאָל בעקומען זיין חלק.

— דאָס איז פאר׳ן קאַפּיטאַן! דאָס איז פאר׳ן סערזשאַנט! און דאָס איז פאר די סאָלדאטען!

דאָס האט א־ויסגערופען א שטורם פון געלעכטער; בעבע און לידיע האָבען זיך געוואָרפען אויף דער ערד פאר געלעכטער. און עטיען אליין, טראָץ זיין שלעכטער שטימונג, האט זיך אויך ניט געקענט איינהאַלטען פון געלעכטער ביים אָנבליק פון דער שימפּפליכער נאַקעטקייט. אַלע לצים, גראַדע וויא דיא סטרייקער, האָבען יעצט אָנגעהויבען צו שרייען אויף דיא סאָלדאטען, פונקט וויא זיי וואָלטען דערפון געוואָרען בעפלעקט.

יעצט האָט זיך אָנגעהויבען א שטאַרקע שטיפּענים און שפּאַרענים. דער קאַ־פּיטאַן האט זיך בעשלאָסען, אום צו בערוהיגען זיינע סאָלדאטען, צו מאַכען ענדליך ארעסטען. דיא מוקעט האט דערלאַנגט א שפּרונג, איז געפאַלען צווישען דיא פיס פון דיא קאַמעראַדען. לעוואק און צוויי אַנדערע זיינען ארויסגעריסען געוואָרען פון דער גרופּע פון דיא ערגסטע שרייער און איבערגעגעבען אונטער א וואַך צום אויפזעהער אין אָפיס. נעגרעל און דער אויבעראויפזעהער האָבען געשריען צום קאַ־פּיטאַן אז ער זאָל זיך מיט זיינע סאָלדאטען איינשליסען אין דער געביידע מיט זיי צו־זאַמען. נור ער האָט זיך דערפון אָבגעזאָגט, דען ער האָט געוואוסט אז די געביידע האָט טיהרען אָהן שלעסער, אז דיא מענגע קען דיא געביידע צוטראָגען און ער קען נאָך דערלעבען דיא שאַנדע, אז מען זאָל ביי איהם און זיינע סאָלדאטען צונעהמען דיא געוועהר. זיין קליינע גרופּע האט אָנגעהויבען צו מורמלען; ער וויל דאָך ניט, אז זיי זאָלען אנטלויפען פון דעם קלאָגעדיגען פאָלק אין דיא לאַפּטשעס! דיא זעכציג סאָלדאטען האבען זיך ווידער אויסגעצויגען נעבען דער וואַנד און אויסגעשטרעקט דיא ביקסען.

אָנפאַנגס זיינען דיא סטרייקער אָבגעטראָטען און עס איז געוואָרען שטיל. זיי זיינען געווען איבעראַשט פון דעם אונערוואַרטעטען ארעסט. דאַן האָט זיך אָנגע־פאַנגען א געשריי אז מען זאָל גלייך אויפ׳ן שטעל בעפרייען דיא געפאַנגענע. עס האָבען זיך דערהערט איינצעלנע שטימען, אז מען שיקט דאָרטען דיא געפאַנגענע און אָהן דעם זיי זאָלען זיך פריהער צוזאַמענריידען, נור געטריבען פון א געפיהל פון ראַכע, האָבען זיי זיך א וואָרף געטאָן צו א קופּע ציגעל. דיא קינדער האָ־בען זיך נור גענומען צו איינציגע, דיא ווייבער האָבען מיט זיי אָנגעפילט א גאַנצען

שויס. באלד האט יעדער פאר זיך גנהאט א קופּע אָנגעגרייטע ציגעל, און עס האָט זיך אָנגעהויבען א קאמפּף.

די ברילע האט אָנגעפאנגען דעם קאמפּף. זיא האט דיא ציגעל געבראָכען מיט איהרע מאָגערע ביינערדיגע קניע און געשליידערט אויף דיא סאָלדאטען. דיא לעוואק איז צוגעטראָטען גאנץ נאהענט, אום בעסער צו טרעפען, און איהר בארדער האט זיך אומזיסט בעמיהט איהר אָבצושלעפּען. אלע ווייבער זיינען שטארק ערגענט געוואָרן און דיא מוקעט האט מעהר קיין געדולד געהאט צוברעכען דיא ציגעל און האט זיי געשליידערט גאנצערהייד. אויך דיא קינדער זיינען צוגעשטאנען צו דיא קעמפּפענדע, און בעבע האט בעוויזען לידיע'ן וויא בעסער צו ווארפען דיא שטיינער. עס איז געוועזן א האָגעל פון גרויסע שטיינער, און עס האט זיך געהערט א שרעקליכעס קראכען. פּלוצים האט מען בעמערקט צווישען דיא פוריען קאַטערינען, וועלכע האט אין איהרע קליינע הענד געהאלטען האלבע ציגעל און געוואָרפען זיי מיט'ן גאנצען כח. זיא האט ניט געוואוסט פאר וואָס, נור זיא איז שיער ניט דערשטיקט געוואָרן פון באַגעהר צו ערמאָרדען דיא סאָלדאטען. ווער דען איהר אונגליקליך לעבען א מאָל נעהמען אַ'ן ענדע? איהר איז שוין נמאס געוואָרן צו זיין געפּאטשט פון כאַוואל און ארויסגעוואָרפען אין גאס, און ארו שלעפּען זיך אין בלאָטע און ניט קענען בעטען ביי איהר אייגענעם פאָטער א כעפּעל זופּ, ווייל ער אליין מיט זיין פאַמיליע שטארבען פון הונגער. עס וועט קיין מאָל ניט ווערן בעסער, און געגענטהייל עס וועט אלץ ערגער ווערען. און זיא האט געבראָכען דיא ציגעל און געשליידערט פון זיך מיט דעם איינציגען געדאנק אָבצוראמען אלצדינג פון וועג. דיא אויגען זיינען איהר געוועזן אזוי פערלאָפען מיט בלוט, אז זיא האט ניט געזעהן, וועמען זיא האט צופּלעט דעם קאָפּ מיט'ן שטיין.

עטיען, וועלכער איז געשטאנען נעבען דיא סאָלדאטען, האט שיער געקראָגען צושפּאלטען דעם קאָפּ. זיין אויער איז איהם געשוואָלען געוואָרן, ער האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן, אז דער שטיין איז געקומען פון קאטערינעס ציטערדיגע האנד און, ניט קוקענדיג אויף דער געפאהר צו ווערן געשעדיגט, איז ער געשטאנען און צוגעקוקט זיך צו איהר ווארפען. אויך פיעלע אנדערע האבען זיך פערגעסען אָבצוטרעטען און צוגעקוקט זיך ליידענשאפטליך צום קאמפּף און געשטאַנען מיט אראָבגעלאָזטע הענד. מוקע האט יעדען ווארף אָבגעמאָסטען מיט אַ'ן אויג פון א קענער, פּונקט וויא ער וואָלט געוועזן אויף א שיס־גאלעריע; דער איז גוט, יענער האט ניט געטראָפען. ער האט געשפּאסט, געקראַצט אין פּלייצע זאשאַרי מיט וועלכען פיליאָמענע האט זיך געקריגט, ווייל ער האט דיא קינדער געשלאגען און ניט געוואָלט נעהמען זיי אויף דער פּלייצע, כדי זיי זאָלען בעסער זעהן. וויים ארום און ארום זיינען געשטאנען מאַכע מענשען און האבען זיך צוגעקוקט. ביים איינגאנג פון דאָרף האט מען יעצט געזעהן דעם אַלטען באַנעמאָר, וועלכער איז געשטאנען געגעשפּארט אויף א שטעקען.

אלס דיא ערשטע ציגעל האבען זיך אָנגעהויבען צו שיטען, האט זיך דער אַלטער אויפזעהער רישאָם געשטעלט צווישען דיא סאָלדאטען און דיא סטרייקער. ער האט דיא געבעטען, יענע איינגערעדט און ניט געקימערט זיך אום דיא געפאהר. ער איז געוועזן אזוי פערצווייפעלט, אז פון דיא אויגען זיינען איהם גערונען טרעהרען. אין דעם ליארם האט מען ניט געקענט הערען זיינע רייד; מען האט נור געזעהן, וויא זיין דיקע און גראָהע באָרד האט געציטערט.

דער האָגעל פון ציגעל איז אלץ געוואָרען געדיכטער; דיא מענער האבען זיך פערקוקט אויף דיא ווייבער און האבען אויך אָנגעהויבען צו ווארפען.

מיט א מאָל האָט דיא מאהיי בעמערקט, וויא איהר מאַן שטייט פֿון דער ווייטענס מיט לידיגע הענד און מיט א פֿנסטער געזיכט.

— וואָס איז דיר? האָט זיא אויסגעשריען. האָסטו מורא? ווערסטו לאָזען, מען זאָל דיינע קאמעראדען פֿיהרען אין געפֿענגניס?.... אהה, דו וואָלסט שוין געזעהען, ווען איך זאָל נור דאָס קינד ניט האָבען אויף דיא הענד.

דאָס קינד האָט איהר וויינענדיג ארויסגענומען ביים האַלז און האָט איהר גע־שטערט צו טאָן, וואָס אנדערע; און אזוי וויא איהר מאַן האָט געשיינט איהר ניט צו הערען, האָט זיא אויף איהם געשליידערט מיט שטיקער שטיינער מיט דיא פֿיס.

— גאָט אין הימעל! ווערסטו נעהמען דיא שטיינער? זאָל איך דיר פֿאר מענשען אין דיא אויגען שפייען אין פנים, כדי צו זאָלסט קריגען מוטה?

ער איז זעהר רויט געוואָרען און האָט אָנגעפאנגען ברעכען ציגעל און וואַרפֿען. זיא איז געשטאַנען אונטער איהם און בעטויבט איהם מיט איהרע ווילדעריי, און ער האָט זיך אַלץ נעהענטער געריקט צו דיא אויסגעשטרעקטע ביקסען.

דיא קליינע טרופע סאָלדאטען איז כמעט פֿערשאָטען געוואָרען מיט'ן האָגעל שטיינער. צום גליק זיינען זיי געשטאַנען צו הויך און דאָס רוב שטיינער זיינען געפֿאַלען אין וואַנד. דיא אידעע אריינצוציהען זיך אין הויז האָט אויף איין אויגענבליק רויט געמאַכט דעם קאַפּיטאַנס געזיכט, נור דאָס איז שוין געווען אונמעגליך; ביי דער ערשטער בעוועגונג וועט מען זיי צושלאָגען אין שטיקער. א שטיין איז אין דער מינוט געפֿאַלען אויף'ן ברילעק פֿון זיין קעפ און טראָפּען בלוט זיינען גערונען איבער זיין שטע־רען. א סך פֿון זיינע סאָלדאטען זיינען שוין געווען פֿערוואונדעט און אין ער האָט געפֿיהלט, אז עס קומט דיא צייט, ווען זיי וועלען איהם מעהר ניט הערען און וועלען זיך פֿערטהיידיגען. דער סער־זשאַנט האָט זיך שטאַרק געשאָלטען, א שטיין האָט איהם שיער אבגעריסען דעם לינקען אַקסעל. דער רעקרוט האָט מען צוויי מאָל געטראָפֿען, איינער האָט איהם צוקלאַפּט דעם גראָבען פֿינגער, דער צווייטער האָט איהם געטראָפֿען אין קניע. ווע־לען זיי דאָס נאָך לאַנג אויסהאַלטען? ווען א שטיין איז אָבגעשפּרונגען פֿון מויער און געטראָפֿען דעם אלטען סאָלדאט אין בויך זיינען זיינע באַקען גרין געוואָרען און די געוועהר האָט געציטערט אין זיינע מאָגערע הענד. דריי מאָל איז דער קאַפּיטאַן געווען גרייט צו קאָמאַנדירען: „פֿייערט!“ און איהם איז פֿאָרגעקומען א שטאַר־קער קאַמפֿף פֿון א סאָלדאט און מענשען. דער האָגעל פֿון שטיינער איז שטאַרקער געוואָרען. ער האָט געעפֿענט דאָס מויל אום אויסצושרייען: פֿייערט! און דער מינוט האָבען דיא ביקסען אליין אויסגעשאָסען, צו ערשט דריי שאָס, נאָכהער פֿינף, נאָ־דעם א גאַנצע זאַלפּ און צולעצט נאָך אלעמען איין איינציגער שאָס אין דער טיעפֿער שטילקייט.

א שטומער שרעק האָט געהערשט צווישען דער מענגע. עס האָט זיך קיינעם גע־גלויבט, אז די סאָלדאטען האָבען ווירקליך געשאָסען. דאַן האָבען זיך דערהערט דאָס שטאַרקע און הויכע טרומייטען, דאָס דיא סאָלדאטען זאָלען איינשטעלען דאָס פֿייער. עס איז געוואָרען א ווילדע פּאַניק, א ווילדעס אנטלויפֿען. ביי דיא ערשטע דריי שאָס זיינען בעקע און לידיע געפֿאַלען איינער אויף'ן אנדערן; איהר האָט דער קויל געטראָפֿען אין געזיכט און איהם אין לינקען אַקסעל. זיא איז אויגענבליקליך געפֿאַלען טויט; ער האָט זיך ניט גיוואָרפֿען; אין דער אַגאָניע האָט ער איהר אָנגיכאַפּט מיט זיינע מאָגערע הענטלאַך, אזוי וויא ער וואָלט איהר ווידער ווילען ארויפֿנעהמען פּונקט וויא אין דעם פֿינסטערען לאָך, וואו זיי האָבען פֿערבראַכט דיא לעצטע נאַכט. זשאַנלען איז הינקעדיג און האַלב פֿערשלאָפֿען גראָדע אָנגעקומען, ווען ער האָט איהר ארומגענומען און איז אויסגיגאַנגען.

דיא פינף אנדערע שאָס האבען געטראָפען דיא ברילע און דעם אויפזעהער רישאָם. עס האט איהם געטראָפען אין דעם אויגענבליק, ווען ער האט געבעטען דיא קאַמעראַדען, זיי זאָלען אָבטרעטען. דיא קויל האט איהם געטראָפען אין רוקען און ער איז געזונקען אויף דיא קניע, דאן איז ער געפאלען אויף א זייט; יעצט האט ער געבאָרכעלט אויף דער ערד, דיא אויגען נאָך פול מיט דיא טרערען, וואס ער האט פארגאָסען. דיא אַלטע ברילע איז געווען — געטראָפען אין האלז — שטייף און איז מיט א קנאַק אנידערגעפאלען וויא א שטיק טרוקען האָלץ, אויסשפייענדיג דעם לעצטען פלוך מיט א בלוטיגען שוים.

דאן איז געקומען דער זאַלפ און האָט אבגערוימט דעם פלאץ. ער האָט אָבגעראַמט דיא גרופע פון דיא נייגעריגע. א קוגעל האט געטראָפען מוקע אין דעם מויל, ער איז געפאלען פאר זאַשאַריי'ס און פיליאָמינעס פיס, בעשפריצענדיג זייערע קינדער מיט בלוט, אין דעם זעלבען אויגענבליק איז דיא מוקעט געטראָפען געוואָרען מיט צוויי קוילען אין בויך אריין. זיא האָט געזעהן, וויא דיא סאָלדאַטען האָבען אנגעהויבען צו שיסען און אין איהר גוטמוטהיגקייט האָט זיא זיך מיט אן אינסטינקטיווע בעוועגונג געוואָרפען פאר קאַטערינען און געשריען צו איהר, זיא זאָל זיין פארזיכטיג; זיא האָט ארויסגעלאָזט א [illegible] געפאלען אויף דעם רוקען. עטיענען איז צוגעלאָפען און [illegible] איהר געוואָלט וועקטראָגען, נור זיא האָט איהם מיט א מינע געגעבען [illegible] פערשטעהן, אז [illegible] איז [illegible]

און אין איהר נסיסה האָט זיא [illegible] שמייכלען צו קאַטערינען און עטיענען, אזוי וויא עס וואָלט איהר געפרייט צו זעהן זיי צוזאמען, ווען זיא איז שוין פון זיי געווען געשידען.

אַלץ האָט שוין געשיינט צו זיין פאריבער. דער שטורם פון קוגלען האָט שוין אויפגעהערט און זיין לעצטער הילך האָט זיך פערלוירען צווישען דיא ווייטע הייזער פון דעם ארבייטער דאָרף, ווען דער לעצטער איינציגער פערשפעטיגטער שאָס האָט א קראַך געטוהן. געטראָפען אין מיטען הארצען, האָט מאהיי זיך א דריי געטון ארום זיך און איז געפאלען מיט'ן געזיכט אין א שוואַרצע קאָלזשע.

פרוי מאהיי האָט זיך אנגעבויגען איבער איהם א צומישטע.

— הע, מיין אלטער, הייב דיך אויף! עס איז דאָך גאָר ני? זאָג!

אזוי וויא זיא האָט צוליעב דעם קינד ניט געקאָנט פריי מאכען דיא הענד, האָט זיא דאָס קינד ארונטערגעשטופט אונטער איהר ארם, אום זיא זאָל קענען דעם מאנס קאָפּ אומווענדען.

— זאָג, וואָס טהוט דיר וועה?

זיינע אויגען האָבען געקוקט ליידענדיג, דער מויל איז געווען פול מיט בלוטיגען שוים, זיא האָט פערשטאַנען, אז ער איז טויט. זיא איז געבליבען זיצען מיט'ן קינד אונטער'ן ארם וויא מיט א פאקעט, קוקענדיג אויף איהר מאַן מיט א נאַרישע מינע.

דיא מינע איז יעצט געוואָרען פריי. דער קאַפּיטאַן האָט מיט א נערוועזע האנד ארונטערגענומען זיין צוריסענע קעפּ און האָט איהר צוריק אנגעטאָן; ער האָט נאָך אלץ געהאט זיין בלייך, שטאַר געזיכט און האָט געקוקט גלייך אויפ'ן אונגליק פון זיין לעבען. די סאָלדאַטען האָבען שטום געלאַדען זייערע געוועהר. נעבען פענסטער האָבען זיך געזעהן דיא צושראָקענע געזיכטער פון נעגרעל און פון דעם אָבעראויפזעהער. אונטער זיי איז געשטאַנען סואוואַרין, אויף זיין שטערן איז געלעגען א טיעפער קנייטש, א דראָהענדער שטעמפּעל פון זיינע פינסטערע געדאַנקען. פון דערווייטענס אונטער דעם האָריזאָנט האָט זיך געזעהן דער אַלטער באָנמאָר, אַלץ אונבעוועגליך מיט איין האנד אָנגעשפאַרט אויף זיין שטעקען און מיט דער צווייטער

טער פערשטעלענדיג די אויגען אום בעסער צו זעהן, וויא מען האט אויסגעשאכטען די זייניגע. די פערוואונדעטע האבען געשריען; די טויטע זיינען פערשטארט געווארען אין יענעם צושטאנד, אין וועלכען זיי זיינען געפאלען. און צווישען די עלענדע טויטע מענשישע קערפערס, אויסגעמאגערט פון הונגער און נויט, בעשפריצט מיט בלאטע און שניי, איז געלעגען דער ריעזיגער קערפער פון דעם טויטען פערד.

עטיען איז ניט אומגעקומען. ער איז נאך אלץ געשטאנען נעבען קאטערינען. וועלכע איז פון מאטערניס און צרות אנידערגעפאלען, ווען פלוצלונג האט זיך דערהערט א קוויטשיגע שטימע, פון וועלכע ער איז ערציטערט געווארען. דאס איז געוועזען דער גלח, וואס האט זיך יעצט צוריקגעקעהרט פון דער קירכע און האט מיט דעם פרומען כעס פון א נביא אויפגעהויבען ביידע הענד און ארויבגערופען גאט'ס צארן אויף די מערדער. ער האט געזאגט, אז די צייט פון גערעכטיגקייט וועט קומען און אז באלד וועט אראפ א פייער פון הימעל און וועט אויסראטען די בורזשוא, וועלכע האט איהר מאס פון פערברעכען איבערגעפילט דערמיט, וואס זיא האט געלאזט מארדען די ארבייטער, די אונגליקליכע פון דער וועלט.

זיעבענער טהייל.

I.

די שיסעריי וואס איז פארגעקומען אין מאנטסו האט שרעקליך אבגעהילכט אין פאריז. שוין פיער טעג האבען די אפפאזיציאנעלע צייטונגען ניט אויפגעהערט צו דונערען מיט ארטיקלען, אין וועלכע עס זיינען געשילדערט געווארען די בגעבענהייטען אזוי שרעקליך, אז די האר האבען זיך געשטעלט קאפויר ביים לייענען: פינף און צוואנציג פערוואונדעטע, פיערצעהן טויטע, דארונטער צוויי קינדער און דריי פרויען; אויסער דעם זיינען דארט געוועזען געפאנגענע. לעוואק איז בעשריבען געווארען וויא א העלד; מען האט דערצעהלט, אז ער האט דעם אונטערזוכונגס-ריכטער געגעבען אן ענטפער נאר אין אנטיק. דאס קייזערטהום, וועלכע איז פון די עטליכע קוילען שטארק געטראפען געווארען, האט ניט פערשטא־נען, וויא ערנסט די זאך איז געוועזען און האט זיך איינגעהילט אין דעם שווייגע פון אלמאכט. דאס איז מעהר ניט געווע, וויא א טרויעריגער צוזאמענשטויס; די זאך איז געשעהן ערגעץ ווייט, דארט אין דעם שווארץ־לאנד, ווייט פון דעם פאריזער פפלאסטער, וואו די עפענטליכע מיינונג ווערט געמאכט. מען וועט דאס באלד ווידער פערגעסען; די קאמפאניע האט האלב אפיציעל געקראגען א ראט די געשיכטע אונטערצודריקען און צו מאכען אן ענדע פון דעם סטרייק, וועלכער האט מיט זיין לאנגען דויערן געדראהט ארויסצורופען א סאציאלע געפאהר.

שוין מיטוואך האט מען געזעהן אריינפאהרען אין מאנסו דריי מיטגליעדער פון דעם פערוואלטונגס-ראטה פון דער קאמפאניע. דאס שטעדטעל האט אויף דאס ניי אבגעלעבט, ענדליך האט ער זיך געפיהלט געראטעוועט. דאס וועטער איז זעהר שיין געווארען, די זון האט העלל געשיינט, און כאטש עס איז ערשט געוועזען פעברואר, האט זיך דאס גראז אנגעהויבען גרין צו פארבען. אין די פאבריקען האט מען געעפענט אלע לאדענס; עס האט געשיינט, וויא א ניי לעבען איז אריין אין די גרויסע געביידעס, און פון דארט זיינען גיקומען זעהר גוטע נאכריכטען. עס האט גיהייסען, אז די הערן זיינען זעהר בעזארגט פון דער קאטאסטראפע און זיי זיינען געקומען אויסשפרייטען זייערע ארמען צו די פערבלאנזשעטע ארבייטער. יעצט, ווען זייער טאקטיק האט זיי פערפיהרט א סך ווייטער, וויא זיי האבען געוואלט, האבען זיי זיך שטארק גענומען צו א רעטונגס־פלאן און האבען געמאכט — אפילו א ביסעל צו שפעט — גוטע שריטע דערצו. פריהער פון אלץ האבען זיי צוריק אוועקגעשיקט

דיא בעלגישע ארבייטער און האָבען זיך שטארק בעריהמט דערמיט. דערנאָך האָבען זיי אָבגעלאָזט דיא סאָלדאטען, וואָס האָבען בעוואכט דיא מינען, וועלכע זיינען געווען אויסער געפאהר. זיי האָבען אויך געזעהען, מען זאָל פערשווייגען וועגען סאָלדאט, וואָס איז פערשוואונדען געוואָרען פון בערגיי. מען האָט דיא גאנצע געגענד דורכגעזוכט און ניט געפונען ניט דעם קערפער און ניט דאָס געוועהר; און מען האָט בעשלאָסען צו בעטראכטען דעם סאָלדאט פאר א'ן אנטלאָפענעם, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס קיין האָט גוט פערשטאנען, אז דאָ איז געשעהן עפּעס א פארברעכען. איבערהויפּט האָבען זיי זיך געשטארט פארצווישטגעלען יעדע זאך אין א שוואכער ליכט; דען דער קומענדער טאָג האָט זיי געשראָקען אין זיי האָבען געהאלטען פאר נעפעהרליך זיך מודה צו זיין, מיט וואָס פאר א ווילד־הייט דיא מענגע וועט זיך אָברעכענען אין יענעם טאָג, ווען זיי וועלען זיך א לאָז טאָן צו דער צופוילטער געביידע פון דער אלטער וועלט. נור דאָס האָט זיי ניט גע־שטערט גאנץ גוט צו פיהרען זייערע אדמיניסטראטיווע געשעפטען; הערר דענוילען האָט זיך ווידער בעוויזען אין דער דירעקציאָן, — וואו ער האָט געהאט א אונטערדע־דונג מיט הערר הענעבאָ, און מען האָט געזאָגט, אז ער וועט אין גיכען איינוויליגען אויף דיא בעדינגונגען פון דער קאָמפּאניע.

מעהר פון אלץ האָבען געמאכט א גערודער אין געגענד דיא גרויסע געלע פּלא־קאטען, וועלכע דיא קאָמפּאניע האָט געהייסען אָנקלעפּען אויף דיא וואנד. אויף זיי איז געווען אָנגעשריבען מיט גרויסע בוכשטאבען פאָלגענדעס:

„ארבייטער פון מאָנטסו!

„מיר ווילען ניט, אז דער טעות, וואָס דיא ארבייטער האָבען געמאכט און וואָס האָט געפיהרט צו אזא טרויריגען סוף, זאָלל ווייטער אוועקנעה־מען ביי דיא קלוגע און פערשטענדיגע ארבייטער זייער ביסעל ברויט פון מויל. מיר וועלען מאָנטאג אין דער פריה ווידער עפענען אלע גרובען, און ווען דיא ארבייט וועט ווידער זיך אָנפאנגען וועלען מיר פּרובען צו פערבעסערן דיא לאגע פון דיא ארבייטער, וויא ווייט וויא מיר וועלען קענען".

אין יענעם טאָג האָבען ביז 10 טויזענד ארבייטער געלייענט דיא צעטלען; קיין איינציגער האָט געזאָגט א וואָרט. פיעלע האָבען געשאָקעלט מיט דיא קעפּ, מעהרערע זיינען פארביינעגאנגען מיט שלעפּעטיגע טריט, און קיין מינע האָט זיך גע־ענדערט אין זייער געזיכט.

ביז יעצט האָט זיך דאָס דאָרף פון צוויי הונדערט און פיערציג אלץ געהאלטען איינגעשפּארט און ניט געוואָלט אונטערגעבען זיך. עס האָט אויסגעוויזען, אז וויא דאָס בלוט פון דיא ארבייטער, וואָס האָט רויט געמאכט דיא בלאָטע פון דער מינע, האָט זיי אהין פערצאמט דעם וועג. בלויז צעהן ארבייטער האָבען זיך ארונטער געלאָזט אין דער מינע, פּיעראָן און נאָך אזעלכע פעררעטהער, וויא ער. מען האָט זיך צוגעקוקט צו זייער אריינגעהן מיט א שטומער מינע, אָבער אהן א שפּור דראָהונג. אויף'ן פּלאקאט האָבען זיי געקוקט סקעפּטיש, מען האָט דאָ גאָר ניט דערמאָנט פון יענע ארבייטער, וועלכע מען האָט אומגעקעהרט זייערע אר־בייט'ס ביכלעך. וועט מען זיי ניט נעהמען צוריק צו דער ארבייט? און דיא מורא, אז יענע וועלען ניט צוגעלאָזט ווערן צוריק צו דער ארבייט, האָט נאָך פערשטארקט זייער עקשנות. דיא זאך איז פערדעכטיג, האָבען זיי געזאָגט; מען דאַרף פריהער זעהן, וואָס וועט דערפון ווערן, און מען וועט ניט גיין צו דער ארבייט, ביז דיא קאָמפּאני וועט זיך אָפען ערקלערן. א דריקענדע שטילקייט איז געלעגען איבער דיא ניעדריגע הייזער; דער הונגער האָט זיי מעהר ניט געשראָקען; אלע האָבען יעצט

עמעס שטארבען, וויא באלד דער געוואלדזאמער טויט האט זיך שוין אריבערגעטראגען איבער זייערע דעכער.

מאהייס הויז איז געוועזען פינסטער און שטום, פערהילט אין א כארען טרויער. פון דער צייט, וואס דיא מאהיד האט בעגראבען איהר מאן, האט זיא דאס מויל ניט געעפענט. נאך'ן קאמפף האט זיא צוגעלאזט, אז עטליכע זאל אריבערטראגען צו איהר אין הויז דיא האלב טויטע און אויסגעשמירטע אין בלאטע קאטערינע. און אלס זיא האט איהר אויסגעטאן נאקעט עטליכע אין דיא אויגען אום אריינלייגען איהר אין בעט, האט זיא געדיינקט, אז איהר טאכטער איז אויך צו איהר צוריק געקומען מיט א קוגעל אין בויך, ווען אויף'ן העמד זיינען געווען גרויסע פלעקען בלוט, נאר באלד האט זיא פערשטאנען. דאס איז געוועזען דער שטראם פון צייטיגקייט, וואס האט זיך ענדליך בעוויזען פון דיא שרעקען, וואס קאטערינע האט איבערגעלעבט דעם טאג. א נייע גליק האט איהר גאט געבראכט! א שיינעם געשאנק, צו קענען מאכען קינדער, וועלכע וועלען שפעטער אויסגעווארפען ווערען פון דיא זשאנדארמען! מאהיד האט קיין ווארט געזאגט צו קאטערינע, און אויך ניט צו עטיען, וועלכער איז געבליבען שלאפען מיט זשאנלען, ניט קוקענדיג אויף דיא געפאהר פערהאפט צו ווערען. ער וואלט בעסער געגאנגען אין געפענגנים איידער שלאפען א נאכט אין דער מינע, וואו עס איז געלעגען בעגראבען דער סאלדאט. אין זיין שרעקליכען קומער איבער דיא נידערלאגע, וואלט ער בעטראכט דאס געפענגנים וויא א גוט ארט צום אפרוהען. נאר קיינער האט איהם ניט געריהרט, און ער האט ניט געוואוסט, וואס ער זאל מיט זיך טאן. צייטענווייז האט דיא מאהיד בעטראכט איהר טאכטער און איהם מיט א מינע, וויא זיא וואלט געפרעגט, וואס זיי טוען ביידע ביי איהר אין הויז.

יעצט האבען זיי ווידער געשלאפען אויף איין ארט, און ערשט ביי נאכט פלעגט דיא מוטער פיהלען, וויא ליידיג דאס הויז איז געווארען און וויא קאלט און ברייט דאס בעט. אומזיסט האט זיא גענומען עסטעלע צו זיך, זיא האט דעם ליידיגען פלאץ ניט געקענט אויספילען. שטונדענלאנג פלעגט זיא וויינען שטילערהייד, און דיא טעג זיינען געלאפען אזוי וויא פריהער. עס איז נאך אלץ קיין ברויט געווען און עס איז געוועזען קיין אויסזיכט, וואו עס צו קריגען. דא און דארטען פלעגען זיי קלייבען שטיקלאך און ברעקלאך, וועלכע האבען נור געהאלפען צו דערגרייזערן זייער אומגליקליך לעבען. קיין זאך האט זיך ניט געענדערט אין זייער לעבען, נור דער מאן איז ניט געוועזען.

אויפ'ן פינפטען טאג האט עטיען פערלאזען דיא הויז, ניט קענענדיג לענגער איבערטראגען דעם שטילען טרויער פון פרוי מאהיי. ניט האבענדיג וואס צו טאן, האט ער געמאכט לאנגע שפאצירגאנגע, מיט אן איינגעבויגענעם קאפ און אראבגעלאזטע הענד און געפלאגט פון פינסטערע געדאנקען. ער איז שוין געגאנגען איבער דער נאס מעהר וויא א האלבע שטונדע, ווען ער האט בעמערקט, אז דיא קאמעראדען זיינען ארויסגעגאנגען פון דיא טהירען און האבען איהם נאכגעקוקט. דאס לעצטע ביסעל ליעבע פון דיא ארבייטער צו איהם איז פערפאלען געווארען צייט דיא לעצטע שיסעריי; ער האט ניט געקענט דורכגעהן א גאס, ער זאל ניט בעגעגנען בייזע בליקען. ער האט נור געדארפט אויפהייבען דעם קאפ, אום צו דערזעהען אויף יעדען שוועל, וויא מען קוקט אויף איהם מיט האס; דיא ווייבער האבען מעהר פערקאסערט דיא פארהאנגען, אום בעסער צו קענען ארויסקוקען; און ביים אנבליק פון דער שטומער אנקלאגע, פון דעם אונטערדריקטען צארן, וואס האט ארויסגעקוקט פון דיא אויגען, וועלכע זיינען געווארען גרעסער פון הונגער און וויינען, ער פערלארען זיין מוטה און דיא זיכערהייט פון זיינע טריט. דיא שטומע

פאריווארפען זיינען אלץ געוואקסען אונטער איהם, און פנים צו פנים מיט'ן גאנצען דארף וואס איז אויס אין גאס, אום איהם צו ווארפען אין געזיכט זיין עלענד, איז אויף איהם אנגעפאלען אזא מורא, אז ער האט אנגעהויבען צו ציטערן און האט זיך אין דער גיך צוריקגעקעהרט.

נור דיא סצענע, וואס זיינע אויגען האבען בעגעגנט אין דער היים, האט איהם נאך מעהר צושרויפט. דער אלטער באנעמאר איז געזעסען אויף זיין שטוהל נעבען קאלטען אויווען. צייט פון דעם טאג פון דער שיסעריי, ווען צוויי קאמעראדען האבען איהם געפונען אויסגעצויגען אויף דער'ערד נעבען זיין צובראכענעם שטעקען, וויא א בוים געטראפען פון דונער, האט ער זיך ניט געקענט א ריהר טאן. לענארא און הענרי, האבען מיט א שטארקע נערוויש געסקרעבעט א קאווערפאנדעל, און וועלכען מען האט געבעטען געקאכט קרויט, אום אבצונארען זייער הונגער. די מאהיד האט אוועקגעלייגט עסטעלען אויף טיש און פערמאסטען זיך מיט'ן קולאק געגען קאטרינא.

— פרוב דאס נאך א מאל זאגען! האט זיא געשריען.

קאטערינע האט אויסגעדריקט איהר אבזיכט צו געהן צו דער ארבייט אין דער ארויימינע. זיא האט ניט געקענט פערטראגען דעם געדאנק, אז זיא איז געפאלען דער מוטער צו לאסט. ווען זיא זאל ניט געוועזען מורא האבען פאר שאוואל, וואלט זיא נאך דינסטאג געגאנגען צו דער ארבייט.

— וואס הילסטו? מען קען דאך ניט געהן ליידיג האט זיא געשטאמעלט. מיר וועלען ווייניגסטענס האבען ברויט.

מאהיד איז איהר אריינגעפאלען אין דיא רייד.

— הערסט, איך וועל דערשטיקען דעם ערשטען פון אייך, וואס וועט זיך דער־וועגען גיין צו דער ארבייט.... עס וואלט געוועזען א ביסעל צופיעל, פריהער דעם פאטער צו טויטען און דערנאך דיא קינדער אויסצובייטען! עס איז שוין אזוי איך גענוג; בעסער וועל איך אייך אלעמען זעהן באגראבען, אזוי וויא אייער טאטע.

נאך איהר לאנגען שווייגען, האבען זיך יעצט פון איהר גינומען שיטען ווער־טער, וויא פון אן אפענעם זאק. וואס קאטערינע וועט ברענגען, וועט ווייניג נוצען, קוים דרייסיג סו, דער באנדיט זשאנלען וועט אויך קוים ברענגען צוואנציג סו, אויב ער וועט געפינען עפעס ארבייט. פופציג סו צו פערשטאפען זיעבען מיילער! דיא קליינע קינדער זיינען נור גוט צו עסען זופ, און וואס אנבעטרעפט דעם אלטען באנ־מאר, האט איהם עפעס גימוזט קאליע ווערען אין מארך ביי זיין פאלען, ווייל ער איז פון דאמאלס וויא שוואכזיניג; אדער פיליכט איז ער געריהרט געווארען, וואס מען האט געשאסען אויף זיינע קאמעראדען.

— ניט אמת, זיידע, זיי האבען אייך אין גאנצען אבגעקוילעט? אייערע שטארקע קולאקעס ברענגען אייך גאר קיין נוצען ניט; איהר זייט שוין א [illegible].

באנעמאר האט איהר אנגעקוקט מיט זיינע אויסגעלאשענע אויגען און האט ניט פערשטאנען א ווארט.

— און זיין פענסיע וועלען זיי איהם אויך ניט געבען, האט זיא ווייטער גירעדט; איך בין זיכער, אז פאר אונזער האלטען זיך וועלען זיי איהם גאר ניט געבען קיין, דאס איז צו פיעל פון דיא מערדער!

— אבער, האט איהר אונטערגעבראכען קאטערינע, זיי פערשפרעכען דאך אויף דיא פלאקאטען .....

— לאז מיך צורוה מיט דיא פלאקאטען! דאס איז א נייער שפיצעל, אום אונז צו פאנגען און איינצוזשרעסען. נאכדעם וויא זיי האבען אונז דורכגעלעכערט דיא הויט, ווילען זיי שפיעלען דיא ראלע פון גוטע מענשען.

— אבער וואס וועט פון אונז זיין, אז מיר וועלען ניט ארבייטען?......

מאהיד דאָס צאַרנדיג א כאַך געטאָן מיט דער האנד, וואָס וועט כאָטשי זיין! זיא האָט דאָס ניט געוואוסט, האָט אפילו דערפון ניט געטראַכט, דען איהר אונגליק האָט אין גאנצען פון איהר אָבגענומען איהר פערשטאַנד! עס וועט דאָך מוהען עפּעס זיין. דער ליא־עס פון סקר בגן דאָס פּנגדעל איז געוואָרען צו שטאַרק, און זיא האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף דיא קליינע און זיא נוט אָנגעקלאַפּט.

עסטעל, וואָס איז געקראָכען אויף אלע פיער, איז דערוויילע ארונטערגעפאַלען, און איהר געשריי האָט נאָך פערשטאַרקט דעם געטומעל. דיא מוטער האָט אויף איהר אָנגעשריען כדי צו מאַכען איהר שטיל. וואָס פאר א גליק עס וואָלט געווען ווען דיא קליינע וואָלט זיך דער'הרג'עט צום טויט! זיא האָט זיך דערמאָנט אָן אַליר און געוואונשען דיא איבריגע קינדער אזא סוף. פּלוצלונג האָט זיא אויסגעטאָבען אין א כליפּען און האָט געוויינט — דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער וואנד־ פאר זיך אליין.

עטיען איז געשטאַנען אין מיטען שטוב; ער האָט ניט געהאָט מוטה ארייצומישען זיך. ער האָט אין דעם הויז פערלאָרען זיין גאנצען ווערט, אפילו דיא קינדער האָבען אויף איהם געקוקט קרום. אָבער דיא טרערן פון דער אונגליקליכער פרוי האָבען איהם געדריקט דאָס הארץ.

— פערלירט ניט דיא האָפנונג, פערלירט ניט דיא האָפנונג! האָט ער איהר געטרייסט; עס וועט נאָך ווערן גוט.

זיא האָט געשיינט ניט צו הערען איהם און האָט וויטער שטיקערהייט געקלאָגט.

— אַח, וואָס פאר א קלאָג! איז עס דען מעגליך? איידער דאָס אונגליק האָט אונז געטראָפען, איז נאָך געווען צו דערליידען, מען האָט גינעסען א טרוקען שטיקעל ברויט, נור מען איז כאָטש געווען צוזאמען .... און וואָס איז איצט פון אונז געוואָרען, טאַטע־דער־בארמהערציגער?.... וואָס אזוינס האָבען מיר געטאָן, וואָס אזא אונגליק איז אויף אונז געקומען, אז איינע ליעגען אין דער ערד און דיא אנדערע ווינשען זיך אויך ניט בעסער וויא צו זיין דאָרטען?.... מען האָט אונז איינגעשפּאַנט אין דער סאָכע, וויא פערד, און מיר האָבען פאר אונזער ארבייט געקראָגען נור יסורים, וועהרענד דיא רייכע זיינען אלץ רייכער געוואָרען. מיר האָבען גיהאַלטען אין איין פערגרעסערען דיא רייכקייט פון דיא רייכע אָהן דער מינדעסטער האָפנונג אליין עפּעס דערפון צו האָבען. מען פערלירט דעם חשק פון לעבען, אז מען פערלירט דיא האָפנונג. מען האָט שוין דאָס לייגער ניט געקענט אויסהאַלטען, מען האָט געמוזט שפּען א ביסעל פּט ... און דאָך, ווען מען וואָלט געוואוסט! איז דאָס מעגליך, מען זאָל אזוי אונגליקליך ווערן דערפאר, וואָס מען פאָדערט גערעכטיגקייט?!

דער גאָרגעל איז איהר געשוואָלען געוואָרן פון זיפצען, איהר שטימע איז איהר אָבגעשטאָרבען אין אונענדליכען טרויער.

— און עס געפינען זיך גוטע קעפּלאַך, וואָס פערשפּרעכען אל־דאָס־גוטס, אויב מען וועט זיך נור דיא מיה געבען דערצו .... מען רעדט זיך איין אזוי פיעל זאַכען, אז מען בענוצט זיך ניט מיט דעם, וואָס מען האָט, און מען זוכט דאָס, וואָס מען האָט ניט. פון וואָס האָב איך שוין ניט גע'חלום'ט? איך האָב גע'חלום'ט פון א לעבען פון פריינדשאַפט איבער דער גאנצער וועלט; איך האָב געשוועבט אין דער לופט ביז צו דיא וואָלקען און בין ארונטערגע אַלען אין בלאָטע און צובראָכען דיא ביינער. עס זיינען געקומען נאָך גרעסערע צרות, וויא מען האָט געקענט ערוואַרטען און דערצו נאָך קוילען פון ביקסען .....

עטיען האָט זיך צוגעהערט צו איהר קלאָגען, און יעדער טרער איז געפאַלען אויף

זיין געוויסען. ער האט ניט געוואוסט וואס צו זאגען, אום צו בארוהיגען איהר, וועלכע איז געווען אין גאנצען צובראכען פון דעם שרעקליכען פאל פון איהרע האפנונגען. זיא האט זיך אנידערגעשטעלט אין מיטען שטוב, האט איהם געקוקט גלייך אין געזיכט און אויסגערופען מיט דעם גאנצען ווילדען כעס, וואס אין איהר איז געבליבען:

— און וואס איז מיט דיר? רעדסטו אויך דערפון אומצוקעהרע זיך צוריק אין דער מינע, נאכדעם וויא דו האסט אונז אלעמען אריינגעבראכט אין אין אונגליק... איך וויל דיר ניט מאכען קיין פארווירפע; אבער אויף דיין ארט וואלט איך לאנג געשטארבען פון קומער, וואס איך האב אזא אונגליק געבראכט אויף מיינע קאמעראדען.

ער האט איהר געוואלט ענטפערן: נור ער האט זיך בגנוגענט מיט א ציה מיט דיא אקסלען אין א פערצווייפעלטער מינע. צו וואס זאל ער איהר געבען ערקלערונגען, וועלכע זיא וועט אין איהר צער ניט פערשטיין? און וויל ער האט מעהר ניט געקענט אויסהאלטען דיא צרות, איז ער ווידער ארויסגעגאנגען און האט ווידער אנגעפאנגען זיינע וואנדערונגען אהן א שום ציעל.

עס האט אויסגעזעהן, וויא דאס דארף האט נאך אלץ געווארט אויף עטיען, דיא מאנסביל ביי דיא שוועלען און דיא ווייבער ביי דיא פענסטער. אזוי גיך וויא ער האט זיך בעוויזען איז דורכגעגאנגען א מורמעל, און דיא מענגע איז אלץ גרעסער געווארען. שוין פיער טעג וויא מען האט וועגען איהם געטריבען רכילות אין דארף, און יעצט האט דער אנגעזאמעלטער צארן אויסגעבראכען אין קללות. מען האט זיך אויף איהם פערמאכטען מיט קולאקעס; וויבער האבען אויף איהם געטייטעט מיט דיא פינגער און געוויזען מיט כעס אויף איהם זייערע קינדער, דיא אלטע האבען אויסגעשפייט, דערזעהענדיג איהם. אזוי האט זיך דאס רעדעל א דריי געטאן נאך דער נידערלאגע. אין זיי האט זיך יעצט אנגעצונדען א כעס פאר דיא אלע ליידען וואס זיי האבען אומזיסט אריבערגעטראגען. ער האט געצאלט פאר זייער הונגער און טויט.

זאשארי איז אנגעקומען מיט פילאמינע. ווען עטיען איז ארויס פון טהיר און האט איהם א שטויס געטאן. ער האט געמאכט א שפעטישע הויה און געזאגט אין א בייזען טאן:

— זעה נור, וויא פעט ער ווערט! דיא הויט פון אנדערע שיינט איהם וואויל צו בעקומען!

אין דער מינוט האט זיך בעוויזען דיא לעוואק, אין בעגלייטונג פון איהר באר־דער. זיא האט גערעדט פון איהר איינגעל, וואס איז געווען געטראפען פון א קויל.

— יא, עס זיינען פאראן פיינלינגע, וואס לאזען טוידטען קליינע קינדער; האט זיא געשריען. לאז ער מיינעם לעבעדיג מאכען, אויב ער וויל מיר עס צוריקגעבען!

זיא האט איהר מאן, וואס איז געזעסען איינגעשפארט, אין גאנצען פארגעסען. אין הויז האט מען זיין אבוועזענהייט ניט געפיהלט, ווייל דער באַרדער איז דארט געווען. יעצט האט זיא זיך דערמאנט און דאס פארטגעזעצט מיט א קוויטשיגקול:

— איהר זעהט? דיא שורקען לאזט מען גיין פריי און דיא עהרליכע מענשען זעצט מען איין.

עטיען האט איהר געוואלט אויסמיידען און האט בעגעגענט פרוי פיראן, וועלכע איז אנגעלאפען פון איהר גארטען. זיא האט אויף איהר מוטער'ס טוידט געקוקט, וויא אויף אן ערלייזונג: זיא האט פון דער אלטער געהאט פיעל אונאנגענעהמליכ־קייטען; אויך האט איהר ניט געקימערט דער טוידט פון איהר מאנ'ס טאכטער,

אין נעגענטהייל זיא איז געווען צופריעדען פון איהר פטור צו ווערן. אבער דאס האט איהר ניט געשטערט צו האלטען מיט דיא שכנים און געגעבען איהר דיא מעג־ליכקייט מיט זיי זיך איבערצובעטען.

— און מיין מוטער? רייד! און דאס קינד? מען האט געזעהן, וויא דוא האסט זיך בעהאלטען אונטער זיי אום דיא קוילען זאלען זיי טרעפען!

וואס זאל ער טאן? זאל ער דיא פיהאן און דיא אנדערע דערוואַרגען און אג־הייבען א געשלעג מיט'ן גאנצען דארף? איין אויגענבליק איז ביי איהם געבוירען גע־ווארן אזא חשק דערצו. דאס בלוט האט איהם צו־ינגעשפארט אין קאפ, ער האט בעטראכט זיינע קאמעראדען, וויא חיות, עס האט איהם פערדראסען צו זעהען זיי אזוי דום און באַרבאריש. זיי האלטען איהם שולדיג! איז דען דאס ניט נאַרעש? איהם האט אנגעכאפט א'ן עקעל ווען ער האט זיך געזעהן אונטערגעטיגט צו האבען אויף זיי ווידער א'ן איינפלוס. ער האט זיך בענוגענט מיט דעם וואס ער האט גענומען מאכען האסטיגערע שריט און געמאכט זיך טויב צו אלע קללות, נור זיין גאנג האט זיך באלד פערוואנדעלט אין לויפען; פון יעדען הויז האט זיך אויף איהם געשאטען זידלערייי; דאס גאנצע דארף האט איהם געשאלטען, און דיא קולות זיינען וואס ווייטער געווארען העכער. ער איז געווען אין זייערע אויגען דער אויסבייטער, דער מערדער, דיא איינציגע אורזאכע פון דעם גאנצען אונגליק. בלייך און וויא משוגע איז ער געלאפען פון דארף און דיא גאנצע שרייענדע באנדע נאך איהם. פיעלע זיינען פון איהם באלד אבגעשטאנען, נור אנדערע האבען געהאלטען אן איין נאכיאגען. נעבען שיינק „צום וואלוועלען טרונק" האט ער אנגעטראפען אן אנדער גרופע, וועלכע האט צוריקגעקעהרט פון דער וואריימינע.

צווישען זיי האבען זיך געפונען דער אלטער מוק און שוואל! צייט דעם טוידט פון זיין טאכטער מוקעט און זיין זון מוקע איז דער אלטער געבליבען אויף זיין פלאַץ אלס שטאלקנעכט און קיינער האט פון איהם געהערט ניט איין ווארט פון בעדויערען, ניט איין קלאג, נור פלוצים, ווען ער האט דערזעהן עטיען איז אויף איהם אנגעפאלען א שטארקער כעס, א שטראם טרערען האט איהם ארויסגעפלייצט פון דיא אויגען, און פון זיין שווארצען בלוטיגען מויל האט זיך גענו־מען שיטען זידלערייי:

— שווין! שורקע! לוכפ!.... ווארט נור! דו וועסט מיר בעצאהלען פאר מיינע ארימע קינדער! דו וועסט מיר גיין צו זיי!

ער האט אויפגעהויבען א ציגעל, צובראכען איהם אין צוויי שטיק און א שלייד־ער געטאן אויף עטיען.

— יא, יא, מיר וועלען איהם פארטיג מאכען! האט אויסגערופען שאוואל מיט א בייזען געלעכטער. ער איז געווען דערפרייט פון נקמה. אויף יעדען קומט זיין צייט.... יעצט איז געקומען דיין צייט, שווייניש צורה!

און ער האט אויך גענומען ווארפען אויף איהם מיט שטיינער. א ווילדער גע־שריי האט זיך אויפגעהויבען; אלע האבען יעצט אויף איהם אנגעהייבען צו ווארפען מיט שטיינער, וויא א מאל אויף דיא סאלדאטען. ער האט אין גאנצען פערלארען זיין קאפ און האט אויפגעהערט צו לויפען; ער האט זיך אנידערגעשטעלט און גע־וואלט בערוהיגען זיי מיט ווערטער. זיינע פריהערדיגע רעדען, וועלכע זיינע א מאל אויפגענומען געווארען מיט אזא בייפאל, זיינען איהם ווידער ארויף אויף דיא ליפען. ער האט ווידער געזאגט דיא ווערטער, פון וועלכע זיי האבען א מאל געלעקט דיא פינגער, ווען ער האט זיי געהאלטען אין זיין מאכט וויא א טרייע טשערדע; נור זיין מאכט איז געווען טוידט, זיי נור שטיינער זיינען געווען אן ענטפער. יעצט האט

איהם געטראָפען א שטיין אין לינקען אָרם, ער איז אָפגעשפרונגען, די געפאַהר איז געוועזען גרויס, מען האָט איהם צוגעשאַרט צו דער וואַנט פון שיינק.

שוין א קורצע ווײַלע איז ראַסענער געשטאַנען אויף'ן שוועל.

— קום אַריין! האָט ער געזאָגט פראַסט.

עטיען האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה; עס האָט איהם געדריקט דער געדאַנק, אַז ער דאַרף דאָ זוכען שוץ.

— קום אַריין; איך וועל מיט זיי ריידען.

ענדליך האָט עטיען זיך ענטשלאָסען און האָט זיך בעהאַלטען אין זאַל; דער שיינקער איז געשטאַנען אויף'ן שוועל און מיט זיינע ברייטע פלייצעס בעשיצט די טהיר פון איינגאַנג.

— הערט, מיינע פריינד! קומט צום שכל. איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב אייך קיין מאָל ניט געטוישט, איך בין שטענדיג געוועזען פאַר שלום. ווען איהר וואָלט מיר געפאָלגט, וואָלט איהר איצט צו דעם ניט געוועזען געקומען.

טרייסלענדיג מיט די אַקסלען און בויך האָט ער לאַנג גערעדט אין דעם זעלבען טאָן. ער האָט ווידער געהאַט א ערפאָלג, ווי א מאָל; ער האָט ווידער געוואונען דעם צוטרוי פון פאָלק גאָר אָהן אנשטרענגונג אויף'ן גאַנץ נאַטירליכען וועג. גלייך ווי די קאַמעראַדען וואָלטען איהם ערשט מיט איין מאָנאַט צוריק ניט אויסגעלאַכט און גערופען: פיינלינג. עס האָבען זיך געהערט שטימען: „ער האָט רעכט! זעהר גוט!“ „לאָמיר האַלטען מיט איהם“. „אַזוי דאַרף מען ריידען“. און אַלע האָבען איהם געפּאַטשט בראַוואָ.

עטיען האָט געפיהלט אין זאַל, ווי זיינע כחות לאָזען איהם אָב, ווי זיין האַרץ ווערט פול מיט ביטערקייט. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ראַסענער האָט איהם אין וואַלד פאָרגעזאָגט, אַז די מענגע וועט איהם בלייבען אונדאַנקבאַר. וואָס פאַר א נאַרישע גראָבקייט! וואָס פאַר א מאוס פאַרגעסען פאַר טאָן גוטס! דאָס איז געווען א בלינדע מאַכט, וואָס פרעסט זיך אַליין אויף. און אונטער זיין צאָרן אויף די חיות, וואָס האָבען פערדאָרבען זייער אייגענע זאַך, האָט זיך בעהאַלטען די פערצווייפלונג אויף זיין אייגענער מפּלה, אויף די טרויעריגע ענדע פון זיינע עהרגייציגע שטרעבונגען. וואָס? איז שוין מיט איהם אַלץ געענדיגט? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אונטער די ביימער פון וואַנדאַם האָבען דריי טויזענד הערצער העכער געשלאָגען ביי זיינע ווערטער. אין יענעם טאָג האָט ער אין זיינע ביידע הענד געהאַלטען דאָס צוטרוי פון דעם פאָלק— דאָס פאָלק האָט געהערט צו איהם; ער האָט זיך געפיהלט אַלס זיין הערר. וואַהנזיניגע חלומות האָבען איהם דאַמאָלס פערטומעלט; מאָנטסו איז געלעגען אונטער זיינע פיס; ער האָט זיך געזעהן אַלס אָבגעאָרדנעטער אין פּאַריז, מיט זיינע רעדעס פערשמעטערענדיג די בורזשואַ, דער ערשטער אַרבייטער אויף דער פּאַרלאַמענטס־טריבונע. און יעצט איז דאָס אַלץ אַוועק מיט'ן רויך! ער האָט זיך אויפגעכאַפּט א פערשטויסענער, א פעראַכטעטער; זיין פאָלק האָט איהם משלוח געווען א הייס מיט שטיינער.

ראַסענער'ס שטימע האָט זיך אויפגעהויבען אויף דאָס ניי.

— מיט גוואַלד האָט מען קיין מאָל קיין זאַך אויסגעפיהרט; מען קען ניט איבערמאַכען די וועלט אין איין טאָג. די, וואָס האָבען אייך צוגעזאָגט, אַז אין איין טאָג וועט זיך אַלעסדינג ענדערן, זיינען נאַראָנים אָדער פערפיהרער.

— בראַוואָ! בראַוואָ! האָט געשריען די מענגע.

ווער איז אַזוי געווען דער שולדיגער? דיזע פראַגע האָט זיך געשטעלט עטיען און האָט ניט געקענט געפינען אויף איהר אַן ענטפער. ווער איז געווען דער

שולדינער אין דעם אונגליק, פון וועלכען ער אליין ליידעט; אין דעם עלענד פון איינעם, אין דעם טוידט פון א צווייטען, אין דעם דארבען פון דיא אלע ווייבער און קינדער; איז דאס ווירקליך זיין שולד? איין אבענד פאר׳ ססרייק האט ער דאס אלעס פאראויסגעזעהען, נור ער האט דאס פון זיך אוועקגעשטופט; דיא קאמעראדען האבען איהם מיט זיך אוועקגעשלעפט. ער האט זיי קיין מאל געפיהרט, ניכער האבען זיי איהם געשלעפט, ער האט ניט מעהר געטהאן וויא נאכגעגעבען נאך יעדער געוואלד־טהאט האט ער זיך געפרענט, וויא אזוי איז דאס געשעהן, און ער האט דאס ניט פארויס געזעהן? נור האט ער געקאנט צום ביישפיעל פאראויסזעהן, אז דיא קאמעראדען פון דארף וועלען איהם פער־שטיינען? דיא משוגעים זאגען ליגען, אז ער האט זיי פער־שפראכען, אז זיי וועלען לעבען וויא פריצים. און אין דעם זובען זיך צו פערענטפערן און אין דעם נעהמען זיך צום פארהער האט ער זיך געמאכט צובעהאלטען זיין געוויסענביסע, אז ער האט ניט געטאן אלעס, וואס מען האט גע־קענט טאן, און אין איהם איז ווייטער ארויס יענע צווייפעל פון דעם האלב אינטע־ליגענטען, וואס האט איהם שטענדיג געפייניגט. ער האט געפיהלט, אז זיין מוטה פערלאזט איהם; ער איז מעהר ניט אייניג מיט זיינע קאמעראדען; ער האט פאר זיי מורא געהאט, ער האט מורא געהאט, פאר דער בלינדער אונווינדערשטייליכער פאלקס־מאססע, אין וועלכער עס ליגט א נאטורגוואלט, וואס צערשטערט אלץ און מאכט צו שאנדע אלע טהעאריע און כללים. עס האט איהם פון פאלק געעקעלט, זיין פערפיינערטער געשמאק, זיין גאנצעס ציוויליזירטערעס וועזען האט איהם געצווינגען צו א העכערער קלאססע פון דער געזעלשאפט.

אין דיזען אויגענבליק האט זיך פערלוירען ראסענעיר׳ס שטיממע אין דיא בע־גייסטערטע געשרייען פון דער מאססע.

— האך ראסענעיר! ס׳איז ניטא קיין צווייטער! בראווא! בראווא!

דער שיינקער האט פערמאכט דיא טיהר, און דיא מענגע איז זיך צוגאנגען.

עטיען און ראסענעיר האבען בעטראכט איינער דעם צווייטען שווייגענדיג און געצווינגען מיט דיא אקסלען. ענדליך האבען זיי ביידע געטרונקען צו גלאז ביער.

דעם זעלבען טאג איז אין פיאליין געווען א יום טוב. מען האט געפייערט דעם קנס־מאל פון אינזשעניער נעגרעל און סעסיל גרעגואר. מיט א טאג פריהער האט מען געוואקסט דעם פוסבאדען פון שפייז־צימער און אבגעשטויבט דאס מעבעל פון סאלאן. פון קיך האט זיך געהערט דער ריח פון געבראטענע ענדיסעס. עס איז געווען בעשלאסען, אז דער קוטשער זאל העלפען סארוועען ביים טיש, דיא גערטנערין זאל וואשען דאס געפעס, און דער גערטנער זאל שטיין ביים טויער און עפענען פאר דיא געסט. קיין מאל איז נאך דיא ערנסטע פאטריארכאלישע הויז געווען אין אזא אויפרוהר.

אלסדינג איז געגאנגען גוט. מאדאם הענעבא איז געווען זעהר ליעבענסווירדיג צו סעסיל און געשמייכעלט צו נעגרעל, ווען דער נאטאריאוס פון מאנטסו האט איינ־געלאדען צו טרינקען פאר׳ן געזונד פון דעם יונגען פאר. אויך העדר הענעבא איז געווען ליעבענסווירדיג. זיין לאכעדיגע מינע האט זיך דיא געסט געוואר־ען אין דיא אויגען; מען האט דערציילט אז ער שטייט ווידער גוט מיט דער קאמפאני און איי־ניכען וועט מען איהם בעלוינען מיט א׳ן ארדען פון עהרען־לעגיאן פאר דיא ענערגי־מיט וועלכע ער האט דעם סטרייק דערשטיקט. מען האט זיך געהיט צו ריידען פון דעם וואס איז פארגעגאנגען דיא לעצט צייט, נור דאך האט דער יום טוב געטראג־גען א זיעגעל פון א׳ן אפיציעלען זיעגס־פעסט. ענדליך האט מען זיך דערפיהלט פריי; מען האט ווידער געקענט רוהיג שלאפען און עסען; מען האט אפילו ניט

פערגעסען צו דערמאָנען פון הינטערום די מויער, דאָס בלוט פון וועלכע עס האָט נאָך ניט פאַספּייעט אויסצוטריקענען. זיי האָבען דאָס אָבער בעטראַכט ווי א נייטיגע לעקציע; און אַלע האָבען זיך געפיהלט געריהרט, ווען די גרעגוארס האָבען געזאָגט, אַז די פפליכט פון יעדען איז צו געהן אין דאָרף און איבערבינדען די וואונדען פון די פערוואונדעטע. זיי האָבען יעצט אַלץ פערגעבען די קוילענגרעבער, וועלכע דערווייזען מיט זייער אומקעהרען זיך צו דער ארבייט א גוטען ביישפּיעל פון זייער הונדערטיעהריגע אונטערגעבענהייט. די רייכע פון מאָנטסו, וועלכע האָבען שוין מעהר ניט געציטערט פאַר זייער לעבען און פערמעגען, האָבען צוגעגעבען, אַז מען האָט בעדאַרפט בעסער שטודירען די לאָהן־פראַגע. ביי'ם בראַטען איז די פרייד נאָך גרעסער געוואָרען, ווען הערר הענעבאָ האָט איבערגעלייענט א בריעף פון דעם בישאָף, אַז דער גלח ווערט איבערגעזעצט אין אן אנדער פּלאַץ. די בורזשואַ פון דער פּראָווינץ האָבען לייִדענשאַפטליך דערצעהלט, ווי דער פּריסטער האָט אָנגערופען די סאָלדאַטען מערדער. ביים דעזערט האָט דער נאָטאַריוס אַלעמען פערזיכערט, אַז ער איז א פרייַדענקער.

דענעווילען איז אויך געווען דאָ מיט זיינע צוויי טעכטער. ער האָט זיך מיט אַלע מעגליכקייטען געשטאַרעט צו פערבאָרגען זיין קומער. ערשט היינט אין דער פריה האָט ער אונטערגעשריבען דעם קאָנטראַקט פון דעם פערקויף פון דער וואַנדאַמינע צו דער קאָמפּאַניע פון מאָנטסו. פאַר איין ברירה איז ער איינגעגאַנגען אויף די בעדינגונגען פון דעם פערוואַלטונגס ראַטה. דאָס געלד האָט קוים געקלעקט צו בעצאָהלען די קרעדיטאָרען, און ער האָט בעטראַכט פאַר א גליק, ווען זיי האָבען איהם פאָרגעשלאָגען, ער זאָל צו זיי אריינטרעטען אַלס אינזשינער; ער האָט זיך בעשלאָסען אַלס בעצאָהלטער בעאַמטער אַכטונג געבען אויף דער מינע, אין וועלכער ער האָט בעגראָבען זיין פערמעגען. דאָס איז געווען א קלינגען צו א לויה פון די קליינע אונטערנעהמער, וואָס ווערען פערשלונגען פון דעם גרויסען מאַלאָך קאַפּיטאַל. ער אַליין האָט געדעקט די קאָסטען פון דעם סטרייק. ער האָט געפיהלט, אַז בשעת מען האָט געטרונקען אויף דעם אָרדען פון עהרענלעגיאָן פון הערר הענעבאָ, איז דאָס געווען א פרייד אויף זיין אונגליק. ער האָט זיך נור געטרייסט מיט די פרייליכקייט פון זיינע טעכטער, וועלכע האָבען אויסגעזעהען זעהר שיין אין זייער איבערגעניצעוועטע טואַלעטען און האָבען נור געלאַכט פון זייער אונגליק, ווי שיינע מיידלעך וואָס יאָגען זיך ניט נאָך געלד.

ווען מען איז צוריקגעגאַנגען אין סאַלאָן, האָט הערר גרעגואַר אָבגעפיהרט אָ א זייט זיין שוועסטערקינד דענעווילען און געוואונשט איהם גליק צו זיין מוטהיגען ענטשלוס.

— וואָס ווילסטו? דיין איינציגער פעהלער איז געווען, וואָס דו האָסט ארויסגענומען דיין מיליאָן פון מאָנטסו און אריינגעשטופּט אין וואַנדאַם. דו האָסט זיך שרעקליך געמאַטערט און דיין געלד איז אריין אין דר'ערד, אין דער צייט וואָס מיין געלד איז רוהיג געלעגען אין שאַפע און האָט מיך זעהר שיין ערנערט. איך האָב אַפילו נישט געדאַרפט איינטונקען א האַנד אין קאַלטע וואַסער, און אַזוי וועט דאָס אויך ערנערען מיינע קינדער און קינדס־קינדער.

II.

זאָנטאַג, אַזוי גיך, ווי עס איז געוואָרען נאַכט, איז עטיען ארויס פון דאָרף. ער איז גיגאַנגען נאָך די ריכטונג פון מאַרשיען. דאָס איז גיוועזען א גראָז־בעוואַקסענער וועג, אויף וועלכען ער האָט ליעב גיהאַט צו שפּאַצירען.

ער האָט דאָ קיין מאָל בעגעגענט א מענשען, און דאַריבער איז ער גיוואָרן נאָך זעהר אונאַנגענעהם איבערראַשט, דערזעהענדיג ווי א כאַן איז איהם גיקומען

אנטקעגען. אין דעם דונקעל פון דער אנקומענדער נאכט האבען זיך ביידע איינזאמע שפאצירענדע דערקענט נור דאמאלסט, ווען זיי זיינען צוגעקומען נאהענט איינער פון צווייטען.

— זעה, דאס ביזטו! האט גימורמעלט עטיען

סואווארין האט א שאקעל גיטאן מיט'ן קאפ. איין אויגענבליק זיינען זיי געשטאנען אונבעוועגליך; דאן זיינען זיי ביידע אוועק אויפ'ן וועג נאך מארשיען איינער נעבען צווייטען, פערזונקען יעדער אין זיינע געדאנקען.

ענדליך האט עטיען געפרעגט:

— האסטו געלעזען אין דיא פאריזער צייטונגען פון פלושאר'ס ערפאלגען? ווען ער האט פערלאזען דיא פא־שטאדט בעלוויו, האט מען איהם פערשאטען מיט אלע בעווייזע פון עהרע..... דער מאן שטייגט אין דער הויך, ניט קוקענדיג אויף זיין אייביגען קאטאר; ער וועט זיך דורכשלאגען א וועג.

סואווארין האט א ציה געטאן מיט דיא אקסלען. ער האט פערראכטעט דיא גלשליפענע צינגלעך, דיא שיינע רעדנער, דיא קערלען, וואס טרעטען אריין אין פאליטיק, וויא מען טרעט אריין אין אדוואקאטור, אום מיט שיינע פראזען זיך צו פערזארגען גוטע איינקינפטען.

עטיען האט יעצט געהאלטען ביי דארווינען. ער וואט געלעזען שטיקער פון זיינע ווערק אין א געקירצטער פאלקס־אויסגאבע צו פינף סו א שטיק; און נאך דיעזען האלב פערשטאנענעם בוך האט ער זיך געמאכט א רעוואלוציאנערע אידעע איבער דעם קאמפף אום דאס דאזיין, אין וועלכען דיא מאגערע פערצערען דיא פעטע און דאס שטארקע פאלק שלינגט איין דיא בלייכע בורזשוא. סואווארין איז אריין אין צארן און האט אנגעהויבען זידלען דיא נארישע סאציאליסטען, וועלכע האלטען פון דארווינען, דעם אפאסטאל פון דער וויסענשאפטליכער אונגלייכהייט, וועמעס טהעאריען זיינען נור גוט פאר דיא אריסטאקראטישע פילאזאפיע. נור עטיען איז געווען איינגעעקשנ'ט און האט איהם מיט בעווייזע געוואלט איבערצייגען און האט אויסגעדריקט זיינע צווייפעל וויא פאלגענדעס: די אלטע געזעלשאפט עקזיסטירט ניט מעהר; מען האט איהר שוין אין גאנצען פערניכטעט; נור האט מען דען ניט מורא צו האבען אז דיא נייע וועלט וועט מיט דער צייט ווערען גראדע אזוי אונגערעכט און פערדארבען — א וועלט, אין וועלכע איינע וועלען זיין קראנק און דיא אנדערע געזונד און דיא קלינערע און דיא געשיקטערע וועלכען אלץ אויסנוצען פאר זיך און דיא אנדערע אפגעלאזטע און נארישערע וועלען ערנידעריגט ווערען צו שקלאפען? צוהערענדיג זיך צו דעם אייביגען עלענד, וואס עטיען האט פאר איהם ענטוויקעלט, האט סואווארין אויסגעשריען מיט א צארנדיגע שטימע: „ווען גערעכטיגקייט איז אונמעגליך צווישען מענשען, מוז דער מענש אין גאנצען פערשוואונדען ווערען, אין אזעלכע פערפוילטע געזעלשאפטען וועלען מוזען זיין אייביגע הריגות ביז דער לעצטער מענש וועט אראבגעריבען ווערען פון דער ערד". זיי זיינען ווייטער געווארען שטיל.

מיט א'ן אראבגעלאזטען קאפ איז סואווארין ווייטער געגאנגען אויפ'ן גראז. ער איז געווען אזוי פערזונקען אין געדאנקען, אז ער איז געגאנגען ביים סאמע ברעג וואסער מיט דער רוהיגער זיכערהייט פון א מענשען, וועלכער איז איינגעשלאפען אויף א דאך און אין שלאף זיך צוגעקייקעלט ביזן ברעג. פלוצים האט ער א ציטער געטאן, וויא עס האט געשיינט נאר אהן אן אורזאכע, אזוי וויא ער וואלט ארויפגעטראטען אויף א שאטען. ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און מיט א בלייכען געזיכט געזאגט צו זיין חבר אין א מילדען טאן:

— האב איך דיר שוין א מאל דערצעהלט, וויא אזוי זיא איז געשטארבען?

— דיא — חער?

— מיין ווייב דארטען, אין רוסלאנד.

עטיען האט געמאכט איין איסוויכענדע מינע, ערשטענס פון דעם ציטערן אין דער שטימע, פון דער בעדערפניס אין פערטרויליכקייט ביי דעם מענשען, וואס האט קיין מאל זיין הארץ פאר קיינעם ניט געעפענט און געלעבט אבגעזונדערט פון אנדערע און זיך אליין.

— דיא זאך האט ניט געלונגען, האט סואוואריז דערציילט, קוקענדיג אויף דיא ליבערגע שטיינגע פון קאנאל, וועלכער האט זיך פערלארען צווישען דיא הויכע, ווינקעלע בוימער פון זיינע ביידע זייטען. מיר האבען פערבראכט צוויי וואכען אין א לאך און אונטערגעגראבען דיא אייזענבאהן; נור ניט דער קייזערליכער צוג איז געפלויגען אין דער לופטען, זאנדערן איינער וואס איז געווען אנגעפאקט מיט פאסאזשירען.... דאן האט מען מיין אנושקא ארעסטירט. פערסליידעט וויא א פויערטע, פלעגט זיא אונז יעדען אבענד ברייגנען שפייז. אויך האט זי אנגעצונדען דעם עקספלאזיאנס-קנויט, ווייל א מאן האט מען לייכטער געקענט בעמערקען. פערבארגען צווישען דער מענגע, האב איך ביינעוואהנט איהר פראצעס לאנגע זעקס טעג......

זיין שטימע האט זיך איבערגעריסען. א היך איהם איז אנגעפאלען א הוסט, אז ער איז שיער דערשטיקט געווארען.

— צוויי מאל האב איך שיער ניט איסגעשריען; איך האב געוואלט אריבערשפרינגען איבער דיא קעפ און צוקומען צו איהר. נור וואס וואלט דערפון ארויסקומען? איין מענש ווייניגער, הייסט א קעמפפער ווייניגער, און אין איהרע שטארע בליקען, וועלכע האבען זיך בעגעגענט מיט מיינע, האב איך געלייענט: „ניין"!

ער האט זיך ווידער פערהוסט.

— איך בין אויך געווען אויפ'ן הינריכטונגס-פלאץ. עס האט גערעגענט, און דיא אונגעשיקטע תלינים האבען פערלארען דיא קעפ. עס האט גענומען צוואנציג מינוט פריהער צו הייגנען פיער אנדערע; דער שטריק האט זיך איבערגעריסען, און זיי האבען ניט געקענט פארטיג ווערען מיט'ן פערטען...... אנושקא איז געשטאנען דערביי און געווארט. זיא האט מיך ניט געזעהן; זיא האט מיך געזוכט אין דער מענגע. איך האב זיך געשטעלט אויף א שטיין, און זיא האט מיך דערזעהן; אונזערע בליקע האבען איינער דעם צווייטען מעהר ניט פערלאזט. ווען זיא איז געווען טויטע, האט זיא נאך אלץ געקוקט אויף מיר. איך האב אויפגעהויבען דיא הוט צום לעצטען גרוס און בין אוועק.

עס איז ווייטער געווארן שטיל. דיא ווייסע שטיינגע פון קאנאל האט זיך געצויגען אהן א'ן ענדע. ביידע זיינען געגאנגען מיט טויבע טריט פאראווערטס, יעדער פערזונקען אין זיינע געדאנקען. דאס בלייכע וואסער האט געשיינט אין ווייטען הארוזאנט צו פערענדיגען זיך אין א קליינע העלע גרוב.

— דאס איז געווען אונזער שטראף. אונזער ליעבע איז געווען אונזער פערברעכען.... עס איז גוט, וואס זיא איז טויט; פון איהר בלוט וועלען אויסוואקסען העלדען; איך אבער וועל שוין מעהר אין מיין הארצען ניט האבען קיינע שוואכע, קיינע קרובים, קיין ווייב, קיין פריינד, קיין זאך וואס זאל מאכען מיין האנד ציטערן אין דעם טאג, אין וועלכען מען וועט דארפען ביי אנדערע דאס לעבען נעהמען אדער דאס אייגענע אוועקגעבען.

עטיען האט זיך ציטערנדיג פון דער נאכט אבגעשטעלט. ער האט זיך ניט ארייגעלאזט מיט איהם אין קיין שום דעבאטען און האט נור בעמערקט:

— מיר זיינען שוין פערגאנגען צו ווייט; זאלען מיר גיין צוריק?

לאנגזאם האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו דער וואָרייִ־מינע. ווען זיי זיינען אָבגעגאנגען עטליכע טריט, האָט עטיען ווייטער געזאָגט:

— האָסטו געלייענט היינט די פּלאַקאַטען?

דאָס זיינען געווען גרויסע געלע פּלאַקאַטען, וועלכע מען האָט היינט אין דער פריה אָנגעקלעפּט. דיא קאָמפּאַניע האָט דאָרט געדעדט אין א דייטליכערע און מעהר פריידליכע שפּראַך; זיא האָט דאָרט ערקלערט גרייט אָנצונעהמען דיא ארבייטער־ביכלאך פון דיא מיינערס, וועלכע וועלען מאָרגען קומען צו דער ארבייט. אלסדינג וועט פערגעסען ווערן; אפילו דיא מעהר קאָמפּראָמעטירטע וועלען ווערן פערצייהעט.

— יא, איך האָב זיי געזעהן, האָט געענטפערט סואווארין.

— און וואָס דיינקסטו דערפון?

— איך דיינק, אז אלץ איז געענדיגט.... דיא סטאַדע וועט זיך צוריקקעהרען. איהר זייט אלע פּייגלינגע.

עטיען האָט מיט אַ'ן אויפגערעגטען טאָן פערטהיידיגט דיא קאַמעראַדען. איין מאַן קען זיין מוטהיג, א מענגע אָבער, וואָס שטאַרבט פון הונגער, איז מאַכטלאָז. מיט לאַנגזאַמע טריט זיינען זיי צוגעקומען צו דער וואָרייִ־מינע; ביים אָנבליק פון דער דונקעלער מאַסע פון דער מינע האָט ער ווייטער גערעדט און האָט געשוואָרען פון זיין זייט מעהר קיין מאָל זיך ניט אראָבצולאָזען; נאָר ער קען ניט בעשולדיגען יענע, וואָס וועלען זיך יא אראָבלאָזען. און אזוי וויא עס האָט זיך פערשפּרייט א קלאַנג, אז דיא טישלערס האָבען ניט געהאַט גענוג צייט צו פיקסען דיא אונטערשפּאַרונגען וויא געהעריג איז, האָט ער ביי איהם געפרעגט, צו דאָס איז אמת. מען האָט דערציילט, אז דיא קלעצער, וואָס האָבען אונטערגעשפּאַרט דיא וואַנד און דיא סטעליעס פון דיא שאַכטען, האָבען זיך געהאַלטען שוואַך. סואווארין האָט איהם געגעבען ניט קיין גענוגענדע א טוואָרטען. ער האָט ערשט נעכטען געאַרבייט. עס איז אמת, אז דיא וואַנד געבען נאָך. די מאַשיניסטען זיינען פערביי יענע שטעלען געלאָפען צוויי מאָל גיכער וויא געוויינליך, נור די בעאַמטע האָבען אויף זייערע בעמערקונגען געהאַט נור דעם איין צורייצטען ענטפער:

— מען מוז האָבען קוילען. פיקסען וועט מען שפּעטער.

— עס קען נאָך א מאָל זיין גאַנץ פריילאך, האָט געמורמעלט עטיען.

מיט דיא אויגען אויסגעשטעלט אויף דיא מינע, וואָס האָט זיך קוים געזעהן אין דער פינסטערניס, האָט סואווארין געענדיגט מיט א רוהיגען טאָן:

— פון דער שמחה וועלען דיינע קאַמעראַדען וויסען, דען דו אליין ראַטסט זיי אראָבצולאָזען זיך.

דער קירכען־זייגער פון מאָנטסו האָט געשלאָגען ניין. און ווען עטיען האָט געזאָגט, אז ער גייט אהיים שלאָפען, האָט סואווארין גערעדט ווייטער, ניט געבענדיג איהם דיא האַנד.

— אויב אזוי, זיי געזונד! איך פאָהר.

— וויא? דו פאָהרסט?

— יא, איך האָב מיין ארבייטס־בוך אָבגענומען און פאָהר ערגעץ אנדערסוואו.

עטיען האָט איהם ערשטוינט אָנגעקוקט. נאָך א צוויי־שטונדיגען שפּאַציר־גאַנג זאָגט ער איהם נור ערשט מיט אזא רוהיגער שטימע, אין דער צייט ווען איהם — עטיען — האָט דיא פּלעצליכע בשורה פון זייער שיידען זיך פארקוועטשט דאָס הארץ. זיי האָבען געשלאָסען בעקאַנטשאַפט, צוזאַמען געאַרבייט, און עס איז געווען טרויעריג צו דיינקען, אז זיי וועלען מעהר איינער דעם צווייטען ניט זעהן.

— דו פאָהרסט אָב? און וואו?

— איך ווייס אליין ניט וואו.

— און וועל איך דיר נאך א מאל ווידער זעהן.

— ניין, איך גלויב, אז ניט.

זיי האבען ביידע געשוויגען און א רגע געשטאנען אהן ווערטער איינער קעגען דעם צווייטען:

— דאן אדיע!

— אדיע!

אין דער צייט, ווען עטיען איז געגאנגען צום דארף, האט זיך סואווארען צוריקגעקעהרט אויפ'ן וועג צום קאנאל. ער איז יעצט געווען אליין און איז געגאנגען אהן א ציעל מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ. די דונקעלהייט האט איהם אזוי ארומגערינגעלט, אז ער האט אויסגעוויזען אזוי וויא נאכטליכער שאטען. פון צייט צו צייט איז ער געבליבען שטיין און האט געצעהלט די קלאפ פון דער ווייטען שטאדט־זייגער. ווען דער זייגער האט געשלאגען צוועלף, האט ער פערלאזען דעם קאנאל און געמאכט זיין וועג צו דער וואריי־מינע.

די מינע איז צו דער שטונדע געווען ליידיג פון מענשען; ער האט דא נור געטראפען איין כערשל פייערס אויפזעהער. די מאשין האט מען געדארפט איינהייצען צוויי א זייגער. ער איז די ערשטע זאך ארויף אויבען און ארויסגענומען פון אן שראנק א קיטעל, וועלכען ער האט געזאגט, ער האט פארגעסען. פערשידענע געווערקצייגע: א שרויפענציהער, א קליינע און זעהר שטארקע זעג, א האמער און א דלאט זיינען געווען איינגעוויקעלט אין קיטעל. דאן איז ער ווידער פארטגעגאנגען, נור אנשטאט צו גיין דורך דעם געוועהנליכען וועג, האט ער זיך אריינגעגנב'עט אין דער ענגער שאכטע, וואו עס זיינען געשטאנען די לייטערס. ער האט זיך ארונטערגעלאזט מיט'ן קיטעל אונטער'ן ארם זעהר שטיל, אהן א לאמפ און האט אויסגערעכענט די טיעפקייט ציילענדיג די טרעפ. ווען ער האט דערגרייכט דעם פיער און פופציגסטען לייטער, האט ער געטאפט מיט די הענד און גענומען זוכען דעם פלאץ, וואו די באלקענס זיינען געווען אבגעשטאנען פון די וואנד. דעם ארט האט ער געזוכט.

מיט דער געשיקטליכקייט און קאלטבלוטיגקייט פון א גוטען ארבייטער, וועלכער האט לאנג נאכגעטראכט איבער זיין ארבייט, האט ער זיך גענומען צו זיין ארבייט. ער האט אנגעהויבען ד־רפן, וואס ער האט אויסגעזוכט א גרויסע לאך אין דער וואנד פון דער שאכטע, און האט איהר מיט דעם געשטעלט אין פערבינדונג מיט דער אויפצוגס־אבטהיילונג. ביי'ם דעם שנעל פלאקערנדען ליכט פון שוועבעלאך האט ער זיך געקענט איבערציינגען אין דעם צושטאנד פון דער אונטערמויערונג און פון די אויסבעסערונג וואס מען האט דארטען די לעצטע צייט געמאכט.

ווען די שאכטען זיינען די ערשטע צייט איינגעטהיילט געווארען, האט מען ביי זיי געהאט די גרעסטע שוועריגקייטען, דען מען האט געדארפט דורכקומען גרויסע וואסערען, וועלכע האבען זיך צונאסע אין דער טיעפענים פון דער ערד וויא אונענדליכע ימים. נור די באלקענס פון דער פערמויערונג, וועלכע זיינען צוגעשטאנען איינער צום צווייטען אזוי פעסט, וויא די ברעטלאך פון א פאס, האבען געהאלטען די שאכטע טרוקען, טראץ די וואסערען ארום, וואס האבען געשלאגען מיט זייערע כוואליעס אן די וואנד. גלייך איבער דער קילענפרעכע האט זיך געפונען דער אונטערערדישער ים, וואס איז געווען דער שרעק פון אלע קוילענגרעבער אין דער נארד, א ים וואס האט געהאט זיינע שטורעמס און אונבעקאנטער אונערגרינדליכער ים, וועלכע האט אין א טיעפענים מעהר ווי דריי הונדערט מעטער אונטער דער ערד געווארפען זיינע שווארצע כוואליעס. געוועהנליך

זיינען דיא פערמויערונגען געוועזען שטארק גענוג, אום אויסצוהאלטען דעם אונגעהייערען דרוק פון וואסער; מען האט נור מורא געהאט, אז זיי זאלען ניט איינזינקען, דען פון צייט צו צייט האט מען געפיהלט, וויא דיא ערד ריהרט זיך. דורך דעם זינקען פון דיא שטיינער פון דער דרויסען פון דער שאכטע זיינען געווארען אין דיא וועגט שפאלטען, און דורך דעם זיינען דיא באלקען אבגעשטאנען פון דיא וועגד. און אין דעם איז געלעגען דיא גאנצע געפאהר. מען האט מורא געהאט, אז דיא וועגד זאלען ניט איינפאלען און דאס וואסער זאל דורך דארטען ניט אריינדרינגען; דיא מינע האט געקענט פערשאטען אדער פערפלייצט ווערען.

סואווארין האט יעצט אלעס בעקוקט און געפונען, אז דיא מינע געפינט זיך אין א פירכטערליכען צושטאנד. דיא סטאליארעס האבען זייער ארבייט געמאכט אין איילעניס און האבען אפילו ניט צייט געהאט אריינזועצען דיא שרויפען וואו עס איז געוועזען נייטיג. מען האט געפיהלט, אז אונטער דיא וועגד בעוועגט זיך עפעס זעהר שטארק.

סואווארין האט מיט א שרויפענציהער גענומען ארויסציהען דיא שרויפען אזוי, אז דער קלענסטער דרוק זאל זיי קענען אין גאנצען ארויסרייסען. עס איז געוועזען א געפעהרליכע ארבייט, ביי וועלכע ער איז געוועזען צוואנציג מאל אין א סכנה ארונטערפאלען אין א טיעפעניס פון הונדערט און אכציג מעטער. ער האט זיך געמוזט מיט אלע כחות האלטען ביי דיא באלקענס און אריבערקריכענדיג פון איינעם צום צווייטען איז ער געהאנגען איבער'ן אבגרונד; דא איז ער געלעגען אויף'ן בויך, דא איז ער געזעסען, דא האט ער זיך אבגעשטארט אויף'ן עלענבויגען אדער אויף א קניע און איז געוועזען רוהיג און האט געלאכט דעם טוידט אין געזיכט. איין בקאז איז געוועזען גענוג איהם ארונטערצווארפען, דריי מאל האט ער זיך אויסגעגליטשט, נור ער האט זיך ווידער פעסט געהאלטען, ניט געבענדיג אפילו א ציטער דערביי. פריהער האט ער געטאפט מיט דער האנד, דערנאך האט ער געארבייט און האט נור געברויכט א שוועבעלע דאן, ווען ער האט זיך פעראירט צווישען דיא גליטשיגע באלקען. ווען ער האט גע'פטר'ט מיט דיא שרויפען האט ער זיך גענומען צו דיא העלצער אליין. יעצט איז דיא געפאהר פאר איהם געווארען נאך גרעסער. ער האט אויסגעפונען דעם באלקען, אויף וועלכען עס האבען זיך געשטיצט דיא איבריגע, ער האט זיך צו איהם גענומען מיט א ווילדקייט, ער האט איהם דורכגעבויערט און דורכגעזעגט; דאס וואסער, וואס האט דורך דיא אויסגעבויערטע לעכער א פלייץ געטאן, האט איהם בגאסען, וויא א אייז קאלטער רעגען. צוויי שוועבעלאך זיינען באלד פערלאשען געווארען, דיא איבריגע זיינען געווארען נאס. עס איז געוועזען דיא פינסטערניס אליין, אין אונענדליכער אבגרונד פון פינסטערניס.

דיא פינסטערניס, דיא שרעקליכע גרוב, אין וועלכער עס האט געגאסען א פלאגס־רעגען, האט אויף איהם אנגעווארפען א צורשטערונגס משוגעת. ער האט זיך בלינד געווארפען אויף דיא פערמויערונג און געהאקט, געקלאפט, געזעגט, געבויערט, וואו נור ער האט געטראפען און מיט וואס נור ער האט געכאפט. איהם האט אנגעכאפט א לוסט צו צערשטערען דיא סטאלעוואניע איבער זיין אייגענעם קאפ. ער האט דאס געטאן מיט אזא גרויזאמקייט, וויא ער וואלט מיט זיין מעסער געשניטען דיא לייב פון א לעבעדיגעם וועזען, ער האט דאס ענדליך געוואלט טוידטען, דיא שלעכטע חיה, דיא ווארייי־מינע, מיט איהר אייביג אפענעם מויל, וואס האט פערשלונגען אזוי פיעל מענשען־פלייש. ווען ער האט נאר ניט געקענט מאכען מיט זיינע אינסטרומענטען האט ער געקריצט מיט דיא צייהנער, האט אויסגעבויגען דעם רוקען, איז געקראכען אויף אלע

מיער, איז ארויפגעשטויגען און ארונטערגעשטויגען און געהאלטען זיך מיט א וואונדער. ער האט אויסגעזעהען ווי א נאכטפויגעל צווישען די באלקענס פון א גלאָקען־טהורם.

ער איז געוועזען אונצופרידען מיט זיין איבערעגונג און האט זיך ווידער בערוהיגט. קען מען דען דאס ניט מאכען קאלטבלוטיג? ער איז צוריק אריין אין דער לייטער־שאכט און פארשטעלט די לאך, וואס ער האט גלייך ביי זיין אריינגאנג געמאכט אין וואנד, מיט דער זעלבער ברעט. ער האט ניט געוואלט, אז די אויפזעהערס זאלען אויפמערקזאם ווערען אויף דיא צו גרויסע בעשעדיגונג, פיללייכט וואלטען זיי נאך קענען פערכאפען דיא געפאהר. ער האט געמאכט דיא חיה א וואונד אין בויך. יעצט וועט מען זעהן, צו זיא וועט נאך היינטיגען טאג איבערלעבען. ער האט זיין אונטערשריפט איבערגעלאזט: דיא דערשראָקענע וועלט וועט ערפאהרען, אז דיא חיה איז ניט געפגר'ט מיט א נאטירליכען טויט. ער האט רוהיג איינגעוויקעלט דיא געצייג אין דעם קיטעל, דאן האט ער רוהיג גענומען ארויפשטייגען אויף דיא ליי־טערס. ווען ער האט אונבעמערקט פערלאזט דיא מינע איז איהם אפילו ניט אריין אין קאפ איבערצוטאן זיך. עס האט געשלאגען דריי א זייגער. ער איז געבליבען שטיין אויף דער גאס און האט געווארט......

אין דער זעלבער שטונדע איז עטיען, וואס איז געלעגען אויף זיין מאטראץ, גע־וואָרען אונרוהיג פון א שטילען גערויש, וואס האט זיך געהערט אין דער שטאָק־פינס־טערער שטוב. ער האט געקענט אונטערשיידען דאס שטילע אטהעמען פון דיא קינ־דער, דאס כראָפען פון דעם אלטען באנמאר און פון דער פרוי מאהיד און דאס פייפען מיט דער נאז, וואס זשאנלען האט געגעבען ארויסגעלאזט. עס איז קיין צווייפעל אז ער טרוימט: און ער האט שוין געוואלט אומקעהרען זיך צו דער וואנד, אלס דער גערויש האט זיך ווידער בענייעט. דער גערויש איז געוועזען ווי פון א שטרוי־זאק, פון וועלכען יעמאנד האט זיך אנגעשטרענגט אויפצוהייבען זיך. איהם איז ארויף אויפ'ן געדאנק, פיעלייכט איז קאטערינע קראנק.

— זאג, ביזטו דאס? וואס איז דיר? האט ער געפרעגט אין דער שטיל.

קיינער האט ניט געענטפערט, עס האט זיך נור געהערט דאס כראָפען פון דיא אנדערע. פינף מינוט האט זיך קיין זאך געריהרט, דאן האט זיך דער גערויש אנגע־הויבען פון דאס ניי, און ווייל עטיען איז יעצט געוועזען זיכער, אז ער האט קיין טעות ניט געהאט, האט ער זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום בעט, וואס איז געשטא־נען אין צווייטען עק שטוב און האט אויסגעשטרעקט אין דער פינסטער זיינע הענד. זיין איבערראשונג איז געוועזען זעהר גרויס, ווען ער האט קאטרינען געטראָפען זיצענ־דיג. זיא איז ניט געשלאָפען און האט זיך צוגעהערט מיט אן איינגעהאלטענעם אטהעם

— פאר וואס ענטפערסטו ניט? וואס טהוסטו?

— איך שטיי אויף, האט זיא ענדליך געענטפערט.

— אזוי פריה?

— יא, איך קעהר זיך אום צו דער ארבייט אין דער מינע.

עטיען איז געוועזען אזוי ערגריפען, אז ער האט זיך געמוזט זעצען אויפ'ן ברעג מאטראץ, און קאטערינע האט איהם ערקלערט, פאר וואס זיא מוז דאס טהון. זיא ליידעט צופיעל פון געהן ליידיג און קען מעהר ניט איבערהאלטען דיא כסדר־וואורפבעלע בליקען, וואס זיא בעגעגנט דא אין שטוב; זיא וועט בעסער זיין אין געפאהר ווערען ערמאָרדעט פון שאוואל אלס צו זיצען דא. און ווען דיא מוטער וועט ניט וועלען נעה־מען ביי איהר דאס געלד, וואס זיא וועט ברענגען, איז זיא גרויס גענוג צו לעבען פאר זיך און קאָכען אליין איהר זופּ.

— ניי אוועק, איך וויל זיך אָנטאָן. און אויב דוא ווילסט זיין גוט צו מיר, זאָלסטו קיינעם דערפון גאָר ניט זאָגען.

נור ער איז געבליבען נעבען איהר; ער האָט איהר ארומגענומען און דאָס ארומנעהמען האָט אויסגעדריקט קומער און מיטלייד. אין איינע העמדער, צוגעדריקט איינער צום צווייטען, האָבען זיי געפיהלט דיא ווארימקייט פון זייערע נאַקעטע לייבער אויף'ן ראנד פון דעם ערשט איבערגעלאָזטען נאָך ווארעמען בעט. איהר ערשטע בעוועגונג איז געווען א־ויסצורייסען זיך פון איהם; דאן האָט זיך שטיל אָנגעהויבען צו וויינען, און פון איהר זייט שטארק געהאלזט איהם, וויא זיא וואָלט זיך פון איהם גאָר קיין מאל געוואָלט אָפּרייסען, און אזוי זיינען זיי פערבליבען, ניט האָבענדיג קיינע אנדערע פערלאנגען און דיינקענדיג נור פון זייער אונגליקליכע ליעבע. ווערען זיי יעצט אויך ניט וואגען מעהר זיך צו ליעבע, ווען זיי זיינען פריי? עס האָט נור גיפעהלט א ביסעל גליק צו פערטרייבען איהר שעמעדינקייט, דאָס געפיהל, וואָס האָט איהר געשטערט זיך צוזאמענגיין מיט איהם.

— לייג זיך צוריק, האָט זיא גישעפּטשעט, איך וויל ניט אָנציינדען דאָס ליכט, אום דיא מוטער ניט צו וועקען.... עס איז צייט צו גיהן, לאָז מיך!

ער האָט ניט געהערט און האָט איהר נור געפּרעסט צו זיך, און דאָס הארץ איז איהם געווען איבערפילט מיט טרויער. א בעדערפניס נאָך רוה, א בעדערפניס גליקליך צו זיין האָט איהם געפאסט; און ער האָט זיך שוין געזעהן פערהייראטעט אין א ריין געהאלטענע שטיבעלע, גלוסטענדיג קיין זאך אויסער מיט איהר צו לעבען און צו שטארבען. ער וועט זיך בעגניגענען מיט טרוקענעם ברויט; און אויב ברויט וועט זיין נור פאר איינעם, זאָל דאָס זיין נור פאר איהר. וואָס דארף מען נאָך? איז דען דאָס לעבען מעהר ווערט?

זיא האָט יעצט לויז געמאכט איהרע נאַקעטע הענד.

— לאָז מיך! איך בעט דיך.

מיט א געריהרטען הארץ האָט ער איהר איינגערוימט אין איער:

— ווארט, איך גיי מיט דיר.

ער איז געווען ערשטוינט, ווען דיא ווערטער זיינען ארוים פון זיין מויל. ער האָט געשוואָרען מעהר ניט ארונטערלאָזען זיך אין דער מינע; פון וואנען איז געקומען דיעזער פּלעצליכער ענטשלוס, וועלכער איז איהם ארויס פון מויל און גאָר וועלכען ער האָט גאָר ניט געטראכט? יעצט האָט איהם בעהערשט א פריעדען, א פאָלשטענדיגע גענעזונג פון אלע זיינע צווייפלען, און ער איז געבליעבען שטיין ביי זיין ענטשלוס, אזוי וויא איינער וועלכער איז געראַטעט געוואָרען דורך א צופאל און האָט ענדליך געפינען דעם וועג, וויא צו בעפרייען זיך פון זיינע שמערצען. ער האָט איהר ניט געוואָלט הערען, ווען זיא האָט איהם אָבגעשלאָגען פון זיין ענטשלוס. זיא האָט פערשטאנען, אז ער אָפּפערט זיך פאר איהר און זיא האָט מורא געהאט פאר דיא בייזע רייד, מיט וועלכע מען וועט איהם בעגעגנען אין דער מינע. נאָר ער האָט איהר ערקלערט, אז ער האָט פאר קיינעם קיין מורא, אז אין דיא פּלאַקאַטען האָט מען יעדען צוגעזאָגט פערצייהונג, און דאָס איז גיווען גענוג.

— איך וויל ארבייטען; איך האָב אזא אידעע.... לאָמיר זיך אָנטאָן און ניט מאכען קיין גערויש!

מיט גרויסער פאָרזיכטיגקייט האָבען זיי זיך אָנגעטאָן אין דער פינסטער. זי האָט נאָך נעכטען ביי נאכט אָנגעגרייט איהרע ארבייטס קליידער; ער האָט ארויסגענומען פון א קאסטען א דשעקעט און א פּאָר הויזען. זיי האָבען זיך ניט גיוואשען, אום ניט צו מאכען א גערויש מיט דער שיסעל. אלע זיינען נישלאָפען; נאָר זיי האָבען

גימוזט דורכגיין דעם ענגען גאנג, וואו דיא מוטערס בעט איז געשטאנען. זיא האט גע־האט דאס אונגליק אנצוקלאפען זיך אן א ביינקעל, דיא מוטער האט זיך אויפגעכאפט און גיפרעגט פערשלאפען:

— ווער איז דאס?

קאטהערינע איז ציטערנדיג שטיין געבליבען און האט עטיענען האסטיג א דריק גיטאן דיא האנד.

— איך בין דאס, בעאונרוהיגט אייך ניט, האט עטיען גיזאגט. מיר איז צו היים און איך מוז שעפען א ביסעל פרישע לופט.

— גוט, גוט!

און מאהיד איז ווידער איינגעשלאפען.

קאטערינע האט ניט געוואגט זיך א ריהר צו טאן, ענדליך איז זיא ארונטער אונטען און האט צוטהיילט א שטיקעל פון דעם ברויט, וואס א דאמע פון מאנטכו האט זיי געשיינקט און וואס זיא האט בעהאלטען, דאן האבען זיי שטיל צוגעשלאסען דיא טיהר און זיי זיינען אוועקגעגאנגען.

סואווארין איז געבליבען שטיין ביי א פערקרימונג פון וועג נעבען שיינק „צום ביליגען טרונק". צייט א האלבע שטונדע האט ער געקוקט, וויא דיא קוילענגרעבער האבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט. זיי זיינען געלאפען אין דער דונקעלהייט פון דער נאכט, וויא א סטאדע און ער האט זיי געציילט, וויא א קצב, וועלכער ציילט דיא בהמות ביי זייער אריינטרעטען אין שלאכטהויז. ער איז געוועזען איבער־ראשט פון זייער צאהל, אפילו ער אין זיין מרה שחורה'קייט האט ניט געקענט פאראויסזעהן, אז דיא צאהל פון דיא פיילינגע וועט זיין אזוי גרויס. און דער צוג פון דיא ארבייטער האט זיך געצויגען און געצויגען. שטייף און פעסט איז געשטאנען דער מאשיניסט, מיט קלארע אויגען און צוזאמענגיפרעסטע ציינער.

דאך האט ער מיט א מאל א ציטער געטאן. צווישען דיא דורכגייהענדע מענער, פון וועלכע ער האט ניט גיקענט אונטערשיידען איינער פון צווייטען, האט ער דער־קענט איינעם ביי זיין גאנג. ער איז צוגעגאנגען נעהענטער און האט איהם אב־געהאלטען.

— וואוהין גייסטו?

עטיען איז צומישט געווארען. אנשטאט צו ענטפערען אויף דער פראגע, האט ער געשטאמעלט:

— זעה! דו ביזט נאך ניט אבגיפאהרען?

דאן האט ער זיך מודה גיווען, אז ער גייט צוריק צו דער ארבייט. ער האט טאקי געשוואוירען; נור שטיין מיט צונויפגעלייגטע הענד און ווארטען אויף זאכען, וואס וועלען ערשט קומען שפעטער מיט הונדערט יאהר, איז קיין לעבען ניט; אויסער דעם צווינגען איהם אנדערע זאכען נאך אומקעהרען זיך צו דער ארבייט.

סואווארין האט איהם אויסגיהערט ציטערנדיג. דאן האט ער איהם אנגיכאפט ביים אקסעל און צוריקגישטופט אין דער ריכטונג צום דארף.

— גיי אהיים; איך וויל אזוי, דו הערסט?

ווען קאטערינע איז צוגעקומען, האט ער איהר אויך דער [illegible]. עטיען האט [illegible] גיווארנט און ערקלערט, אז ער וועט קיינעם ניט ערלויבען [illegible]מישען זיך אין זיינע אנגעלעגענהייטען.

דעם מאשיניסטס אויגען האבען גיוואנדערט פון דעם מיידעל צום קאמראד, און פלוצים האט ער גימאכט א טריט צוריק. ווען א מאן האט ליעב א פרוי, איז דער מאן פערלארען. ער מעג שטארבען. פליצלונג האט סואווארין אין זיינע אויגענבליק דערזעהן דיא גישטאלט פון זיין געליעבטע, וועלכע איז גיהאנגען גיווארען אין מאסקווא

און וועלכע איז געווען דאס לעצטע באנד, וואס האט איהם צוזאמענגעקניפט מיט דער מענשהייט. נאכדעם וויא דאס באנד איז צושניטען געווארען האט ער געוואונען דיא פרייהייט איבער דעם לעבען פון אנדערע און איבער זיין אייגענעם.

— ניין! האט ער געזאגט איינפאך.

עטיען איז אן אויגענבליק געשטאנען אין פערלעגענהייט און געזוכט פריינד־שאפטליכע ווערטער, אום ניט אזוי זיך צו שיידען פון דעם קאמעראד.

— און דו פאהרסט טאקע אב?

— יא.

— אויב אזוי, גיב מיר דיין האנד, אלטער. א גליקליכע רייזע, און זיי ניט בייז!

סואווארין האט איהם געגעבען א אייזקאלטע האנד. פאר איהם האט ניט עקזיסטירט ניט קיין ווייב און ניט קיין פריינד.

— אזוי, יעצט זאגסטו מיר „זיי געזונד“ ערנסט! האט עטיען געזאגט.

— זיי געזונד!

און סואווארען איז געבליבען שטיין אובעווענט, אין דער דונקעלהייט און האט אנגעקוקט עטיענען און קאטערינען, וועלכע האבען זיך ארונטערגעלאזט אין דער וואריי־מינע.

III

אום פיער איהר האבען זיך דיא ארבייטער אנגעהויבען ארונטערצולאזען. דאנסערט אליין איז געשטאנען און פערשריבען דיא נעמען פון דיא ארבייטער וואס האבען זיך געמעלדעט, און האט געהייסען געבען יעדען א לעמפעל. ער האט אלע אנגענומען און ניט געמאכט קיינע בעמערקונגען, האלטענדיג דאס פערשפרע־כען, וואס דיא קאמפאניע האט געגעבען אין דיא פלאקאטען. נור ווען ער האט דערזעהען עטיענען און קאטערינע, איז ער געווארען זעהר רויט און געעפענט דאס מויל אבצוזאגען זיי, נור גלייך האט ער חרטה געהאט און בעגנוגענט זיך דערמיט, וואס ער האט גיפטיג א שמייכעל געטאן און געמאכט א טריאומפיה־רענדע מינע. אה, אה, דער שטארקסטער פון דיא שטארקע אליין איז געקומען זיך בוקען! דיא קאמפאניע איז וואהרשיינליך ניט אזוי שלעכט, אז אפילו ער, דער גאנצער אנפיהרער, איז צו איהר צוריקגעקומען און פערלאנגט פון איהר ברויט. עטיען האט אהן ווערטער גענומען זיין לעמפעל און איז מיט קאטערינע אוועק צום עלעוויטאר.

קוים זיינען זיי צוגעקומען צום עלעוויטאר, האט קאטערינע דערקענט שאַ־וואל'ען צווישען א גרופפע קוילענגרעבער, וועלכע האבען געווארט ארונטערגע־לאזען צו ווערען. ער איז צו איהר צוגעטראטען מיט א צארניגע מינע, נור דער־זעהענדיג עטיען, האט ער זיך צוריקגעהאלטען. ער האט געמאכט א מינע, וויא ער וואלט איהר געוואלט אויסלאכען, און האט פערעכטליך געצויגען מיט די אקסלען. זעהר גוט; איהם ארט דאס גאר ניט, וואס דער צווייטער האט פערנומען זיין פלאץ, וועלכער האט זיך נאך ניט אבגעקיהלט. ער איז צופרידען, וואס ער איז פון איהר פטור געווארען. דאס איז שוין עטיען'ס זאך, אז ער קוואפעט זיך אויף שיריים. נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט געמאכט אזא שפאטישע מינע, האט ער דאך געציטערט פון אייפערזוכט און זיינע אויגען האבען געפלאמט. דיא קוילענ־גרעבער האבען זיך ניט גריהרט. זיי זיינען געשטאנען שטום מיט אראבגעלאזטע אויגען, זיי האבען זיך בעגנוגענט מיט דעם, וואס זיי האבען פון צייט צו צייט געווארפען געשנב'עטע בליקען אין זייער זייט; און דאן האבען זיי ווייטער געקוקט טרויעריג, נאר אהן כעס אין דער עפענונג פון דער מינע, מיטען לאמפ אין

האַנד, ציטערענדיג אין זייערע לייזוענדיגע קיטשען. ענדליך איז דער עלע־ווייטאָר פריי געוואָרען, און מען האָט זיי גערופען, זיי זאָלען איינשטייגען. עטיע און קאטערינע האָבען זיך דורכגעשפּאַרט צו איינעם פון דיא קאַרבע פון עלעוויטאָר, וואו עס איז שוין געזעסען פיראָן מיט צוויי אנדערע קוילענגרעבער. ניט ווייט פון זיי אין א צווייטע קאַרב האָט שאוואל געזאָגט אין דער האיך צו מיק, אז עס איז ניט גוט פון דעם דירעקטאָר, וואָס ער בענוצט ניט דיא געלעגענהייט צו בעפרייען דיא מינע פון דיא בונטאָווסטשיקעס, וואָס בעשמוצען דיא מינע: נור דער שטאַללקנעכט, וואָס האָט זיך ווידער אונטערגעגעבען צו דעם היגטישען לעבען, האָט שוין מעהר קיין צאָרן געטראָגען פאַר זיינע קינדער־מאָרד און געהאַט א מינע פון א שלום־מאכער.

דיא קאַרבען האָבען גענומען אַראָבלאָזען זיך אין דער פינסטערניס; קיינער האָט גערעדט. פּלוצים — מען האָט נאָך ניט געמאַכט צוויי דריטעל וועג, האָבען דיא אייזערנע שינען גענומען קראַכען, און דיא מענער זיינען געפאַלען איינער אויפ׳ן צווייטען.

— צום שווארץ־יאָהר! האָט געברומט עטיען, וואָס ווילען זיי צו־מאַלען אונז? ביי דיא פערדאמטע פערבויאונג וועלען מיר נאָך א מאָל לאָזען דיא ביינער. און זיי האָבען געזאָגט, אז זיי האָבען דאָ פאַריכט.

דערווייל האָבען זיך דיא קאַרבען אַרונטער־געלאָזט. זיי זיינען יעצט געפאָהרען אונטער א שלאַקס רעגען. דיא ארבייטער האָבען זיך שטאַרק געקלערט, דען זיי האָבען פערשטאַנען, אז אין דער פערבויאונג זיינען פאַראַן נייע שפּאַלטען.

זיי האָבען געפרעגט פיעראָן, וועלכער האָט שוין א פּאָר טעג געאַרבייט, נור ער האָט ניט געוואָלט אַרויסווייזען זיין מורא, דייענקענדיג, אז דיא קאָמפּאַניע וועט דאָס ניט וועלען ליידען און וועט דאָס רעכענען אַלס אַן אַנגריף געגען איהר. ער האָט נור געזאָגט.

— אַ, דאָס איז קיין געפאַהר! עס איז שטענדיג אזוי. מסתמא איז קיין צייט געווען צו פערשטאָפּען דיא שפּאַלטען.

איבער זייערע קעפּ האָט געברויזט א שטורם. ווען זיי האָבען ערריכט דיא שאַכטע, האָבען זיי געפונען דאָרטען א וואַהרען טייך. קיין אויפזעהער איז ניט אַרויף אויפ׳ן געדאַנק אַרונטער־צולאָזען זיך, אום צו זעהן אין וואָס פאַר א צושטאַנד דיא שאַכטע געפינט זיך. מען וועט דאָס קענען גרינג אויספּאַמפּען, האָבען זיי געזאָגט. קומענדע נאַכט וועלען זיך אַראָבלאָזען טשעסלערס און וועלען אונטער־זוכען דיא שפּאַלטען און לעכער. דיא נייע ארבייט אין דיא גאַלעריען האָט גע־געבען גענוג צו טאָן. דער אינזשינער האָט אָנגעזאָגט, אז איידער דיא קוילענגרעבער וועלען זיך נעהמען צו דער ארבייט, זאָל מען אין פינף טעג דורכפיהרען דיא נייטיגסטע פערבויאונגען, וויל פון אלע זייטען האָט עס געדראָהט איינצופאַלען.

שאוואל האָט געהערט צו דער זעלבער גרופּע, צווישען וועלכע עס האָבען גע־דאַרפט ארבייטען עטיען און קאטערינע. און דאָס איז געשעהן ניט דורך א צופאַל. ער האָט זיך געבעטען ביי דעם אויפזעהער, ער זאָל איהם איינ־טהיילען צו דיעזער גרופּע.

דיא גרופּע האָט ביי זייער ארבייט ווייניג גערעדט; דער אויפזעהער האָט אויף איין רגע ניט אַראָבגעלאָזט דיא ארבייטער פון אויג, נור ניט קוקענדיג אויף דעם, זיינען עטיען און שאוואל באַלד געווען פאַרטיג צו געבען איינער דעם צווייטען קלעפּ. דער פריהערדיגער ליעבהאָבער האָט געבייזערט. אז ער וויל פון דער גאַסען־מיידעל גאָר ניט וויסען, נאָר דאָך איז ער פון איהר ניט אָבגעטראָטען און האָט איהר שטילערהייד געשטופּט, און איהר נייער בעשיצער האָט איהם געמאַכט

דראָהען, אז ער וועט איהם צוברעכען די בײנער, אויב ער וועט איהר ניט לאָזען צורוה. זיי האָבען אײנער דעם צווייטען געוואָלט אויפעסען מיט די אויגען. מען האָט זיי געמוזט אַלע ווײלע צונעהמען.

נעגען אכט אוהר האָט זיך דאנסאער ארונטערגעלאָזט צו בעקוקען די ארבײט. ער האָט געשײנט צו זײן אין זעהר א שלעכטער לוינע און האָט זיך געקריגט מיט'ן אויפזעהער, קײן זאך גײט ניט אין אָרדנונג; די שפּאַלען מוזען פון צײט צו צײט געביטען ווערען, אז ניט איז דאָס קײן ארבײט ניט. דאַן איז ער אוועק און געזאָגט, אז ער קומט באַלד צוריק מיט'ן אינזשינער. דעם גאנצען מאָרגען האָט ער געוואַרט אויף נעגרעל און האָט ניט פערשטאַנען, פאַר וואָס יענער קומט ניט.

ווידער איז פערגאַנגען א שטונדע. דער אויפזעהער האָט אָנגעשטעלט אַלע זײנע לײטע זיי זאָלען פעריכטען און בעפעסטיגען די אויבערשטע טהײלען פון די גאַלעריען, אַלע האָבען געה לפען שלעפען די באַלקענס. די קוילענגרעבער פון דיזער גאַלעריע האָבען ניט געהאַט קײן פערבינדונג מיט די איבריגע ווערק פּלעצער. דרײ אָדער פיער מאָל האָבען די ארבײטער אָנגעשטעלט זײערע אויערע ווײל זיי האָבען געהערט א ווײטען גערויש. וואָס איז דאָס? עס האָט אויסגעוויזען, אז די דורכגענגע ווערען לײדיג, אז די קאַמעראַדען אײלען זיך ארויסצוגעהן. נור דער גערויש האָט זיך ווידער פערלוירען אין דער טיעפער שטילקײט. זיי האָבען ווײטער געשלעפּט העלצער און געקלאַפּט מיט די האַמערס. ענדליך האָבען זיי ווידער גענומען ארונטערפיהרען די קוילען, פאָרטזעצען זײער געוועהנליכע ארבײט.

נאָכ'ן ערשטען מאָל ארונטערפיהרען האָט זיך קאַטערינע אומגעקעהרט גאַנץ צושראָקען און האָט דערצײלט, אז קײנער איז מעהר ניטאָ אין דער מינע.

— איך האָב גערופען, און קײנער האָט מיר געענטפערט, אַלע זײנען זיך צולאָפען.

דער שרעק איז געווען אַזוי גרויס, אז די צעהן מענער, וואָס האָבען זיך דאָ געפונען, האָבען אוועקגעוואָרפען זײערע ווערקצײגע, אום צו אַנטלויפען. דער געדאַנק, אז זיי זײנען איבערגעלאָזט אין דער מינע און אַזוי ווײט פון עלעוויטאָר האָט זיי שיער געטריבען פון פערשטאַנד. די אײנציגע זאך, וואָס זיי איז פערבליבען, זײנען געווען די לעמפּלאַך.

זיי זײנען געלאָפען אײנער נאָך'ן אַנדערען, מענער, אינגלאַך, קאַטערינע; און אפילו דער אויפזעהער האָט פערלאָרען דעם קאָפּ און האָט געשריען דערשראָקען צום טויט דורך די שטילקײט פון דער ענדלאָזע גאַלעריע. וואָס האָט עס בעדײט, וואָס מען האָט קײנעם געזעהן? וועלכער אונגליק האָט פערטריבען די קאַמעראַדען? זײער שרעק האָט זיך נאָך געשטאַרקט פון דעם, וואָס זיי האָבען ניט געוואוסט, אין וואָס בעשטײט די געפאַהר, פון דעם, וואָס זיי האָבען געפיהלט די סכנה און האָבען ניט געוואוסט, וואָס זיא איז.

ווען זיי זײנען ענדליך צוגעקומען צום פּלאַץ, וואו דער עלעוויטאָר לאָזט זיך ארונטער, האָט זיי א שטראָם וואַסער איבערגעהאַקט דעם וועג. דאָס וואַסער האָט זיי דערגרײכט ביז די קניע. זיי האָבען ווײטער ניט געקענט לויפען און האָבען מיט מיה דורכגעשניטען דאָס וואַסער, גוט וויסענדיג, אז יעדער פערשפּעטיגטע מינוט קען זיי קאָסטען דאָס לעבען.

— דאָנערוועטער! די ווענט האָבען געפּלאַצט! האָט געשריען עטיען. איך האָב אײך געזאָגט, אז מיר וועלען דאָ אַלע לאָזען אונזערע בײנער!

פּיעראָן האָט פון אָנפאַנג אָן זיך צוגעקוקט אונרוהיג, ווי דאָס וואַסער

שטיינט, וואס ווייטער אלץ העכער און אז דיא באמפע האט ניט געקענט גענג אויפפאמפ'ן דאס וואסער. דאן האט ער געגעבען צו וויסען דערפון דאנסאערט, וועלכער האט אויסגעבראכען אין טויטע קללות און געזאגט אז מען מוז וואר־טען אויפ'ן אינזשינער. צוויי מאל האט פיעראן געווארענט וועגען דעם, נאר דער אינזשינער ענטפערט, וואס ער האט בעקומען איז געווען א פערצווייפלטע ציהען מיט דיא אקסלען.

— זעהר גוט, דאס וואסער שטייגט, נור וואס קען איך טאן?

יעצט האט זיך בעוויזען מוקעט מיט זיין פערד באטאיל אום צו פיהרען דאס פערד צו דער ארבייט. ער האט גענומען דיא בהמה האלטען מיט ביידע הענד, דען דאס אלטע פארשלאפענע פערד האט זיך פלוצים איינגעשטעלט, האט אויס־געשטרעקט דעם קאפ צום שאכט און האט אנגעהייבען צו הירזשען, אז עס איז געווען א צער צו הערען.

— וואס איז דאס, פיקאזאף? וואס האסטו מורא?... הא, דו האסט מורא פאר'ן רעגען? קום, דאס דארף דיר ניט ארען.

דאס פערד האט געציטערט מיט'ן גאנצען קערפער. ער האט עס גענומען מיט געוואלד שלעפען צום עלעוויטאר.

אין דעם זעלבען אויגענבליק, וואס מוק איז פערשוואונדען געווארען מיט זיין פערד אין דער טיעפקייט פון א גאלעריע, האט זיך אין דער לופט דערהערט א קראך און א געוויש פון א פאלענדע זאך. א באלקען פון סטעלעוואזיע האט זיך געמאכט לויז און איז ארונטערגעפאלען, אנקלאפענדיג זיך אן דיא ווענד, הונדערט און אכציג מעטער טיעף. פיעראן און דיא אנדערע האבען נאך צייט געהאט אבצור שפרינגען אן א זייט, און דער שווערער באלקען האט נור געטראפען א ליידיגע טאטשקע און איהר צושמעטערט. גלייך האט דאס וואסער זיך אריינגעריסען און גענומען גיסען ווי א ביי א דורכגעבראכענע דאם. דאנסאערט האט געוואלט ארויף אום צו זעהן, וואס דארט טהוט זיך, נור איידער ער האט צייט געהאט ארויסריידען דאס, איז ארונטערגעפאלען א צווייטער באלקען. דערשראקען פון דער דראהענדער געפאהר, האט ער גלייך געגעבען דעם סיגנאל ארויפצופאהרען; ער האט דיא אויפזעהער גלייך פערנאנדערגעשיקט אין אלע ריכטונגען צו געבען וויסען דיא ארבייטער וועגען דיא געפאהר.

יעצט האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע שפאר־נים. פון אלע גאלעריען זיי־נען אנגעלאפען מחנות ארבייטער און האבען זיך געווארפען אויף דיא קארבען פון עלעוויטאר. מען האט זיך געשטופט, געשלאגען אום צו פארכאפען א פלאץ. איי־ניגע, וואס האבען געוואלט ארויפקלעטערן דורך דיא לייטער־שאכטע, זיינען געקומען צוריק מיט דער נאכריכט, אז דער וועג איז דארטען פערשפארט. מיט יעדען מאל, וואס דער עלעוויטאר איז ארויפגעצויגען געווארען, האט זיך צווישען דיא פערבלי־בענע פארשפרייט א נייער שרעק: דיא וועלען נאך ארויפשטייגען, ווער וייס אבער, צו דער נעקסטער קארב וועט קענען דורכקומען אלע הינדערנים? מען האט גע־הערט א גאנצע רייהע פון טויבע קלאפ; דאס זיינען געווען דיא שפאלען, וואס האבען געפלאצט אונטער דעם דרוק פון שטייגענדען וואסער. איין קארב פון עלע־וויטאר איז באלד קאליע געווארען, דיא אנדערע האבען זיך אויך געקלאפט אן דיא ווענד, אז מען האט מורא געהאט, דאס דיא קייבעל וועלען ניט פלאצען. און אונטען זיינען נאך געשטאנען ביז הונדערט מאן, וועלכע האבען, געכאפט פון שרעק און האבען זיך געשטופט איינער אויפ'ן צווייטען. זיי זיינען געווען דורכגענעצט פון וואסער און בעדעקט מיט בלוט. צוויי זיינען דער־הרג'עט געווארען פון ארונטערגעפאלענע באלקענס, א דריטער האט זיך אנגעכאפט אן דעם

ארויפשטייענדען קאָרב פון עלעוויטאָר און איז ארונטערגעפאַלען פון פופציג מעטער הויך און איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער טיעפענים.

דאנאסער האט זיך גענומען צו מאכען ארדנונג. בעוואפענט מיט א שפיציגע האק, האט ער געדראהט צו צוברעכען דעם קאפ דעם ערשטען, וואס וועט איהם ניט פאָלגען. ער האט געוואלט אויסשטעלען זיי אין דער רייהע, נור דאס האט ער ניט געקענט אויספיהרען. ער האט קוים אָבגעהאלטען פיעראָן, וועלכער איז געווען בלייך און געציטערט פאר שרעק, ער זאָל זיך ניט רייסען דער ערשטער צום קאָרב. נור דאנאסער אליין האט געקלאפט מיט די ציינער פאר שרעק. נאך איין מינוט, און דאס וואסער וועט איהם פערשלינגען. אויבען האט געהאלטען אין איין פלאצען, א ווילדער שטראהם האט זיך ארונטערגעריסען און אין מיטען זיינען געפלויגען ריעזיגע באַלקענס. איינציגע ארבייטער האבען נאך צייט געהאט אריינשטייגען אין קאָרב וואו פיראָן איז ער זיינען שוין געזעסען. דער קאָרב האט זיך אויפגעהויבען.

אין דיזען אויגענבליק איז צוגעקומען דיא גרופע, אין וועלכער עס האט זיך געפונען עטיען מיט שאוואַל, צום איפּצוג. זיי האבען געזעהן, וויא דער קאָרב איז פערשוואונדען געווארען און האבען זיך א ווארף געטהאָן, נור זיי האבען געמוזט צוריקשפּרינגען, ווייל דאס לעצטע ביסעל פון דער פערצימערונג איז ארונטערגעפאַלען און האט פערשפּארט דיא שאכטע. דער קאָרב האט זיך שוין מעהר ניט געקענט ארונטערלאָזען. קאטערינע האט געכליפעט, שאַוואל האט געשאלטען מיט [illegible] קללות. דא זיינען געווען נאך א צוואנציג ארבייטער. וועלכע דיא שווייניש פאַרגעזעצטע איבערלאָזען זיי דא? מוק, וועלכער האט פּאוואָליע צוריקגעפיהרט דאס פערד, האט עס געהאלטען ביים צאם. ביידע, דער אלטער און דאס פערד, זיינען געווען פערוואונדעט פון דעם שטייענדען וואסער, וועלכער האט שוין געגרייכט ביז דיא קנעכלאך. עטיען איז געשטאנען מיט צוזאמענגעפּרעסטע ציינער און געהאלטען קאטערינען אויף זיינע הענד. דיא צוואנציג האבען געשריגען און געקוקט מיט אויסגעשטעלטע נארישע אויגען ארויף צום שאכט. דיא לאך פון וועלכער האט געשפּיעט מיט א שטראָם און דורך וועלכער האט שוין ניט געקענט צוקומען צו זיי קיין הילף.

ווען דאנסאער איז ארויפגעשטיגען אויבען, האט ער דערזעהן, וויא דער אינזשעניער נעגרעל איז געקומען צו לויפען. צום אונגליק האט איהם היינט, ווען ער איז ארויס פון בעט, אויפגעהאלטען מאדאם הענעבאָ, ער זאָל מיט איהר דורכקוקען דעם פריידקאטאלאָג, אום זיא זאָל קענען אויסקלייבען פאר זיין האָכצייט פּרעזענטע. עס איז שוין געווען צעהן א זייגער.

— וואָס הערט זיך? האט ער געשריען פון דערווייטענס.

— דיא מינע איז פערלאָרען, האט געענטפערט דער אָבעראויפזעהער און האָט שטאמלענדיג דערצעהלט פון דער קאטאסטראָפע וועהרענד דער אינזשעניער האָט אונגלויביג געציטערט מיט דיא אקסלען.

— איז עס מעגליך, אז א פערצימערונג זאָל פון העלער הויט איינפאַלען? מען האט זיכערליך איבערטריבען; ער וויל זיך אליין איבערצייגען. איז יעמאנד געבליבען אין דער מינע?

דאנסאער איז געוואָרען פערווירט.

— ניין, קיינער ניט. ווייניגסטענס, אזוי דוכט זיך, נור עס איז מעגליך, אז איי־ניגע ארבייטער האבען זיך פערשפּעטיגט.

— גאָט אין הימעל! וויא אזוי זייט איהר ארויפגעקומען? לאָזט מען אזוי איבער מענשען?

באלד האט ער געהייסען ציילען דיא לאַמפּען. מען האט היינט פערטהיילט

דריי הונדערט און צוויי און צוואנציג און נעפונען האט מען נור צוויי הונדערט פינף און פינפציג; נור פיעל ארבייטער האבען זיך מודה געווען, אז זייערע לאמפען זיינען זיי ארויסגעפאלען אין שטופּענים פון דיא הענד. מען האט נעפרובט אויסרופען דיא נעמען, נור עס איז נעוועזען אונמעגליך פעסט צו שטעלען א נענויע צאהל. אייניגע קוילענגרעבער זינען זיך צולאפען, אנדערע האבען ניט געהערט זייערע נעמען, און מען האט זיך ניט ניקענט אייניגען איבער דיא צאהל פון דיא איבערגעלאזטע ארבייטער. פיללייכט זיינען דארט פערבליבען צוואנציג, פיללייכט פיערציג. איינס איז געווען קלאר: אין דער מינע זיינען פערבליבען מענשען, און זייער געשריי האט זיך נעקענט הערען דורך דער נערויש פון וואסער, ווען מען האט זיך צוגיהערט ביים איינגאנג פון דער מינע.

נעגרעל'ס ערשטע זארג איז געווען צו לאזען רופען הערר הענעבא און צו צושליסען דיא מינע. נור עס איז שוין געווען צו שפעט. דיא ארבייטער זיינען זיך צולאפען, וויא דיא פאלענדע באלקענס וואלטען זיי נאכגעיאגט, זיי זיינען אריין אין דארף פון דיא צוויי הונדערט און פיערציג און האבען אריינגעיאגט אין דיא הייזער א טוידטליכען שרעק. גאנצע מחנות ווייבער, אלטע און קינדער, זיינען גלייך געקומען צולויפען צו דער מינע מיט א שרייען און יאמערן. מען האט זיי געמוזט אבשפארען, און איינהאלטען, זיי זאלען ניט שטערען דיא רעטונגס־ארבייט. פילע פון דיא ארבייטער, וואס זיינען נים לאנג ארויס פון דער מינע, זיינען געשטאנען האלב פערריקט, ניט דיינקענדיג פון איבערבייטען דיא קליידער, און וויא צוגעוואקסען צו זייערע ערטער. דיא ווייבער זיינען געשטאנען ארום זיי און געבעטען זיי רחמים זיי זאלען זאגען, ווער איז פערבליבען אונטען. נור מען האט קיין זאך ניט געקענט דערגיין, דיא ארבייטער זיינען געשטאנען און געמאכט משונה'דיגע הויות, וויא זיי וואלטען געוואלט פערטרייבען א שרעקליכע וויזיע. דיא מעננע איז אלץ געוואקסען, אויף דיא גאסען האט זיך געהערט א שרעקליכער יאמער, און אויבען אויפ'ן בערגעל, אין הייזעל פון דעם אלטען באנמאר, איז געזעסען אויף דער ערד סואווארין. ער איז ניט אוועק, ער האט געווארט און געקוקט.

— דיא נעמען! דיא נעמען! האבען געשריען דיא ווייבער מיט פערשטיקטע קולות פון טרערען.

נעגרעל האט זיך אויף אן אויגענבליק בעוויזען און האט אויסגערופען:

— אזוי גיך, וויא מיר וועלען ערפארען דיא נעמען, וועלען מיר זיי בעקאנט מאכען! דערווייל איז נאך גאר ניט פערלארען, אלע וועלען נערעטעט ווערן.... איך לאז זיך ארונטער.

דיא מעננע האט נעווארט אין שטומער אנגסט. דער אינזשיניער האט מיט א רוהיגען מוטה נעמאכט זיך פערטיג צום ארונטערלאזען זיך. ער האט געהייסען ארונטערנעהמען דעם קארב און אנשטאט דעם אויפהייבען א פעסל אויפ'ן קייבעל און אזוי וויא ער האט פארשטאנען, אז דאס וואסער וועט אויסלעשען דעם לאמפ, האט ער געהייסען, אז אין פעסל זאל מען אויפהייבען א צווייטען, וועלכען דאס פעסל וועט בעשיצען.

בלייך און צושראקען האבען איהם דיא אויפזעהער נעהאלפען.

— דאנסאהער, איהר וועט זיך מיט מיר ארונטערלאזען, האט ער נעגעבען א קורצען בעפעהל.

נור זעהענדיג, אז אלע שטייען מיט אראבגעלאזטע נעזער, און דער אויבעראויפזעהער איז שיער ניט אומגעפאלען פאר שרעק, האט ער איהם מיט א פעראכטליכע מינע אבגעשטופט אן א זייט.

— ניין, איהר וועט מיר נאר זיין אין וועג.... איך וועל בעסער אליין זיך אראבלאזען.

ער איז אריינגעקראכען אין די ענגע פענסיל, מיט איין האנד האט ער גע־האלטען דעם לאמפ און, אנבאפענדיג מיט די צוויטע די סיגנאל־שטריק, האט ער אויסגערופען צום מאשיניסט.

— לאנגזאם!

דיא עלעווייטאר־מאשין האט זיך גיזעצט אין בעוועגונג. נעגרעל איז פער־שוואונדען געווארען אין אבגרונד, פון וואנען עס האט זיך נאך אלץ גיהערט דער געשריי פון דיא אונגליקליכע.

אין דער הויף איז אלץ געווען אין ארדנונג. נעגרעל האט אויסגעפונען, אז דיא אויבערשטע פערצימערונג געפינט זיך אין א גוטען צושטאנד; ער האט זיך ארומגע־דרייט אין אלע זייטען און גענומען בעקוקען דיא ווענד. דאס וואסער האט אזוי ווייניג גענאסען פון דיא ריסען, אז עס האט אפילו ניט אויסגעלאשען זיין לאמפ. נור ווען ער האט זיך ארונטערגעלאזט דריי הונדערט מעטער טיעף, דאס הייסט ביז דער אונטערסטער פערצימערונג, איז זיין לאמפ אויסגעלאשען געווארען, ווייל ער האט דאס פאראויס געזעהן, און ער האט נור געקענט זעהן מיט דער הילפע פון צווייטען לאמפ, וואס האט זיך געפונען אין פענסיל גופא. ביים אנבליק פון דעם פירכטערלי־כען אונגליק, איז ער בלייך געווארען, און א שוידער איז איהם דורכגעלאפען דורכ'ן גאנצען קערפער. בלויז עטליכע שטיקער האלץ זיינען פערבליבען, דיא איבריגע זיינען ארונטערגעריסען געווארען. ארום און ארום זיינען געווען שרעקליך גרויסע לעכער פון וועלכע עס האט זיך געשאטען א פיינער געלער זאמד, אויסגעמישט מיט וואסער פון דעם אונטערערדישען ים. קיין מענשליכע ארבייט איז דא ווייטער געווען מעגליך. ער האט נור געוואלט איין זאך, אב־ראטעווען דיא אונגליקליכע מענשען. וואס טיפער ער האט זיך ארונטערגעלאזט, אלץ מעהר איז געוואקסען דער געשריי פון דיא אונגליקליכע. ער האט זיך געמוזט אבהאלטען, דיא אנגעווארפענע ברעטער און באלקענס האבען איהם ניט גע־לאזט ווייטער, נור פלוצים איז דער געשריי שטיל געווארען. וואהרשיינליך האט זיך דער וואסער אזוי הויך אויפגעהויבען, אז דיא אונגליקליכע האבען געמוזט אנטלויפען אין דיא ווייטערע גאלעריען, אויב זיי זיינען ניט דערטרונקען געווארען.

דער אינזשעניער האט זיך געמוזט ענטשליסען צו געבען דעם סיגנאל ארויפ־צוהויבען איהם. נור באלד האט ער חרטה געהאט און האט זיך ווידער אבגע־שטעלט. ער האט זיך געפונען אונטער דעם בעטויבענדען איינדרוק פון דעם שרעק־ליכען אונגליק, דיא אורזאכע פון וועלכע ער האט ניט געקענט בעגרייפען. ער האט געוואלט אויסגעפינען, פון וואנען דאס איז געקומען, און האט גוט בעטראכט דיא שטיקער האלץ, וואס זיינען נאך פערבליבען. צו זיין איבעראשונג האט ער געפונען, אז א מענשליכע האנד האט דא איינגעזאגט לעכער און אונטערגעזעגט אין פיעלע פלעצער. ער האט געטאפט מיט דיא פינגער און געפונען דיא שפורען פון א זעג און א האק. א ניעדערטרעכטיגע צערשטערונגס ווערק! דיא קאטאס־טראפע איז מיט אבזיכט געמאכט געווארען! ער איז געוועזן וויא פערשטיינערט; עס האט געגעבען א קראך, דיא לעצטע שטיקער האלץ האבען זיך אבגעריסען און געדראהט ארונטערצושלעפען איהם מיט זיך. דער מוטה האט איהם פערלאזען. דיא האאר האבען זיך איהם געשטעלט קאפויר, ווען ער האט געטראכט פון דעם מענשען, וואס האט פעראורזאכט דאס אונגליק. ער האט געציטערט פאר שרעק פון יענעם בייזען מאן, און איהם האט געדוכט, אז יענער איז נאך פאראן דא אין דעם פינסטערן לאך, אום צו ענדיגען זיין שרעקליכע טהאט. ער האט אויסגעשריען און מיט א ציטערדיגע האנד א ציה געטאן דעם סיגנאל־שטריק. עס איז שוין געווען צייט, דען ער האט געזעהן, אז הונדערט מעטער

העכער פון דעם פלאַץ, וואו ער האָט זיך געפונען, האָט זיך די אויבערשטע פערצימערונג אנגעהויבען צו שאָקלען, צווישען די ברעטער זיינען געוואָרען שפּאַלטען, דאָס וואַסער האָט זיך דורכגעריסען און אין איין שטונדע ארום וועט די גאַנצע פערצימערונג פון שאַכט צובראָכען ווערן.

אויבען האָט נעגרעל ניט־אָפּגען דעם דירעקטאָר הענעבאָ, וועלכער איז געווען דערשראָקען צום טוידט און האָט געוואַרט אויף איהם.

— נו, וואָס הערט זיך? האָט ער געפרעגט.

נור דער אינזשינער איז געבליעבען שטום. זיינע קרעפטען האָבען איהם שיער פערלאָזען.

— עס איז אונמעגליך!... מען האָט אַזאַ זאַך קיין מאָל געזעהן, האָסטו דאָס אונטערזוכט?...

נעגרעל האָט א נייג געטאָן מיט'ן קאָפּ און האָט געוואָרפען פערדעכטיגע בליקען אין אלע זייטען. ער האָט ניט געוואָלט, אז די אופּזעהער זאָלען הערען די ערקלערונג. וואָס ער האָט געדאַרפט געבען. ער האָט אָבגעפיהרט זיין אָנקעל אויף צעהן טריט, נאָר דאָס האָט איהם געשיינט צו זיין ניט גענוג ווייט, און ער האָט איהם אָבגעפיהרט נאָך ווייטער. דאָ האָט ער איהם דערציילט שטיל אויף'ן אויער, וויא די שפּאַלען זיינען דורכגעזעגט און דורכגעהאַקט געוואָרען און אז די מינע ליגט א געקוויטשטע און מאַכט מיט די נשמה. דער דירעקטאָר איז בלייך געוואָרען, וויא די וואַנד. און האָט אויך אראָנטערגעלאָזט זיין קול אַזוי, וויא מען רעדט פון גרויסע לאַסטער און פערברעכען. עס איז ניט געווען נייטיג ארויסצוווייזען פחד אין דעם געגענוואַרט פון די צעהן טויזענד ארבייטער פון מאָנטסו; מען וועט שפּעטער זעהן, וואָס מען האָט צו טאָן. און זיי האָבען זיך ווייטער געשושקעט. זיי זיינען געווען נידערגעשמעטערט פון דעם געדאַנקען, אז א מענש האָט געפונען מוטה אראָבצושטייגען אהין, וואו ער איז כמעט געהאַנגען אין דער לופטען, און האָט איינגעשטעלט צוואַנציג מאָל זיין לעבען, אום צו בעגיין אַזאַ שוידערליכע מהאַט. זיי האָבען אין דעם ניט געקענט גלויבען, וויא מען וויל ניט גלויבען אין די שרעקליכע זאַכען, וואָס קומען פאָר אין א בעלאַגערטען שטאָדט.

ווען הערר הענעבאָ איז ווידער צוגעקומען צו די אויפזעהערס, האָט זיך זיין געזיכט געקרימט פון ווייהטאָג, און ער האָט מיט א פערצווייפעלטער מינע געגעבען דעם בעפעהל, מען זאָל אָבראַכען די מינע. מען האָט פּעראָט די מינע, וויא מען לאָזט איבער א מת, דען צוואַי די אויבערשטע געביידען זיינען געווען גאַנץ, האָבען אלע אָבער געוואוסט, אז די מינע איז פערלאָרען.

ווען דער דירעקטאָר און אינזשעניער האָבען די לעצטע פערלאָזט דעם זאַל, האָט זיי די מענגע בעגעגנט מיט דעם אלטען געשריי:

— די נעמען! די נעמען! זאָגט אונז די נעמען!

צווישען די ווייבער האָט זיך יעצט אויך געפונען פרוי מאַהיי. זיא האָט זיך דערמאָנט אָן דעם גערויש, וואָס זיא האָט געהערט ביי נאַכט; איהר טאָכטער און איהר בּרודער זיינען דאַמאָלס צוזאַמען אוועקגעגאַנגען; זיי געפינען זיך געוויס אין דער מינע. און נאָכהער וויא זיא האָט געזאָגט, אז דער הונד איז ווערט דער שטעקען, אז עס איז רעכט אז די הערצלאָזע, די פיגלינגע זאָלען בלייבען אונטען, איז זיא דאָך אין ציטערניש אין אנגסט געלאָפען צו דער מינע און איז געשטאַנען אין די ערשטע רייהען. זיא האָט מעהר ניט געוואַגט צו צווייפלען. ארום איהר האָט מען זיך געקריגט איבער די נעמען פון די פערקליבענע אונטען, און פון דעם האָט זיך ארויסגעוויזען, אז עטיען און קאַטערינע זיינען דאָרט, א קאָמעראַד

האט זיי געזעהן. ווענען די איבעריגע אבער איז מען גיט געווען איינִיג. שאוואל איז אונטען, האט געזאגט איינער, און אין דער זעלבער צייט האט א אינגעל געשווארן, אז ער איז מיט איהם ארויפגעפאהרען אויבען. די לעוואק און די פיעראָן, כאָטש קיינער פון זייערע איז געווען אין געפאהר, האבען געשריען הכבר פון אלעמען. זאשארי, וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס זיינען ארויס פון דער מינע, האט מיט געוויין געקושט דאס ווייב און די מוטער, כאָטשע ער האט שטענדיג געשפיגעלט דעם גלייכמוטהיגען מענשען. ער איז געבליבען שטיין נעבען די מוטער און האט אנטהייל גענומען אין איהר צער, ארויסווייזענדיג א גאנץ אומגעוויינליכע ליעבע צו דער שוועסטער, און האט זיך ניט געוואלט גלויבען, אז זיא איז פערבליבען אונטען, ביז ער וועט דאס ניט הערען פון דעם מויל פון דעם אבער-אויפזעהר.

— די נעמען! די נעמען! האט רחמנות, זאגט אונז די נעמען!

צוויי שטונדען זיינען אריבער. אין דעם ערשטען שרעק האט קיינער געטראכט פון דעם אלטען שאכט רעקיאר. הערר הענבא האט זיי יעצט געזאגט, אז די רעטונגס-ארבייט וועט זיך אנפאנגען פון יענער זייט, אז פינף ארבייטער האבען זיך געראטעוועט פון דער פערטרונקענער מינע דורך דעם, וואס זיי האבען ארויפגעקלעטערט דורך די צופוילטע לייטערס פון דעם אלטען שאכט. צווישען זיי האט זיך געפונען דער אלטער מוק. דאס האט אלעמען איבעראשט, קיינער האט ניט געגלויבט, אז ער איז געווען אונטען. נור די מיטטהיילונגען פון די געראטעוועטע האבען נאך פערגרעסערט דעם יאמער: פופצעהן קאמעראדען האבען ניט געקענט נאכגיין, זיי האבען פערבלאנדזעט, און די פערשיטונגען האבען זיי אבגעשניטען פון די איבריגע; עס איז אונמעגליך צו קומען זיי צו הילף, דען אין דער אלטער מינע שטייט שוין אויף דאס וואסער צעהן מעטער הויך. יעצט האט מען שוין געוואוסט אלע נעמען, און די לופט איז פול געווארן מיט קלאגען.

— זאגט זיי, זיי זאלען שווייגען! האט נעגרעל געשריען מיט כעס. זאלען זיי אבטרעטען אויף א הונדערט מעטער ווייט. זיי זיינען דא אין געפאהר, שפארט זיי אב צוריק.

מען האט געמוזט די מענגע אבטרייבען; זיי האבען זיך איינגעבילדעט, אז מען פערבעהאלט פון זיי נאך גרעסערע אומגליקען; מען טרייבט זיי אוועק זיי זאלען ניט זעהן די טויטע; דער אויפזעהר האט זיי געמוזט ערקלערן, אז די גאנצע מינע וועט אראבזינקען. דער געדאנק האט זיי אזוי ערגריפען, אז זיי זיינען געבליבען שטום. ענדליך האבען זיי גענומען אבטרעטען טריט פאר טריט, נור מען האט געמוזט פערדאפלען די וואך, אום זיי צוריקצוהאלטען; זיי זיינען אלע מאל ווידער געקומען, פונקט וויא די מינע וואלט זיי צוריקגעצויגען. כמעט טויזענד פערזאן האבען זיך געשטופט אויפ'ן גרויסען וועג, מען איז זיך צוזאמענגעלאפען פון אלע ארבייטער-דערפער, אפילו פון מאנטסו. נור דער מאן אויפ'ן בערגעל — דער בלאנדער מאן מיט'ן מיידעלשען געזיכט — האט געראויכערט איין סיגארעט נאך דער צווייטען, אום צו פערטרייבען די צייט און האט ניט ארונטערגעלאזט זיינע העלע אויגען פון דער מינע.

יעצט האט זיך אנגעפאנגען דאס ווארטען. עס איז שוין געווען מיטאג-צייט. קיינער האט נאך ניט געגעסען און קיינער האט ניט פערלאזט זיין פלאץ. אויף דעם במארען שמוציג-גרויען הימעל האבען זיך לאנגזאם געצויגען ראסט-פארביגע וואלקענס. הינטער א ווינקעל פון ראסענעיר'ס שיינק האט א גרויסער הונד, וועלכען די גרויסע מענגע האט געריצט, ניט אויפגעהערט צו בילען. און די מענגע האט זיך אלץ

מעהר פארברייטערט איבער דיא גרויסע פעלדער און האט געשלאָסען א געדיכטען רינג ארום דעם בערג. אין מיטען פון דיזען רינג האבען זיך געזעהן דיא גרויסע געביידעס פון דער ווארייטינע, קיין זגעלע, קיין גערויש, וויא אין א וויסטעניס. פענסטער און טהירען זיינען געבליבען אָפען, און מען האט געקענט זעהען דיא פוסט־קייט פון דיא צימערן. א רויטער קאַץ, וואס מען האט דאָרטען פארגעסען, האט זיך דערשראָקען פאר דיא איינזאַמקייט און איז געשפרונגען פון איין פענסטער אויפ'ן צווייטען ביז זיא איז פערשוואונדען געוואָרן. דאס פייער אין דיא קעסלען איז יעצט אויסגע־גאנגען, און א פייכטער רויך האט זיך נאָך געצויגען פון דיא קוימענס. דער ווינד־האָהן האט זיך געדרייט און האט געקרעכצט. און דאס איז געווען דיא איינציגע מעלאנכאָלישע שטימע אין דיזע גרויסע געביידעס, וועלכע האבען באלד געדארפט פערשווינדען פון דער ערד.

ארום צוויי א זייגער האט זיך נאך קיינער געריהרט פון אונגליקס־אָרט. הערר הענעבאָ, נעגרעל און אנדערע אינזשיניערען, וואס זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען, האבען אין דער נעהנטע געביידעס א בעזונדערע גרופע פון שווארצע רעק און הויכע הוטען און זיי האבען ניט געוואָלט פערלאָזען דעם פלאַץ. זיי האבען געפיבערט אין גאנצען קערפער, זייערע פיס האבען זיך אונטערגעבראָכען פון מידיגקייט און זיי האבען זיך גע־פיהלט שוואך געגען אזא אונגליק. זיי האבען גערעדט ווייניג און זעהר שטיל, וויא זיי וואלטען געשטאנען ביים בעט פון א שטארבענדען. דיא איבערשטע פערציטע־רונג איז שוין געווען איינגעפאלען. מען האט פלוצים דערהערט א גערויש וויא פון א שווערער מאַשינע, וואס איז געפאַלען אין דער טיפעניס; דאן איז ווייטער געוואָרן טויט־שטיל. דיא וואנד איז אלץ גרעסער געוואָר, דער איינפאל, וואס האט זיך אנגע־פאנגען אונטען, האט זיך גערוקט אלץ העכער און העכער און גענעהערט זיך צו דער אָבערפלעכע. נעגרעל איז געוואָרן נערוועז און אונגעדולדיג, ער האט געוואָלט זעהן און האט זיך געוואָלט נעהן צום אָרט: ריינגעלעזען ליידיגען פלאַץ, ניר פילע האבען זיך צו איהם א ווארף געטהאן און געכאַפט איהם פאר דיא אַקסלען. צו וואס זאל ער דאס טאָן? קען ער דען פעררעכטען דאס אונגליק? און אלטער קוילענגרעבער האט זיך אויסגעגנב'עט פון דער מענגע, אזוי, אז דיא אויפזעהער האבען ניט בעמערקט, און איז אריבערגעלאָפען צו דער געביידע פון דער מינע. נור באלד האט ער זיך רוהיג צוריקגעקעהרט, ער האט מיט־געבראכט זיינע הילצערנע שיך, וואס ער האט דאָרטען איבערגעלאָזט.

עס האט געשלאָגען דריי א זייגער. קיינער האט זיך נאך אלץ ניט געריהרט. א שלאַקס־רעגען האט דיא מענגע דורכגעווייקט, נור זיא האט זיך ניט געריהרט פון אָרט. ראַסענערס הונד האט ווידער אנגעהויבען צו בילען. אין צוואנציג מינוט שפע־טער האט זיך דערהערט דער ערשטער קראַך אונטער דער ערד און דיא געביידעס האבען א ציטער געטהאן, אבער זיי זיינען נאך געבליבען שטיין פעסט. נור באלד האט זיך דערהערט א צווייטער שטורם און א לאנגער געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון דיא אָפענע מיילער. דיא געביידעס האבען זיך א פאר מאל א שאָקעל געטהאן און זיינען מיט א געוואלדיגען קראך איינגעפאלען. אונטער דעם שטארקען דרוק האבען זיך דיא באלקען איבערגעבראָכען און האבען זיך אזוי שטארק געריבען איינער אין צווייטען, אז פונקען זיינען געפלויגען. פון דיזען אויגענבליק האט דיא ערד ניט אויפגעהערט צו ציטערן; איין שטורם האט זיך געהערט נאך דעם צוויי־טען, דיא ערד האט געציטערט און עס האט אזוי גערוישט וויא פון א פייערשפייענדען וואולקאן. דער הונד פון דערווייטענס האט אויפגעהערט צו בילען, נור דערפאר האט ער אויפגעהויבען א קלעגליכען וואָיען. וויא עס וואכט מיט דעם וועלכען געבען צו וויסען פאראויס וועגען יעדען קומענדען שטורם; און דיא וויי

בער און דיא קינדער און דאס גאנצע פאָלק, וואס האָבען זיך צו דעם אלעס צוגעקוקט, האָבען זיך נים געקענט איינהאַלטען נים צו שרייען ביי יעדען שאָס און קראַך. און וויינינער וויא אין צעהן מינוט איז פון אלע געביידעס און פון דער גאנצער מאַשינערי געוואָרען א חורבן. דאן איז דער גערויש שטיל געוואָרען.

א גאנצע שטונדע איז אריבער אין שטילקייט. הער הענעבא האָט ווידער אנגעהייבען צו האָפען. דיא בעוועגונג אונטער דיא ערד האָט זיך שוין געמוזט ענדיגען און מען וועט קענען פיעל נים רעטען פון דיא געביידע און מאַשינערי. נור דערווייל האָט ער אהין גאר קיינעם נים צוגעלאָזט. ער האָט געוואָלט וואַרטען נאָך א האלבע שטונדע, נור דאס וואַרטען איז געווען אונערטרעגליך; דיא האָפנונג האָט אויך פערדאָפּעלט דיא אנגסט. אלע הערצער האָבען געקלאַפּט האסטינער, דער הימעל האָט זיך שטאַרק פערוואָלקענט, און א פינסטערער אָבענד האָט זיך פערשפרייט איבער דיא חורבות. זייט זיבען שטונדען זיינען דיא מענשען דאָ געשטאַנען, האָבען זיך נים גערירט פון אָרט און נים גענומען א ביסען אין מויל.

פלוצים ווען דיא אינזשינירען האָבען פאָזיטיוו געוואָגט צו צוטרעטען נעהענטער, האָט דיא ערד פון דאָס ניי א ציטער געטאָן און האָט זיי פערשיאָגט. עס האָבען זיך ווידער דערהערט אונטערערדישער קלעפּ; עס האָט געשיינט, אז אַן אונגעהייער גרויסע ארטילעריע האָט אונטער דער ערד געשאָסען. דיא חורבות האָבען זיך צושאָטען אין אלע זייטען פונקט וויא א שטאַרקער שטורם-ווינד וואָלט זיי צוטראָגען. דאָס קעסעל-הויז האָט געפּלאַצט און איז פערשוואונדען געוואָרען. און יעצט האָט מען דערזעהן א שרעקליכע זאַך: מען האָט געזעהן דיא מאשין צובראָכען מיט אויסגעריסענע גליעדער און געקעמפּט מיט'ן טויט; זיא האָט זיך בעוועגט, האָט אויסגעשטרעקט איהרע שטאָהלענע ריעזיגע קניע, אזוי וויא זיא זאָל האָבען געוואָלט אויפהייבען זיך; דאָך האָט זיא געמוזט שטאַרבען, זיא איז צושאָטען און פערשלונגען געוואָרען. נור דער הויכער לאנגער קוימען איז נאָך געשטאַנען גלייך, אָבוואָהל עס האָט איהם געוואָרפען וויא א מאַסט אין שטורם. מען האָט שוין געגלויבט, אז ער וועט צוברעכען ווערען אין שטיקליך, פלוצים האָט ער א זינק געטאָן און איז פערשוואונדען געוואָרען. פון דער ערד האָט מען שוין קיין זאַך נים ארויסגעזעהן, אפילו דעם שפּיץ פון דעם בליצאבלייטער. אלץ איז געווען צו ענדע. דיא בייזע חיה, וואס איז געווען אין דער מינע, האָט שוין מעהר נים געלאָזט הערען איהר הויכען לאנגען אָטהעם. דיא וואָריי-מינע איז פאָלשטענדיג פערזונקען געוואָרען אין אָבגרונד.

דיא מענגע איז מיט א געשריי אָבגעלאָפען. דיא ווייבער האָבען דיא געזיכטער פערבאָרגען האלטען אין דיא הענד. דער שרעק האָט דיא מאַנסביל צוטריבען וויא א קופּע אויסגעטריקענטע בלעטער. זיי האָבען נים געוואָלט שרייען, נאָר זיי האָבען דאָך געשריען מיט געשוואָלענע העלזער און ציטערנדע הערצער ביים אנבליק פון דער גרויסער לאָך, וואס האָט זיך יעצט געעפענט פאר זייערע אויגען און האָט זיך געצויגען פון דער גאס ביזן קאנאל. באלד איז איינגעזונקען דער גאנצער פאַבריק-הויף, דיא שינעס און א פאָלשטענדיגער צוג פון דריי וואַגאָנען. אין דער לאָך האָט מען געזעהן אן אויסמיש פון באלקענס, ציגעל, אייזען, און דיא לאָך איז אלץ געוואָרען גרעסער און גרעסער. שפּאַלטען האָבען זיך בעמערקט הייט אין דיא פעלדער. איין שפּאַלט האָט דערגרייכט ביז ראַסענעיר'ס שיינק, פון וועלכען דיא פראָנט-וואנד האָט געפּלאַצט. וועט דאס גאנצע דאָרף גיין צו גרונד? וויא ווייט מוז מען לויפען אין דיזע שרעקליכע נאַכט, אום צו זיין אויסער געפאהר?

פלוצים האָט זיך ביי נעגרעל ארויסגעריסען א פיינליכער געשריי, און הער הענעבא, וועלכע האָט גענאָסען טרערען, איז צוריקגעשפּרונגען. דאס אונגליק איז נאָך נים געווען פאָלשטענדיג. אין קאנאל האָט געפּלאַצט א דאַמם און

דאס וואסער האט גענומען פלייצען אין לאף פון דער מינע. זיא האט איינגעשלונגען דעם קאנאל; דער קאנאל האט פערפלייצט דיא גאלעריע אויף יאהרען לאנגע באלד איז דיא שרעקליכע לאף געוועזן פול. וואו פריהער איז געוועזן דיא וואריי־מינע איז יעצט געשטאנען א ים פון שמוציגען וואסער. א טויטע שטילקייט איז איינגעטראטען, עס האט זיך נור געהערט דאס רוישען פון דיא וואסער אונטער דער ערד.

יעצט האט זיך סואווארין אויפגעהויבען פון בערגיל, וועלכער האט זיך אויף געטרייסעלט. סואווארין האט דערקענט פרוי מאהיי און זאשארי, וועלכע זיינען געשטאנען און געוויינט נעבען דעם שרעקליכען איינשטורץ. ער האט א שליידער געטאן זיין לעצטען סיגארעט און האט זיך אפילו איין מאל ניט אום געקוקט אהינטער. ער איז אוועק אין דער פינסטערער נאכט. זיין שאטען איז אלץ קלענער און קלענער געווארען און איז ענדליך פערלארען געווארען אין דער פינסטערניס. ער איז אוועק ווייט, ווייט, אליין ניט צו וויסען וואוהין. ער איז מיט א רוהיגער מינע געגאנגען פארווערטס, ווייטער ערגעץ צערשטערען און פערניכטען, וואו עס וועט זיך נאר געפינען דינאמיט, אים דיא שטעדט און מענשען צו לאזען שפרינגען אין דער לופט. ווען דיא שטערבענדע בורזשואזי וועט פיהלען ביי יעדען פון איהרע טריט, אז דיא ערד שאקעלט זיך, וועט דאס זיין זיין ארבייט.

IV.

נאך אין דער זעלבער נאכט, ווען דיא וואריי־מינע איז איינגעזונקען, האט הערר העננעבא אבגערייזט נאך פאריז, אום אליין צו ברייננען דיא נאכריכט פון דעם אונגליק צו דער קאמפאניע, נאך איידער דיא צייטונגען וועלען דערפון ריידען. און אלס אויפ'ן צווייטען טאג האט ער צוריקגעקעהרט, איז ער ווידער געוועזן זעהר רוהיג מיט דער פיינער מינע פון א דירעקטאר, וואס וויים זיך וויא צו האלטען. ער האט פון זיך אראבגענומען דיא פעראנטווארטליכקייט און האט נאר ניט פערלארען אין דיא אויגען פון דער קאמפאניע; אין געגענטהייל: אין פיער־און־צוואנציג שטונדען שפעטער האט מען אונטערצייכענט דעם דעקרעט, וועלכער האט איהם געמאכט צום אפיציר פון דעם עהרענלעגיאן.

נור אויב דעם דירעקטאר האט ניט געשאדט, האט אבער דער קאמפאניע געטראפען א שרעקליכער קלאפ. דער קלאפ איז ניט בעשטאנען אין דיא עטליכע מיליאנען, וואס דיא קאמפאניע האט פערלארען, נאר אין דער אפענער וואונד און אין דער דומפפער אונאויפהערליכער מורא פאר'ן קומענדען טאג און פאר נאך אזעלכע אונגליקען. דער קלאפ האט אזוי גוט געטראפען, אז דיא קאמפאניע האט דערפיהלט דאס בעדערפניס צו שווייגען און קוקען. וואס וואלט איהר ארויסגעקומען, זיא זאל דיא שרעקליכע געשיכטע אויספויקען? צו וואס זאל מען פון דעם באנדיט, אויב מען וועט איהם קענען געפינען, מאכען א מארטירער? פון זיין פירכטערליכען העלדענמוט וועט נור געבוירען ווערען א גאנצע מחנה מערדער און אונטערצינדער. איבריגענס האט דיא קאמפאניע ניט געהאט קיין אהנונג פון דעם ווירקליכען פערברעכער, זיא האט געדיינקט אז אין דעם האבען אנטהייל גענומען א גאנצע מחנה פערשווערערס, ווייל זיא האט ניט געקענט גלויבען, אז איין מענש זאל האבען דיא מאכט און קוראזש צו אזא ארבייט; און דער געדאנק האט איהר ניט געלאזט זיין רוהיג, דער געדאנק, אז פון היינט אן שטייען איהרע מינעס אין א גרויסע געפאהר. דעם דירעקטאר האט מען געהייסען, ער זאל אנשטעלען שפיאנען און פערדעכטיגע פערזאנען זאל ער ארויסטרייבען פון דער ארבייט. זיא האט זיך בעגנוגענט מיט דער אויסרייניגונג און האט דאס געדעכעניש פאר א גרויסען פאליטישען חכמה.

דעם אויבעראויפזעהער דאנסאהער האט מען גלייך אבגעשאפט. זיין פיהרונג

מיט פרוי פירא̈ן איז געווא̈רן אונערטרעגליך. אלס אורזאכע צום אבזא̈גונג האט גע־ריענט דיין האלטען זיך ביי דער געפאהר, זיין פייגהייט אלס א פיהרער, און וואס ער האט דיא מענשען איבערגעלאזט אונטען און אליין אנטלא̈פען. איבעריגענס דיא קאמ־פאניע האט דאס געטא̈ן צוליעב דיא ארבייטער, וועלכע האבען איהם געהאסט.

אין פובליקום האבען זיך גענומען פערשפרייטען געוויסע קלאנגען, און דיא רע־דעקציא̈ן איז געווען גענייטיגט צו ערקלערען זיי אין א צייטונג פאר פאלש. מען האט צב״ש געזא̈גט, אז דיא סטרייקער האבען אונטערגעצונדען א פאס פולווער און מיט דעם געמאכט דעם חורבן אין דער מינע. א רעגירונגס אינזשינער איז אראבגע־קומען צו מאכען א̈ן אונטערזוכונג און איז געקומען צום שלוס, אז דאס איז גע־שעהן פון א נאטירליכען ברוך אין דער פערציםערונג. און דיא געזעלשאפט האט אלץ געשוויגען און האט בעסער איבערגעטרא̈גען דעם פא̈רוואורף, אז דאס אונגליק איז געקומען פון נאכלעסיגקייט איידער צו זא̈גען דעם אמת. אין צוויי דריי טעג ארום זיינען אלע פאריזער בלעטער געווען פול מיט דער קאטאסטראפע; מען האט נור גערעדט פון דיא ארבייטער, וועלכע זיינען עלענדיגליך לעבעדיגערהייד בעגרא̈בען אין דער מינע. דיא דעפעשען האט מען גע־שלונגען. אין מא̈נטסו זיינען דיא בורזשוא געווען אין איינע ציטערניס; ביי דעם אין נא̈מען „וואריי" איז זיי דיא נשמה ארויס. א לעגענדע איז געגאנגען, וואס האט געמאכט ציטערן זאגאר דיא בראווסטע. דער גאנצער געגענד איז ערגריפען געווארען פון מיטלייד צו דיא אונגליקליכע אפפער. גאנצע פאמיליען זיינען אנגע־קומען אהער אום צו זעהן דיא חורבות און צו ציטערן פון געדאנק, אז דאס איז געקומען אויף דיא קעפ פון דיא אונגליקליכע.

דענוילען איז געראדע אין דער צייט פון דער קאטאסטראפע אריינגעטרא̈טען צו דער קאמפאניע אלס אבטהיילונגס־אינזשינער. זיין ערשטע זארג איז געווען צו פער־האלטען דעם קאנאל און ארא̈בציהען איהם אויף זיין אלטען פלאץ, דען דער נוואל־טיגער שטרא̈ם האט מיט יעדער שטונדע פערגרעסערט דיא בעשעדיגונג. דאס האט געפאדערט א סך ארבייט, מען האט אנגעשטעלט דערציו ביז הונדערט ארבייטער; דאס וואסער פון דער מינע האט מען געמוזט אויספא̈מפען. דער דאס איז צוויי מאל ראבגעריסען געווא̈רען; דאס איז געווע א ביטערער קאמפף.

נור א פיעל גרעסערע ארבייט איז פארגעגאנגען ביי דער רעטונג פון דיא פער־שאטענע ארבייטער. נעגרעלין האט מען אנגעזא̈גט ער זאל אנווענדען אלע מיטלען צו ראטעווען, און איהם האט ניט געפעדערט קיין העלפער דערצו. געטריבען פון גע־פיהל פון ברידערליכקייט, האבען זיך איהם אנגעשלא̈גען אלע קוילען־גרעבער צו העלפען. זיי האבען פערגעסען דעם סטרייק, האבען ניט געטראכט פון בעצאהלונג, און האבען געהאט אין זינען נור אבצוראטעווען זייערע ברידער. אלע זיינען דארטען געווען מיט זייערע געצייג אין א ציטערדיגע ערווארטונג, איידער דיא ארבייט האט זיך אנגעפאנגען. פיעלע זיינען געווען קראנק פאר שרעק, עס האט זיי געווא̈רפען ווי אין פיבער און זיי זיינען געווען בעדעקט מיט קאלטען שווייס, נור אלע זיינען געווען גרייט צו קעמפפען מיט דער ערד. צום אונגליק אבער זיינען אלע געבליבען שטיין ביי דער אלטער פראגע: וואס זאל מען טא̈ן? וואו לאזט מען זיך ארונטער? פון וועלכער זייט זאל מען אנהייבען גרא̈בען דיא שטיינער?

נעגרעל איז געווען דער מיינונג, אז קיינער פון דיא אינגליקליכע אונטען איז נישט געבליבען לעבען. דיא פופצעהן מענשען זיינען געוויס דערטרונקען אדער דערשטיקט געווא̈רען. נור ביי מינער־קאמפאסט אפען איז א רעגע־נצונעהמען, אז פערשאטענע מענשען זיינען נאך ביים לעבען, און דאריבער האט ער זיך גענומען צו דער ארבייט. דיא ערשטע אויפגאבע איז געווע

צו ענטשיידען, וואו האבען זיך געקענט די אונגליקליכע אויפהאלטען. דיא אויפזעהער אין דיא אלטע קוילען־גרעבער, מיט וועלכע ער האט זיך ב ראט ן, האבען אלע אין איין קול געזאגט: פון מורא פאר'ן שטייגענדען וואסער זיינען דיא קאמעראדען געלאפען פון גאלעריע צו גאלעריע ביז צו דער העכסטער. מיט דעם האט אויך געשטימט דער בעריכט פון אלטען מוק. פון זיין צומישטע ערצעהלונג האט מען געקענט רעכענען, אז די אונגליקליכע האבען אזוי פערלארען דיא קעפּ, אז זיי האבען זיך צוטיילט אין קליינע גרופען און יעדע האט זיך געזוכט פאר זיך הילף אין דיא העכערע גאלעריע. נור ווען עס איז געקומען צו בעשליסען, וויא מען זאל רעטען, האבען זיך דיא מיינונגען געשיידעט. אייניגע האבען געזאגט אז מען זאל גלייך נעהמען גראבען ביז דער ערשטער גאלעריע. אנדערע האבען ערקלערט, אז דאס איז אוממעגליך, ווייל זיא ליעגט צו טיעף און בעסער איז צו צוקומען זיי דורך דיא אלטע שאכט רעקיאר. דיא צרה איז אבער געווען, אז דיא אלטע שאכט איז אויך געווען פערפלייצט מיט וואסער און דיא פערבינדונג מיט דיא וואריי־מינע איז דורך דעם אבגעהאקט געווארען. נור זעהר ווייניג גאלערייען זיינען דארטען געווען פריי פון וואסער. דאס אויספאמפען האט געדארפט נעהמען יאהרען־לאנג. דער בעסטער פלאן איז געווען זוכען אן אריינגאנג דורך דיא טעליכע פון גאלערייען, וואס זיינען נאך ניט געווען פערפלייצט. צו דעם שלום איז מען געקומען נאך לאנגע שטרייטען.

יעצט האט נעגרעל אנגעהויבען דורכצוזוכען דיא פערפוילטע ארכיווען, אום אויסצוגעפינען דיא אלטע פלאנען פון דיא צוויי מינען. נאכהער וויא ער האט זיי געפונען און דורכגעשטודירט, איז ער געקומען צום שלום, וויא מען זאל אנהויבען דיא רעטונג. ער איז דערפון געווען שטארק צוהיצט. צום טראץ זיין איראנישע גלייכגילטיגקייט איז ער געווען מיט דער אידעע פון רעטונג זעהר בעגייסטערט. ווען מען האט געערפט ארונטערשטייגען אין דיא אלטע רעקיאר מינע, האט מען גלייך אנגעטראפען שוועריגקייטען. מען האט געמוזט פון דער עפענונג פון שאכט ארונטעראמען דיא העלצער, וועלכע האבען פערשטעלט דעם וועג, און דיא בעשעדיגטע לייטערס פערריכטען. דאן האט מען אנגעהויבען זעהר פארזיכטיג ארונטערצולאזען זיך. דער אינזשעניר האט אנגעוויזען אויף געוויסע ערטער אין דיא ווענד און האט געהייסען דארטען קלאפען מיט אייזערנע האממערס און אליין האט ער צוגעליינט דעם אויער צו דער וואנד צו הערען אויב מען ענטפערט ניט אויף דיא קלאפּ; נור אומזיסט זיינען זיי דורכגעלאפען אלע פרייע גאלערייען, אויף זייערע קלאפּ האט קיינער ניט געענטפערט. זייער פערלעגענהייט איז געוואקסען. וועמען זאל מען גיין ראטעווען אז קיינער, וויא עס האט געשיינט, געפינט זיך ניט מעהר דארטען. נור דאך האבען זיי דאס זוכען ניט אויפגעגעבען און געגאנגען וויטער.

פון דעם ערשטען טאג אן איז פרוי מאהיי געקומען יעדען פריהמארגען צו דער מינע רעקיאר. זיא האט זיך געזעצט ביים אריינגאנג פון דער שאכט אויף א באלקען און האט זיך ניט גערירט ביז'ן אבענד. ווען איינער פלעגט ארויסשטייגען פון אונטען, האט זיא זיך אויפגעהויבען און געפרעגט איהם מיט דיא אויגען: „נאר ניט?“ ניין, גאר ניט. און זיא האט זיך געזעצט וויטער, קיין ווארט צו ריידען. אויך זשאנלען, זעהנדיג אז מען האט יעצט געמאכט א גאנג דורך יענע לאך, וואו עס ליגט פערשטעקט דער ערמארדעטער סאלדאט, האט זיך גענומען דרייהען ארום דער מינע וויא א ווילדע חיה, וועלכע זעהט, וויא א יאגד־הונד קומט אויף איהר שפור ער האט מורא געהאט, מען זאל דארטען ניט ענטדעקען דעם ערמארדעטען. נור זיין מורא איז געווען אומזיסט. יענע שאכט, וואו דער סאלדאט איז ליגען געווען פערפלייצט און דיא

רעטונגס־ארבייט איז יעצט נעגאנגען אין אן אנדער ריכטונג. אנפאנגס איז אהער אויף געקומען פילאמענא, בעגלייטענדיג זאשארי, וועלכער האט אויך געארבייט ביי דער רעטונג; דערנאך האט זיא דאס געפונען פאר זעהר לאנגווייליג און האט ניט געוואלט אומזיסט פערלירען; זיא איז געבליבען צוהויז און האט פערבראכט איהרע טעג אין הוסטען פון פריה ביז אבענד און האט אויף קיין זאך ניט געקוקט. זא־שארי פערקעהרט איז יעצט געווען מעהר אויפגעמונטערט, ער וואלט מיט דער נאז דיא ערד געאקערט, אבי ראטעווען זיין שוועסטער. ער האט איהר געזעהן און גע־הערט אין זיינע טרוימען, זיא איז זעהר אויסגעמאגערט, און דאס האלז איז איהר צוריסען פון שרייען נאך הילפע. צוויי מאל האט ער געוואלט שטעלען זיך גראבען; ניט פערגעגנדיג ביי קיינעם און בעהויפטענדיג, אז דא דארף עס זיין, ער פיהלט עס. דער אינזשיניר האט איהם מעהר ניט געלאזט ארונטערשטייגען; נאר ער איז ניט אוועק פון דער שאכטע, פון וועלכע מען האט איהם פעריאגט. ער האט ניט גע־האט געדולד צו זיצען נעבען דער מוטער און ווארטען, איהם האט ארומגעיאגט א בעדירפניס עפעס צו טאן.

עס איז שוין געווען דער דריטער טאג. נעגרעל איז געווען פערצווייפעלט און האט בעשלאסען אויפצוגעבען געגען אבענד דיא רעטונגס־ארבייט. ווען ער האט זיך נאך מיטאג אומגעקעהרט מיט זיינע לייט צו מאכען דיא לעצטע פראבע, האט ער צו זיין גרויסער איבערראשונג דערזעהן זאשארי וויא ער קריכט ארויס פון דער מינע זעהר רויט, מאכט מיט דיא הענט און שרייט:

— זיא איז אונטען, זיא האט מיר געענטפערט! קומט! קומט!

ניט קוקענדיג אויף דער וואך, האט ער זיך דאך ארונטערגעלאזט מיט'ן לייטער און האט געשוואוירען, אז אין ערשטען גאנג פון דעם גיוולאם־אדער האט ער גע־הערט קלאפען.

— מיר זיינען צוויי מאל פארביינעגאנגען דארטען, האט נעגרעל געענטפערט אונגלויביג. נאר לאמיר זעהן.

ראזע מאהיי האט זיך אויפגעהויבען, און מען האט געמוזט בריכען געוואלד איהר ניט צו לאזען ארונטערשטייגען. זיא איז געבליבען ווארטען אויבען, איהרע בליקען פערזונקען אין דער פינסטערניס פון לאך.

נעגרעל האט אליין אונטען געגעבען דריי קלעפ און האט געהייסען, עס זאל זיין שטיל. ער האט דעם אויער צוגעלייגט צו דער קוילען־וואנד און האט זיך צוגע־הערט. עס האט זיך ניט געהערט קיין שום ענטפער, ער האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ; דער ארימער יונג האט געוויס געטרוימט. זאשארי איז געווארען אוי־סער זיך פאר כעס און האט פון זייט אנגעהויבען קלאפען אין וואנד און צוהערען זיך. זיי־נע אויגען האבען געגלאנצט, א פריידיגער פיעבער איז דורכגעגאנגען דורך זיינע גליי־דער. יעצט האבען דיא אנדערע ארבייטער אויך אנגעהויבען צו פראבירען איינער נאכ'ן צווייטען; און אלע זיינען בעלעבט געווארען; זיי האבען זעהר דייטליך געהערט פון זעהר ווייט אן ענטפער. דער אינזשיניר איז ערשטוינט געווארען; ער האט נאך א מאל צוגעלייגט דעם אויער צו דער וואנד און האט ענדליך דערהערט דעם וואויל־בעקאנטען צייכען, וואס דיא קוילענגרעבער קלאפען אין וואנד, ווען זיי זיינען אין געפאהר. דיא קוילען גיבען איבער דעם טאן זעהר ווייט מיט דער קלאר־הייט פון קריסטאל. אן אנוועזענדער אויפזעהר האט אבגעשאצט דיא ווייטקייט פון זיי ביז דיא אונגליקליכע קאמעראדען ניט ווייניגער ווי אין 50 מעטער. נור דאך האט צווישען דיא ארבייטער אויסגעבראכען א גרויסע פרייד, וויא זיי וואלטען געקענט רייבען זיי דיא הענט. נעגרעל האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט.

ווען זאַשארי איז אַרויפגעשטיגען אויבען און האָט דערזעהן זיין מוטער, איז ער איהר געפאַלען אין דיא אָרעמס.

— פרייט איך ניט בעצייטענס, האָט געזאָגט מיט א בייזע שמייכעל פרוי פיערראָן, וועלכע איז היינט אויך געקומען שפּאַצירען צו דער מינע. אויב קאַטערינע איז ניט דאָרטען, וועט איך דערנאָך מעהר וויי טאָן.

— לאָז מיך צורוה! האָט זאַשארי אויסגעשריען אין צאָרן. זיא איז דאָרטען. איך וויים דאָס.

פרוי מאַהיי האָט זיך צוריק אָנידערגעזעצט און האָט געוואַרט מיט א שטומע געזיכט.

ווען דיא נאַכריכט האָט דערגרייכט מאָנטסו, איז געוואָרען אַרום דער מינע א שטאַרקער אויפלויף פון מענשען. מען האָט גאָר ניט געזעהן, נור מען האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. מען האָט דיא פייערדיגע מיט געוואַלד געמוזט האַלטען פון דער ווייטענס. אונטען האָט מען געאַרבייט טאָג און נאַכט. דער אינזשיניר האָט מורא געהאַט, מען זאָל אין מיטען ניט אָנגעגנען עפּעס א הינדערניס, און דאַריבער האָט ער געלאָזט מאַכען דריי בעזונדערע וועגען, וועלכע האָבען געדאַרפט פיהרען צו יענעם פונקט, פון וואַנען מען האָט געהערט דיא אונגליקליכע. מעהר וויא איין קוילען-גרעבער האָט ניט געקענט אַרבייטען פאַר איין מאָל אין ענגען לאָך; און דאַריבער פלעגען זיי זיך אַלע צוויי שטונדען בייטען; דיא קוילען האָט מען פון לאָך אַרויסגענומען אין סערב, וועלכע זיינען געגאַנגען פון האַנד צו האַנד אין דער גאַנצער ליינג פון לאָך, וואו דיא מענשען האָבען פאָרמירט א לעבעדיגע קייט. אָנפאַנגס איז דיא אַרבייט געגאַנגען זעהר ראַש, און איין טאָג האָט מען דורכגעגראָבען גאַנצע זעקס מעטער.

זאַשארי האָט בעקומען דיא ערלויבניס צו געהערען צו דער גרופּע, וואָס האָט אויסגעקלאַפּט דיא וועגע. דאָס איז געווען אַן עהרען־אַרבייט, פאַר וועלכע מען האָט זיך געשלאָגען. און ער איז אַריין אין שרעקליכען צאָרן, ווען מען האָט איהם נאָך צוויי שטונדען געוואָלט אויסבייטען. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט צולאָזען אַן אַנדערען צו דער אַרבייט און האָט ניט געוואָלט אַרויסלאָזען דיא האַק פון האַנד. ער האָט אין דער אַרבייט אַלע אַנדערע איבעריאָגט. ער האָט געהאַקט דיא קוילען מיט אַזא פייער, דאָס מען האָט געהערט זיין אָטהעם פון דערווייטענס, וויא דאָס פּאָכען פון א בלאָזזאַק. ווען ער איז א פאַרמאַטערט, שוואַרץ וויא קויל אַרויסגעקראָכען, איז ער אַנידערגעפאַלען צום באָדען, מען האָט איהם געמוזט איינוויקלען אין א דעקע. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און פאַלענדיג פון דיא פיס, איז ער צוריק געגאַנגען צו דער אַרבייט און דער קאַמפף האָט זיך ווידער אָנגעהויבען. נור דאָ זיינען דיא קוילען האַרטער געוואָרען. צוויי מאָל האָט ער צובראָכען זיין האַק און ער איז פערצווייפעלט געוואָרען, וואָס ער קען ניט פאָרטזעצען זיין אַרבייט אַזוי שנעל, וויא פריהער. אויך האָט ער געליטען פון דיא היץ, וועלכע איז מיט יעדען מעטער טיפער, אַלס שטאַרקער געוואָרען. ער איז געוואָרען אונטערגליך אין דער טיפעניס פון דעם ענגען לאָך, וואו דיא לופט איז געשטאַנען איינגעפּרעסט. זיי האָבען געפּרובירט רייניגען דיא לופט מיט א האַנד־ווענטילאַטאָר, נור דאָס האָט ניט גוט געהאָלפען; דריי מאָל האָט מען קוילענגרעבער אַרויסגעצויגען אין אָנמאַכט, זיין זיינען שיער דערשטיקט געוואָרען.

נעגרעל האָט מיט זיינע אַרבייטער געלעבט אין מינע. אהער פלעגט מען איהם ברייגנען עסען און דאָ איז ער געשלאָפען אויף א בינטעל שטרוי, איינגעהילט אין זיין מאַנטעל. זייער מוטה איז נור געווען אויפגעהאַלטען פון דעם קלאַפּען פון דיא אונגליקליכע אונטען, וועלכע האָבען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געקלאַפּט, אום

מען זאל זיך צוויילען מיט דער הילף. די קוילענגרעבער האבען דורכגעהאקט זייער וועג נאך דער ריכטונג פון דעם קלאפען. יעדעס מאל, ווען א קוילענגרעבער איז ארויף אויבען, אום צו מאכען פלאץ פאר א פרישען ארבייטער, פלעגט נעגרעל קלאפען אין וואנד אוןווארטען אויף אן ענטפער פון אונטען. ביז איצט האט מען איהם יעדעס מאל ראש געענטפערט. ער האט מעהר ניט געצווייפעלט; זיי זיינען געגאנגען אין דער רעכטער ריכטונג; אבער וויא לאנג דאס געדויערט! מען וועט געווים קומען צו שפעט. אין צוויי טעג האבען זיי אויסגעשלאגען דרייצעהן מעטער, נור אויפ'ן דריטען טאג האט מען מעהר ווי פינף מעטער ניט אויסגעשלאגען, אויפ'ן פיערטען טאג ניט מעהר וויא דריי מעטער, וואס ווייטער מען איז געקומען זיינען די קוילען אלץ הארטער און שטייפער געווארען. יעצט האט מען קוים געקענט אויסקלאפען צוויי מעטער א טאג. אויפ'ן נייטען טאג זיינען קוים געווען אויסגעקלאפט צוויי און דרייסיג מעטער, און עס איז נאך פערבליבען צוואנציג מעטער דורכצושלאגען. די געבאגענע זיינען שוין געווען פערשאטען דעם צוועלפטען טאג. צוועלף מאל פיער און צוואנציג שטונדען אהן ברויט, אהן פייער אין שרעקליכע פינסטערניס! דיזער שרעקליכער געדאנק האט ביי יעדען ארויסגערופען טרערען פון די אויגען און גענומען די אבגעמאטערטע הענד נייע קרעפטען צו ארבייטען. עס האט געשיינט אונמעגליך, אז שטערבליכע מענשען זאלען אזוי לאנג קענען אויסהאלטען; די ווייטע קלאפ אין דער וואנד זיינען שוין געבטען שוואכער געווארען. יעדען אויגענבליק האט מען געציטערט, זיי זאלען ניט אויפהערען אין גאנצען.

פרוי מאהיי איז רעגעלמעסיג יעדען טאג געקומען און געזעצט זיך ביי דער עפנונג פון דער שאכט. אויף די הענד פלעגט זיא ברייגגען העסטעלע. ניט קענענדיג איבערלאזען איהר א גאנצען טאג איינע אליין. זיא איז געזעסען מיט א פערשטארבענעם הארצען און געווארט, וואס וועט דער נייער טאג ברייגגען. אין די גרובען האט זיין געווען אויסגעשטעלט פון דער מינע ביז מאנטסו זיינען ארומגעגאנגען פערשידענע בעמערקונגען און א געמענס הערצער זיינען געווען אונטען.

ווען מען האט אויפ'ן נייטען טאג צום פריהשטיק־שטונדע גערופען זאשארי, האט ער ניט געענטפערט. ער איז געווען וויא א וואהנזיניגער, ער האט געהאלטען אין איין שילטען און קלאפען אין וואנד. נעגרעל האט אויף דער ווילע פערלאזט די מינע און דאריבער האט ער קיינעם געפאלגט. אין דער מינע זיינען נור געווען צוויי קוילענגרעבער און א אפזעהר. זאשארי'ס לעמפיל האט געברענט זעהר שלעכט, זאשארי איז געווען צו פיגל אין כעס, ער זאל בעדיינקע וואס ער טהוט, און ער איז בגאנגען די אונפארזיכטיגקייט צו עפענען דאס לעמפיל. דאס איז געווען שטרענג פערבאטען, אום צו פערמיידען אן עקספלאזיאן פון גאז, וואס האט זיך שטארק אנגעזאמעלט אין דעם ענגען וועג. פלוצים האט געגעבען א קנאל א דונער און א פייערינער זייל איז ארויס פון דעם לאך פון דער מינע, וויא פון דעם מויל פון אן הארמאט. אלץ האט געפלאמט; די לופט האט זיך אנגעצונדען וויא פולווער פון איין גאלעריע ביז צו דער אנדערע. די דריי ארבייטער מיט'ן אויפזעהער זיינען אנידערגעפאלען. שטיינער און באלקענס זיינען געשליידערט און געווארפען געווארען אין אלע זייטען. די נייגיעריגע כענגע איז זיך צולאפען אין אלע זייטען; פרוי מאהיי האט זיך אויפגעהויבען, דריקענדיג דאס שרייענדע קינד צום ברוסט.

ווען נעגרעל און די ארבייטער האבען זיך צוריקגעקעהרט, זיינען זיי ערגעריפען געווארען פון א שרעקליכען צאָרן. זיי האבען געשריען און געקלאפט מיט די פיס אין דער ערד, די ערד — זייער שטיפמוטער, וועלכע האט מיט איהרע נארישע, גרויזאמע קאפריזען אהן רחמנות געטויטעט איהרע קינדער. מען אפפערט זיך אויף צו נעמען הילפע די קאמעראדען, און דא דארף מען נאך מעהר מענשען

פערלירען! נאך דריי שטונדען שווערע און געפעהרליכע ארבייט איז זיי געלונגען איינ-
דרינגען אין דיא גאלעריען און דיא נייע אפפער ארויסצושלעפען. ניט דער אויפזעהער
און ניט דיא ארבייטער זיינען געווען טוידט; נור זייערע לייבער זיינען געווען בעדעקט
מיט שרעקליכע וואונדען, וועלכע האבען פערשפרייט א שרעקליכען גערוך פון פער-
שמאכטעטע פלייש. זיי האבען געטרונקען פייער ביז זייערע העלזער זיינען אויסגע-
ברענט געווארען, און זיי האבען געבעטען און געשריען, מען זאל מיט זיי מאכען אן
ענדע. איינער פון דיא דריי ארבייטער איז געווען יענער, וועלכער האט אין דער
צייט פון סטרייק געגעבען דעם לעצטען קלאפ מיט דער האק דער פאמפע פון גא-
סמאן-מאריע; דיא אנדערע צוויי האבען נאך געהאט זייערע הענד צושניטען פון
דיא ציגעל, וואס זיי האבען געשליידערט אויף דיא סאלדאטען. דיא בלייכע צו-
שראקענע מענגע האט ארונטערגענומען דיא היטלען, ווען מען האט פארבייגעטראגען
דיא פעראונגליקטע.

פרוי מאהיי האט געווארט שטייענדיג. ענדליך האט מען זאשארי'ס קערפער
ארויסגעטראגען; דיא קליידער זיינען געווען פערברענט, דער קערפער איז געווען
וויא א שטיק שווארצע קויל. דער קאפ האט געפעהלט, אין דער עקספלאזיאן איז
ער ארונטערגעריסען געווארען. ווען מען האט דעם קערפער ארויפגעלייגט אויף'ן טראג-
באהרע איז דיא מאהיי שעבאניש נאכגעגאנגען מיט גליהענדע אויגען וואס האבען ניט
געקענט וויינען. זיא האט געהאלטען העסטעלע אויף'ן ארים — א טראגישע געשטאלט
מיט צושויבערטע האר; ווען דער טרויריגער צוג איז אנגעקומען אין דארף אריין, איז
פילאמענע געטראפען געווארען, אזוי וויא פון דונער. אין איהרע אויגען האט זיך גע-
עפענט א קוואל טרערען און דאס האט איהר אביסעל ערלייכטערט, דיא מוטער האט
זיך באלד צוריק אומגעקעהרט צו דער שאכט. זיא האט דעם זוהן בעגלייט און יעצט
האט זיא צוריקגעקעהרט צו ערווארטען דיא טאכטער.

דאן זיינען פערגאנגען נאך דריי טעג. מיט געוואלדיגע שוועריגקייטען האט מען
ווידער בעגייעט דיא רעטונגס-ארבייט. צום גליק זיינען דיא אויסגעהאקטע וועגען ניט
איינגעפאלען פון דער עקספלאזיאן; נור דיא לופט איז דארט געווען אזוי שלעכט און
הייס, אז יעדע צוואנציג מינוט האט מען געמוזט דיא ארבייטער בייטען. דיא ארבייט
איז געגאנגען פאראווערטס, עס זיינען נאך פארבליבען צוויי מעטער, נור זיי האבען גע-
ארבייט מיט שווערע הערצער און האבען געהאקט דיא קוילען, וויא געהעמעדיג פון
זיי ראכע; דאס קלאפען פון אונטען האט אויפגעהערט. דיא אונגליקליכע האבען
זיך שוין מעהר ניט געלאזט הערען. עס איז שוין געווען דער צוועלפטער
טאג פון זייער ארבייט און דער פופצעהנטער פון דער קאטאסטראפע; צייט היינט
אין דער פריה האט דאס קלאפען פון אונטען אויפגעהערט און, עס הערשט
דארט א טוידטע שטילקייט.

דער נייער אונגליקספאל האט פערדאפעלט דיא נייגיעריגע פון דער בעפעל-
קערונג פון מאנטסו. דיא בורזשוא האבען אהער געמאכט אפטע שפאציער גענגע.
אפילו דיא גרעגוארס האבען זיך ענטשלאסען צו קומען אהער. מען האט אבגע-
רעדט, אז זיי זאלען פאהרען אין זייער קארעטע צו דער וואריי-מינע, און מאדאם
הענעבא זאל אין איהר קארעטע ברייגנען לוסי און זשאנע דענוילען. העררד דע-
נוילען וועט זיי דארטען וויזען זיין ארבייט, און דאן וועלען זיי צוריקפאהרען דורך
רעקואר, וואו נעגרעל וועט זיי איבערגעבען, וויא ווייט ער האלט מיט זיין אר-
בייט און צו ער האט נאך האפנונג. דעם אבענד וועלען זיי פערברייגנען צוזאמען
און עסען צוזאמען סאפער.

ווען דיא גרעגוארס זיינען ארום דריי אוהר ארויסגעשטיגען פון זייער קא-
רעטע נעבען דער איינגעפאלענער מינע, האבען זיי שוין דארטען געטראפען מאדאם

העבאָנע. וועלכע איז פריהער אָנגעקומטען. דער הימעל איז געוועזן זעהר קלאָר, דער וועטטער מילד, וויא אין אָנפאַנג פריהלינג. הערר העננעבאָ איז שוין אויך געוועזן דאָ אין דער געזעללשאַפט פון הערר דענוילן. ער האָט זיך צערשטרייט צוגעהערט צו דיא ערקלערונגען פון דעם לעצטען איבער דיא גרויסע אָנשטריינגונגען, וואָס מען האָט געדארפט מאַכען איינצוהאלטען דעם קאַנאַל. זשאַנע, וועלכע האָט מיט זיך שטענדיג געטראָגען אַן אַלבום צום צייכנען, האָט אָנגעוואָרפען א סקיצע פון דעם שרעקליך־שיינעם פלאַץ; לוסיע איז געזעסען לעבען איהר אויף א צובראָכענע טאַטשקע און ארויסגעלאָזט געשרייען פון ענטציקונג אין ערשטוינען. דער דאַמם איז נאָך ניט געוועזן פארטיג און פון פיעלע שפאַלטען האָט נאָך דאָס וואַסער פון קאַנאַל געגאָסען אין דער מינע אריין. דיא מינע האָט אויסגעזעהען, וויא דיא רואינען פון א פארזונקענע שטאָדט אין א גרויסע בלאָטע.

— עס האָט גאָר ניט געלוינט דיא מיה צו פאָהרען אהער און אָנקוקען, האָט געזאָגט הערר גרעגואר.

סעסיל האָט געאָטהעמט מיט פרישקייט און געזונד און געשעפּט דיא רייכע לופט. זיא האָט געלאכט און געשפּאַסט. פרוי העננעבאָ האָט זיך נור געקרימט.

— עס איז ווירקליך ניט אַנגענעהם, האָט זיא געזאָגט.

ביידע אינזשינערען האָבען זיך צולאכט. זיי האָבען געזוכט צו פעראינטערעסירען דיא דאַמע און האָבען זיי אומעדום ארומגעפיהרט און אלסדינג בעוויזען. דיא דאַמען אָבער זיינען געוועזן אונרוהיג, און זיי האָבען געשוידערט, ווען זיי האָבען דערהערט, אַז דיא פּאָמפּען וועלען דארפען אַרבייטען א יאָהר זיבען ביז דאָס וואַסער וועט אויפגעפּומפּעט ווערען און עס וועט מעגליך ווערען צו בעגיינען דיא ארבייט אין דער מינע. נייך, זיי וועלען בעסער דיינקען וועגען אַנדערע זאַכען. דיא פערוויסטונג וועט זיי נאָך ביי נאַכט פעראורזאַכען שלעכטע חלומות.

— לאָמיר פאָהרען! האָט געזאָגט מאַדאַם העננעבאָ און געלאָזט זיך גיין צו איהר קאַרעטע.

זשאַנע און לוסיע האָבען ניט געוואָלט אזוי גיך פאָהרען. זייערע סקיצען זיינען נאָך ניט געוועזן פארטיג, און דער פאַטער וועט זיי ביי נאַכט ברייגגען צום דינער. הערר העננעבאָ האָט זיך אריינגעזעצט צו זיין פרוי אין קאַרעטע.

— אויב אזוי, פאָהרט אייך פאָראויס, האָט געזאָגט הערר גרעגואר. מיר וועלען אויך באַלד נאָכפאָהרען. מיר וועלען מאַכען א קורצען בעזוך אין דאָרף, נור מיר דיינקען אנצוקומען אין דער רעקיואר מינע צו דער זעלבער צייט וואָס איהר.

גרעגואר איז אריינגעשטיגען אין דער קאַרעטע, וואו עס איז שוין געזעסען זיין פרוי און טאָכטער, און זיי זיינען געפאָהרען צום ארבייטער דאָרף. דיא ערשטע קאַרעטע איז אוועק פאַזע קאַנאַל צו דער אַלטער מינע.

דיא גרעגואַרס האָבען געוואָלט צו זייער שפּאַצירגאַנג צוגעבען א גוטע טהאַט. זאַשאַריס טוידט האָט ביי זיי ארויסגערופען א טיעפע מיטלייד צו דער אונגליקליכער פאַמיליע מאַהייִ, פון וועלכע דיא גאַנצע געגענד האָט גערעדט. זיי האָט ניט באַנג געטאָן דער פאַטער, דער רויבער, דער סאָלדאַטען־מערדער, וועלכען מען האָט געמוזט דערשלאָגען, וויא א בייזען וואָלף, נור דער שיקזאַל פון דער אָרימער מוטער האָט זיי גערירט. דיזע אָרימע פרוי האָט געהאַט איין אומגליק נאָך'ן צווייטען, האָט פערלאָרען איהר זוהן גלייך נאָך'ן מאַן, און איהר טאָכטער ליגט אויף פערשאָטען אונטער דער ערד און איז שוין אויך פיליייכט טויט. אויסער דעם האָט מען נאָך גערעדט פון אַ'ן אַלטען קראַנקען זיידען און פון א זוהן, וועלכער האָט ביי אַ'ן ערד־פאַל אין א מינע פערלאָרען די פיס. אויך האָט מען דערצעהלט פון א קליין

מיידעלע, וועלכע איז אין דער צייט פון סטריקס געשטארבען פון הונגער, און באטש נאך זייער מיינונג, איז די פאמיליע האלב אליין שולדיג געוועזען אין איהר א מגליק, האבען זיי דאך זיך בעשלאסען ארויסצוווייזען זייער גוטסקייט און רחמנות מיט דעם, וואס זיי האבען וועלען אריינטראגען א נדבה. אונטער'ן זיץ פון זייער קארעטע זיינען געלעגען צוויי איינגעוויקעלטע פאקעטען.

און אלטער פרוי האט בעוויזען דעם קוטשער דיא שטיבעל פון דיא מאהיים. מיט דיא פאקעטען אין דיא הענד זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון דער קארעטע און גענומען קלאפען אין טהיר, נור קיינער האט זיי ניט געעפענט.

— קיינער איז ניט דא, הייסט עסכיל געזאגט ענטוישט. דאס איז א פערדראסיגע זאך. וואס וועלען מיר יעצט טהאן מיט דיא פעקלאך?

פלוצים האט זיך געעפענט דיא טיר פון דיא צווייטע שטיבעל, און דיא לעוואק האט זיך בעוויזען.

— אה, גנעדיגער הערר און גנעדיגע פרוי!... ענטשולדיגט גנעדיגע פרייליין, איך בעט אום פערצייהונג.... איהר זוכט דיא שכנה? זיא איז ניטא צו הויזע. זיא איז יעצט אין רעקיאר.

און מיט א גוס־רייד האט זיא זיי דערציילט און איבערדערציילט דיא געשיכטע, אז ארימע לייט מוזען זיך איינע דיא אנדערע העלפען און אז זיא גיט אכטונג אויף דיא איבריגע מאהיי'ס קינדער, כדי פרוי מאהיי זאל קענען זיצען ביי דער מינע. איהרע בליקען זיינען אין דער צייט פון איהר ריידען געפאלען אויף דיא פאקעטען און זיא האט גענומען דערציילען פון איהר פערונגליקטע טאכטער, וועלכע איז געבליבען אן אלמנה נאך זאשאריי'ס טויט, און שילדערען איהר אייגענעם עלענד און ארימקייט. ענדליך האט זיא געשטאנען:

— אויב דיא הערשאפטען ווילען דורכאויס אריין צו דיא מאהיים, האב איך דעם שליסעל... דער זיידע איז אינערוויינג...

דיא גרעגוארס האבען איהר אנגעקוקט ערשטוינט. וואס? דער אלטער איז אינעווייניג? עס האט זיך דאך קיינער אנגערופען אויף זייער קלאפען! איז ער דען געשלאפען? און ווען דיא לעוואק האט פאר זיי געעפענט דיא טהיר, זיינען זיי געבליבען שטיין דערשראקענע.

באנעמאר איז געווען איינער אליין, ער איז געזעסען מיט ווייט געעפענטע אויגען נעבען קאלטען אויווען. דאס צימער האט יעצט אויסגעזעהן גרעסער, ווייל דאס ביסעל מעבעל און דער וואנד־זייגער, וועלכע האבען פערנומען פלאץ, זיינען יעצט ניט געווען מעהר. דער אלטער האט זיך ניט גערירט. ער האט אפילו ניט א פינטעל געטאן מיט'ן אויג, ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט און דיא העלע ליכט האט זיך אריינגעריסען אין צימער; ער איז געזעסען אויף זיין ארט מיט א נארישער מינע, וויא ער וואלט דיא מענשען גאר ניט געזעהן.

— נעהמט ניט אין אכט זיין אונהעפליכקייט, האט בעמערקט דיא לעוואק מיט א חניפה'דיג שמייכעלע. דער קאפ איז ביי איהם, וויא עס שיינט, אביסעל צומישט. צייט פערצעהן טעג רעדט ער ניט א ווארט.

נור פלוצים האט זיך באנעמאר צוהוסט און ארויסגעשפייט פון זיך א שווארצע שטיק לייבעלע. שווארץ פון דעם קוילען־שטויב וואס ער האט זיין גאנץ לעבען געשלונגען. ער איז ווידער געווארען אונבעוועגליך און האט נור פון צייט צו צייט געשפייט.

דיא גרעגוארס האבען געקוקט מיט דעם עקעל, וואס זיי האט בעהערשט ביי דיזע סצענע, און האבען זיך אנגעשטרענגט ארויסריידען א פאר פריינדליכע ווערטער.

— איהר זייט שטארק צונעקיהלט, מיין בראווער מאן, האָט גרענואר געזאָגט. דער אלטער האָט געקוקט אויף דער וואנד און האָט ניט א ריהר געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— מע׳ האָט אייך געדארפט קאָכען ברויט־טהיי האָט געזאָגט מאדאם גרענואר. ער האָט זיך ניט א ריהר געטאָן.

— פּאפּא, האָט סעסיל געזאָגט אין דער שטיל, מען האָט אונז דערצעהלט, אז ער איז קראנק, אָבער מיר האָבען אָן דעם גאָר פערגעסען....

זיא האָט איבערגעהאקט איהר זאץ און פערלעגענהייט. זיא האָט אנידערגעשטעלט אויפ'ן טיש א טאָפּ מיט פלייש און א פּאָר פלעשער וויין און האָט ארויסגעצויגען פון צווייטען פּאקעט א פּאָר אונגעהייער גרויסע שיך. דאָס איז געווען בעשטימט א מתנה פאר'ן זיידען, און זיא האָט געהאלטען אין יעדער האנד א שוך, בעטראכטענדיג דיא געשוואָלענע פיס פון דעם אלטען, וועלכער וועט שוין וואר־שיינליך קיין מאָל מעהר ניט גייז.

— דיא שיך זיינען געקומען אביסעל צו שפּעט, ניט אמת אלטער? נור בעסער שפּעט אלס גאָר ניט.

באָנעמאָר האָט ניט געהערט און האָט ניט געענטפערט. זיין שרעקליכעס געזיכט האָט אויסגעזעהן קאלט און הארט וויא א שטיין.

סעסיל האָט שטילערהייד אנידערגעשטעלט דיא שיך נעבען דער וואנד.

— אח, פון דעם וועט איהר קיין דאנק ניט בעקומען! האָט געזאָגט דיא לעוואך מיט א בליק פון גרויס קנאה אויף דיא שיך. עס איז פונקט, וויא איהר וואָלט געשיינקט א קאטשקע ברילען.

ריידענדיג ווייטער אין דעם טאָן, האָט זיא זיי געוואָלט פערנארען צו זיך. ענדליך האָט זיא געפונען א'ן אויסרייד; זיא האָט געריהמט מאהיי'ס צוויי קינדער פאר גוטע און קלוגע, וועלכע קענען ענטפערן אויף יעדע פראגע זעהר קלוג און געשייט. זיי וועלען זאָגען דעם גנעדיגען הערר און דער גנעדיגער פרוי אלץ, וואָס זיי ווילען וויסען.

— קום ארייז אויף א רגע, טאָכטער, האָט געזאָגט גרענואר, זיינענדיג צופריעדען פון דעם אלטען צו אנטלויפען.

— יע, איך גיי אייך גלייך נאָך, האָט געענטפערט סעסיל.

זיא איז געבליבען מיט באָנעמאָר אליין. איהר האָט דאָ אָבגעהאלטען און אנגעפיכט איהר מיט שרעק דאָס, וואָס איהר האָט געדוכט, אז זיא דערקענט דעם אלטען. וואו האָט זיא דיזע פיערעקיגע, שווארצע, מיט קויל בעשפּריצטע געזיכט געקענט זעהן? און פּלוצים האָט זיא זיך דערמאָנט; זיא האָט ווידער א מאָל דערזעהן דיא שרייענדיגע גרויסע מאססע מענשען וועלכע האָבען איהר ארומגערינגעלט; זיא האָט דערפיהלט קאלטע הענד, וועלכע האָבען איהר געפרעסט דאָס האלז. דאָס איז געווען ער! זיא האָט דעם מאן דערקענט. זיא האָט בעטראכט זיינע הענד, וואָס זיינען געלעגען אויף זיינע קניע, דיא הענד פון א פּראָסטען ארבייטער, אין וועלכע עס ליגט זיין גאנצע קראפט. באָנעמאָר האָט געשיינט אלץ מעהר צו ערוואכען. ער האָט איהר בעמערקט און עס האָט געשיינט, אז ער בעטראכט איהר מיט זיין נארישע מינע. א פלאם האָט פּלוצלינג בעגאָסען זיינע באקען; א נערוועער צופּ האָט פערצויגען זיין מויל, פון וועלכען עס האָט זיך ארויסגעגאָסען א שטראָם שווארצע שפּייעכץ. געצויגען איינער צום צווייטען, זיינען זיי געבליבען שטיין איינער נעגען דעם אנדערן, זיא — בליהענד, פריש און אויסגעבאָלעט, א שפּראָצלינג פון דער אָבגעפרעסענער קלאסע; ער — פון וואסער־קראנקהייט אויפגעבלאזן, אויסגעהונ־

דיג וויא א פערמארעטע חיה, אויסגעצעהרט פון פאטער צו זוהן דורך א גאנצ׳ יאהר־הונדערט פון פראצע און הונגער.

אין צעהן מינוט ארום, ווען דיא גרענוארס, פערוואונדערט, וואס סעביל איז פארבליבען אזוי לאנג מיט׳ן אלטען, זיינען אריינגעלאפען צו דיא מאהיי׳ס אין שטיבעל, האבען זיי ארויסגעלאזט א שרעקליכען געשריי. סעסיל איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד מיט א בלויען געזיכט, א דערוואָרגענע. אויף איהר האלז זיינען געווען דיא סמנים פון א ריעזיגע האנד. באנעמאר איז, שאקלענדיג זיך אויף זיינע קרומע פיס, נעבען אנידערגעזונקען אויף דער ערד און האט זיך ניט געקענט אויפהייבען. זיינע הענד זיינען נאך אלץ געווען צונויפגעקרעמפט. ער האט געקוקט אויף דיא צוזאמענגעלאפענע מענשען מיט ווייט אפענע אויגען. אין זיין פאלען האט ער צו בראכען דיא שיסעל מיט אש, און וועלכע ער האט געשפייט, און דאס האט זיך צושאטען איבער׳ן גאנצען שטוב. נור דיא גרויסע נייע פאר שיך איז געשטאנען נעבען דער וואנד ניט בעריהרט.

דיא איינצעלהייטען פון דעם מארד איז קיין מאל ניט געלונגען צו דערגיין פאר וואס איז סעסיל צוגעגאנגען נאהענט צום אלטען? וויא אזוי האט באנעמאר, וועלכער איז געזעסען וויא א צוגעשמידעטער צו זיין שטוהל, געקענט אנכאפען איהר בייםֿ האלז? ווארשיינליך האט ער איהר געווארגען מיט אזא בלינדען האס, אז זיא האט ניט געקענט ארויסלאזען א געשריי און נאכער איז ער מיט איהר צוזאמען געפאלען אויף דער ערד, וואו זיא האט ארויסגעלאזט איהר לעצטען אטעם. דער מינד־טער גערויש האט ניט דורכגעדרונגען דירך דיא דינע וואנד, וועלכע האט אבגעטיילט לעוואקס שטיבעל פון דיא מאהיי׳ס. מען מוז גלויבען, אז אויף דעם אלטען איז אנגעפאלען א פלעצליכע משוגעת אדער מארדלוסט ביי דעם אנביקען פון דעם מיידעלס ווייסען האלז. דיעזע ווילדקייט ביי דעם פאראליזירטען אלטען מאן איז געווען צו בעוואונדערען ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט, אז ער האט אבגעלעבט זיין לעבען אלס ארדענטליכער מאן און איבערגעבענע חיה, פרעמד פון אלע נייע אידעען. וואס פאר א לוסט צו רויבען האט זיך אויפגעהייבען נאך אהן זיין ווייסען פון זיינע אינגעווייד און צוגעקומען צו זיין מוח?

דיא גרעגוארס זיינען געלעגען שיער דערשטיקט פון שמערצען נעבען זייער געליבטער טאכטער, די טאכטער אויף וועלכע זיי האבען אזוי לאנג געווארט און אויף וועלכער זיי האבען אוועקגעלייגט אל דאס גוטס. צו איהר בעט פלעגען זיי גיין אויף די שפיץ פינגער אום צו זעהן וויא זיא זעהט אויס אין שלאף. זיי האבען איהר געקוקט אין מויל, ווען זיא האט געגעסען, און זיי האט אימער געדוכט, אז זיא עסט ניט גענוג און איז ניט גענוג פעט. מיט איהר איז זייער גאנץ לעבען פערשוואונדען געוואָרען, אלץ איז געוואָרען א חורבן. צו וואס טויג זיי זייער לעבען אהן איהר?

דיא לעוואק האט געשריען אויסער זיך.

— דער אלטער שלעפער! וואס האט ער דא געמאכט? וואס האט ער דאס געקענט ערווארטען?...... און דיא מאהיי וויל גאר אהיים ניט קומען. זאל איך איהר ברייגען?

דיא עלטערן פון דער ערמארדעטע האבען ניט געענטפערט; זיי זיינען געווען פערניכטעט.

— יא, עס וועט בעסער זיין, איך גיי איהר ברייגען, האט זיא געזאגט.

נור איידער זיא איז ארויסגעגאנגען, האט זיא א וואָרף געטאן א בליק אויף די שיך. אין דארף איז געוואָרען אין אויפרעגונג, נעבען שטוב האט זיך פערזאמעלט א גאנצע רעדיל, די שיך וועט מען לייכט קענען צו גנב׳ענען, און ביי דער מאהיי איז שוין

קיין מאנכביל געבליבען, וואס זאל זיי קענען טראגען. זיא האט שטילערהייד דיא שיף ארויסגעטראגען. זיי וועלען גראדע פאסען פאר איהר בארדער.

דיא הענעבאס און גענערעל האבען לאנג געווארט אויף דיא גרענוארס. דער אינזשעניער איז ארויסגעגאנגען פון דער מינע און האט זיי דערצעהלט אלע איינצעלהייטען: מען האפט נאך דיעזען אבענד צו קומען אין פערבינדונג מיט דעם פלאטץ, וואו דיא אונגליקליכע זיינען איינגעשלאסען, גור מען וועט געווים געפינען בלויז טוידטע קערפערס, דען דארט הערשט א טוידטע שטילקייט.

אונטער דעם אינזשעניער איז געזעסען דיא מאהיי אויף א באלקען און האט זיך צוגעהערט מיט א בלייכען געזיכט צו זיינע מיטהיילונגען. אין דער צייט איז דיא לעוואק צו איהר צוגעקומען און האט איהר דערצעהלט פון דעם שרעקליכען מארד, וואס דער אלטער איז בעגאנגען. דיא מאהיי האט נור געמאכט א צורייצטע און אונגעדולדיגע בעוועגונג, דאך איז זיא דער לעוואק נאכגעגאנגען.

פרוי הענעבא האט געגלויבט, אז זיא מוז פאלען אין אונמאכט! דיא ארימע כעסיל, מיט א שטונדע צוריק אזוי לעבעדיג און אזוי פריילעך!

הערר הענעבא האט געמוזט אויף איין אויגענבליק ארייננעהמען זיין פרוי אין דעם שטיבעל פון דעם אלטען מוק. מיט זיינע אונגעשיקטע הענד האט ער איהר אבגעשפילעט איהר קאפטע און איז שיער ניט דערשטיקט געווארען פון פערפיום, וועלכע האט פון דארט ארויסגעשטראמט. און וויהרענד זיא האט מיט טרערען אין דיא אויגען ארומגענומען גענרעל, וועלכער איז געשטאנען א צומישטער פון דעם שרעקליכען מארד, וואס האט געמאכט אן ענדע פון זיין גאנצען הייראטס-פלאן, האט הערר הענעבא בעטראכט ביידען אין זייער יאמער מיט א געפיהל פון איינעם, וואס איז בעפרייט געווארען פון אן אונרוהיגקייט. דער אונגליק האט ווידער אלץ געבראכט אין ארדנונג; איהם איז געוועזען א סך ליעבער צו האלטען ביי זיך זיין פלימעניק איידער צו זעהען, וויא זיין ווייב זאל אראבזינקען ביז צום קוטשער.

V.

אין דער מינע אונטען האבען דיא איבערגעלאזע אינגליקליכע געשריען און שרעק און פערצווייפלונג. דאס וואסער האט זיי געגרייכט ביזן בויך. דאס רוישען פון דעם אונטערערדישען שטראם האט זיי בעטויבט. ווען דיא לעצטע שטיקער פערצימערונג זיינען ארונטערגעפאלען, האבען זיי געגלויבט, אז דיא וועלט איז חרוב געווארען. דאס הירזשען פון דיא פערד, וואס זיינען געוועזען איינגעשפארט אין דיא אונטערערדישע שטאלען האט זיי שיער משוגע געמאכט: דאס איז געוועזען א שרעקליכער אונפערגעסליכער געשריי פון חיות. וואס זעהען, וויא דער טויט קומט זיי אנטקעגען.

מוק האט זיין פערד פריי געלאזען, דאס אלטע פערד איז געשטאנען אין ציטערניס, מיט ווייט אפענע און שטארע אויגען און געקוקט וויא דיא וואסער שטייגט. דער אויצוגס פלאץ האט זיך זעהר ראש אנגעפילט מיט וואסער. פאר'ן רויטליכען שיין פון דיא דריי לאמפען, וואס זיינען דארט געהאנגען האט מען געזעהן, וויא דער גרינליכער שטראם וואקסט אלץ העכער און העכער. און ווען דאס פערד האט דערפיהלט, וויא דאס אייזיגאלטע וואסער האט איהם דורכגענעצט דיא פעל, איז ער פון דארטען אוועקגעשפרונגען און איז פערשוואונדען געווארען אין איינע פון דיא גאלערייען.

דיא לויפעריי איז געווארן אלגעמיין; דיא ארבייטער זיינען נאכגעלאפען דעם פערד.

— דאָ וועט מען גאָר ניט קענען מאַכען! האָט מוק געזאָגט. מען מוז זיך ווענדען צו דער רעקיאַר־שאַכטע.

דער געדאַנק, אַז דורך דיא אַלטע מינע קענען זיי זיך רעטען, אויב זיי דערגרייכען אַהין, איידער דאָס וואַסער האָט זיי איבערגעהאַקט דעם וועג, האָט זיי אַלעמען אַ שטעפּ געטאָן. דיא צוואַנציג אַרבייטער האָבען זיך געצויגען אין אַ לאַנגע ליניע, האַלטענדיג זייערע לאָמפּען אין דער הויך, כדי דאָס וואַסער זאָל זיי ניט אויסלעשען. צום גליק האָבען זיי געקענט געהן צוויי הונדערט מעטער, קאַמפּפענדיג מיט'ן וואַסער און בעמערקענדיג, אַז דאָס וואַסער הייבט זיך ניט העכער, ווייל דיא גאַלעריע איז געגאַנגען אַרויף. אַ'ן אַלטער אַבערגלויבען האָט ערוואַכט אין זייערע צומישטע מוחות; און זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו בעטען דיא ערד, גלויבענדיג, אַז דיא ערד נעהמט פון זיי נקמה און לאָזט דאָס בלוט פון איהרע אָדערען אויף זיי פליסען, ווייל מען האָט איהר איבערגעהאַקט אַ שלאַגאָדער. דער עלטסטער פון דיא אַרבייטער האָט זיך גענומען עראינערען לאַנג פאַרגעסענע תפילות און האָט אויסגעבויגען דעם גראָבען פינגער, אום איינצושטילען דיא בייזע מינען־רוחות.

נור ביי דער ערשטער ווענקרייצונג איז אויסגעבראָכען אַ צווייסטינקייט. דער שטאַל־וועכטער האָט געוואָלט גיין לינקס, אַנדערע האָבען געשוואָרען, אַז דער וועג וועט זיין פיעל קירצער, ווען מען וועט גיין רעכטס, דערווייל איז אַריבער אַ מינוט.

— וואָס אַרט מיך, וואָס איהר זוכט דעם טויט? האָט שאַוואַל געזאָגט. איך גיי נאָך דיעזער ריכטונג.

ער האָט זיך פאַרנומען רעכטס און צוויי קאַמעראַדען זיינען איהם נאָכגעגאַנגען. דיא איבריגע זיינען נאָכגעלאָפען נאָך דעם אַלטען מוק, וועלכער איז אויסגעוואַקסען אין דער רעקיואַר־מינע. נור ער אַליין האָט זיך אויך געשלאָגען מיט דער דעה און ניט געוואוסט, וואו צו גיין. דיא קעפּ זיינען געווען צומישט; דיא אַלטע האָבען ניט דערקענט דיא גאַנגען. יעדעס מאָל, ווען דער וועג האָט זיך צושפּאַלטען אין צוויי פערשיעדענע ריכטונגען, זיינען זיי געבליבען שטיין און ניט געווען זיכער נאָך וועלכע זיך צו ווענדען אין דאָך האָבען זיי געמוזט איילען.

עטיען איז געלאָפען דער לעצטער, ער האָט זיך געמוזט אָבהאַלטען צוליעב קאַטערינע, וועלכע האָט פערלאָרען אַלע קרעפטען. ער איז געלאָפען מיט שאַוואַל נאָך רעכטס, ווייל איהם האָט געדוכט, אַז דאָס איז דער ריכטיגער וועג, נור באַלד האָט ער איהם איבערגעלאָזט און איז געלאָפען צו מוק'ס קאָמפּאַניע. זיי האָבען זיך ניט געהאַלטען צוזאַמען, עס זיינען נור פערבליבען זיבען מענשען.

— קריך מיר אַרויף אויפ'ן רוקען, איך וועל דיך טראָגען, האָט עטיען געזאָגט צו קאַטערינע, ווען ער האָט געזעהן, אַז זיא קען ווייטער ניט גיין.

— ניין, לאָז מיך, האָט זיא געמורמעלט, איך קען דיר ניט נאָכגיין און איך וויל בעסער גלייך שטאַרבען.

זיי זיינען געבליבען שטיין און דאַריבער זיינען זיי אָבגעשטאַנען פופציג מעטער פון דיא אַנדערע. טראָץ איהר ווערען זיך, האָט ער איהר אויפגעהויבען און האָט געוואָלט גיין. פּלוצלונג איז אַרונטערגעפאַלען אַ אונגעהייער גרויסער שטיין און האָט זיי פערצאַמט דעם וועג און אָבגעשיידט זיי פון דיא אַנדערע. דאָס וואַסער האָט זיך ניט בענוגענט מיט דער פערצימערונג און האָט געריסען גאַנצע פעלזען; פון אַלע זייטען זיינען געפאַלען שטיינער. זיי האָבען זיך געמוזט אומקעהרען. יעצט האָבען זיי מעהר ניט געוואוסט, וואו זיי זאָלען זיך ווענדען. אַלץ איז געווען פערפאַלען; זיי האָבען געמוזט אויפגעבען דעם געדאַנק צו ראַטעווען זיך דורך דיא אַלטע מינע. זייער איינציגע האָפנונג איז געווען צו דערגרייכען דיא איבערשטע גאַלעריע

עטיען האט דערקענט דעם פלאץ, וואו זיי זיינען יעצט געווען.

— יעצט ווייס איך, וואו מיר זיינען, האט ער געזאגט. מיר זיינען געווען אויפ'ן ריכטיגען וועג, נור יעצט איז פערפאלען!...... לאמיר גיין גלייך, און מיר וועלען פרובען דורך דעם קוימען ארויפקלעטערן.

דאס וואסער האט זיי געגרייכט ביז דער ברוסט. זיי זיינען געגאנגען זעהר לאנגזאם פארווערטס; אזוי לאנג וויא זיי האבען געהאט ליכט, האבען זיי געהאט האפנונג. זיי האבען איין לאמפ אויסגעלאשען, אום דער אייל זאל זיי דויערן לייגער. זיי זיינען צוגעקומען צום קוימען און האבען דערהערט הינטער זיך א גערויש, זיי האבען זיך אומגעקוקט. זיינען דען דיא קאמעראדען אויך געקומען צוריק, ווייל דער וועג איז געווען פערצאמט? צוליעב דעם שלאגענדען וואסער האבען זיי ניט געקענט אונטערשיידען דעם גערויש און האבען מיט שרעק אויסגעשריען, ווען זיי האבען דערזעהען א ווייס־גרוי ריעזיגע מאסע שטייגט ארויס פון דער פינסטערניס און שפארט זיך דורך דיא געהיכץ צו זיי.

דאס איז געווען באטאליע. דאס פערד איז וויא משוגע ארויסגעלאפען איבער דיא פינסטערע גאלעריען, עס האט געשיינט צו קענען דיא אונטערערדישע שטאדט, וואו עס האט געוואהנט צייט עלף יאהר; זיינע אויגען האבען קלאר געזעהען אין דער אייביגער נאכט. וואו איז עס געלאפען? עס האט געוואלט לעבען, און דער געפיהל האט עס געטריבען אלץ ווייטער און ווייטער, ביז עס וועט געפינען דעם אויסגאנג צו דער אויבערפלעכע. דאס וואססער, וואס האט איהם פערפאלגט, האט איהם געגרייכט ביז צו דיא קניע, דיא גאלעריען זיינען געווארען אלץ אייגנער, דאס פערד איז אבער געלאפען ווייטער. עס האט געשיינט, וויא דיא מינען האבען זיך געוואלט פעראייננגען, אום צו פערהאלטען דאס ארימע פערד.

עטיען און קאטערינע האבען דערזעהן, וויא דאס פערד קומט צו זיי צו און איז ענדליך געבליבען שטיין צווישען צוויי פעלזען. עס האט זיך אויסגעגליטשט און אויסגעבראכען ביידע פאדערשטע פיס. עס האט זיך נאך געוואלט שלעפען ווייטער, נור עס האט מעהר קיין כח געהאט; עס האט אויסגעשטרעקט דעם קאפ און גע־זוכט מיט געבראכענע אויגען היכפע. דאס וואסער האט עס ראש בעדעקט. דאס פערד האט אנגעהויבען צו הירזשען, דאס איז געווען דאס זעלבע לאנגע און שרעק־ליכע הירזשען, מיט וועלכען דיא אנדערע פערד האבען געענדיגט אין שטאל. דאס איז געווען א שרעקליכע נסיסה, עס האט געשיינט, אז עס וועט קיין מאל קיין סוף ניט נעהמען, נור ענדליך איז געווארען שטיל.

— אה, מיין גאט! פיהר מיך אוועק, האט געבליפעט קאטערינע. אה, מיין גאט! איך האב מורא. איך וויל ניט שטארבען...... פיהר מיך אוועק!.... פיהר מיך אוועק!

זיא האט געזעהן דעם טוידט. ניט דער איינשטורץ פון דער שאכט און ניט דיא פערפלייצונג האט אין איהר ארויסגערופען אזא מורא, וויא ביי איהר האט ארויסגערופען דער טוידט פון דעם פערד. אין איהרע אויערן האט נאך אלץ געקלונ־גען זיין הירזשען, און איהר גאנצער קערפער האט געציטערט דערפון.

— פיהר מיך אוועק.... פיהר מיך אוועק....

עטיען האט איהר א כאפ געטאן און אוועקגעטראגען. עס איז שוין טאקע געווען צייט; דאס וואסער האט שוין געגרייכט ביז דיא אקסלען, ווען זיי האבען גענומען קלעטערן אין קוימען. ער האט איהר געמוזט העלפען, ווייל זיא האט מעהר קיין כחות ניט געהאט צו האלטען זיך אן דיא העלצער. דריי מאל האט ער איהר קוים אנגעהאלטען, זיא זאל גיט ארונטערפאלען אין דער טיעפענים. זיי האבען גע־

קענט א ווײלע אָברוהען, ווען זיי האָבען דערגרייכט דעם ערשטען גאנג, דאָרט איז נאָך דערווייל קיין וואסער ניט געווען, נור באלד האָבען זיי עס ווייטער דערזעהן, און זיי האָבען געדאַרפט קלעטערן העכער, און דאָס קלעטערן האָט געדויערט שטונדען־לאַנג; דאָס שטייגענדע וואסער האָט זיי געטריבען פון גאנג צו גאנג און גע־צוואונגען זיי צו הויבען זיך אַלץ העכער און העכער. אין דער זעקסטער גאַלעריע איז נאָך געווען גאַנץ טרוקען און דאָס האָט זיי אָנגעפילט מיט נייער האָפנונג; זיי האָט געדוכט, אז ווייטער וועט דאָס וואסער ניט שטייגען, נור באלד האָט עס אָנגעהויבען צו שטייגען נאָך האַסטיגער. זיי האָבען געמוזט קלעטערן צו דער זיבעטער דערנאָך צו דער אַכטער גאַלעריע, יעצט איז זיי פערבליבען בלויז איין איינציגע, און ווען זיי האָבען איהר דערגרייכט, האָבען זיי מיט שרעק דערזעהן, וויא דאָס וואסער קומט צו אהער. אויב דאָס וואסער בלייבט ניט שטיל, וועלען זיי דאָ מוזען שטאַרבען וויא דאָס אַלטע פערד, דיא העלזער אָנגענומען מיט וואסער.

יעדען אויגענבליק האָבען זיי געהערט נייע קלעפּ פון איינשטורץ. דיא גאַנצע מינע האָט געציטערט. דיא לופט איז געוואָרען שרעקליך. פון דערווייטענס האָבען זיך געהערט פורכטבאַרע עקספּלאָזיאָנען פון דער צונויפגעפּרעסטער לופט.

דערשראָקען און בעטויבט פון דעם אויביגען קלאַפּען, האָט קאַטערינע פער־בראָכען דיא הענד און האָט אונאויפהערליך געשטאַמעלט דיא זעלבע ווערטער:

— איך וויל ניט שטאַרבען..... איך וויל ניט שטאַרבען....

אום איהר צו בערוהיגען, האָט עטיען געשוואָרען, אז דאָס וואסער ריהרט זיך ניט מעהר. זייער לויפען האָט שוין געדויערט זעקס שטונדען; מען וועט זיי זיכער באלד קומען צו הילף. ער האָט געזאָגט זעקס שטונדען, ניט וויסענדיג גענוי דיא צייט. אין דער ווירקליכקייט האָט דאָס שוין געדויערט א גאַנצען טאָג. דורכגענעצט און ציטערנדיג האָבען זיי זיך צורעכט געמאַכט, זיא האָט אָהן בושה אראָבגעצויגען איהרע קליידער, אום זיי אויסצודרייהען, דאַן האָט זיא זיי ווידער אָנגעטאָן, אום זיי זאָלען זיך אויסטריקענען אויפ׳ן לייב. אזוי וויא זיא איז געווען באָרפיס, האָט ער איהר געצוואונ־גען, זיא זאָל אָנטאָן זיינע הילצערנע שיך. יעצט איז זיא געוואָרען געדולדיגער. זיא האָט אראָבגעלאָזט דאָס פייער אין לאָמפּ און עס האָט אויסגעזעהן, וויא א נאַכט־לעמפּעל. יעצט האָבען זיי דערפיהלט א שרעקליכען הונגער; ביז יעצט האָבען זיי קוים געוואוסט, צו זיי לעבען. צייט דיא קאַטאַסטראָפע האָט געטראָפען, האָ־בען זיי נאָך ניט געגעסען, דאָס ברויט איז דורכגענעצט געוואָרען און פערוואנדעלט זיך אין א זופּ. זיא איז בייז געוואָרען, פאַר וואָס ער האָט ניט געוואָלט עסען זיין טייל. ווען זיי האָבען ענדליך אָבגעגעסען, איז זיא פון מיעדקייט איינגעשלאָפען אויף דער ערד. ער האָט ניט געפונען קיין שלאָף און זיין פיבערהאַפטער ערעג־גונג און איז געזעסען נעבען איהר, פערלייגט מיט דיא הענד זיינע ברענענדיגע אויגען.

וויא פיעל שטונדען זיינען אַריבער, האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט נור געוואוסט, אז דיא שוואַרצע בעוועגליכע חיה הייבט זיך אַלץ העכער און העכער. באלד האָט דאָס וואסער נאַס געמאַכט דיא פיס פון דער שלאָפענדיגער קאַטערינע. ערגריפען פון אנגסט, האָט ער איהר ניט געוואָלט וועקען. איז דאָס ניט גרויזאם צו שטערען איהר אין איהר זיסען שלאָף, אין וועלכען זיא טרוימט פיליכט פון פון דער זונן און פרישע לופט? וואו געפינט מען א באַהעלטעניס? פלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט פון אוא פּאַן. ער האָט איהר נאָך געלאָזט שלאָפען אזוי לאַנג ביז דאָס וואסער האָט גענומען שטייגען שטאַרק. ענדליך האָט ער איהר זאַנפט אויפגעהויבען און זיא האָט צוזאַמענגעטוידערט פון שרעק.

— אך, מיין גאָט, עס איז אמת! עס פאַנגט ווידער אָן....

זיא האָט זיך דערמאנט און אויסגעשריען, ווען זיא האָט זיך ווידער דערזעהן אזוי נאָהענט פון טויט.

— בערוהיג זיך, האָט ער געמורמעלט. מיר האָבען זיך האָז צו ראַטעווען איך שווער דיר.

יעצט האָבען זיי געמוזט גיין געבויגען ביז צו דער ערד, און דער גאנג איז געווען געפעהרליכער וויא פריהער. זיי האָבען יעצט געדאַרפט קלעטערען איבער דער פערבויטונג לאַך פון קוימען און האָבען כמעט ניט געהאַט אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטען. זייערע הענד האָבען זיך געגליטשט איבער דיא גלאַטע באַלקענס און זיי האָבען זיך געריסען דיא נעגעל. ער האָט געקלעטערט הינטער איהר און האָט איהר אונטערגע-האַלטען מיט זיין קאָפּ. א באַלקען האָט זיי בקוצים פערשטעלט דעם וועג און זיי האָבען ווייטער ניט געקענט גיין. צום גליק איז אויף דעם פלאַץ געווען א טיר, וואָס האָט געפיהרט צו דער גאַלעריע.

צו זייער גרויסער פערוואונדערונג האָבען זיי דערזעהן א ליכט פון א לאָמפּ און א מאַן האָט צו זיי מיט כעס אויסגעשריען:

— זיינען נאָך דאָ אזעלכע אידיאָטען וויא איך?

זיי האָבען דערקענט שאוואל, וועלכער האָט אזוי לאנג ארומגעבלאָנדזעט מיט זיינע צוויי קאַמעראַדען, ביז יענע צוויי זיינען מיט געשפּאָלטענע קעפּ געבליבען אויפ'ן וועג. ער אליין איז געווען פערוואונדעט אויפ'ן עלענבויגען, און ער האָט גע-האַט געגוג זיך כח אומצוקערען, קריכענדיג אויף אַלע פיער, אום זייער לאָמפּע און ברויט צו צונעהמען. ער איז געבליבען שטעקען אין דיזער גאַלעריע.

ער האָט בּאַלד אָנגעהייבען שווערען, אז ער וועט זיין ברויט ניט טהיילען מיט דיא לייט, וואָס זיינען יעצט ארויסגעקראָכען פון דער ערד. עס זאָל אפילו קומען צו א געשלעגער און ער זאָל זיי דאַרפען דערהרג'ענען. נאָר ווען ער האָט זיי דערקענט איז זיין צאָרן פערשוואונדען געוואָרען, און ער האָט אויסגעבראָכען אין א בייזען גע-לעכטער.

— הא, דאָס ביזטו, קאַטערינע? דיר איז געגאַנגען שלעכט און דו קערסט זיך אום צו דיין מאַן, ניט אמת? גוט, גוט, מיר וועלען מאַכען א חתונה.

ער האָט זיך געמאַכט, וויא ער וואָלט גאָר ניט בעמערקט עטיען, וועלכען דאָס צוזאַמענטרעפען איז זעהר ניט געפעלען געוואָרען און וועלכער האָט געמאַכט א בעוועגונג, וויא צו שיצען קאַטערינע. זיא האָט זיך צו איהם שטאַרק צוגעטוליעט. ענדליך, זעהענדיג, אז דאָס איז א זאַך, וואָס איז פערפאַלען, האָט ער געפרעגט שאוואל, פונקט וויא ער וואָלט זיך מיט איהם געשיידט ניט לאנג אין דער בעס-טער פריינדשאַפט:

— האָסטו זיך הינטען ארומגעקוקט? קען מען פון דאנען גאָר ניט צוקומען ערגעץ־וואו?

שאוואל האָט איהם געענטפערט מיט א שפּאָטישען טאָן:

— אח, ניין, מיר געפינען זיך צווישען צוויי ווענד, אין א ריכטיגע פּאַסטקע. אויב דו קענסט שווימען, וועסטו גוט מאַכען.

דאָס וואַכער האָט אויך געשטיגען, דער צוריקוועג איז געווען אָבגעשניטען. שאוואל האָט געהאַט רעכט, דאָס איז געווען א פּאַסטקע, א שטיק גאַלעריע פון ביידע זייטען פערלייגט, קיין אויסגאנג. דיא דריי זיינען געווען איינגעמויערט.

— אזוי דוא ביזט דאָ, האָט ווייטער געשפּאָט שאוואל, און דוא מוזט דאָ בלייבען, דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס דוא קענסט טאָן, און ווען דוא וועסט מיך צו רוה לאָזען, וועל איך צו דיר קיין וואָרט ניט ריידען, דאָ איז פאַראַן געגוג פלאַץ פאַר צוויי מענשען ..... און מיר וועלען זעהען, ווער דער ערשטער

וועט זיך אָבטראָגען. סיידען הילף וועט קומען, נור דאָס שיינט מיר, וועט זיין אונמעגליך.

— אויב מיר וועלען קלאפּען, וועט מען אונז פיעללייכט דערהערען, האָט עטיען געזאָגט.

— איך בין שוין מיעד געוואָרן, קלאַפּענדיג...... יעצט טהו דאָס דוא.

עטיען האָט אויפגעהויבען א שטיין און האָט אָנגעהויבען אויסקלאַפּען אין דער וואַנד דעם בעקאַנטען קלאַפּ פון פערשאָטענע קוילען־גרעבער, נור עס האָט זיך ניט געהערט קיין ענטפער.

דערווייל האָט שאוואל מיט געמאַכטער רוהע גענומען בעל הבתי'וועז. זיינע דריי לאָמפּען האָט ער געשטעלט נעבען וואַנד; ער האָט געלאָזט ברענען נור איינעם פון זיי. דאַן האָט ער זיינע צוויי לעצטע שטיקער ברויט ארויפגעלייגט אויף א באַלקען. דאָס איז געוועזען זיין אַלמער. אויב ער וועט שפּאָרען, וועט ער דאָס האָבען גענוג אויף צוויי טעג. ער האָט זיך געווענדעט צו קאַטערינע:

— א העלפט איז פאַר דיר, ווען דוא וועסט ווערען הונגעריג.

דאָס מיידעל האָט געשוויגען. דיא מאָס פון איהר אונגליק האָט געשיינט צו ווערען פול. וואָס וועט זיא דאָ דאַרפען אויסשטיין צווישען דיא צוויי מענער?

יעצט האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס שרעקליכע לעבען. שאוואל און עטיען זיינען געזעסען אויף דער ערד א פּאָר שריט ווייט איינער פון צווייטען. קיינער פון זיי ביידען האָט ניט ארויסגערעדט א וואָרט. אויף שאוואל'ס בעמערקונג האָט עטיען אויסגעלאָשען זיין לעמפּיל, כדי איינצושפּאָרען אויל. דאַן איז ווייטער שטיל געוואָרען. בעאונרוהיגט פון דיא בליקען, וואָס איהר אמאָליגער געליעבטער האָט אויף איהר געוואָרפען, האָט זיך קאַטערינע אנידערגעלייגט ניט ווייט פון עטיען; דיא שטונדען זיינען געגאַנגען, מען האָט נור געהערט דאָס שטילע פליעסען פון דעם וואַס ער וואָס האָט געהאַלטען אין איין שטייגען, נור פון צייט צו צייט האָבען זיך געהערט טויבע קלעפּ, וועלכע האָבען געגעבען צו וויסען, אז נייע איינשטירצונגען זיינען געשעהן אין דער מינע. ווען דער לאָמפּ האָט געהאַלטען ביים אויסגיין, און מען האָט געדאַרפט דערגיסען אייל, האָבען זיי מורא געקראָגען, עס זאָל ניט געשעהן אן עקספּלאָזיאָן, נור עס איז זיי געווען פיעל ליעבער אויפגעריסען צו ווערען אין דער לופט, איידער צו בלייבען זיצען אין דער פינסטערניס. גור קיין עקספּלאָזיאָן איז ניט געשעהן, און אין דער לופט זיינען זיי ניט אויפגעריסען געוואָרען. זיי האָבען זיך ווידער אויסגעצויגען אויף דער ערד און ווייטער געקוקט, וויא דיא שטונדען זיינען געגאַנגען.

עטיען און קאַטערינע האָבען פּלוצים איבעראַשט אויפגעהויבען די קעפּ, דערהערענדיג א געריוש. שאוואל האָט זיך ענטשלאָסען צו עסען; ער האָט איבערגעבראָכען א האַלבען פענעץ ברויט און האָט לאַנג געקייט יעדע ביסען, כדי עס זאָל לענגער געדויערן דאָס עסען. דיא איבעריגע צוויי זיינען געווען טוידט־הונגעריג און האָבען זיך צוגעקוקט, וויא אזוי ער עסט.

— איז דאָס טאַקע ריכטיג, אז דו ווילסט ניט דיין טהייל? האָט ער געזאָגט צו קאַטערינע מיט אַן ארויספאָדערענדער שטימע. דו טהוסט אונרעכט.

זיא האָט ארונטערגעלאָזט דיא אויגען, ווייל זיא האָט מורא געהאַט, אז זיא וועט דעם נסיון ניט קענען ביישטיין. זיא האָט אין מאַגען געהאַט א שרעקליכע קרעמפּפען, אז פון די אויגען האָבען איהר געראָנען טרערען. נאָר זיא האָט פערשטאַנען, וואָס ער האָט געוואָלט; און ביי דיא ערשטע בעגעגניס האָט זיא בעמערקט, וויא ער קוקט אויף איהר ליידענשאַפטליך. אין זיינע אויגען, מיט וועלכע ער האָט איהר גערופען האָט געברענט א פלאַם, וועלכער איז איהר געווען גוט בעקאַנט, דער פלאַם, וואָס האָט זיך אין איהם צוברענט, ווען אויף איהם פלעגט אָנפאַלען דיא אייפערזוכט

און ער פלעגט איהר שלאָגען צום טוידט און בעשולדינען, אז זיא לעבט מיט איהר מוטער'ס בארדער. זיא האָט נעציטערט, זיא האָט נעהאט מורא אויפצורייצעןביידע מענער אין זייער טויטליכען האס פון איינעם נעגען דעם אנדערן אין דיזען קעלער־לאָך, וואו זאָ וויא זאָ ערוואַרטעט זיי דער טוידט, מיין גאָט! קען מען דען ניט שיידען זיך פון לעבען אלס גוטע פריינד?

עטיען וואָלט גיכער געשטאָרבען פון הונגער, איידער בעטען ביי שאוואל א שטיקעל ברויט. א דומפפע שטילקייט איז ווידער איינגעטראָטען. דיא צייט איז ביי זיי נעוועזען לאנג, וויא אַ'ן עוויגקייט; מינוטען זיינען פערגאנגען, און וואָס ווייטער האָבען זיי אלץ מעהר פערלאָרען דיא האָפנונג. א טאָג איז שוין פערגאנגען זייט זיי זיינען נעוועזען איינגעשלאָסען צוזאמען. דער צווייטער לאָמפּ איז בלייך געוואָרן, זיי האָבען אָנגעצונדען א דריטען.

שאוואל האָט אָנגעהויבען זיין צווייטע שטיק ברויט און האָט געברומט:

— קום שוין אהער, נארר!

קאַטערינע האָט אויפגעציטערט. עטיען האָט זיך אָבגעקעהרט, אום ניט צו שטערען איהר אין איהר פרייהייט, און אז זיא האָט זיך נאָך אלץ ניט געריהרט, האָט ער צו איהר געזאָגט שטילערהייד:

— ניי, מיין קינד!

טרערען זיינען איהר ארויס פון דיא אויגען און זיא האָט געמיינט, אז זיא ווערט א דערשטיקטע. זיא האָט געוויינט לאנג און האָט ניט געפונען קיין כחות זיך אויפצו־הויבען; זיא האָט מעהר ניט געפיהלט דעם הונגער, זיא האָט געליטען פון א שמערץ, וואָס האָט ערגריפען איהר גאנצען קערפער. עטיען האָט זיך אויפגעהויבען און איז געלאָפען אהין און אהער און גענומען קלאפּען מיט שטיינער אין וואנד. איהם האָט ער־פאסט א צאָרן, וואָס ער דארף דעם רעסט פון זיין לעבען צוברייננען דאָ, זייט ביי זייט מיט זיין פערהאסטען ליעבע־קאָנקורענט און ניט קענען אפילו ווייט פון איהם ערגעץ אין א ווינקעל אויסגעהן. ער האָט ניט געקענט מאכען צעהן טריט, אז ער זאָל זיך אויף איהם ניט אָנשלאָגען. און זיא, דיזע אונגליקליכע מיידעל, איבער וועלכען זיי רייסען זיך נאָך דאָ אונטער דער ערד—זיא וועט דעם לעצטען לעבענדען געהערן! דיזער שאוואל וועט איהר ביי איהם ווידער צוגנב'נען, אויב ער וועט דער ערשטער שטאַרבען. און עס האָט גאָר ניט געוואָלט נעהמען א סוף; שטונדען זיינען געלאָפען נאָך שטונ־דען, דאָס צוזאַמענלעבען איז אלץ אונערט־עגליכער געוואָרן אין דעם ענגען פלאַץ, וועלכער איז פערגיפטעט געוואָרן פון זייער צוזאמענשטראָמענדען אָטהעם. צוויי מאָל איז עטיען צוגעלאָפען צו דיא וואנד, וויא ער וואָלט מיט דיא סולאָקעס וועלען דורכברעכען זיך א וועג.

ווידער איז א טאָג אריבער. שאוואל האָט זיך געזעצט נעבען קאַטערינע און האָט מיט איהר געטיילט דיא לעצטע האלבע שטיק ברויט. זיא האָט מיט מאַ־טערניש געקייט דיא ביסענס, און ער האָט זיך פאר יעדען געלאָזט בעצאָהלען מיט ארומארמען און קושען. איהם האָט אָנגעכאפּט א געוואלדיגער בענעהר פון א'ן אייפערזיכטיגען צו בעוויזען איהר נאָך א מאָל אין דער נעגענוואַרט פון דעם נעג־נער פאַר'ן טויט. זיא איז געוועזען אזוי שוואך, אז זיא האָט זיך ניט געקענט וועהרען. נור ווען ער האָט איהר ארומגעכאפּט, האָט זיא איהם אָנגעהויבען צו בעטען:

— אח, לאָז מיך, דו צוברעכסט מיר דיא ביינער.

עטיען האָט געציטערט מיט אלע גלידער. ער האָט דעם קאָפּ צוגעדריקט צו דער וואנד, אום ער זאָל ניט זעהן, נור יעצט האָט איהם דיא רוהע פערלאָזען און מיט איין שפרונג איז ער געוועזען ביי זייער זייט.

— לאָז איהר אָב! האָט ער א געשריי געטאָן.

— וואָס נייט דאָס דיר אָן? האָט געענטפערט שאוואל. זיא איז מיין ווייב און געהערט מיר.

ער האָט איהר ווידער ארומגענומען און צוגעדריקט צו זיך בכויז אויס צו־להכעיס; צופרעסענדיג זיין רויטע באָרד צו איהר מויל, האָט ער געזאָגט ווייטער צו עטיענען:

— לאָז אונז צופריעדען או טהו אונז דיא טובה און קוק אין אַן אנדער זייט.

נור עטיען האָט אויסגעשריען מיט ווייסע ליפען פון כעס:

— לאָז איהר צורוה, אָדער איך וועל דיר דערשטיקען.

שאוואל האָט זיך העפטיג אויפגעהויבען, דען ער האָט אין עטיענס שטימע דערקענט, אז יענער וויל מאַכען אַן ענדע.

דער טויט, האָט זיי געשיינט, קומט צו לאַנגזאַם, און איינער האָט געדאַרפט אַבראַמען דעם ווענ פאַר'ן צווייטען. דער אַלטער קריעג האָט אויסגעבראָכען דאָ אונטער דער ערד, וואו זיי האָבען געדאַרפט שלאָפען איינער לעבען צווייטען און האָבען ניט געקענט אויסשטרעקען דיא פויסטען, אז זיי זאָלען איינער דעם צווייטען ניט בעריהרען.

— נעהם דיר אין אכט, האָט געברומט שאוואל. דאָס מאָל וועל איך דיר אויפפרעסען.

עטיען איז אין דיזען אויגענבליק וויא משוגע געוואָרען. א רויטער טומאַן האָט זיך פערשפרייט פאר זיינע אויגען, א שטראָם בלוט האָט איהם געשפּאַרט צום האלדז און ער איז שיער דערשטיקט געוואָרען. דאָס בעדירפניס צו טויטען האָט איהם ערפאַסט מיט אזא קראַפט, אז ער האָט זיך ניט געקענט וועהרען, דאָס איז געווען א פהיזישע בעדירפניס, עס האָט ארויסגעבראָכען געגען זיין ווילען; דאָ האָט זיך אָבגערופען זיין גע'ירשה'טע בלוט. ער האָט ארויסגעריסען פון דער וואנד א שטיק האָלץ, וואָס האָט פון דאָרטען ארויסגעשטעקט. דאָס איז געווען א ברייטע און שווערע שטיק האָלץ, ער האָט עס אריינגעטאָן מיט א געוואַלדיגע קראַפט און מיט אלע זיינע כוחות ארונטערגעלאָזט שאוואל'ן אויפ'ן קאָפּ.

יענער האָט ניט געהאַט קיין צייט אָבצושפרינגען. מיט א צושפּאָלטענעם קאָפּ און צומאַלענעם געזיכט איז ער א פאַל געטאָן אויף דער ערד, דאָס בלוט צוזאמען מיט'ן מארך האָט ארויסגעשפריצט וויא פון א קוואל. באַלד האָט דער טונקעלער פלאָם פון לעמפּעל זיך אָבגעטונקט אין דיא גרויסע רויטע בלוט. דער קערפּער אויף דער ערד האָט אויסגעזעהן, וויא א גרויסע קויפע קוילען.

עטיען האָט זיך אָנגעבויגען און מיט ווייט אָפענע אויגען בעטראַכט דעם געהרג'עטען. איז דען דאָס מעגליך? ער האָט געטויטעט! דיא צומישטע ערגאַניזירונג וועגען אלע זיינע קאַמפּפע זיינען איהם יעצט געקומען מיט א מאָל; וועגען דעם אומזיסטען ווידערשטאַנד געגען דעם גיפט, וואָס איז געשלאָפען ביי איהם אין די מוסקולען און וואָס איז געווען אנגעזאַמעלט פון דור דורות פון דעם אַלקאָהאָל. און דאָך איז ער אַליין געווען שכור נור פון הונגער! דיא פערגאַנגענע שכרות פון זיינע עלטערן זיינען געווען גענוג! זיינע האָר האָבען זיך געשטעלט קאַפּויר פון דעם אבשייליכען מאָרד; און טראָץ דעם, וואָס זיין בעסערע ערציהונג האָט זיך געשטרעבט דאַגעגען, האָט זיין האַרץ געשלאָגען פון טהירישער פרייד, וואָס זיין האָט איז ענדליך געשטילט געוואָרען. יעצט האָט אין איהם ערוואַכט דער שטאָלץ פון דעם שטאַרקערען. דער קליינער סאָלדאַט, וואָס האָט געקראָגען זיי האלז דורכגעבערט פון א אינגעלים מעסער, האָט זיך געשטעלט פאר זיינע אויגען. יעצט האָט ער אויך געטויטעט.

קאַטערינע, וועלכע איז געשטאַנען נעבען איהם, האָט ארויסגעלאָזט א געשריי.

— מיין גאָט, ער איז טויט!

— דו בערויערסט איהם? האט עטיען געפרעגט ווילד.

זיא איז שיער דערשטיקט געווארען און האט ניט געקענט ארויסברייגנען א ווארט! דאן האט זיא זיך איהם א ווארף געטאן אין דיא ארמע.

— אח, טויט מיך אויך! אח, לאמיר ביידע שטארבען!

זיא האט איהם ארומגענומען און האט זיך געהאנגען אויף זיינע אקסלען, און ער האט איהר צונעפרעסט צו זיך און זיי האבען אזוי געהאפט צו שטארבען, נור דער טויט האט זיך ניט געאיילט. איהרע הענד האבען זיך ווידער אראבגעלאזט און וועהרענד זיא האט דאס געזיכט פערשטעלט מיט דיא אויגען, האט ער דעם טויטען קערפער ארונטערגעווארפען אונטען אין וואסער, כדי צו בעפרייען פון איהם דעם קליינעם פלאץ, וואו זיי האבען נאך געדארפט לעבען. זיי האבען געהערט וויא ער איז אריינגעפאלען אין וואסער, ווייל דאס וואסער איז שוין געווען נאהענט פון זייער גאלעריע.

יעצט האט זיך אנגעפאנגען א קאמפף פון דאס נייע. זיי האבען אנגעצונדען דעם לעצטען לאמפ, וועלכער האט בעלויכטען דאס שטייגענדע וואסער און וועלכער האט געמוזט באלד אויסלעשען זיך. אנפאנגס האט זיי דאס וואסער דערגרייכט ביז צו דיא קנעכלאך, דאן איז עס צוגעקומען ביז צו דיא קניע; זיי זיינען אבגעטראטען ביז דער אויבערסטער ווענטיל, און דאס האט זיי אויף איינינע שטונדען געגעבען רוהע, נור דאס וואסער האט זיי נאכגעיאגט; און זיי זיינען געשטאנען ביז העלפט אין וואסער. מיט דיא רוקענס אנגעשפארט אין וואנד, האבען זיי געקוקט אויפ'ן צוקומענדען וואסער. ווען עס וועט זיי דערגרייכען ביז'ן מויל, וועט זיין מיט זיי געפטר'ט. דער לאמפ, וועלכען זיי האבען אויפגעהאנגען, האט געווארפען א טונקעלע, געלע ליכט אויף דיא אבערפלעכע פון וואסער. דאס ליכט איז אלץ בלאסער געווארען; זיי האבען נור געזעהען א האלבען קרייז, וועלכער איז אלץ קלענער געווארען און איז איינגעשלונגען געווארען פון שאטען, וואס איז געוואקסען מיט'ן צוקומענדען וואסער. און פלוצים זיינען זיי געבליבען אין דער פינסטער; דער לאמפ איז אויסגעגאנגען. עס איז געווארען פאלשטענדיגע נאכט; דיא נאכט פון אונטער דער ערד, וואו זיי וועלען איינשלאפען מיט'ן אייביגען שלאף און וועלען מעהר ניט זעהן דיא ליכטיגע וועלט.

— דאנער־וועטער! האט עטיען געשאלטען.

קאטערינע האט זיך צו איהם צוגעטולעט, ווען זיא האט דערפיהלט ארום זיך דיא פינסטערניס. און זיא האט צו איהם געמורמעלט מיט א שטילער שטימע דאס שרעקליכע ווארט פאר דיא קוילענגרעבער.

— דער טויט לעשט אויס דעם לאמפ.

נור פנים לפנים צו דער שרעקליכער געפאהר האט אין זיי ערוואכט דער לוסט צום לעבען. עטיען האט אנגעפאנגען מיט'ן הענטעל פון לאמפ צו סלאפען אין וואנד, אום איהר דורכצולעכערען און זיא האט איהם געהאלפען מיט איהרע נעגעל. זיי האבען אין וואנד אויסגעהאקט א מין באנק, און ווען זיי זיינען אהין ארויפגעקלעטערט און דארטען זיך אנידערגעזעצט, זיינען זייערע פיס אראפגעהאנגען און דיא קעפ איינגעבויגע. דאס וואסער האט יעצט בענעצט נור זייערע פיאטעס, נור באלד האבען זיי עס אנגעהויבען צו פיהלען העבער. דיא וואנד און דיא באנק זיינען אזוי אנגעצויגען געווארען מיט פייכטיקייט, אז עטיען און קאטערינע האבען זיך געמוזט אנהאלטען מיט אלע קרעפטען, אום זיי זאלען זיך ניט אראבגליטשען. דא איז שוין געווען דיא ענדע. וויא לאנג וועלען זיי נאך קענען אויסהאלטען אין דעם לאך, וואס איז יעצט געווארען זייער לעצטע בעהעלטעניס און וואו זיי האבען זיך מורא געהאט א ריהר צו טאן, אויסגעמוטשעט, אויסגעהונגערט, אהן ברויט און אהן ליכט?

הויפטזעכליך האבען זיי געליטען פון דער פינסטערניס, וועלכע האט זיי געשטערט צו זעהן, וויא וויט עס שטייט דער טוידט פון זיי. עס האט געהערשט א טיעפע שטילקייט; אין דער פערטרונקענער מינע האט זיך מעהר קיין זאך נים גערירט. זיי האבען מעהר ניט וויא געפיהלט אונטער זייערע פיס דעם ים, וועלכער האט ארויסגעפלייצט ערגעץ פון דער טיעפעניס און איז אלץ גרעסער געווארען.

שטונדען זיינען געגאנגען נאך שטונדען אין גלייכמעסיגער פינסטערניס. זיי האבען ניט געוואוסט, וויא לאנג זיי זיינען דא געזעסען, זיי האבען פארלארען יעדען חשבון פון דער צייט. אין זייערע ליידען זיינען דיא שטונדען נאך גיכער פארבייגעלאפען, זיי האבען געגלויבט, אז זיי זיינען ערשט צוויי טעג און איין נאכט איינגעשלאסען; אין דער ווירקליכקייט איז דער דריטער מעת לעת שוין געווען צו ענדע. אלע האפנונגען וועגען הילף זיינען ביי זיי פערשוואונדען געווארען; קיינער האט ניט געוואוסט, וואו זיי געפינען זיך, קיינער האט ניט געהאט דיא מאכט צו צוקומען אהער; ווען דאס וואסער וועט זיי ניט איינשלינגען מוזען זיי שטארבען פאר הונגער. דאס לעצטע מאל איז זיי אריין אין קאפ אנצוקלאפען. נור דאס שטיקעל שטיין מיט וועלכען זיי האבען געקלאפט איז פערבליבען אונטען. און וועט זיי דען יעמאנד דערהערען? קאטערינע האט איהר צו ווייהטאגטען קאפ אנגעשפארט אן וואנד. פלוצים האט זיא א ציטער געטאן און האט זיך א ציה געטאן.

— הער! האט זיא געזאגט.

אנפאנגס האט עטיען געדיינקט, אז זיא רעדט פון דעם גערייש פון דעם שטייגענדען וואסער, און ער האט געזאגט א ליגען, אום צו בערוהיגען איהר:

— דער גערויש קומט פון מיר; איך ריהר מיט דיא פיס.

— ניין, ניין, ניט דאס... דא אונטען, הער!

און זיא האט צוגעדריקט איהר אויער צו דער קוילען־וואנד. ער האט פערשטאנען און האט געטאן דאס זעלבע. מיט פערקלעמטע הערצער האבען זיי געווארט איינגע סעקונדען. דאן האבען זיי דערהערט פון וויטען דריי קלאפ, זעהר שטילע מיט לאנגע פויזען צווישען. נור זיי האבען נאך געצווייפעלט. עס מוז זיי וואהרשיינליך קלינגען אין דיא אויערן, אדער עס הערט זיך א קראכען פון אונטען. און זיי האבען ניט געוואוסט מיט וואס זיי זאלען קלאפען, אום צו ענטפערן.

פלוצים איז עטיען איינגעפאלען א געדאנק.

— דוא האסט דאך דיינע היצערנע שיך, הייב אויף א פוס און קלאפ מיט דיא אבסאצען.

זיא האט געקלאפט, האט אויסגעשלאגען דעם פרוף־סיגנאל פון דיא קוילענגרעבער; נאכדעם האבען זיי זיך צוגעהערט און האבען וויטער דערהערט דריי קלאפ פון דערווייטענס. צוואנציג מאל האבען זיי פון דאס ניי אנגעפאנגען און צוואנציג מאל איז זיי געקומען דער ענטפער. זיי זיינען געווען דערפון אזוי ערגריפען, אז זיי האבען געוויינט און ארומגענומען זיך, פערגעסענדיג אן דיא געפאהר, אז זיי קענען זיך ארעבנגיטשען און דערטרונקען ווערען. ענדליך זיינען דיא קאמעראדען דא! ענדליך זיינען זיי געקומען! פון פרייד און ליעבע האבען זיי ניט געפיהלט דיא קווערען פון ווארטען און דעם כעס פון זייער אויזיכטיגען לאנגען רוכען, אזוי וויא דיא קאמעראדען וואלטען געקענט מיט דיא פינגער שפאלטען דיא שטיינער און בעפרייהען זיי.

— איז דאס ניט א גליק, וואס איך האב דעם קאפ אנגעשפארט אן דער וואנד? האט זיא פרייליך אויסגערופען.

— אָ, דו האָסט אַ פיינעם וואָגען! האָט ער גיענטפערט. איך האָב נאָר ניט געהערט.

פון דיזען אויגענבליק אָן האָבען זיי זיך געביטען איינער נאָכ'ן צווייטען בערייט אויפ'ן קלענסטען סיגנאַל צו הערען. באַלד האָבען זיי געהערט, וויא מען האָט אָנגעהויבען צו האַקען מיט העק: דאָ האָט אָנגעפאַנגען אויבען דיא רעטונגס־אַרבייט. מען האָט געמאַכט אַ גאַלעריע. זיי האָבען געהערט דעם קלענסטען גערויש. דאָך איז זייער פרייד באַלד געזונקען. אומזיסט האָבען זיי געלאַכט אום איינער דעם צווייטען אָבצונאַררען; דיא פערצווייפלונג האָט זיי ווידער אָנגעכאַפּט. פון אָנפאַנג האָבען זיי געמאַכט אַלערליי ערקלערונגען: מען וויל צו זיי דערלאַנגען דורך דיא רעקיאַר־מינע, פיליכט מאַכט מען איינגע גאַלערייען; דען זיי האָבען געהערט דריי פערשידענע קלאַפּערייען פון העק. דאַן האָבען זיי גערעדט וויינינער און ענדליך האָבען זיי גאָר געשוויגען, ווען זיי האָבען בערעכענט דיא אונגעהייערע ווייטקייט, וואָס שיידעט זיי פון דיא קאַמעראַדען. אין דער שטילקייט זיינען זייערע געדאַנקען געגאַנגען ווייטער; זיי האָבען אויסגערעכענט, וויפיעל טעג און נעכט דאַרף נעהמען אַ'ן אַרבייטער, אום אַזאַ גרויסען שטיין דורכצושלאָגען, מע וועט צו שפּעט צוקומען צו זיי; זיי וועלען ביז דאַמאָלס צוואַנציג מאָל קענען שטאַרבען. אין פינסטערער שטימונג און אין אַלץ וואַקסענדער אַנגסט, ניט ריידענדיג איינער צום צווייטען אַ וואָרט, האָבען זיי געענטפערט אויף דיא סיגנאַלען מיט קלעפּ פון דיא הילצערנע שיך אָהן אַ שום האָפנונג, נור אין דער מעכאַנישער בעדירפניס צו געבען יענע צו וויסען, אַז זיי לעבען נאָך.

נאָך אַ טאָג איז פערגאַנגען און נאָך אַ צווייטער. זיי זיינען שוין געוועזען זעקס טעג צייט אין דער מינע. דאָס וואַסער, וואָס האָט זיי דערגרייכט ביז צו דיא קניע האָט אויפגעהערט ווייטער צו שטייגען, אָבער עס האָט אויך ניט געזונקען; זייערע פיס, האָבען געשיינט, זיינען אָבגענומען געוואָרען אין דער קאַלטער וואַנע. אויף אַ שטונדע האָבען זיי געקענט זיי אַרויסציהען, נור זייער לאַגע איז דאַן געוועזען שרעקליך, זיי האָבען בעקומען קרעמפּפען און האָבען זיי געמוזט ווידער אַרונטערלאָזען. אַלע צעהן מינוט האָבען זיי זיך גערוקט אַרויף אויפ'ן גליטשיגען פעלזען, דיא שפּיצען פון דער קוילען־וואַנד האָבען זיי צוריסען דעם רוקען; זיי האָבען געפיהלט אין זייער האַלז און נאַקען אַ שטענדיגען שאַרפען שמערץ, ווייל זיי האָבען געמוזט זיצען שטענדיג איינגעבויגען. אָטהמען איז זיי אַלץ שווערער געוואָרען; דיא לופט איז פערטריבען געוואָרען פון דעם וואַסער און זיי זיינען געזעסען וויא אין אַ קאַסטען. זייערע טויבע שטימען האָבען געשיינט, וויא זיי קומען פון זעהר ווייט. עס האָט זיי גערוישט אין דיא אויערען, אַזוי וויא פון דעם גלאָק פון אַ סטאַדע פערד אָדער אַ גרויסען האָגעל.

אָנפאַנגס האָט קאַטערינע שרעקליך געליטען פון הונגער, זיא האָט אַלע ווייל געטאַפּט מיט איהרע אויסגעדאַרטע הענד דעם האַלז, פון וואַנען עס האָט זיך געריסען אַ הערצרייסענדעס קרעכצען. זיא האָט געפיהלט, אַזוי וויא מען וואָלט איהר מיט אייזערנע צוואַנגען געריסען דעם מאַגען פון לייב. עטיען, וועלכער האָט געליטען דאָס זעלבע האָט געטאַפּט פיעבערהאַפט אין דער פינסטערניס און ווען זיין פינגער האָט אָנגעטאַפּט אַ פערפוילטע שטיק האָלץ אין דער פערצימערונג, האָט ער דאָס צומאַלען מיט זיינע פינגער און דאָס געגעבען קאַטערינען, וועלכע האָט דעם האָלץ־שטויב זשעדנע איינגעשלונגען. צוויי טאָג האָבען זיי געלעבט פון דעם פערפוילטען האָלץ, זיי האָבען אויסגעגעסען דיא גאַנצע שטיק און זיי זיינען געוואָרען פערצווייפעלט, ווען זיי האָבען מעהר ניט געהאַט. זיי האָבען צוריסען דיא הענד, זוכענדיג אַן אַנדער שטיק האָלץ; עס האָט זיי אָבער ניט געלונגען, דיא

אנדערע הײַלצערנע זײַנען נאָך געװען צו פּענסט. זײער פּלאַן איז געװאָרען אלץ גרעסער, זײ זײַנען געװען אין כעס, װאָס זײ האָבען ניט געקענט ציקײען דיא לײַװאַנד פון זײערע קלײדער. א לעדערנער גאַרטעל, װאָס ער האָט געטראָגען ארום זיך, האָט זײ געבראַכט קורצע הילף, זײ האָבען איהם צוקײַט מיט דיא צײנער און דערשלונגען. זײ האָבען זיך געקענט נאַרען, אז זײ עסען. דאַן האָבען זײ זיך װידער גענומען צום לײַװאַנד װעלכען זײ האָבען שטונדענלאַנג געזויגען.

נור דיא שאַרפע װײַהטאָגען פון הונגער זײַנען ענדליך איבערגעגאַנגען און זײ האָבען זיך פערװאַנדעלט אין א טיעפען דומפּפען שמערץ. זײערע גליעדער זײַנען געװאָרען שװאַכער און שװאַכער. זײ װאָלטען שוין געװען געװיס אויסגעגאַנגען, װען זײ זאָלען ניט האָבען גענוג װאַסער. זײ האָבען זיך נור געבראַכט אָנצובויגען און אָנש פּען דאָס װאַסער מיט דער האַנד. זײ האָבען ניט אויפגעהערט צו טרינקען און זײ האָט געדוכט, אז דער גאַנצער אונטעראירדישער ים איז ניט אים שטאַנדע צו לעשען זײער דורשט.

װען קאַטערינע האָט אויפ'ן זיבענטען טאָג זיך אָנגעבויגען, אום אָנצושעפּען װאַסער, האָט זיך איהר האַנד אָנגעקלאַפּט אָן א שװימענדיגען קערפּער.

— זעה! װאָס איז דאָס? האָט זיא געזאָגט.

עטיען האָט געטאַפּט אין דער פינסטערניס.

— איך בעגרײף ניט, װאָס דאָס איז.

זיא האָט געטרונקען; נור װען זיא האָט דאָס צװײטע מאָל געװאָלט אָנשעפּען װאַסער מיט דער האַנד האָט זיא װידער אָנגעטאַפּט דעם קערפּער און האָט ארויסגעלאָזט א שרעקליך געשרײ.

— מײן גאָט! דאָס איז ער!

— װער?

— ער, דו װײסט!...... איך האָב אָנגעטאַפּט זײַנע װאָנסען.

דאָס איז געװען שאַװאַל'ס קערפּער, װאָס דאָס װאַסער האָט צו זײ צוגעבראַכט. עטיען האָט אויך אויסגעשטרעקט דיא האַנד און האָט אָנגעטאַפּט דיא װאָנסען און דיא פּלאַכע נאָז. א שוידער פון עקעל און שרעק האָט איהם אויפגעציטערט. פון א שרעקליכען עקעל ערגריפען, האָט קאַטערינע אויסגעשפּיִען דאָס װאַסער, װאָס איהר איז פערבליבען אין מויל. עס איז איהר געװען, װיא זיא װאָלט געטרונקען בלוט, װיא דאָס גאַנצע װאַסער אונטער איהר איז געװען פון בלוט פון דיעזען מענשען.

— װאַרט, האָט עטיען געשטאַמעלט, איך װעל באַלד איהם װײַטער פּטרען.

מיט א שטופּ פון פוס האָט ער אָבגעשטופּט דעם קערפּער, נור באַלד האָבען זײ איהם װידער דערפיהלט נעבען זײערע פיס.

— נעה דאָך צום טײפעל! האָט עטיען אויסגערופען.

און ער האָט איהם װײַטער אָבגעשטופּט, נור דאָס איז געװען אומזיסט. שאַװאַל האָט ניט געװאָלט פון זײ אַװעק. ער האָט געװאָלט בלײבען גאַנץ נאָהענט פון זײ. דאָס איז געװען א שרעקליכער נאַכבאַר, װעלכער האָט דיא גאַנצע לופט פערפּעסטעט. אין דעם טאָג האָבען זײ ניט געטרונקען, זײ האָבען געקעמפּפט געגען דעם דורשט און האָבען בעסער געװאָלט שטאַרבען. אויפ'ן צװײטען טאָג אָבער האָבען זײ ניט אויסגעהאַלטען און אָבשטופּענדיג דעם קערפּער, האָבען זײ געטרונקען. עס איז ניט געװען װערט איהם צו טוידטען, אז נאָכ'ן טוידט זאָלען זײ ניט ערלײזט װערען פון זײן אײפערזוכט. ביז דער ענדע װעט ער בלײבען נעבען זײ און װעט זײ שטערען צו זײן צוזאַמען.

נאך א טאג און נאך א טאג, ביי יעדען פלעסק פון דעם וואסער האט דער מאן, וועלכען עטיען האט געטוידטעט, אנגעשלאגען זיך אן זיינע פיס. און יעדעס מאל איז עטיען געווארען א פערציטערטער. ער האט איהם ניט אויפגעהערט צו זעהן פאר זיך, אויפגעבלאזען, גרין מיט דיא רויטע וואנסען אויפ'ן צושלאגענעם פנים. דאן האבען זיך זיינע עראינערונגען אין גאנצען פערפלאנטערט, ער האט איהם גאר ניט געטוידטעט, ער איז פראסט ארומגעשוואומען און געוואלט איהם בייסען. קאטערינע האט געהאלטען אין איין היסטערישען וויינען, און נאך יעדען אנפאל איז זיא אין גאנצען אבגעשוואכט געווארען. ענדליך איז זיא אריינגעפאלען אין א מין שלאף, וועלכען זיא האט ניט געקענט פערטרייבען. ער האט איהר געוועקט, נור זיא האט געשטאמעלט אונפערשטענדיגע ווערטער ניט עפענענדיג דיא אויגען און איז ווידער איינגעשלאפען. מורא האבענדיג, אז זיא זאל ניט אריינפאלען אין וואסער, האט ער איהר ארומגענומען מיט איין האנד. יעצט האט ער אליין געענטפערט אויפ'ן קלאפען פון דיא קאמעראדען. דיא קלעפ פון דיא האק זיינען געקומען נעהענטער, ער האט זיי שוין געהערט אונטער זיין רוקען, נור זיינע קרעפטען האבען איהם פערלאזען, און ער האט פערלארען דעם מוטה ליינגער צו ענטפערן דיא קאמעראדען. מען וויים דאך, אז זיי זיינען דא, צו וואס זאל ער זיך נאך מעהר מיעד מאכען? איהם האט מעהר ניט אינטערעסירט, צו מען וועט קומען צו ניט. עס זיינען געוועזן שטונדען, וואס ער האט אפילו ניט געוואוסט, אויף וואס ווארט ער.

איין טרייסט האבען זיי געהאט, וואס האט זיי עטוואס ערמונטערט; דאס וואסער האט גענומען זינקען אין שאוואלים קערפער איז אויך אבגעטראטען פון זיי. שוין ניין טעג, וויא מען האט געארבייט פאר זייער בעפרייאונג, און צום ערשטען מאל האבען זיי געמאכט א פאר טריט איבער דער גאלעריע, וואו דיא שרעקליכע עקספלאזיאנען איז געשעהן און האט זיי א ווארף געטאן צו דער ערד. זיי האבען געזוכט איינער דעם צווייטען און האבען זיך געהאלטען ארומגענומען ניט בעגרייפענדיג, וואס איז געשעהן, האבען זיי שיער פערלארען דעם פערשטאנד, זיי האבען געדיינקט אז די אלט גקאטאסטראפע איז ווידער געשעהן. די קלאפעריי מיט די העק האט אויפגעהערט

זיי זיינען געזעסען אין א ווינקעל זייט ביי זייט, פלוצים האט זיך קאטערינא שטיל צולאכט.

— אין דרויסען מוז זיין זעהר גוט.... קום, לאמיר ארויסגיין, האט זיא געזאגט.

עטיען האט פון אנפאנגס געקעמפט נעגען דער משוגעת, נור זיא האט אויך זיין שטארקערן קאפ אנגעריהרט. ער האט מעהר ריכטיג ניט פערשטאנען דיא ווירקליכקייט. זייערע געדאנקען זיינען צומישט געווארן, איבערהויפט ביי קאטערינע. איהר האט געווארפען אין פיבער, און זיא האט געהאט א בעדירפניס צו ריידען און צו מאכען מיט דיא הענד. דאס רוישען אין איהרע אויערען האט איהר געשיינט צו זיין דאס מורמלען פון א טייך און דאס זינגען פון פויגלאך; זיא האט געשמעקט דעם שטארקען גערוך פון צוטראטענעם גראז און איהר האט געדוכט, אז זיא איז נעבען דעם קאנאל אין דיא פעלדער אין א שיינעם העלען טאג.

— וויא גוט און ווארים דא איז!...... לאמיר זיין שטענדיג צוזאמען.

ער האט איהר צוגעפרעסט צו זיך, זיא האט זיך צוגעטולעט צו איהם, און זיי האבען זיך לאנג געקושט. נאכדעם האט זיא ווייטער גענומען ריידען מיט א שפראך פון א גליקליכע מיידעל.

— וויא נאריש זיינען מיר געוועזן אזוי לאנג צו ווארטען. איך האב דיך זעהר געליעבט, נור דו האסט ניט בעגריפען, דו האסט זיך שטענדיג געקרימט...... און געדיינקסט דו נאך יענע נאכט ביי אונז, — ווען מיר האבען ביידע ניט געקענט איינשלאפען, מיר האבען זיך צו־

נעהערט איינע צום צווייטענס אטהעמען און מיר האבען זיך זעהר נעוואלט ארומנעהמען !

איהר פרייליכקייט האט איהם אויך אנגעשטעקט און ער האט געשפאסט אי־בער דיא עראינערונגען וועגען זייער שטומער ליידענשאפט.

— דו האסט מיך א מאל געשלאגען, האט ער געזאגט. יע, דו האסט מיך גע־שלאגען איןביידע באקען.

— ווייל איך האב דיך ליעב געהאט, האט זיא געמורמעלט. איך האב ניט גע־וואלט פון דיר טראכטען ; איך האב געזאגט, אז אלעס איז געענדיגט, און דאך האב איך געוואוסט, אז מיר וועלען זיך נאך א מאל טרעפען. עס האט נור געפעהלט דיא גליקליכע געלעגענהייט, ניט וואהר ?

א שוידער האט איהם אנגעכאפט ; ער האט געוואלט דעם חלום פערטרייבען ; דאן האט ער לאנגזאם געזאגט :

— מען טאר קיין מאל ניט זאגען, אז אלעס איז געענדיגט. מען דארף נור האבען א ביסעל גליק און אלעס פאנגט זיך אן ווידער פון דאס ניי.

— דו וועסט מיך ביי זיך בעהאלטען, ניט וואהר ? דו וועסט מיך פון זיך ניט אבלאזען ?

און זיא האט זיך ארויסנעגליטשט פון זיינע ארמען, זיא איז געווען אזוי שוואך, אז איהר דונפפע שטימע איז פערלאשען געווארען. מיט שרעק האט ער איהר צו־געדריקט צום הארצען.

— דו ליידסט ? האט ער איהר געפרעגט.

זיא האט זיך ערשטוינט אויסגעגלייכט.

— ניין ; פאר וואס דען ?

נור דיא פראגע האט איהר אויפגעוועקט פון איהר חלום'ען. זיא האט מיט שרעק געקוקט אין דער פינסטערניש און געבראכען מיט דיא הענד אין א נייעם אנפאל פון היסטערישען וויינען.

— מיין גאט ! וויא פינסטער עס איז !

ווייט זיינען געווען דיא גרינע פעלדער, דאס שמעקעדיגע גראז, דאס זינגען פון דיא פויגעלאך און דאס העלע ליכט פון דער זונן. געבליבען איז נור דיא איינגעפא־לענע, פארטרונקענע מינע, דיא עפוש'דיגע נאכט, דער פינסטערער, פייכטער קבר, אין וועלכען זיי קעמפפען שוין אזוי פיעל טעג מיט'ן טויט. יעצט האט דאס נאך אויסגעזעהן שרעקליכער ; עס האט איהר ווידער ערפאסט דער אבערגלויבען פון איהר קינדהייט. זיא האט ווידער געזעהן דעם שווארצען מאן, דעם אלטען טויטען קוי־לענגרעבער, וועלכער האט זיך צוריק אומגעקעהרט אין דער מינע, אום אראבצר־דרייהען דיא העלזער ביי דיא מיידלאך, וואס האבען זיך שלעכט אויפגעפיהרט.

— הער ! האסטו געהערט ?

— ניין ; גאר נישט. איך הער גאר ניט, האט עטיען געענטפערט.

— דאס איז דער מאן, דוא ווייסט וועמען איך מיין.... זעה, אט איז ער....

דיא ערד האט דאס גאנצע בלוט פון זיך ארויסגעלאזט, אום ראכע צו נעהמען, פאר וואס דיא ארבייטער האבען איהר איבערגעהאקט אין אדער. ער איז דא, זעה ! ער איז שווארצער וויא דיא נאכט !... אח, איך האב מורא ! איך האב מורא !....

זיא איז אנשוויגען געווארען און האט געציטערט מיט'ן גאנצען לייב. דאן האט זיא געגומען ווייטער ריידען מיט א שטילערען טאן :

— ניין ; עס איז נאך אלץ דער אנדערער.

— וועלכער אנדערער ?

— יענער, וועלכער איז מיט אונז ; יענער, וועלכער איז מעהר ניטא.

שאוואַל׳ס גייסט האָט איהר ניט געלאָזט קומען צו קיין רוה. און זיא האָט גערעדט אין אָבגעריסענע ווערטער פון איהם; זיא האָט דערצעהלט פון איהר הינטיש לעבען און פון דעם איינציגען טאָג, ווען ער האָט זיך געציינגט גוט צו איהר אין דער זשאַן־באַרט מינע; אויך פון יענע טעג, ווען ער איז געוועזען צו איהר גראָב און ער האָט איהר געשלאָגען, און וויא ער פלעגט איהר מיט זיין ליעבע פונקט אזו הרג׳ענען וויא ער פלעגט איהר פאר דעם שלאָגען מיט דיא הענד און דיא פיס.

— איך זאָג דיר, אז ער קומט, אז ער וועט אונז שטערן צו בלייבען צוזאַמען.... דיא אייפערזוכט פאַלט ווידער אָן אויף איהם...... שיק איהם אוועק! האַלט מיך ביי זיך, האַלט מיך ביי זיך!.....

מיט א מאָל האָט זיא זיך אויף איהם אָנגעהאַנגען; זיא זוכט זיינע ליפּען און דריקט ליידענשאַפטליך איהר מויל אויף זיינעם. דיא פינסטערניס איז איהר העל געוואָרען. זיא האָט ווידער געזעהן דיא זון. זיא האָט ווידער געפונען דאָס רוהיגע לאַכען פון פערליעבטע. ער האָט א ציטער געטאָן, דערפיהלענדיג איהר אויף זיין קערפּער א האַלב נאַקעטע, אין שטיקער צובראָכענע קליידער. זיין מענליכקייט האָט ווידער ערוואַכט, און ער האָט איהר שטאַרק ארומגענומען. און דאָס איז ענדליך געוועזען זייער חתונה נאַכט אין דיעזען קבר. דאָס איז געוועזען דאָס בעדירפניס ניט צו שטאַרבען איידער זיי האָבען פערזוכט א ביסעל גליק; דאָס איינגעשפּאַרטע בעדירפניס צו לעבען און דאָס לעצטע מאָל צו געניסען פון לעבען, זיי האָבען זיך געליעבט אין דער אויסערסטער פערצווייפלונג, זיי האָבען זיך געליעבט ביז צום טויט.

און דאַן האָט ער מעהר גאָר ניט געפיהלט. ער איז געזעסען אויף דער ערד אין דעם זעלבען ווינקעל, און קאַטערינע איז געלעגען אומבעוועגליך אויף זיינע קניע, אזוי זיינען פערגאַנגען פיעל שטונדען. א לאַנגע צייט האָט ער געגלויבט, אז זיא שלאָפט, נור ווען ער האָט איהר ענדליך אָנגעריהרט, האָט ער אויסגעפונען, אז זיא איז קאַלט און פערגליווערט. זיא איז געוועזען טויט. נור ער האָט מורא געהאַט איהר א ריהר צו טאָן, ער זאָל איהר ניט אויפוועקען. דער געדאַנק, אז ער האָט איהר דאָס ערשטע מאָל בעזעסען, זינט ער האָט איהר ליעב געהאַט און אז זיא קען ווערען שוואַנגער, האָט איהם זעהר געריהרט. און נאָך אַנדערע געדאַנקען זיינען איהם געקומען אין קאָפּ, דער וואונש מיט איהר אוועקצוגעהן און זיין פרייד, וואָס זיי וועלען צוזאַמען לעבען, האָבען זיך געמישט ניט דייטליך אין זיין מאָרך, זיי האָבען קוים אָנגעריהרט זיין שטערן, אזוי וויא דער הויך פון דעם שלאָף. ער איז אַלע מאָל געוואָרען שוואַכער, ער האָט קוים גענוג קראַפט געהאַט צו מאַכען א לאַנגזאַמע בעוועגונג מיט דער האַנד, אום זיך איבערצייגען, אז זיא איז נאָך דאָ, אז זיא ליעגט וויא א שלאָפעדיג קינד אין איהר אייביגער שטייפקייט. ער האָט גאָר ארום זיך ניט געפיהלט, אפילו דיא פינסטערניס. ער האָט זיך אַליין שוין אויפגעהערט צו פיהלען. ער איז געוועזען אויכערהאַלב דיא צייט און אויסערהאַלב פון דעם רוים, עפּעס האָט געקלאַפּט נעבען זיין קאָפּ; דיא קלעפּ זיינען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרען און זיינען אַלץ נעהנטער געוואָרען; נור אין זיין שרעקליכער שוואַכקייט איז ער אָנפאַנגס געוועזען צו פויל צו ענטפערן; און יעצט האָט ער מעהר גאָר ניט געוואוסט; איהם האָט געדוכט, אז ער הערט דיא קלעפּ פון איהרע הילצערנע שיך. צוויי טעג זיינען אזוי פערגאַנגען; און זיא האָט זיך מעהר ניט געריהרט; ער האָט איהר מעכאַניש געגלעט און איהר שטייפקייט האָט איהם בערוהיגט.

פּלוצים האָט עטיען דערהערט א שטאַרקען קלאַפּ. ער האָט דערהערט מענשליכע שטימען, שטיינער האָבען זיך גענומען שיטען און האָבען זיך פערקייקעלט ביז צו זיינע פיס. ווען ער האָט דערזעהען א לאָמפּ, האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען. זיינע

פערבלענדטע אויגען האבען נאכגעקוקט דיא שיין פון דעם ליכט; ער איז ניט מיעד געווארען קוקענדיג אויף'ן רויטען פלעק, וואס האט קוים בעגריכטען דיא פינסטערניס. דיא קאמעראדען האבען איהם אונטערגעטראגען און ער האט זיך געלאזט אריינגיסען צווישען זיינע צוזאמענגעפרעסטע ציינער א פאר לעפעל בוליון. ערשט ווען מען האט דערגרייכט דיא נאכעריינע פון רעקיארמינע, האט ער איינעם פון זיי דערקענט. דאס איז געוועזען דער אינזשינער נעגרעל, וועלכער איז געשטאנען נעבען איהם. און דיזע ביידע מענער, וועלכע האבען איינער דעם צווייטען פעראכטעט, דער רעבעלירענדער ארבייטער און זיין אומבארמהערציגער פארגעזעצטער, זיינען אריינגעפאלען מיט א געוויין איינער דעם צווייטען אין דיא ארמען; און זיי האט זיך אנגערופען דאס גאנצע מענשליכעס, וואס איז אין זיי געוועזען פערבארגען. דאס איז געוועזען א'ן אונענדליכער טרויער, דאס עלענד פון גאנצען געשלעכטער, דער איבערמאס פון יאמער, אין וועלכען דאס לעבען קען פערזינקען.

ווען מען האט דיא טויטע קאטערינע ארויפגעבראכט אויבען, איז דיא מאהיי ארויפגעפאלען מיט א קלאג אויף'ן קערפער פון איהר טאכטער, נאכ'ן ערשטען וויי־געשריי האט געפאלגט א צווייטער, א דריטער, גאר אהן א'ן אויפהער. פיעלע קערפערס האט מען ארויפגעטראגען און אנידערגעלייגט אויף דער ערד: שאוואל, אויף וועמען מען האט געדיינקט, אז ער איז געהרג'עט געווארן פון איינשטורץ, א איינגעל און צוויי קוילענגרעבער. פיעלע ווייבער אין דער מענגע האבען פערלארען דעם פערשטאנד, זיי האבען געריסען דיא קליידער פון לייב און געריסען זיך שטיקער הויט פון געזיכט. ווען מען האט א ביסעל געשטארקט עטיען מיט עסען און צוגעוואהנט איהם צום ליכט, האט מען ערשט בעמערקט, וויא אויסגעמאגערט ער איז, אויך איהם איז נור געוועזען הויט און ביינער, און זיינע האר זיינען אין גאנצען גרוי געווארען. אלע זיינען ציטערנדיג אבגעטראטען אין א זייט, ווען מען האט דעם זקן פערביי זיי דורכגעפיהרט. אפילו דיא מאהיי האט אויף א מינוט אויפגעהערט צו יאמערן און האט איהם נאכגעקוקט מיט נארישע, ווילדע אויגען.

VI.

עס איז געוועזען פיער א זייגער אין דער פריה. דיא קיהלע נאכט פון מאנאט אפריל איז מילדער געווארען פון דעם אנקומענדען טאג. דיא שטערן האבען געפינקעלט אויף'ן ריינעם הימעל. אבוואהל א העלע רויטקייט האט שוין געפארבט דיא מזרח־זייט הימעל. א שוידער האט דורכגעצויגען דיא שלאפענדע שווארצע לאנדשאפט; דאס איז געוועזען יענער אונדייטליכער גערויש, וואס קומט פאר דעם ניי ערוואכענדען טאג.

עטיען איז מיט שטייפע טריט געגאנגען אויף'ן וועג, וואס האט געפיהרט נאך וואנדאם. זעקס וואכען איז ער אבגעלעגען אין האספיטאל פון מאנטסו, און אבוואהל ער איז נאך געוועזען דאר און געל, האט ער זיך דאך געפיהלט שטארק גענוג אוועקצוגעהען און ער איז געגאנגען. דיא קאמפאניע, וואס האט נאך אלץ געציטערט פאר איהרע מינעס, האט אבגעשאפט געוויסע פערזאנען איינע נאך דיא צווייטע. זיא האט איהם אויך געגעבען צו פערשטיין, אז זיא קען איהם לענגער ניט האלטען אין איהר דיענסט. זיא איז נאך געוועזען אזוי פריינדליך איהם אנצובאטען א שטיקע פון הונדערט פראנק און דעם גוטען ראטה, ער זאל דיא קוילען־ארבייט אין גאנצען אויפגעבען, וויל דאס וועט פאר איהם יעצט זיין צו שווער. נור ער האט זיך פון דיא הונדערט פראנק אבגעזאגט. פלושאר האט איהם געשריעבען א בריעף אין וועלכען ער האט איהם גערופען נאך פאריז, און האט איהם אויך צוגעשיקט דיא נייטיגע רייזע־געלד. ער האט ענדליך געזעהען פאר זיך זיין אלטען טרוים פערווירקליכט. נעכטען האט ער פער־

לאזט דעם האספיטאל און האט איבערגענעכטיגט אין דעם שיינק פון דער אלמנה דעזירע. ער איז אויפגעשטאנען זעהר פריה, ווייל ער האט געוואלט זיך געזעגנען מיט זיינע קאמעראדען. איידער ער וועט אבפאהרען מיט'ן אכט א זייגערדיגע צוג פון מארשיען.

אויף'ן וועג איז עטיען אויף איין אויגענבליק שטיין געבליבען. עס איז איהם געווען אזוי גוט צו אטהעמען דיא פרישע פריהלינגס־לופט! דער מארגען האט פערשפראכען, אז דער טאג וועט זיין זעהר א שיינער. עס איז וואס ווייטער געווא־רען העלער און העלער און מיט'ן קומען פון דער זון האט אויך אויפגעוואכט דאס לעבען אויף דער ערד. ער האט זיך געלאזט גיין ווייטער. ער האט שטארק גע־קראפט מיט זיין שטעקען אויף דער ערד און האט געקוקט אין דער ווייטקייט וואו דער טומאן האט פערלאזט דיא פעלדער און זיי האבען זיך בעוויזען אין זייער פולער שיינקייט. ער האט דיא גאנצע צייט קיינעם פון זיינע קאמעראדען ניט געזעהען: פרוי מאהיי האט איהם נאר איין מאל בעזוכט; זיא האט געוויס ניט געקענט קומען א צווייטען מאל, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז דאס גאנצע דארף פון דיא צוויי הונדערט און פיערציג איז ווידער געגאנגען צו דער ארבייט אין זשאן־בארט־מינע און זיא אליין איז אויך געגאנגען צו דער ארבייט.

דער וועג איז אלץ מעהר געווארען בעלעבט מיט מענשען. גרופען פון בלייכע און שטילע קוילענגרעבער האבען זיך געצויגען פארביי עטיען. מען האט דערצעהלט, אז דיא קאמפאניע האט זעהר מיסברויכט איהר זיעג און אז דיא ארבייטער, וואס זיינען נאך צוויי און א האלב חדשים סטרייק געצוואונגען געווארען פון הונגער צוריק צו גיין צו דער ארבייט, האבען שטארק געליטען. מען האט זיי געריסען דיא ווייזשעס אויף אלערליי ארטען, מען האט זיי געמאכט צו צאהלען א געוויסען טאריף פאר דיא נייע פערצימערונגען, און אונטערשפארונגען, דער נאמען פון וועלכע איז געווען ביי דיא ארבייטער געהאסט, ווייל זיי זיינען געווען בעפלעקט מיט'ן בלוט פון זייערע קא־מעראדען, מען האט ביי זיי גע'גנב'עט א שטונדע פון זייער ארבייט. אומעדום איז שוין דיא ארבייט אנגעגאנגען, און דיא סטאדעס ארבייטער האבען זיך געצויגען איבער אלע וועגען; לאנגע ליניעס פון מענער מיט אראבגעלאזענע קעפ; זיי זיינען געווען געגליכען צו דיא בהמות, וואס מען פיהרט צו דער שלאכט. זיי האבען געציטערט אין זייערע דינע לייוואנדענע בלוזען, זייא האבען זיך געקא־טשעט און גע־ווארפען מיט דיא הענד, און דיא שטיק ברויט אדער ציענגל, וויא זיי האבען דאס גערופען, וואס איז געלעגען ביי זיי צווישען העמד און בלוזע האט אויסגע־זעהן וויא א הייקער און אין דיעזע מאסען, וואס זיינען שטום און פינסטער, אהן א שמייכעל, אהן א בליק ארום זיך צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט, האט מען געקענט מערקען, אז זיי האלטען אין בעהאלטענעם צארן דיא ציינער צונויפגעפרעסט, אז דיא הערצער הייבען זיך ביי זיי פון האס און אז נור דער מאגען איז שולדיג, וואס זיי האבען זיך אונטערגעווארפען דער קאמפאניע.

וואס נעהענטער ער איז צוגעגאנגען צו דער מינע, איז דיא צאהל פון דיא אר־בייטער אלץ גרעסער געווארען. זיי זיינען געגאנגען איינציגווייס, און אפילו דיא וואס זיינען אנגעקומען אין גרופען, האבען זיך דערנאך צושפרייט אין א לאנגע קייט. עס האט געשיינט, וויא איינער דעם צווייטען איז נמאס געווארען און אליין זיך אויך. ער האט בעגעגענט צווישען דיא ארבייטער אין אלטען מאן, ביי וועמען דיא אויגען האבען געגליהט וויא קוילען אונטער זיין בלייכען שטערן. און אנדערער, א יונגער, האט ניט איפגעהערט געבען איהם צו הוסטען. פיעלע פון זיי האבען געטראגען זיי־ערע הילצערנע שיך אין דיא הענד, און מען האט כמעט ניט געהערט דיא טריט פון זייערע פיס, אויף וועלכע עס האבען זיך געזעהען דיקע וואלענע זאקען. דאס

איז געווען א לאַנגער ענדלאָזער שטראָם מענשען, דער געצוואונגענער מאַרש פון א צושלאָגענער ארמיי, וו ס גייט מיט א געזונקטען קאָפּ, אנגעפילט מיט'ן פאַרבאָרגענעם וואונש צו בענייען דעם קאמפף, אין וועלכען זיא זאָל קענען נעהמען ראַכע פאַר איהרע טוידטע און פערוואונדעטע.

ווען עטיען איז אָנגעקומען אין זשאַן־בארט, איז שוין געווען טאָג. דיא לאָמפען האָבען נאָך געברענט. איבער דיא טונקעלע געביידעס האָט זיך געצויגען א לייכטער רויך. עטיען האָט זיך געלאָזט געהן צום אויפנאהמס־זאל.

דאָס אַרונטערלאָזען פון דיא אַרבייטער האָט זיך יעצט אָנגעפאַנגען. אין טומעל, אין לאַרעם איז ער א רגע געבליעבען אונבעוועגליך שטיין. דער עלעווײטאָר האָט זיך געלאָזט אראָב און ארויף, און דער גערויש דערפון האָט זיך צונויפגעמישט מיט דיא קולות פון דיא ארבייטער און דיא סיגנאַל־גלאָקען. ווידער א מאָל האָט איהם דיא מינע אויסגעזעהען, וויא א שרעקליכער ריעז, וועלכער פערשלינגט יעדען טאָג א געוויסע צאָהל פון מענשענלייש. צייט זיין אונגליקספאַל האָט ער געקראָגען א נערוועזען עקעל געגען דער מינע. ביי דעם אָנבליק פון דיא עלעווײטאָרס, וואָס האָבען געהאַלטען אין איין גיין ארויף און אראָב, האָט איהם אָנגעפאַנגען צו קעהרען, ער האָט געמוזט אָבווענדען דעם קאָפּ. ער איז געווען שטאַרק ערביטערט געגען דיא מינען.

אין דעם האלב פינסטערן אויפנאהמס־זאל, אין וועלכען דיא לאַנטערנעס האָבען געוואָרפען זעהר א קאַרגען ליכט, האָט ער ניט בעגעגענט איין איינציגעס פריינדליכעס געזיכט. דיא קוילען־גרעבער, וועלכע האָבען דאָ געוואַרט מיט נאַקעטע פיס און מיט לאָמפען אין דיא הענד, האָבען אויף איהם געקוקט מיט אונרוהיגע אויגען. דאַן האָבען זיי אָבגעביגען פון איהם דעם קאָפּ און זיינען פון איהם פערשעמטע אָבגעטראָטען. עס איז קיין שום צווייפעל, אז זיי האָבען איהם דערקענט און האָבען געגען איהם קיין שום שנאה ניט געהאַט. אין גענענטהייל, זיי האָבען געשיינט, וויא זיי האָבען פאַר איהם מורא, און זיי זיינען רויט געוואָרען ביי דעם געדאַנקען, אז ער קען זיי בעשולדיגען אין פיינהייט. זייער האַלטונג געגען איהם האָט זיין הארץ אָנגעפילט מיט שטאָלץ; ער האָט פערגעסען, אז דיזע אונגליקליכע האָבען איהם שיער פערוואָרפען מיט שטיינער; ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו טרוימען, אז ער וועט קענען דיזע מענשען פערוואַנדלען אין העלדען און פיהרען דאָס פאָלק.

א נייער עלעווײטאָר האָט זיך אַרונטערגעלאָזט מיט ארבייטער אין דער מינע, און וויא א צווייטע גרופע איז צוגעגאַנגען, האָט ער צווישען איהר געזעהן איין ארבייטער, וועלכער איז א צייט פון סטרייק געווען זיין געהילפע, וועלכער פלעגט שווערען, אז גיכער וועט ער שטאַרבען איידער ער וועט זיך אונטערגעבען.

— דו אויך? האָט ער טרויעריג ארויסגעשטאָעלט.

דער אַנדערער איז בלייך געוואָרן; זיינע ליפּען האָבען געציטערט. דאַן האָט ער געזאָגט מיט א מינע פון ענטשולדיגונג:

— וואָס קענסטו פון מיר פערלאַנגען? איך האָב א ווייב.

אין דער נייער מחנה, וואָס איז יעצט צוגעקומען, האָט ער דערקענט א סך.

— דו אויך! דו אויך! דו אויך!....

זיי זיינען אַלע בלייך געוואָרן און האָבען געשטאַמעלט מיט א פאַרשטיקטע שטיממע:

— איך האָב א מוטער, איך האָב א ווייב, איך האָב קינדער און איך מוז זיי פערזאָרגען מיט ברויט.

דער עלעווײטאָר איז לאַנג פערבליבען אונטען. זיי האָבען געוואַרט מיט א פינסטערן מוטה, מיט אַזא טיעפען לייד איבער זייער נידערלאַגע, אז זיי האָבען אויסגעמיידט

דאס זייערע בליקען זאלען ניט בעגעגענען זיינע און האבען ניט ארא בגענומען דיא אויגען פון דעם פינסטערן לאך פון דער מינע.

— און וואס הערט זיך מיט פרוי מאהיי? האט געפרעגט עטיען.

זיי האבען ניט געענטפערט. איינער האט געמאכט א צייכען, אז זיא וועט באלד קומען, אנדערע האבען מיט רחמנות אויפגעהויבען דיא הענד און האבען אויסגעשריען.

— אה, דיא ארימע פרוי! נעבאך, א רחמנות אויף איהר!

און דא איז ווידער שטיל געווארען. ווען ער האט זיי צום אבשייד געדריקט דיא האנד, האבען זיי איהם אזוי קרעפטיג געדריקט, וויא זיי וואלטען מיט דעם וועלען איהם ארויסווייזען זייער פערבארגענעם כעס און זייער האפנונג אויף ראכע. דער עלעוואטאר האט זיך ווידער אויפגעהויבען, דיא גרופע איז אריינגעשטיקט אין קארב און איז פערזונקען געווארען, וויא דער אבגרונד וואלט איהר איינגעשלונגען.

יעצט האט זיך בעוויזען פיעראן מיט דריי ברענעדיגע לאמפען, וועלכע זיינען געווען דיא אויפזעהערס און צוגעפעסטיגט צו זיין לעדערנעם הוטעל. שוין צייט אבט טאג איז ער געווען א׳ן אויפזעהער איבער א גרופע און דיא ארבייטער זיינען פון איהם אבגעטראטען, דען זיין נייע ערהייבונג צו א פאסט האט איהם געמאכט זעהר שטאלץ. עטיען׳ס אנבליק איז איהם געווען ניט זעהר ליעב; נור דאך איז ער צו איהם צוגעגאנגען און איז געווארען רוהיג, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז עטיען פארט אוועק. זיי האבען עטליכע מינוט געפלוידערט. פיעראן האט דער־צעהלט, אז זיין ווייב האט געעפענט א שיינק וועלכע הייסט צום „פארטשריט"; זיא האט דאס צו פערדאנקען די הערען, וועלכע זיינען גוט צו איהר. דא האט ער איבערגעריסען אום אויסצושילטען דעם אלטען מוק דערפאר, וואס ער האט עפעס געטאן ניט ריכטיג. דער אלטער האט אונטערטהעניג אויסגעהערט די זידלעריי. איידער דער אלטער מוק האט זיך ארונטערגעלאזט, האט ער עטיענען שטארק געדריקט דיא האנד. אויך אין דעם אלטען׳ס האנדדרוק איז געלעגען דער בעהאלטענער כעס און דיא האפנונג אויף א קינפטיגען קאמפף. דיעזע האנד פון דעם זקן, וועלכער האט איהם פער־געבען דעם טוידט פון זיינע קינדער, האט אין עטיען׳ס ארויסגערופען אזא טיעפע אויפרעגונג, אז ער האט דעם אלטען געלאזט פערשווינדען ניט צו זאגען איהם איין ווארט.

— ווען פרוי מאהיי גאר ניט קומען היינט? האט ער אין א ווילע ארום גע־פרעגט דעם אויפזעהער.

פון אנפאנג האט פיעראן זיך געמאכט, וויא ער פערשטייט ניט דיא פראגע. ער איז געווען זעהר אבערגלויביג און האט געגלויבט, אז ווען מען רעדט פון אונגליק, רופט מען אויף זיך ארויף א׳ן אונגליק. דאן האט ער געענטפערט, אבטרעטענדיג אזוי וויא ער וואלט זיינע ארבייטער געוואלט עפעס בעפעהלען.

— וואס? דיא מאהיי? אט איז זיא דאך.

דיא מאהיי איז ווירקליך ערשט אקומען. זיא האט געהאלטען א לאמפ און איז געווען אנגעטאן אין דיא הויזען און קיטעל פון דיא קוילען־גרעבער; אויפ׳ן קאפ האט זיא געטראגען א לעדערנע הויבע. געריהרט פון דעם שיקזאל פון דיעזער אונ־גליקליכער פרוי, האט דיא קאמפאניע פאר איהר געמאכט א׳ן אויסנאהמע און האט איהר ערלויבט, כאטשע זיא איז שוין געווען איבער פערציג יאהר, צו גיין צו דער אר־בייט, און ניט קענענדיג איהר ברויכען צום שלעפען דיא טאטשקעס, האט מען איהר געגעבען צו דרייען א קליינעם ווענטילאטאר אין דער נארד־גאלעריי אין דער זאגע־נאנטער „גיהנם־געגענד", וואו מען האט אנדערש ניט געקענט בעקומען קיין לופט.

אין דער טיפענים פון דיזען גליהענדע לאגע, ביי א היטץ, וואס האט איהר געברענט דיא הויט, האט זיא צעהן שטונדען נאך אנאנדער געדרייט דיא ראד פון דעם ווענטילאטאר, ביז זיא האט ענדליך דערפיהלט, אז איהרע גלידער זיינען צובראכען. פאר דיעזע ניהט־ארבייט האט זיא בעקומען דרייסיג סו א טאג.

עטיען איז געוועזן טיעף ערגריפען פון מאהידי'ס אונגליק. זיא האט אויסגעזעהן שרעקליך אין איהרע מענער־קליידער, איהר בויך און ברוסט זיינען געוועזן שטארק אויפגעבלאזען פון דיא קוילען־גאזען און זיא האט אין גאנצען אויסגעזעהן זעהר יאמערליך. ער איז געוועזן אזוי טיעף גערירט, אז ער האט קוים געקענט אויסשטאמלען א פאר ווערטער, אז ער פאהרט אוועק און אז ער איז געקומען מיט איהר זיך צו זעגנען.

זיא האט אויף איהם געקוקט און האט איהם ניט געהערט. ענדליך האט זיא איהם געזאגט אין דעם אלטען פריינדשאפטליכען טאן, ברויכענדיג דאס ווארט: „דו":

— דו ביסט ערשטוינט מיך צו זעהן דא, ניט אמת? יא, איך האבענ־סטראשעט צו דערווארגען דעם ערשטען פון מיינע שטובינע, וואס וועט וואגען ארונטערצולאזען זיך אין דער מינע, — און יעצט געה איך אליין צו דיא ארבייט. איך האב זיך אליין געדארפט דערווארגען, ניט אמת? און איך וואלט דאס געוויס געטאן, ווען ניט דער אלטער און ניט דיא קליינע......

זיא האט דאס אלעס גערעדט אין א לאנגזאמען, מיעדען טאן; זיא האט זיך ניט ענטשולדיגט, זיא האט נור דערצעהלט, וואס זיא האט געפיהלט און געדיינקט, זיא האט איהם דערצעהלט, וויא זיי זיינען שיער ניט אויסגעגאנגען פאר הונגער, און וויא אזוי זיא האט זיך ענדליך ענטשלאסען אנצופאנגען ווידער דיא ארבייט, אום מען זאל איהר מיט דיא קינדער ניט ארויסטרייבען פון דארף.

— און וואס הערט זיך מיט'ן אלטען? האט עטיען געפרעגט.

— ער פערהאלט זיך אימער שטיל און אנשטענדיג, נור זיין פערשטאנד האט ער אין גאנצען פערלארען. פאר זיין פערברעכען האט מען איהם ניט פעראורטהיילט, מען האט גערעדט, אז מען וויל איהם פערשפארען אין א משוגעים־הויז, נור איך האב ניט דערלאזט, מען וואלט איהם דארטען פערסמ'ט. זיין פערברעכען האט מען איהם ניט פערגעבען און זיין פענסיע וועט ער קיין מאל ניט קריגען; איינער פון די הערען האט מיר געזאגט, אז עס וואלט געוועזן זעהר אונמאראליש צו געבען איהם זיין פענסיע.

— און זאכאריע ארבייט?

— יא, דיא הערען האבען פאר איהם געפונען טאג־ארבייט, ער פערדיענט צוואנציג סו א טאג. א, איך בעקלאג זיך ניט; די הערען, וויא זיי זאגען אליין, האבען זיך צו מיר געוויזען זעהר גוט. זשאנלענס צוואנציג סו, צוזאמען מיט מיינע דרייסיג, זיינען פופציג סו, און ווען מיר וואלטען ניט געוועזן זעקס מענשען, וואלטען מיר אפשר געהאט גענוג זאט צו עסען, הגסטע עסט שוין אויך, און דאס ערגסטע איז, וואס מיר וועלען דארפען ווארטען א יאהר פינף־זעקס ביז זאשארי און הענרי וועלען קענען ארונטערלאזען זיך אין דער מינע ארבייטען.

עטיען האט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון א שמערצליכען אויסרוף.

— זיי אויך! האט ער געזאגט מיט א זיפץ.

פרוי מאהיי'ס איינגעפאלענע באקען האבען זיך בעדעקט מיט א רויטקייט, איהרע אויגען האבען אויף א מינוט אבגעלעבט. נור באלד האבען איהרע אקסלען אראבגעזונקען, און זיא האט זיך אין גאנצען צוזאמענגעקנאטשעט אזוי וויא צוגעקוועטשט פון דער שווערע לאסט פון איהר ביטערען שיקזאל.

— וואס זאל מען טאן? זיי אויך, אזוי וויא מיר אלע אנדערע.... אלע האָ־

בען ביי דעם פערלאָרען זייער לייב און לעבען. יעצט זיינען דיא יונגע אויף דער רייהע.

זיא איז אנשווינגען געוואָרען. דיא ארבייטער מיט פולע טאַטשקעס זיינען אַלע ווײַלע פערביינעגאַנגען פערביי זיי און האָבען זיי איבערגעשלאָגען דעם געשפּרעך. דורך דיא גרויסע שטויביגע פענסטער האָט אריינגעדרונגען דאָס ליכט פון טאָג און האָט איינגעוויקעלט דיא ברענעדיגע לאָמפּען אין א גרויע ליכט. אלע דריי מינוטען האָט זיך דער עלעוויטאָר צוריק אומגעקעהרט און דיא מינע האָט יעדעס מאָל פערשלונגען א געוויסע צאָהל מענשען.

— איילט זיך צו, לײַדיג־גייער! שטייט ניט! האָט פּיעראָן אויסגערופען. נייט אין עלעוויטאָר, אין עלעוויטאָר! מיר וועלען היינט קיין מאָל ניט פאַרטיג ווערען.

דיא מאַהיי, אויף וועלכע ער האָט געקוקט מעהר וויא אויף אלעמען, האָט זיך ניט געריהרט פון איהר אָרט. זיא איז געשטאַנען, וויא א פערחלום׳טע און האָט דורכגעלאָזט דריי עלעוויטאָרס. ענדליך האָט זיא זיך אויפגעכאַפּט, וויא פון שלאָף און האָט זיך דערמאָנט עטיען׳ס ערשטע ווערטער.

— אזוי, דו פאָהרסט אוועק?

— יא, נאָך היינט אין דער פריה.

— דו האָסט רעכט, בעססער׳ ערגעץ אַנדערסוואו, אויב מען קען דאָס אויספיהרען.... עס פרייט מיך, וואָס איך האָב דיך נאָך א מאָל געזעהן. דו וועסט וויינינגסטענס וויסען, אז איך טראָג אויף דיר קיין שנאה ניט. נאָכדעם, וויא דיא סאָלדאַטען האָבען געשאָסען מיין מאַן, האָב איך איינינע מינוט געפיהלט, וויא איך וואָלט דיך געוואָלט דערווארגען, נור דערנאָך האָב איך מיר איבערלייגט און בין געקומען צום שלום, אז קיינער איז ניט שולדיג. ניין, ניין, דאָס איז ניט געוועזען דיין שולד, דאָס איז געוועזען דיא שולד פון דער גאַנצער וועלט.

זיא האָט יעצט גערעדט גאַנץ רוהיג פון איהרע טויטע, פון איהר מאַן, פון זאַשארי, פון קאַטערינען, נור ביים נאָמען אלזיר האָבען זיך איהר געשטעלט טרערען אין דיא אויגען. זיא האָט ווידער געפונען דיא רוה פון א קלוגע פרוי און האָט זעהר קלוג געאורטהיילט איבער אלץ, וואָס איז פאָרגעקומען. עס וועט דיא בורזשוא ניט ברייננען קיין שום גליק, וואָס זיי האָבען געהרג׳עט אזוי פיעל אונשולדיגע מענשען; אויך זיי וועלען אין א שיינעם טאָג בעשטראָפט ווערן. דען יעדע זאַך ווערט בעצאָהלט. מען וועט גאָר ניט האָבען נייטיג זיי אויסצוהרג׳ענען, זיי וועלען אליין אויפשפּריננען אין דער לופטען; עס וועט קומען א צייט, ווען דיא סאָלדאַטען וועלען שיסען אויף דיא העררען, אזוי וויא זיי האָבען פריהער געשאָסען אויף דיא ארבייטער. זיא איז געקומען צו דיזע שליסע, ניט קוקענדיג אויף דעם הונדערטיאָהרינען יאָך, אויף דער שווערער ארבייט, אויף דער אייזערנער דיסציפּלין, אונטער וועלכע איהרע אבות האָבען געלעבט, ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם — איז זיא געקומען צום בעוואוסטזיין אז דיא אונגערעכטיגקייט וועט ניט אייביג געדויערן, און ווען עס איז ניטאָ קיין גערעכטער גאָט, וועט בעשאַפען ווערען אַ׳ן אנדער גאָט, וואָס וועט זיך רעכענען פאַר דיא אָרימע און עלענדע.

זיא האָט גערעדט שטיל און געוואָרפען ארום זיך מיסטרויאישע בליקען. זעהענדיג, אז פּיראָן קומט צו, האָט זיא אין דער הויך צוגעזעצט:

— אז דו פאָהרסט שוין יא, מוזטו פריהער ביי אונז אָבנעהמען דיינע זאכען. ביי אונז זיינען נאָך פערבליבען דיינע א פּאָר העמדער, א פּאָר טאַשענטיכער, א פּאָר אַלטע הויזען.

— ניין, עס לוינט זיך ניט דיא מיה, זאל דאס בלייבען פאר דיא קינדער, איך וועל זיך אין פריז בעזארגען מיט אנדערע.

נאך צוויי מאל האבען זיך דיא עלעווייטארס ארונטערגעלאזט און דיא מאהיד האט זיך נאך אלץ ניט גערוהרט. פיראן האט זיך ענדליך בעשלאסען איהר אויפצופאָרדערן דירעקט ארונטערצולאזען זיך.

— מען ווארט אויף אייך, איהר האט שוין גענוג געשוואצט.

נור זיא האט זיך צו איהם געשטעלט מיט'ן רוקען. וויא איבערגעגעבען דער פערדעטהר איז צו דער קאמפאניע! וואס געהט איהם אן מיין ארונטערלאזען זיך אדער ניט ארונטערלאזען זיך. זייגע קאמעראדען האבען איהם שוין גענוג. און זיא איז ווייטער געבליעבען שטיין מיט'ן לאמפ אין דער האנט, ציטערנדיג אין דעם שטענדיגען לופט־צוג, אבוואהל דאס וועטער איז אין דרויסען געווען גאנץ מילד.

זיי האבען מעהר קיין ווארט גערעדט, זייערע הערצער זיינען געווען צופיעל אנגעלאדען דערפאר, ענדליך האט זיא ווייטער געזאגט:

— דיא קעוואק איז שוואנגער. קעוואק זיצט נאך אלץ אין געפענגניס און דער באָרדער האט אין גאנצען פערטראטען זיין פלאץ.

— יא, דער באָרדער.

— נור שא, האב איך דיר שוין דערציילט? פילאמען איז אוועק.

— וואוהין איז זיא אוועק?

— יא, מיט א קוילען־ארבייטער פון א ווייטער מינע. איך האב מורא געהאט, אז זיא וועט מיר איבערלאזען אויפ'ן האלז איהרע מזיקים. נור זיא האט זיי מיטגענומען.... איז דאס ניט א שפאס: א פרוי וואס שפייט מיט בלוט און דער טויט לינט איהר אויף דער נאז!

זיא איז איין אויגענבליק געשטאנען און נאכגעדיינקט, דאן האט זיא ווייטער געזאגט:

— אויך פון מיר האט מען גענוג גערעדט!... דו געדיינקסט? מען האט געזאגט, אז איך האב געלעבט מיט דיר. מיין גאט! נאך מיין מאן'ס טוידט האט דאס נאך פיללייכט געקענט זיין, ווען איך וואלט געווען איינגער, ניט אמת? נור יעצט איז מיר ליעבער, וואס דאס איז ניט געשעהן, מיר וואלטען נור געהאט דערפון געוויסענביסע.

— יא, מיר וואלטען נור געפיהלט געוויסענביסע, האט עטיען ווידערהאלט.

דאס איז געווען אלעס, מעהר האבען זיי ניט גערעדט. אין עלעווייטאר האט אויף פרוי מאהיי געווארט, מען האט צו איהר געשריען און געטראשעט, אז מען וועט איהר בעשטראפען. ענדליך האט זיא זיך ענטשלאסען און געגעבען עטיען'ען דיא האנד. ער האט געקוקט אויף איהר מיט גרויס רחמנות און אין לעצטען דרוק פון איהר האנד האט ער געפיהלט א צואג, אז זיי וועלען זיך ווייטער בעגעגענען אין קאמפף. ער האט איהר פאלקאמען פערשטאנען, אין דער טיעפעניס פון איהרע אויגען איז געלעגען א רוהיגע איבערצייגונג, אז דער טאג פון קאמפף איז נאהענט און ער וועט באלד קומען. צום ניכען ווידערזעהן! האט געזאגט איהר שטומער בליק, דאמאלס וועלען מיר זיך מיט זיי אברעכענען.

— איז דאס א פערדאמטע ליידיגע גייערין! האט געשריען פיעראן.

מען האט דיא מאהיי צוגעשטופט צום עלעווייטאר, זיא איז מיט נאך פיער אריינגעשטיגען און איז מיט זיי פערשוואונדען.

עטיען האט פערלאזט דיא מינע. דארט וואו מען זיפט דיא קוילען, האט ער דערזעהן א לעבעדיגע בעשעפניס, וועלכע איז געזעסען אויף א קופע קוילען. דאס איז געווען זשאנלען, וועלכער איז געווען אנגעשטעלט אלס זיפער. ער איז געזעסען אויף

שוואַרץ פון דיא קוילען, אז עטיען וואָלט איהם קיין מאָל ניט דערקענט, ווען ניט זיינע גרויסע אויערען און גרינע אויגען. זשאַנלען האָט פרעך געלאַכט, קלאַפּענדיג איבער א גרויסע סקיבע קוילען.

ווען עטיען איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער א ווייַלע נאָכדיינקליך געקוקט אויפ'ן גרויסען וועג. ער האָט טיעף א ציה געטאָן דעם אָטהעם אין דער פרישער לופט. דיא זון האָט זיך זיעגרייך אויפגעהויבען אויפ'ן האָריזאָנט, א פרייליכע לעבען האָט ערוואַכט אין דער גאַנצער לאַנדשאַפט. א גאָלדענע פלוט האָט געפלאָסען פון מזרח צום מעריב זייט איבער דעם אונערמעסליכען פעלד. דאָס זיפצען פון דער ערד, דער געזאַנג פון פייגעלעך, דאָס רוישען פון דיא טייכען און וועלדער האָט פול געמאַכט דיא לופט. דאָס לעבען איז געוועזען שיין; דיא אַלטע וועלט האָט נאָך געוואָלט דורכלעבען איין פריהלינג.

דורכגעדרונגען מיט דער האָפנונג פון א נייען לעבען, האָט עטיען גענומען גיין לאַנגזאַם, זיינע אויגען האָבען געקוקט רעכטס און לינקס. ער האָט געטראַכט פון זיך אַליין, ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק, פיעל רייפער דורך דיא שרעקליכע ערפאַהרונגען אין דער מינע. זיין ערציהונג איז געוועזען געענדיגט. ער איז געגאַנגען געוואָפענט אלס דיינקענדער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט ערקלערט קריעג דער געזעלשאַפט, וואָס ער האָט פערדאַמט. ער האָט זיך זעהר געפרייט, וואָס ער גייט צו בלושאַר און וואָס ער וועט אויך ווערען א פיהרער, און ער האָט אָנגעגרייט דיא פראַזען, וועלכע ער וועט ברויכען אין זיינע צוקינפטיגע רעדע. ער האָט געדיינקט צו מאַכען דיא פּראָגראַם ברייטער, ער האָט זיך געפיהלט העכער פון דעם אַרבייטער, און ער האָט געהאַסט דיא בורזשואַ. ער האָט געוואָלט שטעלען די אַרבייטער אויף דיא העכסטע הויכקייט, ער האָט געוואָלט ווייזען, אַז זיי האָבען גאָר ניט קיין פעהלערן, ער האָט געוואָלט מאַכען זיי פאַר'ן איינציגען אָדעל און דיא איינציגע קראַפט, וואָס האָט נאָך געקענט פעראייניגען דיא מענשהייט. ער האָט זיך שוין געזעהן אויף דער רעדנער־טריבונע, טריאומפירענדיג מיט'ן פאָלק, אויב דאָס פאָלק וועט איהם ניט פערשלינגען.

דער געזאַנג פון א לערכע אין דער הויך האָט איהם געמאַכט, ער זאָל אויפהייבען דיא אויגען. קליינע, רויטליכע וואָלקען, דיא לעצטע וואָס זיינען פערבליבען פון דער נאַכט, זיינען צערפלאָסען געוואָרען אין דער דורכזיכטיגער בלויקייט, דיא געשטאַלטען פון סואוואַרין און ראַסענייער זיינען אונדייטליך פאַר זיינע אויגען פערביינגעשוואומען. ווען יעדער וועט ציהען די מאַכט צו זיך, וועט קיין זאַך ניט געלינגען אפילו די בעריהמטע אינטערנאַציאָנאַלע, וועלכע האָט בעדאַרפט בויען די וועלט, איז טרויריג אונטערגעגאַנגען, איהר שרעקליכע גרויסע אַרמעע איז צופאַלען געוואָרען דורך איהרע אינערווייניגסטע שטרייטיגקייטען. האָט אַפשר דאַרווין רעכט, ווען ער זאָגט, אַז דיא וועלט איז ניט מעהר, וויא א קאַמפף, און וועלכען דיא שטאַרקע פערשלינגען דיא שוואַכע, און דאָס אַלעס צוליעב דיא שיינהייט און פאָרטפּלאַנצונג פון דיא מינים? דיעזע פראַגע האָט איהם פערווירט, נור באַלד האָט א נייער געדאַנק פערטריבען אַלע זיינע צווייפעל און האָט איהם ענטציקט. דער געדאַנק איז געוועזען, אַז ווען ער וועט דאָס ערשטע מאָל ריידען, וועט ער ווידער וויא א מאָל ערקלערען, אַז ווען איין קלאַס מוז ווערען אויפגעצערט, וועט עס געוויס זיין דאָס יונגע לעבענס-קרעפטיגע פאָלק, וואָס וועט אויפפרעסען דיא פערפוילטע בורזשואַ. זיין גלויבען אין א נאָהענטע און וואַהרע רעוואָלוציאָן איז ווידער שטאַרק געוואָרען. ער האָט וויעדער געגלויבט אין דער רעוואָלוציאָן פון דיא אַרבייטער, וועלכע וועלען צום סוף פון היינטיגען יאָהר־הונדערט אָנצינדען א בראַנד און איינטונקען דיא זון אין פורפור, דיא זון, וואָס שטייט יעצט בלוט רויט אין הימעל.

ער איז טרויםעריש געגאנגען ווייטער, ער האט דערקענט דעם פלאץ, אויף
וועלכען ער האט איבערגענומען די פיהרערשאפט איבער די ארבייטער אין יענעם
טאג, ווען זיי האבען צושטערט די מינען. היינט האבען זיי ווידער אנגעפאנגען די
טהירישע, טוידטליכע, שלעכט בעצאהלטע ארבייט. עס האט איהם גידוכט, אז ער הערט
טיפע קלעפ טיף, טיף אונטער דער ערד. דאס זיינען געווען די קאמע־
ראדען, וועלכע ער האט פריהער געזעהען ארונטערלאזען זיך אין דער מינע, די
שווארצע קאמעראדען, וועלכע האבען זייער שטומען כעס אויסגעלאזט צו די קוילען.
עס איז קיין צווייפעל ניט, אז זיי זיינען געווען בעזיעגט, זיי האבען איבערגעלאזט
געלד און טוידטע אויפ׳ן שלאכטפעלד; נור פאריז וועט ניט פערגעסען די שיסעריי
וואס איז געשעהען אין ווארוי; דורך דיזע אונהיילבארע וואונדען וועט פליסען דאס
בלוט פון נאפאלעאן׳ס קייזעררייך. און ווען דער קריזיס וועט זיך ענדיגען און די
פאבריקען וועלען זיך איינע נאך די אנדערע ווידער עפענען, וועט דער קריעג
צווישען קאפיטאל און ארבייט אנהאלטען ווייטער, און קיין שלום וועט ניט זיין
מעגליך. די קוילענגרעבער ווייסען זייער צאהל, זיי האבען זייער קראפט געפרופט
און האבען מיט זייער געשריי נאך גערעכטיגקייט די ארבייטער פון גאנץ פראנק־
רייך אויפגעוועקט. זייער נידערלאגע מאכט קיינעם ניט רוהיגער, די בירגער פון
מאנטסו קוקען זיך אום מיט שרעק, צו די ענדע איז שוין ניט געקומען, ניט קוקענדיג
אויף זייער זיעג. זיי בעגרייפען, אז די רעוואלוציאן שטייט אונטער די פלייצעס, און
אפשר שוין מארגען ברעכט זיא אויס; מיט דעם אלגעמיינעם סטרייק, מיט דעם צוזא־
מענהאלטען פון אלע ארבייטער, פערזארגט מיט היכפס־קאסטען וועלען זיי
געבען דער פערפוילטער געזעלשאפט דעם לעצטען שטויס, די בורזשוא האט שוין
אונטער איהרע טריט געהערט דעם קראך; און זיי פיהלען אז וואס ווייטער, קר
מען אלץ נייע און נייע שטויסען, ביז די אלטע צופוילטע געביידע וועט איינ־
פאלען און וועט פערזינקען, וויא די ווארוי־מינע איז פערזונקען געווארען.

עטיען האט זיך פערנומען לינקס און איז אוועק אויפ׳ן וועג נאך זשואזעל.
ער האט זיך דערמאנט, אז דארטען האט ער פערהינדערט די סטרייקער חרוב צו
מאכען די נאסטא־מאריע מינע. פון ווייטען, אין דער העלער שיין פון דער זון,
האבען זיך געזעהען די געביידעס און די הויכע קוימענס פון די מינעס
איינע נעבען די אנדערע. אומעדום האט געזומט און געברומט די ארבייט;
די קלעפ פון די שפיציגע העק האבען זיך געהערט פון אונטער דער ערד
פון איין ענדע ביז צו דער אנדערע. א קלאפ און ווידער א קלאפ, קלעפ אהן
אויפהער אונטער די דערפער, אונטער די פעלדער, אונטער די גאסען,
וואס זיינען געשטאנען אין העלען ליכט: די ערד און די שטיינער האבען זיי
אזוי פערדעקט, אז ווען מען זאל ניט וויסען, אז זיי געפינען זיך דארטען, וואלט
מען בשום אופן ניט געקענט הערען דאס זיפצען און קרעכצען פון די אונגליקליכע.
פלוצים איז איהם ארויף אויפ׳ן זינען אז די אנווענדונג פון געוואלט
אין פיליכט ניט די ריכטיגע הילף פאר די ארבייטער, איז ניט דער נעכסטער
וועג צו דער בעפרייאונג. איבערגעהאקטע קייבעלס, ארויסגעריסענע שינען, צר
שלאגענע לאמפען — וואס פאר א׳ן אומזיסטע ארבייט! עס לוינט ווירקליך ניט
פאר א מענגע פון דריי טויזענד ארומצושלעפען זיך איבער׳ן לאנד צוליעב אזא
קלייניגקייט. ער האט זיך פארגעשטעלט אז דער זיעג פון געזעץ איבער אזעלכע אונרוהען
האט געקענט זיין נאך גרויזאמער. זיין פערשטאנד איז רייפער געווארן, ער האט זיך פון
דער אונצייטיגער ראבע־לוסט פון די יונגע יאהרען בעפרייט. יא, די מאהיי מיט איהר
געזונדען פערשטאנד האט געטראפען אין פונקט: מען וועט מאכען א׳ן ענדע;
מען וועט זיך רוהיג פעראייניגען צו א גרויסער ארמעע, ווען דאס געזעץ וועט

דאס ערלויבען; אין א שיינעם, פיינעם טאג, ווען מען וועט זיך פיהלען שטארק גענוג און מען וועט זעהן, אז מיליאנען א־ביימער שטייען אנטקעגען א הייפעלע ליידינג־גייער, וועט מען צונעהמען דיא מאכט און הערשען. אך וואס פאר אין ערגאבען דאס וועט זיין פון וואהרהייט און גערעכטיגקייט!

עטיען האט פערלאזט דעם וועג, וואס האט געפיהרט נאך וואנדאם און האט זיך אראבגענומען אויף'ן גרויסען וועג. רעכטס ווייט איז געלעגען מאנטסו, מען האט איהר קוים אנגעזעהן. פאר איהם איז יעצט געלעגען דיא וואררייי מינע, דאס פערדאמטע לאך, וואו עס האבען גענומען דריי מאשינען טאג און נאכט. ארום איהם זיינען געלעגען דיא אנדערע מינען, וועלכע האבען אריינגעשפייט אין דעם פרישען מארגען זייער שווארצען רויך. ער מוז גיין שנעלער, אויב ער וויל ערגרייכען דעם צוג, וואס גייט אפ אכט א זייגער.

אונטער זיינע פיס הערט ער נאך אלץ דיא טויבע קלעפ פון דיא שפיציגע העק. דיא קאמעראדען זיינען אלע דארטען. ער פיהלט, וויא זיי גייען איהם נאך טריט ביי טריט. איז דאס ניט דיא מוהיי אונטער דעם פעלד וואס דרייט מיט איהר געקריממטען רוקען דעם ווענטילאטאר? דא און דארט און איבעראל האט ער געשיינט צו דערקענען אנדערע קאמעראדען, אונטער דיא קארן־פעלדער און אונטער דיא בוימער, וואס זיינען געוועזען בעדעקט מיט יונגע בלעטער. דיא אפריל־זונן איז שוין געשטאנען הויך אין הימעל און האט ערווארעמט מיט איהר פולען גלאנץ דיא פרוכטבארע ערדע, פון וועלכער עס האט ארויסגעשפראצט א נייעס לעבען. פון די יונגען צופלאצטע קנאספען זיינען ארויס גרינע בלעטלאך; דיא פעלדער האבען געציטערט אונטער דעם רייכען גראז. אלץ האט זיך געריסען פון דער ערדע, אלץ האט זיך ענטפאלטעט אין דעם מעכטיגען בעדירפניס נאך ליכט און ווארעמקייט. און דיא קאמעראדען האבען אונטען אלץ געקלאפט וואס ווייטער אלץ שטארקער, פונקט וויא זיי וואלטען אלץ נעהענטער צוגעקומען צו דעם ערד־באדען. מיט דיעזען געררויש איז געוועזען אנגעפילט דיא גאנצע לאנדשאפט, וואס איז געלעגען אין דעם גלאנץ פון דער זון אין דיעזען פריהלינגס־מארגען. און עס וואקסען מענשען, א שווארצע ראכער ארמעע, וועלכע זשערמירט (שפראצט) לאנגזאם ארויס און ווערט פארטיג פאר'ן קינפטיגען יאהר־הונדערט. זייערע קערנער וועלען באלד מאכען דיא ערד פלאצען.

ענדע

300 פיידזשעס

וועלט בערידהמטע
אפעראס

300 פיידזשעס

בעשריעבען און ערקלעהרט
אין פליין אידיש
— פון —
וויללי׳אם עדלין.

דעם אינהאַלט פון דעם דראַמאַטישען סוזשעט און דער כאַראַקטער פון דער מוזיק פון דיא בעסטע 25 איטאליענישע, פראַנצויזישע און דייטשע אָפעראַם. סיי דער וואָס געהט אין אָפערא און סיי דער וואָס האָט ליעב לעזען וועגען דיא פראַכטפאָלע סוזשעטען פון דיא גרעסטע אָפעראס קען אין דיעזען בוך געפינען פיעלעס וואָס פערשאַפט דעם העכסטען עסטהעטישען פערגעניגען.

קויפט דעם בוך איבער דיא שעהנסטע קונסט.

און זעהט וואָס פאַר אַ וועלט פון גענוס עס איז דאָ פאַר אַלע מענשען פון אַלע קלאַסען. דער בוך דאַרף זיך געפינען בייא יעדען וואָס האָט ליעב צו לעזען די בעסטע ראָמאַנען, דראַמאַס און פאָעזיע.

„מאצארט“
„בעטהאווען“
„וואגנער“
„ווערדי“
„מייערבעער“
„האלעווי“
„גונא“
„גאלדמארק“
„ראסיני“
„בעליני“
„דאניצעטי“
„פוטשיני“
„מאסקאני“
„לעאָנקאָוואלא“
„מאסענע“
„שטראוס“
„ביזע“
„דאן זשואן“
„פידעליא“
„טאנהייזער“
„לאהענגרין“
„פארסיפאל“

„טריסטאן און איזאלדע“
„אידא“
„ריגאלעטא“
„טריבאדור“
„טראוויאטא“
„הוגענאטען“
„פראפעט“
„די יודין“
„פאוסט“
„מלכה שבא“
„בארבער פון סעוויל“
„פיריטאני“
„לוציא“
„לא באהעם“
„מאדעם באטערפליי“
„קאוואלעריא“
„פאליאטשי“
„נאווארעז“
„סאלאמע“
„קארמען“

פרייז 35 סענט בראָשירט און 50 סענט געבונדען

Hebrew Publishing Co.,
85 Canal Street, New York, City.

ניטצליכע מעטהאדעס פיר אלע אידען.

דער ענגלישער לעהר־בוך

מיט א ביילאגע, דאס ענגלישע לעזע-בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

איז א פראקטישעס לעהר־בוך פיר יעדען איינגעוואנדערטען אידען, זיך לייכט אויס־צולערנען לעזען, רעדען און שרייבען די ענגלישע שפראך פאלקאמען. פרייז 15 ס.

די נייעסטע ענגלישע מעטהאדע.

בעארבייטעט נאך דר. אהנס דאלמעטשער.

איז איינגעטהיילט אין 3 אבטהיילונגען, זיא פאנגט זיך אן פון איי בי סי און ענדיגט זיך מיט דער פאלקאמענער קענטניס פון דער ענגלישער שפראך און דערביי איז זיא אזוי קינסטליך צוזאמענגעשטעלט, דאס יעדער, איינציגער קען גאנץ לייכט אין א קורצער צייט ערלערנען פאלקאמען די ענגלישע שפראך, וויא עס איז נעטהיג אין לעבען.

„די נייעסטע ענגלישע מעטהאדע" איז א בוך פיר אלע אידען. אפילו דער וואס קען שוין ענגליש, געפינט דארטען אויך פיעלעס ניטצליכעס, פון וועלכע ער האט ביז יעטצט גאר נים געוואוסט. פרייז 25 סענט.

פריינקעלס ענגליש־יודישער

בריעפען־שטעלער.

ענטהאלט א אויסוואהל פון ליעבעס־בריעף, פאמיליע און פריינדשאפטס־בריעף, געשעפטס־בריעף און רעקאמענדאציאנס־בריעף.

וויא אויך וויא צו פיהרען ביכער, שרייבען קאנטראקטען און אנדערע וויכטיגע פאפירען וואס זיינען נויטהיג פיר יעדען אידען אין אמעריקא. פרייז 25 סענט.

אריטהמעטיק אדער דער רעכען־לעהרער.

פון דוב אריה פריעדמאן.

איז א פראקטישעס מעטהאדע זיך אויסצולערנען רעכענען, זיא פאנגט זיך אן פון ציפער און ל. הרענט כסדר חבור, חסור, כפל, חלוק, פראצענט, תשבורת א. ז. וו. ביז צו דעם העכסטען גראד פון דער רעכען־קונסט און איז אזוי פערשטענדליך, דאס יעדער מענש קען זיך גאנץ לייכט אהן מיה אויסלערנען. פרייז 10 סענט.

בוכהאלטונג & געשעפטס־פיהרונג פון ד. ס. הערמאלין.

איז א פראקטישעס בוך צו ערלערנען גרינדליך די פאלקאמענע איינפאכע און דאפעלע בוכהאלטונג, וויא עס ווערט געפיהרט אין דער גרויסער געשעפטס־וועלט. פרייז 25 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען, וויא אויך ביי

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.